STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04405

IDISHE FOLKS-GESHIKHTE

Heinrich Graetz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע פאלקס-געשיכטע

פון

פראפעסאר צבי גרעץ.

איבערזעצט דורך י. שפירא.

ניינטער באנד.

ווארשא. תרפ"ג.

אינהאלטס-פערציכנים פון ניינטען באנד.

די אידיש-שפאנישע עפאכע.

ניינטער קאפיטעל (פארטזעצונג)

זייטען

די פערשטארקונג פון דער ארטאדאקסיע און קבלה ביי אידען (1325—1270) — — — — — — — 55—3

צעהנטער קאפיטעל.

די שווארצע מגפה און די שחיטות אויף אידען (1391—1325) — — — — — — — 108—56

די עפאכע פון די אנוסים (מאראנען).

ערשטער קאפיטעל.

די ווירקונג פון די רדיפות פון יאהר 1391; אנוסים משומדים און נייע ליידען (1420—1391) 136—109

צווייטער קאפיטעל.

א גרינגע הילף אין דער נויט. די רעפארמאטארישע בעוועגונג פון די הוסיטען. (1472—1420) — 170—137

פערלאג „יהודיה"

Druk. „RENOMA", Karmelicka 17. — Tel. 243-78.

אידיש-שפאנישע עפאכע.

ניינטעס קאפיטעל.

דאס פערשטארקען זיך פון דער ארטאדאקסיע און דער „קבלה“ ביי אידען

(פון 1270 ביז 1325)

(פארטזעצונג)

וועהרענד אין דייטשלאנד האט מען געמאכט שטענדיג אנפאלען אויף אידען און די שרים מיט די מלכים האבען ביי זיי אויסגעזויגען דעם מארך פון די ביינער מיט שטענדיגע אבצאהלונגען, האט זיך אויך אין פראנקרייך פערשטארקט די פאנאטישע שנאה צו אידען. אין טרויאש (Troyes), וועלכע איז בעריהמט געווארען אין דער אידישער געשיכטע דורך דער גרויסער ישיבה, וואס רש״י האט דארט געגרינדעט, זענען אום ערב פסח (1288) אנגעפאלען די קריסטען פלוצלונג אויפ׳ן הויז פון דעם עושר און למדן רבי יצחק הוטילין, און אוועקגעשלעפט איהם מיט זיין הויזגעזינד אין תפיסה, כדי צו שטעלען זיי פאר׳ן געריכט פון די דאמיניקאנישע גלחים. ווי עס שיינט, איז עס געווען צוליעב א בלוט-בלבול. די אנפאלענדע קריסטען האבען געשריען, אז זיי געהען נקמה נעהמען פאר קריסטוס׳ן. די דאמיניקאנישע גלחים האבען זיך באלד געזעצט צום בלוטיגען געריכט איבער דרייצעהן אידען פון טרויאש און פערמשפט זיי אלעמען צו פערברענען. א חודש נאכדעם (24-טען אפריל) זענען אלע 13 קדושים פערברענט געווארען, אויסרופענדיג: „שמע ישראל“, און אבזאגענדיג זיך פונ׳ם פארשלאג פון די גלחים, צו שמד׳ן זיך.

אין דער זעלבער צייט האט זיך אויך שרעקליך פערערגערט די לאגע פון די אידען אין ענגלאנד, וועלכע זענען געוועזן נאך אונגליקליכער, ווי זייערע ברידער אין דייטשלאנד. איידער זיי האבען געדארפט אינגאנ-

צען ארויסגעטריבען ווערען פון לאנד׳ האבען זיי געמוזט איבערלעבען אלע מדרגות פון אומגליק און עלענד. ווען עדוארד I איז געווארען קעניג פון ענגלאנד, האבען די אידען געהאפט, אז זיי וועלען קאנען פיהרען א רוהיג לעבען. עדווארד האט אפילו קיין זאך נישט געטהון פאר זייער אומזיסט, ער האט אבער אויך געזוכט צו בעשיצען זיי פונ׳ם פאנאטיזם פון פערבלענדעטען המון. די אידען האבען אלזא נאך געקאנט בלייבען אין לאנד א געוויסע צייט׳ טראגענדיג די שווערע משא פון די גרויסע אבצאהלונגען, און זייענדיג דעריבער געצוואונגען צו נעהמען אליין אויך גרויסע פראצענטען פאר זייערע הלואות ביי די קריסטען. אבער פלוצלונג איז פארגעקומען א געשעהעניש׳ וועלכעס האט זעהר פערשטארקט די שנאה צו די אידען צווישען די גלחים. א געוויסער מאנאך׳ ראבערט דע רעדינגדזש׳ וועלכער האט מיט זיין רעדנערישען טאלענט בעצויבערט זיינע צוהערער, האט זיך גענומען לערנען העבראיש, לויט ווי עס האט דאס בעפוילען דער דריטער גענעראל פון דאמיניקאנישען ארדען ריימונד דע פעניאפארט, כדי צו קאנען ווירקען אויף די אידען, אז זיי זאלען זיך שמד׳ן. אבער אנשטאט צו לערנען די אידען׳ אז זיי זאלען אננעהמען דאס קריסטענטום׳ האט דער מאנאך ראבערט, לערנענדיג די אידישע תורה און איהר מקור זיך איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון דער אידישער רעליגיע און האט בעקומען אזא שטארקע ליעבע צום יודענטום, אז ער האט נישט מורא געהאט פאר דער גרויסער סכנה און זיך מגייר געווען, חתונה האבענדיג מיט א שענער אידישער פרוי (1275). ווען מען האט איהם געשטעלט פאר׳ן געריכט, האט ער זעהר ווארים פערטיידיגט די אידישע אמונה. דער קעניג עדווארד האט איבערגעלאזען די זאך דעם ערצבישאף פון קאנטערבערי׳ אז ער זאל דעם גר בעשטראפען. די דאמיניקאנער זענען שרעקליך אויפגערעגט געווארען פון דעם פאל, וואס זיי האבען בעטראכט אלס א חרפה פאר זייער ארדען. דאס פאלק און זייערע קאנקורענטען, די פראנציסקאנער מאנאכען, האבען נאך מעהר אויפגערייצט די דאמיניקאנער און זיי האבען בעשלאסען דערפאר נקמה צו נעהמען פון די אידען. ווייל זיי האבען אבער אויפ׳ן קעניג אליין קיין איינפלוס נישט געהאט, האבען זיי זיך געווענדעט צו דער קעניגין־מוטער עלעאנארע׳ ביי וועלכער זיי זענען געווען גרויסע חשובים, און געפועל׳ט ביי איהר, אז זי זאל ארויסטרעטען געגען די אידען. כמעט געגען דעם ווילען פונ׳ם קעניג האט זי ארויסגעטריבען די אידען פון קעמברידזש און אנגעטהון די אידען אויך אין אנדערע ערטער גוואלדיגע צרות. ביז יענער צייט האט דאס פארלאמענט מיט דער אידישער פראגע זיך גאר נישט בעשעפטיגט, ווייל די אידען זענען בעטראכט געווארען אלס די קנעכט פון קעניג, איבער וועלכע דאס פאלק און דער אדעל האבען נישט געהאט קיין שליטה. אויפגערייצט דורך די דאמיניקאנער און דער קעניגין, האט דאס פארלא־

מען פערפאסט א סטאטוט פול פיינדשאפט געגען די אידען. א געוויסער ענגלישער שריפטשטעלער בעמערקט מיט רעכט, אז די אידען אין ענגלאנד האבען אויך אזוי געליטען, ווי זייערע עלטערען אין מצרים, נור וואס אנשטאט ציגעל פון לעהם האבען זיי געדארפט געבען געלד.

באלד האט זיך געמאכט א נייע העצע געגען אידען. אין ענגלאנד האבען זיך בעוויזען פאלשע מטבעות, וועלכע מען האט אריינגעבראכט פון אויסלאנד. און אט האט מען אנגעקלאגט די אידען, אז זיי פערשפרייטען די פאלשע מטבעות און ברענגען זיי אויך אריין אין לאנד. צוליעב דער דאזיגער אנקלאגע האט מען אין איין טאג (פרייטאג, 17-טען נאוועמבער, 1278) ארעסטירט אלע אידען אין ענגלאנד און אבגעפיהרט זיי אין תפיסה; און זייערע הייזער האט מען דערווייל געמאכט א רעוויזיע. עס האט זיך אפילו ארויסגעוויזען, אז אויך די קריסטען, און אפילו דער לאנדאנער אדעל, בעשעפטיגען זיך מיט'ן פערשפרייטען די פאלשע מטבעות; פון די אידען האט מען אין גאנץ ענגלאנד געפונען שולדיג דערין סך-הכל דריי הונדערט אידען. פונדעסטוועגען האבען געמוזט ליידען איבער צעהן טויזענד ענגלישע אידען און, וועהרענד מען האט די בעשולדיגטע קריסטען ארויסגעלאזען פריי געגען א געלד-אבצאהל, האט מען פיעל הונדערטער אידען אויפגעהאנגען; פיעל האט מען פעראורטיילט צו אייביגער תפיסה און אנדערע האט מען ארויסגעטריבען פון לאנד און זייער פערמעגען קאנפיסקירט. דערביי האבען זיך די קריסטען בענוצט מיט דער געלעגענהייט צו צאפען געלד ביי אידען, סטראשענדיג, אז זיי וועלען זיי מסר'ן, דאס זיי בעשעפטיגען זיך מיט'ן פערשפרייטען פאלשע מטבעות. דער קעניג עדוארד האט באלד איינגעזעהען די דאזיגע שענדליכע אינטריגע און ארויסגעלאזען א געזעץ (מאי 1279), אז אנקלאגען פאר פאלשע מטבעות וועלען אנגענומען ווערען נאך בלויז אין משך פון איין יאהר, ניט שפעטער. די מסירות זענען אזוי ארום אבגעשטעלט געווארען.

געענדיגט מיט די פאלשע מטבעות, האט מען זיך גענומען צו נייע בלבולים. אין נאטהעמפטאן האט מען געמאכט א בלבול, אז די אידען האבען א קריסטליך קינד דער'הרג'עט, און אט האט מען אין לאנדאן געלאזט צוריסען פיעל אידען דורך פערד און אויסגעהאנגען די הרוגים אויף תליות (2-טען אפריל 1279). אין אנ'אנדער ארט ווידער האט מען געמאכט א בלבול אויף די אידען, אז זיי האבען געלעסטערט דעם צלם און די קאטוילישע רעליגיע, און דער קעניג האט באלד ארויסגעגעבען א געזעץ (1279), אז מען זאל די לעסטערער בעשטראפען מיט'ן טויט. ווייל אבער עדוארד האט געוואוסט צו-גוט, ווי ווייניג וועלען זיך רעכענען מיט די אמת'ע פאקטען ווען זיי וועלען דארפען די אידען בעשטראפען, האט ער דעריבער צוגעגעבען, אז די בעשטראפונג דארף נור דאן אויסגעפיהרט ווערען, ווען די בעשולדיגונג וועט בעוויזען ווערען דורך אונפארטייאישע

ריכטיגע עדות. די דאָמיניקאַנער האָבען געבעטען ביים קעניג, אַז ער זאָל זיי געבען די ערלויבניש, צו האַלטען פאַר די אידען דרשות, כדי צוציהען זיי צום קריסטענטום, דערביי האָבען זיי געהאַפּט, אַז עס וועט זיי געלינגען דורך אויפרייצונגען אין זייערע דרשות צו ברענגען דערצו, אַז ביי אַ אידען זאָל זיך אַרויסרייסען אַ וואָרט געגען דעם קריסטענטום. עדוואַרד האָט זיי די ערלויבניש געגעבען (1280) און אָנגעוויזען די אידען, אַז זיי זאָלען אויסהערען די דרשות פון די דאָמיניקאַנער רוהיג, אָהן טומעל און וכוחים אָדער לעסטערונגען. כדי צו שטיצען די שמד־אַגיטאַציע, האָט דער קעניג זיך געלאָזט קאָסטען געלד: ער האָט געלאָזט אויפבויען אַ הויז, כדי אויפצונעהמען דאָרט די אָרימע משומדים, און בעשטימט אַ הכנסה פאַר׳ן דאָזיגען הויז; די הכנסה איז אָבער מייסטענס געבליבען אין די קעשענעס פון׳ם אויפזעהער. איין סכאָלאַסטישער פילאָזאָף פון יענער צייט האָט פאָרגעשלאָגען נאָך אַנ׳אַנדער מיטעל, ווי אַזוי צו פיהרען די אידען צום שמד: דער בעריהמטער פראַנציסקאַנער מאָנאַך, דונס סקאָטוס (Duns scotus), פּראָפעסאָר אין אָקספאָרד, וואָס האָט פיעל געלערנט פון די ספרים פון אידישען פילאָזאָף בן־גבירול, האָט זיך אַרויסגעזאָגט אַזוי: כדי אַרויסצווייזען פאַקטיש, אַז ער איז אַ געטרייער קריסט, איז דער קעניג מחויב אַרויסצורייסען מיט געוואַלד ביי אידישע עלטערן זייערע קינדער און לאָזען זיי ערציהען אין קריסטליכען גלויבען; עס איז אויך אַ יושר, דאָס מען זאָל די עלטערן גופא אויך צווינגען דורך פערשידענע מיטלען צו שמד׳ן זיך. ביסלעכווייז האָט די פּאַרטיי פון פאַנאַטיקער מיט׳ן קעניג׳ס מוטער בראש בעקומען אַלץ מעהר איינפלוס אויפ׳ן קעניג בנוגע צו די אידען. די דאָזיגע פּאַרטיי האָט זיך אויך געווענדעט צום פּויפּסט האָנאָריוס IV מיט שווערע בעשולדיגונגען געגען די אידען, ווי, למשל, אַז זיי לעבען פריינדליך מיט די קריסטען און ווירקען אויף די אידישע משומדים, דאָס זיי זאָלען זיך אומקעהרען צוריק צום יודענטום, אַז זיי לאַדען איין די קריסטען צו קומען שבת און יום־טוב אין די אידישע שוהלען און בוקען זיך דאָרט פאַר דער תורה און, בכלל, אַז זיי געוואוינען צו די קריסטען צו די אידישען מנהגים. דער פּויפּסט האָט, אַלס ענטפער אויף די אָנקלאַגען, געשיקט אַ בעפעהל דעם ערצבישאָף פון יאָרק און זיינע לעגאַטען, דאָס זיי זאָלען מיט אַלע זייערע מיטלען זעהען צו ווירקען געגען די דאָזיגע אידישע מעשים (1286, אין נאָוועמבער).

דעם 16־טען אַפּריל 1287 איז זיך צוזאַמענגעקומען אין עקסעטער אַ קירכען־פערזאַמלונג, וועלכע האָט בענייט אַלע פיינדליכע גלחישע געזעצען געגען די אידען. פיערצעהן טעג נאָכדעם האָט דער קעניג ווידער געלאָזט אַריינוואַרפען אין תפיסה אַלע אידען אין ענגלאַנד מיט זייערע פרויען און קינדער און זיי בעפרייט דערנאָך געגען אַ גרויסער סומע אויסקויף־געלד. דריי יאָהר שפּעטער (1290) האָט עדוואַרד, אָהן דער הסכמה פונ׳ם

פארלאמענט, נור פאלגענדיג זיין מוטער, ארויסגעגעבען אנ'עדיקט ארויס-
צוטרייבען אלע אידען פון ענגלאנד. ביז דעם מאנאט נאוועמבער פונ'ם
זעלבינגען יאהר האבען זיי געדארפט פערקויפען אלע זייערע חפצים און
אויסוואנדערן פון ענגלאנד; א איד, וואס מען וועט חאפען נאכדעם אין
ענגלאנד, וועט בעשטראפט ווערען מיט'ן טויט דורך הענגען. פאר'ן אויס-
וואנדערן מוזען די אידען אבגעבען די קריסטען אלע משכנות, וואס זיי
האבען גענומען ביי זיי פאר די הלואות. די אידען האבען זיך אבער דא-
מאלס אין ענגלאנד אזוי פיעל אנגעליטען, אז די דאזיגע גזרה איז געווען
פאר זיי א בעפרייאונג. דער קעניג האט ארויסגעוויזען זיין „חסד“, בע-
פעהלענדיג זיינען בעאמטע, נישט צו בעגעהן זיך שלעכט מיט די אויס-
וואנדערנדע אידען, און די שיפס-אייגענטימער האט ער בעפוילען נישט
צו העכערען דעם פרייז פון דער רייזע. די אידען האבען נישט געווארט
מיט'ן אויסוואנדערען ביז'ן לעצטען טערמין אין נאוועמבער. נאך דעם
ניינטען אקטאבער האבען 16511 אידען פערלאזען דאס לאנד, וועלכעס
זייערע עלטערן האבען בעוואוינט העכער פיער הונדערט יאהר לאנג.
זייערע גיטער, וועלכע זיי האבען נישט געקאנט פערקויפען, זיינען צוגע-
פאלען בירושה דעם קעניג. נישט אכטענדיג אויף דעם קעניג'ס אזהרה,
אז מען זאל נישט רודפ'ן די אויסוואנדערער, האט מען זיך דאך מיט זיי
בעגאנגען מיט גרויסער אכזריות. א שיפס-קאפיטאן, וועלכער האט גע-
דארפט אריבערפיהרען פיעל אידישע משפחות איבער דער טעמזע צום
ים, האט צוגעפיהרט דאס שיף צו א זאמד ביים ברעג ים, בשעת דאס
וואסער פון ים איז געווען געפאלען, און זיי דארט ארויסגעזעצט. ווי נור
דאס וואסער אין ים האט אנגעהויבען מיט א פאר שעה שפעטער שטיי-
גען, איז דער קאפיטאן מיט זיינע מאטראזען ארויפגעשטיגען אויפ'ן שיף
אויסרופענדיג: איינער משה, וואס האט פאר אייך טרוקען געמאכט דעם
ים, זאל אייך איצט אויך ארויסראטעווען. די אונגליקליכע זענען אלע
דערטרונקען געווארען. ווען די ריכטער האבען זיך דערוואוסט וועגען
דעם דאזיגען פאל, האט מען די פערברעכער גע'משפט ווי מערדער און
אויפגעהאנגען. ווער ווייס אבער, וויפיעל נאך אנדערע פארטיעס פון די
ארויסגעטריבענע ס'זענען אומגעקומען דורך אנדערע מערדערישע הענד,
וואס זענען געבליבען אונבעשטראפט. אויך פון גאסקאני (Gascogne)*)
האט מען די אידען ארויסגעטריבען אין דערזעלבער צייט. די ארויס-
געטריבענע אידען זענען געקומען קיין פראנקרייך, וואו עס האט דאמאלס
געקעניגט פיליפ דער שענער (IV), וועלכער האט זיי צוערשט אויפ-
גענומען; באלד אבער האט ער מיט'ן הסכם פון פארלאמענט ארויסגעגע-
בען א בעפעהל, אז די אידען פון ענגלאנד און גאסקאני זאלען ביז'ן מיטען
די קריסטליכע תענית-זואכען (1291), אלזא, סך-הכל אין עטליכע מאנא-

*) א פראווינץ אין פראנקרייך, וואס האט דאמאלס געהערט צו ענגלאנד.

טען נאך זייער איינוואנדערן, פערלאזען דאס לאנד. די אונגליקליכע האבען דעריבער ווידער זיך געמוזט נעהמען פאר'ן וואנדער־שטעקען און געהן קיין דייטשלאנד און שפאניען.

אויך אין אזיען האט די רוהיגע צייט פאר די אידען לאנג נישט געדויערט. דער אידישער לייב־דאקטאר פון גרויסכאן האט דארט אנגעוויזען זיין הערשער אויף די שווינדלען, וואס עס האבען געמאכט די פינאנץ־בעאמטע, און דער גרויסכאן האט איהם געשיקט (1288) קיין באגדאד צו רעווידירען דארט די פינאנצען און שטעלען פאר'ן געריכט די שווינדלער. דעם אידישען לייב־דאקטאר סעד עדאולה איז געלונגען אין א קורצער צייט צו ברענגען ארדנונג אין דער מלוכה־הכנסה און אריינצוברענגען דעם גרויסכאן גרויסע סומעס, אויף וועלכע ער האט גאר נישט געהאפט. — דער גרויסכאן ארגון האט דערפאר בעשטימט דעם אידישען דאקטאר פאר א פינאנץ־מיניסטער איבער דער גאנצער מלוכה, געבענדיג איהם דעם עהרען־טיטול סעד עדאולה, וואס הייסט: די שטיצע פון דער מלוכה (זומער 1288). סעד עדאולה האט דערביי דערהאלטען אנ'אנווייזונג, אז ער זאל געברויכען פאר בעאמטע נור אידען און קריסטען, ווייל ארגון האט זעהר שטארק פיינד געהאט די מחמד'אנישע בעפעלקערונג. עס פערשטעהט זיך, אז סעד עדאולה האט קודם כל בעשטימט אויף שטעלעס זיינע אייגענע קרובים, ווייל ער האט אויף זיי געקאנט זיכער פערלאזען זיך, וויסענדיג זייער עהרליכקייט. דורך דער געטרייהייט, וואס ער האט ארויסגעוויזען פאר'ן גרויסכאן, איז ער אזוי שטארק דערהויבען געווארען, אז דער כאן האט איהם פערטרויט אלע וויכטיגסטע מלוכה־ענינים און ער האט געקאנט וועגען זיי ארויסגעבען בעשלוסען, אפילו נישט בעראטענדיג זיך כלל מיט'ן גרויסכאן. ווי עס שיינט, האט עס דורך זיין עצה ארגון אויך אנגעהויבען פיהרען דיפלאמאטישע אונטערהאנדלונגען מיט'ן פויפסט און די אייראפעאישע מלכים. דורך דער שטיצע פון די אייראפעער האבען די מחמד'אנער געדארפט ארויסגעשטויסען ווערען פון פאדער־אזיען, נעמליך פון ארץ ישראל. דער פויפסט האט אפילו אויך געהאפט, אז דער גרויסכאן ארגון וועט אננעהמען דעם קאטוילישען גלויבען.

דער אידישער מלוכה־מאן האט באלד דערוויזען, אז ער איז ווערט דעם הויכען כבוד, וואס דער כאן האט איהם געגעבען: אין דער רעגירונג, וואו עס האבען ביז זיין צייט געהערשט ווילקיר און געוואלדטאטען, האט ער אריינגעבראכט ארדנונג און געזעצליכקייט. ווייל די מאנגאלען האבען נאך גאר נישט געהאט קיין געזעץ־בוך, האט ער איינגעפיהרט, וואו עס איז נור מעגליך געווען, פעסטע געזעצען אין ציווילע און קרימינעלע פראגען. דאס רוהיגע פאלק האט געבענשט זיין נאמען פאר דער זיכערהייט פון לעבען און אייגענטום, וואס ער האט איינגעפיהרט.

סעד עדדאולה האט אויך געשיצט די וויסענשאפטען, בעשטימענדיג א פענסיע פאר געלעהרטע און דיכטער, כדי זיי זאלען זיך קאנען אבגעבען מיט זייער ליטערארישער בעשעפטיגונג. דיכטער האבען דערפאר בעזונגען זיין נאמען און ליטעראטען האבען איהם געלויבט אין פראזא.

די מזרח־אידען האבען זיך געשפירט זעהר געהויבען דורך אזא הערהויבונג פון א אידען. פון די ווייטעסטע לענדער האבען אנגעהויבען קומען אידען קיין פערסיען און איהרע מדינות, כדי צו בעשיצען זיך פון רדיפות אונטער דעם אידישען מיניסטער. דאס דאזיגע גליק האט אבער נישט לאנג געדויערט. סעד עדדאולה האט אנגעלעבט זעהר פיעל שונאים פאר זיין ליעבע צו געזעצליכקייט און ארדנונג. די מחמד'אנער האבען מיט א פערביסענעם צארן זיך געזעהען דערוויטערט פון דער מאכט דורך אידען און קריסטען, וועלכע זיי פלעגען געוועהנליך פעראכטען און רופען „אונגלויביגע הינד“. זייערע רעליגיאנס־פערשטעהער און געלעהרטע האבען נאך דערצו שטארק אויפגערייצט זיי געגען דעם אידישען מיניסטער און פערשפרייט א קלאנג, אז ער וויל גרינדען א נייע רעליגיע און אויסרופען דעם כאן ארגון פאר א געזעצגעבער און א נביא. כדי נאך מעהר אויפצורייצען די פאנאטיקער, האט מען אויך ארויסגעלאזען א קלאנג, אז סעד עדדאולה מאכט פארבערייטונגען צו מארשירען מיט א בעוואפענטער מחנה קיין מעקקא, כדי צו מאכען דארט פונ'ם מחמד'אנישען טעמפעל א הויז פאר געצענדינער און צווינגען די מחמד'אנער ווידער צו ווערען געצענדינער. דער ארדען פון „מחמד'אנישע מערדער“ (אסאסינען), וועלכער איז ארגאניזירט געווארען, כדי אויסצוהרג'ענען די ווירקליכע, אדער בלויז אנגעקלאגטע פיינד פון איסלאם, האט שוין געמאכט פארבערייטונגען אויסצוהרג'ענען דעם אידישען מיניסטער מיט אלע זיינע קרובים און מקורבים. דער מיניסטער האט זיך אבער באלד דערפון דערוואוסט און אבגעווענדעט פון זיך די סכנה. דער אידישער מיניסטער האט אבער אויך געהאט פיעל פיינד אונטער די מאנגאלען. די מיליטערישע קאמאנדאנטען זענען אויף איהם געווען שטארק אויפגעבראכט דערפאר, וואס ער האט איינגעהאלטען זייער ווילקיר.

צום אונגליק פון אידישען מיניסטער איז פלוצלונג שווער קראנק געווארען דער כאן ארגון (נאוועמבער 1290), און זיין קראנק איז געוועזען א סיגנאל פאר סעד עדדאולה'ס שונאים, צו מאכען געגען איהם א פערשווערונג. אומזיסט האט דער אידישער מיניסטער אנגעווענדעט אלע מיטלען אויסצוקורירען דעם כאן, איינזעהענדיג, אז מיט זיין טויט וועט מען אויך איהם דערהרג'ענען. די מאנגאלישע רעדעלס־פיהרער האבען דורכגעפיהרט זייער פערשווערונג: זיי האבען דעם אידישען מיניסטער אבגעהאקט דעם קאפ (מערץ 1291) און אויך אויסגעהרג'עט אלע זיינע מקורבים. דערנאך האבען זיי פונאנדערגעשיקט שלוחים אין אלע פראווינצען, וואו זיי האבען געלאזט אריינווארפען אין תפיסה

דעם מיניסטער'ס קרובים, איינשמידענדיג זיי אין קייטען. זייערע פרויען און קינדער האבען זיי פערקויפט פאר שקלאפען און זייער פערמעגען האבען זיי צוגענומען פאר זיך. אויך די מחמד'אנישע בעפעלקערונג איז בעפאלען די אידען אין אלע שטעדט פון דער מלוכה, כדי צו נעהמען פון זיי נקמה פאר דער ערנידערונג, וואס זיי זענען אויסגעשטאנען פון די מאנגאלען. אין באגדאד איז אויסגעבראכען אנ'אמת'ע מלחמה צווישען דער אידישער און מחמד'אנישער בעפעלקערונג און פון ביידע זייטען זענען געפאלען פיעל טויטע און פערוואונדעטע.

א פאר חדשים נאכדעם איז אויך חרוב געווארען די גרויסע אידישע קהלה אין ע כ ו, וואו ס'האט מיט א קורצער צייט פארדעם אויסגעבראכען די מחלוקת וועגען דעם רמב"ם'ס ספרים. דער סולטאן פון מצרים, אלמלך אלאשרף איז געגאנגען מלחמה האלטען געגען דעם רעשט פון די קרייצפאהרער, וואס האבען זיך נאך אויפגעהאלטען אין ארץ ישראל און געהאט דארט א שטיקעל ממשלה. א חודש לאנג האט ער בעלאגערט די שטאדט עכו און ענדליך איינגענומען זי. אין שטורם (18-טען מאי 1291), אומ'הרג'ענדיג נישט בלויז אלע קריסטען, נור אויך פיעל אידען. א גרויסען טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג האט ער גענומען געפאנגען. צווישען זיי איז אויך געווען איינער פון די ערשטע בעלי מקובלים, רבי יצחק דמן־עכו.

אין די שרעקליכע שווערע צייטען, וואס די אידען האבען דאמאלס איבערגעלעבט, האבען זיי געהאט איין גייסטיגען טרייסט: אין א משך פון צוויי יאהרהונדערט זענען זיי געווען די הויפט־טרעגער פון דער פילאזאפישער וויסענשאפט. די סכאלאסטישע פילאזאפיע, וועלכע איז געווען די פאראויס־לויפערין פון א נייער אויפלעבונגס־עפאכע אין איירופא, האט פיעל געלערנט פון דער פילאזאפיע פון אבן גבירול און פון רמב"ם. די אידען זענען געווען די הויפט־לעהרער אין דער דאמאליגער פילאזאפיע, ווי אויך די פערמיטלער צווישען די גריכישע און אראבישע פילאזאפען און דער קריסטליכער געזעלשאפט, ווייל זיי האבען איבערזעצט פיעל ווערק פון די אלטע פילאזאפען און בעקאנט געמאכט מיט זיי די אונוויסענדע אייראפעאישע יוגענד. אבער אויך די דאזיגע וויכטיגע ראליע אין דער גייסטיגער וועלט האבען די אידען פערלארען אויף א לאנגע צייט, ווייל די „קבלה", וואס האט זיך מיט א דור פריהער בעוויזען אויפ'ן אידישען האריזאנט, האט ביסלעכווייז בעהערשט דעם אידישען מוח, ארויסשטופענדיג דעם פרייען געדאנק. פון געראנא און צפון־שפאניען האט זי זיך פערשפרייט אזש ביז דער הויפט־שטאדט פון קאסטיליען, טאלעדא, וואו די אידישע דענקער האבען פריהער געשפיעלט די הויפט־ראלע. אין טאלעדא האבען די בעלי מקובלים בעקומען אנ'אנהענגער, וועלכער איז דורך זיין יחוס, הויכע שטעלונג, עשירות און לומדות געווארען פאר זיי א שטארקע שטיצע. דאס איז געווען רבי טודרוס בן רבי יוסף

הלוי אבולאפיא (געבוירען 1234, געשטארבען נאך 1304), א ברו־דער'ס א זוהן פון דעם בעוואוסטען רבי מאיר אבולאפיא. רבי טודרוס האט געהאט א הויכע שטעלע אין הויף פון קעניג סאנטשא IV און ביי דער קלוגער מלכה מאריא דע מאלינא איז ער זעהר בעליבט געוועזען אלס דאקטאר און פינאנץ-מאן. די אידען האבען איהם בעטראכט אלס זייער נגיד און שר. ווען דאס קעניגליכע שפאנישע פאר איז זיך צוזאמענגעקומען מיט'ן פראנצויזישען קעניג פיליפ דעם שענעם, כדי אויסצוגלייכען זייערע סכסוכים (1290), איז רבי טודרוס אבולאפיא געוועזען אין דער סוויטע פון שפאנישען קעניג און ביי דער דאזיגער געלעגענהייט האבען די פראנצויזישע אידען געזונגען שירים לכבוד איהם. רבי טודרוס איז אליין געווארען, ווי זיין פעטער, א הייסער געגנער פון די פילאזאפישע דענקער און זייערע תלמידים. מיט די בערימטעסטע ווערטער האט ער קריטיקירט די אויפגעקלערטע אידען, וועלכע ווארפען א ספק אין אלץ, וואס שטימט נישט איין מיט דער לאגיק. זייענדיג בכלל א פערעהרער פון רמב"ם, איז ער פונדעסטוועגען שרעקליך בייז געוועזען אויף דער ערקלערונג, וואס דער רמב"ם האט געגעבען צו די קרבנות. בעזונדערס שטארק איז איהם נישט געפעלען געוועזען אין דער פילאזאפיע, וואס זי לייקענט אין דער עקזיסטענץ פון שדים און רוחות, ווייל דאס הייסט אויך צווייפלען אין מלאכים און לייקענען אין תנ"ך און תלמוד. די קבלה איז פאר איהם געוועזען א געטליכע חכמה, וואס א פשוט'ער מענש טאר נישט לערנען. — זיינע צוויי זיהן, רבי לוי און רבי יוסף, האבען זיך אויך שטארק פערטיעפט אינ'ם לערנען קבלה. אין יענער צייט האבען געלעבט פיער בעלי מקובלים, וואס צוויי פון זיי האבען זיך געהאלטען ארום רבי טודרוס. דאס זענען געווען רבי יצחק בן אברהם אללאטיף, רבי אברהם אבולאפיא, רבי יוסף גיקאטיליא און רבי משה די ליאון, אלע ספרדים. זיי האבען פערטריבען פון יודענטום די אויפקלערונג, וואס האט פערנומען אין איהם אזא הויכען ארט פון רב סעדיה גאון ביז'ן רמב"ם, און אריינגעפיהרט אנשטאט איהר די הערשאפט פון דער פאנטאזיע, און נור א דאנק זיי זענען די אידען אין א משך פון פינף הונדערט יאהר נאכדעם איינגאנצען אבגעריסען געווארען פון פערשיעדען געדאנק און פון דער וויסענשאפט, און זייער ווירקונג שפירט מען נאך ביז יעצט אין פערשיעדענע לענדער, וואו דער אידישער געדאנק קאן זיך נאך נישט בעפרייען פון זייערע שווערע קייטען.

פון די דאזיגע פיער מקובלים איז דער אונשולדיגסטער געוועזען רבי יצחק בן אברהם אללאטיף, וועלכער קאן נאך ווערען בעטראכט אלס רוהיגער דענקער און פערגלייך מיט זיין חבר רבי אברהם אבולאפיא, וועלכער האט מיט זיין קבלה געוואלט שאפען א נייע וועלט-ארדנונג. געבוירען אין סאראגאסא (1240, געשטארבען נאך 1291), האט ער געהאט אנ'עקסצענטרישען קאפ-שארף, פלינק און געלערנט, אבער אויך פאראדאקסאל און משונה'דיג מיט זיינע איינפאלען. ער האט בכלל געליעבט אלץ וואס

איז אונגעוועהנליך און זיין גאנץ לעבען איז געוועזען א קייט פון אוואנטורען. ער האט אונטערגענומען א וואונדערליכע רייזע, ווי ער דערצעהלט אליין, כדי צו ענטדעקען דעם טייך סמבטיון און בעקענען זיך דארט מיט די עשרת השבטים, וועלכע זאלען זיך דארט, לויט ווי די לעגענדע דערצעהלט, געפינען. צוערשט איז ער אבגעפאהרען קיין ארץ ישראל, אויפ'ן וועג האט ער אבער חתונה געהאט אין גריכענלאנד מיט א שענער פרוי, וועלכע ער האט באלד נאכדעם פערלאזען און געקומען קיין עכו. ווייל אבער די מאנגאלען האבען דאמאלס חרוב געמאכט סיריען און ארץ ישראל, האט ער זיך געמוזט אבזאגען פונ'ם געדאנק צו מאכען זיין רייזע ווייטער אין אזיען. — ערשט אין אנ'עלטער פון דריי און פירציג יאהר, ווען ער איז צוריקגעקומען קיין שפאניען, האט ער זיך גענומען ערנסט לערנען קבלה. די לעהרע אליין האט איהם אבער נישט בעפרידיגט, ער האט געשטרעבט צו העכערערם — צו רוח־הקודש, צו נבואה, וועלכע זאל איהם אליין ענטדעקען אלע הויכע ענינים און סודות, און דאס, האט ער געהאלטען, קאן דערגרייכט ווערען, ווען מען זאל זיך אבזונדערן פון דער וועלט, לעבען ביחידות, בעפרייען זיך פון די טרדות פון דעם עולם־הזה, קליידען זיך אין ווייסען און טראגען שטענדיג טלית און תפילין, תשובה טהון און ארויסזאגען די הייליגע שמות מיט כונה און מיט א הארציגען נגון, מאכענדיג דערביי שטארקע בעוועגונגען מיט'ן גאנצען לייב, כדי אריינצוקומען אין א שטארקע התלהבות, ביז מען פאלט אין מען שפירט, ווי די נשמה זונדערט זיך אב פון גוף, און ווען אזא צושטאנד ווידערהאלט זיך אפט, דערשפירט מען ענדליך אין זיך רוח־הקודש און די נבואה ערשיינט דעם מענשען אויף א גאנץ נאטירליכען אופן. — רבי אברהם אבולאפיא האט אליין דורכגעמאכט אט דעם פראצעס צו דערגרייכען צו דער נביאה און ער האט פעסט געגלויבט, אז איהם איז ענטדעקט געווארען דורך גאט די ריינע וואהרהייט וועגען די סודות פון דער תורה, וועלכע זענען איהר קערן און הויפט־אינהאלט, וועהרענד דער איינפאכער פשט פון די ווערטער און דאס ערפילען די מצוות איז אנ'עסק נור פאר פראסטע מענשען, א שטייגער, ווי מילך איז א שפייז פאר זויגעדיגע קינדער.

פול איינגעזאפט מיט זיינע פאנטאסטישע געדאנקען, האט זיך אבולאפיא צום צווייטען מאל געלאזען אויף דער רייזע און איז געקומען קיין איטאליען, האפענדיג, אז ער וועט דארט געפינען זעהר פיעל אנהענגער. דארט איז ער צוערשט ארויסגעטראטען (1279) מיט א שריפט, ערקלערענדיג, אז גאט איז איהם ערשינען און גערעדט מיט איהם. צוויי יאהר האט ער פערבראכט אין איטאליען און מחבר געווען ספרים אין זיין נייער קבלה, ביז לסוף איז איהם איינגעפאלען פארצושטעלען זיך דעם דאמאליגען פויפסט, מארטין IV, כדי איבערצורעדען איהם, אז ער זאל איבערגעהען צום יודענטום (1281). דער דאזיגער איינפאל האט איהם אבער געקאסט זעהר טייער, דען דער פויפסט איז אויף איהם

שרעקליך ביין געוואָרען און בעפוילען אריינצוואַרפען איהם אין תפיסה און משפט'ן איהם אין געריכט פון דער אינקוויזיציע, וואו מען וואָלט איהם אויף זיכער בעשטראָפט מיט'ן טויט דורך פערברענען. ענדליך האָט איהם אָבער דער פּויפּסט בעפרייט און איהם זאָגאָר ערלויבט ארומצוגעהן אין רוים פראַנק און פריי. פון דאָרט איז ער אָבגעפאָהרען קיין סיציליען, וואו ער איז ענדליך ארויסגעטרעטען מיט'ן געדאַנק, אז ער איז נישט בלויז אַ נביא, נור אַ משיח, ערקלערענדיג, אז גאָט האָט איהם ענטדעקט זיינע סודות און אנגעוויזען, ווען עס וועט זיין דער סוף פון'ם גלות. געדאַרפט האָט די צייט פון משיח, לויט זיין פאָראויסזאָגונג, אנהויבען זיך אין יאָהר 1290.

דורך זיינע פרישות און חסידות, ווי אויך דורך זיינע „נבואות“, וועלכע ער האָט איינגעהילט אין אַ שפראַך פון רמזים און סודות, בפרט נאָך אַ דאַנק זיין רעדנערישען טאַלענט, איז איהם געלונגען אין סיציליען אזוי שטאַרק אריינצוברענגען אין התלהבות זיינע צוהערער, אז זיי האָבען איהם געגלויבט, און פיעל אידען האָבען אנגעהויבען צוצוגרייטען זיך צו דער רייזע קיין ארץ ישראל מיט משיח'ן. די רוהיגערע אידען פון דער סיציליאנישער קהלה האָבען זיך אָבער געווענדעט מיט אַ „שאלה“ קיין באַרצעלאָנאַ צו רבי שלמה בן אדרת (רשב"א), כדי צו דערגעהן עטוואָס זיכערעס וועגען דער פערזענליכקייט, וואָס טרעט דאָרט ארויס אלס משיח. דער גרויסער רב פון באַרצעלאָנאַ, וועלכער האָט שוין פון פריהער געקענט רבי אברהם אבולאַפיאַ און איז מיט זיינע דרכים זעהר אונצופרידען געווען, האָט געענטפערט אין זעהר אַ ערנסטען בריעף דעם רב פון פאַלערמאָ, אין וועלכען ער שרייבט: „אַ נבל איז דער אברהם, וועלכער האָט זיך ארויסגעגעבען פאַר אַ משיח אין סיציליען און איבערגערעדט מיט זיינע שקרים פיעל אידען“. אבולאַפיאַ האָט די דאָזיגע פערורטיילונג וועגען איהם אויפגענומען מיט גרויס צאָרן און אנגעהויבען זיך פערטיידיגען: „וועהרענד די קריסטען — שרייבט אבולאַפיאַ מיט גרוים כעס און ערביטערונג — גלויבען אין מיר, בלייבען די אידען אונגלויביג און ווילען פון דער בערעכענונג פון גאָט'ס נאָמען נישט וויסען, נור זיי רעכענען אנשטאָט דעם זייער געלד“. אבולאַפיאַ האָט ארויסגעגעבען לפחות צוויי און צוואַנציג, אזוי גערופענע „נביאישע שריפטען“ און נאָך פיעל אנדערע, וועלכע די שפּעטערדיגע בעלי מקובלים האָבען אויסגענוצט. מיט וואָס אבולאַפיאַ האָט געענדיגט, איז אונבעוואוסט, מען ווייס אפילו נישט, ווען און וואו ער איז געשטאָרבען.

אבולאַפיאַ'ס ריכטונג איז אָבער נישט געבליבען אָהן נאָכאָהמער, אין גלייכער צייט זענען אין שפּאַניען אויסגעטרעטען צוויי בעלי מקובלים, וואָס איינער פון זיי איז, משמעות, געוועזען זיין תלמיד „שמואל הנביא“, ווי ער האָט זיך גערופען, וועלכער האָט געלעבט אין שטעדטעל אילאָן, און דער אנדערער האָט געוואוינט אין אבילה (Avila). ביידע האָבען זיך אויסגעגעבען פאַר נביאים און אין מיסטישע דרשות פאַר-

אויסגעזאגט, אז עס איז נאהענט משיח'ס צייט. די איינוואוינער פון אבילה און אנדערע שטעדט זענען שטארק פערוואונדערט געווארען, הערענדיג דאס, אבער פיעל האבען געגלויבט. די זאך האט ענדליך הערוועקט די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט, און די ראשי־הקהלה פון אבילה האבען זיך געווענדעט מיט אנ'אנפראגע קיין בארצעלאנא צום רשב"א, אויב זיי זענען מחויב צו גלויבען דער נייער נבואה. דער רשב"א איז זאגאר אויך געווען אנ'אנהענגער פון דער קבלה, פונדעסטוועגען האט ער געענטפערט פאלגענדעס: „ער וואלט אפילו אליין אויך געוואלט אנערקענען דעם נביא פון אבילה פאר א שווינדלער, אבער זיין נבואה איז בעשטעטיגט געווארען דורך מענשען, וועלכע מען מוז דורכאוים גלויבען. פונדעסטוועגען איז איהם אבער אונמעגליך צו אנערקענען דעם מענשען פאר א נביא, ווייל עס פעהלען איהם די הויפט־בעדינגונגען, וועלכע זענען לויט'ן תלמוד נויטיג פאר דער נבואה — דער ארט און די צייט. אויסער ארץ־ישראל איז נבואה בכלל אונמעגליך און אויך די געגענווערטיגע צייט איז נישט ווערט, אז ס'זאלען פארקומען נבואה־זעהונגען. אויסערדעם קאן איבערהויפט נישט רוהען קיין רוח־הקודש סיידען אויף א חכם, אנ'עשיר און א גבור, אבער נישט אויף אנ'עם הארץ. עס גלויבט זיך בכלל נישט, אז עמיץ זאל זיך ליעגען שלאפען, אלס אידיאט, און אויפשטעהען אלס נביא. מען טאר דעריבער פשוט נישט גלויבען אינ'ם נייען נביא".

דער „נביא" פון אבילה האט זיך אבער ווייניג־וואס געקימערט וועגען די רבנים פון זיין צייט און געטהון זיינס, ערקלערענדיג זיינע מאמינים, אז אין לעצטען טאג פון פיערטען חדש (1295) וועט זיך אנהויבען משיח'ס צייט. די מאמינים האבען תשובה געטהון, געפאסט תעניתים און אויסגעטיילט פיעל צדקה, כדי זוכה צו זיין די גאולה צו זעהען און אנטייל צו נעהמען אין איהר. אין בעשטימטען טאג זענען זיי אלע געקומען אין שוהל אריין, ווי אום יום־כפור, אנגעטהון אין ווייסע קיטלען און טליתים און געווארט צו הערען דעם „שופר של משיח". משיח איז אבער נישט ערשינען און קיין שום צייכענס אדער שטימען האט מען אויך נישט געהערט. אנשטאט דעם זאלען זיי האבען בעמערקט אויף זייערע מלבושים קליינע צלמים'לעך, מעגליך, אז די, וואס האבען אינ'ם פאלשען נביא נישט געגלויבט, האבען דאס אבגעטהון, כדי אויסצולאכען זיי, אדער אנצושרעקען זיי. אויסגעלאזען האט זיך די זאך זעהר טרויעריג: א טייל פון די מאמינים האבען זיך געשמד'ט און פיעל זענען אראב פון זינען. וואס עס איז געווארען מיט די „נביאים" איז אונבעוואוסט. זיי זענען פערשוואונדען געווארען ווי א שלעכטע קרעץ פון אידישען ארגאניזם, איבערלאזענדיג איהם אין אנ'אבגעשוואכטען צושטאנד.

פיעל שטארקער איז אבער געווען דער איינפלוס פון דעם דריטען בעל מקובל, וועלכער האט געווירקט אין יענער צייט — ר ב י מ ש ה ד י ל י א ו ן — וועמען עס איז געלונגען אריינצובריינגען ביי אידען א

גרויסען קבלה־ספר, וואס האט בעפעסטיגט די קבלה און געקרוינט זי. נישט אכטענדיג דערויף, וואס די מענשען פון זיין צייט האבען עס ענטדעקט אלס שווינדעל און זענען געווען זיינע געגנער, האט זיך דיין ספר פערשפרייט ביי אידען און אנגענומען געווארען אין פיעל קרייזען, ווי א היילינגטום.

רבי משה בן שם־טוב דע ליאן (געבוירען אין ליאן 1250, געשטארבען אין ארעבאל 1305) איז געווען א מענש, וועגען וועלכען מען קאן האבען א ספק, אויב ער איז געווען א בעטריגער, צוליעב פרומקייט אדער צוליעב אייגענניציגקייט. אבנארען און פערפיהרען האט ער זיכער געוואלט. אין דער היגזיכט שטעהט ער פיעל נידעריגער פאר רבי אברהם אבולאפיא, וועלכער איז אלענפאלס געווען אן ערהרליכער תמים. א קליינער למדן סיי אין תלמוד, סיי אין וויסענשאפטען, איז משה דע ליאן געווען נור א בריה אין איין זאך: ער האט פערשטאנען גוט אויסצונוצען דאס ביסעלע, וואס ער האט געקענט, צו שרייבען לייכט און פלימענד. און צוזאמענצופיהרען די פסוקים, וועלכע ער האט געהאט אין זכרון, און פערבינדען זיי וויציג. אפילו אין דער קבלה גופא איז ער אויך נישט געווען קיין גרויסער קענער; ער האט גאר געוואוסט פון איהרע פארמעלען און טעכנישע אויסדריקען, וועלכע ער האט בעארבייט זעהר געשיקט.

זייענדיג אין לעבען א גרויסער פערשווענדער, האט ער אויסגעגעבען זיין גאנצען פערמעגען, נישט־וויסענדיג, מיט וואס ער וועט שפעטער לעבען מיט זיין פרוי און טאכטער. ווען די קבלה איז אריין אין דער מאדע, איז ער אויף איהר געביעט ארויסגעטרעטען שריפטשטעלעריש און דערפון געהאט זיין פרנסה. דערביי האט ער געפיהרט א וואנדערלעבען. א לאנגע צייט האט ער געלעבט אין גוא־דאלאקסארא, אין ואלאדאליד, אין וויוועראַ און צולעצט אין אבילה. פריהער האט ער זיינע שריפטען פערעפענטליכט אונטער זיין אייגענעם נאמען, ווייל ער האט אבער נישט געמאכט קיין איינדרוק. און די ווערק האבען איהם נישט געבראכט קיין בערימטען נאמען, נישט קיין הכנסה, איז ער געפאלען אויף א המצאה, ווי אזוי צו עפענען פאר זיך די הערצער מיט די קעשענעס: ער האט אנגעהויבען שרייבען אונטער נעמען פון העכסט בעריהמטע לייט אין יודענטום, דען ער האט געוואוסט, אז אויב ער וועט ערקלערען, דאס ער האט אנ'אלטען ספר פון א תנא און ער מאכט פון איהם אבשריפטען, וועט מען איהם צאהלען מיט גאלד יעדעס בלאט. נאכצומאכען דעם פארצייטיגען סטיל איז פאר איהם געווען א לייכטע ארבייט, אין דעם איז ער געווען א קינסטלער, און ער האט זיך אויסגעקליבען איינעם פון די ערשטע תנאים, רבי שמעון בן יוחאי, וועגען וועלכען דער תלמוד דערצעהלט, אז ער איז געזעסען דרייצעהן יאהר בעהאלטען פאר די רוימער אין א היהל, און אויף וועלכען נאך די ערשטע

מיסטיקער האבען דערצעהלט די פערשידענסטע מופתים, און האט אין זיין נאמען אנגעשריבען א גאנצען ספר, וואס זאל ענטהאלטען די סודות התורה. און אט אזוי איז געבוירען געווארען דער ספר פון קבלה, דער „זוהר" („גלאנץ"), וועלכען די פרומע אידישע קרייזען און אויך מיסטישע קריסטען האבען אין א משך פון פיעל יאהרהונדערטע פערגעטערט, אלס א ענטפלעקונג פון הימעל. ס'איז באמת אפשר דער איינציגער פאל אין דער געשיכטע, וואס א פעלשונג איז אזוי גוט געלונגען. רבי משה דע ליאן האט אויסגעצייכענט פערשטאנען, ווי אזוי צו בעצויבערן די דאמאלסדיגע פאנאטישע מאמינים. רבי שמעון בן יוחאי, טראגט ארויס אין'ם „זוהר" אין א שיין פון פרעכטיגער הימלישער ליכטיגקייט, וואו ער ערקלערט זיינע „געטליכע ענטפלעקונגען" פאר א קרייז פון תלמידים, טיילמאל זעקס, טיילמאל צוועלף, וועלכע ער רופט אן „די משכילים, וואס שיינען, ווי דער ליכטיגער שיין פון הימעל".

דער „זוהר" לויבט און דערהויבט זיין אייגענעם מחבר אויף א גוזמאות'דיגען אופן. ער רופט איהם אן: „דאס היילינגע ליכט", וואס שטעהט נאך העכער פאר'ן גרויסען נביא משה, „דעם געטרייען פאסטוך": „איך זעה איצט — שרייבט ער — וואס עס האט נאך נישט געזעהן קיין ילוד אשה, זינט משה איז צום צווייטען מאל ארויפגעשטיגען אויפ'ן בארג סיני, דען איך האב געזעהן געזיכטער, וואס לייכטען מיט דער שטארקער ליכטיגקייט פון דער זון, און אויסער דעם, האב איך געוואוסט, אז מיין פנים לייכט און שטראהלט, און משה האט דאס נישט געוואוסט". וועהרענד די תנאים און אמוראים האבען אין משנה און אין תלמוד זיך אליין קיינמאל נישט געריהמט, נור זיי פלעגען ערשיינען תמיד מיט זייער גרויסער עניוות, לויבט דער „זוהר" דוקא שטענדיג געוואלדיג זיין אייגענעם מחבר. שוין דאס אליין האט געדארפט דינען פאר'ן בעסטען בעווייז, אז דער ספר שטאמט נישט פון א פארצייטיגען תנא. אבער רבי משה דע ליאן האט עס געטהון נישט אהן א כונה; דערמיט האט ער געוואלט פערענטפערן די גרויסע פראגע: פארוואס איז אזא וויכטיגער ספר געבליבען אזוי לאנג אונבעוואוסט, און ערשט פלוצלונג איז ער ערשינען? דער „זוהר" ענטשולדיגט זיך אפט אליין דערפאר: דאס שטאמט דערפון, וואס משיח'ס צייט איז נאהענט, דעריבער מוז ערשט היינט ענטפלעקט ווערען גאט'ס גרויסקייט.

עס איז שווער צו געפינען נאך איין ספר, ווי דער „זוהר", פון אזא וואונדערליכער פארם און אינהאלט, וואס זאל האבען געהאט אזא גרויסען און טיעפען איינפלוס, ווי ער. א ספר אהן אנפאנג און אהן א סוף, פון וועלכען מען ווייס נישט, אויב זיינע איצטיגע חלקים שטאמען פון אלטע צייטען, אדער זיי זענען צוגעגעבען געווארען אין פערשידענע עפאכען. דער גאנצער ספר בעשטעהט פון דריי הויפט-טיילען: דער עצם „זוהר", דער „רעיא מהימנא" און דער „מדרש הנעלם", אבער אט די

אלע טיילען זיינע פערטווישען זיך אפט, זיי נעהמען ... זיינען פארהאן פיעל
צולאגען און ערקלערונגען אהן קיין שום פארם און אין אנ'אמת'ן מיש-
מאש פון הויך-קלינגענדע ווערטער. מען ווייס אויך נישט, אויב חשה
„זוהר" איז א פירוש צום „חומש", אדער ער איז זיך א בעזונדער טע-
אזאפיש ספר, אדער מען ברויך איהם גאר צו בעטראכטען אלס א זאמ-
לונג פון קבליסטישע דרשות און ווי די אויסערליכע פארם, אזוי אויך
דער אינהאלט: ער הויבט אן צו ערקלערען א געדאנק און מען מיינט, אז
מען שטעהט שוין אויפ'ן רעכטען וועג צו דערגעהן עפעס נייעס, סיס-
טעמאטישעס; פלוצלונג אבער פערדרעהט ער זיך אין א פיבערנדער פאנ-
טאזיע אדער ער ענדיגט גאר מיט טעכנישע אויסדריקען פון קבלה וועגען
אין-סוף, „ספירות" און דערגלייכען.

דער גרונד-געדאנק פונ'ם „זוהר" בעשטעהט דערין, אז די גאנצע
תורה, מיט איהרע ספורים, געזעצען און שטראף-דרייד דארף פערשטא-
נען ווערען בשום אופן נישט בלויז אין דעם איינפאכען זין, נור דאס זענען
אלץ ערהאבענע הויכע כונות און געהיימניסען: „צי קען מען זיך דען פאר-
שטעלען — רופט אויס אין „זוהר" איינער פון רבי שמעון בן יוחאי'ס
תלמידים — אז דער אויבערשטער (גאט) האט נישט געפונען קיין וויכ-
טיגערע זאך צו דערצעהלען, ווי די געשיכטע מיט עשו און הגר'ן, מיט
לבן און יעקב אדער מיט בלעם'ס אייזעל? און צי איז דען ווערט די
זאמלונג פון אזעלכע ספורים צו טראגען דעם נאמען „תורה?" „אויב די
תורה ענטהאלט נור אזעלכעס — זאגט ער ווייטער — קאנען מיר דאך
אויך מאכען אזא תורה, אפשר נאך גאר בעסערס!" דער אויספיהר איז
אלזא, אז די תורה מיט איהרע ספורים איז נור א שענער מלבוש פאר
העכערע ענינים. דער שוטה ווערט נתפעל פונ'ם שענעם מלבוש אליין, דער
חכם אבער זוכט דאס שענע לייב, וואס געפינט זיך אונטער'ן מלבוש,
אינ'ם לייב ווידער זעהט ער די נשמה, און אין דער נשמה — א העכ-
כערע נשמה: „וועה די מענשען — רופט אויס דער „זוהר" — וועלכע
ערקלערען, אז אין דער תורה זענען פארהאן בלויז ספורים, און זיי זעהען
אלזא בלויז דעם מלבוש. גליקליך אבער זענען די, וועלכע זוכען דעם
אמת'ן זין פון דער תורה. דער ווייןא איז נישט דער קרוג און די תורה —
נישט די געשיכטעס". — אזוי ארום האט זיך אלזא געעפענט א פריי
פעלד פאר דער פאנטאזיע אויפ'ן רעליגיעזען באדען.

מען קאן זיך קוים פארשטעלען, ווי אזוי דער „זוהר" פערדרעהט
דעם אמת'ן זין פון די פסוקים פון תנ"ך, אפילו פון די ווערטער. אמליב-
סטען בעשעפטיגט דער „זוהר" די פאנטאזיע מיט דער אייביגער פראגע,
פאר וועלכע דער מענש האט אלע מאל געזוכט אנ'ענטפער: וועגען דעם
אנפאנג און דעם סוף פון דער נשמה. ער בעשרייבט אפט, וואס עס קומט
פאר מיט דער נשמה, ווען דער מענש שלאפט, ווי אויך, וואס מיט איהר
קומט פאר נאכ'ן טויט פונ'ם מענשען. די הייליגע נשמות זיצען אין גן-

עדן און לערנען די סודות פון דער תורה און די „נאקעטע“ נשמות, וועלכע קומען פון אנ'אומריינעם גוף, נידערן ארונטער אין טיפען גיהנם.

די פינסטערע זייט פון לעבען, די זינד, די אומריינקייט איז אויך איינע פון די בעליבטע טעמעס אין „זוהר“, צו וועלכע ער ווענדעט זיך אפט. אויף דער גרעניץ פון דער וועלט פון דער ליכטיגקייט געפינט זיך די וועלט פון דער פינסטערניש, וועלכע רינגעלט איהר ארום, אדער הילט איהר איין, ווי דער שאלעכץ (די „קליפה“) הילט איין דעם קערן פון דער פרוכט. דאס עלעמענט פון שלעכטס אין דער וועלט מיט אלע זיינע ציען מדרגות בעצייכענט די קבלה מיט'ן נאמען „קליפות“ (שאלעכץ) און אלע רשעים, וועלכע ווערען דערמאנט אין תנ"ך שטאמען פונ'ם עלעמענט פון שלעכטס, אדער פון די „קליפות“: אזוי, למשל, די שלאנג, וואס ווערט דערמאנט אין ספר „בראשית“ (דער נחש הקדמוני), אדם'ס זיהן, קין, עשו, פרעה, ווי אויך עשו'ס מלוכה — רוים און די קאטוילישע מאכט פון דער רוימישער קירכע אין מיטעלאלטער, וועלכע האט זיך נור געהאלטען אויף געוואלדטאטען און אונגערעכטיגקייט, — דאס אלץ שטאמט פון די קליפות. דאס אידישע פאלק דאגעגען און די פרומע זיינען געהערען צו דער וועלט פון ליכטיגקייט: „ווער עס געהט צו דער לינקער זייט (סטרא דשמאל — די זינד) און פעראומרייניגט זיין נשמה, ציהט ער אויף זיך אראב די אומריינע גייסטער (רוחות, שדין, לילית אד"ג), וועלכע הענגען־זיך־אן אן איהם און ווייכען פון איהם נישט אב“.

די אינערליכע בעהעפטונג פון דער נשמה מיט דער ליכטיגקייט אדער מיט דער פינסטערנישט שטעלט פאר דער „זוהר“ מעטאפאריש אונטער'ן בילד פון חשר סעקסועלער פעראייניגונג — א מעטאפארע, וועלכע ער גע־ברויכט שטענדיג, ווען ער וויל פעראנשוליכען די פעראייניגונג פונ'ם גייסט מיט'ן גוף, פון דער מאטעריעלער וועלט מיט דער גייסטיגער, פונ'ם מענשען מיט דער גאטהייט. כל זמן דאס אידישע פאלק לעבט אין גלות, איז די דאזיגע פעראייניגונג אין א געוויסער מאס איבערגעריסען; ערשט אין יענע גרויסע טעג, ווען משיח וועט קומען און אויסלייזען די אידען, וועט גאט ווידער פעראייניגט ווערען, „ווען די מאטראנא (מטרוניתא — שכינה) וועט צוריקקומען צום קעניג“.

רבי משה דע ליאנ'ס ארבייט וואלט בכלל געווען אנ'איינזייטיגע און א פעהלערהאפטע, לויט'ן כאראקטער פון זיין צייט, ווען ער וואלט אויך נישט גערעדט וועגען משיח'ס צייט און נישט פאראויסגעזאגט איהר. אבער אט דא האט זיך ארויסגעוויזען דער פעלשער. אנשטאט אנ־צוווייזען א יאהר, אדער א צייט, וואס זאל זיין נאהענט צו רבי שמעון בן יוחאי'ס עפאכע (אין צווייטען יאהרהונדערט), האט ער דורך צירופים און גימטריאות (צוזאמענשטעלונג פון אותיות און ציפער) אנגעוויזען, אז משיח וועט קומען אין אנפאנג פון פירצעהנטען יאהרהונדערט, אלזא — ארום דער צייט, ווען דער „זוהר“ איז נתגלה געווארען. דאדורך

האט דע ליאן ענטוויקעלט די האפנונג ביי די מענשען פון זיין צייט, אז זיי וועלען נאך מיט זייערע אויגען זעהן משיח'ס צייט. מעגליך, אז ער האט אליין אויך אזוי פאנטאזירט וועגען משיח'ן, ווי אברהם אבולאפיא.

ווי נור דער „זוהר" איז פערעפענטליכט געווארען, האט ער ארויסגערופען א גרויסע בעוואונדערונג צווישען אלע בעלי מקובלים, וועלכע האבען זיך אלע געאיילט אריינצוברענגען דעם זעלטענעם אוצר צו זיך אין שטוב אריין. משה דע ליאן האט בעקומען זעהר פיעל בעשטעלונגען אויף צו שיקען קאפיעס. די פראגע: פון וואנען האט זיך עס גענומען פלוצלונג אזא ספר פון אן'אלטען תנא, פון וועלכען מען האט ביז איצט נישט געוואוסט אפילו קיין שפור? — אט די פראגע האט מען פערענטפערט אזוי: דער רמב"ן האט ענטדעקט רבי שמעון בן יוחאי'ס כתב־יד אין ארץ־ישראל און אבגעשיקט איהם קיין קאטאלאניען; א שטורמווינד האט אבער דאס שיף צוגעטריבען צו די ברעגען פון אראגאניען און אזוי ארום איז דער כתב־יד אריינגעפאלען אין די הענד פון רבי משה דע ליאן, וועלכער האט איינער אליין דעם אריגינאל. באלד האט זיך אין גאנץ שפאניען פערשפרייט דער קלאנג וועגען דעם ענטדעקטען ספר, וועלכער איז געווען אן'אמת'ער אוצר פאר די לומדים פון קבלה. אין קרייז פון רבי טודרוס אבולאפיא האט מען דעם „זוהר" באלד אנערקענט פאר אן'עכט ווערק פון'ם פארצייטיגען תנא. רבי משה דע ליאן האט געהאט אזא ערפאלג, אויף וועלכען ער האט זיך, מעגליך, גאר נישט גערעכנט. עס זענען אפילו געווען בעלי מקובלים, וועלכע האבען געווארפען א ספק אין דער ריכטיגקייט, אז דער „זוהר" שטאמט פון'ם אלטען תנא, אבער פונדעסטוועגען האבען זיי דאך דעם ספר אנערקענט, אלס א ריינעם קוואל פון חכמת הקבלה. ווען אבער עס איז געקומען קיין שפאניען דער בעל מקובל רבי יצחק דמן עכו, וועלכער האט זיך ארויסגעראטעוועט פון'ם שרעקליכען חורבן פון עכו דורך דעם סולטאן פון מצרים, און האט דערזעהן דעם „זוהר", איז ער זעהר איבערראשט געווארען און געוואלט דערגעהן אויף ריכטיג, אויב דער ספר שטאמט טאקי פון דעם תנא רבי שמעון בן יוחאי; די זאך איז איהם פארגעקומען בעזונדערס וואונדערליך דערפאר, וואס ער איז געווען געבוירטיג פון ארץ־ישראל, ערצויגען געווארען דארט און האט פיעל פערבראכט מיט'ן רמב"נ'ס תלמידים, נישט הערענדיג פון זיי אפילו קיין איינציג ווארט וועגען אזא ספר. אין וואלאדאליד האט רבי יצחק זיך בעגעגענט מיט רבי משה דע ליאן, וועלכער האט איהם געשווארען ביי אלעם הייליגען, אז דער „זוהר" שטאמט פון'ם תנא רבי שמעון בן יוחאי און, אז ביי זיך אין דער היים אין אבילה געפינט זיך דער אריגינאל, וועלכען ער האט צוגעזאגט צו ווייזען רבי יצחק'ן, כדי ער זאל זיך אליין איבערצייגען אין זיין ריכטיגקייט. דערווייל איז רבי משה דע ליאן געשטארבען, און דאס געהיימניס וועגען דעם „זוהר" איז דאדורך

נאָך אונדורכדרינגליכער געוואָרען. רבי יצחק האָט זיך אָפּטער נישט בערוהיגט מיט דער שבועה און אוועקגעגאַנגען קיין אבילה, וואו ער האָט זיך בעקענט מיט צווייַ אַנגעזעהענע מענשען רבי דוד און רבי יוסף, וועלכע האָבען איהם דערצעהלט, אַז זיי האָבען פון דע ליאָנ'ס פרוי און טאָכטער דערגאַנגען דעם רעכטען אמת: רבי משה דע ליאָן האָט דעם זוהר אַליין געשריבען פון זיין קאָפּ מיט דער אייגענער האַנד, כדי צו פערדינען געלד, פיעל געלד. אַזוי אַרום האָבען די תמימות'דיגע פרויען, אַליין נישט וויסענדיג, וואָס פאַר אַ גרויסע בעדייטונג עס האָט זייער ערקלערונג, אַרויסגעגעבען די פעלשונג פון זייער מאַן און פאָטער. די דאָזיגע ערקלערונג האָט אָבער געהאַט אַ קליינע ווירקונג אין יענער צייט: די בעלי מקובלים האָבען דעם זוהר אָנערקענט פאַר אַן עכט ווערק פונ'ם אַלטען תנאי, ווייל זיי האָבען געפונען אין איהם זייער גאַנצע תורה אין אַהעכסט זעלטענער פאָרם.

דאָס, וואָס רבי שמעון בן יוחאי ערקלערט אין „זוהר“: „ווען דער „זוהר“ וועט נתגלה ווערען, וועלען זיך אַרום איהם פיעל מענשען פערזאַמלען און שפּייזען זייער גייסט מיט איהם ביז די לעצטע צייטען“, איז אין דער ווירקליכקייט מקוים געוואָרען באַלד נאָך ר׳ משה דע ליאָנ'ס טויט. דער זוהר האָט אַזוי וואונדערליך פאָרמולירט די צירקולירענדע „חכמת הקבלה“ און אָנגעווענדעט דערצו אַזאַ געהעריגע שפּראַך, אַז אַלע דאַמאָלסדיגע מקובלים זענען העכסט ערשטוינט און איבעראַשט געוואָרען. אַלץ מאַכט אין איהם דעם געהעריגען איינדרוק. די לאַנגע דיאַלאָגען, וועלכע קומען פאָר צווישען רבי שמעון בן יוחאי מיט זיינע תלמידים, אָדער מיט'ן „רעיא מהימנא“, זענען אָפט עכט דראַמאַטיש; אַ שטאַרקען איינדרוק מאַכען די אָפטע אויסרופען: „וועה, וועה צו יענע וואָס גלויבען נישט, אָדער טהוען נישט דאָס און יענץ!“ אָפט געפינען מיר דאָרט תפילות אין זעהר אַ געהויבענער שפּראַך. אויך וואונדערליכע ערצעהלונגען זענען אין זוהר פאַרהאַן זעהר פיעל. טיילמאָל טרעט ער אויך אַרויס מיט בעשולדיגונגען געגען די עשירים, וועלכע טהוען צדקות, כדי נאָר צו מאַכען זיך אַ נאָמען, און דעם אָרעמאַן העלפען זיי וועניג.

אַזוי אַרום איז אַריינגעקומען אין יודענטום אַ נייער גרונד־ספר, וועלכע חי קבלה, וואָס מיט אַ יאָהרהונדערט פריהער האָט מען וועגען איהר נאָך גאָרנישט געוואוסט, האָט גלייכגעשטעלט מיט'ן תנ״ך און דעם תלמוד, און אין אַ געוויסער מאָס נאָך העכער. פון איין זייט האָט עס אפילו אַ גרויסע מעלה דערמיט, וואָס ער האָט אַנשטאָט דער יורידישער טרוקענהייט פון תלמודישען פלפול געשטעלט אַ לעהרע, וואָס רעגט אויף מעהר די פאַנטאַזיע און דאָס געמיט, אַרויסברענגענדיג אַ נייע שטימונג, וואָס האָט געווירקט אָבפרישענד. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט עס פערשטאַרקט און פערשפּרייט ביי אידען די אמונה אין דער מלוכה פונ'ם שטן, פון דער „סטרא אחרא“, פון רוחות און מחבלים, אויף

וועלכע באדען ס'האט זיך שפעטער ענטוויקעלט ביי אידען אזא סעקטע, ווי די שבתי-צביניקעס, וועלכע האט פיעל אידען גאר ארויסגעריסען פון יודענטום.

אבער אויב די מיסטיקער האבען פערשטארקט דעם פאנאטיזם, האבען די אזוי גערופענע פילאזאפען פון יענער צייט אויך ניט פיעל בעססער געמאכט. די מעטאדע פון רמב"ם צוצופאססען דאס יודענטום צום פערשטאנד און צו ערקלערען פיעל שטעלען אין תנ"ך אויף א פילאזאפישען שטייגער, איז אריינגעפאלען אין די הענד פון אזעלכע לייט, וואס זענען ניט געווען גענוג פארברייטעט דערצו, וועלכע האבען אויפ'ן פארצייטיגען אלעקסאנדרינישען שטייגער גענומען זוכען אין אלץ אלעגאריע—סיי אין די ספורים פון דער תורה, סיי אין די פערזאנען פון די אבות, סיי אין די ריטואלען, וואס האט געדראהט מיט א געפאהר. פאר דער פראקטישער זייט פון דער רעליגיע, ווייל אנערקענענדיג, אז פיעל ריטואלען האבען נאר אנ'אלעגארישע בעדייטונג, האט מען זיך ביסלעכווייז אנגעהויבען אינגאנצען בעפרייען פון דער פליכט צו ערפילען די דאזיגע ריטואלען. ס'האט געגרייכט אזוי וויים, אז ס'האבען זיך שוין געפונען אזעלכע וואס האבען ערקלערט, אז משה איז כלל ניט געווען קיין נביא, נאר א גרויסער געזעצגעבער, ווי אנדערע פעלקער האבען געהאט. פערשטעהט זיך, אז אזא ריכטונג האט שטארק אויפגערעגט די פרומע אידען און ווידער ארויסגערופען א שטארקע בעוועגונג צו פערבאטען די פרייע פארשונג.— דער פיהרער פון דער אלעגארישער ריכטונג איז געווען איינער א געלעהרטער, וועלכער האט אבער געהאט פאלשע בעגריפען וועגען יודענטום. זיין נאמען איז געווען רבי לוי בן חיים פון ווילפראנש נעבען פערפיניאן. — געבוירען (1240—1305) אין א משפחה פון תלמידי חכמים, איז ער געווען א גוטער תלמודיסט, אבער די פילאזאפיע פון רמב"ם און די אסטראלאגיע פון אבן-עזרא האט ער געשטעלט העכער פאר'ן תלמוד; ריכטיג האט ער אבער דעם רמב"ם'ס פילאזאפיע ניט פערשטאנען. פאר איהם איז דאס גאנצע יודענטום געווען ניט מעהר, ווי אלגעמיינע פילאזאפישע בעגריפען. די דאזיגע טעאריע האט אבער געפונען פיעל אנהענגער צווישען די דענקער פון יענער צייט

דער צענטער פון די דאזיגע פסידא-פילאזאפען איז געווען די שטאדט פערפיניאן, די הויפט-שטאדט פונ'ם געביט רוסיליאן, וואס האט געהערט צו אראגאניען. כאטש די אידען פון דער דאזיגער שטאדט האבען בכלל געלעבט זעהר שלעכט און זענען געצוואונגען געווען צו וואהנען אינ'ם שמוציגסטען און אונגעזונדעסטען טייל פון שטאדט, אויפ'ן פלאץ פון די מצורעים, פונדעסטוועגען האבען זיי דאך געהאט פערשטאנד פאר דער וויסענשאפט און געליעבט די פארשונג; אפילו דער פערפיניאנער רב איז געווען א פריינד פון דענקען און אנ'אויסגעשפראכענער געגנער פונ'ם גלויבען אהן פערשטאנד אין אלץ. דאס איז געווען דאן ווי-

דאל מנחם בן שלמה המאירי (1320—1249), וועלכע האט אפילו נישט געהערט צו די בעריהמטע רבנים אין זיין צייט, אבער געוועזן זעהר אסימפאטישע פערזענליכקייט, וואס מ'קען בעזונדערס ארויסזעהען פון זיין אופן שרייבען. אין פערפיניאן און אין אנדערע ערטער האט מען די נייע ריכטונג געלערנט און ערקלערט עפענטליך אויך אין דרשות פון דער בימה. דא האט זיך אויך בעזעצט דער ארעמער רבי לוי פון ווילפראנש, געפינענדיג א שטיצע אין דער פערזאן פונ'ם אנגעזעהענעם דאן שמואל סולמי אדער סען אשקליטא, וואס זיין פרומקייט, לומדות און צדקות זענען זעהר בעריהמט געווען אין יענער צייט. דאן שמואל האט געפיהרט אויך א קארעספאנדענץ מיט'ן רשב״א, אבער ער איז געווען אנהענגער פון דער פילאזאפישער ערקלערונג פון תנ״ך און די אגדתות. דער רב רבי מנחם המאירי איז נאטירליך געווען אונצופרידען מיט דער אלעגארישער ערקלערונג פון דער תורה, אבער צו פערבאטען צוליעב דעם אינגאנצען די פרייע פארשונג—דערפון איז ער געווען גאנץ ווייט.

נישט אזוי רוהיג האבען אבער אויפגענומען דעם ענין די קנאים פון מאנפעליע, וואו ס'האט פריהער געוואהנט רבי שלמה, וועלכער האט געלעגט א חרם אויפ'ן רמב״ם מיט זיינע ספרים און דאדורך ארויסגערופען א געוואלדיגע מחלוקת און א פירוד ביי אידען. דער איניציאטאר פון דער נייער בעוועגונג געגען יעדען פארשען און דענקען איז געווען רבי אבא מרי בן משה פון מאנפעליע, אדער ווי ער האט געהייסען מיט זיין יחוס־נאמען: דאן אסטרוק דע לונעל, פון א גרויסער יחוס־משפחה אין דער הויפט־שטאדט פון לאנגדאק. אליין האט ער אפילו געהאט א געוויסע בילדונג און איז געווען א גרויסער פערעהרער פון רמב״ם, אבער דוקא אט דאס האט איהם אזוי אויפגערעגט געגען דער נייער ריכטונג, וואס פערשטעהט נישט דעם רמב״ם און פערשפרייט אין זיין נאמען אפיקורסות. אבא מרי האט געהאלטען יעדעסווארט פון תלמוד פאר שטרענג הייליג, און אלע, וועלכע האבען געוואגט צו טייטשען אנדערש, האט ער געהאלטען פאר א מצוה צו רודפ'ן. די שנאה צו דער נייער ריכטונג האט אין איהם ערוועקט א צארן אויף וויסענשאפט בכלל, געפינענדיג, אז נאר זי, די וויסענשאפט, איז דער מקור פון דער נייער ריכטונג. ער האט זעהר בעדויערט, וואס ער האט נישט קיין מעגליכקייט צו בעשטראפען מיט שמיץ (מלקות) אלע די, וואס לערנען „חכמות חצוניות“. נישט האבענדיג אבער אליין גענוג אויטאריטעט ביי אידען, צו קאנען ארויסטרעטען געגען רבי לוי פון ווילפראנש מיט זיינע אנהענגער, די פסיידא־פילאזאפען, האט אבא מרי זיך געווענדעט (1304) צום גרויסען אויטאריטעט פון יענער צייט, צום רשב״א, מיט א ביטערע אנקלאגע אויף די אנהענגער פון דער נייער ריכטונג, אז זיי וועלען ברענגען דאס יודענטום צום אונטערגאנג, אויב מען זאל נישט בע־

גרענעצען זייער רעכט צו פילאזאפירען פראנק און פריי. דערביי האט ער ערוועקט דעם רשב"א, אז אויף איהם ליגט א הייליגער חוב ארויסצוטרעטען אין אזא וויכטיגען ענין. דעם רשב"א איז, נאטירליך, אויך פארגעקומען זעהר טרויעריג די גאנצע זאך און ער האט דעריבער געענטפערט אבא-מרי, אז זיין הייליגער חוב איז, צו פעראייניגען זיך מיט די ארטיגע רבנים און ווירקען געגען דער נייער ריכטונג; ער אפער אליין, דער רשב"א, האט זיך אבגעזאגט אנטייל צו נעהמען אין דער זאך, וויל ער וויל זיך נישט אריינמישען אין די ענינים פון די פרעמדע קהלות. עס האבען זיך אבער געפונען אנדערע קנאים, וועלכע האבען זיך יא גענומען פאר דער זאך און האבען געמאכט א מין פשרה-פארשלאג, אז די בעשעפטיגונג מיט וויסענשאפטען און בכלל דאס לעזען נישט-רעליגיעזע ספרים דארף פערבאטען ווערען דער אידישער יוגענד ביז אן עלטער פון דרייסיג יאהר. נור מענשען, עלטערע פון דרייסיג יאהר, וועלכע זענען שוין גוט בעהאוועגט אין תנ"ך און אין תלמוד, מעגען זיך אויך בעשעפטיגען מיט פילאזאפיע און נאטור-וויסענשאפטען.

חאטש דער רשב"א האט געהאלטען, אז ער האט נישט קיין רעכט, צו מישען זיך אין די ענינים פון פרעמדע קהלות, האט ער דאך פונדעסטוועגען געהאלטען פאר א חוב צו רודפ'ן דעם הויפט-שולדיגען פון דער נייער ריכטונג, רבי לוי פון ווילפראנש. ער האט דעריבער זיך געווענדעט מיט א בריף צום עושר רבי שמואל סולמי און איהם שטארק געשטראפט פאר'ן אריינעהמען צו זיך אין שטוב דעם אפיקורוס לוי פון ווילפראנש, געבענדיג איהם דאדורך די מעגליכקייט צו פערשפרייטען אפיקורסות ביי אידען. אומזיסט האט רבי לוי זיך בעמיהט צו פערענטפערן פאר'ן רשב"א און רבי שמואל האט עדות געזאגט, אז רבי לוי היט אב שטרענג אלע אידישע רעליגיעזע געבאטען און געהט אין שוהל אריין טעגליך דאווענען שחרית, מנחה און מעריב — דער רשב"א האט זיך געהאלטען ביי דאס זייניגע: לוי איז דער פאטער פון דער אפיקורסות, און רבי שמואל טאר איהם נישט מחזיק זיין. דערווייל האט זיך געמאכט, אז ביי רבי שמואל'ן איז געשטארבען א טאכטער, און דער שוואכער פאטער האט אנגעהויבען גלויבען, אז דאס האט איהם גאט געשטראפט פאר'ן שטיצען אן אפיקורוס; ער האט דעריבער ארויסגעטריבען רבי לוי'ן פון זיין שטוב. די זאך האט אבער ארויסגערופען א גרויסען צארן און ערביטערונג אין פערפיניאן, און מען האט זיך געווענדעט צום רשב"א מיט א בריף געגען אבא מרי. די געגנער ווידער האבען אויך נישט גערוהט און פון זייער זייט געשריבען צום רשב"א און געזעהען מיט אלע מעגליכקייטען צו ווירקען אויף דעם גרויסען אויטאריטעט ער זאל זיך שטעלען אויף זייער זייט ארויסצורופען א אסור אויף „חכמות חצוניות“.

דער רשב"א האט שוין אלזא געהאלטען ביי'ם מסכים זיין אויפ'ן

חרם, אבער די זאך איז בעקאנט געווארען די מנהיגים פון דער קהלה מאנפעליע און א טייל פון זיי זענען ארויסגעטראטען מיט א ענערגישען פראטעסט.

אין מאנפעליע האט דאמאלס געלעבט נעמליך א רייכער איד, וועלכער איז מיט זיין יחוס, עשירות, חכמה און הויכער שטעלע, געווען העכסט אנגעזעהען אין דער קהלה, דאס איז געווען רבי יעקב בן מכיר אבן־תבון, וועלכער איז אויך געווען בעוואוסט אין דער קריסטליכער געזעלשאפט מיט'ן נאמען דאן פראפאטיוס אדער פראפיאט (1245—1312). ער איז געווען פערוואנדעט מיט דער משפחה פון רבי שמואל אבן־תבון און איז ווי די דאזיגע גאנצע פאמיליע געווען א ליעבהאבער פון וויסענשאפט. געלעבט האט ער פון דער מעדיצין, זיין געליעבטע בעשעפטיגונג איז אבער געווען מאטעמאטיק און אסטראנאמיע. זיינע געניטע בעאבאכטונגען איבער דער לאגע פון דער ערד־אקס אויף דער עקליפטיק *) האבען די שפעטערדיגע אסטראנאמען אנגענומען אלס פונדאמענט פון זייערע פארשונגען. קענענדיג גוט אראביש, האט ער איבערזעצט פיעל נוצליכע וויסענשאפטליכע ספרים פון אראביש אין העברעאיש. (צווישען אנדערע האט ער אויך איבערזעצט עוקלידוס'עס געאמעטריע אין העברעאיש). רבי יעקב ברבי מכיר האט פערנומען א הויכע שטעלע אין דער מעדיצינישער פאקולטעט אין מאנפעליע, און איז בכלל געווען זעהר אנגעזעהען. פערשטעהט זיך, מאכען א חרם אויף וויסענשאפט אין מאנפעליע, אהן דעם הסכם פון אזא אנגעזעהענע פערזענליכקייט, איז געווען שווער. די קנאים האבען געפרובט ווענדען זיך צו רבי יעקב בן מכיר ער זאל געבען זיין הסכמה, ער האט זיך אבער שארף ארויסגעזאגט געגען אזא חרם, אנווייזענדיג, אז די זאך קאן זיך ענדיגען זעהר טרויעריג. די קנאים האבען זיך אבער געטהון זייער זאך און פערזאמעלט אום שבת (אלול 1304) אין שוהל אריין אלע אידען, כדי פארצולעזען פאר זיי דעם רשב"א'ס א בריף, אין וועלכען ער זאגט זיך ארויס פיינדליך געגען דער וויסענשאפט. עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז די קנאים האבען געהאט א טעות ווען זיי האבען געהאפט, אז די גאנצע קהלה אין מאנפעליע וועט צו זיי צושטעהן. צוזאמען מיט רבי יעקב בן מכיר זענען ארויסגעטראטען מיט א שארפען פראטעסט פיעל אנגעזעהענע מיטגלידער פון דער קהלה געגען דער שטרעבונג צו פערקנעכטען דעם אידישען גייסט. אין שוהל האט זיך אנגעהויבען א מחלוקת און די אסיפה האט זיך געמוזט פונאנדערגעהן מיט גארניכט. די קהלה האט זיך געשפאלטען, איין טייל איז געווען אויפ'ן צד פון רבי יעקב בן מכיר און דער אנדערער אויפ'ן צד פון אבא מרי. אבא מרי האט ארויסגעוויזען א גרויסע ענערגיע ארומפאהרענדיג איבער די אנדערע קהלות צו בעקו־

*) דער וועג וואס די ערד געהט ארום דער זון אין משך פון א יאהר, אדער, ווי מען האט דאמאלס געמיינט, די זון ארום דער ערד. די אקס פון דער ערד שטעהט אויף דער עקליפטיק נישט גלייך, נור איינגעבויגען אונטער א ווינקעל פון קנאפע 67 גראד.

מען אנהענגער, און ס'האט איהם געלונגען צו זאמלען פינף און צוואנציג אונטערשריפטען. אבער אויך רבי יעקב אבן-תבון האט נישט געשוויגען און זיי האבען זיך אנגעהויבען שיטען פון אלע זייטען קאמף-שריפטען. די קהלות פון ארזשאנטיער (Argentière), עקס (Aix), אבינא און לונעל האבען דורך זייערע פערטרעטער אבגעגעבען זייער צושטימונג פאר אבא-מרי'ס פארטיי. אין פערפּיניאן גופא האט געפיהרט א שארפע אגיטאציע פאר אבא-מרי זיינער א קרוב, וועלכער האט זיך בעמיהט צו געווינען דעם גרויסען מיוחס, וועלכער האט זיך געהאלטען פון דוד המלך'ס משפחה, רבי קלונימוס בן טודרוס פון נארבאנא, וועלכער האט תחלת נישט געוואלט צושטעהן צו די פיינד פון דער וויסענשאפט, און נור אויף דער פאדערונג פון אבא מרי און דעם רשב"א האט ער איינגעשטימט אויך צו האלטען מיט זיי. ווייל אבער די פארטיי פון חי תבונים איז אויך געווען גענוג שטארק, האט דער רשב"א זיך אבגעהאלטען מיט'ן חרם, ביז עם וועלען צו איהם צושטעהן לפחות צוואנציג קהלות.

אין דער זעלבער צייט ווען אין שפאניען און דרום-פראנקרייך איז געפיהרט געווארען דער קאמף וועגען וויסענשאפט, זענען דערווייל אין דייטשלאנד פארגעקומען שרעקליכע רדיפות און גזרות אויף די אידען, און דאס האט געבראכט דערצו, אז א גרויסע פערזענליכקייט איז פון דארט איבערגעוואנדערט קיין פראנקרייך, און מיטגעווירקט אין קאמף וועגען דער וויסענשאפט. די דאזיגע פערזענליכקייט איז געווען רבנו אשר בן הרב רבי יחיאל, דער רא"ש — א מענש פון זעלטענער אונאייגענוציגקייט און אמת'ער פרומקייט אהן קיין שום פניות, און דערביי א שטארקער פיינד פון אלע וויסענשאפטען נאך פיעל מעהר ווי אבא-מרי. מיט'ן קומען פונ'ם דאזיגען אשכנזישען רב קיין שפאניען, הויבט זיך אן א נייע עפאכע פאר די שפאנישע און פראווענסאלער אידען.

רבנו אשר ברבי יחיאל (דער רא"ש) האט געשטאמט פון דער רהיינלענדישער געגענד (געבוירען 1250 געשטארבען 1327) פון עלטערען, וועלכע האבען אינ'ם תלמוד געזעהען זייער גאנצע וועלט. א תלמיד פונ'ם גרויסען רב, רבנו מאיר מרוטנבורג, האט דער רא"ש איבערגענומען אין לערנען די גאנצע חריפות פון די בעלי התוספות, אריינפיהרענדיג דערביי מעטאדע און ארדנונג אין זייער לערנען. נאכ'ן טויט פון זיין גרויסען רבי'ן איז דער רא"ש געווארען דער גרעסטער אויטאריטעט צווישען די אשכנזישע רבנים. אין זיין צייט האט זיך ווידער אנגעהויבען שרעקליכע שחיטות אויף אידען אין דייטשלאנד, וועלכע זענען מיט זייער אכזריות איבערגעשטיגען די שחיטות פון דער צייט פון די קרייצפאהרער. טויזענדער אידען זענען דערהרג'עט געווארען „על קדוש השם", און די איבעריגע זענען בערויבט געווארען. דער דלות האט זיך שרעקליך געשטארקט, דער עלענד פון פיעל אונגליקליכען איז אזוי

גרויס געוועזען, אז דאס לעבען איז זיי ביטערער געווען ווי דער טויט. דער בירגער־קריג, וועלכער איז אויסגעבראכען אין דייטשלאנד צווישען רודאלף פון נאססוי און אלברעכט פון עסטרייך, וועלכע האבען ביידע געוואלט פארנעהמען דעם לעדיג געווארענעם טראהן, האט געבראכט דערצו, אז אין לאנד האט זיך אבגעשטעלט יעדע גערעכטיגקייט און די אידען זענען געווארען הפקר פאר יעדען אנפאלער, סיי פאר די ריטער, סיי פאר'ן המון. און ווי שטענדיג האט מען זיך אויך איצט בענוצט מיט שקר־בלבולים. מען האט פערשפרייט א קלאנג, אז די אידען האבען ארויסגעגנב'עט פון א קירכע אין רעטינגען (פראנקען) א האסטיע (דאס היילינע ברויט), געשטויסען איהר אין א שטויסעל און עס האט זיך בלוט בעוויזען. איין ארטיגער ריטער מיט'ן נאמען ר י נ ד פ ל ײ ש האט זיך באלד אנגענומען פאר דער האסטיע און ערקלערט, אז גאט אליין האט איהם געשיקט צו פערטיליגען דאס פערשאלטענע אידישע פאלק פון דער וועלט. ער האט באלד פערזאמעלט ארום זיך א צעווילדעוועטען פאנאטישען המון און פערברענט אלע מיטגלידער פון דער אידישער קהלה אין רעטינגען. (ז' אייר 20־ער אפריל 1298). פון דארט האבען זיך די רוצחים אונטער דער אנפיהרונג פון ר י נ ד פ ל ײ ש געלאזט געהן פון שטאדט צו שטאדט, פערגרעסערנדיג די מחנה מיט נייע גנבים און גזלנים און אויסהרג'ענענדיג איבעראל די אידען, וואס זענען אין זייערע הענד אריינגעפאלען, סיידען זיי האבען זיך געשמד'ט. רינדפלייש האט אין יעדער שטאדט פשוט געצוואונגען די קריסטליכע בעפעלקערונג אויסצוהרג'ענען צוזאמען מיט זיין מחנה די אידען. די גרויסע קהלה אין ווירצבורג איז אינגאנצען אויסגעהרג'עט געווארען (י"ד אב 24־טער יולי 1298). אין נירנבערג זענען די אידען צוערשט געלאפען זוכען שוץ אין דער פעסטונג, אבער אויך דארט איז מען אויף זיי אנגעפאלען. דאן האבען די אידען מיט דער הילף פון מענשליך געזאנענע קריסטען אנגעהויבען זיך פערטיידיגען, אבער לסוף האט מען זיי מנצח געווען און אלעמען אויסגעשחט'ן (כ"ב אב 1־טער אויגוסט 1298). דעם רבנו אשר'ס קרוב און חבר, וואס האט מיט איהם צוזאמען געלערנט ביי רבי מאיר מרוטנבורג, רבי מרדכי ב ן ה ל ל א ש כ נ ז י, דער מחבר פון „מ ר ד כ י", איז דאמאלס אין נירענבערג דערהרג'עט געווארען על קדוש השם מיט זיין פרוי און די פינף קינדער. פיעל עלטערן, וועלכע האבען מורא געהאט, אז זייערע קינדער וועלען נישט קאנען ביישטעהן דעם שרעקליכען נסיון און וועלען זיך לאזען שמד'ן, האבען מיט די אייגענע הענד זיי אריינגעווארפען אין פייער אריינשפרינגענדיג דערנאך אליין אויך אין די פלאמען. אין גאנץ בייערן זענען גאנץ געבליבען פון די מערדער נאר צוויי קהלות: רעגענסבורג און אויגסבורג, וואו די קריסטליכע בעפעלקערונג האט זיך פעראייניגט און נישט געלאזט די מערדער אריינקומען אין שטאדט. אלס דאנק דערפאר האבען די אויגסבורגער אידען זיך מתחייב געווען אויסצובויען א מויער

ארום שטאדט, כדי צו פערטיידיגען איהר פון פיינדליכע אנפאלען.

פון פראנקען און בייערן האט די בלוטיגע פערפאלגונג זיך אריבערגעכאפט קיין עסטרייך, וואו עס זענען חרוב געווארען הונדערט און פיערציג אידישע קהלות און אויסגעשחט'ן אדער פערברענט געווארען איבער הונדערט טויזענד אידען אין א משך פון א קארגען האלב יאהר. אויף די אידען אין דייטשלאנד איז געפאלען אנ'אימה; דען זיי האבען געזעהען, דאס זיי ערווארטעט אלעמען א שרעקליכער אונטערגאנג, און עס וואלט געוויס דערמיט זיך אויך אויסגעלאזען, ווען די בירגער־מלחמה וואלט זיך נישט געענדיגט מיט'ן טויט פון קייזער אדאלף פון נאסאו און מיט'ן אויסקלייבען אלברעכט דעם עסטרייכער פאר א דייטשען קייזער. דער דאזיגער צווייטער קייזער פון דער האבסבורגער דינאסטיע, וועלכער האט צוריקגעשטעלט דעם שלום אין דייטשלאנד, האט געשטעלט פאר'ן געריכט די מערדערישע אנפאלער אויף אידען און אויך ארויפגעלעגט א גרויסע שטראף אויף די שטעדט, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין די אנפאלען און שחיטות. געטהון האט ער דאס אבער נישט צוליעב מענשליכקייט און גערעכטיגקייט, נור וויל דאדורך וואס מען האט „זיינע קנעכט“ בערויבט, האט מען אנגעריהרט זיין אייגענעם פערמעגען. פון די אידען, וואס מען האט אבגעשמד'ט בשעת די שחיטות, זענען פיעל צוריק געווארען אידען; ווי עס שיינט, האבען דער קייזער און אויך די גלחים געמאכט זיך, ווי ניט וויסענדיג דערפון.

נאך די דאזיגע בלוטיגע רציחות האט דער רא"ש זיך דערשפירט זעהר אונזיכער אין דייטשלאנד. ווי מען זאגט, זאל איהם האבען אויך פארגעשטאנען א סכנה מצד דעם קייזער אלברעכט, וועלכער זאל האבען געפאדערט ביי איהם די גרויסע סומע געלד, וואס די אידען האבען געדארפט בעצאהלען פאר רבי מאיר מרוטנבורג, און דער רא"ש איז געווען אנ'ערב פאר איהר. ער האט דעריבער איצט געמוזט ענטלויפען פון דייטשלאנד (זומער 1303) און געוואנדערט מיט זיין פרוי און אכט זיהן פון לאנד צו לאנד. איבעראל האבען די אידען איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד און פארגעלעגט די רבנות; א געוויסע צייט האט ער פערבראכט אין מאנפעליע, נאך איידער ס'האט אויסגעבראכען די מחלוקת וועגען דער פילאזאפיע. לאנג האט ער זיך אבער דארט נישט אויפגעהאלטען, ביז ער איז ענדליך געקומען קיין שפאניען און זיך בעזעצט אין טאלעדא אויף שטענדיג (יאנואר 1305). די טאלעדאנישע קהלה האט אויפגענומען מיט גרויס פרייד דעם בעריהמטען אשכנזישען רב און אויפגענומען איהם פאר א רב פון דער קהלה, וועלכע איז געווען די גרעסטע אין גאנץ שפאניען.

דער רא"ש האט פאר קיינעם נישט בעהאלטען זיין פיינדשאפט צו די „חכמות חצוניות“. ער האט כלל נישט געקאנט פערשטעהן, ווי אזוי פרומע אידען אין שפאניען און פראוואנס גיבען זיך אב מיט אנדערע ענינים, ווי מיט'ן תלמוד. ער אליין פלעגט לויבען און דאנקען גאט, וואס ער האט איהם בעשירמט פון דער בעקאנטשאפט מיט דער וויסענשאפט. ער האט

בכלל וועניג וואס געהאלטען פון די ספרדישע לומדים, ערקלערענדיג פאר ריכטיג נור די הלכה פון די חכמי אשכנז און צפון־פראנקרייך. עס פערשטעהט זיך, אז אזא רב האט געמוזט האבען א גרויסען איינפלוס אויף דער פארטיי, וואס איז ארויסגעטראטען געגען דער וויסענשאפט. אבא־מרי האט באלד אויסגענוצט די געלעגענהייט און פארגעלעגט דעם רא"ש דעם ענין פון דער מחלוקת וועגען לערנען חכמות חצוניות. דער רא"ש האט נאטירליך מסכים געווען צום אסור, און נאך אין א שארפערער פארם ווי אבא־מרי, וועלכער האט געוואלט פערבאטען צו לערנען חכמות נור ביז דרייסיג יאהר. דער רא"ש האט געהאלטען, אז דאס איז נישט ריכטיג, אז אויך נאך דרייסיג יאהר טאר מען נישט פערנעהמען זיך מיט „חכמות חצוניות" און ער האט דעריבער פארגעלעגט, אז מען זאל צוזאמענרופען אנ'אספה־רבה פון רבנים, און אננעהמען א בעשלוס, דאס מען זאל זיך בעשעפטיגען אויסשליסליך מיט'ן תלמוד און נאר „בשעה שאינה לא יום ולא לילה", ס'הייסט ווען ס'איז נישט טאג און נישט נאכט, זאל ערלויבט זיין צו בעשעפטיגען זיך מיט דער וויסענשאפט. די דאזיגע שטעלונג פון רא"ש האט געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק אויף אלע געמיטער, וועלכע האבען פריהער זיך נאך געוואקעלט. אויך דער רשב"א האט שוין איצט ערקלערט, אז ער איז גרייט צוצוטרעטען ארויסצוגעבען דעם חרם, בתנאי נור, אז אבא מרי און רבי קלונימוס פון נארבאנא זאלען דעם נוסח פון חרם צוזאמענשטעלען. איין קנאי פון רשבא'ס תלמיד, רבי שמשון בן מאיר, האט זיך אויך אונטערגענומען צו זאמלען חתימות אויפ'ן חרם פון צוואנציג קהלות, דערביי האט מען גערעכענט בראש צו בעקומען חתימות אין טאלעדא, וואו דער רא"ש איז געווען רב, און אין אלע שטעדט פון קאסטיליען, וועלכע האבען זיך געפונען, לויט'ן מנהג, אונטער'ן איינפלוס פונ'ם רב פון דער הויפט־שטאדט.

די דאזיגע אויפגאבע, צו בעקומען חתימות פון די קהלות, האט זיך ארויסגעוויזען פאר כלל נישט קיין לייכטע, און די ערשטע, וואס האט זיך שטארק געגענגעשטעלט איז געווען דוקא די קהלה פון מאנפעליע, אויף וועלכע די קנאים האבען געקוקט ווי אויף זייער פעסטונג. די התנגדות איז געווען אזוי שטארק, אז אבא־מרי האט געמוזט נאכגעבען אין פיעל פונקטען. דעם חרם האט מען צוזאמענגעשטעלט בלויז געגען פיזיק און מעטאפיזיק, אדער טעאלאגישען חקירות, אבער אלע איבעריגע חכמות זענען בפירוש ערלויבט געווארען. אויך האט ער זיך בעצויגען בלויז אויף ספרים, וואס די גריכישע פילאזאפען אדער אראבישע האבען געשריבען אויף אט דעם געביט, אבער נישט אויף די ספרים פון די אידישע חכמים. אויך בנוגע צו דער צייט האט ער געמוזט נאכגעבען: דער פערבאט איז געווען נישט ביז דרייסיג נאר ביז פינף און צוואנציג יעהריגען עלטער. דער רשב"א איז אבער נישט געווען דער מענש פון האלבקייט, אדער חרטות. קוים האט ער זיך בעשלאסען אויפ'ן חרם, האט ער געפאדערט, אז מען זאל איהם דורכפיהרען מיט דער גאנצער שטרענגקייט. און שבת חזון (תשעה באב 31־טען

יולי 1305), ווען אלע אידען טרויערן אויפ'ן חורבן פון ירושלים, האט דער רשב"א מיט זיין בית-דין געהייסען ארויסנעהמען אלע ספרי-תורות פון ארון-קדש אין שוהל, און אין דער געגענווארט פון א גרויסען עולם געלייענט דעם חרם אויף אלע, וואס לייענען וועלכע עס איז וויסענשאפטליכע ספרים סיי אין א פרעמדער שפראך סיי אין העברעאיש—אויסער וועגען דער מעדיצין—איידער מען ווערט אלט פינף און צוואנציג יאהר. דער חרם איז געלעגט געווארען אויף א משך פון פופציג יאהר. אלע פילאזאפישע ערקלערער פון תנ"ך זענען פעראורטיילט געווארען אבצוקומען זייער שטראף אין גיהנם אויף יענער וועלט, און אויף דער וועלט ווערען זיי בעשטראפט מיט חרם און זייערע ספרים מוז מען פערברענען. און וויל דער חרם האט זיך בעצויגען אויך אויף העברעאישע ספרים, זענען שוין ממילא אריינגעלעגט געווארען אין חרם אויך דעם רמב"ם'ס ספרים. לויט דער קאנסטיטוציע פון די קהלות אין מיטעלאלטער איז אבער יעדע קהלה געוועזען גאנץ אויטאנאם, און זי איז כלל נישט מחויב געוועזען אנצונעהמען די בעשלוסען פון אנ'אנדער קהלה. דער חרם האט אלזא געהאט א געזעצליכען ווערט בלויז פאר דער קהלה פון בארצעלאנא, כל זמן די איבעריגע קהלות זענען צו איהם נישט צוגעשטאנען. דער רשב"א האט אבער געזארגט דערפאר, אז מען זאל דעם חרם אנערקענען אויך אין אנדערע קהלות אין שפאניען, דרום-און צפון-פראנקרייך, ווי אויך אין דייטשלאנד.

אבער אויך די געגנער האבען נישט געשוויגען. ווען רבי יעקב בר מכיר מיט זיין פארטיי האבען זיך דערוואוסט, אז מען האלט ביי'ם אויסרופען דעם חרם אין בארצעלאנא, האבען זיי פון זייער זייט אויפגעשטעלט א געגען-חרם לויט פאלגענדע דריי פונקטען: עס ווערען אריינגעלעגט אין חרם אלע יענע, וועלכע וועלען צוליעב רעליגיעזען פאנאטיזם נישט לאזען אדער שטערען צו לערנען זייערע קינדער וועלכע עס איז וויסענשאפט, און וואס פאר א שפראך דאס זאל נישט זיין, דער חרם ווערט אויך געלעגט אויף יענע, וועלכע וועלען זיך אויסדריקען וועגען דעם רמב"ם אהן געהעריגען דרך-ארץ, אדער זיי וועלען זאגען אויף זיינע ספרים, אז אין זיי איז פארהאן אפיקורסות, און, ענדליך, אויך אויף יענע, וועלכע וועלען לעם־טערן א רעליגיעזען שריפטשטעלער נור פאר זיין פילאזאפישען דענקען. דער דאזיגער חרם האט רבי יעקב בר מכיר אליין אויסגערופען אין שוהל און מאנפעליע מיט דעם הסכם פון דעם גרעסטען טייל פון דער קהלה. די דאזיגע פארטיי פון די תבונים האט אבער אין היץ פון קאמף געמאכט א שריט, וועלכער האט זיי געקאנט ברענגען דעם זעלבען שאדען, וואס מיט הונדערט יאהר פריהער, דער שריט פון רבי שלמה, ווען ער האט זיך משתדל געוועזען ביי די גלחים, אז זיי זאלען פערברענען דעם רמב"מ'ס ספרים. רבי יעקב בר מכיר איז, נעמליך, געוועזען א גרויסער חשוב ביי'ם גובערנאטאר פון מאנפעליע, און אט האט ער איהם געבעטען, דאס ער זאל איהם און זיין פארטיי שטיצען אין פאל, אויב די בארצעלאנער וועלען מיט געוואלד לאזען אויסרופען זייער חרם אויך אין מאנפעליע. דער גו-

בערנאַטאָר האָט אָבער דערויף ערקלערט, דאס איהם אינטערעסירט נאָר דער איינציגער פונקט, אז די אידישע יוגענד זאָל נישט געשטערט ווערען צו לערנען אויך עטוואָס אנדערש אויסער דעם תלמוד, און ער וועט טאַקי אויך אכטונג געבען, אז מען זאָל זיי דערין נישט שטערען, ווייל ער וויל נישט דערלאָזען, דאס דורכ'ן חרם זאָל די אידישע יוגענד פערלירען די מעגליכקייט, איבערצוציינגען זיך אין דער ריכטיגקייט פון קריסטליכען גלויבען... די איבעריגע פונקטען דאַגעגען אינטערעסירען איהם גאנץ וועניג.

אין דער זעלביגער צייט זענען אויך אין דער קאַטוילישער קירכע אויסגעבראָכען שטאַרקע סכסוכים צווישען דעם קעניג פיליפ IV פון פראַנקרייך און דעם פויפסט באָניפאַציוס VIII. אָבער דאָ איז חי מחלוקת נישט געווען צוליעב אידעאַלע ענינים, נישט וועגען וויסענשאַפט, אָדער פרייער פאָרשונג, נאָר וועגען הערשאַפט, מאַכט און געלד. ביידע אנפיהרער האָבען געקעמפפט אויף טויט און לעבען. דער קעניג האָט בעשולדיגט דעם פויפסט אין אפיקורסות, אין פערקויפען הויכע קירכליכע שטעלעם פאַר געלד און נעמען שוחד, איז שווערען פאַלש און אין זנות. דער פויפסט האָט געענטפערט דערמיט, וואָס ער האָט ערקלערט, אז די שבועה פון די פראַנצויזישע אונטערטאַנען פאַר זייער קעניג ווערט בטל, און דעם טראָהן האָט ער געוואָלט אָבגעבען אַנ'אַנדערען.—די אידישע מחלוקת איז אזוי וויים נישט געגאַנגען. אייניגע אידען, וועלכע האָבען זיך אונטערגעשריבען אויפ'ן חרם, האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען, זעהענדיג, וואוהין חי מחלוקת קאָן פיהרען, און אָנגעהויבען בעטען די אָנפיהרער פון אבא-מרי'ס חברים, אז מען זאָל די מחלוקת אָבשטעלען, ווייל זי וועט ברענגען צו חלול-השם. דער געגענשטאַנד פינ'ם קאַמף איז אָבער געווען פאַר פיעל עהרליכע קעמפפער צו וויכטיג און הייליג, אז זיי זאָלען נאָכגעבען. דער שלום איז געוואָרען כמעט אונמעגליך. ביידע פאַרטייען האָבען זיך פעסטגעהאַלטען ביי זייערע פרינציפען: איינע האָט דורכאויס געפאָדערט, אז מען זאָל דעם אידישען געדאנק נישט אָנטהון קיין קייטען, די אַנדערע דאַגעגען האָט געטענה'ט, אז מען מוז די יוגענד האַלטען פון דערווייטען פון יעדען נישט-רעליגיעזען איינפלוס. פלוצלונג איז אָבער אויסגעבראָכען איבער אידען אַ קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט ווייט צוטריבען ביידע צדדים.

דער גרוש פון פראַנקרייך.

פיליפ IV, דער שענער, (Le bel), דער קעניג פון פראַנקרייך, איינער פון יענע מלכים, וועלכע האָבען די ערשטע איינגעפיהרט אין איירופּא דעם שטאַלצען, עקשנות'דיגען און אכזריות'דיגען דעספּאָטיזם, האָט פלוצלונג אַרויסגעגעבען אַ געהיימען בעפעהל (21 יאַנואַר 1306) צו די הויכע און נידעריגע בעאַמטע אין גאנץ פראַנקרייך, אַ בעפעהל, וואָס מען האָט געדאַרפט האַלטען שטרענג בסוד ביז דער צייט, אז מען זאָל אַלע

פראנצויזישע אידען, אלט און יונג, אהן קיין שום אויסנאהם, אריינווארפען אין תפיסה. דעם צעהנטען אבער, אין בעשטימטען טאג, ווען די אידען האבען זיך נאך נישט אויסגערוהט פון זייער תשעה־באב־תענית, זענען ערשינען בעוואפענטע פאליציי־בעאמטע מיט שטעקענס און ביימשען און אוועקגעשלעפט אלעמען, זקנים, פרויען און קינדער אין די תפיסות. דארט האט מען זיי ערקלערט, אז זיי מוזען אין א משך פון א חדש צייט אלע אויסוואנדערען פון פראנקרייך, איבערלאזענדיג דארט זייער גאנצען פערמעגען, ווי אויך די חובות, וואס די קריסטען זענען זיי שולדיג. ווען מען וועט נאכ'ן טערמין טרעפען אין פראנקרייך, וועט מען מיט'ן טויט בעשטראפען. וואס איז געווען די סבה, וואס דער קלוגער און כמעט נישט פאנאטישער פיליפ, וועלכער פלעגט פריהער אליין בעשיצען די אידען פון די גלחים, האט פלוצלונג ארויסגעוויזען געגען זיי אזא אכזריות? עס איז פאר קיין פאל נישט צו גלויבען, אז ער זאל האבען אין דער הינזיכט געווירקט לויט דער אנווייזונג פון די גלחים. גיכער איז צו גלויבען, אז ער האט געהאט בלויז איין צוועק אין זינען, געלד, דאס אידישע פערמעגען צו בעקומען. די קאמפפען מיט'ן פויפסט און מיט די פלאמאנדען האבען אויסגעלעדיגט זיין קאסע און איהם געמאכט אזוי געלד־דורשטיג, אז די דאמאליגע פאלקס־לידער פלעגען פון איהם אבשפאטען, דאס „אפילו די הוהן אין טאפ איז פון זיינע נעגעל נישט זיכער“. דורך דאס אידישע פערמעגען האט דער קעניג געהאפט צוריק אנצופילען זיינע אוצרות. עס איז אבער אויך געווען נאך אנ'אומשטאנד, וועלכער האט, משמעות, געווירקט אויפ'ן פראנצויזישען קעניג, אז ער זאל זיין אכזריות'דיגען בעפעהל ארויסגעבען.

דער דייטשער קייזער אלברעכט, וועלכער איז דאמאלס געשטאנען נישט אין די בעסטע בעציהונגען מיט'ן פראנצויזישען קעניג, האט איהם ארויסגעשטעלט פאלגענדע פאדערונגען: 1) דער פראנצויזישער קעניג זאל איהם אבגעבען די מדינה ארל (Arles), 2) די דערנער־קרוין פון קריסטוס, וועלכע האט זיך געפונען, לויט ווי די קאטוילישע קריסטען האבען געגלויבט, אין א פראנצויזישען קלויסטער, און, ענדליך, 3) אנצוערקענען זיין רעכט איבער די פראנצויזישע אידען, וועלכע קומט איהם בירושה, אלס דעם רוימישען קייזער, פון אספסינוס, טיטוס און קארל דעם גרויסען, דאס הייסט, אז ער האט געפאדערט, דאס א טייל פון די הכנסות, וואס די פראנצויזישע מלוכה בעקומט פונ'ם ביטערען אידישען שוויים, זאל מען איהם, דעם דייטשען קייזער, אבגעבען. ווי מען זאגט, האט פיליפ באלד געזעצט א קאמיסיע פון געלעהרטע יוריסטען, וועלכע האבען זיך געדארפט ארויסזאגען, אויב אט די לעצטע תביעה פון דייטשען קייזער איז יורידיש בעגרינדעט. און די קאמיסיע זאל זיך האבען ארויסגעזאגט, אז דער דייטשער קייזער האט דאס רעכט צו שטעלען אזא פאדערונג, און אט האט פיליפ בעשלאסען אבצונעהמען בײ די אידען זייער גאנץ פערמעגען און אבשיקען זיי נאקעט און לעדיג צום קייזער, לויט ווי ער האט געפא־

דערט. פיליפ'ס בעאמטע האבען איבערגעלאזען די אידען נאר זייערע ארעמע קליידער, און וועלכע מען האט זיי פערהאלטען, און יעדען אידען, צי רייך צי ארעם, האט מען ביי'ם ארויסשיקען פון לאנד געגעבען נור שפייז אויף איין טאג. גאנצע וואגענס, בעלאדען מיט אידישען פערמעגען, מיט גאלד, זילבער און בריליאנטען, האט מען אבגעפיהרט צום קעניגליכען פאלאץ; וואס איז עטוואס ווייניגער ווערט געווען, האט ער געלאזט פערקויפען פאר א שפאט-פרייז.

אזוי ארום האט מען אין איין טאג (אין סעפטעמבער 1306) ארויסגעטריבען פון גאנץ פראנקרייך לערך הונדערט טויזענד אידען, וואס זייערע עלטערן האבען אינ'ם לאנד געוואוינט נאך אין דער צייט פון דער רוימישער רעפובליק (העכער הונדערט יאהר פאר'ן חורבן פון בית-המקדש), פיעל פריהער איידער די פראנקען און דאס קריסטענטום זענען אהין אריינגעקומען. טייל אידען, וועלכע האבען זיך נישט געקאנט שיידען פון זייער פאטערלאנד, וואס איז זיי טייער און בעליעבט געווען, אדער אזעלכע, וואס האבען געהאט הייזער און גיטער, האבען זיך געשמד'ט. די אידען פון טולוזא האבען זיך אלע אויסגעשמד'ט. די בעריהמטע ישיבות פון רש"י, רבנו תם און די בעלי-התוספות אין טרויש, פאריז, סאן (שיינץ), שינאן און ארלעאן, ווי אויך די שטעדט, וואו די אידען האבען ענטוויקעלט א הויכע קולטור; בעזיע, לוניעל און מאנפעליער, וואו מען האט ערשט געפיהרט דעם פערביסענעם קאמף פאר און געגען די וויסענשאפטען—אלע דאזיגע ישיבות און שוהלען זענען דורכ'ן קעניג פערקויפט געווארען אויף אויקציאן אדער צושאנקען געווארען זיינע מקורבים. א דייטשער, אדער אן ענגלישער קעניג וואלט די אידישע הייליגטימער געהיים פערניכטען, פיליפ דער שענער איז געווען צו קארג צו טהון דאס. אין פאריז האט ער אוועקגעשאנקען א שוהל—זיין קוטשער. וועגען די גרויסע סומען, וואס עס האט אריינגעבראכט דאס בערויבטע אידישע פערמעגען דעם קעניג, קאן מען זיך משער זיין דערפון, וואס נאר אין ארלעאנער געביט אליין האט די קעניגליכע קאסע בעקומען פונ'ם פערקויף פון אידישען פערמעגען דריי הונדערט מיט זיבען און דרייסיג טויזענד פראנק, וואס האט געהייסען א געוואלדיגע סומע פאר יענער צייט. וויפיעל פערטריבענע זענען אומגעקומען אין הונגער און דחקות! נאך איצט לייענען מיר די קינות פון דער דאמאליגער צייט מיט א געפיהל פון וועהטאג און טרויער. רבי אשתורי פרחי, וועלכער איז דאמאלס געווען נאך א יונגערמאן, אבער שוין גוט געבילדעט, א קרוב פון רבי יעקב ברבי מכיר אבן תבון, וואס זיינע עלטערן האבען א מאל אויסגעוואנדערט פון שפאניען קיין דרום-פראנקרייך, שילדערט זיין טרויעריגע לאגע אזוי: „פון דער ישיבה האבען זיי מיך פערטריבען; נאקעט האב איך געמוזט פערלאזען מיין פאטערס הויז און וואנדערען פון לאנד צו לאנד און פון פאלק צו פאלק, וואס זייערע שפראכען זענען מיר פרעמד, נישט געפינענדיג קיין רוה, ביז איך בין אין דאס אלטע אידישע לאנד געקומען“... ערשט אין ארץ-ישראל האט דער

יונגער פרחי זיך געקאנט אויסרוהען פון זיין ביטערען עלענד.

דער גרויזאמער גירוש פון פיליפ דעם שענעם איז אויך ניט פאראיבער אהן בלוט־פערגיסונג און קדושים, וועלכע זענען דער'הרג'עט געווארען על קדוש השם. יענע אידען, וואס זענען ארויסגעגאנגען פון פראנקרייך צום בעשטימטען טערמין און האבען זיך אויך ניט געוואלט שמד'ן, האט מען דער'הרג'עט. צווישען די קדושים איז אויך געווען איינער פון די לעצטע בעלי־התוספות, רבי אליעזר ברבי יוסף פון שינאן, וועלכער האט געפיהרט א קארעספאנדענץ מיט'ן רשב"א. ווען מען האט איהם מיט זיינע צוויי ברידער געשטעלט פאר'ן געריכט, האט מען געגען זיי גאר ניט געקאנט אנווייזען, און דאך האט מען זיי פער'משפט און פערברענט לעבעדיגערהייד. די ארויסגעטריבענע פראנצויזישע אידען האבען זיך צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט, א טייל זענען, ווי רבי אשתורי פרחי, אויסגעוואנדערט קיין ארץ־ישראל, דאס רוב אבער האט זיך אויפגעהאלטען וואס נעהנטער צו דער פראנצויזישער גרענעץ, אין יענעם טייל פון פראוואנס, וואס האט געהערט צו דייטשלאנד און אין דער פראווינץ רוסילאן, וואס האט געהערט צום אראגאנישען קעניג. די אלע דאזיגע אידען האבען געהאפט, אז אינגיכען וועט דער פראנצויזישער קעניג זיי ערלויבען צוריק אריינצוציהען זיך אין זייער פאטערלאנד. זייער האפנונג איז טאקי ניט געווען קיין פאלשע. דער קעניג פיליפ האט געברויכט געלד און האט ווידער אריינגעלאזען א טייל אידען אין לאנד אונטער געוויסע בעדינגונגען.

מערקווירדיג, אז די מחלוקת וועגען די וויסענשאפטען האט ניט אויפגעהערט אויך נאכ'ן שרעקליכען גירוש. די אלגעמיינע יסורים און דער ביטערער עלענד האט ניט אבגעשוואכט פונדעסטוועגען די ליבע צו דער וויסענשאפט אויף איין זייט און די מורא פאר איהר אויף דער צווייטער. א טייל פון דער וויסענשאפט־פריינדליכער פארטיי האט זיך בעזעצט אין פערפיניאן, וואס האט געהערט צום קעניג פון דער אינזעל מאיארקא (Mallorca), וועלכער איז אפילו ניט געווען קיין אידען־פריינד און האט אליין בעפוילען צו פערברענען דעם תלמוד, אבער פונדעסטוועגען איז ער צופרידען געווען, וואס די אינדוסטריעלע אידען האבען זיך בעזעצט אין זיין לאנד, ווייל ער האט געוואוסט, דאס ער וועט פון זיי פיעל נוצען האבען. אבא־מרי און א טייל פון זיינע אנהענגער אין מאנפעליע, האבען זיך תחלת בעזעצט אין ארל, ווייל אבער אין יענער שטאדט איז פאר זיי אונמעגליך געווען לענגער צו פערבלייבען, האבען זיי זיך אריבערגעצויגען קיין פערפיניאן (יאנואר 1307). די געגנערישע פארטיי האט זיך אפילו משתדל געווען ביי'ם קעניג, אז מען זאל זיי ניט ערלויבען צו בעזעצען זיך דארט, אבער זייערע פריינד האבען בעקומען אן ערלויבניש צו בעזעצען זיך אין לאנד, און אט האט זיך באלד אנגעצונדען די מחלוקת פון דאס ניי. דער רשב"א און דער רא"ש האבען זיך ווידער אריינגעמישט אינ'ם ענין, בעזונדערס דער רא"ש, וועלכער האט ערקלערט, אז ער האט געגעבען זיין

אינטערעסירט אויפ'ן הרב, צו פערבאָטען לערנען די חכמות ביז פינף און צוואַנציג־יעהריגען עלטער, גאָר נישט ווילענדיג, וויל לויט זיין מיינונג האָט מען עס נישט געדאַרפט ערלויבען אפילו אויך עלטערען לייט. די וויסענשאַפט מוז לחלוטין פערבאָטען ווערען ביי אידען, וויל זי מוז פיהרען צו אפיקורסות. די פערטיידיגער פון דער וויסענשאַפט מוז מען פערוראורטיילען אהן קיין שום שוינונג, בפרט נאָך ווען מען זעהט, אַז דער גלות, וואָס זיי האָבען נאָר יאָם אריבערגעטראָגען, האָט אויף זיי נישט געמאַכט קיין שום איינדריק, נישט געבראָכען זייער עקשנות און געלאָזען זיי בלייבען ביי זייער זינד.

נאָכ'ן טויט פון רשב"א (1810), ווען דער רא"ש איז געבליבען דער איינציגער גדול הדור ביי די אידען אין שפאַניען און אין די אַרומיגע לענדער, האָט זיך פערשטאַרקט די פיינדליכע אַנשוויאונג פאַר דער וויסענשאַפט. דער רא"ש מיט זיינע זיהן און חברים האָבען געבראַכט פון דייטשלאַנד דעם גייסט פון אונטאָלעראַנץ און איבערגעטריבענער חסידות און פרישות, וועלכע בעטראַכט אויך די אונשולדיגסטע פרייד אין לעבען פאַר אַן עבירה; די געדריקטע שטימונג, די פערקנעכטונג, וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די דייטשע אידען אין מיטעלאַלטער, האָט מען פערפלאַנצט אויך אין פריהליכען שפאַניען און פערגיפטעט דאַדורך דאָס לעבען. די פאָעזיע און פאָרשונג האָבען געענדיגט מיט אַ לאַנגזאַמען טויט. דער רא"ש האָט אַרום זיך פערזאַמעלט די יוגענד און קאָנצענטרירט אַלע איהרע כחות אויפ'ן תלמוד. זיין הויפט־ווערק איז געוועזען זיין בעוואוסטער חבור אויפ'ן ש"ס. אין זיינע „פסקים" איז דער רא"ש געוועזען זעהר שטרענג (אַ מחמיר). ווען עמיץ האָט געוואָלט זיך אָבגעבען מיט דער וויסענשאַפט, האָט ער געמוזט דאָס טהון אונטער דער מאַסקע פון פרומקייט. אַזוי, למשל, האָט דער חכם רבי יצחק בן יוסף הישראלי II פון טאָלעדאָ געמוזט צוגעבען אַ הקדמה וועגען דער אמונה צו זיין ספר „יסוד־עולם" וועלכען ער האָט פערעפענטליכט (1310) וועגען אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק, דען נור מיט אַזאַ הקדמה האָט ער געקאָנט אויסנעהמען ביי'ם רא"ש.

גראָד אין דער צייט פון דער רבנות פון רא"ש אין טאָלעדאָ האָבען אייניגע אידען ווידער שטאַרק נושא חן געווען ביי'ם קעניג פערדינאַנד IV (1295—1312), וועלכער האָט דערהויבען דעם אידען שמואל פאַר אַ פינאַנץ־מיניסטער און אַ יועץ אין וויכטיגע פאָליטישע אַנגעלעגענהייטען. דעם קעניגס מוטער, מאַריאַ דע מאָלינאַ, האָט אָבער געהאַסט דעם דאָזיגען אידען, וועלכען זי האָט בעשולדיגט אין מאַכען אַ שנאה צווישען איהר און איהר זוהן. אין אַ געוויסען טאָג, ווען שמואל איז געווען אין באַיאַדאָץ, וואו ער האָט זיך געקליבען צו געהן מיט'ן קעניג קיין סעווילאַ, איז אויף איהם בעפאַלען אַ מערדער און אַזוי שווער פערוואונדערט איהם, אַז מען האָט איהם געהאַלטען פאַר טויט. ווער עס האָט

דעם מערדער אונטערגעשיקט, איז אונבעוואוסט געבליבען. דער קעניג האט אבער אזוי גוט געלאזט קורירען זיין בעליעבטען מיניסטער, אז ער איז ווידער געזונד געווארען. אויך די קעניגין-מוטער האט, נאכ'ן טויט פון איהר זוהן, דעם קעניג, אנגעטרויט די מלוכה-פינאנצען א אידישען מיניסטער, דאן משה (1313—1329).

צוליעב דער יוגענד פונ'ם פערשטארבענעם קעניג'ס זוהן איז געווען רעגענט אדער פערוואלטער איבער דער מלוכה זיין עלטער-פעטער דאן זשואן עמאנועל (1319—1325), וועלכער איז געווען א פריינד פון דער וויסענשאפט און אליין אויך שריפטשטעלער און דיכטער, און דערפאר האט ער זעהר געשעצט די געבילדעטע אידען. א גרויסער חשוב איז ביי איהם געווען א איד פון קארדאווא רבי יהודה בן יצחק אבן וואקאר, וועלכען ער האט, ווי עס שיינט, בעשטימט פאר א פינאנץ-מיניסטער. לויט זיין ביטע, האט דאן זשואן צוריקגעגעבען די רבנים דאס רעכט צו משפט'ן קרימינעלע פראצעסען צווישען אידען,— א רעכט, וועלכע די רעגענטין, מאריא דען מאלינא, האט ביי זיי צוגענומען. אבן-וואקאר איז געווען א פערעהרער פונ'ם רא"ש און אויך אזוי פרום ווי ער. איינמאל האט א געוויסער איד אין קארדאווא ארויסגעזאגט א גאטעס-לעסטערונג אויף אראביש. אבן-וואקאר האט געפרעגט ביי'ם רא"ש, ווי אזוי מען זאל דעם מענשען בעשטראפען, און דער רא"ש האט געהייסען, מען זאל איהם די צונג אויסשניידען. די דאזיגע שטראף איז אויסגעפיהרט געווארען.— א געוויסע שענע אידישע פרוי האט זיך פערליעבט אין א קריסט און געהאט פון איהם א קינד. דער רעגענט דאן זשואן האט איבערגעלאזען דעם אידישען געריכט דאס רעכט צו בעשטראפען איהר. דאן האט רבי יצחק אבן-וואקאר געפסקנ'ט, אז מען זאל איהר די נאז אבשניידען. דער רא"ש האט מסכים געווען אויפ'ן אורטייל, וועלכער וועט ברענגען דערצו, אז די שענע פרוי וועט נמאס ווערען דעם קריסט".

די דרום-שפאנישע, אדער קאסטיליאנישע אידישע קהלות האבען נאך פארלויפיג געלעבט רוהיג און אונגעשטערט אין זייערע גיטער; דאגעגען אין צפון-שפאניען און בפרט אין דרום-פראנקרייך פלעגען אויף די אידען אפט אנפאלען די פאזאטישע מחנות פון צעבושעוועטען המון, וועלכע די גלחים האבען אויף זיי אויפגערייצט אזוי, אז זיי האבען דערנאך שוין אליין זיי נישט געקאנט איינהאלטען אין זייערע ווילדקייטען און רציחות. אין פראנקרייך האבען, נעמליך, אידען געוואהנט ווידער. פיליפ דעם שענעמ'ס זוהן, לודוויג דער צעהנטער, האט זיי צוריקגערופען אין זיין לאנד נאך יאהר נאכ'ן גירוש (1315). דער דאזיגער קעניג האט זיך גענומען איבערמאכען אלע בעפעהלען פון זיין פאטער און געשטעלט פאר'ן געריכט דעם פאטער'ס יועצים; די פריצים און דאס פאלק, וועלכע האבען נישט געקאנט אויסקומען אהן די אידען, האבען געבעטען דעם קעניג, אז ער זאל זיי צוריק ארייננברענגען אין לאנד. די אידען האבען אבער שוין גוט

גע׳קענט די אונבעשטענדיגקייט פון די פראנצויזישע מלכים און האבען זיך דעריבער נישט געאיילט אריינציציהען זיך צוריק אין פראנקרייך. זיי האבען געשטעלט דעם קעניג פאלגענדע בעדינגונגען: 1) זיי זאלען זיך קאנען בעזעצען אין יענע ערטער, וואו זיי האבען פריהער געוואהנט; 2) מען זאל זיי נישט שטעלען פאר'ן געריכט פאר פריהערדיגע בעשולדיגונגען; 3) זייערע שוהלען, בית-עלמינ'ס און ספרים זאל מען זיי צוריק אפגעבען, אדער וועניגסטענס פלעצער אויפצובויען נייע שוהלען; 4) האבען דאס רעכט איינצומאהנען זייערע פריהערדיגע חובות, פון וועלכע עס האבען געברויכט צו געהערען צוויי דריטעל דעם קעניג און, ענדליך, 5) צוריקגעבען זייערע פריהערדיגע פריווילעגיעס. דער קעניג לודוויג האט די אלע בעדינגונגען אנגענומען און ערלויבט די אידען אויך פריי צו בעוועגען זיך אין גאנצען לאנד מיט נאר קליינע בעגרענצונגען. כדי אבער נישט אויפצורייצען די גלחים, האט דער קעניג געפאדערט, אז די אידען זאלען איינשטימען צו טראגען א געוויסען צייכען אויף זייערע קליידער. דעריבער האט מען בעשטימט צוויי הויכע בעאמטע, וועלכע האבען געדארפט רעגולירען אלע ענינים פון די צוריקוואנדערנדע אידען. דאס בעזעצען זיך אין פראנקרייך איז זיי אבער ערלויבט געווארען נאר דערווייל, אויף א משך פון צוועלף יאהר, און אויב דער קעניג זאל וועלען שפעטער זיי הייסען זיך צוריק ארויסציהען פון לאנד, איז ער מחויב מיט א יאהר פריהער זיי מודיע זיין וועגען דעם, כדי זיי זאלען האבען גענוג צייט איינצואָרדנען זייערע עסקים. באלד נאכדעם האט דער קעניג פערעפענטליכט א דעקרעט, אין וועלכען ער האט ערקלערט פאלגענדעס: דער קעניג, זיין פאטער האט זיך געלאזט פערפיהרען דורך שלעכטע יועצים און ארויסגעטריבען די אידען פון פראנקרייך; דאס פאלק אבער פערלאנגט, אז מען זאל די אידען צוריק אריינלאזען אין לאנד, אזוי די קירכע איז אויך טאלעראנט צו אידען, ער וויל דעריבער געהן אין די וועגען פון זיין עלטער-זיידען, לודוויג דעם הייליגען, וועלכער האט די אידען צוריק אריינגעלאזען אין פראנקרייך, נאכדעם ווי ער האט זיי פון דארט ארויסגעטריבען. די פראנצויזישע אידען האבען בעטראכט די זאך, ווי אנ'אמת'ע ישועה און האבען פון אלע זייטען זיך געלאזען צוריק אין זייער אלטע היים. ווען לודוויג X איז מיט א יאהר שפעטער געשטארבען און זיין ברודער פיליפ V, דער לאנגער, איז קעניג געווארען, האט ער די אידישע פריווילעגיעס פערגרעסערט און געשיצט זיי בעזונדערס פון די אנפאלען מצד די גלחים, ערקלערענדיג, אז נאר דער קעניג אליין האט דאס רעכט צו מישען זיך אין די אידישע ענינים, ווי אויך איז אלץ, וואס בעציהט זיך אויף זייערע ספרים. אינגאנצען האבען זיך אבער די אידען נישט בעפרייט פון די גלחים. אין טולוזא האבען זיי געלאזט פערברענען צוויי וואגענס בעלאדען מיט מסכתות פון תלמוד. אויך פון המון איז אויסגעקומען גאנץ אפט צו ליידען. דאס איז אבער געווען בלויז א קינדער-שפיעל געגען די צרות וואס האבען זיך אנגעהויבען.

פיליפ דער פינפטער האט זיך פלוצלונג בעשלאסען אונטערצונעהמען ווידער א קרייצצוג, כדי אבצונעהמען דאס הייליגע לאנד ביי די אראבער, נאכדעם ווי מען האט אין א משך פון צוויי יאהרהונדערט געמאכט פיעל אומזיסטע פראבעס דאס צו טהון. פאר די, וועלכע עס האבען אין דער זאך קלאר געזעהען, איז דער ענין אויסגעקומען זעהר משונה'דיג. אפילו דער פויפסט יאהאן XXII — דער צווייטער פויפסט, וועלכער האט געהאט זיין רעזידענץ אין אוויניאן, אנשטאט רוים—אפילו ער האט איהם אויך דערפון אבגעשלאגען. פונדעסטוועגען האט דער דאזיגער געדאנק באלד אויפגעפלאמט דאס פאלק, ווי נאר מען האט זיך וועגען איהם דערוואוסט. איין יונגער פאסטוך האט דערצעהלט, אז ער האט בעמערקט א טויב, וואס האט זיך אראבגעלאזען צו איהם אויפ'ן קאפ, און ווען ער האט די טויב געוואלט חאפען, האט זי זיך פערוואנדעלט אין א שענע יונגפרוי, וועלכע האט איהם געבעטען, אז ער זאל זאמלען קרייצפאהרער, צוזאגענדיג איהם א זיכערען נצחון פאר די קריסטען. דאס פאנאטישע פאלק האט געהערט און געגלויבט אין דער דאזיגער מעשה. א פערברעכערישער גלח און אנ'ארויסגעטריבענער פון קלויסטער בענעדיקטינער מאנאך האבען אויסגענוצט די געלעגענהייט, כדי ווידער דערהויבען צו ווערען, און אזוי ארום האט זיך פערזאמעלט אין פראנקרייך (1320) א גרויסע מחנה פון פיערציג טויזענד פאסטוכער (Pastoureaux), וועלכע זענען געגאנגען אין פראצעסיעס פון שטאדט צו שטאדט און ערקלערט, אז זיי ווילען געהען קיין פאלעסטינא צו בעפרייען דעם הייליגען קבר פון די מחמד'אנער.

און קודם-כל האבען זיך די נייע קרייצפאהרער ווידער גענומען צו די אידען. די שרעקליכע שחיטות, וואס די „פאסטוכער" האבען געמאכט צווישען די אידען, זענען בעקאנט אונטער'ן נאמען „גזרת הרועים". די מחנות פון די פאסטוכער, וועלכע האבען זיך פערזאמעלט נעבען אזשאן (Agen), אויפ'ן טייך גאראנא, האבען אויף זייער גאנצען וועג צו טולוזא אויסגעהרג'עט אלע אידען, וועלכע זיי האבען בעגעגענט, אויב נאר יענע האבען זיך אבגעזאגט צו שמד'ן זיך. פינף הונדערט אידען האבען זיך פערשלאסען אין דער פעסטונג ווערדען (Verdun). די פאסטוכער האבען אנגעהויבען שטורמען אויף דער פעסטונג; די אידען האבען זיך פערטיידיגט, ווי פערצווייפעלטע. לסוף האבען די פאסטוכער זיי אונטערגעצונדען. דאן האבען די אידען בעשלאסען אויסצושחט'ן איינער דעם אנדערען. די אונגליקליכע האבען אויסגעקליבען צווישען זיך דעם אנגעזעהענסטען און עלטסטען צווישען זיי, אז ער זאל זיי אלעמען אויסשחט'ן. דער אלטער מאן האט זיך גענומען פאר א געהילף צו דער שרעקליכער אויפגאבע א יונגען מאן און ביידע האבען זיך גענומען אויסשחט'ן אלעמען. ווען דער יונגער מאן האט ענדליך דעם אלטען דער'שחט'ן, האט איהם אנגענומען א חשק צו לעבען און ער האט ערקלערט די בעלאגערער, אז ער איז גרייט צו שמד'ן זיך. די פאסטוכער האבען איהם אבער צוריסען

אויף שטיקער. די אידישע קינדער, וועלכע די פאסטוכער האבען דארט נאך געפונען לעבעדיג, האבען זיי מיט געוואלד אבגעשמד'ט.

דער גובערנאטאר פון טולוזא האט זיך אפילו יא אנגענומען פאר די אידען און האט געשיקט בעטען די ריטער, אז זיי זאלען נעהמען געגען די פאסטוכער. פיעל פאסטוכער האט מען טאקי אויך איינגעשמידט אין קייטען און געווארפען אין טורמע. אבער דער המון האט סימפאטיזירט מיט די פאסטוכער און האט זיי בעפרייט, דערביי האט מען אויסגעהרג'עט א גרויסען טייל פון דער טולוזער קהלה. אזוי זענען אויסגעהרג'עט געווארען אלע אידען אין די קהלות ארום בארדא, גאסקאני, טולוזא, אלבי און אין אנדערע שטעדט פון דרום-פראנקרייך. בסך-הכל האבען די פאסטוכער חרוב געמאכט און אויסגעהרג'עט הונדערט און צוואנציג אידישע קהלות אין פראנקרייך און צפון-שפאניען; די איבריגע קהלות זענען דורך דעם בעראבעווען זיי אזוי פערארעמט געווארען, אז זיי האבען געמוזט אנקומען צו די פרעמדע קהלות נאך שטיצע, כדי נישט אומצוקומען אין הונגער. די דייטשע אידען ווי אויך די גאנץ געבליבענע פראנצויזישע האבען זיך זעהר ווארעם אבגערופען אויפ'ן הילף-געשריי פון זייערע ברידער און געשיקט זיי שטיצע מיט א פולער האנד.

אויך דאס פאלגענדע יאהר איז געווען אן אונגליקליכעס פאר די אידען, צוערשט ווידער אין פראנקרייך. די געלעגענהייט צו די נייע שחיטות און אנפאלען האבען געגעבען די „מצורעים“ (קרעציגע). די דאזיגע אונגליקליכע פלעגט מען אין מיטעלאלטער ארויסשטויסען פון דער געזעלשאפט; בירגערליך פלעגט מען זיי ערקלערען פאר טויטע און האלטען זיי אין א בעזונדערען שטאדט-טייל איינגעשלאסען, שיקענדיג זיי אהין עלענד-ברויט און וואסער. איינמאל האט מען אין דער געגענד גיען (Guienne) זיי געבראכט צו גרויסער אויפרעגונג דאדורך, וואס מען האט געשיקט ווייניג שפייז. די קרעציגע האבען דארום בעשלאסען צו נעהמען נקמה און געווארפען סם אין די ברונעמס און טייכען. פיעל מענשען זענען דארום אומגעקומען (1321). ווען מען האט זיך דערפון דערוואוסט און געצוואונגען די קרעציגע דורך גרויסע יסורים זיך מודה צו זיין אין זייער פערברעכען, האט איינער פון זיי ערקלערט, אז דעם פלאן צו פער'סמ'ען די וואסערען האבען איהם געגעבען די אידען.

ווי קלאר עס איז געווען, אז דאס איז א שענדליכער ליגען, האט מען דאך דערין געגלויבט און אפילו דער קעניג פיליפ V האט דאס געגלויבט. איניגע האבען פערשפרייט א קלאנג, אז די אידען האבען געוואלט נקמה נעהמען פון די קריסטען פאר די שחיטות פונ'ם פערגאנגענעם יאהר מצד די פאסטוכער; אנדערע ווידער האבען דערצעהלט, אז דער מחמד'אנישער קעניג פון גראנאדא האט אונטערגעקויפט די אידען, אז זיי זאלען פער'סמ'ען און אויסטויטען די קריסטען; עס האבען זיך אויך געפונען אזעלכע, וואס האבען דערצעהלט, אז די אידען האבען געמאכט יד-אחת

מיט די מחמד'אנער פון ארץ־ישראל, כדי אבצוהאלטען דורך די מגפות דעם פראנצויזישען קעניג פון דעם קרייצצוג, וועלכען ער וויל אונטערנעהמען. אין פיעל ערטער האט מען גאר אונשולדיגע אידען גענומען געפאנגען און אכזריות'דיג געפייניגט, אדער פערברענט (תמוז 1321). אין שינאן (Chinon) האט מען אויסגעגראבען א טיעפע גרוב, געמאכט דארט א גרויס פייער און אריינגעווארפען אהין אכט אידען, מענער און פרויען, וועלכע האבען בשעת מעשה געזונגען הויך הייליגע תפלות. די מוטערס האבען זייערע קינדער פריהער אליין אריינגעווארפען אין פייער, כדי מען זאל זיי נישט אבשמד'ן מיט געוואלד נאך זייער טויט. ווי מען דערצעהלט, זענען דאמאלס פערברענט געווארען על קדוש השם פינף טויזענד אידען. דער קעניג פיליפ האט זיך אפילו שפעטער איבערצייגט, ווי פאלש די בעשולדיגונג איז געוועזען, אבער קוים האט מען די אידען אנגעקלאגט, האט שוין די קעניגליכע קאסע געדארפט האבען דערפון איהר נוצען. דאס פארלאמענט האט דעריבער פער'משפט די אידישע קהלות צו בעצאהלען שטראף הונדערט און פופציג טויזענד פארייזער פונט, און די דאזיגע געוואלדיג גרויסע סומע פאר יענער צייט, האבען די אידען געדארפט אליין איינטיילען דאס אויפמאהנען צווישען אלע קהלות.

אין דעם זעלביגען יאהר (1321) האט אויך איבערגעלעבט א גרויסע סכנה די עלטסטע אידישע קהלה, די רוימישע. די דאזיגע סכנה איז געוועזען בעזונדערס שרעקליך נאך דערמיט, וואס זי איז געקומען גאר אונערווארטעט, דען די אידען אין רוים האבען אין די ערגסטע צייטען געלעבט שטענדיג רוהיג. אין יענער צייט האט רוים געהאט ארויסגעווארפען פון זיך די מאכט פונ'ם פויפסט, וועלכער האט זיך אריבערגעצויגען מיט זיין גאנצען גלחישען הויף קיין אוויניאן, און די פירשטליכע משפחות קאלאנא און ארסיני האטען דארט געפיהרט זייערע סכסוכים און מחלוקת פאר דער הערשאפט. די אידען האבען זיך דעריבער בעפרייט פונ'ם שווערען איינפלוס פון די גלחים און לייכטער אבגעאטעמט, און האבען זיך זעהר עטוויקעלט אין מאטעריעל אי גייסטיג. פיעל אידען אין רוים האבען זיך געהאט אויסגעבויט גרויסע פאלאצען מיט אלערליי בעקוועמליכקייטען. וויסענשאפט און דיכטונג זענען ביי זיי זעהר בעליעבט געווארען. די זריעה, וואס עס האבען דארט פערזייהעט דער אבן־עזרא, רבי הלל פון וועראנא און רבי זרחיה בן שאלתיאל, האבען אנגעהויבען בחשגען שענע פרוכטען, וועהרענד אין חרום־פראנקרייך האט דער אידישער גייסט זיך געמוזט אבשטעלען אין זיין ענטוויקלונג, טיילווייז צוליעב די רדיפות מצד די פרומע אידען, טיילווייז צוליעב די שחיטות, האבען די אידען אין איטאליען זיך אנגעהויבען שטארק צו ענטוויקלען, בעזונדערס אין רוים.

אין יענער צייט האבען זיך גראדע בעוויזען אין איטאליען די ערשטע שטראהלען פון א נייער אויפגעהענדער קולטור,—שטראהלען, וואס

האבען געדארפט דורכברעכען די געדיכטע וואלקענס פון מיטעלאלטער, וואס עס האבען געבראכט די פויפסטען מיט זייערע גלחים, ווי אויך די ווילדע, גראבע מאכט פון וועלטליכען דעספאטיזם. אין אנפאנג פונ'ם פערצעהנטען יאהרהונדערט, אין דער עפאכע פונ'ם דיכטער דאנטע, האט אין איטאליען אנגעהויבען בלאזען א פריש ווינטעל, וועלכער האט געדארפט זיך שפעטער פערשטארקען און אומווארפען די מאכט פון דער קירכע אזוי פון די ווילדע ריטער מיט די דעספאטישע פירשטען. דער בירגער האט אנגעהויבען פערלאנגען זיינע רעכט, דאס פאלק האט אנגעהויבען שטרעבען נאך פרייהייט, עס האט זיך בעוויזען א התלהבות'דיגע ליבע פאר וויסענשאפט און קונסט. מיט איין ווארט: עס האבען זיך בעוויזען אלע סימנים פון א נייעם גייסט, פון א פערייונגונג און אויפלעבונג, וועלכען עס האבען ניט בעמערקט נור דער פויפסט, אלס דער פארשטעהער פון דער פערשטיינערטער קירכע, און דער דייטשער קייזער—דער פארשטעהער פון דער גראבער פויסט=מאכט פון די ריטער. פאר די אידען איז אזא צייט געווען זעהר גינסטיג. איינער פון די מעכטיגסטע איטאליענישע פירשטען, קעניג פון נעאפאל, גראף פון פראוואנס, גענעראל = וויקאר (הויפט=מנהיג) פונ'ם פויפסט'ס מדינה און, לויט זיין נאמען אויך פאר א לאנגע צייט הויפט=רעגענט (Verweser) פון דער דייטש=רוימישער מלוכה, ראבערט פון אנזשאו, א פריינד פון די וויסענשאפטען, איז אויך געווען א ווארעמער פערעהרער פון דער אידישער ליטעראטור און דאדורך אויך א בעשיצער פון די אידען. לעאנע ראמאנא אדער, ווי ער האט געהייסען ביי אידען: רבי יהודה גור אריה ברבי משה, איז געווען זיין לעהרער אין העברעאיש. רבי יהודה האט גוט פערשטאנען לאטייניש און איז געווען דער ערשטער איד, וועלכער האט זיך אנגעהויבען בעציהען אויפמערקזאם צו דער סכאלאסטישער פילאזאפיע פון די דאמיניקאנער. ער האט אויך איבערזעצט פאר די אידישע לעזער די פילאזאפישע ווערק פון אלבערטוס דעם גרויסען און תאמאש פון אקווינא.— אויפ'ן פערלאנג פון קעניג ראבערט האט דער אידישער געלעהרטער רבי שמריה איקריטי (פון דער אינזעל קרעטא) אנגעשריבען א פירוש אויפ'ן תנ"ך, וועלכען ער האט צוגעטראגען דעם קעניג מיט אזא ווידמונג: „אונזער ערהאבענעם קעניג ראבערט, וועלכער איז בעצירט ווי שלמה המלך מיט דער קרוין פון חכמה און דעם דיאדעם פון מלוכה, שיק איך דעם דאזיגען פירוש פון ספר „בראשית" און פון שיר השירים".

בשעת דער קעניג ראבערט האט פערבראכט א געוויסע צייט אין דרום=פראנקרייך האט ער זיך בעקענט מיט א געלעהרטען אידען, א טאלענטירטען סאטיריקער, רבי קלונימוס בן קלונימוס, און גענומען איהם צו זיך אויף א שטעלע. דעם דאזיגען ביישפיעל פון קעניג האבען באלד נאכגעטהון פיעל איטאליענישע אידען, עשירים, וואס האבען געפיהרט א פירשטליך לעבען און אין יעדער הינזיכט געוואלט פיהרען

זיך, ווי די איטאליענישע פירשטען: אויך זיי האבען אנגעהויבען ארום־צורינגלען זיך מיט אידישע שריפטשטעלער, געגעבען זיי אלע זייערע בע־דערפנישען און ממילא אויך די מעגליכקייט אבצוגעבען זיך אינגאנצען מיט זייער קולטורעלער טעטיגקייט. מעגליך, אז די אידישע עשירים האבען דערין נישט בלויז נאכגעטהון דעם קעניג, נאר זיי האבען טאקי באמת ליעב געהאט די וויסענשאפט און געשטרעבט צו ענטוויקלען זי דורכ'ן שטיצען די אידישע תלמידי־חכמים.

אין אט דער לערך רוהיגער צייט פאר די אידען אין רוים און אין איטאליען האבען זיך דארט בעוויזען צוויי אידישע סאטיריקער, וועלכע האבען קינסטלעריש אין לייכטע שפיעל־ווערק געגעבען א געטריי, ליכטיג בילד פון זייער צייט. איינער פון זיי איז געווען דער נור וואס דערמאנטער רבי קלונימוס, וועלכער איז שוין פריהער געווען א לענגערע צייט אין רוים, כאטש ער איז געווען א פראוואנסאלער; דער צווייטער איז געווען א גע־בוירענער פון רוים און האט דאס גליק געהאט צו זיין אנגענומען את'ם קרייז פונ'ם איטאליענישען דיכטער דאנטע; דאס איז געווען עמנואל בן שלמה. רבי קלונימוס בן קלונימוס (געבוירען 1284 גע־שטארבען פאר 1337) איז געווען, ווי דערמאנט, זעהר געלערנט און כאטש ער איז געווען א פראוואנסאלער, האט ער גוט געקענט אראביש און אי־בערזעצט שוין אין דער יוגענד (1307—1313) מעדיצינישע, אסטראנאמי־שע און פילאזאפישע ווערק פון אראביש אין העברעאיש. רבי קלונימוס איז אבער געווען נישט בלויז איבערזעצער, נור ער האט געהאט גענוג גייסט צו מאכען אויך אייניגע בעטראכטונגען אין דער וויסענשאפט. לא־זענדיג אן א זייט דאס געביט פון מעטאפיזיק, האט ער זיך בעשעפטיגט מעהר מיט דער רייניגער מאראל, וועלכע ער האט בעזונדערס געשטרעבט קלאר צו מאכען די אידען, „וויל דאס פערנאכלעסיגען די ריינע מאראל (מוסר) פיהרט דעם מענשען צו אלערליי עבירות און ברענגט שאדען איהם אליין, ווי אויך די ארומיגע מענשען". ער האט אבער די מאראל נישט בעארבייט טרוקען דורך דרשות, אדער מוסר זאגען, נור ער האט בעשאפען פאר איהר א שענע פארם, כדי צו מאכען איהר אנציהענד. אין זיין ווערק „אבן בוחן" האט ער בעשאפען פאר די אידישע לעזער פון זיין צייט א שפיגעל, אין וועלכען זיי האבען געקאנט זעהען אלע זייערע פעהלערען. כדי אבער ער זאל נישט מאכען דעם איינדרוק פון איינעם, וואס זאגט נור מוסר דעם אנדערען, רעכענט ער אוים זיינע אייגענע זינד, — א מין „על־חטא", וועלכער איז אבער פיעל ענהליכער צו א סאטירע, איי־דער צו א ודוי. טיילמאל טרייבט איהם דער וויץ צו בעריהרען אפילו די גרויסע צאהל מצוות און קלאגט זיך, פארוואס איז ער בעסער נישט גע־בוירען געווארען א נקבה און וואלט אזוי ארום נישט ברויכען צו טרא־גען אויף זיך דעם יאך פון זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצוות און נאך דערצו תלמודישע תקנות, גזרות און חומרות אהן א צאהל. ווען ער וואלט א נקבה געווען, ווינצעלט ער זיך, א אשה חשובה, וואלט ער זיך נישט

געברוכט צו מאטערען איבער אזוי פיעל תורה און לומדות: תנ"ך, תלמוד און פירושים, ספרא, ספרי און תוספתא און נאך פיעל ספרים; ער וואלט אויך פערשפארט צו שטודירען לאגיק, מאטעמאטיק, פיזיק, אסטראנאמיע און פילאזאפיע. ווייטער געהט אבער די סאטירע ביי איהם איבער אין א ביטערע איראניע און ערנסטקייט, ווען ער רעדט וועגען די פרנסים און רבנים. ער פערגעסט אויך נישט אן דעם פראסטען המון, וועלכער איז ארייננעטהון מיט לייב און לעבען אין תאוות אז"וו. ענדליך אבער ווערט פון זיין סאטירע גאר א קינה, ווען ער דערמאנט זיך אן דער שרעקליכער צייט פון „די פאסטוכער און די קרעציגע", ווען דאס אידישע בלוט האט זיך ווי וואסער געגאסען.— קומענדיג קיין רוים, האט רבי קלונימוס מיט זיך געבראכט רעקאמענדאציאנס-בריף פון'ם קעניג ראבערט און ער איז אויפגענומען געווארען אין א פרעהליכען, לעבענס-לוסטיגען קרייז, וואו מען האט איהם אויפגעגעבען די אידעע צו שרייבען א פאראדיע, און אט האט ער מחבר געווען די „מסכת פורים", וואו ער האט קאפירט דעם תלמוד מיט זיינע קשיות, ענטפערען און שארפע המצאות אויף א העכסט וויציגען אופן.

פיעל בעגאבטער פאר איהם און מיט א פיעל מעהר ענטוויקעלטער פאנטאזיע איז געווען זיין עלטערער פריינד עמנואל בן שלמה (איש רומי) (געבוירען 1265, געשטארבען 1330). זיין ערשיינען אין מיטעלאלטער איז כמעט אנ'אמת'ע וואונדער-זאך. ער האט געהערט צו יענע שריפטשטעלער, וועלכע זענען אפילו נישט איבריג פרום און ציכטיג, וועלכע שרייבען אבער זעהר שען און אנציהענד. גייסטרייך, וויציג און בייסענד, שמידעט ער צו זיך צו זיינע לעזער און דערוועקט ביי זיי א לוסטיג געלעכטער. מען קאן עמנואל'ן אנרופען „דעם אידישען היינע פון מיטעלאלטער". עמנואל האט געהאט א גרויסע עשירות פון זעלטענע איינפאלען, וועלכע האבען געפלאסען פון זיין פעדער אין דער רעכטער צייט און דערצו נאך אין דער אלטער שפראך פון די נביאים און תהלים-זינגער! די דאזיגע שפראך האבען אפילו שוין פיעל דיכטער פאר איהם זעהר גוט בעארבייט, אבער קיינער פון זיי איז נישט געווען אזא קינסטלער, ווי ער, צו שילדערען אין איהר גאנצע גארבען גליהענדע פונקען פון וויץ און גייסט. אבער אויב ער האט פון איין זייט געגעבען דער העברעאישער שפראך א זעלטענע לייכטקייט און יוגענד, האט ער אבער פון איהר ארונטערגעריסען איהר הייליגען שלייער: פון א צנועה און אנ'ערנסטער אידישער עקרת הבית (מאטראנא) איז זי ביי איהם געווארען א לייכטזיניגע טענצערין, וועלכע מאכט חנ'דלעך מיט אלע פארבייגעהער. די אנציהענדסטע זאכען פאר דער יוגענד שילדערט ער אין זייער נאטירליכער נאקעטקייט, אהן קיין שום בושה. זיינע שירים און נאוועלען האבען דעריבער מאראליש געקאנט ווירקען זעהר פערדערבליך אויף דער היים בלוטיגער יוגענד. דערביי איז ער אליין אבער כלל נישט געווען קיין היים-בלוטיגער בעל-תאוה, ווי מען וואלט געקאנט מיינען נאך זיינע שירים, א מענש, וואס וואלט נאר האבען

געטראכט וועגען פערפיהרען שענע פרויען און אבשפאטען פון די נישט שענע. ער האט געזינדיגט נאר מיט דער צונג און מיט דער פעדער, אבער נישט מיט'ן הארצען און געפיהלען.— אויב ער הויבט אן אפטמאל גוזמאות'דיג זיך אליין צו לויבען, דארף מען אבער גלויבען אויך זיין איינפאכע שילדערונג וועגען זיין זיטליך לעבען, ווען ער שרייבט „אז אן זיינע שונאים האט ער קיינמאל קיין נקמה נישט גענומען, זיינע פריינד איז ער תמיד געבליבען געטריי, פאר זיינע בעלי-טובות איז ער געוועזען דאנקבאר און איז געווען מיטלײדיג מיט די ארעמע לייט, נישט שטאלץ מיט זיין קענטניש, און האט פערבראכט זיין לעבען אין דער בעשעפטיגונג מיט דער וויסענשאפט און פאעזיע, וועהרענד זיינע חברים האבען געלעבט א גוטען טאג“.

דאס מערקווירדיגסטע אינ'ם דאזיגען סאטיריקער איז געווען, וואס צווישען זיין לעבען, זיין צושטאנד און בעשעפטיגונג מיט זיין דיכטונג איז געווען א גרויסע סתירה. אין דער רוימישער קהלה האט ער פערנומען זעהר אנ'אנגעזעהענעם ארט, ער איז שיער נישט געווען א פרנס פון דער קהלה, אלענפאלס זעהר אנגעזעהען ביי אלעמען, ווי עס שיינט, האט ער זיך בעשעפטיגט מיט דער מעדיצין, האטש ער לאכט אב פון אלע מעדיקער מיט זייערע רפואות. ער איז געווען א גרויסער למדן און האט געגלויבט, אז אין יעדען ווארט פון דער תורה זענען בעהאלטען סודות און רמזים, ער האט אויך געפיהרט א פרום פאמיליען-לעבען, ווייט פון יעדער אויסגעלאסענהייט—און ביי אלעם דעם האט ער געזונגען אויסגעלאסענע ליעדער און געווירצעלט זיך אזוי, אז עס האט זיך געקאנט דאכטען, דאס ער נעמט כלל נישט ערנסט נישט די תורה נישט די רעליגיע, נישט דעם יחוס, נישט דאס פרומע פאמיליען-לעבען.

מיט'ן גרעסטען דיכטער פון מיטעלאלטער, וועלכער האט דער ערשטער געעפענט די טהירען אין איירפא פאר דער נייער עפאכע און פאעטיש געשילדערט די אחדות פון איטאליען,— מיט דאנטען איז עמנואל געווען בעפריינדעט און אלענפאלס גוט בעקאנט. און כאטש זייערע דיכטונגען זענען הימעל-ווייט איינע פון דער אנדערער, וויבאלד דאנטע איז געווען ערנסט, ערהאבען און ספיריטועל, וועהרענד עמנואל איז געווען לוסטיג, שטיפעריש לייכט און טיילמאל גראב, פונדעסטוועגען האבען דאך ביידע דיכטער געהאט פיעל געמיינזאמעס. ביידע האבען אין זיך איינגעזאפט דעם גאנצען בילדונגס-מאטעריאל פון דער פערגאנגענהייט: דאנטע—די קריסטליכע, סכאלאסטישע און ראמאנטישע עלעמענטען, און עמנואל—די תנ"כ'יש-תלמודישע, די מיימוניש-פילאזאפישע און די נייע העברעאישע. ביידע האבען דעם דאזיגען רייכען און פערשידענארטיגען מאטעריאל ארגאניש בעארבייט אין א נייער דיכטונגס-פארם. אין איטאליען איז דאמאלס די גאנצע אטמאספערע פול געווען מיט פאעזיע און שטרעבונג צום דיכטען, און עמנואל איז געוועקט געווארען דורכ'ן אלגעמיינעם פריהלינג. עמנואל האט געקענט אויך גוט איטאליעניש, ווי מען

קאן עס זעהען פון א שען געדיכט, וואס איז געבליבען נאך גאנץ פון איהם אין איטאליעניש. ער האט דער ערשטער אריבערגעטראגען די איטאליענישע דיכטונגס-פארמען אין העברעאיש. ער האט געדיכטעט זעהר פיעל קליינע נאוועלען, וויציגע „פראגען און ענטפערען", דאנק-בריעף, רעדען און הספדים, וועלכע האבען אפט דורך דער קאמישער סיטואציע געצוואונגען אויך דעם העכסט ערנסטען מענשען הארציג צו לאכען.— אין איינער פון זיינע נאוועלען שילדערט ער א בעל-מדקדק (גראמאטיקער) פון העברעאיש, וועלכער איז מיט לייב און לעבען פערטהון אין די טיעפע פלפולים וועגען א דגש; און אט ביי דעם גראמאטיקער פרעגט ער: וואס טראכט מעלתו וועגען א שען מיידעל?"— און דא הויבט זיך אן א טיפער וכוח: איינער רעדט וועגען דעם דגש און דער אנדערער וועגען דאס שען מיידעל. עמנואל האט די מפלה אין דקדוק, ער בלייבט אבער דער מנצח ביי'ם שענעם מיידעל.

פול מיט פיינער סאטירע איז עמנואל'ס בעשרייבונג פון גיהנום און גן-עדן, אין וועלכער ער האט נאכגעמאכט דעם דיכטער דאנטע. אבער וועהרענד דאנטען ווייזט ארויס ערנסטקייט און ערהאבענהייט אין זיין פאעטישער שאפונג און לאזט פייניגען אין גיהנום זינדיגע און פערברעכער, פאליטישע געגנער און פיינד פון איטאליען, קארדינאלען און פויפסטען, און אזוי ארום זאגט ער ארויס אין א געוויסער מאס זיין אורטייל איבער דער ארומיגער סביבה, נוצט אויס עמנואל דעם גיהנום און גן-עדן נאר פאר זיין לייכטער סאטירע און אבשפאטונגען. דאנטע האט געדיכטעט א געטליכע קאמעדיע, עמנואל — א מענשליכע. אין פראלאג צו „גיהנום-און גן-עדן-רייזען" („התופת והעדן") דערצעהלט עמנואל, אז אויף דער עלטער איז אויף איהם געפאלען אנ'אימה, ווען ער האט זיך דערמאנט, אז גאט קאן איהם רופען פלוצלונג צו זיך אויפ'ן געריכט, ווערענד ער איז אזוי זינדיג און פערזונקען אינ'ם „זומפ פון לעבען". פערטראכט אין די דאזיגע טרויעריגע געדאנקען, האט ער פלוצלונג דערזעהען פאר זיך זיין יונגען פריינד דניאל, וועלכער איז מיט א קורצער צייט פאר דעם געשטארבען. יענער האט זיך אויסגערופען צו פיהרען איהם, עמנואל'ן, איבער די קאזעמאטען פון גיהנום, וואו די רשעים ווערען געפייניגט פאר זייערע זינד, און אין גן-עדן, וואו די צדיקים געניסען אין די בליהענדע פעלדער דאס העכסטע גליק אלס בעלוינונג פאר זייערע מעשים-טובים. אין גיהנום האט עמנואל דערזעהען אלע רשעים, וועלכע ווערען דערמאנט אין תנ"ך, פון די מענשען פון סדום ועמורה ביז המן בן המדתא, ווי אויך דעם גריכישען פילאזאף אריסטאטעל, „ווייל ער האט געלערנט, אז די וועלט האט עקזיסטירט פון אייביג אן און איז נישט בעשאפען געווארען אין א געוויסען מאמענט דורך גאט", און דעם פילאזאף פלאטא האט ער געזעהען אין גיהנום, „ווייל ער האט אנערקענט די ווירקליכקייט פון דעם בעגריף וועגען די פערשידענע מינים אין דער נאטור"; ער האט אויך געזעהען דארט אפאקראט, וועלכען מען האט געשטראפט מיט פייניגונגען דער-

פאר, וואס „ער האט קיינעם נישט געוואלט ענטדעקען זיין מעדיצינישע חכמה“.— אמערגסטען קומען אבער אב אין גיהנום די מענשען, וועלכע פערראכטען די וויסענשאפט. ער האט דארט געזעהען א תלמודיסט, וועל־כער האט אויף דער וועלט געטראגען דעם נאמען רבי, וועהרענד ער איז געווען א העכסט אונמאראלישער מענש; שריפטשטעלער האט ער דארט געזעהען, וועלכע מען האט אנגעטהון געוואלדיגע יסורים דערפאר, וואס זיי האבען „געגנב'עט פרעמדע געדאנקען“, ווי אויך אידען, וואס „האבען געשטרעבט נאך כבוד און געזוכט אין שוהל א שטאדט דוקא ביים ארון־קודש, אדער יום־כפור דוקא א חזן צו זיין“. אויך דאקטורים בעגעגנט עמנואל אין גיהנום, „וויל זיי האבען שפעקולירט אויף דער טפשות פונ'ם המון און זיין לייכט גלויבינקייט און געבראכט יונג אין קבר מענשען, וואס האבען זייער לעבען אנגעטרויט“.

ענדליך געהט מיט איהם זיין פערשטארבענער פיהרער אין גן־עדן אריין. מיט וואס פאר א שמחה בעגעגענען איהם דארט די היילינגע נשמות! זיי רופען אויס מיט התלהבות: „שוין, אט וועלען מיר עם אבי־סעל לאכען! עמנואל איז געקומען, ער וועט שוין אונז פרעהליך מאכען!“ שילדערנדיג די צדיקים אין גן־עדן ווערט עמנואל ערנסטער, איז דער שטיל אבער ווערט ער נאך שאלקהאפטער. נאטירליך דערזעהט ער דארט די היילינגע אבות, די פרומע מלכים און די פארצייטיגע גרויסע אידישע גבורים, די נביאים און חכמים, די דיכטער רבי יהודה הלוי און אלחריזי, דעם רמב"ם. ער דערזעהט אבער אויך נעבען דוד המלך, וועלכער שפיעלט אויף דער פידעל און זינגט זיינע תהלים'ס, אויך — — רחב הזונה, וועלכע האט געהאלפען די אידישע מרגלים צו בעטראכטען יריחו און אויסקוקען אלע איהרע בעהעלטענישען, ווי אויך תמר, וועלכע איז געזעסען אויפ'ן שייד־וועג און אבגעווארט יהודה'ן, כדי א קינד פון איהם צו האבען...— אין דאנטע'ס געדיכט געפינען מיר פון די געצענדינער קיין איינציגע פערזאן נישט אין גן־עדן, וויל זיי האבען פון קריסטוס'ן נישט געוואוסט; עמנואל דאגעגען דערזעהט איז זיין גן־עדן א גאנצע מחנה גלויבליכע נשמות, וועלכע ער דערקענט נישט און ער פרעגט זיין פיהרער, ווער זיי זענען.— „דאס זענען—ענטפערט איהם דניאל—די חסידים פון די אומות העולם, די וועלכע האבען מיט זייער איינענעם גייסט דערקענט די גרויסע וואהרהייט, די פילאזאפיע און אנערקענט דעם איינציגען גאט פאר'ן שעפער פון דער וועלט און משפיע אויף איהר מיט אלעם גוטען.— די מלכים און נביאים: דוד, שלמה, ישעיה, יחזקאל, ווי נאר זיי דערזעהען עמנואל'ן, רייסען זיי זיך פשוט ארום איהם; יעדער דאנקט איהם דער־פאר, וואס ער, עמנואל, האט זיינע היילינגע שריפטען אויפ'ן בעסטען אופן פערשטאנען און ערקלערט. הערבי שליידערט עמנואל זיינע פיילען געגען די עלטערע און יונגערע תנ"ך־ערקלערער, וועלכע האבען פאלש פשט געלערנט, אדער נאר דרשות אנשטאט פשט ארויסגעזאגט.

פון דער רוהיגער עקזיסטענץ און פריידליכער בעשעפטיגונג מיט לי־

טעראַטור און פּאָעזיען, איז די אידישע קהלה אין רוים פּלוצלונג אַרויסגע־ריסען געוואָרען מיט אַ האַרטער האַנד, וועלכע האָט איהר געצוואונגען צו דערמאַנען זיך, אַז אויך אין דער הויפּט־שטאָדט פון דער קריסטליכער וועלט געפינען זיי זיך אונטער דער הערשאַפט פון די קאַטוילישע גלחים און מוזען שטענדיג זיין גרייט צו אַלערליי פּורעניות. אַ שוועסטער פונ'ם פּויפּסט יאָהאַן XII, וועלכער האָט געהאַט זיין רעזידענץ אין אַוויניאָן, די פרוי סאַנגיזאַ, זאָל האָבען געפּועל'ט ביי איהר ברודער, דעם פּויפּסט, אַרויסצוטרייבען די „פערשאָלטענע אידען" פון רוים, און כדי בעסער צו קאָנען ווירקען אויפ'ן פּויפּסט, האָט די פרוי אַנגערעדט עטליכע גלחים, אַז זיי זאָלען פאַר איהם עדות זאָגען, דאָס די אידען האָבען אָפּגעשפּאָט פונ'ם צלם, וועלכען מען האָט געטראָגען אין גאַס בשעת אַ פּראָצעסיע. דער פּויפּסט האָט נאָכגעגעבען זיין שוועסטער און אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל אַרויסצוטרייבען אַלע אידען פון דער רוימישער מדינה. אויך דער געגען־קייזער, פרידריך דער שענער, האָט זיך אַרויסגעוויזען זעהר פיינדליך פאַר די אידען, נישט אַזוי ווי דער קאָנקורענט זיינער, דער קייזער לודוויג דער בייער. אין פרידריכ'ס מדינה האָט מען קאָנפיסקירט די שס תלמוד און פערברענט. איצט האָט ער צוזאַמען מיט אַנדערע פירשטען געפאָדערט פון פּויפּסט דעם גירוש פון די אידען באַלד צו פערווירקליכען. די געפאַהר פאַר די אידען איז געוועזען זעהר גרויס. די אידען אין רוים האָבען גוזר־תענית געווען (1321) און אין די שוהלען שופר געבלאָזען. דערביי האָט מען אָבער אויך נישט פערפעהלט אַנצו־ווענדען וועלטליכע מיטלען. מען האָט אַנגעזאַמעלט פיעל געלד און גע־שיקט אַ דעפּוטאַציע פון שתדלנים צום פּויפּסט אין אַוויניאָן, ווי אויך צום קעניג ראָבערט פון נעאַפּאָל, וועלכער איז געוועזען אַ פריינד פון דער אידי־שער ליטעראַטור. ראָבערט איז דאַמאָלס געוועזען דער משגיח איבער רוים, און אָט דורך זיין פערמיטלונג איז געלונגען דעם אידישען שתדלן, ווי עס שיינט, רבי קלונימוס בן קלונימוס צו דערווייזען ביי'ם פּויפּסט די אידישע אונשולד און אָבצוווענדען דעם צאָרן פון פּויפּסט און זיין שוועסטער דורך צוואַנציג טויזענד דוקאַטען. די רוימישע אידען האָבען אַנגעהויבען ליידען יסורים און רדיפות שפּעטער פאַר אַלע איבריגע אי־דישע קהלות, דערפאַר אָבער האָבען זיי גאַנץ לאַנג געליטען.

חאָטש אין איטאַליען האָט זיך ביי די אידען דערוועקט דער גייסט פאַר דער וויסענשאַפט און דער פּאָעזיע, האָט דאָך זיי אָבער געפעהלט נאָך זעהר פיעל, אַז זיי זאָלען קאָנען ווערען אַ צענטר פאַר אַ גרויסען טייל פון דער אידישער וועלט. ווי פריהער, איז שפּאַניען נאָך אַלץ געווען דער מיטעלפּונקט פאַר'ן אידישען גייסטיגען לעבען, חאָטש דער רא"ש מיט זיינע זיהן האָבען דאָרט פערפלאַנצט דעם שטרענגען פאַנאַטיזם און אי־בערגעטריבענע פרומקייט, פערטרייבענדיג דאַדורך דעם פרייען גייסט און דערשטיקענדיג די שעפערישע קראַפט. אויב אָבער אין שפּאַניען האָט שוין איצט צווישען די אידען די וויסענשאַפט נישט געבליהט מעהר,

האבען זיך נאך דא אלץ געפונען אידען, וועלכע האבען זי אמבעסטען
פערשטאנען. אין קאסטיליען האבען די אידען געהאט אונטער דעם שטאר-
קען און קלוגען קעניג אלפאנזא XI אזא גינסטיגען צושטאנד, אז אין
פערגלייך מיט זייער צושטאנד אין אנדערע אייראפעאישע לענדער האט
מען דארט זייער צייט געקאנט רופען א גאלדענע. פיעל בעגאבטע אידען
זענען געווען איינער נאך דעם אנדערען שאץ-מייסטערס (אלמאקסאריפען—
פינאנץ-מיניסטארען), ווי אויך הויפט-פיהרער פון דער מלוכה-פאליטיק.
אויך די גרויסע שרים און דער אדעל האבען געהאלטען ארום זיך אידי-
שע יועצים און בעאמטע. אנשטאט דער ערנידעריגענדער לאגע, וועלכע
די גלחים האבען אנגעוויזען פאר די אידען, ווי אויך דעם שאנד-פלעק,
וואס זיי האבען געצוואונגען אידען צו טראגען, האבען דא די אידען פער-
נומען די העכסטע שטעלעם און פלעגען זיך קליידען אין גאלד און זילבער.
איינינגע אידען זענען דורך דער דאזיגער אידישער דערהויבונג אזוי שטארק
פערבלענדעט געווארען, אז זיי האבען דערין געזעהען די ערפילונג פון
דער נבואה: „עס וועט נישט אבגעטהון ווערען קיין הערשאפט און געזעצ-
געבער פון יהודה"—א נבואה, וועלכע די דאמאלדיגע קריסטען פלעגען
שטענדיג הערמאנען, אלס א בעווייז געגען דעם יודענטום.— מען דארף זיך
אבער נישט וואונדערען, פארוואס די אידען האבען זיך אזוי געפרעהט,
ווען איינער פון זיי פלעגט עולה לגדולה זיין. אזעלכע אידישע שרים פלע-
גען זיי שטענדיג פערטיידיגען פון דער שלעכטסקייט און געלד-דורשטיג-
קייט פונ'ם אדעל (פריצים), ווי אויך פון דעם פאנאטיזם און ווילדקייט
פונ'ם המון און דער קנאה און שנאה פון די גלחים, וועלכע האבען אלע
אויסגענוצט יעדע געלעגענהייט די אידען צו פערדארבען. אידישע יועצים
אין קעניגליכען הויף, געקליידעט ווי די ריטער מיט א שווערד אויף דער
זייט, האבען שוין מיט זייער ערשיינונג אליין צוגענומען דאס געוועהר פון
די העלד ביי די אידישע שונאים. טייל האבען פאר די אידישע שרים
פשוט מורא געהאט, טייל האבען בעקומען דרך-ארץ פאר'ן גאנצען פאלק,
זעהענדיג, ווי זיינע זיהן זענען דערהויבען און געאכטעט ביי'ם קעניג און
זיינע הויכע שרים. דער המון האט נישט געוואגט אנצופאלען אויף
די אידען, ווי אין דייטשלאנד, ווייל מען האט געוואוסט, אז דער אידישער
שר וועט געפינען א מיטעל, ווי אזוי הארט צו בעשטראפען פאר יעדער
רציחה. דער המון האט אויך געגלויבט באמת, אז דער קעניג איז אין יע-
דען אויגענבליק גרייט צו ערפילען יעדען פערלאנג פון זיין אידישען שר.
אפילו די גלחים האבען געמוזט אבטרעטען או א זייט. כל-זמן יוסף פון
עציא און שמואל אבן וואקאר אדער אנדערע האבען געקענט ארויסטרע-
טען געגען זייערע פלענער די אידען שלעכטס צו טהון.

בעזונדערס גליקליך האבען זיך געקאנט שעצען די קאסטיליאנישע
אידען, ווען זיי האבען פערגליכען זייער לאגע מיט די אידען אין נאהנטען
לאנד, אין אראגאניען, וועלכע איז דאמאלס געווען פעראייניגט מיט די
אינזלען מאיארקא (Mallorca) און סיציליען אין איין מלוכה. דארט

האָט געהערשט דער גלהישער גייסט און זיין גאַנצער שאַרפקייט און די רדיפות געגען אידען זענען געוועזען אַ געוועהנליכע ערשיינונג. און נאַוואַרא, וועלכע האָט געהערט שוין אַ משך פון אַ יאָהר פופציג צו פראַנקרייך, האָט די שנאה צו אידען אויפגעפלאַקערט ביז שגעון. דער לעצטער קאַפעטינגישער קעניג קאַרל IV, איז געשטאָרבען, און מיט פיליפ VI איז אַרויפגעשטיגען אויפ'ן טראָהן די דינאַסטיע וואַלוא (Valois). מערקווירדיג, אַז אפילו די קריסטען האָבען דאַמאָלס געגלויבט, אַז פיליפ דער שענער איז אַליין שולדיג געוועזען אין'ם אויסשטאַרבען פון זיין משפחה, דען גאָט האָט וועגען איהם בעשטראָפט, דערפאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי אכזריות'דיג בעגאַנגען געגען די אידען, בשעת ער האָט זיי פערטריבען פון פראַנקרייך. די בעפעלקערונג פון נאַוואַרא האָט געמאַכט אַנשטרענגונגען, צו בעפרייען זיך פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט און צו גרינדען אַן'אייגענע מלוכה. מיט איינמאָל האָט אָבער אין גאַנצען לאַנד זיך אַרויסגעוויזען אַ בלוטיגע שנאה און ערביטערונג געגען די אידען, און מען ווייסט נישט גענוי, צי דאָס איז געוועזען דערפאַר, וואָס מען האָט די אידען חושד געווען, אַז זיי ווילען געהן געגען די אַלגעמיינע אינטערעסען פון דער בעפעלקערונג, אָדער דערפאַר, וואָס די גלחים האָבען אַנגערייצט די בעפעלקערונג, אַנווייזענדיג אויף דער אידישער עשירות און שטאַרקייט. בעזונדערס שטאַרק האָט אַ פראַנציסקאַנער מאָנאַך, פעדראָ אָליגאָיען, דערוועקט דעם המון געגען די אידען. אין דער גרויסער קהלה עסטעלאַ, איז (כ"ג אדר, שבת 5-טער מערץ 1328) פאָרגעקומען אַ שרעקליכע שחיטה אויף אידען; די ווילדע קריסטליכע מחנות זענען געלאָפען אין די גאַסען מיט אַ שרעקליכען געשריי: „טויט אָדער שמד פאַר די אידען!"

אומזיסט האָבען די אידען זיך פערבאַריקאַדירט אין די גאַסען און פערטיידיגט; די שטאָדטישע איינוואָהנער, פערשטאַרקט דורך פרעמדע אַנגעקומענע מחנות, האָבען אויף זיי בעלאַגערט, געשטורמט און לסוף איינגענומען, אויס'הרג'עטענדיג אַלעמען, יונג און אַלט, און פערברענענדיג זייערע הייזער. אַ תלמיד פונ'ם רא"ש, רבי מנחם בן זרח, אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר צוואַנציג, וועלכער האָט געוואוינט מיט זיין משפחה אין עסטעלאַ און איז פון דאָרט נצול געוואָרען על פי נס, וועהרענד מען האָט זיינע עלטערן און זיינע פיער יונגערע ברידער דער'הרג'עט, שילדערט אין גרוזאַמע פאַרבען די דאָזיגע שחיטה. איהם אַליין האָט מען פערוואונדעט אין קאָפ און ער איז אַזוי געלעגען צווישען די הרוגים פון מיטען טאָג ביז האַלבע נאַכט. דאַן איז געקומען אַ ריטער, אַ פריינד פון זיין פאָטער, און האָט איהם אַרויסגענומען פון צווישען די מתים און געבראַכט צו זיך אַהיים, וואו ער האָט איהם געלאָזט אויסקורירען. ערשט שפעטער איז איהם געלונגען צו קומען קיין טאָלעדאָ צו לערנען תורה ביי'ם רא"ש. אַזעלכע אימה'דיגע שחיטות זענען פאָרגעקומען אויך אין אַנדערע שטעדט אין דער מדינה נאַוואַרא. העכער זעקס טויזענד אידען זענען דאַמאָלס

אויס׳געהרג׳עט געוואָרען. נור די קהלה פון פאַמפעלונא איז, ווי עס שיינט, נצול געוואָרען פון די אנפאַלען.

גענוי גענומען האָט פאַר די אידען אין קאסטיליען דאַמאלס אויך געשיינט נאָר א פאַלשע זון, אבער פונדעסטוועגען איז עס דאך געווען א גלענצענדע לאַגע געגען דעם, וואָס די אידען האָבען דאַמאלס געהאַט צו ליידען אין די אנדערע לענדער. ווי נור דער יונגער קעניג אלפאָנזאָ XI איז אונטערגעוואַקסען און איבערגענומען אין זיינע הענד די רעגירונג (1380—1325) האָט ער זיך גענומען צוויי אידישע יועצים, די שוין דערמאָנטע דאָן יוסף אבן בנבנשתי פון עציא (איסינה) און דאָן שמואל אבן וואַקאַר. דער ערשטער האָט געהאַט זעהר א שען געשטאַלט, געקענט גוט מוזיק און געוואוסט די קונסט, ווי אזוי נושא חן צו זיין ביי די גדולים. לויט דער רעקאָמענדאַציע פונ׳ם קעניגס אַלטען פעטער האָט דער קעניג איהם בעשטימט נישט בלויז פאַר זיין שאַצמייסטער, נור אויך געמאַכט איהם פאַר זיין פערטרויטען יועץ (Privado) און פיעל געהאַלטען פון זיינע עצות. דאָן יוסף פלעגט פאָהרען אין א מלוכה-קאַרעטע ארומגערינגעלט פון פיעל רייטער, און די הידאַלגאָס (פריצים) פלעגען ביי איהם זיך אויפהאַלטען און געהערען צו זיין סוויטע. איינמאָל האָט איהם דער קעניג איבערגעגעבען א שליחות, וועלכע האָט איהם שיער נישט געקאָסט דאָס לעבען. די בירגער פון וואַלאַדאָליד האָבען איהם בעלאַגערט אינ׳ם פאַלאַץ פון דער אינפאַנטין (דעם פריהערדיגען קעניגס טאָכטער) און געפאָדערט, אז מען זאָל איהם ארויסגעבען זיי, כדי איהם צו דער׳הרג׳ענען. יוספ׳ס לעבען איז געהאַנגען אויף א האָר און נור דורך דער קלוגשאַפט פונ׳ם קעניגס מיניסטער איז ער נצול געוואָרען פון זיכערען טויט, ווייל זי האָט א לאַנגע צייט אבגעהאַלטען דעם המון און געשיקט א שליח מיוחד צום קעניג. אלפאָנזאָ האָט דערין דערזעהען א בונט געגען זיין אייגענער פערזאָן און איז באַלד אליין געקומען מיט א גרויסער מחנה קיין וואַלאַדאָליד, וואו ער האָט, צוליעב זיין אידישען שר, געלאָזט אונטערצינדען פיעל הייזער און וואָלט געווים חרוב געמאַכט די גאַנצע שטאָדט; נור דאָ האָבען זיך געפונען שתדלנים, וועלכע האָבען ערקלערט דעם קעניג, אז דאָס פאָלק איז אויפגערעגט געוואָרען נישט געגען זיין שר דאָן יוסף, נור געגען א געוויסען קריסט, דעם שר דן אַלוואַר נונעץ. דער קעניג האָט דערווייטערט דאָן אַלוואַר פון זיין שטעלע און יוסף איז ביי איהם געוואָרען נאָך מעהר חשוב ווי פריהער.

דער אנדערער שר, דאָן שמואל אבן וואַקאַר (Abenhuacar), איז געווען דעם קעניגס לייב-דאָקטאָר, אסטראָנאָם, און פיעלייכט, אויך אַסטראָלאָג. מיט דער פאָליטיק אָדער מיט מלוכה-ענינים האָט ער זיך אפילו גראָד נישט אבגעגעבען, אבער ער האָט געהאַט א גרויסע דעה ביי׳ם קעניג אין אזעלכע ענינים. צווישען איהם און דאָן יוסף פלעגען פאָרקומען אָפט סכסוכים, ווייל איינער האָט מקנא געווען דעם אנדערען, ווי דער שטייגער איז אין די חעספאָטישע קעניגליכע הויפען.

איינינע רייכע אידען האבען, משמעות פערלאזענדיג זיך אויף די גרויסע אידישע שרים און זייער שטיצע, געפיהרט זעהר נישט קיין שעניגע געשעפטען, נעהמענדיג הויכע פראצענטען און רודפ'ענדיג גרויזאם זייערע קריסטליכע בעלי-חובות, אויב זיי פלעגען זיי נישט צאהלען צום טערמין. דער קעניג אליין האט געשטיצט די פראצענטניקעס פון די אידען און מחמד'אנער, ווייל ער האט דערין געזעהען זיין אייגענעם נוצען. דערפאר אבער האבען זיך זעהר פערשטארקט די אנקלאגען מצד דער בעפעלקע־רונג אויף די אידען און מחמד'אנער. די קארטעסען (פארלאמענטען) פון וואלאדאליד, מאדריד און אנדערע שטעדט האבען אנגעגעבען מכח דעם א פעטיציע און געפאדערט, אז מען זאל מאכען א סוף מיט דער צו גרוי־סער פראצענט-נעהמעריי. דער קעניג האט געמוזט צוזאגען עטוואס צו טהון געגען דעם. די קארטעסען האבען אבער געפאדערט, אז מען זאל די אידען פערבאטען צו קויפען לאנד און מען זאל בכלל מעהר נישט האלטען קיין אידישע שאץ-מייסטערס און ארענדארען (1329). דער קעניג אלפאנ־זא האט דערויף געענטפערט, אז בכלל וועט עס בלייבען ווי געוועזען און דאן שמואל אבן וואקאר איז נאכמעהר דערהויבען געווארען. אלפאנזא האט איהם אבגעגעבען אין ארענדע די הכנסה פונ'ם אבצאהל פון די סחורות, וואס מען האט אריינגעפיהרט אין דער מדינה פון גראנאדא און אויסער דעם אויך די פריווילעגיע צו פאבריצירען קלענערע מטבעות. דאן יוסף האט איהם דערפאר שטארק מקנא געווען און אנגעבאטען א העכע־רען פרייז פאר דער גראנאדער ארענדע. אבן-וואקאר האט זיך אבער אבגערעכענט מיט איהם דערפאר אויף פאלגענדען אופן: ער האט איבער־צייגט דעם קעניג, אז פאר דער מלוכה וועט זיין בעסער, אויב מען וועט אינגאנצען פערבאטען אריינצופיהרען סחורות פון דער מחמד'אנישער מדינה גראנאדא (1330—1331).

אין דער צייט, וואס ביידע אידישע שרים האבען געהאלטען אין איין טראכטען, ווי אזוי צו ברענגען איינער דעם אנדערען וואס מעהר שאדען, האבען די אידישע פיינד געארבייט נישט בלויז צו ברענגען שאדען אט די שרים, נאר אונטערצוגראבען זיך אונטער דער עקזיסטענץ פון אלע קאס־טיליאנישע אידישע קהלות. זיי האבען זיך בעמיהט אויפצוקלערען דעם פאלק, אז צוליעב אבן-וואקאר'ס ארענדע אויף צו מאכען מטבעות איז אין לאנד געווארען א יקרות אויף לעבענס-מיטעל, ווייל ער פאבריצירט מטבעות פון שלעכטע זילבער, און די גוט-בעזיצער פיהרען בעסער ארויס זייערע תבואות קיין אויסלאנד, כדי דארט צו פערקויפען זיי פאר גוטע זילבערנע מטבעות, וועלכע האבען א העכערען ווערט. די גלחים פון זייער זייט האבען אויך געארבייט צו דערוועקען דעם קעניג'ס שנאה געגען אלע אידען. אין שפיץ פון די אידישע שונאים צווישען די גלחים איז געשטא־נען א משומד, וועלכער האט זיך מיט א קורצע צייט פריהער אבגעשמד'ט. דאס איז געווען דער טרויעריג-בעוואוסטער אבנר, וועלכער האט אין א

געווינסער מאס צוגעטריט די אידישע ערנידעריגונג און א פערטרייבונג פון שפאניען.

אבנר פון בורגאש, אדער ווי מען האט איהם גערופען שפעטער, אלפאנזא בורגענסיש דעוואלאדאליד, איז גוט בעהאוועגט געוועזען אין תנ"ך און אין תלמוד און האט עוסק געוועזן אויך אין וויסענשאפטען, האבענדיג זיין חיונה פון דער מעדיצין. די פילאזאפישע פארשונג האט אבגעטוויט ביי איהם דעם גלויבען נישט בלויז אין יודענטום, נאר אויך אין יעדער רעליגיע בכלל. זייענדיג ארעם, האט אבנר נישט געפונען ביי אידען קיין אונטערשטיצונג, ווי ער וואלט פערלאנגט; דערצו האט איהם אבער אויך געפעהלט די מדה פון אמת'ע חכמים: דאס קאנען זיך בענוגענען מיט דאס ביסעלע, וואס מען פערמאגט. ער האט פיעל מעהר געהאט גרוים חשק צו פיהרען א רייך לעבען און אט דעריבער האט ער זיך בעשלאסען שוין אלס זקן פון זעכציג יאהר זיך צו שמד'ן, חאטש ער האט אויך אזוי ווענין געגלויבט אין קריסטענטום ווי אין יודענטום. די קריסטען האבען אויפגענומען דעם אידישען אפיקורוס מיט אפענע ארעמס און געגעבען איהם א שטעלע אלס סאקריסטאן (א פערוואלטער איבער די היילינגע כלים) פון א גרויסער קירכע אין וואלאדאליד מיט א רייכער פענסיע, וואס זאל קאנען צופרידענשטעלען אלע זיינע פערלאנגען. מיט'ן שמד אליין האט ער זיך אבער נישט צופרידענגעשטעלט: ער איז אויך געווארען א פערביסענער אידען-פיינד און ארויסגעטראטען געגען זיינע געוועזענע ברידער מיט שענדליכע בעשולדיגונגען. זייענדיג גוט בעקאנט מיט'ן תלמוד, איז איהם נישט שווער געווען צו געפינען אין איהם אזעלכע שטעלען, וואס ער זאל קאנען פערדרעהען און בענוצען צו אנפאלען אויף אידען אדער צו ערקלערען אויף זייער סמך די ריכטיגקייט פון קריסטענטום. די העברעאישע שפראך, וועלכע ער האט געקענט בעסער ווי די שפאנישע, האט ער אויסגענוצט אבצושפאטען פון יודענטום. ווען דער משומד אלפאנזא איז געווען אזוי אונפערשעמט, דאס ער האט צוגעשיקט זיין אבשפאטונגס-ווערק פון יודענטום איינעם פון זיינע פריהערדיגע אידישע בעקאנטע, רבי יצחק פולקאר, א גרויסען חכם און טאלענטפולען פאלעמיקער, האט יענער איהם געענטפערט מיט א בייסענדער סאטירע אין א געגען-ווערק. די שפאנישע אידען זענען דאמאלס נאך נישט אזוי שטארק דערשלאגען געוועזן, דאס זיי זאלען נישט ענטפערען אויפ'ן אבשפאטען פון זיי. אויך אנ'אנדערער ווייניג בעוואוסטער שריפטשטעלער האט איהם שארף געענטפערט, און אויף אזא אופן האט זיך אנגעהויבען א שארפע פאלעמיק וועגען יודענטום און קריסטענטום. דער משומד אלפאנזא האט זיך אבער נישט אבגעשטעלט ביי דער זידלעריי געגען יודענטום; ער איז אויך ארויסגעטראטען פאר'ן קעניג אלפאנזא XI מיט מסירות אויף אידען. ער האט אבגעפרישט די אלטע טענה געגען די אידען, אז אין די „שמנה-עשרה"-תפלות געפינט זיך א תפלה, אין וועלכער מען פערשילט די קריסטען און דאס קריסטענטום (די תפלה

„ולמלשינים“). ווי עם שיינט, האט דער קעניג געלאזט רופען צו זיך דעם פערטרעטער פון דער אידישער קהלה אין וואלאדאליד און געפאדערט פון איהם אנ'ערקלערונג וועגען דער תפלה. דער אידישער פערטרעטער האט ערקלערט, אז די תפלה האט זיך בעצויגען אויף די „מינים“ אבער נישט אויף די געגענווערטיגע קריסטען. דער משומד אלפאנזא איז אבער מיט דער דאזיגער ערקלערונג געבליבען אונצופרידען און פארגעלעגט צו האבען מיט די אידען א וכוח אין דער געגענווארט פון די גלחים און מלוכה-בעאמטע. דער וכוח איז פארגעקומען, און געוויס, נאטירליך, געבליבען דער, וואס האט געהאט א שטארקען צד—דער משומד. דאן האט דער קעניג ארויסגעגעבען א בעפעהל (25-טען פעברואר 1336), אז די אידישע קהלות אין קאסטיליען זאלען אונטער א שטרענגער בעשטראפונג נישט זאגען מעהר די דאזיגע תפלה. די אידישע שונאים איז אלזא געלונגען צו בעקומען דעם קעניג אויף זייער צד און דערמיט האבען זיך געדארפט אנהויבען די שלעכטע צייטען.

דער קעניג אלפאנזא איז בכלל מיט זיינע חסדים נישט געווען קיין אייזערנע וואנד פאר זיינע לייט. פון חסד צו שנאה איבערגעהן איז פאר איהם געווען א גאנץ געוועהנליכע זאך. איינמאל האט ער פלוצלונג געמאכט ביי זיך פאר א גרויסען חשוב א מענשען מיט א געמיינעם כאראקטער גאנזאלא מארטינעץ דע אביעדא, וועלכער איז פריהער געווען אנ'ארעמער ריטער און נור דורכ'ן אידישען שר דאן יוסף איז ער נתעלה געווארען. אבער אנשטאט דאנקבארקייט, האט ער ארויסגעוויזען א שרעקליכע שנאה צו זיין בעל-טובה און זיין גאנצען פאלק. ווען מארטינעץ איז ענדליך דערהויבען געווארען פאר א הויף-מיניסטער און שפעטער אויך קאמענדאנט פונ'ם ריטער-ארדען אלקאנטרא (1337), האט ער אפגעגעבען א מסירה אויף די אידישע שרים, דאן יוסף און דאן שמואל אבן-וואקאר, אז זיי זענען נתעשר געווארען אויף די קעניגליכע שטעלעם. דער קעניג האט איהם דערויף ערלויבט צו בעגעהן זיך מיט זיי, ווי ער פערשטעהט און ארויסבעקומען ביי זיי זייער גרויסע עשירות. מארטינעץ האט באלד פעסטגענומען ביידע אידישע שרים, ווי אויך צוויי ברידער פון שמואל אבן-וואקאר און אכט אידען פון זייערע מקורבים. דאן יוסף איז געשטארבען אין תפיסה און דאן שמואל'ן האט מען געפייניגט מיט געוואלדיגע יסורים, ביז ער איז אונטער די מערדערס הענד אויסגעגאנגען. — נאך צוויי אידען זענען געווען גרויסע חשובים אין קעניגליכען הויף: דאן משה אבודיאל און דאן שלמה אבן יעיש. מארטינעץ האט אויך אויף זיי אנגעגעבען א מסירה ביי'ם קעניג און נור דורך פיעל געלד איז זיי געלונגען אויסצוקויפען זיך און בעפרייען זיך פונ'ם שענדליכען שקר-בלבול, וואס מען האט אויף זיי געמאכט.

מארטינעץ האט אבער געוואלט אונגליקליך מאכען אויך אלע אידען פון קאסטיליען און אויסגענוצט דערצו פאלגענדע געלעגענהייט: די גראנאדער מחמד'אנער (די מוירען) האבען געפיהרט מלחמה מיט די קריסטען,

וועלכע זענען אויף זיי אנגעפאלען. כדי צו קאנען זיי בייקומען, האבען זיי איינגעלאדען צו קומען צו הילף דעם אפריקאנישען סולטאן פון מאראקא, אבול-חאסאן. דער קעניג אלפאנזא האט דאמאלס בעשטימט דעם צורר גאנזאלא מארטינעץ פאר א הויפט-פעלדהערר איבער זיין גאנצער ארמעע. ווייל אבער דער קעניג האט זיך גענויטיגט אין געלד, האט מארטינעץ איהם אנ'עצה געגעבען, אז ער זאל נאכטהון דאס, וואס עס האט געטהון דער פראנצויזישער קעניג פיליפ דער שענער—ארויסטרייבען אלע אידען פון קאסטיליען און פערנעהמען זייער פערמעגען. צום אידישען גליק האבען אבער ארום קעניג זיך געפונען יועצים, וועלכע האבען איהם אבגעהאלטען פון אזא שריט; אפילו די העכערע קאסטיליאנישע גלחים האבען איהם דערפון אבגעהאלטען, אנווייזענדיג, אז די אידען זענען א שטענדיגער קוואל פון עשירות פאר'ן קעניג'ס קאסע און דעריבער קאן מען אהן זיי נישט אויסקומען. ווען דער אויבענדערמאנטער דאן משה אבודיאל האט זיך דערוואוסט וועגען דער בעראטונג ביי'ם קעניג מכח א אידישען גירוש, האט ער באלד מודיע געווען אלע אידישע קהלות אין קאסטיליען, און מען האט גוזר-תענית געווען און מתפלל געווען צו גאט, אז ער זאל מבטל מאכען די גזרה, וועלכע מארטינעץ וויל אויפטהון. מארטינעץ איז דערווייל ארויסגעטראטען אין מלחמה געגען די מחמד'אנער און זיי מנצח בעווען. דאדורך איז ער נאך שטאלצער געווארען און האט שוין געמיינט, אז דער קעניג וועט שוין מוזען איהם פאלגען און ארויסטרייבען די אידען פון זיין מדינה.

אבער די שוואכע האנד פון א פרוי האט מנצח געווען דאס מאל דעם שטארקען אידישען שונא. די שענע און גייסטרייכע לעאנארע דע גוזמאן, די געליעבטע פון קעניג, האט זעהר געהאסט דעם מוצלח מארטינעץ און געווארפען א חשד אין קעניגס אויגען אויף זיין געטריייהייט. אלפאנזא האט געוואלט זיך איבערצייגען, אויב די זאך איז ריכטיג און געשיקט א בעפעהל צו מארטינעץ, אז ער זאל באלד קומען אין הויף אריין אין מאדריד. מארטינעץ האט דעם בעפעהל נישט געפאלגט און אנשטאט דעם האט ער אנגערעדט די בירגער פון פיעל שטעדט צו מאכען א בונט געגען דעם קעניג; ער האט אפילו אנגעהויבען פיהרען פעררעטערישע אונטערהאנדלונגען מיט'ן קעניג פון פארטוגאל און זאגאר מיט'ן מחמד'אנישען קעניג פון גראנאדא. דער קעניג אלפאנזא האט דערזעהען די פאלשקייט פון מארטינעץ און ארויסגעטראטען געגען איהם מיט זיין ארמעע. דער קעניג האט איהם בעלאגערט אין דער פעסטונג וואלענסיע דע אלקאנטארא. איינער פון'ם קעניגס שרים, וואס איז נעבען איהם געשטאנען, איז געפאלען טויט פון א פייל, וואס מארטינעץ האט געשאסען. באלד אבער האבען די רייטער פערלאזען זייער צובונטעוועטען אנפיהרער, און מארטינעץ האט זיך געמוזט איבערגעבען דעם קעניג, וועלכער האט איהם פערורטיילט צום פערברענען. דעם אורטייל האט מען באלד אויך אויסגעפיהרט (1339). די קאסטיליאנישע אידען האבען געפייערט א צווייטען

„פורים“, דער קעניג אלפאנזא איז צו זיי ווידער געווארען גנעדיג, און דאן משה אבודיאל האט בעקומען זעהר א הויכע שטעלע אין דער מלוכה.

אבער נישט קוקענדיג אויף דער רוהיגקייט, וואס די אידען האבען איצט געהאט אין קאסטיליען, א דאנק דער גנעדיגקייט פון קעניג אלפאנזא, — א גנעדיגקייט, וועלכע האט זיך נאך פערשטארקט פאר'ן קעניג, וואס איז ארויפגעשטיגען אויפ'ן טראהן נאך איהם, — נישט קוקענדיג דערויף האבען דאך די קאסטיליאנישע אידען אויפגעהערט גייסטיג צו וואקסען און זיך ענטוויקלען. דעם רא"ש מיט זיינע אנהענגער האט עס געלונגען אבצווענדען די אידען כמעט אינגאנצען פון יעדער וויסענשאפט און דיכטונג. די וויכטיגסטע אידישע דענקער האבען שוין איצט געשטאמט נישט פון שפאניען, נאר פון דרום-פראנקרייך, וואו עס האבען זיך בעוויזען די חכמים: אבן-כספי, רבי לוי בן גרשון (רלב"ג — גערסאנידעס) און נארבאני. די זיהן און תלמידים פונ'ם רא"ש, וועלכע האבען אין שפאניען פערשפרייט דעם געדאנק, אז מען טאר נישט עוסק זיין אין פילאזאפיע און איהר צוזאמענהאנג מיט'ן יודענטום, האבען דערזעהען, אז דאדורך נעהמען זיי צו ביי די שפאנישע אידען דעם חשק צו לערנען בכלל אפילו דעם תלמוד. דער כאראקטער פון די שפאנישע אידען איז געווען גאנץ פערשידען פונ'ם כאראקטער פון די אידען אין דייטשלאנד; דער תלמוד אליין האט נישט בעפרידיגט די אידישע יוגענד אין שפאניען. דורכ'ן פערבאטען זיי צו לערנען די וויכענשאפטען, האט מען ביי זיי צוגענומען דעם חשק צום לערנען בכלל און געמאכט זיי ווי אומפעהיג פאר'ן איינזייטיגען תלמוד-שטודיום. אפילו דער חשק צו דער דיכטונג איז ביי דער יוגענד פערשוואונדען געווארען. די שירים פון דער לעצטער צייט זענען געווען ריימען (גראמען) אהן געדאנק און צוזאמענהאנג. אויב די ספרדישע אידען פלעגען פריהער קוקען פון אויבען ארונטער אויף די אשכנזישע, זענען זיי איצט עהנליך געווארען אלץ מעהר צו זיי. דער ליעבליכער דיכטער שם-טוב די קריון (Santob de Carrion) איז געווען דאמאלס א פעראיינצעלטע ערשיינונג; און אויך ער האט געדיכטעט נישט אין העברעאיש, נור אין דער שפאנישער שפראך.

די אכט זיהן פון רא"ש, זיינע קרובים און תלמידים, וואס זענען מיט איהם פון דייטשלאנד געקומען, ווי אויך זיינע פיעל אייניקלעך, האבען פערשפרייט אין שפאניען נור די איינזייטיגע לעהרע פון תלמוד, ווי אויך די ריכטונג פון שטרענגער פרומקייט און שטענדיגען תשובה טהון. די בעדייטענדסטע צווישען די זיהן פון רבנו אשר זענען געווען: רבי יעקב בעל הטורים און רבי יהודה. ביידע זענען געווען אויך אזוי שטארק געלערנט אין תלמוד, ווי אונבעקאנט מיט דער וויסענשאפט. דאס שפאנישע יודענטום איז שוין אין דריטען דור נאך זיי געשטאנען אויף א גאנץ נידעריגער מדרגה פון ענטוויקלונג, וועלכע האט קיין שום עהנליכקייט נישט געהאט צו דער אמאליגער צייט.

רבנו יעקב בן אשר (געבוירען 1280, געשטארבען 1340) איז געוועזען א גרויסער ארעמאן, וואס זיין לעבען איז געוועזען א לאנגע קייט פון דחקות און יסורים. זיין ביטערען גורל האט ער אבער געטראגען, ווי אן אמת'ער צדיק—רוהיג און ערגעבען. פון דער גרויסער עשירות, וואס דער רא"ש האט מיטגעבראכט פון דייטשלאנד קיין שפאניען, האט זיין זוהן, רבי יעקב, נישט גע'ירש'נט, פונדעסטוועגען האט ער דאך נישט גענומען קיין געלד פאר רבנות און, ווי עס שיינט, האט ער גאר נישט געוואלט אננעהמען קיין כסא-רבנות. דער תלמוד איז פאר איהם, ווי פאר אלע זיהן און אייניקלעך פון רבנו אשר, געוועזען בלויז דער לעבענס-נערוו, אבער נישט קיין מיטעל צום לעבען. מיט א זעלטענער סיסטעמאטיזירונג האט ער געארדענט די פיעל הלכות און דינים, וועלכע עס האבען זיך אנגעזאמעלט אין די לעצטע הונדערט און פופציג יאהר נאכ'ן רמב"ם און זיין רעליגיאנס-קאדעקס „משנה-תורה", און האט זיי אויפגעשטעלט אין זיינע פיער „טורים" (ערך 1340). דער ערשטער „טור"—„אורח חיים" נעהמט ארום אלע דינים און מנהגים וועגען שבת און יום-טובים, תפילין און ציצית וכדומה; דער צווייטער—„יורה דעה"—הויפטזעכליך וועגען כשר עסענס; דער דריטער — „אבן-העזר" — הויפטזעכליך וועגען קדושין, גטין און, ענדליך, דער פיערטער — „חושן המשפט" — וועגען דיני ממונות, אדער ציוויל-רעכט. מיט'ן ערשיינען פון די פיער „טורים" הויבט זיך אן אין יודענטום אין א געוויסער מאס א נייע עפאכע.

אין רבנו יעקב'ס „טורים" קאן מען אמבעסטען זעהען, ווי דאס יודענטום האט זיך געענדערט פונ'ם רמב"ם'ס צייטען אן. אין רמב"ם'ס „משנה-תורה" שטעהט דאס דענקען אויפ'ן ערשטען פלאן. יעדער דין ווערט ערקלערט, שטיצענדיג זיך אויף דעם רעליגיעזען גרונד-פרינציפ. אין די „טורים" דאגעגען איז דאס דענקען גאר אויסגעשלאסען. די צאהל פון די שפעטערע רבנישע דינים און מנהגים איז ביי איהם פיעל גרעסער, ווי די צאהל פון די תלמודישע; און מען קאן כמעט זאגען, אז פון א תלמוד-יודענטום איז ביי איהם געווארען א רבניש-יודענטום. אפילו חומרות פון די בעלי מקובלים האט ער אויך אריינגענומען אלס דינים אין זיינע טורים. אויך די פארם און די שפראך זענען גאנץ אנדערש ווי אין רמב"ם'ס „משנה-תורה". פונדעסטוועגען זענען די „טורים" אנגענומען געווארען אין אלע אידישע קהלות, און רבנים און דיינים האבען זיך מעהר סומך געוועזען אויף איהם ווי אויפ'ן רמב"ם. מען איז צופרידען געווען, וואס מען האט ענדליך א ספר, אין וועלכען מען געפינט אויסגערעכענט אלע אידישע דינים מיט זייערע פרטים און מען פערשפארט צו זוכען אין די פיעל פערשיידענע ספרים און קוואלען. פאר די רבנים און פאר פרומע רבנישע אידען זענען די „טורים" געווארען א נויטווענדיגע זאך, אהן וועלכע מען קאן זיך נישט בעגעהען.

גלייך געלערנט און פרום, ווי רבנו יעקב, איז אויך געוועזען זיין ברודער רבי יהודה בן רבנו אשר (געבוירען 1288, געשט. 1349), וועל-

בער איז געוואָרען רב אין טאָלעדאָ נאָך זיין פאָטער, דעם רא"ש. זיין רבנות האָט ער געפֿיהרט, אָבהיטענדיג שטרענג הדם דין און נישט רעכענענדיג זיך מיט קיין פּערזאָן, און ער האָט געהאַט דאָס פֿילע רעכט צו פֿרעגען: „געקענען וועמען האָב איך בעגאַנגען דאָס קלענסטע אונרעכט?“ ער האָט זיך אָבער שלעכט געשפּירט אין שפּאַניען און, ווי מען האָט דערצעהלט, האָט ער אין זיין צוואה אַנ'עצה געגעבען זיינע פֿינף זיהן בעסער צוריקצו־קעהרען זיך קיין דייטשלאַנד, אינ'ס לאַנד, וואו זיינע עלטערען האָבען געלעבט. די זיהן זיינע האָבען אָבער די צוואה נישט געקאָנט ערפֿילען, צוליעב די שרעקליכע גזרות און רדיפות, וואָס די אידען האָבען געליטען אין דייטשלאַנד בשעת דער „שוואַרצער מגפה“.

ווי געזאָגט, האָט די קנאות (אונטאָלעראַנץ) פֿון אבא מרי, די שטרענג־קייט פֿון רשב"א און די געגנערשאַפֿט פֿון רא"ש צו דער וויסענשאַפֿט געבראַכט דערצו, אַז די אמת פֿרומע אידען האָבען געזעהען אין דער בעשעפֿטיגונג מיט דער וויסענשאַפֿט אַ פֿאָרבערייטונג צו אַפּיקורסות און די צבוע'אקעס האָבען דעריין געפֿונען אַ גוטען קאַמף־מיטעל געגען זייערע געגנער. מען האָט געברויכט צו האָבען פֿיעל מוט, אום צו בעשעפֿטיגען זיך אין יענער צייט מיט אַ ווייטיגע חכמה, וואָס האָט מיטגעבראַכט נור אַ נאָמען פֿון אַנ'אַפּיקורוס און דערמיט אויך אַ גרויסע פֿעראַכטונג. די קבלה האָט דאָס איהריגע אָבגעטהון: זי האָט פֿערפֿעסטיגט איהר פּאָזיציע און פֿערטריבען די אויפֿקלערונג. דער דענקענדער בעגריף פֿון יודענטום האָט שוין איצט געהאַט גאַנץ ווייניג פֿערטרעטער, דאָס זיינען געווען רבי יצחק אבן פּולגאַר פֿון אַבילה, רבי דוד אבן אלביליאַ פֿון פּאָרטוגאַל און יוסף אבן כספי פֿון פּראָוואַנס. אָבער די אַלע זיינען געווען נישט פֿון גרויסען מאַסשטאַב.

בעדייטענדער און בעגאַבטער איז געווען אין יענער צייט רב לוי בן גרשון ((רלב"ג) אָדער Leon de Bagnols (אויך לעאָ דער העברעער). מעהר אָבער איז ער בעקאַנט ביי די אומות העולם מיט'ן נאָמען געראָני־דעס (געבוירען 1288, געשט. אַרום 1345). ער האָט געשטאַמט פֿון אָראַנזש (Orange) פֿון אַ משפחה פֿון תלמידי־חכמים און איינער פֿון זיי־נע פֿאָרעלטערען איז געווען רבי לוי פֿון ווילפֿראַנש, וועלכער האָט אויף אַ מיטעלבאַרען אופֿן בייגעווירקט, אַז מען זאָל די וויסענשאַפֿט פֿער־שפּרייטען. נישט אַכטענדיג אויפ'ן חרם פֿון רשב"א, אַז מען זאָל מיט דער יוגענד ביז פֿינף און צוואַנציג יאָהר נישט לערנען קיין פֿילאָזאָפֿיע, האָט מען מיט רבי לוי בן גרשון געלערנט פֿילאָזאָפֿיע, ווען ער איז נאָך גאַנץ יונג געווען און נאָך פֿאַר אַ דרייסיג־יעהריגען עלטער האָט ער זיך שוין גענומען מחבר זיין אַ גרויס פֿילאָזאָפֿיש ווערק. דער רלב"ג איז געווען אַ פֿיעל־זייטיגער גרינדליכער קאָפּ. אַ פֿיינד פֿון האַלבקייט און אָבער־פֿלעכליכקייט. אין דער אַסטראָנאָמיע האָט ער געמאַכט אַזעלכע גרינדליכע בעאָבאַכטונגען, אַז שפּעטערע האָבען זיי אויסגענוצט פֿאַר זייערע רעכע־נונגען. ער האָט ערפֿונדען אַ אינסטרומענט, מיט וועלכען מען האָט געקענט

ליכט מאכען בעאבאכטונגען אויפ'ן געשטערנטען הימעל. זיין ערפינדונג האט איהם אזוי שטארק דערפרעהט, אז חאטש ער איז געווען א מענש, וואס איז וויט פון פאעזיע און האט זיך תמיד בעשעפטיגט מיט טרוקענע ציפערן, האט ער געמאכט א העברעאישען שיר לכבוד זיין ערפינדונג, א מין רעטעניש און פערזען. אויך אין דער מעדיצין איז ער ארויסגעטרעטען אלס שריפטשטעלער און האט ערפונדען אייניגע רפואות. אפילו אלס גרינדליכען תלמודיסט האט מען איהם שטארק געעהרט און, ליעבענדיג אין אלין די מעטאדע און ארדנונג, האט ער מחבר געווען א ספר „יסוד המשנה“, וועגען דעם, ווי אזוי מען ברויך די משנה צו לערנען.

מאעסטרא לעאו דע באגנאלס, ווי מען האט דעם רלב"ג גערופען אין דער מעדיצינישער וועלט, האט געוואוינט אין פערשידענע שטעדט: אין אראנזש, אין פערפיניאן און אין דער דאמאלדיגער רעזידענץ פון'ם פויפסט, אוויניאן. ער האט געהאט גרויס הצלחה. וואס ער האט נישט געהערט צו די אידען אין פראנקרייך, וועלכע האבען זיך געפונען דאמאלס אונטער דער הערשאפט פון פיליפ דעם שענעם, און נישט געהאט צו ליידען נישט פון די „פאסטוכער“, נישט פון די „קרעציגע“, נישט פון אלגעמיינעם גירוש; אבער זיין הארץ האט זיך בעגאסען מיט בלוט, זעהענדיג די שרעקליכע יסורים, וואס זיינע ברידער האבען געליטען. זיין ליטערארישע טעטיגקייט האט זיך אנגעהויבען גראדע אין דער בלוטיגער צייט, וועלכע האט געדויערט א פאר צעהנדליג יאהר (1321—1343). אבער קיינס פון זיינע ווערק האט נישט געמאכט אזא שטארקען איינדרוק, ווי זיין רעליגיעז פילאזאפישע, „מלחמותה“, וואו ער זאגט ארויס זיינע דרייסטע מעטאפיזישע געדאנקען מיט אזא רוהיגקייט און אפענהייט, ווי עס וואלט איהם גארנישט געקימערט, וואס מען וועט אויף איהם זאגען. ער האט געהערט צו יענע זעלטענע דענקער מיט א מלכות־שטערן, וועלכע זוכען שטענדיג דעם אמת, נישט האבענדיג קיין שום אנדער צוועק און נישט שרעקענדיג זיך פאר'ן רעזולטאט פון זייער זוכען. צווישען די אידישע דענקער האט דער רלב"ג אין דער הינזיכט נור איין גלייכען מיט זיך — ברוך שפינאזא. דער רלב"ג האט אויך נישט סובל געווען קיין סודות אין דער טעאלאגיע, אדער אין דער וויסענשאפט, ווי פיעל די חכמים, וואס זענען געווען פאר איהם. די פראגען, וועלכע ער האט בעהאנדעלט, האט ער געוואלט ארויסשטעלען אין פולער ליכטיגקייט פון אייגענעם פערשטאנד און נישט אין דער בעלייכטונג פון בעוואוסטע חכמים (אויטאריטעטען). ער פלעגט אפט ארויסשטעלען זיין אייגענע אנשויאונג נישט בלויז געגען דעם רמב"ם'ס א מיינונג, נור זאגאר געגען דעם הויפט־לעהרער אין דער פילאזאפיע, געגען אריסטאטעל.

אבער ביי אלע זיינע פעהיגקייטען האט דער רלב"ג אויפ'ן יודענטום קיין איינפלוס נישט געהאט. די פרומע אידען האבען איהם געהאלטען פאר אן אפיקורוס, בעזונדערס פאר זיין בעציהונג צו „מעשה בראשית“ (די שאפונגס־געשיכטע). זיין הויפט־ווערק: „מלחמות ה'“—ס'הייסט: „גאט'ס

מלחמות", האָבען זיי גערופען „מלחמות נגד ה'" — ס'הייסט: „קאַמפּפען געגען גאָט". דערפאַר האָבען איהם אָבער העכסט אָנערקענט און געעהרט די קריסטליכע דענקער און פאָרשער. דער פּויפּסט קלעמענס VI האָט נאָך ביים לעבען פון רלב"ג געהייסען איבערזעצען אויף לאַטייניש זיין ווערק און אַסטראָנאָמיע, ווי אויך די ערקלערונג וועגען זיין ערפינדענעם אַסטראָנאָמישען אינסטרומענט (1342).

עהנליך צום רלב"ג איז געווען רבי משה נרבוני (Narboni), אָדער, ווי מען האָט איהם גערופען, מאַעסטראָ ווידאַל. ער איז געווען התלהבות־דיג פערליעבט אין דער פילאָזאָפיע און אַ גרויסער פערעהרער פון רמב"ם און אבן־עזראַ, וואָס צו זייערע ווערק האָט ער פּירושים געשריבען. זיינע רייזען, וואָס ער האָט געמאַכט פון די פּירענעאישע בערג ביז טיעף שפּאַניען און ווידער צוריק ביז סאָריאַ (1345—1362), האָבען רייך געמאַכט זיינע קענטנישען. אַלץ, וואָס עס איז נור ווערט בעטראַכט צו ווערען האָט איהם אינטערעסירט, און ער האָט עס בעטראַכט מיט דער גרעסטער גענויאיגקייט. שלעכטע אומשטענדען און יסורים האָבען איהם נישט געקאָנט אָבהאַלטען פון שטודיום און פאָרשען. צוליעב דער „שוואַרצער מגפה" איז חער המון בעפאַלען אויף דער קהלה סערבערא (Cervera), וואו נרבוני האָט געוואוינט, און ער איז צוזאַמען מיט געצעהלטע איבערגעבליבענע מענשען פון דער קהלה ענטלאָפען געוואָרען, פערלירענדיג דערביי זיין גאַנץ פערמעגען און, וואָס נאָך טייערער פאַר איהם, אַלע זיינע ספרים. דאָס האָט איהם אָבער נישט געשטערט אין זיין אַרבייט, וועלכע ער האָט געפיהרט ווייטער דאָרט, וואו ער האָט איהר געלאָזען, בשעת'ן ענטלויפען. קיין זעלבסטשטענדיגער דענקער איז ער אָבער נישט געווען, נור אַ געטרייער תלמיד פון אַריסטאָטעל, וועלכער געפינט זיך אונטער'ן איינפלוס פון אבן־עזראַ. דאָס יודענטום בעטראַכט נרבוני אַלס אַ שולע, וואָס פיהרט צו דער העכסטער מדרגה פון טעאָרעטישע און מאָראַלישע וואַהרהייטען. די תורה האָט אַ דאָפּעלטען זין: דעם איינפאַך־פּשוט'ן פאַר'ן פּראָסטען המון, און דעם טיעפערן — פאַר די דענקער. אפּיקורסות, דאָס הייסט: אַזעלכע געדאַנקען, וועלכע מען בעטראַכט געוועהנליך אַלס נישט איינשטימענדע מיט דער טראַדיציאָנעלער תורה, האָט נרבוני אויך אויסגעשטעלט, אָבער נישט מיט אַזוי פרייםוטיגקייט און אָפענהערציגקייט, ווי דער רלב"ג. אויף זיין רייזע פון סאָריאַ, וואו ער האָט פערבראַכט עטליכע יאָהר, כדי צו קומען צוריק אַ היים, איז ער פּלוצלונג געשטאָרבען כמעט אין מיטען פון זיינע פילאָזאָפישע אַרבייטען.

צעהנטעס קאפיטעל.

די שווארצע מגפה און די שחיטות אויף אידען.

(פון 1335 ביז 1391)

די אידישע פילאזאפען, דער רלב"ג און דער נרבוני האבען פיעל נאכגעדאכט וועגען דער פראגע, ווי אזוי מען קאן צוזאמענפאסען די אמונה אין דער געטליכער השגחה און אינ'ם געטליכען אלוויסען מיט'ן פרינציפ וועגען דעם מענשענס פרייען ווילען. א פיעל שווערערע רעטעניש האט זיך זיי געדארפט פארשטעלען אין פאדערען אנ'ענטפער: פארוואס האט די געטליכע השגחה ארויפגעלעגט אויף דאס אידישע פאלק אזא שווערען גורל און לעבען און פארוואס האט דאס אידישע פאלק געמוזט אויסטרינקען אזא ביטערען כוס מיט די הייוען ביז'ן דעק? אלע שרעקליכע יסורים, וועלכע די אידען זענען אויסגעשטאנען ביז יענער צייט, קענען זיך נישט פערגלייכען מיט די ענוים און שוידערהאפטע טויט-מאטערניש, וואס זיי האבען איבערגעלעבט אין מיטען פון פערצעהנטען יאהרהונדערט. שווערע פינסטערע וואלקענס האבען אויסגעגאסען אלע מעגליכע פורעניות, וואס די גרויזאמסטע פאנטאזיע קאן נאר אויסטראכטען. נישט בלויז גירושים און רויבערייען, נאר די שרעקליכסטע טוידטען אונטער די גרעסטען פייניגונגען און יסורים. די התחלה אינ'ם דאזיגען טוידטען-טאנץ האט געעפענט דייטשלאנד. מען זאגט אפילו, אז דער קייזער לודוויג דער בייער האט ארויסגעוויזען פאר די אידען אזוי פיעל חסדים, דאס זיי זענען ביי זיך געווארען גאר גדלות'דיג. דאס איז אבער לשון-הרע געגען ביידע צדדים: נישט דער קייזער איז גוט געווען פאר די אידען, נישט די אידען האבען געטראכט וועגען שטאלץ ווערען. קיין דייטשער קייזער האט זיך אזוי שלעכט נישט בעגאנגען מיט זיינע „קאמערקנעכט" (ווי די דייטשע קיסרים פלעגען מיט זייער חסד אנרופען זייערע אידען), ווי לודוויג דער בייער. לודוויג האט „זיינע" אידען פער'משכנ'ט, פערקויפט, די הויט פון זיי געשונדען דורך געוואלדיגע שטייערען. ער האט אויף זיי ארויפגעלעגט א נייעם אבצאהל, דעם אזוי גערופענעם „גאלדענעם קרבן-פעניג". יעדער איד, אדער אידענע אין דייטשלאנד עלטער פון צוועלף יאהר, וואס פערמאגט לפחות צוואנציג גולדען, האט געמוזט יעהרליך געבען דעם קעניג, אדער דעם קייזער איין גולדען. אלס ערקלערונג פאר'ן דאזיגען נייעם אבצאהל, — אויב מען האט בכלל געברויכט א ערקלערונג, ווען מען האט

ביי א אידען געוואלט רייסען — האט דער קייזער אנגעוויזען, אז ער איז
דער יורש פון די פארצייטיגע רוימישע קיסרים, און וויל די אידען האבען
געמוזט צאהלען אספסיינוס'ן און טיטוס'ן א ספעציעלען אבצאהל, דארפען
זיי עם איצט בעצאהלען דעם דייטשען קייזער. אין דער רעגירונג פון קיי-
זער לודוויג זענען צוליעב די אונרוהען און בירגער-מלחמות פארגעקומען
שחיטות אויף אידען. אין א משך פון צוויי יאהר (1336—37) האט א רע-
גולער איינגעארדענטע מחנה פון גזלנים, וועלכע האבען זיך גערופען „אי-
דען-שלעגער" אבגעטהון די גוואלדיגסטע רציחות איבער אידען. אין
שפיץ פון דער מחנה זענען געשטאנען צוויי פריצים, וועלכע האבען זיך
גערופען „ארמלעדער", צוליעב דעם, וואס זיי האבען דעם ארעם ארום-
געבונדען מיט א לעדערנעם פאס. אויך דאס מאל ווי ביי די רציחות פון
רינדפלייש, האט דער גלחישער פאנאטיזם געשפיעלט א וויכטיגע רא-
ליע. איינער פון די פריצים-אנפיהרער האט ערקלערט, אז מען האט איהם
אנגעוויזען פון הימעל, נקמה צו נעהמען פאר די ענוים, וואס עס האט
געליטען קריסטוס, און בלוטיג בעצאהלען די אידען פאר זיין טויט. ארום
די „ארמלעדער" האבען זיך פערזאמעלט פינף טויזענד פויערן בעוואפ-
ענט מיט אייזערנע גראבליעס, העק, דרעש-העלצער און שפיזען, און זיך
ארומגעלאזען אין עלזאס אויפ'ן רהיין ביז שוואבען, וואו זיי האבען גע-
מאכט צווישען די אידען א שוידערהאפטע בלוט-באד. ווי עס איז אפט
פארגעקומען ביי אזעלכע מערדעריש-פאנאטישע אנפאלען, האבען פיעל
אידען זייערע קינדער און זיך זעלבסט דער'שחט'ן, אבי נישט אריינצו-
פאלען צו די גלחים אין די הענד. די בעשיצונג מצד דעם קייזער איז גע-
קומען צו שפעט, אדער זי האט ווייניג געווירקט, צוליעב דער קנאפער
ענערגיע, מיט וועלכער זי איז ארויסגעטראטען. לסוף איז דער קייזערלי-
כער מאכט געלונגען צו חאפען איינעם פון די פריצים-ארמלעדער און מען
האט איהם בעשטראפט מיט'ן טויט.

אין דער זעלבער צייט איז אויך פארגעקומען א בלוטיגע פערפאלגונג
אויף אידען אין בייערן. די ראטמענער פון דער שטאדט דעקענדארף הא-
בען געוואלט בעפרייען זיך און די בירגער פון זייערע חובות ביי די אידען
און דערצו נאך רייך ווערען דורכ'ן אידישען פערמעגען. כדי דאס צו דער-
גרייכען, האט מען ווידער ארויסגעלאזט א קלאנג, אז די אידען האבען גע-
שענדעט די האסטיע (דאס הייליג ברויט), און ווען דער המון איז שוין גע-
ווארען גענוג אויפגערעגט, האבען די ראטמענער דורכגעפיהרט זייער פלאן,
לויט ווי זיי האבען פריהער געהאט אבגערעדט בשתיקה. אין א בעשטימ-
טען טאג (30-טען סעפטעמבער 1337) איז אויפ'ן סיגנאל, וואס מען האט
געגעבען מיט דעם גרויסען גלאק פון דער קירכע, אריינגעקומען אין
שטאדט דער ריטער הויפטמאן פון דעגענבורג מיט זיינע לייט און אין
פעראייניגונג מיט די בירגער איז מען פלוצלונג אנגעפאלען אויף דער אי-
דישער בעפעלקערונג, מארדענדיג די מענשען, פערברענענדיג זייערע היי-
זער און רויבענדיג זייער פערמעגען. לכבוד די מופתים, וואס מען האט

דערצעהלט וועגען דעם הייליגען ברויט, בשעת די אידען האבען איהם בלומרש'ט געשענדעט, האט מען שפעטער אויסגעבויט א קירכע און אנגעהויבען גיהן אהין מתפלל זיין אין גרויסע מאסען. די אהליע, וועלכע די אידען האבען בלומרש'ט אויסגענוצט בשעת'ן שטעכען די האסטיע, ווי אויך די האסטיע גופא, האט מען געהאלטען אין דער קירכע, אלס הייליגטום און נאך עד היום ווייזט מען די דאזיגע „הייליגע זאכען" די אבערגלויבער.— פון דעקענדארף האבען זיך די רוצחים געלאזען געהן איבער גאנץ בייערן, בעהמען, מעהרען און עסטרייך, מארדענדיג און בערויבענדיג די אידען. טויזענדער אידען זענען דאמאלס אומגעקומען אין מורא'דיגע ענוים און מיתות-משונות. נאר די בירגער פון ווין און רעגענסבורג האבען בעשיצט די איהריגע פון'ם צעבושעוועטען המון. וואס האט דאמאלס געטהון דער קייזער געגען די אונמענשליכע רציחות איבער זיינע „קאמער-קנעכט?" ער איז דאמאלס געווען פערנומען מיט די סכסוכים מיט'ן פויפסט און מיט'ן פראנצויזישען קעניג. אבער זיין נאהנטער קרוב, דער הערצאג היינריך פון בייערן און דער פפאלץ האט ארויסגעוויזען זיין דאנק פאר די בירגער פון דעקענדארף דערפאר, „וואס זיי האבען אונזערע אידען פערברענט און פערדארבען", און האט זיי ערלויבט עפענטליך צו האלטען פאר זיך אלע זאכען, וואס זיי האבען ביי די אידען אנגערויבט. דער פויפסט בענעדיקט XII האט אפילו געהאט בעפוילען דעם בישאף פון פאסאו (Passau) צו מאכען א גענויע אויספארשונג וועגען דעם בלבול, אז מען האט פערשוועכט די האסטיע, און, אויב עס וועט זיך ארויסווייזען, אז דער בלבול איז א פאלשער—ווי דער פויפסט האט זיך אליין אויך משער געווען—זאל מען געגען די בלבול-מאכער זיך בעגעהן מיט דער גלחישער שטרענגקייט, ווייל זיי האבען דורך זייער שענדליכען שקר געבראכט צו שרעקליכע מערדעריען. אבער די גלחישע בעשטראפונגען האבען שוין דאמאלס וועניג וואס געקאנט ווירקען אויף דער ווילדקייט פון די דאמאלסדיגע קריסטען. די הילף פון'ם פויפסט האט קיין שום ווירקונג נישט געהאט און קיין בעשיצונג פון דייטשען קייזער איז נישט געווען. מיט א יאהר צעהן שפעטער אבער האבען זיך אנגעהויבען די שרעקליכע טעג פאר אלע אידישע קהלות אין איירופא, געגען וועלכע אלע מארדען און שחיטות פון די „ארמלעדער" און אלע אנדערע זענען געווען נאר א פארשפיעל.

דאס ביסעלע גליק, וואס די שפאנישע אידען האבען גענאסען אונטער דעם קעניג אלפאנזא XI האט נור מיטגעווירקט, אז אויף זייערע ברידער אין די איבעריגע קאטוילישע לענדער זאלען זיך אנהויבען שרעקליכע אונבעשרייבליכע שוידערהאפטע ענוים און רדיפות. ביי ערשרעקענדע נאטור-ערשיינונגען, ווי ערד-ציטערניש און קאמעטען, איז ערשינען אין איירופא א שרעקליכער גאסט, וועלכער איז געקומען פון חינא איבער די אינזלען און ברעגען פון אינדישען ים און האט אריינגעדרונגען אין צענטר פון איירופא, פערבלייבענדיג דארט העכער פיער יאהר (1348—1352) און

פערניכטענדיג כמעט אַ גאַנצען פיערט'חלק פון דער בעפעלקערונג (ביז 25 מיליאָן נפשות).

די דאָזיגע שוואַרצע מגפה האָט פערוואַנדעלט חי קריסטען פון איראָפּאַ אין מלאכי חבלה, צו הרג'ענען, פייניגען און פערברענען לעבעדיגערהייד יענע אידען, וועלכע די מגפה האָט געשוינט. קיין שום ווילד פאָלק האָט נישט בעשולדיגט די אידען אויף אַזאַ ווילדען, באַרבאַרישען אופן, ווי חוי קאַטוילען האָבען דאָס געטהון. די שוואַרצע מגפה האָט אַרויסגעריסען פיעל מענשען פון לעבען אויך אין די מחמד'אַנישע לענדער, אָדער צווישען די מאָנגאָלען, און זיי איז גאַרנישט איינגעפאַלען צו בעשולדיגען דערין די אידען. די קאַטוילען האָבען דאָס אָבער יאָ געטהון. די גלחים האָבען אַזוי לאַנג געפרעדיגט פאַר'ן המון, אַז די אידען זענען מערדער פון קריסטען און פון קריסטליכע קינדער, אַז די קריסטען האָבען אָנגעהויבען אין יעדען אונגליק, וואָס איז אויף זיי געקומען, אַפילו אַזוינס ווי אַ מגפה, זעהען נאָר דעם אידען. הגם פונ'ם „שוואַרצען טויט" זענען אויך גענוג אידען געשטאָרבען, אָבער וויל לערך איז די צאָהל פון די אידישע מתים געווען קלענער, ווי ביי חוי קריסטען,— בלי ספק דערפאַר, וואָס די אידען האָבען זיך געהיט מיט'ן עסען און טרינקען און גוט איינגעאָרדענט זייער בקור־חולים, קומענדיג מיט מסירת־נפש צו אַ קראַנקען, כדי אָבצוראַטעווען איהם—האָבען די קריסטען אָנגעהויבען זיי חושד זיין, אַז זיי האָבען פער־סמ'ט די ברונענס, אָדער די לופט, כדי צו פערניכטען מיט אַ מאָל אַלע קריסטען פון דער וועלט.

אָבער וואו האָבען די אידען זיך צוזאַמענגערעדט וועגען אַזאַ גרויסען פלאַן? ווער האָט געהאַט ביי זיי אַזאַ גרויסע אויטאָריטעט, אַז זיי האָבען איינגעשטימט צו פאָלגען און דורכפיהרען אַזאַ געפעהרליכע אונטערנעהמונג, ווי פער'סמ'ען די קריסטען? אַ'ענטפער דערויף האָט דער פאַנאַטיזם גלייך געפונען. די שפּאַנישע אידען זענען געווען אין דער מאַכט און געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף אַלע אידישע קהלות אין איראָפּאַ, זיי האָבען עס אַלזאָ אויסגעטהון דעם טייוולאַנישען פלאַן, צו פערטיליגען די קריסטען, און געשיקט איבעראַל שלוחים מיט אַ בעפעהל דעם פלאַן אויסצופיהרען, סטראַשענדיג מיט אַ חרם, אויב מען וועט נישט פאָלגען. דער דאָזיגער בעפעהל שטאַמט, האָבען זיי געזאָגט, בלי ספק, פון טאָלעדאָ, איז אַ געווויסער מאָס די אידישע הויפּט־שטאָדט. מען האָט אַפילו אָנגעוויזען דעם נאָמען פונ'ם אידען, וועלכער האָט דעם פלאַן אויסגעטהין, דאָס איז געווען יעקב אַפּאָסקאַטע, וועלכער איז געקומען פון טאָלעדאָ קיין שאַמבערי (Chambery) אין סאַוואָיען, און האָט פון דאָרט געשיקט אַ גאַנצע מחנה אידישע גיפטמישער איז אַלען לענדער און שטעדט. דער דאָזיגער יעקב, ווי אויך אַ געוויסער רבי פּיירעט פון שאַמבערי און דער איד אַבאָגעט—זיי האָבען עס געטריבען גרויס אין ברייט די פערגיפטיגונג פון די קריסטען. דאָס גיפט האָבען די אידישע שפּאַנישע מכשפים צוגעגרייט פון באַזיליסקען־פלייש (אַ מין שרץ), פון

שפינען, זשאבעס, עקדעסען, אדער גאר פונ'ם הארצען פון א קריסט געמישט מיט'ן טייג פון א האסטיע (הייליג ברויט).

און אזעלכע ווילדע מעשות, אויסגעטראכט דורך אונוויסענדע און שלעכטע, ביזוויליגע מענשען און פערגרעסערט דורך דער צוזיצטער פאנטאזיע מיט טויזענדער גוזמאות—האבען געגלויבט נישט בלויז דער נארישער המון, נאר אפילו אויך די פריצים. די הויכע געריכטען האבען זיך בעשעפטיגט גאנץ ערנסט צו דערגעהן דעם אמת און אנגעווענדעט דערצו יענע מיטלען, וועלכע די קאטוילישען פלעגען תמיד געברויכען אין מיטעלאלטער מיט טייוולאנישער קונסט—די פייניגונג.

צוערשט האט מען אנגעהויבען גלויבען אין דער ווילדער מעשה, אז די אידען האבען פערגיפטעט די קוואלען און ברונענס אין דרום-פראנקרייך, וואו עס האט זיך צוערשט בעוויזען די „שווארצע מגפה" אין אנפאנג פונ'ם יאהר 1348. אין איין דרום-פראנצויזישער שטאדט האט מען א גאנצע אידישע קהלה — מענער און פרויען, קינדער און זקנים—פערברענט צוזאמען מיט די ספרי-תורה אין איין טאג (אין מאי). באלד זענען פארגעקומען רדיפות אויך אין גאנץ שפאניען. אין בארצעלאנא איז דער המון אנגעפאלען אויף די אידישע הייזער און בעראבעוועט זיי. צוואנציג אידען האט מען דערביי אויסגעהרג'עט (אין יוני). דארט האבען זיך אבער די אנגעזעהענע קריסטען אנגענומען פאר די אידען און, ביי א שרעקליכען שלאקס-רעגען מיט דונערען און בליצען, האבען זיי צוזאגט דעם ווילדען המון און נישט דערלאזען, אז עס זאלען פארקומען גרעסערע הריגות.— איניגע טעג שפעטער האט דער המון געמאכט אנ'אנפאל אויף דער אידישער קהלה אין סערווערא (Cervera). אכצעהן אידען האט מען דער'הרג'עט און די איבעריגע זענען זיך צולאפען. די קהלות אין צפון-שפאניען האבען זיך שוין איבעראל געריכט אויף אנפאלען: מען האט איבעראל גוזר-תענית געווען, מתפלל געווען צו גאט און פערשלאסען אויך טהיר און טויערען; דארט, וואו דער אידישער שטאדט-טייל איז געווען ארומגערינגעלט מיט א מויער, האט מען די מויער פערשלאסען און געהאלטען א שטארקע שמירה, נישט אריינצולאזען די פיינד. אין אראגאניען האבען אבער די פריצים און דאס געבילדעטע פאלק בעשיצט די אידען.

דער פויפסט קלעמענס VI, דער זעלבער, וואס האט בעפוילען איבערצוזעצען אויף לאטייניש דעם רלב"ג'ס ספר וועגען אסטראנאמיען, האט זעהר מיטגעפיהלט מיט'ן אידישען עלענד. ער אליין האט שטארק געציטערט פאר דער מגפה און בעפוילען צו פערשליסען אלע זיינע צימערען, אויפהאלטענדיג זיך שטענדיג נאר ביי זיך אין קאבינעט. ער האט אין א בולע (בעפעהל) שטרענג פערבאטען צו דער'הרג'ענען אידען אהן א פסק-דין פון א ריכטער, שלעפען זיי מיט געוואלד צום שמד אדער בערויבען זיי, סטראשענדיג מיט א חרם דעם, וואס וועט נישט פאלגען (יולי). די דאזיגע בולע האט עטוואס געווירקט אין דרום-פראנקרייך, אבער אין דער איבעריגער קריסטליכער וועלט האט זי נישט געהאט קיין שום ווירקונג.

איין לאנד האט זיך געלערנט פון'ם אנדערען. די שענע גן-עדן-געגענד פון גענפער-אזיערא איז באלד געווארען א געביט פון בלוטיגע רציחות. אויף'ן בעפעהל פון דאמאלסדיגען הערצאג אמאדעאוס פון סאוואיען, האט מען ארעסטירט פיעל אידען, וועלכע מען האט חושד געווען אין דער פערסמ'ונג און אריינגעווארפען זיי אין תפיסה אין די פעסטונגען פון שיליאן (Chillon) און שאטעל. אין שיליאן האט מען פיעל אידען מערדעריש געפייניגט (אום יום-כפור 1349). די אונגליקליכע אידען האבען נישט געקאנט אויסהאלטען די שרעקליכע יסורים און זיך מודה געווען, וואס מען האט פון זיי פערלאנגט: זיי האבען ערקלערט, פון וואנען זיי האבען דעם סם בעקומען און וואו זיי האבען איהם אין די ברונענס אריינגעטהון. איינער פון די אונגליקליכע האט אין די גרויסע ענויים, וואס מען האט איהם אנגעטהון, דערצעהלט גאר וואונדערליכע זאכען: ער אליין—האט ער ערקלערט—האט גע'סמ'ט די ברונענס אין ווענעדיג, אין אפוליען און קאלאבריען (דרום איטאליען) און אין טולוזא. די סעקרעטארען פון די געריכטען האבען דאס פערשריבען און די אונגליקליכע האבען זיך דערויף אונטערגעשריבען. און כדי דאס „מודה זיין זיך" זאל האבען מעהר ווערט, האבען די ריכטער פערשריבען אין פראטאקאל. אז מען האט די אנגעקלאגטע נאר לייכט געפייניגט, און אויף דעם סמך פון אזא „מודה זיין זיך" האט מען פער'משפט צו פערברענען נישט בלויז די אידען, וואס האבען זיך מודה געווען, נאר אלע אידען אין דער גאנצער געגענד פון גענפער אזיערא.

פון דער גענפער געגענד האט זיך געשווינד פערשפרייט אין גאנץ שווייץ די ידיעה, אז חי אידען האבען זיך אליין מודה געווען, דאס זיי סמ'ען די ברונענס, און באלד האבען איבעראל זיך ווידערהאלט די בלוטיגע שוידערהאפטע סצענעס. די קאנסולען פון בערן האבען זיך געזעצט צום געריכט, מען האט באלד געחאפט עטליכע אידען, אנגעקלאגט זיי און געפייניגט, ביז זיי האבען געזאגט וואס מען האט פון זיי פערלאנגט, און די קריסטען האבען געמאכט גרויסע קאסטרעס, אויף וועלכע מען האט געווארפען אלע ארטיגע אידען און פערברענט זיי אין די העלישע פלאמען, (סעפטעמבער). דאן האבען די ריכטער געשיקט א צירקוליאר קיין באזעל, פרייבורג, שטראסבורג, קעלן און אנדערע שטעדט, מודיע צו זיין, אז דאס אידישע פערברעכען איז פאלקאם דערוויזען געווארען. נאך איין מאל האט דער פויפסט ארויסגעגעבען א בולע, אין וועלכער ער האט ערקלערט, אז די אידען זענען גאנץ אונשולדיג אינ'ם בלבול, וואס מען מאכט אויף זיי, און פאדערט פון די גלחים, אז זיי זאלען זיך איבעראל אנעהמען פאר די עלענדע אונגליקליכע, בעלעגענדיג די פאלשע אנקלאגער און תלוונים מיט א חרם (סעפטעמבער). אומזיסט! דאס קינד איז מעכטיגער געווארען פאר זיין פאטער, דער פאנאטיזם מעכטיגער ווי דער פויפסט. די רציחות און דאס פערברענען אידען איז געווארען א שרעקליכע עפידעמיע

אין ערגיץ איז אבער די פערטיליגונג פון די אידען נישט צוגעגאנגען אזוי שרעקליך ווי אין דייטשלאנד. אומזיסט האט דער ניי-אויסגעקליבענער קייזער קארל IV ארויסגעגעבען בעפעהלען אויף בעפעהלען, אז מען זאל נישט אנריהרען ביי זיינע קאמערקנעכט קיין האר. ווען אפילו ער וואלט געהאט א שטארקערע ממשלה אין דייטשלאנד, וואלט מען איהם אויך ניט געפאלגט, דען נישט בלויז, כדי צו בעקומען דאס אידישע פערמעגען, האבען די קריסטען איצט געווארפען די אידען אין פייער, ווי דאס ערקלערט דער עהרליכער קריסטליכער ערצעהלער קלאזענער פון יענער צייט: „דאס באר געלד איז געוועזען דער סם, וואס האט די אידען אבגעטויט"—ניין, נישט דאס אליין האט דא געווירקט, נור זיין טפשות און דער פאנאטיזם פון דעם פינסטערען המון, וועלכער האט בתמימות געגלויבט, אז די אידען האבען מיט א ביסעלע סם געקאנט פערגיפטען די גרויסע טייכען רהיין, דאנאי, אלע אזיערעס, קוואלען, ברונעס, אלע פעלדער און לאנקעס! ווי אין גענף האט מען דערצעהלט וועגען יאקאב פאסקאטע און רבי פייהעט און שאמבערי, אזוי האט מען אין דייטשלאנד דערצעהלט, אז א געוויסער רייכער איד: משה פון מאינץ, האט געבראכט דעם סם און אויסגעטיילט איהם צווישען די אידען. און די „קלוגע" מאגיסטראטען האבען אין פיעל ערטער געהייסען ארומטוערן די ברונעס און קוואלען, כדי די בעפעלקערונג זאל נישט טרינקען דעם אידישען סם. און מען האט גענוצט נור רעגען-אדער שניי-וואסער.

פונדעסטוועגען זענען נאך געוועזען אויך אין דייטשלאנד פערשטענדיגע מענשען, וועלכע האבען נישט געקאנט גלויבען, אז נור די אידען זענען שולדיג אין דער שרעקליכער שטערבליכקייט. די דאזיגע געצעהלטע עהרליכע קריסטען פערדינען, אז מען זאל זיי דערמאהנען אין דער געשיכטע. דאס זענען געוועזען דער ראטמאן פון סטראסבורג, בירגערמייסטער קאנראד פון ווינטערטור, דער ריכטער גאסע שטורם און דער בעל-מלאכה פעטער שווארבער. די דאזיגע עהרליכע און פערשטענדיגע מענשען האבען אנגעווענדעט פיעל מיה צו געבען אלעמען צו ערקלערען, ווי די בעשולדיגונג געגען די אידען האט נישט קיין זין. און זיי האבען אויך פערטיידיגט און בעשיצט די אידען פון די פאנאטישע אנפאלען פון המון, ווי אויך מצד דעם בישאף אליין. אויך דער מאגיסטראט-ראט פון באזעל און פרייבורג איז געשטאנען אויפ'ן צד פון די אונגליקליכע אידען. דער ראט פון קעלן האט געשריבען צום ראט פון סטראסבורג, אז ער וועט זיך אין דער בעציהונג צו די אידען נעהמען דעם סטראסבורגער ראט פאר א מוסטער, ווייל זיי האבען אנערקענט, אז די שווארצע מגפה איז א שטראף פון גאט פאר די זינד, און די אידען זענען דעריין כלל נישט שולדיג.

אין בענפעלדען (עלזאס) האט מען זיך אנגעהויבען בעראטען, וואס מען זאל טהון מיט די אידען. אין דער בעראטונג האבען אנטייל גענומען דער בישאף בערטהאלד פון סטראסבורג, באראנען, אנגעזעהענע לייט און

דעפּוטאַטען פון שטאָדט. די פערטרעטער פון סטראַסבורג זענען מוטיג אַרויסגעטרעטען צו פערטיידיגען די אידען געגען דעם בישאָף, וועלכער האָט צוליעב שלעכטסקייט אָדער פאַנאַטיזם און טפּשות געפאָדערט, אַז מען זאָל די אידען פערטיליגען. זיי האָבען אָפען ערקלערט, דאָס זיי קענען נישט בעשולדיגען די אידען אין דער פערגיפטונג פון די וואַסערן. אָבער זייער שטים האָט מען איבערגעשריען און בעשלאָסען אַרויסצוטרייבען די אידען פון אַלע שטעדט פון אויבערשטען רהיין (אַרום סוף 1348). פון דער צייט אָן זענען די אידען פון בענפעלדען, וועלכע האָבען מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם איבערגעלעבט די שחיטות און רויבערייען פון די „אַרמלעדער“, ערקלערט געוואָרען פאַר „פויגעל-פריי“, ס'הייסט, אַז ווער עס וויל, מעג זיי בעראַבעווען, שחט'ן, פייניגען, ברענען, דערטרינקען אָדער הענגען... און דאָס אַלץ האָט מען טאַקי באַלד אָנגעהויבען אויספיהרען אין פערשידענע ערטער. פריהער האָט מען די אידען אַרויסגעטריבען און הערנאָך האָט דער המון אַרומגערינגעלט די אַרויסגעטריבענע און פערברענט זיי אָדער פראַסט ווי די ווילדע חיות אויסגעהרג'עט. אַזאַ שרעקליכער גורל איז געפאַלען צוערשט אויף די אידען פון באַזעל. די קריסטען האָבען אויפגעלעגט אַ פייער אויף איינער פון די אינזלען אויפ'ן רהיין און, צונויפטרייבענדיג אַהין אַלע אידען פון שטאָדט, האָבען זיי זיי פערברענט (9-טען יאַנואַר 1349) אָהן קיין שום דין און משפט, שווייגענדיג דערביי, נישט אַריינצולאָזען אין שטאָדט קיין אידען אין אַ משך פון צוויי הונדערט יאָהר. — אַ וואָך שפּעטער איז געקומען די רייהע פאַר דער אידישער קהלה פון פרייבורג. אויך דאָ האָט זיך איבערגעחזר'ט דאָס אייגענע וואָס איז פאָרגעקומען אין בענף: מען האָט געחאַפּט אַ אידען, געפייניגט און געצוואונגען מודה צו זיין זיך און דערנאָך האָט מען די אידען אַלע פערברענט. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אויך אין פיעל אַנדערע שטעדט אין קאַנט, בלויז מיט אייניגע וואַריאַציעס, לויט דער מערדערישער פאַנטאַזיע פון ווילדען המון. די שוידערהאַפטע יסורים, וועלכע מען האָט אָנגעטהון די אידען פאַר'ן פייער-טויט, איז גאָר אונמעגליך צו בעשרייבען. צווישען די רהיינישע קהלות איז די ערשטע אומגעקומען די אַלטע אידישע קהלה שפּייער (אַשפּירה). דאָס פאָלק האָט זיך דאָרט פערזאַמעלט און אויסגעהרג'עט פיעל אידען, פיעל האָבען זיך אַליין פערברענט אין זייערע הייזער און אַ קליינער טהייל האָט זיך געלאָזען מיט געוואַלד אָבשמד'ן (10 יאַנואַר 1349). די חערהרג'עטע אידען האָט מען אָנגעפּאַקט אין וויין-פעסער און אַרויסגעלאָזען אויפ'ן רהיין און דאָס אידישע פערמעגען האָט דער מאַגיסטראַט צוגענומען פאַר זיך.

דער סטראַסבורגער מאַגיסטראַט איז אָבער געבליבען פעסט ביי זיין בעשלוס צו פערטיידיגען די אידען. דער בירגערמייסטער ווינטערטור האָט געזאַמעלט גינסטיגע ידיעות פאַר די אידען, כדי צו בעווייזען די אידישע אונשולד פאַר'ן המון, וועלכער האָט געהאַלטען אין איין פאָדערן, אַז מען זאָל נקמה נעהמען אָן די אידען. אָבער די ידיעות, וועלכע ער האָט

דערהאלטען פון פיעל שטעדט, זענען גראד געוועזען נישט גינסטיג פאר די אידען. דער ראט פון צעהרינגען, למשל, האט מודיע געווען, אז מען האט ביי די אידען געפונען סם, מיט וועלכען מען האט געמאכט א פראבע אויף בהמות, און זיי זענען באלד געפאלען טויט. דער קאמענדאנט פון שיליאנער פעסטונג האט צוגעשיקט א קאפיע פונ'ם פראטאקאל, וואס מען האט צוזאמענגעשטעלט ביים פייניגען די אידען, וועלכע האבען זיך אליין מודה געווען אין א זאך, וואס איז זיי קיינמאל אויפ'ן מח אפילו נישט ארויפגעפאלען צו טהון, נור דער ראט פון קעלן האט זיך געהאלטען עהרליך און געשריבען צום סטראסבורגער בירגערמייסטער צו זיין פעסט און נישט דערלאזען קיין שחיטות געגען די אונשולדיגע אידען, „וויל — האט ער געשריבען — סטראסבורג וועט דיענען פאר א גוטען ביישפיעל פאר פיעל קלענערע און גרעסערע שטעדט, אז מען זאל נישט דערהרג'ענען קיין אונשולדיגע". דער סטראסבורגער מאגיסטראט האט זיך אבער לאנג נישט געקאנט האלטען געגען דעם ווילדען המון, וועלכער האט נישט געגלויבט, אז די ראטמענער האבען באמת געגלויבט אין דער אידישער אונשולד, און האט זיי חושד געווען, אז זיי האבען גענומען שוחד ביי די אידען. די צעכען בעלי-מלאכות און די מיעשטשאנעס האבען זיך פערזאמעלט מיט זייערע פלאגען ארום דעם ראטהויז און האבען נישט אפגעטראטען, ביז וואנען דער בירגערמייסטער ווינטערטור מיט זיינע צוויי חברים האבען בעקומען דימיסיע, און מען האט אויסגעקליבען נייע ראטמענער, וועלכע האבען נוטה געווען צו רודפ'ן די אידען. די אידישע קהלה פון סטראסבורג, וואס איז בעשטאנען פון צוויי טויזענד נפשות, האט מען באלד אוועקגעשלעפט אין תפיסה און אויף צו-מארגענס (שבת 14 פעברואר 1349) האט מען זיי אלעמען געבראכט אויפ'ן אידישען בית-החיים, וואו מען האט אויפגעשטעלט א גרויסע הילצערנע געביידע און געצוואונגען זיי אהין אריינצוגעהן. דארט האט מען זיי אלעמען אונטערגעצונדען און פערברענט. נור ווייניג אידען האבען אין גרויס שרעק זיך בעלאזט אפ'שמד'ן און לעבען געבליבען. פון די איבריגע איז קיין איינציגער נפש נישט געבליבען לעבען. דער נייער ראט האט אויך אנגענומען א בעשלוס, אז אין משך פון הונדערט יאהר זאל מען קיין אידען אין סטראסבורג נישט אריינלאזען. דאס אידישע פערמעגען האט מען צוטיילט צווישען דער קריסטליכער בעפעלקערונג.

דאן איז געקומען די רייהע צו דער עלטסטער אידישער קהלה פון דייטשלאנד — צו ווארמס (ווירמייזא). די אידישע איינוואוינער פון דער דאזיגער שטאדט האבען בעזונדערס געדארפט מורא האבען פאר זייער גורל דערפאר, וואס דער קייזער קארל IV האט די אידען אבגעגעבען א מתנה דער קריסטליכער בעפעלקערונג פאר זייער שטיצע, וואס זיי האבען איהם בעוויזען בשעת דער בירגער-מלחמה. אין זיין שענק-בריעף שרייבט דער קייזער קארל פאלגענדעס „די שטאדט און די בירגער פון ווארמס קאנען מאכען מיט די אידען און מיט זייער קהלות, וואס זיי ווי-

לען און אויסנוצען זייער פערמעגען, ווי דאס אייגענע“. די בירגער האבען אלזא געהאט דאס פאלקאמע רעכט, צו מאכען מיט די אידען, וואס זיי האבען געוואלט. ווען חשר ראט האט בעשלאסען די אידען צו פערברענען, האבען די אידען זיך מקדים געווען, כדי ניט אומצוקומען אין די הענד פון די מערדער. כמעט אלע אידען האבען אליין אונטערגעצונדען זייערע הייזער און פערברענט געווארען אין זיי לעבעדיגערהייד. העכער פיער הונדערט אידען זענען דאמאלס פערברענט געווארען (י' אדר שני 1349). נור ווייניג אידען האבען בעוויזען צו ענטלויפען. אויך די אידען פון אפענהיים און פראנקפורט אם מאין האבען דאס זעלביגע געטהון, וואס די ווארמייזער אידען, ווען זיי האבען איינגעזעהן, אז די קריסטען קלייבען זיך, זיי צו פערברענען (סוף יולי). פון די דאזיגע גרויסע שרפות האבען, נאטירליך, געליטען אויך די קריסטען, און דאס אידישע פערמעגען איז פאר זיי אויך פערלוירען געגאנגען.

און אזוי ווי איין שגעון וואלט נאך ווייניג געווען די אידען צו פערניכטען, איז געקומען נאך א צווייטער, וועלכער האט פון קאטוילישען קריסטענטום געמאכט א מין „בעל“ קולט. אנערקענענדיג די „שווארצע מגפה“ פאר א פלאג פון גאט, א פורעניות, מיט וועלכע גאט'ס צארן בעשטראפט די קריסטען פאר זייער נישט-פרומקייט, האבען די גלחים גערופען אלעמען תשובה צו טהון. גרויסע מחנות מענשען האבען זיך געלאזט געהן איבער גאנץ דייטשלאנד, וועלכע האבען, ווי די פארצייטיגע פריסטער פון „בעל“, געשמיסען זייער נאקעטען לייב מיט לעדערנע געקניפעלטע רימענס, ביז עס פלעגט זיך גיסען בלוט און דערביי פלעגען זיי זינגען מיט א גרוילכער שטימע רעליגיעזע לידער. די „שמייסער“ האבען חערוועקט דעם שגעון פון פאלק ביז צום שרעקליכען פאנאטיזם; מענשען זענען פשוט משוגע געווארען, און די ערשטע קרבנות פון דעם שגעון זענען, ווי שטענדיג, ווידער געווען די אידען. די „שמייסער“ האבען גאנץ אפען ערקלערט, אז מען דארף די אידען פערניכטען, און האבען זיך אנגערופען מיט שטאלץ „די אידען-שלאגער“. א קליין דאמאלדיג לידעלע שילדערט אין קורצע ווערטער די מאראלישע געפאלענקייט און שענדליכע ווילדקייט פון די דאמאלדיגע קאטוילישע קריסטען אין דייטשלאנד, דאס לידעלע האבען געזונגען אלט און יונג:

„די מגפה געהט געשווינד,
„ווערגט פיעל טויזענד מענשען-קינד.
„שמייסער זעהט מען נאקעט-געהן,
„און געשמיסען וויל מען זיין.
„ס'ציטערט אלץ אין פונדאמענט,
„ס'ווערען אידען אל'פערברענט“...

די שמייסער האבען די ערשטע אנגערייצט דעם המון צו מאכען א הריגה צווישען די אידען אין פראנקפורט. אין מאינץ (מגנצא) אבער הא-

בען די אידען זיך צוזאמענגערעדט, נישט צו דערלאזען זיך אויס'שחט'ן ווי היימיש-פיה. דריי הונדערט אידען האבען זיך בעוואפענט און ארויסגעטראטען געגען די אנפאלער. עס איז אויסגעבראכען אנ'אמת'ע מלחמה, און די אידען האבען אויסגעהרג'עט פון די אנפאלער צוויי הונדערט מאן. נאטירליך, האבען זיי דאדורך דערוועקט דעם כעס פון די קריסטען, וועלכע האבען זיך אלע אויך בעוואפענט. די אידען האבען לאנג מלחמה געהאלטען און, ווען זיי האבען ענדליך דערזעהען, אז עס איז פאר זיי אונמעגליך צו האלטען זיך געגען די פיעל גרעסערע קריסטליכע מחנות, האבען זיי אונטערגעצונדען זיך אין זייערע אייגענע הייזער (24 אויגוסט). ווי מען איז זיך משער, זענען דאמאלס אומגעקומען אין מאינץ זעקס טויזענד אידען. די גרעסטע אידישע קהלה אין דייטשלאנד איז אינגאנצען אומגעקומען.

אינ'ם זעלביגען טאג איז פארגעקומען אויך אנ'אנפאל אויף דער אוראלטער אידישער קהלה אין קעלן, וואוהין עס זענען זיך צוזאמענגעקומען די אידען פון די ארומיגע שטעדט און דערפער, האפענדיג דארט צו קאנען איבערלעבען די אנפאלען. א לאנגע צייט האט דער קעלנישער מאגיסטראט אבגעהאלטען דעם המון פון די רציחות, אבער דורך דער פערשטארקונג פון דער מגפה האט אויפגעהערט אין שטאדט יעדע דיסציפלין, קיינער האט נישט געוואלט ערפילען דעם מאגיסטראטס בעפעהלען. באלד זענען זיך צונויפגעלאפען פון אנדערע ערטער רויבערישע מחנות און אנגעהויבען מאכען אנפאלען אויף די אידען, וועלכע האבען זיך טיילוויז פערטיידיגט. דא און דארט האבען זיך אנגעצונדען די הייזער, און דער סוף איז געווען, אז אלע אידען זענען אומגעקומען. די אידישע שחיטות האבען זיך ענדליך פערשפרייט איבער גאנץ דייטשלאנד, ווי א העליש פייער. אין ערפורט איז פון דער גרויסער אידישער קהלה, וואס איז בעשטאנען פון דריי טויזענד נפשות, נישט געבליבען קיין איינציגער איד. אין גאנץ טהירינגען, אין אייזענאך, אין ברעסלוי און אין פיעל אנדערע שטעדט זענען פארגעקומען די אנפאלען. די אידען האבען זיך טיילוויז פערטיידיגט, טיילוויז זיך אליין אונטערגעצונדען. מייסטענס אבער האבען די פאנאטישע קאטוילען זיי אויסגעהרג'עט, אדער פערברענט. פון די אלפישע בערג ביז צום צפון-ים (דער דייטשער ים), פון רהיין ביז דער אדער, האט מען די אידישע קהלות אויסגעשחט'ן אדער פערברענט. אפילו אויסרעכענען אט די אלע קהלות, איז אונמעגליך. איבעראל איז דער דייטשער פאנאטיזם געווען שטארקער פאר די פירשטען, און די לעצטע האבען גארנישט געקאנט טהון, אויב זיי האבען אפילו יא געוואלט, צו בעשיצען די אידען געגען זייערע אנפאלער; מייסטענס האבען אבער די פירשטען אויך ווייניג חשק געהאט די אידען צו בעשיצען, ווייל זיי אליין זענען אויך געווען אזוי ווילד און פאנאטיש, ווי דער המון: זיי האבען געלערנט אין איין חדר— ביי די רוימישע גלחים.

אזוי האבען אויסגעבראכען שחיטות אויך אין בייערן און אין שוואבען, און די אלטע אידישע קהלות זענען חרוב געווארען: די קהלה פון אויגסבורג צושטערט (22 נאוועמבער 1348), די קהלות פון ווירצבורג און מינכען — שפעטער. די אידען פון נירענבערג, וועלכע זענען צוליעב דעם דארטיגען וועלט-האנדעל געוועזען זעהר רייך, געהאט גרויסע הייזער און נאטירליך, געבארגט פיעל געלד די קריסטען, האבען בעזונדערס שטארק דערוועקט געגען זיך די שנאה פון זייערע קריסטליכע בעלי-חובות. דער אונטערגאנג פון דער קהלה איז געוועזען אזוי זיכער, אז דער קייזער קארל IV האט פאראויס בעפרייט דעם שטאדט-ראט פון דער פעראנטווארטליכקייט, אויב מ'וועט מאכען אנ'אנפאל אויף די אידען. — אויף א פלאץ, וועלכען מען האט שפעטער א נאמען געגעבען „אידענביהל“, האט מען אויסגעבויט א קאסטער און אלע אידען, וועלכע האבען נישט בעוויזען צו אנטלויפען פון שטאדט, האט מען אהין געבראכט און אין פייער אריינגעווארפען לעבעדיגערהייד, אדער מען האט זיי פריהער דער'שחט'ן (6-טער דעצעמבער 1349). נאר דער שטאדט-ראט פון רעגענסבורג האט זיך באמת בעמיהט צו בעשיצען די עלטסטע אידישע קהלה אין דרום-דייטשלאנד. דען אויך אהער זענען געקומען די ווילדע מחנות און געפאדערט, אז מען זאל די אידען אויס'הרג'ענען, אדער לפחות ארויסטרייבען פון שטאדט, און יעדען טאג האט מען מורא געהאט, אז עס זאלען נישט אויסברעכען קיין שחיטות. אבער דער ראט און די בעסערע בירגער האבען ערקלערט עפענטליך און פייערליך פאר'ן בירגערמייסטער בערטאלד עגאלשפעכט, אז זיי וועלען געטריי בעשירמען און פערטיידיגען די אידען, און זיי האבען עהרליך געהאלטען זייער ווארט. די רעגענסבורגער אידען זענען נצול געווארען פון דעם אלגעמיינעם אידישען אומגליק. דאגעגען דער בראנדענבורגער מארק-גראף האט אליין בעפוילען צו פערברענען אלע אידען אין קעניגסבערג און קאנפיסקירען זייער פערמעגען פאר דער מלוכה.

אויסער דייטשלאנד, אפילו ביי די בארבארישע פעלקער, זענען דאמאלס לערך פארגעקומען נור ווייניג רדיפות. דער פאנאטישער קעניג פון אונגארן, לודוויג, האט אפילו די אידען דאמאלס ארויסגעטריבען פון אונגארן, אבער נישט צוליעב דעם חשד, אז זיי האבען די וואסערען פער'סמ'ט, נור אלס אנ'עקשנות'דיג פאלק, וואס האלט זיך ביי זיין אלטער תורה און וויל נישט געהן צום שמד. — אין פוילען, וואו די שווארצע מגפה האט אויך אויסגעווארגען פיעל מענשען, זענען ווייניג פארגעקומען רדיפות, ווייל אין יענער צייט האט דארט געקעניגט קאזימיר דער גרויסער, וועלכער האט די אידען בעשיצט.

די אידען אין פוילען.

נאָכ'ן טויט פון באָלעסלאַוו דעם געשעמטען (1278), ווען לעשעק דער שווארצער איז ארויפגעשטיגען אויפ'ן פוילישען טראָהן, האָבען אויסגעבראָכען גרויסע מהומות אין קליין-פוילען און גרויס-פוילען. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען די מאָנגאָלישע מחנות האָבען נאָר וואָס געהאט איינגענומען רוסלאַנד און פון דאָרט זיך פערשפרייט אין אונגארן און מזרח-פוילען. אין דער צייט פון די מהומות האָבען די אידען בעזונדער פיעל געליטען, ווייל די פריווילעגיעס, וואָס באָלעסלאַוו האָט זיי געשאָנקען, האָט קיינער נישט אָבגעהיט. כדי צו מאַכען אַ סוף מיט די מהומות, האָבען די פּאָליאַקען אויסגעקליבען פאַר אַ מלך וולאדיסלאַוו דעם קורצען (Łokietek), וועלכער האָט פעראייניגט גרויס- און קליין-פוילען און זיך געקרוינט אין קראָקאָ (1319). דער דאָזיגער קעניג האָט דער ערשטער געוואָלט געבען גלייכבערעכטיגונג אַלע איינוואָהנער פון דער מלוכה אָהן אונטערשייד פון קלאַסען, און דעריבער האָט ער צונויפגערופען אַ גרויסען נאַציאָנאַלען סיים אין כענצין (Chęciny) פון בישאָפען, מאַגנאַטען און קלענערע פריצים (1331). דער סיים האָט ארויסגעגעבען נייע געזעצען, וועלכע האָבען געמאַכט אַ סוף מיט דער סעפּאַראַטער פּאָליטיק פון די מאַגנאַטען, וואָס יעדער פון זיי איז זיך געווען אַ קליינער מלך אין זיינע גיטער און געהאַט ארויסגעגעבען אייגענע געזעצען. דאדורך, וואָס מען האָט אויסגעגלייכט פאַר'ן געזעץ אַלע בירגער, זענען אויך ממילא בטל געוואָרען די אידישע פּריווילעגיעס. און די אידען האָבען בעקומען גלייכבערעכטיגונג. די אידען האָבען זיך דאַמאָלס שוין געקליידעט אַזוי ווי די פּאָליאַקען און געטראָגען אַ שווערד אויף דער זייט און אַ קייט אויפ'ן האַלז; אויך אין מיליטער האָבען זיי געדאַרפט דינען, לויט דער דאַמאָלסדיגער אָרדנונג. מען האָט זיך אָבער געקלאָגט אויף די אידען, אַז זיי נעהמען צו גרויסע פּראָצענטען. כדי צו מאַכען אַן ענדע מיט אַזאַ ערשיינונג, האָט לאָקיעטעק פערבאָטען די אידען דורך אַ געזעץ צו נעהמען העכער ווי פופציג פּראָצענט, „ווען די אידען האָבען אַבסאָלוט פיינד דאָס קריסטענטום".

נאָכ'ן טויט פון וולאדיסלאַוו לאָקיעטעק (1333), איז ארויפגעשטיגען אויפ'ן טראָהן זיין דריי און צוואַנציג-יעהריגער זוהן, קאַזימיר דער גרויסער, דער „קעניג פון די פויערן און אָרעמע לייט", ווי מען האָט איהם גערופען. אין יענער צייט האָט זיך, צוליעב די שרעקליכע רדיפות אין דייטשלאַנד, זעהר פערשטאַרקט די אידישע איינוואַנדערונג אין פוילען. די דייטשע אידען האָבען געוואוסט, אַז אין פוילען האָבען זיך די גלחים נאָך נישט אַזוי פערשטאַרקט, ווי אין דייטשלאַנד, און זיי האָבען דעריבער מיט רעכט געהאָפט, אַז דאָרט וועלען זיי נישט האָבען צו ליידען אַזעלכע רדיפות, ווי אין זייער אַלטער היים. די אָנגעקומענע אידען האָבען אָנגעהויבען זיך בעשעפטיגען מיט מסחר און מלאכות

און ממילא זענען זיי ערשײַנען אַלס קאָנקורענטען פאַר די „מיעשציאַנעס" וועלכע זענען מייסטענס כמעט געווען דײַטשען. מורא האָבענדיג, אַז מען זאָל זיי דערפאַר נישט אָנהויבען רודפ'ן, ווי אויך שרעקענדיג זיך, אַז מיט דער צייט וועלען די קאַטוילישע גלחים זיך אויך דאָ פערשטאַרקען און אָנהויבען זיי רודפ'ן ווי אין אַנדערע לענדער, האָבען די אידען געשיקט שתדלנים צום קעניג קאַזימיר און געבעטען בײַ איהם, אַז ער זאָל בעשטעטיגען זייערע פריווילעגיעס, וואָס עס האָט זיי געגעבען זײַן זיידע באָלעסלאַוו דער גערעכטער. די אידישע האָפנונג איז דאָס מאָל פערווירקליכט געוואָרען: אין יאָהר 1334 האָט קאַזימיר דער גרויסער בעשטעטיגט די אידישע פריווילעגיעס וואָס זײַן זיידע האָט זיי געגעבען.

לויט ווי מען דערצעהלט, האָט קאַזימיר געהאַט אַ אידישע געליעבטע, די שענע אסתר, אַ טאָכטער פון אַ שניידער אין אָפּאָטשנא, וואָס אַרום סאַנדאָמיערזש. אסתר האָט געבוירען דעם קעניג צוויי זיהן און צוויי טעכטער. די טעכטער האָט זי אויסגעהאָדעוועט און ערצויגען אין יודענטום, די זיהן האָט קאַזימיר געלאָזט ערציהען אין קאַטוילישען גלויבען, און צווישען די פוילישע מאַגנאַטען געפינען זיך זייערע קינדס-קינדער.

נאָך קאַזימיר'ס טויט (1370) איז איבערגעריסען געוואָרען די דינאַסטיע פון די פּיאַסטען, און דער טראָהן איז איבערגעגאַנגען צום אונגאַרישען קעניג לודוויג, וועלכער האָט, ווי שוין דערמאַנט, אַרויסגעטריבען די אידען פון אונגאַרן. די אידישע לאַגע אין פוילען איז, נאַטירליך, דאַדורך ערגער געוואָרען. בכלל אָבער, אין פערגלײַך מיט'ן אידישען צושטאַנד אין מערב-אייראָפּאַ, האָבען די אידען אין פוילען געלעבט הונדערטער יאָהרען רוהיג. זייערע פריווילעגיעס האָט מען אפילו שטרענג קיינמאָל נישט אָבגעהיט, אָבער די מלכים אַליין ווי אויך די פוילישע מאַגנאַטען האָבען זיי שטענדיג בעשיצט. פון די פוילישע פויערן ווידער האָבען די אידען בכלל קיין שלעכטס אויך נישט געזעהען. אָנפאַלען פלעגען אויף זיי מאַכען נאָר די מיעשטשאַנעס, קליינע סוחרים און בעלי-מלאכות, וועלכע זענען מייסטענס געווען דײַטשען, און פון אָט די אָנפאַלען פלעגען די מלכים זיי בעשיצען.

וועגען דעם איננערליכען לעבען פון די אידען אין פוילען אין יענער צייט איז לײַדער ווייניג וואָס בעוואוסט. ערשט שפּעטער האָט זיך בײַ די אידען אין פוילען אָנגעהויבען אײַנאָרדנען אַ קהלה-לעבען, ווי מען וועט עס זעהען ווײַטער.

ווי אויף דער מזרח-גרענעץ פון דײַטשלאַנד, אַזוי האָבען די רדיפות בשעת דער שוואַרצער מגפה זיך פערשפּרייט אויך אויף דער מערב-גרענעץ, אין בעלגיען. אין בריסעל איז דאַמאָלס בײַ'ם הערצאָג פון בראַבאַנט, יאָהאַן II, געווען אַ גרויסער חשוב אַנ'אָנגעזעהענער רײַכער איד. ווען די „שמײַסער" זענען געקומען קיין בריסעל, האָט דער דאָזיגער איד אײַנגע-

זעהען, אז די אידען שטעהט דארט פאר א זיכערער טויט, און ער האט דעריבער געבעטען רחמים ביי'ם הערצאג, אז ער זאל די אידען בעשיצען. דער הערצאג האט איהם גערן צוגעזאגט, אבער די אידישע פיינד האבען געפועל'ט ביי'ם הערצאג'ס זוהן, אז מען זאל נישט בעשטראפען פאר פערגיסען דאס אידישע בלוט. אזוי ארום זענען זיי אנגעפאלען אויף דער אידישער בעפעלקערונג אין זייערע הייזער, ארויסגעשלעפט זיי אויף דער גאס און אלעמען אויס'געהרג'עט, סך־הכל פינף הונדערט נפשות.

די אידישע קהלות אין קאטאלאניען, וואו עס זענען, נאך דער פראוואנס, געפאלען די ערשטע קרבנות אינ'ם יאהר פון דער שווארצער מגפה, האבען אנגענומען מיטלען צו פערהיטען, אז עס זאלען נישט פארקומען קיין ענהליכע אויסברוכען פון פאנאטיזם אין א גרעסערען מאסשטאב. קודם־כל האט מען בעשלאסען, דאס אלע אידען פון אראגאניען זאלען גרינדען א פאנד, צו שטיצען אלע יענע אידען, וועלכע וועלען האבען געליטען פון אן אנפאל. ווייטער האט מען בעשלאסען צו שיקען א דעפוטאציע צום קעניג און בעטען, אז ער זאל דורך שטרענגע געזעצען זעהען צו פערהיטען, דאס עס זאלען מעהר נישט פארקומען קיין אנפאלען און הריגות אויף אידען, און אז דער קעניג זאל אויך בעקומען ביי'ם פויפסט א בולע, דאס די אידען זאלען נישט דארפען זיין פעראנטווארטליך פאר נאטירליכע ערשיינונגען, ווי מגפה א.ד.ג., אדער פאר געמאכטע בלבולים, ווי למשל, דאס זיי האבען געשענדעט די האסטיע. מען האט אויך געדארפט בעטען ביי'ם קעניג, דאס ער זאל זיי ווידער ערלויבען צו משפט'ן ביי אייגענע קרימינעלע משפטים, כדי די אידען זאלען קאנען בעשטראפען זייערע מוסרים און בלבולים־מאכער. דעפוטאטען האט מען בעשלאסען אויסצוקלייבען צוויי פון אראגאניען, צוויי פון קאטאלאניען און איינעם פון וואלענסיע און דער אינזעל מאיארקא. און די דעפוטאטען האבען געדארפט האבען די פולמאכט ארויסצוטרעטען אינ'ם נאמען פון אלע אידישע קהלות אויך פאר'ן פארלאמענט (די קארטעסען), וואו זיי האבען געדארפט משתדל זיין זיך, אז מען זאל דורכפיהרען א געזעץ, דאס יעדער קריסט, וועלכער וועט אנפאלען אויף א אידען אהן קיין שום געזעצליכען מאטיוו, זאל ארויסגעטריבען ווערען פון לאנד. דער דאזיגער פלאן איז אבער נישט פערווירקליכט געווארען, צוליעב דעם, וואס צווישען די אידישע קהלות איז נישט געווען קיין אחדות. קיין גרויסער ניצען וואלט איבריגענס פון דער השתדלות נישט ארויסגעקומען, ווייל אויב דער קעניג און דער פויפסט וואלטען זיך אפילו געלאזט איבערצייגען, אז די אידען פער'סמ'ען נישט די וואסערען, וואלט מען נישט געקאנט איבערצייגען דעם פאנאטישען המון, ווי מען האט עס נישט געקאנט איבערצייגען ערגיץ אנדערש־וואו. זינט ס'האט זיך בעוויזען די שווארצע מגפה, האט יעדער בלבול, יעדעס פערברעכען, וואס מען האט אויף אידען אויסגעטראכט, געפונען אפענע אויערן. אמבעסטען קאן מען דאס ארויסזעהען פונ'ם ראמאן, וואס עס האט בעשריבען נאכ'ן „שווארצען טויט" א איטאליענישער שריפטשטעלער

דזשיאָוואַני פיאָרענטינא, אַ שריפטשטעלער אָהן קיין שום טאַלענט, וועלכער האָט אָבער געהאט ערפאָלג אַ דאַנק דער פינסטערער צייט. דער אינהאלט פון זיין ראָמאַן איז די בעוואוסטע פאַבולאַ פון „קויפמאַן פון ווענעדיג", וועלכע דער גרויסער ענגלישער דראַמאַטורג שעקספיר האָט שפּעטער אויסגענוצט פאַר זיין דראַמא. די פאַבולאַ בעשטעהט בקיצור אין פאָלגענדעם: אַ איד פון מעסטר פאָדערט פון אַ ווענעדיגער קריסט אַ פונט פלייש, וואָס ער וויל אויסשניידען פונ'ם קריסט'ס לייב, וויל ער האט איהם פער'משכנ'ט דאָס, בשעת דער איד האָט איהם געלד אנטליהען. דער איד טראַכט נישט אזוי שטאַרק זיין געלד צו בעקומען, ווי דעם קריסט זיין ברוסט אויסצושניידען, און דאַדורך איהם דעם טויט צו ברענגען. אַט אַזא בעגריף האט מען דאָס דאַמאָלס געהאט וועגען אידען.

מערקווירדיג איז אָבער, אַז נאָך אַזא האַס, אַזעלכע רדיפות און הריגות האבען זיך די קריסטען באַלד איבערצייגט, אַז זיי קענען גאַר נישט אויסקומען אָהן דעם אידען. נישט בלויז פירשטען נאָר אפילו גלחים האבען זיך ארומגעזעהען, אַז זיי מוזען האבען אַ אידען. סך־הכל עטליכע יאהר שפּעטער נאָך דער שווארצער מגפה, און די דייטשע בירגער און זייערע ראַטמענער האבען זיך געאיילט די אידען איינצולאַדען צוריק אין לאַנד צו קומען. זיי האבען געשווינד פערגעסען אן זייער שבועה, נישט אריינצולאזען אַ אידען אין די מויערן פון דער שטאָדט אין אַ משך פון הונדערט אָדער צוויי הונדערט יאהר. דער בישאָף פון אויגסבורג האט געבעטען ביים קייזער קאַרל VI, אַז ער זאָל איהם געבען דאָס רעכט אידען אריינצונעהמען און געבען זיי אַ היים". די קורפירשטען, סיי די גלחישע, סיי די וועלטליכע, האבען געהאלטען אין איין טראַכטען, ווי צו בעגרענעצען דאָס קייזערליכע רעכט, וואָס ער האָט אויף זיינע „קאַמער־קנעכט", ווי מען האָט די אידען גערופען אין דייטשלאַנד, און איבערנעהמען די דאָזיגע רעכט פאַר זיך. אַזוי האָט דער ערצבישאָף פון מאַינץ, גערלאַך, געאַרבייט מיט אַלע מיטלען, צו בעגרענצען דאָס דאָזיגע רעכט פונ'ם קייזער. אין רייכסטאַג פון נירענבערג (1355) וואו מען האָט ארויסגעגעבען אַ מין דייטשע קאָנסטיטוציע, די אַזוי־גערופענע „גאָלדענע בולע", האָט דער קייזער געגעבען אַלע קורפירשטען דאָס רעכט אויף מעטאַל־און זאַלץ־גרובען אין דעם בערג און גלייכצייטיג זיי אָנערקענט דאָס רעכט, אידען צו האַלטען, דאָס הייסט ער האָט זיי אָבגעגעבען, אויסער די מעטאַל־און זאַלץ־גרובען, נאָך אַ קוואַל פון עשירות. דאָס האָט ער אָבער נאָר די קורפירשטען אַזא רעכט געגעבען איבער זיינע „קאַמער־קנעכט", אין די לענדער אָבער פון די קלענערע פירשטען און שטעדט האָט ער דאָס רעכט איבערגעלאָזען פאַר זיך אַליין. אַזוי אַרום האָט מען די אידען כמעט אין איין צייט אַרויסגעטריבען און צוריקגערופען, אויסגעמיטען זיי און פער־אַנגט צו האָבען זיי ביי זיך, פעראַכטעט זיי און דאָך מקרב געווען. די אידען האָבען אָבער געוואוסט גאַנץ גוט, אַז מען דאַרף האָבען נישט זיין [illegible] זייער האָב און גוטס. ווי אַזוי אַלזאָ האָבען די אידען

נישט געוואלט זעהען אלס הויפט-ציעל פון זייער טעטיגקייט דאס פערדי-
נען געלד, ווען נור צוליעב דאס געלד האבען די קריסטען זיי געגעבען די
מעגליכקייט צו לעבען?

ווי אין דייטשלאנד, אזוי האבען די הערשער אין פראנקרייך אויך צו-
ליעב פינאנציעלע ציעלען געוואלט ווידער אריינבריינגען די אידען אין
זייער לאנד. דורך די אפטע מלחמות מיט די ענגלענדער און, בעזונדערס,
זינט מען האט געגומען געפאנגען דעם קעניג יאהאן (סעפטעמבער 1356),
איז דאס לאנד געווען אין אזא עלענדען צושטאנד, אז עס האט געהאלטען
ביים ווערען אנ'ענגלישע פראווינץ. דאס הויפט-אונגליק איז געווען, וואס
עס האט געפעהלט געלד. דער יונגער קרוינפרינץ קארל, וועלכער איז גע-
ווען רעגענט, ווערהרענד דער געפאנגענשאפט פון קעניג יאהאן, האט זיך
דאן געכאפט, אז די אידען מיט זייערע פינאנסיעלע אפעראציעס זענען די
איינציגע, וועלכע קאנען ארויסראטעווען די מלוכה פון אונטערגאנג. דער-
ביי האט זיך אויך איינער, א קלוגער איד, מאנעסיע דע בעזו זיך
שטארק משתדל געווען צו ברענגען דערצו, אז די אידען זאלען צוריק קא-
נען אריינקומען אין פראנקרייך, פון וואנען מען האט זיי מיט א יאהר
פופציג פאר דעם ארויסגעטריבען, דערנאך צוריק אריינגעלאזען און לסוף
ווידער פערטריבען. אבער אויב דאס פעראריטטע פראנקרייך, אדער ריכ-
טיגער: דער קעניגליכער הויף האט געוואלט האבען נוצען פון דער אידי-
שער איינוואנדערונג, האט זי געמוזט פארקומען אין א גרויסען מאסשטאב.
דער געפאנגענער קעניג האט דעריבער ארויסגעגעבען א דעקרעט (1360),
אז מיט דער איינשטימונג פון די העכערע און נידעריגערע גלחים, פונ'ם
העכערען און נידעריגערען אדעל, ווי אויך פון די בירגער, ערלויבט
ער אלע אידען צוריק איינצוואנדערען אין פראנקרייך און וואוינען דארט
פארלויפיג אין א משך פון צוואנציג יאהר. די אידען ווערט ערלויבט צו
בעזעצען זיך אין די גרויסע און קליינע שטעדט, אין די פעסטונגען און
הערפער און קויפען איבעראל נישט בלויז הייזער, נור אויך פעלדער און
גערטנער. נאטירליך, האבען די אידען דערפאר געמוזט צאהלען פיעל געלד.
ביים אריינקומען אין לאנד האט יעדע אידישע משפחה געדארפט אבצאה-
לען פיערצעהן גולדען און אויסערדעם צו איין גולדען פון יעדען מיטגליעד
פון דער משפחה, דאן א יעהרליכען אידען-אבצאהל: זיבען גולדען פון א
משפחה און אויסערדעם צו איין גולדען פון יעדען מיטגליעד פון דער
משפחה. דערפאר זענען זיי בעפרייט געווארען פונ'ם ווילקיר פון די ריכ-
טער און בעאמטע, ווייל זיי האבען געהאט אנ'איינענעם איבער-ריכטער,
א פרינץ פון דער קעניגליכער משפחה, וועלכער האט זיי געדארפט בע-
שיצען. צווישען זיך גופא האבען די אידען זיך געדארפט משפט'ן אין אנ'-
איינענעם געריכט פון צוויי רבנים מיט קאאפטירטע פיער חשובים, וועל-
כע האבען געמעגט משפט'ן און פער'משפט'ן, נישט אנווייזענדיג קיין מא-
טיווען פון זייערע פסקים. מען האט די אידען אויך בעפרייט פון דער
ממשלה פון די פריצים און די טענות-ותביעות פון די גלחים. מען האט זיי

נישט בעטארט צווינגען צו קומען אין קירכע צו די קריסטליכע תפלות אדער הרשות. ווי זייערע מעבעל, בהמות, תבואות און ווין, אזוי זענען אויך זייערע גערעטען פון קאנפיסקאציע זייערע תנכ'ן און ש"ס'ן, און פארברענען דעם תלמוד האט מעהר קיינער נישט געטארט. אמשטארקסטען האט מען בעשיצט דעם אידישע מסחר. זיי האבען געהאט דאס רעכט צו נעהמען ביז אכציג פראצענט פאר זייערע הלואות, און נעהמען משכנות. דער אידישער אונטערהענדלער מכח דעם אלעם, דער אויבערדערמאהנטער מאנעסיע דע בעזו, האט דערביי בעקומען א הויכע שטעלע אין קעניגליכען הויף און איז געווען פעראנטווארטליך פאר די יעהרליכע אבצאהלונגען פון די אידען, אז זיי זאלען אבגעגעבען ווערען צום טערמין. — די דאזיגע פריווילעגיעס האבען געווירקט: די אידען האבען אנגעהויבען איינוואנדערען אין פראנקרייך און גרויסע מאסען אויך פון אנדערע לענדער.

ס'האט זיך אבער באלד אנגעהויבען א שטארקע בעוועגונג געגען די דאזיגע אידישע פריווילעגיעס. די קריסטליכע דאקטוירים, מורא האבענדיג פאר דער אידישער קאנקורענץ, האבען זיך געקלאגט, אז די אידישע דאקטוירים האבען נישט געהאלטען קיין עקזאמען און זענען שארלאטאנען. די ריכטער און בעאמטע, וועלכע מען האט נישט איבערגעלאזען קיין ממשלה אויף די אידען, ממילא, אויך נישט די מעגליכקייט צו רייסען ביי די אידען געלד, האבען זיך געקלאגט, אז די אידען פערגעהען פערברעכענס געגען די געזעצען. די גלחים האבען זיך געקלאגט, אז די אידען טראגען נישט אויף זייערע קליידער די שאנד-לאטע. דער שוואכער קעניג יאהאן האט דעריבער ווידער אנגעהויבען בעגרענצען די אידען.

ווי נור אבער אויפ'ן פראנצויזישען טראהן איז ארויפגעשטיגען דער פאליטיש-קלוגער דאפין (קרוין-פרינץ) אונטער'ן נאמען קארל V. און האט געשטרעבט איינצוארדנען א פעסטע רעגירונג, האט ער בעשטעטיגט ווידער יענעם טייל פון די אידישע פריווילעגיעס, וועלכע זיין פאטער האט איבערגעלאזען, און פערלענגערט דעם טערמין פאר אידען צו בלייבען אין לאנד אויף א לענגערע צייט. ער האט אויך געשטעלט א גרעניץ פאר די גלחים, ביי וועלכע די שנאה צו אידען איז שטארק אויסגעוואקסען. די העכערע גלחים האבען נעמליך געהייסען דרש'ענען פאר די קריסטען אין דרום-פראנקרייך, אז מען זאל מיט די אידען קיין שום מגע־ומשא נישט האבען, ביי א בעשטראפונג דורך א חרם האבען זיי פערבאטען צו געבען אדער פערקויפען די אידען פייער, וואסער, ברויט אדער ווין; דאדורך האבען די גלחים ווידער אנגעצינדען דעם פלאם פון פאנאטיזם. און אט געגען דעם האט דער שטאטהאלטער פון לאנגדאק ארויסגעגעבען אין נאמען פון קעניג א פעראָרדנונג צו די בעאמטע, בירגער און גלחים, צו בעשטראפען, מיט שום רחמנות אדער פניות יעדען, וואס וועט נור ארויסטרעטען פיינדליך געגען אידען. אונטער דער רעגירונג פון קארל V. האבען די אידען געהאט א נישט-קשהדיג לעבען.

אבער אויב די דייטשע און פראנצויזישע אידען האבען ווידער אויפגעלעבט נאך די אימה'דיגע שחיטות, איז עס געווען בלויז אין מאטעריעלען זין; די נשמה, דער קראפט פון אידישען גייסט איז געלעהמט געווארען. אין פראנקרייך, וואו אין א משך פון העכער צוויי הונדערט יאהר, פון רש"י ביז די לעצטע בעלי-התוספות, איז געשטאנען הויך דער למוד התורה און ס'זענען געווען פיעל תלמידי-חכמים, האט איצט געהערשט צווישען די איינגעוואנדערטע אידען אזא עם-הארצות, אז מען האט אלץ געדארפט אנהויבען פון אלף-בית צוריק. אין די פריווילעגיעס, וואס די מלכים יאהאן און קארל האבען זיי געגעבען, איז אפילו פארהאן א פונקט, אז די אידישע רבנים דארפען משפט'ן א אידען א פערברעכער; אבער צווישען די פראנצויזישע אידען האט מען קוים געקאנט געפינען איינאיינציגען, וואס זאל האבען א מיטעלמעסיגע ידיעה אין תלמוד. לויט ווי עס אנערקענען די דאמאלדיגע אידען גופא, זענען אין פראנקרייך געווען קוים פינף אידישע לומדים. דער איינציגער אידישער רב איז דאמאלס געווען אין גאנץ פראנקרייך רבי מתתיהו בן יוסף פראווענסי. דער קעניג קארל V האט איהם אזוי הויך געשעצט, אז ער האט בעפרייט איהם און זיין משפחה פון דער פליכט צו טראגען די שאנד-לאטע אויף זייערע קליידער. ער האט אויך געהאט די מעגליכקייט צו פערפלאנצען ביי די אידען ווידער דאס לערנען תורה. ער האט געגרינדעט אין פאריז א ישיבה, פערזאמעלט ארום זיך תלמידים, מיט וועלכע ער האט תלמוד און פוסקים געלערנט, און אויך געלאזען שרייבען פיעל ש"ס'ן, וועלכע מען האט פריהער זעהר פיעל פערברענט. פאר זיין דאזיגער טעטיגקייט האט מען איהם בעשטימט פאר א רב-הכולל און א דיין-הראש (אויבער-ריכטער) פאר ציווילע און קרימינעלע ענינים צווישען די אידען, און דער קעניג האט זיין וואהל בעשטעטיגט. ערשט פון זיין ישיבה האט פראנקרייך בעקומען איהרע ערשטע רבנים.

אין דייטשלאנד, וואו די רבנים זענען פריהער אזוי שטאלץ געווען מיט זייער לומדות, וועלכע זיי האבען געהאט בירושה, האבען די שווארצע מגפה, די הריגות און פערברענונגען, ווי אויך די גירושים זעהר שטארק פערקלענערט די צאהל פון די לומדים, און די אידישע לומדות איז אויך דארט זעהר פעראָרימט געווארען. מען האט געמוזט בעשטימען פאר רבנים אין פיעל קהלות גאנץ קנאפע לומדים, ווייל עס האבען געפעהלט בעסערע. געגען דעם איז ארויסגעטראטען דער אנגעזעהענער רב רבי מאיר בן ברוך הלוי אין ווין (1370—1390), וועלכער האט ארויסגעגעבען א תקנה, אז קיין תלמיד-חכם טאר ניט פערנעהמען קיין רבנות-שטעלע, ניט האבענדיג דערויף קיין סמיכה פון בעוואוסטע רבנים און בעקומען דעם טיטול „מורנו", אהן וועלכען ער האט ניט געהאט קיין רעכט מסדר צו זיין קידושין און גטין.

דורך דער אונגליקליכער עפּאָכע פון דער שווארצער מגפה מיט די הריגות זענען ביי אידען די אלטע טראדיציעס אזוי פערגעסען געווארען, אז די רהיינישע רבנים האבען געפונען פאר נויטיג איינצואָרדנען אַנ׳ אסיפת־הרבנים, כדי צו בעטראכטען וויכטיגע שאלות וועגען גטין און היתר־עגונות, וועגען וועלכע די מיינונגען זענען ביי די רבנים געוועזען זעהר פערשידען. אויף דער אסיפה אין מאינץ (1381) האבען די רבנים צוזאמען מיט די פּרנסים בעשטיט די אלטע תקנות פון שפּייער, ווארמס און מאינץ (תקנות־שו״ם), אז אַן אלמנה אַנ׳עקרה זאל באלד בעפרייט ווערען פון יבום (די פליכט חתונה צו האבען פאר׳ן פערשטארבענעם מאנ׳ס ברודער) און בעקומען א טייל אין דער ירושה פון איהר מאן. פון די רבנים, וואס האבען אנטייל גענומען אין דער אסיפה, איז אבער קיין איינציגער ניט געווען מיט א בעוואוסטען נאמען.

אויך אין שפּאניען האט דער שווארצער טויט געמאכט זיין שרעקליכען טאנץ. אבער דא איז די בעפעלקערונג געווען בכלל פערשטענדיגער, ווי אין אנדערע לענדער, און האט גאר ניט געטראכט וועגען בעשולדיגען די אידען אין דעם נאטירליכען אונגליק. אין טאלעדא און סעווילא זענען געשטארבען אין דער מגפה פיעל אנגעזעהענע מיטגלידער פון דער קהלה, ווי, למשל, פון דער משפחה אבולאפיא אדער די אייניקלעך פונ׳ם רא״ש (די אשערידען). אויף די מצבות פון בית הקברות אין טאלעדא האבען די איבערגעבליבענע אידען טיעף בעטרויערט דעם טויט פון די בעסטע מענשען אין שפּאניען.

אונטער דעם זוהן פון קעניג אלפאנס, דאן פּעדרא, וועלכער איז געווארען קעניג נאך זיין פאטערס טויט (1350—1369) האט דער אידישער איינפלוס אין קאסטיליען זיך ענטוויקעלט אזוי שטארק, ווי ער איז נאך קיינמאל ניט געווען. דאס זענען געווען די לעצטע ליכטיגע שטראהלען פאר די אידען אין שפּאניען, נאך וועלכע עס האבען זיך אראבגעלאזען די פינסטערע שאטענס אויף זייער לעבען. דאן פּעדרא איז געווארען קעניג אלס פינפצעהן־יעהריגער אינגעל, און זיינע פיעל פיינד האבען איהם א נאמען געגעבען: „דער אכזר“, חאטש ער איז כלל ניט געווען מעהר אכזר, ווי די מלכים, וואס האבען געקעניגט פאר איהם אין קאסטיליען. אין א געוויסער מאס איז דער נאמען געשטאנען אין צוזאמענהאנג מיט זיין פריינדשאפט פאר די אידען, וועלכע די אידישע פיינד האבען איהם ניט געקאנט מוחל זיין. דאן פּעדרא איז געווען סיי אין גוטען, סיי אין בייזען א נאטור־מענש. ער האט זיך ניט געוואלט אונטערגעבען ניט דער הויף־עטיקעטע, ניט דער פאליטיק. זיין מוטער, די טאכטער פון פארטוגאלישען קעניג, דאנא מאריא, האט זעהר פיעל זיך אנגעליטען צרות פונ׳ם קעניג׳ס געליבטע, לעאנארע, וועלכע האט אנגערייצט דעם קעניג געגען זיין פרוי. אפילו דער קרוינפּרינץ דאן פּעדרא אליין איז

אויך זעהר דערוויטערט געווארען פון זיין פאטער דורך זיין עלטערען ממזר־ברודער, דאן היינריך דע טראסטאמארא. דעריבער איז באלד, ווי דאן פעדרא איז קעניג געווארען, האט ער זיך גענומען ארייגפיהרען צוריק זיין פערטריבענע מוטער אין איהר קעניגליכען שלאס און דערנידריגען זיין פאטערס געליעבטע מיט איהרע זיהן. דאס, וואס ער האט זיינע ממזר־ברידער, זיינע ערגסטע שונאים, נישט ארויסגעטריבען פון לאנד, דערוויזט אמבעסטען, אז קיין אכזר איז ער אלענפאלס נישט געווען. זיין שטרענגקייט האט געטראפען פיעל מעהר די מאגנאטען און פריצים (הידאלגאס), וועלכע האבען געטראטען דאס רעכט מיט די פיס און געדריקט דאס ארימע פאלק. און אט אינ'ם דאזיגען קרייז האט דאן פעדרא געהאט פערביסענע פיינד. אבער בשום אופן נישט אין פאלק, וועלכעס איז איהם געווען געטריי. אויך די אידען זענען איהם געווען טיעף ערגעבען און זיך מוסר־נפש געווען מיט לייב און פערמעגען, ארויסצוּווייזען זייער פאטריאטיזם, ווייל דער קעניג האט זיי בעשיצט פון אלע אנפאלען און נישט בעגאנגען זיך מיט זיי, ווי מיט עלענדע בעשעפענישען. די אידען האבען אפילו דורכ'ן קעניג אויך פיעל געליטען, אבער נישט, ווי אין דייטשלאנד, אלס עלענדע קרבנות, וועלכע מען פיהרט צו דער שחיטה, נאר אלס ערגעבענע אנהענגער און מיטקעמפפער, וועלכע זענען געפאלען צוזאמען מיט זייער פארטיי גלייך ווי זייערע חברים די קריסטען, וועלכע זענען געווען אנהענגער פון קעניג.

ווען דאן פעדרא איז געווארען קעניג, האט זיך געמעגט דערוועגען א אידישער דיכטער אנצווייזען איהם אין שענע שפאנישע פערזען, ווי אזוי ער דארף קעניגען און זיין א גוטער מענש. דער דאזיגער דיכטער, סאנטאב (שם־טוב) דע קאריאן (ארום 1300—1350), איז אין דער אידישער ליטעראטור אינגאנצען פערגעסען געווארען, אבער די קריסטליכע שריפטשטעלער האבען דערהאלטען אי זיין נאמען אי זיינע שירים, וועלכע פערדינען באמת פעראייביגט צו ווערען. זיינע פערזען פליסען מילד און קלאר, ווי א זילבער־קוואל, וואס גיסט זיך ארויס פון אונטער שווערע שטיינער. ער האט נישט בלויז פאלקאם אויסגענוצט די דאמאלדיגע שענע שפאנישע שפראך, ער האט זי אויך בערייכערט. זיינע „עצות און בעלעהרונגען“, וועלכע ער האט געווידמעט דעם יונגען קעניג, טראגען דעם חאראקטער פון פיעל מאמרים אין תלמוד, און אויך פון דער נייער העברעאישער פאעזיע האט ער פיעל גענאשט: ער האט געזאמעלט זיין האניג פון פיעל פערשידענע בלומען.— זיינע שירים זענען אבער נישט שטענדיג בלויז מילד; אפטמאל זענען זיי אויך בייסענד. ער שטראפט, למשל, די אידען, וועלכע זענען רייך געווארען דורכ'ן חסד פון קעניג, און די שפאנישע פריצים—פאר זייערע פאלשע מיינונגען וועגען אידען. אין זיינע סטאנסען (לייכטע לידער), וועלכע ער האט אנגעשריבען העכער זעקס הונדערט, זאגט ער ארויס דעם ביטערען אמת אויך דעם קעניג, ווייזענדיג איהם ווי אין א שפיגעל, ווי שען ס'איז די גערעכטיגקייט, און ווי העסליך די רשעות.

פעהיגע און אנגעזעהענע אידען האט דאן פעדרא בעזונדערס שטארק ארויסגעוויזען זיינע חסדים. זיין ערציהער און אלמעכטיגער מיניסטער, דאן זשואן אלפאנזא דע אלבוקערק, האט איהם פארגעשטעלט א פעהיגען אידען, און דער קעניג האט איהם בעשטימט פאר א פינאנץ-מיניסטער, ניט אכטענדיג אויפ'ן פריהערדיגען בעשלוס פון די קארטעסען, ניט צו בעשטימען קיין אידען אויף אזא שטעלע. דער אידישער מיניסטער האט געהייסען דאן שמואל בן מאיר אל-לוי, פון דער יחוס-משפחה אבולאפיא הלוי. דאן שמואל איז באלד דערהויבען געווארען פאר א געהיים-ראט פון קעניג און האט געדארפט ארויסזאגען זיין מיינונג ביי אלע וויכטיגע בעראטונגען און בעשלוסען. וועגען זיינע גרויסע פערדיענסטען קאן מען ארויסזעהען פון צוויי אויפשריפטען אויף מצבות, וואס איינע האט מען איהם געשטעלט נאך ביים לעבען, און די אנדערע נאכ'ן טויט. וואו ער ווערט געשילדערט אלס פרומער און גוטער מענש, „וועלכער האט קיינמאל ניט אבגעוויכט פון גאט'ס וועגען און געליטען געדולדיג, מקבל זייענדיג די יסורים מיט ליעבע און ערגעבענהייט, זייענדיג אויך א גרויסער בעל-צדקה“.

נאך איין איד איז געווען א חשוב אין קעניגליכען הויף פון דאן פעדרא: רבי אברהם אבן-צרצל (Zarzal), וועלכער איז געווען דעם קעניגס רופא און אסטראלאג. דאן-פעדרא האט בכלל געהאט ארום זיך אזוי פיעל אידען, אז זיינע פיינד האבען זיין הויף גערופען „דעם אידישען“. ווען דער קעניג האט צום ערשטען מאל געעפענט די קארטעס-זיצונגען אין וואלאדאליד (מאי 1351) און די קארטעסען האבען איהם דערלאנגט א ביטע, אז ער זאל מבטל מאכען די אידישע זעלבסטשטענדיגע געריכטען און צונעהמען ביי זיי דאס רעכט צו האבען אנ'איינענעם שופט (Alcade), האט דער קעניג זיי געענטפערט, אז די אידען זענען א שוואך פאלק, וועלכעס נויטיגט זיך אין א בעזונדערע בעשיצונג. ביי די קריסטליכע ריכטער וועלען זיי אדער גאר קיין רעכט ניט געפינען, אדער זייערע פראצעסען וועלען אויף לאנג פערשלעפט ווערען.

צוליעב א סכסוך וועגען א שידוך פאר'ן קעניג, וועלכער האט געבראכט צו א שארפען פארטיי-קאמף, אין וועלכען עס האבען אויך אנטייל גענומען די אידען, איז אונטערגעגראבען געווארען די אנגעזעהענע אידישע לאגע אין שפאניען. וועהרענד די הויף-לייט האבען זיך משתדל געווען חתונה צו מאכען דעם יונגען קעניג מיט דער טאכטער פון פראנצויזישען הערצאג פון בורבאן, בלאנקא, האט דער קעניג זיך פערליעבט אין א גייסטרייכען שענע מיידעל, א טאכטער פון די שפאנישע מיוחסים, מאריא דע פאדילא. פונ'ם שידוך מיט בלאנקא'ן האט זיך דאן פעדרא אבגעזאגט, אבער זי איז דאך געקומען קיין שפאניען, צי מיט'ן איינענעם ווילען, צי איהרע קרובים האבען איהר אהין געשיקט, כדי זי זאל מיט די איינענע כחות זיך ערווערבען די שפאנישע קרוין. דער דאזיגער שריט האט אבער געבראכט בלויז פיעל אומגליק איהר אליין און אויך שפאניען.

די נאָהנטסטע קרובים פון קעניג האבען אזוי לאנג געפיהרט זייערע אינטריגען, ביז זיי האבען זיך דורכגעשלאגען, אז דער קעניג זאל זי ארײנברענגען צו זיך אין הויף. אבער לענגער ווי צוויי טעג האט ער מיט איהר נישט געקאנט לעבען צוזאמען. און אט איז צוגעקומען צו די אלטע סכסוכים א נייער: א טייל פון די הויכע שרים האט אנגענומען די פארטיי פון דער פערשטויסענער קעניגין, און א צווייטער טייל האט געהאלטען מיט דעם קעניגס געליעבטער מאריא דע פאדילא. דאן שמואל האט געהערט צו אט דער צווייטער פארטיי און מיט איהם האבען אויך געהאלטען אלע שפאנישע אידען. די אידען האבען אויך געהאט א וויכטיגע סבה צו האלטען זיך אזוי, דען מען האט דערצעהלט, אז בלאנקא איז זעהר אונצופרידען געוועזען דערמיט, וואס די אידען זענען אזוי חשוב אין הויף פון איהר מאן, און זי האט דעריבער זיך בעשלאסען, אדער אפילו שוין אויך געארבייט וועגען דעם, אז נישט בלויז אלע אידישע שרים זאלען בעזייטיגט ווערען פון קעניגליכען הויף, נאר דאס מען זאל אויך ארויסטרייבען די אידען פון שפאניען. איהר שנאה צו די אידען האט זי כלל נישט געהאלטען בסוד, נור ארויסגעזאגט דאס עפענטליך. דעריבער זענען די אידישע שרים געוואָרען איהרע געגנער און זי פערהאסט געמאכט אין די אויגען פון קעניג. אין דער מלוכה האט זיך אנגעהויבען א פירוד און א בירגער-קריעג. אלבוקערק, וועלכער איז תחילת געוועזען געגנער פון דער קעניגין בלאנקא, און שפעטער אריבערגעגאנגען צו איהר פארטיי, איז דערפאר פערשטויסען געוואָרען דורכ'ן קעניג, און זיין שטעלע האט פערנומען אויפ'ן קעניג'ס בעפעהל דער אידישער שר, דאן שמואל. פון דאמאלס אן איז דער אידישער שר שטענדיג געוועזען ביים קעניג צוזאמען מיט אלע אנדערע הויכע שרים.

אין א געוויסען טאג האבען דעם קעניגס פיינד, וואס אין זייער שפיץ איז געשטאנען דעם קעניגס ממזר-ברודער, איבערגערעדט דעם קעניג צו קומען אין דער פעסטונג טאָראָ, וועלכע די פערשווארענע האבען, באלד נאכ'ן קעניגס אריינקומען אהין, פערשלאסען, אריינלאזענדיג בלויז געצעהלטע בעגלייטער פון קעניג, וועלכע מען האט גלייך פעסטגענומען און אריינגעווארפען אין תפיסה. צווישען זיי איז אויך געוועזען דאן שמואל. דעם קעניג האבען די פערשווארענע געהאלטען ווי א קריגס-געפאנגענעם. אבער וועהרענד די פערשווארענע האבען איינציגע גרויסע שרים, צווישען זיי אויך אפילו דעם גרויסמייסטער פון קאלאטראווא אויסגעהרג'עט, האבען זיי אויף א מערקווירדיגען אופן נישט אנגעריהרט דעם שר דאן שמואל. שפעטער איז איהם געלונגען צוזאמען מיט'ן קעניג צו ענטלויפען און, צוליעב דעם, וואס ער האט צוזאמען מיט'ן קעניג געליטען, איז ער ביי איהם געוואָרען נאך א גרעסערער חשוב. דאן שמואל האט זעהר גוט איינגעארדענט די מלוכה-פינאנסען און געבראכט עס אזוי ווייט, אז דער קעניג האט ענדליך געקאנט אנהויבען זאמלען געלד אין אן אייגענעם אוצר. פון דער פערדעטערישער געפאנגענשאפט פונ'ם קעניג הויבט זיך אן א נייע עפאכע אין

זיין רעגירונג. עס האבען זיך אנגעהויבען גרויסע סכסוכים און אנ'ערבי-טערטער בירגער-קריעג אין קאסטיליען, וועלכער האט געצוואונגען דאן פעדרא'ן צו ווערען אנ'אכזר. אבער זיינע אידישען שרים האבען אין זיינע אכזריות נישט אנטהייל גענומען. אפילו די אידען-פיינד האבען דער-ריין נישט באשולדיגט דעם אידישען מיניסטער. דעם קעניגס ממזרים-ברידער מיט זייער פארטיי האבען קודם כל זיך משתדל געוועזען צו ווע-רען בעלי-בתים אין דער הויפט-שטאדט טאלעדא. דארט האט דער קע-ניג געהאט פיעל אנהענגער, צווישען וועלכע עס זענען אויך געוועזען אלע אידען, און זיי האבען נישט געוואלט אריינלאזען די געגנערישע פארטיי אין שטאדט אריין. זייערע פריינד אבער האבען זיי אריינגעפיהרט דורך א געהיימע עפענונג אין שטאדט, און זיי זענען פלוצלונג אנגעפאלען אויף יענע שטאדט-טהיילען, וואו פיעל אידען האבען געוואוינט. אין דער גאס אלקאנא האבען זיי אויסגעהרג'עט צוועלף טויזענד נפשות, מענער און פרויען, זקנים און קינדער (מאי 1355). אבער אין דעם אינערליכען טהייל פון שטאדט האבען זיי נישט געקענט אריינדרינגען, ווייל די אידען האבען די טויערען פערשלאסען און זיך העלדיש פערטהיידיגט. די ריטער פון דער קעניגליכער פארטיי האבען זיי חערין קרעפטיג אונטערשטיצט. א פאר טעג שפעטער איז דאן פעדרא אריינגעקומען אין טאלעדא, וואו זיינע אנהענגער האבען איהם אויפגענומען מיט גרויס שמחה, און דאן האט ער אויף א גרויזאמען אופן נקמה גענומען פון אלע זיינע געגנער, וועלכע האבען געהאלטען מיט זיינע ברידער.

צוליעב זיינע קלוגע עצות, זיין טיכטיגער פינאנץ-פערוואלטונג און זיין איבערגעבענהייט דעם קעניג איז דאן שמואל געווארען דער ערשטער מאן אין דער מלוכה. ער האט געהאט פירשטליכע אוצרות און אכציג שווארצע שקלאפען האבען איהם געדיענט אין זיין הויז. ווי עס שיינט אבער, האט איהם געפעהלט יענער הויכער גייסט, וועלכער האט איהם געדארפט דערמאהנען צו פערזארגען אין דער גליקליכער צייט די לאגע פון זיינע ברידער. געוויס האט ער „געזוכט צו טהון גוטס זיין פאלק“, ווי די מצבה זאגט וועגען איהם עדות, אבער ער האט נישט פערשטאנען, וואס איז דאס „בעסטע“ פאר'ן אידישען פאלק. ער האט בעשיצט די אידען פון אנפאלען, פון שונאים, פיעל אידען האט ער געגעבען גוטע שטעלעס אין חער מלוכה און פיעל האט ער געגעבען די געלעגענהייט רייך צו ווערען; אבער ער איז נישט געוועזען נישט קיין רבי חסדאי אבן-שפרוט, נישט קיין רבי שמואל הנגיד. פאר'ן גייסטי-גען לעבען האט ער בכלל ווייניג פערשטאנד געהאט און נישט געזארגט פאר'ן דערהויבען פון דער וויסענשאפט און פאעזיע. שוהלען האט ער אפילו יא געלאזט בויען אין פיעל אידישע קהלות; א בעזונדערס פראכטפולע שוהל האט ער אויפגעבויט אין טא-לעדא, אבער עס ווערט אין ערגיץ נישט דערמאנט, אז ער זאל האבען געבויט האטש איין ישיבה.

די דאָזיגע פּראַכטפֿולע שוהל, וועלכע איז נאָך איצט אלס א קירכע א ציערונג פֿאַר דער שטאָדט טאָלעדאָ, איז געווען געבויט אין האַלב גאָטישען, האַלב מויערישען סטיל, ווי כמעט אַלע קירכען פֿון יענער צייט אין שפּאַניען. דער בוין באַשטעהט פֿון פֿיעל פֿליגלען מיט קופּעלן פֿון אויבען און סלופּעס פֿון אינווענינג. די ווענד זענען פֿאַרפּוצט מיט אלערליי שניצונגען (אראַבעסקען) אויף א גרינעם פֿאָן (גרונד), אויף וועלכען מען זעהט בולט אין ליכטיגע פֿאַרבען דיא אויסגעמסטען קאַפּיטעל תהלים, געשריבען אין העברעאיש. אין צפון-און דרום-זייט געפֿינען זיך בולטע אויפֿשריפֿטען, וועלכע בערייהמען די מעשים פֿון'ם שר שמואל הלוי אבולאפֿיא בן מאיר. די קהלה דאַנקט דערין גאָט, „פֿאַר וואָס ער האָט נישט אָבגעטהון זיין חסד פֿון זיין פֿאָלק און דערוועקט גרויסע מענשען, וועלכע האָבען זיי געראַטעוועט פֿון די שונאים'ס האַנד. אויב די אידען האָבען אפילו שוין נישט מעהר קיין אייגענעם קעניג, האָט גאָט געגעבען א זוהן פֿון זיין פֿאָלק חן אין די אויגען פֿון קעניג דאָן פּעדראָ, וועלכער האָט איהם דערהויבען איבער אַלע שרים, געמאַכט פֿאַר א יועץ און זיין מלוכה און געגעבען איהם כמעט דעם כבוד פֿון מלכות". דער נאָמען פֿון קעניג דאָן פּעדראָ שטעהט בולט מיט גרויסע אותיות, און קענטיג, מען האָט געוואָלט בעטאָנען, אז דער דאָזיגער קעניג איז בעזונדערס גינסטיג פֿאַר די אידען. צולעצט ענדיגט זיך די אויפֿשריפֿט מיט א תפלה, אז דאָן שמואל זאָל דערלעבען צו זעהען, ווי מען וועט דעם בית המקדש אויפֿבויען און זיינע זיהן די לויים זאָלען דאָרט טהון די הייליגע עבודה. — דער אַסטראָנאָם רבי אברהם בן חייא, דער רמב"ן און אויך דער פֿילאָזאָף רבי לוי בן גרשום (רלב"ג) האָבען אַלע פֿאָראויס געזאָגט, אז אין יאָהר, ווען די שוהל וועט אויפֿגעבויט ווערען (1358) וועט קומען משיח. איצט האָבען פֿיעל אידען געזעהן אין דער גדלות פֿון'ם אידישען שר דעם אָנפֿאַנג פֿון משיח'ס צייט. דאָס איז געווען זעהר א טרויעריגע פֿערבלענדעניש. איינער פֿון די דאַמאָלסדיגע גרויסע רבנים, רבנו נסים ברבי ראובן גירונדי (דער ר"ן), דער רב פֿון באַרצעלאָנאַ (1340—1380), האָט דאַמאָלס אַרויסגעטרעטען געגען אַזעלכע חשבונות וועגען משיח'ס צייטען (דעם „קץ") אויפֿ'ן סמך פֿון דניאל'ס נבואה, אָנווייזענדיג, אז דאַדורך, וואָס פֿון פֿיעל חשבונות וועט זיך נישט אויסלאָזען, וועט אינגאַנצען אָבגעשוואַכט ווערען די אמונה אין משיח'ן. אויך די גרויסען האָפֿענונג אויף דאָן שמואל האָט זיך נישט אַרויסגעוויזען אַלס א זיכערע. ביים גרויסען איינפֿלוס, וואָס ער האָט געהאַט אויפֿ'ן קעניג וואָלט ער, אַפילו אַלס קריסט, אויך געהאַט פֿיעל שונאים און מקנאים, וואָס וואָלטען געגען איהם אינטריגירט. ער איז דאָך אָבער געווען א איד. נישט בלויז דאָן פּעדראָ'ס ממזרברודער און די כלומר'שט מלכה בלאַנקאַ, נור אַפילו אויך די פֿריהערדיגע אָנהענגער פֿון קעניג האָבען געהייצט דאָס פֿאָלק אין קאַסטיליען געגען די אידען און בפרט געגען דעם אידישען שר און יועץ פֿון קע-

ניג. דאָן פעדראָ לאָפעץ דע איאַלאַ, דער דיכטער, כראָניק־שרייבער און פאָהן־טרעגער פון קעניג, שילדערט אין אַ ליעד, ווי די קריסטליכע שרים קוקען אויף די אידען: „די אידען טרינקען דאָס בלוט פון די געפּלאָגטע קריסטען און שטרעבען צו פערהאַפּען זייערע גיטער דורך די שטייער אַרענדעס. דאָן אברהם און דאָן שמואל, מיט אַ שפּראָך זים, ווי האָניג. בעקומען ביי׳ם קעניג אַלץ, וואָס זיי פערלאַנגען“. אויף דאָן שמואל׳ס מפּלה האָבען פיעל קריסטליכע שרים געוואָרט; אפילו אידען זאָלען איהם האָבען בערעדט פאַר׳ן קעניג.

פלוצלונג האָט דאָן פעדראָ בעפוילען צו קאָנפיסקירען דאָס גאַנצע פערמעגען פון דאָן שמואל און פון זיינע קרובים, וואָס האָט אָנגעטראָפען הונדערט און זיבציג טויזענד מיט ניין הונדערט דובלאָנען, פיער טויזענד מאַרק זילבער, 125 קאַסטענס גאָלד־און זילבער־שטאָפען און אכציג שקלאַפען. די קרובים׳ס פערמעגען האָט בעטראָפען זעכציג טויזענד דובלאָנען. ווי מען זאָגט, האָט מען אין די קעלערס פון דאָן שמואל׳ס הויז געפונען איינגעגראָבען אין דער ערד זעהר פיעל גאָלד און זילבער. דאָן פעדראָ האָט זיין געליעבטען שר אַריינגעוואָרפען אין תפיסה און געהייסען איהם פייניגען, כדי צו דערגעהן ביי איהם, וואו ער האָט נאָך בעהאַלטען אוצרות. דאָן שמואל האָט אָבער קיין זאַך נישט ענטדעקט און געשטאָרבען (1360) אין שרעקליכע יסורים אונטער די הענד פון זיינע פייניגער. אויף דער מצבה ווערט אין קורצען דערצעהלט, ווי אַזוי ער איז עולה לגדולה געוואָרען און ווי זיין נשמה איז אונטער גרויסע יסורים צוריק צו גאָט אויפגעשטיגען. געגען דעם קעניג איז דאָרט קיין איינציג וואָרט נישטאָ.

דאָן שמואל׳ס טויט האָט נישט פערענדערט די גוטע בעציהונגען צווישען דעם קעניג און די אידען. זיי זענען, ווי פריהער, געבליבען איהם געטריי, און ער האָט איינינגע פון זיי בעשטימט אויף הויכע שטעלעס. דערפאַר זענען די פיינד פון קעניג אויך געוועזען פיינד פון די אידען, און מען האָט די אידען געמאַכט פעראַנטוואָרטליך פאַר זיינע אכזריות׳דיגע מעשים געגען זיינע פיינד. דאָן פעדראָ האָט ענדליך געוואָלט פטור ווערען פון דער מלכה, וועלכע איז איהם פערהאַסט געוועזען, און בעפוילען איינעם פון זיינע בעגלייטער, זי צו דער׳הרג׳ענען. צי האָט זיי דעם טויט פערדינט, צי נישט, — אזא טויט בלייבט אַן׳אייביגער פלעק אויף דאָן פעדראָ׳ס כאַראַקטער. אָבער ווי אונפריינדליך דער דאַמאָלסדיגער כראָניקער דע איאַלאַ האָט זיך בעצויגען צו די אידען, האָט ער דאָך קיינעם פון זיי אין׳ם דאָזיגען טויט נישט בעשולדיגט. ערשט שפּעטער האָט די שנאה צו אידען אויך דערין אויסגעטראַכט פערשידענע מעשיות בעשולדיגענדיג די אידישע שרים. אַזוי האָבען זיי, למשל, אויסגעטראַכט, אַז אַ געוויסער איד האָט פערכּמ׳כּט די קעניגין דערפאַר, וואָס זי האָט געראַטען, אַז מען זאָל די אידען אַרויסטרייבען פון קאַסטיליען. דאָן פעדראָ׳ס ממזר־ברודער דאָן הייינריך דע טראַסטאַמאַראַ איז געוועזען העכסט

צופרידען, וואס דורך דער מלכה'ס טויט האט ער בעקומען שטארקע פערבינדעטע, וואס מיט זייער הילף האט ער געהאפט צו קאנען אראבצוזעצען פון טראהן דעם געזעצליכען קעניג. די בורבאנען אין פראנקרייך און דער קעניג אליין האבען איהם צוגעזאגט זייער שטיצע און האבען פאר איהם איינגעארדענט א מתנה: „די גרויסע, אדער ווייסע קאמפאניע”, וועלכע האט נאך דעם סוף פון דער מלחמה צווישען ענגלאנד און פראנקרייך זיך בעשעפטיגט מיט רויבערייען און שטארק בעאונרוהיגט די פראנצויזישע בירגער. אויך דער פויפסט האט דעם ממזר געשטיצט געגען דעם געזעצליכען קעניג, ווייל דאן פעדרא'ס פריינדשאפט פאר די אידען איז פאר איהם געווען א דארן אין אויג. ער האט אויך אריינגעלעגט דערפאר דאן פעדרא אין חרם.

כדי אבער צו געבען חאטש א שאטען פון גערעכטיגקייט זיין בונט געגען זיין געזעצליכען ברודער און קעניג, און דאדורך צו געווינען פאר זיך די סימפאטיע פון די שפאנישע קריסטען, האט דאן היינריך שטארק בעשווארצט דעם קעניג און געשילדערט איהם אלס אנ'אונווירדיגען מענשען, וועלכער האט געשענדעט די קרוין, ווייל ער האט זיין מלוכה געלאזט רעגירען דורך אידען און ער איז נוטה צום יודענטום. אין דער רכילות געגען זיין ברודער איז ער געגאנגען אזוי וויט, אז ער האט דערצעהלט, דאס נישט בלויז זיין געליבטע מאריא דע פאדילא איז א אידישע טאכטער, נור אז ער אליין שטאמט אויך פון אידען, ווען די מלכה האט פאר אלפאנזאן געהאט תמיד נור טעכטער און דער קעניג האט איהר געסטראשעט, דאס אויב זי וועט איהם נישט געבוירען קיין זוהן, וועט ער זיך פון איהר שיידען, און אט האט זי איינמאל, געבוירענדיג א טאכטער, באלד געלאזט זי אויסטוישען אויף א אידישען נור-וואס געבוירענעם אינגעל, און אט דאס איז געווען דער צוקינפטיגער קעניג דאן פעדרא.

דאן פעדרא'ס ממזר-ברודער, דאן היינריך, איז אריינגעקומען אין שפאניען אין שפיץ פון דער „ווייסער מחנה”—די רויבער-באנדע, וועלכע דער פראנצויזישער קעניג האט איהם געגעבען, און מיט איהר הילף האט ער זיך געלאזען געהען אראבצושטויסען פון טראהן זיין ברודער, דעם געזעצליכען קעניג. אלס אנפיהרער פון די פראנצויזישע און ענגלישע אויסוואורפען איז געשטאנען דער געוואלדיגסטער קעמפפער פון זיין צייט, דער גבור און אוואנטוריסט בערטראן די געסקלין, וועלכער איז אויך אזוי בעריהמט געווען מיט זיינע העלדישע מעשים, ווי מיט זיין העסליכקייט און לעכערליכע מאניערען. די לעגענדע האט איהם אויך אזוי בעריהמט געמאכט, ווי פריהער דעם סיד. די אידען האבען איצט אויך אלע זיך געשטעלט אויף דער זייט פון קעניג און אינטערגעשטיצט איהם נישט בלויז מיט זייער געלד, נאר אויך מיט זייער בלוט. זיי האבען זיך געשטעלט אין קאמף צוזאמען מיט זיינע סאלדאטען, אדער האבען פערטיידיגט די שטעדט געגען דאן היינריך און די-געסקלין. די סאלדאטען

פון דער ווילדער פראנצויזישער מחנה האבען דערפאר געמוטיגט אפילו אויך די נישט בעוואפענטע אידען, וועלכע זיי פלעגען טרעפען ערגעץ-וואו. דאן היינריך מיט זיין חבר די-געסקלין האבען איינגענומען כמעט גאנץ שפאניען, ווייל דאן פעדרא האט פערשפעטיגט צו פערזאמלען ארום זיך אלע איהם געטריינע אנהענגער און אונטערצוקויפען פאר פיעל געלד די ווילדע פראנצויזישע מחנות, ווי מען האט איהם אנ'עצה געגעבען. עס האט איצט געפעהלט זיין געטרייער און קלוגער יועץ דאן שמואל, וועלכען ער האט געלאזט דערהרג'ענען. די טויערען פון דער הויפט-שטאדט טאלעדא האבען זיך געעפענט פאר די מנצחים, האטש דאן פעדרא'ס פארטייי, ווי אויך די אידען, האבען געראטען, אז מען זאל זיך פערטיידיגען ביז'ן אויסערן. דער מנצח, דאן היינריך, האט ארויפגעלעגט א גרויסע געלד-שטראף אויף דער אידישער קהלה פאר איהר געטרייהייט דעם געזעצליכען קעניג. דאן פעדרא האט, נאך א לאנגער וואנדערונג, זיך פערשלאסען אין סעווילא.

נאך איינמאל האט דאס גליק זיך געווענדעט צו דאן פעדרא, בשעת ער איז ענטלאפען איבער די פירענייאישע בערג, איבערלאזענדיג דאס גאנצע לאנד הינטער זיך דעם מנצח. דער העלדענמוטיגער ענגלישער פרינץ פון אועהלס, וועלכען מען האט צוליעב זיין אייזערנעם פאנצער גערופען דער שווארצער פרינץ, און וועלכער האט זיך דאמאלס געפונען אין פראנקרייך, האט זיך בעשלאסען צו געהן העלפען דעם אונגליקליכען קעניג אינ'ם נאמען פון געזעצליכקייט און אגב, אין דער האפענונג צו בעקומען א שענע בעלוינונג מיט געלד און לאנד. היינריך דע טראסטאמארא האט ווידער געמוזט פערלאזען שפאניען (1367). גאנץ שפאניען האט אויפגענומען מיט פרייד דעם געזעצליכען קעניג דאן פעדרא, ווען ער איז ערשינען אלס מנצח. באלד האט זיך אבער דאס בלעטעל ווידער אומגעקעהרט. דער שווארצער פרינץ (אועהלס) האט פלוצלונג פערלאזען דאן פעדרא'ן, און היינריך דע טראסטאמארא איז ווידער אריינגעקומען אין שפאניען מיט פרישע מחנות פון פראנקרייך. די צפון-שטעדט האבען זיך באלד געעפענט פאר איהם. די בירגער פון בורגאס האבען אליין געעפענט זייערע טויערן דעם מנצח, נור די אידען זענען געבליבען געטריי זייער אונגליקליכען קעניג. געשטיצט פון איניגע ריטער דאן פעדרא'ס, האבען זיי העלדיש געקעמפט פאר די טויערען פון בורגאס און זענען אבגעטראטען נור פאר א מאכט, וואס איז געווען פיעל גרעסער פאר זייערע. ווען די שטאדט האט זיך ענדליך געמוזט אונטערגעבען (קאפיטולירען), האבען די אידען געשטעלט א תנאי, אז מען זאל זיי נישט אנריהרען. היינריך האט דעם תנאי אנגענומען, נור די אידען האבען זיך געמוזט פערפליכטען צו בעצאהלען א מיליאן מאראוועדים שטראף פאר זייער געטרייהייט דעם קעניג. די קריסטען האבען געוואלט אויסנוצען דעם נצחון איבער דאן פעדרא. די קארטעס פון בורגאס האבען געשטעלט דעם מנצח היינריך אזא בעטע-

צוליעב דעם, וואס די אידען זענען שולדיג אין דעם בירגער־קריעג, דען זיי זענען געוועזען די יועצים פון דאן פעדרא, דארף מען איצט ארויסגעבען א געזעץ, אז קיין איד טאר נישט צוגעלאזען ווערען צו קיין מלוכה־שטעלע, אפילו נישט אלס לייב־דאקטאר פון קעניג, אדער פון דער קעניגין. אויך זאלען די אידען ווייטער נישט צוגעלאזען ווערען צו דער ארענדע פון די שטייערען (אבצאהלונגען). היינריך האט דערויף געענטפערט, אז אויסשליסען די אידען פון אלע מלוכה־שטעלעס איז אזא וויכטיגער שריט, וואס קיין שפאנישער קעניג האט דאס נאך נישט געטהון. ער איז נור מבטיח, אז די אידען, וועלכע וועלען זיך געפינען אין זיין הויף, וועט ער נישט בענוצען אלס יועצים און אויך נישט געבען זיי אזא מאכט, וועלכע וואלט געקאנט ווערען שעדליך פאר דער מלוכה. ווי עס שיינט, האט היינריך פשוט נישט געוואלט האבען די אידען פאר פיינד; אזוי שטארק זענען די אידען נאך דאמאלס געוועזען אין שפאניען. דאן פעדרא האט נאך געהאט דאמאלס פיעל אנהענגער אין לאנד, און די מייסטע אידישע קהלות זענען איהם געבליבען געטריי; אויך אין דער ארמיי האבען זיך געפינען פיעל אידען, וואס האבען געצאהלט זייער קעניג פאר זיין גערעכטיגקייט געגען אידען מיט זייער געטרייהייט בלב ונפש. בשעת דאן פעדרא האט אין זיין פערצווייפעלטער לאגע קיין אנדער וועג נישט געפונען פאר זיך, ווי צו רופען צו הילף דעם מחמד'אנישען קעניג פון גראנאדא, האט ער אויך איהם פערפליכטעט צו שוינען די אידען. דערוויל האבען די אידען געליטען סיי פון פריינד, סיי פון פיינד. די הויפט־ארמעע פון'ם „שווארצען פרינץ“ האט הינטער דאן פעדרא'ס רוקען בעגאנגען געגען די אידען אלערליי רציחות און גזלות; די מחמד'אנער זענען אויך נישט געוועזען בעסער. די קהלה ווילאדיעגא, וואו די אידען „זענען אלע געוועזען בעלי חכמה און בעלי צדקה“, איז אינגאנצען אויסגע'הרג'עט געווארען דורך די ענגלענדער. אזא גורל האט אויך געהאט די קהלה אגילאר און אנדערע. די קריסטליכע בעפעלקערונג פון וואלאדאליד, וועלכע האט אנערקענט פאר א קעניג דאס היינריך, איז אנגעפאלען אויף די דארטיגע אידען, בעראבעוועט זיי, פערניכטעט אכט גרויסע שוהלען, בעראבעוועדיג די צירונג פון די ספרי־תורה און מחלל זייענדיג זיי דורכ'ן צורייסען און ארויסווארפען אויפ'ן גאס. געלד־שטראף האבען די אידען געמוזט צאהלען איבעראל, וואו דאן היינריך איז אריינגעקומען אלס מנצח. דער מחמד'אנישער קעניג, וועלכער איז געקומען העלפען דאן פעדרא, האט ארויסגעפיהרט פון דזשאען (Jaen) דריי הונדערט אידישע משפחות, כדי צו פערקויפען זיי פאר קנעכט אויף די גראנאדישע מערק. נאך ווילדער איז געוועזען פאר די אידען דער פראנצויזישער ווילדער דע געסקלין, וועלכער האט נישט בעטראכט די אידען, אלס א געגנערישע פארטיי, נור אלס קנעכט, וועלכע האבען זיך דערוואוגען אויפצוהויבען דאס געוועהר געגען זייער האר.

אויפ'ן ערגסטען אופן האט אבער געליטען דאמאלס די אידישע

קהלה פֿון טאָלעדאָ. אינ'ם קאַמף פֿאַר'ן קעניג דאָן פּעדראָ האָט די קהלה געבּראַכט פֿיעל גרעסערע קרבנות, ווי זיינע קריסטליכע אַנהענגער, כּדי צו פֿערטיידיגען די שטאָדט, און זיי האָבען אויסגעהאַלטען אַ לאַנגע און אַ שרעקליכע בּעלאַגערונג. בּשעת וועלכער דער הונגער האָט זיך אַזוי געשטאַרקט, דאָס די אונגליקליכע האָבען געגעסען „נישט בּלויז דעם פּאַרמעט פֿון די ספרי תורה, נור אויך דאָס פֿלייש פֿון זייערע קינדער". דער גרעסטער טייל פֿון דער קהלה איז אומגעקומען פֿון הונגער. ענדליך האָט היינריך מנצח געווען זיין בּרודער בּיי מאָנטיעל (14-טער מערץ 1369), נאָכדעם, ווי אַלע זיינע אַנהענגער האָבען איהם פֿערלאָזען. דאָן פּעדראָ'ס ענדע איז געווען זעהר טראַגיש. בּשעת ער איז זיך צוזאַמענגעקומען מיט זיין ממזר-בּרודער היינריך, זאָל דער לעצטער האָבען אויסגעשריען: „וואו איז דער איד, דער זוהן פֿון אַ דיענסטמויד, וועלכער האָט זיך אויפֿגעוואָרפֿען קאַסטיליען פֿאַר אַ קעניג?" דאָן האָבען בּיידע בּרידער געקעמפֿט און דאָן פּעדראָ איז געפֿאַלען טויט. זיין בּרודער און די געסקלין האָבען איהם דעם קאָפּ אָבּגעהאַקט. בּשעת דער פּויפּסט אורבּאַן V. האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָט ער אויסגערופֿען: „די קירכע מוז זיך פֿרעהען. וואָס עס איז געפֿאַלען אַזאַ טיראַן, אַ מורד געגען דער קירכע, אַ פֿריינד פֿון די אידען און מחמד'אַנער". אויבּ די קאַטוילישע גלחים האָבען זיך לאַנג נישט געקאָנט דערשלאָגען, אַז מען זאָל חערנידעריגען די שפּאַנישע אידען, האָבען זיי דאָס איצט דערגרייכט דורך דער בּלוטיגער בּירגער-מלחמה אין קאַסטיליען. די מפּלה פֿונ'ם קעניג בּיי מאָנטיעל איז געווען אויך אַ מפּלה פֿאַר די אידען. אַ גרויסער טייל פֿון זיי איז אומגעקומען טיילווייז אין דער מלחמה אויפֿ'ן שלאַכטפֿעלד, טיילווייז פֿון הונגער און דחקות אין די בּעלאַגערטע שטעדט, טיילווייז דורך די מערדערישע הענד פֿון די ווילדע מחנות: „די ווייסע קאַמפּאַניע" און פֿונ'ם „שוואַרצען ריטער".

די גרויסע אידישע קהלה פֿון קאַסטיליען, די „קרוין פֿון ישראל" אין מיטעלאַלטער, אין אַ געוויסער מאָס דאָס „שפּאַנישע ירושלים", טאָלעדאָ, האָט נאָכ'ן אַראָבּנעהמען די בּעלאַגערונג קוים געקאָנט אַנציהלען אַזוי פֿיעל הונדערטער אידען, ווי זי האָט פֿריהער געהאַט טויזענדער. דער רעשט פֿון די אידען אין קאַסטיליען איז דורך די רויבּערייען געבּראַכט געוואָרען צו אַזאַ עלענדען צושטאַנד, אַז עס איז אויסגעקומען, צו לאָזען זיך געהן בּעטלען. טיעף ריהרענד שילדערט דער דאַמאַלדיגער שריפֿטשטעלער רבי שמואל צרצה דעם עלענדען צושטאַנד פֿון די קאַסטילישע קהלות אין יענער צייט: „עס זענען פֿאָרגעקומען רויבּ-אָנפֿאַלען אויף רויבּ-אָנפֿאַלען, דער גראָשען איז פֿערשוואונדען געוואָרען פֿון דער קעשענע, די נשמה — פֿונ'ם לייבּ. אַלע יסורים פֿון משיח'ס צייטען (חבלי משיח) זענען שוין דאָ, נור דער אויסלייזער קומט נישט". די אידען האָבען געציטערט פֿאַר דער צוקונפֿט. זיי האָבען געהערט פֿיעל מאָל, ווי היינריך האָט בּעזונדערס אַרויסגעשטעלט די בּעשולדיגונג געגען זיין

ברודער, אז ער איז א אידען-פריינד. זיי האבען אלזא געהאט געניג גרונד מורא צו האבען, אז באלד, ווי היינריך וועט די קרוין פערכאפען, וועט ער זיך נעהמען רודפ'ן די אידען. אזוי שלעכט איז עס אבער גראד נישט געוועזען. דאן היינריך II האט אויך אזוי ווייניג געקאנט אויסקומען אהן די אידען, ווי די פריהערדיגע שפאנישע מלכים, אדער ווי די פראנצויזישע און דייטשע מלכים און פירשטען פון יענער צייט, וועלכע האבען אליין איינגעלאדען די אידען צו קומען אין זייער לאנד, דען נור די אידישע פינאנץ-לייט האבען געהאט בכח צו האלטען ארדנונג אין'ם מלוכה-בודזשעט און געבען די מלכים די מעגליכקייט צו לעבען ברייט, ווי זיי האבען געהאט חשק. און דאן היינריך האט זיך אין די אידען נאך מעהר גענויטיגט, דען וועהרענד דער מלחמה איז ער אריינגעקראכען אין גרויסע חובות, כדי צו קאנען צאהלען די געדונגענע מחנות, וואס האבען איהם געהאלפען געגען זיין ברודער. איצט האט ער די חובות געמוזט בעצאהלען, ווי אויך בעשענקען די ווילדע מחנה. דאס לאנד איז אבער געוועזען פערארימט פון דער לאנג-יעהריגער מלחמה. ווער זשע האט געקאנט צונויפנעהמען די גרויסע סומעס און זארגען דערפאר, אז די אבצאהלונגען זאלען איינגעהן רעגולער, אויב נישט אידען? אנשטאט צו בעשטראפען די בעזיעגטע, האט ער דעריבער בעסער פערשטאנען צו שעצען די אידישע פעהיגקייט און געטריי‌הייט און זיך ארויסגעזאגט: „אזעלכע געטרייע אונטערטאנען מוז א קעניג בעלוינען, וויל זיי האבען זייער עהרליכע טריי‌הייט געהאלטען ביז אין טויט אריין און נישט איבערגעלאפען צום מנצח".

דאן היינריך האט אזוי ארום זיך געמאכט שולדיג פאר די קריסטען אין דער זעלביגער זאך, אין וועלכער ער האט אליין בעשולדיגט זיין ברודער: ער האט דערהויבען צוויי אידען אויף וויכטיגע שטעלעס — דאן יוסף פישון און דאן שמואל אברבנאל. דעם ערשטען פון זיי האט ער בעשטימט פאר א שר איבער דעם איינעהמען אלע מלוכה-אבצאהלונגען און אלמאקסאריף (שאץ-מייסטער) פון קעניג. און ער איז ביי איהם געוועזען א גרויסער חשוב.

אבער אויב דער קעניג האט נישט נקמה גענומען פון די אידען פאר זייער ראלע געגען איהם אין דער מלחמה, האט די קריסטליכע בעפעלקערונג אן דעם נישט פערגעסען. די פריצים און די בירגער האבען זיי נישט געקאנט מוחל זיין דאס, וואס זיי זענען ארויסגעטראטען געגען זיי אין די בעלאגערטע שטעדט און אויף די שלאכט-פעלדער אלס פיינד. דאס געפיהל פון נקמה און די שנאה צו אידען האט אלעמען פערבלענדעט די אויגען נישט צו זעהן. וואס פאר א גרויסען נוצען אידען ברענגען דעם מלוכה-לעבען. די פריצים האבען זיך בעקלאגט ביים קעניג, אז דאס „פערשאלטענע פאלק, די פיינד פון גאט און פון די קריסטען" פערנעהמען ווידער הויכע מלוכה-שטעלעס און מען האט זיי איבערגעגעבען די ארענדע פון די אבצאהלען און דאדורך ווערען די שוואכע קריסטען אבהענגיג פון

די אידען, וועלכע ווארפען אויף זיי אנ'אימה. זיי האבען דעריבער געפאדערט, אז מען זאל די אידען דערוויטערען פון אלע שטעלען, זאגאר פון די, וואס זיי האבען ביי די גראנדען (שרים). אבזונדערען זיי פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג דאדורך, וואס מען זאל זיי איינשליסען אין בעזונדערע שטאדט-טיילען (געטאס), צווינגען זיי צו טראגען אויף זייערע קליידער די שאנד-לאטע, נישט דערלאזען זיי ערשיינען עפענטליך אין רייכע קליידער, פערבאטען זיי צו רייטען אויף מוילעזלען און, ענדליך, פערבאטען זיי צו רופען זיך מיט קריסטליכע נעמען. די דאזיגע פאדערונגען זענען זעהר נישט געפעלען געוועזען דעם נייעם קעניג, דאן היינריך, ער האט אבער געמוזט עטוואס מבטיח זיין. איינגעפיהרט האט ער אפילו נאר צוויי בעגרענצונגען, וועלכע האבען קיין מאטעריעלע בעדייטונג נישט געהאט, אבער זייער ווירקונג איז געוועזען זעהר א שלעכטע, די קאסטילישע אידען האבען געדארפט פון איצט אן טראגען די שאנד-לאטע און נישט טארען זיך אנרופען מיט שפאנישע נעמען. דאדורך איז אבער שטארק בעליידיגט געוואקסען די שפאנישע גדלות, וועלכע די ספרדישע אידען האבען גלייך געהאט מיט די שרים און פריצים (גראנדען און הידאלגאס). שוין הונדערט און פופציג יאהר איז פאריבער, זינט די גלחים האבען אין זייער אונטאלעראנץ ארויסגעגעבען זייער געזעץ וועגען דער שאנד-לאטע. און די קאסטילישע אידען האבען אין דער גאנצער צייט זיך געוואוסט צו פערטיידיגען אזוי, דאס מען זאל זיי נישט צווינגען צו טראגען דעם שאנדפלעק. און איצט האבען זייערע שונאים ענדליך געפועל'ט, אז מען זאל זיי אזוי שענדליך ערנידעריגען. זיי, וועלכע זענען געוואוינט געווען צו האלטען דעם קאפ הויך אלס פרייע בירגער, האבען איצט געזאלט געצוואונגען ווערען צו געהען מיט א געבויגטען קאפ און לאזען זיך רופען דוקא מיט א מזרח-נאמען, כדי צו בעטאנען, דאס זיי זענען פרעמדע אין לאנד, אנגעלאפענע פון דער פרעמד. פאר די שטאלצע ספרדישע אידען איז דאס געוועזען דער ערגסטער פאטש אין פנים, און זיי זענען דאדורך זעהר געפאלען געווארען ביי זיך, און אט די געפאלענקייט און שפלות צוזאמען מיט דער שרעקליכער ארימקייט נאך דער מלחמה האבען געבראכט דערצו, אז עס איז אבגעשטארבען ביי זיי יעדער אינטערעס צו א גייסטיגער טעטיגקייט. און ס'האט זיך פערשפרייט די עם-הארצות. און גראד דאמאלס זענען פאר די אידען נויטיג געווען אידען-תלמידי-חכמים, וועלכע זאלען זיי קאנען אבהאלטען פון צופאלען ווערען, דען די גלחים האבען זיך גענומען צו זייער אלטער אויפגאבע — פיהרען אידען צום שמד

צוליעב דאנקבארקייט צו די גלחים פאר זייער מאראלישע שטיצע און קריעג מיט זיין ברודער, האט דער קעניג היינריך געמוזט די גלחים נאכגעבען. אויף זייער פערלאנג האט ער געמוזט ארויסגעבען א בעפעהל, אז די אידען זאלען זיך ווידער שטעלען צו עפענטליכע דיספוטען (וכוחים)

מיט די גלחים. פאר די אידען איז דאס געווען אן'אונגליק, ווייל אויף קיין אנערקענטען נצחון האבען זיי דאך נישט געקאנט האפען, און א מפלה פלעגט געווענליך מיטברענגען אנפאלען און מורא'דיגע רדיפות. צוויי גע'שמד'טע אידען האבען בעקומען פון קעניג דאס רעכט איינצואורדנען אין יעדער שטאדט אדער פראווינץ פון קאסטיליען א וכוח מיט אידען און צווינגען זיי, אז זיי זאלען קומען אויף זייער איינלאדונג. אין אבילה האט די גאנצע אידישע קהלה געמוזט קומען אין קירכע (1375), וואו מען האט געפיהרט דעם וכוח אין דער געגענווארט פון פיעל קריסטען און מחמד'אנער. מצד די אידען איז ארויסגעטראטען דער מעדיקער משה הכהן דע טארדעסילאס, וועלכער איז געווען גוט בעהאווענט אויך אין דער קריסטליכער טעאלאגישער ליטעראטור, צום דיספוט איז ער צוגעטראטען פול אימה און פחד, ווייל ער האט גאנץ גוט געוואוסט, וואס פאר א געפעהרליכע זאך דאס איז; ווען ער האט שוין פערזוכט דעם טעם פון קריסטליכע נגישות בשעת דער בירגערליכער מלחמה, ווען די מחנות פון די קריסטען זענען בעפאלען זיין הויז און בערויבט איהם זיין גאנץ פערמעגען, און דערביי איהם מערדעריש געשלאגען, צווינגענדיג צום שמד. דער דיספוט האט איהם אבער געראד געלונגען. דער משומד האט אנגעוויזען נאר קריסטליכע ביכער, וועלכע ער, דער אידישער געלעהרטער, האט געוואוסט פיעל בעסער פאר איהם; און נאך לאנגע וכוחים האט דער משומד, אלס א בעזיעגטער, זיך געמוזט אבזאגען פון זיין אונטערנעהמען. דערמיט האט זיך אבער די זאך נישט געענדיגט. א צווייטער דיספוטאנט האט ארויסגעפאדערט דעם אידישען מעדיקער צו דיספוטירען מיט איהם וועגען דעם תלמוד, און ווידער איז איהם אויסגעקומען צו פיהרען א שווערען קאמפף, פון איין זייט אבצושלאגען אלע טענות און שקרים, און פון דער צווייטער זייט ווידער צו פערהאלטען זיך רוהיג, אבצוהיטען זיך מיט א איבריג ווארט, וואס קאן אויפרעגען די פאנאטישע קאטוילען. אויך שפעטער, ווען ער האט אויפגעשריבען זיינע ענטפערן, כדי צוצושיקען זיי דער אידישער קהלה פון טאלעדא, האט ער דערביי צוגעגעבען, אז מען מוז זעהען צו פערהאלטען זיך גאנץ רוהיג ביים דיספוט, „ווייל די קאטוילען האבען די מאכט אין זייערע הענד און האבען די מעגליכקייט צו ענטפערען אויפ'ן אמת מיט'ן פויסט“.

אין דער זעלבער צייט האט א צווייטער שפאנישער איד מחבר געווען א פאלעמיש ווערק, כדי צו קאנען ענטפערן אויף די אנפאלען פון קריסטענטום. דאס איז געווען רבי שם טוב בן רבי יצחק שפרוט פון טודעלא. דער קארדינאל דאן פעדרא דע לונא, וועלכער האט שפעטער אלס פויפסט בענעדיקט XIII געבראכט אזוי פיעל מהומות אין דער קירכע און אונגליקען אויף אידען, איז געווען א גרויסער ליעבהאבער פון וכוחים, און נאך א גרעסערען חשק האט ער געהאט צו פיהרען אלעמען צום שמד. אין פאמפעלונא האט ער געפאדערט פון רבי שם-טוב שפרוט, צו דיספוטירען מיט איהם וועגען רעליגיעזע פראגען, און רבי שם-

טוב האט געמוזט דעם דיספוט אנגעהמען אין דער געגענווארט פון בישאפען און געלעהרטע גלחים. כדי די אידען זאלען האבען די מעגליכקייט צו בעדיגען זיך מיט'ן זעלביגען געוועהר, וואס די קריסטען, האט רבי שם־טוב איבערגעזעצט פיעל שטעלען פון די פיער עוואנגעליען אין העברעאיש, מאכענדיג דערביי די געהעריגע בעמערקונגען פאר די אידען.

פיעל האבען אבער די דאזיגע ספרים נישט געהאלפען די אידען אין דער צייט פון שווערע נסיונות. די שפאנישע אידען האט דעמאלס געפעהלט נישט ספרים, נור מענשען, שטארקע פערזענליכקייטען, ענערגישע מנהיגים, וועלכע זאלען דורך זייער גייסט דערהויבען צו זיך די מאסע. דער חרם געגען דער וויסענשאפט האט איצט גענומען נקמה אויף א טרויעריגען אופן: ער האט ערצויגען א דור פון קליינע מענשען מיט קנאפע השגות. אפילו די אמונה אליין, וועלכע מען האט דאך געמיינט צו פערטיידיגען, האט אויך שטארק געליטען דערפון, וואס מען האט ביים אויפוואקסענדען דור צוגענומען די מעגליכקייט צו ענטוויקלען אלזייטיג זיין גייסט און זיין געפיהל.

נור צוויי מענשען האבען זיך אין יענער צייט דערהויבען דורך זייער כאראקטער און לומדות איבער דער מיטעלמעסיגקייט: רבי חסדאי קרשקש און רבי יצחק בר ששת. אבער זיי האבען ביידע געלעבט נישט אין קאסטיליען, נור אין אראגאניען, וואו די אידען זענען אונטער די מלכים דאן פעדרא IV און דאן זשואן I געוועזען נישט אזוי פערארימט און נישט אזוי ערנידעריגט, ווי זייערע ברידער אין קאסטיליען. קרשקש און בר ששת זענען נישט געוועזען אזוי בעדייטענד, צו ערציהען און ערהויבען זייער דור. אבער א צענטער און א ברענפונקט זענען זיי דאך געוועזען פאר גרעסערע קרייזען און ניט זעלטען פלעגט מען זיך צו זיי ווענדען, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען וויכטיגע אנגעלעגענהייטען אין יודענטום.

רבי חסדאי ברבי אברהם קרשקש (געבוירען ארום 1340, געשט. ארום 1410) האט געלעבט פריהער אין בארצעלאנא דערנאך אין סאראגאסא. כאטש ער איז געוועזען א גרויסער למדן אין תלמוד און אין דער רבנישער ליטעראטור, איז ער דאך אבער קיין רב נישט געוועזען, דען זיין בעשעפטיגונג און עשירות האבען איהם דערויף וועניג צייט איבערגעלאזען צו פערנעהמען אזא עהרענשטעלע (קיין שכירות פלעגט דאך א רב דאמאלס על פי רוב נישט בעקומען). ער איז נעמליך געוועזען א גרויסער חשוב אין דאן זשואנ'ס קעניגליכען הויף און זעהר אפט פלעגט מען איהם איינלאדען אנטייל צו נעהמען אין וויכטיגע מלוכה־בעראטונגען; אויך מיט די הויכע שרים (גראנדען) איז ער געשטאנען אין נאהנטע בעציהונגען. דערביי איז ער געוועזען א גרויסער און אריגינעלער פילאזאפישער דענקער. נאטירליך, איז די אידישע רעליגיע געוועזען די באזיס פון זיין פילאזאפישען דענקען; אבער אין זיין גייסט האט די רעליגיע גופא אנגענומען אן אייגענארטיגען כאראקטער. רבי חסדאי קרשקש

איז געווען דער ערשטער, וואס האט אנערקענט די שוואכע זייטען פון דער אריסטאטעלישער פילאזאפיע, וועלכע איז געווען די העכסטע אויטאריטעט פאר'ן רוב דאמאלדיגע אידישע דענקער, און ער האט זיין ווערקענטניש אויסגענוצט און געגעבען א שטארקען שטויס דער דאזיגער פילאזאפיע. פון געמיט איז ער געווען א מילדער מענש, א פריינד אין נויט און א בעשיצער פון שוואכע. אין דער אונגליקליכער צייט, וועלכע עס איז דאמאלס געקומען פאר די שפאנישע אידען, האט ער מיט אלע זיינע כחות מיטגעווירקט צו פערלייכטערן די שווערע לאגע.

ענהליך צו איהם אין כאראקטער אבער אינגאנצען פערשידען דורכ'ן דענקען איז געווען זיין עלטערער פריינד רבי יצחק בר ששת, אדער חער ריב"ש (געבוירען ארום 1336, געשט. 1408). אין א געוויסער מאס נאך א תלמיד פון רשב"א, ווייל ער האט געלערנט תורה ביי זיין זוהן און זיינע תלמידים. ווי ער האט איבערגענומען פון רשב"א די מעטאדע און פעהיגקייט צו האבען א קלארען און נישט קיין פערדרעהטען קוק אויפ'ן תלמוד, אזוי האט ער ביי איהם אויך איבערגענומען די פיינדליכע בעציהונג צו דער וויסענשאפט און איז אין דער הינזיכט איהם נאך אריבערגעשטיגען. דער רשב"א האט זיך געלאזען צווינגען דורך די צייט-אומשטענדען ארויסצוטרעטען געגען דער וויסענשאפט, און פערבאטען האט ער זי נור פאר דער יוגענד; בר-ששת דאגעגען האט מעהר נוטה געווען צו דער מיינונג פון רא"ש און זיינע תלמידים. אז אפילו עלטערע מענשען דארפען זיך פון איהר דערווייטערן. די נאטור-וויסענשאפט און די פילאזאפיע מוז מען דורכאויס אויסמיידען, ווייל זיי רוהרען אן די גרונד-פונדאמענטען פון דער תורה. דערביי איז רבי יצחק בר-ששת געווען א מענש מיט אן ערהאבענעם כאראקטער, א מילדע פערזענליכקייט און האט אפט געבראכט פאר א קרבן זיינע פערזענליכע אינטערעסען דעם נוצען פון כלל און דעם אלגעמיינעם שלום און אחדות ביי אידען. דארט אבער, וואו עס האט זיך געהאנדעלט וועגען א דין פון תלמוד, אדער אפילו א מנהג ישראל, איז ער געווען שרעקליך שטרענג. צוליעב זיין דאזיגער שטרענגקייט האט ער געהאט זעהר פיעל שונאים. אין סאראגאסא איז צוליעב איהם פארגעקומען פיעל מחלוקת און ער האט געמוזט אריבערגעהן אויף רבנות אין וואלענסיע. אבער אויך דארט האט דער ריב"ש קיין מנוחה נישט געפונען. בשעת די גרויסע רדיפות און הריגות (1391) איז זיין לעבען געשטאנען אין סכנה און ער האט געמוזט צוזעהען, ווי מען פערברענט זיינע צוויי זיהן רבי ששת און רבי שאלתיאל פאר א בלבול וואס מען האט אויף זיי געמאכט. ענדליך איז איהם געלונגען צו ענטלויפען קיין מאראקא און פון דארט קיין אלזשיר, וואו ער איז א יאהר צעהן שפעטער געשטארבען. א שענע מצבה האבען געשטעלט אויף זיין קבר ערשט מיט א יאהר הונדערט שפעטער די ארויסגעטריבענע אידען פון שפאניען.

כאראקטעריסטיש איז פאר'ן ריב"ש זיין מחלוקת מיט'ן רב, רבי

חיים גאַליפּאַפּאַ, וועלכער איז געווען אַ תלמיד חכם פון גאָר אַנ׳אַנדערער ריכטונג, רבי חיים גליפפה (געבוירען 1310. געשט. 1380), פיעל עלטערער פאַר׳ן ריב״ש, איז געוועזען רב אין די קהלות הועסקא און פאַמפּעלונא, און אין זיין צייט זעהר אַנ׳אָריגינעלע ערשיינונג: וועהרענד אַלע דאַמאַלס־דיגע רבנים זענען געוועזען גרויסע מחמירים, דאָס הייסט, זעהר שטרענג אין אַבהיטען און ערפילען יעדען דין און קלענסטען מנהג, האָט ר׳ חיים גליפפה געהאַלטען, אַז מען דאַרף פערקעהרט ערלייכטערן פאַר די אידען די מעגליכקייט צו בלייבען געטריי דעם גרונד־יודענטום. „די צייטען — האָט ער גע׳טענה׳ט — זענען געוואָרען פיעל גינסטיגער, קיין גראָבע עם הארצים, ווי אין די גאַנץ אַלטע צייטען, זענען שוין מעהר ביי אידען נישטאָ, און מורא האָבען, אַז די אידען זאָלען נישט אַריינפאַלען אין דער געצענדיענערייי, איז שוין אודאי נישטאָ פאַר וואָס. מען דאַרף אַלזאָ נישט מאַכען קיין נייע גזרות (רעליג.) און חומרות, נור, פערקעהרט, מבטל מאַכען די אַלטע, כדי, דעם אידען זאָל נישט שווער, נור טייער זיין דאָס יודענטום“. זיין דאָזיגע מיינונג האָט דער פאַמפּעלונער רב דורכגעפיהרט אויך אין פּראַקטישען לעבען, נאַטירליך, אין אַ גאַנץ קליינעם מאַסשטאַב און אין בעציהונג צו וועניג וויכטיגע ענינים און מנהגים. אָבער אין די ערשטע דורות נאָכ׳ן ראַ״ש האָט מען יעדען מנהג העכסט פערהייליגט. און אַט דעריבער איז דער ריב״ש שטאַרק אָנגעפאַלען אויפ׳ן פאַמפּעלונער רב. גועטהון האָט ער דאָס אָבער, ווי ער שרייבט צו איהם אַליין, נישט, חלילה, פון שנאה אָדער פניות, נור פון ליעבע, און ער בעשווערט רבי חיים גליפפה, „צו דערווייטערן זיך פון זיינע דרכים און נישט ברענגען צו מחלוקת, אָדער, חלילה, צו אַ פירוד ביי אידען“. גליפפה׳ס רעפאָרמאַטאָרישע אַנשויאונגען האָבען טאַקי אין יענער צייט געהאַט ווענינג ערפאָלג.

רבי חסדאי קרשקש און רבי יצחק בר ששת האָבען געהאַט אַ גרויסען שם ביי אידען אויך אין די פרעמדע מדינות. אַזוי למשל, האָט מען זיך געווענדעט צו זיי אין אַ מחלוקת, וועלכע עס האָט אויסגעבראָכען אין פראַנקרייך וועגען דעם רב הכולל און פערלאָזען זיך אויף זייער פסק־דין. אין פראַנקרייך זענען, נעמליך, אין די אידישע בעציהונגען פאָרגעקומען פערענדערונגען, וועלכע זענען געשטאַנען טיילוויז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד. מאַנאַסיען דע בעזו, דער שתדלן ווע־גען דער אידישער איינוואַנדערונג אין פראַנקרייך און דער רב הכולל רבי מתתיהו ברבי יוסף (דעם ר״ן׳ס אַ תלמיד) זענען ביידע געשטאָרבען; פונ׳ם ערשטען איז געבליבען: שלמה דע בעזו, וועלכער האָט איבערגענומען זיין פאָטער׳ס שטעלע, אַלס הויפּט־זאַמלער פונ׳ם אידישען אָבצאָהל פאַר׳ן קעניג, און דער צווייטער האָט איבערגעלאָזען צוויי זיהן תלמידי חכמים, רבי יוחנן און רבי יוסף. וואָס דער ערשטער פון זיי איז געוואָרען רב הכולל אַנשטאָט זיין פאָטער. פינף יאָהר איז ער געווען רוהיג רב און ראש ישיבה, נור פּלוצלונג איז געגען איהם אַרויסגעטראָטען

א געוועזענער תלמיד פון זיין פאטער רבי ישעיה בן אבא מרי, מיט'ן ביינאמען: אשתרוק, וועלכער האט בעקומען סמיכות ביים וויענער רב רבי מאיר ברבי ברוך הלוי, וועלכער האט איהם אליין געגעבען דאס רעכט אין פראנקרייך צו געבען סמיכות אויף רבנות יונגע תלמידי חכמים, און ווער עס וועט אהן זיין ערלויבניש מסדר זיין חופה וקדושין, און גטין, ווערט א מוהרם און די חופה און גטין ווערען בטל. דאדורך האט רבי ישעיה געהאט די מעגליכקייט ארויסצושטויסען זיין רבי'ס זוהן, רבי יוחנן, פון דער רבנות אין פראנקרייך. די משפחה דען בעוזי האט שוין איצט געהאט פערלוירען איהר איינפלוס, און רבי יוחנן איז געבליבען אהן שטיצע. באלד אבער האבען א טייל פראנצויזישע אידען איינגעזעהען, ווי אונגערעכט עס איז דער איינגעוואנדערטער רבי ישעיה טוגען זייער רב, מען איז אויך שטארק אויפגערעגט געווארען געגען דעם וויענער רב, רבי מאיר, וועלכער האט זיך ערלויבט כמעט מיט געוואלד אליין צו בעשטימען א רב־הכולל פאר פראנקרייך. רבי יוחנן האט זיך דערום געווענדעט צו די „גדולים פון שפאניען": רבי חסדאי קרשקש און דעם ריב"ש און זיי האבען גע'פסק'ענט, אז רבי יוחנן דארף בלייבען רב־הכולל אין פראנקרייך. די פראנצויזישע אידען האבען זייער פסק־דין אנגענומען. אבער לאנג האט דער רב־הכולל נישט געקאנט בלייבען רוהיג אויף זיין שטעלע, ווייל די טעג פון די אידען אין פראנקרייך זענען געווען געצעהלט.

דער שטורם, וועלכער האט זיך דאס מאל אנגעהויבען פון שפאניען, האט דעם אלטען שטאם, וואס איז טיעף געווען איינגעווארצעלט אין לאנד, שרעקליך אנגעגריפען, נאכדעם ווי זיינע בלומען און בלעטער זענען שוין לאנג פערוועלקט געווען. כדי צו קאנען אויסרייסען איהם אינגאנצען מיט זיינע ווארצלען, האבען די בייזע ווינטען געמוזט ווירקען אויף איהם גאנצע הונדערט יאהר נאכאנאנד. דערנאך האט זיך ערשט דער שטורם אנגעהויבען. דאס בלוטיגע דראמא פון די ספרדישע אידען, וואס זיין ערשטער אקט האט זיך אבגעשפיעלט סוף דעם פיערצעהנטען יאהרהונדערט און דער סוף דעם פופצעהנטען — אינ'ם דאזיגען דראמא זענען די שפאנישע אידען טיילוויז אליין שולדיג געווען. אויב די אידישע פיינד האבען זיך געקלאגט אויף די אידען, אז זיי שטופען זיך צום קעניגליכען הויף און צו די שרים, אז זיי האבען אנגעזאמעלט גרויסע עשירות און פערבלענדען אלעמען די אויגען מיט זייערע צירונגען און רייכע קליידער, איז דאס ריכטיג געווען אין בעציהונג צו די אידישע „גדולים", דאס פאלק אבער, די אידישע מאסען זענען דערין גאנץ אונשולדיג געווען, נור בעצאהלען האבען זיי געמוזט, שווער בעצאהלען מיט ביטערע יסורים. אויך די דאמאלדיגע פרומערע און זיטליכערע אידען קלאגען זיך שטארק אויף די „עשירים וקצינים". „און די דאזיגע פעהלער — קלאגט זיך איין דאמאלדיגער פרומער אידישער שריפטשטעלער — זענען שולדיג די אידישע שרים, מיוחסים און עשירים; זיי טראכטען נור וועגען זייער פוסטען כבוד און עשירות און עס קימערט זיי וועני־

דער כבוד פון זייער פאָלק און זייער גאָט“. און זעהר טרויעריגע שטריכען שילדערט דער מגיד רבי שלמה בן אלעמי די פערדאָרבענקייט פון די אידישע עשירים: „דאָס רוב אידישע עשירים — שרייבט ער אין זיין „אגרת־מוסר“, — וועלכע האָבען א דריסת־הרגל אין די הויפען פון די מלכים און אין זייערע הענד זענען איבערגעגעבען געוואָרען די שליסלען פון די מלוכה־אוצרות, זענען גרויסע בעלי־גאוה; זיי שטאָלצירען מיט זייער שטעלע און עשירות און ווילען פונ'ם אָרעמען ברודער נישט וויסען. זיי בויען פאַר זיך אויס רייכע פּאַלאַצען, פאָהרען אין פּרעכטיגע קאַרעטען און בעפּוצען זייערע ווייבער און טעכטער, ווי פּירשטינס, מיט גאָלד, דימענטען און פּערל. זיי זענען גלייכגילטיג צו דער רעליגיאָן, פעראַכטען די עניוות, האַסען די בעלי־מלאכות און ליבען צו געהען לעדיג, האַלטענדיג דאָס פאַר א שענע זאַך. זיי ליעבען טענץ און שפּיעל, קליידען זיך ווי די אָרטיגע פּריצים און גאָלען זייערע בערד, זייער לייב פוילען זיי אָן מיט נאַשעריי און די טייערסטע משקאות, ווערענד די ישיבה־בחורים מוזען אויסקומען מיט ברויט און וואַסער. דערפאַר פעראַכטעט מען די רבנים, דען אַלע אידישע קלאַסען לערנען זייערע קינדער מעהר גערן די נידריגסטע מלאכה, איידער תורה. קומען די מיוחסים הערען א דרשה, שלעפערט עס זיי, אָדער זיי זיצען זיך און שמועסען געמיטליך. אין יעדער קהלה פיהרען זיי איינער מיט'ן אַנדערן מחלוקת און וועגען קלייניגקייטען צושטערען זיי די אחדות. — פיעל ערגער איז נאָך די שנאה און קנאה, וואָס זיי האָבען איינער געגען דעם אַנדערן, דען דאָס פיהרט זיי אַנצוגעבען איינער אויפ'ן אַנדערן מסירות ביים קעניג און די שרים“... —

און ווירקליך האָבען ביי אידען אין יענער צייט זיך אָנגעהויבען שענדליכע מסירות, וועלכע מען פלעגט אָנגעבען אפילו אויך אויף רבנים — א זאַך, וואָס איז ביי די ספּרדישע אידען פריהער כמעט גאַר נישט געהערט געוואָרען. די רבנים פון זייער זייט, וועלכע האָבען מיט זייער בית־דין געמשפּט אויך קרימינעלע ענינים, פלעגען דערפאַר זעהר שטרענג בעשטראָפען די מוסרים, על פּי רוב פלעגען זיי פער'משפּט'ן אַזעלכע פערברעכער צום טויט. אין קאַסטיליען, אַראַגאָניען, וואַלענסיע און קאַטאַלאָניען פלעגען די רבנים משפּט'ן קרימינעלע ענינים (דיני־נפשות) נאָך פון גאַנץ אַלטע צייטען אָן. א טויט־אורטייל פון א אידישען בית־דין האָט אַפילו געמוזט בעשטעטיגט ווערען דורכ'ן קעניג מיט א בעזונדערם אונטערגעשריבענעם דעקרעט און א מלוכה־חתימה, אָבער אַזאַ דעקרעט פלעגט מען לייכט אַרויסבעקומען מיט דער הילף פון א אידישען שר, אָדער דורך שוחד. אַזאַ האַנדלונג האָט נאַטירליך נישט געהיילט די קרענק, נור זי פלעגט איהר נאָך פערערגערן. דען מיט די מוסרים פלעגט מען מאַכען דעם פּראָצעס זעהר געשווינד, אָהן א בעזונדערער אויספאָרשונג דורך עדות אפילו, און דאַדורך פלעגען די קרובים פון פער'משפּט'ן נאָך מעהר ערבּיטערט ווערען. אויסערדעם האָט מען אָנגעהויבען בעטראַכטען אַלס א

מסירה אפילו נור אנ׳ארויסגעזאגט וואָרט, מייסטענס, אונפאַרזיכטיג, אָדער צוליעב לייכטזיניגקייט, און אָט האָט אַ בית־דין אין בורגאָס זיך בעגאַנגען אויף אַזאַ אופן מיט אַ הויכגעשטעלטען און אָנגעזעהענעם אידען, און דאָס האָט געגעבען די געלעגענהייט די אידישע שונאים אונטערצונעהמען רדיפות, וועלכע האָבען סוף־כל־סוף געפיהרט צום שרעקליכען גירוש.

יוסף פישאָן פון סעווילאַ, וועלכער איז געווען אַ גרויסער חשוב ביים קעניג היינריך II פון קאַסטיליען און זיין אויבער־ארענדאַטאָר איבער די אָבצאָהלונגען, איז אָנגעקלאָגט געוואָרען דורך אייניגע אידישע „קרובים־למלכות“, וועלכע האָבען מקנא געווען איהם זיין עשירות, און דער קעניג האָט איהם געלאָזט אַרעסטירען און פעראורטיילט צו בעצאָהלען פיערציג טויזענד דובלאָנען. לסוף אָבער האָט ער איהם בעפרייט, און יוסף איז שפעטער ביי איהם ווידער געוואָרען אַ חשוב און אויך שטאַרק בעליעבט ביי דער קריסטליכער בעפעלקערונג. צוליעב נקמה געגען זיינע געגנער, אָדער כדי זיך אליין צו רעכטפערטיגען, האָט יוסף גע׳מסר׳ט זיינע פיינד וועגען זעהר אַ שווערען פערברעכען. דערווייל איז דאָן היינריך געשטאָרבען, און קעניג איז געוואָרען זיין זוהן **דאָן זשואַן** I, וועלכער האָט זיך געלאָזט קרוינען אין דער הויפט־שטאָדט פון אַלט קאַסטיליען בורגאָס (1379). וועהרענד דאָרט זענען פאָרגעקומען די קרוינונגס־פייערונגען, האָט אַ בית־דין פער׳משפט יוסף פישאָן צום טויט, אַלס פעררעטער און מוסר, נישט אויסהערענדיג איהם אפילו. אייניגע אידען, וועלכע זענען דאַמאָלס געווען מקורבים למלכות, האָבען ביים קעניג בעקומען די בעשטעטיגונג פונ׳ם אורטייל, ערקלערענדיג, אַז זיי ווילען דערווייטערן פון זייער סביבה אַ געפעהרליכע פערזאָן. ווער די פערזאָן איז געווען האָבען זיי נישט ענטדעקט דעם קעניג. ווי מען זאָגט, האָבען די נאָהענטע שרים גענומען ביי די אידען שוחד און בעוואויגען דעם קעניג צו געבען זיין אונטערשריפט. האָבענדיג די אונטערשריפט פון קעניג און דעם פסק־דין פון אידישען בית־דין, זענען פישאָנ׳ס געגנער אוועקגעגאַנגען צום פאָליציי־הויפטמאַן **פערנאַן מאַרטין** און געפועל׳ט ביי איהם, אַז ער זאָל זיי געבען די נויטיגע הילף ביים אויספיהרען דעם טויט־אורטייל. אין פריהען מאָרגען זענען אייניגע אידען אַריינגעקומען מיט׳ן פאָליציי־הויפטמאַן אין פישאָנ׳ס וואוינונג אין בורגאָס, אויפגעוועקט איהם פון שלאָף, זיך אַרויפגעוואָרפען אויף איהם, נישט רעדענדיג קיין וואָרט און נישט ערקלערענדיג אפילו, דאָס זיי האָבען געגען איהם אַ טויט־אורטייל, און אָבגעהאַקט איהם דעם קאָפּ.

דאָס דאָזיגע בעגעהען זיך מיט אַ הויכגעשטעלטער פערזאָן, וועגען וועלכער מען ווייס אפילו נישט, אויב ער האָט באמת פערדיענט דעם טויט, לויט׳ן אידישען דין, אָדער אויב ער איז געפאַלען בלויז אַ קרבן פון אינטריגעס, האָט דערוועקט דעם צאָרן ביי גרויס און קליין. דער יונגער קעניג דאָן זשואַן איז ערבייטערט געוואָרען געגען די אידען אין אַ הויכער מאָס. דער פאַקט, דאָס זיי האָבען ערמאָרדעט אַ מענשען, וועלכער האָט

געטריי געדיענט זיין פֿאָטער, און געטהון האָבען זיי דאָס דוקא אין דער צייט, ווען ער האָט געפֿייערט זיין קרוינונג, און דערצו האָבען זיי נאָך ביי איהם אויסגענאַרט אַ'ערלויבניש דעם מאָרד אויסצופֿיהרען — דאָס אַלץ איז איהם פֿאָרגעקומען אַלס אַ פֿערברעכען געגען זיין אייגענער פּערזאָן, און ער האָט באַלד בעפֿוילען צו בעשטראָפֿען מיט'ן טויט די אידען, וועלכע האָבען דעם מאָרד אויסגעפֿיהרט, ווי אויך איין אידישען דיין־רב פֿון בורגאָס. אויך דער פּאָליציי־הויפּטמאַן האָט מען געוואָלט מיט טויט בעשטראָפֿען. דערמיט האָט זיך אָבער די זאַך נישט געענדיגט. קודם־כל האָט דער קעניג צוגענומען ביי די אידען דאָס רעכט צו משפּט'ן דיני־נפשות, ווייל זיי האָבען דערוויזען, דאָס זיי מיסברויכען עס. פֿון איצט האָבען אַזעלכע משפּטים געדאַרפֿט אַנגעטרויט ווערען נור קריסטליכע ריכטער. דערביי האָט שוין דער קעניג גערן אויך אויפֿגענומען אַנדערע מסירות אויף אידען מצד די גלחים, נעמליך, די בעוואוסטע טענה וועגען דער תפלה, „ולמלשינים“ און ווידער, אַז זיי זענען מגייר מחמדאַנער, טאָטערן און מענשען פֿון אַנדערע פֿעלקער, וועלכע זיי זענען אויך מל'ה, און ביידע זאַכען זענען שטרענג פֿערבאָטען געוואָרען אונטער אַ האַרטער בעשטראָפֿונג.—

פֿון יענער צייט אָן האָט זיך אַנגעהויבען אַ תקופה פֿון בעשולדיגונגען און בעגרענצונגען פֿאַר די אידען. אין דער ערשטער ריהע זענען געשטאַנען די פֿערזאַמלונגען פֿון די קאָרטעס, וועלכע האָבען אין דער היניכט געווירקט, ווי פֿריהער די גלחים אונטער די וועסטגאָטישע מלכים. דער קעניג דאָן זשואַן האָט אַלע זייערע אַנגענומענע בעשלוסען געגען די אידען בעשטעטיגט. אויף וויפֿיעל זיי האָבען נאָר נישט אַנגעריהרט די קעניגליכע פֿינאַנסען. אַזוי האָט ער בעשטעטיגט דעם בעשלוס פֿון די קאָרטעס אין וואַלאַדאָליד (1385) צו פֿערבאָטען די אידען צו וואוינען צוזאַמען מיט די קריסטען, צו נעהמען אַ קריסטליכע אַם פֿאַר אַ אידיש זויגעדיג קינד. פֿאַר אַזעלכע חטאים האָט ער בעפֿוילען צו בעשטראָפֿען מיט שמיץ. ער האָט אויך אַנגענומען אַ געזעץ, אַז קיין איד אָדער מחמדאַנער זאָל אין דער צוקונפֿט נישט זיין קיין שאַץ־מייסטער, נישט ביים קעניג, נישט ביי דער קעניגין אָדער ביים קרוין־פּרינץ (אינפֿאַנט). דאָס געזעץ האָט קיין פּאָליטישען ווערט נישט געהאַט, ווייל גלחיש און יורידיש איז די זאַך געווען פֿערבאָטען נאָך פֿון אַלטע צייטען אָן און אָבהיטען עס האָט מען בשום אופֿן נישט געקאָנט.—ווי וואונדערליך די זאַך זאָל נישט פֿאָרקומען, דער דאָזיגער אידענפֿיינדליכער דאָן זשואַן פֿון שפּאַניען האָט פֿערלוירען די קרוין פֿון פּאָרטוגאַל, וועלכע ער האָט שוין כמעט געהאַט אַנגעטהון, צוליעב... אַ סכסוך וועגען רבנות. דאָן־זשואַן אָדער פֿיעל מעהר זיין צווייטע פֿרוי, די פּאָרטוגעזישע אינפֿאַנטין (קרוין־פּרינצעסין) בעאַטריז, איז בעשטימט געוואָרען דורך איהר פֿאָטער, דער קעניג פֿון פּאָרטוגאַל, פֿערדינאַנד, פֿאַר אַ יורש פֿון טראָן, אויב דער קעניג וועט נישט האָבען קיין מענליכע יורשים. אינטער דעם דאָזיגען פֿערדינאַנד (1367—1383) האָבען די אידען אין פּאָרטוגאַל דערגרייכט צו זעהר אַ

גליקליכע לאגע. די אידישע אויטאנאמיע האט דא געהאט זעהר גוט איינגעארדענטע קהלות מיט אנ'ארדנונג, וואס האט נישט געהאט איהר גלייכען ערגעץ וואו אין אייראפא.

אין שפיץ פון די פארטוגעזישע אידען איז געשטאנען א רב-הכולל (אר-ראבי-מאר), וועלכער האט געהאט כמעט פירשטליכע רעכט און צוליעב דעה וויכטיגקייט פון זיין שטעלע פלעגט ער תמיד בעשטימט ווערען דורכ'ן קעניג. ער האט געהאט אנ'אייגענע חתימה און איז געווען דער העכסטער ריכטער ביי די אידען, ארויסגעבענדיג בעפעהלען און פעראורדנונגען מיט זיין אייגענער אונטערשריפט און צוגאב: „אר-ראבי-מאר דורך מיין הערון—דעם קעניג פאר קהלות פון פארטוגאל און אלגארבי". יאהרליך האט ער געמוזט ארומרייזען זיינע קהלות און משפט'ען זייערע ענינים; ביי די יחידים פלעגט ער דעמאלט אויפנעהמען אנקלאגען אויף די רבנים און ראשי קהלות אויך, וואו נור ער האט געפונען אונרעכט, פלעגט ער עם באלד בעזייטיגען. אויף זיינע רייזען פלעגט דעם רב הכולל בעגלייטען א הויפט-דיין (Ouvidor), א קאנצלער (Chanceller) [illegible]ן גאנצע קאנצעלאריע, א סעקרעטאר און אנ'עקזעקוטאר (Portei[illegible]urado) כדי באלד אויסצופיהרען זיינע ריכטערליכע אורטיילען. אונטער דעם רב-הכולל, אדער דעם רבי-מאר, זענען געשטאנען די פראווינציעלע רבנים. אין די זיבען פראווינצען, וועלכע ער פלעגט אליין בעשטימען. זיי פלעגען האבען די אויפזיכט אויף די פראווינציעלע קהלות. די רבנים פלעגען אפילו אויסגעוועהלט ווערען דורך דער געמיינדע גופא, אבער דער געוועהלטער רב פלעגט מוזען בעשטעטיגט ווערען דורכ'ן רב הכולל, לויט א דאקומענט, וועלכען ער פלעגט אויסשטעלען אינ'ם נאמען פון דעם קעניג. די רבנים פלעגען משפט'ן ציווילע און קרימינעלע משפטים און זיי האבען דאס דאזיגע רעכט געהאט א פיעל לענגערע צייט ווי די שפאנישע רבנים. זייערע עפענטליכע דאקומענטען פלעגען זיי מוזען ארויסגעבען אין דער פארטוגעזישער שפראך.

ביים קעניג דאן פערדינאנד פון פארטוגאל האבען געדיענט צוויי הויכע אידישע שרים, וועלכע זענען געווען ממונים איבער זיינע פינאנצען: דאן יהודה—אלס אבער-שאץ-מייסטער (Tesoreiro mor), און דאן דוד נעגרא אלס יועץ פון קעניג. ווען דער דאזיגער לייכטזיניגער און פערשווענדערישער קעניג איז געשטארבען, איז זיין פרוי די קעניגין לעאנארע, געווארען רעגענטין. דאס איז געווען זעהר א שעהנע פרוי, וועלכע מען האט אבער העכסט געהאסט פאר איהר פאלשקייט און מורא געהאט פאר איהר צוליעב איהר שרעקליכען נקמה-גייסט און איהר קונסט צו פערשטעלען זיך. און פאר אט דער רעגענטין זענען ארויסגעטראטען די פארשטעהער פון ליסאבאן מיט א דרינגענדער ביטע, אז זי זאל אבשטעלען פיעל אונגעוואונשענע פעראורדנונגען פון איהר פערשטארבענעם מאן, דעם קעניג פערדינאנד. אונטער אנדערען האבען זיי אויך פערלאנגט, אז מען זאל מעהר נישט צולאזען אידען

און מחמד'אַנער צו מלוכה־שטעלעס. די חיטרע לעאָנאָרע האָט דערויף געענטפערט, אז נאָך בשעת איהר מאַן האָט געלעבט, האָט זי זיך שוין משתדל געווען וועגען דעם, דאָס מען זאָל די אידען דערוויטערען פון זייערע שטעלען, אָבער ביי'ם קעניג האָט זי עס נישט געקאָנט פועל'ן. איצט אָבער האָט זי אַליין שוין דערווייטערט פון זייערע שטעלעס דאָן יהודה און דאָן דוד נעגראַ, ווי אויך בכלל אַלע אידישע אָבצאָהלונגען־איינמאַהנער. אין דער ווירקליכקייט אָבער איז דאָן יהודה אויך ווייטער געבליבען אין איהר דינסט, ווייל דורך זיין עשירות און פערשטאַנד האָט ער איהר געבראַכט פיעל נוצען. אָבער געגען לעאָנאָרע'ס פּלאַן, אַליין צו זיין רעגענטין און טיילען די רעגירונגס־מאַכט מיט איהרע ליעבהאָבער, איז ארויסגעטרעטען דער ממזר־פּרינץ דאָן דזשאָאַ (J o á o), וועלכער האָט געצוואונגען די רעגענטין צו פערלאָזען די הויפּט־שטאָדט. פיל מיט'ן געפיהל פון נקמה, איז לעאָנאָרע אַבגעגאַנגען צו איהר איידעם, דעם קעניג פון קאַסטיליען, דאָן זשואַן, און געבראַכט דאַדורך צו אַ בלוטיגען בירגער־קריעג. געגען דער פּאַרטיי פון די פּריצים, וועלכע האָבען געהאַלטען מיט דער רעגענטין און דעם קעניג פון קאַסטיליען, האָט זיך דערהויבען אַ פאָלקס־פּאַרטיי, וועלכע האָט ערקלערט פאַר אַ קעניג דעם ממזר־פּרינץ, חאָטש דאָס פאָלק האָט איהם זעהר געליעבט. לעאָנאָרע איז זיך דערווייל צוזאַמענגעקומען מיט איהר איידעם דעם קעניג פון קאַסטיליען. אין איהר סוויטע האָבען זיך געפונען אויך די אידישע שרים דאָן יהודה און דוד נעגראַ, וועלכע זענען ענטלאָפען פון ליסאַבאָן פערקליידעטערהייד. לעאָנאָרע האָט זיך אָבגעזאָגט פון איהר רעגענטשאַפט, כדי איבערצוגעבען די קרוין פון פּאָרטוגאַל איהר איידעם, פערזיכערענדיג איהם, אז זי וועט איהם איבערגעבען פיעל פעסטונגען, וועלכע זענען לעת עתה נאָך אין רשות פון איהרע אַנהענגער. כדי אַז דער פּלאַן זאָל קענען געלינגען צו פעראייניגען קאַסטיליען און פּאָרטוגאַל אונטער איין קעניג, איז נויטיג געווען, אַז די רעגענטין, לעאָנאָרע, זאָל אין אַלעם ארויסטרעטען אין אחדות מיט איהר איידעם. אָבער די אחדות איז צושטערט געוואָרען צוליעב אַ רבנות־פראַגע און די פריינדשאַפט צווישען דער שוויגער מיט'ן איידעם האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ פערביטערטער פיינדשאַפט.

ווען, נעמליך, דער רב־הכולל פון קאַסטיליען איז געשטאָרבען (1384), האָט די קעניגין־שוויגער, לעאָנאָרע, געוואָלט, אז מען זאָל בעשטימען דאָרט פאַר אַ רב־הכולל איהר געוועזענעם שר דאָן יהודה, וועלכער איז ביי איהר זעהר בעליעבט געווען, און געבעטען וועגען דעם ביי איהר איידעם, דעם קעניג. דער קעניג האָט אָבער ערקלערט, אז רב וועט ווערען דוד נעגראַ, ווייל אַזוי פערלאַנגט עס זיין פרוי, די מלכה בעאַטריץ. לעאָנאָרע איז דערויף זעהר בייז געוואָרען און אויסגערופען פאַר איהרע לייטע דענשאַפטליך: „ווען דער קעניג פון קאַסטיליען קאָן מיר אָבזאָגען אַזאַ ביטע, די ערשטע וועלכע איך שטעל איהם, — מיר, אַ פרוי, אַ מוטער, אַ קעניגין, וועלכע האָט פאַר איהם אַזוי פיעל געטהון — טאַ וואָס זשע קאָנען

מיר ערוואַרטען פֿון איהם אין דער צוקונפֿט! ניין, מיין פֿריינד, דאָן דזשאָאַ, וואָלט זיך שוין בעגאַנגען מיט מיר בעסער. געהט און דינט בעסער אייער בעזעצליכען הערהן!" און אין איהר גרויסער שנאה און כעס האָט זי אויפֿגעהויבען א פֿערשווערונג, כדי צו דערהרג'ענען דעם קאַסטילישען קעניג, און דאָן יהודה איז ביי איהר געווען אַזאַ חשוב, אַז זי האָט איהם אויך פֿערטרויעט די זאַך. אָבער דער ניי בעשטימטער רב הכולל, דוד נעגראָ, האָט די פֿערשווערונג ענטדעקט און אַזוי ארום געראַטעוועט דעם קעניגס לעבען. דער קעניג האָט קודם-כל אַריינגעוואָרפֿען אין תפיסה זיין שוויגער. אויך דאָן יהודה האָט מען אין תפיסה געשלעפּט און געדאַרפֿט בעשטראָפֿען מיט'ן טויט; אָבער זיין קאָנקורענט, דוד נעגראָ, האָט זיך אַזוי וואַרעם פֿאַר איהם משתדל געווען, אַז דער קעניג האָט איהם דאָס לעבען געשאָנקען. דורך זיין מחלוקת מיט דער שוויגער און, בעזונדערס דורכ'ן שלעפּען זי אין תפיסה, האָט אָבער דער קעניג פֿערלוירען אַלע זיינע אַנהענגער אין פּאָרטוגאַל, און, כדי צו בעקומען דאָרט די קרוין, האָט דאָן זשואַן זיך געמוזט נעהמען צום שווערד. אַלע זיינע פּלענער זענען איהם אָבער נישט געלונגען, און לסוף האָט ער געמוזט זיך אָבזאָגען פֿונ'ם געדאַנק צו בעקומען די קרוין פֿון פּאָרטוגאַל.

אויב איניגע רבנים פֿון יענער צייט האָבען, צוליעב כבוד, געפֿיהרט נישט קיין שענע קאָנקורענץ, ווי למשל אַט די אויבענדערמאַנטע דוד נעגראָ און דאָן יהודה אין קאַסטיליען, רבי ישעיה און רבי יוחנן אין פֿראַנקרייך און נאָך עטליכע אַנדערע, זענען זיי אָבער אין דער הינזיכט געווען אַן אויסנאַהמע. על פי רוב האָבען די רבנים געקוקט אויף דער רבנות ווי אויף אַ הייליגע זאַך, וועלכע זיי האָבען געדינט מיט אַ ריינעם האַרצען, נישט אונטערגעקויפֿטע הענד און אָהן קיין שום אייגענוצען. די רבנים זענען דאַמאָלס בכלל געווען די אמת'ע „עיני-העדה"—די אויגען פֿון דער קהלה, דען זיי האָבען אַלץ אין איהר אין פֿאַר איהר פֿערזאָרגט און געגאַנגען פֿאָראויס פֿאַר אַלעמען נישט בלויז דורך זייער לומדות און פֿרומקייט, נאָר אויך דורך זייער עהרליכקייט און מדות טובות. אַפּילו די אויבענדערמאַנטע רבנים קאָן מען אויך העכסטענס בעשולדיגען נאָר אין זייער ליעבע צום כבוד פֿון דער רבנות, אָבער אין יעדער אַנדער הינזיכט זענען זיי געווען העכסט מאָראַלישע און פֿרומע פּערזענליכקייטען. גאָר אַנ'אַנדערע איז געווען דאַמאָלס די לאַגע אין דער קאַטוילישער גלחישער וועלט. אין קיין צייט זענען די קאַטוילישע גלחים נישט געווען אַזוי פֿערדאָרבען, ווי אין פֿירצעהנטען און פֿופֿצעהנטען יאָהרהונדערטען. פֿון דער צייט אָן, וואָס דער פּויפּסט האָט איבערגעטראָגען זיין רעזידענץ אין אַביניאָן, איז די קאַטוילישע גלחישע וועלט געוואָרען אַ זומפּ פֿון רשעות און געמיינהייט, און פֿונדעסטוועגען האָבען די פֿערדאָרבענסטע קאַטוילישע גלחים עס געפֿיהלט פֿאַר דער גרעסטער בעליידיגונג און ערנידעריגונג, ווען אַ קריסט פּלעגט קומען אין נאָהנטע בעציהונג מיט אַ אידען. צוליעב דעם פּלעגען זיי זיך אַפּילו נישט שרעקען אַרויסצורופֿען די שרעקליכסטע

מערדעריַיען און שחיטות געגען די אידען. אין פראג האט מען אויף דער אנרייצונג פון א קאטוילישען גלח, אונטער דעם קעניג ווענצעל, אויסגעהרג'עט פיעל טויזענדער אידען, געשענדעט די הרוגים, פערברענט די גרויסע שוהל און צוטראטען מיט די פיס די ספרי-תורה (1389). צוויי יאהר שפעטער האט א פערווילדעטער, פאנאטישער גלח אין סעווילא דערוועקט דעם פאנאטישען המון און פערגאסען א גרויסען טייל פון שפאניען מיט'ן בלוט פון די אונשולדיג דער'הרג'עטע אידען. דער נאמען פון'ם דאזיגען אונמענשליכען אכזר-גלח, וועלכער האט אייגענטליך פערזייהעט דעם ערשטען זאמען פון דער שרעקליכער אינקוויזיציע, איז געווען פערראן מארטינעץ, ערצדעקאן און וויקאר פון סעווילא — אין זיינע דרשות אין דער קירכע האט ער כמעט נור וועגען אידען גערעדט. אין סעווילא האבען די דאזיגע דרשות א בעזונדער ווירקונג געהאט, ווייל די שנאה צו אידען איז אזוי אויך גרויס געווען, ערשטענס פאר זייער אנטייל נעהמען אין דער מלחמה פון דאן היינריך געגען דעם קעניג דאן פעדרא, און, צווייטענס, פאר'ן אויספיהרען דעם טויט-אורטייל פון די רבנים אויף יוסף פישאן, וועלכער איז ביי די קריסטען געווען זעהר בעליעבט.

אין א געוויסען טאג — דאס איז געווען דער 15-טער מערץ 1391, א מיא. וואס איז געבליבען צום טרויעריגען אנדענקען נישט בלויז פאר די אידען און נישט בלויז פאר די אידען אין שפאניען — האט דער גלח מארטינעץ געהאלטען א רעדע פאר דעם המון אויף א'נעפענטליכען פלאץ און אויפגערייצט צו מאכען א'נאנפאל אויף די אידען. דאס פאלק האט געפאלגט און בעפאלען די אידען. די פאליציי-בעאמטע בראש מיט'ן אבער-פאליציימייסטער מיט צוויי ריכטער זענען אפילו ארויסגעטראטען צו פערטיידיגען די אידען. צוויי קריסטליכע רעחטס-פיהרער האט מען ארעסטירט און געלאזען שמייסען, אבער דער דאזיגער שריט האט נאכמעהר אויפגערייצט דעם המון, וועלכער האט מיט א ווילדען צארן אויסגע'הרג'עט פיעל אידען און געסטראשעט אפילו אויך דעם פאליציימייסטער מיט'ן טויט. איינגע אנגעזעהענע אידען פון סעווילא, וועלכע האבען דערזעהען, אז די פאליציי איז צו שוואך איינצושטילען דעם אויפשטאנד, האבען געאיילט צו געהן אין הויף פון יונגען קעניג הענריק III און בעשווארען דעם רעגענט-ראט צו מאכען א סוף מיט דער שחיטה. די יועצים פון קעניג האבען אויך נוטה געווען צו ערפילען די אידישע ביטע און אויפ'ן בעפעהל פון קעניג זענען די ריטער ארויסגעטראטען געגען דעם אויפגעשטאנענעם, צובושעוועטען המון און מנצח געווען איהם. דאס איז אבער געווען נאר אויף א קורצע ווייל. באלד האבען די אנפאלען זיך אנגעהויבען מיט נאך א גרעסערען אימפעט און פערנומען א פיעל גרעסערען געביעט. סך-הכל דריי מאנאטען נאך דער ערשטער שחיטה איז דער המון ווידער אנגעפאלען אויפ'ן שטעדטעל, וואו די אידען האבען געוואוינט, אונטערגעצונדען איהם און געמאכט א נייע געוואלדיגע שחיטה. פון דער גרויסער און רייכער אידישער קהלה אין סעווילא.

וואו עס האבען געוואוינט זיבען טויזענד אידישע משפחות — ביי דרייסיג טויזענד נפשות — זענען איבערגעבליבען ביי'ם לעבען זעהר ווייניג אידען. פיער טויזענד אידען זענען געפאלען טויט אין די גאסען און הייזער, דאס רוב אבער האט אונטער'ן שרעק פאר'ן זיכערען טויט זיך געלאזט אבשמד'ן. פרויען און קינדער האבען די בלוטיגע מערדער פערקויפט פאר שקלאווען צו די מחמד'אנער. פון די שוהלען אין סעווילא האט מען צווי איבערגעמאכט אויף קירכען.

פון סעווילא האבען די שחיטות זיך צוגאסען ווי א שרעקליכער שטראם איבער א גרויסען טהייל פון שפאניען. א גרויסע ראליע האט דערביי געשפיעלט דער חשק פון די קריסטען צו בערויבען די אידען און רייך צו ווערען אויף זייער חשבון. קודם־כל האט דאס אומגליק געטראפען די מוטער פון די אידישע קהלות אין שפאניען — קארדאווא, פון וואנען עס האט געשטאמט דער שענער גייסט און די געהויבענקייט פון די ספרדישע אידען. אויך דא האט מען פיעל אידען אויסגע'הרג'עט און פיעל געצוואונגען צום שמד. דאס פערגאסענע בלוט פון די אידישע קדושים, וועלכע האבען זיך פעסט געהאלטען ביי זייער גלויבען אין דער אייניגקייט פון גאט, האט געשטראמט אין די גאסען, ווי דער קאטוילישער גלח האט געזאגט, „צום גרויסען כבוד פון גאט". אין טאלעדא זענען צווישען די פיעל דער'הרג'עטע קדושים געוועזען אויך די אור־אייניקלעך פונ'ם רא"ש, וועלכע האבען בעגעגענט דעם טויט על קדוש השם מיט דער פעסטקייט, מיט וועלכער עס האבען זיך אין דער הינזיכט אויסגעצייכענט די אידען אין דייטשלאנד. רבי יהודה בן אשר II, אנ'אור־אייניקעל פון רא"ש, וועלכער האט געוואוינט אין בורגאס, אבער בשעת דער שחיטה איז ער צופעליג געוועזען אין טאלעדא, האט דער'שחט'ן זיין שוואגער, זיין פרוי און דאן זיך אליין. אויך אין טאלעדא זענען פיעל אידען אבגע'שמד'ט געווארען. די אימה'דיגע שחיטות זענען פארגעקומען לערך אין זיבעציג קהלות. אויך צווישען די מויהרען, אדער מחמד'אנער, וועלכע האבען געוואוינט אין קעניגרייך סעווילא, האבען די פאנאטישע קאטוילען געמאכט אנ'עהנליכע בלוט־באד, אבער די רוהיגערע קריסטען האבען אויפמערקזאם געמאכט די אנפאלער, אז די מחמד'אנער איז געפעהרליך אנצורוהרען, ווייל פאר זייער פערגאסען בלוט וועלען בעצאהלען די קריסטען, וועלכע האבען געוואוינט צווישען די מחמד'אנער אין גראנאדא, ווי אויך יענע קריסטען, וואס זענען פערקויפט געווארען פאר שקלאווען אין מאראקא. די שחיטות אויף די מויהרען האבען זיך דעריבער אבגעשטעלט, נאר די אידען האט מען איבעראל אויסגע'שחט'ן אהן קיין שום מורא און רחמנות.

חאטש דער הערשער, ווי אויך דאס פאלק פון אראגאניען, האבען זיך שטענדיג געהאלטען אבגעזונדערט פון קאסטיליען, האלטענדיג פאר אינרעכט אלץ, וואס דארט האט מען געהאלטען פאר רעכט, זענען פונדעסטוועגען נישט געווען קיין פערמאכטע גרענעצען פאר דער שנאה צו אידען און די אנפאלען אויף זיי. דריי וואכען נאך דער שחיטה אין טאלעדא האט

זיך דערהויבען דאס קריסטליכע פאלק געגען אידען אין וואלענסיא. אין דער הויפט-שטאדט וואלענסיע גופא איז נאך דער שחיטה קיין איינציגער איד נישט געבליבען פון די פינף טויזענד אידישע נפשות. העכער צוויי הונדערט אידען האט מען אויסגעה'רג'עט, פיעל האט מען מיט געוואלד אבגעשמד'ט און א קלייגער טייל האט בעוויזען צו אנטלויפען. אין גאנצען קעניגרייך וואלענסיע האט דאס פאלק אזוי געשעדיגט מיט פייער און שווערד געגען די אונבעוואפענטע אידען, אז פון אלע קהלות איז א חורבן געווארען; און נאר די איינציגע קהלה מורביעדרא איז געשוינט געווארען.

פון דארט האט זיך דער בלוטיגער פסיכאז אריבערגעכאפט איבער'ן ים אויף דער אינזעל מאיארקא. אין דער הויפט-שטאדט פאלמא זענען גאסען-יונגען און מאטראזען געגאנגען מיט צוויי דובינעס, וועלכע זיי האבען איבערגעבונדען איינע איבער דער אנדערער, ווי א צלם און געשריען: „א טויט די אידען!" ווען א איד, א גבור, אויף וועלכען די ווילדע מחנה איז אנגעפאלען, האט זיך געשטעלט אנטקעגען, כדי זיך צו פערטיידיגען, האט די ווילדקייט פון המון פלוצלינג אויסגעבראכען און איהר גאנצער העס-לעכקייט. דריי הונדערט קדושים זענען געפאלען טויט, צווישען זיי אויך דער רב רבי אפרים גירונדי. פיעל אידען האבען אבער דא אויך געראטעוועט זיך ליבען דורכ'ן שמד. דריי טעג נאך דער שחיטה אין פאלמא איז פארגעקומען די שחיטה אין בארצעלאנא, די הויפט-שטאדט פונ'ם אידישען גייסט-אדעל ; ן פון די שענסטע אידישע מדות. די גרויסע עשירות, וועלכע די בארצעלאנער אידען האבען געפיהרט דורכ'ן מסחר מיט אויסלאנד איבער'ן ים, האט שטארק געריצט דאס קריסטליכע פאלק צו מאכען זיי אנ'אנפאל. אין א געוויסען שבת (5-טער אויגוסט) איז דער ווילדער המון אנגעפאלען אויף די אידען און העכער צוויי הונדערט אידען זענען באלד אויסגעהרג'עט געווארען. דאס רוב אידען האט אבער דער גובערנאטאר אריינגענומען אין דער פעסטונג, וואו זיי האבען גע-האפט, דאס זי. וועלען זיין זיכער, אבער דער המון איז אנגעפאלען אויף דער פעסטונג, זי בעלעגערט און ענדליך אונטערגעצונדען. ווען די אידען האבען דערזעהען, אז ס'איז פאר זיי קיין רעטונג נישט געבליבען, האבען פיעל פון זיי זיך אליין אויסגע'שחט'ן, פיעל האבען זיך ארונטערגעווארפען פון דער מויער און דער'הרג'עט געווארען, פיעל אבער זענען ארויס-געקומען אויפ'ן קאמף-פלאץ געגען די אנפאלער און מלחמה געהאלטען מיט זיי, פאלענדיג ווי די קדושים פאר'ן אידישען כבוד. צווישען די קדושים איז אויך געווען דער יונגער בן-יחיד פון רבי חסדאי קרשקש, וועלכער האט מיט א פאר טעג שפעטער געדארפט שטעלען א חופה מיט א יונג מיידעל פון גרויסען יחוס. ווי מען זאגט, האט מען אינ'ם אונגליק'ס-טאג ביז עלף טויזענד אידען מיט געוואלד אבגעשמד'ט. נור א גאנץ קליי-נער טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג האט בעוויזען צו אנטלויפען. נאך דער שחיטה איז אין בארצעלאנא נישט איבערגע-

בלייבען קיין איינציגער איד. דער זעלביגער גורל האט אויך געטראפען די קהלות פון לערידא, געראנא און אנדערע שטעדט: איבעראל האט מען א גרויסען טייל אויסגע'הרג'עט און די איבעריגע מיט געוואלד אבגע'שמד'ט. צו ענטלויפען האבען בעוויזען זעהר נישט פיעל אידען. נור אין דער שטרענג־פרומער קהלה גערונא האבען זיך זעהר וועניג אידען אבגע'שמד'ט. די רבנים האבען מיט זייער מסירת־נפש און קאלט־בלוטיגען בעגעגענען דעם טויט געדיענט די אידען פאר א מוסטער, ווי אזוי מען דארף זיין געטריי דעם יודענטום. ווי אין דער פראווינץ וואלענסיע, אזוי אויך אין קאטאלאניען זענען נור וועניג אידען גאנץ געבליבען. זיי האבען זיך ארויסגעראטעוועט פון טויט נור דאדורך, וואס עס איז זיי געלונגען צו פועלן פאר גרויסען סומעס געלד ביי די פריצים, דאס זיי זאלען זיי באהאלטען עטליכע חדשים נאכאנאנד אין זייערע בעפעסטיגטע שלעסער. אין אייגענטליכען אראגאניען זענען געפאלען נישט פיעל אידישע קרבנות, וויל די אידישע קהלות זענען געווען פארזיכטיג און האבען בעצייטענס אבגעגעבען זייער גאנצען פערמעגען דעם קעניגליכען הויף, כדי מען זאל זיי פערטיידיגען פון די אנפאלען.

איין פערטעל יאהר האבען געדויערט די אידישע שחיטות אין פיעל טיילען פון שפאניען; אבער אויך נאכדעם האבען די נישט פיעל געבליבענע אידען זיך נישט געקאנט בערוהיגען און מורא געהאט צו פערלאזען די שלעסער, וואו זיי זענען געווען בעהאלטען. מיט א געבראכענעם הארצען דערצעהלט רבי חסדאי קרשקש, ביי וועלכען די מערדער האבען זיין איינציגען זוהן דער'שחט'ן און זיין גאנצען פערמעגען צוגענומען, דער קהלת פון פערפיניאן, וועלכע האט ביי איהם מיט ברידערליכען מיטגעפיהל געבעטען ידיעות וועגען די געשעהענישען,—וואסערע שרעקענישען עס זענען פארגעקומען דאמאלס אין שפאניען, ווי מענשען זענען צו ווילדע חיות געווארען און אידיש בלוט ווי וואסער פערגאסען.

די שפאנישע אידען האבען אלזא אויך געמוזט אריבערטראגען דעם זעלביגען טרויערען־פולען גורל, ווי די דייטשע מיט א יאהר פופציג צוריק, בשעת דער שווארצער מגפה. אויך זיי האבען איצט געהאט גענוג מאטעריאל צו שרייבען קינות וועגען בלוטיגע רדיפות. — נור אין פארטוגאל האט דער פאנאטישער שגעון די אידען נישט אנגעריהרט. דארט האט געקעניגט דאן דושאא, וועלכער איז זעהר בעליבט געווען ביים פאלק און דעריבער האט ער געקאנט האלטען ארדנונג אין לאנד און ענערגיש ווירקען געגען מהומות. ווען פיעל אנוסים (מיט געוואלד גע'שמד'טע) זענען קיין פארטוגאל אנטלאפען און צוריק אידען געווארען, האבען דארט די גלחים זיי אנגעקלאגט אין אבפאל פון קריסטענטום. אבער דער רב־הכולל דאן משה נאבארא האט פארגעשטעלט דעם קעניג צוויי בולעס פון די פויפסטען קלעמענס VI און באניפאציוס IX, וועלכע האבען בעפוילען, דאס מען זאל די אידען מיט געוואלד צום שמד נישט פיהרען. דער קעניג האט דעריבער ארויסגעגעבען א בעפעהל (17 יולי 1392), אז קיינער זאל

די אנוסים, וואס זענען צוריק אידען געווארען, נישט אנריהרען. די פויפסטליכע בולעס האט מען פערעפענטליכט אין אלע שטעדט אין פארטוגאל און אריינגענומען זיי אין דער זאמלונג פון געזעצען. פארטוגאל איז דאדורך געווארען א נ'ארט, וואוהין עס זענען ענטלאפען די געררודפ'טע שפאנישע אידען.

אין דרום-פראנקרייך דאגעגען האבען די שפאנישע שחיטות זיך ויא אבגערופען. ווי נור עס איז דארט דערהאלטען געווארען די ידיעה וועגען די בלוטיגע געשעהעניששען אין שפאניען, האט זיך דער המון אויפגעהויבען און גענומען רויבען און מארדען. די אידען זייען ארויסגעלאזען געווארען צוריק אין פראנקרייך נור ביז א געוויסען טערמין, און אויב זאגאר מען האט דעם טערמין אויך פערלענגערט, האבען זיי דאך אבער געוואוסט, אז פריהער אדער שפעטער וועלען זיי מוזען ארויסגעהען פון לאנד, און דעריבער געהאלטען אין איין זאמלען געלד, כדי זיי זאלען קאנען זיך שפעטער איינארדנען אין אנ'אנדער לאנד. אויב מען האט זיי אפילו אויך ערלויבט איינצוקויפען גיטער, האבען זיי דאך אבער קיין אנבעוועגליכע גיטער נישט געקויפט, נור געמאכט געלד-געשעפטען, אויסנוצענדיג דעם מאמענט, כל זמן מען לאזט זיי צו-רוה. זיי זענען געווען פראצענט-נעהמער צוליעב נויט. דער קעניג האט זיי פשוט געצוואונגען אבצוגעבען זיך מיט אזא עסק. אזא בעשעפטיגונג האט אבער שטארק אויפגערעגט געגען זיי די קריסטען. נאך אנ'אומשטאנד האט פערגרעסערט די שנאה צו אידען: כדי צו קאנען איינמאהנען זייערע חובות, פלעגען די אידען אפט מוזען לאזען ארייזעצען אין ארעסט זייערע נישט-רעגולערע בעלי-חובות. לויט די דאמאלסדיגע בעגריפען האט עס אבער געהייסען: „די זיהן פון טייוועל האבען חי מאכט איבער די זיהן פון הימעל“. דער קלענסטער פונק איז אלזא גענוג געווען, כדי אנצוצינדען פלאמען פייער געגען די אידען. אזא געלעגענהייט האט זיך באלד געמאכט: איין רייכער איד, דעננים מאשאל פון ווילא פארינים האט זיך אבגעשמד'ט און פלוצלונג פערשוואונדען געווארען. באלד האט מען פערשפרייט וועגען דעם וואונדערליכע קלאנגען. אייניגע האבען געזאגט, אז די אידען האבען איהם אומגעבראכט, אנדערע, — אז זיי האבען איהם ארויסגעשיקט קיין אויסלאנד. אין דער זאך האבען זיך אריינגעמישט די גלחים, וועלכע האבען שטארק אויפגערייצט דעם המון. דאס פאריזער געריכט האט אנגעהויבען פיהרען אנ'אויספארשונג. מען האט איינגעארדענט א קאמיסיע פון זיבען פערזאן: גלחים און יוריסטען; עס האבען זיך אויך באלד געפונען זיבען בעשולדיגטע אידען, וועלכע די קאמיסיע האט מען לאזט פייניגען און געצוואונגען דורך גרויסע יסורים מודה צו זיין זיך, אז זיי האבען איבערגערעדט דעם משומד ווידער א איד צו ווערען. די אונגליקליכע האט מען פערמשפט צו פערברענען. דאס פארלאמענט האט טיילוויז ערלייכטערט זייער שטראף: די אנגעקלאגטע האט מען געדארפט אויף אנ'עפענטליכען פלאץ שמייסען און דערנאך האלטען אין תפיסה אזוי

לאנג, ביז מאשאל וועט צוריקקומען, דאן זאל מען זיי פון פראנקרייך פערטרייבען. דיזע געשיכטע האט געמאכט א גרויסען רושם און אנגעצונדען דעם פאנאטיזם געגען די אידען נאך מעהר. די גלחים און בירגער האבען געפאדערט פון'ם שוואכען קעניג קארל VI, אז ער זאל די אידען ארויסטרייבען פון פראנקרייך. און משך פון א פערטעל יאהר האט זיך די קעניגליכע בעציהונג צו אידען געענדערט. די אידישע שונאים האבען ענדליך בעקומען פון קעניג א בעפעהל ארויסצוטרייבען די אידען. די דאזיגע גזרה האבען די גלחים געלאזט פערעפענטליכען (17 סעפטעמבער 1394 אום יום כפור), כדי די אידען צורייצען און דערוויזען זיי, ווי ווייניג זיי האבען פועל געווען מיט זייערע תפלות א גאנצען טאג אין שוהל. ווייל דער טערמין פון'ם אידישען פערבלייבען האט זיך נאך נישט געהאט געענדיגט, האט דער קעניג געפונען פאר נויטיג אנצואווייזען מאטיווען, פאר וואס ער פערקירצט איהם. אזעלכע מאטיווען זענען געווען צוויי: ערשטענס, געגען אידען זענען פאראהן אנקלאגען, אז זיי פערזינדיגען זיך געגען דעם הייליגען קריסטליכען גלויבען, און צווייטענס, אז זיי מיסברויכען זייערע פריווילעגיעס, דאס הייסט: אידען רייצען אב משומדים פון קריסטענטום און נעהמען צו גרויסען פראצענט. צו דעם לעצטען חטא האט פריהער דער קעניג אליין געטרייבען די אידען דורך זיין שטענדיגען רייסען ביי זיי געלד. אין דער גזרה איז געזאגט געווארען, אז אין דער צוקונפט זאל אין קיין טייל פון פראנקרייך, נישט אין לאנגדואל, נישט אין לאנגדאק נישט געפונען זיך קיין איינציגער איד.

די פראנצויזישע אידען האבען אלזא נאך אין פערלויף פון פיער און דרייסיג יאהר חוזר געדארפט נעהמען זיך פאר'ן וואנדער-שטעקען, 90 יאהר נאך דעם ערשטען גירוש פאר פיליפ דעם שענעם. אבער קארל האט זיך בעגאנגען מיט זיי מילדער, ווי זיין אכזריות'דיגער עלטער-זיידע. ער האט די אידען נישט בערויבט און נישט ארויסגעטריבען נאקעט. ער האט. פערקעהרט, ארויסגעגעבען א בעפעהל צום קאמענדאנט פון פאריז און די גובערנאטארען פון די פראווינצען, אז מען זאל די אידען נישט טהון קיין שאדען, נישט אין זייער לייב און לעבען, נישט אין זייער פערמעגען. ער האט זיי אויך געגעבען א טערמין איינצומאנען זייערע חובות, און די בעאמטע האבען בעקומען א בעפעהל אבצופיהרען די אידען זיכער צו דער גרעניץ. די אידען זענען ארויסגעגאנגען פון פראנקרייך ערשט צום סוף יאהר 1394 און אין אנפאנג פון פאלגענדעם יאהר. א טייל פריצים און שטעדט זענען מיט'ן גירוש כלל נישט געווען צופריעדען. אזוי, למשל, האט דער גראף פון פוא דורכאויס געוואלט איבערלאזען אין זיין רשות די אידישע קהלה פון פאמיע, און דעם קעניג איז אויסגעקומען איהם צו צווינגען דורך זיינע בעאמטע, אז ער זאל זיך שיידען מיט זיינע אידען. אין טולוזא זענען איבערגעבליבען צוועלף אידישע משפחות, און אין דער סביבה — זיבען; זיי האבען, ווי עס שיינט, ערהאלטען א בעזונדערע פריווילעגיע. עס זענען אויך איבערגעבליבען אי-

דען אין יענע פראָווינצען, וועלכע האָבען נישט געהערט אונמיטעלבאַר דער פראַנצויזישער קרוין. אפילו די פויפסטען אליין, וועלכע האָבען געלעבט אין אביניאָן, האָבען איבערגעלאָזען די אידען אין זייער קליינע גלח'ישער מדינה, אין די צוויי גרויסע שטעדט אביניאָן און קאַרפענטראַס, און די אידען זענען דאָרט פערבליבען ביז דער נייעסטער צייט.

די אַרויסגעטריבענע אידען פון פראַנקרייך וואָלטען דאַמאָלס אויסגעזוכט אין מערב-אייראָפּאַ אַ לאַנד, וואָס זאָל זיך בעציהען צו זיי מענשליך. אַ טייל פון זיי האָט זיך בעזעצט אין דייטשלאַנד, אַ טייל אין איטאַליען און נאָר ווייניג פון זיי זענען אַריבערגעגאַנגען אין שפּאַניען, וועלכע איז זינט דער שחיטה פון יאָהר 1391 געוואָרען אַן'אמת'ער גיהנום פאַר אידען. גאַנצע פראַנצויזישע קהלות האָבען זיך בעזעצט אין פּיעמאָנט, אין די שטעדט אַסטי, פאָסאַנאָ און מאָנקאַלוואָ, וואו זיי האָבען געקאָנט אָבהיטען אין די שוהלען אַלע זייערע מצוות און מנהגים. מיט דעם רוב פון די אַרויסגעטריבענע אידען איז עס אָבער אויסגעקומען, ווי דער נביא זאָגט: „אַנטלויפט עמיץ פאַר אַ לייב, בעגעגענט איהם אַ בער; קומט ער אַריין אין אַ הויז און שפּאַרט זיך אָן אָן דער וואַנד, בייסט איהם די שלאַנג“. איבעראַל, וואוהין זיי זענען געקומען, האָבען זיך אָנגעהויבען געגען זיי שחיטות און רדיפות. גאַנץ אָפט זענען דערין שולדיג געוועזען זייערע אייגענע ברידער — די משומדים.

די עפאכע פון די אנוסים (מאראנען).

ערשטעם קאפיטעל.

די ווירקונג פון די רדיפות פון יאהר 1391; אנוסים, משומדים און נייע לײדען.

(פון 1391 ביז 1420)

אנ'אמת'ער דארן אונז'ם לייב פון די שפאנישע אידען זענען געווארען די גע'שמד'טע אידען. בשעת די גרויזאמע רדיפות פון 1391 האבען פיעל טויזענדער אידען זיך געלאזט אבשמד'ן, כדי וועניגסטענס פאר'ן מאמענט צו ראטעווען זייער לעבען, אדער דאס לעבען פון זייערע פרויען און קינדער. געווים, נישט צוליעב איבערצייגונג האבען זיי די קריסטליכע רעליגיע אנגענומען: דער ווילדער פויסט, די בלוטיגע שווערדען, דאס מערדערישע געשריי און דאס לעצטע חארכלען פון די גוסס'דיגע פרויען און קינדער — דאס אלץ האט, נאטירליך, זעהר וועניג געקאנט צוציהען דאס אידישע הארץ צום קריסטענטום. דאס רוב אנוסים האבען נאכ'ן שמד געפיהלט נאך א גרעסערע אנטיפאטיע צו דער אמונה, וואס מען האט זיי מיט געוואלד אנגעווארפען. פון די אנוסים זענען פיעל אויסגעוואנדערט אין די נאהענטע מחמדאנישע לענדער, אין גראנאדא, אדער מאראקא. אלזשיר און פעץ, וואו זיי האבען געקאנט געפינען מעהר טאלעראנץ איידער ביי די קריסטען, און וואו זיי זענען מיט זייער געלד, פעהיגקייט און פלייסיגקייט אויפגענומען געווארען פאר גוטע געסט. דאס רוב אבער פון זיי, וועלכע האבען נישט געקאנט שיידען זיך פון זייער היים און אויך נישט פון דער רעליגיע פון זייערע אבות, האבען אבגעהיט אלע אידישע געבאטען בשתיקה. די מלכים פון קאסטיליען, אראגאניען און מאיארקא, וועלכע האבען בכלל וועניג סימפאטיזירט מיט'ן צווינגען צום שמד, האבען זיך געמאכט ווי נישט זעהענדיג, ווי אזוי די אנוסים באציהען זיך צום קריסטענטום. די אינקוויזיציע האט דאמאלס נאך נישט געהאט איבער זיי קיין שליטה, דען זי איז נאך אין שפאניען נישט געוועזען. פון די אנוסים, וועלכע זענען געבליבען וואוינען אין שפאניען, איז געווארען א בעזונדער פאלקס־קלאס פון אויסערליכע קריסטען און אינערליכע אידען. מען האט זיי געקאנט א נאמען געבען אידען־קריסטען. די קריסטליכע בעפעלקערונג האט זיך אבער בעצויגען צו זיי מיט אונצו-

טרויען, בעטראַכטענדיג זיי אַלס נייַ־קריסטען און רופענדיג זיי מיט'ן שטעך־נאָמען: „מאַראַנאָס", וואָס הייסט: „פערפלוכטע, פערשאָלטענע". געהאַסט האָבען די קריסטען אָט די אנוסים נאָך מעהר ווי די אידען. די דאָזיגע שנאה צו זיך האָבען בעזונדערס שטאַרק געשפּירט יענע משומדים, וועלכע זענען מיט'ן גוטען ווילען צום קריסטענטום איבערגעגאַנגען. דאָס זענען געווען פון יענעם טיפּ מענשען, וועלכע ווילען לעבען אַ גוטען טאָג און שטעלען עשירות און כבוד העכער פון אַלץ, און געהען דאָס רוב לייכט איבער צו יענער רעליגיע, וועלכע גיט זיי מעהר פערגניגען אין לעבען. דער דאָזיגער טיפּ אידען האָט שוין פריהער, נאָך פאַר'ן שמד, אויך נישט געהאַט קיין בעזונדערע צוגעבונדענקייט צו דער אידישער רעליגיע און איז געבליבען אַ איד נור צוליעב זייטיגע סבות, אָדער צוליעב בושה פאַר די בעקאַנטע און פריינד. פאַר אָט דעם מין אידען איז דאָס צווינגען צום שמד געקומען ווי אַ געוואונשענע זאַך, דען דאָס האָט איהם בעפרייט מיט איין מאָל פון אַלע קייטען. זייענדיג אין גרונד מענשען אָהן אַ מאָראַלישען באַלאַסט, האָבען זיי זיך פערשטעלט פאַר געטריע קריסטען, און גאַנץ אָפט בעמיהט צו דערווייזען זייער כלומר'שטע געטרייהייט צום קריסטענטום דאַדורך, וואָס זיי האָבען אַנגעהויבען אַנפאַלען אויפ'ן יודענטום און אויף די אידען און אַנטהון זיי כל־הרשעות פון דער וועלט, כדי נקמה צו נעהמען פון די רבנים, פון די פרנסים אָדער פריוואַטע אידען, פלעגען זיי אַנגעבען אויף זיי אַלערליי מסירות, שטעלענדיג דאַדורך גאַנץ אָפט אין סכנה דאָס לעבען פון אַלע אידען אין שפּאַניען. לא די, וואָס די אידישע געזעלשאַפט איז פעראָרימט געוואָרען אין גייסטיג, אין מאַטעריעל דורך דעם אַרויסטרעטען פון יודענטום פון פיעל דאָקטוירים, געלעהרטע, שריפטשטעלער, דיכטער און אויך עשירים, רייך מאַכענדיג דאַדורך די קירכע אין מיט געלד, אין מיט נייע אינטעלעקטועלע קרעפטען, — האָבען די דאָזיגע משומדים נאָך צוגעווענדעט זייער גאַנצע טעטיגקייט אויף צו שענדען און שאַדען ברענגען זייער אייגענע מוטער, וועלכע האָט זיי ערצויגען און גרויס געמאַכט. זייענדיג גוט בעקאַנט מיט אידען און מיט'ן יודענטום, איז זיי, נאַטירליך, לייכטער געווען אַנצופאַלען דוקא אויף זייערע שוואַכע זייטען. און ווייל שפּאַניען איז שוין דאַמאָלס געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה פון בילדונג, פלעגען זיי אויסלאַכען די אידען ליטעראַריש, אין פּראָזע און אין שירים. דער משומד דאָן פעדראָ פערדוס האָט אויף אַזאַ אופן אַנגעהויבען מאַכען אַנפאַלען אויף דער קהלה און אויפ'ן רב פון אַלקאַלאַ. די שפּאַנישע פּאָעזיע האָט דערפון פיעל געוואונען. ביז יענער צייט ערנסט, שטייף און פייערליך ווי אַ צערעמאָניע אין קעניגליכען הויף, איז זי געוואָרען איצט לייכט, פליגעלדיג, שאַרף און סאַטיריש בעוועגליך, פונקט ווי די נייַ־העברעאישע פּאָעזיע אין איהר אויפבליהונגס־צייט. ביסלעכווייז האָבען אויך די קריסטליכע דיכטער דעמזעלבינגען טאָן נאָכגעמאַכט, איבערנעהמענדיג ביי די אידען זייערע פיילען און שפּיזען, בליצען און דונערן, כדי צו מאַכען בעוועגליכער און געבען מעהר

לעבען זייער סאטירע. ווי דער משומד-מאנאך דיעגא דע וואלענסיע פלעגט אין זיינע שפאט-לידער געגען אידען אפט געברויכען העברעאישע שטעלווערטער, וועלכע ער פלעגט איינפלעכטען אין שפאנישען גראם, אזוי האט עס אויך געמאכט דער דאמאלדיגער „דיכטער-פירשט“, אלפאנזא אלבארעץ דע ווילאסאנדינא, מיט איבערראשענדער געשיקטקייט בייזע צינגער וואלטען דעריף געזאגט: די אידען האבען פעראידישט די שפאנישע פאעזיע.

א טייל משומדים האבען געהאלטען אין איין טראכטען, ווי אזוי אבצושמד'ן אלע אידען און אין דער הינזיכט זענען זיי געווען נאך גרעסערע קנאים. ווי די געבוירענע דאמיניקאנער. מעגליך, אז דערין האט געשפילט א ראלע גאר עטוואס אנדערש: עס איז זיי געווען ניט בעזונדערס אנגענעהם צו לעבען צווישען די קריסטען, זיי האבען זיך געשפירט איינזאם און אהן פריינד; קיין ליעבע צו זיך האבען זיי אין דער נייער סביבה אודאי ניט געפונען, און אט האבען זיי געגארט צו בעקומען אן אייגענע סביבה פון זייערע פריהערדיגע פריינד. דער גע'שמד'טער מעדיקער, אשתרוק ריימוך פון פראגא, וועלכער איז אלס איד געווען העכסט פרום, האט אנגעהויבען צו פראפאגאנדירען צווישען אידען דעם קריסטענטום. ווען ער האט זיך גע'שמד'ט און אנגענומען דעם נאמען פראנציסקא גאטפלייש (Dios-carne), בעזונדערס ליידענשאפטליך האט ער אויסגעשטעלט זיין נעץ זיינעם א יונגען פריינד, וועלכען ער האט דורכאויס געוואלט אב'שמד'ן. אלס געשיקטער העברעאיסט, האט ער צו זיין פריינד אנגעשריבען א העברעאישען בריעף, אין וועלכען ער בעמיהט זיך אויפצוווייזען דאס אבשטארבען פון יודענטום און רעדט מיט גרויסער התלהבות וועגען דעם קריסטענטום. זיינע פשט'לעך, וועלכע ער מאכט איבער אין תנ"ך, קומען פאר רעכט לעכערליך אין העברעאיש. זיין פריינד האט איהם דערויף געענטפערט מילד און איינגעהאלטען. מיט געלד האבען די אידען געמוזט אבוועגען יעדעס ווארט, מיט וועלכען זיי האבען זיך געווענדעט צו א משומד, אדער צו א קריסט. ווי דאס הארץ זאל זיי ניט האבען וועה געטהון, האבען זיי געמוזט זייער כעס איינהאלטען, דען פאר יעדען אומפארזיכטיגען אויסדרוק וואלט מען זיי שטרענג בעשטראפט.

מעהר מוט האט ארויסגעוויזען דער אידישער סאטירישער דיכטער רבי שלמה בן ראובן בונפיד; ער האט קלוג אבגעענטפערט דעם משומד אשתרוק-פראנציסקא מיט זעהר געלונגענע איינפאלען אין פראזע מיט גראמען און דערצו איז ער אויך ניט שטארק געווען פארזיכטיג און ניט געשוינט דעם משומד. צוערשט ענטשולדיגט ער זיך, פארוואס ער מישט זיך אריין צווישען פריינד אין א פריוואטע אנגעלעגענהייט; גאר פרעמד איז איהם אבער דאך די זאך ניט, ווייל זי האט דאך א שייכות צו אלע אידען, און שווייגען איז איהם אונמעגליך, ווען עמיצער מאכט „פון א גראדע ליניע — א קרומע און חשבונ'ט אז צוויי מאל צוויי איז פינף“. ווייטער ענטפערט ער אויף דעם, וואס דער משומד איז זיך משתדל

צו דערוויזען פון תנ"ך די ריכטיגקייט פון דער דרייאייניגקייט און בעמערקט דערויף: „ווען איהר וואלט געדארפט דערוויזען פיעראייניגקייט, וואלט איהר אויך אזוי לאנג געדרעהט און געדרעהט די פסוקים, ביז איהר וואלט בעקומען דאס, וואס איהר ווילט“.

אבער קיינער פון די אנוסים האט זיינע פריהערדיגע ברידער ניט פערשאפט אזוי פיעל יסורים, ווי דער געשמד'טער רב שלמה לוי פון בורגאס, וועלכער האט אלס קריסט געהייסען: פאול בורגענזיס אדער דע סאנטא מאריא (געבוירען 1351-2, געשטארבען 1435). ער איז באמת געוועזען א רב פאר'ן שמד, דאס הייסט: ער איז געוועזען גוט בעהאוועוועט אין תנ"ך, תלמוד און אין דער גאנצער רבנישער ליטעראטור, דערצו אויך זעהר קלוג און איבערגעלעגט. זייענדיג א ליידענשאפטליכער ליעבהאבער פון כבוד, האט ער זיך געשפירט צו ענג אין דער אידישער וועלט. עס האט זיך איהם געגלוסט נאך א געדרוישפולען לעבען און א ריהרעוודיגער טעטיגקייט, ער האט זיך דעריבער משתדל געוועזען צו בעקומען א שטעלע אין קעניגליכען הויף און שפיעלען א גרויסע ראליע. כדי דאס צו דערגרייכען, האט ער אנגעהויבען שפיעלען די ראליע פון א גרויסען פריץ, ער האט זיך פערשאפט א פרעכטיגע קארעטע מיט טייערע פערד און געדונגען פיעל משרתים ביי זיך אין שטוב אריין. דאס געשעפט פלעגט איהם טעגליך צוזאמענפיהרען מיט קריסטען און, ווי די מאדע איז דאמאלס געוועזען, פלעגט איהם אפט אויסקומען מיט זיי צו דיספוטירען, אויף א פריוואטען אופן, וועגען רעליגיאן. ער האט זיך דעריבער גוט בעקענט מיט דער קירכען-ליטעראטור, כדי צו קאנען שטאלצירען מיט זיין געלעהרטקייט. אבער די בלוטיגע שחיטה פון יאהר 1391 האט ביי איהם צוגענומען יעדע אויסזיכט, צו בעקומען א הויכע שטעלע, זייענדיג א איד דעריבער האט ער זיך ענטשלאסען צו שמד'ן זיך, זייענדיג שוין א מאן פון פערציג יאהר. כדי אבער צו קאנען בעסער אויסנוצען זיין שמד, האט ער געמאכט דעם אנשטעל, אז ער האט זיך געשמד'ט צוליעב איבערצייגונג. צוזאמען מיט איהם האבען זיך אויך געשמד'ט זיין ברודער און זיינע דריי זיהן. און זיי אלע האבען גערודפ'ט די אידען, וויפיעל זיי האבען נאר געקאנט. נאר אזוי ווי פאר א געוועהנליכען בירגער איז דאמאלס אין שפאניען אינמעגליך געוועזען צו פערנעהמען א הויכע שטעלע, סיידען, אז מען זאל פריהער ווערען א גלח, האט שלמה-פאול אויך דעם דאזיגען שריט געמאכט. ער האט גענומען שטודירען טעאלאגיע אין פאריזער אוניווערזיטעט. זיינע ידיעות אין העברעאיש און אין דער אלטער אידישער ליטעראטור האבען איהם באלד ארויסגערוקט פאראווערטס. עס האט געדויערט ניט לאנג, און דער אידישער „רב“ איז געווארען א קאטוילישער גלח. דאן איז ער אוועקגעגאנגען קיין אביניאן צום פויפסט, וואו דער שטאלצער און עקשנות'דיגער קארדינאל פעדרא דע לונא, וועלכער האט אויך שטארק געגלוסט צו פיהרען אידען צום שמד, איז דאמאלס אויסגעקליבען געווארען אלס געגען-פויפסט

בענעדיקטוס XIII, און ס'איז פאָרגעקומען אַ גרויסער סכסוך צווישען ביידע פּויפּסטען, וואָס יעדער פון זיי האָט געוואָלט פאַרכאַפּען די ממשלה. שלמה-פּאול האָט געהאַט די בעסטע געלעגענהייט פאַר זיך צו פיהרען אינטריגעס און דאַדורך בעקומען אַ צד, וואָס זאָל איהם עפענען דעם וועג צו הויכע שטעלעס, כבוד און עשירות. ביי'ם פּויפּסט בענעדיקטוס האָט פּאול זעהר נושא חן געווען. מיט זיין קלוגשאַפט, התלהבות פאַר'ן קריסטענטום און בערעדעוודיגקייט איז ער ערשינען אין די אויגען פון פּויפּסט אַלס אַ נוצליכער אינסטרומענט. דער פּויפּסט האָט איהם דערייבער בעשטימט פאַר אַן אַרכידיאַקאָן און קאַנאָניקוס. שלמה-פּאול האָט אָבער געקוקט פיעל העכער, איהם האָט זיך געוואָלט ווערען בישאָף אָדער קאַרדינאַל. די צייט איז געווען גינסטיג דערצו. פּאול האָט געגעבען אָנצוהערעניש דעם פּויפּסט, אַז ער שטאַמט פון אַן אַלטער אידישער יחוס-משפּחה, פון שבט לוי, אַלזאָ פון'ם זעלביגען שבט וואָס די מוטער גאָטעס, מאַריאַ, און דאַרום האָט ער זיך אָנגענומען געגעבען „דע סאַנטאַ מאַריאַ“. ער איז אַלזאָ, הייסט עס, געווען אַ געוועהנליכער גלח פון פאָלק, נאָר אַ גרויסער מיוחס, וועלכען די קירכע מוז אַנערקענען און אויסציינענען. דער פּויפּסט האָט איהם דערויף געגעבען אַ רעקאָמענדאַציע צום קאַסטילישען קעניג דאָן היינריך III, וועלכער האָט איהם שפּעטער אַרויסגעוויזען זיין חסד און געגעבען הויכע שטעלעס. שלמה פּאול האָט אַלזאָ בעפרידיגט זיין תאוה צו כבוד.

דער שמד פון ערב האָט ערפילט די אידישע געמיטער מיט גרויס טרויער, צער און שרעק. ערשטענס האָט מען זיך געשראָקען, אַז דאָס זאָל נישט ווערען אַ שלעכטער ביישפּיעל, וועלכען עס וועלען פיעל נאָכטהון און דער קריטישער צייט. צווייטענס, האָבען די אידען פאַרויסגעזעהען, אַז דער למדנות'ער משומד וועט אויף זיי אָנפאַלען. די ערשטע זאַך האָט זיך פּאול גענומען צו די צוויי שענסטע אידען אין שפּאַניען: רבי יוסף אָראַבוענאַ, לייב-דאָקטאָר פון קאַרל III פון נאַבאַראַ און רב-הכולל איבער אַלע נאַבאַרישער קהלות, און רבי מאיר אַלגאַדש, לייב-דאָקטאָר פון קאַסטילישען קעניג, דאָן היינריך III, און רב-הכולל איבער אַלע קאַסטילישע רבנים. די דאָזיגע צוויי גרויסע אידען האָט דער משומד שלמה-פּאול געוואָלט דורכאויס פיהרען צום שמד. ווען ער האָט אָבער איינגעזעהען, אַז דאָס וועט איהם נישט געלינגען, האָט ער געמסר'ט אַלע אידען, כדי אַרויסצורופען נייע רדיפות. ער האָט די מסירה געמאַכט אויף אַזאַ אויספאַלענדען אופן, אַז דער קאַרדינאַל פון פּאַמפּעלונאַ אַליין ווי אויך פיעל אַנדערע הויכע גלחים האָבען איהם בעפוילען צו שווייגען. די שנאה פון'ם דאָזיגען משומד צו אידען איז אַזוי גרויס געווען, אַז ער האָט אַן עצה געגעבען דעם קאַסטילישען קעניג נישט בלויז אַ אידען קיין שטעלע נישט צו געבען, נאָר אפילו אויך קיינעם נישט פון די נייע משומדים. מעגליך, אַז ער האָט דאַדורך געוואָלט פאַרהיטען זיך פון אַ קאָנקורענט, אַ משומד, וואָס זאָל זיין נאָך ערגער

פאַר איהם. אויך אין זיינע פּרושים צום תנ״ך האָט ער ארויסגעוויזען פיעל גיפטיגקייט געגען יודענטום און אידען.

די טיעפער קוקענדע אידען האָבען באַלד איינגעזעהען, אז דאָ ערשיינט פאַר׳ן יודענטום אַ שטאַרקער שונא, מיט וועמען מען וועט מוזען קעמפפען. זיי האָבען דעריבער אָנגעהויבען זיך צוגרייטען צום קאמף נאַטירליך, זעהען די אידען זעהר בעגרענעצט געווען אינ׳ם אויסקלייבען פאַר זיך געוועהר צום קאמף. וועהרענד זייערע געגנער, די קריסטען, האָבען נעהאַט דאָס פרייע וואָרט, און דערצו אויך דעם גראָבען קולאַק מיט דער תפיסה, העלכע זיי האָבען געקענט אָנווענדען, ווען עס וועט נויטיג זיין, צו דערוויזען די ריכטיגקייט פון די קריסטליכע דאָגמאַטען, האָבען די אידען זיך געמוזט דרעהען און מאַטערען, נישט ארויסצוריידען זיך אפילו א שארף וואָרט, דורך וועלכען זיי וואָלטען אויף זיכער ארויסגערופען געגען זיך די ערגסטע רדיפות. און דעריבער מוזען אלע יענע, וועלכע ווערען נתפעל נישט פאַר דער מאַכט, נאָר פאַר׳ן מוטיגען קעמפפער פאַר׳ן אמת, העכסט בעוואונדערען דעם מוט פונ׳ם הייפּעלע שוואכע אידען, וועלכע זענען דאַמאָלס אַרויסגעטראָטען געגען די געוואלדיגע שונאים פונ׳ם יודענטום און פון זייער פאָלק.

דעם ערשטען ארויסטריט געגען די פיינדליכע אָנפאלען פונ׳ם משומד פּאול דע סאַנטאַ מאַריאַ האָט געמאַכט א יונגערמאַן, וועלכער איז פריהער געווען פאול׳ס אַ תלמיד אין דער ישיבה, ווען דער משומד איז נאָך רב געווען. דער נאָמען פונ׳ם דאָזיגען תלמיד איז: יהושע בן יוסף לורקי פון קאַניס, אַ מעדיקער און אַ קענער אין אראַביש. אין אַנ׳ערנ־בענעם טאָן, ווי עס פאַסט פאַר אַ תלמיד, וועלכער האָט דעם גרעסטען דרך־ארץ פאַר אַ געוועזענעם רבי׳ן, האָט יהושע לורקי זיך געווענדעט מיט א בריעף צו פאול׳ן כלומרש׳ט אלס צווייפלער, וועלכער זוכט דעם אמת און דערוויל מאַכט ער שטאַרקע און שארפע אָנפאלען אויפ׳ן משומד און זיין גלויבען. אין אָנהויב פון זיין בריעף בעמערקט ער, אז ער האָט זיך שטארק געוואונדערט איבער׳ן שמד פון זיין געליעבטען רבי׳ן און האָט פיעל געטראַכט וועגען דעם, בעזונדערס דערפאַר, וואָס ער האָט אין יודענטום פיעל פון איהם געלערנט. ער קאָן זיך נאַטירליך נישט פאָרשטעלען, אַז פאול זאָל האָבען זיך גע׳שמד׳ט, צוליעב תאוה צו כבוד און גדלות, ווי אויך נישט, אז ספקות אין דער ריכטיגקייט פון יודענטום זאָלען איהם האָבען דערצו געבראַכט, ווייל איהם — זיין תלמיד — איז דאָך בעוואוסט, דאָס ער פלעגט ביז׳ן שמד ערפילען און אָבהיטען אלע געבאָטען, דינים און מנהגים, ווי אַ העכסט פרומער איד. ער מוז אויך אָבוואַרפען פון זיך דעם געדאַנק, אז די בלוטיגע רדיפות פון די אידען האָבען איהם געבראַכט צו דעם יאוש וועגען דער צוקונפט פון אידישען פאָלק, דען איהם איז דאָך גאַנץ גוט בעוואוסט, דאָס אין די קריסטליכע לענדער וואוינט נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל פון אידישען פאָלק און דער גרעסטער טייל וואָהנט אין די מזרח־לענדער אונטער די מחמד׳אַנישע מלכים. וואָ

די אידען האבען א געוויסע זעלבסטשטענדיגקייט. אויב אלזא—שרייבט יהושע לורקי ווייטער — גאט וואלט אפילו חלילה, געוואלט אינגאנצען פערטיליגען די אידען אין איירעפא, ווען דאס אידישע פאלק דאך אלעס פאלס דאדורך נישט אונטערגעהען. ער גלויבט דעריבער נישט אנדערש אז זיין געוועזענער רבי האט מאקי גרינדליך זיך בעקענט מיט'ן קריסטענטום און איינגעזעהען זיין וואהרהייט, אויב ער האט זיך בעשלאסען אנצונעהמען איהם. און אט בעט ער ביי איהם דעריבער, אז ער זאל אויך איהם, זיין געוועזענעם תלמיד, ערקלערען, אין וואס בעשטעהט זיין איבערציינונג, און מבטל מאכען דאדורך די ספקות, וועלכע ער, יהושע לורקי, האט אין קריסטענטום.

ווייטער שטעלט ארויס יהושע לורקי זיינע טענות געגען דעם קריסטענטום, און יעדער געדאנק זיינער איז א שארפער נאדעל־שטאך פאר'ן משומד פאול.— דער לעצטער האט געענטפערט אויפ'ן בריעף, אבער קענטיג דאס ער איז זעהר פערלעגען און ער בעמיהט אויסצומיידען צו געבען א דירעקטען ענטפער אויף די געשטעלטע שאלות.

אויך דער פילאזאפישער דענקער רבי חסדאי קרשקש איז ארויסגעטרעטען אלס מוטיגער קעמפפער פאר'ן גלויבען פון די אבות. ער האט מחבר געווען (ארום 1396) א ספר וועגען די גרונד־פרינציפען פון דער קאטוילישע - קריסטליכער אמונה, וועלכע ער בעטראכט פון פילאזאפישען שטאנדפונקט און דערווייזט, אז זיי האלטען נישט אויס קיין קריטיק. מיט זיין ספר האט רבי חסדאי געהאט אין זינען מעהר די קריסטען, איידער די אידען. דען נאר פאר די קריסטען האט ער איהם געשריבען, ווייל יענע פארנעהמע קריסטען, מיט וועלכע ער איז געשטאנען אין נאהענטע בעציהונגען, האבען דאס פון איהם פערלאנגט. ער רעדט דארט וועגען די וויכטיגסטע דאגמען פון קריסטענטום מיט א שטרענגקייט, אבער אויך קאלטבלוטיגקייט, ווי ער וואלט א שטייגער גארנישט געוואוסט, אז דאס זענען ברענענדיגע פראגען, אן וועלכע עס קאן זיך לייכט אנצינדען קאסטרעס.

בעזונדער איינשניידענד און בעליידיגענד האט געווירקט א שארפער פייל, וועלכען עס האט געשליידערט אין יענער צייט איינער פון די אנוסים, וועלכער איז צוריק א איד געווארען, געגען די ניי־קריסטען (משומדים). זינט דאס יודענטום און קריסטענטום האבען אנגעהויבען פיהרען וכוחים, איז נאך אזא שפיציגע סאטירע פון דער אידישער זייט נישט ארויסגעגעבען געווארען.

פריפוט דוראן מעדיקער, אסטראנאם, געשיכטע־פארשער און בכלל זעהר קענטניש־און גייסטרייך, ווי ער האט געהייסען מיט זיין אידישען נאמען רבי יצחק בן משה און זיין שריפטשטעלערישען נאמען אפודי (Efodi) איז געווען בשעת די בלוטיגע שחיטות אין יאהר 1391 (הי"א קנ"א) אין דער טרויעריגער לאגע, ווען מען האט איהם מיט

געוואלד אָבגע'שמד'ט. מיט איהם צוזאמען האָט זיך אויך געמוזט שמד'ן זיין פריינד דוד בונים בוען־גיאָרן. ביידע האָבען זיך אָבער בעשלאָסען ביי דער ערשטער מעגליכקייט אויסצוּוואַנדערען קיין ארץ־ישראל, כדי צו קאָנען זיין עפענטליך אידען און אויך תשובה צו טהון פאר זייער זינד, וואָס זיי האָבען בעגאַנגען מיט'ן שמד, האָטש אפילו געגען זייער ווילען. נאָכדעם ווי זיי האָבען איינגעאָרדענט זייער פערמעגען, איז פרופיט דוראַן ארויסגעפאָהרען קיין דרום־פראַנקרייך און אָבגעשטעלט זיך אין א פאָרט־שטאָדט, כדי אָבצוּווארטען דאָרט זיין פריינד. דער לעצטער אָבער איז דערווייל אַרייַנגעשלעפּט געוואָרען אין נעץ פונ'ם משומד פאול דע סאַנטאַ מאַריאַ, וועלכער האָט איהם איבערגערעדט צו פערבלייבען אין קריסטענטום. ווי ערשטוינט איז געוואָרען פריפוט דוראַן, ווען ער האָט פּלוצלונג ערהאַלטען א בריעף פון זיין פריינד. וועלכער שרייבט איהם, דאָס ער האָט זיך בעשלאָסען צו בלייבען א קריסט; ער ריהמט זעהר שטארק דעם משומד פאול און רעדט מיט גרויסער התלהבות וועגען דעם קריסטענטום און לסוף לייגט ער איהם אויך פאָר צו בלייבען א קריסט. דאָס האָט שוין פרופיט דוראַן נישט געקענט פערשווייגען און אָט האָט ער געגעבען אַנ'ענטפער זיין געוועזענעם פריינד, ווי אויך אַלע אידישע משומדים, בעזונדערס אָבער דעם משומד פאול—אַנ'ענטפער אין אזאַ געלונגענער און שאַרפער פאָרם, אז ער האָט נאָך עד היום נישט פערלוירען זיין ווערט. זיין דאָזיגעס ווערק (ערשינען ארום 1400) איז פון אזא פיינער איראָניע, ווי דאָס קאָן נאָר בעסער נישט זיין. דער טאָן איז געהאַלטען געוואָרען אזוי, אשטייגער, ווי פרופיט דוראַן וואָלט געהאַט אַנ'עצה געגעבען זיין חבר צו בלייבען א קריסט און נאָכגעבען איהם אין אַלע פונקטען פון זיין בריעף. דער ענטפער הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „אל תהי כאבותיך"— „זיי נישט גלייך צו דיינע עלטערן" און צו דעם דאָזיגען אויפרוף קעהרט זיך אום דער מחבר אַלע ווייַלע. די איראָניע איז אָבער אזוי קונציג, אז די קריסטען האָבען עס אָנגענומען פאַר אַנ'ערנסט ווערק, וואָס איז געשריבען צו פערטיידיגען די משומדים און דאָס קריסטענטום. אָבער אין דער ווירקליכקייט מאַכט עס פרופיט דוראַן אזוי: איבערחזרנ'דיג דעם אויסרוף „זיי נישט ווי דיינע עלטערן" שטעלט ער פאָר דעם שמד אזוי, אז ער ערשיינט, ווי א העסליכע טהאַט. אַלץ נאָר וואָס די פילאָזאָפיע און דאָס יודענטום קאָנען ארויסשטעלען געגען דעם קאַטוילישען גלויבען, שטעלט ער פאָר אין אזאַ פאָרם: אַט דאָס אַלץ טאָרסטו אפילו אין זינען נישט האָבען, כדי דו זאָלסט נישט זיין גלייך צו דיינע עלטערען און בלייבען א כשר'ער קאַטאָליק. וועגען דעם משומד פאול, וועלכען זיין פריינד האָט אזוי שטאַרק געלויבט, שרייבט ער אזוי: „דו שרייבסט מיר, אַז ער וועט נאָך אַמאָל זיין פּויפּסט; א שאָד, א שאָד, וואָס דו האָסט מיר אויך נישט געשריבען וואו ער וועט זיין הייליגען שטוהל שטעלען, צי אין רוים, צי אין אַביניאָן" (די פּויפּסטען האָבען דאַמאָלס געפיהרט א מלחמה אויף טויט און לעבען. איינער פון זיי איז געזעסען אין

רוים און דער אַנדערער אין אבינ׳אָן). ווייטער שרייבט פּרופיט דוראַן אזוי: דו בעריהמסט איהם (ד״ה דעם משומד פּאול), אַז ער האָט זיך בעמיהט צו בעפרייען אידישע פרויען פון דער חרפּה די שאַנד־לאַטע צו טראַגען. געה, זאָג אָן די בשורה די ווייבער! איך אָבער האָב געהערט, אַז ער האָט דורך זיינע דרשות געוואָלט ברענגען אזאַ אונגליק אויף אידען, אַז דער קאַרדינאַל פון פּאַמפּעלונאַ אליין האָט איהם געמוזט הייסען שווייגען. דו מיינסט, אַז דיין לעהרער, פּאול, וועט באלד ווערען בישאָף אָדער קאַרדינאַל — א שמחה אויף דיר! דאַן וועסטו ביי איהם דיענען פאַר א כהן אָדער „לוי“... לסוף אָבער געהט דוראַן איבער אין אַנ׳ערנסטען טאָן: ער בעט זיין נעוועזענעם פריינד, אַז ער זאָל זיך אלס קריסט, נישט אָנרופען אלס זוהן פון זיין פאָטער, ווייל דער פאָטער, אויב ער וואָלט נאָך געלעבט, וואָלט בעסער געוואונשען זיך נישט צו האָבען קיין זוהן, איידער א זוהן — א משומד. — דאָס דאָזיגע סאַטירישע שרייבען האָט פּרופיט דוראַן געלאָזט פערשפּרייטען אלס פלוג-בלאַט, און עס האָט געמאַכט אזאַ שטאַרקע ווירקונג, דאָס די גלחים האָבען זיך באלד געחאַפּט, אַז דאָס איז א סאַטירע און געלאָזט עס פערברענען. פּרופיט דוראַן איז פריהער געוועזען לעהרער ביי די קינדער פון רבי חסדאי קרשקש, איצט האָט ער, לויט רבי חסדאי׳ס ביטע, מחבר געוועזען נאָך איין ווערק געגען דעם קאַטוילישען גלויבען, אָבער שוין אין א גאַנץ ערנסטען טאָן. ער רעדט רוהיג און געלאַסען און בעהאַנדעלט די פראַגע היסטאָריש, וויענדיג גוט בעקענט מיט׳ן עוואַנגעליום און מיט דער געשיכטע פון דער קאַטוילישער קירכע, ווייזט ער אויף, ווי אזוי די קאַטוילישע קירכע האָט אינ׳ם משך פון פיעל הונדערטער יאָהרען אינגאַנצען פערדריעהט דעם ערשטען געדאַנק פון קריסטענטום.

געשטיצט און בעגינסטיגט דורך דעם פּויפּסט בענעדיקט XIII, איז דער משומד פּאול אַרויפגעשטיגען אַלץ אויף העכערע שטעלעס; ער איז געוואָרען בישאָף פון קאַרתאַגענאַ, קאַנצלער פון קאַסטיליען און געהיימער יועץ פונ׳ם קעניג דאָן הײנריך III. נאָך אַלעם דעם, האָט עס איהם דאָך נאָך נישט געלונגען צו מאַכען דעם קעניג פאַר א שונא ישראל און פועל׳ן ביי איהם, לפּהות, אַז ער זאָל די אידען נישט געבען קיין מלוכה־שטעלעס. דאָן היינריך האָט געהאַט צוויי אידישע לייב-דאָקטוירים, אָהן וועלכע ער וואָלט זיך נישט קאָנען בעגעהן אין זיין שטענדיגער שוואַכער געזונדהייט. צו די דאָזיגע דאָקטוירים האָט דער קעניג געהאַט א בעזונדערס שטאַרקען צוטרוי. דאָס זענען געווען דאָן מאיר אַלגואַדיש, אַנ׳אַסטראָנאָם און א פילאָזאָף, וועלכען דער קעניג האָט, ווי שוין דערמאַנט, בעשטימט פאַר א רב־הכולל אין קאַסטיליען, און דאָן משה צאַרצאַל, וועלכער איז אויך געווען דיכטער און האָט אין שענע שפּאַנישע שירים בעזונגען די געבורט פון א קרוין-פּרינץ, אויף וועלכען מען האָט לאַנג געוואַרט. בכלל האָט אונטער היינריך דעם דריטענ׳ס רעגירונג אין קאַסטיליען געהערשט פערהעלטנימעסיג א רוהיגע צייט פאַר די אידען אין קאַסטיליען, און, א דאַנק דעם, האָט זיך ביי אידען ווידער ענטוויקעלט א ליטעראַרישע טעטיגקייט,

שוין כמעט די לעצטע פאַר דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט גע-
דאַרפט טרעפען די שפאַנישע אידען.

פרופיט דוראַן (דער „אפודי"), געגען וועלכען די גלהים האָבען
אונטערגענומען א פערפאָלגונג צוליעב זיין שוין דערמאַנט ווערק: „זיי נישט
ווי דיינע עלטערען" און וועגען וועלכען מיר ווייסען דעריבער נישט, וואו
ער האָט זיך אויפגעהאַלטען, צי אין פערפיניאַן, אָדער אין שפאַניען און
צי איז דעם דאָזיגען „אנוסי" בכלל געלונגען צו לעבען עפענטליך אלס
איד—פרופיט דוראַן האָט מחבר געווען א פירוש צום רמב"ם'ס „מורה
נבוכים", ווי אויך פירושים צום אבן-עזרא; ער האָט אויך מחבר גע-
ווען א מאַטעמאַטישען ספר („חשב האופד") וועגען „סוד העיבור" (די
חשבונות פון די אידישע לוחות), און צוזאַמענגעשטעלט מעמוארען וועגען
די שמד-גזרות („זכרון-השמדות"), וואו ער רעכענט אויס אלע שמד-
גזרות, וואָס זענען געווען אויף אידען פון נאָכ'ן חורבן אָן, אין א משך פון
העכער דרייצעהן הונדערט יאָהר. זיין בעסטע ארבייט איז אָבער די העב-
רעאישע גראַמאַטיק („מעשה אפד") (1405).

א העכסט בעדייטענדען ספר האָט מחבר געווען שוין אין גראַהען על-
טער און זייענדיג געבראָכען דורך דער ערמאָרדונג פון זיין זוהן על קדוש-
השם, רבי חסדאי קרשקש, וועלכער איז געווען א טיעפער און אומפאַר-
טענדער דענקער, וואָס פערשווענדעט נישט זיינע כהות אויף אונבעדיי-
טענדע פרטים, נור ער שטרעבט צו בעגרייפען און דורכדענקען זיין ענין
אינגאַנצען. אין זיין ווערק „אור ה'" האָט ער געשטרעבט צו בעטראַכטען
דאָס יודענטום אלזייטיג, זיינע אידעען, ווי זיינע געבאָטען און געזעצען.
אינ'ם דאָזיגען גרויסאַרטיגען פלאַן זעהט מען אַרוים נישט בלויז זיין גרוי-
סע ערודיציע (לומדות), נור אויך זיין קלאָרען גייסט. ווי עס שיינט, האָט
דער טויט איהם געשטערט צו פערענדיגען זיין ריעזען-ארבייט און ער
האָט דעריבער בעוויזען צו בעאַרבייטען נאָר דעם פילאָזאָפישען טייל פון
זיין ווערק. אין דער הקדמה צום ספר „אור ה'" בעלייכטעט דער מחבר
פון איין זייט, די עקזיסטענץ פון גאָט, זיין אַזוויסענהייט, זיין השגחה
אויף דער וועלט, ווי אויך די פרייהייט פונ'ם מענשענס ווילען און דעם
צוועק פון דער וועלט, און פון דער אנדערער זייט—די גרונד-פרינציפען פון
יודענטום, די לעהרע וועגען „בריאת העולם", וועגען תחית המתים און
וועגען משיח'ן. רבי חסדאי איז נישט אזא שטאַרקער אַנהענגער פון דער
אַריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע, ווי די פריהערדיגע אידישע חכמים, ווייל מיט
זיין קלאָרען גייסט האָט ער געזעהען טיעפער פאַר אַנדערע איהרע שוואַ-
כע זייטען. מיט געשיקטע און מוטיגע הענד האָט ער דעריבער איינגע-
וואָרפען דעם גרויסען פילאָזאָפישען בנין, וועלכען עס האָט אויפגעשטעלט
דער רמב"ם אלס א יסוד פאַר דער אידישער רעליגיאָן. זייענדיג גוט בע-
קאַנט מיט דער סכאָלאסטישער פילאָזאָפיע, קעמפט רבי חסדאי געגען
איהר מיט גרויס ערפאָלג און מאַכט איהר טיעפע וואונדען. וועהרענד די
פילאָזאָפיע פון זיין צייט איז ערשינען רבי חסדאי'ן, ווי עטוואָס, וואָס האָט

אונטער זיך נישט קיין פעסטען באָדען און איז זיך פערקראָכען אין פאַלשע דרכים, שטעהט פאַר איהם די תורה פעסט מיט איהרע אייביגע יסודות, און ער איז זיך משתדל אָבצושוואַכען און פערענטפערען די שאלות, וועלכע די אָנהענגער פון דער פילאָזאָפיע שטעלען געגען איהם ארויס.

אויסער דעם „אפודי“ (פּראָפיאט דוראַן) און רבי חסדאי, איז נאָך ארויסגעטראָטען, אין דער קורצער צייט צווישען די צוויי בלוטיגע רדיפות, אויך דער קאַסטיליאַנישער רב־הכולל רבי (דאָן) מאיר אַלגואדיש, אלס פילאָזאָפישער שריפטשטעלער, אָבער נישט מיט א זעלבסטשטענדיגער ארבייט. ער האָט איבערזעצט אַריסטאָטעלס „עטהיק“ (די לעהרע וועגען די מדות־הנפש) אין העברעאיש, מאַכענדיג דאדורך מעגליך פאַר'ן אידישען לעזער צו בעקענען זיך מיט'ן ווערק, וואָס זיינע פּרינציפּען האָבען געשפּיעלט א פיעל וויכטיגערע ראָליע ביי אידען ווי ביי די גריכען, כאָטש דאָס בוך האָט געשטאַמט פון א גריעך. דאָס דאָזיגע בוך האָט אויך נישט געהאַט קיין גרויסע בעדייטונג פאַר דער קאַטוילישער קירכע, ווייל די קאַטוילישע גלחים האָבען אַנשטאָט דער מאָראַל זיך בעגנינט מיט די קאַטוילישע גלויבענס־פאַרמען.

די אידישע געלעהרטע האָבען שוין אָבער דאַמאָלס וועניג געקענט אַראַביש און דעריבער האָט רבי מאיר אלגואדיש געמוזט מאַכען זיין איבערזעצונג פון לאַטייניש. דערוועקט האָט איהם צו דער דאָזיגער ארבייט רבי שלמה בנבנישתי אבן־לביא מיט'ן ביינאָמען „דע לא קאַבאַלאַריאַ“, וואָס איז אויסגעשטאַנען א שווערען נסיון פאַר'ן יודענטום און איבערגעטראָגען איהם אלס גבור, ווערענד א טייל פון זיינע קרובים זענען דעם נסיון נישט בייגעשטאַנען און שפּעטער געוואָרען שונאי ישראל.

עס האָט זיך נעמליך ווידער אָנגעהויבען א צייט פון שווערע נסיונות פאַר די שפּאַנישע אידען,— נסיונות, וועלכע די שוואַכע נאַטורען האָבען נישט געקאָנט ביישטעהן. כל־זמן עס האָט נאָך רעגירט דער יונגער קרענקליכער אָבער דאָך ענערגישער קעניג דאָן היינריך III, האָבען די שפּאַנישע אידען נאָך געקאָנט, ווי עס איז לעבען רוהיג. באַלד אָבער נאָך זיין טויט (1406), האָבען זיך ווידער געענדערט די אומשטענדען און זענען געוואָרען אונגינסטיג פאַר די אידען. דער נייער קעניג, דשואַן דער צווייטער, איז נאָך זיין פאָטערס טויט געווען סך־הכל צוויי יאָהר אַלט, און די רעגירונג האָט איבערגענומען זיין מוטער קאַטאַלינאַ (קאַטהאַרינאַ) פון לינקאַסטער, א שטאָלצע, שטרענג פאַנאַטישע יונגע פרוי, וועלכע האָט געמיינט, אז זי איז באמת די אליינהערשערין, ווערענד אין דער ווירקליכקייט איז זי געווען בעהערשט דורך איהרע חבר'טעס, די הויף־דאַמען. מיט־רעגענט איז געווען דער פּרינץ (אינפאַנט) דאָן פערנאַנדאָ (שפּעטער קעניג פון אַראַגאָניען), וועלכער איז אפילו געווען קלוג און מילד, אָבער ער האָט זיך געפונען אונטער'ן שטאַרקען איינפלוס פון די גלחים. אין מלוכה־ראַט איז געזעסען מיט איהם צוזאַמען דער משומד און צוה־

היהודים, שלמה־פאול דע סאַנטאַ מאַריאַ, וועלכען דער פערשטאַרבענער קעניג האָט בעשטימט פאַר אַ פערטרויקליכער פון זיין צוואה און ערציהער פונ'ם קרוינפרינץ. פאַר די קאַסטילישע אידען איז שוין דאָס אַליין אויך געווען אַ שרעקליכע אויסזיכט. באַלד האָבען פאַקי די אידען דערשפירט דעם פיינדליכען גייסט, וואָס האָט געהערשט פאַר זיי אין קעניגליכען הויף. קודם האָט מען דאָרט אָנגעהויבען דערנידעריגען די אידען, וועלכע זענען געשטאַנען אין נאָהנטער בעציהונג צום הויף און צו די שרים. מען האָט זיי געוואָלט ארויסשטויסען פון זייערע אָנגעזעהענע שטעלעס, כדי זיי זאָלען גוט שפירען, דאָס זיי געהערען צו דעם פעראַכטעטען אידישען פאָלק.

אין נאָמען פונ'ם קליינעם פיער־יעהריגען קעניג, האָט מען ארויסגעגעבען אַנ'עדיקט (25 אָקטאָבער 108), אַז מען זאָל צוריק איינפיהרען די בעגרענצונגען פאַר אידען, וואָס עס האָט ארויסגעגעבען אלפאָנזאָ דער „חכם“ „ווייל דאָס וואָס די אידען פערנעהמען הויכע שטעלעס, ברענגט שאָדען דעם קריסטליכען גלויבען און די פרומע קאַטוילען“. דעריבער זאָל דאָס אין דער צוקונפט פערבאָטען ווערען. יעדער איד, וואָס וועט „האָבען די חוצפה“ אָנצונעהמען אַ שטעלע ביי אַ שר אָדער אין אַ שטאָדט־פערוואַלטונג, דאַרף בעשטראָפט ווערען דאַדורך, וואָס ער וועט מוזען בעצאָהלען דער רעגירונגס־קאַסע אַ סומע, דאָפּעלט אַזוי גרויס ווי זיין הכנסה פון דער שטעלע איז, אויב זיין פערמעגען וועט דערצו קליין זיין, דאַרף מען עס אינגאַנצען קאָנפיסקירען און דעם אידען געבען פופציג שמיץ. פון דעם שטראָף־געלד דאַרף געהערען אַ דריטעל דעם מסור, וועלכער וועט מודיע זיין וועגען אַזאַ אידען, אָדער דעם געריכט, וואָס וועט איהם בעשטראָפען. אינ'ם דאָזיגען געזעץ זעהט מען קלאָר די האַנד פונ'ם משומד שלמה פאול, וועלכער האָט גאַנץ גוט געקענט די שוואַכע זייט אינ'ם לעבען פון די שפּאַנישע אידען און געהאָפט דעריבער, אַז פיעל אידען וועלען נישט קאָנען בייזשטעהן דעם נסיון צו פערלירען זייערע הויכע שטעלעס און וועלען זיך אָב'שמד'ן און די געטרייע אידען אָבער וועלען פעראָרימט ווערען און ממילא אונטערגעהן, נישט געפינענדיג מעהר קיין שטיצע אין דער קריסטליכער געזעלשאַפט און פערלירענדיג זייער ברויט.

אין דערזעלביגער צייט האָט דער משומד זיך אויך גענומען צום לייב־דאָקטאָר פון פערשטאָרבענעם קעניג, וועלכען ער האָט געהאַט בעשטימט פאַר אַ רב־הכולל אין קאַסטיליען, דעם שוין דערמאָהנטען רבי מאיר דאן אלגואדיש. מעגליך, אַז ער האָט איהם געוואָלט אונטערברענגען דערפאַר, וואָס אַרום איהם האָבען זיך גרופּירט אַלע זיינע שונאים, אַלע יענע וואָס האָבען אָראָבגעריסען די מאַסקע פונ'ם משומד. פאול האָט אויפגעטהון אַ גרויסען פראָצעס נעגען די אידען: בשעת די קעניגין־מוטער מיט איהר געקרוינטען קינד איז געווען אין שעגאָביא, האָבען עטליכע גלחים דערוועקט אַ שווערע מסירה געגען אַ אידען, אַז ער האָט געקויפט ביים סאַקריסטאַן פון אַ קירכע דאָס הייליגע ברויט (די האָסטיע), נאַטירליך, אויף צו שענדען איהר, די האָסטיע זאָל דערביי האָבען געהאַט בעוויזען

אזעלכע שרעקליכע מופתים, דאס דער איד איז איהר אין אימה און פחד אבגעטראגען צוריק דעם פריאר (ממונה) פון א קלויסטער. דער בישאף זשואן בעלאסקעז דע טארדע זילאס האט צוגעגעבען דעם ענין א גרויסע בעדייטונג און געלאזט שלעפען אין תפיסה פיעל אידען, און צווישען זיי אויך דעם רב-הכולל דאן מאיר אלגואדעז. די רעגענטין קאטאלינא האט איינגעארדענט א קרימינעלען געריכט, און דאן מאיר מיט די איבריגע אידען האט מען געלאזט פייניגען אויף א גרויזאמען אופן מיט די טייוועלס-מאשינען. אונטער די גרויסע יסורים האבען זיי זיך „מודה געווען“, דאס הייסט: זיי האבען בעשטעטיגט אלץ, וואס מען האט פון זיי פערלאנגט און ערקלערט, אז זיי האבען די האסטיע געשענדעט. ווי מען זאגט אבער, האט דאן מאיר אויך ערקלערט ביי דער פייניגונג, אז ער האט אומגעבראכט דעם קעניג הײנריך III. חאטש אלעמען איז בעוואוסט געווען, אז דער קעניג איז פון קינדהייט אן געווען א קראנקער, פונדעסטוועגען האבען די ריכטער בשעת'ן פייניגען איהם פארגעלעגט אויך מודה צו זיין זיך, אז ער האט דעם קעניג פער'סמ'ט. פער'משפט האט מען איהם צו א שרעקליכען טויט: מען האט איהם אויסגעריסען לאנגזאם די אברים פון לייב ביז ער איז אויסגעגאנגען אין אימה'דיגע יסורים. אזוי האט מען זיך בעגאנגען אויך מיט די איבריגע אונשולדיגע אנגעקלאגטע. ביי דער דאזיגער געלעגענהייט האט מען ביי דער שעגאביער אידישער קהלה אויך צוגענומען א שוהל און איבערגעמאכט זי אויף א קירכע.

די טרויעריגע צייט, וועלכע איז אייגענטליך געווען נור א שאטען פונ'ם שרעקליכען חושך, וואס האט זיך שפעטער געלעגט אויפ'ן אידישען לעבען, האט ארויסגערופען צווישען די אידען נייע פאנטאסטישע האפנונגען וועגען משיח'ס צייטען. געשטאמט האט דאס ווידער פון די בעלי מקובלים. דער „זוהר“ און די קבלה האבען נאך אלץ פערנומען א גרויסען ארט אין אידישען לעבען. דריי בעלי-מקובלים האבען זיך בעזונדערס געווידמעט דאמאלס דער אויפגאבע צו פערשפרייטען די קבלה ביי אידען: רבי אברהם פון גראנאדא, רבי שם-טוב בן רבי יוסף און רבי משה בוטריל. דער ערשטער פון זיי האט מחבר געווען דעם ספר „ברית מנוחה“ (1391—1409) — א ספר פול שמות און גימטריאות ווי אויך פערשידענע קאמבינאציעס אין די אותיות פון אלף-בית מיט זייערע נקודות (צירופים). ער האט ערקלערט קורץ און שארף: „ווער עס גלויבט נישט אין קבלה, הייסט א זינדיגער מענש, וועלכער איז פערלאזען פון גאט“. ער האט אויך אנגעוויזען, אז דאס וואס פיעל אידען זענען נישט ביינעשטאנען אין נסיון בשעת די שחיטות אין 1391 און אנשטאט צו לאזען זיך פערברענען על קדוש השם, האבען זיי זיך געלאזט אבשמד'ן, האט דאס געשטאמט דערפון, וואס זיי האבען געלערנט חכמה און זיך ווייניג אבגעגעבען מיט דער קבלה. פון דער אנדער זייט ווידער האט רבי אברהם פון גראנאדא ערקלערט, אז די שחיטות זענען א בעווייז, אז מען האלט ביי משיח'ס צייטען און די גרויסע יסורים, וואס די אידען

האָבען איבערגעליטען זענען די „חבלי משיח“, עס הייסט: די יסורים, וואָס מען מוז, לויט דער לעגענדע, ליידען פאר משיח'ס קומען. רבי שם-טוב בן יוסף אבן שם-טוב (געשטאָרבען 1430) בעשולדיגט די אידישע חכמים, דעם רמב"ם און דעם רלב"ג, אז זיי האָבען פערפיהרט דאָס אידישע פאָלק צו אפיקורסות און נור זיי האָבען געבראַכט דערצו, אז עס האָבען זיך אזוי פיעל אידען געלאָזט אָבשמד'ן בשעת די רדיפות. אין זיין ספר „האמונה“ מאַכט ער אַ געוואַלדיגען אָנפאַל אויף אַלע אידישע דענקער און די חכמים, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט דער פילאָזאָפיע און ערקלערט, אז דער ריינער צוועק פון יודענטום בעשטעהט נור אין לערנען קבלה, וועלכע איז זיין ריינסטע וואהרהייט און די עלטסטע אידישע טראדיציע. דאָך זענען ביידע מקובלים, רבי אברהם און רבי שם-טוב, געווען ערנסטע לייט, וועלכע האָבען באמת געגלויבט אין דעם, וואָס זיי האָבען ערקלערט. נישט אַזוי איז עס אָבער געווען מיט רבי משה בוטריל (פון ציסנעראָס אין קאסטיליען), וועלכער האָט זיך אויסגעגעבען פאר אַ בעל-מופת און אַ נביא, שיער נישט אַ משיח. ער האָט נביאות געזאָגט, אז אין פריהלינג 1393 וועלען פאָרקומען גרויסע מופתים, וועלכע וועלען זיין די ערשטע מבשרים פון משיח'ן. ער האָט אויך מחבר געווען אַ פירוש אויפ'ן „ספר יצירה“ און ערקלערט וועגען פערשידענע קבלה-ספרים, אז עס האָבען זיי מחבר געווען דער אמורא רב אשי, די גאונים רב סעדיה און רב האי, ערקלערענדיג דערביי: „איך זאָג נישט קיין שקר!“ ער שווערט זיך, אז ער האָט אליין גערעדט מיט אליהו הנביא, וועלכער האָט איהם צוגעזאָגט, דאָס דורך איהם וועט די אידישע גאולה באלד קומען. צו אַלע רבנים האָט ער ארויסגעשיקט אַ בריף, אין וועלכען ער בעפעהלט צו קומען צו איהם, דען ער וועט עס זיי ערקלערען אַלע זייערע ספקות אין תלמוד און אין תנ"ך, און „אויב זיי וועלען נישט קומען וועט זיי גאָט שטעלען דערפאַר פאר'ן געריכט“.

טאָמער איז פאַר אידען וועניג דאָס, וואָס זיי זענען אין שפּאַניען אויסגעשטאַנען צרות פון די פערפּרימסטע פריצים און פוילע בירגער, וועלכע האָבען שטענדיג מקנא געווען דעם אידישען וואוילשטאַנד, וואָס זיי האָבען בעטראַכט אַלס אַ רויב פון זייער פערמעגען; טאָמער האָבען די אידען וועניג געהאַט צרות פון די אויסגעלאַסענע גלחים, וועלכע האָבען אין גרונד נישט געגלויבט אין קיין זאַך און מיט זייערע רדיפות געגען די אידען האָבען זיי נור געוואָלט ארויסווייזען זייער פרומקייט און ערגעבענהייט דער רעליגיע; טאָמער האָבען נאָך די אידען וועניג געהאַט צו ליידען פון זייערע אייגענע משומדים, וועלכע האָבען דורך די רדיפות פון זייערע אַמאָליגע ברידער געוואָלט דערווייזען, אז זיי אליין זענען שוין גאַנץ ווייט פון אידען און אידישקייט — זענען אין אַנהויב פון פופצעהנטען יאָהרהונדערט ארויסגעטראָטען געגען די אידען מיט אַמאָל נייע דריי געפעהרליכע שונאים: אַ דאָמיניקאַנער גלח, אַ משומד אַ רשע און אַ פויפּסט אַ קאַטוילען. דאָס זענען געווען פריי ווינצענטי פעררער, יהושע

לודקי (Lorgui) און פעדדא דע לונא, דער געגענפּויפּסט פון
בענעדיקט XIII, וועלכע האָבען געמאַכט דעם טרויעריגען פּראָלאָג צו
דער אידישער טראַגעדיע אין שפּאַניען. יהושע לורקי, וועלכער איז
פריהער אַרויסגעטרעטען געגען זיין געוועזענעם רבי'ן דעם משומד שלמה
פאול, מוסרנ'דיג איהם פאַר זיין שמד'ן זיך, און האָט זיך באַלד נאָכדעם
אויך גע'שמדט, — אָט דער נייער משומד האָט אָנגענומען דעם נאָמען
געראָנימאָ דע סאַנטאַפע און געוואָרען לייב־דאָקטאָר פונ'ם פּויפּסט פון
אַביניאָן בענעדיקט XIII. גלייך ווי דער משומד פאול האָט ער זיך גע־
שטעלט דאָס ציעל אַריבערצושלעפּען אין קריסטענטום זיינע פריהערדיגע
ברידער, די אידען. וויצענטי פעררער, וועלכען די קאַטוילישע קירכע
האָט געמאַכט פאַר אַ קדוש, איז געווען איינער פון יענע פינסטערע נאַטו־
רען, וועלכע בעטראַכטען די גאַנצע וועלט, ווי אַ טייל פון יאָמער און
טרויער און האַלטען איהר געוואַלט אין דער ווירקליכקייט מאַכען פאַר
אַזעלכע. געגען די גלחים פון זיין צייט איז ער אין דער ווירקליכקייט גע־
ווען אַ הייליגער מאַן, דען ער איז געווען גאַנץ ווייט פון אַלערליי פער־
גענינגענס און גלוסטיגקייטען, ער האָט נישט געליבט קיין גאָלד אָדער
כבוד און איז געווען באמת דורכגעדרונגען מיט רעליגיעזע געפיהלען. ער
האָט אָבער געהאַט זיין שגעון: זעהענדיג, ווי די גלחים און די פריצים
זענען אַזוי שענדליך אויסגעלאַסען און פערדאָרבען, האָט ער באמת גע־
גלויבט, אַז די וועלט האַלט ביים אונטערגאַנג און אַבראַטעווען איהר דער־
פון קאָן מען נור דאַדורך, וואָס מען וועט אַלעמען מאַכען פאַר כשר'ע קאַ־
טוילען און פאַר מאָנאַכען (נזירים). וויצענטי פעררער האָט דעריבער בע־
נייט די פריהערדיגע ערשיינונג פון די שמייסער־בעלי־תשובה: ער איז גע־
גאַנגען פון לאַנד צו לאַנד מיט אַ גרויסער מחנה בלינדע מאמינים, וועלכע
פלעגען זיך שמייסען דעם גוף עפענטליך, כדי אָבצוראַטעווען די וועלט
דורך זייערע אייגענע יסורים און רופענדיג דעם המון צו טהון אויך דאָס
איינענע. האָבענדיג אַ פיינע אויסשפּראַך, אַ שענע שטימע און אַ רעדנע־
רישען טאַלענט, האָט וויצענטי פעררער אַריינגעבראַכט אין גרויסע
התלהבות זיינע צוהערער, לערנענדיג זיי אויך צו שמייסען זיך און תשובה
טהון, כדי אָבצוראַטעווען די וועלט פון אונטערגאַנג. ווען ער פלעגט רע־
דען פאַר זיינע צוהערער און דערביי זיך צעוויינען, שילדערנדיג די יסורים,
וואָס קריסטוס האָט געליטען, פלעגט ער אַזוי שטאַרק היפּנאָטיזירען דעם
המון, אַז ער האָלט געטהון אַז״, וואָס ער האָט פערלאַנגט, צי גערעכטע
מעשים, צי מערדערישע ובפרט נאָך ווען עס איז בעוואוסט געווען אַלעמען
אַז ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון אַ הויכער שטעלע ביים פּויפּסט, כדי צו
געהן איבער דער וועלט מוסר'ן די זינדיגע נשמות. דער לעצטער אומ־
שטאַנד האָט בעזונדערס שטאַרק געווירקט אויף אַלעמען, נאָכדעם ווי מען
האָט געוואוסט, אַז בכלל זענען אַלע גלחים כלל קיין קדושים נישט געווען
און האָבען זיך פיעל מעהר אויסגעצייכענט מיט זייער פערדאָרבענהייט
און אויסגעלאַסענקייט. אָבער פעררער האָט אויסגענוצט צו בלוטיגע גע־

וואַלדטהאַטען די טייערע מתנות, מיט וועלכע די נאַטור האָט איהם בע־שאָנקען. אויב מען וויל זעהען, אויף ווי טיעף די קאַטוילישע קירכע איז דאַמאָלס געווען פערדאָרבען און דעמאָראַליזירט, קאָן מען עס אַמבעסטען זעהען פון אָט דעם פרומען וויצענטי: נישט דערויף האָט ער מרעיש עולם געווען, וואָס אין איין און דער זעלבער צייט האָבען אין דער קאַטוילישער קירכע געהערשט דריי פויפסטען, וועלכע האָבען איינע די אַנדערע פער־פאָלגט מיט קנאה, שנאה און רכילות, אויך נישט געגען דעם, וואָס איינער פון די דריי פויפסטען, יאָהאַן XXIII (1415—1410), האָט אָבגעטהון אַלע שענדליכע פערברעכען און זינד, און איז געווען ים־רויבער, סוחר מיט פויפסטליכע מחילה־בריף, שענעדר פון פרויען און מיאוסער בעל־תאוה — דאָס אַלץ האָט דעם אמת פרומען וויצענטי נישט געריהרט און ער האָט נאָך געמוסרט דעם עולם און גערופען צו רציחות געגען אַלע יענע מענ־שען, וועלכע האָבען נישט געוואָלט אָנערקענען די געטליכקייט פון אָט אַזאַ פויפסט. נישט געגען דעם פויפסט איז ער אַרויסגעטראָטען, נור געגען די אידען און מחמדאַנער, נור אין זיי האָט דער פרומער מאָן געזעהען אַלע אונגליקען. אַנשטאָט צו טהון ווי וויקלי, און אַנדערע רעפאָרמאַטאָרען און דערהויבען זיין שטימע געגען די פעהלערן פון דער קירכע, האָט זיך דער מאָנאָך דער בעל־תשובה געווענדעט צו די אידען און צו די אפיקורסים. ער האָט געעפענט אַ פאָרמעלען קרייצצוג געגען די אידען מיט שריפט און וואָרט און געפיהרט איהם אין אַ משך פון פיעל יאָהרען. קודם כל האָט ער זיך געווענדעט געגען די נייע־קריסטען (אנוסים) אין שפאַניען, צוליב דעם וואָס זיי זענען בשתיקה געווען געטרייע אידען. פיעל מאַראַנען זענען געקומען צו איהם תשובה טהון, אַ טייל פון זיי האָבען דאָס געטהון, ווייל זיי זענען באמת געריהרט געווען דורך זיינע פייערדיגע רעדעס, אַ טייל האָבען זיך דערשראָקען פאַר דער בעשטראָפונג, וואָס ער שטעהט זיי פאָר, ווען די גלחים וועלען זיך דערוויסען, דאָס זיי זענען נוטה צום יודענטום. פעררער האָט זייער תשובה בעטראַכט אַלס אַ נצחון פון קריסטענטום איבער'ן יודענטום און ער האָט דעריבער אָנגעהויבען האָפען אַז עס וועט איהם אויך געלונגען צו פיהרען צום שמד אַלע אידען. צוליב דעם גרויסען איינפלוס, וואָס פעררער האָט געהאַט אויפ'ן פאָלק, האָבען די שפאַנישע מלכים איהם אָנגעהויבען אויסצונוצען איבעראַל, וואו מען האָט געדאַרפט בערוהיגען די אויפשטאַנדען פון פאָלק און פערהיטען, אַז עס זאָל נישט קומען צו אַ בלוטיגען בירגער־קריג. פעררער האָט דעריבער בעקומען אַ ערלויבניש פון דער קעניגליכער משפחה צו קומען אין די שוהלען און טערקישע גאָטעס־הייזער (מאָשעען) און האַלטען דאָרט זיינע דרשות, און אפילו אויך צו צווינגען די אידען און די מחמדאַנער, אַז זיי זאָלען הערען זיינע דרשות. מיט'ן צלם אין איין האַנד און אַ ספר־תורה אין דער אַנדערער, אַרומגערינגעלט פון זיין מחנה בעלי־תשובה און סאָלדאַ־טען, פלעגט ער „מיט אַ שרעקליכער שטימע" פאָדערן פון די אידען אַז שמד'ן זיך.

דורך איהם און זיינע צוויי חברים, דעם משומד יהושע לורקי און דעם פויפסט בענעדיקט האבען זיך אנגעהויבען אונבעשרייבליכע צרות פון די שפאנישע אידען, און די עטליכע דאמאליגע יאהרען (1412—1415) געהערען צו די טרויעריגסטע אין דער אידישער געשיכטע. א קורצע צייט נאך זיין בעוויזען זיך אין קעניגליכען הויף אין קאסטיליען (1412) האבען די מלכה־רעגירערין, דאננא קאטאלינא, דער פרינץ דאן פערנאנדא און דער משומד פאול דע סאנטא מאריא ארויסגעגעבען, אין נאמען פון'ם יונגען מלך דשואן II, אנ'עדיקט פון פיער און צוואנציג פונקטען, וועלכע האבען געדארפט פיהר'ען דערצו, אז די אידען אין שפאניען זאלען שטארק פעראָרימט און דערנידעריגט ווערען, אדער זיי זאלען זיך מוזען אין דער נויט זיך קעהרען צום קריסטענטום.

לויט די דאזיגע פונקטען, האבען די אידען געדארפט וואוינען אין א בעזונדערן שטאדט־טייל (luderias) מיט נור איין טויער אריין־און ארויסצוגעהן. מיט קיין מלאכה האבען די אידען זיך נישט געטארט בעשעפטיגען, אפילו אויך נישט מיט דער מעדיצין און בכלל נישט פיהרען קיין עסקים מיט די קריסטען. עס פערשטעהט זיך, אז קיין קריסטליכע משרתים האבען זיי נישט געטארט האלטען, אפילו נישט געברויכען זיי צו וועלכער עס איז א־בייט אום שבת; אליין האבען די אידען נישט געטארט פערנעהמען קיין שום שטעלע אין דער מלוכה. דער אידישער בית־דין אויף משפטים צווישען אידען האט געדארפט בטל ווערען. איינינע פונקטען פון עדיקט האבען זיך בעצויגען אויף דער אידישער הלבשה. א איד, וואס האט זיך געקליידעט אין זיידענע קליידער, אדער לויט'ן פאסאן פון די קריסטען, האט געדארפט שטרענג בעשטראפט ווערען און דער. ווען מען האט צום צווייטען מאל געכאפט ביי אזא פערברעכען, יענעם האט מען געדארפט בעשטראפען מיט שמייז און זיין פערמעגען קאנפיסקירען. נאטירליך, האט מען דערביי ווידער שטרענג בעפוילען, אז די אידען זאלען טראגען אויף זייערע קליידער די שאנד־לאטע. די מענער האט מען שטרענג פערבאטען צו גאלען די בארד אדער צו שערען זיך. לויט דער סאדע און ווער עס האט דערויף עובר געווען, יענעם האט מען געדארפט בעשטראפען מיט הונדערט שמייז. קיין איד האט זיך נישט געטארט אנרופען שריפטליך אדער מונדליך דאן (הערר). געוועהר צו טראגען איז זיי אויך שטרענג פערבאטען געווארען. מען האט זיי אויך פערבאטען ארויסצופאהרען פון איין שטאדט אין דער אנדערער, נור זיי האבען געמוזט וואוינען אויף איין ארט. די אידען האבען אפילו נישט געטארט אנטלויפען, כדי צו בעפרייען זיך פון דער דאזיגער ערנידערונג. דער איד, וועלכען מען האט געהאפט אויפ'ן וועג צו אנטלויפען קיין אויסלאנד, האט געדארפט פערדעכענט ווערען פאר א קעניגליכען שקלאוו און זיין פערמעגען האט געדארפט קאנפיסקירט ווערען. די שרים, פריצים און בירגער איז שטרענג פערבאטען געווארען צו שטיצען די אידען אויף וועלכען עס איז אופן.

און אויך דאָ בעמערקט מען די האַנד פונ'ם משומד פּאול, וועלכער האָט גוט געקענט די אידען און געוואוסט, וואו מען קאָן זיי אויפ'ן גראָבסטען אופן בעליידיגען און ערנידריגען. דאָס איז אייגענטליך געווען דער איינציגער ציעל פון אַלע שווערע בגרענצונגען פון די אידישע רעכט. די דאָזיגע בעגרענצונגען האָט מען דורכגעפיהרט מיט גרויס שטרענגקייט. אַ אידישער שריפטשטעלער פון יענער צייט, רבי שלמה אלעמי, שילדערט אונז דעם עלענד, וואָס איז אַרויסגעקומען פאַר די אידען פונ'ם דאָזיגען עדיקט: „די, וועלכע האָבען געוואוינט אין שענע פּאַלאַצען, האָט מען געצוואונגען צו וואוינען אין פינסטערע, קליינע הייזלעך; אַנשטאָט זיידענס, האָבען זיי געמוזט אַנטהון אַ גראָב און שמוציג קלייד, כדי צו ווערען מבוזה אין אַלעמענס אויגען, אַנשטאָט אַ געשוירענע באָרד, מוזען זיי, ווי די אבלים, לאָזען וואַקסען די האָר. פון מסחר און מלאכות האָט מען זיי אַרויסגעשטויסען. די רייכע אַרענדאַטאָרען פון די שטייערן זענען פעראָרימט געוואָרען, ווייל קיין מלאכה האָבען זיי נישט געקענט, אָבער אויך די בעלי-מלאכות זענען אָהן הינה געבליבען. דער דלות האָט זיך פערשטאַרקט ביי אידען. קינדער האָבען אַנגעהויבען אויסגעהן פון הונגער און קעלט אין דער שוים פון זייערע מוטערס".

און אָט אינ'ם דאָזיגען עלענד איז אַרויסגעטראָטען דער דאָמיניקאַנישער מאָנאַך פעררער מיט'ן צלם אין דער האַנד און געקומען אין די אידישע שוהלען, צו האַלטען דאָרט זיינע דרשות מיט אַ דונער-שטימע וועגען קריסטענטום, מבטיח זייענדיג פון איין זייט אַ רוהיג לעבען, כבוד און עשירות און פון דער אַנדערער — בטראָשענדיג מיט אייביגע יסורים אין הימעל און אויף דער ערד. דער קריסטליכער המון, וועלכער איז דורכ'ן זעלבען נלח מענליך אויפגערייצט געוואָרען צום פאַנאַטיזם, האָט מיט זיינע אַנפאַלען דערוויזען, וואָס פאַר אַ גרויזאַמע בעדייטונג עס האָבען די סטראַשונקעס פונ'ם מאָנאַך פעררער, וואָס פאַר אַ שווערער נסיון עס האָט זיך דאָ פאָרגעשטעלט פאַר די אידען פון קאַסטיליען. צו אַנטלויפען פונ'ם עלענדען צושטאַנד, איז אונמעגליך געווען, ווייל דאָס געזעץ האָט געסטראַשעט פאַר אַזאַ זאַך מיט די גרעסטע בעשטראָפונגען. עס איז דעריבער קיין האַנדער נישט, וואָס די שוואַכע אידען, די וועלכע האָבען וועניג וואָס געוואוסט פון דער אידישער תורה און פון דער גרויסער אידישער פערגאַנגענהייט, ווי אויך די, וועלכע זענען צו שטאַרק געווען צוגעבונדען צום לעבען און זיינע פערגעניגענס — אַז אָט די אידען זענען דעם נסיון נישט בייגעשטאַנען און געזוכט צו ראַטעווען זיך פון דער עלענדער לאַגע דורכ'ן שמד. אין פיעל קהלות, וואו פעררער האָט זיינע אַרויסטריטען געמאַכט, האָבען פיעל אידען זיך גע'שמדט. די משומדים אין כאַלאַמאַנקאַ האָבען זיך אַ נאָמען געגעבען „וויצענטינער" (פונ'ם נאָמען וויצענטי פעררער). פון אַ טייל שוהלען האָט פעררער געמאַכט קירכען. אין משך פון די פיער חדשים, וועלכע פעררער האָט זיך אויפגעהאַלטען אין קאַסטיליען (פון אָנהויב דעצעמבער 1412 ביז ענדע מערץ 1413),

האט ער די אידען געמאכט אזוי פיעל וואונדען, אז דאס שפאנישע יודע-
טום איז אבגעגאנגען מיט בלוט.

באלד האט מען איינגעלאדען דעם מאך פערדער אנטיילצונעהמען
אינ'ם אויסגלייכען דעם סכסוך וועגען דעם ארגאנישען טראהן, אויף
וועלכען עס זענען געוועזען פיעל בעלנים נאכ'ן טויט פון קעניג מארטין.
פערדער האט דורך זיין אריינמישען זיך פועל געוועזען, אז קעניג פון ארא-
גאניען זאל ווערען דער קאסטילישער פרינץ דאן פערנאנדא (יוני
1914), וועלכער האט איהם דערפאר בעשטימט פאר זיין גלח, פאר וועל-
כען ער דארף זיך תמיד מתודה זיין, ווי אויך פאר זיין יועץ, און זיינע
עצות פלעגט דער קעניג שטענדיג פאלגען. דער ערשטער פערלאנג פון
פערדער איז געווען צו קאנען פיהרען די אידען צום שמד, און דער נייער
קעניג פערנאנדא האט דעריבער ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז די ארא-
גאנישע אידען זאלען איבעראל קומען הערען פערדער'ס דרשות. אויך דא
האט פערדער אין יעדער שטאדט אבערגע'חזר'ט זיינע ארויסטרעטונגען
ווי אין קאסטיליען, און אין די שטעדט סאראגאסא, דאראקא, טארטאזא,
וואלענסיא און אויף דער אינזעל מאיארקא איז איהם געלונגען אבצו-
שמד'ן פיעל אידען. בסך הכל זענען, ווי מען איז זיך משער, דאמאלט אב-
גע'שמד'ט געווארען דורך געוואלד צוואנציג טויזענד אידען אין קאסטיל-
יען און אראגאניען. די צאהל פון די אנוסים אין שפאניען האט אנגעהוי-
בען שטייגען און זיך פערגרעסערן.

די יחידים און ענוים פון די שפאנישע אידען האבען דערמיט זיך
אבער נאך נישט געענדיגט. דער פויפסט בענעדיקט XIII האט גע-
האט וועגען זיי אין זינען עפעס וואס נאך ערגערס און געברויכט דערצו
דעם משומד יהושע לורקי, אדער, ווי ער האט איצט געהייסען
גערנימא דע סאנטאפע. דער דאזיגער פויפסט, וועלכען דער
גלחישער קאנסיליום פון פיזא האט ערקלערט פאר אנ'אפיקורוס און א
פאלש-שווערער, ווי אויך פאר א מיאוס'ן פערברעכער, וועלכען מען האט
ארונטערגעווארפען פון זיין פויפסטליכען טראהן און אריינגעלעגט אין חרם,
האט געבראכט ענערגיש צו פיהרען די שפאנישע אידען מאסענווייז צום
שמד, דען אין שפאניען האט מען איהם נאך דאמאלס געהאלטען פאר א
פויפסט, און ער האט דעריבער געהאפט, אז ווען עס וועט איהם געלונגען
אבצושמד'ן אלע אידען, וועט ער דאדורך אנערקענט ווערען פאר א קדוש
און מנצח זיין אלע זיינע פיינד.

כדי צו דערגרייכען זיין צוועק, האט ער (ענדע 1412) מיט דער
הסכמה פון ארגאנישען קעניג דאן פערנאנדא איינגעלאדען די בע-
רואוסטע רבנים און תלמידי-חכמים פון אראגאניען צו קומען צו א וכוח
אין טארטאזא. דארט האט נעגען זיי געדארפט ארויסטרעטען דער
משומד יהושע לורקי און דערווייזען זיי פון תלמוד, אז משיח איז
שוין לאנג געקומען אין דער פערזאן פון קריסטוס. דער הויף פונ'ם פויפסט

בענעדיקט XIII האט געוואלט ווירקען אויף די געקומענע אידען הזרך אלערליי מיטלען, אז זיי זאלען זיך לאזען אבשמד'ן, ווייל ווען די רבנים און תלמידי חכמים, וועלכע וועלען אנטיילנעהמען אין וכוח וועלען דאס יודענטום פערלאזען, וועלען שוין די קהלות זיי אויך נאכטהון. אזוי האט געהאפט דער פויפסט מיט זיינע גלחים. הערמען מען זאל צום וכוח איינלאדען, האט אנגעוויזען דער משומד יהושע לורקי, וועלכער האט גוט געקענט די אידישע תלמידי הכמים און רבנים. פאר די לעצטע איז די זאך געווען גלייך געפעהרליך פון אלע זייטען: פאר'ן נישט שטעלען זיך צום וכוח האלט מען זיי שטרענג בעשטראפט און שטעלען זיך צו א וכות מיט א שונא, וועלכער טרעט ארויס מיט פייער און שווערד, איז אויך נישט ווייניגער געפעהרליך. אזוי ארום זענען ערשינען אנטיילצונעהמען אין וכוח צוויי און צוואנציג פון די אנגעזעהענסטע אידען פון אראגאניען. בראש פון די געקומענע אידען איז געשטאנען דאן ווידאל בן בנבנשתי, אבן-לביא (פערדער) פון סאראגאסיא, וועלכער האט געשטאמט פון אן'אלטער אידישער יחוס-משפחה און געווען הויך געבילדעט, א רופא און א דיכטער אין העבראיש; ווייטער, דער תלמיד פון רבי חסדאי קרשקש, רבי יוסף אלבו (דער מחבר פון „עקרים"), א מענש פון גרויסער פילאזאפישער קענטניש און זעהר א פרומער; רבי זרחיה הלוי סאלאדין פון סאראגאסא, דער איבערזעצער פון א אראביש פילאזאפיש ווערק; רבי אשתרוק הלוי פון דאראקא V, א זעהר אנגעזעהענער מאן און בו אשתריק פון נעראנא, וועלכען דער פויפסט האט פערזענליך איינגעלאדען, ווייל ער האט איהם געקענט פאר א פאכמאן אין רעליגיעזע פראגען

כאטש די איינגעלאדענע אידען זענען אלע געווען גוט געבילדעט און דאן ווידאל האט גוט גערעדט לאטייניש, האט דאך פון זיי קיינער נישט אויסגעצייכענט זיך מיט יענער גייסט-קראפט און הויכער נשמה, מיט וועלכער עס האט זיך אויסגעצייכענט אין זיין וכוח דער רמב"ן, וועלכער איז איינער אליין ארויסגעטראטען געגען צוויי געפעהרליכע פיינד: דעם דאמיניקאנער גענעראל פעניאפארטא און דעם משומד פאבלא כריסטיאני און גערעדט געגען זיי ענערגיש און שארף. די שרעקליכע רדיפות, וועלכע די אידען האבען געהאט איבערגעליטען אינ'ם לעצטען יאהרהונדערט און די שענדליכע ערנידעריגונג האט אפילו אויך ביי די בעסטע אידען צוגענומען דעם מוט און געמאכט זיי אבהענגיג. די אידען, וועלכע האבען זיך איצט געשטעלט צום וכוח פאר'ן פויפסט, זענען נישט געווען די גרויסע גייסטיגע העלדען, וועלכע זאלען מיט זייער אויפטרעטען אליין אימפאנירען דעם פיינד און צווינגען איהם צו בעציהען זיך מיט אכטונג צום געגנער. ווען די אידען האבען בעקומען די איינלאדונג, זענען זיי ערציטערט געווארען, און האבען זיי האבען צווישען זיך געהאט אבגערעדט ארויסצוטרעטען געלאסען און מיושב'דיג און פיהרען דעם וכוח אין אחדות, נישט ארויספלעדיג איינער מיט'ן אנדערן אין סתירות

האבען זיי דאך שפעטער געטהון אנדערש און זענען זיך צופאלען אויף עפ׳ליכע פארטייען.

דער משומד יהושע לורקי, האט, לויט׳ן פארשלאג פונ׳ם פויפסט, פאראויס צוזאמענגעשטעלט א פראגראם פונ׳ם דיספוט. תחלת האט דער משומד געדארפט דערוויזען פון תלמוד און מדרשים, אז משיח איז שוין לאנג געקומען אין דער פערזאן פון קריסטוס. אויב דאס דאזיגע מיטעל וועט נישט ווירקען און מען וועט דאדורך נישט קאנען פועל׳ן דאס די אידען זאלען זיך מאסענווייז לאזען אבשמד׳ן. ווי דער פויפסטליכער היוף האט געהאפט, וועט מען דארפען אונטערנעהמען א פערטיליגונגס-קאמף געגען דעם תלמוד, אנווייזענדיג, אז ער איז פול מיט שרעקליכע ענינים, און נור ער פערבלענדעט די אידען די אויגען און דערלאזט זיי נישט איבערצוגעהן צום קריסטענטום. אינ׳ם דאזיגען זין האט יהושע לורקי מחבר געווען א ווערק, אין וועלכען ער בעמיהט זיך צו דערוויזען, דאס קריסטוס איז געווען דער אידישער משיח, און נאך איהם זענען אלע פריהערדיגע אידישע זכיות, וואס גאט האט זיי געגעבען, איבערגעגאנגען צו די קריסטען, אזוי אז די איצטיגע אידען האבען שוין כלל נישט קיין שייכות צו די בני-ישראל, וועלכע ווערען דערמאהנט אין תנ״ך.

דער דאזיגער דיספוט איז געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע, וועלכע זענען אמאל פארגעקומען צווישען אידען און קריסטען. ער האט זיך געצויגען מיט אייניגע איבעררייסונגען א יאהר מיט 9 חדשים (פון פעברואר 1413 ביז׳ן 12-טען נאוועמבער 1414), וועהרענד וועלכע עס זענען אבגעהאלטען געווארען אכט און זעכציג זיצונגען. פאראויס איז געשטאנען דער פויפסט, וועלכען די גאנצע קריסטליכע וועלט האט שוין געהאט פעראשטויסען און וועלכער האט אינ׳ם דיספוט נישט געזוכט דעם אמת, נור זיין אייגענעם נוצען, דערהויבען צו ווערען און ראטעווען זיין ביטערע לאגע דורכ׳ן אבשמד׳ן די אידען. נאך איהם איז געשטאנען דער משומד, יהושע לורקי, וועלכער האט מיט דער הילף פון תלמוד און מדרשים געוואלט קעמפען געגען די אידען און דעם תלמודישען יודענטום. הינטער זיי איז געשטאנען דער פאנאטישער גלה פערדער מיט זיין ווילדער מחנה שמייסער-בעלי-תשובה, וועלכע האבען געמאכט אנ׳אמת׳ע יאגד אויף די אידען, כדי צו טרייבען זיי מיט געוואלד צום שמד. די עלענדע אנגעקומענע אידען האבען נישט געוואוסט, וואו צו זוכען פאר זיך אנ׳עצה אדער הילף און נור געווענדעט זייערע אויגען צו גאט, דען אויף דער ערד האבען זיי געזעהען ארום זיך נור ערביטערטע פיינד. ווען דער פויפסט בענעדיקט XIII האט זיי צום ערשטען מאל (6-טען פעברואר 1413) אויפגענומען ביי זיך אויף אנ׳אודיענץ און געפאדערט, אז זיי זאלען זיך אונטערשרייבען אויפ׳ן פראטאקאל, איז אויף זיי געפאלען אנ׳אימה: זיי האבען געמיינט, אז זיי שטעלען שוין איין דאדורך אליין זייער לעבען אין סכנה. דער פויפסט האט זיי אבער בערוהיגט ערקלערענדיג, אז דאס איז נור א פארמאליטעט. בכלל איז ער תחלת זיך בעגאנגען

מיט זיי גאנץ זייך. ער האט אפילו אויך ערקלערט, אז איינגעלאדען האט ער זיי נור כדי צו איבערציינגען זיך, אויב עס איז ריכטיג די ערקלערונג פון יהושע לורקי, דאס דער תלמוד אנערקענט קריסטוס פאר א משיח, אדער נישט. דערביי האט ער זיי פערזיכערט, אז זיי האבען פאלקאמע פרייהייט פון ווארט. נאך דער ערשטער איפנאהמע האט דער פויפסט זיי גנעדיג אנגעזעהען, וואו זיי האבען צו וואוינען און אויך געזארגט פאר זייער בעקוועמליכקייט, אנזאגענדיג אויך, אז מען זאל זיי געבען כשר עסען. איינע פון זיי זענען שוין גוטע געווען פאראויסצוזאגען, אז נאך אזא גוטער התחלה קאן מען ערווארטען אויך א גוטען סוף פאר אידען און פאר דער אידישער רעליגיע. די אידישע תמימים האבען אבער צו־ווענינ געקענט דעם דאזיגען קאטוילישען „פערטרעטער פון גאט אויף דער וועלט“.

אויף צומארגענס האט זיך געדארפט אנהויבען דער דיספוט. ווען די אידישע הכמים זענען אריינגעקומען אין זאל, וואו די זיצונג האט בע־דארפט פארקומען (7־טער פעברואר 1413 — ה׳ אדר קע״ג), האט דאס בילד, וואס האט זיך פארגעשטעלט געמאכט אויף זיי א געוואלדיגען איינדרוק: דער פויפסט איז געזעסען אויף זיין הויכען טראהן, ארום איהם — די קארדינאלען און בישאפען אין זייערע פערבלענדענד רייכע קליידער, דערצו איז אין זאל געווען אנ׳עולם פון כמעט טויזענד פערזאן פון העכס־טער שפאניער געזעלשאפט. קוקענדיג אויף דער דאזיגער מאכט פונ׳ם קריסטענטום מיט זיין גרויסען נצחון איבער די פעלקער, איז דער מוט ביי די ארימע געצעהלטע פערטיידיגער פון יודענטום זעהר געפאלען. דער פויפסט אליין האט געפיהרט די זיצונג, וועלכע ער האט געעפענט מיט א רעדע צו די אידען, ערקלערענדיג, אז דא וועט זיך כלל נישט האנדלען וועגען דער וואהרהייט פון קריסטענטום אדער פון יודענטום, ווען די קריסטליכע אמונה שטעהט העכער פון אלע וכוחים, און דאס יודענטום איז אמאל געווען די ריינע וואהרהייט, אבער שפעטער איז עס בטל געווארען דורכ׳ן קריסטענטום. דער וכוח דארף געהאלטען ווערען נור מכח דעם פונקט: אויב ער איז ריכטיג, דאס דער תלמוד האט באמת אנערקענט קריסטוס׳ן פאר משיח׳ן. די אידען זענען דאדורך בעגרעניצט געווארען אין דער ענגער ליניע פון דער פערטיידיגונג. ווען דער פויפסט האט נאכדעם געגעבען דאס ווארט זיין אינסטרומענט, דעם משומד יהושע לורקי, האט ער. נאכדעם ווי ער האט, לויט׳ן קאטוילישען מנהג, געקושט דעם פאנטאפעל פונ׳ם פויפסט, אנגעהויבען א לאנגע דרשה, געמישט פון מאמרים, גענומענע פון אידישע און קריסטליכע ספרים, לויבענדיג די פרומקייט און גוטסקייט פון פויפסט, וועלכער וויל מזכה זיין אפילו די אידען אויך מיט עולם הזה און עולם הבא. דערביי האט ער געסטראשעט די אידען, אז אויב זיי וועלען נישט פאלגען, וועלען זיי אלע אומקומען. דעם משומד האט געענטפערט מצד די אידען דאן ווידאל בנבנשתי מיט א לאטיינישער שענער רעדע, פאר וועלכער ער האט בעקומען א קאמפ־

לימענט פון פויבסט. דאן ווידאל האט אנגעוויזען אויף דער שלעכטסקייט און דער פאלשקייט פונ'ם משומד, וועלכער האט, אנשטאט בעווייזען, געסטראשעט די אידען מיט'ן שווערד. לסוף האבען די אידען געפרובט בעטען ביים פויפסט, אז ער זאל זיי גאר בעפרייען פונ'ם וכוח. נאטירליך, האט דער פויפסט זיי דערין אבגעזאגט און געהייסען קומען אויף צו מארגענס צו פיהרען דעם וכוח ווייטער.

מיט טרויעריגע געפיהלען האבען זיך די אידען אומגעקעהרט א היים צו זייערע ברידער פון דער קהלה טארטאזא, וועלכע זענען אלע באלד מיט זיי צוזאמען אוועקגעגאנגען אין שוהל, תפלה טהון און בעטען ביי גאט, אז ער זאל זיי העלפען און איינגעבען זיי דעם ריכטיגען געדאנק און דאס ריכטיגע ווארט, כדי זיי זאלען חלילה נישט אויפרייצען בעגען זיך מיט א אונפארזיכטיג ווארט „די לייבען, וואס זענען גרייט זיי איינצושלינגען". רבי זרחיה הלוי סאלאדין האט דערביי געהאלטען פאר'ן עולם א דרשה און דערוועקט אלעמען תפלה צו טהון און בעטען גאט פאר זיין עלענד פאלק, וואס לעבט איבער אזעלכע גרויסע אונגליקען.

דער וכוח האט זיך אנפאנג געצויגען נאך אין א רוהיגען טאן. דער משומד יהושע לורקי האט געבראכט פערשידענע מאמרים פון תלמוד און מדרשים, כדי צו דערווייזען אנ'אונגלויבליכע זאך: אז דער תלמוד אליין האט אנערקענט קריסטוסן פאר משיח'ן. צוויי און זעכציג טעג זענען אוועק און מצד די אידען האט זיך נאך נישט ארויסגעוויזען קיין שפור פון נטיה צום שמד, ווי דער פויפסט מיט זיינע לייט האבען געהאפט. וואס ווייטער דער קאמף האט זיך געצויגען, זענען די אידען גאר געווארען ביי זיך תקיפער און שטארקער. דער פויפסט האט דעריבער געלאזען ענדערן די טאקטיק פונ'ם וכוח אויף דער דריי און זעכציגסטער זיצונג. אויפ'ן בעפעהל פון פויפסט איז דער משומד יהושע לורקי שוין איצט ארויסגעטראטען אלס אנקלאגער געגען דעם תלמוד, טענהנ'דיג, אז אין איהם געפינען זיך גאטעס לעסטערונגען, אבשויליכע זאכען, אונזיטליכקייט און אלערליי אפיקורסות, און אז דעם תלמוד מוז מען פערארטיילען. צום דאזיגען צוועק האט דער משומד, ווידער לויט'ן פארשלאג פון פויפסט, מחבר געווען א ספר, אין וועלכען ער האט אנגעזאמעלט אלערליי אגדתות, וועלכע מען קאן נור אויסטייטשען אויף א פאלשען אופן, ווי אויך אלע מאמרים, וועלכע האבען זיך ארויסגעכאפט ביי עמיצען פון די הונדערטער אמוראים און בעלי מדרש אין זייער פערביטערונג געגען די רוימער, וועלכע האבען גערודפט אידען; די דאזיגע מאמרים האט לורקי אויסגעטייטשט אזוי, אז זיי בעציהען זיך אויף די קריסטען. ער האט אויך ארויסגעשטעלט בעשולדיגונגען, וואס זייער פאלשקייט איז קלאר פאר יעדען אידען. ער האט נעמליך ערקלערט, אז דער תלמוד ערלויבט די עלטערן צו שלאגען, גאט צו לעסטערן, פאלש צו שווערן, אויב מען האט די שבועות פאראויס מבטל געווען אום יום כפור. פון א פרומע

תקנה, וואָס איז איינגעאָרדענט געוואָרען, צוליב דעם וואָס מען האָט מורא געהאַט, אַז אַ מענש זאָל נישט נכשל ווערען אין שווערען פאַלש. האָט דער משומד געמאַכט אַ שענדליכע בעשולדיגונג. אויך די טענה געגען דער תפלה „ולמלשינים“ האָט ער איבערגע'חזר'ט. די דאָזיגע טענות און בלבולים זענען אפילו שטאַרק צושלאָגען געוואָרען מצד די אידישע פאָרשטעהער. אין איינינע ענינים איז אָבער געקומען צווישען זיי צו אַ מיינונגס־פערשידענהייט. אַזוי למשל האָט ערקלערט דאן אשתרוק לוי, אַז מען קאָן דאָס אידישע פאָלק נישט מאַכען פעראַנטוואָרטליך פאַר אַלע אגדתות פון תלמוד, ווייל קיין איד איז נישט מחויב אין אַלע אגדתות צו גלויבען. מיט דער דאָזיגער מיינונג האָבען איינגעשטימט כמעט אַלע דיספוטאַנטען, אויסער רבי יוסף אלבו און דאן ווידאל, וועלכע האָבען ערקלערט, אַז אַ איד איז מחויב צו גלויבען אין אַלע אגדתות, נור וואָס זיי דאַרפען ערקלערט ווערען אַנדערש, נישט לויט'ן וואָרטליכען זין. דעם פויפסט מיט זיינע לייט איז אַלזאָ געלונגען אַרויסצורופען אַ פירוד צווישען די אידישע פערטרעטער, דערפאַר אָבער איז מאוס דורכגעפאַלען דער הויפט־ציעל פונ'ם דיספוט — אַרויסצורופען אַ מאַסען־שמד צווישען די אידען דאַדורך, וואָס זיינע פאָרשטעהער וועלען זיך פריהער אָפ'שמד'ן. די אידישע פיינד האָבען דעריבער אָנגענומען אַנדערע מיטלען: דער פאַנאַטיקער מאַנאַך וויצענטי פעררער האָט ווידער אָנגעהויבען בענוצען זיין „שמייסעניש“־אַגיטאַציע וואָס ער האָט אָנגעפיהרט מיט אַן'אונערהערטער ווילדקייט. פיער—פינף חדשים (פעברואַר—יוני 1314) און געבראַכט דערצו, אַז אין די גרויסע קהלות סאַראַגאָסאַ, קאַלאַטאַיוד און דאַראָקאַ זענען עטליכע אידען איבערגעגאַנגען צום קריסטענטום און קלענערע קהלות, וועלכע זענען געווען אַרומגערינגעלט בלויז פון פיינד, זענען געווען געצוואונגען איינגאַנצען זיך צו לאָזען אָפשמד'ן. די אַלע דאָזיגע אנוסים האָט דער פויפסט בעפוילען צו ברענגען אין גרעסערע און קלענערע גרופעס קיין טאָרטאָזאַ, אַריינפיהרען זיי אין זאַל פון דער זיצונג, כדי זיי זאָלען דאָרט עפענטליך פאָרלעזען זייער קריסטליכען „אני־מאמין“. זיי האָבען געדאַרפט דינען פאַר די אידישע דיספוטאַנטען פאַר אַ לעבעדיגען בעווייז וועגען די נצחונות פון קריסטענטום איבער'ן ידענטום און דאַדורך ברעכען דעם מוט פון די דיספוטאַנטען, דערווייזענדיג זיי, אַז זייער עקשנות איז אומזיסט, ווען זיי האָבען נישט, וואוהין צוריק צו געהן, ווייל זייערע קהלות האָבען זיך שוין אויסגע'שמד'ט. ווי עס שיינט, האָט מען דאַמאָלס אָפגע'שמד'ט אויך אַ ברודער פונ'ם דיספוטאַנט דאן ווידאל בנבנשתי און נאָך עטליכע מיטגלידער פון זיין משפחה צוזאַמען מיט פיעל אַנדערע אָנגעזעהענע אידען פון סאַראַגאָסאַ. דער פויפסט האָט אָבער געמוזט איינזעהן, אַז דער חשבון איז געווען אַ פאַלשער — קיין מאַסען־שמד האָט ער נישט געקאָנט אַרויסרופען. די גרויסע קהלות פון קאַטאַלאָניען און אַראַגאָניען זענען געבליבען געטריי דעם ידענטום, אויסער איינינע יחידים, קליינמוטיגע אָדער אויסוואורפען,

וועלכע געפינען זיך אין יעדער גרויסער אדער קליינער שטאדט. אלס מנצח פון יודענטום האט בענעדיקט נישט געקאנט ערשיינען פאר דעם קאנסיליום פון די גלחים אין קאסטניץ, און דאס איז פאר איהם געווען ערגער פון אלץ.

אין נרדים צארן האט דער פויפסט דריבער אויסגעגאסען זיין גאנצע ביטערע גאל אויפ'ן תלמוד און אויף די פרייהייט, וואס די אידען האבען אין שפאניען. אין דער לעצטער זיצונג האט ער מיט די אידישע דיספוטאנטען זיך בעגאנגען זעהר שטרענג און ערקלערט זיין פאר'ן אבשיעד, אז אויף די אידען וועלען זיך אויסגיסען שרעקליכע גזרות, וועלכע זענען אבער פערעפענטליכט געווארען, צוליעב פערשידענע סבות, ערשט מיט א האלב יאהר שפעטער (11־טען מאי—ב' סיון (1415) אין א בולה, וועלכע האט ענטהאלטען דרייצעהן פונקטען, לויט וועלכע עס איז פערבאטען געווארען די אידען צו לערנען תלמוד מיט זיינע פירושים, נישט אליין, נישט מיט תלמידים. אלע מסכתות האט מען געדארפט אויפזוכען און פערניכטען; אויך די וכוח-ספרים, וואס די אידען האבען מחבר געווען האבען געדארפט פערניכטעט ווערען, ווי אויך פערשידענע ערצעהלונגען, וועלכע די אידען האבען געהאט הענגען די ערשטע גרינדער פון קריסטענטום. אין יעדער קהלה האט זיך נישט געטארט געפינען מעהר ווי איין קליין שוהלע'כעל אהן קיין שום בעפוצונג. אויסערדעם זענען ווידער בעשטעטיגט געווארען די אלטע גזרות נעגען די אידען, וועלכע די קעניגין קאטאלינא און אנדערע האבען אין פערשידענע צייטען ארויסגעגעבען. די אידען איז בעפוילען געווארען צו הערען דריי מאל אין יאהר די דרשות פון די גלחים; נאך די דרשות פלעגט מען זיי פארלעזען די בולה פונ'ם פויפסט. אלס אויפזעהער, אז מען זאל נישט עובר זיין אויף די פונקטען פון דער בולה, האט דער פויפסט בעשטימט דעם זוהן פון משומד שלמה-פאול, גאנזאלא דע סאנטא מאריא. דאך רוב פונקטען פון דער בולה זענען אפילו פאר די אידען קיין נייעס נישט געווען, אבער וועהרענד פריהער האבען זיי זיך בעצויגען נור אויף די אידען פון קאסטיליען, זענען זיי איצט געווארען פערפליכטעט פאר אלע קריסטליכע לענדער.

צום גליק האבען אבער דעם פויפסט גזרות פאר'ן מאמענט קיין שטארקע ווירקונג נישט געהאט, ווייל אין דער צייט, וואס דער פויפסט האט די אידען געפייניגט, האט דאס קאנסיליום אין קאסטניץ ערקלערט איהם פאר דערווייטערט פון פויפסטליכען שטוהל. דאס געוועהר, וואס ער האט געברויכט נעגען די אידען, האט זיך געווענדעט געגען איהם אליין: דער פאנאטישער גלח ווינצענטי פערערער איז איצט ארויסגעטראטען מיט זיינע דרשות נעגען דעם פויפסט, ווען ער האט ערקלערט, דאס ער וויל נישט אנערקענען דעם בעשלוס פונ'ם קאנסיליום. דער פרומער מאנאך האט אין זיינע דרשות אויפגעפאדערט דעם קעניג פון אראגאניען, אז ער זאל זיך אבזאגען פונ'ם „פערברעכערישען און פאלשען פויפסט", וועלכען עס אי'ז פשוט א מצוה צו דערהרג'ענען. דער פויפסט איז אינגאנצען פערלא־

זען געוואָרען פון זיינע פריהערדיגע אָנהענגער און פריינד און ער האָט זיך געמוזט בעהאַלטען פאַר פערפאָלגונגען אין אַ קליינער פעסטונג פעניפ־קאָלאַ, אָבער דער קעניג פערנאַנדאָ האָט פערבאָטען, אַז מען זאָל אַהין אַריינבּרענגען עסענוואַרג, כדי דער פויפסט זאָל שטאַרבען פון הונגער.

וואָס עס איז געוואָרען פונ'ם משומד יהושע לורקי נאָך דער מפלה פון זיין פויפסט, איז נישט בעוואוסט. צווישען די אידען האָט ער בעקומען דעם כשר פערדינטען ביינאָמען („מ'נ'ד'ף" — אַ ראשי תיבות פון די ווערטער: „מאַעסטראָ גראַנימאַ דע סאַנטאַ פע"), זיינע צוויי געשמדטע זיהן האָבען דערגרייכט צו הויכע שטעלעס אין אַראַגאָניען: איינער, פראַנציסקאָ דע סאַנטאַ פע, איז געוואָרען מיטגליד פון מלוכה־ראַט, שפּעטער האָט מען איהם אָבער פערברענט אַלס אפיקורוס, וועלכען מען האָט חושד געווען אין געהיימער אידישקייט. אַ צווייטער זוהן לורקי'ס האָט געמוזט בעגעהן אַ זעלבסטמאָרד. אין קורצען זענען געשטאָרבען אויך די אידען־פיינדליכע מלכה קאַטאַלינאַ (1418), דער אידענפיינדליכער קעניג פערנאַנדאָ (1416) און ענדליך אויך דער פאַנאַטישער גלח וויצענטי פעררער (1419), וועלכען דאָס קאָנסטאַנצער קאָנסיליום האָט אַריינגעלעגט אין חרם, בעפעהלענדיג, אַז ער זאָל פונאַנדערלאָזען זיין ווילדע מהנה שמייסער־בעל־תשובה, אָדער „די ווייסע חברה'ניקעס", ווי מען האָט זיי אויפ'ן קאָנסיליום אין קאָנסטאַנץ אַ נאָמען געגעבען.

אָבער אויב די הויפט־פּערזאָנען און דער אידישער טראַגעדיע זענען פערשוואונדען געוואָרען, זענען דאָך גאַנץ געבליבען פיעל זייערע גזרות. די בעגרענעצטע געזעצען פון דער מלכה קאַטאַלינאַ פאַר די אידען פון קאַסטיליען, אפילו די בולה פונ'ם פערברעכערישען פויפסט בענעדיקט פאַר די אידען פון אַראַגאָניען זענען געבליבען אין פולער קראַפט. פעררער'ס שמד'ן אידען האָט געמאַכט טיפע וואונדען דעם שפּאַנישען יודענטום, ווי אויך די אידען אין אויסלאַנד. נור אין פּאָרטוגאַל האָט ער קיין ווירקונג נישט געהאַט. דער פּאָרטוגיעזישער קעניג, דאָן דזשאָאַ I, האָט געהאַט פאַר זיך וויכטיגערע ציעלען אין זיין רעגירונג ווי צו רודפ'ן די אידען. ער איז דאַמאָלס געווען פערנומען מיט'ן איינגעהמען אין אַפריקאַ דעם שפּיי־בּאַרג צעאוטע, וואָס ליגט נעגענאיבער פּאָרטוגאַל אויפ'ן אַפריקאַנישען בּרעג פון ים־דורכגאַנג גיבּראַלטאַר, — אַנ'אָרט, וועלכער האָט געדאַרפט ווערען די באַזע פאַר דער ים־מלוכה פון פּאָרטוגאַל. ווען וויצענטי פערער האָט געבעטען אַנ'ערלויבּניש ביים פּאָרטוגיעזישען קעניג צו קומען קיין פּאָרטוגאַל און דאָרט האַלטען דרשות פאַר די קריסטליכע זינדיגע נשמות, ווי אויך פאַר די עקשנות'דיגע אידען, האָט איהם דער קעניג געענטפערט, אַז ער מעג קומען, אָבער נור מיט אַ קרוין פון גליהענד אָנגעבּרענטען אייזען אויפ'ן קאָפּ. פּאָרטוגאַל איז געווען דאַמאָלס דער איינציגער אָרט אויף דער פּירענעאישער האַלב־אינזעל, וואו די אידען האָבען געקאָנט האָבען אַ מנוחה־שעה פאַר די ווילדע דרשות פונ'ם „שמייסער־מאַנאַך". אַהינצו זענען אויך אַנטלאָפען פיעל אידען פון די אנוסים פון

שפאניען. דער קעניג האט אין דער ערשטער צייט אויך ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאל די געקומענע אנוסים פון שפאניען נישט רודפ'ן און נישט ארויסגעבען זיי צו שפאניען.

דאגעגען אין פיעל אנדערע לענדער אין אייראפא וואוהין עס האט זיך געהאט אריינגעטראטען פערדינאנד'ס פוס, אדער וואוהין זיין נאמען מיט זיינע מעשים האבען דערגרייכט, האבען די אידען געהאט צו ליידען גרויסע צרות. אין סאוואיען, וואו פעררער האט נור א קורצע צייט געפיהרט זיין ווילדע אגיטאציע, זענען די אידען זיך צולאפען מיט די ספרי-תורה צווישען די בערג, וואו זיי האבען זיך בעהאלטען אין הייהלען. דייטשלאנד איז שטענדיג געווען א גינסטיגער באדען פאר אידישע רדיפות און די אנארכיע, וואס האט געהערשט דארט אין דער צייט פון סיגיזמונד'ס רעגירונג, ווי אויך וועהרענד דעם קאסטניצער קאנסיליום, האט פערערגערט די אידישע לאגע. אפילו די איטאליענישע קהלות, וועלכער האבען מייסטענס געקאנט לעבען רוהיג, האבען איצט אויך געלעבט אין איין פחד, אז די אגיטאציע זאל נישט פערשלעפט ווערען אויך צו זיי, וואו דאס לאנד איז געווען פאליטיש צוריסען און קיין מלוכה-ארדנונג איז נישט געווען. זיי האבען דעריבער איינגעארדענט גרויסע אסיפות אין באלאניא און פארלי (1416, 1418), אין וועלכע עס האבען טיילגענומען צו צוויי דעלעגאטען פון יעדער קהלה און זיך בעראטען, ווי אזוי אבצווענדען די געפעהרליכע אגיטאציע, בעזונדערס צו שאפען געלד אויף צו בעפרידיגען די געלד-דורשטיגקייט פון פויפסט און פונ'ם קארדינאל-קאלעגיום, און נאר מיט געלד איז נאך געווען א האפנונג צו פועל'ן אז מען זאל די אידען לאזען צורוה.

צום גליק פאר די אידען האט מען אויף דעם קאסטניצער קאנסיליום אויסגעוועהלט א פויפסט, וועלכער האט נישט געהערט צו די ערגסטע אינ'ם קארדינאל-קאלעגיום. דער נייער פויפסט מארטין V, וועגען וועלכע מען האט דאמאלס געזאגט, אז פאר דער וואהל איז ער געווען „איינפאך, פראסט און גוט" און נאך דער וואהל: „זעהר קלוג". מארטין האט אפילו אויפגענומען די אידען מיט גרויס צארן, ווען זיי זענען איהם ארויסגעקומען אויף קבלת-פנים אין קאסטניץ אין שענע קליידער, מיט אנגעצונדענע ליכט און מיט ספרי-תורה, בעטענדיג ביי איהם, אז ער זאל בעשטעטיגען די טאלעראנץ. דער פויפסט האט דאמאלס בייז אויסגערופען: „איהר האט די תורה. אבער איהר פערשטעהט זי נישט. דאס אלטע איז פערשוואונדען, דאס נייע איז געפונען".

דאך האט זיך מארטין V בעגאנגען מיט אידען מילד. אויפ'ן פארשלאג פון קייזער סיגיזמונד האט דער פויפסט בעשטעטיגט די דייטשע אידען, ווי אויך די פון סאוואיען, אלע זייערע אמאליגע פריווילעגיעס, וועלכע דער פריהערדיגער קייזער רופרעכט האט זיי געגעבען, ד. ה. אזוי פיעל, אז דער קייזער האט ארויסגעזאגט זיין אונצופרידענהייט מיט דעם בערויבען אדער אויסהרג'ענען די אידען ווי אויך צווינגען זיי צום שמד. דער קייזער

סיגיזמונד איז בכלל געווען זעהר לייכטזיניג און געלד־דורשטיג, די הוצאות, וואָס עס האָט נעקאָסט די גלענצענדע פערזאַמלונג אין קאָסטניץ האָט ער זיך נישט געשעמט אַרויפצולעגען אויף די אידען אוך, וואו ער האָט נור געקאָנט, האָט ער געשינדען פון די אידען, נעריפּט אידען בכלל האָט ער אָבער נישט. ער האָט אפילו אויך אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו די דייטשע פירשטען, שטעדט־פערוואַלטונגען און אונטערטאַנען, אַז מען זאָל די אידען, זיינע קאַמער־קנעכט, נישט אָנריהרען און לאָזען זיי זייערע פריוויליגיעסטען, וועלכע דער פּויפּסט האָט זיי בעשטעטיגט (26־ער פעברואַר 1418). אויך די דעפּוטאַציע פון דער איטאַליעניש־אידישער אסיפה איז געקומען צום נייעם פּויפּסט און געבעטען ביי אהם, אַז ער זאָל זיי בעשיצען פון זייערע פיינד. ווי עס שיינט, האָבען אפילו אויך די שפּאַנישע אידען געשיקט מיט'ן זעלבען צוועק אַ דעפּוטאַציע און איינער פון די דעפּוטאַטען, שמואל אַבראַוואַלאַ, איז געווען זעהר אַ רייכער מאַן, וועלכען מען האָט מיט געוואַלד אַבגעשמד'ט בשעת דער שחיטה אין וואַלענסיע. אויף דער אַנקלאַגע פון די אידען, אַז מען האָט פיעל פון זיי אויסגעהרג'עט און זייער לעבען שטעהט נאָך איצט אויך אין סכנה, אַז מען צווינגט זיי צום שמד און מען שענדעט זייערע שוהלען, האָט דער פּויפּסט מאַרטין אַרויסגעגעבען אַ בולה (31־ער יאַנואַר 1419), וועלכע הויבט זיך אָן מיט פאָלגענדע ווערטער: „ווייל די אידען טראָגען דעם צלם־אלהים און זיי ווילען נאָך אַ מאָל אָננעהמען דעם קריסטענטום, בעשטימען מיר, לויט ווי עס האָבען דאָס געטהון די פריהערדיגע פּויפּסטען, אַז מען זאָל זיי נישט בעלעסטיגען אין זייערע שוהלען, נישט אָנריהרען זייערע געזעצען, רעכט און געוואוינהייטען, נישט צווינגען זיי צום שמד, נישט פאָדערן פון זיי טיילצונעהמען אין די קריסטליכע חגאות, נישט צווינגען זיי צו טראָגען נייע צייכענס אויף זייערע קליידער און נישט צו שטערען זייערען מסחר־בעציהונגען מיט די קריסטען“. אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס געווען אַ פּראָטעסט געגען דער בולה פונ'ם פריהערדיגען פּויפּסט בענעדיקט, און ווי עס שיינט, האָט דער פּויפּסט מאַרטין זיך בעגאַנגען אַזוי פריינדליך מיט די אידען, נישט צוליעב זיין מילדקייט אָדער גוטסקייט, נור צוליעב די רייכע מתנות, וואָס די אידישע דעפּוטאַציע האָט איהם געבראַכט. אָהן געלד האָט מען ביי איהם נישט געקאָנט פועל זיין, דאַגעגען פאַר געלד — אַלץ. „דען דאָ אין הויף (אין פּויפּסטליכען) ענדיגט זיך יעדע פריינדשאַפט, ווי נור עס פערפעהלט די מטבע“ — האָט געשריבען דאַמאָלס אַ געזאַנדטער פון דייטשען אָרדען. דער קייזער סיגיזמונד האָט אַרויפגעלעגט אויף די דייטשע און איטאַליענישע אידען זעהר גרויסע שטייערען און דערביי האָט ער ערקלערט, אַז ער איז געצוואונגען אַזוי צו טהון, ווייל דאָס, וואָס ער האָט גע־פועל'ט ביים פּויפּסט אַז ער זאָל בענייען די אידישע פריוויליגיעס, האָט איהם נעקאָסט זעהר פיעל געלד.

צווייטעס קאפיטעל.

א גרינגע היכף אין דער נויט.

די רעפארמאטארישע בעוועגונג פון די הוסיטען.

(1472 — 1420)

די וועלט-געשיכטע האט אין דער זעלבער צייט בעקומען א נייעם
שטויס דאס אלטע און פערפוילטע לעבען פון דער קאטוילישער קירכע, די
שטאלצע גאוה פונ'ם פויפסט, וועלכער האט זיך כמעט אליין פערגע-
טערט, די אונציכטיגקייט פון די גלחים און פונ'ם לעבען פון די מאנאכען
און מאנאכינעס אין די קלויסטערס האט דערוועקט אנ'אונווילען ביי אלע
זיטליכע פרומע נאטורען, געעפענט די פערבלענדעטע די אויגען און געגע-
בען די קלוגערע און שטארקערע מוט אנצוגרייפען די יסודות פון פויפס-
טום. פון די גלחים, יוריסטען און דיפלאמאטען, וועלכע האבען זיך פער-
זאמעלט אין קאסטניץ אויפ'ן קאנציליום צו רעפארמירען די קאטוילישע
קירכע—פון זיי האט מען קיין בעסערונג נישט געקאנט ערווארטען, ווייל
זיי האבען געוואלט נור איבערטינקעווען א האלב איינגעפאלענע פערפויל-
טע וואנד — אריבערטראגען די מאכט פונ'ם פויפסט אויף די קארדינא-
לען און בישאפען. א טשעכישער גלח, יאהאן הוס, האט דורך דער
ערוועקונג פון ענגלענדער וויקליף, ארויסגעזאגט דאס ווארט, וואס איז
געפאלען ווי א באמבע אין דער קאטוילישער וועלט. נישט דער אדער יע-
נער פויפסט — האט הוס ערקלערט — זענען שולדיג אין דער פערפוילט-
קייט פון דער קאטוילישער קירכע, נור דאס פויפסטום בכלל און די גאנצע
איינארדנונג פון דער קירכע זענען שולדיג אין דער מאראלישער קרענק פון
דער קריסטליך-קאטוילישער וועלט. די פלאמענפייער, וועלכע דאס קאסט-
ניצער קאנסיליום האט אנגעצונדען, כדי צו פערברענען יאהאן הוס פאר
אזא אפיקורסות, האבען בעלייכטעט די רעכטיגקייט פון זיינע רייד אמ-
בעסטען. מיט זיין לעצטען אטעם האט ער אנגעצונדען א פייער אין בעה-
מען, וואו מען האט באלד איבערגעריסען יעדע בעציהונג מיט'ן קאטוילי-
שען קריסטענטום, ערקלערענדיג איהם א קאמף אויף טויט און לעבען. עס
איז א מערקווירדיגע ערשיינונג אין דער קריסטליכער וועלט: יעדעס מאל,
ווען עס פלעגט ארויסטרעטען א נייע סעקטע נעגען דער אפיציעלער קיר-

כע, פלעגט זי שטענדיג אָננעהמען אַ כאַראַקטער פון „אַלטען טעסטאַמענט", דאָס הייסט: פון תנ"ך, אַזוי צו זאָגען: אַ אידישע בעפאַרבונג. די הוסיטען האָבען בעטראַכט דעם קאַטאָליציזם אַלס אַ געצענדינעריי, זיך זעלבסט האָבען זיי געהאַלטען פאַר די „בני־ישראל", וועלכע האָבען אונטערגענומען צו פיהרען אַ מלחמה געגען די פלשתים, מואב און עמון. זיי פלעגען הרוב מאַכען די קירכע און די קלויסטערס, האַלטענדיג זיי פאַר ערטער פון וויסטער געצענדינעריי. פאַר טעמפלען פון אָבגאָט בעל און מולך, אָדער פאַר די הייהלען פון דער אונצ־כטינגער געטין „עשתרות" (אַסטאַרא). די מלחמה פון די הוסיטען, וועלכע האָט אויך געשעפּט איהר יניקה פון דער משעכישער ראַסען־שנאה געגען די דייטשען, האָט אָנגעהויבען עטוואָס אָבצורייניגען די דערשטיקענדע לופט פון דער קאַטוילישער קירכע.

דער דאָזיגער אויסדרוק פונ'ם פאָלקס־צאָרן געגען דעם פויפסטום האָט די אידען קיין בעזונדערען נוצען נישט געבראַכט, פיעל מעהר האָבען זיי געהאַט דערפון שאָדען. אָבער נישט די ווילדע הוסיטען, נור די מחנות פון די פאַנאַטיקער, וואָס גלחים האָבען אָנגערייצט געגען די נייע אפיקורסים, האָבען געבראַכט פאַר די אידען נייע צרות. די הוסיטען האָבען העכסטענס פערברענט עטליכע הייזער, אָנפאַלענדיג אויף די קאַטוילען, אָדער בערויבענדיג די אכזריות'דיגע פראַצענט־נעהמער. פון קיין בעזונדערער פיינדשאַפט פון די הוסיטען געגען די אידען איז קיין בעווייזען נישטאָ. מען האָט די אידען פיעל מעהר בעשולדיגט מצד די קאַטוילען, אַז זיי האָבען געגעבען די הוסיטען געלד און געוועהר, כדי צו פיהרען די מלחמה געגען די קאַטוילען, און דעריבער האָט מען גערודפט מיט גרויסער אכזריות די אידען אין די בייערישע שטעדט, אויף דער גרעניץ פון בעהמער וואַלד, האַלטענדיג זיי פאַר פריינד פון דער אפיקורסות און די אפיקורסים. די דאָמאַניקאַנער מאָנאַכען, אָדער, ווי די הוסיטען פלעגען זיי רופען, „די מחנות פון שטן" פלעגען אין זייערע נקמה־דרשות געגען די הוסיטען אויך אַריינרעכענען די אידען און אויפרייצען די פעלקער און פירשטען „געגען די ענוים פון דער ערד" — ד. ה. געגען די עלענדע געפלאָגטע אידען. ווי די קרייץ־צוגען די מחמדאַנער און די אלביגענזישע אפיקורסים האָבען זיך אָנגעהויבען קודם כל מיט די אָנפאַלען און שחיטות אויף די אידען, אַזוי האָבען די פאַנאַטישע מחנות אויך איצט אין דער מלחמה געגען די הוסיטען אָנגעהויבען מיט די מאָרד־און רויב־אָנפאַלען אויף די אידען. די ערשטע האָבען אָנגעהויבען ליידען צרות פונ'ם אויפגעבלאָזענעם פאַנאַטישען פייער די עסטרייכישע אידען — אַ לאַנד, וואָס האָט, גלייך ווי שפּאַניען, זיך געלאָזט געהען פאָרווערטס פון אַ רוהיגער טאָלעראַנץ צו אַנ'אכזריות'דיגער מענשען־שנאה און רדיפות. דעם ערנסטען ערצהערצאָג אַלבּרעכט, וועלכער האָט געהאַט די אויסזיכט צו ווערען דייטשער קייזער, האָט מען דירעקט אָנגעהויבען אויפצורייצען געגען „די פיינד פון גאָט". מען האָט אויסגעטראַכט מעשיות, וועלכע זענען אפילו נישט געוועזען ניי, — אַלץ פערשימעלטע לעגענדעס פון גראָהע אַלטע צייי-

טען, וועלכע האבען אבער נאך געהאט אין זיך אזוי פיעל לעבענס־קראפט, אז זיי האבען געקאנט ווירקען אויף א פירשט, וועלכער האט זיך דוקא אויסגעצייכענט מיט א פעסטען כאראקטער און קלארען פערשטאנד. דריי קריסטליכע קינדער האבען זיך געגליטשט אין וויען אויפ'ן אייז ווייט אויפ'ן טייך דונאי; דאס אייז האט זיך אונטער זיי אונטערגעבראכען און זיי זענען דערטרונקען געווארען. ווען די יאמערנדע עלטערן האבען נאך א לאנגען זוכען זייערע קינדער נישט געפונען, האט עפעס איינער א ווארף געטהון א ווארט: די אידען האבען די קינדער דערהרג'עט, כדי צו פערנוצען זייער בלוט אויף פסח. באלד האט מען פערשפרייט א נייעס בלבול: א קריסטין האט געגנב'עט פון דער קירכע אין נעם די האסטיע און פערקויפט איהר א געוויסען רייכען אידען ישראל, וועלכער האט דאס הייליגע ברויט צושניטען און פונאנדערגעשיקט צו אלע אידישע קהלות שטיקלעך ווייז, כדי זיי זאלען אלע טיילנעהמען אין דער מצוה פון שענדען די האסטיע. אויפ'ן בעפעהל פון הערצאג האט מען די קריסטין מיט די צוויי בעשולדיגטע אידען, ישראל און זיין פרוי, געבראכט קיין וויען, וואו מען האט דורך גרויזאמע ענוים געשועל'ט ביי זיי, דאס „זיי זאלען זיך מודה זיין", ד. ה., דאס זיי זאלען בעשטעטיגען די פאלשע בעשולדיגונג.

באלד נאכדעם האט דער ערצהערצאג אלבערט ארויסגעגעבען א בעפעהל צו ארעסטירען און שלעפען אין תפיסה אלע אידען אין דער עסטרייכישער מדינה אין א בעשטימטען טאג פון פריה־מארגען (י' סיון, 23 מאי 1420). דאס אכזריות'דיגע בעפעהל איז פינקטליך ערפילט געווארען, און אין דער זעלבער צייט האט מען קאנפיסקירט דאס גאנצע פערמעגען פון די רייכע אידען. אין די תפיסות האט מען די פרויען, די קינדער און די עלטערן אבגעריסען איינע פון די אנדערע און צוזעצט אין פערשידענע אבטיילונגען, און ווען זייער יאמער און עלענד האט דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה, זענען געקומען צו זיי די גלחים מיט די צלמים און מיט זיס־גיפטיגע רייד געפאדערט פון זיי, דאס זיי זאלען זיך שמד'ן. שוואכערע אידען האבען געראטעוועט זייער לעבען דורכ'ן שמד; די פעסטערע דאגעגען האבען זיך געעפענט די אדערן מיט רימענס, שטריק, אדער אנדערע געצייג, וואס זיי האבען נור געקאנט בעקומען און געשטארבען אזוי ארום על קדוש השם. די, וועלכע האבען זיך לאנג געהאלטען איינגעשפארט און נישט געלאזט איבערדעדען, האט מען זעהר לאנג געפייניגט אין תפיסה און, ווען מען האט זיי ענדליך ארויסגעלאזען, האבען זיי זיך דערוואוסט, אז זייערע קינדער האט מען מיט געוואלד אריינגעבראכט אין די קלויסטערס, וואו מען האט זיי מיט געוואלד אבגעשמד'ט און ערצויגען אין קריסטענטום. די אידען, וועלכע האבען זיך דערנאך נישט געוואלט שמד'ן, האט מען, נאך א יאהר יסורים אין טורמע, עפענטליך פערברענט לעבעדיגער'הייד אויף די קאסטרעס (ט' ניסן, 12 מערץ 1421). אין וויען אליין האט מען פערברענט העכער הונדערט אידען אויף א לאנקע נעבען דונאי. דער ערצהערצאג אלברעכט האט נאך דערצו ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז

אין דער צוקונפט זאָל קיין איין-איינציגער איד נישט וואוינען אין עסטרייך.

די קאַטוילישע קירכע האָט אָבער ווייניג נחת געהאַט פון די נייע אנוסים. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט אויסגענוצט יעדע געלעגענהייט צו ענטלויפען אין אַ פרעמד לאַנד און אומקעהרען זיך צוריק צום יודענטום. די אנוסים האָבען אויסגעוואַנדערט אין בעהמען-לאַנד, וואו עס האָבען געלעבט די הוסיטען, וועלכע האָבען זיך בעצויגען צו זיי טאָלעראַנט, אָדער צום צפון-קאַנט, קיין פוילען, אָדער, ענדליך, צום דרום, אין איטאַליען. כדי צו פיהרען די מלחמה מיט די הוסיטען איבער דער פראַגע, ווי אַזוי מען דאַרף מאַכען קדוש איבער'ן בעכער וויין אין'ם הייליגען אָבענד-ברוים, האָט דער דייטשער קייזער סיגיזמונד צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסע אַרמעע פון אַלע זיינע לאַנד-קנעכט און אויך געדונגען די ווילדע בראַבאַנטען און האָלענדער. פון אַלע זייטען האָבען זיך אַראָבגעלאָזען די בעוואַפענטע מחנות אין לאַנד בעהמען צו דער הויפּט-שטאָדט פראַג, וואו דער בלינדער טשעכישער העלד יאַן זיסקא האָט זיך געהאַלטען מיט זיין קליינער מחנה געגען אַ וועלט מיט פיינד. געהענדיג צו בעהמען, האָט די דייטשע אַרמעע אַרויסגעוויזען איהר גרויסע גבורה געגען די שוואַכע, אומבעוואַפענטע אידען. די צווילדעוועטע סאָלדאַטען האָבען, ווי פאַרצייטען די קרייץ-ציגלער געטענה'ט: „מיר געהען געגען די פיינד פון גאָט אין אַ ווייט לאַנד און זאָלען נישט נקמה נעהמען אויפ'ן וועג אָן יענע פיינד זיינע, וועלכע האָבען איהם דערהרג'עט?“ וואו נור זיי פלעגען בעגעגענען אידען, פלעגען זיי אָדער אָבשמד'ן, אָדער דערהרג'ענען אויפ'ן אָרט. אויב די אידען האָבען זיך נישט געוואָלט שמד'ן. אין די געגענדען פון טייך רהיין, אין טהירינגען און אין בייערן האָבען זיי געסטראַשעט, אַז ווען זיי וועלען זיך אומקעהרען צוריק פון דער מלחמה, וועלען זיי דאָרט אַלע אידען אויסהרג'ענען. פיעל פרומע אידען האָבען שוין געהאַט אָבגערעדט מיט זייערע געטרייע פרויען, אַז ווי נור זיי וועלען אַליין, שטעהענדיג אויפ'ן וואַך, געבען זיי אַ צייכען, אַז די פיינד קומען, זאָלען זיי (די פרויען) באַלד אויס'שחט'ן זייערע קינדער, כדי נישט צו דערלאָזען, אַז מען זאָל זיי מיט געוואַלד אויס'שמד'ן. פון פיעל געגענדען זענען אָנגעקומען יאָמער-בריעף צום דאַמאָלדיגען מאַינצער רב, דעם גרעסטען אין דייטשלאַנד, רבי יעקב ברבי משה הלוי מולין (דער מהרי"ל, געבוירען אַרום 1365, געשט. 1427) און געבעטען עצות, ווי אַזוי אָבצווענדען פון זיך די סכנה פון גרויזאַמען טויט. דער מהרי"ל איז געוועזען העכסט אָנגעזעהען ביי אַלע קהלות אין דייטשלאַנד, דען ער האָט איינגעאָרדענט די מנהגים אין די שוהלען אין דייטשלאַנד, אונגאַרן און פוילען, מנהגים, וועלכע די אידען היטען נאָך אָב הייליג עד היום אונטער'ן נאָמען „די מנהגים פון מהרי"ל“. אויך די נגונים פון די תפלות און די פיוטים, וועלכע האַלטען זיך נאָך עד היום אין אַלע שוהלען אין די דערמאָהנטע מדינות, זאָלען שטאַמען פון איהם — דער מהרי"ל האָט, באַלד ווי ער האָט דערהאַלטען די טרויעריגע בריעף, פונאַנדערגעשיקט שלוחים צו אַלע אָרט

סינע קהלות אין דייטשלאנד מיט א בעפעהל, אז מען זאל פאסטען עשרת ימי תשובה און באלד נאך סכות — דריי טעג נאכאנאנד א שטרענגען תענית, זאגענדיג תפלות און סליחות און מתודה זייענדיג זיך פונקט אזוי אום יום כפור, לויט ווי ער, דער מהרי"ל האט זיי אנגעוויזען. זיין בעפעהל האבען זיי בעדארפט איבערגעבען ווייטער צו די ארומיגע קהלות דורך שלוחים, פערארדנענדיג, אז מען זאל דארט אויך פאסטען און מודיע זיין נאך צו די ווייטעסטע קהלות וועגען דעם. די דייטשלענדישע קהלות האבען זיך אזוי ארום פערזאמעלט אין די שוהלען אויף א דרייטאגיגען תענית נאך סכות (1421), נאכדעם ווי זיי האבען שוין אבגעפאסט די עשרת ימי תשובה. די אידען האבען ביטערליך געוועהנט און צו גאט געבעטען, אז ער זאל שיקען דעם נצחון די הוסיטען. און אט דערצעהלט דער דאמאלסדיגער כראניקער: „גאט האט צוגעהערט די אידישע תפלות. באלד נאך די תענ׳תים איז דערהאלטען געווארען א ידיעה וועגען דער מפלה פון די ווילדע מחנות פון קעניג סיגיזמונד". ווי נור די געדונגענע ווילדע מחנות האבען דערזעהען, אז דער טשעכישער העלד יאן זיסקא קומט אונטער מיט זיין מחנה גבורים צו דער שטאדט זאאז, וואו זיי האבען זיך פערזאמעלט, איז אויף זיי געפאלען אזא אימה, אז זיי זענען זיך צולאפען אויף זיבען וועגען, איבערלאזענדיג זייער געוועהר און פראוויאנט, אבי נור צו קומען מיט לייב און לעבען צוריק אהיים. פערהונגערטע, פער׳חשך׳טע, זענען א טייל פון זיי, וועלכע האבען פריהער געסטראשעט די אידען אויסצו׳הרג׳ענען, געקומען איצט צו זיי בעטלען א שטיקעל ברויט. די צולאפענע סאלדאטען, וועלכע זענען פריהער געגאנגען, ווי די ווילדע חיות, זענען איצט געוועזען אזוי מ׳עד, אז זיי זענען אפילו נישט געווען אין שטאנד צו טהון עטוואס שלעכטס א קינד פון וויעג.

די דאמיניקאנישע מאנאכען האבען דערווייל געהאלטען זייערע דרשות נעגען די הוסיטען און די אידען, אויפרייצענדיג די קריסטען אנצופאלען אויף די אידען, כדי זיי צו בערויבען, אדער אויך צו דער׳הרג׳ענען. די אידען האבען זיך דאן געווענדעט מיט א ביטע נאך הילף צום פויפסט מארטין V. און ווידער געפועל׳ט ביי איהם, אז ער זאל ארויסגעבען א בולה (23 פעברואר 1422), אין וועלכער ער האט ערקלערט די קריסטען, אז די קריסטליכע רעליגיאן שטאמט פון דער אידישער רעליגיאן, און די אידען זענען דורכאויס נויטיג, כדי צו בעשטעטיגען די ריכטיגקייט פון קריסטענטום. די מאנאכען-דרשנים האט דער פויפסט פערבאטען ארויסצוטרעטען פיינדליך גענען די אידען. די קאטאליקען האט ער בכלל בעפוילען צו בעציהען זיך פריינדליך צו זייערע אידישע מיטבירגער און שטרענג פערבאטען אנצופאלען גענען זיי. — אבער די דאזיגע פריינדשאפטליכע בולה האט אויך אזוי וועניג געווירקט, ווי די זיסע הבטחות וואס דער קייזער סיגיזמונד האט פייערליך געגעבען די אידען. דער גייסט פון דער קריסטליכער וועלט איז שוין איינמאל געווען — רדיפות גענען די אידען, און דעריבער האבען די מאנאכען נישט געפאלגט דעם פויפסט,

ווען ער האָט זיך פּלוצלונג אַרויסגעזאָגט נעגען די רדיפות; און זיי האָבען נישט אויפגעהערט אויפצורייצען דאָס פאָלק נעגען די אידען. נישט קימערנדיג זיך ויענגען דעם פויפּסט'ס און דעם קייזער'ס בעפעהלען, האָבען די קעלנישע בירגער ארויסגעטריבען פון קעלן די אידען, וועלכע איז בלי ספק געווען די עלטסטע אידישע קהלה אין דייטשלאַנד. די אַרויסגעטריבענע האָבען זיך בעזעצט אין דעאוטש (1426). אין ראווענסבורג, איבערלינגען און לינדוי האָט מען פערברענט פיעל אידען אויף די קאַסטרעס, צוליעב אַן עלילת-דם (1430) — די מערדערישע און שטענדיגע רדיפות און אָנפאַלען האָבען געהאַט קודם-כל איין טרויעריגען רעזולטאַט פאַר די אידען אין דייטשלאַנד: עס זענען בייַ זיי מעחט געוואָרען דאָס הארץ מיט'ן מה. אפילו אין תלמוד זענען שויז די רבנים פון יענער צייט געווען זעהר מיטעלמעסיגע לומדים. איינינע רבנים האָבען בעשטימט די דייטשע פירשטען אליין אויף זייערע שטעלעס. ווענינסטענס ווייסען מיר, אַז דער קייזער סיגיזמונד האָט בעפוילען איינעם פון זיינע אַגענטען, היים פון לאַנדסהוט, אַז ער זאָל בעשטימען דריי רבנים (Judenmeister) אין דייטשלאַנד, ווי די שפּאַנישע מלכים פלעגען בעשטימען אַ רב-הכולל. בייַ אַזאַ אַריינמישען זיך אין די אינערליכע אידישע ענינים, האָבען די אידישע ענינים, נאַטירליך, דערפון געליטען, ווייל על פּי רוב פלעגט דאָ שפּיעלען אַ ראָלע געלד, דען די שטעלע פלעגט בעקומען נישט דער אמת'ער למדן און בעליעבטער בייַם פאָלק, נור דער, וואָס פלעגט אָנטערקויפען די שרים. פאַר'ן האַלטען אַ ישיבה מיט תלמידים, וועלכע האָבען געלערנט אויף צו בעקומען אַ היתר-הוראה פלעגט דער רב דאַרפען צאָהלען דער מלוכה-קאַסע אַ געוויסען אָבצאָהל. חאָטש ער פלעגט פון תלמידים קיין געלד פאַר'ן לערנען נישט נעהמען. אָפט אָבער פלעגט מען זעהר בעגרענצען, אָדער גאָר פערבאָטען צו האַלטען אַ ישיבה. נאָכ'ן מהרי"ל איז פון יענער צייט בעוואוסט נור נאָך איין גרויסער רב, רבי נחום פון מערזעבורג, וועלכען די דאָמאָלדיגען אידען האָבען אָנערקענט פאַר אַ גדול בתורה.

אויך די שפּאַנישע אידען האָבען אין יענער צייט נישט בעוויזען פיעל אויפצוטוהן אויפ'ן גייסטיגען געביט, חאָטש זייער לאַגע האָט זיך לערך פערבעסערט. אונטער דעם שוואַכען, אָבער גוטמוטיגען קעניג זשואַן II איז זייער לאַגע געוועזן אַן ערטרעגליכע. דער דאָזיגער קעניג, אָדער פיעל מעהר זיין יועץ דער קאַנצלער אלוואַראָ דע לונא, האָט אַרויסגעוויזען די שפּאַנישע אידען פיעל חסד. כדי צו מאַכען אַ סוף מיט די שטענדיגע סכסוכים אין לאַנד, ווי אויך כדי צו בערוהיגען די שרים, וועלכע האָבען זך געוואָלט דערהויבען די געפאַלענע פינאַנצען פון דער מלוכה, וועלכע האָבען פיעל געליטען פון דער פּאָליטיק פון פאַנאַטיזם און שנאה, וואָס עס האָט געפיהרט דעם קעניגס מוטער קאַטאַלינאַ, האָט דער קלוגער קאַנצלער ווידער אָנגעהויבען מקרב צו זיין אידישע שרים, וועלכע האָבען מיט זייער פעהיגקייט געקאָנט אַרויסהעלפען די מלוכה פון

אידרע אונגליקען. בעזונדערס שטארק האט דער קאנצלער מקרב געווען צו זיך דעם קלוגען און פעהיגען דאן אברהם בנבנשתי, וועלכער האט מיט זיינע עצות און זיין פינאנציעלער טעטיגקייט געבראכט פיעל נוצען דער מלוכה. ווי נור דער יונגער קעניג דאן זשואן איז אויסגעוואקסען און זיך בעפרייט פון די אינטריגעס פון דער רעגענטשאפט (1432), האט ער אנגעהויבען אינגארירען די בעגרענצענדע געזעצען געגען די אידען. מבטל געמאכט האט ער זיי אפילו נישט, אבער ער האט זיך בעצויגען צו אזוי ווי צו א זאך וואס עקזיסטירט כלל נישט. געבראכט דערצו האט דעם קעניג דער קלוגער קאנצלער. דער קעניג האט בעשטימט דעם קלוגען און רייכען דאן אברהם בנבנשתי פאר א רב-הכולל אין קאסטיליען, ווי אויך פאר אנ'אויבערשטען איבער אלע אידישע דיינים, אומקעהרענדיג איהם דאס רעכט צו משפט'ן אויך דיני נפשות (קרימינעלע פראצעסען), כדי ער זאל קאנען בעשטראפען די מוסרים. וועלכע עס פלעגען זיך טרעפען ביי די אידען. דאס דאזיגע רעכט האט מיט א יאהר פופציג פריהער דער קעניג דאן זשואן דער ערשטער צוגענומען ביי די אידען. דאן אברהם בנבנשתי האט אויסגענוצט דעם חסד פון קעניג צו דערהויבען דעם מאראלישען צושטאנד פון די אידישע קהלות אין קאסטיליען, וועלכער איז זעהר געפאלען געווארען אין דער צייט פון די שחיטות און געצוואונגענע שמד'ן, מיט דער איינשטימונג פון קעניג האט ער איינגעארדענט א רבנ'ישע אסיפה אין וואלאדאליד, אין וועלכע עס האבען אויך אנטיילגענומען פיעל אנגעזעהענע מיטגלידער פון די קהלות און בעטראכט מיט זיי צוזאמען אינ'ם קעניגליכען פאלאץ א סטאטוט. וועלכען דער קעניג האט בעשטעטיגט אלס א געזעץ פאר די קאסטילישע אידען (1432). אינ'ם סטאטוט זענען געווען פונקטען וועגען איינארדנען ישיבות פאר תלמידים, וועלכע זענען אינגאנצען חרוב געווארען אין דער צייט פון די רדיפות, וועגען גרינדען שולען פאר קינדער, וועגען אויסקלייבען דיינים און רבנים פאר די קהלות, מיטלען ווי אזוי אויסצובעסערען דעם מאראלישען און זיטליכען צושטאנד, בעזונדערס. ווי אזוי צו מאכען א סוף מיט די מסירות. ווי אויך וועגען איינפיהרען ארדנונג אין דעם איינצאהלען די שטייערען און, ענדליך, וועגען דעם אבשאפען ביי אידען די רייכע קליידער און צירונג, וועלכע האבען דערוועקט די קנאה פון דער בעפעלקערונג צו אידען און געבראכט צו אנפאלען. דאן אברהם בנבנשתי האט דורך די דאזיגע מיטלען צוריק דערהויבען די שפלות פון די אידישע געמיטער, אבער קיין נייעם גייסט האט ער זיי נישט געקאנט אריינגעבען. אפילו זיין השתדלות צו דערהויבען דעם שטודיום פון תלמוד האט נישט פיעל געקאנט אויפטהון. די העברעאישע פאעזיע, וועלכע האט געהאט געבראכט אין שפאניען אזוי פיעל שענע בלומען, איז איצט פערלאזען געווארען. עס זענען בכלל אין דער צייט ארויסגעטרעטען וועניג אויסגעצייכענטע מענשען צווישען די שפאנישע אידען, אויסער איינינע געצעהלטע ווי, למשל, רבי שלמה דאפיירא, דאן ווידאל בנבנשתי.

דער הויפט-רעדנער מצד די אידען אויפ'ן וכוח אין טארטאזא ווי אויך
רבי שלמה בונפיד. דער לעצטער איז געווען בעזונדערס בעקאנט
אלס דיכטער און האט געוואלט אין דער דיכטונג ווערען א צווייטער אבן
גבירול. אבער בונפיד האט געהאט נור אבן גבירול'ס גרייצטקייט און איהם
האט זיך געדוכט, אז דער מזל רודפט איהם אויך אזוי, ווי אבן גבירול און
סמילא האט ער רעכט אויף קלאגען זיך. קיין דיכטער ווי אבן גבירול איז
ער נישט געווארען, דען עס האט איהם געפעהלט זיין טאלענט.

די ליטעראַרישע טעטיגקייט אין דער איצטיגער עפאכע האט זיך ביי
אידען צוגעווענדעט נור אויף איין איינציגען פונקט: אויפ'ן פערטיידי-
גונגס-קאמף געגען די גלחים, וועלכע האבען געהאלטען אין איין טראכטען,
ווי אזוי צו פיהרען די אידען צום שמד. אידישע דענקער מיט א פעסטער
אמונה און איבערצייגטע פרינציפען האבען געהאלטען פאר זייער היילי-
גען חוב עפענטליך צו ערקלערען דאס, כדי צו שטארקען די שוואכע געמי-
טער אונטער די איבערגעבליבענע אידען אין שפאניען, ווי אויך צו פער-
הארטעווען זיי פאר א מעגליך שווערער צוקונפט, אז זיי זאלען קאנען
ביישטעהען אין ביטערע נסיונות. וואס מעהר די קירכע האט אנגעווענדעט
איהרע גרויסע מיטלען און אויסגעשטעלט די נעצען אריינצופאנגען די
אידען און פיהרען זיי אין שמד, אלץ מעהר האבען די אידען זיך בעמיהט
פעסטצוהאלטען זיך ביי דער אלטער אידישער ירושה, ביי דער רעליגיע
פון די עלטערען בעזונדערס שטארק האט מען געמוזט זארגען דערפאר,
אז די שוואכע קעפ זאלען זיך נישט לאזען פערפיהרען דורך פאלשע בע-
גריפען. די איצטיגע צייט איז עהנליך געווען צו דער פערצייטיגער עפאכע
פאר די מכבים, ווען די העלעניסטישע פארטייא ביי אידען האט געשטרעבט
מיט אלע מיטלען אבצווענדען זייערע אייגענע ברידער פון יודענטום און
אין דער דאזיגער טעטיגקייט האט איהר געשטיצט די וועלטליכע מאכט
מיט'ן שווערד. אזוי ארום איז איצט אויסגעוואקסען ביי די שפאנישע אי-
דען א רייכע פאלעמישע ליטעראטור, וועלכע האט געקעמפט געגען יעדער
אבשפאלטונג פון יודענטום. די כונה איז געווען צו עפענען די אויגען די
וועניג בעוואוסטזיניגע אידען, אז זיי זאלען דורך זייער אונוויסענהייט
נישט אריינפאלען אין די אויסגעשטעלטע נעצען. דערביי האט מען אבער
אויך געהאט אין זין די אנוסים, וועלכע מען האט געשטרעבט צו דערמאה-
נען תמיד, אז ווי זענען אידען, כדי זיי זאלען ביסלעכווייז דאס נישט
פערגעסען און געפינען זייער בעפרידיגונג אין קריסטענטום. די מייסטע
פאלעמישע ווערק זענען אלזא געווען געווענדעט בעזונדערס געגען די
משומדים, וועלכע זענען געווארען שונאי-ישראל און פלעגען ארויסטרעטען
מיט שענדענדע און אבשפאטענדע רעדעס געגען אידען און יודענטום
דער גרייז-גראהער משומד שלמה-פאול, וועלכער איז שוין איצט געווען
בישאף אין זיין שטאדט, האט אין צוויי און אכציגסטען יאהר פון זיין
לעבען (1434), איין יאהר פאר'ן טויט, אנגעשריבען א ווערק געגען אידען
און יודענטום: „די ערפארשונג פון תנ"ך" אין דער פארמע פון א דיאלאג

צווישען דעם אפאסטאל פאול און דעם אונגלויביגען אידען שאול (ד. ה. מיט זיך אליין, דען פאול האט געהייסען שאול, ווען ער איז נאך א איד געוועזן). אויב די פריינד און פיינד פונ'ם משומד שלמה-פאול האבען איהם געהאלטען פאר גייסטרייך, איז ער, משמעות, טעמפיג געווארען, שוין זייענדיג בישאף, ווייל דאס ווערק האט ווייניג זין. א צווייטער רב, וועלכען וויצענטי פעררער האט דורך זיינע דרשות צוגעפיהרט שוין אויף דער עלטער צום שמד, זשואן דע עספאניא אדער „דער זקן“, ווי ער האט געהייסען אין טאלעדא, האט אויך געמאכט שטארקע אנפאלען אויף זיין פריהערדיגע רעליגיע: ער האט אנגעשריבען א מעמאראנדום וועגען זיין שמד און געמאכט א פירוש צום צוויי און זיבצינגסטען קאפיטעל תהלים אין קריסטליכען זין, וועלענדיג דאדורך דערוויזען, אז זיין שמד איז נישט געוועזן קיין אונבעדאכטער אדער געצוואונגענער שריט, נור א רעזולטאט פון זיין איבערצייגונג, און אלע אידען מוזען זיך אבזאגען פון זייער טעות און זיך שמד'ן. צי האט דער דאזיגער משומד געמיינט טאקי באמת ערנסט, אדער ער האט געוואלט נושא-חן זיין ביי די גלחים, זיכער איז אבער, אז מיט אזעלכע ווערק האט ער געקאנט מאכען א שטארקען איינדרוק אויף די שוואכמוטיגע און איבעררעדען זיי צום שמד. אויך דער פעררעטערישער משומד יהושע לורקי האט אנגעשריבען אנ'אנפאל-ווערק אויפ'ן תלמוד און געגען זיינע פריהערדיגע ברידער; דאס ווערק האט ער תחילת אנגעגרייט צום וכוח אין טארטאזא, נור איצט האט ער עס פערברייטעט און פערגרעסערט.

געגען אט די ווערק און נאך פיעל עהנליכע האבען אלזא געמוזט ארויסטרעטען די אידישע שריפטשטעלער. דאס ארויסטרעטען געגען די משומדים מיט פאלעמישע ווערק איז אבער געוועזן פערבונדען מיט גרויס סכנה פאר די מחברים און, אויב זיי האבען אויף דער סכנה נישט געאכטעט און זייער זאך עהרליך געטהון, איז עס פון זייער זייט געוועזן א הויכע טהאט. די דאזיגע פערטיידיגער פון יודענטום האבען געהערט מייסטענס צו די מוטיגע אידען, וועלכע האבען אנטיילגענומען אינ'ם וכוח אין טארטאזא, בעזונדערס: דאן ווידאל פעררער אבו-לביא און רבי יוסף אלבו, דער בעל „העקרים“. דער ערשטער האט מחבר געוועזן א ספר אין העבראיש געגען דעם משומד יהושע לורקי'ס אנפאלען אויפ'ן תלמוד, דער צווייטער — א רעליגיאנס-געשפרעך, וואס ער האט געהאט מיט א הויבען גלח. דאס ווערק איז געוועזן געשריבען שפאניש און עס האט געדארפט בעזונדערס האבען א ווירקונג אויף די שוואכמוטיגע אידען ווי אויף די תמימות'דיגע אנוסים, אז זיי זאלען זיך האלטען, האטש בשתיקה, פעסט ביים יודענטום, צוליעב אינערליכער איבערצייגונג, און נישט געפונען זייער רעליגיעזע בעפרידיגונג אין קריסטענטום, צוליעב רגילות. — א פראוואנסאלער איד, וואס זיין פאטער האט געשטאמט פון שפאניען, און ער אליין פלעגט האבען אפטע און נאהענטע בעציהונגען מיט געלעהרטע קריסטען, זייענדיג אזוי ארום געצוואונגען צו

געבען זיי אַנ׳ענטפער אויף פערשידענע שאלות, רבי יצחק נתן בן קלונימוס, האָט מחבר געוועזן אַ ספר געגען דעם משומד יהושע לורקי: „די שטראָף פאַר אַ פאַלשען לעהרער“. אויסער דעם האָט אָבער דער זעלביגער מחבר צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסען און העכסט וויכטיגען ספר, וועלכער האָט געדאַרפט ערלייכטערען אויך פאַר אַנדערע אידען דאָס פערענטפערן דעם יודענטום. ווי דערמאָהנט, האָט רבי יצחק נתן אָפט געהאַט צו טהון מיט קריסטליכע מלומדים און געמוזט ענטפערן אויף זייערע בעווייזען, וועלכע זיי פלעגען ברענגען פון תנ״ך לטובת דעם קריסטענטום דערווייזענדיג אַז על פי רוב האָבען זייערע טעות׳ן געשטאַמט דערפון, וואָס זיי האָבען נישט ריכטיג פערשטאַנען דעם העבּרעאישען אויסדרוק אין תנ״ך און אָט איז ער געקומען צום געדאַנק, אַז עס איז נויטיג צו מחבר זיין אַ ספר, פון וועלכען מען זאָל קאָנען אַרויסזעהען ריכטיג די אמת׳ע בעדייטונג פון יעדען וואָרט אין יעדער שטעלע אין תנ״ך. דער ספר האָט אָבער געדאַרפט זיין צוזאַמענגעשטעלט אַזוי, אַז מען זאָל באַלד ביים עפענען איהם געפינען די נויטיגע שטעלע אָדער וואָרט אין תנ״ך ווי אויך די געהעריגע בעלייכטונג, ווי אַזוי מען מוז עס פערשטעהען. אַזאַ ווערק איז געוועזן אַ ריעזען-אַרבייט, און זי האָט געקאָסט דעם מחבר פיעל יאָהרען פון זיין לעבען (1437—1445). דאָס איז געוועזן „די תנ״ך - קאָנקאָרדאַנץ“. וואו די פסוקים פון תנ״ך זענען גרופּירט לויט די וואָרצלען און דעם שטאַם פון די העבּרעאישע ווערטער, וועלכע ער האָט מסדר געוועזן נאָכ׳ן אלף-בית. רבי יצחק נתן האָט מחבר געוועזן נאָך פיעל אַנדערע ספרים אויך, אָבער אינ׳ם דאָזיגען ווערק האָט ער אויפגעטהון אַ גרויסע זאַך. הגם דאָס איז אַרויסגערופען געוואָרען בלויז צוליעב אַ צייטווייליגער בעדערפניש, צו קאָנען ענטפערן אויף די קריסטליכע אָנפאַלען, האָט עס אָבער אויך געבראַכט פיעל נוצען פאַר דער פאָרשונג און לעהרע פון דער העבּרעאישער שפּראַך. אמת, דאָס אַרבייטענדיג אויף זיין קאָנקאָרדאַנץ, האָט רבי יצחק נתן שוין געהאַט פאַר זיך אַ מוסטער פון אַ לאַטיינישער קאָנקאָרדאַנץ, וועלכע עס האָט מחבר געוועזן דער גלח אַרלאָטאָ דע פּיאַטאָ (1290) די לעצטע האָט אָבער געהאַט אַנ׳אַנדער ציעל און שטעהט בכלל אַ סך נידריגער ווי די קאָנקאָרדאַנץ פון דעם אידישען געלעהרטען.

דער פילאָזאָפיש - געבילדעטער רבי יוסף אבן שם-טוב (געבוירען אַרום 1400, געשט. על קדוש השם אַרום 1460) איז געוועזן זעהר אַ פרוכטבאַרער שריפטשטעלער, אַ בעליעבטער דרשן און אויך אַ מקורב אין קעניגליכען הויף פון דאָן זשואַן II. אויך אבן שם-טוב האָט געשריבען אַ פּאָלעמיש ווערק געגען די יסודות פון קריסטענטום. צוזאַמענקומענדיג זיך אָפט אין קעניגליכען הויף מיט הויכע געלערנטע שרים און בישאָפען, איז ער געצוואונגען געוועזן צו בעקעמפען זי מיט דער טעאָלאָגישער קריסטליכער ליטעראַטור, כדי צו קאָנען ענטפערן אויף די אָפטע פּאַרשלאַגען איבערצוגעהן צום קריסטענטום. איהם איז אויך אויסגעקומען

אפט צו פיהרען רעליגיאנס-וכוחים, כדי צו פערטיידיגען זיין גלויבען. זיינע פארשונגען אין אט דער ריכטונג האט ער איבערגעגעבען אין א קליין ספר'ל: „ספקות אין די פרינציפען פון קריסטענטום", — א ספר, וואס צייכענט זיך אויס מיט א טיעפען קריטישען גייסט. ער האט אויך אנגע-שריבען א פירוש צו פראפיט דוראנ'ס סאטירע און האט איבערזעצט אין העברעאיש דאס ווערק פון רבי חסדאי קרשקש, וואס איז געווען געשריבען אין שפאניש אלס א פאלעמיק געגען די גלחים.

צווישען די מחברים פון פאלעמישע ווערק צו פערטיידיגען דאס יודענטום פערדינט אויך דערמאהנט צו ווערען א אידישער חכם, וועלכער האט געלעבט אין איין צייט מיט רבי יוסף אבן שם-טוב און איז שפעטער כמעט פערגעסען געווארען. דאס איז געווען רבי חיים אבן-מוסה פון בעיאר ארום סאלאמאנקא (געבוירען ארום 1340, געשט. ארום 1460), — א בעריהמטער רופא, פאעט און שריפטשטעלער. א דאנק זיין בע-וואוסטקייט אין דער מעדיצינישער וועלט, איז ער געווען א גרויסער חשוב ביי די הויכע שרים און אויך אין קעניגליכען הויף און געהאט אפט די געלעגענהייט מתוכח צו זיין זיך מיט גלחים און געלעהרטע וועלטליכע קריסטען. א געשפרעך, וועלכען עס גיט איבער רבי חיים אבן-מוסה כאראקטעריזירט דעם טאן, וואס האט געהערשט דאמאלס אין שפאניען, איידער די פינסטערע אינקוויזיציע האט אלעמען דאס מויל פער-שטאפט. א געלעהרטער גלח האט ביי איהם איינמאל געפרעגט: „אויב די אידען האבען באמת די ריכטיגע געטליכע רעליגיע, טא פארוואס האבען זיי נישט ווידער אין זייער רשות די הייליגע שטאדט ירושלים און ארץ ישראל?" דערויף האט אבן-מוסה געענטפערט, אז ווייל זיי האבען דאס אלץ פערלארען דורך די זינד פון זייערע עלטערן, מוזען זיי ערשט פריהער איינגאנצען אבקומען פאר די דאזיגע זינד, איידער זיי וועלען זייער לאנד צוריק בעקומען. דערביי האט ער אבער געשטעלט א געגען-פראגע: פאר-וואס האבען די קריסטען נישט אין זייער רשות אלע מקומות, וואס זענען פאר זיי הייליג אין ארץ ישראל, וועהרענד זיי האבען דאך די מעגליכקייט יעדען טאג מתודה צו זיין זיך פאר א גלח און בעקומען א פאלקאמע מחילה פאר זייערע זינד?

רבי חיים אבן-מוסה האט אונטערגענומען דאן זעהר א וויכטיגע אר-בייט: כמעט אלע אנפאלען אויף דעם יודענטום און די אידען פלעגען בענוצען אלס א זיכערען קוואל די ווערק פונ'ם פראנציסקאנער מאנאך, ניקאלאי דע ליראָ; אין אט האט אבן-מוסה זיך אונטערגענומען מבטל צו מאכען אלע טענות און בעווייזען געגען יודענטום פון דעם דאזיגען ווערק. דערביי האט ער אויך מחבר געווען א ספר „מאנציר און שווערד", אין וועלכען ער לערנט זייגע ברידער, אין וואס פאר אנ'ארדנונג זיי מוזען זיך האלטען ביי די וכוחים און ווי אזוי זיי דארפען פערטיידיגען זייער אמונה.

נאָך צוויי שריפטשטעלער, אַ פאָטער און אַ זוהן, וועלכע האָבען אפילו נעוואוינט אין אלזשיר און זענען אלזאָ געוועזען ווייט פונ'ם פלאַץ, וואו מען האָט געהאַט אויסגעשטעלט די נעצען פאַר זייערע ברידער, כדי צו פייניגען זיי צום שמד. זייענדיג אָבער לויט זייער אָבשטאַמונג און בילדונג נעוועזען עכטע שפּאַנישע (ספרדישע) אידען האָבען זיי אויך געוואָלט קומען צו־הילף די נעדריקטע אין די שטענדיגע וכוחים. און האָבען בערייכערט מיט זייערע ווערק די פּאָלעמישע ליטעראַטור. דאָס זענען געווען: רבי שמעון בן צמח דוראַן (רשב״ץ) און זיין זוהן רבי שלמה דוראַן (רשב״ש) דער פאָטער (געבוירען 1361, געשט. 1439) האָט אין זיין ספר „מגן אבות", וואו ער בעלייכטעט פילאָזאָפיש דאָס יודענטום, געווידמעט אויך אַ קאַפּיטעל דעם קריסטענטום אונטער'ן נאָמען „בוינען און שולד", ויאו ער ווייזט אַרויס אַ זעלטענע ידיעה אין עוואַנגעליום און אין דער ליטעראַטור פון דער קאַטוילישער קירכע. אויפ'ן סמך פון דעם עוואַנגעליום מוסר'ט ער די קריסטען, וועלכע טרעטען אַרויס געגען יודענטום, ווערענד דאָס עוואַנגעליום גופא בעציהט זיך מיט'ן גרעסטען רעספּעקט צו דער אידישער תורה און קריסטוס אַליין בעפעהלט דאַרט שטרענג די אידען נישט אַנצוריהרען.

זיין זוהן, רבי שלמה דוראַן (געבוירען אַרום 1400, געשט. 1467), וועלכער האָט פערנומען זיין רבנות־שטעלע אין אַלזשיר, איז געווען אויסער אַ טיעפער תלמוד־קענער אויך אַ דענקער, וועלכער האָט ליעב געהאַט צו פערשטעהען אַלע אַלטע ערשיינונגען אין אַנפאַנג פון יודענטום און ערקלערען זיי על פי שכל הישר. אָבשטאַמענדיג לויט דער גלייכער ליניע פון רבנו משה בן נחמן (רמב״ן) איז ער געווען זיינער אַ געגנער דערמיט, וואָס ער האָט נישט ליעב געהאַט די קבלה מיט די סתרי־תורה. אין דער הינזיכט איז ער אויך געווען דער היפך פון זיין אייגענעם פאָטער. לויט זיין פאָטער'ס פערלאַנג האָט ער אויפגעשריבען אַ ספר „מלחמת חובה" אַנ'ענטפער אויף די אַנפאַלען פונ'ם משומד יהושע לורקי אויפ'ן תלמוד.

די רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע, וועלכע איז דורך די אידיש־שפּאַנישע דענקער אַליין דערהויבען געוואָרען צו דער מדרגה פון אַ וויסענשאַפט, האָט אין דער איצטיגער עפּאָכע נעהאַט דאַרט איהרע לעצטע פערטרעטער. די זעלבע חכמים, וועלכע פלעגען פערטיידיגען דאָס יודענטום געגען די אַנפאַלער מצד די קריסטען און משומדים, האָבען אויך פערטיידיגט די אידישע וויסענשאַפט פון איהרע פערפאָלגער צווישען די שטרענגע תלמודיסטען, וועלכע האָבען געוואָלט פערטרייבען פון יודענטום יעדעם דענקען. אַזעלכע קנאים, ווי רבי שם־טוב בן שם־טוב, וועלכע זענען געווען איינזייטיג ערצויגען נור אויף תלמוד און קבלה, האָבען געזעהען אין דער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג אַ זייטיגען וועג צו אפיקורסות. דער פאַקט, אַז על פי רוב האָבען „געבילדעטע אידען" זיך געלאָזט פערפיהרען דורך די דרשות פון ווינצענטי פעררער און זענען איבערגעגאַנגען צום

קריסטענטום, האט געשטארקט די מקובלים אין זייער איבערצייגונג, אז די וויסענשאפט, ווי בכלל יעדעס נאכדענקען וועגען יודענטום, מוז פיהרען צום שמד. פעראורטיילענדיג די וויסענשאפט, זענען זיי געווען שטרענג אויסגעהאלטען אויך אין זייער בעציהונג צום רמב"ם און אלע אידישע דענקער. געגען דעם דאזיגען חשק, צו מאכען יעדעס דענקען טריפה פאר א אידען, איז ארויסגעטראטען רבי יוסף אלבו מיט זיין רעליגיאנס-פילאזאפישען ספר „עקרים" (פרינציפען), אין וועלכען ער פיהרט דורך א שטרענגען אונטערשייד צווישען די אמת וויכטיגע און ווענינער וויכטיגע גלויבענס-פרינציפען אין יודענטום, ווי אויך צווישען אמונה און אפיקורסות.

רבי יוסף אלבו (געבוירען 1380, געשט. 1444) האט געשטאמט פון מאנרעאל און איז געווען איינער פון די הויפט-פערטרעטער פון יודענטום אינ'ם וכוח אין טארטאזא פאר'ן פויפסט בענעדיקט XIII. ווי עס שיינט, האט דער אידישער דענקער, צוליעב די רדיפות פון פויפסט, געמוזט אויסוואנדערן קיין סאריא. אלס מעדיקער, האט רבי יוסף אלבו גוט פערשטאנען די דאמאלסדיגע נאטורוויסענשאפטען און איז געווען אויך א תלמיד אין דער רעליגיאנס-פילאזאפיע פון רבי חסדאי קרשקש. זייענדיג א שטרענגער אנהענגער פון תלמוד, האט ער פונדעסטוועגען, ווי זיין רבי, אויך געליעבט די וויסענשאפט און זיך משתדל געווען צו פעראייניגען ביידע עלעמענטען. אלבו איז אבער נישט געווען אזוי טיעף, ווי זיין רבי און זעהר ווייט פון יענעמ'ס אנאליטישער קראפט. אין זיין פארשונג האט ער זיך געהאלטען אין גרעניצען פון די שטרענג ארטאדאקסישע אנשויאונגען. דאס האט איהם געפיהרט אונטערצוזוכען די „עקרים" — די דרייצעהן גלויבענס-פרינציפען, וועלכע דער רמב"ם האט צוזאמענגעשטעלט, כדי איבערצוצייגען זיך, אויב מען דארף נישט פערגרעסערען אדער פערקלענערען זייער צאהל און אויב עמיץ גלויבט נישט אין איינעם פון זיי, צי הייסט ער דערפאר באמת אפיקורוס, אדער ניין. אזוי ארום איז ענטשטאנען זיין רעליגיאנס-פילאזאפיש סיסטעם, דאס לעצטע אידישע פילאזאפישע סיסטעם אין שפאניען. אלבו'ס ארט צו ערקלערען די תורה און די פילאזאפיע האט פיעל מעלות געגען דער ארבייט פון די פריהערדיגע חכמים: זיין שפראך ווי זיין ארגומענטאציע איז לייכט, פערשטענדליך, פאלקסטימליך און אנציהענד. אלבו איז געווען א מגיד, ד. ה. א פאלקסרעדנער און זעהר געאיבט אין זיין פאך, מיט א געוויסער בעגאבונג דערצו. אין זיין ספר האבען די דאזיגע מעלות זיך אבגעשפיגעלט אויף יעדען בלאט. יעדען פילאזאפישען געדאנק קליידעט ער איין באלד אין א שען בילד און דערווייזט איהם מיט געשיקטקייט דורך פסוקים און מאמרים פון די אגדתות און מדרשים.

שטרענגער און אויסגעהאלטענער אין דענקען איז געווען דער גדול פון זיין צייט, רבי יוסף אבן שם-טוב, וועלכער איז אויך געווען דרשן און מגיד. באטש זיין פאטער איז געווען א שטרענגער געגנער פון

פילאָזאָפישען דענקער און אַ גרויסער בעל מקובל, האָט רבי יוסף זיך פערטיעפט אין די רעליגיאָנס-פילאָזאָפישע ספרים, בעזונדערס אין רמב"ם'ס „מורה נבוכים". בהיפך פון זיין פאָטער האָט ער ערקלערט, אַז עס איז אַ חוב צו לערנען די רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע, כדי צו קומען צו דער הויכער מדרגה, פאַר וועלכער דער מענש איז בעשאַפען געוואָרען, אַז דער פילאָזאָפיש געבילדעטער איד, וועלכער ערפילט עהרליך די מצוות פון דער תורה, וועט געוויס פריהער דערגרייכען זיין ציעל, איידער יענער איד, וואָס ערפילט מעכאַניש די מצוות, נישט וויסענדיג זייער בעדייטונג.

אלע דאָזיגע שריפטען פון דער ערשטער העלפט פון פינפצעהנטען יאָהרהונדערט אין שפּאַניען, די פילאָזאָפישע ווי די פּאָלעמישע, זענען נישט געוועזען קיין פרוכט פון אַ פריי ווירקענדען גייסט, וועלכער ענטוויקעלט זיך און דערהויבט זיך ביז די הויכע ספערען פון געדאַנק, געפינענדיג דערין זיין אייגענע בעדערפניש און בעפרידיגונג. נור אַ רעזולטאַט פון דער נויטווענדיגקייט צו בעשיצען און פערטיידיגען דאָס אַלטע, די ירושה פון די אבות, געגען אַלע אָנפאַלען און געפעהרליכע נסיונות. דאָס יודענטום האָט זיך געמוזט אינערליך שטאַרקען און קרעפטיגען, כדי צו קאָנען אויסהאלטען די אויסערליכע שטורעמס.

עס איז דאַמאָלס געוועזען מעהר ווי נויטיג זיך צו בעוואָפענען געגען די גרויסע סכנות, וואָס האָבען געשטאַמט פון בוגדים, וועלכע זענען אַרויסגעקומען פון דער אידישער געזעלשאַפט גופא. די משומדים, וועלכע האָבען זיך דערשלאָגען צו הויכע שטעלעס, האָבען געהאַסט די אידען און דאָס יודענטום נאָך מעהר ווי די געבוירענע קריסטען האָבען דאָס געטהון. אַט די משומדים האָבען איצט געקוקט מיט פערביסענער שנאה און קנאה, ווי די אידען דערהויבען זיך ווידער אין קעניגליכען הויף פון דאָן זשואן II און מיט דער הילף פון זיין קאַנצלער אלוואַראַ דע לונאַ. די מלוכה-פינאַנצען האָבען זיך ווידער געפונען אין אידישען רשות, די אידישע דאָקטוירים האָבען ווידער בעקומען פראַקטיק ביי די קריסטליכע שרים און אין קעניגליכען הויף און בכלל האָבען זיך אויסגעבעסערט די בעציהונגען צווישען דער אידישער און דער קריסטליכער וועלטליכער געזעלשאַפט. שטאַרקער פאַר אַלעמען זענען דערויף בייז געוועזען די זיהן פונ'ם משומד שלמה—פּאַול דע סאַנטא מאַריאַ. פונ'ם שלאַנגען-איי זענען אויסגעוואַקסען גיפטיגע יונגען. דער משומד האָט איבערגעלאָזען בירושה זיין אינטריגערישען גייסט, זיין שלעכטקייט, פאַלשקייט און אכזריות זיינע פיער זיהן, וועלכע האָבען צוזאַמען מיט זייערע פעטערס און קוזינען, געוועהנליך בעוואוסט מיט'ן נאָמען קאַרטאַגענאַ, געהאַט אַ גרויסע מאַכט. דער עלטסטער זוהן פון משומד פּאַול, גאָנזאַלאָ דע קאַרטאַגענאַ האָט גע'ירש'ענט פון זיין פאָטער די בישאָפליכע שטעלע אין בורגאָס און איז געוועזען געזאַנדטער אויף די גלחישע פערזאַמלונגען אין קאָנסטאַנץ און באַזעל. דער צווייטער, אַלפאָנזאָ דע קאַרטאַגענאַ איז געוועזען עלטערער גלח אין סאַנטיאַגאָ און שעגאָביאַ. דער דריטער, פּעדראָ, איז

אריינגענומען געווארען צווישען די הויכע ריטער פון דער קעניגליכער גווארדיע און דערגרייכט צו א הויכער שטעלע אין דער ארמעע און, ענדליך, דער פיערטער: אלוואר סאנהעז איז געווארען בעוואוסט אלס א הויכער ריכטער און טיעפער קענער אין דער יורידספרודענץ. זייערע פעטערס, וועלכע האבען זיך גשמדט צוזאמען מיט זייער פאטער, פעדרא סוארעז און אלוואר גארציא, האבען אויך געהאט זעהר איינפלוסרייכע שטעלעס.

אט די משפחה משומדים, וועלכע האט געהאסט פון טיעפען הארצען דעם קאנצלער אלווארא דע לונא, ווייל ער האט איינגעהאלטען מיט אנ'אייזערנער האנד זייערע אינטריגעס געגען דעם יונגען קעניג, האבען איהם נאך דאפעלט מעהר געהאסט פאר זיין פריינדשאפט צו די אידען. פיעל מאל האבען זיי געמאכט די פראבע מיט זייער גרויסער פארטיי איהם ארא‌בצושטויסען פון זיין הויכער שטעלע. ווייל זיי האבען נישט געקאנט דורכפיהרען איצט אין שפאניען, דאס מען זאל ווידער אנהויבען רודפן אידען, האבען זיי געארבייט וועגען דעם אויף דער גלחישער פערזאמלונג אין באזעל. עס איז ווערט צו בעוואונדערען דעם אינטערעסאנטען פאקט: די קאטוילישע קירכע, וועלכע האט אין איהר אייגענעם אינערליכען לעבען נישט געקאנט הערען א פאלקאמע פרייע בעל הבית'טע און געמוזט צוזעהען, ווי עס פערשטארקט זיך די אפיקורסות פון יאהאן הוס, ווי אויך די שענדליכע אויסגעלאסענקייט פון די גלחים און די מאוסע פערפוילטקייט, וואס זיי האבען מיט זיך אריינגעבראכט, — אט די קירכע האט געהאלטען אין איין טראכטען וועגען די אידען, ווי אזוי צו פיהרען זיי צום שמד, אדער פערטיליגען. די באזעלער קירכען-פערזאמלונג, וועלכע האט אבגעהאלטען איהרע זיצונגען דרייצעהן יאהר (1443—1431) און בעטראכט די גרעסטע אייראפעאישע פראגען, האט אויך זיך בעשעפטיגט מיט דער אידישער פראגע. כדי צו קאנען בעפעסטיגען דעם קריסטליכען גלויבען, מוז מען ערנידעריגען די אידען — אט דאס איז געווען דער הויפט-מאטיוו, וועלכער האט בעוואויגען די פערזאמלונג אבצופרישען די אלטע בעגרענצונגען געגען די אידען און ארויסצוגעבען נייע. די אלטע גלחישע בעשלוסען, אז די קריסטען זאלען נישט האבען קיין מגע ומשא מיט די אידען, נישט דינען ביי זיי, נישט געברויכען זייער הילף אלס דאקטוירים, אז די אידען זאלען טראגען שאנד-לאטעס אויף זייערע קליידער א. א. וו. א. א. וו. — אט דאס אלץ האט מען אין באזעל ווידער בענייט און אבגעפרישט. צוגעגעבען האט מען נאך אייניגע פונקטען: די אידען זאלען נישט צוגעלאזען ווערען צו א התמנות פון דער אוניווערזיטעט, זיי זענען מחויב צו הערען די דרשות פון די גלחים, צו וואס מען קאן זיי צווינגען אויך מיט געוואלד, אז אין די הויכשולען זאל מען לערנען אויך העבראאיש און כאלדעאיש, כדי צו האבען שטענדיג געלערנטע גלחים, וואס זאלען קאנען ווירקען אויף די אידען און פיהרען זיי צום שמד. דאס קאנסיליום, וועלכע האט זיך געהאלטען פאר הייליג, האט זיך פונדעסטוועגען נישט געשעמט

אַנצוערקענען די בולה פון פויפסט בענעדיקט XIII, וועלכען די קירכע האָט אָנערקענט פאַר אַנ'אַפיקורוס. בעזונדערס שטאַרק האָט די פערזאַמלונג אין באַזעל געווידמעט איהר אויפמערקזאַמקייט די שוין געשמדטע אידען. פון איין זייט האָט מען זיי געדאַרפט געבען גרויסע זכיות און פון דער אַנדערער זייט — שטרענג בעאָבאַכטען און אָבהיטען, אַז זיי זאָלען זיך נישט משדך זיין צווישען זיך נור דוקא מיט אמת'ע קריסטען.

וועמען איז עס אַזוי שטאַרק געווען געלעגען צו דערוועקען די אידישע פראַגע אויף דער באַזעלער קירכען-פערזאַמלונג? דאָס זענען געווען נישט קיין אַנדערע ווי דעם משומד פּאוּל'ס זיהן, גאָנזאַלאָ און אַלפאָנזאָ דע קאַרטאַגענאַ, וואָס זייער פאָטער האָט זיי אָבגעשמדט נאָך אין דער יוגענד.

צוליעב די גזרות, וועלכע עס האָט אָנגענומען די באַזעלער קירכען-פערזאַמלונג, האָט זיך פערשטאַרקט די שנאה צו אידען אין סוף פון פינפצעהנטען יאָהרהונדערט ביז דער העכסטער מדרגה אפילו די אידען פון גאַנץ ווייטע לענדער, וועלכע האָבען ביז יענער צייט כמעט גאָרנישט געוואוסט פון רדיפות, האָבען איצט אויך דערשפירט די רעזולטאַטען פון די גלחישע גזרות. אין דייטשלאַנד איז גראָד אין יענער צייט געשטאָרבען דער קייזער סיגיזמונד (1437), וועלכער איז אפילו קיין אוהב-ישראל כלל נישט געווען, ער האָט אָבער שטענדיג געברויכט געלד און פאַר געלד פלעגט ער אויך נישט דערלאָזען קיין שחיטות אויף אידען. און געלד רייסען ביי די אידען האָט ער אפילו נישט געוואוסט קיין שום גרעניץ, און ער האָט זיך אויך נישט געשעמט צו הייסען די אידען אומקעהרען די הוצאות, וואָס עס האָט געקאָסט די גלחישע פערזאַמלונג, וועלכע האָט געגען זיי געמאַכט גזרות, אָבער ווי געזאָגט, קיין שחיטות און רויב-אָנפאַלען אויף אידען האָט ער נישט דערלאָזען. נאָך סיגיזמונד'ס טויט האָט מען אויסגעקליבען פאַר אַ קייזער דעם עסטרייכישען הערצאָג אַלברעכט, וועלכער האָט אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל אונמענשליכקייט געגען די אידען אין עסטרייך. אַלברעכט II איז געווען אַ טויט-פיינד פון אידען און אַפיקורסים. נאַטירליך, פערטיליגען זיי האָט ער נישט געקאָנט. די הוסיטען (די אָנהענגער פון יאָהאַן הוס) האָבען געהאַט גוטע געוועהר און פיעל מוט און די אידען האָט ער אַליין געמוזט האָבען אַלס אַ קוואַל פון וואַנען מען קאָן געלד שעפען אין דער נויט. אָבער רודפ'ן די אידען, אָנטהון זיי צרות האָט ער גערן געוואָלט, און ווען דער ראַט פון אויגסבורג האָט בעשלאָסען (1439) אַרויסצוטרייבען די אידען פון שטאָדט, האָט ער דערויף אויך געגעבען זיין הסכמה. צוויי יאָהר צייט האָט ער געגעבען די אידען אויף צו פערקויפען זייערע הייזער און גיטער, נאָך דעם דאָזיגען טערמין האָט מען זיי אַלעמען אַרויסגעטריבען; און די מצבות פון אידישען בית-עולם האָט מען אויסגענוצט אויף אויסצובעסערען די מויערן פון שטאָדט. צום גליק פון די אידען איז אַלברעכט געווען קייזער בלויז צוויי

יאהר לאנג איבערלאזענדיג די רעגירונג, אדער ריכטיגער געזאגט, די פאלקאמע אנארכיע דעם גוטמוטיגען, שוואכען פרידריך III, וועלכער האט געהאט די בעסטע כונה די אידען צו בעשיצען. דערפאר אבער איז דאמאלס ארויסגעטרעטען געגען די אידען, אויסער די משומדים פון פאול'ס משפחה, דע קארטאגענא, נאך א נייער צורר, דער פראנציסקאנער מאנאך, יאהאן דע קאפיסטראנא, אין דער געשטאלט פון אנ'עניות'דיגען דיענער פון גאט.

דער פויפסט איינעניוס, וועלכען די באזעלער קירכען־פערזאמלונג האט דערנידעריגט אויף שריט און טריט און ענדליך אראבגעשטויסען פון פויפסטליכען שטוהל און אויסגעוועהלט אנ'אנדערען אויף זיין ארט, האט דורך פערראט פון איינגע מיטגלידער פון קאנסיליום און דורך דער שוואכקייט פון די דייטשע פירשטען, מנצח געווען דאס קאנסיליום. פאר די אידען איז ער תחילת געווען נישט שלעכט. ער האט אפילו אויך געהאט בעשטעטיגט די גינסטיגע פריווילעגיעס, וואס דער פויפסט מארטין V האט זיי געהאט געגעבען און פערזיכערט זיי, אז ער וועט זיי בעשיצען, ער האט אויך פערבאטען צו שמד'ן אידען מיט געוואלד, אדער צו רודפ'ן זיי. פלוצלונג אבער האט ער ארויסגעגעבען א בעפעהל צו די בישאפען פון קאסטיליען און לעאן, צו בעגעהן זיך מיט די אידען פיינדליך. די נייע שטימונג פונ'ם פויפסט האט אויך געשטאמט פון דער אויפרייצונג פון די משומדים דע קארטאגענא. דעם משומד פאול'ס זוהן, וועלבער איז געווארען בישאף נאך זיין פאטער'ס טויט, איז געווען איינער פון די הייסע אנהענגער פונ'ם פויפסט איינעניוס, און ווען זיין פארטיי האט געזיעגט, איז ער געווארען ביים פויפסט א גרויסער חשוב. דער פויפסט האט א נאמען געגעבען דעם אידישען בישאף: „די פרייד פון שפאניען און די קרוין פון די בישאפ'ן". עס איז דעריבער קיין ספק נישט, אז נור ער האט אריינגעגעבען דעם פויפסט דעם געדאנק, צו קלאגען זיך אין זיין בריעף צו די שפאנישע בישאפען אויף די קאסטילישע אידען, אז זיי פערהאפען אלע הויכע שטעלעס און פערנעהמען א צושטארק אנגעזעהענעם ארט אין לעבען. אין זיין בריעף צו די בישאפען פון קאסטיליען און לעאן שרייבט דער פויפסט (10־טען אויגוסט 1442) לערך פאלגענדעס: ער האט זיך דערוואוסט, אז די אידען מיסברויכען די פריווילעגיעס, וואס דער פויפסט האט זיי מיט זיין חסד געגעבען, און זיי בעגעהען פיעל שענדליכע מעשים, דורך וועלכע עס ווערט געשענדעט די אמונה. ער געפינט זיך דעריבער גענויטיגט, אבצונעהמען צוריק די חסדים, וועלכע דער פריהערדיגער פויפסט מארטין V און פיעל אנדערע פויפסטען האבען זיי געגעבען. דערביי האט ער איבערגע'חזר'ט אלע גזרות, וועלכע עס האט ארויסגעגעבען אין זיין בולה געגען די אידען דער אפיקורסות'ער פויפסט בענעדיקט, — גזרות, וועלכע מען האט פערנאכלעסיגט אונטער דעם שפאנישען קעניג דאן זשואן II. דאס דאזיגע פויפסטליכע שרייבען האט מען פערעפענטליכט אהן דעם קעניג'ס ידיעה

אין אַלע קירכען פון די קאַסטילישע שטעדט, און דאָס איז געווען די אינ־טרינגע, וועלכע די משומדים האָבען דורכגעפיהרט געגען דעם קאַנצלער דע לונא, וועלכער איז געווען פריינדליך פאַר די אידען.

דער קאַנצלער האָט זיך אָבער אויך נישט אַזוי לייכט אונטערגעגע־בען. אין נאָמען פון קעניג האָט ער אַרויסגעגעבען אַן׳ערקלערונג (פראַג־מאַטיקא 6 אַפּריל 1443), וועלכע האָט מבטל געמאַכט דאָס אידענפיינד־ליכע שרייבען. אין דער ערקלערונג ווערט געזאָגט, אַז סיי לויט׳ן גלחישען, סיי לויט׳ן קעניגליכען רעכט, איז די אידען ערלויבט געווען צו לעבען צווי־שען די קריסטען, און דער פּויפּסט אייגעניוס אַליין האָט דאָס אויך גע־האָט בעשטעטיגט, און אַז דער קעניג האָט דעריבער העכסט אונצופריע־דען אויפגענומען די ידיעה, אַז אין איינינע שפּאַנישע שטעדט האָט מען געהאַט די חוצפה אָנצופאַלען אויף די אידען, מיט׳ן תירוץ, אַז זיי זענען כלומרשט אַ נידעריגע מענשען־קלאַס. אויב אַפילו אויך לויט׳ן געזעץ פון די גלחים טאָר מען זיי נישט דערלאָזען צו אַ העכערע מלוכה־שטעלע און קיין אינערליכע בעציהונג מיט זיי נישט האָבען, הייסט דאָך דאָס נאָך נישט, אַז מען טאָר מיט זיי קיין שום מגע־ומשא נישט האָבען און אַז מען דאַרף זיי אָנטהון שאָדענס. עס איז בשום אופן נישט פערבאָטען די קריס־טען צו היטען (פּאַשען) די אידישע טשערעדע אויפ׳ן פעלד, צו בעאַרביי־טען זייערע פעלדער, אָדר צו מאַכען מיט זיי געשעפט. לסוף פערבאָט די ערקלערונג צו פערעפענטליכען וועלכע עס איז סטאַטוטען אָדער בעפעה־לען געגען די אידען אָהן דעם קעניג׳ס ערלויבניש, און ווער עס וועט אַזעל־כעס טהון, וועט שטרענג בעשטראָפט ווערען. פונ׳ם פּויפּסט ווידער, זאָגט דער קאַנצלער, וועט ער אַליין אַרויסבעקומען אַן׳ערקלערונג, וואו עס וועט זיין שאַרף אָבגעגרענצט, אין וועלכע בעציהונגען מען מעג יאָ קומען מיט די אידען, און אין וועלכע מען דאַרף נישט. דאָס איז מצד דעם קאַנצלער געווען זעהר אַ מוטיגער און געשיקטער אַרויסטריט געגען זיינע פיינד און לטובת די אידען.

די פיינדשאַפט צווישען דעם קאַנצלער און די משומדים מיט זייערע אָנהענגער האָט זיך פערשטאַרקט אַלץ מעהר. אין פעראייניגונג מיט׳ן אַראַגאָנישען קעניג האָבען זיי געטראַכט איהם אָבצורוימען פון וועג. באַלד אָבער האָבען די משומדים איינגעזעהן, אַז זיי נויטיגען זיך נאָך אַליין אין אַ שטאַרקען בעשיצער. פיעל פון זיי האָבען זיך אַרויפגעאַרבייט גאַנץ הויך, ווערענדיג דאַדורך חוצפה׳דיג און שטאָלץ, ווי דאָס קומט פאָר שטענדיג מיט אַזעלכע, וואָס עס געלינגט זיי פון נידריג אַרויפצוקריכען הויך. זייער גדלות און חוצפה האָט אָבער דערוועקט דעם צאָרן פון די אַלט־קריסטען, און אין טאָלעדאָ האָט זיך אָנגעהויבען זעהר אַ פיינדליכע בעוועגונג געגען די משומדים, — אַ בעוועגונג, וועלכע איז באַלד איבער־געגאַנגען אין אַן׳אָנפאַל, ביי וועלכען אַ היבשע ביסעל משומדים זענען דערהרג׳עט און אויסגעהאָנגען געוואָרען אויף תליות (1449). דער קאַנצ־לער מיט׳ן קעניג זענען אַפילו באַלד אונטערגעקומען צו טאָלעדאָ, כדי

לפנים צו דערווייזען, אז זיי זענען נישט צופרידען מיט די עפענטליכע
רציחות, געטהון האבען זיי אבער געגען די רציחות גאר נישט, און זענען
באלד צוריק אבגעפאהרען. פאר די אלט-קריסטען איז דאס געווען א גו-
טער סי.גאל: באלד האבען זיך פערזאמעלט די אנגעזעהענסטע צווישען
זיי און אנגענומען א סטאטוט, לויט וועלכען עס איז פערבאטען געווארען
אויפצונעהמען די משומדים אויף וועלכע עס איז עפענטליכע וועלטליכע
אדער גלחישע שטעלע. אזוי ארום זענען ערנידעריגט געווארען די משומדים
גלייך מיט די אידען. דער קאנצלער האט אבער נאך א געוועהר אויסגע-
שמיעדעט געגען זיי, — א געוועהר, וועלכע איז פאר'ן מאמענט אפילו גע-
ווען נישט אזוי שרעקליך פאר זיי גופא, אבער אין דער צוקונפט האט עס
געדארפט מאכען דאס לעבען פאר א גיהנום פאר זייערע יורשים. ער האט
נעמליך געפועלט ביים קעניג, אז ער זאל אין א בריעף צום פויפסט ני-
קאלאי V זיך בעקלאגען (1451), אז די משומדים, סיי די גלחישע, סיי די
וועלטליכע, סיי די מאנאכען, סיי די מאנאכינעס זענען בשתיקה אידען
און מאכען נור צו-שאנד און צו-שפאט די קירכע דורך זייער כלומר'שטען
שמד. ווען דער פויפסט האט דעם בריעף ערהאלטען איז ער זעהר ער-
ביטערט געווארען נעגען די משומדים און בעפוילען דעם בישאף פון אסמא,
ווי די דאמיניקאנישע לעהרער פון דער אוניווערזיטעט אין סאלאמאנקא
(1451), אז זיי זאלען איינארדנען א שטרענג געריכט געגען די אנוסים,
וועלכע מען איז חושד אין נוטה זיין צום יודענטום. דאס געריכט דארף זיך
נישט רעכענען מיט דער הויכער שטעלע פון די משומדים, און אויב
אפילו עמיצער פון זיי איז א בישאף, דארף מען איהם שטעלען פאר'ן
געריכט, קוים האט זיך דערוועקט געגען זיי א חשד, אז זיי זענען נוטה
צום יודענטום. און אויב עס וועט זיך ארויסווייזען, אז די בעשולדיגונג איז
ריכטיג, דארף מען זייער פערמעגען קאנפיסקירען און איבערגעבען זיי דער
וועלטליכער מאכט צו בעשטראפען מיט'ן טויט.

אזוי ארום האט דער קאנצלער **א ל ו ו א ר א ד ע ל ו נ א** געהאט
אין זיין רשות די משומדים, וועלכע האבען זיך אונטערגעגעבען אונטער
איהם. און יעדען איינענבליק האט ער זיי געקאנט פערניכטען, דען מען
האט נור געדארפט האבען לפנים א בעווייז, אז זיי זענען נוטה צו אידיש-
קייט, וואס ס'איז, נאטירליך, לייכט געווען צו בעקומען, און זיי זענען גע-
ווען פערלוירען. אט אזוי ארום איז בעשאפען געווארען דאס טייוולאני-
שע געריכט פון דער אינקוויזיציע געגען די אנוסים, וועלכע האט אין א
משך פון איין דור געבראכט אויף זיי אזעלכע שרעקליכע אונגליקען וואס
קיין אומה ולשון האט דאס נאך נישט געזעהען, זינט די וועלט שטעהט.
אויף די משומדים האט דער דאזיגער שריט פונ'ם קאנצלער געמאכט א
געוואלדיגען איינדרוק. און זיי האבען דעריבער בעשלאסען איהם צו
פערניכטען פאר יעדען פרייז. זיי האבען טאקי נישט גערוהט, ביז זיי הא-
בען זיך דערשלאגען, אז מען זאל איהם פעראורטיילען, ארייניווארפען אין
תפיסה און לסוף בעשטראפען מיט'ן טויט. צווישען די ריכטער, וועלכע

דער קעניג האָט ענדליך, נאָך פיעל מסירות אויף זיין קאַנצלער, בעשטימט איהם צו משפּט'ן, זענען געווען פיעל מאַראַנען (אנוסים), און איינער פון זיי, פערנאַנדאַ דיאַז דע טאָלעדאָ, האָט געפּועלט, אַז מען זאָל זיין פערמעגען קאָנפיסקירען און איהם אַליין, דעם געוועזענעם אַלמעכטיגען קאַנצלער, אויפהענגען (1453).

פאַר די קאַסטילישע אידען איז דעם קאַנצלער'ס טויט געווען אַ גרויס אונגליק. עס האָט זיי געפעהלט אויף שריט און טריט זיין מעכטיגע האַנד, מיט וועלכער ער פלעגט זיי שטיצען. דער מעכטיגסטער אידישער פיינד איז אָבער געווען דאָס פּויפּסטום, וועלכעס איז ווידער מעכטיג געוואָרען און האָט געהאַלטען די שנאה צו אידען פאַר אַ הויפּט-פּרינציפּ אין פּראָגראַם פון זיין טעטיגקייט.

דער פּויפּסט ניקאָלאַי, וועלכער האָט פערנומען דעם פּויפּסטליכען שטוהל נאָך דעם טויט פון פּויפּסט אייגעניוס, האָט ענערגיש געפיהרט די פּאָליטיק פון רדיפות און ערנידערונג געגען די אידען. די פּריווילעגיעס פון די איטאַליענישע אידען, וועלכע דער פּויפּסט מאַרטין V האָט בעשטעטיגט און דער פּויפּסט אייגעניוס האָט אינגאַנצען נישט מבטל געמאַכט, האָט דער פּויפּסט ניקאָלאַי בעפוילען צוצורייסען, און די אידען זענען געשטעלט געוואָרען אונטער די אויסנאַהמס-געזעצען. אין אַ בולה האָט ער איבערגע'חזר'ט די זעלבע בעגרענצונגען פאַר די איטאַליענישע אידען, וועלכע עס האָט געהאַט אַרויסגעגעבען דער פריהערדיגער פּויפּסט פאַר די אידען פון קאַסטיליען. קיין איינציגען פּונקט האָט ער נישט פערלייכטערט, נישט ערלויבענדיג אפילו אַ קריסט צו מאַכען פייער ביי אַ אידען אין שטוב אום שבת. ניקאָלאַי'ס בולה האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג, ווייל ער האָט אין איהר בעשטימט פאַר אַן אויספיהרער פון די פּונקטען דעם תליון פון די אידען און די אפּיקורסים, יאָהאַן די קאַפּיסטראַנאָ. ער האָט עס געדאַרפט אַליין האָבען די אויפזיכט, אַז מען זאָל די פּונקטען פון דער בולה אָבהיטען און שטרענג בעשטראָפען די, וועלכע וועלען אויף זיי עובר זיין. צו-הילף האָבען איהם געדאַרפט שטעהן די פראַנציסקאַנער מאָנאַכען. ווי ווייט די דאָזיגע „אָבהיטונג“ האָט גערייכט קען מען זעהן דערפון וואָס דער דאָזיגער „גבור“, יאָהאַן קאַפּעסטראַנאָ האָט קאָנפיסקירט דאָס פערמעגען פון אַ אידישען דאָקטאָר דערפאַר וואָס ער האָט געגעבען הילף אַ קריסטליכען חולה מסוכן.

די סיסטעמאַטישע שנאה צו אידען, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען אין דער באַזעלער פערזאַמלונג און איז געוואָרען די נשמה פון די פּויפּסטען, האָט געהאַט אַ ריזיגען איינפלוס אויף די ווייטעסטע קרייזען, ווירקענדיג ווי אַן אָנשטעקענדע קרענק. דער ווילדער און פאַנאַטישער הערצאָג פון לאַנדסהוט, לודוויג דער רייכער, האָט פּלוצלונג געהייסען שלעפּען אין תפיסה אַלע אידען אין זיין מדינה (1450) און קאָנפיסקירען דערווייל זייער גאַנצען פערמעגען. נאָכדעם ווי מען האָט די אונגליקליכע אָבגעהאַלטען אין עלענד און דחקות אַ חודש צייט אין תפיסה, האָט דער

ווילדער הערצאג נאך געפאדערט פון די אידען, אז זיי זאלען איהם אויסצאהלען דרייסיג טויזענד גולדען פאר זייער לעבען און דאן האט מען זיי ארים און נאקעט ארויסגעטריבען פון לאנד. דער הערצאג האט גערן געוואלט בעגעהען זיך אויך אזוי מיט דער רייכער און גרויסער אידישער קהלה אין רעגענסבורג, וועלכע איז געשטאנען אין זיין רשות; אבער ווייל זיין ממשלה איז געווען דארט א בעגרענצטע, און די דארטיגע אידען האבען זיך געפונען אונטער'ן שוץ פונ'ם שטאדט-ראט און האבען זיך דורך זייערע פריווילעגיעס גערעכענט פאר בערעכטיגטע בירגער פון שטאדט, האט ער מיט זיי אויף אזא אופן נישט געקאנט זיך בעגעהן און האט דארום אנגעטהון זיי פיעל אנדערע רשעות וואס האט זיי פערביטערט דאס לעבען, און פיעל אידען האבען זיך געמוזט אבשמד'ן.

די דאזיגע אכזריות און די גלחישע געזעצען געגען די אידען האט געהאט א געוויסען גרונד אין דער מורא, וואס די קאטוילישע קירכע האט געהאט פאר'ן יודענטום. די פויפסטען האבען געציטערט פאר'ן אידישען גייסט, וועלכער האט געקאנט, דורך זיין איינפלוס אויף די קריסטען, אבווענדען די הערצער פון פויפסטליכען שטוהל. דאס, וואס דער פויפסט האט פערשוויגען אין זיינע אויפגעבלאזענע בולעס און בריעף „צו זיינע פרומע שעפסען", דאס האט ארויסגעזאגט א קארדינאל און שריפטשטעלער, וועלכען עס זענען גוט געווען בעקאנט דעם פויפסט'ס כונות און געהיימסטע געדאנקען, ניקאלאי פון קוזא, דער לעצטער אבוואוקס פון דער סכאלאסטישער פילאזאפיע, וועלכע האט פאנטאזירט וועגען א פעראייניגונג פון אלע רעליגיאנען און איינאייניגען גלויבען. ער האט איינגעשטימט מבטל צו מאכען די צערעמאניעס פון דער קאטוילישער קירכע, אפילו אויך מל'ה צו זיין זיך, אויב נור אלע נישט קריסטליכע פעלקער זאלען אנערקענען דעם קריסטליכען פרינציפ פון דער דריי-איינגקייט. ער האט אבער מורא געהאט פאר דער „אידישער עקשנות", וועלכע האלט זיך שטאל און אייזען ביי דער אבסאלוטער איינגקייט פון גאט. זיין איינציגער טרייסט איז געווען, אז סוף כל סוף וועלען דאך די אידען נישט קאנען שטערען דעם אלגעמיינעם שלום און די אחדות צווישען אלע אומות העולם, ווייל די אידען זענען דאך זעהר ווייניג אין דער צאהל און דערצו נישט בעוואפענט. נאטירליך, האבען די אידען אין אט דער ריכטונג געוויס קיין שום מאכט נישט געהאט. אבער דער פאנאטיקער ניקאלאי האט ביי זיי געוואלט צונעהמען אויך זייער גייסטיג געוועהר. דעם דאזיגען קארדינאל האט דער פויפסט בעשטימט פאר א לעגאט אין דייטשלאנד, כדי ער זאל דארט טיילווייז אויך רעפארמירען דאס פערדארבענע לעבען פון דער קירכע און די קלויסטערס (1450). דער קארדינאל ניקאלאי קוזאנוס האט זיך אבער אויך בעשעפטיגט מיט די אידישע ענינים. אויפ'ן פראווינציאל-קאנסיליום אין באמבערג האט ער געפאדערט, מען זאל שטרענג אכטונג געבען, דאס די אידען זאלען טראגען א קיילעכדיגע רויטע שאנדלאטע אויף דער ברוסט און די אידישע פרויען — א בלויע לאטע אויף

זייער קאפ-פוץ (מאי 1451), א שטייגער, ווי דאדורך וואלטען די גלחים, געווארען פרימער און די מאנאכען וואלטען מיט די מאנאכינעם אויפגעהערט פיהרען זייערע אויסגעלאסענע זנות־מעשים. דאס אבזונדערן די אידען פון דער קריסטליכער געזעלשאפט האט געבראכט נור איין רעזולטאט: די אידען זענען רייך געבליבען פון דער קאטוילישער אונציכטיגער פערפלעקונג.

וואס פאר א פאלשער שריט דאס איז געווען מצד דער קאטוילישער קירכע, ארייבצוברענגען אין קאטוילישען גלויבען אין שפאניען נייע טויזענדער, טויזענדער אנוסים. די מיט געוואלד אבגע'שמד'טע אידען האבען דאך דורך דעם שמד נישט אויפגעהערט צו זיין אין הארצען אמת'ע אידען, און זייערע שארפע אויגען זענען דאך דורך דעם שמד נישט פערבלענדעט געווארען, זיי האבען געזאלט אויפהערען צו זעהען די שרעקליכע מעשים פון די קאטוילישע גלחים און ממילא מאכען אויפמערקזאם דערויף אויך די אלט-קריסטען. די גלחים האבען אבער פון אט דעם איינפאכען חשבון נישט געוואלט וויסען. דאס צווינגען די אידען צום שמד איז געווען איינע פון זייערע ערשטע אויפגאבען, און אין דער הינזיכט איז דער פראנציסקאנער מאנאך, יאהאן דע קאפיסטראנא, געגאנגען פאר זיי אלעמען פאראויס. אין פיעל לענדער האט ער די אידען טיפע וואונדען געמאכט. דער דאזיגער בעטלער־מאנאך מיט'ן העסליכען פנים האט געהאט א הניפות'דיגע שטימע מיט אן'אייזערנער ענערגיע און ער האט געקאנט דאדורך ריהרען, אנציהען, ארייבברענגען אין גרויסער התלהבות און דערשרעקען נישט בלויז דעם פראסטען המון, נור אפילו די געבילדעטערע קרייזען, דערוועקענדיג זיי צום פאנאטיזם און די אכזריות'דיגע מעשים. ער אליין האט פעסט געגלויבט, אז מיט'ן בלוט פון דער נאז פון זיין לעהרער בערנאדין פון סיענא, ווי אויך מיט זיין קאפאטע קאן ער באמת אויסקורירען פיעל מחלות און אפילו מחיה-מתים זיין. קאפיסטראנאס שטרענגער לעבענס־שטייגער, זיינע תעניתים און בענוגענען זיך מיט גאנץ וועניג און מאגער עסענס, זיין אמת'ער האס געגען לוקסוס, וואויל-לעבען און שכרות האט געמאכט א בעזונדערס שטארקען איינדרוק אויף דער קריסטליכער געזעלשאפט דערפאר, וואס דאס איז געווען גאר אן'אונגעוועהנליכע ערשיינונג אין דאמאלדיגען לעבען פון די גלחים, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט דער העכסטער אויסגעלאסענהייט. וואו קאפיסטראנא פלעגט זיך נור בעווייזען, פלעגען זיך צוזאמענלויפען טויזענדער קריסטען צו הערען זיינע דרשות און ארייגעהן דורך זיי אין דער העכסטער פאנאטישער התלהבות, חאטש מען האט נישט פערשטאנען פון זיי קיין איינציג ווארט, דען ער פלעגט די דרשות האלטען אין לאטייניש. די חיטרע פויפסטען, אייגעניום IV און ניקאלאי V, האבען איהם אויסגענוצט אלס א אינסטרומענט, כדי צו פערשטארקען דעם אבגעשוואכטען גלויבען אין זייער הייליגקייט. זיי האבען איהם געשיקט אין אלע מדינות, צו האלטען דרשות וועגען דער הייליגקייט פון

פויפסטליכען שטוהל, וועגען דער אונמעגליכקייט פאר'ן פויפסט צו האבען א טעות, ווייל גאט'ס גייסט רוהט אויף איהם. קאפיסטראנא פלעגט אבער אנפאלען מיט זיין גאנצער קראפט אויך אויף די אידען פאר זייער נישט גלויבען אין קריסטענטום. שוין פריהער האט איהם בעשטימט די קעניגין יאהאננא פון נעאפעל פאר א אינקוויזיציאנס-ריכטער איבער די אידען, געבענדיג איהם די מאכט צו בעשטימען אויף זיי די גרעסטע שטראף, אויב זיי וועלען עובר זיין אויף די גזרות, וואס די קירכע האט געגען זיי ארויסגעגעבען.

וואו נאר דער דאזיגער קאפוצינער דרשן פלעגט זיך בעוויזען אין דייטשלאנד, פלעגט ער פערשפרייטען אנ'אימה צווישען די אידען, וועלכע פלעגען ציטערן דערהערענדיג בלויז זיין נאמען. אין בייערן, שלעזיען, מעהרען און עסטרייך, וואו די לאגע איז בכלל געוועזען אנ'אנגעשטרענגטע, צוליעב דער אפ-קורסות פון די אנהענגער פון יאהאן הוס (אין בעהמען), האט קאפיסטראנא געהאט א בעזונדערס רייכען מאטעריאל פאר זיינע גיפט-דרשות און, נישט קאנענדיג דערגרייכען צו די שטארקע בעהמען, פלעגט ער אויסלאזען זיין גאנצען כעס אויף די אידען. די בייערישע הערצאגען, לודוויג און אלברעכט, וועלכע האבען שוין פריהער געהאט פערטריבען פון זייערע מדינות די אידען, זיינען דורך קאפיסטראנא נאך מעהר פאנאטיזירט געווארען. דער ערשטער האט געשטעלט די פאדערונג צו איינגע גראפען און צו דער שטאדט רעגענסבורג, אז זיי זאלען די אידען ארויסטרייבען פון זייערע מקומות. דער רעגענסבורגער מאגיסטראט און דער בירגערמייסטער האבען אבער נישט געוואלט צונעהמען ביי די אידען זייערע אלטע פארצייטיגע פריווילעגיעס, אבער בעשיצען די אידען פון די רדיפות מצד די גלחים האבען זיי נישט געקאנט. קאפיסטראנא האט אבער אויך דא אין א געוויסער מאס געפועלט עטוואס, אזוי, למשל, האט דער רעגענסבורגער שטאדט-ראט בעפוילען, אונטער א שטרענגער בעשטראפונג, די קריסטליכע אקושערקעס נישט צו קומען בשום אופן צו הילף א אידישער קימפעטארין. אפילו ווען יענע געפינט זיך אין סכנות נפשות.

די פערענדערונג אין דער בעציהונג צו די אידען נאך קאפיסטראנא'ן האט זיך בעזונדערס שארף ארויסגעוויזען אין פערהאלטען זיך געגען זיי פון דעם בישאף גאטפריד פון ווירצבורג, וועלכער איז אויך געוועזען הערצאג פון פראנקען. באלד נאך זיין איבערנעהמען די רעגירונג האט ער געגעבען די אידען אזא פרייהייטס-בריף, ווי זיי האבען איהם זיך בעסער נישט געקאנט ווינשען: ער האט דארט מבטיח געווען די אידען, וועלכע געפינען זיך איצט אין לאנד, ווי אויך די, וועלכע וועלען נאך אמאל צוקומען, אז ער און זיינע נאכפאלגער וועלען זיי אייביג שיצען און בעשירמען. קיינער פון זיי זאל נישט געפאדערט ווערען נישט פאר א וועלטליך, נישט פאר א גלחיש געריכט, נור זיי אליין דארפען זייערע סכסוכים משפט'ן און אויסגלייכען, די רבנים פון ווירצבורג האבען געדארפט זיין

פריי פון אָבצאָהלונגען און געקאָנט האַלטען תלמידים אין זייערע ישיבות, ווי פיעל זיי וועלען געפינען פאַר נויטיג. ער האָט אויך געגעבען די אידען די פרייהייט פון בעוועגונג אין דער גאַנצער מדינה און די, וואָס האָבען נעדאַרפט זיך אַרויסציהען פון לאַנד, האָט ער צוגעזאָגט בייהילפינג צו זיין ביים איינמאָהנען די חובות, ווי אויך פערזיכערט אַ רוהיגע בעגלייטונג. יעדען אידען, וועלכער האָט איינגעוואַנדערט אין לאַנד האָט דער בישאָף געגעבען אַ גינסטיגען שוץ-בריף.

איינינע יאָהר שפּעטער, נאָכדעם, ווי קאַפּיסטראַנאָ האָט געהאַלטען אין דער מדינה זיינע דרשות, האָט זיך די לאַגע געביטען אינגאַנצען. דער זעלביגער בישאָף און הערצאָג פון פראַנקען האָט, „צוליב די שווערע אַנקלאַגען פון זיינע אונטערטאַנען געגען די אידען" אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל (1453), אַז ביז צו יאַנואַר פון פאָלגענדען יאָהר זאָלען זיי פערקויפען אַלע זייערע גיטער און פערצעהן טאָג נאָכדעם אויסוואַנדערן. אַלע שטעדט, גראַפען, הערען און ריכטער איז בעפוילען געוואָרען, אַז זיי זאָלען די אידען אַרויסטרייבען פון לאַנד. די חובות האָבען אויך נישט געדאַרפט אויסגעצאָהלט ווערען די אידען בשלמות. און דאָס זענען געווען די פרוכטען פון קאַפּיסטראַנאָ'ס דרשות: פון אַ מענשליכען פירשט האָט ער געמאַכט אַ ווילדע חיה.

שרעקליך איז אויך געווען קאַפּיסטראַנאָ'ס ווירקונג פאַר די אידען פון שלעזיען, וואו ער האָט זיך אַרויסגעוויזען ווי אַן אמת'ע „רוט פאַר די אידען", ווי זיינע אַנהענגער האָבען איהם גערופען. אין דער דאָזיגער פּראָווינץ, וועלכע האָט דאַמאָלס געהערט האַלב צו פּוילען און האַלב צו בעהמען, זענען געווען צוויי אידישע הויפּט-קהלות, אין ברעסלוי און אין שווידניץ. אויף דער איינלאַדונג פון'ם בישאָף פּעטער נאָוואַק, איז קאַפּיסטראַנאָ געקומען אין דער שלעזישער הויפּט-שטאָדט, כדי צו סופר'ן דאָרט די שענדליך אויסגעלאַסענע גלחים. זיין דרשה פאַר די גלחים האָט קאַפּיסטראַנאָ געהאַלטען ביי פערשלאָסענע טהירען, ווייל מען האָט נישט געוואָלט, אַז אַ זייטיגער מענש זאָל עטוואָס הערען וועגען דער מאָוסער אויסגעלאַסענהייט פון די גלחים. אָבער זיינע דרשות געגען אידען און אפּיקורסים האָט ער געהאַלטען פאַר'ן המון, וועלכען ער האָט ווי שטענדיג שטאַרק אויפגעהעצט. די אויפרעגונג פון המון געגען די אידען האָט זיך מעהר פערשטאַרקט, צוליעב אַ פאַלשען קלאַנג, וואָס מען האָט בכיון פערשפּרייט, אַז אַ געוויסער רייכער ברעסלויער איד מיט'ן נאָמען מאיר, וועלכער האָט געהאַט פיעל געלד פערבאָרגט די אָרטיגע קריסטען אין שטאָדט און די אָרימע פּריצים אין דער געגענד, זאָל האָבען געקויפט אַ האָסטיע, זי געשטאָכען, געשענדעט און פונאַנדערגעשיקט טיילען פון איהר צו די קהלות פון שווידניץ, ליגניץ און אַנדערע, „כדי זיי זאָלען אויך האָבען אַ חלק אין דער אידישער מצוה צו שענדען אַ האָסטיע". מען האָט באַלד פערנומען אין תפיסה אַלע ברעסלויער אידען, זייער פערמעגען, פערשטעהט זיך, קאָנפיסקירט, און — וואָס דער עיקר

איז געווען פאר די בבול-מאכער — מבטל געמאכט די חובות, וואס מען
איז שולדיג געווען די אידען, לערך פינף און צוואנציג טויזענד אונגארישע
גאלד-גילדען (1453). ווייל אבער איינינע פון די אומגליקליכע ברעסלויער
אידען זענען אנטלאפען, און מען האט זיי באלד געחאפט, איז די זאך גע-
ווען פאר אלעמען קלאר, אז די מעשה מיט דער האסטיע איז אמת. די
פיהרונג פונ'ם דאזיגען פראצעס האט איבערגענומען אין זיינע הענד קא-
פיסטראנא אליין. איינינע אידען האט ער בעפוילען צו פייניגען און אנ-
געוויזען די תליונים, ווי אזוי מען דארף די ענוים מאכען. קאפיסטראנא
האט שוין דערין געהאט א רייכע פראקטיק. די נעפייניגטע האבען זיך
„מודה" געווען אין דער שענדונג פון דער האסטיע און אויך דערין, אז זי
האט בעוויזען מופתים. אין דער זעלביגער צייט האט מען אויך פער-
שפרייט נאך איין שענדליכען שקר. א געוויסע משומדת'טע האט דער-
צעהלט, אז די ברעסלויער אידען האבען שוין פריהער פערברענט א
האסטיע און א צווייטען מאל האבען זיי א קריסטליך קינד גע'גנב'עט,
אבגעקארמעט עס, דערנאך אריינגעזעצט אין א פאס מיט שפיציגע
טשוועקעס פון אינווייניג און אזוי לאנג געקייקעלט דאס פאס, ביז דאס
קינד איז געשטארבען. דאן האבען די אידען זיין בלוט פערנוצט אויף מצות
און נאך פונאנדערגעשיקט א טייל פון איהם אויך צו די איבריגע קהלות.
מען האט אויך געפונען עפעס ביינער פון א קינד — די אידישע שולד איז
אלזא דערוויזען געווארען. מען האט דעריבער אריינגעווארפען אין תפיסה
די איינוואוינער פון פיעל אידישע קהלות אין שלעזיען, ברענגענדיג זיי
קיין ברעסלוי, סך הכל 318 נפשות. קאפיסטראנא האט זיך געזעצט צום
געריכט, און מען האט זיך גענומען צו דער ארבייט. אויף דעם זאלצרינג
(איצט בליכערפלאץ), וואו קאפיסטראנא האט געוואוינט, האט מען פער-
ברענט איין און פערציג אידען, וואס זייער שולד האט מען כלומרשט
דערוויזען (2-טער יוני 1453). דער ברעסלויער רב האט זיך אליין אויפגע-
האנגען, נאכדעם, ווי ער האט געראטען די איבריגע בעשולדיגטע אויסצו-
צושחט'ן איינער דעם אנדערן. די איבריגע אידען האט מען פערטריבען
פון ברעסלוי, נאכדעם ווי מען האט ביי זיי צוגענומען זייערע קינדער,
יונגער פאר זיבען יאהר, כדי זיי אבצושמד'ן און ערציהען אין די קלויס-
טערס. אזוי האט עס פערלאנגט קאפיסטראנא. דעם קעניג לאדיסלאוס
האט קאפיסטראנא דערוויזען אין א געלעהרט ווערק, אז אזוי פאדערט
עס דאס קריסטענטום און די קריסטליכע פרומקייט. דער דאמאליגער
שטאדט-שרייבער עשענלאער, וועלכער האט מורא געהאט די מויל
צו עפענען נעגען אזא אונמענשליכען פסק-דין, האט פערשריבען אין זיין
טאג-ביכעל דעם פאקט מיט א בעמערקונג דערצו: „אויב די זאך איז געט-
ליך אדער נישט, זאלען זאגען די גלחישע לעהרער און זייער יושר". די
גיטער פון די פערברענטע און ארויסגעטריבענע אידען האט מען, נא-
טירליך, קאנפיסקירט און דערמיט אויפגעבויט די בערנארדינער קירכע.
דאס איז נישט געווען די איינציגע קירכע, וואס מען האט געהאט אויפ-

נעבויט מיט בלוט-געלד. מיט די אידען אין די איבריגע שלעזישע שטעדט האט מען זיך בעגאַנגען נישט בעסער: אַ טייל פון זיי האט מען לעבעדי־ גערהייט פערברענט, און די איבריגע האט מען אַרויסגעטריבען אָרים און נאַקעט פון לאַנד. ווען די ראַטמענער פון שטאָדט ברעסלוי האבען געבע־ טען ביים קעניג, אַז ער זאָל אַרויסגעבען אַ געזעץ, דאָס אין דער צוקונפט זאָל זיך קיין איינציגער איד נישט בעזעצען אין ברעסלוי, האט דער נאָך גאַר יונגער לאַדיסלאַוס אַזאַ געזעץ אַרויסגעגעבען „כדי צו דערהויבען און בעעהרען דעם קריסטליכען גלויבען". די מערדערייען אויף די ברעס־ לויער אידען האט ער זעהר געלויבט, ווייל „די אידען האבען געליטען, לויט זייער פערדינסט" — אַנ'ערקלערונג, ווי עס פּאַסט פאַר'ן זוהן פונ'ם קעניג אַלברעכט II פון עסטרייך, וועלכער האט געלאָזען פיעל אידען פערברענען און די איבריגע אַרויסטרייבען. דערזעלביגער קעניג האט אויך אַרויסגעטריבען די אידען פון אַלמיץ און ברין, משמעות, אויך לויט'ן פערלאַנג פונ'ם פרומען מאָנאַך קאַפּיסטראַנאָ, וועלכער האט עטליכע חדשים צוגעבראַכט אין אַלמיץ.

קאַפּיסטראַנאָ'ס פיינדשאַפט נעגען די אידען און די רעזולטאַטען פון זיינע דרשות האבען זיך אויך געלאָזט שפירען אין פוילען, וואו זיי האַ־ בען רוהיג געלעבט שוין עטליכע הונדער יאָהר. פוילען איז נעמליך גע־ וואָרען שוין פון אַ לאַנגע צייט אַנ'אָרט, וואוהין עס פלעגען אַנטלויפען די גע'יאַגטע און געפּלאָגטע אידען פון פיעל מדינות אין מערב-אייראָפּא. די אידען, וועלכע מען האט אַרויסגעטריבען פון דייטשלאַנד, עסטרייך און אונגאַרן, זענען פריינדליך אויפגענומען געוואָרען אין פוילען. די גוטע פריווילעגיעס, וואָס עס האט זיי געגעבען דער פירשט באָלעסלאַוו דער פרומער, און דער קעניג קאַזימיר דער גרויסער, האט זיי בע־ נייט און בעשטעטיגט. זענען נאָך איצט אויך געווען אין פולער געזעצלי־ כער קראַפט. מען האט די אידען אין פוילען געברויכט צו האבען נאָך נויטיגער ווי אין מערב-אייראָפּא. אין פוילען איז די בעפעלקערונג בע־ שטאַנען נור פון צוויי קלאַסען: די שלאַכטא און די פויערן, וועלכע זענען געווען קנעכט ביי די ערשטע. קיין מיטעל-אָדער בירגער-קלאַס איז נישט געווען, און אַט זענען די אידען געוואָרען אַזאַ קלאַס: זיי האבען אַריינגע־ בראַכט סחורה אין לאַנד און אויך געמאַכט פון טויטען קאַפּיטאַל — געלד, דאָס הייסט, זיי פלעגען פערקויפען קיין אויסלאַנד די נאַטירליכע לאַנד־ פּראָדוקציע און אַריינברענגען געלד אין לאַנד.

ווען קאַזימיר IV (דער יאַגעלאָנער) איז אין קורצען נאָך זיין בעשטייגען דעם טראָהן געקומען קיין פּויזען, איז אין דער דאָזיגער דאַ־ מאָלס שוין גרויסער שטאָדט אויסגעבראָכען אַ שרפה און די גאַנצע שטאָדט האט כמעט אָבגעברענט, אויסער איינינע מויערן. בשעת דער שרפה איז אויך פערברענט געוואָרען דער אָריגינאַל פון דער אידישער פּריווילעגיע, וועלכע קאַזימיר דער גרויסער האט זיי געגעבען מיט אַ יאָהר הונדערט פריהער. צוליב דעם זענען געקומען צום קעניג קאַזימיר

IV דעפוטירטע אידען פון פיעל פויל׳שע קהלות און געבעטען ביי איהם, אז ער זאל בעניייען און בעשטעטיגען די פריווילעגיעס, לויט די קאפ׳עס. וואס זענען פארהאן פון איהר. קאזימיר האט זיך לאנג נישט געלאזט בעטען און געגעבען די אידען אין פוילען אזעלכע פריווילעגיעס, ווי זיי האבען דאס נישט געהאט אין קיין אנדערער אייראפעאישער מלוכה (קראקא, 14-טער אויגוסט 1447). דער דאזיגער קעניג איז נישט געווען קיין קנעכט פון דער קאטוילישער קירכע און האט די גלחים געהאלטען אזוי פון דערווייטען און שטרענג, אז זיי האבען זיך געקלאגט, דאס ער בערויבט זיי. דאס אריינמישען זיך פון די גלחים אין די מלוכה-ענינים, ווי אויך זייער גרויזאמקייט האט ער שטרענג פערבאטען.

די געזעצען, וועלכע קאזימיר IV יאגעלאנער האט געגעבען פאר די אידען, זענען פאר זיי געווען פיעל גינסטיגער, ווי די פריהערדיגע, דען דורך זיי זענען בטל געווארען פיעל גלהישע געזעצען (קאנאנישע), וועלכע די פויפסטען האבען געהאט בעשטעטיגט אין בעציהונג צו די אידען. די אידען האבען נישט געטארט געשטעלט ווערען פאר א געריכט פון גלחים און, ווען מען האט זיי דערצו איינגעלאדען, זענען זיי נישט מחויב געווען צו שטעלען זיך. די וואיעוואדעס האבען געדארפט אכטונג געבען, דאס מען זאל נישט דערלאזען די גלחים צו רודפ׳ן אידען אדער אנפאלען אויף זיי, און בכלל בעשיצען די אידען מיט זיין מאכט. מען האט נישט געטארט בעשולדיגען די אידען אין עלילת-דם, אדער אין שענדען א האסטיע, „ווייל די אידען זענען אין אזעלכע בעשולדיגונגען בכלל נישט שולדיג, און זייער רעליגיע ערלויבט זיי נישט אזא זאך צו טהון". אויב א קריסט האט געוואלט אנגעבען אזא מסירה אויף אידען, האט ער זי געמוזט בעשטעטיגען דורך פיער אידישע עדות פון לאנד פוילען און פיער קריסטליכע (פאליאקען) — מענשען, וועלכע מען קאן זיי גלויבען, און אויב די שולד וועט דערוויזען ווערען, האט מען אויך נעדארפט בעשטראפען נור דעם בעשולדיגטען אידען, אבער נישט קיין אנדערע מיט איהם, נעגען וועלכע די שולד איז נישט דערוויזען געווארען. אויב אבער דער קריסטליכער מסור וועט נישט קאנען דערווייזען די ריכטיגקייט פון זיין מסירה, דאן מוז ער מיט׳ן טויט בעשטראפט ווערען. אויף אזא אופן איז כמעט אינגאנצען אבגעשטעלט געווארען די אפטע בעשולדיגונג נעגען די אידען און, ממילא, פלעגען אויך נישט פארקומען קיין אנפאלען און שחיטות. קאזימיר האט אויך אנערקענט דאס רעכט פון די אידען, צו האבען אנ׳אייגענעם בית-דין: אין קרימינעלע משפטים צווישען די אידען גופא, אדער צווישען אידען און א קריסט, האבען זיך נישט נעדארפט אריינמישען די געוועהנליכע קריסטליכע ריכטער, נור דער פאלאטינוס. דער וואיעוואדא האט געדארפט טיילנעהמען אין דער זיצונג פון אידישען בית-דין. אין גערינגע פראצעסען דאגעגען האט געדארפט משפט׳ן נור דער דיין-רב אליין. דער דיין-רב האט אויך געהאט דאס רעכט צו בעשטראפען מיט געלד, וועלכע וועלען זיך נישט שטעלען פאר זיין

געריכט. אזעלכע פריווילעגיעס האָבען די אידען אין מערב-אייראָפּא אין ערגעץ נישט געהאַט. דער קעניג האָט די פריווילעגיעס בענייט און בע־שטעטיגט מיט דער איינשטימונג פון די פוילישע מאַגנאַטען. אויך פאַר די קהלות פון קאַראימען אין לוצק, טראָקי און אַנדערע שטעדט, — פריווילעגיעס, וואָס זיי האָבען געהאַט פון דעם ליטווישען הערצאָג וויטאָלד — האָט קאַזימיר בענייט און בעשטעטיגט (1446).

די גלחים האָבען געקוקט מיט אונצופרידענהייט און פערדרוס אויף די דאָזיגע אידישע זכיות און זיך בעמיהט, אז דער קעניג זאָל זיי ביי די אידען צונעהמען. אין שפּיץ פון דער פוילישער גלחישער וועלט איז דע־מאָלט געשטאַנען דער איינפלוסרייכער בישאָף און קאַרדינאַל פון קראקא, זביעגניעוו אָלעסניצקי. כדי צו קאָנען שאַרפער ווירקען געגען די הוסיטען אין פוילען, האָט דער בישאָף איינגעלאַדען דעם אפיקורסים־פערברענער קאַפּיסטראַנאָ, צו קומען קיין פוילען. אין קראקא האָבען די גלחים און דער קעניג אויפגענומען קאַפּיסטראַנאָ ווי אַ געטליכען מאַן. די גאַנצע צייט, וואָס דער דאָזיגער מאַנאַך האָט פערבראַכט אין קראקא (1453—4) האָט ער צוזאַמען מיט'ן בישאָף געהאַלטען אין איין אויפריי־צען דעם קעניג געגען די אידען. קאַפּיסטראַנאָ האָט שטאַרק געמוסרט דעם קעניג עפענטליך, סטראַשענדיג מיט'ן אייביגען גיהנם, און האָט איהם אויך נביאות געזאָגט, אז ער וועט ניט האָבען קיין הצלחה אין דער מלחמה מיט'ן פרייסישען ריטער-אָרדען (דעם ליוואָנישען), אויב ער וועט נישט מבטל מאַכען די אידישע פריווילעגיעס, און נישט איבערלאָזען די גלחים צו טהון מיט די הוסיטישע אפיקורסים, ווי זיי פערלאַנגען, ד. ה. צו משפּט'ן זיי מיט פייער און שווערד.

אַ מפּלה אין דער מלחמה פון קאַזימיר מיט'ן פרייסישען ריטער־אָרדען איז געווען גאַנץ לייכט פאָראױסצוזאָגען, ווייל דער פויפּסט און אפילו אויך די פוילישע גלחים האָבען בשתיקה געשטיצט דעם ריטער־אָרדען געגען דעם קעניג קאַזימיר. און דעריבער, ווען דער דייטשער רי־טעראָרדען האָט געמאַכט אַ פאַרמעלען קריגצוג געגען פוילען, כדי צו איילען צו הילף צו די פרייסען, און האָט איינגאַנצען צושלאָגען די פוילי־שע אַרמעע, און דער קעניג קאַזימיר איז געקומען צוריק אַ בעזיעגטער און אַ בעשעמטער פון מלחמה-פּלאַץ (סעפּטעמבער 1454), האָבען די גלחים געהאַט אַ געוואונענע שפּיעל, דען זיי האָבען פערשפּרייט אַ קלאַנג, אז די מפּלה פונ'ם קעניג איז געווען אַ שטראָף פון גאָט, פאַר וואָס ער איז צו-גוט פאַר די אידען און די אפיקורסים. כדי צו קאָנען אַ צווייטען מאָל פיהרען מלחמה געגען די פרייסען, האָט דער קעניג געמוזט אָנקומען צום בישאָף זביגניעוו'ס הילף, וועלכער האָט איהם אָבער דערביי געשטעלט זייערע בעדינגונגען. די אידען זענען געפאַלען פאַר אַ קרבן, און דער קעניג האָט זיך געמוזט פון זיי אָבזאָגען. אַלע פריווילעגיעס, וואָס ער האָט די אידען געהאַט געגעבען, האָט ער איצט מבטל געמאַכט „ווייל דער וואָס גלויבט נישט, טאָר זיך נישט געפינען אין אַ בעסערער לאַגע, ווי דער,

וואס גלויבט יא אין קריסטוס, און דעם קנעכט דארף נישט זיין בעסער, ווי דעם זוהן". די גלחים האבען באלד געזארגט וועגען דעם, אז די נייע בעציהונג פון דעם קעניג צו די אידען זאל ווערען בעוואוסט אין גאנצען לאנד פוילען. קאפיסטראנא האט מנצח געווען אויף דער גאנצער ליניע: דורך זיין איינפלוס זענען די אידען ערנידריגט געווארען אויך אין פוילען, וואו זייער לאגע איז פריהער געווען די בעסטע. די רעזולטאטען האבען זיך באלד ארויסגעוויזען. די אידישע קהלות אין פוילען האבען מיט פערבראכענע הענד זיך געווענדעט צו זייערע ברידער אין דייטשלאנד, קלאגענדיג, אז דער גלח (קאפיסטראנא) האט זיי אויך געטראפען דארט, אין פוילען, וואו זיי האבען רוהיג געלעבט און געקאנט דינען מיט זייער הילף די נעיאגטע ברידער פון אנדערע מדינות און אויפנעהמען זיי ביי זיך, איצט אבער מוזען זיי אליין ליידען אונטער דער משא פונ'ם קעניג און די שרים. די אידען פון דייטשלאנד האבען זיי ווייניג וואס געקאנט העלפען, אבער א געוויסע הילף איז געקומען פאר זיי פון אנ'אנדער זייט.

די קריסטליכע וועלט איז גראד אום יענער צייט הארט בעשטראפט געווארען דורך א נייעם שונא. די ביזאנטינישע מלוכה, וועלכע האט זיך אין א משך פון פיעל יאהרהונדערט געהאלטען אין א צושטאנד פון פערפוילטקייט, עקזיסטירענדיג פונדעסטוועגען העכער טויזענד יאהר, איז אונטערגעגאנגען מיט'ן איינעהמען קאנסטאנטינאפאל דורך די טערקען (29 מאי 1453). דער טערקישער סולטאן מחמד II האט געבראכט אויף די איינוואוינער פונ'ם דאזיגען נייען רוים קנעכטשאפט, שענדונג, טויט און אלע שרעקענישען און פלאגען פון אנ'איינגענומען פאלק. אנהויבענדיג פון ערשטען בעגרינדער פון דער ביזאנטינישער מלוכה, פון קאנסטאנטין דעם גרויסען, וועלכער האט געגעבען דער קירכע א בלוטיגע שווערד אין די הענד און ענדיגענדיג מיט'ן לעצטען קייזער פון די פאלעאלאגען, קאנסטאנטין דראגאסעס איז די לאנגע רייהע פון די ביזאנטינישע קיסרים (אויסער יוליאן, וועלכער איז אבגעפאלען פון קריסטענטום) בעשטאנען פון שטאלץ זיך פערגעטערנדע מענשען, וועלכע האבען געהאלטען פאר דער העכסטער פאליטיק צו זאגען וואס מעהר שקרים און חניפות און רודפ'ן פעלקער, אויסזויגענדיג אויך דאס בלוט פון זייערע אייגענע אונטערטאנען. דאס פאלק איז געווען דארט נישט בעסער פאר זיינע קיסרים פון דארט האבען די גערמאנישע, ראמאנישע און סלאווישע פעלקער און גלחים נעלערנט דעם פרינציפ, אז די אידען זענען דורך גאט פערמשפט צו שפפלות און פערטיליגונג. איצט איז ביזאנץ, דאס קינד פון די קריסטליכע מלכים, געלעגען אין חורבות. ווילדע בארבארען האבען אויף די חורבות געגרינדעט א נייע מלוכה. מחמד דער צווייטער, דער איינעהמער פון קאנסטאנטינאפאל האט איצט געווענדעט זיינע אויגען צו די איבריגע קאטוילישע מלוכות אין מערב-אייראפא, די גאנצע קריסטליכע וועלט איז געשטאנען אין גרויסער סכנה. אבער די קריסטליכע מלכים און פעלקער האבען זיך

נישט געקאָנט צוזאַמענעמען צו אַ מלחמה געגען דעם מחמדאַנישען מנצח. די פאַלשקייט און פערדערבעניש, וואָס די פויפּסטען האָבען אַריינגעבראַכט אין זייער לעבען, האָבען איצט אָנגעהויבען צו ברענגען ביטערע פרוכטען פאַר די פעלקער. ווען דער פויפּסט ניקאָלאַי V האָט גערופען די קאַטוילישע פעלקער צו אַ מלחמה געגען די מחמד'דאַנער, איז זיינע לעגאַטען (שלוחים) אויסגעקומען צו הערען אויפ'ן רייכסטאַג אין רעגענסבורג אַזעלכע ווערטער, וועלכע האָבען גאַנץ קלאָר אויפגעדעקט די פערפוילטקייט פון דער קאַטוילישער קירכע. מען האָט אַרויסגעזאָגט אַזעלכע אמת - ביטערע מיינונגען, אויף וועלכע מען האָט זיך גאָר נישט גערעכט; „נישט דער פויפּסט, נישט דער קעניג — האָט מען ערקלערט — טראַכטען אין דער ווירקליכקייט וועגען אַ מלחמה, זיי ווילען נור צונויפנעהמען געלד און פערשווענדען אויף זייערע פערגעניגענם. אומזיסט האָט קאַפּיסטראַנאָ געהאַלטען זיינע דרשות ביז ער איז הייזעריג געוואָרען. אויף קיין קרייצצוג האָבען די פערזאַמעלטע זיך נישט געוואָלט בעשליסען. און אַט האָבען דערווייל די טערקען געמאַכט די נויטיגע הכנות אַריינצוברייסען זיך אין אונגאַרען. אויף קאַפּיסטראַנאָ'ס דרשות האָבען זיך אָבגערופען בלויז סטודענטען, וועלכע מען האָט פון דער שולע אַרויסגעטריבען, פעראָרימטע פויערן, מאַנאַכען־בעטלער און אַנדערע הונגערליידענדע.

ס'קאָן עס כמעט בעטראַכטען פאַר אַ פאַקט פון דער געטליכער השגחה, וואָס גראָד אין דער צייט, ווען ס'האָבען זיך פערשטאַרקט די רדיפות געגען די אידען אין די קאַטוילישע אייראָפּעאישע לענדער, האָט זיך געגרינדעט אין מזרח אַ גרויסע מחמד'אַנישע אָדער טערקישע מלוכה, וועלכע האָט אויפגענומען פיעל מאָל די געיאָגטע אידען מיט אַ מענשענפריינדליכער הכנסת־אורחים. ווען דער סולטאַן מ ח מ ד II האָט נאָך דער דרייטאָגיגער שרעקליכער שחיטה אינ'ם איינגענומענעם קאָנסטאַנטינאָפּאָל ערקלערט ענדליך, אַז אַלע איינוואוינער, וועלכע זענען זיך צולאָפען אָדער האָבען זיך בעהאַלטען, מעגען צוריק אין זייערע הייזער אַריינקומען אָהן מורא פאַר נייע אָנפאַלען, האָט ער זיך אויך דערמאָנט וועגען די אידען און ערלויבט זיי פריי צו בעזעצען זיך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אין אַנדערע שטעדט פון דער איינגענומענער גרויסער מדינה, אָבגעבענדיג זיי בעזונדערע ערטער אויף צו בויען הייזער, שוהלען און ישיבות.

ווי מ ח מ ד II האָט באַלד נאָך איינעהמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל בעשטימט אַ גריכישען פּאַטריאַרך, וועלכען ער האָט אין אַ געוויסער מאָס געמאַכט פאַר'ן פּאָליטישען פאָרשטעהער פון אַלע גריכען אין זייער נייער מלוכה, אַזוי האָט ער אויך בעשטימט אַ רב־הכולל פאַר אַלע אידישע קהלות אין דער טערקיי אין דער פּערזאָן פון ר ב י מ ש ה ק פ ס א ל י, געבענדיג איהם דאָס רעכט צו בעשטימען רבנים פאַר אַלע אידישע קהלות אין דער טערקיי און איינלאַדענדיג איהם אויך צו זיך אין מלוכה־ראַט (דיוואַן) נעבען דעם מופטי (אָבער־ריכטער) נאָך העכער פאַר'ן גריכישען

פּאַטריאַרך. רבי משה קפּסאלי (געבוירען 1420, געשט. 1495) איז
געווען אויך דער פּאָליטישער פערטרעטער פון די אידען אין טערקיי. ער
האָט איינגעטיילט די אָבצאָהלונגען, וואָס די טערקישע אידען האָבען
געדאַרפט געבען. ער פלעגט זיי אויך איינמאָהנען און לאָזען אָבשיקען
אין דער מלוכה-קאַסע. ער האָט אויך געהאַט דאָס רעכט, צו בעשטראָ-
פען יענע מיטגלידער פון דער קהלה, וועלכע וואָלטען איהם נישט גע-
פאָלגט. מיט איין וואָרט: ער איז געווען דער פאָרשטעהער פון'ם גאַנצען
אידישען קבוץ אין טערקיי.

אפילו די האַלב פערשטיינערטע קאַראַימען האָבען אַ דאַנק דעם
שייכות צו די אידען אין טערקיי אויפגעלעבט. אויך די קאַראַימישע
קהלות אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַדריאַנאָפּאָל האָבען זיך פערגרעסערט
דורך די אָנגעקומענע קאַראַימען פון קרים, אזיען און דרום-פּוילען. די קאַ-
ראַימען, וועלכע האָבען זייערע רעליגיעזע פראַגען געקאָנט פערענטפערן
נור אויפ'ן סמך פון תנ"ך, וועלכען זיי פלעגען ערקלערען לויט'ן אַבסטראַק-
טען פערשטאַנד, זענען מיט דער צייט אַזוי גייסטיג פעראָרימט און אונ-
וויסענד געוואָרען, אז זייער גאַנצע רעליגיאָנס-געביידע האָט זיך ביי זיי
געהאַלטען נור אויף די אַלטע איבערליפערונגען, וואָס זיי האָבען געהאַט
פון זייערע פאַרצייטיגע אויטאָריטעטען אויך אַזוי, ווי די תלמודישע אי-
דען, מיט'ן אונטערשיד נור, אַז ביי די לעצטע האָט זיך דאָס ענטוויקעלט
אין אַ גאַנצען גראַנדיעזען סיסטעם, וועהרענד ביי די קאַראַימען זענען עס
געווען קורצע כללים אָהן געשמאַק און פערשטאַנד. יענע קאַראַימען,
וועלכע האָבען געוואָלט לערנען תורה, האָבען געמוזט קומען צו די רבנים
לערנען. די אַמאָליגע שטאָלצע ערקלערער פון תנ"ך זענען איצט געוואָרען
תלמידים ביי די רבנים, וועלכע זיי פלעגען פריהער אַזוי שטאַרק פעראַכ-
טען. נאָך איין אינטערעסאַנטער פאַקט האָט דערוויזען, ווי אונמעגליך עס
איז געוואָרען פאַר די קאַראַימען זייער פערשטיינערטקייט; לויט זייער
פּרינציפּ דאַרף מען נישט אָנצינדען קיין פייער אפילו פרייטאָג אויך, אַז
עס זאָל ברענען אום שבת. איצט האָבען אָבער די קאַראַימישע קהלות אין
דער אייראָפּעאישער טערקיי איינגעפיהרט אַ רעפאָרם אין דער הינזיכט
און ערלויבט אָנצוצינדען ליכט ערב שבת, אַזוי ווי עס טהוען דאָס די
רבנישע אידען, דען זיי האָבען איינגעזעהען, ווי עס האָט נישט קיין זין,
ווען מען זאָל זיך אום שבת קודש זיין מחויב צו זיצען אין דער פינסטער-
ניש און ליידען אַלזאָ נאָך ערגער, ווי אין אַ וואָכענדיגען טאָג. דאָס האָט
אָבער ארויסגערופען אַ שטאַרקע מחלקת צווישען זיי (1460) און עס איז
אויך געקומען צו אַ שפּאַלטונג. איין פאַרטיי האָט ערקלערט, אַז דאָס
אָנצינדען פייער אויף שבת הייסט אַנ'אפּיקורסות. די סכסוכים ווי אויך
די עם-הארצות האָבען געבראַכט דערצו, אַז פיעל קאַראַימען אין טערקיי
האָבען זיך פעראייניגט מיט די רבנישע אידען, אָדער אַז די רבנים זאָ-
לען זיך אריינמישען און מאַכען צווישען זיי שלום, ווירקענדיג אַזוי ארום

אויך אויף זיי, אַז זיי זאָלען מעהר נישט אַרויסטרעטען געגען די רבנישע
אידען אַלס פיינד

ס'איז באמת צו בעוואונדערן, ווי אַזוי דאָס שטודיום פון תלמוד האָט
זיך ענטוויקעלט אַלץ מעהר און שטאַרקער „אונטער שטענדיגער מורא,
ציטערן, יסורים און רדיפות“. פון די ווייטעסטע קהלות זענען געקומען
תלמידים אין די ישיבות פון ערפורט, נירנבערג און פראַג
און די רבנים, וועלכע זענען פון דאָרט אַרויסגעקומען, זענען אָנערקענט
געוואָרען פאר די אָנגעזעהענסטע ביי אידען. אויך דער טערקישער רב הכולל
רבי משה קפסאלי, האָט תורה געלערנט און סמיכות בעקומען אין
דייטשלאַנד. דער שאַרפער פלפול פון די בעלי התוספות פערבונדען מיט
דער עמקות פון די ישיבות אין רומרוג, שווידניץ און פּאַריז האָט
איצט אין דייטשלאַנד ווידער אויפגעלעבט. דער דייטשער כאַראַקטער:
דאָס טיעפע נאָכדענקען און די גרינדליכע געלעהרטקייט האָט זיך אָבגע-
שפּיגעלט אויך אין די דייטשלענדישע ישיבות. די בעריהמטעסטע רבנים
פון יענער איצטיגער צייט אין דייטשלאַנד זענען געווען רבי יעקב
(1375—1455) און רבי ישראל איסרלין (ארום 1400—1460).
ביידע האָבען גע'שמ'ט אין זייער צייט און אויך נאָך פיעל שפּעטער אַלס
בעוואוסטע אויטאָריטעטען (פוסקים). ביידע זענען שאַרף אַרויסגעטרע-
טען געגען איניגע רבנים, וועלכע האָבען זיך געפיהרט מיט תקיפות אַזוי
ווי פרעמדע רעליגיאָנס-פאָרשטעהער. געגען דער דאָזיגער תקיפות האָבען
די רעדמאָנטע צוויי רבנים פערטיידיגט די פרייהייט און אונאָבהענגיג-
קייט פון די קהלות.

אין פערגלייך מיט דער שפּל'דיגער לאַגע פון די אידען אין דייטש-
לאַנד. האָבען די אידען אין טערקיי זיך געדאַרפט שפּירען ווי אין א גן-
עדן. די אידישע אויסוואַנדערער פון דייטשלאַנד זענען גאָר ענטציקט גע-
וואָרען, ווען זיי פלעגען קומען אין טערקיי און בעקענען זיך דאָרט מיט
דער אידישער פרייהייט דאָ זענען זיי געווען פריי פון אַלע ספּעציעל אי-
דישע אָבצאָהלונגען, ווי למשל: דער גאָלדענער פעניג, די קרוין-געלד און
דעם דריטעל פון זייער פערמעגען, וואָס זיי פלעגען מוזען אין דייטשלאַנד
אָבגעבען דער מלוכה. עס איז זיי נישט געווען פערבאָטען צו האַנדלען און
צו לעבען רוהיג; זיי האָבען געמעגט האָבען גיטער און געקאָנט זיך קליי-
דען ווי זיי האָבען געוואָלט. אויך אין זיידענס און גאָלד און זילבער. דער
פרוכטבאַרער באָדען, וועלכען מען האָט צוגענומען ביי די פוילע גריכען
האָט אָנגעהויבען צו געבען זעהר רייכע פרוכטען דער אידישער פלייסיג-
קייט. די טערקיי איז געוואָרען אַ לאַנד, אין וועלכער „עס האָט גאָר נישט
געפעהלט“ — ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט א דאַמאָלסדיגער אידישער
שריפטשטעלער. צוויי אידישע יונגע לייט, רבי קלמן און רבי דוד
אליהו, וועלכע זענען אין יענער צייט געקומען פון דייטשלאַנד קיין
טערקיי, שרייבען: „ווען די דייטשע אידען וואָלטען נור געוואוסט א צעהנט-

חלק פון דעם, וואס זיי וועלען דא געפינען, וואלטען זיי גענומען אויף זיך
אלע ענוים פונ'ם לאנגען וועג און געקומען אהערצו מאסענווייז". די דא־
זיגע צוזיי יונגע לייט האבען אויך דערוועקט רבי יצחק צרפתי, וועל־
כער איז שוין פריהער געוועזן אין טערקיי, אז ער זאל ארויסלאזען אנ'־
אויפרוף צו די דייטשע אידען איבערצוּוואנדערן קיין טערקיי. רבי
יצחק צרפתי האט אזא אויפרוף ארויסגעלאזען צו די אידען פון שוואַ־
בען, אין דער געגענד פון רהיין, שטייערמארק, מעהרען און אונגארן, אין
וועלכען ער שילדערט זיי, ווי רוהיג אידען לעבען אונטער די מחמדאנער,
און פערקעהרט, ווי עלענד פערוואגעלט און גערודפ'ט זיי זענען אין די
קאטוילישע מדינות; זיי דארפען אלזא פערלאזען דאס לאנד פון פיין און
גיהן אין לאנד פון פרייהייט. ליכט און שאטען קאנען נישט שארפער
אבגעצייכענט ווערען, ווי רבי יצחק צרפתי טהוט עס שילדערנדיג די לא־
גע פון אידען אין ביידע לענדער אין זעהר א לעבעדיגער שפראך, פול וויז
און קלארען פערשטאנד (ארום 1454): „מען האט מיר דערצעהלט —
שרייבט ער — וועגען ענוים, וועלכע זענען נאך ביטערער ווי דער טויט,
וואס אונזערע ברידער אין דייטשלאנד האבען אויסצושטעהען פון די טי־
ראנישע געזעצען, פונ'ם געצוואונגענעם שמד און פון די גירושים. און ווען
זיי ענטלויפען פון איין ארט, פאלען זיי אריין אין נאך אנ'ערגערען. —
איך הער אנ'אכזר־שטימע איבער א געפייניגט פאלק, איך זעה די מער־
דערישע האנד זיך הויבען איבער זיין קאפ. וועה פון אינוויינינ, וועה פון
אויסענווייניג. טעגליכע אנפאלען און בעצווינגונגען, כדי געלד ארויסצו־
בעקומען. — די גלחים און די מאנאכען, די פאלשע פריסטער דערהוי־
בען זיך געגען דאס אונגליקיכע פאלק און זאגען: „מיר וועלען זיי רודפ'ן
ביז אין טויט אריין, מיר וועלען זיי פערניכטען. ישראל'ס נאמען זאל שוין
מעהר גאר נישט דערמאנט ווערען. זיין מיינען, אז זייער אמונה ווערט
געשטעלט אין סכנה, ווייל די אידען וועלען, חלילה, אבקויפען זייערע
הייליגע ערטער אין ירושלים, און דערפאר האבען זיי בעפוילען, אז יע־
דען אידען, וועלכע מען וועט טרעפען אויף א שיף, וואס געהט אין מזרח־
לאנד, זאל מען אין ים אריינווארפען. מיינע ברידער און לעהרער, פריינד
און בעקאנטע! איך, יצחק צרפתי, וועלכער שטאמט פון אנ'אלטע אי־
דישע משפחה אין פראנקרייך, בין געבוירען אין דייטשלאנד, וואו איך
האב ביי מיינע רביים תורה געלערנט, איך רוף צו אייך: די טערקיי איז
א לאנד, אין וועלכען עס פעהלט גאר נישט. דא קאן יעדער איד לעבען
אונטער זיין פייגענבוים און ווייגשטאק. דאגעגען אין די קאטוילישע
מדינות טארט איהר זיך אפילו נישט דערוועגען אנצוקליידען אייערע קינ־
דער אין רויט און בלאה, נישט שטעלענדיג זיך אין סכנה אבגעשונדען צו
ווערען אליין ביז רויט און בלאה, און דערפאר מוזט איהר זיך קליידען
ארים און פערשמוצט. ווי די בעטלער. אלע אייערע טעג זענען חושך,
אפילו אייך די שבתים און יום-טובים. וואס פאר א נוצען האט דער רייַ־

בעך איך פון זיין עשירות? עס איז נור צו זיין אונגליק: אינ'ם טאָג פון עלענד ווערט עס פערשוואונדען. איהר זאָגט: דאָס געהערט אייך? ניין, זיי געהערט עס. זיי טראַכטען אויס געגען אייך שקר־בלבולים, זיי האָבען נישט קיין אַבשיי פאַר אַלטקייט, פאַר חכמה. — און ווען זיי פערזיכע־רען אייך צוויי עטוואָס און לעגען אויף זייער הבטחה זעכציג חתימות, וועלען זיי דאָך זיי אַלע צוברעכען. זיי בעשטראָפען אייך שטענדיג דאָ־פעלט: מיט'ן בערויבען דאָס פערמעגען און מיט'ן טויט. אין די ישיבות פערבאָטען זיי צו לערנען, אין די שוהלען צו דאַוונען. און זאָג־זשע, ישראל, פאַרוואָס שלאָפסטו? הויב זיך אויף און פערלאָז דאָס פערפלוכטע לאַנד!"

רבי יצחק צרפתי'ס אויפרוף, האָט בלי ספק, דערוועקט אַ טייל אי־דען אויסצוואַנדערען קיין ארץ ישראל און אין טערקיי. אָבער די הער־שער אין דער קריסטליכער וועלט האָבען זיי אפילו אָט די מעגליכקייט אויסצוועהלען זיך אַ פריי לאַנד, וואו צו וואוינען, אויך נישט געגעבען. די אויסוואַנדערונג האָט זיך בעגעגענט מיט פיעל שטערונגען.

דער פערבאָט אויסצוואַנדערן קיין ארץ ישראל האָט ווידער געהאָט זיך אַ בעזונדערען מאָטיוו. די אידישע איינוואוינער פון ירושלים האָבען בעקומען אַ ערלויבניש פון אַ פאַשאַ אויסצובויען פאַר זיך אַ שוהל אויף אַ טייל פון בארג ציון. דער פלאַץ איז געווען נאָהענט צום אָרט, וואָס האָט געהערט דעם פראַנציסקאַנער אָרדען, און דעריבער האָבען די מאָנאַכען געמאַכט אַ ליאַרם ביים פויפסט, אַ שטיינער, ווי די הייליגע שטאָדט וואָלט פון אייביג אָן געווען זייער ירושה און די אידען האָבען דאָרט קיין שום חלק נישט. זיי האָבען זיך געווענדעט צום פויפסט מיט אַנ'אָנקלאַגע, אַז אויב די זאַך זאָל אַזוי געהן אויך ווייטער, וועלען די אידען אויך פער־כאַפּען די קירכע פונ'ם הייליגען קבר. דער פויפסט האָט באַלד אַרויסגע־געבען אַ בולה, אין וועלכער ער האָט פערבאָטען יעדען קריסטליכען שיפס־קאַפּיטאַן צו פיהרען מיט זיך אַ אידען קיין ארץ ישראל. און וויל די שיפעריי צו די מזרח־לענדער האָט זיך געפונען דאַמאָלס אין גאַנצען אינ'ם רשות פון די ווענעציאַנער, האָט מען געפועל'ט ביים דאָזש (פרעזי־דענט פון דער ווענעציאַנער רעפּובליק), אַז ער זאָל פערבאָטען אַלע שיפס־קאַפּיטאַנען, אונטער אַ שטרענגער שטראָף, נישט צו פיהרן קיין אידען קיין ארץ ישראל. די אידען האָבען אָבער ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבען בע־זעצען אין דער טערקיי, און נאָך איידער אַ יאָהר פופציג האָבען געדאַרפט פערבייגעהען, האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין איין ווינקעל פון אייראָפּאַ אַ אידישע טראַגעדיע, ווען די טערקיי איז ערשיענען, ווי אַנ'אמת'ע רעטע־רין פאַר פיעל אונגליקליכע אידען.

פערלאג „יהודיה״

אידישע פארלאג-געשיכטע

פון

פראפעסאר צבי גרעץ.

איבערזעצט דורך י. שפירא.

צעהנטער באנד.

ווארשא.

אינהאלטס-פערצייכניס פון צעהנטען באנד.

די עפאכע פון די אנוסים (מאראנען)

דריטעס קאפיטעל.

זייטע

פערשטארקטע רדיפות געגען אידען און אנוסים
(1485—1455) — — — — — — — — — 23—9

פיערטעס קאפיטעל

די אינקוויזיציע אין שפאניען
(1485—1481) — — — — — — — 38—23

פינפטעס קאפיטעל.

דער אידישער גירוש פון שפאניען און פארטוגאל.
(1497—1485) — — — — — — — — 74—39

זעקסטעס קאפיטעל

ביים וואנדערונגען פון די אידען און די אנוסים.
(1520—1497) — — — — — — — — 100—75

די הומאניסטישע און רעפארמאציאנס-צייט עפאכע.

ערשטעס קאפיטעל

דער קרייז פון הומאניסטען און די רעפארמאציע.
(1530—1500) — — — — — — — — 151—101

Druk. „RENOMA", Warszawa, Karmelicka 17.

די עפּאָכע פון די אנוסים (מאַראַנען)

דריטעס קאַפּיטעל.

פערשטאַרקטע רדיפות געגען אידען און אנוסים.

פון 1455 ביז 1485

דאָס שפּאַנישע לאַנד, וואָס די אידען האָבען אַזוי פיעל געאַרבייט אויף זיין ענטוויקלונג, איז באַלד ווידער געוואָרען פאַר זיי אַנ'אמת'ער גיהנם. פון אַלע זייטען האָבען זיך דאָרט אויפגעהויבען געגען זיי ערביטערטע פיינד. אויסערליך האָט זייער לאַגע אפילו אויסגעוויזען נישט שלעכט אונטער דעם קאַסטילישען קעניג דאָן היינריך IV (1457—1474) און דעם אַראַגאָנישען הערשער דאָן זשואַן II (1450—1479); אָבער דאָס איז געווען בלויז די שטילקייט פאַר אַ שטורם-ווינד. דער קאַסטילישער קעניג איז געווען פון דער נאַטור שוואַכער ווי זיין פאָטער, גוטמוטיג און פריינגיביג ביז פערשווענדונג. דערצו נישט איבערגעגעבען די גלחים, האָט ער דעריבער וועניג אַכטונג געגעבען, אַז די גלחישע געזעצען געגען די אידען זאָלען אָבגעהיט ווערען. ווי זיין פאָטער האָט ער געלאָזען די הנהגה פון דער מלוכה זיין בעליעבטען שר, זשואַן דע פּאַכעקאָ, וועלכער האָט אפילו אַליין אויך געשטאַמט פון אידען, דען ער איז געווען אַנ'אייניקעל פון דער מאַראַנישער משפחה רואי קאַפּאָן, אָבער קיין גוטס האָט ער פאַר די אידען נישט געטהון. דאָרט וואו זיינע פּערזענליכע נוצען האָבען עס געפאָדערט, האָט ער די אידען מקרב געווען. מיט די אידישע עשירים דאָן יוסף בנבנשתי און זיינע זיהן דאָן ווידאַל און דאָן אברהם האָט ער געלעבט זעהר פריינדליך; זיי אָבער האָבען פיעל געזאָרגט לטובת דער גייסטיגער און מאַטעריעלער ענטוויקלונג פון די אידען, פונקט ווי פריהער זייער זיידע, דער שפּאַנישער רב-הכולל. דער מיניסטער פון היינריך'ס קעניגליכען הויף, דיעגאָ אַריאַס דאַווילאַ, וועלכער האָט אויך געשטאַמט פון אידען, האָט צוגעלאָזען אידען צו זיין אַרענדאַרען אויף די

מלוכה-באַצאָהלונגען, חאָטש די קירכע האָט דאָס געהאַט שטרענג פערבאָ-
טען. אין זיינע לעצטע יאָהרען האָט דער קעניג דאָן היינריך IV בעשטימט
ווי זיין פאָטער, פאַר אַ רב-הכולל רבי יעקב אבן נונעז, וועלכער איז גע-
ווען זיינער אַ בעליעבטער שר אָדער אַ לייב-דאָקטאָר.

דער קעניג פון אַראַגאָניען, וועלכער איז געווען אָרימער ווי פיעל
פון זיינע שׂרים און פריצים, האָט געמוזט לעבען פריינדליך מיט די אי-
דישע עשירים, צו וועלכע ער האָט אָפט נעדאַרפט אַנקומען נאָך אַ הלואה.
אויסער דעם איז ער געווען אַ גרויסער אַנהענגער פון דער אַסטראָלאָגיע
(שטערן-זעהער) און דעריבער איז ער געשטאַנען אין נאָהענטע בעצי-
הונגען צו די אידישע חכמים אין דעם פאַך, ווי, למשל, דער דרשן ר ב י
א ב ר ה ם ב י ב א ג א. דאָן זשואַן האָט אויך געהאַלטען ביי זיך אידישע
דאָקטוירים, אונטער אַנדערע אויך ד אָ ן א ב י ת ר א ב ן - ק ר ש ק ש
ה כ ה ן, וועלכער האָט איהם אויסגעהיילט ביידע אויגען פון בעלמ'ס
(Staar) ווי עס שיינט, האָט ער די קאַטאַלאָנישע אידען אַרויסגעווי-
זען פיעל חסדים, דען נאָך זיין טויט האָבען די אידען זיך אַנגעטהון אין
טרויער-קליידער און געמאַכט איהם אַ גרויסע לויה אונטער'ן אַנפיהרען
פונ'ם דאָקטאָר א ב ן - ק ר ש ק ש, מענער און פרויען האָבען מיט ליכט
אין די הענד געזונגען קאַפּיטלעך תהלים און טרויער-ליעדער אין דער שפּאַ-
נישער שפראַך.

דאָס בייספיעל פון די קעניגליכע הויפען האָט אויך געווירקט אויף די
אַנגעזעהענע פריצים, וועלכע האָבען זיך בכלל וועניג וואָס געקימערט ווע-
גען די גלחישע געזעצען דאָרט, וואו זייערע פריוואַטע אינטערעסען האָבען
דאָס געפאָדערט. די מעדיצין איז נאָך אַלץ געווען די שטאַרקסטע זייט
פון די אידישע חכמים, און סיי די מלכים סיי די שרים און רייכע פריצים
האָבען אָהן די אידישע דאָקטוירים פשוט נישט געקאָנט בעגעהן זיך. די
פּויפּסטליכע בולה'ס האָבען אפילו געהאַט שטרענג פערבאָטען צו נוצען
אידישע דאָקטוירים, אָבער גוטע קריסטליכע דאָקטוירים זענען אין שפּאַ-
ניען געווען נישט פיעל, ווילענדיג, נישט ווילענדיג, האָט דער חולה גע-
מוזט שיקען נאָך אַ גוטען אידישען דאָקטאָר. אפילו די העכערע גלחים
האָבען אין דער הינזיכט וועניג וואָס געקימערט וועגען די בולה'ס פון די
פּויפּסטען אייגעניוס, ניקאָלאַי און קאַליקסטוס; אויך זיי איז דאָס לעבען
געווען צו-טייער, אַז זיי זאָלען זיך נאָכפרעגען נאָך דער בולה פון פּויפּסט,
ווען זיי האָבען געברויכט צו האָבען אַ דאָקטאָר.

די שנאה צו אידען, וועלכע האָט זיך אויפגעהאַלטען מייסטענס אין
די גרויסע שטעדט, האָט זיך אָבער נישט בערוהיגט, און האָט זיך אָפט גע-
נומען צו די בעקאַנטע מיטלען. „די אידען האָבען דער'הרג'עט אַ קריסטליך
קינד, כדי זיין בלוט צו פערנוצען" — אָט דאָס איז געווען דאָס שאַרפסטע
געוועהר געגען די אידען. פון צייט צו צייט האָבען זיך פערשפּרייט קלאַ-
גען, אַז די אידען האָבען ערגעץ וואו ביי אַ קינד דאָס האַרץ אויסגעשניטען,

אדער אז זיי האבען פון איהם שטיקער פלייש געשניטען א. א. וו. די
בעפעלקערונג איז געווען פאנאטיש, די ריכטער פלעגען זיך באלד נעה-
מען מישפט'ן די אונשולדיגע אידען. דער קעניג האט אפילו גאנץ גוט גע-
וואוסט די אמת'ע בעדייטונג פון אזעלכע פראצעסען און פלעגט הייסען
מאכען א שטרענגע אויספארשונג, וועלכע פלעגט שטענדיג דערוויזען די
אונשולד פון די אידען. די פאנאטיקער און צוררי היהודים פלעגען אבער זא-
גען, אז די ריכטער האבען שוחד גענומען, אדער אז די אנוסים האבען זיך
משתדל געווען פאר זייערע אמאליגע ברידער ביים קעניג, וועלכער איז
אליין אויך פארטייאיש.

מיט ביטער גאל האט געקעמפט נעגען די אידען בעזונדערס דער
פראנציסקאנער מאנאך אלפאנסא דע שפינא, וועלכער איז געווען
א חבר פון קאפיסטראנא און דרשן אין סאלאמאנקא. דער דאזיגער מאנאך
איז געווען מפורסם דאדורך, וואס ער האט געפיהרט דעם פריהערדיגען
אלמעכטיגען מיניסטער אלווארא דע לונא צום עשאפאט און האט
איהם מתודה געווען פאר'ן טויט דורכ'ן תליון. אט דער מאנאך איז עם
ארויסגעטראטען אין זיינע דרשות נעגען די אידען, און ווען ער האט דער-
זעהען, אז זיינע דרשות ווירקען צו שוואך, האט ער זיך גענומען פאר דער
פעדער און אנגעשריבען א גיפטיג ווערק אין לאטייניש געגען די
אפיקורסים, אידען און מחמד'אנער מיט'ן נאמען: „די פעסטונג פון גלוי-
בען“ (1459). אלץ וואס עס האט נאר אמאל דערצעהלט, אדער אויסגע-
טראכט א אידען-פיינד האט ער געזאמעלט און איבערגעגעבען אין זיין
ווערק, בעגיסענדיג מיט'ן ניפטיגסטען שפאט. די אפיקורסים און די
מחמד'אנער האט מען, לויט זיין יושר, געברויכט אלעמען אויסצו'שחט'ן;
נעגען די אידען איז ער שוין געווען גנעדיגער: מען האט געדארפט צו-
נעהמען ביי זיי זייערע יונגע קינדער און לאזען זיי ערציהען אין די
קלויסטערס אין קריסטליכען גלויבען. ער איז אויך שארף ארויסגעטרע-
טען געגען דעם קעניג און זיינע שרים, פאר זייער בעשיצען די אידען.
אזא גיפטיג ווערק האט אויך פערעפענטליכט דער משומד פעדרא דע
לא קאבאלעריא פון דער הויכער אידישער יחוס-משפחה בנבשתי
דע לא קאבאלעריא. די טרויעריגע רעזולטאטען פון אזא העצע-ליטעראטור
האבען זיך באלד ארויסגעוויזען. איין מאנאך האט מיט א צלם אין די
הענד געפאדערט פון המון, אז מען זאל אנפאלען אויף די אידען פון
מעדינא דעל קאמפא, נעבען וואלאדאליד, אויסהרג'ענען זיי אלעמען
און זיין דרשה האט געפונען אפענע אויערן ביים פאלק. די קריסטליכע
איינוואוינער פון שטעדטעל האבען זיך געווארפען אויף די אידישע איינ-
וואוינער און א טייל פון זיי פערברענט לעבעדיגערהייד צוזאמען מיט די
ספרי תורה, וועלכע זיי האבען געפונען (1461).

שטארק איז אויך געווען די שנאה פון די אלטע קריסטען צו די נייע
(אנוסים), ווייל די פעהיגע פון זיי האבען אלע געהאט הויכע שטעלעס

אין דער מלוכה, אדער אין דער קירכע, אויך אין דער פערזאמלונג פון די קארטעס זענען זיי געווען די הויפט-רעדנער און אין דער פאליטיק פון דער מלוכה אדער פון דער קירכע האבען זיי געהאט די הויפט-דעה. דערצו האט אויך דער מאנאך אלפאנזא דע שפינא שטארק גערייצט אויף זיי דאס פאלק, ערקלערענדיג, אז זיי זענען בשתיקה אלע — אידען, און מיט זייערע מעשים בעשמוצען זיי דעם קאטוילישען גלויבען. דאס איז געווען אלענפאלס נישט ריכטיג אין בעציהונג צו אלע אנוסים, ווייל גראד יענע אנוסים, וועלכע פלעגען זיך שטעלען פאראויס אין די ערשטע רייהען סיי אין דער מלוכה, סיי אין דער קירכע, זענען געווען אדער גאר פיינדליך פאר זייערע אמאליגע ברידער, אדער, לפחות, אבגעשטארבען פאר'ן יודענטום; דאגעגען יענע, וועלכע זענען אין הארצען געבליבען געטריי דער אמונה פון זייערע אבות, האבען זיך געהאלטען אין דער וויטען פון עפענטליכען לעבען, כדי מען זאל זיי בעמערקען וואס ווייניגער. אבער די פיינד פון די אנוסים האבען גערייצט דאס פאלק און דעם קעניג געגען אלע אנוסים גלייך, בעשולדיגענדיג אלעמען אין געהערען בשתיקה צום יודענטום. די מאנאכען פון סאלאמאנקא האבען געהאט אין זייערע הענד געגען די אנוסים א געפעהרליך געוועהר: די בולה פון פויפסט וועגען איינפיהרען די אינקוויזיציע צו משפט'ן זיי און בעשטראפען מיט'ן טויט. די דאזיגע בולה האט, ווי שוין דערמאנט, ארויסבעקומען דער מיניסטער אלוואראַ דע לונא, כדי צו קאנען קעמפפען מיט די להכעיס-משומדים, וועלכע האבען זיך אונטערגעגראבען אונטער איהם, אבער ביז'ן איצטיגען מאמענט האט מען נאך די אינקוויזיציע נישט געהאט איינגעארדענט. מען האט דערויף ערשט געמוזט בעקומען אנ'ערלויבניש פון קעניג, און אט צוליעב דעם האט מען ארויסגעשטעלט א פאנאטישען דרשן געגען די אנוסים און אזוי שטארק אויפגערייצט דעם כעס פון פאלק געגען זיי אין מאדריד, אז ער, דער קעניג האט געמוזט בעטען א מילדערען דרשן, דאס ער זאל בערוהיגען די קריסטען אין זיינע דרשות. אלענפאלס איז שוין אבער געווען צוגעגרייט דער באדען פאר דער אינקוויזיציע. אין טאלעדא איז די שנאה אויסגעבראכען אין אנ'אנפאל און העכער הונדערט און דרייסיג אנוסים זענען דאמאלס דערהרג'עט געווארען; יענע אנוסים, וועלכע האבען זיך געוואלט פערטיידיגען געגען דעם אנפאל, האט דער המון אויפגעהאנגען. העכער יעקס הונדערט הייזער פון די אנוסים האט מען אונטערגעצונדען און פערברענט.

אנ'אמת'ער אונגליק איז געווארען פאר די שפאנישע אידען און זייערע אמאליגע ברידער, די אנוסים, דער שידוך צווישען דער פרינצעסין איזאבעלא פון קאסטיליען אדער, ווי מען האט איהר גערופען שפעטער, די קאטוילישע, און דעם פרינץ פון ארראגאניען דאן פערדינאנד. דעם דאזיגען שידוך, וועלכער האט געבראכט אזוי פיעל אונגליקען אויף אידען און אויף שפאניען, האבען דוקא די אידען

און די אנוסים בעגינסטיגט. די יורש'תע פון טראָהן איז איינענטליך גע-
וועזען נישט איזאבעלא, נאָר די יונגערע טאָכטער פון דאָן היינריך, די פרינ-
צעסין יאָהאַנא, אָבער זי איז געבוירען געוועזען נישט פון חופה-וקידושין
און איהר פאָטער איז דערפאַר אַזוי געפלאָגט געוואָרען דורך די גלחים,
אַז ער האָט געמוזט איהר אויסשליסען פון טראָהן, אַנערקענענדיג פאַר אַ
יורשת'ע איהר שוועסטער, איזאבעלא. אַלס אַזעלכע האָבען זיך צו איהר
געשדכנ'ט זעהר פיעל רייכע פרינצען, זי אָבער האָט בעסער געוואָלט דעם
שידוך מיט'ן אַראַגאָנישען פרינץ פערנאַנד, האָטש איהר פאָטער איז גע-
וועזען געגען דעם. און האָטש זי האָט פייערליך צוגעזאָגט, אַז זי וועט טהון
אַ שידוך נור מיט דער איינשטימונג פון איהר ברודער, האָט זי דאָך איהר
וואָרט געבראָכען און אַ כלה געוואָרען בשתיקה פאַר דאָן פערדינאַנד.
געהאָלפען האָט איהר דערין דער רייכער און קלוגער איד: דאָן אברהם
סעניאָר. ער האָט געמיינט, דאָס דורך דעם שידוך וועט ער פעסטשטאָו-
קען די לאגע פון די אידען און — געבראכט אויף זיי אַ שרעקליכען עלענד.
מען האָט געמליך, געוואוסט, אַז דאָן פערדינאַנד האָט געשטאַמט פון איד-
רישען בלוט. דען זיין עלטער-גרויסמוטער זיידע האָט זיך געהאַט פערליעבט
אין אַ אידישער טאָכטער פאַלאָמאַ. און דער זוהן, וואָס זי האָט איהם
געבוירען, איז געווען אַזוי קלוג און שעהן, אַז ער האָט איהם צוגעקענט
און אָבגעגעבען אַלע זיינע רעכטע, האָטש ער איז געווען געבוירען אָהן
חופה-וקידושין. און אָט זיינע אַ טאָכטער איז געוואָרען די פרוי פונ'ם קע-
ניג דאָן זשואַן II פון אַראַגאָניען און די מוטער פון דאָן פערדינאַנד. די
אידען האָבען דעריבער געהאָפט, אַז דער שידוך וועט ברענגען אידען גליק,
ווייל דער קעניג, ווייסט, אַז אין זיינע אָדערן פליסט אידיש בלוט, וועט,
בלי ספק, זיין אַ מלך של חסד פאַר אידען. איינער פון די אנוסים, דאָן
פעדראָ דע לאַ קאַבאַלעריאַ, וועלכער האָט פריהער געהייסען שלמה, האָט מנצח געווען אַלע שוועריגקייטען, וואָס האָבען זיך פאַר-
געשטעלט אינ'ם שידוך און געגעבען אַ טייערען האַלזבאַנד און אַ גרויסע
סומע געלד — אַ כלה-מתנה איזאַבעלאַ'ן. דאָן אברהם פון זיין זייט האָט
שלום געמאַכט צווישען דעם קאַסטילישען קעניג מיט זיין שוועסטער
איזאַבעלאַ און ער האָט ענדליך איינגעשטימט אויפ'ן שידוך, וואָס איז גע-
וועזען געשלאָסען געגען זיין ווילען. איזאַבעלאַ איז דערפאַר געווען אַזוי דאַנק-
באַר דעם אידען, דאָן אברהם, אַז זי האָט איהם בעשטימט אַ גרויסע
יעהרליכע פענסיע.

די פאַנאַטיקער פון זייער זייט האָבען אָבער אינסטינקטיוו געשפירט,
אַז אין דער רעגירונג פונ'ם יונגען פאָר וועט מען קענען [illegible]פיהרען די
רדיפות געגען אידען און די אַנוסים, און זיי האָבען דע[illegible]ר באַלד גע-
מאַכט אַ בלבול אויף די אידען און אַ ווילדען אָנפאַל. [illegible]ן האָט בעשול-
דיגט די אידען פונ'ם קליינעם שטעדטעל סעפולוועדאַ, נעבען שעגאָ-
וויאַ, אַז זיי האָבען פאַר פסח, לויט דער עצה פון זייער רב (רבי

שלמה פיכאָן,) אזוי שטאַרק געפיינינט אַ קריסטליך קינד, דאָס עס איז אונטער זייערע הענד געשטאָרבען (1471). דאַן האָט דער בישאָף זשואַן אריאַס דאַווילאַ, אַ זוהן פונ'ם מיניסטער דיעגאַ אריאַס דאַווילאַ פון די אנוסים, געלאָזט שלעפען אין תפיסה אַכט אידען און זיי פערצוויילט אַ טייל צו פערברענען, אַ טייל צום טויט אויפ'ן עשאַפאָט און אַ טייל, אלס אַ בעזונדערען חסד — צום דערווערגען. דער בישאָף איז, מעגליך, אליין כלל נישט געווען איבערציינט אין דער ריכטיגקייט פון דער בעשולדיגונג, ער האָט פיעל מעהר געוואוסט, אַז דאָס איז אַ פוסטער בלבול, אָבער ווייל ער האָט געשטאַמט פון אידען, האָט ער מורא געהאַט ארויסווייזען צו זיין גערעכטיגקייט. די קריסטליכע איינוואוינער פון סעפּולוועדאַ האָבען זיך נישט בעגנוגענט מיט דעם אורטייל און אַנגעפאַלען אויף די אידישע איינוואוינער, פון וועלכע זיי האָבען אַ גרויסען טייל אויסגע'הרג'עט, און אַ גרויסער טייל איז ענטלאָפען, אָבער אויך זיי האָט מען אויפ'ן וועג געחאַפּט און דער'הרג'עט. דאָס אידישע פערמעגען האָט מען צורויבט, און דעם ווילדען בלבול האָט מען איבעראַל פערשפרייט, אלס אַ זיכערען פאַקט.

נעגען די אנוסים האָט זיך אַנגעהויבען אַ'אלגעמיינע בעוועגונג, וועלכע האָט אויסגעבראָכען אין אַ בלוטיגער שחיטה אין קאָרדאָוואַ האָט זיך איינגעאָרדענט אַ „פרומע חברה" (1473), וועלכע האָט זיך געשטעלט אונטער'ן שוץ פון דער גאָטעס-מוטער. די אנוסים זענען אלע געווען אויסגעשלאָסען פון דער חברה. בשעת אַ פייערליכער פּראָצעסיע מיט פאָהנען און צלמים, האָבען די קריסטען בעפוצט זייערע הייזער און גאַסען מיט טעפּיכען און בלומען-קרענץ, נאָר די הייזער פון די אנוסים זענען געבליבען נישט בעפוצט, און אָט האָט די חברה דאָס ערקלערט פאַר אַ בעליידיגונג און אַ חרפה פאַר דער גאָטעס-מוטער. דערצו איז נאָך אויך פאָרגעקומען אַ צופאַל, דאָס אַ מיידעל פון די אנוסים האָט ארויסגעגאָסען וואַסער אויפ'ן גאַס און די קריסטען האָבען באלד פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז זי האָט בעשמוצט דאָס מוטער-גאָטעס-בילד. דער המון האָט באלד אונטערגעצונדען די הייזער פון די אנוסים, פיעל פון זיי האָט מען דערביי אויסגע'הרג'עט און נאָר אַ קליינער רעשט האָט זיך געקאָנט ראַטעווען דורכ'ן אַנטלויפען. פון קאָרדאָוואַ האָט די שחיטה זיך אריבערגעוואָרפען פון שטאָדט צו שטאָדט, און אויף די אנוסים האָט מען איבעראַל געמאַכט אַ יאַגד, ווי אויף ווילדע חיות.

די שפאַנישע אידען האָבען גלייך דערזעהען די געפאַהר וואָס דראָהט אויך פאַר זיי, און זיי האָבען דעריבער באלד אנגעהויבען צו קוקען אויף די לענדער, וואו די אידישע לאַגע איז געווען אַ גינסטיגערע—אויף דאָס קריסטליכע איטאַליען און אויף די נייע מלוכה, וועלכע מען האָט נאָר וואָס אָבגעריסען ביי די קריסטען—טערקיי. אין איטאַליען האָבען די קריסטען צונגען געקענט די גאַנצע פערדאָרבענהייט פון פויפּסט און די

אויסגעלאסענקייט פון זיינע גלחים, אז מען זאל שטארק נתפעל ווערען פון זייערע אויפרייצונגען געגען די אידען. אויך דער וועלט-מסחר פון די רעפובליקען ווענעדיג, פלארענץ, גענוא און פיזא האט פיעל מיטגעווירקט ביי דער אלגעמיינער ענטוויקלונג און אבגעשוואכט דעם פינסטערען פאנאטיזם און ווילדקייט. די אינטערעסען פון דער בערזע האבען געשטעלט אין שאטען די אינטערעסען פון דער קירכע. נישט בלויז די סוחרים נאר אויך די שרים האבען געברויכט געלד, כדי צו קאנען אויסהאלטען סאלדאטען פאר די שטענדיגע מלחמות, וואס פלעגען דאמאלס פארקומען אין איטאליען. מען האט דעריבער געשעצט רייכקייט און פערשטאנד, וועניג וואס רעכענענדיג זיך מיט דער קאטוילישער אמונה. די אידען אלס קאפיטאליסטען און קלוגע בעלי-עצות זענען דארום זעהר געשעצט געוועזען אין די איטאליענישע רעפובליקען. ווען די שטאדט ראווענא האט זיך געוואלט פעראייניגען מיט דער וועניציאנישער רעפובליק, האט זי אונטער אנדערען אויך געשטעלט א תנאי, אז מען זאל צו איהר שיקען רייכע אידען, כדי צו גרינדען דארט א לייה-באנק, וואס זאל קומען צו הילף די ארעמע סוחרים.

די אידישע קאפיטאליסטען האבען דערפאר בעקומען אין פיעל איטאליענישע שטעדט פון די רעגירענדע פירשטען אדער פון סענאט זעהר ברייטע פריווילעגיעס צו עפענען בענק און מאכען געלד-געשעפטען. דער ערצבישאף פון מאנטוא האט ערקלערט (1476) אינ'ם נאמען פון פויפסט, אז די אידען איז ערלויבט צו בארגען געלד אויף פראצענט, און איין רייכער איד, יחיאל פון פיזא האט בעהערשט דעם גאנצען געלד-מארק פון טאסקאנא. ער איז אבער נישט געוועזען קיין געלד-מענש אהן הארץ, ווי די פאנאטיקער האבען וועגען איהם ערקלערט, נאר א מענש פון א גוטען כאראקטער, וועלכער איז שטענדיג גרייט געוועזען צו שטיצען ארעמע און עלענדע. ער איז אויך געוועזען א איד א למדן און געשטאנען אין נאהנטע בעציהונגען מיט'ן לעצטען אידישען שר אויף דער פירענייאישער האלב-אינזעל, דאן יצחק אברבנאל. אין יענער צייט האט דער קעניג פון פארטוגיא, אלפאנזא V, איינגענומען די אפריקאנישע האפען-שטעדט, ארצילא און טאנזשער. צווישען די פיעל שבוים זענען אויך געווען אידען, מענער און פרויען, יונגע און אלטע. די מצוה פון פדיון-שבוים איז ביי אידען אלעמאל געשטאנען זעהר הויך, און די פארטוגאלישע אידען האבען געוואלט אויסקויפען אלע געפאנגענע אידען. ווייל אבער עס האט זיי אויסגעפעהלט געלד איינצוארדנען די אונגליקליכע, האט דאן יצחק אברבנאל זיך געווענדעט וועגען דעם מיט א ביטע צו רבי יחיאל פון פיזא, און ער האט איינגעארדענט א גרויסע געלד-זאמלונג אין איטאליען צווישען די אידען, העלפענדיג אזוי די שבוים מיט זעהר גרויסע סומעס.

אויך אלס דאקטוירים זענען די אידען זעהר בערימט געוועזען אין

איטאַליען. נישט אַכטענדיג אויף דער אַלטער מעדיציניִשער שולע אין
סאַלערנאָ. זענען געווען זעהר ווענינ קריסטליכע דאָקטוירים אין איטאַל־
יען, און ווייל די הויכע גלחים, וועלכע האָבען פיעל מעהר געזאָרגט פאַר'ן
ערהאַלטען זייער זינדיגען לייב, איידער צו זאָרגען פאַר דער נשמה, האָ־
בען געברויכט דוקא אידישע דאָקטוירים, האָבען די איבריגע קריסטען
אין דער הינזיכט זיי נאָכגעטהון, און די אידישע דאָקטוירים האָבען
שטענדיג געהאַט אַ גרויסע פּראַקטיק. דער בעריהמטער אידישער דאָק־
טאָר גוגליעלמאָ (בנימין) די פּאָרטאַלאָנע פון מאַנטואַ איז
געווען לייב־דאָקטאָר ביי'ם קעניג פערדינאַנד פון נעאַפּאָל, וועל־
כער האָט איהם דערהויבען צום ריטער; ער איז שפּעטער געוואָרען לייב־
דאָקטאָר ביי'ם מאַילענדישען הערצאָג גאַלעאַצאָ ספאָרצאָ (1479)
און פון איהם האָבען געשטאַמט פיעל אידישע דאָקטוירים אין איטאַליען.
בכלל זענען די בעציהונגען צווישען די אידען און די קריסטען אין אי־
טאַליען געווען זעהר געמיטליכע. ווען איין רייכער איד לעאָ אין קרע־
מאָ האָט חתונה געמאַכט זיין זוהן און געפייערט מיט גרויס פּאַראַד די
שבעת ימי המשתה, האָט ער דערצו איינגעלאַדען זעהר פיעל קריסטען
וועלכע האָבען אויף די סעודות געגעסען, געטאַנצט און געהוליעט, צום
גרויסען פערדרוס פון די גלחים. מען האָט איננאַנצען פערגעסען אָן דער
בולה פון פּויפּסט ניקאָלאַי V, וועלכער האָט שטרענג געהאַט פערבאָ־
טען צו חבר'ן זיך מיט די אידען און לאָזען זיך קורירען דורך די אידי־
שע דאָקטוירים. אַנשטאַט דער שאַנד־לאַטע האָבען די אידישע דאָקטוי־
רים געטראָגען עהרען־קליידער פּונקט ווי די קריסטליכע, און די אידען
וועלכע זענען געווען מקורבים למלכות, האָבען געטראָגען גאָלדענע קיי־
טען און אַנדערע עהרען־ציערונגען. די לאַגע פון די אידען אין איטאַליען
אין פערגלייך צו זייער לאַגע אין די אַנדערע לענדער, קאָן מען אמבעס־
טען ארויסזעהען פון פאָלגענדע צוויי פּאָרפאַלען, וועלכע זענען פּאָרגעקו־
מען אין דער זעלבער צייט אין איטאַליען און אין דייטשלאַנד און האָבען
זיך אין דיביידע לענדער געענדיגט גאַנץ פערשידען. אין פּאַוויאַ האָט אַ
פרוי פון אַמאַן און קינדער, צוליעב אונצופרידענהייט מיט איהר מאַן,
ערקלערט, אז זי וויל זיך שמד'ן. מען האָט איהר אריינגענומען אין אַ
קלויסטער, וואו מען האָט איהר שוין געהאַט צוגעגרייט צום שמד. דער
וויקאַר פונ'ם בישאָף, ווי אויך אַנדערע גלחים האָבען זי שוין געוואָלט
אָבשמד'ן, ווען די פרוי האָט פּלוצלונג חרטה בעקומען אויף איהר אונ־
בעדאַכטען שריט. דער בישאָף פון פּאַוויאַ האָט כלל נישט געטראַכט ווע־
גען בעשטראָפען זי, אָדער נישט דערלאָזען צוריק אומצוקעהרען זיך צום
אידישען מאַן און קינדער. ער האָט פיעל מעהר אליין זיך משתדל געווען
פאַר איהרעטוועגען ביי איהר אידישען מאַן און אַנ'עצה געגעבען איהם,
אז ער זאָל זי באַלד ארויסנעהמען פון קלויסטער. און ווייל דער איד איז
געווען אַ כהן, האָט ער עדות געזאָגט, אז זי איז נישט געווען ביחידות

מיט קיין גלח אין א צימער, זי איז אלזא נישט קיין חללה און ער מעג מיט איהר ווידער לעבען צוזאמען. אינ'ם זעלבען יאהר האט אין רעגענס-בורג דער חזן קליין ערקלערט, אז ער וויל זיך שמד'ן. ער איז פיעל מאל געווען אין קלויסטער און אין דער קירכע, און ענדליך האט דער בישאף אריינגענומען איהם צו זיך אין הויז און צוגעגרייט צום שמד. ער האט אבער שפעטער חרטה בעקומען און ווען דער בישאף איז אין דער היים נישט געווען האט ער זיין הויז פערלאזען און צוריקגעקעהרט זיך צום יודענטום. די גלחים האבען אויפגעהויבען וועגען דעם א גאנצע העצע, בעשולדיגענדיג איהם, אז ער האט געוואלט אבשפאטען פון דער קירכע. דאס געריכט האט איהם פער'משפט צום טויט, און מען האט איהם דערטרונקען.

איבעראל, וואו עס האט נאר פאר די אידען א שיין געטהון די זון פון פרייהייט, האט זיך באלד דערוועקט אין זיי די אינערליכע שאפענדע קראפט. אזוי איז עס אויך געווען אין איטאליען, בפרט נאכדעם ווי די איטאליענישע אידען זענען שוין געשטאנען אויף א געוויסער ענטוויק-לונגס-שטופע אין דער צייט פון עמנואל און יהודה גור אריה לעאנע ראמאנא. זיי האבען דעריבער אנטייל גענומען אין דער גייסטיגער ענטוויקלונג אין דעם יונגען אויפוואקסען פון דער וויסענ-שאפט, וועלכע האט אזוי בע'חנ'ט די צייט-עפאכע פון דער מעדיצין. אידישע יונגע לייט האבען בעזוכט די איטאליענישע אוניווערזיטעטען, וואו זיי האבען זיך בעקענט מיט דער העכערער בילדונג. מיט דער ניי-ערפונדענער דרוקער-קונסט פון גוטענבערג, האבען די איטאליענישע אי-דען די ערשטע געמאכט די פראקטישע פראבעס אין לעבען, גרינדענדיג דרוקערייען אין רעדזשיא, מאנטוא, פעררארא, פיעווא די סאקא, באלאניא, סאנדינא איסדיאן און נעאפעל. נאטיר-ליך, האבען אידען דאמאלס קיין אנטייל נישט גענומען אין די אמאלי-גע קונסט-שעפונגען: אין דער מאלעריי, סקולפטור, וועלכע זענען נישט אריינגעגאנגען אין קרייז פון דער אידישער טעטיגקייט. אבער איינינע געבילדעטע אידען האבען מיטגעווירקט ביי דער הויבונג און פערשפריי-טונג פון דער וויסענשאפט אין איטאליען. בעזונדערס פיעל האבען אין דער היסטוריע אויפגעטהון צוויי אידישע חכמים פון יענער צייט: רבי יהודה מעסער לעאן און רבי אליהו דעל מעדיגא.

רבי יהודה בן יחיאל מעסער לעאן פון נעאפעל (ארום 1450—1490) איז געווען רב און דאקטאר אין מאנטוא. זייענדיג א שע-נער שרייבער אין העברעאיש, האט ער אויך גוט געקענט לאטייניש און זעהר געליעבט די שענע שריפטען פון ציצערא און קווינטיליאן. געהע-רענדיג צו דער אריסטאטעלישער שולע, האט ער געשריבען פרושים צו עטליכע פון זיינע ווערק און אויך מחבר געווען א גראמאטיק און א לא-גיק אין העברעאיש פאר די אידישע לעזער. וויכטיגער פאר די דאזיגע

ספרים איז אבער געווען זיין רהעטאריק „נופת־צופים“, אין וועלכער ער ווייזט אן די געזעצען פון דער שעהנהייט, געמיטליכקייט און גוטער ווירקונג פון דער רעדנערישער קונסט און פון העברעען סטיל, ערקלערענדיג, אז די דאזיגע געזעצען קאן מען ענטדעקען אויך אין די שריפטען פון די נביאים. מעסער לעאן איז געווען דער ערשטער אידישער חכם, וועלכער האט פערגליכען די שפראך פון די נביאים און פון תהלים מיט דער שפראך פון א ציצערא; אין יענער צייט איז דאס געווען א געוואלדיגע גבורה, ווייל אלע, סיי קריסטען, סיי אידען, פלעגען אזוי הויך שטעלען דעם תנ"ך, אז אזא פערגלייך האט אויסגעוויזען, ווי אנ'אמתע פראפאנאציע (חלול־הקדש). מעסער לעאן, דער אויפגעקלערטער רב פון מאנטוא, איז בכלל געווען א פריידענקער, פלעגט זעהר שארף ארויסטרעטען געגען די צו פרומע אידען, וועלכע האבען געוואלט האלטען דאס יודענטום ווייט פון יעדען אויסערליכען איינפלוס.

רבי אליהו ברבי משה אבא דעל מעדיגא פון קאנדיא (Cretensis) (געבוירען 1463 געשט. 1498) האט געשטאמט פון א משפחה, וואס האט איבערגעוואנדערט פון דייטשלאנד קיין קאנדיא (קרעטא), און איז געווען דער ערשטער גרויסער איד, וואס איז אויסגעוואקסען אין איטאליען. דאס איז געווען א קלאר דענקענדער קאפ, וועלכער איז שטארק אריבערגעוואקסען דעם אלגעמיינעם נעבעל פון זיין צייט, א מענש פון פיעל גרינדליכע קענטניש און פון פילאזאפישער און קלאסישער בילדונג. אין דער לאטיינישער ליטעראטור האט ער זיך אזוי שטארק אריינגעלעזען, אז ער איז נישט בלויז געווען אנ'אויסגעצייכנעטער סטיליסט אין לאטייניש, נאר אויך ווען ער פלעגט העברעאיש שרייבען, פלעגט ער בויען די מאמרים לויט'ן לאטיינישען סינטאקסיס. דעל מעדיגא האט זיך געהאלטען פון דערווייטען פון דער נעא־פלאטאנישער פילאזאפיע, וועלכע האט אויפגעלעבט אין יענער צייט, ווייל ער איז געווען א צו לאגישער דענקער, כדי צו לאזען זיך פערפיהרען פון פערשיידענע סכאלאסטישע שווינדלערייען. דעל מעדיגא האט בעקענט געמאכט די קריסטליכע פארשער אין איטאליען מונדליך און שריפטליך מיט די סיסטעמען פון די גריכישע, אידישע און אראבישע פילאזאפען, וועלכע ער האט איבערזעצט אדער זעלבסטשטענדיג בעארבייט. דאס וואונדערקינד פון זיין צייט, גראף דזשיאוואני פיקא דע מיראנדאלא, איז געווארען דעל מעדיגא'ס א פריינד, תלמיד און בעשיצער. דער איטאליענישער גראף האט געלערנט פון זיין אידישען פריינד נישט בלויז העברעאיש, נאר אויך די אריסטאטעליש־אראבישע פילאזאפיע; פון איהם האט ער אויך געלערנט קלאר צו דענקען.

איינמאל איז אין דער אוניווערזיטעט פון פאדוא אויסגעבראכען א וויסענשאפטליכער סכסוך און די פראפעסארען און סטודענטען האבען זיך צוטיילט אויף צוויי פארטייען, וועלכע האבען, נאכ'ן קריסטליכען

שטיינער געוואלט פערענטפערען די מחלוקת דורך שלאגען זיך מיט שווערדען און קולאקעס (דועליזירען). די אוניווערזיטעט האט אבער געוואלט מאכען א סוף מיט אזא מין איבערצייגונג און, מיט דער הסכמה פון ווענעציאנישען סענאט, האט זי איינגעלאדען רבי אליהו דעל מעדיגא פאר א פשרה־ריכטער. פון זיין גרינדליכער געלעהרטקייט האט מען ערווארטעט, אז ער וועט אונפארטייאיש ערקלערען, ווער עס האט רעכט און ווער אונרעכט. דעל מעדיגא האט עפענטליך דיספוטירט איבער דער טהעמא אין פאדוא און דורך זיין אורטייל האט ער פערשאפען איין פארטייַ דעם נצחון. צוליעב דעם דאזיגען פאל, איז ער בעשטימט געווארען פאר א פראפעסאר פון פילאזאפיע און האט געהאט זעהר פיעל צוהערער אויף זיינע לעקציעס אין פאדוא און פלארענץ. פאר די אידען איז דאס געוועזן א גרויסער נצחון, דען אין די אויגען פונ'ם פויפסט, וועלכער האט נאר געשטרעבט צו ערנידריגען דעם אידישען גייסט און דאס אידישע פאלק, זענען געזעסען פיעל קריסטען און, ווי געהארכזאמע תלמידים צוגעהערט צו יעדען ווארט פון זייער אידישען לעהרער.

גראף פיקא דע מיראנדאלא, וועלכער איז געווען מעהר געלעהרטער ווי דענקער, האט בעקומען א שטארקען חשק צו בעקענען זיך מיט דער קבלה. געלערנט האט ער די דאזיגע תורה ביי רבי יוחנן אלימאני, וועלכער איז געקומען פון קאנסטאנטינאפאל קיין איטאליען. פיקא דע מיראנדאלא האט זיך גרינדליך בעקענט מיט די פארמען פון דער קבלה און איינגעפונען, אז אין זיי געפינען זיך פיעל מעהר עלעמענטען פון קריסטענטום איידער פון יודענטום. די קריסטליכע לעהרע פון דער דרייאייניגקייט פון דער געטליכער מענשען־פערקערפערונג, פון דער זינד פונ'ם ערשטען מענשען, פון דער מפלה פון די מלאכים אין דער אומריינער וועלט, פונ'ם גיהנם און זיינע לייטערונגען פאר די זינדיגע נשמות — דאס אלץ האט פיקא געפונען בעשטעטיגט אין דער קבלה און האט זיך באלד גענומען איבערזעצען איינִיגע קבלה־ספרים פון העברעאיש און לאטייניש, כדי צו בעקענען מיט זיי די געלעהרטע קריסטען. צווישען די ניין הונדערט נייע כללים פון חכמה, וועלכער דער יונגער פיער און צוואנציג־יעהריגער גראף פיקא האט זיך אנגענומען צו פערטיידיגען אין דער נעגענווארט פון די חכמים פון דער גאנצער וועלט, וועלכע ער האט איינגעלאדען צו קומען קיין רוים, צוליעב דעם, אויף זיינע הוצאות, איז אויך געווען די פאלגענדע הנחה: קיין שום וויסענשאפט בעווייזט נישט גרינדליכער די געטליכקייט פון קריסטוס, ווי די קבלה און די מאגיע. דער פויפסט סיקסטוס IV (1471—1489) האט דעריבער בעפויהלען איבערצוזעצען אלע קבלה־ספרים אין לאטייניש, כדי צו פערשטארקען דאדורך די אמונה צווישען די קריסטען.

רבי אליהו דעל מעדיגא איז אבער געשטאנען ווייט פון דער קבלה

און ער האָט ערקלערט עפענטליך, אז אין דער קבלה דאַרף מען נישט גלויבען, ווייל אין תלמוד ווערט וועגען איהר נישט דערמאָנט, די אלטע אידישע חכמים און גאונים האָבען וועגען איהר נישט געוואוסט און דאָס, וואָס מען ערקלערט, אז דער „זוהר“ שטאַמט פון רבי שמעון בן יוחאי איז נישט אמת. איינער פון זיינע תלמידים, רבי שאול אשכנזי, האָט ביי איהם געבעטען, אז ער זאָל מחבר זיין א ספר וועגען די פּרינציפּען פון דער אידישער רעליגיע. רבי אליהו דעל מעדיגא האָט זיין פערלאַנג ערפילט און מחבר געווען דאָס קליין ספר'ל, וואָס האָט אָבער זעהר א גרויסע בעדייטונג: „די פּרובירונג פון דער רע־ליגיאָן“.

מען קאָן נישט זאָגען, אז רבי אליהו דעל מעדיגא האָט אין זיין דאָזיגען ספר אַרויסגעזאָגט בעזונדערס נייע געדאַנקען; די איטאַליעני־שע חכמים האָבען בכלל נישט רייך געמאַכט דעם יודענטום מיט נייע גע־דאַנקען. ער האָט זיך אויך געהאַלטען מעהר ביי דער אמונה איידער ביים פאָרשען און פאַר'ן יודענטום איז ער אַרויסגעטראָטען מעהר אַלס פערטיי־דיגער איידער בעגרינדער. אָבער אין דער דאַמאָלסדיגער טרויעריג־אַרי־מער צייט איז זיין ספר געווען אַן'אמת פרישער קוואַל אין א טרוקענעם, וויסטען מדבר. אויך דאָס איז געווען א גרויסע זאַך פון זיין זייט, וואָס ער איז אַרויסגעטראָטען אַלס געגנער פון די בעלי מקובלים פון איין זייט און פאַלשע חקרנים פון דער צווייטער זייט, וועלכע האָבען ביידע אַריינ־געטראָגען גאַנץ פרעמדע עלעמענטען אין יודענטום.

געגען דער פילאָזאָפישער פאָרשונג און איהרע פערטרעטער אין אי־טאַליען: רבי אליהו דעל מעדיגא און רבי יהודה מעסער לעאנע זענען אַרויסגעטראָטען די אשכנזישע רבנים, וועלכע זענען געקו־מען פון דייטשלאַנד קיין איטאַליען. נייע שטורעמס, וועלכע האָבען אויס־געבראָכען איבער די אידען אין דייטשלאַנד, האָבען געצוואונגען פיעל פון זיי צו וואַנדערן קיין איטאַליען, כדי צו זוכען פאַר זיך דאָרט א מקום מנוחה. אונטער דעם דייטשען קייזער פרידריך III (1393—1440), וועלכער האָט אין דער לאַנגער צייט פון זיין רעגירונג צוגעזעהען קאַלט־בלוטיג אין א משך פון העכער פופציג יאָהר, ווי מען טרעט מיט די פיס די פאָלקס־רעטער אין דייטשלאַנד, האָבען די אידישע קהלות געליטען זעהר פיעל. דער קייזער אַליין איז כלל נישט געווען קיין שונא פון אידי־שען פאָלק, ער האָט אפילו אויך אַרויסגעגעבען אָפט דעקרעטען צו בע־שיצען די אידען, אָבער זיינע בעפעהלען זענען געבליבען טויטע אותיות און זיין שוואַכקייט האָט צוגעגעבען מוט די שלעכטע שרים אָבצוטהון די גרעסטע שענדליכע מעשים מיט א געוואַלדיגער אכזריות. די אידען אין דייטשלאַנד האָבען דאַמאָלס געלעבט אין איין ציטערן פאַר זייער לעבען, אפילו אויסער די מויערן פון דער שטאָדט איז פאַר זיי געווען א סכנה רויסצוגעהן. יעדער סכסוך, יעדע מלחמה, וועלכע פלעגט דאַמאָלס אָפט

אויסברעכען אינ'ם פערפוילטען דייטשען פאלקסארגאניזם, פלעגט ברענגען די אידען די גרעסטע אונגליקען. פון מאינץ האט מען די אידען, ווי פון פיעל אנדערע שטעדט, ארויסגעטריבען. צווישען די ארויסגעטריבענע זע־נען אויך געווען צוויי גרויסע תלמודיסטען, די גאונים (שוועסטער-קינדער) רבי יהודה מינץ און רבי משה מינץ, פון וועלכע דער ערשטער האט אויסגעוואנדערט קיין פאדוא און איז דארט רב געווארען, און דער אנדערער איז פריהער געבליבען אין דייטשלאנד און שפעטער האט ער אויסגעוואנדערט קיין פאזען. אויך פון אנדערע געגענדען אין דייטשלאנד זענען פיעל רבנים אריבערגעגאנגען וואוינען אין איטאליען, אריינברענגענ-דיג אהין זייער פרומקייט און התנגדות צו וויסענשאפט. נעבען רבי יהודה מינץ איז רבי יוסף קולן געווען דער אנגעזעהענסטער רב פון איטאליען און אט די רבנים זענען עס ארויסגעטראטען געגען דער פרייער פארשונג אויפ'ן רעליגיעזען געביט

א וואונדער וואלט עס געווען, אוב די פאנאטישע מאנאכען וואלטען דאמאלס נישט מקנא געווען די אידען אין איטאליען זייער טיילווייז זיכע-רע און געעהרטע לעבענס-לאגע. דער ערגסטער פיינד זייערער איז געווען דער פראנציסקאנער מאנאך בערנארדינוס פון פעלטרע — א ווערטער תלמיד פונ'ם בלוט-דורשטיגען קאפיסטראנא. אין זיינע דרשות פלעגט ער נאר ווארנען די קריסטליכע עלטערן גוט אכטונג צו געבען אויף זייערע קינדער, אז די אידען זאלען זיי נישט צו'גנב'ענען, כדי צו פייני-גען זיי און אויסצוזויגען זייער בלוט. דעם מאנאך קאפיסטראנא פלעגט ער לויבען אלס א מוסטער פון אנ'אמת'ן קריסט. די פריינדשאפטליכע בעצי-הונג מיט די אידען איז געווען אין זיינע אויגען די גרעסטע זינד געגען דער קירכע. און וויל די קריסטליכע שרים זענען איבעראל אין איטאל־יען געשטאנען אויפ'ן צד פון די אידען, האט בערנארדינוס אויפגערייצט דעם המון נישט בלויז געגען די אידען, נור אויך געגען זייערע קריסטליכע פריינד. צוליעב די נעצעהלטע רייכע אידען. פלעגט ער שילדערן דאס גאנצע אידישע פאלק, ווי א מאסע פון בלוטזויגער. ווען אין דער בעפעל-קערונג פון איטאליען וואלט שוין דאמאלס נישט געלעבט קיין געזונדער גייסט, וואלט דער דאזיגער מאנאך געקאנט ווערען פאר זיי דאס, וואס וויצענטי פערערער איז געווארען אינ'ם אנפאנג פונ'ם זעלביגען יאהרהונ-דערט פאר די אידען פון שפאניען און קאפיסטראנא — פאר די אידען פון דייטשלאנד און פון די סלאווישע לענדער, אבער די איטאליענישע פירש-טען האבען איהם שווער געמאכט זיין העצע-אגיטאציע און זיינע רייד פלעגען אפט בלייבען פאר'ן ווינד. ווען ער האט אין בערגאמא געהאל-טען איינמאל זיינע א העצע-רעדע, האט איהם דער הערצאג גאלעאצא פון מאילאנד פערבאטען ווייטער ארויסצוטרעטען מיט אזעלכע רעדעס. אין פלארענץ און אין דער מאסקאנישער פראווינץ בכלל האבען זיך אנגענומען פאר די אידען דער פירשט און דער סענאט, וועלכע האבען זעהר געליעבט

די ווסענשאפט. דער גיפטינגער מאנאך האט דערפאר פערשפרייט א קלאנג, אז זיי האבען גענומען שוחד ביים רייכען רבי יחיאל פון פיזא און ביי אנדערע רייכע אידען. ווען אבער זיין העצע-אגיטאציע האט שיער נישט געבראכט צו א'אויפשטאנד און אנפאלען אויף די אידען, האט דער הערצאג איהם ארויסגעטריבען פון פלארענץ און פון גאנצען לאנד. בערנארדינוס האט זיך דאך אבער ענדליך דערשלאגען דערצו, אז מען זאל מאכען א בלוטיגען אנפאל אויף אידען, חאטש אפילו נישט אין איטאליען, נור אין טיראל, פון דארט האבען זיך די אנפאלען פערשלעפט אויך אין דייטשלאנד. אין טריענט האט ער בעמערקט, אז צווישען די אידען און קריסטען הערשט א זעהר געמיטליכע שטימונג. א געשיקטער אידישער דאקטאר טוביה און א קלוגע אידישע פרוי ברונעטא זענען זעהר געוועזען בעליעבט ביי די העכערע קלאסען און געהאט זעהר העכסטען צוטרוי. דאס האט איהם זעהר אויפגערעגט, און ער האט אנגעהויבען טראגען זיין העצע, און ווען איינגע קריסטען האבען מתרעם געווען אויף איהם פאר זיינע אנפאלען אויף די אידען, בעמערקענדיג, אז אויב אפילו די טריענטער אידען גלויבען נישט אין קריסטענטום, זענען זיי דאך גאנץ גוטע מענשען, האט בערנארדינוס זיי געענטפערט: „איהר ווייסט נישט, וואס פאר צרות איהר וועט פון אט די גוטע לייט האבען. איידער פסחא וועט פאראיבערגעהן, וועלען זיי אייך געבען א בעוויז פון זייער וואונדערליכער גוטסקייט". עס איז איהם לייכט געווען צו זאגען נביאות, ווייל ער און נאך איינינע קאטוילישע גלחים האבען שוין געהאט פערפערטיגט אזא מיוולאנישען פלאן, אז נישט בלויז די טריענטער קהלה איז אונטערגעגאנגען, נור אויך פיעל אנדערע אידישע קהלות האבען דאדורך פעל אונגליק געליטען. דער צופאל האט זיי געגעבען א גינסטיגע געלעגענהייט זייער פלאן צו פערווירקליכען.

אין דער וואך פון פאסחא (1475) איז אין טריענט דערטרונקען געווארען א דריי-יעהריג קריסטליך קינד מיט'ן נאמען סימאן, א קינד פון ארימע עלטערן. דעם דערטרונקענעם האט מען שפעטער געפונען נעבען א אידיש הויז. כדי צו פערמיידען פאלשע קלאנגען, האט דער איד זיך בעאיילט צו געהן צום בישאף הינדערבאך, כדי איהם מודיע צו זיין דעם פאקט. דער בישאף האט גענומען צוויי הויכגעשטעלטע לייט און אוועקגעגאנגען צום אידישען הויז און געבראכט פון דארט דאס דערטרונקענע קינד אין קירכע. ווי באלד נור עס האט זיך פערשפרייט וועגען דעם די ידיעה אין שטאדט, האט בערנארדינוס מיט אנדערע גלחים אויפגעהויבען א געשריי, אז די אידען האבען דאס קינד געפייניגט, דער'הרג'עט און ארייננעווארפען אין וואסער. דאס טויטע קינד האט מען עפענטליך אויסגעשטעלט, כדי אויפצורייצען דאס פאלק וואס מעהר. דער בישאף הינדערבאך האט באלד געלאזט איינשמיעדען אין קייטען אלע אידען פון טריענט, פון גרויס ביז קליין, און א אוועקגעשלעפט אין תפיסה. מען

האָט אויך געפונען אַ דאָקטאָר, מאַטיאַס טיבערינוס, וועלכער האָט
בעשטעטיגט, אַז מען האָט דאָס קינד געפּייניגט, און אויך אַ משומד איז
אַרויסגעטראָטען מיט שענדליכע בעשולדיגונגען געגען די אידען. די קריס־
טען האָבען אין אַלץ געגלויבט, בפרט נאָכדעם ווי מען האָט די אידען גע־
פּייניגט און געצוואונגען זיי אַליין צו ערקלערען, אַז זיי האָבען דאָס קינד
דער'הרג'עט, כדי זיין בלוט צו פערנוצען אויף מצות. מען האָט אפילו אויך
אָנגעוויזען אויף דער אידישער פרוי ברונעטא, אַז זי האָט די נאָד־
לען געגעבען, כדי דאָס קינד צו שטעכען. ביי איין רב, ר' משה זאָל מען
אפילו אויך האָבען געפונען אַ בריעף, וועלכען מען האָט איבערגענומען
פון זאַקסען, און אין וועלכען מען בעט ביי איהם, אַז ער זאָל שיקען
קריסטליך בלוט אויף פסח. נור איין געפּייניגטער איד, דער קדוש רבי
משה, האָט געדולדיג אַריבערגעטראָגען אַלע ענוים און נישט בעשטע־
טיגט די שקרים, ווי מען האָט פון איהם פערלאַנגט. דער סוף איז געווען
אַ שרעקליכער; מען האָט אַלע אידען פון טריענט פערברענט לעבעדי־
גערהייד און אָנגענומען אַ בעשלוס, אַז מעהר זאָל מען דאָרט קיין אידען
נישט אַריינלאָזען. דער דאָקטאָר טוביה האָט זיך אַליין גענומען דאָס לע־
בען אין תפיסה. פון דער גאַנצער קהלה האָבען זיך געשמדט נור פיער
פערזאָן און זיי האָט מען, נאַטירליך, געלאָזט צו־רוה.

דער בישאָף פון טריענט, בערנאַרדינוס און די מאָנאַכען פון אַלע אָר־
דענס האָבען זיך בעמיהט אויסצונוצען דעם פאַל, כדי צו שאָדען די אי־
דען אויך אין אַנדערע לענדער. דעם טויטען קערפּער פונ'ם קינד האָט
מען איינבאַלזאַמירט און געוויזען דעם המון אַלס אַ הייליגקייט. טויזענדער
פאַנאַטיקער האָבען זיך געלאָזען פאָהרען מתפּלל זיין צו זיין געביין. אייי־
ניגע פון זיי האָבען גאָר דערצעהלט, אַז זיי האָבען געהאַט געזעהען, ווי די
ביינער פונ'ם טויטען האָבען געלויכטען מיט אַנ'איבערנאַטירליכען שיין.
מען האָט וועגען דעם אַזוי פיעל גערעדט, אַז די אויסטראַכטער אַליין האָ־
בען לסוף אָנגעהויבען גלויבען. די דאָמיניקאַנער האָבען אין זייערע דרשות
איבערגעגעבען אותיות ומופתים וועגען דעם נייעם קדוש. צוויי יוריסטען,
וועלכע זענען געקומען פון פאַדוא קיין טריענט, כדי אַליין צו זעהען די
גרויסע וואונדער, און זיי האָבען זיך בעצויגען סקעפּטיש צום קדוש, האָט
דער פאַנאַטישער המון זיי שיער נישט דערשלאָגען. אַזוי אַרום איז גע־
שטעלט געוואָרען אין סכנה דאָס לעבען פון די אידען אין אַלע קריסטליכע
לענדער. אפילו אין איטאַליען זענען אידען נישט געווען זיכער מיט'ן לע־
בען. דער דאָזש פּיעדראָ מאַציעניגאַ און דער ווענעציאַנישער סענאַט האָ־
בען אפילו אויף דער אָנקלאַגע פון די אידען, אַז זיי זענען נישט זיכער
מיט'ן לעבען און פערמעגען, אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צום פּאָדעסטאַ (גו־
בערנאַטאָר) פון פאַדוא, אַז מען זאָל די אידען פערטיידיגען פון אָנפאַלען
און פערבאָטען די גלחים צו האַלטען זייערע העצע־דרשות, דער דאָזש בע־
מערקט דערביי, אַז די מעשה מיט'ן טריענטער קדוש איז אַנ'אויסגעטראַכ־

טע מיט אַ בעשטימטען ציעל. אויך דער פויפסט סיקטוס IV האָט זיך אָבגעזאָגט צו פערהייליגען דעם קליינעם סימאָן און אין'ם דאָזיגען זין האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בריעף צו אַלע שטעדט אין איטאַליען (1475), פער־באָטענדיג, צו פערהייליגען דאָס דערטרונקען קינד, ביז מען וועט מאַכען אַ גענויע אויספאָרשונג. אָבער די גלחים האָבען זיך נישט געקימערט וועגען דאָס אַליז: זיי האָבען איהם ערקלערט פאַר אַ קדוש און גערופען די מאַסען פון אַלע לענדער צו קומען מתפלל זיין אין דער קירכע, וואָס זיי האָבען אויסגעבויט צו זיין אָנדענקען. די שנאה צו אידען אין דייטשלאַנד האָט דאָדורך בעקומען אַ נייעם קוואַל צו שפייזען זיך. די בירגער פון פראַנקפורט אַם מאַין האָבען אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט אויף דער בריק איבער'ן טייך מאַין, וועלכע פיהרט צום וועג קיין זאַקסענהויזען, און אויף'ן מאָנומענט האָט זיך געפונען אַ שטיין־בילד פון אַ געפייניגט קינד, אַרום וועלכען עס טאַנצען אַרום אידען אין דער שרעקליכסטער פּאָזע צוזאַמען מיט טייוואָלאָנים. אונטער'ן בילד האָט מען געמאַכט אַן'אונטערשריפט:

„כל זמן טריענט און דאָס קינד ווערט דערמאָנט',
„בלייבען די אידישע שווינדעל בעקאַנט".

דער שקר־בלבול וועגען דעם „קדוש אין טריענט" האָט זיך, ווי אַ העליש פייער, געשווינד פערשפּרייט אין דער גאַנצער קריסטליכער וועלט, אָבער אין ערגעץ האָט ער נישט געבראַכט אַזוי פיעל יסורים און ענוים די אידען, ווי אין רעגענסבורג, איינער פון די עלטסטע אידישע קהלות אין דרום־דייטשלאַנד. די קהלה האָט גע'שמ'ט נישט בלויז מיט איהרע גרויסע צדיקים און חסידים, נאָר בכלל מיט די שענע מדות פון איהרע מיט־גלידער. זינט מענשען האָבען געדענקט, איז נאָך דאָרט נישט פאָרגעקומען אַ פאַל, אַז אַ רעגענסבורג געבירטיגער זאָל דאַרפען געשטעלט ווערען פאַר'ן געריכט פאַר אַ מאָראַלישען פערברעכען. די קהלה האָט גע'שמ'ט אַלס די געלעהערטעסטע ביי אידען, און מען האָט איהר בעטראַכט אַלס די מוטער פון פיעל אַנדערע קהלות. זי האָט געהאַט פּריווילעגיעס פון גאַנץ אַלטע צייטען, און די קיסרים פלעגען זיי בעשטעטיגען ביים קרוינען זיך געגען אַ געוויסען אָבצאָהל „קרוין־געלד", וואָס די אידען פלעגען געבען. בים־לעכוויז זענען די אידען דאָרט אָנערקענט געוואָרען פאַר גלייכבערעכ־טיגטע בירגער און, גלייך מיט די קריסטען, פלעגען זיי דינען אין דער מי־ליז. די בייערישע פירשטען און חברות פלעגען זיך אַרומרייסען איבער די רעגענסבורגער אידען — נאַטירליך, ווייל יעדער אָט געוואָלט בעקומען דאָס רעכט, צו צאַפּען ביי זיי געלד. זיי זענען דעריבער געוואָרען אין דער לעצטער העלפט פון פופצעהנטען יאָהרהונדערט אַנ'אמת'ער צאַנק־עפּעל צווישען דעם קייזער פרידריך III און דעם הערצאָג פון בייערן־לאַנדס־בערג. אויסער דעם האָבען נאָך אויך די פריצים פון דער משפחה „קאַמער־אויער" געטענה'ט, אַז זיי האָבען דאָס רעכט אויף די רעגענסבורגער אי־

דען. דאָס זעלבע האָט אויך געטענה׳ט דער ראַט פון שטאָדט און דער בישאָף. דער אָדער דער אַנדערער פלעגט אָפט צושיקען אַ בעפעהל צום שטאָדט־ראַט, מען זאָל אַריינוואַרפען אין תפיסה די רעגענסבורגער אידען, אָדער זייערע פאָרשטעהער מיט׳ן רב בראש און האַלטען זיי דאָרט אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלען געבען די פערלאַנגטע סומע אויסקויף־געלד. דער שטאָדט־ראַט פלעגט אפילו די אידען בעשיצען, אָבער באופן, אַז די אָרטיגע קריסטען זאָלען, חלילה, קיין מאַטעריעלען שאָדען דערפון נישט האָבען, און אַז די אידען זאָלען נישט קאָנקורירען מיט די קריסטליכע בעלי־מלאכות.

כדי פטור צו ווערען פון די שטענדיגע בעדריקונגען און רייסענישען, האָבען די אידען אָנגענומען אַ קלוגען פּלאַן צו שטעלען זיך אונטער דער בעשיצונג פון איינעם פון די הוסיטישע פירשטען, כדי צו האָבען מעהר זיכערהייט איידער אונטער דער אַזוי גערופענער בעשיצונג פונ׳ם קייזער, וועלכע איז געווען נאָר אויפ׳ן פאַפיר אָהן קיין שום פראַקטישער ממשות. דען אין יענער צייט זענען די הוסיטען נאָך אַלץ געווען אַן׳אימה פאַר די דייטשען מיט זייער גבורה און געשווינדיגקייט — אין יענער צייט האָט מען אויסגעקליבען אַ נייען בישאָף אין רעגענסבורג מיט׳ן נאָמען היינריך, זעהר אַ פינסטערער פאַנאַטיקער, וועלכער האָט געפאָדערט, אַז די גלחישע געזעצען וועגען די אידען זאָלען אויסגעפיהרט ווערען שטרענג. דער הערצאָג לודוויג, פון בייערן איז אין דער הינזיכט געווען יד־אחת מיט׳ן בישאָף און אָט האָבען זיי ביידע, ווי עס שיינט, לויט אַן׳אָבגערעדטען פלאַן געאַרבייט אויף צו רואינירען די רעגענסבורגער אידען, אָדער אויף צו שמד׳ן זיי. זיי האָבען זיך פערזאָרגט מיט דער צושטימונג פון פויפסט און איינציגע איינפלוסרייכע מיטגלידער פונ׳ם שטאָדט־ראַט, און אויסגענוצט אויך צוויי פערדעטערישע געשמד׳טע אידען. איינער פון אָט די משומדים, פעטער שוואַרץ, האָט מחבר געווען אַ שענדליכע אַנקלאַגע אין אַן׳אָבשפּאָטונגס־בוך פון די אידען. דער צווייטער משומד, האַנס וואַיאַל, האָט אַרויסגעשטעלט די שווערסטע בעשולדיגונגען געגען דעם רב, רבי ישראל ברונאָ, אונטער אַנדערע אויך, אַז ער האָט ביי איהם אָבגעקויפט אַ קריסטליך קינד און געשחט׳ן עס, כדי אויסצונוצען זיין בלוט אויף פסח. דער אַלטער רב איז דאַדורך אָנגעקלאָגט געוואָרען אין אַ פערברעכען, וואָס מען בעשטראָפט מיט טויט. רבי ישראל ברונא איז געווען איינער פון יענע אונגליקס־מענשען, ביי וועלכע דאָס אונגליק איז אַ שטענדיגער גאַסט. ווען דער קייזער פרידריך האָט געפאָדערט גרויסע קרוין־געלדער פון דער רעגענסבורגער קהלה און דער הערצאָג לודוויג איז געווען געגען דעם, האָט דער שטאָדט־ראַט נישט געוואוסט, אויף וועמענס צד ער זאָל זיך שטעלען. דער קייזער אָבער האָט בעפוילען צו שלעפען רבי ישראל ברונא אין תפיסה אַריין, כדי צו צווינגען איהם, אַז ער זאָל אַריינלעגען די קהלה אין חרם, ביז זי וועט איינ־

שטימען אָבצוגעבען אַ דריט חלק פון איהר פערמעגען אַ מתנה דעם קייזער. און אָט איז איצט געקומען אַ נייער אונגליק אויפ'ן אַלטען רב דורך די בעשולדיגונגען פונ'ם משומד.

אין רעגענסבורג האָט די פאַנאַטישע בעפעלקערונג באַלד געגלויבט אין דער ריכטיגקייט פון אַלע בעשולדיגונגען, און די גלחים האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל איהם באַלד שטעלען פאַר'ן געריכט. דאָס פאָלק האָט געוואָלט דעם אַלטען רב צורייסען אויף שטיקער, און דער מאַגיסטראַט האָט זיך דעריבער געאיילט איהם צו פערשליסען אין תפיסה, כדי אַזוי אַרום איהם אָבצוראַטעווען פון המון און זיין ווילדען צאָרן.

די געמיינדע האָט זיך דערוויל געווענדעט נישט בלויז צום שוואַכען קייזער אַליין נאָך הילף, נור אויך צום בעהמישען קעניג לאַדיסלאוס און ביידע האָבען באַלד בעפוילען, אַז מען זאָל דעם רב אַרויסלאָזען פריי אָהן קיין שום געלד-אויסקויף. דער ראַט האָט אָבער געענטפערט, אַז ער קאָן דאָס נישט טהון, ווייל ער האָט מורא פאַר'ן המון און פאַר'ן בישאָף. דער קייזער האָט דעריבער צוגעשיקט אַ צווייטען בעפעהל, אַז מען זאָל דעם רב נישט משפט'ן און אָבוואַרטען, ביז ער אַליין וועט קומען אויפ'ן מלוכה-צוזאַמענפאָהר אין אויגסבורג. דאָס איז שוין דעם שטאָדט-ראַט גאָר נישט געפעלען געוואָרען, ווייל דאַדורך וואָלט מען ביי איהם צוגענומען דאָס רעכט צו משפט'ן אַליין אַן'אַנגעקלאָגטען. אין גרויס פערלעגענהייט האָט דער שטאָדט-ראַט זיך בעשלאָסען, צו מאַכען אַן'ענערגישען שריט. ער האָט געלאָזט ברענגען דעם משומד דעם אָנקלאָגער אויף דער שטיינערנער בריק, וואו מען פלעגט אויספיהרען טויט-שטראָפען. דאָרט איז שוין געווען אויסגעשטעלט אַן'עשאַפאָט מיט אַ תליה און מען האָט איהם בעפוילען, אַז ער זאָל זאָגען דעם אמת, לפחות, פאַר'ן טויט. דער שענדליכער משומד איז אָבער געבליבען פעסט ביי זיין אַלגעמיינער אָנקלאַגע געגען די אידען, ער האָט אָבער מודה געווען, אַז רבי ישראל ברונא איז אונשולדיג אינ'ם פערברעכען, אין וועלכען ער האָט איהם אָנגעקלאָגט. צוליעב דעם און צוליעב אַ צווייטען בריעף פון קייזער, האָט דער שטאָדט-ראַט פעראורטיילט דעם משומד און מען האָט איהם פערברענט. דעם רב האָט מען בעפרייט פון תפיסה, ער האָט אָבער געמוזט פייערליך שווערען, אַז ער וועט פון קיינעם נישט זוכען צו נעהמען קיינע נקמה פאַר די יסורים, וואָס ער האָט געליטען. דער אָרימער, שוואַכער זקן האָט אָבער וועניגער פאַר אַלץ געהאַט אין זינען די נקמה!

אָבער אָט איז געקומען די ידיעה וועגען דעם „קדוש פון טריענט", און אין רעגענסבורג איז עס געווען ווי אייל אויפ'ן פייער. דער בישאָף היינריך איז געווען אמת גליקליך, וואָס ער האָט געפונען אַ געלעגענהייט צו קאָנען רודפ'ן און פייניגען די אידען אָהן מורא פאַר'ן שטראָף, אינ'ם נאָמען פון דער אמונה. ער האָט איצט געפאָדערט זעהר ענערגיש ביים שטאָדט-ראַט, מען זאָל אַריינוואַרפען אין תפיסה די אידען פון וואָלפ-

קאָן און משפט'ן זיי פאַר בענוצען קריסטליך בלוט. מען האָט באַלד גע-
חאַפּט זעקס אידען, געשלעפּט זיי אין תפיסה-אַריין און געפּייניגט, צווינ-
גענדיג זיי, אָנצוערקענען די ריכטיגקייט פון דער בעשולדיגונג, אַז די אי-
דען האָבען געקויפט אַ קריסטליך קינד, כדי צו פערנוצען זיין בלוט. די
אידען האָבען נישט געקאָנט ביישטעהען די גרויסע יסורים און מודה גע-
ווען אַלץ, וואָס מען האָט פון זיי געפאָדערט. מען האָט באַלד געשלעפּט
אין תפיסה נאָך עטליכע אידען און געלאָזט זיי פּייניגען ביז זיי האָבען אויך
געמוזט „מודה זיין" און נאָך דערצעהלען, אַז מען האָט שוין פיעל מאָל
געקויפט קריסטליכע קינדער, געפּייניגט זיי און פערנוצט זייער בלוט. דאַן
האָט מען אויסגעשטעלט אַ שטאַרקע מיליטערישע שמירה פאַר די פיער-
טהויערען פונ'ם שטאָדט-טייל, וואו די אידען האָבען געוואוינט, כדי קיי-
נעם נישט אַרויסצולאָזען פון דאָרט. דאָס גאַנצע אידישע פערמעגען פון
דער רעגענסבורגער קהלה האָבען פערנומען די קאָמיסאַרען און ריכטער.
די אונגליקליכע האָט ערוואַרטעט אַנ'אימה'דיג געריכט.

דער פּראָצעס האָט געמאַכט אַ גרויסען רעש אין דער וועלט, אָבער
זיינע רעזולטאַטען זענען געווען אויך אַזוי טרויעריג פאַר די קריסטליכע
בירגער, ווי פאַר די אידען. דער שטענדיג שוואַכער דייטשער קייזער האָט
אין דעם פאַל אַרויסגעוויזען אַ גרויסע טעטיגקייט און פעסטקייט. ער איז
נעמליך געווען אַזוי פאַלקאָמען איבערצייגט אין דער פאַלשקייט פון די
בלוט-בלבולים, אַז ער האָט זיך נישט געלאָזט פערפיהרען מיט קיין שום
טענות און ערקלערונגען. ער האָט געשיקט איין בעפעהל נאָכ'ן אַנדערען
צום רעגענסבורגער שטאָדט-ראַט, מען זאָל בעפרייען די געפאַנגענע אידען
און אַראָבנעהמען דעם אַרעסט פונ'ם פערמעגען פון דער קהלה, ווייל אָבער
דער שטאָדט-ראַט האָט זיך נישט געאיילט צו ערפילען דעם קייזער'ס בע-
פעהלען, מורא האָבענדיג פאַר'ן בישאָף, איז דער קייזער געוואָרען גע-
וואַלדיג בייז, בפרט נאָך, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער שטאָדט-
ראַט האָט פערמשפּט צום טויט איינינגע אידען. ער האָט דעריבער ער-
קלערט די שטאָדט, פאַר איהר עקשנות און אונגעהאָרזאמקייט דעם קיי-
זער, אונטער געלד-שטראָף, בעשטראָפונג און חרטה. די מיטגליעדער
פון שטאָדט-ראַט זענען אָנגעקלאָגט געוואָרען אין געריכט, און אַ קייזער-
ליכען פיסקאַל איז בעפויהלען געוואָרען צו לעגען אַ בלוט-חרם אויף דער
שטאָדט. פרידריך האָט זיך פעסטגעשטעלט אויפ'ן צד פון די אידען, חאָטש
אין דער זעלבער צייט האָט מען אָנגעקלאָגט די אידען אויך, אַז זיי האָ-
בען געשענדעט די קירכע. אין פּאַסאו האָט מען זיי בעשולדיגט, אַז זיי
האָבען געקויפט אַ האָסטיע און געשענדעט איהר, און דער בישאָף פון פּאַ-
סאו האָט געלאָזען פיעל אידען בעשטראָפען מיט'ן טויט, טייל מיט'ן
שווערד, טייל האָט מען פערברענט לעבעדיגערהייד און טייל האָט מען
געריסען דאָס פלייש מיט גליהענדע צוואַנגען. און „צו עהרען גאָט" און צום
אָנדענקען וועגען די דאָזיגע אונמענשליכקייטען, האָט מען אויסגעבויט אַ

קירכע (1478). אַ איד און אַ אידענע פון רעגענסבורג זענען בעשולדיגט
געוואָרען, אַז זיי האָבען אויך אַנטייל גענומען אין דער שענדונג פון דער
זעלבער האָסטיע און מען האָט זיי אויך אין תפיסה געשלעפּט. אַלע דאָ-
זיגע מעשים האָט מען דעם קייזער דערצעהלט, כדי צו שטאַרקען זיין
פאַנאַטיזם. ער אָבער איז זיך געבליבען ביי זיין איבערציינונג, אַז די רע-
גענסבורגער אידען זענען אונשולדיג און האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל,
מען זאָל מיט די אידען, וועלכע מען בעשולדיגט אין דער שענדונג פון דער
האָסטיע נישט בעגעהן זיך אַנדערש, ווי מיט אַלע איבריגע רעגענסבורגער
אידען, מען זאָל זיי נישט פייניגען און נישט בעשטראָפען מיט'ן טויט.
די רעגענסבורגער ראַטמענער האָבען נישט געקוקט, זיי האָבען געשיקט
שתדלנים צום פויפּסט, צום קייזער, צום הערצאָג, אָבער דער קייזער האָט
ערקלערט קורץ און שאַרף: „איך וועל די אידען פון רעגענסבורג נישט לאָ-
זען אויסהרג'ענען, אַזוי פאָדערט די גערעכטיגקייט; און די רעגענסבורגער
ראַטמענער פאַר זייער אונגעהאָרזאַמקייט און עקשנות דאַרפען בלויז פער-
אַכטעט ווערען. ריכטער איבער די אידען וועלען זיי שוין מעהר נישט זיין“.

דער שטאָדט-ראַט האָט דעריבער געמוזט זיך פערפליכטען שריפט-
ליך, אַז מען וועט די אידען אַרויסלאָזען פריי און בכלל זיי נישט פערטריי-
בען פון שטאָדט, צוליעב דעם דאָזיגען פראָצעס. אויסער דעם האָט די
שטאָדט געדאַרפט בעצאָהלען אכט טויזענד גילדען שטראָף דעם קייזער-
ליכען אוצר און געבען משכנות אויף צעהן טויזענד גילדען, וועלכע די
רעגענסבורגער אידען האָבען געדאַרפט—מען ווייסט נישט פאַרוואָס—בע-
צאָהלען. אַנצוגעבען אַנ'אַפּעלאַציע צום פויפּסט האָט דער שטאָדט-ראַט
נישט געוואָלט, ווייל „דער פויפּסטליכער הויף פערלאַנגט נאָך מעהר שוחד,
ווי דער קייזערליכער“.

ווען מען האָט פאָרגעלעגט די רעגענסבורגער אידען, אַז זיי ווערען
בעפרייט נאָר בתנאַי, אויב זיי וועלען בעצאָהלען נישט בלויז די סומע,
וואָס דער קייזער האָט אַרויפגעלעגט אויף זיי, נאָר אויך דאָס געלד, וואָס
די שטאָדט דאַרף בעצאָהלען און די הוצאות פון פּראָצעס, האָבען די אי-
דען נישט געוואָלט אָננעהמען אַזאַ פּסק-דין. די אידען האָבען גע'טענה'ט,
אַז זייער גאַנץ פערמעגען בעטרעפט נישט אַזוי פיעל, בפרט נאָכדעם ווי
מען האָט זיי אָבגעהאַלטען דריי יאָהר לאַנג אין תפיסה און געהאַט צו-
גענומען ביי זיי די מעגליכקייט צו פערדינען עטוואָס. די געפאַנגענע האָבען
בעסער געוואָלט איבערבלייבען אין תפיסה און אָבוואַרטען זייער ביטערען
גורל, איידער ווערען בעטלער. די אידען זענען דעריבער געבליבען נאָך
צוויי יאָהר לאַנג אין תפיסה, און מען האָט זיי בעפרייט ערשט דאַן, ווען
זיי האָבען געשוואוירען, אַז זיי וועלען אַליין נישט אויסוואַנדערען פון
שטאָדט און זייער פערמעגען נישט אַרויספיהרען (4 סעפּטעמבער 1480).

פון שוואָבען האָט מען אין יענער צייט אַרויסגעטריבען אַלע אידען,
בלי ספק, צוליעב דעם פאַלשען בלוט-בלבול פון טריענט. די עלילת-דם

האט מען נאך וויטער אונפערשעמט ארויסגעשטעלט געגען די אידען אין דייטשלאנד, און פיעל אידיש בלוט האט מען צוליעב דעם פערגאסען און דאס אידישע פערמעגען דערביי צוגענומען. אבער אין קיין לאנד האבען די רדיפות געגען אידען נישט אנגענומען אזא טראגישען הארעקטער, ווי אויף דער פירענייאישער האלב-אינזעל.

פיערטעס קאפיטעל.

די אינקוויזיציע אין שפאניען.

(1485 — 1481)

די מאראנען, די זיהן און אייניקלעך פון יענע אנוסים, וועלכע מען האט מיט געוואלד אבגעשמד'ט, און פיעל פון זיי זענען געבליבען בשתיקה אידען, האבען נישט געלאזען צורוה שפאניען, און זי האט נישט געקאנט געניסען די גליקליכע טעג, וועלכע זי האט געקאנט האבען נאך דער פעראייניגונג פון די שפאנישע פראווינצען: קאסטיליען, אראגאניען און קאטאלאניען אונטער איין הערשענדען מלך און מלכה. פון איין צד—די קנאה און שנאה פון די אלט-קריסטען צו די ניי-קריסטען (מאראנען), וועלכע האבען פערנומען הויכע שטעלעס אין דער מלוכה און אין דער קירכע. פונ'ם אנדערען צד—דער פאנאטישער דאמיניקאנער-ארדען, וועלכער האט חושד געווען די מאראנען אין געהערען צום יודענטום און אונטערגראבען זיך אונטער דער קירכע. ביידע צדדים האבען געהאט איין ציעל: צו פערניכטען די מאראנען; דאס, וואס זיי האבען נישט געקאנט דורכפיהרען אונטער דעם נישט זעלבסטשטענדיגען קעניג היינריך IV, האבען זיי געהאפט צו דערגרייכען ביי דער קעניגין איזאבעלא, וועלכע איז געווען בעוואוסט מיט איהר פאנאטיש-קירכליכען הארעקטער. בשעת א גרויסען הויף-פאראד ביי דער קעניגין איזאבעלא און איהר מאן פערדינאנד אין סעווילא, האבען די טויט-פיינד פון די מאראנען בעמערקט, אז נישט קוקענדיג אויף די לעצטע שרעקליכע רדיפות געגען די מאראנען אין טאלעדא, קארדאווא און אין אנדערע שטעדט, זענען נאך אין דער קעניגליכער סוויטע געווען זעהר פיעל הויכע שרים און בישאפען פון די מאראנען. מען האט געקאנט מיינען, אז דער גאנצער קעניגליכער הויף בעשטעהט פון אידען. די דאמיניקאנער האבען אלזא געהאפט, אז מיט זייערע העצע-דרשות געגען די אפיקורסים וועלען זיי איצט האבען מעהר ערפאלג ווי פריהער. דער דאמיניקאנישער פארשטעהער (פריאר) פונ'ם קלויסטער סט. פאול פון סעווילא, אלפאנזא דעאיעדא, האט זיך בעמיהט צו דערוויזען דער מלכה, וואס פאר א גרויסע און געפעהרליכע פערדערבונגען די מאראנען ברענגען אריין אין דער קירכע. די קעניגין האט איהם אויפמערקזאם אויסגעהערט. זי איז געווען גענוג פאנאטיש, צו גלויבען

באמת, אז גאָט האָט איהר דערהויבען, נאָר כדי זי זאָל אָבריינגען דאָס קריסטענטום פון די פלעקען פון יודענטום. מען דערצעהלט, אז איהר גלח טאָמאַש דע טאָרקוועמאַדאַ, פאַר וועלכען זי פלעגט זיך מתודה זיין, האָט נאָך טיידעלוויז ביי איהר בעקומען א נדר, אז ווען זי וועט ווערען קעניגין, זאָל זי ווידמען איהר לעבען צו פערטיליגען די אפיקורסים. די אידעע צו גרינדען אַנ'אַפיקורסים-טריבונאַל, כדי צו משפט'ן די מאַראַנען, וועלכע מען איז חושד אין געהערען צום יודענטום,— די דאָזיגע אידעע האָט איצט אָנגענומען א ממשות'דיג געשטאַלט. דאָס שפּאַנישע קעניגליכע פּאָר האָט זיך געווענדעט צום פּויפּסט סיקסטוס IV, ביי וועלכען מען האָט פאַר געלד געקאָנט קויפען אלץ, און ער האָט ארויסגעגעבען (1478) א בולה, אין וועלכער ער ערלויבט דעם קעניג און דער מלכה צו בעשטימען אינקוויזיטאָרען פון גלחים, וועלכע זאָלען האָבען די מאַכט די אפיקורסים, די אָבגעפאַלענע פון קריסטענטום און זייערע אָנהענגער צו משפט'ן לויט די געזעצען און מנהגים פון דער אַלטער אינקוויזיציע און—וואָס דער עיקר איז געווען—צו קאָנפיסקירען זייער פערמעגען.

איזאַבעלאַ האָט תחילת זיך געוואָלט בעגעהען מיט חסד. לויט איהר בעפעהל, האָט דער ערצבישאָף פון סעווילאַ אויסגעאַרבייט א קאַטעכיזים (א בוך צו לערנען די רעליגיאָן) פאַר די מאַראַנען און איבערגעגעבען דאָס די גלחים פון זיין סביבה, אז זיי זאָלען דערפון לערנען די מאַראַנען צו קענען גוט די רעליגיאָנס-פּרינציפּען פון קריסטענטום, די קריסטליכע מנהגים און די הייליגע געהיימנישען (סאַקראַמענטען). די קעניגין איז, נאַטירליך, בעגנוג נאַאיוו געווען, אויב זי האָט געמיינט באמת, אז מען קאָן ביי א מיט געוואַלד געשמד'טען אידען צונעהמען זיין אַנטיפּאַטיע צום קריסטענטום דורך א וועלכען עס איז נישט ביכעל. פיעל מאַראַנען זענען געבליבען, פערשטעהט זיך, אין זייער „פערבלענדעניש", ווי די גלחים פלעגען זיך אויסדריקען, דאָס הייסט: געטריי דער רעליגיע פון זייערע אבות. אָבער דאָ האָט זיך געמאַכט א מעשה: א איד, אָדער איינער פון די מאַראַנען האָט פערעפענטליכט א קליין ביכעל, אין וועלכען ער האָט בעליידיגט אי דעם קעניג מיט דער מלכה, אי דעם קאַטוילישען גלויבען, שילדערנדיג דעם לעצטען אלס א געצענדינערישען קולט און אָנוויזענדיג, ווי די מלוכה-מאַכט איז א דעספּאָטישע און אַנ'אכזריות'דיגע. די דאָזיגע טהאַט האָט ענדליך געבראַכט די קעניגין צום בעשלוס צו עפענען דאָס אינקוויזיציאָנס-געריכט. דאָס דערמאַנטע ביכעל האָט געמאַכט אזאַ שטאַרקען איינדרוק, אז דער ודוי-פאָטער (גלח) פון דער קעניגין, פערנאַנדאָ דע טאַלאַוועראַ, האָט ערהאַלטען א בעפעהל אויסצואַרבייטען אַנ'ענטפער אויף איהם (1480). אין קעניגליכען הויף איז די שטימונג געגען די מאַראַנען געוואָרען אלץ מעהר פיינדליך. דאָס קעניגליכע פּאָר האָט בעשטימט א קאָמיסיע, וועלכע האָט געדאַרפט צוזאַמענשטעלען א בעריכט וועגען דער בעסערונג אָדער עקשנות פון די מאַראַנען. די קאָמיסיע האָט ערקלערט, אז

„עס איז אונמעגליך די אנוסים אויסצובעסערען". נאך דער דאזיגער ער-
קלערונג האט מען שוין מעהר נישט געווארט און גענומען זיך אויסאר-
בייטען א ניי געזעץ וועגען דעם אינקוויזיציאנס-געריכט. און אויב טייוולא-
נים האבען זיך אמאל פערשוואוירען צו רודפ'ן און פייניגען אונשולדיגע
מענשען ביז אין טויט אריין, האבען זיי קיין בעסערען אינסטרומענט נים
געקאנט אויסטראכטען, ווי דאס, וואס די קאטוילישע גלחים האבען אויס-
געארבייט. דאס נייע געזעץ איז בעשטעטיגט געווארען דורכ'ן קעניגליכען
פאר-פאלק און עס זענען בעשטימט געווארען ריכטער אינ'ם אינקוויזי-
ציאנס-געריכט, (1480). די ריכטער זענען געווען מענשען וועלכע זענען
ווערט געווען צו פערווירקליכען אזא בלוטיג געזעץ, דאס זענען געווען
די דאמיניקאנער מיגועל מארילא, זשואן דעסאן מארטין, דער
גלח זשואן רואיז און דער פערוואלטער פון דער מלוכה-קאסע זשו-
אן לאפעץ דעל בארקא. דער פויפסט סיקסטוס IV האט זיי בע-
שטעטיגט אלס ריכטער איבער די אפיקורסים. צוערשט האט זיך די אינק-
וויזיציע געעפענט אין סעווילא, כדי צו משפט'ן די מאראנען פון דער
שטאדט און איהר אומגעגענד, ווייל די דאזיגע געגענד איז געשטאנען אונ-
מיטעלבאר אונטער דער קעניגליכער מאכט און קיין קארטעס זענען דארט
נישט געווען, און אויך ווייל דארט האבען געוואהנט זעהר פיעל מאראנען
שוין אמשך פון העכער הונדערט יאהר. דאס קעניגליכע פאר האט אויך
ארויסגעגעבען א בעפעהל צו די בעאמטע, צו שטיצען די אינקוויזיטארען
מיט אלע מיטלען, וועלכע זיי וועלען ברויכען.

די אנגעזעהענע מאראנען, וועלכע האבען געוואהנט אין סעווילא, הא-
בען באלד איינגעזעהען, וואס פאר א גרויסע געפאהר עס שוועבט איבער
זייערע קעפ, און זיי האבען דעריבער געמאכט א פערשווערונג געגען דער
אינקוויזיציע. אין דער פערשווערונג האבען אנטייל גענומען דער פיעלפא-
כער מיליאנער דיעגא דא שושן, דער געלעהרטער זשואן פער-
נאנדא אבולאפיא, און נאך פיעל אנדערע אנגעזעהענע לייט, וועלכע
האבען געהאט אין זייער רשות די פאליציייאישע מאכט. די געשווארענע
האבען געהאט אבגערעדט, אז אויב עמיצער פון זיי וועט געשטעלט ווערען
פארן אינקוויזיציאנס-געריכט, זאלען זיי אלע אנפאלען אויף די ריכטער
פון דער אינקוויזיציע און אויס'הרג'ענען זיי. דא שושן האט אבער גע-
האט א שענע טאכטער, וועלכע האט זיך געליעבט מיט אנ'אלט-קריסטלי-
כען ריטער, און זי האט איהם אויסגעזאגט דעם סוד וועגען דער פער-
שווערונג. מען האט באלד גענומען געפאנגען פיעל געשווארענע און גע-
שטעלט זיי פאר'ן בלוטיגען געריכט פון דער אינקוויזיציע. די תפיסות
אינ'ם קלויסטער סט. פאול האבען זיך באלד אנגעפילט מיט מארא-
נען. פיעל מאראנען האבען באלד איבערגעוואנדערט אין דער פראווינץ
מעדינא-סידאניא אין קאדיקס, וואו דער שטאטהאלטער האט
זיי געהאט צוגעזאגט, אז זיי וועלען קאנען לעבען אין זיכערהייט. אבער

פון דער הבטחה איז נישט געוואָרען, ווייל דאָס אינקוויזיציאָנס-געריכט האָט זיך בענאָנגען זעהר שטרענג. ווי נאָר דאָס געריכט האָט זיך איינגע-אָרדענט (2 יאנואר 1481), האָט ער אַרויסגעגעבען אַנ'עדיקט צו די בע-אַמטע, אז מען זאָל ארויסגעבען די אַנטלאָפענע מאראַנען און זייער פער-מעגען קאָנפיסקירען. די צאָהל פון די אַרעסטירטע מאראַנען איז געוואָרען גרויס, אַז דאָס אויבענדערמאָנטע קלויסטער מיט זיינע תפיסות איז גע-וואָרען צו קליין און מען האָט געמוזט זוכען אַנייע געביידע. מען האָט אויסגעקליבען דערצו אַ שלאָס אין דער פאָרשטאָדט פון סעווילאַ ל אַ ט אַ ב-ל אַ ד אַ. ביי'ם אַריינגאַנג אינ'ם דאָזיגען בלוטיגען אָרט האָט מען שפּע-טער געמאַכט אויפשריפטען פון אידישען תנ"ך, אַ שטיינער, ווי מען וואָלט בכיוון געוואָלט אָבשפּאָטען פון די אידען און פערגרעסערען זייערע מאָראַלישע יסורים; „דערהויב זיך, גאָט, משפּט דיין קריוודע!" „דיינע פיינד, אָה גאָט, האָב איך דאָך פיינד!" מיט די געפאַנגען גענומענע אַנט-לאָפענע מאראַנען האָט מען זיך בענאָנגען, ווי מיט אפיקורסים, וואָס זיי-ערע זינד איז דערוויזען געוואָרען. די אינקוויזיציע האָט שוין געהאַט מאָ-טעריאַל גענוג פאַר איהר ערשטען בלוטיגען געריכט. זעקס מאראַנען, וועלכע האָבען אָדער זיך אליין מודה געווען פאַר די ריכטער, אז זיי זענען אידען, אָדער מען האָט זיי געפּייניגט, און זיי האָבען ערקלערט דאָס, וואָס מען האָט פון זיי פערלאַנגט, האָט מען פער'משפּט צום טויט און פער-ברענט. דער דאָמיניקאָנער פריאָר ד ע אָ י ע ד אָ האָט געווידמעט די ער-שטע קרבנות אַ פרומע דרשה. דערנאָך האָט מען געבראַכט די געפאַנגען גענומענע פערשוואָרענע. שושן'ס עשירות האָט איהם קיין נוצען נישט געבראַכט, פערקעהרט: דאָס איז נאָך געווען אַ געשמאַקער ביסען פאַר דער אינקוויזיציע, וועלכע האָט זיך צוגעאיילט עס צו קאָנפיסקירען. מיט יעדען טאָג איז אַלץ גרעסער געוואָרען די צאָהל פון די בלוטיגע קרבנות, און די שטאָדט סעווילאַ האָט געמוזט אָבגעבען אַ בעזונדערען פּלאַץ, וואו צו פערברענען די מענשליכע קרבנות. מיט דער צייט האָט מען דעם פּלאַץ אַ נאָמען געגעבען: „דער פייער-פּלאַץ", אָדער על קוועמאַדעראָ.

פיער בילדער פון נביאים פון אַ העסליכער געשטאַלט האָט מען געהאַט אויסגעשטעלט אויפ'ן פּלאַץ, וואו זיי שטעהען נאָך עד היום, צו דער גרויסער חרפּה פון שפּאַניען און דער קריסטליכער וועלט. אין אַ משך פון דריי הונדערט יאָהר האָבען זיך אויפ'ן פּלאַץ דערהויבען שרעקליכע פלאַמען מיט געדיכטען רויך צום הימעל, טראָגענדיג דעם ריח פון מענש-ליך געברענט פלייש דעם גאָט פון ליעבע...

מיט'ן מילד-זיסען טאָן האָט דער אינקוויזיטאָר מ י ג ו ע ל מ אָ ר י ל אָ מיט זיינע חברים געפאָדערט פון די מאראַנען, וועלכע זענען צוריק אָב-געפאַלען פון קריסטענטום צום יודענטום, אז זיי זאָלען קומען פרייוויליג ביז אַ געוויסען טערמין און באמת תשובה טהון און חרטה האָבען אויף זייערע זינד. דאַן וועלען זיי בעקומען אַ מחילה וסליחה (אַבזאָלוציאָן) און

קאָנען איך בלייבען ביי זייער פערמעגען. דאָס איז געוועען דער עדיקט פון חסד, וועלכער האָט אָבער פון דער צווייטער זייט אויך געוויזען א פירכטערליך פנים פון אכזריות סטראשענדיג: אויב די מאראַנען וועלען נישט שטעלען זיך צום טערמין און זיי וועלען אָנגעקלאָגט ווערען אלס אָבגעפאַלענע פון קריכטליכען גלויבען, וועט מען זיך מיט זיי בעגעהן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט, ווי געגען אפיקורסים און אָבגעפאַלענע. לייכט גלויביגע מאראַנען זענען געקומען מאַסענווייז מיט א פנים פון טיעפער חרטה פאר די בלוטיגע ריכטער און מתודה געווען זיך אין זייערע שרעקליכע זינד, אז זיי זענען באמת געווען געטריי דעם יודענטום; איצט האָבען זיי ערוואַרטעט די צוגעזאָגטע „מחילה וסליחה“ און א רוהיג לעבען. די אינקוויזיטאָרען האָבען זיך אָבער דערמיט נישט בענוגענד און געשטעלט א פאָדערונג, אז זיי זאָלען אָנווייזען די נעמען, די שטעלע און די וואוינונג פון יענע מאראַנען, וועגען וועלכע זיי האָבען געוואוסט, אז זיי זענען בשתיקה אויך אידען, און זייערע ערקלערונגען זאָלען זיי מאכען אונטער א שטרענגער שבועה. מען האָט פון זיי אלזאָ פערלאנגט, אז זיי זאָלען ווערען מוסרים אויף פריינד, ברידער, זיהן און עלטערען. און ווען מען האָט זיי צוגעזאָגט, אז מען וועט זייער נאָמען נישט ענטדעקען פאר קיינעם, האָבען א טייל לייכטזיניגע פון זיי נאָכגעגעבען און גע'מסר'ט זעהר פיעל מענשען, אזוי ארום האָט די אינקוויזיציע בעקומען א גרויסע רשימה פון אפיקורסים, מיט וועלכע זי האָט ערשט געזאָלט אָנהויבען פיהרען איהר בלוטיג האַנדווערק.

אָבער נישט בלויז ביי די דערשראָקענע מאראַנען האָט די אינקוויזיציע געפאָדערט צו מסר'ן די פריינד און בעקאַנטע, נאָר אויך פון אַלע שפאַניער האָט זי דאָס געפאָדערט. שרעקענדיג מיט'ן חרם, האָט די אינקוויזיציע פערלאַנגט, אז יעדער זאָל איהר ארויסגעבען זיינע בעקאַנטע און פריינד, וועלכע זענען נוטה צום יודענטום. דאָס איז געווען אַן אויפרוף, געמאַכט צו די העסליכסטע ליידענשאַפטען פונ'ם מענשען, ווער עס האָט נאָר געוואָלט נקמה נעהמען אָן עמיצען, בעפרידיגען די אייגענע שנאָה, קנאָה, אָדער רייך ווערען אויף א פרעמדען חשבון, דער האָט געהאַט דערצו א גוטען מיטעל: די מסירה צו דער אינקוויזיציע. וואָס פאר א בעווייזען האָט דער מסור געדאַרפט ברענגען? די אינקוויזיציע איז אין דער הינזיכט געווען גאַנץ פּראַקטיש; זי האָט צוזאַמענגעשטעלט א גרויסע רשימה פון סימנים, לויט וועלכע מען קאָן דערקענען אַן אַפּיקורוס און ווי-כען, ווי אזוי איהם צו מסר'ן. אויב א גע'שמד'טער איד ארבייט נישט אום שבת אָדער אין אנדערע אידישע יום-טובים, אויב ער האָט מלה געווען א קינד, אויב ער היט אָב כשרות; ווען ער האָט בלויז אָנגעטהון א ריין העמד אום שבת, אָדער געגרייט א טישטוך אויפ'ן טיש, נישט אָנגעצונדען קיין פייער, אָדער ער איז אום יום-כפור געגאַנגען אין זאָקען אָהן שיך, אָדער אויב א פאָטער האָט ארויפגעלעגט די הענד זיין קינד אויפ'ן קאָפּ

צו בענשען אָהן א צלם—אָט די און נאָך אזעלכע סימנים האבען בעוויזען, אז דער מאראַן איז א געהיימער איד. נאַטירליך, איז געווען נאָך א בעסערער סימן אין געהערען צום יודענטום: אויב אַ מאַראַנער האָט נישט אָבגעהיט דעם קלענסטען קריסטליכען מנהג, איז ער, מסתמא, געווען א איד. ווען למשל, זאָגענדיג תהלים, ענדיגט ער נישט: „געלויבט איז דער פאָטער, דער זוהן א. ז. וו.“ אָדער ווען מען האָט איהם געהאַפּט עסענדיג פלייש אין תענית־צייט. אפילו גאנץ אונשולדיגע מעשים האָבען געקאָנט דינען פאר אַ סימן, אויב נאָר די אידען פלעגען טהון עפּעס אזעלכעס. ווען עמיץ, למשל, פלעגט אין סוכות־צייט בעקומען פון עמיצען, אָדער שיקען עמיצען א מתנה, אָדער ווען א גוסס פלעגט אין לעצטען אָטעם צוקעהרען דעם פּניב צום וואנד—איז דאָס געווען א סימן, אז ער איז געווען א איד.— די אינקוויזיציע איז געוואָרען א שארף אינסטרומענט פאר אלעמען, ווער עס האָט אזעלכעס געברויכט צו האָבען פאר זיינע שלעכטע צוועקען. שלעכטע מענשען האָבען דורך איהר געקאָנט ברענגען יעדען די גרעסטע אומגליקען; מלוכה־בעאמטע, אָדער די אינקוויזיציע גופא האָט געקאָנט לייכט דערווייטערען די מאַראַנען פון זייערע מלוכה־שטעלעס, אָדער אפילו פון א הויכען פּאָסטען אין דער קירכע. שוין אין דער ערשטער צייט זענען די אכזריות'דיגע תפיסות פון דער אינקוויזיציע פּערפאקט געוואָרען מיט פופצעהן טויזענד מאַראַנען; שפּעטער האָט זיך די צאָהל פערגרעסערט.

די קאַטוילישע מולך־גלחים האָבען געפייערט די עפנונג פון די ערשטע קאָסטרעס, אָדער: דאָס ערשטע גלויבענס־שוישפּיעל (Auto de Fè) מיט א פּראָצעסיע, וועלכע האָט זיך איבערגע'חזר'ט אין א משך פון דריי הונדערט יאָהר זעהר פיעל מאָל. די גלחים אין זייערע פּראַכט־קליידער מיט די צלמים אין די הענד די שרים שווארץ געקליידעט מיט זייערע פאָהנעס און צייכענס, די אונגליקליכע פער'משפּטע אין גראָבע קליידער (San Benito) בעמאָהלט מיט א רויטען צלם און ענדליך, א כאָר פון מוזיקאַנטען אין דער בעגלייטונג פון א גרויסען המון—אָט אזוי איז געגאַנגען די פּראָצעסיע, וואָס איינע פון איהרע אנטיילנעהמער האָבען געטראָגען דעם קאָפּ הויך, ווי טריאומפירער, און די אַנדערע זענען געגאַנגען געבויגען אויף זייער לעצטען וועג אין לעבען, מקבל צו זיין באהבה די לעצטע אימה'דיגע יסורים און ארויסזאָגען דעם לעצטען: „שמע ישראל“... קומענדיג אויפ'ן בלוטיגען פלאץ, פלעגען די אינקוויזיטאָרען פאָרלייענען דעם בלוטיגען אורטייל איבער זייערע קרבנות. צו דעה אכזריות האָט מען נאָך ארויסגעוויזען אויך א שענדליכע צבוע'יאַקעריי: די קירכע איז אנ'אינסטיטוציע פון חסד און ליעבע און זי דארף זיך נישט בעפלעקען מיט בלוט, אלזאָ בעשטראַפט זי נישט און פערברענט נישט קיין מענשען, זי משפּט נאָר, זי וויל כלל נישט דעם טויט פונ'ם זינדיגען מענשען. קוים פלעגען די אינקוויזיטאָרען ארויסזאָגען דעם אורטייל, פלעגט מען די פער'משפּט'ע שוין איבערגעבען אין רשות פון דער וועלטליכע

מאַכט. זי האָט עס אויף זיך גערארפט נעהמען דעם בלוטיגען פלעק און
אויספיהרען דעם טויט־אורטייל מיט איהרע גראָבע הענד. אויפ'ן ריכט-
פלאַץ פלעגט מען די פעראורטיילטע אידען אָדער באלד אריינוואַרפען אין
די פלאַמען פייער לעבעדיגערהייד, אָדער, אויב זיי פלעגען ערקלערען, אַז
זיי ווילען תשובה טהון, אלס כשר'ע קריסטען, פלעגט מען זיי פריהער
דערשטיקען און ערשט דאַן אריינוואַרפען אין פייער. דעם 26-טען מערץ
1481 האָט מען פערברענט אויפ'ן פלאַץ קוועמאַדעראָ זיבצעהן אַנוסים.
אַ מאָנאַט שפּעטער האָט מען שוין פערברענט פיעל מעהר און ביז נאָ-
וועמבער פונ'ם זעלבען יאָהר האָט מען געבראַכט דאָרט העכער דריי הונ-
דערט מענשליכע קרבנות. דאָס איז אָבער געווען בלויז אין סעווילאַ אַליין.
פאַר די טייוולאָנים פון דער אינקוויזיציע איז מען אפילו נישט געווען זי-
כער אויך נאָכ'ן טויט. די מזיקים פון דער קאַטוילישער רעליגיע פלעגען
אויסגראָבען פון די קברים דאָס געביין פון די אַנוסים און פערברענען זיי.
קאָנפיסקירען דערביי, ווי עס פערשטעהט זיך, דאָס פערמעגען פון זייערע
יורשים, איבערלאָזענדיג זיי נאַקעט, אָרים און עלענד. פאַר'ן קעניג איז
אַזאַ געריכט-אינסטיטוציע געווען אַן'אמת'ע שמאַלץ־גרוב. די קאָנפיסקיר-
טע עשירות איז געווען די מתנה, וואָס ער פלעגט בעקומען פאַר'ן מענשען-
קרבן, וועלכען ער האָט געלאָזט ברענגען צו גאָט.

די געטריי געבליבענע אידען האָבען געמוזט ליידען צוזאַמען מיט
די מאַראַנען. די פאַנאַטיקער פון דער אינקוויזיציע פלעגען אַרויפוואַרפען
די שולד פון די מאַראַנען אויף די אידען, ערקלערענדיג, אַז נור זיי האָבען
אַנגערעדט די מאַראַנען אַבצופאַלען פון קריסטענטום. דער פריהער מילדער
גענעראַל פון היעראָנימיסטען-אָרדען אַלפאָנזאָ דע אָראָפּעזאַ, וועלכער
האָט זיך אַרויסגעזאָגט געגען דער אכזריות פון בלוטיגען געריכט, האָט
אין זיינע רעדעס און שריפטען אָנגערייצט די קריסטען געגען די אידען,
ערקלערענדיג, אַז די מאַראַנען זענען אָבגעפאַלען פון קריסטענטום, נור צו-
ליעב זייערע נאָהענטע בעציהונגען מיט די אידען. זיי, די פיינד פון
קריסטליכען גלויבען, האָבען, לויט זיינע רייד, פערפיהרט נישט בלויז די
מאַראַנען, נור אפילו אויך די אַלט-קריסטען. פון פערשידענע זייטען האָט
מען זיך אַרויסגעזאָגט, אַז עס איז נויטיג אינגאַנצען אָבצוזונדערן די מאַ-
ראַנען פון די אידען. דאָס קעניגליכע פּאָר האָט דער דאָזיגער שטימע
נאָכגעגעבען און אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז די אידען פון אנדאלוזיען,
בעזונדערס פון די געגענדען פון סעווילאַ און קאָרדאָווע, וואו עס האָבען
געוואוינט פיעל מאַראַנען, זאָלען זיך פון דאָרט אינגאַנצען אַרויסציהען
און בעזעצען אין אַנדערע ערטער. דעם דאָזיגען בעפעהל האָט מען אויך
דורכגעפיהרט אין לעבען. פיעל טויזענדער אידען, וואָס זייערע פּאַרציי-
טיגע אבות האָבען געלעבט דאָרט נאָך פיעל פריהער, איידער די גאָטען
זענען אַהין אַריינגעקומען און איידער זיי האָבען אָנגענומען דעם קריס-
טענטום, האָבען געמוזט זייער היים פערלאָזען (1482). העכער פיער טוי-

זענד הייזער, וועלכע האָבען געהערט צו די אידען, זענען געבליבען שטעהן פוסט און וויסט. אין די איבעריגע שטעדט אויסער אַנדאַלוזיען, וואו די אידען האָבען יאָ געקאָנט וואוינען, האָט מען אָנגעהויבען זעהר שטרענג אַכטונג צו געבען, אַז די אידען זאָלען זיך נישט חבר'ן מיט די קריסטען און אַז זיי זאָלען טראָגען דורכאויס די שאַנד-לאַטע. נור די אידישע דאָק-טוירים, אָהן וועלכע די קריסטליכע בעפעלקערונג האָט נישט געקאָנט אויסקומען, איז ערלויבט געווען אַריינצוקומען אין די קריסטליכע שטאָד-טיילען, נישט אַכטענדיג אויפ'ן שטרענגען פערבאָט פון די פויפּסטען. איצט איז שוין געווען פאַראיבער די צייט, ווען איינפלוסרייכע אידען זע-נען געווען חשוב אין קעניגליכען הויף און געקאָנט דאָרט פועל'ן, אַז מען זאָל אָבווענדען אָדער פערלייכטערן די גזרות געגען זייערע אָרימע ברי-דער. אין קעניגליכען הויף פלעגט נאָך אַריינקומען דאָן אברהם סע-ניאָר, וועלכער איז געווען אַ גרויסער חשוב, צוליעב זיין חכמה, ערפינ-דערישען קאָפּ און גרויסער עשירות, און וועלכען די קעניגין איזאַבעלאַ איז געווען אַזוי דאַנקבאַר פאַר זיין שדכנות מיט איהר מאַן, אַז זי האָט איהם אפילו אויך בעשטימט אַ יעהרליכע פענסיע. אין די מלחמות, וועל-כע דאָס קעניגליכע פּאָר האָט אונטערגענומען געגען די לעצטע פראָ-ווינצען פון די מחמד'אנער אין שפּאַניען, האָט מען פאַר דער הצלחה גע-האָט צו פערדאַנקען נור דעם אידען, דאָן אברהם סעניאָר, וועלכער האָט געזאָרגט צו שאַפען די נויטיגע קאַפּיטאַלען פאַר דער אַרמעע און אויסצוהאַלטען איהר אין אַ גוטען צושטאַנד. נישט אַכטענדיג אויף די גלחישע געזעצען און דעם בעפעהל פונ'ם קעניג גופא, האָט מען איהם בעשטימט פאַר'ן אויפמאַהנער פון אַלע מלוכה-הכנסות, און דאָס קעניג-ליכע פּאָר האָט איהם אויך בעשטימט פאַר אַ רב-הכולל נאָכ'ן טויט פון רבי יעקב נונעז. דאָן אברהם סעניאָר האָט פיעל מאָל בעווי-זען עטוואָס צו לינדערען די צרות פון זיינע אָרימע ברידער. ער האָט אָבער נישט געקאָנט מנצח זיין די פאַנאַטישע שנאה פונ'ם קעניגליכען פּאָר געגען די אידען.

פיעל מאַראַנען, וועלכע זענען ענטלאָפען קיין רוים, האָבען זיך דאָרט געווענדעט צום פויפּסט סיקסטוס IV מיט אַנ'אָנקלאַגע איבער דער אכזריות פון דער אינקוויזיציע געגען זיי און זייערע עלענדע ברידער. און ווייל די מאַראַנען זענען געקומען צום פויפּסט נישט מיט לעדיגע הענד, האָט ער זיך צוגעהערט צו זייערע טענות און אַרויסגעגעבען אַ דרינגענ-דען בריעף צום שפּאַנישען קעניגליכען פּאָר, אין וועלכען ער האָט זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט געגען דער אכזריות פון דער אינקוויזיציע. „מען האָט איהם פערזיכערט — שרייבט דער פויפּסט — אַז די משפטים קומען פאָר אין דער אינקוויזיציע געגען אַלע יורידישע פאָרמען, מען נעמט אריין פיעל נאָר אונשולדיגע מענשען אין תפיסה, מען פייניגט זיי, מען ער-קלערט זיי פאַר אפיקורסים און פערברענט זיי; זייער פערמעגען נעהמט

מען צו ביי זייערע יורשים. ער האָט זיך אַרומגעזעהען אז די בולה וועגען דעם אינקוויזיציאָנס-געריכט האָט ער אַרויסגעגעבען אָהן אַ געהעריגען ישוב-הדת. ער האָט אייגענטליך געברויכט — שרייבט דער פּויפּסט ווייטער — באַלד דערוויטערען פון זייערע שטעלעס די אינקוויזיטאָרען דע מאָרילאָ און סאַן מאַרטין; נור שוינענדיג דעם כבוד פון שפּאַנישען מלכות, וויל ער זיי נאָך איבערלאָזען דערווייל אויף זייערע שטעלעס, אָבער נור אַזוי לאַנג, ביז עס וועלען צו איהם נישט אָנקומען ווידער עהנליכע אָנקלאַגען. אויב ער וועט נייע אָנקלאַגען ערהאַלטען, וועט ער דאָס אינקוויזיציאָנס-געריכט אָבגעבען אין רשות פון די בישאָפען, וועלכע עס געהערט דער משפט אין רעליגיאָנס-פראַגען על פי דין און על פי יושר. דער זעלבער פּויפּסט האָט אויך אָבגעזאָגט דעם שפּאַנישען קעניגליכען פאַר די ביטע, איינצואָרדנען אינקוויזיציאָנס-געריכטען אויך אין די איבריגע שפּאַנישע פּראָווינצען

דער קעניג פערדינאַנד האָט אָבער אויך געוואוסט די סגולה, ווי אַזוי מען קומט צום פּויפּסט און מען פּועל'ט ביי איהם אַ בולה מיט אַנ'ערלויבניש צו גרינדען אויך אַנ'אינקוויזיציאָנס-געריכט אין אַראַגאָניען און צו בעשטימען דאָרט פאַר אַ הויפּט-אינקוויזיטאָר דעם בלוטדורשטיגען פאַנאַטיקער טאָמאַש דע טאָרקוועמאַדאַ. — סיקסטוס IV. האָט דאַמאָלס געהאַט פיעל וויכטיגע סבות צו לעבען גוט מיט'ן שפּאַנישען קעניגליכען הויף, און ער האָט דעריבער איינגעשטימט אויף אַלץ. וואָס דער קעניג פערדינאַנד האָט פון איהם פערלאַנגט מכח דער אינקוויזיציע וויל עס פלעגט אָבער אָפט פאָרקומען, אַז פערמשפּט'ע אין דער אינקוויזיציע פלעגט געלינגען צו אַנטלויפען און פאַר געלד אריינצוקומען צום פּויפּסט און — ווידער פאַר געלד — בעקומען ביי איהם אַ „מחילה וסליחה" אויף זייערע זינד, אָבקומענדיג נור מיט אַ לייכטער תשובה, וועלכע זיי האָבען געדאַרפט דורכמאַכען בשתיקה, האָט דאָס שפּאַנישע קעניגליכע פאָר איינגעפונען, אַז עס וועט שווער זיין צו דערשלאָגען זיך, מען זאָל אינגאַנצען פערטיליגען די מאַראַנען, רייניגען די אמונה אין שפּאַניען און — דער עיקר — רייך ווערען דורך קאָנפיסקאַציע אויפ'ן חשבון פון די אונשולדיגע קרבנות. דער קעניג האָט דעריבער געפאָדערט ביי'ם פּויפּסט, אַז ער זאָל בעסער בעשטימען אַנ'אַפּעלאַציאָנס-געריכט אין שפּאַניען גופא כדי די אינקוויזיציאָנס-פּראָצעסען זאָלען נישט זיין אָבהענגיג פון אויסלאַנד, וואו פערשידענע זייטיגע איינפלוסען זענען גינסטיג פאַר די פערמשפּט'ע. דער פּויפּסט סיקסטוס האָט אויך די דאָזיגע ביטע נאָכגעגעבען.

אָבער וויפיעל טויזענדער אַנוסים עס זענען אין משך פון די ערשטע דריי יאָהר פון דער אינקוויזיציע פערברענט געוואָרען אויף די קאַסטרעס, וויפיעל צעהנדליג טויזענדער עס זענען פון זיי פערשמאַכט געוואָרען אין די תפיסות אונטער דער ערד, אָדער פעראָרימט געוואָרען און צו בעט-

לער געמאַכט, אָדער זיך געמוזט ראַטעווען נאַקעט און הויל דורך ענט-
לויפען אין אַ פרעמדע מדינה — איז דאָס נאָך אַלץ געווען אַ קינדער-
שפּיעל געגען דעם, וואָס די אינקוויזיציע איז ערשט געוואָרען, זינט עס
האָט זיך געשטעלט אין איהר שפּיץ אַ גלח, וואָס זיין האַרץ איז געווען
אָבגעשלאָסען פאַר יעדער רחמנות און זיינע ליפּען האָבען נור געקאָנט
אַרויסזאָגען טויט און פערדערבען.

טאָרקוועמאַדאַ איז געווען די לעבעדיגע פערקערפּערונג פון דער
אינקוויזיציע מיט איהר טייוולאָנישער שלעכטסקייט, מיט איהר האַרצ-
לאָזער האַרטקייט און מיט איהר בלוטדורשטיגער אכזריות ביז איהם
האָט די אינקוויזיציע געבושעוועט אין דרום-שפּאַניען, אין סעווילאַ און
קאַדיקס, אין קריסטליכען אַנדאַלוזיען און אין די איבריגע פּראָווינצען
האָט זי נישט געקאָנט אַריינדרינגען, ווייל די קאָרטעס זענען געווען גע-
גען דעם. דער קעניג פערדינאַנד האָט אָבער געהאַט קאָנפיסקירט נאָך צו-
וועניג גיטער ביי די אנוסים, און די פרומע קעניגין איזאַבעלאַ איז נאָך
נישט זאַט געווען מיט די ריחות פון די לעבעדיג פערברענטע מענשען.
דאָס פרומע האַרץ האָט געפאָדערט נייע קרבנות. צו דעם צוועק האָט מען
בעשטימט אַגענעראַל-אינקוויזיטאָר, וועלכער האָט געדאַרפט
איינאָרדנען די בעזונדער אינקוויזיציאָנס-געריכטען און אַכטונג געבען, אַז
זיי זאָלען טהוען זייער אַרבייט בשלמות, כדי קיינער פון די חשוד'ע
אנוסים זאָל, חלילה, נישט בעווייזען צו ראַטעווען זיך און די לעצטע מענש-
ליכע געפילען פון פאָלק זאָלען געבראַכען ווערען דורך שטרענגקייט און
קיינער זאָל זיך ניט דער:וועגען צו שטערען דער אינקוויזיציע אין איהר
הייליגער אַרבייט.

די איבערשריפט, וועלכע דער דיכטער דאַנטע בעווייזט אונז אי-
בער דער טהיר פון גיהנום:; „איהר אַריינקומענדע! זאָגט זיך דאָ אָב פון
יעדער האָפנונג פאַר'ן אַריינגעהן!" — אָט די ווערטער האָבען פּיעל
בעסער געפּאַסט ביים אַריינגאַנג אין אַלע אינקוויזיציאָנס-געריכטען, וועל-
כע טאָרקוועמאַדאַ האָט באַלד געעפענט אין קאָרדאָוואַ, ווילארע-
אַל, דזשאַיען און דערנאָך אויך אין טאָלעדאָ. פאַר שופטים אין די
אינקוויזיציאָנס-געריכטען האָט ער איבעראַל אַריינגעזעצט פאַנאַטישע און
מענשענפיינדליכע דאָמיניקאַנער, וועלכע זאָלען ערפילען אַלע זיינע אונ-
מענשליכע בעפעהלען אויפ'ן וואונק און געשווינד מיט אַזאַ רוהיגקייט, וועל-
כע מען קאָן נור בעמערקען ביי די ווילדע מענשענפרעסער. שפּאַניען האָט
זיך פון זיין צייט אָן אָנגעפילט מיט תפיסות, מיט אַ ריח פון מתים און
מיט'ן רויך פון פערברענטע אידען. אַ וועה-געשריי, וואָס דרינגט דורך
מאַרך און געביין, האָט זיך געלאָזט הערען אינ'ם גאַנצען לאַנד, אָבער דאָס
קעניגליכע פּאָר האָט מיט איהר אייז-קאַלטען קוק געמאַכט פערגליווערען
ביי אַלעמען דאָס געפיהל פון רחמנות און מענשליכקייט.

כדי צו בעפעסטיגען די אינקוויזיציע אויך אין זייער ירושה-לאַנד

אַראַגאָניען און קאָנען דאָרט בעדריבען ביי די אנוסים זייער פערמעגען, האָט פערדינאנד געמוזט ברעכען די אלטע פריווילעגיעס פון פאָלק, לויט וועלכע מען האָט ביי קיין בירגער אין אַראַגאָניען נישט געטאָרט קאָנפיסקירען זיין פערמעגען, וואָס פאַר אַ פערברעכען ער זאָל נישט האָבען בעגאַנגען. דאָס איז געווען א ריזיקאַלישער שריט. דער גענעראַל-אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאַ, די טייוועלס-נשמה פון דער אינקוויזיציע, האָט זיך אָבער ווייניג וואָס געקימערט וועגען אזעלכע זאכען; ער האָט בעשטימט פאר'ן אינקוויזיציאָנס-געריכט אין סאַראַגאָסאַ צוויי ריכטער, וועלכע זענען געווען גאנץ עהנליך צו איהם אין בלוטיגען פאנאטיזם: דעם קאַנאָניק פעדרא אַרבועס דע עפּילאַ און דעם דאָמיניקאַנער-מאָנאַך, קאַספּאַר יוגלאַר. טאָרקוועמאַדאַ האָט אויך צוזאַמענגעשטעלט אינקוויזיציאָנס - סטאטוטען, וועלכע האָבען געדארפט לערנען די טייוועלס-ריכטער, ווי אזוי אריינצופאַנגען אין זייער נעץ וואָס מעהר מענשליכע קרבנות און פערוויקלען זיי אזוי, אז זיי זאָלען זיך שוין נישט קאָנען אַרויסדראַטעווען פון זייערע הענד לעבעדיגערהייד.— איין געזעץ האָט בעשטימט א טערמין פון א חדש צייט פאַר יענע אַנוסים, וועלכע האָבען פרייוויליג געוואָלט קומען מתודה זיין זיך אין געהערען צום יודענטום און בעקומען „מחילה וסליחה“. זיי האָבען אָבער געמוזט זייער ודוי געבען שריפטליך, און אויף אַלע פראגען, וואָס מען האָט זיי געשטעלט, געבען א ריכטיגען ענטפער, נעמליך; זיי האָבען געמוזט מסר'ן אלע אַנוסים, וועגען וועלכע זיי האָבען געוואוסט, אָדער אפילו אויך נאָר געהאַט א חשד, דאָס יענע זענען נוטה צום יודענטום. יענע אַנוסים, וועלכע זענען געקומען זיך מתודה זיין נאָך דעם מאָנאט-טערמין, האָבען פערלאָרען זייער פערמעגען דורך קאָנפיסקאַציע. די מחילה פלעגט מען זיי אפילו יאָ געבען, אָבער זיי און זייערע קינדער האָבען שוין מעהר נישט געטאָרט פערנעהמען קיין עפענטליכע שטעלע, נישט טראָגען קיין אַנשטענדיגע קליידער אז"וו.

אפילו פערזאָנען, וואָס האָבען פערנומען א געוויסע שטעלע אין דער קירכע, אלס גלחים, האָבען נישט געקאָנט זיכער זיין פאר'ן משפט פון דער אינקוויזיציע און פאַר'ן טויט דורך פערברענען. איין קאַנאָניק פּעדראָ פערנאַנדעז דע אַלקאַנדעטע, וועלכער איז געבאָרען און ערצויגען געוואָרען אין דער קריסטליכער רעליגיע, זייענדיג שוין שאַצמייסטער אין דער גרויסער קירכע פון קאָרדאָוואַ, איז געשטעלט געוואָרען פאר'ן אינקוויזיציאָנס-געריכט. מען האָט איהם אָנגעקלאָגט אין א שווערען פערברעכען: ער זאָל האָבען געהאַט בשתיקה א אידישען נאָמען, אָבגעהיט די אידישע יום-טובים און פּסח געגעסען נאָר מצות. נאָך ערגער איז פאַר איהם געווען די אָנקלאַגע דאדורך, וואָס ער איז געשטאַנען אין נאָהנטע בעציהונגען מיט פיעל מאַראַנען און געלערנט זיי, נישט אָבצוזאָגען זיך פון דער רעליגיע פון זייערע עלטערן, טראָגענדיג דאָס

קריסטענטום נאָר לפנים. צי האָט מען טאַקי דאָס אַלץ אויך דערוויזען?— דער קאַנאָניק אַלכּאַנדעטע איז פער׳משפט געוואָרען דורכ׳ן בלוטיגען געריכט אין קאָרדאָוואַ צום טויט און לעבעדיג פערברענט.

אין מאַי 1485 האָט מען געעפענט דאָס אינקוויזיציאָנס-געריכט אין טאָלעדאָ, דערביי האָט מען געהאַלטען דרשות וועגען דער פרומער טעטיגקייט פון דער אינקוויזיציע און פאָרגעלעזען אבולה פונ׳ם פויפּסט סיקסטוס IV, וועלכער האָט געגעבען די ריכטער אַנ׳אונבעגרענעצטע מאַכט איבער לעבען און טויט, און געסטראַשעט מיט א חרם אַלעמען, ווער עס וואָלט זיך פערזינדיגען געגען דער אינקוויזיציע מיט וואָרט אָדער טהאָט. אַלע קעניגליכע בעאַמטע האָט מען געהייסען שווערען, אַז זיי וועלען מיטהעלפען דער אינקוויזיציע מיט זייער מאַכט. צו די מאַראַנען האָט מען באַלד ארויסגעלאָזען אַנ׳אויפרוף צו קומען מתודה זיין זיך און געהערען צום יודענטום אין א משך פון פערציג טעג. אין די ערשטע צוויי וואָכען איז קיינער נישט געקומען מתודה זיין זיך. מען האָט אפילו אויך בעמאַכט א פערשווערונג מיט׳ן צוועק צו מאַכען אַנ׳אָנפאַל בשעת א פראָצעסיע אויף די ריכטער פון דער אינקוויזיציע מיט די פריצים און ריטערס און זיי אַלעמען אויסצוהרג׳ענען. שפּעטער האָט מען אויך פערשפּרייט א קלאַנג, אַז די פערשווערער האָבען דערביי געוואָלט אויך אויס׳הרג׳ענען די גאַנצע קריסטליכע בעפעלקערונג. אַזוי געפעהרליך איז די פערשווערונג געווים נישט געוועזען, דען אין איהר שפּיץ זענען נישט געשטאַנען קיין אָנגעזעהענע פערזאָנען, ווייל די אָנגעזעהענע מאַראַנען האָט מען אין טאָלעדאָ נאָך מיט א יאָהר צוואַנציג פריהער אויסגע׳הרג׳עט, אָדער געצוואונגען צו ענטלויפען. איינער פון די אָנפיהרער פון דער פערשווערונג איז געוועזען א יונגער געלעהרטער דע לא טאָרע; זיינע חברים אין דער פערשווערונג זענען מייסטענס געוועזען בעלי-מלאכות. די אונטערנעהמונג האָט נישט געהאַט קיין אויסזיכט אויף ערפאָלג, אָדער מען האָט איהר פערראַטען; פיער אָדער פינף בעטייליגטע זענען אַרעסטירט געוואָרען דורכ׳ן שטאָדט-הויפּטמאַן גאָמעז מאַנריקע און אויפגעהאָנגען געוואָרען. פיעל האָבען בעוויזען זיך צו ראַטעווען דורכ׳ן אַנטלויפען. דער שטאָדט-הויפּטמאַן, וועלכער האָט מורא געהאַט, אַז די שטאָדט זאָל ניט בלייבען אָהן איינוואוהנער, ווען אַלע מאַראַנען וועלען אַנטלויפען, אויב מען וועט זיך באַלד נעהמען צו זיי מיט גרויסער שטרענגקייט, האָט ארויפגעלעגט אויף די פערדעכטיגע מאַראַנען נאָר א קליין שטראָף-געלד לטובת דער מלחמה מיט די מחמד׳אַנער.

נאָכדעם ווי די פערשווערונג האָט זיך נישט איינגעגעבען, איז די טאָלעדאָנער מאַראַנען איבערגעבליבען נאָר איין וועג: צו קומען זיך מתודה זיין, אַז זיי זענען פריהער גוטה געווען צום יודענטום און בעטען, אַז מען זאָל זיי געבען „מחילה וסליחה". אויב אָבער צו קענען זיך איבערצייגען, אַז די חרטה און תשובה פון די מאַראַנען איז נישט קיין גע-

מאַכטע, האָט די אינקוויזיציע מודיע געווען, אז יעדער קריסט איז מחויב אין משך פון אחדש צו קומען מודיע זיין דער אינקוויזיציע, וואָס עס טהוען זיינע בעקאַנטע מאַראַנען און ווי אזוי זיי לעבען. דער ווער עס וועט נישט קומען מאכען אזעלכע ערקלערונגען, וועט אַריינגעלעגט ווערען אין חרם. די אינקוויזיציאָנס־ריכטער האָבען אויך פערזאמעלט די רבנים פון דער גאנצער געגענד ארום טאָלעדאָ און בעשוואוירען זיי ביי א ספר־תורה, אז זיי װעלען אין די שוהלען געבען א בעפעהל יעדען אידען אונטער א שטרענגען חרם, צו מסר'ן די מאַראַנען, וועלכע זענען נוטה צום יודענטום. די רבנים, וועלכע עס וואָלטען נישט ערפילט פינקטליך דעם בעפעהל, האָט די אינקוויזיציע געסטראשעט מיט'ן טויט. דאָס איז געווען א טייוולאָנישער פּלאַן, וואָס נאָר איין טאָרקוועמאַדאַ איז געווען פעהיג איהם אויסצוטראכטען; די אידען אליין האָבען געמוזט אַרויסגעבען זייערע געוועזענע ברידער, וועלכע האָבען זיך פון זיי נישט געוואָלט און נישט געקאָנט אָברייסען, אפילו אויך נאָכ'ן שמד. צי האָט דער פּלאַן געבראכט טאַקי באמת נוצען און אידען האָבען טאַקי אַרויסגעגעבען דער אינקוויזיציע זייערע געוועזענע אונגליקליכע ברידער, איז א גרויסער ספק; דער אינקוויזיציע האָט אָבער בכלל נישט געפעהלט קיין „אַרבייט“. יענע אַנוסים, וועלכע זענען נישט געקומען אליין „תשובה טהון“ און מען האָט זיי גע'מסר'ט, אָדער די וועלכע זענען יאָ געקומען, נאָר זיי האָבען געגעבען נישט קיין ריכטיגע מסירות און ערקלערונגען—אַלעמען האָט מען פערפּאַקט אין די תפיסות אונטער דער ערד, כדי שפּעטער צו פּייניגען זיי און צווינגען מודה צו זיין זיך אין דאָס, וואָס מען פערלאַנגט פון זיי.

אלס ערשטע פייער־קרבנות, וואָס די אינקוויזיציע האָט געבראכט אין טאָלעדאָ, זענען געפאַלען דריי מאַנסלייט און דריי פרויען. דאָס זענען געווען די אַנוסים סאַנטשאָ דע ציודאד מיט זיין פרוי מאַריאַ דיאַז, זיין זוהן און דעם זוהנ'ס פרוי, ווי אויך גאָנזאַלעז דע טעבא און דעם זוהנס פרוי פון ווילאַרעאַל. די דאָזיגע אנוסים זענען באמת געווען געטריי אַדען און זיי האָבען געוואוסט, דאָס די אינקוויזיציע וועט זיי געוויס נעהמען געפאַנגען און פעראורטיילען פערברענט צו ווערען. זיי זענען דעריבער אַנטלאָפען קיין וואַלענציע און דאָרט געדונגען א שיף, אויסצוּוואַנדערען. א שטורם־ווינד האָט אָבער דאָס שיף צוריק צוגעטריבען צו די ברעגעס פון שפּאניען; מען האָט זיי באלד ארעסטירט, געבראכט קיין טאָלעדאָ און פערברענט לעבעדיגערהייד.

יענע מאַראַנען, וועלכע מען האָט געהאַלטען אַרעסטירט אין די תפיסות, צוליעב די מסירות, פלעגט מען פּייניגען מיט שרעקליכע עִנוּים און צווינגען זיי מודה צו זיין זיך אין געהערען צום יודענטום, ווי אויך אַרויסצוגעבען אלע זייערע פריינד און בעקאַנטע. יעדער פּראָצעס געגען אַנ'אָנגעקלאָגטען מאַראַנער פלעגט מיטשלעפּען נייע אַרעסטען און ברענגען נייע קרבנות.

אין אַראַגאָניען און וואלענסיאַ האָבען די שטעדט אַרויסגעוויזען א גרויסע אונצופרידענהייט מיט'ן איינפיהרען די אינקוויזיציע. די אראַגאָניער האָבען נישט געקענט רוהיג זעהען, ווי מען גיעט די אינקוויזיטאָרען אַנ'אונבעשרענקטע רעכט אויף זייער לייב און פערמעגען. אויך די מאַראַנען, וועלכע האָבען פערנומען הויכע שטעלעס און געהאַט א שטאַרקען איינפלוס, האָבען זיך בעמיהט אויפצובלאָזען די אונצופרידענהייט. אין טערועל און וואַלענסיע האָט די אונצופרידענהייט גערייכט ביז צו פאָלקס־אויפשטאנדען, בשעת מען האָט דאָרט איינגעפיהרט די אינקוויזיציע (1485), און נאָר דורך בלוט־פערגיסונג האָט מען געקאָנט די אויפשטאַנדען איינשטילען.

די אַלט־קריסטען און מאַראַנען האָבען זיך פונדעסטוועגען נישט אָבגעזאָגט פון דער האָפנונג צו מאַכען א סוף מיט די אינקוויזיציאָנס־געריכטען; זיי האָבען אָנגעווענדעט אלע מיטלען צו ווירקען אויף די קאַרדינאַלען; זיי האָבען געהאָפט צו פראָטעסטירען אין קאָרטעס, אז זיי זאָלען פראָטעסטירען אי ביי'ם קעניג, אי אין רוים געגען דער אינקוויזיציע. אין רוים האָבען זיי געהאָפט צו האָבען א לייכטע ארבייט, ווייל דאָרט האָט מען פאַר געלד אַלץ געקאָנט פועל זיין. שווערער איז געווען צו פועל'ן ביי'ם קעניג, וועלכער האָט אין די קאָנפיסקאַציע פון דער אינקוויזיציע א קוואַל פון גאָלד געפונען. ווען די אונצופרידענע האָבען איינגעזעהען, אז מיט גוטען ווילען קאָנען זיי גאָרנישט פועל זיין, האָבען זיי בעשלאָסען צו מאַכען א פערשווערונג און דער'הרג'ענען דעם הויפט־אינקוויזיטאָר פון אַראַגאָניען ארבועס, כדי צו וואַרפען אַנ'אימה אויף די גלחים און צווינגען זיי איינצוהאַלטען זייער אכזריות. די הויפט־אָנפיהרער פון דער פערשווערונג זענען געווען זשואַן פעדראַ סאַנריעז, וועלכער איז געווען א גרויסער חשוב אין קעניגליכען הויף, דער רעכטס־געלעהרטער חיים דע מאָנטעס און צוויי מאַראַנען: סאַנטשאָ דע פעטערנאי, וועלכער האָט אפילו געהאַט געשוואוירען צו דינען געטריי דער אינקוויזיציע, האָט אָבער נישט געקאָנט מעהר קוקען רוהיג אויף איהרע שרעקליכע מעשים, און לואיז דע סאַנטאַנגעל פון א ווייט פערשפרייטער מאַראַנישער משפחה. זעהר פיעל איינפלוסרייכע לייט האָבען זיך פעראייניגט מיט דער פערשווערונג, צווישען זיי אויך פראַנציסקאָ דע סאַנטאַפע, א זוהן פונ'ם משומד יהושע לורקי, וועלכער האָט אזוי פיעל יסורים אָנגעטהון די אידען. א געוויסער שפאַנישער פריץ, בלאַסקאָ דע אַלאַגאָן, האָט געזאַמעלט דאָס נויטיגע געלד פאַר דער אונטערנעהמונג און, ענדליך, דער אנוסי יואַן דע עובדיה, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו דינגען די מערדער אויף צו דער'הרג'ענען דעם הויפט־אינקוויזיטאָר אַרבועס. זעהר פיעל שפאַנישע מיוחסים, וואָס האָבען פון דער מוטערס זייט געשטאַמט פון אידען פון די שטעדטלעך סאַראַגאָסאַ, טאַראַקאָנאַ, קאַלעטאיוד, הועסקא און באַרבאַסטראָ, זענען צו־

געשטאנען צו דער פערשווערונג און געשטיצט איהר מיט געלד. ווען ארבועס איז איינמאל (15-טען סעפטעמבער 1485) געקומען פארטאג מיט דער לאמטער אין האנד אין קירכע אריין זענען איהם נאפגעגאנגען די פערשווארענע און, ווי נאר ער האט אויף די קניע זיך געשטעלט, זענען זיי אויף איהם אנגעפאלען און שווער פערוואונדעט. די אלט-קריסטען האבען זיך באלד פערזאמעלט און אנגעהויבען שרייען: „ווארפט אין פייער אריין די מאראנען, זיי האבען דער'הרג'עט דעם הויפט-אינקוויזיטאר!“ מעגליך, אז מען וואלט דאמאלס אויסגע'הרג'עט אלע מאראנען, ווען נישט דער יונגער ממזר פונ'ם קעניגליכען פאר-פאלק, דער ערצבישאף אלפאנזא דע אראגאן וואלט נישט ארויסגעטרעטען רייטענדיג אויף א פערד און אכהאלטען דעם המון, צוזאגענדיג, אז מען וועט די פערשווארענע שטרענג בעשטראפען.

די פערשווערונג האט אזוי ארום געבראכט די מאראנען נישט קיין נוצען, נאר גרויס שאדען. די צאהל פון די פייער-אפפער האט זיך געוואלדיג פערגרעסערט. איינער פון די פערשווארענע, ווידאל דע אוראנסא, האט זיך פאלקאם מודה געוועזן און דורך איהם האבען די אינקוויזיטארען בעקומען די גאנצע ליסטע פון די פערשווארענע, וועלכע זענען אלע באלד אנגעקלאגט געווארען אלס געהיימע אידען און פיינד פון דער „הייליגער אינקוויזיציע“. די הויפט-שולדיגע אין דער פערשווערונג, ווי נאר מען האט זיי ארעסטירט, האט מען זיי געשלעפט אין די גאסען פון סאראגאסא, אבגעהאקט זיי די הענד און אויפגעהאנגען. העכער דריי הונדערט מאראנען האט מען פער'משפט, אלס אנטיילנעהמער, צווישען זיי דרייסיג מענער און פרויען פון די העכסטע שפאנישע מיוחסים—צום פערברענען לעבעדיגערהייד. אויך דעם זוהן פונ'ם משומד יהושע לורקי, פראנציסקא דע סאנטאפע האט מען פערברענט לעבעדיגערהייד. ווי ווייט עס האט דערגרייכט די אונמענשליכקייט פון די אינקוויזיטארען, קאן מען ארויסזעהען פון איין שטראף, וואס זיי האבען ארויפגעלעגט. איינער פון די פערשווארענע, קאספאר דע סאנטאקרוז, האט בעוויזען צו ענטלויפען קיין פראנקרייך, אין טולוזא, וואו ער איז רוהיג געשטארבען. דאס אינקוויזיציאנס-געריכט האט עפענטליך פערברענט זיין בילד, אבער דערמיט האט זי זיך נישט בענוגענט, נאר זי האט ארעסטירט דעם ענטלאפענעמס א זוהן, בעשולדיגענדיג איהם, אז ער האט געהאלפען זיין פאטער ענטלויפען; דעם ארעסטירטען האט די אינקוויזיציע פער'משפט צו געהן קיין טולוזא און דארט ווייזען די דאמיניקאנער דעם אורטייל פון דער אינקוויזיציע איבער איהם און בעטען, אז מען זאל אויסגראבען פון קבר זיין פאטער'ס געביין און פערברענען. דער זוהן האט זיך אונטערגעגעבען און געבראכט צוריק קיין סאראגאסא א צייגניש, אז ער האט געענדעט דאס געביין פון זיין פאטער סהאט אויך געטראפען אזא שוידערליכער פאל, אז איינער פון די מאראנען

האָט אַרויסגעגעבען דער אינקוויזיציע זיין אייגענעם פאָטער און מוטער: שמעון דע כאַנט-אַנזשעל און קלאַדאַ לונעל. די אינקוויזיציע האָט גע־לאָזט פערברענען פאָטער און מוטער לויט דער אַנקלאַגע פון זייער זוהן.

נישט אַכטענדיג דערויף, וואָס די פערשווערונג אין סאַראַגאָסאַ האָט געבראַכט נור שאָדען, האָבען איינינע צפון-שפּאַנישע שטעדט, ווי, למשל, לערידאַ און באַרצעלאָנאַ, אַרויסגעוויזען אַ'עקשנות'דיגען ווי־דערשטאַנד ביים איינפיהרען די אינקוויזיציע; קיין נוצען האָט עס אָבער אויך דאָ נישט געבראַכט. דער אייזערנער ווילען פונ'ם קעניג און דעם גע־נעראַל-אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאַ'ס בלוטיגער פאַנאַטיזם האָבען מנצח געווען יעדע שטערונג און דער פּויפּסטליכער הויף האָט געמוזט אויף אַלע מסכים זיין. אין דעם ערשטען יאָהר נאָכ'ן טויט פון ארבועס, ווען מען האָט איינגעאָרדענט די אינקוויזיציע אין באַרצעלאָנאַ און אויף דער אינזעל מאַיאָרקאַ, האָט מען דאָרט אַליין פערברענט העכער צווייי הונדערט אַנוסים. אַ אידישער שריפטשטעלער פון יענער צייט, רבי יצחק עראַמה (דער מחבר פון „עקדת יצחק") דערצעהלט טרויעריג: „אין אונזער צייט דערהויבען זיך צום הימעל געדיכטע רויך-סנאָפּעס (פלאַמען פון די קאָסטרעס) אין אַלע שפּאַנישע פּראָווינצען און אויף איהרע אינזלען. אַ דריטעל פון די אַנוסים האָט מען פערברענט, אַ דריטעל בלאָנדזשעט אַרום אין דער וויסטער וועלט, זוכענדיג אַ'אָרט, וואו צו בעהאַלטען זיך און די איבעריגע לעבען אין איין פחד, אַז אַט־אַט וועט מען זיי קומען נעהמען און שלעפּען אין אינקוויזיציאָנס-געריכט". אין די עלף אינקוויזיציאָנס-געריכטען האָט די צאָהל פון די פייער-אָפּפער זיך פערגרעסערט פון יאָהר צו יאָהר, און דאָס שענע שפּאַניען איז געוואָרען אַן'אמת'ער „תופת", וואָס זיינע פייערדיגע צינגען האָבען געדאַרפט באַלד דערגרייכען אויך צו די קריסטען און פערברענען זיי. אין די דרייצעהן יאָהר, וואָס טאָרקוועמאַדאַ האָט געהאַט אַנ'אונבעגרענעצטע מאַכט איבער די אַנוסים, האָט מען, לפּחות, צוויי טויזענד מענשען פון זיי פערברענט לעבעדיגערהייד. די צאָהל פון די אַנוסים, וואָס זענען געקומען זיך מודה זיין אויף זייער נטיה צום יודענטום און האָבען אַנגענומען אַ שרעקליכע תשובה, האָט דערגרייכט ביז זיבצעהן טויזענד מאַן. די בעלי־תשובה האָבען געמוזט געהן אין גראָבע קליידער מיט אַ רויטען צלם אויסגענעהט אויף דער ברוסט, באָרוויס אין די גרעסטע קעלט, אויף די גאַסען און זיך לאָזען אָפּשמייכען. זיי האָבען געמוזט פיעל טעג אין יאָהר פאַסטען, נישט געטאָרט אַרויסטרעטען אין עפענטליכען לעבען, נישט פערנעהמען קיין שטעלע א. א. וו.

פינפטעס קאַפּיטעל.

דער אידישער גירוש פון שפּאניען און פּארטוגאל.

(1497 — 1485)

די אינקוויזיציע, וועלכע האָט תחלת געווידמעט איהרע גאַנצע טעטיגקייט צו די אנוסים, האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען אויסשטרעקען איהרע צוואַנג־אָרעמס אויך צו די אידען. צווישען די אידען און די אנוסים איז דער צוזאַמענהאַנג געווען נאָך צו־פריש, אַז די אידען האָבען נישט געזאָלט אַריינגעשלעפּט ווערען אין אונגליק מיט זיי צוזאַמען. די אידען זענען געווען מיט די אנוסים ברידערליך פערבונדען. די אידען פלעגען לערנען די יסודות פון יודענטום און תורה מיט די קינדער פון די אנוסים, וועלכע זענען שוין געווען געבוירען אין קריסטענטום, זיי פלעגען בשתיקה איינאָרדנען מיט זיי צוזאַמען מנינים צום דאַווענען, בעזאָרגען זיי מיט ספרים, געבען מצות אויף פסח, כשר פלייש אויף אַ גאַנץ יאָהר און אויך מל'ה זיין זייערע קינדער.

כדי צו דערווייטערען די אנוסים פון די אידען, האָט דאָס קעניגליכע פּאָר, ווי שוין דערמאָנט, פערטריבען די אידען פון סעווילאַ און אנדאלוזיען, ווייל דאָרט זענען געווען פיעל אנוסים. אָבער אַלע שטרענגע מיטלען האָבען נישט געקאָנט אינגאַנצען איבעררייסען דעם באַנד פון ליעבע און ברידערליכען רחמנות, וואָס האָט פעראייניגט די אידען מיט די אנוסים; זיי פלעגען נאָך אַלץ צוזאַמענקומען מיט איינאנדער, האָטש זיי פלעגען שוין זיין געצוואונגען פאָרזיכטיג. נאָך מעהר: וואָס געפעהרליכער די זאַך איז געווען, אַלץ מעהר האָט געצויגען ביידע צדדים איינער צום צווייטען. מען האָט געגארט צו בעגעגענען זיך, צו טרייסטען זיך און שטאַרקען אין דער אמונה. דאָס צוזאַמענקומען זיך פון די אידען מיט די אנוסים האָט דעריבער געהאַט אין זיך עטוואָס ראָמאַנטישעס: די שטרענגע געהיימנים, די גרויסע געפאַהר און די זעלטענע מסירת־נפש פאַר אַ הייליגער זאַך האָט דערהויבען דעם גייסט און געגעבען מוט. דאָס איז געווען אַ מין ליעבעס־בעציהונג, וועלכע ווערט אַלץ שטאַרקער, וואָס גרעסער עס איז די שטערונג. טאָמאַשדע טאָרקוועמאַדאַ האָט אפילו געאַרבייט מיט אַלע מיטלען, אָבצורייסען די אנוסים פון די אידען און געפאָדערט פון די רבנים, ווי שוין דערמאָנט, אַז זיי זאָלען צוריקפּיה־

רען די אנוסים צום קריסטענטום, ס'הייסט, איבערגעבען זיי דער אינקוויזיציע צום פערברענען. אָבער די רבנים האָבען בעסער געליטען רדיפות, יסורים, איידער אַזעלכעס צו טהון. מעגליך, אַז מען האָט אויך געפועל'ט ביים קעניג, אַז די דראָהונגען פון דער אינקוויזיציע געגען די רבנים זאָלען נישט פערווירקליכט ווערען. ווייל אָבער די אינקוויזיציע האָט איינגעזעהען, אַז עס איז שווער צו מאַכען אַ פאָלקאָמען פירוד צווישען די אנוסים און די אידען, האָבען די אינקוויזיטאָרען אָנגעהויבען פאָדערן פון קעניג, אַז מען זאָל די אידען גאָר ארויסטרייבען פון שפאַניען.

די אידען פון קאַסטיליען און אַרגאַגאָניען האָבען געדאַרפט פאַראויסזעהען, אַז לאַנג פערבלייבען אין שפאַניען וועלען זיי שוין נישט קאָנען, אָבער די ליעבע צום לאַנד איז ביי זיי אַזוי גרויס געווען, אַז נישט געצוואונגענערהייד האָבען זיי זיך נישט געקאָנט אָברייסען פון איהם. דאָס קעניגליכע פּאָר האָט זיי אויך געשיצט תחלת פון אַלערליי אָנפאַלען. די שפאַנישע אידען האָבען אויך צופיעל געהאָפט אויף זייערע חשובים ביים קעניגליכען הויף און געגלויבט, אַז בכלל וועט שפאַניען נישט קאָנען אויסקומען אָהן אידען; עס האָט זיך דעריבער זיי נישט געלעגט אויפ'ן מח, אַז עס זאָל קאָנען פאָרקומען אַ גירוש פאַר אַלע אידען פון שפאַניען, דערצו איז נאָך אויך געקומען דער פאַקט, אַז גראָד אין דער צייט, ווען טאָרקוועמאַדאַ האָט אויסגעשטעלט זיינע נעצען פאַר די אנוסים און די אידען, האָט דער בעריהמטער ד אָ ן יצחק א ב ר ב נ א ל בעקומען זעהר אַ וויכטיגע שטעלע אין קעניגליכען הויף אין קאַסטיליען און דער קעניג האָט איהם געשאָנקען זיין פאָלקאָמען צוטרוי. מען האָט דעריבער געהאָפט, אַז עס וועט דעם אידישען שר געלינגען אָבצוווענדען אַלע אינטריגעס פון די דאָמיניקאַנער געגען די אידען.

ר ב י י צ ח ק ב ן י ה ו ד ה ד אָ ן א ב ר ב נ א ל (געבוירען אין ליסאַבאָן 1437, געשטאָרבען אין ווענעדיג 1509) איז געווען דער לעצטער אין דער גרויסער רייהע פון אידישע שרים אין שפאַניען, — וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען מיט רבי חסדאי אבן שפרוט און רבי שמואל הנגיד אבן נאַגרעלאַ, און איז שטענדיג געשטאַנען אַלס אַ בעשיצערין פון אידישען פאָלק אין'ם דאָזיגען לאַנד. א ב ר ב נ א ל האָט געשטאַמט פון אַ גרויסער יחוס-משפחה, לויט ווי ער אַליין ערקלערט, „האָבען די אברבנאל'ס געשטאַמט פון דוד המלך און זיי זענען געקומען קיין שפאַניען באַלד נאָכ'ן ערשטען חורבן". זיין זיידע, ד אָ ן ש מ ו א ל א ב ר ב נ א ל, וועלכער איז געצוואונגען געווען צו שמד'ן זיך אין יאָהר 1391, איז באַלד נאָכדעם אַנטלאָפען קיין פּאָרטוגאַל, וואו ער איז ווידער געוואָרען עפענטליך אַ איד; זיין פאָטער, ד אָ ן י ה ו ד ה א ב ר ב נ א ל, איז געווען אַ גרויסער חשוב אין קעניגליכען הויף און זעהר רייך; צווישען אידען האָט ער גע'שמ'ט מיט זיינע גרויסע צדקות. ד אָ ן י צ ח ק א ב ר ב נ א ל איז געווען אַ פריהצייטיג ענטוויקעלטע רייך־בעגאַבטע נאַטור מיט זעהר אַ קלאָרען פערשטאַנד, די בעגרינדונג

פונ'ם יודענטום, דאס בעקענען זיך מיט זיין גרויסער פערגאנגענהייט און זיין בעגריף וועגען דער גאטהייט איז געווען פאר אברבנאל א בעליעבטע בעשעפטיגונג נאך אין פריהער יוגענד, און ער האט שוין דאמאלס מחבר געווען דעם ספר; „עטרת זקנים“ וועגען דער געטליכער השגחה בכלל און בפרט וועגען איהר ראליע אין דער אידישער געשיכטע. דערצו איז ער אויך געווען אנ'אויסגעצייכענטער געשעפטס-מאן, וועלכער האט גוט פערשטאנען די ענינים פון מלוכה-פינאנסען און מלוכה-פאליטיק. דער דאמאלסדיגער קעניג פון פארטוגאל, אלפאנז V, — א געבילדעטער און ליעבענסווירדיגער הערשער, האט גוט פערשטאנען צו שעצען דעם ווערט און טאלענט פון אברבנאל; ער האט איהם איינגעלאדען צו זיך אין הויף, איבערגעגעבען איהם די פערוואלטונג פון די מלוכה-פינאנסען און אין וויכטיגע פאלען פלעגט ער איהם איינלאדען אנטייל צו נעהמען אין מלוכה-ראט, האבענדיג צו איהם א פאלקאמען צוטרוי. אברבנאל'ס פיינעם כאראקטער, זיין אמת'ע פרומקייט אהן קיין שום צביעות, זיין ענוות און קלוגען בענעהמען זיך האבען איהם געקויפט אויך פיעל פריינד צווישען די שרים און פריצים (גראנדען) מיט'ן מעכטיגען הערצאג פערנאנדא דע בראגאנצא, וועלכער האט געהאט אין זיין רשות איבער פופציג שטעדט, דערפער, שלעסער און פעסטונגען און געקאנט ארויסשטעלען צעהן טויזענד מאן מיט דריי טויזענד רייטער אויפ'ן מלחמה-פלאץ — מיט'ן דאזיגען הערצאג און זיינע ברידער מארקיז פון מאנטעמאר און גראף פון פארא איז אברבנאל געווען ברידערליך בעפריינדעט. אויך מיט'ן געלעהרטען יואן סעזירא, וועלכער איז זעהר חשוב געווען אין הויף און אנ'אמת'ער פריינד פון אידען, איז אברבנאל געווען גוט בעפריינדעט. די גליקליכע צייט, וואס דאן יצחק אברבנאל האט פערלעבט אין קעניגליכען הויף פון דאן אלפאנז קעניג פון פארטוגאל, בעשרייבט ער אין פאלגענדע ווערטער:

„אין שלום און שלוה האב איך געלעבט אין מיין הויז, וואס איך האב גע'ירש'ענט פון מיינע עלטערן אין דער געבענשטער שטאדט ליסאבאן, און גאט האט מיך דארט געבענשט מיט עשירות און כבוד. איך האב מיר געלאזט בויען גרויסע פאלאצען מיט פיעל סאלאנען, מיין הויז איז געווען א צענטער פאר לומדים און חכמים. אינ'ם קעניגליכען הויף פון אלפאנזא בין איך געווען בעליעבט, און ער איז געווען פאר מיר א מלך של חסד אונטער וועלכען עס האבען אויך די אידען גענאסען פרייהייט און וואוילשטאנד. איך בין געשטאנען איהם נאהענט און ער האט זיך אויף מיר געשטיצט; כל זמן ער האט געלעבט בין איך געווען א בן-בית אין זיין קעניגליכען פאלאץ“.

אלפאנזא'ס-רעגירונג איז אבער געווען די לעצטע גאלדענע צייט פאר די אידען אין פארטוגאל. כאטש אין זיין רעגירונג האט מען געמאכט די זאמלונג פון די פארטוגיעזישע געזעצען און אויך אריינענומען די ביזאנ-

טינישע און גלחיש, אידישע בעגרענצונגען, האָט אָבער דאָך דער קעניג אַליין דערצו קיין שייכות נישט געהאַט, ווייל ער איז נאָך כמעט אַ קינד געווען, ווען מען האָט די געזעצען צוזאַמענגעשטעלט, און ווען ער איז אויסגעוואַקסען, האָט ער זיך מיט זיי גאָרנישט גערעכענט. אין זיין רע־גירונג האָבען די אידען ניט געטראָגען קיין שאַנד־לאַטע אויף זייערע קליי־דער, זיי פלעגען רייטען אויף פערד און מויל־אייזלען מיט פרעכטיגע ציע־רונג בעפוצט, געטראָגען לאַנגע קליידער מיט שענע קאַפּוצען (היטעלעך), ווי עס איז מאָדנע געווען אין לאַנד, זיידענע קליידער און פערגאָלדעטע שווערדען. אויסערליך האָט מען זיי בכלל נישט געקאָנט אונטערשיידען מיט קיין זאַך פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג. די אַרענדאַטאָרען פון די פינאַנסען אין פּאָרטוגאַל זענען על־פי־רוב געווען אידען. אפילו בישאָפען האָבען איבערגעגעבען די אידען דאָס איינמאָנען פון די קירכליכע הכנסות, חאָטש די קאָרטעס האָבען זיך דערויף בעקלאָגט אין ליסאַבאָן. די זעלבסט־שטענדיגקייט פון די אידישע קהלות אונטער דעם רב הכולל און די זיבען פּראָווינציעלע רבנים, וועלכע זענען איהם בייגעשטאַנען איז אין אַלפאָנזאָ׳ס צייט שטרענג אָבגעהיט געוואָרען און אויך אַריינגענומען אין דער זאַמלונג פון די געזעצען. די זעלבע געזעצען האָבען אויך אָנערקענט דאָס רעכט פון די אידען צו שרייבען די געלד־וועקסלען נישט דוקא אין דער פּאָרטוגיע־זישער שפּראַך נור אויך אין העברעאיש.

איבריגענס איז אַברבנאל נישט געווען דער איינציגער חשוב אין קע־ניגליכען הויף אין פּאָרטוגאַל. צוויי ברידער אבן יחייא נעגראָ, די זיהו פון דאָן דוד, וועלכער האָט, ווי מען דערצעהלט, צוואה געלאָזען ביידען, אַז זיי זאָלען נישט פאַרטוהן זייער פערמעגען אויף צו קויפען נחלאות, ווייל מען וועט סוף כל סוף אַרויסטרייבען די אידען פון פּאָרטו־גאַל, — אָט די צוויי ברידער זענען אויך געווען גרויסע חשובים אין קע־ניגליכען הויף.

כל זמן דאָן יצחק אברבנאל איז נאָך געווען אַ חשוב אין קעניג־ליכען הויף, איז ער געווען פאַר זיינע ברידער „אַ פאַנציער און אַ שטיינער־נע וואַנד, ראַטעווענדיג די ליידענדע פון דער מאַכט פון זייערע שונאים, היילענדיג די ריסען און אָבטרייבענדיג פון זיי די ווילדע לייבען“, — ווי זיין זוהן, דער דיכטער יהודה לעאָן, שילדערט איהם. האָבענדיג בכלל אַ ווייך האַרץ פאַר יעדען מענשען, האָט ער בעזונדערס שטאַרק געפיהלט דאָס עלענד פון זיינע ברידער. ווען דער קעניג אַלפאָנזאָ האָט איינגענומען די פּאָרט־שטאָדט ארזילא אין אַפריקאַ, האָבען זיינע סאָלדאַטען גע־בראַכט קיין פּאָרטוגאַל אונטער פיעל טויזענד געפאַנגענע מוירען אויך צוויי הונדערט און פופציג אידען, וועלכע זענען פערקויפט געוואָרען פאַר קנעכט אין דער גאַנצער מלוכה. אברבנאל׳ס הערץ האָט עס נישט געקאָנט פערטראָגען דעם געדאַנק, אַז אידען זאָלען זיין פערקויפט ווי געמיינע שקלאַפען, און האָט איינגעאָרדענט אַ קאָמיטעט פון צוועלף מיטגלידער פון

דער קהלה אין ליסאַבאָן און אָנגעהויבען זאַמלען געלד. ער אליין מיט זיינעם אַ פריינד האָבען געמאַכט אַ רייזע אינ'ם גאַנצען לאַנד און אויסגעקויפט אַלע אידישע שקלאַפען, צאָהלענדיג אַ גאַנץ הויכען פּרייז. דערמיט האָט זיך אָבער די זאַך נאָך נישט געענדיגט. מען האָט די אויסגעקויפטע נעדאַרפט בעקליידען און מחזיק זיין זיי, ביז זיי וועלען זיך בעקענען מיט דער אָרטיגער שפּראַך און וועלען קאָנען זאָרגען פאַר זיך אַליין. — און אין יענער צייט האָט דער קעניג אַלפאָנזאָ געשיקט אַ געזאַנדשאַפט צום פּויפּסט סיקסטוס IV, צו בעגריסען איהם מיט זיין בעשטייגען דעם טראָהן און אָנזאָגען איהם די בשורה וועגען דעם נצחון איבער די מחמדאַנער. אין דער געזאַנדשאַפט האָט אויך אַנטייל גענומען אַברבנאל'ס פריינד יואַן סיזירה. אַברבנאל האָט דעריבער ביי איהם גענומען אַ הבטחה, אַז ער וועט רעדען אַ גוט וואָרט פאַר'ן פּויפּסט וועגען די אידען אין פּאָרטוגאַל, אויסער דעם האָט ער איהם געגעבען אַ בריעף צו רבי יחיאל פון פּיזאַ, וואו ער האָט איהם געבעטען, אַז ער זאָל זיין בעהילפיג מיט געלד לטובת די אַפריקאַניש אויסגעקויפטע אידען, און ער זאָל אויך אויפנעהמען מיט גרויסער פריינדשאַפט די געזאַנדשאַפט פון פּאָרטוגיעזישען קעניג מיט'ן הויפּט-געזאַנדטען לאָפּאָ דע אַלמיידע בראש, און אַרויסווייזען זיי, ווי צופרידען עס זענען די רייכע איטאַליענישע אידען דערמיט, וואָס דער קעניג פון פּאָרטוגאַל איז גנעדיג פאַר די אידען, כדי דער קעניג און זיינע שרים זאָלען דאַדורך ווערען נאָך פריינדליכער פאַר די אידען. אָט אַזוי האָט דאָן יצחק אַברבנאל אויסגענוצט יעדע געלעגענהייט צו ברענגען נוצען זיינע ברידער.

אין אָט דער בעסטער צייט פון זיין גליקליכען לעבען, וואָס ער האָט פערבראַכט מיט זיין ליעבער פרוי און דריי גערא͏ָטענע זיהן; יהודה לעאָן, יוסף און שמואל, האָבען די פּאָליטישע געשעהענישען געצוואונגען דאָן יצחק צו ענטלויפען פון פּאָרטוגאַל. זיין פריינד און קעניג. אַלפאָנזאַ V איז געשטאָרבען און אויפ'ן טראָהן איז אַרויפגעשטיגען זיין זוהן יואַן II (1481—1495), וועלכער איז גאָר נישט געווען עהנליך צו זיין גוטען פאָטער, האָבענדיג זעהר אַ האַרטען כאַראַקטער און זייענדיג דערצו אַ פאַלשער מענש. דער נייער פּאָרטוגעזישער קעניג האָט זיך געפיהרט, לויט דער פּאָליטיק פון זיין צייט, נאָכטהוענדיג דעם פראַנצויזישען קעניג לודוויג XI, כדי זיך צו בעפרייען פון די הויכע שרים און גרינדען אַ אַבסאָלוטעס קעניגרייך. צוערשט האָט דער נייער קעניג געוואָלט פּטור ווערען פונ'ם שוין דערמאָהנטען הערצאָג פערנאַנדאָ דע בראַגאַנצא, וועלכער האָט געשטאַמט פון דער קעניגליכער משפחה, געווען כמעט אויך אַזוי שטאַרק, ווי דער קעניג אַליין, און ביים פאָלק נאָך פיעל בעליעבטער.

חנפנ'דיג דעם הערצאָג, האָט ער הינטער זיינע פּלייצעס געלאָזט צוזאַמענשטעלען געגען איהם אַ שווערע אָנקלאַגע, אַז ער זאָל האָבען געפיהרט פעררעטערישע אונטערהאַנדלונגען מיט שפּאַניען. ער האָט איהם

פלוצלונג געלאָזט אריינוואַרפען אין תפיסה, געמאַכט איהם אַ פּראָצעס אלס אַ פעררעטער און בעשטראָפט איהם מיט'ן טויט, קאָנפיסקירענדיג אַלע זיינע גיטער (יוני 1483). דעם הערצאָג'ס ברידער האָבען זיך געמוזט ראַטעווען דורך ענטלויפען און וויל דאָן יצחק אברבנאל איז געוועזן בעפריינדעט מיט'ן הערצאָג און זיינע ברידער, האָט דער נייער קעניג איהם אויך חושד געווען, אַז ער האָט אַנטיילגענומען אין דער פערשווערונג פונ'ם הערצאָג. דער קעניג האָט איהם געשיקט אַ בעפעהל צו קומען צו איהם. נישט וויסענדיג פון קיין בייז, האָט אברבנאל זיך באַלד געלאָזט געהן צום קעניג, אָבער אויפ'ן וועג האָט איהם אַ אונבעקאַנטער פריינד מיטגעטיילט, אַז עס געהט איהם אום לעבען, און געראַטען איהם באַלד צו ענטלויפען. דאָן יצחק האָט געפאָלגט די עצה און איז גליקליך געקומען קיין שפּאַניען. דער קעניג האָט אפילו געהאַט געשיקט רייטער איהם נאָכצויאָגען, אָבער זיי האָבען איהם שוין נישט געקאָנט חאַפּען. פון שפּאַניען האָט ער געשיקט אַ בריעף צום קעניג, אין וועלכען ער רעדט מיט פאָלקאָמער הכנעה, אָבער מוטיג און שאַרף, דערווייזענדיג זיין אונשולד און געטרייהייט פאַר'ן טראָהן, ווי אויך די אונשולד פון זיין פריינד, דעם הערצאָג פון בראַגאַנצאַ. דער יונגער טיראַן האָט אָבער דעם דאָזיגען בריעף נישט געגלויבט און געלאָזט קאָנפיסקירען נישט בלויז אברבנאל'ס פערמעגען, נור אפילו אויך דאָס פערמעגען פון זיין זוהן יהודה לעאָן, וועלכער האָט פּראַקטיצירט אַלס רופא. אברבנאל'ס פרוי און קינדער האָט ער אָבער נישט אָנגעריהרט און זיי ערלויבט פריי אַרויסצוגעהן פונ'ם לאַנד.

אין שפּאַניען, וואו דאָן יצחק האָט זיך בעזעצט, איז ער אויפגענומען געוואָרען דורך די אידען מיט גרויס כבוד. באַלד האָט זיך אַרום איהם פערזאַמעלט אַ גרויסער קרייז פון לומדים, חכמים און תלמידים. מיט'ן רב רבי יצחק אבוהב און מיט'ן שר און רב־הכולל, דאָן אברהם סעניאָר, איז ער באַלד העכסט בעפריינדעט געוואָרען. ווי עס שיינט, האָט איהם דער לעצטער באַלד ביי זיין קומען אין שפּאַניען אריינגענומען פאַר אַ שותף אין זיין אָרענדע איינצומאַהנען די מלוכה־אָבצאָהלונגען. אויף דער ביטע פון זיינע נייע פריינד האָט ער זיך גענומען שרייבען אַ פּירוש צום געשיכטליכען טייל פון תנ"ך (נביאים ראשונים), וועלכע זענען ביז יענער צייט פערנאַכלעסיגט געווען, צוליעב דעם וואָס זיי האָבען אויסגעוויזען אַלעמען צו זיין גאַנץ לייכט צו פערשטעהן. דאָן יצחק האָט זיך שוין פריהער געהאַט דערמיט בעשעפטיגט און דעריבער האָט ער איצט געקאָנט ענדיגען די אַרבייט אין אַ קורצע צייט. אברבנאל איז מעהר ווי אַנדערע מסוגל געווען אויסצופיהרען אַזאַ אַרבייט, וויל אויסער זיינע שפּראַכקענטנישען, האָט ער אויך געהאַט ערפאַהרונג אין פּאָליטישע בעציהונגען און פערוויקלונגען, וואָס איז דורכאויס נויטיג, כדי צו קאָנען פערשטעהן די גרינדונג, ענטוויקלונג, אויפבליהונג און חורבן פון דער

אידישער מלוכה. אויך דערמיט האט ער געהאט א חשיבות געגען אנדערע ערקלערער פון תנ"ך, וואס ער האט געקאנט אויסנוצען אויך די ערקלערונגען פון קריסטליכע מחברים. בכלל האט ער די נביאים בעארבייט וויסענשאפטליך, געמאכט אויך פאר יעדען ספר א הקדמה.

גראדע אבער ווען ער האט געהאלטען אין מיטען פון זיין וויכטיגער ארבייט, ביים בעלייכטען די בילדער פון די מלכי ישראל און יהודה, האט ער פלוצלונג בעקומען א איינלאדונג פונ'ם קעניגליכען פאר צו קומען אין הויף, כדי צו פערוואלטען מיט די מלוכה-פינאנסען. אין יענער צייט האט די שפאנישע ארמעע געהאט א גרויסע מפלה אין דער מלחמה געגען דער מחמדאנישער גראנאדא. פערדינאנד'ס מלוכה-קאסע איז געווען פוסט, און דאס ביסעל שטיצע, וואס דער פויפסט האט געהאט געשיקט אויף דער מלחמה געגען די "פיינד פון צלם", איז צוקראכען געווארען. פערדינאנד האט זיך געוואלט שוין אינגאנצען אבזאגען פון דער מלחמה, נור די קעניגין איזאבעלא האט דורכאויס געפאדערט צו פיהרען די מלחמה, כדי "דאס קריסטענטום זאל מנצח זיין דעם איסלאם". אויף דער פראגע: וואו נעהמט מען אבער געלד אויף אזא שווערע מלחמה? — האט געזאלט געבען א ענטפער דער איד פון פארטוגאל. דאן יצחק אברבנאל האט געשמ'ט אלס גוטער פינאנסיסטישער קאפ, און אט האט מען פון איהם פערלאנגט, אז ער זאל שאפען געלד פאר דער מלחמה געגען דעם איסלאם און דעם נצחון פון קריסטענטום. אברבנאל האט זיין אויפגאבע זעהר געלונגען ערפילט. אינ'ם משך פון די אכט יאהר פון זיין פערוואלטונג (1484—1492) האט די מלוכה־קאסע אויפגעבליהט. אברבנאל דערצעהלט אליין, אז ער איז אין קעניגליכען דיענסט ווידער רייך געווארען און האט אנגעקויפט נחלאות, און אז סיי דער הויף, סיי די גרויסע פריצים האבען איהם אבגעגעבען גרויס כבוד. ווי הויך מען האט איהם געשעצט און ווי נויטיג מען האט איהם געמוזט האבען, קאן מען זעהען שוין דערפון אליין, וואס אברבנאל איז געווארען פינאנצ-מיניסטער ביי אזעלכע "הייליג-קאטוילישע" מלכים, אונטער די אויגען פון אזא פאנאטיקער, ווי טארקוועמאדא און די דאמאליגע פאנאטישע שרים, בפרט נאך ווען סיי די קארטעס, סיי די קירכע האט געהאט שטרענג פערבאטען אנצוטרויען א אידען האטש די קלענסטע מלוכה-שטעלע!

די מלחמה מיט גראנאדא האט זיך דערוויל ענטוויקעלט אלץ מעהר. צעהן יאהר האט זי שוין געדויערט. אין דער מלוכה גראנאדא, וועלכע איז דורך איהר אונבעגרענצטען שטאלץ געקומען צו דער שרעקליכער קאטאסטראפע, האבען געלעבט נישט וועניג אידען, וואס זייער צאהל האט זיך בעזונדערס פערגרעסערט דורך די צוגעקומענע אנוסים, וועלכע זענען אנטלאפען פון פייער-טויט פון דער אינקוויזיציע און געווארען עפענטליך צוריק אידען. די אידישע לאגע איז אפילו דארט דוקא נישט געווען קיין גלענצענדע, ווייל די שנאה צו זיי האט זיך אהין פערשלעפט פונ'ם קריסט-

ליך שפּאַניען. אָבער דאָך האָט מען זיי נישט געשטערט אָבצוהיטען זייער רעליגיע עפענטליך, און זייער לעבען איז אין סכנה נישט געשטאַנען. דער חכם יצחק המון איז געווען לייב-דאָקטאָר ביי איינעם פון די לעצטע גראַנאַדישע מלכים און אַ גרויסער חשוב אין הויף. ווען איינמאָל איז פאָרגעקומען אַ מחלוקת אין די גאַסען פון גראַנאַדאַ, האָבען די אַרומיגע מענשען בעשוואוירען די קעמפּפענדע אינ'ם נאָמען פון מחמד אויפצוהערען קעמפען. די קעמפער האָבען זיך אָבער וועגען דעם נישט געקימערט. ווען אָבער מען האָט זיי בעשוואוירען אינ'ם נאָמען פון קעניגליכען רופא יצחק המון, זענען זיך די קעמפער באַלד צוגאַנגען רוהיג. דער פאַקט האָט אַלזאָ דערוויזען, אַז דער המון האָט געהאַט פיעל מעהר דרך-ארץ פאַר'ן אידישען דאָקטאָר, איידער פאַר'ן גרינדער פונ'ם איסלאַם, מחמד. אייניגע אַנגעזעהענע מחמדאַנישע פאַנאַטיקער, זענען דאַדורך אַזוי אויפגערייצט געוואָרען, אַז זיי האָבען באַלד געמאַכט אַ אָנפאַל אויף דער אידישער בעפעלקערונג און אויסגע'הרג'עט זעהר פיעל אידען. גע-ראַטעוועט האָבען זיך נור יענע, וועלכע האָבען בעוויזען זיך צו בעהאַל-טען אין דער קעניגליכער פעסטונג. פון יענער צייט אָן האָבען די אידישע דאָקטוירים בעשלאָסען נישט צו קליידען זיך אין זיידענס און נישט צו רייטען אויף פערד, כדי נישט צו דערוועקען די קנאה פון דער מחמדאַ-נישער בעפעלקערונג.

נאָך אַ לאַנגער בלוטיגער מלחמה איז די הערליכע שטאָדט גראַנאַדאַ ענדליך איינגענומען געוואָרען דורך די שפּאַניער. דער לעצטער לייכטזיני-גער מוירישער קעניג מולי אבו-עבדאלא האָט אונטערגעשריבען אַ אָבמאַך (25-טער נאָוועמבער 1491) מיט פערדינאַנד און איזאַבעלאַ אי-בערצוגעבען זיי די שטאָדט אין אַ משך פון צוויי חדשים. נאָכדעם ווי די מוירען האָבען זייער פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט פערלאָרען, זענען די בעדינגונגען פון דער קאַפּיטולאַציע נישט געווען קיין איבעריגס שווערע. די מוירען האָבען געדאַרפט האָבען רעליגיאָנס-פרייהייט, זעלבסטשטענדיגע געריכטען, דאָס רעכט אויסצוואַנדערען און בכלל בלייבען ביי זייערע זיטען און מנהגים, נור צאָהלען די זעלבע שטייערן, ווי זיי האָבען פריהער בעצאָהלט זייערע אייגענע מלכים. די רענעגאַטען, דאָס הייסט: די קריסטען, וועלכע האָבען אָנגענומען דעם מחמדאַנישען גלויבען, אָדער די מוירישע „אנוסים“, דאָס הייסט: יענע מחמדאַנער, וועלכע מען האָט גע-האַט געצוואונגען אין שפּאַניען צום שמד און זיי זענען געוואָרען קריס-טען נור לפנים, בשעת דער אינקוויזיציע אָבער זענען זיי צוריק אַנטלאָ-פען קיין גראַנאַדאַ און געוואָרען דאָרט עפענטליך מחמדאַנער — איבער אָט די אַלע מענשען זאָל די אינקוויזיציע קיין שליטה נישט האָבען און מען זאָל זיי לאָזען צו רוה. די אידען פון דער הויפּט-שטאָדט גראַנאַדאַ מיט איהר אומגעגענד זענען בפירוש אויך אַריינגענומען געוואָרען אינ'ם דאָזיגען פונקט: זיי האָבען געדאַרפט געשוינט ווערען אוי

זעלבע רעכט, ווי די מחמדאַנער. נור די מאַראַנען, וועלכע זענען פריהער אַנטלאָפען געוואָרען קיין גראַנאַדאַ און געוואָרען דאָרט אידען, האָבען געדאַרפט, אין אַ משך פון אַ חודש צייט נאָכ'ן איינעהמען די שטאָדט, אויסוואַנדערן פון לאַנד און נאָכ'ן דאָזיגען טערמין, אויב זיי וועלען אין לאַנד איבערבלייבען, האָבען זיי געהערט דעם משפט פון דער אינקוויזיציע.

דעם 2־טען יאַנואַר 1492 האָבען פערדינאַנד, איזאַבעלאַ מיט זייער אַרמעע זיך אַריינגעצויגען אין גראַנאַדאַ ביים קלאַנג פון די קירכען־גלאָקען. די מחמדאַנישע מלוכה אויף דער פירענייאישער האַלב־אינזעל איז פערשוואונדען געוואָרען. דער לעצטער מחמדאַנישער פירשט, מולי אבו עדאלא, האָט זיך תחלת אַרויסגעצויגען אין די בערג, וואו מען האָט איהם אָבגעגעבען אַ בעזונדער געביעט, זיין עלענד איז אָבער אַזוי גרויס געווען, אַז ער האָט נישט געקאָנט איבערבלייבען אין לאַנד און איז אַריבער קיין אַפריקאַ. און אַזוי אַרום איז נאָך אַ פערלויף פון אַכט הונדערט יאָהר די גאַנצע פירענייאישע האַלב־אינזעל ווידער אַריינגעקומען אין רשות פון די קריסטען, ווי אין דער צייט פון די וועסטגאָטען. דער דאָזיגער נצחון האָט אָבער מיטגעבראַכט נייע מענשליכע פייער־אָפּפער, פון וועלכע די ערשטע זענען געווען די אידען.

דער נצחון פון גראַנאַדאַ, וואָס האָט געטראָגען אַ כאַראַקטער פון אַ קרייצצוג, פון אַ הייליגען קריעג געגען די אונגלויביגע, האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט דעם פאַנאַטיזם פון די שפאַניער, און אויב פריהער האָט זיך שוין טאָרקוועמאַדע אומגעטראָגען מיט'ן טייוועלשען געדאַנק אַרויסצוטרייבען אַלע אידען, האָט ער ערשט איצט רעכט גענומען זיך דערצו און מיט ערפאָלג. דאָס קעניגליכע פּאָר האָט זיך שוין מעהר נישט גענויטיגט אַזוי אין'ם אידישען געלד, ווייל אין די איינגענומענע רייכע גראַנאַדישע שטעדט האָבען זיי געפונען גאַנצע אוצרות, וואָס זיי האָבען בערויבט, און מען האָט זיך שוין אַלזאָ געקאָנט ערלויבען דאָס „פערגעניגען" אַרויסצוטרייבען די אידען. פערדינאַנד האָט בעשלאָסען פריהער צו שיקען אַ געזאַנדשאַפט צום פּויפּסט אינאָצענץ VII מיט דער ערקלערונג, אַז ער וויל אַרויסטרייבען די אידען פון שפאַניען, אויב נור ער, דער פּויפּסט, וועט עס טהון פריהער אין איטאַליען, ווייל פאַר דעם „הייליגען פאָטער" פּאַסט בעסער די התחלה אין אַזאַ מצוה, אַלס פערטרעטער פון קריסטוס אויף דער ערד, וואָס דאַרף דער ערשטער נקמה נעהמען פאַר זיין טויט. דער דאָזיגער פּויפּסט האָט זיך אפילו גאַנ'ץ ווייניג אויסגעצייכענט מיט זיין פרומקייט און גוטסקייט. מיט פערשידענע פרויען אָהן חופה וקדושין האָט ער געהאַט געבוירען זיבען זיהן און זיבען טעכטער און איז אויך בעוואוסט געווען דורך אַנדערע שענע מעשים. דאָך האָט ער נישט געוואָלט נעהמען אויף זיך אַזאַ פערברעכען, ווי רואינירען אַ וועלט אונשולדיגע מענשען. רבי משולם פון רוים האָט דאַמאָלס גע־

איילט זיך אַנצוזאָגען אַלע איטאַליענישע קהלות די בשורה וועגען דעם, אַז דער פּויפּסט וויל נישט אַרויסטרייבען די אידען. דאָס שפּאַנישע קעניגליכע פּאָר האָט אָבער בעשלאָסען אַרויסצוטרייבען די אידען אויך אָהן דעם ביישפּיעל פונ׳ם פּויפּסט.

פונ׳ם צויבער-פּאַלאַץ אַלהאַמבראַ אין גראַנאַדאַ איז פּלוצלונג אַרויסגעגעבען געוואָרען די גזירה, אַז אין אַ משך פון פיער חדשים מוזען אַלע אידען פון קאַסטיליען, אַראַגאָניען, סיציליען און סאַרדיניען פערלאָזען דאָס לאַנד און, ווער עס וועט בלייבען דאָרט נאָך יענער צייט, וועט בעשטראָפט ווערען מיט׳ן טויט, אָדער ער וועט זיך מוזען שמד׳ן (31-טער מערץ 1492). זייער האָב און גוטס האָבען די אידען געמעגט מיטנעהמען, אָבער נישט קיין גאָלד, זילבער, מטבעות און בכלל סחורות, וואָס עס איז פערבאָטען אַרויסצופיהרען פון לאַנד. אַלס מאָטיוו פאַר דער דאָזיגער ווילדער גזרה ווערט אויפגעגעבען אין בעפעהל נישט איינע פון די בעשולדיגונגען וואָס מען איז אין יענער צייט געוואוינט געווען צו וואַרפען אויף אידען, אַז זיי נעהמען גרויסע פּראָצענטען, אַז זיי האַנדלען נישט ראַיעל, אַז זיי זויגען אוים ביי די קריסטען זייער פערדינסט א. א. וו. נישט אין איינעם פון דידאָזיגע חטאים ווערען די אידען פון שפּאַניען בעשולדיגט. דער איינציגער חטא זייערער איז דאָס, וואָס דורך זיי ווערען די אנוסים אַריינגעצויגען צוריק אין זייער אַלטען גלויבען.

אין דעם בעפעהל ווערט געזאָגט:

מען האָט איינגענטליך געדאַרפט שוין פריהער אַרויסטרייבען די אידען פון שפּאַניען, דערפאַר וואָס רעדען אָן די אנוסים צו האַלטען זיך ביים יודענטום; נור דאָס קעניגליכע פּאָר האָט געפּרובט ווירקען מיט חסד, אַרויסטרייבענדיג בלויז די אידען פון אנדאַלוזיען און אבזונדערנדיג זיי פון די אנוסים; די אידען, וועלכע זענען שולדיג געווען אין אָברייִדען די אנוסים, האָט מען אויך בעשטראָפט, אין דער גוטער האָפנונג, אַז דאָס וועט דיענען די איבריגע אידען פאַר אַ גוטער אזהרה. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז די אידען בעסערען זיך נישט, נור טאָג-טעגליך ווענדען זיי אָן נייע מיטלען, כדי אָבצורייִדען די אנוסים פון קאַטוילישען גלויבען; עס בלייבט דעריבער די „קאַטוילישע מלכים“ נישט קיין אַנדער מיטעל, ווי אינגאַנצען אַרויסצוטרייבען די אידען פון זייער לאַנד, כדי צוצונעהמען ביי זיי די מעגליכקייט אָבצורעדען די געטרייע קריסטען פון זייער אמונה, ווי אויך כדי די קריסטליכע „בעלי-תשובה“ זאָלען דורך זיי ווידער נישט געבראַכט ווערען צו אַ נסיון און בלייבען געטריי דער הייליגער מוטערקירכע. — נאָכ׳ן בעשטימטען טערמין טאָר קיין קריסט נישט בעהאַלטען ביי זיך קיין אידען אָדער בעשיצען זיי און, ווער עס וועט עובר זיין אויפ׳ן בעפעהל, וועט מען קאָנפיסקירען זיין פערמעגען.

אַט אַזוי האָט עס אויסגעבראָכען דאָס אונגליק, וועלכעס די טיעפערבליקענדע אידען האָבען שוין לאַנג געהאַט פאָראויסגעזעהען. די שפּאַני-

שע אידען האָבען געדאַרפט פערלאָזען דאָס לאַנד, צו וועלכען זיי זענען געווען דורות לאַנג צוגעבונדען, וואו זייערע אָבות האָבען גערוהט אין די קברים שוין העכער פופצעהן הונדערט יאָהר, און וואו זיי האָבען אַזוי פיעל געאַרבייט צו ענטוויקלען די גרויסקייט, עשירות און בילדונג, בכלל אויפ'ן אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד. ווי פון אַ דונער דערשלאָגען, זענען די אידען געבליבען, דערהערענדיג די גזרה. דאָן יצחק אַברבנאל האָט נאָך געהאָפט, צו קאָנען עטוואָס פועל'ן ביים קעניגליכען פּאָר און האָט באַלד פאָרגעלעגט איהם גוואַלדיג גרויסע סומעס געלד, אויב עס וועט נור איינשטימען מבטל צו מאַכען די גזרה. זיינע קריסטליכע פריינד, הויכע שרים און פּריצים, האָבען זיין ביטע געשטיצט. פערנאַנד האָט שוין געהאַלטען ביים נאָכגעבען, אָבער דער גענעראַל-אינקוויזיטאָר האָט עס בשום אופן נישט דערלאָזען. ווי מען דערצעהלט, איז ער, באַלד ווי ער האָט דערהערט וועגען וואָס דער קעניג איז זיך מישב מיט זיינע שרים, אַריינגעקומען אין זאַל מיט אַ צלם אין די הענד און אויסגערופען: „יודאַ איש—קריות האָט פערקויפט קריסטוס'ן פאַר דרייסיג זילבער-גולדען; אייער מלכות וויל איהם פערקויפען פאַר דריי הונדערט טויזענד דוקאַטען. אָט איז עס — נעהמט און פערקויפט איהם!“ און, אַזוי רעדענדיג, האָט ער אַנידערגעלעגט דעם צלם אויפ'ן טיש פאַר'ן קעניג און אַרויסגעגאַנגען. די האַזיגע ווערטער האָבען געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף די נלחים, וועלכע האָבען אַנטייל גענומען אין דער בעראַטונג, בעזונדערס אָבער, אויף דער פאַנאַטישער מלכה איזאַבעלאַ, וועלכע האָט דורכאויס געפאָדערט, אַז די גזרה זאָל פערווירקליכט ווערען. זייענדיג פיעל ענערגישער פאַר'ן קעניג, האָט זי אויך פערשטאַנען, ווי אַזוי אויפצוהאַלטען איהם אין זיין פיינדליכער שטימונג געגען די אידען.

דאָן אברהם סעניאָר איז געקומען צום קעניג משתדל זיין זיך, אַז מען זאָל אָבווענדען די שרעקליכע גזרה; אָבער אויך ער האָט נישט געפועל'ט. — אַרום סוף אַפּריל (1492) האָבען זיך בעוויזען אין גאַנצען לאַנד אויסרופער מיט טרומייטען (העראָלדען), וועלכע האָבען אינ'ם נאָמען פון די „קאַטוילישע מלכים“ ערקלערט, אַז ביז'ן סוף יולי מעגען די אידען בלייבען אין לאַנד, ווער אָבער עס וועט אויך שפּעטער פערבלייבען, וועט בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט. — די מהומה צווישען די אידען איז געוואָרען גוואַלדיג גרויס: וואָלטען זיי, לפּחות, געקאָנט נעהמען מיט זיך זייער עשירות און גאָלד און זילבער, ווי די ענגלישע אידען אין דריי-צעהנטען יאָהרהונדערט, און די פראַנצויזישע — מיט הונדערט יאָהר שפּעטער, האָבען זיי אויך אין דער פרעמד געקאָנט זיך, ווי עס איז איינאָרדנען. אָבער די אידישע קאַפּיטאַליסטען האָבען זייער באַר געלד נישט געטאָרט מיטנעהמען און זענען געווען געצוואונגען צו קויפען וועקסלען אויף פערשידענע איראָפּעאישע האַנדעלס-פּלעצער. אָבער צוליעב איהר בעזונדערס ריטערליכען און קירכליכען כאַראַקטער האָט שפּאַניען נישט

געהאַט קיין וועלט - האַנדעלס - מערק, וואו אַ וועקסעל איז געווען אַ
בּאַרע מטבע, ווי דאָס איז געווען, למשל, אין איטאַליען. דאָס געשעפט
בכלל האָט זיך געפונען אין די הענד פון די אידען און די אַנוסים, און
אַט די לעצטע האָבען, צוליעב מורא פאַר דער שרעקליכער אינקוויזיציע,
זיך געמוזט האַלטען פון דער ווייטענס פון די אידען. יענע אידען, וועלכע
האָבען געהאַט אונבעוועגליכע גיטער, — פעלדער, וועלדער, גערטנער, היי־
זער א. ד. ג. — האָבען עס געמוזט פערקויפען פאַר אַ שפּאָט־פּרייז, וויל
קיין קונים זענען נישט געווען; זיי האָבען געמוזט ביי די קריסטען בעטלען,
צו געבען זיי חאָטש אַ וועלכען ס'איז חפץ פאַר אַ גאַנצען גוט. אַנדרע־
אַס בערנאַלדעז, וועלכער איז דאַמאָלס געווען גלח אין לאס פּאַלאַ־
ציאָס, דערצעהלט, אַז די שענסטע הייזער און די פּראַכטפולע לאַנד־גיטער
האָבען די אידען פערקויפט פאַר אַ קליינינקייט: אַ הויז — פאַר אַן'עזעל,
אַ ווייןגאָרטען — פאַר אַ שטיקעל לייווענט, אָדער טוך. די עשירות פון
די שפּאַנישע אידען איז צורונען געוואָרען ביי זיי אין די הענד, און נישט
געקאָנט העלפען זיי אין דער נויט. טאָרקוועמאַדאַ האָט נאָך דערצו בע־
וויזען זיינע בעזונדערע אַכזריות און פערבאָטען די קריסטען צו קויפען
עטוואָס ביי די אידען. פערדינאַנד ווידער האָט געלעגט אַן'אַרעסט אויף
די אידישע גיטער, איינצומאָהנען די חובות, וואָס די אידען זענען
כלומר'שט שולדיג געווען דער מלוכה, ווי אויך צו בעפרידיגען די פּרעטענ־
זיעס פון דער קאַטוילישער קירכע. טאָרקוועמאַדאַ האָט אויך אָנגעזאָגט
די דאָמיניקאַנישע גלחים, אַז זיי זאָלען דרש'ענען פאַר די פערצווייפעלטע
אידען און רופען זיי צום שמד, כדי זיי זאָלען קאָנען בלייבען אין לאַנד.
דאַגעגען האָבען די רבנים געהאַלטען דרשות פאַר די פערצווייפעלטע אי־
דען און זיי ערוועקט בייצושטעהן דעם נסיון און אָננעהמען פאַר גוט די
שלעכטע צייטען, וועלכע גאָט האָט געשיקט נור, כדי צו פּרובען זיי אין
זייער אמונה. מען האָט אָבער גאָר נישט געברויכט די דרשות פון די
רבנים: יעדער איד האָט דערוועקט דעם צווייטען, איינער האָט געשטאַרקט
דעם אַנדערן אין גלויבען אין שטאַנדהאַפטינקייט פאַר'ן יודענטום. „לאָ־
מיר שטאַרק זיין — איז געווען דער אַלגעמיינער רוף — פאַר אונזער תּורה
און אונזער אמונה געגען אונזערע פיינד! אויב זיי וועלען אונז לאָזען לע־
בען, וועלען מיר לעבען; אויב זיי וועלען אונז וועלען טויטען — לאָמיר
שטאַרבען ווי גבורים און נישט ברעכען אונזער בונד מיט גאָט, און אונ־
זער האַרץ זאָל נישט ציטערן. מיר ווילען רוהיג געהן אין גאָטס וועג!“ —
אפילו די שוואַכסטע אידען האָבען געשפּירט אַן'אבשוי און אַ שוידערליכע
אימה פאַר'ן קאַטוילישען גלויבען, נאָך אַלעם וואָס זיי האָבען געזעהן,
וואָס מען האָט מיט זייערע פריהערדיגע ברידער (די אנוסים) געטהון,
דורך וועלכע פּרעטענזיעס זיי זענען אין פייער געשליידערט געוואָרען.
איין יאָהר פאַר'ן אַרויסגעבען די גזרה האָט מען אין איין סעווילאַ פער־
ברענט לעבעדיגערהייד צוויי און דרייסיג אַנוסים, זעכצעהן בילדער פון

אנוסים און זעקס הונדערט פינף און צוואנציג פון זיי פערמשפט צו א שווערער תשובה, וועלכע איז געווען נישט פיעל לייכטער ווי דער טויט. די אידען איז אויך בעוואוסט געווען, מיט וואס פאר א פאלשקייט טארקוועמאדא פלעגט פאנגען זיינע פייער־אפפער. בשעת גראנאדא האט נאך געהערט צו מחמדאנער, זענען אהינצו ענטלאפען פיעל אנוסים פון סעווילא, קארדאווא און אנדערע קריסטליך שפאנישע שטעדט. נאכ'ן איינ־נעהמען גראנאדא האט טארקוועמאדא ארויסגעלאזען אנ'אויפרוף, אין וועלכען ער ערקלערט, אז אויב זיי ווילען צוריקקעהרען צו דער מוטער־קירכע, „וועלכע האלט שטענדיג אפען איהרע ארעמס, אויפצונעהמען די, וועלכע קומען צו איהר מיט א הארץ פול חרטה" — זאלען זיי זיך צוריקקעהרען צו איהר, און וועט זיי אין זייער אלטען היים בעהאנדלען מילד און באלד געבען א „מחילה וסליחה" (אבזאלוציאן). אייניגע אנוסים האבען זיך געלאזט איינרעדען און זענען צוריקגעקומען קיין טאלעדא. דארט האט מען זיי בעגנעדיגט — מיט'ן פייער־טויט. צוליעב דעם איז עס געקומען דאס אפילו אויך פון די רייכע און אויפגעקלערטע אידען זענען בשעת'ן גירוש נישט פיעל איבערגעגאנגען צום קריסטענטום, נישט קוקענדיג אויף דער פערצווייפעלטער לאגע, אין וועלכער זיי האבען זיך פלוצלונג דערזעהען. פון פערזאנען מיט בעוואוסטע נעמען האבען זיך געשמדט נור דער ארענדאטאר פון די שטייערן, וועלכען פערדינאנד האט געהאט בעשטימט פאר א רב־הכולל, דאן אברהם סעניאר, מיט זיינע זיהן און זיין איידעם, מאיר. מען האט דאמאלס דערצעהלט, אז דאן אברהם האט מיט יסורים אין הארצען זיך געמוזט לאזען שמד'ן, ווייל די קעניגין איזאבעלא, וועלכע האט נישט געוואלט פערלירען דעם פעהיגען שאצמייסטער, האט איהם געסטראשעט, אז אויב ער וועט זיך נישט שמד'ן וועט זי ברענגען איבער די אידען נאך גרעסערע אונגליקען. אין קעניגליכען הויף איז באמת גרויס געווען די שמחה, ווען דאן אברהם מיט זיין משפחה האבען זיך אבגעשמד'ט. דאס קעניגליכע פאר און דער קארדינאל זענען געווען זייערע טויף־פאטער'ס. די נייע אנוסים האבען אנגענומען דעם נאמען קאראנעל, און זייערע יורשים האבען שפעטער אלע פערנומען הויכע מלוכה־שטעלעס.

דאס אלגעמיינע אונגליק האבען ערוועקט און אויפגעלעבט ביי די שפאנישע אידען פאר'ן גירוש דאס געפיהל פון אינערליכער אחדות און ברודערשאפט. די עשירים האבען זיך געטיילט מיט דאס לעצט, וואס איז זיי פערבליבען מיט די ארימע לייט, זארגענדיג, אז עס זאל זיי, לפחות אין דער ערשטער צייט קיין זאך נישט פעהלען און אז זיי זאלען האבען אויף רייזע־קאסטען, כדי זיי זאלען נישט זיין געצוואונגען צו שמד'ן זיך. דער אלטער רב, רבי יצחק אבוהב, אברבנאל'ס פריינד, איז ארויסגעפאהרען פאראויס מיט דרייסיג אנגעזעהענע אידען קיין פארטוגאל, כדי צו פיהרען דארט אונטערהאנדלונגען מיט'ן קעניג יואן II וועגען דורכ־

פאָהרען דורך פאָרטוגאַל אָדער בעזעצען זיך דאָרט, און עס איז זיי אויך געלונגען, צו שליסען מיט איהם אַנ'אָבמאַך, וועלכער איז, לויט דער פער־צווייפעלטער לאַגע, געווען נאָך נישט קשר'דיג. וואָס נעהענטער עס איז געקומען דער לעצטער טאָג, ווען מען האָט געמוזט דאָס לאַנד פערלאָזען, אַלץ מעהר האָט זיך געשטאַרקט דער אידישער וועהטאָג. די קברים פון די עלטערן — דאָס איז איצט געווען פאַר זיי דאָס ליעבסטע, און דער געדאַנק, אַז מען מוז זיך שיידען אויף אייביג, איז פאַר אַלעמען געווען אונערטרעגליך. די אידען פון שעגאָוויאַ זענען די לעצטע דריי טעג פאַר'ן אויסוואַנדערן געלעגען אויף די ליעבע קברים און זייער האַרצרייסענדער יאָמער האָט אויך טיעף געריהרט די אָרטיגע קאַטויליקען. די מצבות האָבען זיי אַרויסגעריסען פון דער ערד און גענומען מיט זיך פאַר אַנ'אייביגען אָנדענקען, אָדער אַוועקגעשאָנקען זיי די בלייבענדע אַנוסים.

ענדליך איז געקומען דער שרעקליכער טאָג, ווען די אידען האָבען זיך געדאַרפט נעהמען פאַר'ן וואַנדער־שטעקען. צוויי טעג, ווי אַ פער־משפט'ן צו דער תליה, האָט פערדינאַנד זיי נאָך געגעבען אַ הנחה: אַנשטאָט דעם 31־טען יולי זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד דעם 2־טען אויגוסט, פונקט אינ'ם אייביגען אידישע אונגליקס־טאָג, אום תשעה באב (ט' באב רנ"ב אָדער 2־טער אויגוסט 1492). לפחות דריי הונדערט טויזענד אידען האָבען פערלאָזען האָס לאַנד, וואָס זיי האָבען אַזוי שטאַרק געליעבט און וועלכעס זיי האָבען איצט געמוזט פערשילטען, און געלאָזט זיך אין וויסטען וועג אַריין: ווער צום צפון, אינ'ם קעניגרייך נאַווארא, וואָס איז נעבען שפּאַניען, ווער צום דרום, כדי צו קומען קיין איטאַליען, אפריקאַ, אָדער טערקיי, על פי רוב אָבער זענען די אויסוואַנדערער אַוועקגעגאַנגען קיין פאָרטוגאַל. כדי דער אויסגעוואַנדערטער המון זאָל נישט זיין צו־שטאַרק טרויעריג און לאָזען זיך איבעררעדען צום שמד, האָבען די רבנים בעפוילען די יוגענד צו געהען פאָרווערטס מיט מוזיק, פייפלעך און פויקען.

מיט'ן גירוש פון די אידען האָט שפּאַניען פערלוירען דעם צוואַנציגסטען טייל פון איהרע פלייסיגסטע, פעהיגסטע און געבילדעטסטע איינוואוינער, בכלל דעם געזונדען בירגער, וועלכע האָבען נישט נור בעשאַפען די עשירות אין לאַנד, נור אויך, ווי דאָס בלוט אין אָרגאַניזם, געבראַכט איהר אין בעוועגונג. וואָרום צווישען די שפּאַנישע אויסוואַנדערער זענען געווען נישט בלויז קאַפּיטאַליסטען, סוחרים, גוטבעזיצער און לאַנד־אַרבייטער, דאָקטוירים און געלעהרטע, — נור אויך פיעל בעלי־מלאכות, שמיעדען פון געווער, מעטאַל־אַרבייטער. פון יעדען פאַך און אַלענפאַלס נישט קיין לעדיג־געהער, וואָס זיצען דעם קאָפּ פעררייסען דעם גאַנצען טאָג. באַלד נאָכ'ן גירוש האָט מען, ווי בעוואוסט, ענטדעקט אַמעריקאַ, און די אידען וואָלטען דאַדורך געקאָנט מאַכען שפּאַניען צו דער רייכסטער, בליהענדסטער מלוכה אויף דער וועלט אויף אַ גאַנצע אייביגקייט. באַלד האָט די קריסטליכע בעפעלקערונג אין שפּאַניען אָנגעהויבען צו שפּירען אויף

שריט און טריט, אז עס פעהלען די אידען אין לאנד. די אידישע ריהרעוו-
דיגקייט, די בליהענדע קולטור, דער ערהויבענער גייסט — דאס אלץ האט
אויסגעוואנדערט פון שפאניען צוזאמען מיט די אידען. די קלענערע
שטעדט, וואו די דארטיגע אידען האבען אריינגעבראכט לעבען און בעוועג-
גונג, זענען געשווינד פעראָרימט געווארען. עס האבען אויך פערפעהלט
גוטע דאקטוירים אין לאנד. די שטאדט וויטטאריא מיט איהר אומ-
געגענד איז געווען געצוואונגען צו ברענגען זיך נאכ'ן גירוש א דאקטאר
פון גאנץ וויים און צאהלען איהם זעהר א גרויסע פענסיע, כדי נישט צו
לאזען די בעפעלקערונג אויסשטארבען, אדער אז זי זאל זיך קורירען ביי
שארלאטאנעס, וועלכע האבען זיך בעוויזען אין לאנד אנשטאט די אידישע
געלעהרטע דאקטוירים. מיט איין ווארט: דורכ'ן ארויסטרייבען די אידען
האט שפאניען אנגעהויבען צו זינקען. וואס דאס ניי ענטדעקטע לאנד אמע-
ריקא האט געגעבען, האט נאר מיטגעווירקט, אז די בעפעלקערונג זאל ווע-
רען פוילער, נארישער און קנעכטישער. די הייזער פון די ישיבות, די שפי-
טאלען, שוהלען און בכלל אלץ, וואס די אידען האבען נישט געקאנט, אדער
נישט געטארט נעהמען מיט זיך, האט דער קעניג קאנפיסקירט. פון די
שוהלען האט ער געלאזט מאכען קירכען, קלויסטערס אדער שולען, אין
וועלכע מען האט דעם פאלק פערשטאפט דאס לעצטע ביסעל מוח אין
קאפ.

די פרעכטיגע שוהל אין טאלעדא, וועלכע עס האט אויסגעבויט דער
אידישער דאן שמואל אבולאפיא איז איבערגעמאכט געווארען אויף א
קירכע (De nuestra Senore San Benito) און זי איז נאך עד היום
א ציערונג פאר דער שטאדט מיט איהר חן און שענעם סטיל. א ביסעל
אידען זענען אפילו נאכ'ן גירוש אויך געבליבען אין שטאדט, אידען —
אנוסים, געטרייע אידען מיט דער מאסקע פון קריסטענטום, וועלכע הא-
בען זעהר פיעל געשטיצט די ארויסגעטריבענע. פיעל פון זיי האבען אי-
בערגענומען ביי די ארויסגעטריבענע זייער געלד און זילבער, וואס זיי
האבען מיט זיך נישט געטארט נעהמען און נאכגעשיקט זיי דורך זיכערע
מענשען שפעטער, אדער אויסגעשטעלט זיי וועקסלען אויף אויסלענדישע
פלעצער. די רעגירונג האט זיך אפילו דערוואוסט דערפון און אנגענומען
אלע מיטלען דאס צו שטערען. נישט קוקענדיג אויף אלע שטערונגען, הא-
בען דאך די געבליבענע אנוסים נישט אויפגעהערט צו בעזארגען די אינ-
טערעסען פון זייערע געוועזענע ברידער אין דער נויט. דערפאר אבער
האבען די אנוסים איצט געמוזט ווערען נאך פארזיכטיגער, צלמ'ן זיך און
בעזוכען אפטער די קירכע. ווען די אינקוויזיציע וואלט געקאנט אריינ-
קוקען צו זיי אין הארצען, וואלט זי געזעהען, אז וואס מעהר תפלות די
אנוסים זאגען, אלץ צוגעבונדענער ווערען זיי צום יודענטום. טייל מאל
איז דאס אינערליכע געפיהל ארויסגעריסען איבער די ליפען געגען יעדער
פארזיכטיגקייט. אזוי איז דאס פארגעקומען מיט איין אנוסי אין סעווילא:

שטעהענדיג אין קירכע און זעהענדיג ווי מען שטעלט אַרויס אַ בילד, פאַר וועלכע מען האָט זיך געדאַרפט בוקען האָט זיך דער נעכטיגער איד נישט געקענט איינהאַלטען זיך און אויסגערופען: „וועה, וועה, ווער עס מוז אזעלכעס זעהען און גלויבען דערין!" עס פערשטעהט זיך, אַז מען האָט דעם אונגליקליכען באַלד אַוועקגעשלעפט אין תפיסה פון דער אינקוויזיציע, וואו מען האָט איהם מורא'דיג געפּייניגט און געלאָזט פערברענען לעבעדיגערהייד, און אויך זיינע פריינד און קרובים, בעזונדערס אלע יענע, וועלכע האָבען געהאַט פערמעגען, האָט מען אין די תפיסות פון דער אינקוויזיציע געשלעפּט. טאָרקוועמאַדאַ האָט בכלל געמוזט האָבען אָפטע פייעראָפּפער, דאָס שפּאַנישע פאָלק איז טעמפּיג געוואָרען און מען האָט איהם געברויכט צו וועקען דורך דעם ווילדען פאַנאַטיזם. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז דער ערשטער גענעראַל־אינקוויזיטאָר, טאָמאַש דע טאָרקוועמאַדאַ, האָט אין אַ משך פון פערצעהן יאָהר (1485—1498) פערברענט נישט ווענינער ווי צוויי טויזענד לעבעדיגע אידען. דער צווייטער גענעראַל־אינקוויזיטאָר, וואָס איז געוועזן נאָך איהם, דעצאַ (Deza) האָט איינגעאָרדענט נאָך מעהר קאָסטרעס און פערברענט נאָך מעהר מענשליכע פייער־אָפּפער. אינטערעסאַנט איז, אַז דער דאָזיגער דעצאַ איז לסוף אָנגעקלאָגט געוואָרען, אַז ער איז בשתיקה אַ איד.

ווען צו די פיעל אידישע פייער־אָפּפער זאָל מען נאָך צורעכענען די פייער־אָפּפער פון די מחמד'אַנער, וועלכע מען האָט געצוואונגען אָנצונעמען דעם קריסטענטום, און זענען אויך געבליבען ב־שתיקה מחמדאַנער („מאַריס־קאָס"); און די פייער־אָפּפער פון אלט־קריסטליכע אפיקורסים, אָדער די וואָס האָבען נוטה געוועזן צו דער רעפאָרמאַציע פון לוטהער,— דאַן קען מען זיך פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ גיהנום דאָס לאַנד איז געוואָרען. נישט אומזיסט האָבען אפילו פיעל אייראָפּעאישע פירשטען און אפילו דאָס פראַנצויזישע פאַרלאַמענט זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט געגען די מעשים פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ. דאָס פראַנצויזישע פאַרלאַמענט האָט אויך פעראורטיילט דאָס פערטרייבען פון שפּאַניען אַזעלכע נוצליכע בירגער ווי די אידען זענען געווען. דער סולטאַן באַיאַזעט זאָל זיך האָבען אויסגעדריקט: „מיט'ן אַרויסטרייבען די אידען האָט פערדינאַנד זיין לאַנד אָרים געמאַכט און מיין לאַנד רייך!"

גליקליך זענען נאָך געווען לערך אויף אַ קורצע צייט די אידען פון קאַטאַלאָניען און אַראַגאָניען, וועלכע האָבען אויסגעוואַנדערט אינ'ם נאָהענטען נאַוואַראַ, זיי האָבען, ווענינגסטענס, געהאַט די מעגליכקייט צו לעבען דערווייל, ביז זיי וועלען זיך אַרומזעהען און אויפזוכען אַנ'אַנדער לאַנד, וואו צו בעזעצען זיך. אין נאַוואַראַ זענען אלע געווען געגנער פון דער אינקוויזיציע, סיי דער הערשער פונ'ם לאַנד, סיי דאָס פאָלק. בשעת איינינע אַנוסים, וועלכע האָבען אַנטייל גענומען אינ'ם מאָרד פונ'ם אינקוויזיטאָר אַרבועס, זענען אַנטלאָפען קיין נאַוואַרא, האָט די אינקוויזיציע גע־

שיקט אהין איהרע שלוחים און געפאדערט, אז מען זאל זיי די אנוסים ארויסגעבען. די שטאדט-פערוואלטונג פון טודעלא, וואו די אנוסים האבען זיך בעהאלטען, האט אבער געענטפערט, אז זי וועט זיי נישט ארויסגעבען, נאכדעם ווי זיי האבען איהר אנגעטרויט זייער לעבען. די שלוחים פון דער אינקוויזיציע האט מען אין שטאדט נישט אריינגעלאזען. אומזיסט האט דער קעניג פערדינאנד, וועלכער האט שוין געהאט געווארפען אנ'אויג אויף נאווארא, געדראהט מיט זיין צארן, נאווארא איז געבליבען פעסט ביי איהר בעשלוס און האט די אנוסים נישט ארויסגעגעבען. איצט נאכ'ן גירוש האבען אפילו די שטעדט פון נאווארא נישט געוואלט ארייננעהמען צו-פיעל שפאנישע ארויסגעטריבענע אידען, אבער לערך צוועלף טויזענד אידען האבען דאך בעוויזען דארט צו בעזעצען זיך. דאס רוב פון זיי האט אריינגענומען אין זיינע גיטער דער גראף פון לערין. לאנג האבען אבער די אידען אין נאווארא קיין רוה נישט געהאט. זייער פערביטערטער פיינד, דער שפאנישער קעניג האט דורכאויס געפאדערט פונ'ם קעניג פון נאווארא, אז ער זאל די אידען ארויסטרייבען, און לסוף האט דער נאווארער קעניג געמוזט נאכגעבען און געשטעלט די אידען די אויסזיכט: ענטוועדער אויסוואנדערען, אדער שמד'ן זיך. דאס רוב אידען האבען זיך געשמדט, ווייל מען האט זיי געגעבען א צו-קורצען טערמין. אפילו אין דער קהלה טודעלא, וועלכע האט אזוי שטארק גע'שמ'ט מיט איהר פרומקייט, האבען זיך אויסגעשמד'ט הונדער און אכציג משפחות.

אויך יענע אידען זענען נאך געווען גליקליך, וועלכע האבען זיך בעצייטענס געלאזט אין וועג צו וואנדערן קיין אפריקא, איטאליען און טערקיי, נישט אבווארטענדיג ביז'ן לעצטען טערמין אין דער האפנונג, טאמער וועט נאך פערדינאנד חרטה האבען און מבטל מאכען די גזרה. קיין געלעגענהייט, ווי אזוי די ווייטע רייזע צו מאכען האט זיי נישט געפעהלט, ווייל די שפאנישע אידען האבען געהאט א גרויסען שם אויף דער וועלט, און די משונה'דיגע גזירה וועגען דעם גירוש האט ארויסגערופען א גרויסען רעש אין גאנץ אייראפא, זענען דעריבער געקומען פיעל שיפען צו פיהרען די אויסוואנדערער, וואוהין זיי וועלען נור פערלאנגען. דאס זענען געווען נישט בלויז שפאנישע שיפען, נור אויך פון איטאליען, נעמליך: פון ווענעדיג און גענוא. די שיפסקאפיטאנען האבען געהאפט צו מאכען א גוט געשעפט. פיעל אידען פון אראגאניען, קאטאלאניען און וואלענסיא האבען געווארפען אנאויג אויף נעאפאל און געשיקט שלוחים צום דאמאלסדיגען מלך פערדינאנד I, בעטענדיג, אז ער זאל זיי אין זיין לאנד אריינלאזען. דער דאזיגער מלך איז געווען ווייט פון פאנאטיזם, און ער האט אויך געהאט רחמנות אויף די אונגליקליכע. מעגליך, אז ער האט טאקי אויך געהאפט צו האבען גרויס נוצען פון די אינדוסטריעלע און געבילדעט שפאנישע אידען, — קורץ, ער האט די שלוחים גוט אויפגענומען און שפעטער אויך אריינגענומען פיעל פערטריבענע אי-

דען אין זיין לאנד. די דארטיגע אידישע קהלות האבען זיך בעגאנגען ברידעריליך מיט די אונגליקליכע, בעצאהלט רייזע־קאסטען פאר די ארימע אידען און געזארגט פאר זיי די ערשטע צייט, ביז זיי האבען זיך, ווי עס איז איינגעארדענט.

אויך דאן יצחק אברבנאל מיט זיין גאנצער משפחה האבען זיך בעזעצט אין נעאפעל. דא האט ער די ערשטע צייט געלעבט אלס פריוואט־מאן, בעשעפטיגענדיג זיך ווייטער מיט זיין ליטערארישער ארבייט — דאס שרייבען א פירוש צום ספר „מלכים“ — וועלכע ער האט געמוזט איבעררייסען, צוליעב דער מלוכה־שטעלע ביים קעניג פערדינאנד. אבער ווי נור דער קעניג פון נעאפעל האט זיך דערוואוסט, וואס פאר א גוטען גייסט די ספרדישע אידען האבען איהם מיטגעבראכט, האט ער נאך איהם געשיקט און איבערגעגעבען איהם די פערוואלטונג פון די מלוכה־פינאנסען. דער קעניג פון נעאפעל האט בכלל ארויסגעוויזען א ריהרענדע מענשליכקייט פאר די געקומענע אידען, די אידען האבען נאך אבער געהאט אויסצושטעהן פיעל פגעים רעים, וועלכע האבען זיך נאך געצויגען אלס פאלגען פון דעם ביטערען גירוש. צוליעב די שלעכטע היגיענישע בעדינגונגען אויף די שיפען, איז צווישען די ארויסגעטריבענע אידען אויסגעבראכען א מגפה, וועלכע זיי האבען געבראכט מיט זיך אין די נייע לענדער. דער קעניג האט מורא געהאט, אז די ארטיגע קריסטליכע בעפעלקערונג זאל זיך פון זיי נישט אנשטעקען און מאכען א בונט, און האט דעריבער פעראָרדענט, אז די אידען זאלען מקבר זיין זייערע מתים ביינאכט, ווען די קריסטען וועלען נישט זעהען. די מגפה האט זיך אבער פערשטארקט, און דאס פאלק מיט די פריצים האבען אנגעהויבען פאדערן, אז מען זאל די געקומענע אידען ארויסטרייבען. פערדינאנד האט אבער נישט געוואלט איינשטימען אויף אזא אונמענשליכען פארשלאג. ער זאל אפילו האבען אויך געדראהט אבצוזאגען זיך פון זיין קרוין, אויב מען וועט די אידען טהון שלעכטס. ער האט דעריבער געלאזט אויסבויען באראקען פאר די אידישע חולאים הינטערן שטאדט, געשיקט זיי דאקטוירים און אלץ, וואס נויטיג איז. אויך יענע אידען, וועלכע האבען געהאט דאס גליק צו דערגרייכען דעם האפען פון פיזא, האבען געפונען א ברודערליכען קבלת־פנים. די זיהן פונ׳ם עשיר רבי יחיאל פון פיזא, דעם אלטען פריינד פון אברבנאל, האבען פיעל געזארגט אויפצונעהמען די אנגעקומענע און בעזארגען זיי מיט אלעם נויטיגען, איינצוארדנען זיי, אדער צו שיקען ערגעץ וואו ווייטער.

אימה׳דיג זענען אבער די שילדערונגען פון די יסורים און צרות, וואס עס זענען אויסגעשטאנען אנדערע ארויסגעטריבענע. די יעניגע, וועלכע האבען זיך געראטעוועט פון הונגער און מגפה, זענען אומגעקומען פון די מענשען־חיות. עס האט זיך נעמליך פערשפרייט א קלאנג, אז די אידען האבען איינגעשלונגען גאלדענע מטבעות פאר׳ן ארויסגעהען פון שפאניען, וויל זיי האבען עס נישט געטארט נעהמען מיט זיך. און אט האבען זיך גע־

פונען קריסטען, וועלכע האבען זיך נישט געשראקען אויפצושניידען זיי דעם בויך, כדי צו זוכען אין זייערע געדערים גאלד און זילבער. די גענעזישע שיפסלייט האבען זיך בעגאנגען, ווי אמת'ע רוצחים מיט יענע אונגליקליכע אידען, וועלכע האבען זיי אנגעטרויט זייער לעבען. זיי פלעגען פראסט ארויסשליידערען די אידען אין ים, ווי נור זיי פלעגען זיך דערווייטערען פון ברעג. יענע אידען, וועלכע זענען געקומען צו די ברעגעס פון אפריקא, האבען געהאט אויסצושטעהען ענוים און א ביטערן טויט אדער פון די ווילדע בארבארישע פעלקער, אדער פון די דארטיגע קריסטען, וועלכע האבען געפאדערט, אז זיי זאלען זיך שמד'ן.

יענע אידען, וועלכע זענען אריינגעקומען אין האפען פון ג ע נ ו א, האבען געהאט אויסצושטעהן אנ'אנדער מין פורעניות. אין דער דאזיגער בליהענדער שטאדט איז געוועזען א געזעץ, אז אידען טארען זיך דארט נישט אויפהאלטען מעהר פאר דריי טעג. ווייל אבער די שיפען, וועלכע האבען געזאלט פיהרען די אידען ווייטער, האט מען געמוזט אויסבעסערן, האט די שטאדט-רעגירונג ערלויבט די אידען אויפצוהאלטען זיך, נישט אין שטאדט, נור אין מאלא, ביים פארט, אזוי לאנג, ביז מען וועט די שיפען פערריכטען. אויסגעמאטערט און אויסגעהונגערט פון וועג האבען זיך די אידען, בעזונדער די הונגעריגע קינדער, געלאזט געהן בעטלען א שטיקעל ברויט, און די פאנאטישע קריסטען האבען אויסגענוצט די דאזיגע געלעגענהייט צו פאנגען זיי צום שמד, נישט געבענדיג קיין ביסען ברויט סיידען זיי זאלען זיך שמד'ן. און אזוי ווי רעפעראציע פון די שיפען האט זיך לאנג פערצויגען ביז א שטיק אין ווינטער אריין, האבען פיעל נישט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און האבען זיך אבגעשמד'ט. אנדערע איטאליענישע שטעדט ביים ים האבען נישט געלאזען די אידען אפילו ארויסגעהן פון די שיפען אויפ'ן ברעג, טיילווייז דערפאר ווייל עס איז דאמאלס געווען א הונגער-יאהר, טיילווייז דערפאר, וואס די אונגליקליכע וואנדערער האבען מיט זיך געשלעפט פערשידענע אנשטעקענדע קראנקהייטען

דאס רעשט ביסעל אידען פון גענוא, וואס האט זיך געלאזט געהן קיין רוים, האט געמאכט נאך א ביטערע ערפאהרונג: זייערע אייגענע ברידער זענען ארויסגעטראטען, ווי פיינד געגען זיי. די רוימישע אידען האבען מורא געהאט, אז די אנגעקומענע אידען זאלען נישט ווערען פאר זיי קיין צושטארקע קאנקורענטען אין האנדעל, האבען זיי צונויפגענומען טויזענד דוקאטען, כדי צו געבען שוחד דעם דאמאלדיגען פויפסט, א ל ע ק ס א נ ד ע ר VI, וועלכער איז בעוואוסט געווען מיט זיינע שענדליכע מעשים, אבער אפילו אויך אט דער פויפסט איז אזוי שטארק אויפגערעגט געווארען פון אזא טהאט געגען אייגענע ברודער אין גרויסען אונגליק, דאס ער האט בעפוילען צו פערטרייבען אלע אידען פון רוים. די רוימישע קהלה האט דעריבער געמוזט צונויפזאמלען נאך צוויי טויזענד דוקאטען פארן פויפסט

אַ מתנה, כדי ער זאָל מבטל מאַכען זיין גזירה, און די אָנגעקומענע שפּאַנישע אויסוואַנדערער האָבען זיי געמוזט אויפנעהמען ביי זיך.

אויך די גריכישע אינזלען קאָרפו, קאַנדיאַ זענען איבערפולט געוואָרען מיט די אונגליקליכע פערטריבענע פון שפּאַניען. פיעל פון זיי זענען דאָרט פערשלעפּט געוואָרען אַלס פערקויפטע קנעכט. די דאָרטיגע אידישע קהלות האָבען אַרויסגעוויזען פיעל רחמנות צו די אונגליקליכע און אַ טייל פון זיי פערזאָרגט מיט לעבענסמיטלען, אַ טייל פון זיי אויסגעקויפט פון קנעכטשאַפט. נישט זייענדיג אַליין רייך, האָבען זיי פערקויפט די כלי־קודש פון די שוהלען, אום אויסצוקויפען די אידען פון קנעכטשאַפט און העלפען זיי אין דער נויט. פערסישע סוחרים, וועלכע זענען דאַמאָלס גראָד געווען אויף די אינזלען, האָבען דערזעהען פאַר זיך אַ גוטען מסחר: זיי האָבען אָנגעקויפט פיעל אידען פאַר שקלאַפען, מיט דער האָפנונג, אַז די אידען אין פערסיען וועלען זיי אויסקויפען ביי זיי פאַר פיעל געלד. — דער פאָרשטעהער פון די אידען אויף דער אינזעל קאַנדיאַ, רבי אלקנה קפסאלי, האָט אין יענער צייט זעהר פיעל מיה אָנגעווענדעט צו זאַמלען געלד פאַר די אָנגעקומענע שפּאַנישע אידען און שטיצען זיי.

גליקליכער פאַר אַלע זענען געווען יענע שפּאַנישע אידען, וועלכע האָבען זיך געקאָנט דערשלאָגען צו די ברעגען פון טערקיי. דער דאַמאָלסדיגער סולטאַן, באַיאַזעט II, האָט זיך אַרויסגעוויזען נישט בלויז אַלס דער מענשליכסטער און בעסטער מאָנאַרך, נור אַלס אַ קלוגער און ווייט בליקענדער מאַן. ער האָט פערשטאַנען בעסער פון אַלע קאַטוילישע מלכים אָבצושעצען דעם גרויסען אוצר, וואָס עס האָבען מיט זיך געפיהרט די שפּאַנישע אידען, אין זייער מח, און ער האָט געוואָלט אָט דעם אוצר פון ענערגיע, פערשטאַנד און פעהיגקייט אויסנוצען לטובת זיין מלוכה אין אייראָפּאַ. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל פאַר אַלע זיינע פּראָווינצען אין אייראָפּאַ, אַז מען זאָל אויפנעהמען די גערודפ'טע און געפּלאָגטע אידען אויפ'ן פריינדליכסטען אופן און בעשטימט אַ טויט־שטראָף פאַר די, וואָס וועלען זיי רודף זיין. דער רב־הכולל, רבי משה קפסאלי, האָט געאַרבייט אָהן אויפהער, אַרויסצוהעלפען פון עלענד און דחקות די שפּאַנישע אידען, וועלכע האָבען זיך דערשלעפּט קיין טערקיי אָדער אַלס בעטלער, אָדער אַלס פערקויפטע שקלאַפען. ער איז אַרומגעפאָהרען פון קהלה צו קהלה און אַרויפגעלעגט איבעראַל אַנ'אָבצאָהל אויף די אידען פאַר „פדיון שבוים“. אזוי אַרום האָבען זיך בעזעצט טויזענדער שפּאַנישע אידען אין טערקיי, וואו זיי האָבען באַלד אָנגעהויבען שפּיעלען אַ בעדייטענדע ראָליע.

תחלת האָט עס אויסגעוויזען, אַז די בעסטע אויסזיכטען אויף אַ גוט לעבען האָבען די, וואָס האָבען אויסגעוואַנדערט קיין פּאָרטוגאַל. פיעל אידען זענען געגאַנגען קיין פּאָרטוגאַל, וואָס איז האַרט ביי שפּאַניען, וויל זיי האָבען געהאָפט, אַז אָט־אָט וועט פערדינאַנד איינזעהן, וואָס פאַר אַ

שגעון ער האט אבגעטהון, ארויסטרייבענדיג די אידען פון זיין לאנד, וואו זיי זענען אזוי נויטיג. זיי זענען כמעט ווי זיכער געווען, אז נאכדעם ווי די ערשטע פערבלענדעניש וועט פאריבער ווערען פערדינאנד און איזאבעלא זיי ערלויבען צוריק אריינצוקומען אין לאנד. אין ערגסטען פאל — האבען זיי געטראכט — ווערען זיי זיך אין פארטוגאל קאנען רוהיג ארומזעהען, וואוהין צו ווענדען זיך און צו בעשטעלען גוטע שיפען, וואס זאלען זיי ברענגען זיכער קיין אפריקא, אדער איטאליען. ווען זייערע שלוחים מיט'ן אלטען רב ר ב י י צ ח ק א ב ו ה ב בראש האבען זיך פארגעשטעלט פאר'ן קעניג פון פארטוגאל, האט ער איינגעשטימט צו נעהמען ביי זיי געלד און ערלויבען זיי אבצושטעלען זיך אויף א קורצער צייט אין זיין לאנד. איינינע פון זיינע שרים האבען זיך ארויסגעזאגט לטובת די אידען, צי צוליעב רחמנות, אדער ווייל זיי האבען געוואלט "הנפענען דעם קעניג און טהון זיין ווילען; אנדערע אבער האבען זיך ארויסגעזאגט ענערגיש געגען דעם, אז מען זאל די אידען אריינלאזען אפילו אויף א קורצע צייט. דער קעניג האט אבער איינגעשטימט אויפ'ן אידישען פארשלאג, ווייל ער האט נויטיג געברויכט צו האבען זייער געלד אויף צו קאנען ווייטער פיהרען זיין מלחמה אין אפריקא. תחלת איז געווען א רייד וועגען דעם, אז די געקומענע שפאנישע אידען זאלען זיך בעזעצען אין פארטוגאל אויף לאנג, אבער די אידען פון פארטוגאל האבען געהאלטען אזא זאך פאר געפעהרליך, ווייל דאס לאנד איז קליין, און די קהלות ארעם, האט מען מורא געהאט, אז די שנאה צו אידען וועט זיך פערשטארקען צוליעב דער נייער איינוואנדערונג, און אויסערדעם וועלען די איינגעוואנדערטע ארעמע אידען זיך לעגען פאר א משא אויף די קהלות, וועלכע וועלען זיי נישט קאנען אויסהאלטען. די פארשטעהער פון די אידישע קהלות אין פארטוגאל האבען דעריבער איינגעארדענט א פערזאמלונג, כדי צו בעטראכטען די שווערע פראגע, און עס האבען זיך שוין געלאזט הערען שטימען, אז מען זאל זיך משתדל זיין ביים קעניג, דאס ער זאל נישט ערלויבען די שפאנישע אידען צו בעזעצען זיך אין לאנד. דער אלטער שר ד א ן י ו ס ף א ב ן י ח י י א האט אפילו שטארק מתרעם געווען אויף דער דאזיגער שלעכטסקייט, וואס מען האט געוואלט ארויסווייזען ד' אייגענע ברידער אין אונגליק; אבער מען האט איהם נישט געהערט. עס איז דעריבער נישט געווען מעהר קיין רייד וועגען א שטענדיגען בעזעצען זיך אין פארטוגאל, נור וועגען אנ'ערלויבניש, צו פערבלייבען דארט געצעהלטע חדשים, ביז מען וועט זיך קאנען לאזען אין ווייטען וועג אריין. די בעדינגונגען, וואס פארטוגאל האט געשטעלט די שפאנישע אידען, זענען געווען פאלגענדע: יעדער אנגעקומענער איד, רייך צי ארעם, אויסער זויגעדיגע קינדער, האבען געדארפט איינצאהלען פאר'ן אריינקומען אין לאנד אכט גאלדקרוזארים; נור בעלי־מלאכה, מעטאל־ארבייטער און וואפען־שמידען, וואס האבען זיך געוואלט בעזעצען אויף שטענדיג אין לאנד — בלויז די העלפט

דערפון. די איבריגע אידען האָבען געדאַרפט פערבלייבען אין לאַנד נור אַכט חדשים. דערפאַר האָט דער קעניג גענומען אויף זיך צו שאַפען פאַר זיי שיפען, אַז זיי זאָלען קאָנען פאָהרען ווייטער צו ביליגע פרייזען. יענע שפּאַנישע אידען, וועלכע וועלען בלייבען אין לאַנד לענגער, אָדער זיי וועלען נישט קאָנען בעצאָהלען די דערמאָהנטע סומע, קאָן דער קעניג לאָזען פערקויפען פאַר שקלאַפען.

אָננעהמענדיג די דאָזיגע בעדינגונגען, זענען אַריינגעקומען אין פּאָר-טוגאַל זעהר פיעל שפּאַנישע אידען. מען האָט געשאַצט זייער צאָהל ביז פינף און צוואַנציג טויזענד נפשות. דער קעניג האָט אָנגעוויזען די אַריינגעקומענע אידען בעזונדערע שטעדט, ווייל זיי האָבען זיך גע-דאַרפט בעזעצען, צאָהלענדיג, נאַטירליך, בעזונדער די אָרטיגע שטאָדט-פערוואַלטונגען.

ווי קליין עס איז געווען די צאָהל פון די פּאָרטוגעזישע אידען, האָ-בען פיעל פון זיי זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע גרויסע קענטעניסען, און, האָטש דער קעניג איז בכלל געווען אַ שונא ישראל, האָט ער פונ-דעסטוועגען אויסגענוצט די אידישע וויסענשאַפט, ווען ער האָט זי גע-ברויכט. דאָקטוירים פלעגט ער שטענדיג געברויכען נור אידישע. דעם גרעסטען נוצען האָט ער אָבער געהאַט פון די אידישע מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָמען. פּאָרטוגאַל האָט אין יענער צייט איבערגעלעבט זעהר אַ פיבעראהפטע בעוועגונג צו ענטדעקען נייע לענדער און קומען מיט זיי אין האַנדעלס-בעציהונגען. און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די מאַטע-מאַטיקער און אַסטראָנאָמען, וועלכע מען האָט פריהער געהאַלטען פאַר לעדיג-געהער, וואָס זענען זיך עוסק אין אַ אוננוצליכער וויסענשאַפט, זענען געוואָרען גראָד די נויטיגסטע און וויכטיגסטע מענשען, ווייל כדי צו קאָנען מאַכען ווייטע נסיעות אויף די אונבעקאַנטע ימים, האָט מען געמוזט האָבען גוטע אַסטראָנאָמישע לוחות און מפּות, דען נור נאָך די שטערען האָט מען געוואוסט דעם וועג אויפ'ן ים און געקאָנט בעשטימען, וואו מען געפינט זיך. און אָט דער מין „לעדיג-געהער", מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָמען, זענען דאַמאָלס געווען אין שפּאַניען, ווי אויך אין פּאָר-טוגאַל, על פי רוב, נור אידען. די פּאָרטוגיעזען האָבען דאַמאָלס געהאַל-טען אין איין טראַכטען צו ענטדעקען דעם וועג קיין אינדיען איבער'ן ים. אינדיען איז געווען דאָס וואונדערלאַנד פון גאָלד און טייערע בשמים, פאַר וועלכע מען פלעגט אין אייראָפּאַ דאַמאָלס צאָהלען אַזוי טייער, ווי פאַר גאָלד. דער מסחר מיט אינדיען איז אָבער געגאַנגען איבער'ן מיטעללענדי-שען ים, צו די ברעגען פון מצרים און ארץ ישראל, פון דאָרט ווידער מיט די קעמלען דורך די מדבריות פון מעסאָפּאָטאַמיען און פּערסיען, וואו די סוחרים זענען שטענדיג געשטאַנען אין סכנה מצד די ווילדע חיות און רויבער. דער מיטעללענדישער ים ווידער האָט דאַמאָלס נישט געהערט נישט צו פּאָרטוגאַל, נור צו איטאַליען, און דער מסחר מיט אינדיען איז

דעריבער געגאנגען מייסטענס נור אויף די שיפען פון ווענעדיג און גענוא. די דאזיגע שטעדט זענען דעריבער דאמאלס זעהר רייך געווארען און געשפיעלט די ערשטע ראליע אינ'ם וועלט-האנדעל. אט די ראליע האט דורכאוים געוואלט פערנעהמען אויך פארטוגאל, אבער דערצו האט מען ערשט געדארפט ענטדעקען א נייעם וועג קיין אינדיען, אזוי אז מען זאל קאנען קומען אהין איבער'ן ים, אויסמיידענדיג דעם וויטען וועג פון די מדבריות און דעם מיטעללענדישען ים מיט דער איטאליענישער קאנקורענץ און גריכישע פיראטען. כדי צו קאנען ענטדעקען דעם וועג קיין אינדיען מיט'ן ים, האט מען זיך געדארפט לאזען פאהרען ארום אפריקא, דערביי אבער איז נויטיג געווען אבצוזאגען זיך פון דער רייזע הארט ביי די ברעגען, ווי ביז דאמאלס, ווייל אזא רייזע האט געדויערט זעהר לאנג און איז געווען פערבונדען מיט פיעל געפאהרען. מען האט זיך געמוזט לאזען ארויסגעהן אויפ'ן אפענעם ים, אבער דארט זענען די שיפסלייט געשטאנען אין סכנה צו פערבלאנדזשען זיך און נישט צו וויסען, ווי צו געהן פארווערטס צום ציעל, אדער אפילו אויך צו קומען צוריק א היים. נור די אסטראנאמישע לוחות און מפות, ווי אויך גוטע אסטראנאמישע בעאבאכטער און רעכענונגס-מייסטערס האבען דא געקאנט העלפען אין דער נויט. און דערויף זענען געווען מייסטערס דוקא די שפאנישע אידען. א שפאנישער חזן פון טאלעדא יצחק (צאג) אבן סעיד, האט נאך אין דרייצעהנטען יאהרהונדערט צוזאמענגעשטעלט גוטע שטערן-לוחות, וועלכע מען רופט געוואוינליך „די לוחות פון קעניג אלפאנז“.

און אט, ווען דער קעניג פון פארטוגאל, דאן יואן II, האט געוואלט שיקען שיפען אויפ'ן אטלאנטישען אקעאן, כדי ארומצוגעהן אפריקא און ענטדעקען דעם וועג קיין אינדיען, האט ער איינגעארדענט א מין קאנגרעס פון אסטראנאמען, וועלכע האבען געדארפט אויסארבייטען לוחות און מפות, וואס זאלען דינען פאר גוטע וועג-וויזער פאר די שיפס-קאפיטאנען. אינם דאזיגען קאנגרעס האבען, נעבען דעם בעריהמטען דייטשען אסטראנאם, מארטין פון בעהאים, און דעם קריסטליכען לייב-דאקטאר פון קעניג, ראדריגא, זיך געפונען אויך צוויי אידישע אסטראנאמען: א געוויסער משה און דער אידישער קעניגליכער לייב-דאקטאר יוסף דע וויזען, אדער וועצינהא (lozé de Visen vel Vecinho) דער לעצטער האט צוזאמענגעשטעלט אסטראנאמישע לוחות און מפות, אויסנוצענדיג דעם אייביגען אסטראנאמישען לוח פונ'ם אידישען בעוואוסטען כראניקער רבי אברהם זכות (Zacuto) וועלכער האט עס פריהער געהאט צוזאמענגעשטעלט פאר א בישאף פון סאלאמאנקא און איהם עס געווידמעט. יוסף וועצינהא האט אויך צוזאמען מיט קריסטליכע פאכמענער אויסגעבעסערט דאס נויטישע אסטראלאביום, דאס הייסט: דעם אינסטרומענט, וועלכען מען בענוצט אויפ'ן ים, כדי צו מעסטען די הויך פון די שטערען; אהן דאזיגען אינסטרומענט וואלט מען כלל נישט

געקאַנט וויסען, וואו דאָס שיף געפינט זיך. אַ דאַנק אָט דער וויסענשאַפט-
ליכער אַרבייט פון אַ אידישען געלעהרטען, האָט וואַסקאָ דע גאַמאַ
ערשט בעקומען די מעגליכקייט צו מאַכען זיין רייזע אַרום אַפריקא,
ענטדעקען דעם „קאַפּ פון דער גוטער האָפנונג" און ענדליך אויך
דעם וועג צו אינדיען איבער'ן אינדישען ים. אויך די געאָגראַפישע ווי-
סענשאַפט און פעהיגקייט פון צוויי אידען האָט אויסגענוצט דער קעניג
פון פּאָרטוגאַל, דאָן יואַן; דאָס זענען געווען רבי אברהם דע בייה
און רבי יוסף צאַפּאַטיראָ דע לאַמענאָ, וועלכע דער קעניג האָט
געשיקט קיין אַזיען, כדי צו ברענגען איהם ידיעות וועגען דעם פאַנטאַס-
טישען לאַנד פון'ם גלח יאָהאַן.

אָבער אויב דער קעניג פון פּאָרטוגאַל האָט פערשטאַנען אויסצונו-
צען פאַר זיך די געלעהרטע אידען, האָט ער דאָך נישט געהאַט גענוג
מענשליכקייט אין זיך צו האָבען אויך רחמנות אויפ'ן עלענדען אידישען
פאָלק, וועלכען מען האָט מיט אַזאַ אונערהערטע אכזריות פערטריבען פון
שפּאַניען. אינ'ם זעלבען יאָהר, ווען ער האָט די נור וואָס דערמאָהנטע
צוויי אידען אַרויסגעשיקט קיין אַזיען צו ברענגען איהם פון דאָרט געאָ-
גראַפישע ידיעות, האָט ער לויט'ן פּאָרשלאַג פון פּויפּסט אינאָצענץ VIII
בעשטימט אַ אינקוויזיציאָנס-קאָמיסיע געגען די אנוסים, וועלכע זענען
אַנטלאָפען פון שפּאַניען קיין פּאָרטוגאַל, און האָט געלאָזט פערמשפּט'ן,
ווי פערדינאַנד און איזאַבעלא, צום פייער-טויט אָדער צו אייביגער תפיסה
יענע אנוסים, וועלכע האָבען נוטה געווען צום יודענטום. ווען אייניגע
אַנוסים האָבען אויסגעוואַנדערט אין זיינע פּראָווינצען אין אפריקא און דאָרט
זענען זיי עפענטליך איבערגעגאַנגען צוריק צום יודענטום, האָט דער קע-
ניג יואַן אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז די געשמדטע אידען, דאָס הייסט, די
אַנוסים זאָלען פערלאָזען פּאָרטוגאַל מיט'ן ים, און ווער עס וועט עובר זיין
אויפ'ן בעפעהל, וועט ער בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט און זיין פערמע-
גען וועט קאָנפיסקירט ווערען. — און אָט פון אַזאַ האַרצלאָזען טיראַן איז
עס אָבגעהאָנגען דאָס לעבען פון הונדערט טויזענדע אידישע פערטריבענע
פון שפּאַניען.

ווי צו פערגרעסערען זייער אונגליק האָט זיך גלייך נאָך זייער אָנקומען
אין לאַנד אָנגעהויבען אַ שרעקליכע מגפה און די בעפעלקערונג האָט בע-
שולדיגט די איינגעוואַנדערטע אידען, דאָס זיי האָבען עס פערשלעפּט די
מגפה אין לאַנד, און געקלאָגט זיך אויפ'ן קעניג, אַז ער האָט אַריינגעבראַכט
אין לאַנד די פערשאָלטענע אידען, וואָס שלעפּען מיט זיך די מגפה. דער
קעניג האָט דעריבער זיך שטרענג געהאַלטען ביי דער בעדינגונג, אַז פּונקט
צום בעשטימטען טערמין מוזען די אידען פערלאָזען דאָס לאַנד. תחלת
האָט ער זיי צוגעשטעלט שיפען צו ביליגע רייזע-פּרייזען און בעפוילען די
שיפסקאַפּיטאַנען צו בעגעהן זיך מיט זיי מענשליך און אָבפיהרען זיי אין
יענע לענדער, וועלכע זיי וועלען זיך אויסקלייבען. אָבער די שיפסלייט האָ-

בען, באלד ווי זיי זענען ארויסגעגאנגען אויפ'ן ים, אנגעהויבען אנצוטהון די אידען מורא'דיגע יסורים. זיי האבען געפאדערט פון די אונגליקליכע פיעל גרעסערע פרייזען ווי זיי זענען פריהער מושוה געווארען, און די אידען האבען געמוזט זייער פאדערונג ערפילען; זיי האבען אויך זיך ארומגעשלעפט לאנגזאם מיט זיי אויפ'ן ים, ביז ביי די רייזענדע האט זיך געענדיגט זייער ברויט און וואסער, דאן האבען זיי אנגעהויבען פאדערן מורא'דיגע סומעס געלד פאר ברויט און וואסער און די אונגליקליכע האבען געמוזט זיי אבגעבען זייערע קליידער פון לייב פאר א שטיקעל ברויט, אזוי אז אויף די ברעגען פון די פרעמדע לענדער זענען זיי ארויפגעקומען מוטער־נאקעט. פרויען און מיידלעך האט מען געשענדעט פאר די אויגען פון זייערע מענער און עלטערן. אפט האבען די אונמענשען ארויסגעזעצט די אונגליקליכע ערגיץ וואו אויף א ווּיסטען ברעג ים, איבערלאזענדיג זיי דארט אויסצוגעהען פון הונגער, אויפגעפרעסען צו ווערען פון די רויב־חיות, אדער אריינצופאלען פאר שקלאפען צו די בארבארישע מוירען

די ענוים, וואס עס זענען אויסגעשטאנען אויף די שיפען די שפאנישע אידען, וועלכע זענען אבגעפאהרען פון פארטוגאל, שילדערט איינער פון די אנטייל נעהמער פון דער דאזיגער שרעקליכער רייזע, דער בעל מקובל רבי יהודה בן יעקב חייט אין פאלגענדע ווערטער:

„מיר זענען אבגעפאהרען, איך מיט מיין הויזגעזונד, צוזאמען מיט נאך צוויי הונדערט און פופציג אידען־ברידער אין מיטען ווינטער רנ"ג (יאנואר 1493) פון ליסאבאן, און דער רבונו של עולם האט אונז בעשטראפט מיט א מגפה... צוליעב דעם האט מען אונז נישט געוואלט ארויפלאזען אויף קיין שום האפען (ברעג ים); האבען מיר ארומגעבלאנדזשעט פיער חדשים לאנג — א שפיעלעכ'ל פאר די כוואליעס פון ים, שפייזענדיג זיך מיט קארג ברויט און וואסער. לסוף האט אונז אנגעיאגט א ביסקאישע שיף פון פיראטען (ים־רויבער), וועלכע האבען אונז בערויבט, גענומען געפאנגען און געבראכט צו שלעפען אין שפאנישען האפען מאלאגא. אויפ'ן ברעג האט מען אונז ניט געלאזט ארויפגעהן, ווייל מיר זענען אידען, אבפאהרען ווייטער האט מען אונז אבער אויך נישט געלאזט. טאג־טעגליך פלעגען קומען צו אונז אויפ'ן שיף גלחים, לויט'ן בעפעהל פון בישאף און טענה'ן מיט אונז: „שמד'ט זיך, שמד'ט זיך אב!" מיר אבער האבען זיך געהאלטען פעסט, געטריי אונזער גאט. דאן האט דער בישאף פערבאטען מיט א חרם, אז מען זאל אונז נישט געבען קיין שום עסענוואַרג, אפילו נישט קיין וואסער צו טרינקען. פינף טעג האט אונזער הונגער געדויערט און אין די דאזיגע טעג פלעגען צו אונז קומען די ריכטער פון שטאדט מיט איהרע גדולים און גלחים און טענה'ן מיט אונז: „וויפיעל א שיעור! שמד'ט זיך און לעבט!" — האבען אין איין טאג זיך געלאזט אבשמד'ן קרוב הונדערט נפשות, נישט קענענדיג ביישטעהען דעם נסיון פון

הונגער. מיר איבריגע האָבען אָבער בעשלאָסען: ניין, בעסער דער טויט פון גאָט ברוך הוא, פון זיין אייגענער האַנד, יתברך. און דאַן איז ביי מיר אויסגעגאַנגען מיין ליעבע און זיסע פרוי פון דורשט און הונגער. און אויך בהורים און מיידלעך, יונג און אַלט, קרוב פופציג נפשות זענען, ווי די ליכט אויסגעגאַנגען פון הונגער און דורשט.. איך בין שוין אויך געווען אַ טריט נאָהענט פון טויט. אין מיין גרויסען עלענד האָב איך צו גאָט געטהון בעטען און ער האָט מיר הילף געשיקט. דער בישאָף האָט זיך מיט אונז אָבגעמאַטערט גאַנצע צוויי חדשים, לסוף האָט ער זיך פון אונז מייאש געווען, גענעבען אונז אַלץ, וואָס מיר האָבען געברויכט און געלאָזט פריי, צו געהן ווייטער.

פון דאָרט זענען מיר געקומען קיין בערבעריע (פעז), וואו עס האָט געוואוינט אַ ווילד שלעכט פאָלק. אין קיין שטאָדט האָט מען אונז נישט געלאָזען אַריינשטייגען, ווייל מען האָט מורא געהאַט אַז מיר זאָלען נישט אַריינשלעפען די מגפה מיט זיך. מיר האָבען דעריבער געמוזט ליגען אונטער'ן שטאָדט און שפייזען זיך מיט גראָז, ווי די בהמות פון פעלד. אָבער דאָרט האָט מיך דערזעהען אַ בעקאַנטער אַראַבער און געמסרט אויף מיר, אַז זייענדיג אין שפאַניען, וואו איך האָב געהאַלטען אַ ישיבה, האָב איך געהייסען די אידען מאַכען פון האָלץ אַ בילד פון זייער נביא מחמד און ...לעפען איהם איבער די גאַסען, דאַן האָט מען מיך געשלאָגען מכות רצח און אַריינגעוואָרפען מוטער-נאַקעט אין תפיסה, אונטער דער ערד אין אַ גרוב, וואו עס זענען אַרומגעקראָכען אַלערליי עקעלהאַפטע ווערים. לסוף האָט מען מיך פערמשפט צו פערשטיינען, צוזאָגענדיג דערביי, אַז אויב איך וועל אָננעהמען זייער אמונה, וועלען זיי מיך מאַכען פאַר אַ שר און אַ קצין. פערציג טעג האָבען זיי מיך אַזוי אָבגעפייניגט אין הונגער און דורשט, ביז די אידען האָבען זיך דערוועקט מיך אויסצוקויפען. פון דאָרט בין איך געקומען קיין פעז, וואו איך פלעג יעדען טאָג שטעהן און דריעהען דעם מיהל און מאַהלען מעהל ביי אַן אַראַבער, בעקומענדיג דערפאַר אַ ברעקעלע ברויט, וואָס אפילו אַ הונט וואָלט עס נישט געוואָלט נעהמען אין מויל. שלאָפען פלעגען מיר ערגיץ וואו אונטער מיסט, אויסגראָבענדיג פאַר זיך אַ גרוב און בעהאַלטענדיג זיך דאָרט, ערשט שפּעטער האָב איך זוכה געווען צו קומען קיין וועגעדיג אָנגעטהון ווי אַ בעטלער און ווען די ספרדישע אידען האָבען מיך דערזעהען, האָבען זיי זיך צוּוויינט"...

ווי וויט די מערדערישע שיפס-לייט האָבען זיך בעמיהט נישט צו דערלאָזען' מען זאָל זיך דערוויסען וועגען זייער שרעקליכע בעהאַנדלונג, האָט מען זיך צופעליג דאָך דערפון דערוואוסט, און די איבערגעבליבענע אידען אין פּאָרטוגאַל האָבען דאָרום מורא געהאַט צו מאַכען זייער רייזע, אָבלעגענדיג פון טאָג צו טאָג אין דער האָפנונג, אַז דער קעניג פון פּאָרטו-

גאַל וועט זיך סוף כל סוף דערבאַרמען און איבערלאָזען זיי בײ זיך אין לאַנד. דאָן יואַן איז אָבער געווען גאַנץ ווייט פון רחמנות. ער האָט געזאָגט, אַז עס זענען אַריינגעקומען אין פּאָרטוגאַל מעהר אידען, ווי ער האָט געהאַט אָבגערעדט, און האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל פּינקטליך ערפילען דעם אָבמאַך. יענע אידען, וועלכע זענען געבליבען אין פּאָרטוגאַל נאָך די בעשטימטע אַכט חדשים, האָט ער געלאָזט פערקויפען פאַר שקלאַפען, אָדער ער האָט זיי צושאָנקען זיינע פּריצים (1493).

דער קעניג יואַן איז אָבער געגאַנגען נאָך ווייטער אין זיין אכזריות געגען די אונגליקליכע שפּאַנישע אידען. ביי די אידען, וועלכע ער האָט פאַר שקלאַפען געמאַכט, האָט ער די קינדער פון 3 ביז 10 יאָהר אַלט צוגענומען, כדי אָבצושיקען זיי אויף די ניי-ענטדעקטע אינזעלן סאַן טאָמאָס איבער די שלאַנגען-אינזעלן און דאָרט צו לאָזען זיי ערציהען אין קריסטענטום. נישט דער ביטערער יאָמער-געשריי פון די מוטערס, ביי וועלכע מען האָט די קינדער פון די אָרעמס אַרויסגעריסען, נישט דאָס געוויין פון די קינדערלעך האָבען געווירקט אויפ'ן אכזר מבטל צו מאַכען זיין בעפעהל. די מוטערס האָבען געוויינט און געבעטען רחמים, אַז מען זאָל זיי פערשיקען צוזאַמען מיט זייערע קינדערלעך. איין מוטער, ביי וועלכע די פּאָליציאַנטען האָבען צוגענומען זיבען קינדער, האָט זיך געוואָרפען דעם קעניג צו די פיס, ווען ער איז אַרויסגעקומען פון קירכע, בעטענדיג, אַז מען זאָל איהר, לפחות, איבערלאָזען דעם אינגסטען. דער קעניג יואַן האָט געהייסען זי אָבשלעפּען און לאָזען איהר „וואָיען ווי אַ צויג, ביי וועלכער מען האָט די הינטלעך צוגענומען" אַ טייל מוטערס זענען אַריינגעשפּרונגען מיט זייערע קינדער אין ים, כדי צוזאַמען מיט זיי אומצוקומען. — די אינזעלן סאַן טהאָמאָס, וואוהין מען האָט די קליינע קינדער אַוועקגעשלעפּט, זענען געווען פיל מיט גיפטיגע שלאַנגען און עקדישען, און געוואוינט האָבען דאָרט פערברעכער, וועלכע מען פלעגט אַהין פערשיקען. די אידישע קינדער זענען על פי רוב אומגעקומען אויפ'ן וועג אָדער די ווילדע חיות האָבען זיי אויפגעפרעסען אויפ'ן אָרט. פון די, וועלכע האָבען איבערגעלעבט אַלע יסורים און זענען אויסגעוואַקסען, האָבען חתונה געהאַט ברידער מיט שוועסטער, נישט קענענדיג איינער דעם אַנדערן. מען זאָגט, אַז אין דער שרעקליכער אונמענשליכקייט פון קעניג איז שולדיג געווען זיין מרה-שחורה, וואָס איז אויף איהם אָנגעפאַלען, זינט דער טויט האָט ביי איהם זיין בן-יחיד צוגענומען.

נאָכדעם ווי דאָן יואַן איז געשטאָרבען (אָקטאָבער 1495), איז קעניג געוואָרען זיין ברודערס זוהן מ אַ נ ו ע ל, וועלכער האָט געשיינט צו זיין אין אַלץ דער היפך פון איהם. ער איז געווען פריינדליך, מילד און אַ ליעבהאָבער פון די וויסענשאַפטען. מען האָט אַלזאָ געקאָנט האָפען, אַז פאַר די אידען פון פּאָרטוגאַל און דעם רעשט פון די שפּאַנישע אידען איז ענדליך אויפגעגאַנגען די זון. נאָך אַלס קרוין-פּרינץ האָט ער שוין נישט געקאָנט ליידען

די אכזריות, מיט וועלכער דאָן יואַן איז זיך בעגאַנגען מיט די שפּאַנישע אידען, און ער האָט איצט דעריבער געשאָנקען צוריק די פרייהייט אַלע געמאַכטע שקלאַפען פון די שפּאַנישע אידען. דאָס געלד, וועלכעס די אידען האָבען איהם דערפאַר געבראַכט אַ מתנה האָט ער נישט געוואָלט אָננעהמען. ווי מען דערצעהלט האָט ער געהאָפט צו ברענגען די אידען צום שמד דורך זיינע חסדים, גוטסקייט, וואָס ער וועט זיי אַרויסווייזען. דעם אידישען מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם, ר ב י א ב ר ה ם ז כ ו ת (Zacuto) וועלכער איז געקומען קיין פּאָרטוגאַל פון צפון-שפּאַניען און איז דאָרט פערבליבען, האָט ער איינגעלאַדען צו זיך אין ליסאַבאָן און בעשטימט פאַר אַ הויף-אַסטראָלאָג. רבי אַברהם זכות האָט אין שפּאַניען געלערנט זיין פאַך־ ווּיסענשאַפט אויך מיט קריסטען און, חאָטש אַלס זוהן פון זיין צייט, איז ער געווען זעהר בעגרענצט אין זיין וועלט-אַנשויאונג און אַבערגלויביש, האָט ער פערפאַסט זעהר גוטע ביכער אין אַסטראָנאָמיע, לויט זיין צייט. און, אויסער זיינע אַסטראָנאָמישע לוחות, האָט ער אויך געמאַכט אַ אינסטרומענט פון מעטאַל צו מעסטען די הויך פון די שטערן, אַנשטאָט דעם פריהערדיגען, וועלכער איז געווען פון האָלץ. — אונטער דעם קעניג דאָן מאַנועל, ווען פּאָרטוגאַל האָט בעקומען נייע קאָלאָניעס אין אינדיען און אַמעריקאַ, האָבען די אידען געקאָנט עטוואָס אויפאָטעמען. די פאַנאַטישע מאָנאַכען האָט ער נישט ערלויבט צו האַלטען זייערע דרשות געגען די אידען.

אָבער נור זעהר אַ קורצע צייט האָט געדויערט די גליקליכע צייט פאַר די אידען, די פינסטערע גלחים פון שפּאַנישען הויף האָבען די קורצע ליכטשטראַהלען צויאָגט, און עס האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען אימה'דיגע צייטען. ווי נור דער יונגער קעניג איז אַרויפגעשטיגען אויפ'ן טראָהן, האָט דאָס פאַנאַטישע קעניגליכע פּאָר פון שפּאַניען אויפגעטהון אַ פּלאַן צו טהון מיט איהם אַ שידוך מיט זייער טאָכטער, כדי דאַדורך צו האָבען אין איהם אַ פריינד און פערבונדעטען אַנשטאָט אַ פיינד און אַ געגנער. פערדינאַנד האָט איהם לכתחלה פאָרגעלעגט אַ שידוך מיט זיין יונגערע טאָכטער י אָ ה אַ נ א, וועלכע איז שפּעטער בעריהמט געוואָרען דורך איהר פאַנאַטיזם און ווילדער אויפפיהרונג. מאַנועל האָט אָבער פערלאַנגט פאַר אַ כלה די עלטערע איזאַבעלאַ *II*, וועלכע איז פריהער געווען פערהייראַטעט מיט יואַנ'ס זוהן און געבליבען אַנ'אַלמנה נאָך זיין טויט. איזאַבעלא האָט אפילו כלל נישט געוואָלט חתונה האָבען אַ צווייטען מאָל, אָבער איהר ודוי-פאָטער (דער גלח) האָט איהר ערקלערט, אַז דורך דעם שידוך וועט זי דערהויבען דעם קריסטליכען גלויבען. דער שפּאַנישער הויף איז נעמליך שטאַרק אונצופרידען געווען דערמיט, וואָס דער קעניג פון פּאָרטוגאַל האָט אויפגענומען די אידישע און מחמדאַנישע אַנוסים, און מען האָט געהאָפט, אַז נאָך דער חתונה מיט דער שפּאַנישער פּרינצעסין, וועט מאַנועל ווערען אַנדערש. פערדינאַנד האָט דעריבער איינגעשטימט צו געבען איהם זיין טאָכטער

איזאבעלא פאר א ווייב, נור מיט דער בעדינגונג, אז פארטוגאל זאל געהן מיט שפאניען צוזאמען מלחמה האלטען מיטן פראנצויזישען קעניג קארל VII, און אז מען זאל פון פארטוגאל ארויסטרייבען אלע אידען, סיי די שפאנישע, סיי די אלט־פארטוגיעזישע. ביידע בעדינגונגען זענען נישט גע־פעלען געווארען דעם יונגען קעניג פון פארטוגאל: מיט פראנקרייך איז ער געשטאנען אין גוטע בעציהונגען און פון די אידען האט ער געהאט פיעל נוצען, א דאנק זייער ריהרעוודיגקייט, זייער געלד און קענטנישען. ס'האט זיך דעריבער אין איהם אויפגעהויבען א שווערער קאמף צווישען געפיהל און געדאנקען. די אינטערעסען פון דער מלוכה, זיין עהרע, זיין מענשליכ־קייט האבען איהם געלערנט נישט צו פערשטויסען פון זיך די אידען; אבער די ליעבע צו דער שענער פרינצעסין, ווי אויך די האפנונג צו בעקומען נאך א מאל די שפאנישע קרוין — דאס האט מען געקאנט בעקומען נור דורך דעם אידישען אונגליק. געזיעגט האט דאס לעצטע. ווען דער קעניג איז ארויסגעקומען צו דער גרעניץ פון פארטוגאל, ערווארטענדיג זיין כלה, האט ער פון איהר ערהאלטען א בריעף, אז איהר פוס וועט פריהער נישט אריינטרעטען אין פארטוגאל, ביז דאס לאנד וועט נישט ריין ווערען פון דעם פאלק, „וואס טראגט אויף זיך גאטס קללה“.

די תנאים צווישען דעם קעניג פון פארטוגאל און דער שפאנישער פרינצעסין זענען דעריבער אונטערגעשריבען געווארען מיט'ן אידישען בלוט. דעם 30-טען נאוועמבער 1496 האט מען די תנאים אונטערגעשריבען און דעם 24-טען דעצעמבער האט דער קעניג ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אלע אידען און מוירען (מחמד'אנער) פון זיין מלוכה זאלען זיך אב'שמד'ן, אדער צו א בעשטימטען טערמין ארויסגעהן פון לאנד. די, וועלכע וועלען איבערבלייבען נאכ'ן טערמין, וועט מען בעשטראפען מיט'ן טויט. כדי צו בערוהיגען זיין יושר, האט דער קעניג געגעבען א טערמין פון צעהן חדשים פאר'ן גירוש, כדי די אונגליקליכע זאלען זיך קאנען צוגרייטען צום וועג; ער האט בעשטימט דריי האפענס, פון וועלכע זיי האבען געזאלט פריי ארויסגעהן: ליסאבאן, אפארטא און סעטובאל. אויסער דעם האט ער אבער מבטיח געווען די בעסטע שטעלעס, כבוד און עשירות יענע אידען, וועלכע וועלען זיך שמד'ן. געשמד'ט אבער האבען זיך זעהר נישט פיעל אידען אין דער ערשטער צייט.

אבער געראדע אט די פערלייכטערונג האט געבראכט די אידען דעם גרעסטען שאדען. דען ווייל די אידען האבען געהאט גענוג צייט צו מאכען די פארבערייטונגען צום אויסוואנדערן און עס איז זיי נישט געווען פער־באטען צו נעהמען מיט זיך גאלד און זילבער, האבען זיי געגלויבט, אז עס איז נישטא וואס צו איילען זיך און אבגעלעגט דערוויל די רייזע אין דער האפנונג, אז דער קעניג וועט אפשר איינגאנצען מבטל מאכען די גזרה. גע־האפט האבען זיי אויך אויף די פריינד, וואס זיי האבען געהאט אין קע־ניגליכען הויף, אז יענע וועלען זיך פאר זיי משתדל זיין. אויסער דעם זענען

די ווינטער=חדשים געווען זעהר אַנ'אונגינסטיגע צייט, צו לאָזען זיך אויף
דער רייזע מיט'ן ים. די צייט איז זיך געלאָפען, און דער קעניג האָט זיך
טאַקי אויך געענדערט, אָבער — — צום אידישען אונגליק. עס האָט איהם
נעמליך שטאַרק פערדראָסען, וואָס נור גאַנץ וועניג אידען האָבען זיך גע־
לאָזט אָב'שמד'ן. עס האָט איהם געקרענקט, וואָס אַזוי פיעל פעהיגע ביר־
גער פערלאָזען זיין לאַנד און, נאָך מעהר, וואָס זיי פיהרען אַרויס אַ גרויסע
עשירות מיט זיך. ער האָט דעריבער געזוכט אַ מיטעל, ווי אַזוי צו צווינ־
גען זיי צום שמד, כדי זיי זאָלען בלייבען אין לאַנד.

ער האָט געשטעלט אין מלוכה=ראַט די פראַגע, אויב מען קאָן צווינ־
גען די אידען זיך צו שמד'ן. די פּאָרטוגיעזישע גלחים האָבען זיך אין דער
הינזיכט גראָד אַרויסגעוויזען העכער פון די שפּאַנישע; „מען טאָר נישט
צווינגען אָנצונעהמען דאָס קריסטענטום!“ — איז געווען זייער ענטפער.
דער בישאָף פערנאַנדאָ קוטינהאָ פון אַלגאַרביען האָט אָנגע־
וויזען אויף פיעל פּויפּסטליכע בולעס, וועלכע האָבען בפירוש פערבאָטען
צו צווינגען די אידען צום שמד, ווייל דעם קריסטענטום קאָן מען אָננעה־
מען, בלויז דורך איבערצייגונג, אָבער נישט מיט גוואַלד. דעם קעניג איז
אָבער אַזאַ מיינונג נישט געפעלען געוואָרען, ווייל ער האָט דורכאויס גע־
וואָלט, אַז עס זאָלען פערבלייבען וואָס מעהר אידען אין לאַנד, און ער
האָט זיך בעסער צוגעהערט צו דער עצה פון אַ געוויסען משומד=להכעיס
לוי בן שם=טוב, מיט'ן קריסטליכען נאָמען אַנטאָניאָ, וועלכער האָט
נעהאַט אָנגעשריבען אַ גיפטיג בוך געגען יודענטום, האָט געלאָזט פער־
מאַכען אַלע שוהלען און בתי-מדרשים און פערבאָטען די אידען, צו פערזאַמ־
לען זיך שבת צו האַוונען בצבור. ווען דאָס דאָזיגע מיטעל האָט נישט גע־
הוירקט, ווייל די אידען פלעגען מאַכען מנינים אין פּריוואַטע הייזער,
חאָטש עס פלעגט זיי אויסקומען צו בעצאָהלען אַ גרויסע שטראָף, האָט
דער קעניג, ווידער לויט דער עצה פונ'ם משומד, אַרויסגעגעבען (אַפּריל
1497) אַ געהיימען בעפעהל, אַז דעם זונטאָג פון פּסחא זאָל מען אין גאַנץ
פּאָרטוגאַל צונעהמען ביי אַלע אידען זייערע קינדער יונגער פון פיערצעהנ־
טען יאָהר און אָב'שמד'ן זיי מיט גוואַלד — נישט אַכטענדיג אויפ'ן שטרענ־
גען סוד, וועלכען מען האָט אָבגעהיט ביים מאַכען די הכנות צו פערווירק־
ליכען די גזרה, האָבען דאָך איינציגע אידען זיך דערוואוסט דערפון און אויף
געשווינד צוגעגרייט זיך אַרויסצוגעהן פון לאַנד, ווען דער קעניג האָט זיך
דערפון דערוואוסט, האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל נישט
אָבוואַרטען ביז פּאַסחאַ. נור באַלד פערווירקליכען זיין גזרה, דאַן האָבען זיך
אָבגעשפּיעלט האַרצרייסענדע סצענעס אין גאַנץ פּאָרטוגאַל. די פּאָליציאַנ־
טען האָבען זיך אַריינגעריסען צו די אידען אין די הייזער צוצונעהמען די
קינדער. די עלטערן האָבען פעסטגעהאַלטען זייערע קינדער אין די אָרעמס
און נישט געוואָלט בשום אופן אָבגעבען זיי, די פּאָליציאַנטען האָבען זיי
גענומען מערדעריש שלאָגען מיט בייטשען און שטעקענס, זיי זאָלען אָב־

געבען זייערע קינדער. אין גרויסער פערצווייפלונג האָבען אייניגע דערשטיקט מיט די הענד זייערע קינדער, אַנדערע האָבען זיי אַריינגעוואָרפען אין ברונעמס, אָדער אין די טייכען, מאַכענדיג דערנאָך אַ סוף מיט'ן אייגענעם לעבען

„איך האָב עס געזעהען — דערצעהלט דער בישאָף קוטינהאָ — ווי מען האָט פיעל קינדער געשלעפּט פאַר די האָר צום שמד־בעקען; די קינדער האָבען געוויינט און געריסען זיך פון די הענד, די עלטערן האָבען מיט אַ פערהילטען פּנים געיאָמערט בעגלייטענדיג זייערע קינדער אין פאַר'ן אַלטאַר האָבען זיי פּראָטעסטירט געגען אַזאַ אונמענשליכען שמד דורך גוואַלד" — די דאַמאָלסדיגע אידען און קריסטען האָבען נאָך שפּעטער לאַנג געדענקט, אויף וואָס פאַר אַ שרעקליכען אופן דער קדוש רבי יצחק אבן צאכין האָט אומגעבראַכט זיך און זיינע קינדער, אַבי נישט צו זעהען, ווי אַזוי מען וועט זיי מיט געוואַלד אָב'שמד'ן. ס'האָבען זיך אַפּילו געפונען קריסטען, וואָס האָבען געוויינט, זעהענדיג דאָס עלענד פון די אידישע קינדער און זייערע עלטערן און, נישט אַכטענדיג אויפ'ן שטרענגען פערבאָט, האָבען אַנדערע פון זיי בעהאַלטען ביי זיך אידישע קינדער, כדי זיי צו ראַטעווען וועניגסטענס פאַר'ן מאָמענט פון די הענד פון דער פּאָליציי מיט די גלחים. אָבער דאָס האַרץ פונ'ם קעניג מאַנועל און זיין יונגער פרוי איזאַבעלאַ, האָט זיך וועניג וואָס געריהרט, הערענדיג די געשרייען. די גע'שמד'טע קינדער האָט מען געגעבען קריסטליכע נעמען און צושיקט אין פערשידענע שטעדט, צו ערציהען זיי דאָרט, אַלס קריסטען. געשמד'ט מיט גוואַלד האָט מען אָבער נישט בלויז קינדער נור אויך דערוואַקסענע, דען די פּאָליציאַנטען האָבען נישט אַזוי שטאַרק נאָכגעקוקט די יאָהרען און האָבען געשלעפּט בחורים און מיידלעך פון אַ יאָהר צוואַנציג אַלט.

משמעות, אַז פיעל אידען זענען דאַמאָלס צום קריסטענטום איבערגעגאַנגען, נישט קאָנענדיג שיידען זיך פון זייערע קינדער. פאַר'ן קעניג איז אָבער דאָס וועניג געווען, ווייל איהם האָט זיך געוואָלט דאָס אַלע אידען זאָלען זיך אָב'שמד'ן, כדי דאָס געלד און די פעהיגע בירגער זאָלען בלייבען אין לאַנד ער האָט דעריבער געזעהען פאַר זיך איין וועג: אַלע אידען מוזען זיך אויס'שמד'ן און פערבלייבען אין לאַנד — אַלס קריסטען. צו דעם צוועק האָט ער אויך זיין וואָרט געבראָכען און, ווען עס איז געקומען נעהנטער די צייט צום גירוש, האָט ער ערקלערט, אַז נור דורכ'ן פּאָרט פון ליסאַבאָן קאָנען די אידען אַרויסגעהען פון לאַנד. אַלע אידען האָבען דעריבער געמוזט זיך צוזאַמענקומען אין ליסאַבאָן, ווי מען זאָגט, צוואַנציג טויזענד נפשות, פון דאָרט אַרויסצופאָהרען. לויט אַ געהעריגען בעפעהל פון קעניג האָט מען זיין אָבער געמאַכט די פערשידענסטע שטערונגען, אַז זיי זאָלען צום טערמין נישט קאָנען אַרויספאָהרען. אַזוי אַרום איז געקומען דער לעצטער חודש אָקטאָבער, און די אידען זענען געבליבען פאַר דיזער שרעקליכער פראַגע: אָדער טויט, אָדער שמד? דער ווילד געוואָרענער קע־

ניג האָט דאַן געהייסען צונויפטרייבען די געבליבענע אידען ווי די בהמות
אין שטאַלען; די, וועלכע האָבען מיט'ן גוטען ווילען ערקלערט, אַז זיי
געהען צום שמד, האָבען געדאַרפט בלייבען ביי זייער פערמעגען און בעקו-
מען הויכע מלוכה-שטעלעס, דאַגעגען, יענע אידען, וועלכע האָבען מיט גו-
טען זיך נישט געוואָלט שמד'ן, האָט מען געצוואונגען מיט גוואַלד דערצו
און ווען פיעל אידען האָבען סוף כל סוף ערקלערט, אַז זיי וועלען זיך בשום
אופן נישט שמד'ן, האָט דער אכזר געהייסען, מען זאָל דריי מעת-לעת
נאָכאַנאַנד זיי נישט געבען צו עסען און צו טרינקען, אָבער אויך אָט דאָס
מיטעל האָט אויף פיעל אידען קיין שום ווירקונג נישט געהאַט, זיי האָבען
בעסער געוואָלט אויסגעהען פון הונגער, איידער איבערצוגעהן צום קאַטוי-
לישען גלויבען, וועלכער ערלויבט אויף אַזאַ אופן זיך צו בעגעהען מיט
מענשען. דאַן האָט דער קעניג בעפוילען צו שמד'ן די געטריי געבליבענע
אידען מיט גוואַלד. מיט שטריק האָט מען זיי פון די שטאַלען געשלעפּט
אין קירכע אַריין, פאַר די האָר פון קאָפּ, פאַר'ן באָרד האָט מען זיי אי-
בער די גאַסען געשלעפּט. כדי צו בעפרייען זיך פון שמד, האָבען זיך איי-
ניגע דעם קאָפּ אין די ווענד צושלאָגען און טויט געפאַלען, אַנדערע ווידער
האָבען זיך פון די מערדערישע הענד אַרויסגעריסען און אין די ברונעמס
אַריינגעוואָרפען זיך. אין דער קירכע גופא האָבען פיעל זיך אַליין דער-
שחט'ן. איין פאָטער האָט אַריבערגעדעקט זיך און זיינע זיהן מיט אַ טלית
און דער'שחט'ן אונטען זיי און זיך. איין מאַן האָט דערשטאָכען זיין פרוי
און דערנאָך זיך. די, וואָס האָבען געוואָלט געהן מקבר זיין די קדושים, האָט
מען מיט שווערדען דערהרג'עט, און די קדושים האָט מען אין ים אַריינ-
געוואָרפען. אַזעלכע אכזריות איז אָבגעטהון געוואָרען בלויז מיט די אי-
דען. אויך די מוירען האָבען געמוזט פערלאָזען דאָס לאַנד, זיי האָט מען
אָבער נישט אָנגעטהון קיין נגישות, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז פאַר
נגישות צו די מחמד'אַנער וועלען מוזען בעצאָהלען די קריסטען, וואָס האָ-
בען געוואוינט אין די מהמד'אַדינישע לענדער צי אין אַפריקאַ, צי אין
טערקיי די אידען זענען אָבער געווען הילפלאָז, פאַר זיי איז נישט געווען,
ווער עס זאָל זיך אָננעהמען, דעריבער האָט זיך מאַנועל ערלויבט געגען זיי
אַזאַ אכזריות. קריסטליכע געשיכטע-שרייבער רופען איהם „דער גרויסער“.

אָט אַזוי האָט מען עס אַריינגעבראַכט אין קריסטענטום פיעל געבור-
טיגע פאָרטוגיעזישע אידען און פיעל שפּאַנישע איינגעוואַנדערטע אידען,
וועלכע האָבען, ווי די קריסטען אַליין האָבען דערצעהלט פערשעמט, עפענט-
ליך פעראַכטעט דעם קאַטוילישען גלויבען. צווישען זיי זענען געווען אַזעל-
כע אידען, וועלכע זענען שפּעטער אַנטלאָפען פונ'ם ווילדען לאַנד און גע-
וואָרען גרויסע רבנים, ווי, למשל, דער בעריהמטער רב, רבי לוי בן
חביב, שפּעטער, רב אין ירושלים, אָדער ווי רבי יצחק בן יוסף
קארו, אַ פעטער פון רבי יוסף קארו. רבי יצחק איז געווען געבירטיג
פון טולעדאָ, פון וואַנען ער איז אויסגעוואַנדערט קיין פאָרטוגאַל. דאָרט
האָט ער פערלוירען אַלע זיינע זיהן, „וועלכע זענען געווען שען ווי די בני

מלכים" און ער האט געדאנקט דעם רבונו של עולם, וועלכער האט פון איהם נישט אבגעטהון זיין חסד און געבראכט איהם נאך פיעל סכנות קיין טערקיי, וואו ער האט געקאנט ענדליך עפענטליך זיין א איד. אויך רבי אברהם זכות מיט זיין זוהן שמואל, האטש ער איז שטארק בעליעבט געווען ביים קעניג, האט געשוועבט צווישען לעבען און טויט.ביידע האבען אבער געהאט דאס גליק צו קאנען ביישטעהען דעם נסיון און עס איז זיי געלונגען צו ענטלויפען פון פארטוגאל. צוויי מאל זענען זיי אריינגעפאלען אין געפאנגענשאפט, אבער לסוף האבען זיי זיך געקאנט רוהיג בעזעצען אין אפריקא, אין טוניס.

די אויפרעגונג, וואס עס האט ארויסגערופען דאס שענדליכע צווינגען די אידען צום שמד אין פארטוגאל, האט לאנג נישט אויפגעהערט. די אידען, וועלכע האבען זיך געשמד'ט צוליעב דעם, וואס זיי האבען זיך נישט געקאנט שיידען פון זייערע קינדער, האבען ערוועקט א השתדלות ביים פויפסט, אז ער זאל אנולירען זייער שמד, בפרט, נאכדעם ווען עס איז אלעמען בעוואוסט געווען, אז ביים פויפסט אלעקסאנדער VI מיט זיינע קארדינאלען האט מען פאר געלד געקאנט אלץ קויפען, אפילו אויך, אז ער זאל מבטל מאכען סאקראמענטען. אין אלע קריסטליכע לענדער איז ארומגעגאנגען וועגען איהם פאלגענדער וויץ-פערז:

דער פויפסט אלעקסאנדער פערקויפט
די שליסלען פון הימעל, זיין גאט, דעם אלטאר;
דאס אלץ האט ער דאך געקויפט,
פאר וואס נישט פערקויפען? ער איז דאך קיין נאר!

אם דאמאלסדיגע גלחישע רוים איז געווארען א שאנדפלאץ, א קרעמעל, וואו אבער אויך אונשולדיגע האבען געקאנט פאר געלד קויפען זייער רעכט. די פארטוגיעזישע אנוסים האבען דעריבער געשיקט א דעפוטאציע פון זיבען פערזאן, געצוואונגענע, געשמד'טע, מיט פיעל געלד, נאטירליך. די דעפוטאציע האט זיך פארגעשטעלט פאר'ן פויפסט און זיין קאלעגיום, וועלכע האבען זיך ארויסגעוויזען פאר זיי גנעדיג. דער שפאנישער געזאנדטער, גארצילאזא, האט אפילו שטארק געארבייט געגען זיי. משמעות אבער, אז די אינטערעסען פון די אידען זענען געווען גוט פערטיידיגט פאר'ן פויפסט דורך געלד, דען דער קעניג פון פארטוגאל האט זיך ענטשלאסען צו מאכען הנחות, און (דעם 30 מאי 1497) האט ארויסגעגעבען א דעקרעט פון חסדים, אין וועלכען ער האט ערקלערט, אז ער אמניסטירט די אידען, וועלכע מען האט געשמד'ט מיט געוואלד און בעשטימט פאר זיי א טערמין פון צוואנציג יאהר, אין וועלכע דאס אינקוויזיציאנס-געריכט וועט אויף זיי קיין שליטה נישט האבען און נישט קאנען זיי אנקלאגען פאר ערפילען אידישע דינים, ווייל פון אלטע געוואוינהייטען קאן מען זיך אבגעוואוינען ערשט אין א משך פון פיעל יאהרען. נאך פערלויף פון די צוואנציג יאהר, אויב מען וועט זיי אנקלאגען אין אינקוויזי-

ציאָנס-געריכט, וועט עס זיין נישט אַנדערש, ווי דורך רעגעלמעסיגע עדות און, אויב דאָס געריכט וועט זיי אָנערקענען פאַר שולדיג, וועט מען זייער פערמעגען נישט קאָנפיסקירען, נור עס וועט אָבגעגעבען ווערען זייערע יורשים. ענדליך האָט דער דעקרעט ערקלערט, אַז יענע אידישע דאָקטוירים, וועלכע פערשטעהען נישט קיין לאַטייניש, מעגען אויך בענוצען זייערע העברעאישע מעדיצינישע ביכער. — דורכ'ן דעקרעט האָט מען אַלזאָ ערלויבט די אָנוסים צו לעבען בשתיקה אַלס אידען און האָבען אפילו אויך זייערע ספרים, דען אונטערשיידען פון אַ מעדיצינישען ביז אַ רעליגיעזען ספר אין העברעאיש האָט דאָך דאַמאָלס אין פּאָרטוגאַל כמעט קיינער נישט געקאָנט. אונטער דער מאַסקע פון קאַטוילישען גלויבען האָבען די אידען דעריבער הייטער אויך געקאָנט לערנען תלמוד, און זיי האָבען דאָס טאַקי געטהון.

די דאָזיגע חסדים האָבען זיך אָבער בעצויגען בלויז אויף די אַלט-פּאָרטוגיעזישע אידען, נור נישט אויף די איינגעוואַנדערטע פון שפּאַניען. די דאָזיגע אויסנאַהם האָט דער קעניג געמאַכט לויט דעם פערלאַנג פון דער קעניגין, וועלכע האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל די שפּאַנישע אידען ארויסגעבען דער אינקוויזיציע. אין די תנאים צווישען דעם קעניג און דער פּאַנאַטישער שפּאַניערין איז טאַקי בפירוש געווען אַ פונקט, אַז אַלע אידען, וועלכע די אינקוויזיציע האָט געהאַט פערמשפּט און זיי זענען ענטלאָפען געוואָרען קיין פּאָרטוגאַל, מוזען אין אַ משך פון אַ חודש צוריק איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון דער אינקוויזיציע.

נישט קוקענדיג אויף די פערלייכטערונגען האָבען די פּאָרטוגיעזישע אָנוסים פעסט בעשלאָסען אויסצונוצען יעדע געלעגענהייט ארויסצוגעהען אין אַ פריי לאַנד, וואו זיי זאָלען קאָנען בלייבען אידען אויך עפענטליך. „זייער נשמה — ערקלערט דער דאַמאָלסדיגער דיכטער רבי שמואל אושקי — איז דורכ'ן געצוואונגענעם שמד געבליבען אַ אידישע“. עס זענען אָבער נאָך אויך געבליבען אַזעלכע אידען אין פּאָרטוגאַל, וועלכע האָבען בייגעשטאַנען אַלע נסיונות און אויסגעמידען דעם שמד; צווישען זיי איז בעוואוסט רבי שמעון מאימי, ווי עס ווייזט אויס, דער לעצטער רב-הכולל (Arrabi mor) אין פּאָרטוגאַל, — אַנ'עכטער טיפּ פון די פאַרצייטיגע אידישע צדיקים; אויסער איהם, אויך זיין פרוי, זיינע איידימס און נאָך עטליכע אַנדערע צדיקים און תמימים. דערפאַר וואָס זיי האָבען נישט געוואָלט אָבזאָגען זיך פון יודענטום און עפענטליך נישט אויפגעהערט צו זאָגען אין דער הויך די אידישע תפלות, האָט מען זיי געפייניגט אויפ'ן שרעקליכסטען אופן, מען האָט זיי געשלעפּט אין תפיסה און איינגעמויערט דאָרט ביז'ן האַלז, איבערלאָזענדיג זיי אין אַזאַ שרעקליכער לאַגע דריי מעת-לעת. ווען זיי זענען אָבער אויך דערנאָך געבליבען פעסט אין זייער געטרייהייט דעם יודענטום, האָט מען די מויערן אויפגעריסען און איניגע פון זיי זענען דער'הרג'עט געוואָרען, צווישען זיי אויך דער

קדוש רבי שמעון, וואס איהם האט דער קעניג בעזונדערס שטארק געוואלט אב'שמד'ן, כדי די איבריגע אידען זאלען נאכטהון זיין ביישפיעל. צווישען די אויפזעהער איבער דער תפיסה זענען געווען צוויי אנוסים, א פאטער מיט א זוהן, און זיי האבען געבראכט די קדושים מיט מסירת נפש צו קבר ישראל. לויט א בעפעהל פון קעניג האט מען די קדושים גערארפט אבגעבען צום תליון, וועלכער האט זיי גערארפט מבזה זיין שלעפענדיג איבער די גאסען און צוזאמענווארפענדיג אין אן'אלגעמיינעם גרוב „ווי פגרים פון בהמות". ווער עס וואלט געבראכט א קדוש צו קבר ישראל, האט גערארפט שטרענג בעשטראפט ווערען. די דערמאנטע צוויי אנוסים האבען אבער זיך מוסר-נפש געווען און צוזאמען מיט נאך אנדערע אנוסים האבען זיי ביינאכט אבגעטראגען די הייליגע מתים אויפ'ן בית-הקברות, מקבר געווען און קדיש געזאגט.

די הויפט-אויפטהוערין פון די אלע אכזריות, די שפאניערין איזאבעלא, איז א קורצע צייט נאכדעם געשטארבען אין א קינפעט (24 אויגוסט 1498) און דער פרינץ, וואס זי האט געבוירען, וועלכער האט אלזא געהאט דאס רעכט אויף דער קרוין פון פארטוגאל און שפאניען, איז געשטארבען צוויי יאהר נאכדעם. ערשט דאן האט דער קעניג ערלויבט די אידען, וועלכע זענען ביינעשטאנען אלע נסיונות, אז זיי זאלען פריי אויסוואנדערן פון פארטוגאל. צווישען זיי איז געווען דער דרשן און מקובל, רבי אברהם סבא, וואס זיינע צוויי קליינע קינדער האט מען מיט גוואלד אב'געשמד'ט און ער האט זיי שוין מעהר נישט בעקומען צו זעהען; ווייטער, רבי שם-טוב לעכמא, וועגען וועלכען מען האט דערצעהלט, אז ווען עס איז ארויסגעגעבען געווארען די ערשטע גזירה, דאס מען טאר נישט דאווענען בצבור, האט ער אויסגערופען: „אידען, צו מיר אהיים — מנחה דאווענען בצבור!" בשעת מען האט איהם מיט גוואלד געשלעפט צום שמד, האט ער דעם גאנצען וועג געזאגט אויפ'ן קול תפלות. צווישען די, וואס האבען אלע יסורים איבערגעליטען און פעסט געבליבען, נישט דערלאזענדיג זיך אב'שמד'ן, איז אויך געווען דער רב, רבי יעקב לואל. ווען די דאזיגע צדיקים האבען בעקומען די ערלויבניש, צו פערלאזען דאס בלוטיגע לאנד, האבען זיי נישט געפונען קיין שיף, וואס זאל זיי אבפיהרען. דאן האבען זיי זיך אריינגעזעצט אין א קליין שיפעל, אהן ברויט און וואסער, אפילו אהן רודער און פליגעל. אבער „השם יתברך האט בעפוילען זיין ווינטעל, וואס האט זיי געטראגען גלייך צו די ברעגען פון אפריקא". די חברים פונ'ם קדוש רבי שמעון מאימי און זיינע איידימס האט מען נאך א לאנגע צייט פעסטגעהאלטען אין תפיסה; שפעטער האט מען זיי אבגעפיהרט אין פארטוגיעזישען האפען ארזילא (אין אפריקא), וואו מען האט זיי געצוואונגען צו טהון כל עבודת-פרך אפילו אויך אום שבת, ביז זיי זענען בישלעכווייז אויסגעשטארבען ווי צדיקים „על קדוש השם" —

דאָס זענען געווען די מעשים פון די מאמינים אין דער רעליגיע פון ליעבע און גנאָד!

אכציג יאָהר שפּעטער האָט מאַנועל'ס אַנ'אוראייניקעל, דער האַלב-משוגענער קעניג סעבאַסטיאַן, געפיהרט די בליטהען פון דער פּאָרטו-גיעזישער יוגענד קיין אפריקא, כדי איינצונעהמען דאָרט נייע מדינות. אין דער ערשטער מלחמה אָבער האָט ער געהאַט אַ פּאָלקאָמע מפלה: די פּאָר-טוגיעזישע יוגענד איז אויסגעהרגעט געוואָרען, פיעל פריצים זענען גענומען געוואָרען געפאַנגען און פערקויפט פאַר שקלאַפען אין פעז און מאַרק, נאָכדעם ווי מען האָט זיי אָנגעטהון די גרעסטע יסורים. די ערנידעריגטע פּאָרטוגיעזישע פריצים און ריכטער האָבען עס געהאַלטען פאַר אַ גליק, ווען זיי זענען געקויפט געוואָרען פון אידען, ווייל ביי אַ אידישען בעל הבית האָבען זיי געוואוסט, אַז מען וועט זיי בעהאַנדלען מענשליך. — אַזוי האָבען געהאַנדעלט די מאמינים אין'ם „גאָט פון נקמה"!

זעקסטעס קאַפּיטעל

נייע וואַנדערונגען פון די אידען און די אנוסים

(1520 — 1497)

דער אונמענשליכער אידישער „גירוש" פון דער פּירענייאישער אינזעל (שפּאַניען און פּאָרטוגאַל) האָט געעפענט אַ נייע עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע. נישט בלויז פאַר די אַרויסגעטריבענע, נאָר אויך פאַר אַלע אידען אין דער גאַנצער וועלט האָט עס געהאַט זעהר טרויעריגע רעזולטאַטען. דער אידישער כבוד, זיין נאַציאָנאַלער שטאָלץ איז ערנידריגט געוואָרען. דער וועהטאָג איבער דעם „ג ל ו ת־ס פ ר ד" האָט געבראָכען דאָס אידישע הארץ איבעראַל, וואו די שערקליכע בשורה איז ערהאַלטען געוואָרען. אַלע אידען האָבען עס איבערגעלעבט, ווי אַ ד ר י ט ע ן ח ו ר ב ן: „די קינדער פון ציון זענען צום דריטען מאָל אין גלות און עלענד געטריבען געוואָרען" איז געזאָגט געוואָרען — די אויגען פון דער גאַנצער וועלט האָבען געקוקט אויף די ספרדים (די שפּאַנישע אידען) ווי אויף מיוחסים, צווישען וועלכע ס'האָבען טאַקי געלעבט די משפחות פון אידישען מלכות, וועלכע האָבען געשטאַמט פון ד ו ד ה מ ל ך. איצט האָבען זיי געדאַרפט איבערלעבען דאָס שווערסטע און ביטערסטע. פון די הונדערט-טויזענדער איז קוים איבערגעבליבען אַ צעהנטע חלק, און די איבערגעבליבענע האָבען אַרומגעבלאָנדזשעט ווי שאָטענס, וועלענדיג געיאָגט פון לאַנד צו לאַנד. זיי, די מיוחסים, האָבען איצט געמוזט שטעהן ביי די טהירען פון זייערע ברידער, ווי די עלענדע בעטלער. בעשת'ן גירוש האָבען זיי געהאַט, לפּחות, דרייסיג מיליאָן דוקאַטען; דאָס דאָזיגע קאַפּיטאַל איז ביי זיי אין די הענד צורונען געוואָרען. נאַקעט און אָרעם האָבען זיי איצט געוואַנדערט איבער דער וועלט.

אויך פון דייטשלאַנד האָט מען אין דער זעלבער צייט פיעל אידען אַרויסגעטריבען. זייער עלענד איז אָבער נישט געווען אַזוי גרויס, ווי דאָס עלענד פון די ספרדישע אידען; נישט זיי האָבען אַזוי שטאַרק געליעבט זייער פאָטערלאַנד ווי די לעצטע, נישט זיי האָבען געהאַט ביי זיך אין דערהיים אַזוי פיעל בעקוועמליכקייטען. זיי זענען שוין געוואוינט געווען צו ליידען חרפּות און אכזריות פון דער אַרומיגער וועלט.

אַ יאָהר פופציג נאָכ'ן „גירוש" פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, בעגע-

נענט מען נאָך איבעראַל ענטלאָפענע אידען, וועלכע וואַנדערן אַרום גרר־
פעסוויין, וועלכע האָבען זיך געצויגען צו מזרח, על פי רוב קיין טערקיי,
א שטייגער, ווי די אידען האָבען מיט געוואלד געזאָלט צוגעטריבען ווערען
נעהנטער צו זייער אלטען „פאָטער־לאַנד". אָבער אויך אָט די וואַנדערונ־
גען זענען געווען פערבונדען מיט אימה'דיגע יסורים און שפלות; וועלכע
זענען אָפט געווען נאָך ערגער ווי דער טויט.

אויך די יחוס־משפחה, אברבנאל, האָט געהאַט די לײדען מיט
אַלעמען גלייך. דער פאָטער פון דער משפחה, דאָן יצחק אברבנאל,
וועלכער האָט פערנומען א הויכע שטעלע אינ'ם קעניגליכען הויף פון גע־
בילדעטען נעאַפּאָלער קעניג פערדינאַנד I און זיין זוהן אלפאָנזאָ,
האָט געמוזט פערלאָזען די שטאדט, ווען די פראנצויזען זענען אויף איהר
אָנגעפאלען און ענטלויפען צוזאַמען מיט'ן קעניג קיין סיציליען. דערנאָך
אויף דער אינזעל קאָרפו און שפעטער אין מאָנאָפּאָלי (אַפוליען—אין
איטאַליען). פון זיין פריהערדיגער עשירות איז ביי איהם גאָרנישט געבלי־
בען, זיין פרוי און קינדער זענען פון איהם אָבגעריסען געוואָרען; עלענד
און טרויעריג האָט ער פערבראַכט זיינע לעצטע יאָהרען, געפינענדיג די
איינציגע טרייסט אין לערנען תורה.— זיין עלטערער זוהן, יהודה לעאָן
מעדיגאָ אברבנאל, האָט זיך אויפגעהאַלטען אין גענוא, וואו ער
האָט זיך געווידמעט דער וויסענשאפטליכער ארבייט, נישט אַכטענדיג
אויף די גרויסע יסורים. וואָס ער האָט געליטען ביי'ם געדאנק, אז זיין
איינציגען זוהן האָט מען ביי איהם, אלס קינד, צוגענומען אין פאָרטוגאל
און געלאָזט דאָרט ערציהען אין קריסטענטום. יהודה אברבנאל איז
געווען פיעל געבילדעטער, גייסטרייכער און בכלל בעדייטענדער פאר זיין
פאָטער. לויט זיין פראָפעסיע, איז ער געווען מעדיקער (דערפון שטאַמט
זיין נאָמען: מעדיגאָ). זיינע בעליבטע בעשעפטיגונגען אָבער זענען גע־
ווען די אַסטראָנאָמיע, די מאַטעמאַטיק און די פילאָזאָפיע. ער איז געוואָ־
רן לייב־דאָקטאָר ביי'ם שפאנישען גרויס־קאַפּיטאַן גאָנזאַלבאָ דע קאָר־
דאָוואָ, וועלכער האָט איינגענומען נעאַפּאָל פאַר שפאניען און בעשטימט
געוואָרען דאָרט דורכ'ן שפאנישען קעניג פערדינאַנד פאַר א וויצע־קעניג.
דער העלדענמוטיגער, ליעבענסווירדיגער און פערשווענדערישער, דע
קאָרדאָוואָ, איז כלל נישט געווען קיין שונא ישראל, ווי זיין קעניג און,
ווען פערדינאנד האָט באַלד נאָך זיין איינגעהמען נעאַפּאָל (1504) געהאַט
בעפויהלען ארויסצוטרייבען פון דאָרט אלע אידען אויך אזוי ווי פון שפאנ־
יען, האָט גאָנזאַלבאָ זיך בעמיהט אָבצעווענדען די גזרה דורך אַ דיפּלאָמאַטי־
שער ערקלערונג, אז אין דער מדינה נעאַפּאָל איז די צאָהל פון די אידי־
שע איינוואוינער בכלל זעהר קליין, און אויב מען זאָל דאָס ביסעל אידען
פון דאָרט ארויסטרייבען, וועט דאָס לאַנד זעהר שטארק לײדען דערפון,
וויל די אידען וועלען זיך אריבערציהען קיין ווענעדיג, אריינברענגענדיג
אַהין זייער עשירות און דעם גאנצען נעאַפּאָליטאנישען מסחר. א דאנק

דער דאָזיגער ערקלערונג, האָבען די אידען נאָך געקאָנט האַלטען זיך דאָרט אַ געוויסע צייט. אָבער געגען די אנוסים פון שפּאַניען און פּאָרטוגאל האָט פערדינאַנד געלאָזט גרינדען די אינקוויזיציע אין בענעווענט. צוויי יאָהר נאָכדעם האָט פערדינאַנד דערוויטערט פון זיין שטעלע דעם אידען-פריינדליכען שר (יוני 1507) און יהודה אַברבנאל האָט זיך געמוזט אַרויסציהען פון נעאַפּאָל און האָט איבערגעוואנדערט קיין ווענעדיג, וואו זיין פאָטער, דאָן יצחק, האָט זיך שוין דאַמאָלס געפונען.

דער צווייטער זוהן פון דאָן יצחק אברבנאל, דאָן יוסף אָדער „דאָן יצחק II“, האָט געלעבט אין רעדזשיאָ און שפּעטער אין ווענעדיג, וואוהין ער האָט אַראָבגעבראכט אויך זיין פאָטער. אויך דאָן יוסף האָט זיך בעשעפטיגט מיט דער מעדיצין און געהאַט פון איהר זיין פרנסה. אמבעסטען איז עס געגאַנגען דעם אינגסטען זוהן אברבנאל'ס, דאָן שמואל, וועלכער איז שפּעטער ארויסגעטראָטען אלס בעשיצער און פערטיידיגער פון זיינע ברידער, די אידען. נאָכ'ן גירוש פון שפּאַניען האָט ער געלעבט אין סאַלאָניקי, וואוהין זיין פאָטער האָט איהם געשיקט אין דער ישיבה, צו לערנען דאָרט תורה. דער אלטער דאָן יצחק האָט נאָך געהאַט איינמאָל די געלעגענהייט אַרויסצוטרעטען אלס פּאָליטישער טהוער און פינאַנסיסט. צווישען ווענעדיג און דעם פּאָרטוגעזישען הויף איז נעמליך דאַמאָלס אויסגעבראָכען אַ סכסוך, צוליעב די נייע קאָלאָניעס, וואָס פּאָרטוגאַל האָט געגרינדעט אין אינדיען און בעזונדערס, צוליעב דעם מסחר מיט די אינדיישע געווירצען (בשמים) און דאָן יצחק האָט זיך געדארפט ארויסזאָגען אינ'ם דאָזיגען סכסוך. איינינע איינפלוסרייכע סענאַטאָרען האָבען ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט דערקענט דעם ריכטיגען פּאָליטישען און פינאַנציעלען בליק פון דאָן יצחק, און פון דאַמאָלס אָן פלעגט מען איהם איינלאַדען אָנטייל צו נעהמען אין וויכטיגע מלוכה-בעראַטונגען. אָבער דורך די פיעל איבערגעשטאַנענע יסורים און וואנדערונג איז זיין קראַפט שוין געווען געבראָכען. נאָך פאַר'ן זיבעציגסטען יאָהר איז ער שוין געוואָרען אַ זקן.

בכלל האָבען אָבער די ספרדישע אידען דורך די איבערגעליטענע יסורים פון גירוש נישט פיעל פערלוירען פון זייער געהויבענעם גייסט און נאַטירליכער גדלות מיט'ן נאַציאָנאַלען שטאָלץ. זיי האָבען זיך כמעט נישט צומישט מיט די איבריגע אידען; יעדער ספרדישער איד האָט צוגעלעגט צו זיין אונטערשריפט די אותיות ס"ט — „ספרדי טהור“ — וואָס הייסט: אַנ'עכטער שפּאַניער; איבעראַל, וואו די שפּאַנישע, אָדער פּאָרטוגעזישע אידען האָבען זיך בעזעצט, האָבען זיי געגרינדעט אַנ'אייגענע ספרדישע קהלה, און, ווי עס זאָל זיך נישט האָבען פערשטאַרקט צווישען זיי אין דער לעצטער צייט די איבערגעטריבענע פרומקייט און אפילו אויך פיינדליכע שטימונג פאַר די וויסענשאַפטען, זענען דאָך די ספרדישע אידען אין בילדונג נאָך אַ גאַנץ לאַנגע צייט געשטאַנען פיעל העכער פאַר אַלע זייערע ברידער אין אַנדערע לענדער. מיט זייער אלטען פאָטערלאַנד זענען זיי

געבליבען גייסטיג פערבונדען דורך דער שפאַנישער שפּראַך, וועלכע זיי רעדען נאָך עד היום, עסוואָס געמישט מיט העברעאישע און אנדערע ווער־טער (שפּאַניאָליש), די גרויסע יסורים, וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען פאַר זייער געטרייהייט דעם יודענטום, האָט אין זייערע אויגען בעזונדערס דערהויבען דעם גרויסען ווערט פון דער אידישער תורה. זיי האָבען גע־וואוסט און פערשטאַנען, פאַרוואָס פאַר א גייסטיגען פערמעגען זיי ליידען און האָבען זיך בעמיהט דאָס דאָזיגע פערמעגען צו אידעאַליזירען און דער־הויבען.— די גרויסע רדיפות און ענוים האָבען דעריבער אויך נישט דער־נידעריגט זייער גייסט און נישט געבויגען זייער רוקען. צוזאַמענקומענדיג זיך מיט קריסטען אין דער פרעמד, האָבען זיי זיך געהאַלטען שטאָלץ. אין דעם פרט זענען זיי געווען דער היפוך פון די דייטשע אידען, זיי האָבען אויך שטאַרק געהאַלטען פון א ריינער און שענער שפּראַך, פון א געשמאַק־פולען קליידען זיך, פון ציכטיגקייט און שענקייט אין די שוהלען. די אי־בערזעצט פון אנדערע לענדער האָבען דערפאַר געשפּירט אינסטינקטיוו א בעזונ־דערען דרך־ארץ פאַר די ספרדישע אידען, און דערפאַר האָבען זיי א לאַנ־גע צייט געשפּילט די ערשטע ראָליע איבעראַל, חאָטש זיי זענען געווען אין דער מינדערהייט. אינ'ם ערשטען יאָהרהונדערט נאָך זייער גירוש זענען די ספרדישע אידען געווען די איינציגע טרעגער פון דער אידישער געשיכטע; זייערע גדולים זענען איבעראַל געווען אָנערקענט, זיי האָבען געליפערט רבנים פאַר די גרעסטע אידישע קהלות, ווי אויך שריפטשטעלער, דענקער און פאַנטאַסטען. אין אַלע לענדער, אויסער אין דייטשלאַנד און פוילען, וואוהין זיי זענען אין מאַסען קיינמאָל נישט אריינגעקומען, זענען די ספרדישע אידען געווען די מיוחסים און טאָן־געבער.

אין די בערבערישע לענדער פון צפון־אַפריקאַ, ווי אויך אין די מדינות אין טיעפען לאַנד זענען געווען גרויסע אידישע ספרדישע קהלות, וועל־כע האָבען זיך בעזעצט דאָרט נאָך אין דער עפּאָכע פון די ערשטע גרויסע רדיפות, אין יאָהר 1391, און זיך פערגרעסערט אין דער גאַנצער צייט ביז'ן לעצטען גירוש. חאָטש די דאָרטיגע בערבערישע טיראַנען און על פי רוב ווייניג ציוויליזירטע מוירען האָבען זיך דאָרט בעגאַנגען מיט די ספרדישע אידען ווילקירליך און שלעכט, צווינגענדיג זיי אויך אָפּט צו טראָגען שאַנד־לאַטעס אויף זייערע קליידער, האָבען דאָך די פעהיגערע אידען נאָך געהאַט דאָרט גענוג אָרט און געלעגענהייט זיך אויסצוצייכע־נען און דערגרייכען צו א דערהויבענער מדרגה. אין מאַראָקאָ איז א געווי־סער רייכער און געלעדהטער איד געשטאַנען אין נאָהענטע בעציהונגען צום קעניגליכען הויף, וואו ער איז געווען א גרויסער חשוב און האָט געבראַכט פיעל נוצען דער מלוכה מיט זיין טעטיגקייט. אין פ ע ז, וואו עס איז געווען א אידישע קהלה פון פינף טויזענד משפחות, וועלכע האָבען געהאַלטען אין זייער רשות כמעט די גאַנצע אינדוסטריע, האָט געלעבט א שפּאַנישער איד ש מ ו א ל א ל ו א ל א נ ס י, וועלכער איז, צוליעב זיין פעהיגקייט און

גרויסען מוט, געווען זעהר בעליעבט ביים קעניג און געהאט ביי דער בע-
פעלקערונג אזא צוטרוי, אז מען האט איהם בעשטימט פאר א מנהיג. —
אין דער בעדייטענדער רעזידענץ טלעמזען (אדער טרעמסען) איז געווען
א גרויסע אידישע ספרדישע קהלה. אהער איז געקומען נאך זיין אנטלוי-
פען פון שפאניען דער אכצעהן-יעהריגער רבי יעקב בירב (געבוירען
1474, געשט. 1541), איינער פון די אויסוואנדערער, דער שארפזיניגסטער
רב פון זיין צייט, נאכ'ן אשכנזישען מפולפל רבי יעקב פאלאק.

אין אלזשיר איז געווען א קהלה פון ספרדישע אידען, וועלכע זענען
געקומען אהין אין יאהר 1391 בשעת די רדיפות. אין דער צייט פון גירוש
איז די קהלה שוין געווען אין א געפאלענעם צושטאנד. אין שפיץ פון דער
קהלה איז געשטאנען רבי שמעון דוראן II (געבוירען 1439, געשט.
1510), א זוהן פונ'ם פילאזאפיש געבילדעטען רב רבי שלמה דוראן,
וועלכער איז אין זיין צייט געווען, ווי זיין ברודער רבי צמח דוראן
אנגענומען פאר א גרויסען פוסק. ווי זיין גרויסער פאטער, האט רבי
שמעון דוראן זיך אויך פיעל בעמיהט לטובת די ארויסגעטריבענע
שפאנישע אידען, וועלכע דער גורל האט געבראכט קיין אלזשיר. נישט קיין
געלד האט ער געקארגט, נישט פאר סכנת-נפשות האט ער מורא געהאט
דארט. וואו ער האט געקאנט אבהיטען דאס לעבען און אידישקייט פון
זיינע עלענדע ברידער. — פופציג אנטלאפענע שפאנישע אידען האבען די
בייזע ווינטען צוריקגעטראגען אויפ'ן שיף צו די שפאנישע ברעגען ביי
סעווילא און, לויט'ן עדיקט פון פערדינאנד, האט מען זיי אין תפיסה גע-
שלעפט און געפייניגט זיי דארט צוויי יאהר לאנג. טאג טעגליך האבען
זיי דארט דעם פייער-טויט ערווארט, אבער לסוף האט מען זיי בעגנאַ-
דיגט, דאס הייסט: מען האט זיי פערקויפט פאר שקלאפען. אלס אזעלכע
האט מען זיי געבראכט אין א יאמערליכען צושטאנד קיין אלזשיר, און
דארט האט מען זיי דורך דער בעמיהונג פון רבי שמעון דוראן אויסגע-
קויפט פאר (700) זיבענהונדערט דוקאטען, וועלכע די קליינע קהלה האט
צווישען זיך געזאמעלט. — אין טונים האבען שוין א פאר יאהר געלעבט
צוויי בעדייטענדע ספרדישע אידען, וועלכע האבען זיך אהין דערשלאגען
נאכ'ן גירוש, אויסשטעהענדיג גוואלדיגע יסורים און ענוים. דאס זענען
געווען: רבי אברהם זכות, וועלכער איז שוין עטליכע מאל פריהער
דערמאנט געווארען. איצט איז ער שוין געווען אנ'אלטער מאן, און א
יונגערער פון איהם רבי משה אלשקר (Alschaker) רבי
אברהם זכות, וועלכער האט אין שפאניען און אין פארטוגאל שוין
געהאט א גאנצע שול פון קריסטליכע און מחמד'אנישע תלמידים אין
מאטעמאטיק און אסטראנאמיע, וואס זיינע געדרוקטע שריפטען האט מען
פיעל געלעזען און אויסגענוצט, — אט דער אלטער אידישער געלעהרטער
איז געווען געצוואונגען ארומצובלאנדזשען איבער דער וועלט, ווי א מוחרם
און נור ער פי נס איז ער פון טויט ניצול געווארען. אין טונים האט ער,

ווי עס שיינט, געלעבט עטליכע יאָהר רוהיג און דאָרט האָט ער געענדיגט שרייבען זיין בעריהמט, האָטש ווענינג קינסטלעריש ווערק, יוחסין (1504). קיין היסטאָריש ווערק איז דאָס נישט, עס האָט אָבער געהאַט אַ גרויס פערדינסט דערמיט, וואָס עס האָט געוועקט ביי אידען דעם חשק, צו בעשעפטיגען זיך מיט דער פאָרשונג פון דער אידישער געשיכטע. דער „יוחסין" איז אַ פּראָדוקט פון אַלטקייט, עלענד און דחקות. מיט אַנ'אַלט ציטערנדע האַנד האָט דער מחבר עס געשריבען און מיט אַ געמיט פון אימה פאַר דער צוקונפט פון אידישען פאָלק, נישט האָבענדיג דערצו אונטער דער האַנד די נויטיגע ספרים, וואָס אַזאַ ארבייט פאָדערט. אין דעם זין דאַרף מען איהם ריכטען און שעצען.

אין דער זעלבער צייט ווי דער „בעל היוחסין" האָט געלעבט אין טוניס אויך רבי משה בן יצחק אַלשקר (געבוירען לערך 1470, געשט. אַרום 1538). דאָס איז געווען אַ שאַרפזיניגער תלמודיסט, ווי זיין רבי: רבי שמואל אַלוואַלאַנסי, אַ גלייכער קאָפּ, נישט איינזייטיג און נישט בעגרענצט. זייענדיג אַ בעל מקובל, האָט ער דאָך פונדעסטוועגען ענערגיש פערטיידיגט דעם רמב"ם און זיינע ספרים געגען די אָנפאַלען פון זיינע געגנער.

ווי עס שיינט האָבען זכות און אַלשקר פערלאָזען טוניס, ענטלויפענדיג פאַר דער שפּאַנישער אַרמעע, וועלכע האָט אָנגעהויבען מאַכען אָנפאַלען אויף די מדינות אין צפון-אַפריקאַ. זכות האָט אויסגעוואַנדערט קיין טערקיי, וואו ער איז נאָך אַ מיעדען לעבען געשטאָרבען (1515). אַלשקר איז ענטלאָפען קיין מצרים און האָט דאָרט פערנומען זעהר אַ געהויבענע שטעלע, אַ דאַנק זיין לומדות און עשירות.

אין מצרים, נעמליך, אין דער הויפּט-שטאָדט קאַאיראָ האָבען זיך אויך אָנגעזאַמעלט פיעל אַנטלאָפענע אידען פון שפּאַניען און אין אַ קורצער צייט האָבען זיי בעהערשט די גאַנצע פריהערדיגע קהלה פון די מצרים'ער אידען. בשעת די שפּאַנישע אידען זענען אַהין צוערשט אַריינגעקומען, איז נאָך דאָרט געווען, ווי פאַרצייטען, אַנ'אויבערריכטער אָדער „ראש" און „נגיד" אין דער פּערזאָן פונ'ם רייכען רבי יצחק הכהן שלאַל. דאָס איז געווען אַנ'ערהאַבענער מענש, פון גרויסען אָנזעהען און אָנערקענט אַלס „נגיד" דורכ'ן מצרים'ער מאַמעלוקען-סולטאַן. זיין עשירות האָט ער פערווענדעט אויף צו שטיצען די קהלה און בעזונדערס די שפּאַנישע גלות-אידען. יענע שפּאַנישע אידען, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך זייער פעהיגקייט און וויסענשאַפט, אָדער לומדות האָט ער נעגעבען אָנגעזעהענע שטעלעס. צווישען די שפּאַנישע אידען איז אויך געווען איינער פון די בעדייטענדע ספרדישע רבנים, רבי דוד ברבי שלמה אבן אבי—זמרה (ר"ד ב"ז), וועלכער איז געבענשט געווען מיט אַ הויכען עלטער (געבוירען 1470, געשט. 1573). דער רדב"ז איז געווען אַ תלמיד פונ'ם בעל מקובל רבי יוסף פון סאַראַגאָסאַ. זייענדיג זעהר רייך

געלעהרנטע, מיט שענע מדות און אַ גרויסער מיוחס, האָט דער רדב"ז באַלד פערנומען זעהר אַ הויכען אָרט אין אידישען לעבען און איז אַנערקענט געוואָרען אַלס אַ גרויסער פוסק אין זיין צייט.

די פּאָליטישע אומשטענדען האָבען געבראַכט דערצו, אַז די ספרדישע אידען זענען אין מצרים באַלד דערהויבען געוואָרען און זיך געשטעלט אין שפּיץ פון די אָרטיגע אידען. דער טערקישער סולטאַן האָט לאַנג געפיהרט מלחמה, וועלענדיג בעקומען אונטער זיין הערשאַפט מצרים מיט סיריען און ארץ ישראל, וועלכע האָבען צו איהר געהערט. ענדליך האָט דער סולטאַן סעלים I אַבגעהאַלטען אַ גלענצענדיגען נצחון איבער דעם סולטאַן פון די מאַמעלוקען אין דער געגענד פון אַלעפּאָ: מצרים, סיריען און ארץ ישראל האָבען ענדליך געהערט צום טערקישען סולטאַן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל (1517). באַלד האָט דער סולטאַן סעלים זיך גענומען מאַכען נייע אָרדנונגען אין מצרים, כדי צו ברענגען איהר אין פאָלקאָמער אַבהענגיגקייט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, בכלל, צו מאַכען פון איהר אַ טערקישע פּראָווינץ אונטער אַ פּאַשאַ אַלס וויצע-קעניג. אַ שפּאַנישען איד, אברהם דע קאַסטראָ, האָט דער סולטאַן בעשטימט פאַר אַנ'אָרענדאַר פון די מטבעות, וועלכע די טערקיי האָט דאַמאַלס אויסגעגאָסען. דע קאַסטראָ האָט דורך זיין עשירות און איינפלוס באַלד בעקומען אַ געוויסע דעה אין די קרייזען פון די טערקישע שרים, ווי אויך אין דער אידישער וועלט אין מצרים. דע קאַסטראָ איז געווען אַ גרויסער בעל-צדקה, פלעגט אויסטיילען פאַר אָרימע לייט דריי טויזענד גאָלד-גולדען און בכלל זיך שטאַרק עוסק געווען מיט די אידישע כלל ענינים.

ווי עס שיינט, האָט דער סולטאַן סעלים I, אָדער דער וויצע-קעניג מבטל געמאַכט די אַלטע אָרדנונג פון די מצרים'ער אידען. ביז יענער צייט פלעגען די אידען אין מצרים האָבען אַנ'אויבער-רב און אַנ'אויבער-דין איבער אַלע אידישע קהלות און רבנים אין מצרים. דער אויבער-רב, אָדער ווי ער האָט געהייסען: דער נגיד, פלעגט בעשטימען רבנים אין אַלע קהלות, משפט'ן אַלע סכסוכים צווישען די אידען גאַנץ אַליין, אַלס די העכסטע אינסטאַנץ, איהם האָט אויך געהערט דאָס רעכט צו בעשטעטיגען אַלע נייע תקנות, אָדער מבטל צו מאַכען זיי; ער האָט אויך געקאָנט בעשטראָפען מיט מלקות, אָדער מיט אַ חרם פאַר פערשידענע פערברעכען. פון די אַלע דאָזיגע פונקציעס האָט ער געהאַט בעשטימטע הכנסות, גאַנץ בעדייטענדע. די דאָזיגע אָרדנונג האָט טערקיי מבטל געמאַכט. יעדע קהלה איז געוואָרען זעלבסטשטענדיג; זי האָט געקאָנט אַליין אויסקלייבען זיך אַ רב אָהן קיין שום אויבערהאַר און אַפּטרופסות. דער לעצטער נגיד אָדער אויבער-רב, רבי יצחק שלאל, איז דערוויטערט געוואָרען פון זיין התמנות און מיט זיין גרויסער עשירות האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין ירושלים, וואו ער איז געוואָרען אַ וואוילטהעטער פון דער נייער קהלה, וואָס האָט דאָרט אָנגעהויבען וואַקסען. הויפּט-רב אין קאַהירע איז גע-

וואָרען דער ספרדי רבי דוד אבן זמרה. זיין אנזעהען איז ביי אידען אזוי גרויס געווען, אז ער האט זיך געקאנט ערלויבען מבטל צו זיין א מנהג, וועלכער איז פערהייליגט געוואָרען אין א משך פון אכצעהן הונדערט יאהר. די בבלישע אידען האבען מיט העכער אכצעהן הונדערט יאהר פריהער אנגענומען צו צעהלען די צייטרעכנונג פונ'ם נצחון פון סירישען קעניג סעלעוקאס איבער די אנדערע פעלד-הערען פון אלעקסאנדער מוקדון, וואס האט געהייסען דער „מנין-שטרות". די סירישע מלוכה פון סעלעוקידען איז שוין לאנג אויף דער וועלט נישט געווען. סיריען האט זיך שוין געהאט איבערגעוואלגערט ביי פערשידענע הערשער: ביי די רוימער, ביזאנטינער, מהמד'אנער, מאנגאליען און טערקען. די אידען פון בבל און מצרים האבען זיך אבער נאך אלץ געהאלטען פעסט ביי דער סעלעוקידישער צייט-רעכנונג און פלעגען זי געברויכען נישט בלויז אין געשיכטליכער כראניק, אדער וועלטליכע דאקומענטען, נור אפילו אויך אין כתובות און גטין און עהנליכע רעליגיעזע דאקומענטען. וועהרענד די ארץ-ישראל-אידען אדער די אידען אין איירָאפא האבען געפיהרט די צייט-רעכנונג פון בריאת-העולם אדער פון חורבן בית המקדש, האבען די בבלישע און מצרים'ער אידען זיך געהאלטען אזוי פעסט אן דער סעלענקידישער צייט-רעכנונג, אז זיי פלעגען ערקלערען פאר פסול א גט, וועלכער איז געווען געשריבען לויט אנ'אנדער צייט-רעכנונג. רבי דוד אבן זמרה האט ענדליך מבטל געמאכט די סעלעוקידישע צייט-רעכנונג און איינגעפיהרט אנשטאט איהר די צייט-רעכנונג פון בריאת-העולם. אויך א צווייטען מנהג האט ער מבטל געמאכט — א מנהג, וועלכען מען האט דארט געהאלטען הייליג פון קדמונים אן: די תפלה שמונה-עשרה פלעגט דאוונען נור דער חזן אבער נישט די מתפללים, וועלכע פלעגען יוצא זיין מיט'ן צוהערען. דער רדב"ז אבער האט מתקן געווען, אז יעדער איד מוז פריהער אליין מתפלל זיין שמונה-עשרה און ערשט דאן הערען, ווי דער חזן זאגט די תפלות.

אונטער דער רבנות פון רדב"ז האט געשוועבט איינמאל א גרויסע סכנה איבער דער קהלה פון קאירא. דער פיערטער וויצע-קעניג, פאשא פון מצרים, אחמעד שאיטאן, האט מורד געווען אין טערקישען סולטאן און זיך געוואלט ערקלערען פאר א זעלבסטשטענדיגען הערשער איבער מצרים. ווען די ערשטע שריט זענען איהם געלונגען, האט ער געשטעלט א פאדערונג צום אידישען מטבע-ארענדאר אברהם דע קאסטרא, אז ער זאל אבגיסען מטבעות מיט זיין נאמען. דע קאסטרא האט לפנים איינגעשטימט דערויף און פערלאנגט, אז דער וויצע-קעניג זאל איהם געבען א שריפטליכען בעפעהל מכח דעם. דער וויצע-קעניג האט איהם דעם בעפעהל געגעבען. ווען דע קאסטרא האט דעם בעפעהל שריפטליך בעקומען, איז ער באלד בשתיקה אבגעפאהרען פון מצרים, געקומען אין קאנסטאנטינאפאל און פארגעשטעלט דעם סולטאן סוליימאן II

דעם בעפעהל, אלס בעוויז, אז דער וויצע-קעניג פיהרט א פעררעטערישען פלאן, אבצורייסען זיך פון טערקיי. ווען אחמעד האט זיך דערוואוסט, אז דע קאסטרא איז ענטלאפען, האט ער אויסגעגאסען זיין ברענעדיגען כעס אויף די אידען. איינינע קרובים און פריינד פון דע קאסטרא האט ער אריינגעווארפען אין תפיסה און די מאמעלוקען האט ער ערלויבט צו מאכען אנ'אנפאל אויף די אידען פון קאאירא און בערויבען זיי. אויסער דעם האט ער איינגעלאדען צו זיך צוועלף אנגעזעהענע אידען און פארגעלעגט זיי, אז זיי זאלען איהם שאפען א גוואלדיג גרויסע סומע געלד אין א גאנץ קורצע צייט, סטראשענדיג, אז ער וועט זיי לאזען אלעמען אויסהרג'ענען מיט ווייב און קינד. פון זיכערקייט וועגען האט ער פערהאלטען ביי זיך די צוועלף אידען פאר א משכון. אויף די בקשות און תחנונים פון דער קהלה, אז ער זאל, לפחות, געבען עטוואס מעהר צייט דאס געלד צו זאמלען, האט ער געענטפערט מיט שרעקליכע סטראשונקעס. נישט ווימענדיג, ווי אזוי צו בעקומען הילף, האבען די אידען זיך געווענדעט מיט תפלות און בקשות צו גאט. די אנגעזאמעלטע סומע האט קוים בעטראפען א צעהנטעל חלק פונ'ם פערלאנגטען געלד און דעם וויצע-קעניג'ס סעקרעטאר האט דעריבער בעפוילען איינצושמידען די זאמלער אין קייטען און געסטראשעט, אז ווי נור זיין הערר וועט פון מרחץ ארויסגעהן, וועט ער געבען דעם בעפעהל אלע אידען, קליין און גרוים תיכף אויסצוהרג'ענען. אבער אינ'ם זעלבען אויגענבליק, ווען דער כתיב (סעקרעטאר) האט די דאזיגע דראהונג ארויסגעזאגט, זענען איינינע פערשווארענע אנגעפאלען פלוצלונג אויפ'ן וויצע-קעניג אין מרחץ און שווער איהם פערוואונדעט. דער פערוואונדעטער אחמעד שאיטאן האט נאך אפילו בעוויזען צו ענטלויפען פון זיין שלאס, אבער מען האט איהם נאכגעיאגט, געכאפט און איינגעשמידעט אין קייטען, דערנאך בעשטראפט מיט'ן טויט. זיין וויזיר מחמד-ביי, וועלכער איז געווען דער הויפט-פערשווארענער געגען דעם וויצע-קעניג, האט באלד ארויסגעלאזען פריי די אידען פון דער תפיסה און די קאאירער קהלה האט זיך בעפרייט פון דער גרויסער סכנה, וואס האט איבער איהר געשוועבט. דעם טאג פון דער ישועה (28 אדר 1524) האבען די קאאירער אידען א לאנגע צייט געפייערט אלס א גרויסען יום-טוב (פורים—קאאירא).

דורך דער איינוואנדערונג פון די שפאנישע און פארטוגעזישע אידען אין ירושלים און אין די איבריגע גרויסע שטעדט פון ארץ-ישראל, האבען זיך דארט די קהלות זעהר פערשטארקט און בעקומען א נייע בעדייטונג. אויך דא זענען די ספרדישע אידען אין קורצען געווארען די טאן-געבער. אין א קורצע צייט פון זיבען יאהר איז די ירושלימ'ער קהלה אויסגעוואקסען פון זיבציג משפחות ביז צוויי הונדערט, און אין א משך פון עטליכע און צוואנציג יאהר (1495—1521) זענען שוין דארט געווען פופצעהן הונדערט משפחות. דורכ'ן צוקומען פון נייע איינוואוינער האט זיך דער

וויילשטאַנד פון דער ירושלים'ער קהלה זעהר געשטאַרקט. וועהרענד פריהער זענען אַלע מיטגלידער פון דער קהלה כמעט בעטלער געוועז, האָבען איצט אין דער גרויסער קהלה שוין געלעבט פון צדקה נור צוויי הונדערט פערזאָן. וואָס נאָך פיעל וויכטיגער איז אָבער געוועז, די זיטליכקייט האָט זיך שטאַרק געהויבען דורך די נייע איינוואַנדערער. ירושלים איז שוין מעהר נישט געוועזען קיין רויבער-הייהל, ווי עס האָט איהר געפונען מיט דרייסיג יאָהר פאַר דעם רבנו עובדיה ברטנורה, וועלכער איז אין ירושלים געקומען פון איטאַליען. איצט האָט שוין דאָרט געהערשט אחדות און שלום, גערעכטיגקייט און אָרדנונג. זעהר פיעל האָט אין דער הינזיכט אויפגעטהון מיט זיינע ליבליכע דרשות רבנו עובדיה ברטנורה (Obadia da Bertinoro) וועלכער האָט די קהלה גדיענט אויך אַליין, איסער זיינע דרשות, אַלס גוטער ביישפיעל פון אמת'ער פרומקייט און צניעות. ווען ער איז געקומען קיין ירושלים האָט ער פון דאָרט געשריבען צו זיינע קרובים: „ווען אינ'ם דאָזיגען לאַנד וואָלט זיך געפונען אַ פערשטענדיגער מענש, וועלכער איז געניט, ווי אַזוי מען דאַרף פיהרען אַ מדינה, וואָלטען איהם געפאָלגט נישט בלויז די אידען, נור אויך די מחמדאַנער". דאַמאָלס האָט ער נאָך נישט געוואוסט, אַז ער אַליין וועט זיין דער „פערשטענדיגער מענש", וועלכער וועט די קהלה בעניי'ען און דערהויבען פון איהר שרעקליכער שפלות. רבנו עובדיה ברטנורה איז געוואָרען אַנ'אמת'ער מלאך-מושיע פאַר ירושלים: „ער האָט אַראָבגענומען פון איהר דעם העסליכען שמוץ און אָנגעטהון זי אין יום-טוב'דיגע קליידער" — ווי עס דריקט זיך אויס וועגען איהם אַ רייזענדער. „ווען איך וואָלט זיך נעהמען בעשרייבען זיין גרויסקייט — שרייבט דער זעלבער רייזענדער — וואָלט איך קיינמאָל נישט פאַרטיג געוואָרען. ער איז דער אָנגעזעהענסטער מענש אין ארץ ישראל, לויט זיין הנהגה ווערט אַלץ דאָ געטהון און קיינער דערוועגט זיך נישט אַ וואָרט נעגען איהם צו רעדען. ווען ער דרש'ענט פאַר'ן עולם, שטעהען אַלע אָן הערען, ווי צו אַ הייליגער תפלה".

משמעות דורך דער פערמיטלונג פון רבנו עובדיה ברטנורה מיט זיינע חברים האָט מען אָנגענומען די נייע תקנות, וועלכע די קהלה האָט זיך אַליין אַרויפגעלעגט פאַר אַ חוב צו ערפילען. די תקנות האָט מען אויסגעקריצט אויף אַ טאָוועל אין דער שוהל, כדי מען זאָל זיי אייביג געדענקען און אָבהיטען. זיי האָבען זיך בעצויגען אויף די פריהערדיגע פערברעכען, וועלכע פלעגען פאָרקומען אין דער קהלה: די אידען זאָלען נישט האַנדלען מיט פאַלשע מטבעות, און אויב זיי וועלען צופעליג בעקומען אַזעלכע, טאָרען זיי זיי נישט אויסגעבען. מען זאָל נישט טרינקען קיין וויין אויפ'ן קבר פון שמואל הנביא, דען אין טאָג (פון יאָהר-צייט) פלעגען געהען אַהין מאַנסלייט און פרויען נישט פערשלייערט און ווען מען פלעגט נאָך דערצו וויין טרינקען, פלעגט מען קומען צו נישט שענע מעשים.

קיין ממונה טאָר קיינער נישט צווינגען צו געבען געלד נישט פאַר'ן כלל, נישט פאַר אַנ'אַנדער זאַך א. א. וו. — זעהר וויכטיג איז בעזונדערס געווען פאַר ירושלים דאָס, וואָס עס האָט אַהין איינגעוואַנדערט דער געוועזענער „נגיד" פון מצרים רבי יצחק שאלאל מיט זיין גרויסער עשירות.

נאָך ירושלים האָט געהאַט א גרויסע בעדייטונג די אידישע קהלה אין צפת, וועלכע איז אַזוי געשווינד אויסגעוואַקסען, אַז זי האָט געקאָנט אַריבער-שטייגען ירושלים. סוף דעם פופצעהנטען און אָנהויב זעכצעהנטען יאָהר הונדערט זענען דאָרט געוועזן בלויז עטוואָס מעהר, ווי דריי הונדערט אידישע משפחות פאַרצייטיגע איינוואוינער (מאָריסקאָעס), בערבערען מאַ-גרעבים) און ספרדים. אויך זענען תחלת דאָרט נישט געווען קיין בעדייטענדע תלמודיסטען, וועלכע האָבען געזאָלט ווערען אידישע מנהיגים. איהר בעדייטונג האָט זי ערשט בעקומען דורכ'ן איינוואַנדערן פון א שפּאַנישען אידען, וועלכער האָט געגעבען דער קהלה א נייע ריכטונג. דאָס איז געווען דער שוין דערמאָנטער רבי יוסף סאראגאָס, וועלכער איז געוואָרען פאַר צפת דאָס, וואָס רבנו עובדיה ברטנורה פאַר ירושלים. רבי יוסף סאַראַגאָסי איז אויך געווען זעהר א האַרציגע פּערזענליכקייט; ער האָט עס געהאַלטען פאַר א לעבענס-אויפגאַבע צו אַרבייטען פאַר דער אַל-געמיינער אחדות און עס איז איהם באמת געלונגען ווידער צוריקצושטע-לען דעם צושטערטען שלום אין דער פאַמיליע און אין דער קהלה. אפילו צווישען די מחמדאַנער האָט ער אויך געווירקט אינ'ם דאָזיגען זין, און זיי האָבען איהם דערפאַר געליבט און געעהרט. ווען ער האָט איינמאָל געוואָלט זיך אַרויסציהען פון צפת, האָט די קהלה זיך פשוט אָן איהם אָפּגעהאָנגען און בעשטימט איהם א יעהרליכע שכירות, פאַר וועלכער דער מחמד'אַנישער שטאָדט-הויפּטמאַן האָט געגעבען צוויי דריטעל פון זיין איינענעם געלד. רבי יוסף סאַראַגאָסי האָט ענטוויקעלט אין צפת דאָס שטודיום פון תלמוד, אָבער אויך די קבלה האָט ער אַהין אַריינגעבראַכט. דורך איהם איז צפת געוואָרען פון דאַמאָלס די הויפּט-שטאָדט פון די בעלי מקובלים.

אויך אין דער האַלב-פּאַלעסטינישער שטאָדט פון סיריען, אין דמשק, האָט זיך געבען דער אַלטער קהלה, דער מוסתערבישער, איינגעאָרדענט א יונגע קהלה, א ספרדישע מיט פינף הונדערט אידישע משפחות. די ספרדישע אידען האָבען א קורצע צייט נאָך זייער בעזעצען זיך אין שטאָדט אויסגעבויט א פּרעכטיגע שוהל, מיט'ן נאָמען כתייב (Khathaib). באַלד האָט די צאָהל פון די ספרדישע אידען דאָרט זיך אַזוי פערשטאַרקט, אַז זיי האָבען זיך צוטיילט אויף פערשידענע גרופּעס, לויט די מדינות און שטעדט, פון וואַנען זיי האָבען געשטאַמט.

דער הויפּט-שטראָם אָבער פון די שפּאַנישע פערטריבענע אידען האָט זיך א נאָס געטהון אין דער אייראָפּעאישער טערקיי; דער גרעסטער טייל פון די אידען, וואָס זענען נאָך אלע ענוים און יסורים לעבען געבליבען פון

די 300.000 שפּאַנישע אידען, האָבען געפונען בעשיצונג אין דער מלוכה, וואו די איינוואוינער האָבען גראָד נישט געמאַכט די ליעבע צום מענשען פאַר׳ן הויפּט-פּרינציפּ פון זייער רעליגיע. די סולטאַנען באַיאַזעט II, סעלים I און סוליימאַן I האָבען איינער נאָכ׳ן אַנדערן נישט בלויז געקוקט גלייכגילטיג אויפ׳ן שטראָם נייע אידישע איינוואַנדערער פון שפּאַניען, נור זיי האָבען זיי אויפגענומען מיט דער גרעסטער מענשען-ליעבע און געגעבען זיי די זעלבע פּריוויליעגיעס, וואָס עס האָבען געהאַט אין טערקיי אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען, די אַרמעניער און גריכען, דער אידישער דיכטער רבי שמואל אושקי שילדערט אין דער פּאָרטוגיעזישער שפּראַך מיט התלהבות די לאַגע, וואָס די ספרדישע אידען האָבען פערנומען אין טערקיי: „די גרויסע טערקיי איז אַ ווייטער און אַ ברייטער ים, וואָס גאָט האָט מיט זיין חסד געעפענט פאַר אונז. דאָרט האָבען זיך געעפענט פאַר דיר די טהויערן פון רחמנות און דו קאָנסט זיך אַבהיטען די תורה פראַנק און פריי און האָסט גלייכע רעכט מיט אַלע אַנדערע פעלקער. דאָרט קאָנסטו אָפען ענטדעקען, וואָס דו ביזט און אראָבוואַרפען פון זיך די פרעמדע מנהגים און תורות (דאָס הייסט; די אנוסים קאָנען עפענטליך ווערען צוריק אידען); דו קאָנסט דיין אַלטע וואַהרהייט ווידער אויפנעהמען, די מנהגים, וואָס מען האָט דיר אָנגעהאָנגען געגען דעם געטליכען ווילען, קאָנסטו פון זיך אַבשאַקלען און תשובה טהון מיט׳ן גאַנצען הארצען אויף דיינע זינד"...

די איינגעוואַנדערטע אידען האָבען אין דער ערשטער צייט געהאַט אין טערקיי זעהר גליקליכע צייטען, ווייל די יונגע מלוכה האָט זיך אין זיי זעהר גענויטיגט. די טערקען זענען געווען גוטע קעמפּפער אין מלחמה, אָבער זעהר שוואַכע בירגער. צו די גריכען, אַרמעניער און קריסטען פון אַנ׳אַנדער סעקטע האָבען די סולטאַנען נישט געהאַט קיין צוטרוי, צוליעב דער אָנגעשטרענגטער בעציהונג צווישען זיי און די קריסטליכע מלוכות. אין די אויגען פון די סולטאַנען זענען דאָס געווען שפּיאָנען און פעררעטער. דאַגעגען אויף דער געטרייהייט, עהרליכקייט און זיכערקייט פון די אידען האָבען די סולטאַנען געקאָנט זיך פעסט פערלאָזען. זיי זענען דעריבער געווען די סוחרים און די בירגער אין דער טערקיי. נישט בלויז דער קליין- און גרויס-האַנדעל, אויף דער יבשה און אויף די ימים, איז געווען אין זייערע הענדע, נור אויך די מלאכות און די קונסט. די אַנוסים, וועלכע זענען ענטלאָפען פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל קיין טערקיי און געוואָרען צוריק אידען עפענטליך, האָבען דאָרט פערפערטיגט פאַר דער טערקיי דאָס בעסטע געוועהר: פּאַנצערען, שווערדען, ביקסען, קאַנאָנען; זיי האָבען פערפערטיגט פאַר זיי אויך פּולווער און געלערנט די טערקען, ווי אזוי צו שיסען פון די קאַנאָנען, וועלכע זענען נאָך דאַמאָלס געווען אַ נייע זאַך אין דער מיליטערישער קונסט. אַזוי אַרום האָט די קאַטוילישע קירכע דורך די רדיפות אויף אידען בידים געלערנט די

פיינד פון קריסטענטום, די טערקען קעמפפען געגען איהם מיט געוועהר אין די הענד און געבען מיט דער צייט די גרעסטע קלעפ די קריסטליכע פעלקער און מלוכות. — בעזונדערס בעליעבט זענען געוואָרען אין דער טערקיי די אידישע מעדיקער, געשיקטע תלמידים פון דער מעדיצינישער הויכשולע אין סאַלאַמאַנקאַ, און צוליעב זייער געשיקטקייט און הויכער בילדונג, צוליעב פערשוויגענהייט און קלוגשאַפט האָט מען זיי זיך בעסער אָנגעטרויט איידער די קריסטליכע, אפילו איידער די מחמד'אַנישע דאָקטוירים. די אידישע דאָקטוירים, על פי רוב ספרדים, האָבען בעקומען אַ גרויסען איינפלוס אין הויף פון סולטאַן און פון די פאַשאַ'ס.

דער סולטאַן סעלים I האָט געהאַט א לייב-דאָקטאָר, דעם ספרדישען אידען יוסף המון; זיין זוהן און איניקעל האָבען פערנומען די זעלבע שטעלע איינער נאָכ'ן אַנדערען. זיין זוהן, משה חמון (געבוירען 1490, געשט. 1565), לייב-דאָקטאָר ביים קלוגען סולטאַן סוליימאַן, איז נאָך געווען אַ גרעסערער חשוב ביים סולטאַן און זיינע שרים, ווי זיין פאָטער, צוליעב זיין געשיקליכקייט און מוטיגען אַרויסטרעטען. ער פלעגט בעגלייטען דעם סולטאַן אין זיינע מלחמות. פון פערסיען וואוהין ער האָט בעגלייט דעם סולטאַן אויף זיין טריאומף-צוג, האָט משה המון געבראַכט אַ געלעהרטען רבי יעקב טאוס, וועלכער האָט איבערזעצט דעם חומש אין פערסיש; די דאָזיגע איבערזעצונג האָט ער שפעטער געלאָזט דרוקען אויפ'ן איינענעם חשבון צוזאַמען מיט אַ כאלדעאישע און אַנ'אַראַבישע איבערזעצונגען (1535) — משה המון איז געווען בעקאַנט אַלס בעשיצער פון אידישען פאָלק און שטיצער פון יודענטום.

אין דער הויפטשטאָדט קאָנסטאַנטינאָפאָל איז געווען זעהר אַ גרויסע אידישע קהלה, וועלכע איז געוואקסען פון טאָג צו טאָג א דאנק די נייע מיטגלידער, וועלכע זענען צוגעקומען פון די ספרדישע אידען. צו יענער צייט איז די קאָנסטאַנטינאָפאָלער קהלה שוין געווען די גרעסטע אין אייראָפּאַ. דען זי איז בעשטאַנען פון דרייסיג טויזענד נפשות. זי האָט געהאַט פיער און צוואנציג שוהלען און אויך אזוי פיעל בעזונדערע קהלות, דען די געקומענע אידען האָבען זיך געהאַלטען גרופּעס-ווייז, לויט דער מדינה, אָדער שטאָדט, פון וואַנען זיי זענען געקומען; יעדער גרופּע האָט זיך אויך געהאַט איהרע מנהגים, איהר רב אז"וו. יעדע גרופּע פלעגט איינטיילען די שטייערען פון דער קהלה צווישען איהרע מיטגלידער זעלבסטשטענדיג און נישט בלויז פאַר איהר קולט, איהרע קהלה-בעאַמטע, איהרע צדקות, איהרע שפּיטאָלען און שולען און אפילו אויך איהרע שטייערן פאַר דער מלוכה.

אין דער ערשטער צייט האָבען, נאַטירליך, יענע אידען, וועלכע זענען געווען אין דער מעהרהייט, געהאַט די ממשלה איבער די איינגעוואַנדערטע. נאָכ'ן טויט פון רב-הכולל רבי משה קפסאלי, האָט פער-

נומען זיין שטעלע רבי אליהו מזרחי, וועלכער האָט, ווי עס שיינט, געשטאַמט פון אַנ'איינגעוואַנדערטער משפחה פון גריכענלאַנד און איז געזעסן אין דער רעגירונג פון די סולטאַנען סעלים I און סוליימאַן I אויך מיטגליד פון מלוכה-ראַט, ווידער פריהערדיגער רב-הכולל, אַלס אָפיציעלער פערטרעטער פון די טערקישע אידען. רבי אליהו מזרחי (געבוירען 1455, געשט. 7—1525) איז געוועזן אַ תלמיד פון די אשכנזישע ישיבות און דעריבער אַ טיפער למדן און אַ גרויסער ירא-שמים. קיין שונא פון די וויסענשאַפטען איז ער אָבער כלל נישט געוועזן. אין דער יוגענד האָט ער געפיהרט אַ שאַרפע פּאָלעמיק געגען די קאַראַימען און טערקיי; שפּעטער אָבער איז ער געוואָרען פיעל מילדער געגען די און איז אַפילו אַרויסגעטראָטען פון זייערטוועגען געגען די פאַנאַטיקער. איינעגע פאַנאַטיקער פון דער אַפּולישער קהלה, וואָס האָט געלעבט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבען נעמליך געוואָלט אויף אַ גוואַלדזאַמען אופן מאַכען אַ פירוד צווישען די רבנישע אידען און די קאַראַימען. פערזאַמלענדיג די מיטגלידער פון זייער קהלה, האָבען זיי מיט אַ ספר-תורה אַריינגעלעגט אין חרם, וואָס וועלען לערנען תורה, תנ"ך אָדער גמרא, מיט די קאַראַימען, אָדער אפילו אויך וועלטליכע וויסענשאַפטען, ווי מאַטעמאַטיק, נאַטור-געשיכטע, לאָגיק און מוזיק. זיי האָבען אויך פערבאָטען תלמודישע אידען צו זיין משרתים אין די הייזער פון די קאַראַימען. דער גרעסטער טייל פון דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער קהלה איז אָבער געווען אונצופרידען מיט דעם דאָזיגען שטרענגען חרם; בעזונדערס שטאַרק האָבען מתרעם געווען די מלמדים, וועלכע האָבען דאדורך פערלוירען פיעל תלמידים. ס'איז אויפגערופען געוואָרען אַנ'אסיפה-רבה אין שוהל, צו פראָטעסטירען געגען דעם חרם. אָבער די אַפּוליער האָבען אַריינגעבראַכט אין שוהל אַ חבריא ווילדע יונגען מיט שטעקענס און זיי האָבען צוטריבען די פערזאַמלעטע, און דער חרם, וואָס עס האָט געלעגט אַ קליינע מינדערהייט האָט געזאָלט ווערען אַ חוב פאַר אַלע מיטגלידער פון דער גרויסער קהלה, דאַן איז אָבער אַרויסגעטראָטען רבי אליהו מזרחי געגען דעם חרם און מבטל געמאַכט איהם, ערקלערענדיג אויך, אַז בכל אופן איז ער נישט חל אויף די נור-וואָס אָנגעקומענע אידען, ווי אויך אויף די אידען, וואָס וועלען ערשט קומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

די טערקישע אידען האָבען אין יענער צייט אויך געהאַט אַ געוויסע פּאָליטישע פערטרעטונג אין דער פערזאָן פונ'ם קהיא (Kahija) וואָס הייסט: „שתדלן". דער שתדלן האָט געהאַט דאָס רעכט פאַרצושטעלען זיך דעם סולטאַן און די שרים און זיין שטעלע איז געווען אָפיציעל בעשטעטיגט. אונטער דעם סולטאַן סוליימאַן איז שתדלן געווען איינער שאַלתיאל, וועלכער ווערט געשילדערט אַלס עדעלער און געבילדעטער מאַן. ביי יעדער אונגערעכטיגקייט געגען די אידען און געוואַלדטהעטיגקייט, וועלכע האָט געקאָנט לייכט פאָרקומען ביי דער גרויסער גדלות פון דער טערקישער בע-

פעלקערונג געגען די נישט-מחמדאנער, אידען אדער קריסטען, ביי דער ווילקירליכקייט פון די פראווינציעלע פאשא'ס און דעם פאנאטיזם פון די גריכען און בילגארען — פלעגט דער שתדלן שאלתיאל ארויסטרעטען מיט אנקלאגען אין הויף פון סולטאן און, פאר געהעריגע מתנות, פלעגט ער פועל זיין, אז מען זאל די אונגערעכטיגקייטען געגען די אידען אבשטעלען.

די צווייטע גרויסע אידישע קהלה אין דער טערקיי איז געווען סאלאניקי, אנ'אונגעזונדע שטאדט, וועלכע האט אבער צוגעצויגען פיעל ספרדישע אידען צו בעזעצען זיך דארט. באלד זענען דארט אויסגעוואקסען, לפחות, צעהן אידישע גרופעס, אדער קהלות, על פי רוב, ספרדישע; שפעטער האט זיך די צאל פון די סעפאראטיווע קהלות פערגרעסערט אזש ביז זעקס און דרייסיג. סאלאניקי איז געווארען בכלל א אידישע שטאדט, וואו די צאהל פון די אידישע איינוואוינער איז גרעסער געווען פון די נישט-אידישע. דער דיכטער רבי שמואל אושקי ריהמט די סאלאניקער קהלה, אלס א עיר ואם בישראל פערפלאנצט מיט די שענסטע בלומען און פרוכטבוימער, ווי מען קאן דאס נישט געפינען אין דער גאנצער וועלט. דאס רוב געררודפ'טע אידען סיי אין איירופא, סיי אין אנדערע לענדער, האבען דארט געפונען א מקום-מנוחה, און די קהלה נעהמט אלעמען אויף מיט ליעבע און רחמנות, ווי זי וואלט געווען אונזער געליעבטע און געעהרטע מוטער ירושלים". — אין קורצען האבען די ספרדישע אידען אויך דא פערנומען די הערשענדע שטעלע אפילו אויך איבער דער פריהערדינער אלטער קהלה, און די שפאנישע שפראך איז געווארען די אלגעמיינע אין סאלאניקי. דא האט זיך בעזעצט רבי יהודה בנבנשתי (בענוועניסטע), אנ'אייניקעל פונ'ם מיוחס רבי אברהם, וועלכער האט פון זיין גרויסען פערמעגען אין שפאניען געקאנט ארויסראטעווען אזוי פיעל, אז ער האט געקאנט איינארדנען זיך זעהר א רייכע ביבליאטעק. ער איז געווען דער מיטעלפונקט, ארום וועלכען עס האבען זיך פערזאמעלט פיעל געליטענע אידען. צווישען די לומדים האבען זיך דארט אויסגעצייכענט די גרויסע משפחה פון תלמידי-חכמים טאיטאזאק און רבי אבן חביב (דער צוזאמענשטעלער פון בעוואוסטען „עין יעקב"). אויך מיט פילאסאפיע און אסטראנאמיע האבען זיך דארט אבגעגעבען די ספרדישע אידען. אבער די הויפט-בעשעפטיגונג איז געוועזען די קבלה, וועלכע די ספרדישע אידען האבען אריינגעבראכט, נעמליך: רבי יוסף טאיטאזאק און רבי שמואל פראנקו. מיט דער צייט זענען צפת און סאלאניקי געווארען אויך די מיטעל-פונקטען פאר די בעלי-מקובלים.

אויך אין קליין-אזיען האבען די ספרדישע פערטריבענע זיך בעזעצט זעהר פיעל אין די שטעדט אמאזיא, ברוסא, טריא און טאקאט. אנגעזעהענע ספרדישע קהלות האבען זיך איינגעארדענט אין גריכענלאנד. אין פאטראס, נעגראפאנט און טהעבען זענען געווען היבשע

קהלות, צווישען וועלכע די לעצטע האָט שטאַרק גע'שם'ט מיט איהרע לומדים.— אַנ'אָנגעזעהענע קהלה איז געווען אין קאַנעאַ אויף דער אינזעל קאַנדיא (קרעטא) וועלכע האָט געהערט דאַמאָלס צו ווענעדיג. דאָרט האָבען געלעבט צוויי בעריהמטע געזאָרענע משפחות. די דעלמעדיגאָ'ס און די קאַפּסאַלי'ס; די ערשטע — קרובים און זיהן פונ'ם בעוואוסטען פילאָזאָף דעלמעדיגא און די צווייטע — קרובים פונ'ם פריהערדיגען רב-הכולל אין טערקיי.

רבי אליהו קאַפּסאַלי (געבוירען 1490, געשט 1555) איז געווען אַ טיעפער למדן אין דער געשיכטע. ווען די מגפה האָט איינמאַל בעזוכט די אינזעל קאַנדיא, און פיעל מענשען זענען אויסגעשטאָרבען, איבערלאָזענדיג די קהלה אין טיעפען טרויער, האָט ער מחבר געווען (1523) אַ געשיכטע פון דער טערקישער דינאַסטיע אין זעהר אַ שעהנעם העברעאיש „כדי די בעפעלקערונג זאָל זיך צערשטרייען, לעזענדיג און נישט אריינפאַלען אין מרה-שחורה". קאַפּסאַלי האָט געשטרעבט נור דעם אמת צו דערצעהלען. אין זיין „געשיכטע" האָט ער אויך אריינגעפלאָכטען די אידישע געשיכטע און געשילדערט אין זעהר טראַגישע פאַרבען די לאַגע פון די פערטריבענע אידען פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, לויט ווי ער האָט די ידיעות ערהאַלטען פון פערזאָנען, וועלכע האָבען אַליין איבערגעלעבט די שרעקליכע געשעהענישען. דאָס ווערק האָט געדיענט פאַר פיעל שריפטשטעלער פאַר אַ מוסטער מיט זיין קלאָרער און שעהנער שפּראַך.

אין איטאַליען האָט עס דאַמאָלס געשווירבעלט פון די שפּאַנישע ענטלאָפענע אידען. כמעט דאָס רוב אַרויסגעטריבענע, אָדער ענטלאָפענע אידען פון שפּאַניען, פּאָרטוגאַל און דייטשלאַנד זענען צוערשט געקומען אין איטאַליען, כדי דאָרט צו בעזעצען זיך, אָדער פון דאָרט צו געהן קיין גריכענלאַנד, טערקיי און ארץ-ישראל. מערקווירדיג, אַז די דאַמאָלסדיגע פּויפּסטען האָבען זיך אַרויסגעוויזען זעהר פריינדליך פאַר די אידען: אַלעקסאַנדער VI, יוליוס II. לעאָ X און קלעמענס VII — די אַלע דאָזיגע פּויפּסטען זענען געווען צו-פיעל פערטראָגען אין זייערע פערזענליכע פערגעניגענס און וועלטליכע ענינים, אַז זיי זאָלען זיך וועלען אָבגעבען מיט'ן רודפ'ן אידען. זיי און זייערע קאַרדינאַלען האָבען געשעצט די גלחישע געזעצען נור אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי האָבען געקאָנט מיטהילפען צו דערהויבען זייער וועלטליכע מאַכט און בערייכערען זייער קאַסע. פערגעסענדיג אינגאַנצען אָן דעם בעשלוס פונ'ם באַזעלער קאָנסיליום, אַז מען זאָל נישט נוצען קיין אידישע דאָקטוירים, האָבען די דאָזיגע פּויפּסטען און קאַרדינאַלען אויסגעקליבען פאַר זיך דוקא נור אידישע דאָקטוירים. ווי עס שיינט האָט מען עס געטהון צוליעב זעהר אַ וויכטיגער סבה: צוליעב די שענדליכע מחלוקות און אינטריגעס, וועלכע די פּויפּסטען און די קאַרדינאַלען האָבען געפיהרט פון דער צייט פונ'ם פּויפּסט אַלעקסאַנדער VI, ווען מען האָט זיך נישט אָבגעהאַלטען אפילו

פון אנצוווענדען סם געגען א געגנער, האבען די אלע דאזיגע הייליגע לייט פארט מורא געהאט אנצוטרויען זייער לעבען א קריסטליכען דאקטאר, ווייל זיי האבען זיך געשראקען, אז ער וועט זיך לאזען אונטערקויפען דורך א געגנער צו פערסמ'ען זיי. פאר א אידען האבען זיי אין דער הינזיכט קיין מורא נישט געהאט, ווייל די עהרליכקייט פון די אידישע דאקטוי־רים איז געווען איבער יעדען ספק. דער פויפסט אלעקסאנדער VI, האט געהאט ביי זיך א אידישען דאקטאר באנעט דע לאטיש, וועל־כער האט אויסגעוואנדערט פון פראוואנס און איז געווען אויך א טיפער קענער אין אסטראנאמיע; ער האט מחבר געווען אין לאטייניש אנ'ער־קלערונג צו זיין „אסטראנאמישען רינג" און געווידמעט איהם דעם פויפסט, וועלכען ער לויבט, נאטירליך, אין הימעל אריין. באנעט דע לאטיש איז שפעטער אויך געווען לייב־דאקטאר ביים פויפסט לעא X און גע־האט אויף איהם א גרויסען איינפלוס. דער פויפסט יוליוס II האט געהאט א אידישען לייב־דאקטאר רבי שמעון צרפתי. בכלל האט מען די אי־דישע דאקטוירים דאמאלס געהאלטען זעהר חשוב אין איטאליען און אלע האבען זיך ביי זיי בעזונדערס קורירט. — רבי אברהם דע באלמעש (געשט. 1521 לייב־דאקטאר פון קארדינאל דאמעניצי גריצימאני איז געווען א גוטער קענער אין דער פילאזאפיע אין וועלכער ער האט מחבר געווען א העברעאישען ספר און א קריסט האט איהם געלאזט דרו־קען צוגלייך מיט א לאטיינישער איבערזעצונג. אין יענער צייט האט אין איטאליען אויך געלעבט דער חכם רבי יהודה דע בליינים. רבי עובדיה ספורנו (געב. 1470, געשט. 1550 Servadus de Sforno וועלכער האט פראקטיצירט אלס דאקטאר אין רוים און באלאניא, אבער אויסער דער מעדיצין האט ער זיך אויך בעשעפטיגט מיט פילאזאפיע און שרייבען א פירוש צום תנ"ך. אייניגע פון זייגע העברעאישע ספרים מיט א לאטיינישער איבערזעצונג האט ער געווידמעט דעם קעניג היינ־ריך II פון פראנקרייך. אלס מעדיקער איז אבער געשטאנען העכער פאר זיי אלעמען דער שפאנישער איד יעקב מאנטין, וועלכער איז פון טאר־טאזא פערוואָרפען געווארען קיין איטאליען און דארט פיעל אויפגעטהון אלס מעדיקער און פילאזאף, איבערלאזענדיג נאך זיך א בערימטען נא־מען. מאנטין (געבוירען 1490, געשט. 1549) האט געקענט זעהר פייל שפראכען, דען אויסער שפאניש און העברעאיש האט ער געקענט גוט לאטייניש, איטאליעניש און אראביש. ער האט איבערגעזעצט מעדיציני־שע אדער מעטאפיזישע ביכער פון העברעאיש און אראביש אין לאטייניש. אלס לייב־דאקטאר איז ער געווען א גרויסער חשוב ביים פויפסט, ביי דעם געזאנדטען פון קייזער קארל V אין וועגעדיג און ביים פירשט הערקו־לאגאנצאגא. אין פילאזאפיש ווערק, וואס ער האט איבערזעצט פון אראביש, האט ער געווידמעט דעם וועגעציאנישען דאזש אנדרעאש גריטי.

רבי אברהם פריצול אָדער פּאַריסאָל (געבוירען 1451, געשטאָ 1525) פון אביניאָן (אין פראַנקרייך) איז געווען דער ערשטער אידישער שריפטשטעלער אין מיטעלאַלטער, וועלכער האָט זיך בעשעפטיגט נישט בלויז מיט'ן הימעל, נור אויך מיט דער ערד; אַנשטאָט אַסטראָנאָמיע און אַסטראָלאָגיע האָט ער זיך בעשעפטיגט מיט געאָגראַפיע, זייענדיג געוועקט דערצו דורך די ענטדעקונגען פון וועג קיין אינדיען מיט'ן ים אָקיאַניוס און אַמעריקא. פריצול איז געווען אַ חשוב אין הויף פון הערצאָג פון פעררארא, ערקאָלאַ ד'עסטע I — איינער פון די בעסטע פירשטען פון איטאַליען, אַ גרויסער ליעבהאָבער פון דער וויסענשאַפט. דער הערצאָג האָט געהאַט גרויס פערגעניגען צו שמועס'ן מיט פריצול און פלעגט איהם אָפט איינלאַדען צו דיספּוטירען איבער רעליגיעזע פראַגען מיט געלעהרטע מאָנאַכען.

דורכ'ן איינפלוס פון די אידישע דאָקטוירים און בכלל געבילדעטע אידען, האָבען די שפּאַנישע און דייטשלענדישע אידען אפילו אויך די אַנוסים, וועלכע זענען צוריק געוואָרען עפענטליך אידען, בעקומען פיעל פרייהייטען אין צפון-איטאַליען. די בעדייטענדסטע אידישע קהלות אין איטאַליען האָבען זיך איינגעאָרדענט און פערגרעסערט דורך די אָנגעקומענע אידען פון דער פרעמד. אין ווענעדיג, וואו עס האָט געהערשט די עגאָאיסטישע רעפּובליק איז צווישען די סענאַטאָרען נישט געווען קיין אחדות אין דער פראַגע וועגען די אידען: איינינע האָבען גע-טענה'ט, אַז מען טאָר נישט איינרייסען מיט אידען, ווייל מען קאָן דאַדורך פערלירען די גרויסע קונדשאַפט פון די אידישע סוחרים אין פערשידענע לענדער; אַנדערע סענאַטאָרען האָבען אָבער נישט געקאָנט צוקוקען רוהיג אויף דער אידישער עשירות און זייער הצלחה אין מסחר, און דעריבער איז די בעציהונג פון דער רעפּובליק צו די אידען נישט געווען קיין בע-שטימטע: טיילמאָל, ווען די ערשטע מיינונג האָט געזיעגט, האָט מען די אידען מקרב געווען און, ווען עס פלעגט מנצח זיין די אַנדערע, פלעגט מען זיי רודפ'ן. פון אלע איטאַליענישע שטעדט האָט ווענעדיג די ערשטע איינגעפיהרט אַ געטאָ פאַר די אידען (מע"ז 1516).

דורכשניטליך האָבען די איינגעוואַנדערטע אידען אין איטאַליען, צי ספרדים, צי אשכנזים, איבעראַל בעקומען די אויבערהאַנד איבער די אָר-טיגע אידען. אַ בעדייטענדע ראָליע האָט געשפּיעלט אין איטאַליען די משפחה אברבנאל. דאָן יצחק אברבנאל, דער פּאַטריאַרך פון דער גרויסער משפחה איז געשטאָרבען אַ זקן, נאָך איידער די פעסטע בעציהונ-גען האָבען זיך איינגעאָרדענט; זיין עלטערער זוהן יהודה לעאָן מעדיגא האָט אויך געהאַט נישט בעזונדערס קיין גרויסען איינפלוס אין זיין קרייז. ער איז געווען דערצו צופיעל פילאָזאָף, טרוימער און אידעאַליסט, אַ דיכטערישע נאַטור, וועלכע האָט זיך נישט גערן אָבגעגעבען מיט די ענינים פון עולם-הזה. אַ גרויסען איינפלוס האָט אָבער בעקומען זיין איננ-

סטער ברודער, רבי שמואל אברבנאל (געבוירען 1473, געשט. 1550). ער האט געהערט צו די אנגעזעהענסטע מענשען אין איטאליען אין יענער צייט, און די אידען האבען זיך צו איהם בעצויגען מיט'ן גרעסטען רעספעקט, ווי צו א נשיא פון אידישען פאלק. ער איז געוועזען דער איינציגער אונטער זיינע ברידער, וועלכער האט גע׳ירש׳נט זיין פאטער'ס פינאנציעלען גייסט און, ווי עס שיינט, האט ער באלד נאך זיין קומען צוריק פון דער ישיבה אין סאלאניקי זיך אנגעהויבען בעשעפטיגען מיט פינאנציעלע ענינים און געווארען ביים וויצעקעניג פון נעאפאל, דאן פעדרא דע טאלעדא, הויפט-פערוואלטער פון די פינאנסען. ער האט זיך ערווארבען אין נעאפאל זעהר א בעדייטענדען פערמעגען, וועלכען מען האט געשאצט אויף צוויי הונדערט טויזענד צעכינען. זיין עשירות האט ער פערווענדעט אויף צו בעפרידיגען די הויפט-בעדערפניש פון זיין משפחה און צו טהון צדקה מיט אלע בעדערפטיגע. דער דיכטער רבי שמואל אושקי שילדערט איהם אויף זיין שטייגער, מיט דער אויפגעבלאזענער מליצה-שפראך, אין פאלגענדע ווערטער: „שמואל אברבנאל פערדינט דריי מאל דערמאנט צו ווערען. ער איז גרויס אין דער תורה גרויס אין יחוס און גרויס אין עשירות. מיט זיין געלד איז ער שטענדיג וואוילטעטיג, — אנ'אמת'ע ישועה פאר'ן עלענד פון זיין פאלק. יתומות אהן צאהל מאכט ער התונה, בעדערפטיגע שטיצט ער אונטער, בעמיהט זיך געפאנגענע אויסצולייזען (פדיון שבוים) — אזוי ארום האט ער אלע מדות פאר וועלכע ער איז ראוי, אז די נבואה זאל אויף איהם רוהען".

ער איז אויך געבענשט געווארען מיט א זעלטענער פרוי. דאנא בענווענידא אברבנאלה איז געוועזען א טיפ פון אנ'עכטער אידישער עקרת-הבית, א צנועה און א צדקניות, א פיין-פילענדע און א טיעף-פרומע, דערצו אויך קלוג, מוטיג און געבילדעט, מיט'ן פיינסטען טאן פון דער הייכער אייראפעאישער געזעלשאפט. דער שפאנישער וויצעקעניג פון נעאפאל דאן פעדרא, האט זיין טאכטער לעאנארע בכיון צוזאמענגעפיהרט מיט פרוי בענווענידא אברבנאלה, כדי זי זאל אין איהר געזעלשאפט זיך אויסבילדען און בעקומען א פיינעם טאן. און ווען לעאנארע איז שפעטער געווארען הערצאגין פון טאסקאנא האט זי זיך נאך אלץ נישט געשיידעט פון דער קלוגער פרוי און פלעגט איהר רופען: „מוטער!" דאס דאזיגע פאר-פאלק, דאן שמואל און דאנא בענווענידא זענען געוועזען דער שטאלץ און די שטיצע פון די איטאליענישע אידען. דאס הויז פון שמואל אברבנאל איז געווארען א צענטר פאר אידישע תורה און חכמה אין דרום-איטאליען. אויך קריסטליכע חכמים פלעגען זיך אפט פערזאמלען דארט.

ווערענד אין איטאליען האבען די אידען דאמאלס געהאט א געוויסע מאס פון פרייהייט, האט פון יענער זייט אלפען און דייטשלאנד געבלאזען א קאלטער, שניידענדער ווינד פון פאנאטיזם און רשעות. די דייטשען זענען דאמאלס געוועזען נישט וועניגער פיינדליך צו די אידען, ווי די שפא-

ניער. פון איינינע געגענדען האט מען זיי שוין געהאט ארויסגעטריבען, ווי, למשל, פון די געגענדען מאינץ, קעלן און אויגסבורג; אין גאנץ שוואבען איז שוין דאמאלס נישט געווען קיין אידישער נפש. פון אנדערע געגענדען האט מען זיי געהאט פערטריבען אין דערזועלבינער צייט, וואס פון שפאניען. דער קייזער פרידריך III פלעגט זיך אפילו יא אננעהמען פאר די אידען כל ימיו; ער האט אויך געהאט ביי זיך א אידישען לייב־דאקטאר — בכלל א זעלטענהייט אין דייטשלאנד — דעם געלעהרטען יעקב בן יחיאל לואנס (Loans) פאר וועלכען ער האט זיך ארויסגעוויזען זעהר גנעדיג און דערהויבען איהם צום ריטער. פאר'ן טויט זאל דער קייזער, ווי מען זאגט, האבען געלאזען צואה זיין זוהן, אז ער זאל זיך בעציהען פריינדליך צו די אידען, בעשיצען זיי און ניט גלויבען די מסירות אויף זיי, ווייל ער — פרידריך — האט זיך פאלקאמען איבערצייגט, אז אלע אזעלכע מסירות זענען פאלש. ווי עס שיינט איז דער אידישער לייב־דאקטאר פערבליבען אויף זיין שטעלע אויך ביים קייזער מאקסימיליאן, וועלכער האט איבערגענומען די דייטשע רעגירונג אין זעהר א שווערער צייט און לאגע, דען דער קייזער האט בעשטימט דעם דאקטאר'ס קרוב, רבי יוסיל לואנס פון ראזענהיים פאר אנ'אפיציעלען שתדלן, אדער פאר א פערטרעטער, פערטיידיגער און בעשירמער פון די אידען, געבענדיג איהם ביי דער בעשטימונג א שבועה, ווי מען גיט עס אלע מלוכה־בעאמטע.

דער קייזער מאקסימיליאן איז אבער נישט געווען קיין שטארקער האראקטער; ער איז פיעל מעהר נוטה געווען אונטערצופאלען א פרעמדען איינפלוס און אויסהערען אלערליי רכילות און מסירות. דער עצה פון זיין פאטער בנוגע צו די אידען האט ער נישט תמיד געפאלגט. טיילמאל פלעגט ער די אידען בעשיצען אדער, וועניגסטענס, מבטיח זיין זיי צו בעשיצען; טיילמאל אבער פלעגט ער אליין מיטווירקען ארויסצוטרייבען פון א געוויסען קאנט, אדער צו ערנידריגען זיי. ער האט געגלויבט אלע פאלשע מסירות מצד די דאמיניקאנער, אז די אידען שענדען די האסטיע, אז זיי ברויכען קריסטליך בלוט א. א. וו. און דעריבער זענען אין זיין רעגירונג פארגעקומען נישט בלויז גירושים אין דייטשלאנד גופא און אין די ארומיגע לענדער, נור אויך אנפאלען און הריגות על קדוש השם. די מיתות על קדוש השם זענען געווארען אין דייטשלאנד אזא געוועהנליכע ערשיינונג, אז די פרומע אידען האבען דאסמאל אפילו מתקן געווען א בעזונדערען נוסח פון וידוי פאר די אידען, וועלכע גרייטען זיך צו שטארבען ווי די קדושים.

באלד נאך זיין ארויפשטייגען אויפ'ן טראהן, האבען די נירענבערגער בירגער געבעטען ביי'ם קייזער, אז ער זאל זיי ערלויבען ארויסצוטרייבען די אידען, צוליעב זייער „שלעכטער אויפפיהרונג". אין וואס איז בעשטאנען די „שלעכטע אויפפיהרונג" האבען זיי

פאָרמולירט אין זייער אָנקלאַגע: „די אידען נעהמען אַריין פרעמדע געקומענע אידען און פערגרעסערן דאַדורך זייער צאָהל, זיי נעהמען גרויסע פּראָצענטען און מאָהנען אויף חובות מיט אָבנאַרעריי, מיטברענגענדיג דאַדורך די פעראָרעמונג פון די קריסטליכע בעלי-מלאכות, און, ענדליך, אַז זיי נעהמען אויף ביי זיך אַלערליי פערדעכטיגע און שלעכטע מענשען. — כדי צו פערשטאַרקען די שנאה געגען די אידען, האָט דער דייטשער בירגער, אַנטאָניוס קאָבערגער געלאָזט אַרויסגעבען אויף זיין חשבון דאָס גיפטיגע ווערק געגען אידען פונ׳ם שפּאַנישען פראַנציסקאַנער מאָנאַך אַלפאָנזאָ דע ספינא, כדי צו פערפעסטיגען די געבילדעטערע קלאַסען, דאָס הייסט די וואָס פערשטעהען לאַטיין, אינ׳ם געדאַנק, אַז די אידען זענען גאָטעס לעסטערער, האָסטיע-שענדער און קינדער-מערדער. נאָך לאַנגע בקשות און בעטען האָט דער קייזער מאַקסימיליאַן ערקלערט, אַז „צוליב דער געטרייהייט, וואָס די שטאָדט נירענבערג האָט אַרויסגעוויזען דעם קייזערליכען הויז", איז ער מבטל די שוץ-פּריווילעגיעס פון די נירענבערגער אידען און ערלויבט דעם ראָט פון דער שטאָדט, צו בעשטימען אַ טערמין, ווען די אידען זאָלען פון שטאָדט אַרויסגעהען, נאָר וואָס ער פאָדערט, אַז די אידישע הייזער, נחלאות, שוהלען און אפילו בתי-עלמינ׳ס זאָלען געהערען דער קייזערליכער קאָנפיסקאַציע. דערביי האָט ער נאָך געגעבען דער שטאָדט נירענבערג דאָס פּריווילעגיום, אַז זיי זאָלען מעהר קיינמאָל נישט מוזען אַריינלאָזען אידען אין שטאָדט. (5 יולי 1499). — נאָר פיער חדשים צייט האָט דער שטאָדט-ראָט תחילת בעשטימט פאַר די אידען צו מאַכען די הכנות צום אויסוואַנדערן. ווען די אידען האָבען אָנגעהויבען בעטען רחמנות, אַז מען זאָל זיי לפּחות געבען אַ לענגערען טערמין, האָבען זיי קוים, קוים געפּועל׳ט, אַז דער טערמין זאָל פערלענגערט ווערען אויף נאָך דריי חדשים. דערביי אָבער האָבען די ריכטער געלאָזט פערזאַמלען אַלע אידען אין שוהל אַריין און געצוואונגען זיי צו שווערען, אַז ביז יענער צייט וועלען זיי בעשטימט אויסוואַנדערן. ענדליך האָט די קהלה פערלאָזען די שטאָדט נירענבערג (10 מערץ 1499), וואו זיי האָבען זיך געהאַט בעזעצט מיט הונדערט און פופציג יאָהר פריהער, נאָך דער שוואַרצער מגפה.

אין דער זעלבער צייט האָט מען אויך אַרויסגעטריבען די אידען פון אַנדערע דייטשע שטעדט, נעמליך: פון אולם, נערדלינגען, קאָלמאַר און מאַגדעבורג. נאָך ערגער האָט געהאַט די דאַמאָלסדיגע עלטסטע אידישע קהלה אין דייטשלאַנד: רעגענסבורג, וואו די אידען האָבען זיך שוין אליין געהאַט מכין געווען אויסצוּוואַנדערן. זינט די בירגער פון רעגענסבורג האָבען געהאַט צו ליידען פון קייזער פרידריך ערנידערונג און געמוזט אויך שטראָף בעצאָהלען פאַר זייער פאַלשער אָנקלאַגע אויף די אידען דורך אַנ׳עלילת דם, איז די נישקשה׳דיגע בעציהונג צווישען די אידען און די קריסטען געוואָרען וועהר אַ שלעכטע, די שנאה צו

אידען האָט אָנגעהויבען וואַקסען פון טאָג צו טאָג. די גלחים האָבען אָהן אויפהער געהעצט דאָס פאָלק געגען די אידען, און ס'איז ענדליך געקומען אַזוי שלעכט, אַז די מילנער האָבען נישט געוואָלט פערקויפען די אידען קיין מעהל, די בעקער — קיין ברויט (1499). די קריסטען האָט מען פערבאָטען „ביי דער ערנסטער בעשטראָפונג דורכ'ן שטאָדט - ראַט", צו מאַכען פאַר די אידען איינקויפונגען און אָנגעזאָגט, אַז „יעדער זאָל האָבען אין האַרצען גאָטס כבוד און דאָס אייגענע עולם־הבא" און זיין גרויזאַם געגען די אידען. דער שטאָדט־ראַט האָט זיך שוין געהאַט בעשעפטיגט ערנסט מיט דער פראַגע וועגען אַרויסטרייבען די אידען און געוואָלט בעטען וועגען דעם אַנ'ערלויבניש, איבערלאָזענדיג אין שטאָדט פון דער גאַנצער קהלה נאָר פיער און צוואָנציג משפחות. נור נאָך עטליכע יאָהר האָבען די אידען אין רעגענסבורג געקאָנט פיהרען אַנ'עלענד לעבען. בסך הכל זענען דאַמאָלס אין דייטשלאַנד געבליבען נאָר דריי גרויסע קהלות: רעגענסבורג, פראַנקפורט אם מאַין און וואָרמס (ווירמייזאָ), אויף וועלכע ס'האָט אָבער אויך געשוועבט די שרעק פון גירוש.

אין פראָג האָבען דאַמאָלס אפילו יאָ געוואוינט פיעל אידען, אָבער די דאָזיגע שטאָדט האָט נישט געהערט אייגענטליך צו דייטשלאַנד, נאָר צו אַ קרוין־לאַנד, איבער וועלכען עס האָט געוועלטיגט לאַדיסלאַוס, וועלכער איז אויך געווען קעניג פון אונגאַרן. די בעהמישע אידען האָבען אונטער'ן דאָזיגען קעניג געהאַט נישט בעסער ווי די אידען אין דייטשלאַנד. אין פראָג פלעגען די קריסטען אָפט מאַכען אָנפאַלען אויף די אידישע גאַסען. די בירגער האָבען דורכאויס פערלאַנגט, אַז מען זאָל די אידען אַרויסטרייבען פון בעהמען. די אידען האָבען אָבער אויך געהאַט זייערע בעשיצער — די פריצים. ווען מען האָט איינמאָל דערוועקט אויפ'ן סיים (לאַנדטאַג) די פראַגע, אויב מען זאָל די אידען אַרויסטרייבען, איז דורכגעגאַנגען (7 אויגוסט—כ"ג אלול 1501) דער בעשלוס, אַז די אידען זאָלען „אויף אייביגע צייטען" בלייבען אין בעהמען; אויב אַ איד וועט זיך פערזינדיגען געגען דעם געזעץ, זאָל מען איהם אַליין בעשטראָפען, אָבער אַלע אידען דאַרפען פון זיינטוועגען נישט ליידען. דער קעניג לאַדיסלאַוס האָט דעם דאָזיגען בעשלוס בעשטעטיגט, אָבער כדי איהם באַלד אַליין צו ברעכען, ווייל די פראָגער בירגער האָבען אָנגעווענדעט אַלערליי מיטלען מבטל צו מאַכען איהם. זיי האָבען אַזוי שטאַרק אויפגערעגט דעם קעניג געגען די אידען, אַז ער האָט בעשטעטיגט דעם גירוש און געסטראַשעט מיט'ן אַרויסטרייבען פון לאַנד יעדען קריסט, וועלכער וועט זיך דערוועגען צו בעטען פאַר זיי. אָבער נישט אכטענדיג דערויף זענען די אידען פון לאַנד נ י ש ט אַרויסגעטריבען געוואָרען. וואָס די סבה איז דערפון געווען ווייס מען נישט. שרעקענדיג זיך טעגליך פאַר'ן גירוש, האָבען זיך די אידען פונדעסטוועגען צוגעוואוינט צום געדאַנקען וועגען איהם און האָבען זיך געלעבט ווייטער און געבוים פונקט, ווי מען וואוינט נעבען אַ פייער־שפיי

עדינען באַרג: מען ווייס, אַז דאָס פייער וועט אַלץ מיט אַכזריות פערניכ-
טען און מען בויט דאָך דערווייל. איינער פון די יורשים פון דער איטאַל-
יענישער דרוקער-משפחה שאָנצין, רבי גרשון כהן, האָט געגרינ-
דעט אין פּראָג אַ אידישע דרוקעריי (1503), די ערשטע אין דייטשלאַנד,
כמעט פיערציג יאָהר נאָך דער גרינדונג פון דער ערשטער אידישער דרו-
קעריי אין איטאַליען.

ווי עס שיינט, האָבען זיך די דאַמאָלסדיגע פּראַגער אידען נישט אויס-
געצייכענט מיט זייער לומדות, ווייל די ערשטע דרוקעריי האָט אין אַ משך
פון אַ לאַנגער צייט נישט אָבגעדרוקט קיין איינציגען ספר פון דער
תלמודיש-רבנישער ליטעראַטור און געדרוקט נאָר סידורים, סליחות, קינות,
מחזורים א. ד. ג, וועהרענד די איטאַליענישע און טערקישע דרוקערייען
האָבען שוין אין דער ערשטער צייט אָבגעדרוקט זעהר פיעל וויכטיגע
ספרים פון די אַלטע צייטען און פון דער געגענוואַרט. נאָר איין גרויסער
רב פון פּראָג פון יענער צייט האָט געלאָזען נאָך זיך אַ גרויסען אָנדענקען,
רבי יעקב פּאָלאַק (געבוירען 1460, געשט. 1535), וועלכער איז אָבער
געווען אַן'אויסלענדער און נישט קיין פּראַגער געבירטיגער. אויסער דעם
ספרדישען חריף רבי יעקב בירב האָט ער קיין גלייכען נישט געהאַט
אין זיין שאַרפזיניגען און גרינדליכען פערשטעהען דעם תלמוד. עס איז
מערקווירדיג, אַז דער פּלפּול אין תלמוד, וועלכער האָט ערשט געזאָלט זיך
ענטוויקלען און פערשטאַרקען אין פּוילען ביז דער העכסטער מדרגה, איז
צוערשט איינגעפיהרט געוואָרען אויך דוקא דורך אַ פּוילישען אידען.

נאָך איטאַליען און טערקיי איז פּוילען אין יענער צייט געווען דער
אָרט, וואוהין עס פלעגען ענטלויפען די געדרודפטע אידען, נעמליך, פון
דייטשלאַנד. אין פּוילען, ווי אויך אין ליטאַ, וואָלין און אוקראַינאַ, איז די
אידישע לאַגע געווען אַ פיעל בעסערע, ווי אין די לענדער צום מערב-זייט
פון דער ווייכסעל און אויף די קאַרפּאַטען, האָטש דער ווילד-פאַנאַטישער
מאָנאַך קאַפּיסטראַנאָ האָט אויף אַ געוויסע צייט דאָ געשטערט די
גוטע בעציהונגען צווישען דער מלוכה און די אידען.

די פּוילישע מלכים און די מאַגנאַטען האָבען אין אַ געוויסער מאָס
געמוזט האָבען די אידען און האָבען זיי בכלל, אויב זייטיגע אינטערעסען
האָבען נאָר נישט געשטערט, געגעבען זיי ברייטע רעכט, ווייל די אידען
האָבען מיט זייערע קאַפּיטאַלען און זייער פלייסיגקייט פינאַנסירט די פּראָ-
דוקציע און דעם נאַטירליכען רייכטום פון באָדען. אין אַ לאַנד, וואו באַר
געלד איז געוועזען זעהר זעלטען, איז די דאָזיגע אידישע טעטיגקייט געווען
אַ העכסט נוצליכע און נויטווענדיגע. די אַרענדעס פון מלוכה-שטייער און
די בראַנפען-ברויזען זענען על פי רוב געווען אין אידישע הענד. עס פער-
שטעהט זיך, אַז אידען האָבען געהאַט אויך לאַנד-גיטער און בעשעפטיגט
זיך נישט בלויז מיט מסחר, נאָר אויך מיט מלאכות. אויף פינף הונדערט
גרויסע קריסטליכע סוחרים זענען געווען אידישע דריי טויזענד און צוויי-

הונדערט, בעלי מלאכות דריי מאָל אַזוי פיעל, און צווישען זיי גאָלד-און זילבער-שמידען, אייזען-שמידען און וועבער. דאָס גינסטיגע פריווי-לעגיום פון קאַזימיר VI איז נאָך אַלץ געוועזען אין פולער קראַפט. אַזוי אָרום האָט מען די אידען בכלל בעטראַכט אין פוילען פאַר גלייכבערעכ-טיגטע בירגער. זיי האָבען נישט געברויכט צו טראָגען קיין שאַנד-לאַטע און געמעגט טראָגען אפילו געוועהר. נאָכ'ן טויט פונ'ם פּאָליטיש-קלוגען קאַזימיר האָבען אפילו צוויי געגנער דערהויבען זייער געוועהר געגען די אידען. פון איין זייט די גלחים, וועלכע האָבען געזעהן אין דער גינסטיגער אידישער לאַגע אין פוילען אַ פערקלענערען די רעכט פון דער קאַטולי-שער קירכע, און פון דער אַנדער זייט, די דייטשע סוחרים (מעשטשאַנעס), וועלכע האָבען זיך, בעזעצט פון אַ לאַנגער צייט אין די שטעדט, ברענגענ-דיג פון דייטשלאַנד זייערע צייכענס מיט זייערע רעכט, און מיט זייער שנאה און קנאה צו די אידישע סוחרים און בעלי-מלאכות. דער פעראיי-ניגונג פון ביידע פיינדליכע כחות, די גלחים מיט די דייטשע „מיעשטשא-נעס", איז עס געלונגען אויפצורייצען קאַזימירס זיהן: יאָהאַן אלבערט און אַלעקסאַנדער געגען די אידען, און זיי האָבען ענדליך מבטל גע-מאַכט די אידישע פריווילעגיעס, איינגעשלאָסען זיי אין טייל שטעדט אין בעזונדערע גאַסען און פון טייל שטעדט זיי גאָר אַרויסגעטריבען (1496—1505). אָבער שוין דער קעניג, וואָס איז אַרויפגעשטיגען נאָך זיי אויפ'ן פוילישען טראָהן, זיגיסמונד I (1506—1548) איז געוועזען פריינדליך פאַר אידען און האָט זיי אָפט בעשיצט פון אָנפאַלען און גירושים. א פאַק-טישע שטיצע האָבען אָבער די פוילישע אידען געהאַט אין די פוילישע פּריצים און מאַגנאַטען, וועלכע האָבען צוליעב נאַציאָנאַלער אַנטיפּאַטיע, נישט געקאָנט סובל זיין די פערדייטשטע שטעדט און פלעגען אויסנוצען די אידען צום אייגענעם נוצען, אלס אַנ'אינסטרומענט געגען די דייטשען. און וויל די מאַגנאַטען האָבען על פי רוב געהאַלטען די ממשות'דיגע מאַכט אין זייערע הענד, זייענדיג וואָיעוואָדען, פּאַלאַטינען און הויכע בעאַמטע, זענען די בעגרענעצטע געזעצען געגען די אידען, צום גרויסען פערדרוס פון די דייטשען און די גלחים, שטענדיג געבליבען נאָר אויפ'ן פּאַפּיר. פוי-לען איז דעריבער געוועזען דאַמאָלס אַ לאַנד, וואו די גערודפ'טע אידען אין דייטשלאַנד פלעגען געפינען אַ רוהיגען אָרט, וואו צו ענטלויפען און בער-זעצען זיך. ווען אַ איד, וועלכען מען האָט מיט געוואַלד געהאַט אָבגע-שמד'ט און ער האָט געוואָלט צוריק ווערען עפענטליך אַ איד, האָט ער אויך אין פוילען דאָס געקאָנט טהון, פונקט ווי אין דער טערקיי. אפילו עכטע קריסטען, וועלכע האָבען זיך געוואָלט מגייר זיין, פלעגען אָפט קו-מען קיין פוילען, ווייל דאָרט איז קיין קאָנטראָל כמעט דערויף נישט געוועזען.

די רבנים האָבען אַ בעדייטענדע ראָליע געשפּיעלט אלס פערמיטלער צווישען דער רעגירונג און די אידען: זיי פלעגען דאַרפען צוזאַמענעהמען דעם קאָפּ-שטייער און אָבגעבען עס אין דער מלוכה-קאַסע. דעריבער

נען די רבנים אין די גרויסע שטעדט אויסגעקליבען ווערען דורכ'ן קעניג,
אדער ריכטיגער: זיי פלעגען דורך איהם בעשטעטיגט ווערען, און זיי פלע-
גען זיין דעריבער די הויפט-מיטגלידער אין דער געמיינדע-פערוואלטונג
און געהייסען רבני-הגליל. זיי זענען אויך געווען דינים און געהאט דאס
רעכט צו משפט'ן צווישען אידען אלערליי בירגערליכע משפטים (דיני
ממונות) און אויך א טייל דיני-נפשות, ד"ה קרימינעלע משפטים האבען זיי
געקאנט משפט'ן, בעשטראפען מיט מלקות און תפיסה פערברעכערישע
מיטגלידער פון דער קהלה; אין געוויסע פאלען האבען זיי אפילו אויך גע-
קאנט בעשטראפען מיט טויט. אבער אין אט דעם לאנד, וואס האט אין
א משך פון עטליכע הונדערט יאהר געדארפט ווערען דער מיטעלפונקט
פאר'ן למוד-התלמוד; דער ארט פון ישיבות פאר תלמידי-חכמים און צו-
קונפטיגע רבנים, וואו די גאנצע אטמאספערע האט, אזוי צו זאגען, גע-
דארפט ווערען א תלמודישע—אין אט דעם לאנד איז אין אנפאנג פון זעכ-
צעהנטען יאהרהונדערט נאך נישט געווען כמעט קיין איינציגער גרויסער
רב. ערשט די פיעל איינגעוואנדערטע רבנים פון דייטשלאנד האבען דארט
פערפלאנצט דעם למוד-התורה. פון די געגענדען אויפ'ן רהיין און מאין,
פון בייערן, שוואבען, בעהמען און עסטרייך, זענען געקומען זעהר פיעל
אידישע משפחות אין דער געגענד פון דער ווייכסעל און דעם דניעפר
און, נאכדעם ווי זיי האבען אין זייער אלטער היים פערלארען זייער גאנ-
צען פערמעגען, האבען זיי געבראכט קיין פוילען דאס טייערסטע, וואס
זיי האבען געהאט און פערטיידיגט מיט'ן לעבען און קיינער האט עס
נישט געקאנט צונעהמען ביי זיי—זייערע רעליגיעזע איבערציינגונגען, די
מדות-טובות פון זייערע עלטערען און זייער לומדות אין תלמוד. דאס
דייטשע יודענטום, וועלכען מען האט אין דער אלטער היים פערבאטען
צו אטעמען פריי, האט זיך פראנק און פריי אויפגעשטעלט זיין געצעלט
אין פוילען, ליטא, וואהלין און אוקראינא, פערשפרייטענדיג זיך אויף אלע
זייטען און, איינגעזאפט מיט'ן סלאווישען גייסט, האט עס זיך פערוואנ-
דעלט אין אן'אייגענארטיג, כאראקטעריסטיש פויליש יודענטום.

אבער נישט בלויז תלמוד-לומדות האבען די דייטשע אידען גע-
בראכט אין פוילען, נאר אויך די דייטשע שפראך—אין איהר דאמאלדי-
גער פארם, נאטירליך. די דאזיגע שפראך איז ארייגעדרונגען אין מארך
און בלוט פון אידישען פאלק און האט פערטריבען אלע אנדערע רעדענס-
ארטען און שפראכען, ווי למשל, פוילישע און מאלאראסיש. ווי די שפא-
נישע אידען האבען די אייראפעאישע און אזיאטישע טערקיי פערוואנ-
דעלט אין א נייע שפאניען, אזוי האבען די דייטשע אידען אריינגעבראכט
די דייטשע שפראך אין פוילען, ליטא, וואהלין און אוקראינא. אין א משך
פון פיעל הונדערטער יאהרען זענען זיך דעריבער די אידען צופאלען אין
ספרדים, אדער שפאניש-רעדענדע אידען, אין אשכנזים, אדער
דייטש רעדענדע. די אידען פון איטאליען, וועלכע האבען פריהער גע-

רעדט איטאליעניש, זענען ביסלעכווייז נבלע געוואָרען איןביידע קאָמע־נאָריעס, ווייל איטאליען איז אין יענער צייט פול געוואָרען מיט ספרדישע און אשכנזישע אידען. קומענדיג קיין פוילען, האָבען די אידען ביסלעכווייז פערלאָרען דעם דייטשען כאראַקטער, נאָר נישט די דייטשע שפראַך. נישט בלויז אין הויז און אין האַנדעל, נאָר אויך אין דער ישיבה, אין בית־המדרש און אין דאווענען איז די דאָזיגע שפראַך אריינגענומען געוואָרען. נאָך העברעאיש איז זי ביי זיי די צווייטע שפראַך געוואָרען. פאַר די דייטשלענדישע אידען איז דאָס געווען אַן אמת'ע ברכה, וואָס אין דער צייט, ווען פינסטערע וואָלקענס האָבען זיך אויף זייערע קעפּ פערזאַמעלט, האָבען זיי געפונען ביי דער האַנד א לאַנד, וואו פאַר זיי האָט זיך געעפענט א פריי לעבען, און זיי האָבען בעשיצונג געפונען.

די הומאַניסטישע און די רעפאָרמאַציאָנס צייט־עפּאָכע.

ערשטעס קאַפּיטעל.

דער קרייז פון די הומאַניסטען און די רעפאָרמאַציע.

(1530 — 1500)

ווער האָט דאַמאָלס געקאָנט פאָראויסזעהען, אז דוקא פון דייטשען פאָלק, פונ'ם לאנד פון רויב־ריטער, פונ'ם לאנד, וואָס איז געווען פאָליטיש צוברעקעלט און צוריסען—אז דוקא פון דאָרט זאָל זיך דערהויבען א בעוועגונג, וועלכע זאָל אָנריהרען די יסודות פון אייראָפּעאישען לעבען ביז אין דער טיעפעניש, שאפען נייע פאָליטישע פאָרמען און געבען א שטערבליכען קלאפ דעם מיטעלאלטער? א רעפאָרמאַציע פון דער קירכע און פון פאָליטישען צושטאנד, וועגען וועלכער עס האָבען דאַמאָלס געחלומ'ט די קלאָרערע און ליכטיגערע מוחות,— דאָס האָט מען ווייניגער פאר אלץ עקאָנט ערוואַרטען דוקא פון דייטשלאנד. און דאָך האָבען געשלאָפען זינ'ם דאָזיגען פאָלק כוחות, וועלכע מען האָט נאָר געברויכט אויפצוועקקען, כדי זיי זאָלען ברענגען א פעריונגונג און אַנ'אויפלעבונג. צווישען די דייטשען האָט נאָך געהערשט דאַמאָלס מעהר איינפאכקייט אין לעבען און שטרענגע ריינקייט אין די מדות—האָטש אין א פעדאַנטישער און לעבערליכער פאָרם—איידער אין אלע טאָן־געבערישע ראָמאנישע לענדער, אין איטאליען, פראנקרייך און שפאניען, וואו עס האָבען שוין געהאַט אריינגעטראָטען איבערזעטיגונג, איבערפיינערונג און זיטליכע פערפוילטקייט. גראָד צוליעב דעם, וואָס ביי די דייטשען האָט נאָך געלעבט די אלטע דייטשע פשטות און תמימות, האָט עס נישט געקאָנט געלינגען די פערדאָרבענע קאַטוילישע גלחים אָנצושטעקען זיי מיט זייער גיפט און אריינברענגען זייער אויסגעלאַסענקייט אין אלגעמיינעם לעבען. די נידעריגע גלחים זענען אין דייטשלאנד, אין פערגלייך מיט די נידעריגערע גלחים אין די איבעריגע מערב־אייראָפּעאישע לענדער, געווען מעהר צנועים און האבען נאָך נישט געהאַט פערלאָרען זייער בושה אינגאַנצען. אין רוים און אין איטאַליען פלעגט מען אין געבילדעטע קרייזען, אפילו אין פויפסטליכען הויף אויסלאַכען דאָס קריסטענטום מיט זיינע גלויבענס־פרינציפען און מען פלעגט זיך נור האַלטען פעסט אָן דער פאָליטישער מאַכט, וועלכע מען האָט

דערין געשעפט. אין דייטשלאַנד דאַגעגען, האָט מען נאָך בעצויגען זיך גאַנץ ערנסט צום קריסטענטום, געהאַלטען עס פאַר א אידעאַל, וואָס האָט אין אַלטע צייטען געהאַט געלעבט און מוז נאָך אַמאָל צוריק ווידער אויפגעלעבט ווערען.

אָבער אָט די קערנדלעך פון עהרליכען געדאַנק זענען געווען אזוי טיעף בעגראָבען און בעהאַלטען, אַז מען האָט געברויכט צו האָבען גאַנץ גינסטיגע אומשטענדען אַרויסצופיהרען זיי אויף דער זון און לאָזען זיי ווירקען, ווי לעבעדיגע כחות אין דער וועלט-געשיכטע. אַ גרויסען חלק אינ'ם וועקען פון די שלאָפענדע כחות אין קריסטליכען דייטשלאַנד האָט מיטעלבאַר געהאַט דער תלמוד. מען קאָן דרייסט ערקלערען, אַז דער קאַמפף פאַר'ן תלמוד און געגען איהם האָט אויפגעוועקט די דייטשע בעוואוסטזיניגקייט און געשאַפען אַנ'עפענטליכע מיינונג, אָהן וועלכער די רעפאָרמאַציע וואָלט, ווי פיעל אַנדערע נייע געדאַנקען געשטאָרבען באַלד נאָך דער געבורט. אַ לייכט ווינטעל האָט אַרויסגערופען אַ גוואַלדיגען שטורם, וואָס האָט צושמעטערט די אייז-בעדעקטע בערג.

דאָס ערשטע קערנדעל, וואָס האָט אַרויסגערופען אָט דעם שטורם, איז געווען אַ נידעריג אידעל, וואָס וואָלט כלל ניש'ט פערדינט, אַז מען זאָל וועגען איהם ריידען אין דער ליטעראַטור און אין דער געשיכטע; דאָס געמיינע בעשעפעניש, האָט אָבער געוואָלט, ווי דער עפּוש-וואָרים, געגען זיין איינענעם ווילען אַין וויסען, טהון אַ נוצליכע אַרבייט. יוסף פעפערקאָרן פון מעהרען איז געווען לויט זיין האַנדווערק אַ קצב. זיין מאָראַלישע פערדאָרבענהייט איז נאָך געווען גרעסער ווי זיין עם-הארצות. מען האָט איהם געחאַפּט אין אַ קרימינעלען פערברעכען — ער האָט אויפגעבראָכען שלאָס און טהיר אין אַ פרעמד הויז מיט'ן צוועק צו בעגעהן אַ גנבה — און אַריינגעזעצט אין תפיסה, פון וואַנען מען האָט איהם אַרויסגעלאָזט נאָר אויף דער דרינגענדער ביטע פון זיינע קרובים און זייער ערבות. די דאָזיגע חרפה האָט ער, ווי עס שיינט, געוואָלט פון זיך אָבוואַשען מיט טבילה-וואַסער, און די קאַטוילישע קירכע איז קיין גרויסע מפונקת ניש'ט געווען: זי האָט איהם אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, ווען ער איז געקומען צום שמד, שוין אַלט זעקס און דרייסיג-יעהריגער יונג, מיט ווייב און קינדער. אין קעלן האָבען זיך פאַר איהם אָנגעהאַפּט די פאַנאַטישע און אונוויסענדע דאָמיניקאַנישע מאָנאַכען. קעלן איז דאַמאָלס געווען ראָס נעסט פון אַלע נאַכט-רויב-פויגלען, וועלכע האָבען געוואָלט פערהושכ'ן דאָס אויפגעהענדע ליכט אין אייראָפּאַ דורך אַ געדיכטען וואָלקען פון ווילדסטען אַבערגלויבען. אין שפּיץ פון דער אָרטיגער חבריא איז געשטאַנען האָכסטראַטען, אַ אינקוויזיציע-ריכטער, אַ גוואַלדטעטיגער אכזר, וועלכער האָט געחלש'ט נאָכ'ן ריח פון געברענט אפּיקורסים-פלייש. זיינס אַ חבר איז געווען אַרנאָלד פון טונגערן, פּראָפעסאָר פון דער דאָמיניקאַנער טעאָלאָגיע. דער דריטער אין פינסטערן וויסטען בונד איז גע-

ווען ארטואין דע גראיעס, א זוהן פון א גלח, וועלכער האט געוואלט נאכטהון זיין פאטערס „שענע“ מעשים.

ארטואין דע גראיעס האט געהאט אזא ברענעדיגע שנאה צו אידען, אז מען קאן נישט גלויבען, דאס זי זאל האבען געשטאמט בלויז פון איבערצייגונג און ערגעבענהייט צום קריסטענטום. ער האט זיך ספעציעל געשטעלט א ציעל אין לעבען, צו דערוועקען די שנאה פון די קריסטען צו די אידען דורך ביכער פול גאל און גיפט. זייענדיג אבער אליין צוגראב אונווייסענד, אז ער האט אפילו נישט געקאנט צוזאמענשטעלען געגען אידען א זלזולים-בלעטעל. האט ער זיך אנגעהויבען חבר'ן מיט משומדים, וועלכע האבען איהם געדארפט געבען דעם נויטיגען מאטעריאל. א געוויסען אידעל וויקטאר פון קארבען, וועלכער האט זיך, שוין אלס א מענש פון פופציג יאהר, געלאזט אבשמד'ן, האט מען ערקלערט פאר א געוועזענעם רב, האטש ער האט וועניג פערשטאנען אפילו העברעאיש און די שפראך פון תלמוד; עס איז אבער געווען נויטיג צו דער מלחמה, וועלכע מען האט געוואלט אונטערנעהמען געגען אידען צו האבען דוקא א רב, וועלכער זאל ארויסטרעטען מיט בעשולדיגונגען, אז אידען זענען פול שנאה צו די קריסטען און שפאטען אב פון אלץ, וואס האט א שייכות צום קריסטענטום.

אט דער משומד האט עס צונעשטעלט מאטעריאל דעם נייעם אידען פרעסער דע גראיעס, פאר זיין בוך געגען אידען און תלמוד. וויקטאר פון קארבען איז אבער שוין געווען צו-אלט.

מעהר נוצען האט זיי געקאנט ברענגען פעפערקארן. ער האט זיך אונטערגעשריבען אויף א אידענפיינדליכע נייע ווערק, וואס דע גראיעס האט געשריבען; צוערשט אין לאטייניש. דער „מוסר-שפיגעל“ — א בוך צו לערנען די אידען, אז זיי זאלען איבערגעהן צום קריסטענטום. דאס דאזיגע ערשטע ווערק אונטער פעפערקארנ'ס נאמען איז נאך כלומר'שט געווען פריינדליך פאר די אידען. דער מחבר חנפ'עט זיי ביסלעכוויז און ערקלערט, אז מען דארף נישט גלויבען די בלוט-בלבולים. ער ווענדעט זיך אויך מיט א ביטע צו די קריסטען נישט ארויסצוטרייבען די אידען, ווייל די אידען זענען ביז איצט שטענדיג געגאנגען פון איין גלות אין דעם אנדערן; מען דארף די אידען בכלל נישט רודפ'ן, ווייל זיי זענען דאך, אין א געוויסער מאס, אויך מענשען. די דאזיגע פריינדליכקייט איז אבער געווען בלויז א מאסקע.

די קעלנישע דאמיניקאנער האבען נעמליך געוואלט ברענגען דערצו, אז זיי זאלען בעקומען די ערלויבניש, צו קאנפיסקירען דעם תלמוד, ווי דאס איז פארגעקומען אין דער צייט פון לודוויג דעם הייליגען אין פראנקרייך. נאר דאס איז געווען די כונה מיט'ן ערשטען ביכעל פון פעפערקארן. מען האט קודם כל געדארפט ווארפען א חשד אויפ'ן תלמוד. חנפענענדיג די אידען, בעטענדיג זיך ביי זיי, אז זיי זאלען זיך שמד'ן מאכט

זיי דער מחבר, פארבייגעהענדיג, פארוואורף. אז זיי זענען זיך עוסק מיט פראצענט און שטויסען פון זיך אב מיט עקשנות די קאטוילישע קירכע, וועלכע ווינשט זיי נאר גוטס, נישט וועלענדיג אפילו קומען הערען די גלחישע דרשות, נאר האלטענדיג זיך פעסט ביים תלמוד און ווען מען וואלט נאר דעם תלמוד פון זיי צוגענומען, וואלטען זיי מאסענווייז געקומען זיך שמד'ן דער מחבר פאדערט דעריבער פון די פירשטען און די פעלקער, מען זאל מאכען א סוף מיט די אידישע פראצענט-עסקנים, צווינגען די אידען צו קומען אפט אין קירכע און הערען דארט די קאטוילישע דרשות און, ענדליך, צו פערברענען דעם תלמוד. און מעהר ווי דאס האט נישט פערלאנגט דאס בוך, וואס האט געטראגען פעפערקארנ'ס נאמען. — אין דייטשלאנד האבען דאמאלס אלע געוואוסט, אז די קעלנער פינסטערע לייט מיט פעפערקארן בראש האבען געטראכט בלויז צו מאכען א גוט געשעפט: אויב עס וואלט זיי געלינגען צו פועל'ן, אז מען זאל ערלויבען צו קאנפיסקירען דעם תלמוד, וואלטען די דאמיניקאנער — מאנאכען, אלס אינקוויזיציע-ריכטער געהאט די גאנצע שליטה אויף דער אונטערנעהמונג און, ווייל די אידען האבען דאך נישט געוואלט זיך שיידען פון תלמוד, וואלטען זיי, בלי ספק געקומען מיט פולע זעק געלד, כדי צו פועל'ן, אז מען זאל זיי די קאנפיסקירטע ספרים צוריק אבגעבען. און אט מיט דעם צוועק זענען זיי, אונטער פעפערקארנ'ס נאמען, נאטירליך, אין א יאהר ארום ווידער ארויסגעטראטען מיט נייע ווערק, אין וועלכע זיי האבען ערקלערט, אז עס ליגט א חוב אויף די קריסטען, צו פערטרייבען די אידען, ווי די ווילדע הינד. אויב די פירשטען וועלען דערויף נישט איינשטימען, דארף דאס פאלק נעהמען זיך פאר דער זאך און פאדערן צוערשט פון די פירשטען, אז מען זאל ביי די אידען צונעהמען מיט גוואלד אלע זייערע ספרים, אויסער תנ"ך, און אלע משכנות, וואס די קריסטען האבען ביי זיי; נאך מעהר; מען מוז ביי זיי צונעהמען די יונגע קינדער, אבשמד'ן און ערציהען אלס קריסטען; די עלטערע אידען אבער דארף מען בעהאנדלען, ווי אונפערבעסערליכע פערברעכער און ברענגען אויף זיי אלע פגעים רעים. קיין זינד איז עס נישט אנצוטהון די אידען יסורים. אויב זיי זענען דאך מיט זייער לייב און גוטס א אייגענטום פון די פירשטען, ס'הייסט, זייערע שקלאפען, אויב אבער די פירשטען וועלען אויף דער דאזיגער ביטע פון פאלק זיך נישט אברופען. דאן ברויכט דאס פאלק צו פערזאמלען זיך, און פאדערן מיט גוואלד פון די פירשטען, זיי זאלען ערפילען זייער פליכט אלס עהרליכע קריסטען, ברענגענדיג וואס מעהר שאדען די אידען.

פעפערקארן, דע גראיעס און די קעלנער אידען-פרעסער האבען אבער אביסעל פערשפעטיגט. חאטש מען האט די אידען נאך אליז פיינד געהאט, נישט וועניגער ווי אין דער צייט פון די קרייצצוגען און דער שווארצער מגפה, איז שוין דאך געווען א אנדער צייט. פועל'ן ביי די מלכים און פירשטען ארויסצוטרייבען די אידען, איז שוין נישט געווען אזוי לייכט

ווי אמאל, ווייל זיי האבען געוואוסט גאנץ גוט וועלכע נוצען די אידען ברענגען פאר'ן לאנד. ווענען אבשמד'ן די אידען האט מען זיך שוין אויך נישט אזוי שטארק געקימערט.

די דייטשע אידען, וועלכע האבען דערזעהען פאר זיך א סכנה אין פע־פערקארנ'ס טעטיגקייט, האבען אנגעהויבען ארבייטען געגען איהם. די אידי־שע פאקטוירים, וועלכע האבען געהאט אנ'איינפלוס אין די פירשטליכע הויפען, האבען דערוויזען זייערע פירשטען, ווי פאלש עס זענען פעפער־קארנ'ס בעשולדיגונגען. אויך פיעל קריסטען זענען געווען אונצופרידען מיט דער מענשענפיינדליכער אגיטאציע פונ'ם משומד, איינזעהענדיג, אז ער מיינט נאר געלד ארויסצובעקומען. דאן האט פעפערקארן ארויסגעגעבען א נייע ווערק: דער „אידענפיינד", וואס ער האט געווידמעט דעם הערצאג פיליפ פון קעלן, און בעשווערט איהם דאזט, אז ער זאל איהם בעשיצען פון די אידען, וועלכע ווילען זיך מיט איהם אברעכענען פאר זיי־נע ארויסטרעטונגען געגען זיי. איבערחזר'נדיג זיינע אלטע טענות פאדערט ער ווידער מען זאל קאנפיסקירען די אידישע ספרים און שטרענג בע־שטראפען דורך פייניגונגען אין דער אינקוויזיציע יענע אידען, וועלכע וועלען שטערען דער קאנפיסקאציע. די אידען־פרעסער האבען בעזונדערס שטארק געבויט אויפ'ן קייזער מאקסימיליאן, און געוואלט פון איהם פא־דערן מיט אלערליי מיטלען, אז ער זאל די אידען מיט זייערע ספרים און, דער עיקר, מיט האב און גוטס, אבגעבען אין זייער רשות. אלס אינסטרו־מענט ביים קייזער, האבען זיי אנגעווענדעט א בעל־תשובה'טע, די אונגליק־ליכע פירשטין פון קייזערליכען הויף, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר אונמענשליכען פאנאטיזם.

די שענע שוועסטער פון קייזער מאקסימיליאן, די פרינצעסין קוניגונדע, די געליעבטעסטע טאכטער פונ'ם קייזער פרידריך III, האט פערשאפט איהר אלטען פאטער פיעל עגמת־נפש: זי האט חתונה געהאט אהן זיין וויסען מיט זיין ערגסטען פיינד. א לאנגע צייט האט דער טיעף בעליידיגטער פאטער נישט געוואלט הערען דערמאנען אפילו איהר נאמען. זי אבער האט צוזאמען מיט איהר מאן, אלברעכט פון מינ־כען, געווירקט געגען איהר פאטער, אברייסענדיג פון דייטשלאנד די שטאדט רעגענסבורג און פעראייניגענדיג איהר מיט בייערן, און עס האט שיער נישט געהאלטען ביי א מלחמה צווישען דעם קייזער מיט זיין איי־דעם אלברעכט און זיין טאכטער. ווען אבער אלברעכט איז אין די בעס־טע יאהרען געשטארבען (1508) און קוניגונדע איז געבליבען אנ'אלמנה, האט זי בעקומען א צו שפעטע חרטה אויף איהרע מעשים געגען דעם איי־גענעם פאטער און איז אריינגעטראטען אין א פראנציסקאנער־קלויסטער אין מינכען, אלס בעל־תשובה'טע. דארט האט זי אנגעהויבען אבריכטען תעניתים און מתפלל זיין אונטער'ן איינפלוס פון די דאמיניקאנער מאנא־כען. איצט האבען זיי שפעקולירט אויף איהר פאנאטיזם. זיי האבען געגע־

בען דעם משומד פעפערקארן א רעקאמענדאציאנס-בריעף צו איהר און ער האט פארגעשטעלט פאר איהר די גרויסע געפאהר פון די אידען פאר דעם קריסטענטום. אלס פאנאטישע פרוי האט זי נאטירליך געגלויבט אלץ, וואס דער דאזיגער געוועזענער איד האט איהר דערצעהלט, און זי האט איהם געגעבען א דרינגענדען בריעף צו איהר ברודער, דעם קייזער מאקסימיליאן, אין וועלכען זי האט איהם בעשוואוירען, אז ער זאל מאכען א סוף מיט דער אידישער לעסטערונג געגען דעם קריסטענטום און ארויסגעבען א בעפעהל, אז מען זאל ביי זיי צונעהמען אלע זייערע ספרים, אויסער דעם תנ"ך און לאזען זיי פערברענען. אויב דער קייזער וועט איהר ביטע נישט ערפילען—האט זי איהם ערקלערט—אז ער נעמט די זינד פון דער לעסטערונג אויף זיין געקרוינטען קאפ.

דעם בריעף פון קוניגונדען און דער פערזענליכער רכילות פון פעפערקארן איז עס געלונגען צו בעוועגען דעם קייזער מאקסימיליאן, אז ער זאל ארויסגעבען א מאנדאט (10-טער אויגוסט 1509) פעפערקארנען, געבענדיג איהם די פאלקאמע מאכט איבער די אידען. ער האט בעקומען דאס רעכט צו רעווידירען אלע אידישע ספרים אין גאנץ דייטשלאנד און צו פערניכטען אלע ספרים, וועלכע זענען געגען תנ"ך און דעם קריסטענטום. די אידען האט דער קייזער צוגלייך בעפויהלען, אונטער א שטרענגער בעשטראפונג אין לייב און פערמעגען, נישט צו שטערען פעפערקארנען אין זיין טעטיגקייט און איבערגעבען איהם אלע ספרים, וועלכע ער וועט פון זיי פאדערען.

פעפערקארן איז געקומען צוריק קיין דייטשלאנד טריאומפירענדיג, האבענדיג אין האנד דעם בעפעהל פון קייזער, וועלכער האט איהם געמאכט פאר א פאלקאמען מאכט-האבער איבער די אידען. זיין טעטיגקייט האט ער אנגעהויבען מיט דער דאמאלדיגער גרעסטער אידישער קהלה אין דייטשלאנד, מיט פראנקפורט, וואו עס זענען געווען פיעל לומדים און עשירים, וועלכע האבען נעהאט פיעל ספרים, און וואו ס'זענען אויך געווען פיעל ספרים-מאגאזינען, אין וועלכע מען פלעגט פיעל ספרים איינקויפען בשעת די ירידען פון דער גאנצער פראווינץ. אויף פעפערקארנס פאדערונג, האט דער שטאדט-ראט פערזאמעלט אלע אידען אין דער גרויסער שוהל און ערקלערט זיי דעם קייזערס בעפעהל, איבערצוגעבען פעפערקארנען זייערע ספרים. אין דער געגענווארט פון פיעל גלחים און די ראטמענער האט מען באלד קאנפיסקירט אלע סדורים, מחזורים און אנדערע ספרים, וועלכע מען האט געפונען אין שוהל. דאס איז געווען אין ערשטען אבענד פון סוכות (הר"ע פרייטאג 28-טען סעפטעמבער 1509). אויסער דעם האט פעפערקארן, צי מיט'ן איינעם רשות, אדער לויט א ספעציעלען בעפעהל פון קייזער, פערבאטען די אידען צו קומען א גאנץ סוכות אין שוהל אריין דאווענען, ווייל ער בדיכט צו רעווידירען זייערע הייזער און קאנפיסקירען די ספרים. פאר איהם איז בעזונדערס וויכטיג געווען צו בע-

קומען די מסכתות פון תלמוד. די גלחים זענען דאס מאל גראד נישט אזוי שלעכט, ווי דער משומד, צו פערשטעהן די אידען זייער יום־טוב און זיי האבען אבגעלעגט די רעוויזיע אויף צוויי טעג. די אידען האבען אבער אויך נישט געשוויגען זיי האבען זיך שוין נישט געלאזט, ווי אין די אלטע צייטען, בערויבען. זיי האבען ענערגיש פראטעסטירט אנווייזענדיג אויף זייערע רעכט, וועלכע זענען בעשטעטיגט דורך פויפסטען און קיסריים, וואס גיט זיי רעליגיאנס־פרייהייט און ממילא אויך דאס רעכט, צו האבען זייערע הייליגע ספרים, סיי ספרי־תפלה, סיי ספרי־תלמוד און אנדערע, זיי האבען דעריבער געפאדערט, אז מען זאל דערוויל אבהאלטען די קאנפיסקאציע, ביז זיי וועלען אנגעבען אן אפעלאציע צום קייזער און אין קאמער־געריכט. די פארשטעהער פון דער פראנקפורטער קהלה האבען נאך אויך געשיקט א שליח־מיוחד צום קורפירשט און ערצבישאף פון מאינץ אוריאל פון געמינגען, וואס פראנקפורט האט געהערט צו זיין עפארכיע און געלאזט איהם בעטען, אז ער זאל פערבאטען זיינע גלחים אנטייל צו נעהמען אין אן אונגערעכטער זאך. ווען פעפערקארן האט גע־האט אנגעהויבען צו פיהרען די רעוויזיע, איז אנגעקומען א בעפעהל פון ערצבישאף צו די גלחים, אז זיי זאלען נישט בייהילפיג זיין דעם משומד אין זיין ארבייט. דאדורך איז דערוויל די רעוויזיע אבגעשטעלט געווארען, און ווען פעפערקארן האט געוואלט צונעמען די ספרים, האבען די אידען איהם נישט געגעבען; די גלחים זענען געשטאנען פון דערווייטען און אויך די ראטמענער פון דער שטאדט־פערוואלטונג האבען איהם נישט געוואלט העלפען, נאכדעם ווי זיי האבען דערזעהען, אז דער העכסטער גלח, דער ערצבישאף, שטעהט אויפ'ן צד פון די אידען.

די אידען ווידער האבען זיך דערמיט נישט בערוהיגט, זיי האבען באלד געשיקט א שתדלן, רבי יהונתן ציון, צום קייזער און א שליח מיוחד צו די נאהנטע און ווייטע אידישע קהלות אין דייטשלאנד, רופענדיג זיי איינצואָרדנען אין נאהנטען חודש השון אן אסיפה־דבה פון פארשטעהער פון אלע קהלות, כדי אונטערצונעהמען די נויטיגע שריט אבצווענדען די סכנה און צו זאמלען די נויטיגע כומען געלד

פאר'ן מאמענט איז די זאך געווען גינסטיג פאר די אידען, בעזונדער'ס צוליעב דער פריינדליכער האלטונג פונ'ם מאינצער ערצבישאף. צי איז דאס געווען צוליעב זיין געפיהל פון גערעכטיגקייט, אדער צוליעב פריינד־שאפט צו די אידען, אדער צוליעב שנאה צו די דאמיניקאנער אפיקורסים־ריכטער, אדער אפשר נאר איז דאס געווען אונצופרידענהייט דערמיט, וואס דער קייזער האט אין זיין עפארכיע אבגעגעבען אזא וויכטיגע אויפ־גאבע עפעס אן אויסוואורף — קורץ, דער ערצבישאף האט זיך שארף גע־שטעלט אויפ'ן אידישען צד. ער האט געשיקט א בריעף (5־טען אקטאבער) צום קייזער, אין וועלכען ער זאגט זיך ארוים נעגען דעם, וואס דער קייזער האט אנגעטרויעט אזא אנווייענדיגן מענשען ווי פעפערקארן אזא שווערע

אויפגאבע; ווייטער ערקלערט ער, אז אויף וויפיעל עס איז איהם בע-
וואוסט איז אין די אידישע ספרים פון זיין עפאכע נישטא קיין איינ-
ציג ווארט געגען דעם קריסטענטום און דערביי האט ער געגעבען צו
פערשטעהן, אז אויב דער קייזער מיינט באמת צו לאזען רעווידירען די
אידישע ספרים, זאל ער איהם געבען א בעפעהל, און ער וועט שוין געפי-
נען א פאכמאן, וועלכער וועט די זאך ריכטיג אויספארשען. דער ערצבי-
שאף האט אויך איינגעלאדען פעפערקארענען צו קומען צו זיך אין זיין
שלאס, כדי יענער זאל נישט איינזעהען, דאס ער איז פארטייאיש אין דער
זאך. דארט האט דער ערצבישאף ערקלערט פעפערקארענען, אז זיין
מאנדאט איז נישט געשריבען געווארען לויט אלע געהעריגע פארמען און
דעריבער קאן מען ערוועקען א חשד, אז ער איז נישט קיין ריכטיגער. ביי
דעם דאזיגען געשפרעך האט מען צום ערשטען מאל דערמאנט דעם נאמען
ר ײ כ ל י ן. מען האט נעמליך גערעדט וועגען דעם, דאס מען זאל ביי'ם
קייזער בעטען, אז ער זאל בעשטימען פאר מבינים אין די אידישע ספרים
רייכלינ'ען (אויך דעם משומד וויקטאר פון קארבען) און א קעלנער דאמי-
ניקאנער-מאנאך, וועלכע זאלען דארפען מאכען די רעוויזיע צוזאמען מיט
פעפערקארענען.

פעפערקארן, אדער די קעלנער דאמיניקאנער האבען נעמליך געוואלט,
אז אין זייער רעוויזיע פון די אידישע ספרים זאל אנטייל נעהמען אויך א
העכסט געלעהרטער דייטש, כדי אז ער זאל מיט זיין אויטאריטעט און בע-
ריהמטען נאמען צוגעבען מעהר וויכטיגקייט זייער זאך. און אט דער גע-
לעהרטער האט געזאלט זיין ר ײ כ ל י ן, דער שטאלץ פון דייטשלאנד, דער
העכסט געלעהרטער מענש פון זיין צייט—ער האט עס געדארפט מיטהעל-
פען די דאמיניקאנער אין זייער ארבייט, כדי מיט זיין גרויסען נאמען צו-
דעקען זייערע מיאוס'ע כונות און מעשים. די דאמיניקאנער האבען דער-
ביי אבער געהאט נאך איין כונה: זיי האבען בכלל געקוקט זעהר קרום
אויף רייכלינ'ס טעטיגקייט, וועלכער האט דער ערשטער פערשפרייט דאס
שטודיום פון דער העברעאישער שפראך אין דייטשלאנד, און זיי האבען
דעריבער געהאפט, אז אויב ער וועט זיך ארויסזאגען וועגען די אידישע
ספרים נישט אזוי ווי זיי ווילען, וועלען זיי איהם קאנען קאמפראמיטירען.
דאס מאל האט זיך אבער זיי איינגעגעבען דוקא נישט אזוי, ווי זיי האבען
געוואלט. ר ײ כ ל י ן האט אויפגעהויבען געגען זיי אזא שטורם, אז אין א
משך פון סך-הכל צעהן יאהר האט די קאטוילישע קירכע א ציטער געטהון
ביז אין איהרע פונדאמענטען. מיט רעכט האט מען שפעטער געזאגט, אז
דער האלב-אידישער קריסט (רייכלין) האט דעם קאטוילישען גלויבען גע-
בראכט מעהר שאדען, ווי אלע פאלעמישע שריפטען פון די אידען צוזא-
מען. י א ה א ן ר ײ כ ל י ן פ ו ן פ פ א ר צ ה ײ ם (געבוירען 1455, געשט.
1522) האט געהאלפען דאס מיטעלאלטער איבערגעהן אין די נייע צייט
און דארום איז זיין נאמען זעהר וויכטיג געווארען אין דער געשיכטע

פון זעכצעהנטען יאָהרהונדערט. אונטער'ן לאַטיינישען פסעוודאָנים קאַפּניאָ האָט ער צוזאַמען מיט זיין פריינד עראַזם פון ראָטערדאַם אַראָבגענומען די חרפה פון פאַנאַטיזם און ווילדקייט פון דייטשלאַנד, און דורך זייער ביישפּיעל און ווירקונג אויף אַ געוויסען קרייז האָבען זיי דערוויזען, אַז דייטשלאַנד קאָן קאָנקורירען מיט איטאַליען אין דער קענטניש פון לאַטייניש און גריכיש, ווי אויך אין געשמאַקפולער שילדערונג אַ ענין און אין הומאַנישער בילדונג. ביי אַ וואונדערליכער בקיאות אין דער קלאַסישער ליטעראַטור אין אַ פּרעכטיגער שפּראַך האָט רייכלין נאָך אויך געהאַט שענע מדות, אַ פייערדיגע ליבע צום אמת און אַ ווייך געמיט. פיעלזייטיגער אלס עראַזם, האָט רייכלין שטודירט אויך די העברעאישע שפּראַך, כדי צו בעקענען זיך מיט'ן תנ"ך אין מקור און זיין דעריין גלייך צו די ערשטע געלעהרטע פון דער קירכע. רייכלינס ליעבע צו דער העברעאישער שפּראַך איז געוואָרען אַנ'אמת'ע התלהבות'דיגע, ווען ער האָט זיך בשעת זיין רייזע קיין רוים בעקענט מיט'ן וואונדערליכען יונגען מאַן פּיקאָ דע מיראַנדאָלאַ און זיך דערוואוסט פון איהם, וואָס פאַר אַ וואונדערליכע טיפע סודות עס ליגען פערבאָרגען אין די העברעאישע קוועלען פון דער קבלה. פון יענער צייט האָט רייכלין בעקומען אַנ'אמת'ען דורשט נאָך העברעאיש, אָבער ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס עס צו לעשען. ערשט ווען ער איז שוין עלטער געוואָרען איז איהם געלונגען צו בעקענען זיך מיט העברעאיש. זייענדיג אין לינץ, אין הויף פון אלטען קייזער פרידריך III, האָט ער זיך דאָרט בעקענט מיט'ן קייזערליכען לייב-דאָקטאָר און ריטער רבי יעקב לואַנס, און ער איז עס געוואָרען רייכלינס לעהרער אין העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור.

רייכלין האָט באלד אָנגעהויבען אויסצונוצען זיין נייע קענטניש. ער האָט אָנגעשריבען אַ קליין ספר'ל: „וועגען דער וואונדערבאַרער שפּראַך" — אַ התלהבות'דיגע לויב-רעדע פאַר העברעאיש. „די העברעאישע שפּראַך — שרייבט רייכלין — איז איינפאַך, נישט פערדאָרבען, קורץ און פעסט, אַ הייליגע שפּראַך, אין וועלכער גאָט האָט גערעדט אונמיטעלבאַר מיט מענשען, און מענשען — מיט מלאכים, אָהן אַ טאָלמאַטש, איינער צום צווייטען". רייכלין האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו דערווייזען, אַז די פילאָזאָפיע פון אַלע פעלקער, די סימבאָלען פון דער מיטאָלאָגיע און די פאָרמען פון געצענדינער'ישען קולט זענען נאָר אַ שלעכטע קאָפּיע פון די גרויסע וואהרהייטען, וועלכע עס ענטהאַלט די העברעאישע שפּראַך אין איהרע ווערטער און אותיות, דען אפילו אין די פיגורען פון העברעאישען אלף-בית שטעקען טיפע סודות.

זייענדיג אין רוים, אלס געזאַנדטער פון פפאַלצער קורפירשט, אין הויף פון פּויפּסט אלעקסאַנדער VI (1498—1500), האָט רייכלין דאָרט ווידער געלערנט העברעאיש ביי רבי עובדיה ספורנו. אַזוי ארום איז דער דייטשער בעריהמטער מלומד, וואָס זיינע לאַטיינישע רעדעס האָט

מען שוין העכסט געהאט בעוואונדערט אין איטאליען, איז געזעסען ווי א תלמיד בײ'ם אידישען תלמיד-חכם און געלערנט בײ איהם העברעאיש.

און צוליעב דעם וואס רייכלין איז אין גאנץ דייטשלאנד, מען קאן זאגען אין גאנץ אייראפא, געוועז דער איינציגער קריסט, וועלכער האט געקאנט העברעאיש, דעריבער האבען זיינע פריינד געבעטען בײ איהם, אז ער זאל פערפאסען א העברעאיש לעהר-בוך, כדי מען זאל האבען וואו צו בעפרידיגען די אלגעמיינע בעדערפניש. דאס ערשטע העברעאישע לעהר-בוך, וואס א קריסט האט מחבר געווען איז געווען רייכלינס, און ער האט עס בעצייכענט אלס „א מאנומענט שטארקער ווי מעטאל“ (געענדיגט 1506), נאטירליך איז עס געווען זעהר א שוואך ווערק. דארט געפינט מען בלויז די נויטיגסטע כללים, ווי אזוי צו לעזען, עטוואס גראמאטיק און א קליין ווערטער-ביכעל. אבער די דאזיגע גראמאטיק האט געהאט א גרויסע ווירקונג: זי האט דערוועקט דעם חשק צו לערנען העברעאיש בײ א גרויסען קרייז פון הומאניסטען, וועלכע האבען פון דאמאלס אן געווארפען זיך דערויף מיט'ן גאנצען ברען. בעת דער לוטהערישער קירכען-רעפארמאציע האבען די דאזיגע שטודיען ארויסגעגעבען א געוויסען רעוואלוציאנערען עלעמענט, וועלכער האט געווירקט אויפשטענדיש געגען רוים. א רייהע פון רייכלינ'ס תלמידים: סעבאסטיאן, מינסטער, ווידמאנשטאדט זענען געגאנגען אין זיין אויסגעטראטענעם וועג און דערהויבען דאס שטודיום פון העברעאיש צו איין מדרגה מיט'ן שטודיום פון גריכיש.

אבער אויב רייכלין האט זיך ארבגעלאזען אין דער אידישער נאס כדי אויפצוהויבען דעם אוצר, וואס איז דארט געלעגען, הייסט עס נאך ניט פונדעסטוועגען, אז ער איז פון אנפאנג שוין געווען מעהר פריינדליך צום אידישען פאלק, ווי די מענשען פון זיין צייט. פערגעסענדיג אינגאנצען די פארצייטיגע אידישע גדלות, נישט זעהענדיג, אז אויך אין דער נישט שענער געגענווערטיגער אויסערליכער פארם געפינט זיך אין אידישען פאלק נאך א טייערערער קערן, האט רייכלין בעטראכט די אידען נישט בלויז אלס בארבארען, וועלכע עס פעהלט יעדער פערשטאנד און געפיהל פאר דער קונסט, נאר אויך אלס געמיינע ראסע. ער האט פייערליך ערקלערט, דאס ער איז גאנץ ווייט פון געדאנקען צו זיין, חלילה, א ליעבהאבער פון אידען ווי דער פארצייטיגער הייליגער היעראנים, וועלכען ער האט זיך גענומען פאר א מוסטער, האט ער געהאלטען פאר זיין פליכט ארויסצוּווייזען זיין שנאה צו די אידען. צוזאמען מיט זיין ביבעל צו לערנען העברעאיש האט ער ארויסגעגעבען אנ'עפענטליכען בריעף (M i s s i v e) אין וועלכען ער האט ערקלערט, אז דאס גאנצע עלענד פון אידישען פאלק שטאמט דערפון, וואס עס גלויבט נישט אין קריסטוס. אנשטאט אלזא צו בעשולדיגען די קריסטען אין זייער שלעכטסקייט, אין זייער ווייט זיין פון עוואנגעלישען פרינציפ, פון „ליעבע צו מענשען“, בעשולדיגט אויך רייכלין די

אידען. גלייך ווי פּעפּערקאָרן, האָט רייכלין בעשולדיגט די אידען אין
לעסטערן קריסטוס'ן, די גאָטעס־מוטער, די אַפּאָסטאָל און די קריסטען
בכלל.

שפּעטער האָט אָבער רייכלין זעהר בעדויערט, וואָס ער האָט זיין אי־
דען־פיינדליך ווערק מחבר געווען, ווייל זיין האַרץ האָט מעהר נישט גע־
קאָנט מיטפיהלען דאָס, וואָס מען האָט איהם אין דער יוגענד אריינגעגע־
בען אין מח. ווען נאָר ער פלעגט זיך צוזאַמענקומען מיט איינצעלנע אי־
דען, פלעגט ער זיך זעהר וואַרעם בעפריינדען מיט זיי און, לפּחות, בע־
ציהען זיך צו זיי מיט גרוים אכטונג; קענטיג, אז ער האָט זיך וואָס ווייטער
אַלץ מעהר איבערצייגט, דאָס די אידען זענען אין דער ווירקליכקייט בע־
סער, ווי דאָס בילד, וואָס די קריסטען מאַכען פון זיי. זיין געפיהל פון גע־
רעכטיגקייט האָט נישט געקאָנט איינשטימען דערמיט, דאָס מען זאָל די
אידען אונטערכט טהון, אָדער אז ער זאָל גאָר אליין דערצו העלפען. חאָטש
רייכלין האָט ביז דאַמאָלס נישט געוואָרפען אויף זיך קיין שום חשד פון
אפּיקורסות און מיט'ן דאָמיניקאַנער אָרדען איז ער געשטאַנען אין די
בעסטע בעציהונגען, האָבען דאָך די פינסטערע דאָמיניקאַנער מאָנאַכען
אינסטינקטיוו געשפּירט אין איהם א פיינד. דאָס בעשעפטיגען זיך מיט דער
וויסענשאַפט, מיט דער קלאַסישער ליטעראַטור, די גרויסע ליעבע צו דער
גריכישער שפּראַך, וועלכע רייכלין האָט דער ערשטער ערוועקט אין דייטש־
לאַנד, און שפּעטער נאָר די העברעאישע שפּראַך, דאָס אָבגעבען כבוד
דעם „העברעאישען אמת" (ס'הייסט: דעם תנ"ך אין אָריגינאַל) געגען דער
„וואולגאַטאַ", די לאַטיינישע איבערזעצונג פון תנ"ך, וועלכע די קאַטולי־
שע קירכע האָט אָנערקענט פאַר הייליג, — דאָס אַלץ איז אין די אויגען
פון די פינסטערע מאָנאַכען געווען אַזאַ פערברעכען, אז רייכלין האָט פער־
דינט, דאָס זיי זאָלען איהם פערשרייבען אין זייער „שווארצען בוך", חאָטש
באַלד משפּט'ן איהם אין דעם אינקוויזיציאָנס־געריכט, אלס אַפּיקורוס,
האָט מען נאָך נישט געקאָנט.

דער פּאַרשלאַג, וואָס די קעלנישע דאָמיניקאַנער האָבען געמאַכט זיי־
ער געהיימען אַגענט פּעפּערקאָרענען, אז ער זאָל איינלאַדען רייכלי־
נען אָנטייל צו נעהמען אין רעווידירען די אידישע ספרים, איז, ווי שוין
דערמאָנט, געווען א שלאַקהאַפטיגער שריט מצד די דאָמיניקאַנער, כדי
אריינצובעקומען דעם דייטשען געלעהרטען הומאַניסט אין זייער נעץ. ריי־
זענדיג צום צווייטען מאָל צום קייזער, איז פּעפּערקאָרן אריינגעפאָהרען
אויך צו רייכלינען און זיך בעמיהט איהם צו מאַכען פאַר א מיטאַרבייטער
אין זיינע פּלענער געגען די אידען; דערביי האָט ער איהם בעוויזען דעם
מאַנדאַט פון קייזער. רייכלין האָט אָבער באַלד אָבגעוואָרפען פון זיך דעם
דאָזיגען פּאַרשלאַג; ער האָט אפילו נעלויבט בכלל דעם פּלאַן צו פערטילי־
גען די אידישע ספרים. אין וועלכע עס געפינען זיך לעסטערונגען געגען
דעם קריסטענטום, ער האָט אָבער אָנגעוויזען, אז אין קייזערליכען מאַנדאַט

געפינט זיך א פעהלער אין דער פארם. ווי עס שיינט, האט רייכלין דערביי געגעבען אנ'אנצוהערעניש, אז אויב דער קייזער וועט איהם איינלאדען אנ-טייל צו נעהמען אין דער ארבייט, וועט ער זיך נישט אבזאגען. פעפער-קארן איז אלזא אבגעפאהרען צום קייזער צום צווייטען מאל, כדי ארויס-צובעקומען א מאנדאט, וועלכער זאל שוין זיין „געזעצליך“, לויט אלע פארמען.

דער שתדלן פון דער פראנקפורטער קהלה, רבי יהונתן ציון און א בעליעבטער איד אין קייזערליכען הויף, רבי יצחק טריעסט, האבען דערווייל אנגעווענדעט אלע מיטלען, צוצושלאגען פעפערקארנ'ס פלאן. אנגעזעהענע קריסטען האבען זיי דערין געשטיצט, ווי, למשל, דער פערטרעטער פון ערצבישאף און פון מארקגראף פון באדען. קודם-כל האבען די שתדלנים זיך בערופען אויף די פריווילעגיעס פון רעליגיאנספרייהייט, וועלכע זיי האבען געהאט פון די קסרים און פויפסטען, לויט וועלכע דער קייזער אליין האט אויך נישט געהאט קיין רעכט, צו מישען זיך אין די אינערליכע אידישע ענינים, און צונעהמען ביי זיי זייערע רעליגיעזע ספרים. די שתדלנים האבען אויך אנגעוויזען דעם קייזער, אז זייער אנ-קלאגער איז א געמיינער פערברעכער, אגב, וועלכען מען האט געהאט פערמשפט פאר גנבה. זיי האבען שוין געהאפט צו זיין ביים ציעל, דען דער קייזער האט זיי גנעדיג אויסגעהערט און בעשטימט זייער פריינד דעם ערצבישאף פון מאינץ, אוריאל פון געמינגען, פאר א קאמיסאר אין דער פראגע.

ווי נור פעפערקארן איז ווידער צו איהם געקומען מיט א בריעף פון זיין שוועסטער, — א בריעף, אין וועלכען די פאנאטישע מאנאכין בע-שווערט איהר קייזערליכען ברודער, אז ער זאל נישט מבזה זיין דאס קריסטענטום דורכ'ן מבטל מאכען זיין אייגענעם מאנדאט, האט ער חרטה בעקומען אויף זיינע פריהערדיגע הבטחות די אידישע שתדלנים און האט ארויסגעגעבען א צווייטען מאנדאט (10 נאוועמבער 1509), אין וועלכען ער מאכט די אידען א פארוואורף, דאס זיי האבען געהאט א העזה, צו שטעלען זיך געגען זיינעם א בעפעהל, און האט בעפוילען, אז מען זאל די קאנפיסקאציע באלד מאכען. דערביי האט ער בעשטימט אלס געהילפען צום קאמיסאר ערצבישאף פון מאינץ, אוריאל פון געמינ-גען, די געלעהרטע פון די הויכשולען קעלן, מאינץ, ערפורט און היידעלבערג, די געלעהרטע יאהאן רייכלין און וויק-טאר פון קארבען, ווי אויך, ענדליך דעם ריכטער פון די אפיקורסים, האכסטראטען, וועלכער איז געווען גאנץ אונוויסענד אין העברעאיש.

מיט'ן דאזיגען נייעם מאנדאט אין קעשענע איז פעפערקארן געשווינד צוריקגעקומען אין דער רהיינגעגענד, וואו ער האט געדארפט אנהויבען פון דאס ניי זיין טעטיגקייט. דער ערצבישאף אוריאל האט באלד בעשטימט דעם רעקטאר (רעגענס) פון דער מאינצער אוניווערזי-

טעט הערמאַן העס פאַר זיינעם אַ דעלעגאַט, כדי צו זיין דער אידישער פערטרעטער ביי דער ספרים־קאָנפיסקאַציע. מיט איהם צוזאַמען איז פער־פערקאָרן ווידער געקומען קיין פראַנקפורט, כדי אונטערצונעהמען פון דאָס־ניי די יאַגד אויף די אידישע ספרים. אַזוי אַרום האָט מען ביי די פראַנקפורטער אידען צוגענומען טויזענד פינף הונדערט ספרים (מאַנו־סקריפטען, וואָס זיי האָבען געהאַט נאָך פון פאַר דער דרוקעריי), וועלכע מען האָט געבראַכט אין ראָטהויז. אויך אין אַנדערע שטעדט האָט מען פיעל אידישע ספרים קאָנפיסקירט.

נאָר ביים פראַנקפורטער שטאָדט־ראַט איז עס געלונגען צו פועל'ן, אַז ער זאָל זיך שטעלען אויפ'ן אידישען צד. אויפ'ן פראַנקפורטער יריד פלעגען קומען אידישע מוכרי ספרים מיט פיעל סחורה צו פערקויפען. איצט האָט פעפערקאָרן ערקלערט, אַז ער וועט אויך אָט די ספרים קאָנ־פיסקירען. דער שטאָדט־ראַט האָט אָבער דאָס נישט דערלאָזען צו טהון, ערקלערענדיג, אַז ער וויל נישט אָנריהרען די יריד־רעכטע, וואו עס הערשט פרייהייט פאַר'ן מסחר. אויסער דעם האָבען די מוכרי ספרים געהאַט מיט זיך שוץ־בריעף פון די פירשטען און הערשער פון זייערע מקומות, וועלכע האָבען זיי פערזיכערט נישט בלויז די זיכערהייט פון זייער פערזאָן, נ״ר אויך פון זייער פערמעגען. דער ערצבישאָף אוריאל האָט זיך אפילו בעצויגען מיט אַ אונצופרידענהייט צו דער זאַך, אין הארצען אָבער האָט ער געהאלטען מיט די אידען. די פערזאָנען, וועלכע דער קייזער האָט בעשטימט צוזאַמענצורופען, כדי דורכצוקוקען די אידישע ספרים, האָט ער נישט צוזאַמענגערופען און האָט געטהון נאָר דאָס, וואָס ער איז געווען געצוואונגען צו טהון, לויט'ן בפירוש'ן בעפעהל פון קייזער. ווי עס שיינט, האָבען אויך איניגע דייטשע פירשטען זיך בעקלאָגט ביים קייזער איבער דער קאָנפיסקאַציע און אויך די עפענטליכע מיינונג בכלל איז געווען געגען פעפערקאָרן.

די דאָמיניקאַנער צוזאמען מיט פעפערקאָרן האָבען אָבער נים גע־רוהט און געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו געווינען פאַר זיך דעם קייזער און די עפענטליכע מיינונג. צו דעם צוועק האָט פעפערקאָרן ארויסגעגעבען אַ ניי ווערק: „צו לויב און לכבוד דעם קייזער מאַקסימיליאַן“. דאָס ווערק איז געווען פול חניפה פאַר'ן קייזער און שרעקליכע זלזולים געגען די אידען. דערביי זאָגט פעפערקאָרן אַרויס זיין פערדרום, וואָס די קריסטליכע געזעלשאַפט נעהמט אויף אַזוי לייכט די ארויסגעשטעלטע בעשולדיגונגען געגען די אידען און עס קימערט איהר גאָר נישט, וואָס אין תלמוד געפינען זיך אַזוי פיעל לעסטערונגען געגען קריסטענטום. ווי עס זעהט אויס, האָט דאָס אויך נישט געווירקט און די עפענטליכע מיינונג איז וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער אויפגערעגט געוואָ־רען געגען פעפערקאָרנ'ן, אַזוי ווייט, אַז דער קייזער האָט זיך געפונען גע־צוואונגען צו מאַכען אַ שריט, וועלכער איז געווען דאַמאָלס גאַנץ אונגע־

זועהנליך פאר א דייטשען קייזער: ער האט זיינע פריהערדיגע בעפעה-
לען אין א געוויסער מאס מבטל געמאכט און בעפוילען דעם פראנקפור-
טער ראט אבצוגעבען די פראנקפורטער אידען זייערע ספרים צוריק
(23 מאי 1510), „ביז וואנען מען וועט ענדיגען די פארשונג אין די ספרים
און דורכקוקען זיי“. ביי די אידען איז די שמחה געוועזן גוואלדיג גרויס,
אבער זייער שמחה איז געווען א פריהצייטיגע. די דאמיניקאנער האבען
זיך אזוי לייכט נישט געוואלט אבזאגען פון זייער פריהערדיגען נצחון. א
טרויעריגער צופאל מיט א גנב אין מארק בראנדעבורג האט זיי געגעבען
א נייעם גרונד צו מאכען אנ'אנקלאגע אויף די אידען. א קריסטליכער גנב
האט דארט ארויסגע'גנב'עט אין א קירכע פערשידענע זאכען. ווען מען
האט איהם אויסגעפרעגט וועגען דער האסטיע, האט ער ערקלערט, אז ער
האט זי פערקויפט די בראנדענבורגער אידען. נאטירליך, האט מען דעם
גנב געגלויבט, און דער בישאף פון בראנדענבורג האט זיך באלד גענומען
רודפ'ן די אידען מיט א ברענענדיגען פאנאטיזם. דער קורפירשט יאאכים
I האט באלד בעפוילען צו ברענגען די אנגעקלאגטע אידען קיין בערלין.
צו דער בעשולדיגונג אין שענדען די האסטיע איז, ווי געוועהנליך, נאך
צוגעקומען אויך א בלוט-בלבול. יאאכים האט די אנגעקלאגטע אידען
געלאזט פייניגען מיט שרעקליכע ענוים און דערנאך פערברענט אכט און
דרייסיג אידען לעבעדיגער'הייד (ערב שבת י"ב אב ר"ע—19 יולי 1510)
די קדושים האבען, שוין זייענדיג ארומגענומען פון די פלאמען פייער,
נישט אויפגעהערט צו זינגען קאפיטלעך תהלים און הלל; נור צוויי אידען
האבען, אין גרויס אימה פאר אזא שרעקליכען טויט, זיך געלאזט אב'שמד'ן,
האט מען זיי געטהון א „חסד“: מען האט זיי באלד נאך דער טבילה אב-
געהאקט די קעפ. ערשט מיט זיבען און צוואנציג יאהר שפעטער האט
מען זיך דערוואוסט, ווי פאלש עס זענען געווען די בלבולים, פאר וועלכע
מען האט די אידען פערברענט, דען דער גנב האט זיך פאר'ן טויט מודה
געווען פאר'ן גלח, אז ער האט די אידען אומזיסט אנגעקלאגט. דערוויי!
אבער האט די זאך ארויסגערופען א גרויסען רעש אין דייטשלאנד, און די
קעלנער דאמיניקאנער האבען עס אויסגענוצט, כדי אנצוקלאגען די אידען
ביים קייזער מאקסימיליאן און פועל'ן ביי איהם, אז מען זאל ווידער קאנ-
פיסקירען די אידישע ספרים. אויך דאס מאל האבען זיי אויסגענוצט דעם
קייזערס שוועסטער די מאנאכין, וועלכע האט געשילדערט פאר דעם
קייזער די אימה'דיגע שלעכטסקייטען פון די אידען און וואס פאר א שא-
דען זיי ברענגען דעם קריסטענטום, בעריהמענדיג זיך, אז זיי, וועלכע
האבען געשענדעט די האסטיע און קאנען פערנוצען קריסטליך בלוט אויף
פסח, האבען צוריק בעקומען זייערע קאנפיסקירטע ספרים, דען דער קיי-
זער איז אין א געוויסער מאס איינשטימיג מיט דער לעסטערונג געגען
קריסטענטום, וואס געפינט זיך אין זייערע ספרים. — די פרומע מאנאכין
[illegible] קייזער צו די פים, געוויינט און בעשווארען איהם, אז

ער זאָל ווידער געבען א בעפעהל צו קאָנפיסקירען און פערברענען די אידישע ביכער.

דער קייזער מאַקסימיליאַן איז געווען אין פערלעגענהייט: איהם איז געווען שווער אָבצוזאָגען זיין געליעבטער שוועסטער איהר ביטע, כ'איז איהם אויך שווער געווען ווידער צו בענייען די קאָנפיסקאַציע, וועלכע ער האָט שוין מבטל געמאַכט. ער האָט אָבער געפונען אַ מיטעלוועג, כדי צו בעפרידיגען אַלע צדדים: ער האָט אַרויסגעגעבען אַ נייעם מאַנדאַט, שוין דעם פיערטען אין דער אנגעלעגענהייט (6 יולי 1510), אַז דער ערצבישאָף אוריאל זאָל זיך ווידער נעהמען פאַר דער זאַך, אָבער שוין אין אַן'אַנדער פאָרם. אוריאל האָט נאָך נעמליך געדאַרפט מאַכען אַן אַנקעטע ביי די דייטשע אוניווערזיטעטען, אויב דעם קריסטענטום קאָן עפּעס אַרויסקומען נוצען דערפון, וואָס מען וועט פערברענען דעם תלמוד. בעזונדערס האָבען זיך געדאַרפט אַרויסזאָגען וועגען דער פראַגע יאָהאַן רייכלין, וויקטאָר פון קאַרבען און האָכסטראַטען. דער אורטייל פון די אוניווערזיטעטען און פון די דריי געלעהרטע האָט פעפערקאָרן געדאַרפט צושטעלען אַליין דעם קייזער. רייכלינ'ס אורטייל אין דער פראַגע איז געווען אַ גליקליכער שטיצפונקט פאַר די אידען אין דער נויט. ער האָט אָנגענומען דעם שטאַנדפונקט, אַז בשעת מען רעדט וועגען די אידישע ספרים דאַרף מען נישט פערגעסען, אַז די גאַנצע אידישע ליטעראַטור בעשטעהט נישט פון איין גלייכער קאַטעגאָריע ספרים; אויסער דעם תנ"ך, מוז מען אין דער אידישער ליטעראַטור אונטערשיידען זעקס קלאַסען; די קלאַס פון די מפרשים צום תנ"ך—רש"י, דער אבן-עזרא, דער רד"ק, רבי משה גירונדי (רמב"ן) און רבי לוי בן גרשון (רלב"ג) — זענען געווים נישט שעדליך פאַר'ן קריסטענטום זיי זענען גאָר דורכאויס נויטיג פאַר דער קריסטליכער טעאָלאָגיע. דאָס בעסטע, וואָס די געלעהרטע קריסטען האָבען געשריבען וועגען דעם תנ"ך, שטאַמט פון די אידען, וועלכע זענען דער קוואַל, פון וועלכען מען קאָן שעפּען דעם ריינעם אמת און דעם ריכטיגען פשט פון תנ"ך. אויב מען זאָל פון די שריפטען פונ'ם בעסטען קריסטליכען מפורש צום תנ"ך, פון ניקאָלאַי די ליראַ, אַראָבנעהמען אַלע ערקלערונגען (פירושים) וואָס ער האָט גענומען ביי רש"י בלייבט זעהר וועניג וואָס ער האָט מיט'ן אייגענעם קאָפּ דערגאַנגען; אויף אַ פּאָר בלעטלעך וועט עס קוים קלעקען. עס איז אַ חרפה, וואָס פיעל קריסטליכע דאָקטוירים מאַכען פאַלשע פירושים צום תנ"ך, נישט קענענדיג קיין העברעאיש און קיין גריכיש. — די קלאַס פון יענע העברעאישע ספרים, וועלכע ענטהאַלטען פילאָזאָפיע, נאַטורוויסענשאַפט און פרייע קונסט אונטערשיידען זיך נישט מיט קיין זאַך פון דעם מין ספרים, געשריבען אין גריכיש, לאַטייניש אָדער דייטש. וואָס אַנבעלאַנגט דעם תלמוד, געגען וועלכען פעפערקאָרן האָט געמאַכט זיין אַנקלאַגע איז רייכ-

לין מודה, דאס ער פערשטעהט אין איהם נישט קיין איינציגען וואָרט; אָבער אויב אַנדערע געלעהרטע קריסטען פערשטעהען דאָרט גאָר נישט און זייער גאַנצע ידיעה, וואָס זיי האָבען כלומר'שט וועגען תלמוד, שטאַמט פון זלזולים-ביכער, וואָס עס האָבען געגען איהם געשריבען פערשידענע משומדים. ווי אַזוי קאָנען זיי אָבער רעדען וועגען דעם תלמוד, אויב זיי פערשטעהען איהם נישט! צי וואָלט דען זיך געפונען עמיצער שרייבען געגען דער מאַטעמאַטיק ניט האָבענדיג קיין בעגריף פון איהר? זיין מיינונג איז דעריבער, אַז מען דאַרף דעם תלמוד נישט פערברענען, אויב אפילו עס זאָל יאָ זיין אמת, דאָס צווישען פיעל אַנדערע ענינים געפינען זיך דאָרט אויך אייניגע ווערטער געגען די גרינדער פון קריסטענטום. „אויב דער תלמוד וואָלט באמת ווערט געוועזן, אַז מען זאָל איהם פערברענען — רופט אוים רייכלין — וואָלטען דאָס געטהון אונזערע פריהערדיגע דורות, וועלכע האָבען זיך בעצויגען פיעל ערנסטער, ווי מיר, צום קריסטענטום. די משומדים פעטער שוואַרץ און פעפערקאָרן, וועלכע פאָדערען דורכאוים, אַז מען זאָל דעם תלמוד פערברענען, האָבען, משמעות, זייערע פריוואַטע אינטערעסען דערביי". — נור צוויי ספרים אַנערקענט רייכלין פאַר לעסטערנד געגען דעם קריסטענטום: דער „ספר הנצחון" און „מעשה הלדה", אָבער די אידען גופא האָבען פערבאָטען זיי צו לייענען און זיי זענען בכלל נישט בנמצא. אויב מען וועט געפינען ביי אידען אַזאַ מין ספרים, דאַרף מען זיי געוויס פערניכטען. וועגען די מדרשים און ספרי תפלה זאָגט זיך אַרוים רייכלין, אַז די מלוכה האָט נישט דאָס רעכט צוצונעהמען זיי ביי די אידען, וועלכע האָבען דערויף פריווילעגיעס פון פיעל קיסרים און פויפסטען. — וועגען די קבלה־ספרים ערקלערט רייכלין, אַז די קריסטען מוזען זיי גאָר העכסט שעצען און טייער האַלטען, ווייל אין זיי געפינט מען אַ בעשטעטיגונג פון די קריסטליכע רעליגיאָנס-פּרינציפּען און דער פויפסט אַלעקסאַנדער האָט אפילו בעפוילען אייניגע פון זיי איבערצוזעצען אויף לאַטייניש. זיין אורטייל שליסט רייכלין אין פאָלגענדעס: מען דאַרף ביי די אידען זייערע ספרים בשום אופן נישט צונעהמען; אַנשטאָט דעם דאַרף מען אין יעדער אוניווערזיטעט איינאָרדנען אַ קאַפעדרע מיט צוויי פּראָפעסאָרען צו לערנען די העברעאישע שפּראַך און די רבנישע ליטעראַטור, און דאַדורך וועט מען אויך קאָנען ווירקען אויף די אידען מיט גוטען, אַז זיי זאָלען זיך ווענדען צום קריסטענטום.

בלי ספק, זינט די קריסטליכע וועלט האָט זיך גענומען רודפ'ן די אידען, האָבען די אידען נאָך קיינמאָל נישט געפונען צווישען די קריסטען אַזאַ מליץ-יושר, ווי רייכלין איז געוועזן פאַר זיי, וועלכער זאָל נאָך דערצו אַרויסטרעטען מיט אַנ'אָפיציעלער ערקלערונג פאַר'ן קאַנצלער און פאַר'ן קייזער לטובת די אידען. בעזונדערס וויכטיג זענען געוועזן פאַר די אידען צוויי פונקטען, וועלכע רייכלין האָט בעטאָנט: די אידען זענען

מיטבירגערפון דער דייטש-רוימישער מלוכה, און אז זיי האָבען די זעלבע רעכט און בעשיצונג, ווי די איבריגע בירגער. דאָס איז געווען, אין אַ געוויסער מאָס, די ערשטע בשורה פון גלייכבערעכטיגונג פאַר די אידען אין דייטשלאַנד, חאָטש רייכלין האָט עס אַרויסגעזאָגט אין אַנ'עטוואָס נעבעלהאַפטער פאָרם. ערשט פיער הונדערט יאָהר האָבען געמוזט פאַריבער, ביז מען האָט דאָס אַרויסגעזאָגט קלאָר, עפענטליך און ענדליך אויך בעשטעטיגט. דורך רייכלינ'ס ערקלערונג איז אויך צום ערשטען מאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרען דורך אַ קריסט אַז עס איז נישט ריכטיג די באַרבאַריש ווילדע מיינונג פון מיטעלאַלטער, דאָס נאָכדעם ווי אַספּסינות און טיטוס האָבען איינגענומען ירושלים און פערקנעכטעט דאָס אידישע פאָלק, האָבען זיי איבערגעגעבען בירושה זייער רעכט אויף דאָס אידישע לעבען און פערמעגען זייערע יורשים, די קיסרים פון דער דייטש-רוימישער מלוכה. די אידען האָבען אויך אַ רעכט, וועלכעס עס מוזען אָבהיטען סיי דער קייזער, סיי די מלוכה, סיי די וועלטליכע, סיי די גלחישע מאַכט. דאָס איז געווען פאַר אידען דער ערשטער ליכטיגער שטראַהל אין דער לאַנגער חושכ'דיגער נאַכט. — דער צווייטער פונקט, וועלכען רייכלין בעטאָנט שוין קלאָרער, איז אויך געזוען נישט ווייניגער וויכטיג: די אידען דאַרפען געמשפט ווערען, אלס אַזעלכע. די אידען שטעהען אויסער דער קריסטליכער קירכע און זייער נישט-גלויבען אין קריסטענטום קאָן כלל נישט בעטראַכט ווערען אַלס אַפּיקורסות, ווייל זיי זענען אין קריסטענטום נישט אויסגעוואַקסען, נישט ערצויגען געוואָרען און זיך קיינמאָל נישט מתחייב געווען אין איהם צו גלויבען; דער טערמין „אַפּיקורוס אָדער כופר“ — יענער שרעקליכער וואָרט, פאַר וועלכען מען פלעגט אין מיטעלאַלטער בעשטראָפען מיט'ן פערברענען — האָט צו זיי כלל קיין שייכות נישט.

וואָס פאַר אַ גרויסען נוצען דער דאָזיגער אורטייל האָט געהאַט פאַר די אידען, זעהט מען ערשט אַרויס פון דעם אורטייל, וואָס עס האָבען געגעבען אין דער פראַגע די דייטשע אוניווערזיטעטען, פאַר וועלכע דער תלמוד איז, נאַטירליך, געווען אַ בוך, פערחתמעט מיט זיבען חתימות די קעלנער דאָמיניקאַנער, די פּראָפעסאָרען פון דער טעאָלאָגישער פאַקולטעט, דער אַפּיקורסים-ריכטער האָכסטראַטען און דער אַלטער משומד וויקטאָר פון קאַרבען, וועלכע האָבען אַלע גערעדט פון איין מויל אַרויס, האָבען זיך גאָר נישט אַריינגעלאָזען אין ברענגען ראיות, אַז דער תלמוד ענטהאַלט שעדליכעס און פיינדליכעס פאַר'ן קריסטענטום; דאָס האָבען זיי אָנגענומען, אַלס אַ זיכערער פאַקט, און דעריבער איז זייער מיינונג געווען באַלד פערטיג: דעם תלמוד און אַלע ספרים וואָס האָבען צו איהם אַ שייכות, אָדער זענען אין זיין גייסט געשריבען, דאַרף מען ביי די אידען צונעהמען און פערברענען. זיי זענען געגאַנגען נאָך ווייטער: נעמליך, דער אַפּיקורסים-ריכטער האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מען דאַרף די אידען אָנקלאָגען אין

גערוכט. מען דארף לאזען דורך פאכמענער צוזאמענגעהמען אלע אפיקורסות'ע שטעלען, וואס געפינען זיך אין תלמוד און אין די איבריגע אידישע ספרים און דאן פארלעגען זיי די אידען מיט דער פראגע: אויב זיי אנערקענען די שעדליכקייט פון די ספרים, אין וועלכע עס געפינען זיך אזעלכע זאכען. אויב זיי וועלען עס אנערקענען, דאן דארף מען די ספרים פערברענען; אויב אבער זיי וועלען מיט עקשנות ערקלערען, אז זיי גלויבען אין אזעלכע ספרים, דאן זאל זיי דער קייזער איבערגעבען דער אינקוויזיציע, צו משפט'ן זיי און בעשטראפען, אלס אפיקורסים.

די מאינצער פאקולטעט האט געענטפערט, אז נישט בלויז אלע תלמודישע און רבנישע ספרים זענען פול מיט פאלשע מיינונגען און אפיקורסות, נאר אפילו אויך דעם תנ"ך האבען זיי דאדורך אנגעשטעקט און איהם פערדארבען. דעריבער דארף מען אויך די תנכ'ן ביי די אידען צונעהמען און זיי גוט דורכקוקען; אויב מען וועט געפינען אין זיי עטוואס שעדליכעס פאר'ן קריסטענטום, דארף מען זיי אויך לאזען פערברענען. דאס איז געווען א חיטרע קונץ־שטיק: דער ריכטיגער העברעאישער טעקסט פון תנ"ך שטימט נעמליך נישט אינגאנצען מיט זיין לאטיינישער איבערזעצונג, מיט דער „וואולגאטא", וועלכע מען האט אין פיעל ערטער בכיון פערדרעהט. אויב מען וואלט אלזא איצט דערוויזען, אז דער העברעאישער תנ"ך שטימט נישט מיט דער וואולגאטא, וועט מען קאנען ערקלערען דעם עכטען אידישען תנ"ך פאר פאלש און, ממילא פטור ווערען פון דער „העברעאישער וואהרהייט", וועגען וועלכע עס האט גערעדט דער געלעהרטער רייכלין. אויב די מאינצער און קעלנער פאקולטעטען וואלטען מיט זייער אורטייל דורכגעגאנגען, וואלט מען דעם חומש, די נביאים, דעם תהלים, אלע טייערע און הייליגע מאנומענטען פון א געטליך־גליקליכער צייט אריינגעווארפען אין פייער און אנשטאט דעם ארויפגעזעצט אויפ'ן טראהן די וואולגאטא. משמעות, די מאינצער און די קעלנער האבען געשפירט אינסטינקטיוו, אז די קלארע און ריכטיגע ווערטער פון העברעאישען תנ"ך ענטהאלטען דעם טויט פון דאמאלסדיגען קאטוילישען פויפסטום מיט דער ממשלה פון די דאמיניקאנער און גלחים. צום גליק האבען אבער די קעלנער אליין פערדארבען זייער היטרען פלאן דורך א שענדליכען שווינדעל.

זיין אורטייל מכח דער אידישער ליטעראטור האט רייכלין אבגעשיקט אין א פער'חתמ'עטען קאנווערט דורך א בעשווארענעם שליח מיוחד צום קורפירשט ערצבישאף פון מאינץ אוריאל פון געמינגען. ער האט גערעכענט, אז אלס א אפיציעלער דאקומענט דארף עס זיין א געהיים'ניש פאר אלעמען און קאן תחילת געלעזען־ווערען נאר דורכ'ן ערצבישאף אוריאל אלס דעם קייזערליכען פערטרעטער און דורכ'ן קייזער גופא. אבער פעפערקארן, וועלכער האט געדארפט איבערברענגען דעם דאקומענט דעם קייזער, האט איהם בעקומען שוין אין א אפענעם קאנווערט,

נאָך אײדער דער קייזער האָט איהם געלעזען. ווי אזוי איז דאָס פאָרגעקומען? רייכלין ערקלערט די דאָמיניקאנער פאַר געמיינע חתימה־ברעכער. פעפערקאָרן דאגעגען האָט דערצעהלט, אז ער האָט רייכלינס אורטייל געפונען בײ'ם ערצבישאָף אוריאל, וואלגערענדיג זיך אויפ'ן טיש, אלס א זאך, וואָס האָט נישט קיין ווערט, און דער קייזער אליין האָט עס אויך נישט געלעזען, נאָר איבערגעגעבען צו גלחים, וועלכע האָבען ערקלערט, אז רייכלין האָט געשריבען „מיט גאָלדענע טינט“, דאָס הייסט: ער האָט גענומען שוחד בײ די אידען.

אָבער א דאַנק דעם שענדליכען שווינדעל מיט'ן אויפברעכען די חתימה פון רייכלינס קאָנווערט, איז רייכלינס אורטייל בעוואוסט געוואָרען דער געזעלשאפט און אנשטאט דעם, וואָס מען האָט געוואָלט שטעלען אין סכנה דאָס יודענטום, האָט מען געשטעלט אין סכנה די קאַטוילישע קירכע, בעשאפענדיג א געוואלדיגען ריכטער — די געזעלשאפטליכע מיינונג. די דאָמיניקאַנער זענען געווען אויסער זיך פאר כעס, בעקענענדיג זיך מיט רייכלינס אורטייל, דען זיין שטימע האָט געהאַט א גרויסען ווערט אי בײ'ם קייזער אי בײ זיינע יועצים. זיי האָבען דעריבער באלד פערפאַסט א ווערק געגען רייכלינס אורטייל און דוקא נישט אין לאטייניש, ווי מען פלעגט דאמאָלס שרייבען אזעלכע זאכען, נאָר אין דייטש, כדי צו פערשפרייטען צווישען דעם פאָלק און אויפרייצען איהם אזוי, אז דער קייזער אליין זאָל אויך נישט זיין אימשטאנד צו שטעלען זיך אויף רייכלינס צד.

דאָס דאָזיגע אָבשפּאָטונגס־ווערק דער „האַנד שפּיגעל“, וואָס פערפערקאָרן מיט די דאָמיניקאַנער האָבען ארויסגעגעבען און פערשפרייט אין טויזענד עקזעמפּליארען, געגען אזא הויכגעשטעלטער און הויכגעעהרטער פערזענליכקייט, א מיטריכטער פון שוואבישען בונד, א געלעהרטען, וועלכער האָט אליין געוואויגען מעהר ווי א גאנצע פאַקולטעט, האָט געמאַכט א געוואלדיגען רעש. זינט מען האָט ערפונדען די בוכדרוקעריי איז דאָס געווען דער ערשטער איינפאל אין געדרוקטען וואָרט אויף אַנ'אָפיציעלע פערזאָן און דערצו נאָך אין דייטש, — א שפּראך, וועלכע אלע האָבען פערשטאנען. רייכלינס פיעל פריינד זענען שטארק אויפגערעגט געוואָרען אויף דער חוצפה פון א משומד און זיין אונפערשעמטקייט, ווען ער האָט זיך געהאלטען פאר א גרעסערען מאמין אין קריסטליכען גלויבען אלס א הויך־געעהרטער געבוירענער קריסט. רייכלין אליין האָט נאַטירליך אויך נישט געקאָנט פערשווייגען אזא אָנפאל. קודם־כל איז ער אוועק צום קייזער מאַקסימיליאן און זיך בעקלאָגט געגען דער רכילות פון פעפערקאָרן. דער קייזער האָט ארויסגעזאָגט זיין העכסטע אונצופרידענהייט געגען פעפערקאָרן און בערוהיגט דעם אויפגערעגטען יאָהאַן רייכלין דערמיט, וואָס ער האָט איהם מבטיח געווען צו לאָזען אונטערזוכען די אָנגעלעגענהייט דורך דעם אויגסבורגער בישאָף. דער קייזער האָט אָבער קענטיג פערגעסען זיין הבטחה. עס איז אונטערגעקומען דער פראנקפורטער יריד, און פעפער־

קאָרן האָט זיך געקליבען צו פערקויפען דאָרט דעם רעשט פון זיין „האַנד־
שפּיגעל“ געגען רייכלין, וועהרענד די רעגירונג האָט נישט געהאַט בעקר־
מען קיין שום בעפעהל פון קייזער לטובת רייכלין.

רייכלין איז אלזאָ געווען געצוואונגען אליין זיך צו פערטיידיגען. ארום
סוף אויגוסט 1511 האָט ער אָנגעשריבען זיין פּאָלעמישע שריפט „אוי־
גענשפּיגעל“ (אָדער די „שפּאַקולען“, דען אויפ'ן פאָדער־בלאט זענען
געווען אויסגעמאָהלט שפּאקולען)—א ווערק, וואָס איז העכסט בעריהמט
געוואָרען אין דער וועלט־געשיכטע. ער האָט נעמליך אויפגעדעקט דערין די
גאנצע געמיינהייט פעפערקאָרנ'ס מיט זיינע מיטארבייטער, די קעלנער
דאָמיניקאַנער, ווי אויך פון דער דאַמאָלסדיגער קאַטוילישער גלחישער
וועלט. דאָס איז שוין געווען אייגענטליך נישט קיין ליטעראַריש ווערק, נאָר
א וויכטיגע קולטור־געשעהעניש.

אין איינפאכע אמת הארציגע ווערטער דערצעהלט ער דערין די
מעשה, ווי אזוי א גע'שמד'טער „איד“ האָט געמאַכט אלערליי אָנשטרענ־
גונגען צו ערקלערען דעם תלמוד פאַר אַ געפעהרליך ווערק, וועלכע מען
דאַרף פערברענען אויף די קאָסטרעס, און ווי דער „איד“ האָט אויך איהם,
יאָהאַן רייכלין, געוואָלט אויסנוצען צו פערווירקליכען זיין פּלאַן. ער
דערצעהלט, ווי אזוי פעפערקאָרן האָט איהם געבראכט די דאָקומענטען
פון קייזער און פון מאַינצער ערצבישאָף, כדי אז ער זאָל ארויסזאָגען זיין
אורטייל, און ווי אזוי פעפערקאָרן האָט אויף אַנ'אונעהרליכען אופן גע־
בראָכען די חתימה פון זיין אורטייל, בעקענט זיך מיט'ן אינהאַלט און
אויסגעאַרבייט געגען איהם א שאַנד־שריפט, אין וועלכער רייכלין צעהלט
אָן נישט ווייניגער ווי פיער און דרייסיג שקרים.

בעזונדערם אויפגערעגט איז רייכלין דורך דער בעשולדיגונג, אז ער
האָט צוליעב געלד געשריבען זיין אורטייל וועגען דעם תלמוד. מיט'ן גרעס־
טען צאָרן פערזיכערט ער, אז ער האָט פון קינדווייז אָן ביז דעם לעצטען
טאָג קיינמאָל נישט גענומען ביי אידען אליין נישט ביי עמיצען אנדערש
פון זייערטוועגען קיין גראָשען, נישט קיין גאָלד, נישט קיין זילבער, נישט
קיין קרייץ, נישט קיין מינץ“. רייכלין איז אויך זעהר אויפגערעגט דארויף,
וואָס מען שעצט אזוי וויינג זיין קענטניש אין העברעאיש און נעמליך גע־
גען דער בעשולדיגונג, אז ער האָט זיין העברעאיש לעהר־בוך נישט אליין
מחבר געווען. אָבער נישט ווייניגער ווירדיג איז אויך רייכלינס ארויסטרע־
טען פאַר די אידען. דער פאָדלער פעפערקאָרן האָט איהם אויפגעוואָרפען,
אז ער האָט ביי א אידען העברעאיש געלערנט און דאדורך עובר געווען
אויף א גלחיש געזעץ. דערויף ענטפערט רייכלין: „דער גע'שמד'טער איד
שרייבט, אז גאָט האָט פערבאָטען צו האָבען א מגע ומשא מיט א אידען
דאָס איז נישט אמת. יעדער קריסט מעג מיט זיי האָבען משפטים אין גע־
ריכט, קויפען ביי זיי און פערקויפען זיי, אָדער געבען זיי אויך א מתנה.
עס קאָן אפילו אויך פאָרקומען א פאל, ווען א קריסט בעקומט צוזאמען

מיט אַ אידען אַ ירושה בשותפות. מען מעג אויך מיט זיי ריידען און לער־נען פון זיי, ווי דאָס האָבען געטהון דער הייליגער היעראָנימוס, אָדער ני־קאָ־אַי דע לירא. און, ענדליך: אַ קריסט איז מחויב אַ אידען צו ליבען, ווי בכלל דעם נאָהענטען — אָט דאָס איז קריסטליך געזעץ!"

מ'קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט גע־מאַכט רייכלינס ספר „דער אויגענשפיגעל", וואו עס געפינען זיך, אַזעלכע ערקלערונגען! דאָס בוך איז ערשינען אויפ'ן פראנקפורטער יריד, וואוהין עס פלעגען זיך דאמאָלס צונויפקומען טויזענדער מענשען אין אַ צייט ווען עס איז נאָך קיין עפענטליכקייט אין דער געזעלשאַפט נישט גע־ווען; יעדער דייטש האָט אויפמערקזאָם זיך בעקענט מיט'ן אונערהערטען סקאַנדאַל: דאָס אַזאַ בעריהמטער דייטשער געלעהרטער, ווי רייכלין, זאָל שטעלען צום שאַנד־סלופּ אַ משומד, וועלכער פאַלט אָן אויף די אידען, און זאָל איהם אָבשטעמפּלען אַלס אַ שקרן, אַ רכילות'ניק און אַ געמיינע בריאה — דאָס איז געווען פאַר אַלעמען אַזוי ניי, אונערהערט און איבער־ראַשענד, אַז די לעזער האָבען זיך די אויגען געריבען און זיך געפרעגט, צי האָבען זיי ביז איצט נישט געלעבט פּשוט אין פערבלענדעניש. נאָך הייסער אָבער האָבען זיך געהאַפּט די אידען פאַר'ן נייעם ספר: „סטייטש, אַזאַ אומגעוואָהנטע זאַך פאַר זיי, אַזאַ אונגלויבליכע! אַ דייטשער געלעהרטער, אַ קריסט זאָל זיך אָננעהמען עפענטליך פאַר אידען און פאַר'ן תלמוד! אַ קריסט זאָל אָבלייקענען אַלע בעשולדיגונגען געגען די אידען און געגען דעם תלמוד און שטעלען זיי צום שאַנד־סלופּ, אַלס שענדליכע שקרים! דאָס איז געווען אַן'אמת'ע שמחה בייא אידען! ענדליך האָט זיך געפונען חאָטש איין עהרליכער קריסט, וועלכער האָט זיך דערוואויגען צו זאָגען וועגען אידען אַן'אמת וואָרט! זיי האָבען דאַריבער זיך באַלד גענומען ענערגיש פערשפּרייטען זיין ווערק. אַממייסטען האָבען אָבער די פינסטערע קעלנער ברואים אַליין מיטגעווירקט צו פערשפּרייטען רייכלינס ווערק. ווען איינער פון די דאָמיניקאַנער האָט אויסגעלייענט דאָס ווערק, עסענדיג צוזאַמען מיט פעפערקאָרענען, איז ער אַריינגעפאַלען אין אַ ווילדען כעס און אויס־געררופען: „צום תליון! צום הענקער מיט'ן ווערק!" און באַלד האָט ער זיך בעריהמט, אַז דער ערצבישאָף האָט איהם געשיקט נישט צו דערלאָזען פערקויפען רייכלינס ווערק. דאָס איז אָבער געווען פאַלש. די געבילדעטערע קריסטען האָבען זיך באַלד געווענדעט צו איהם מיט אַ ביטע, אַז ער זאָל ערקלערען אויב דאָס איז אמת, און דער ערצבישאָף האָט מודה געווען אָפּיציעל, אַז פון זיין צד איז קיין שום מניעה נישטאָ, אַז מען זאָל דאָס ווערק פערשפּרייטען. רייכלין האָט מנצח געווען! פון אַלע זייטען האָט ער בעקומען בעגריסונגען, פון געלעהרטע און פון נישט געלעהרטע; אַלע האָ־בען איהם געוואונשען גליק אינ'ם הייליגען קאַמף מיט דער פאַלשקייט און בעגריסט איהם מיט'ן נצחון איבער דעם אונפערשעמטען ליגנער פּעפּער־קאָרן מיט די דאָמיניקאַנער, וועלכע שטעהען הינטער איהם.

מיט דעם פערעפענטליכען און פערשפרייטען רייכלינס „אויגען שפּי־
געל“ און זיין פערטיידיגען דעם תלמוד, האט זיך אנגעהויבען א קאמף,
וועלכער איז מיט יעדען טאג געווארען ערנסטער, אננעהמענדיג א גרע־
סערען מאסשטאב און בעריהרענדיג ענינים, וועלכע האבען אין דער קריסט־
ליכער וועלט געהאט א פיעל, פיעל וויכטיגערע בעדייטונג. דען די פינ־
סטערע כחות, וועלכע זענען געווען, ווי הינטער א שטיינערנער מויער,
אונטער זייער מאכט און די גרויסע מיטלען, וואס זיי האבען געהאט אב־
צושרעקען אפילו די מוטיגסטע—זיי האבען רייכלינס ארויספאדערונג צום
קאמף אנגענומען נישט גלייכגילטיג. פעפערקארנ'ס קאמף איז דאך געווען
אייגענטליך זייער אייגענער קאמף. און אט האט זיך געפונען א מענש,
וועלכער האט זיך דערוואויגען ארויסצוטרעטען געגען זייער פלאן און לא
די וואס ער שטימט נישט איין, אז מען זאל דעם תלמוד פערניכטען, ער־
קלערט ער גאר, אז ער איז נויטיג פאר'ן קריסטענטום; אויף די רדיפות
פון די אידען שטימט ער אויך נישט איין און פאדערט גאר, אז מען זאל
זיי האבען ליעב — וואס פאר א חוצפה! די זאך האט זיי ארייננע־
בראכט אין אזא טרפה'נעם כעס, אז זיי האבען אנגעהויבען מאכען
משונה'דיגע שריט, איינער נארישער פאר'ן אנדערען, ברענגענדיג שא־
דען זיך אליין.

א נארישען שריט, למשל, האט געמאכט דער פראנקפורטער גלח —
בעל-דרשן פעטער מייער, וועלכער האט זיך פיעל בעמיהט און נישט
געקאנט פועל'ן, אז מען זאל פערבאטען, צו פערקויפען רייכלינ'ס „אוי־
גענשפיעגעל“; ער האט, נעמליך, ערקלערט, בשעת דער גלח'ישער דרשה
אין דער קירכע, אז אין א פאר טעג ארום וועט פעפערקארן האלטען א
דרשה געגען רייכלינ'ען און געבעטען דעריבער די פערזאמעלטע קאטא־
ליקען, אז זיי זאלען אלע קומען צו דער דרשה און דערוועקען דערצו
אויך זייערע פריינד און בעקאנטע, כדי די דרשה זאל מאכען א שטאר־
קען רושם. דער דאזיגער איינפאל האט נור קאמפראמיטירט די דאמי־
ניקאנער. ערשטענס האט פעפערקארן, לויט די קאטוילישע געזעצען נישט
געהאט קיין רעכט, צו דרשנ'ען פאר'ן עולם אין דער קירכע, ווייל ער
איז קיין גלח נישט געווען, און נאך מיט א קורצער צייט פאר דעם
האט מען, לויט'ן אורטייל פון דער אינקוויזיציע פערברענט א שעפען־
פאסטוך פאר א דרשה אין קירכע. צווייטענס, איז פעפערקארן געווען א פער־
הייראטעטער און דערצו נאך א איד. כדי צו מאכען אלזא מעגליך זיין
דרשה, האט ער זי געהאלטען נישט אין דער קירכע גופא, נור אויף די
שטיגען פאר'ן ארייננאנג אין דער קירכע. דער עיקר איז אבער געווען
דאס, וואס פעפערקארן איז געווען א מענש מיט א טיפיש אידישער גע־
שטאלט, און זיין שפראך איז געווען נישט ריין דייטש, נור דער דאמאלס־
דיגער זשארגאן געמישט מיט ווערטער, וועלכע קריסטען האבען כלל
נישט פערשטאנען; דערצו האט ער נאך געהאט א העסליך פנים, אויף

וועלכען עס איז געוועהן אויסגעגאָסען דער פעררעטער און פאַלשער יונג, און אַט האָט מען אַרויסגעשטעלט דעם געוועזענעם אידען, מיט זיין אי־דישען, דערצו נאָך העסליכען פנים און זיין צוברָאָכענער שפּראַך, און ער האָט עס געצלמ'ט דעם קריסטליכען המון (7־טער סעפּטעמבער 1511) און געלערנט איהם פיינד צו האָבען די אידען און זייער תלמוד! עטוואָס העסליכערעס האָבען די דאָמיניקאַנער נישט געקאָנט אויסטראַכטען, די קריסטען האָבען מיינסטענס געלאַכט; פיעל פון זיי זענען אָבער געוואָרען אויך הַגַּסט ביז אויף דער חוצפה, וועלכע זיי האָבען בעטראַכט אַלס פּראָפּאַגאַציע פון'ם קריסטענטום.

ביז יענער צייט האָט זיך געהאַלטען דער הויפּטמאַכער פון'ם סקאַנ־דאַל, דער אפיקורסים־ריכטער יאַקאָב האָכסטראַטען, פון דער־וויטענס: שטעהענדיג הינטער דער קאַמף־ליניע, האָט ער נור גע־שיקט פאָראויס צום קאַמף אַלערליי קרעאַטורען, ווי פּעפּערקאָרן, דע גראַיעס און אַרנאָלד פון טאָנגערן. לסוף אָבער איז ער אַליין אַרויסגעטרעטען עפענטליך, מאַכענדיג דערביי אַזאַ מינע פון גדלות, אַ שטיינער ווי אַלע גלחים און שרים וואָלטען זיך געמוזט פאַר איהם בוקען און ער וואָלט געהאַט דאָס רעכט אַלעמען און אַלץ צו טרע־טען מיט די פיס. כדי צו ראַטעווען דעם אָבגעשוואַכטען אויטאָריטעט און אָנזעהען פון דאָמיניקאַנישען אָרדען, האָבען אַלע דאָמיניקאַנער גע־מוזט מאַכען יד־אחת און אָנווענדען אַלע קרעפטען, צו פערדערבען רייכ־לינען און בעקומען אַ בעפעהל, צו פערברענען דעם תלמוד.

אַלס אינקוויזיטאָר, וואָס משפט אפיקורסים, האָט האָכסטראַטען איינגעלאַדען רייכלין (15־טען סעפּטעמבער 1513) צו שטעלען זיך אין משך פון זעקס טעג אין מאַינץ אַכט אַזייגער אין דער פריה אין אינקוויזי־ציאָנס־געריכט, כדי דאָרט געמשפט צו ווערען פאַר זיין אַרויסטרעטען לטובת די אידען, ווי אויך צוליעב דעם ריח פון אפיקורסות. דערצו האָט האָכסטראַטען אויך שוין געהאַט אויסגעאַרבייט אַ שטרענגע אָנקלאַגע געגען רייכלינ'ס „אויגענשפּיעגעל" און אויך בעקומען אַ גרויסען צד, וועלכער האָט איהם געדאַרפט שטיצען אינ'ם שווערען קאַמף מיט אַזאַ געלעהרטען ווי רייכלין איז געווען: צו פיער אוניווערזיטעטען האָט ער געשריבען, בעטענדיג זיי, אַז מען זאָל זיך אַרויסזאָגען וועגען רייכלינ'ס „אויגענשפּיעגעל", נאַטירליך, אינ'ם זין, ווי ער, האָכסטראַטען, האָט פערלאַנגט; די אוניווערזיטעטען האָבען זיין פערלאַנג ערפילט. אין בע־שטימטען טאָג (20־טען סעפּטעמבער 1513) איז האָכסטראַטען געקומען קיין מאַינץ מיט אַ גאַנצער כנופיא דאָמיניקאַנער; ער האָט זיך אויך אויסגעקליבען פון זיינע חברים אַ קאָמיסיע, געעפענט די זיצונג פון דער אינקוויזיציע, אַרויסטרעטענדיג אַליין אי אַלס ריכטער, אי אַלס אָנקלאָגער.

די פונקטען פון דער אָנקלאַגע זענען, נאַטירליך, די אייגענע, וואָס פּעפּערקאָרן און אַרנאָלד פון טאָנגערן האָבען שוין געהאַט אַרויסגע־

שטעלט: „רייכלין איז צו-פריינדליך פאַר די אידען; ער בעטראַכט זיי, די „אינפערשעמטע הינט", ווי גלייכבערעכטיגטע מענשען, און זיין „אויגענשפיגעל" שמעקט צו-שטאַרק מיט אפיקורסות". האָכסטראַטען האָט דעריבער פאָרגעלעגט דער אינקוויזיטאָרישער קאָמיסיע, אַז זי זאָל אָנערקענען, דאָס רייכלינ'ס בוך איז בעליידיגענד פאַר דער קירכע און דערפאַר דאַרף עס פערברענט ווערען. אַ טאָרקוועמאַדע אָדער קסימענעס דע ציסנעראָס וואָלט אַזוי פיעל אומשטענדען נישט געמאַכט; זיי וואָלטען באַלד בעפוילען, צו פערברענען אי דעם מחבר, אי זיין ספר; אין דייטשלאַנד אָבער איז דאָס אונמעגליך געווען, דען סיי די וועלטליכע, סיי די גלחישע מאַכט וואָלטען געווען געגען דעם, און מען האָט דעריבער געמוזט מאַכען עס לפנים, לויט'ן געזעץ.

אָבער אויך איבער אַזאַ פראָצעס איז מען אויך שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען אין דייטשלאַנד; בעזונדערס אויפגערעגט זענען געווען רייכלינ'ס פריינד. די שטודירענדע יוגענד פון דער מאַינצער אוניווערזיטעט, וועלכע איז נאָך נישט געווען פערפעסטעט פון דער טעאָלאָגישער סכאָלאַסטיק, האָט עפענטליך אַרויסגעזאָגט איהר פראָטעסט געגען דעם געריכט געגען רייכלין, און צוזאַמען מיט די סטודענטען האָבען זיך אויך אָבגערופען די פראָפעסאָרען און דאָקטוירים פון דער יורידישער פאַקולטעט. צו דער איבעראַשונג פון די דאָמיניקאַנער איז רייכלין געקומען אין מאַינץ צום געריכט אין דער בעגלייטונג פון צוויי אָנגעזעהענע יועצים פון דעם ווירטענבערגער הערצאָג. מען האָט זיך מצד די גלחים שוין אפילו אָנגעהויבען בעמיהען זיך צו מאַכען אַ פשרה; אָבער האָכסטראַטען האָט דורכאויס געוואָלט אָנצינדען די קאַסטרעס און פערברענען רייכלינ'ס בוך און דעם תלמוד; ער האָט דעריבער נישט איינגעשטימט אויף פשרות און פערצויגען דעם פראָצעס ביז'ן 12-טען אָקטאָבער, ווען מען האָט געזאָלט אַרויסגעבען דעם פסק-דין געגען רייכלינ'ס ווערק.

דער אפיקורסים-ריכטער האָט שוין געהאַט בעפוילען אַלע גלחים אין מאַינץ, דאָס זיי זאָלען מודיע זיין אין זייערע דרשות אין די קירכען, דאָס יעדער, סיי אידען, סיי קריסטען זענען מחויב צו ברענגען רייכלינ'ס בוך צום פערברענען. אויסערדעם האָט מען דעם המון צוגעזאָגט אַ „מחילה וסליחה" פאַר די עבירות אויף אַ משך פון דריי הונדערט טעג, אויב מען וועט נור קומען זעהען, ווי אַזוי מען וועט „רייכלינ'ס אפיקורסות" פערברענען, כדי דאַדורך צו דערהויבען די בעדייטונג פונ'ם פאַקט. אין בעשטימטען טאָג איז דער פלאַץ פאַר דער קירכע באמת פול געוואָרען מיט אַ גרויסען המון נייגעריגע, טיילנעהמער און, בעזונדערס, מענשען, וואָס האָבען געגאַרט צו בעקומען אַ „סליחה ומחילה". מיט גרויס גדלות און אָנגעבלאָזען, ווי די פאַוועס, זענען געגאַנגען צו דער טריבונע די גלחים פון דאָמיניקאַנער-אָרדען און די טעאָלאָגען פון די אוניווערזיטעטען קעלן, לעווען און ערפורט, וועלכע זענען געווען איינגעלאַדען צום פאַראַד. „די

ערד האָט געציטערט אונטער זיינע טריט". האָכסטראַטען האָט פערנו־מען אויף דער בימה דעם ערשטען אָרט הינטער די ריכטער. האָכסטראַ־טען האָט שוין געהאַט געעפענט דאָס מויל אַרויסצוזאָגען דעם פסק־דין און אָנצינדען דאָס פייער, ווען פּלוצלונג האָט זיך בעוויזען אַ שליח־מיוחד פונ'ם ערצבישאָף אוריאל. דער ערצבישאָף, וועלכער איז אויך קורפירשט געוועזען, אַלזאָ האָט ער אויך די וועלטליכע מאַכט געהאַט, האָט נישט גע־קאָנט סובל זיין די רדיפות פון די גלחים געגען אַזאַ מענשען, ווי רייכ־לין. ער האָט דעריבער בעפוילען, אַז מען זאָל דעם אורטייל אָבלעגען נאָך אויף אַ חודש, ביז עס וועט קומען צו אַ פשרה; דערביי האָט ער ער־קלערט די קאָמיסאַרען פון דער אינקוויזיציע, וועלכע זענען אַלע געוועזען אויסגעקליבען פון זיין עפּאַרכיע, אַז אויב זיי וועלען איהם נישט געהאָר־כען, דערוויטערט ער זיי פון זייערע שטעלעס. און, ממילא, איז זייער פסק־דין בטל־ומבוטל. איבעררײשט און פערשעמט זענען געבליבען שטעהן די דאָמיניקאַנער; האָכסטראַטען האָט אפילו געוואָלט אַרויסטרעטען גע־גען דעם ערצבישאָף און גערעדט געגען איהם שאַרפע רייד, אָבער די גלחים־ריכטער זענען זיך איינציגווייז צוגאַנגען, און די גאַסען־יוגענד האָט זיי בעגלייטעט מיט אַנ'אויסרוף: „הלואי וואָלטען זיי בעסער אַליין פער־ברענט געוואָרען אויף די קאַסטרעס, איידער אָנטהון אַזאַ חרפה אַזאַ אָרענטליכען מענשען" (דעם ה' רייכלינ'ען).

הערמאַן פון בושע, דער פריינד פון דער הומאַניסטישער ביל־דונג און אולריך פון הוטען, דער ריטער פון אמת און גערעכטיג־קייט האָבען געפייערט רייכלינ'ס נצחון, און אולריך פון הוטען האָט אָנ־געשריבען און פערעפענטליכט אַ ליעד: „רייכלינ'ס נצחון", וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„פרעה זיך, פרעה זיך מיין ליעב פאַטערלאַנד,
דו אַליין האָסט זיך דערקענט מיין דייטשלאַנד!"

די דאָזיגע פערזען האָבען זיך איבערגע'חזר'ט נאָך יעדען קופּלעט אַלס ביי־געזאַנג. דייטשלאַנד האָט געדאַרפט עפענען די אויגען און אויפ־נעהמען מיט גרויס כבוד איהר געטרייען זוהן, רייכלין, פאַר זיין גלענ־צענדען נצחון איבער די שלעכטע דאָמיניקאַנער; דעם אונשטערבליכען רייכלין האָט מען געדאַרפט פלעכטען די שענסטע בלומענקרענץ און זינ־גען די שענסטע מוזיק. האָכסטראַטען ווערט אינ'ם ליעד געשילדערט, אַלס געפעהרליכער פיינד, וועלכער ווערט איצט געפיהרט איינגעשמיעדעט אין קייטען, אַלס העסליכער פייער־מענש, וואָס טענה'ט שטענדיג: „איך פייער וואַרפט די שריפטשטעלער און זייערע ספרים! די מעגסט דענקען אמת און ערהאַבען, גערעכט, אָדער אונגערעכט — אַ קאַסטרע פייער האָט ער פאַר דיר געגרייט. צוזאַמען מיט האָכסטראַטען — שילדערט דער דיכ־טער — שלעפּט מען אויך געשמיעדעט זיינע חברים, בעזונדערס, פעפער־

קאָרן. דעם דאָזיגען ניכטסווירדיגען מענשען האָט די דיכטערישע יוגענד אין איהרע ליעדער פשוט צוריסען שטיקערווייז:

„רופט מיר אהער צוויי תליונים צום נייעם טריאומף!
„ברענגט, פאָליציאַנטען, דאָס ווערקצייג, און רייבט־זשע די הענד!
„ברענגט מיט די שטריק און די אייזערנע האָקען,
„וויזט־זשע, איהר הענקער, מיר איצט, וואָס איהר קענט!
„וואַרפט איהם צו דר׳ערד מיט דער העסליכער פּאַרצע:
„זאָלען די אויגען, די ווילדע, נישט זעהען דעם הימעל,
„בייסען די ערד זאָל דער לעסטערנדער מויל!
„הענקער, איהר ציטערט? פערשטאָפּט איהם דעם פּיסק,
„רייסט איהם די צונג נור אַרויס, דעם רוצח,
„זאָל ער פערשטומען, ווען מיר טריאומפירען!
„האַקט איהם די נאָז און די אויערן אָב,
„שטעכט איהם די האָקען אין פּום נור גאַנץ טיעף;
„שלעפּט איהם אַרום מיט׳ן פּנים און ברוסט צו דער ערד:
„זאָל ער איהר רייניגען איצט פון זיין שמוץ!
„שלאָגט איהם די צייהנער אַרויס און די ליפּען;
„מאַכט איצט אונשעדליך — שוין לאַנג איז עס צייט!
„האָט איהר די הענד איהם געבונדען פון הינטען?
„האַקט אויך די נעגעל אַרונטער, איהר הענקער!
„שרעקליך! אונמענשליך!" — איצט רופט איהר צו מיר —
„שרעקליך, אונמענשליך זאָל זיין אַזאַ שטראָף? —
„שרעקליכער, גלויב איך, יאָ, זענען געווען
„אייערע שענדליכע מעשים!"

מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען, ווי שטאַרק עס האָבען זיך געפרעהט די אידען מיט׳ן סוף פונ׳ם דאָזיגען משפּט, דען זיי האָבען דאָך געוואוסט, אַז דער עיקר משפּט איז דאָ געווען נור וועגען זיי. אויב מען וואָלט רייכלינ׳ס „אויגענשפּיגעל" פער׳משפּט׳ן, וואָלט שוין מעהר זיך נישט דערוואַגען קיין קריסט צו זאָגען פאַר זיי אַ גוט וואָרט, דען ער וואָלט שוין געוואוסט, אַז פאַר אַזאַ זאַך קאָן מען איהם פערמשפּט׳ן אַלס אַפּיקורוס. אויב עס איז אמת, דאָס וואָס די דאָמיניקאַנער האָבען דערצעהלט, אַז די רבנים זענען, צוליעב דעם גוטען רעזולטאַט פון דעם פּראָצעס צוזאַמענגעקומען אויף אַנ׳אסיפה רבה קיין ווירמייזאַ און דאָרט האָבען זיי אָנערקענט אין דער מפּלה פון די דאָמיניקאַנער געגען רייכלינ׳ען דעם אָנפאַנג פון דער מפּלה פון דער פּויפּסטליכער ממשלה — אויב דאָס איז אמת, האָבען די רבנים געווים געהאַט אַ נביאות׳ן בליק אין דער צוקונפט.

רייכלין איז אָבער נאָך גאַנץ ווייט געווען פון אַנ׳ענדליכען נצחון

איבער זיינע פיינד און די פיינד פון די אידען. נור פאַר'ן מאָמענט האָבען זיי אַ מפלה געהאַט, אָבער נישט אויף שטענדיג. רייכלין אליין האָט גאַנץ גוט געקענט די חיטרע איינפאַלען און די שלעכטסקייט פון די גלחים, אַז ער אַט זיך געלאָזט איינגאַנצען בערוהיגען און מעהר נישט טהון קיין שריט געגען זיינע פיינד. ער האָט געוואוסט צו־גוט, אַז זיי וועלען זייערע רדיפות געגען איהם פון איצט אָן פערדאָפּלען. דעריבער האָט ער זיך געאיילט צו ווענדען זיך צום פּויפּסטליכען טראָהן, כדי צו פּועל'ן, אַז מען זאָל פון דאָרט בעפוילען זיינע פיינד צו שווייגען. רייכלין האָט אָבער מיט רעכט מורא געהאַט, אַז ביי דעם סיסטעם פון שוחד, וואָס האָט געהערשט אין רוים, קאָן ער גאַנץ לייכט פערשפּילען, דען מיט'ן אמת אליין קאָן מען דאָרט נישט פיעל פועל זיין. דעריבער האָט ער זיך געווענדעט צום אידישען לייב־דאָקטאָר פונ'ם דאַמאָלדיגען פּויפּסט ל ע אָ X מיט אַ העברעאישען בריעף, אין וועלכען ער בעט דעם דאָקטאָר ב אָ נ ע ט ד ע ל אַ ט י ש, אַז ער זאָל פאַר איהם רעדען אַ גוט וואָרט מיט'ן פּויפּסט און שטימען איהם גינסטיג פאַר רייכלין.

דער פּויפּסט ל ע אָ X, וועלכער האָט געשטאַמט פון דער געבילדעטער משפחה מ ע ד י צ י, וואָס זיין פאָטער פלעגט וועגען איהם זאָגען, אַז ער איז דער געבילדעטסטער פון זיינע זיהן, איז אין יענער צייט ערשט מיט אַ פּאָר מאָנאַטען פריהער געוואָרען פּויפּסט. דאָס איז געווען אַ גרויסאַרטיגער מאַגנאַט, וועלכער האָט זיך אָבגעגעבען פיעל מעהר מיט דער פּאָליטיק, איידער מיט דער רעליגיאָן, מעהר אַלט־רוימישער געצענדיענער, איידער קאַטוילישער, בלינד גלויבענדער קריסט; פון זיין הויכען שטוהל האָט ער געקוקט מיט פעראַכטונג אויף די טעאָלאָגישע פלפולים און חקירות, וועלכע ער האָט בעטראַכט, ווי אַ זאַך, וואָס איז עהנליך מעהר צו אַ קינדער־שפּיעל; פאַר איהם איז פיעל וויכטיגער געווען דער סכסוך צווישען די מלוכות עסטרייך און פראַנקרייך, אָדער צווישען די קעניגליכע הייזער פון האַבסבורג און וואַלואַ, כדי אַז די פּויפּסטליכע וועלטליכע מאַכט זאָל נישט ליידען דערפון. דער דאָזיגער פּויפּסט האָט זיך נישט געשראָקען אַרויסצוזאָגען אַזעלכע אפּיקורסות'ע רייד, למשל: „ווי פיעל די פאַבעל פון קריסטוס האָט אונז און אונזערע אינטערעסען אין אַלע צייטען געבראַכט נוצען, איז בעוואוסט“. און אַט אַזאַ פּויפּסט האָט מען אונטערגעטראָגען די שאלה, אויב אין רייכלינ'ס „אויגענשפּיגעל“ איז פאַראַן עפּעס אפּיקורסות און צו בעציהט זיך רייכלין פריינדליך, אָדער אונפריינדליך צו די אידען. דער פּויפּסט לעאָ, וועמענס ממשלה איז אויסגעקומען אין אַ צייט, ווען די טעאָלאָגישע פראַגען האָבען געדראָהט אָנצוצינדען אַ שרעקליכע שרפה אין אייראָפּאַ, האָט אַמווייניגסטען פערשמאַנען אין אַזעלכע שאלות. די זאַך איז אַלזאָ אָבגעהאַנגען דערפון, אין וואָס פאַר אַ בעלייכטונג מען זאָל איהם פאָרשטעלען דעם סכסוך צווישען רייכלין און די דאָמיניקאַנער. דעריבער האָט רייכלין זיך געווענדעט מיט

זיין פאָלגענדען העברעאישען בריעף צום אידישען פּויפּסטליכען לייב-דאָקטאָר באָנעט דע לאטיש: „איך בעט ביי אייער דורכלויכט, ווייל איך האָב געהערט, אז מעלתו געפינט זיך שטענדיג אין די אינערליכע צימערען פון פּויפּסט, און זייער הייליגער לייב איז אָנגעטרויט געוואָרען אייער חכמה—בעט איך אַלזאָ, אז איהר זאָלט זיך משתדל זיין ביי'ם הייליגען פּויפּסט, אז זיי (ד"ה: די דאָמיניקאַנער) זאָלען נישט האָבען קיין רשות אָדער מאַכט, צו צווינגען מיך, צו שטעלען זיך פאר אַנ'אַנדער געריכט, אויסער דעם געריכט פון אונזער מדינה, לויט אונזערע געזעצען און מנהגים, און אויב דערנאָך וועלען זיי פערלאנגען צו שטעלען זיך פאַר'ן פּויפּסט, בין איך גרייט צו ענטפערען זיי אויף אלע פראגען. רייכלין האָט אַלזאָ קודם-כל פערלאַנגט, אז מען זאָל איהם נישט שטעלען פאַר'ן געריכט אין קעלן, ווייל דאָרט וואָלט ער געוויס פערשפּילט. אין זיין בריעף טיילט ער מיט דעם אידישען דאָקטאָר די גאנצע געשיכטע פון זיין סכסוך מיט די דאָמיניקאנער, וועלכע זענען מיט פּעפערקאָרענען בראש אַרויסגעטראָטען געגען די אידען און דעם תלמוד, און ווי נאָר אַ דאַנק זיינע גרויסע בעמיהונגען האָט מען געראַטעוועט דעם תלמוד פון פערברענען. אויב די דאָמיניקאַנער וואָלטען געלעזען אָט דעם בריעף רייכלינס, וואָלטען זיי געהאַט דעם בעסטען בעווייז, אז רייכלין איז באמת פריינדליך פאַר די אידען, ווייל אין בריעף האָט ער אָנערקענט אַזעלכע זאכען, וועלכע ער פלעגט געוועהנליך פריהער פערשווייגען.

מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען, אַז דער אידישער לייב-דאָקטאָר האָט אָנגעווענדעט זיין גאנצען איינפלוס ביי'ם פּויפּסט לטובת רייכלין. וואהרשיינליך האָט ער דאָס געפּועל'ט, אז דער פּויפּסט לעאָ X האָט באלד (2-טען נאָוועמבער 1513) געשיקט א בעפעהל (Breve) צו די בישאָפען פון שפּייער און ווירמייזאָ, אז זיי זאָלען דעם סכסוך צווישען רייכלין און האָכסטראַטען בעטראַכטען צוזאַמען, אָדער יעדער בעזונדער, אליין, אָדער דורך דעלעגירטע ריכטער, אָבער אויסשליסענדיג יעדער אנדער געריכט (ד"ה די אינקוויזיציע) און ארויסגעבען א פּסק-דין, וואָס ביידע צדדים וועלען מחויב זיין איהם אונטערצוגעבען זיך אָהן קיין שום אַפּעלאציאָנס-רעכט. דער בישאָף פון ווירמייזאָ, מיט וועלכען רייכלין איז געווען זעהר בעפריינדעט, האָט די דאָזיגע קאָמיסיע נישט געקאָנט אָננעהמען; דעריבער האָט דער יונגער בישאָף פון שפּייער, געאָרג, פּפאלץ-גראַף און הערצאָג פון בייערען, אליין בעשטימט צוויי ריכטער, וועלכע האָבען איינגעלאדען ביידע פּארטייען צו קומען קיין שפּייער פאַר זייער געריכט אין א משך פון א מאָנאַט. רייכלין איז ערשינען פּינקטליך אין דער בעגלייטונג פון א פּראָקוראטאָר און איניגע פריינד. האָכסטראַטען דאגעגען, בויענדיג פעסט אויף דער מאַכט פון די דאָמיניקאַנער, האָט זיך צום געריכט נישט געשטעלט און נישט געשיקט אפילו קיין געזעצליכען פערטרעטער. ער האָט גאנץ עפענטליך ארויסגעוויזען זיין פעראַכ-

טונג פאר'ן געריכט, פאר'ן בישאָף און דעם פּויפּסט אליין אויך. די ריכ־טער האָבען תחילת נישט געפיהרט דעם משפט מיט געהעריגער ענער־גיע, ארויסווייזענדיג פיעל מעהר א געוויסע מיעדיגקייט, מעגליך, ווייל זיי האָבען מורא געהאט פאר די דאָמיניקאנער. דער פּראָצעס האָט זיך דאריבער אזוי געצויגען א פיערטעל יאָהר (יאנואר—אפּריל 1514).

דער פּסק־דין, וועלכער איז לסוף ארויסגעזאָגט געוואָרען לטובת רייכלין, האָט ערקלערט, אז אין רייכלינס „אויגען שפּיגעל" איז נישט צו געפינען נישט קיין טעות'ן געגען דער רעליגיע, נישט קיין אפּיקורסות, ווי אויך „נישט אפילו קיין ריח" פון אלעם דעם; אז ער בעציהט זיך כלל נישט מיט בעזונדערער פריינדשאפט צו די אידען, און האָכסטראַטען האָט אומזיסט געבראכט רכילות אויף רייכלינען און מען דארף איהם דעריבער צווינגען צו שווייגען וועגען דער גאנצער אַנגעלעגענהייט; דעם „אויגען שפּיגעל" מעגען אלע לעזען און מען מעג איהם דרוקען, האָכסטראַטען אָבער דארף בעצאָהלען די הוצאות פון פּראָצעס (110 רהיינישע גאָלד־גילדען).

די קעלנישע דאָמיניקאנער האָבען געקריצט מיט די צייהן, געבושע־וועט און געוואָרפען זיך, הערענדיג דעם דאָזיגען פּסק־דין, אָבער זיי האָ־בען כלל נישט געטראכט אונטערצוואַרפען זיך דעם אפּאָסטאָלישען פּסק־דין; אויב אין יענער צייט איז בכלל שווער געווען דורכצופיהרען א פּסק־דין פון א ריכטער, איז עס נאָך פיעל שווערער געווען, ווען די זאַך האָט זיך בעצויגען אויף די דאָמיניקאנער און איז געווען געגען זיי. דער פּסק־דין פון בישאָף פון שפּייער האָבען זיי אויסגעלאַכט, אלס א זאַך, וואָס שטאַמט פון א דומען יונג. דעם פּסק־דין האָט מען אויסגעהאָנגען אין די קירכען פון קעלן, אָבער דער חוצפּה'דיגער משומד, פּפעפערקאָרן, האָט איהם אראָבגעריסען. האָכסטראַטען האָט אָנגעגעבען אַנ'אַפּעלאַציע צום פּויפּסט „אויסערגעריכטליך", דאָס הייסט, נישט מודיע זייענדיג וועגען דעם זיין ריכטער, דעם בישאָף פון שפּייער. געהאָפט האָט ער אין דער היינזיכט אויף פאָלגענדעס: רייכלין איז געווען אָרעם, די דאָמיניקא־נער זענען אָבער געווען רייך, ממילא וועלען זיי קאָנען אונטערקויפען די קאַרדינאַלען און פּועל'ן, וואָס זיי וועלען פערלאַנגען. ער האָט אויך גע־האָפט, אז צווישען די קאַרדינאַלען געפינען זיך געוויס נישט ווייניג פאַ־נאַטיקער, וועלכע זענען געגנער פון רייכלינען און פערלאַנגען אויך דעם תלמוד צו פערברענען; אלענפאַלס וועט איהם אלזאָ געלינגען צו פער־שלעפען דעם פּראָצעס אזוי לאַנג, אז די הוצאות אויף איהם וועלען פיעל אריבערשטייגען רייכלינס פערמעגען. די דאָמיניקאַנער האָבען ווידער אויך געהאָפט צו בעקומען פון דער פּאַריזער אוניווערזיטעט א פּעראור־טיילונג געגען דעם „אויגענשפּיגעל", כדי דאַדורך צו ווירקען אויפ'ן פּויפּ־סטליכען קאָלעגיום. בכלל האָבען דאַמאָלס זיך פעראייניגט אלע פינסטערע כוחות אין דייטשלאַנד און אין אויסלאַנד, צו ברענגען רייכלינען א מפּלה.

די דאָזיגע אָנשטרענגונג פון דער פּאַרטיי פון די דאָמיניקאַנער האָט אָבער אויך געהאַט די ווירקונג, אז די פריינד פון דער וויסענשאַפט, די פיינד פון דער סכאָלאסטיק, פון דער פינסטערניש און פון דער קירכליכער טעאָלאָגיע—מיט איין וואָרט: די הומאַניסטען האבען צוזאמענגענומען זייערע כוחות און פעראייניגט זיך צום קאַמף. עס האָט זיך צוזאמענגעשטעלט א פאָרמעלער אָרדען פון הומאַניסטען, אָדער א רייכלינישע פארטיי, וואָס איהרע מיטגלידער האָבען אין דער שטיל פעסט געארבייט איינע פאַר די אַנדערע. „איינער האָט אונטערגעשטיצט דעם צווייטען און צוגערופען איהם: זיי מוטיג! מיר אַלע זענען רייכלינען ערגעבען נישט ווענינער, ווי די סאָלדאטען דעם קייזער“— אָט אזוי האָט געשריבען א דאַמאָלסדיגער מיטגליעד פון דער הומאַניסטען-פאַרטיי. צוליעב דער גיפטיגער אגיטאציע פון פעפערקאָרענען געגען דעם תלמוד און די אידען, זענען ענטשטאנען אין דער קריסטליכער וועלט צוויי פאַרטייען; די רייכליניסטען און די ארנאָלדיסטען (ווי מען האָט דאַמאָלס גערופען די דאָמיניקאַנער, צוליעב זייער אָנפיהרער אַרנאָלד פון טאָנגערן); די דאָזיגע פאַרטייען האָבען געפיהרט א פערביטערטען קאמף איינע געגען די אנדערע—א קאַמף צווישען דעם מיטעלאַלטערליכען אונגעזונדען נעבעל מיט דער אויפגעהענדער זון פון דער נייער צייט.

בעזונדערס שטארק האָט געארבייט לטובת רייכלין און געגען דער פינסטערער מאַכט דאָס דאמאָלסדיגע יונגע דייטשלאנד: הערמאַן פון בושע, קראָטוס רוביאנוס און דער פייערדיגער אולריך פון הוטען; די טעטיגקייט פונ׳ם לעצטען האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזען אין איהר גאנצער קראַפט אינ׳ם געגענווערטיגען קאַמף. ביז דער צייט האָט ער געשליידערט זיינע בליצען סתם אין דער וועלט אריין „געגען די פינסטערע כּוחות“; ערשט איצט האָבען זיינע אבסטראקטע געדאנקען בעקומען א ממשות׳דיגען ציעל, דען ער האָט דערקענט זיין געגנער, געקוקט איהם שארף אין אויג און בעשלאסען זיך צו קעמפפען מיט איהם ביז עס וועט איהם געלינגען צו ברענגען דעם פערהאַסטען פיינד דעם טויט. זיין ציעל איז געוועזען אַ הויכער: ער האָט געשטרעבט צו בעפרייען דייטשלאנד פון דער בארבעריי און דעם פינסטערען אבערגלויבען, צו פערניכטען די דאָמיניקאַנער, די קאַטוילישע גלחים מיט זייער פינסטערער מאַכט פון אבערגלויבען, צו דערהויבען אין דייטשלאנד דעם ווערט און דעם כבוד פון דער וויסענשאַפט, ווי אויך פון דער שרעקליכער שפלות, אין וועלכער דאָס פאָלק און דאָס לאַנד איז אריינגעפאלען דורך דער געוואלדיגער משא, מיט וועלכע עס האָט איהר געדריקט דאָס רוימישע פּויפּסטום. ווי נאָר עס איז פאַר אולריך פון הוטען קלאָר געוואָרען דאָס ציעל, האָט ער געווידמעט דעם היילינען קאַמף זיין גאנץ לעבען און ענערגיע.

אָבער נישט בלויז די יוגענד, נור אויך עלטערע און מיושב׳דיגערע

ליים, וועלכע האָבען געהאַט גרויס כבוד און אָנזעהען ביי׳ם פאָלק, זענען אַלץ מעהר צוגעשטאַנען צו רייכלינ׳ס פּאַרטיי: דער הערצאָג אולריה פון ווירטעמבערג און זיין גאַנצער הויף, גראַף פון העלזענשטיין אין אויגסבורג, דער פאָרשטעהער פון דער גרויסער קירכע גראַפנוענאַר, די פּאַטריצער: וועלזער, פּירקהייסער און בויטינגער אין רעגענסבורג, נירנבערג און אויגסבורג מיט אַלע זייערע פריינד און אָנהענגער, אַפילו אויך פיעל גלחים, נידעריגערע און העכערע און ענדליך אויך אַ טייל קאַרדינאַלען. אין איטאַליען האָט רייכלין געהאַט פיעל פערעהרער צווישען די הויכע גלחים: עגידיא וויטערבאַ, דער גענעראַל פון אויגוסטינער אָרדען אין רוים, דער פריינד און תלמיד פונ׳ם העברעאישען מדקדק (גראַמאַטיקער) רבי לעוויטא (רבי אליהו בחור), וועלכער איז פשוט געווען פערליעבט אין דער העברעאישער ליטעראַטור און האָט איינגעאָרדענט אַנ׳איבערזעצונג פון „זוהר" אויף לאַטייניש — אָט דער חשוב׳ער מאַן האָט געשריבען צו רייכלינ׳ען פאָלגענדעס: „די תורה, וועלכע איז געגעבען געוואָרען דער מענשהייט אויפ׳ן באַרג סיני אין פייער, איז צום ערשטען מאָל אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען פון פייער, ווען אברהם איז אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען פון גליהענדען קאַלך-אויבען, און איצט צום צווייטען מאָל דורך רייכלינ׳ען, דען עס זענען אָבגעראַטעוועט געוואָרען די ספרים, דורך וועלכע דאָס געטליכע געזעץ האָט געבראַכט ליכטיגקייט אויף דער וועלט; ווען די דאָזיגע ספרים וואָלטען אונטערגעגאַנגען, וואָלט די וועלט ווידער פערזונקען געוואָרען אין פינסטערניש. שטעלענדיג זיך אויף דיין צד, ליעבער יאָהאַן רייכלין, פערטיידיגען מיר נישט דיך אַליין, נור די תורה, נישט דעם תלמוד, נור די קריסטליכע קירכע" — עס איז נאָך אויך כדאי צו בעמערקען, אַז צוליעב שנאה געגען די דאָמיניקאַנער, האָט אויך דער פראַנציסקאַנער-אָרדען זיך געשטעלט אויף רייכלינ׳ס צד.

כמעט אין יעדער שטאָדט זענען געווען רייכליניסטען און אַנטי-רייכליניסטען, וועלכע האָבען אָפט געקעמפט איינע געגען די אַנדערע מיט פויסטען. אויף איין צד איז די פּאַראָלע געווען: מען דאַרף ראַטעווען דעם „אויגענשפּיגעל" און דעם אידישען תלמוד; אויף דעם אַנדער צד: פעראורטיילען און פערברענען ביידען. נישט ווילענדיג זענען די רייכליניסטען געוואָרען אויך אידען-פריינד און האָבען געזוכט מאָטיווען, צוליעב וועלכע מען קאָן די אידען פערטיידיגען. די אָנהענגער פון די דאָמיניקאַנער דאַגעגען זענען געוואָרען נאָך גרעסערע אידען-פיינד און זיי האָבען זיך געגראָבען אין די פאַרצייטיגע פערשטויבטע ביכלעך, כדי אַרויסצובעקומען פון דאָרט זלזולים און בלבולים אויף די אידען.

די זאַך האָט געמאַכט אַל מעהר רעש אין איירָאָפּאַ. אויב ביז איצט איז דער קאַמף פאָרגעקומען בלויז אין דייטשלאַנד, האָט ער זיך איצט

געעפּענט אויך אין פּאַריז און אין רוים. האַכסטראַטען און די דאָמיניקאַנער האָבען געאַרבייט מיט אַלע כחות. אַז דער שפּייערשער פּסק־דין זאָל אָבגעוואָרפען ווערען דורך די בעדייטענדסטע אוניווערזיטעטען און רייכלינ׳ס ספר זאָל דאָרט דורך די גלחים פערברענט ווערען. די דאָמיניקאַנער האָבען אין פערשידענע ערטער געהאַט מעכטיגע פערבינדעטע, וועלכע האָבען געווירקט פאַר זיי מיט מסירת־נפש.

האָטש רייכלינס פּראָצעס האָט זיך פאָרמעל געענדיגט אין אַפּאָסטאָלישען געריכט אַזוי, ווי ער האָט נור געקאָנט פערלאַנגען, פונדעסטוועגען האָט ער נאָך איצט אויך נישט געטאָרט זיך בערוהיגען: ער האָט נעמליך געמוזט אַרבייטען, אַז זיינע פיינד זאָלען נישט קאָנען פועל זיין געגען איהם עטוואַס דורך אַן אַפּעלאַציע. זיינע פריינד איז טאַקי געלונגען אויך צו פועל׳ן ביים פּויבסט, אַז ער זאָל בעשטימען אַ נייעם אונטערזוכונגס־ריכטער, דעם קאַרדינאַל און פּאַטריאַרך ד אָ מ י נ ק אָ ג ר י מ אַ נ י. עס איז געווען בעוואוסט, אַז דער דאָזיגער אַלטער קאַרדינאַל האָט זיך בעשעפטיגט מיט דער רבנישער ליטעראַטור און מיט דער קבלה און, אַלס בעשיצער פון פראַנציסקאַנער־אָרדען, האָט ער געהאַסט די דאָמיניקאַנער און, ממילא, איז ער געשטאַנען אויפ׳ן צד פון די רייכלינסטען. בלי ספק האָבען אַנגעזעהענע אידען אין רוים אויך געאַרבייט לטובת רייכלין, אָבער, ווי די דייטשע אידען האָבען געהאַט דעם סריכטיגען טאַקט, צו האַלטען זיך אין די הינטערשטע רייהען, כדי נישט אויפצורעקען, אַז דאָ האַנדעלט זיך אייגענטליך וועגען דער אידען־פראַגע און דאַדורך צו קאָמפּראָמיטירען רייכלינ׳ס זאַך. קאַרדינאַל ג ר י מ אַ נ י האָט אַרויסגעלאָזען (יוני 1514) אַן איינלאַדונג צוביידע פּאַרטייען צו שטעלען זיך פאַר זיין געריכט, דערביי האָט מען אָבער פּאַראויס געקאָנט בעמערקען, אַז ער בעציהט זיך מיט הויכאַכטונג פאַר רייכלין, דען צוליעב רייכלינ׳ס גרויען עלטער האָט ער איהם בעפרייט פון דער נויטווענדיגקייט אַליין צו קומען און ערלויבט צו שיקען זיינם אַ פערטרעטער, וועהרענד ער האָט פון האַכסטראַטען געפאָדערט, אַז ער זאָל ערשיינען פערזענליך. מיט פיעל רעקאָמענדאַציעס און מיט אַן אַנגעשטאָפּט געלד־ביטעל איז האַכסטראַטען געקומען קיין רוים, זייענדיג זיכער, אַז ער וועט אַבהאַלטען אַ נצחון. וואָס האָט מען דען אין רוים דאַמאַלס ניט געקאָנט בעקומען פאַר געלד?

אולריך פון הוטען, וועלכער האָט געאַרבייט אויף צו ברענגען די מפלה דעם נידעריג געפאַלענעם רומישען פּויבסטום, שמייסט איהם אין פּנים פאָלגענדע שניידיגע ווערטער:

„לעבען זאָל דער רויבער! שטאַרק זאָל זיין דער מערדער!
„מאָרדעט, גנב׳עט, לאַכט זיך אויס פון משפּט!
„אייער וואָרט איז גיפט. די מעשים — נור פערברעכען.
„שלעפּט זשע זיך אין שמוץ, לייקענט גאָט אין הימעל:

„ברענט נור געלד קיין רוים, ריין זענט איהר, ווי שניי.
„מסחר, האַנדעל מיט'ן הימעל, עולם־הבא,
„סליחה־מחילה, ברכות פול די מאָס!
„מעגבט שיין מאָרדען, שענדען, רויבען —
„רוים האָט דיך פון גאָט בעפרייט!"

רייכלין האָט אָבער קיין געלד נישט געקאָנט געבען: ער איז געווען אָרים ער האָט נישט געהאַט אין זיין רשות נישט די שליטה איבער'ן גיהנם, מיט וועלכען ער זאָל סטראַשען די רייכע פרויען און פועל'ן דאַדורך, אַז זיי זאָלען איהם געלד געבען, ווי דאָס האָבען געטהון די דאָמיניקאַנער, נישט אפילו די שליטה אויף פיעל קלויסטערס, ווי זיי, וועלכע האָבען געקאָנט דאָרט בעקומען געלד, וויפיעל זיי האָבען געוואָלט. דערפאַר אָבער האָבען רייכלינען נישט געפעהלט קיין רעקאָמענדאציעס. דער קייזער מאַקסימיליאַן אַליין, וועלכער איז דער ערשטער שולדיג געווען אין גאַנצען טומעל דערפון, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פערפיהרען דורך זיין אַבערגלויבישע און איבער־פרומער שוועסטער און דעם שווינדלערישען פעפערקאָרן, — דער קייזער האָט שוין איצט איינגעזעהען זיין אונרעכט און ער האָט זיך אויך משתדל געווען ביים פויפסט פאַר רייכלינ'ען. אין זיין בריעף, וועלכען ער האָט איצט געגעבען רייכלינ'ען, איבערצוגעבען דעם פויפסט, שרייבט דער קייזער, אַז ער זעהט שוין אַליין, דאָס די קעלנישע ווילען פערציהען דעם פראָצעס אויף אַ לאַנגע צייט און אונגעזעצליך, כדי צו פערדערבען דעם געלעהרטען רייכלין. דאָס, וואָס רייכלין האָט געשריבען לטובת די אידישע ספרים, האָט ער דאָס געטהון לויט'ן פערלאַנג פון קייזער אליין, וועלכער האָט דערביי נישט געהאַט קיין כונה שאַדען דעם קריסטענטום.

די דאָמיניקאַנער האָבען אָבער אונטערגענומען אַ קאַמף אויף לעבען און טויט: געגען דער עפענטליכער מיינונג, געגען דעם ווילען פון קייזער און געגען דעם ווילען אפילו פון פויפסט. וועגען דעם פויפסט האָבען זיי גערעדט ווי וועגען אַ חדר־אינגעל, וועלכער דאַרף מורא האָבען פאַר זייער רוט. אויב דער פויפסט וועט נישט אַרויסגעבען דעם אורטייל, אַזוי ווי זיי פערלאַנגען, וועלען זיי איהם נישט פאָלגען און נישט שרעקען זיך אפילו אויך אַרויסצורופען אַ שפּאַלטונג אין דער קירכע. זיי האָבען אפילו אויך געסטראַשעט, אַז אויב דער אורטייל וועט זיין לטובת רייכלין, וועלען זיי זיך פעראייניגען מיט די הוסיטען און בעהמען און גאָר אָבפאַלען פון פויפסט. אַזוי שטאַרק פערבלענדעט איז געווען די דאָזיגע חבריא אין איהר נקמה־געפיהל, דאָס ביי איהר איז רעכט געווען, צוליעב דעם בלויזען נצחון אונטערצוגראָבען אפילו אויך דעם קאַטוילישען גלויבען. אויך דאָס קייזערליכע מלכות האָבען זיי נישט געשוינט; ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז דער קייזער מאַקסימיליאַן האָט געגעבען רייכלינ'ען רעקאָמענדאַציאָנס-

בריעף צום פויפסט, האָבען זיי עפענטליך אויסגעזאָגט מעט זלזולים אויף אויפ'ן קייזער.

די גרעסטע האָפנונג האָבען די דאָמיניקאַנער געהאַט אויף דער פּאַריזער אוניווערזיטעט, וועלכע איז געווען די מוסטער פון אַלע איראָפּעאישע הויכשולען. אויב די דאָזיגע אָנגעזעהענע אוניווערזיטעט וועט פּעראורטיילען רייכלינ'ס ספר און דעם תלמוד, דאַן וועט אפילו דער פויפּסט זיך אויך נישט דערוועגען, צו געבען אַנ'אַנדער אורטייל. זיי האָבען דעריבער אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, צו פועל'ן, אַז די פּאַריזער אוניווערזיטעט זאָל זיך אַרויסזאָגען אַזוי, ווי זיי פערלאַנגען. בעזונדערס שטאַרק האָט מען געאַרבייט מיט'ן פראַנצויזישען קעניג לודוויג XII דורך זיין ודוי־גלת ניל אָם האָקינע פּטי, אַז ער זאָל מיט זיין איינפלוס ווירקען אויף דער טעאָלאָגישער פאַקולטעט, דאָס זי זאָל זיך אַרויסזאָגען לטובת די דאָמיניקאַנער. אויך די פּאָליטיק, וועלכע האָט געמאַכט אַ פּירוד צווישען פראַנקרייך און דעם דייטשען קייזער, האָט געשפּיעלט אַ ראָלע אינ'ם דאָזיגען קאַמף: ווייל דער קייזער פון דייטשלאַנד האָט זיך געשטעלט אויף רייכלינ'ס צד, האָט דער פראַנצויזישער קעניג זיך געשטעלט אויפ'ן צד פון די דאָמיניקאַנער און געגען דעם תלמוד. — גאַר לייכט האָט אָבער די זאַך נישט געקאָנט דורכגעהן, ווייל רייכלין האָט געהאַט פיעל פריינד אין פּאַריז. די זאַך האָט זיך דעריבער פערצויגען לאַנג (מאַי ביז אָנפאַנג אויגוסט 1514). צווישען די אָבשטימענדע אין דער פּאַריזער טעאָלאָגישער פאַקולטעט זענען אפילו געווען אַהיבש ביסעל רייכלינ'ס פריינד, אָדער, לפּחות, מענשען פון געזעץ, וועלכע האָבען אָנגעוויזען אויף די אונגעזעצליכקייטען, וואָס מען האָט בעגאַנגען אין רייכלינ'ס פּראָצעס; אָבער די פאַנאַטיקער האָבען געמאַכט אַ גרויס געפילדער און אַריבערגעשריען יעדע שטימע לטובת רייכלין. פאַר די פראַנצויזישע טעאָלאָגען איז געווען דער בעסטער בעוויז געגען דעם תלמוד דער פאַקט, וואָס דער קעניג לודוויג דער הייליגער האָט אויף דער פאָדערונג פונ'ם משומד ניקאָלאַי דאָניז און לויט'ן בעפעהל פונ'ם פויפּסט גרעגאָר IX געלאָזט פערברענען דעם תלמוד מיט דריי הונדערט יאָהר פאַר דעם. אינ'ם דאָזיגען זין האָט די פּאַריזער טעאָלאָגישע פאַקולטעט אַרויסגעגעבען איהר אורטייל. און ווייל רייכלינ'ס „אויגענשפּיגעל" איז פון אפּיקורסות און ער פערטיידיגט דעם תלמוד, איז ער אויך ווערט, אַז מען זאָל איהם פערברענען.

גרויס איז געווען די שמחה ביי די דאָמיניקאַנער, בפרט נאָך ביי די קעלנער, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם דאָזיגען אורטייל: זיי האָבען שוין געמיינט, דאָס זיי האָבען דאָס שפּיעל געוואונען, דען זיי וועלען דעם פויפּסט אַליין קאָנען צווינגען צו געהאָרכען דעם פּסק־דין פון דער פּאַריזער אוניווערזיטעט. זיי האָבען זיך געאיילט אַרויסצוגעבען אַ נייע זלזולים־ביכעל, אין וועלכען זיי האָבען מודיע געווען דעם פובליקום זייער

טריאומף. דעם פּראָצעס, וועלכער האָט זיך אין רוים געשלעפּט זעהר לאַנג־
זאַם, האָבען די דאָמיניקאַנער זיך בעמיהט נאָך מעהר צו פערשלעפּען.
האָכסטראַטען האָט צו זיין אַנקלאַגע צוגעגעבען אַנ׳איבערזעצונג פון „אוי־
גענשפּיגעל״ (פון דייטש אויף לאַטייניש) און דערביי האָט ער אין פיעל
שטעלען געמאַכט פעלשונגען, אריינשוואַרצענדיג בכיון אפּיקורסות׳ע
מאמרים. די משפּט־קאָמיסיע האָט אפילו געלאָזט מאכען א צווייטע אי־
בערזעצונג פונ׳ם בוך ביי א דייטשען מארטין פון גרעניגען,
וועלכער האָט געוואוינט אין רוים, אָבער די געגנערישע פּארטייי האָט ער־
קלערט די דאָזיגע איבערזעצונג פאַר פעהלערהאַפט. דורך אַלערליי שטע־
רונגען האָט דער פּראָצעס זיך נישט געקאָנט ריהרען פון אָרט און האָט
שוין געקאָסט רייכלינ׳ען העכער פיער הונדערט גאָלד־גילדען. און טאַקי
ניר דערויף האָבען געהאָפט די דאָמיניקאַנער: זיי האָבען געוואָלט אזוי
שטארק אויסמאַטערן דורך די גרויסע הוצאות דעם אָרימען רייכלין, אַז ער
זאָל מעהר נישט זיין אין שטאַנד צו פערטיידיגען זיך. די אויסזיכט פון א
נצחון פאר רייכלינען האָט זיך אַלץ מעהר פערקלענערט. רייכלינס פריינד
האָבען דעריבער אָנגעהויבען טראַכטען צו בעשאַפען אַנ׳אַנדער ריכטער
פאַר׳ן אָרימען געלעהרטען: זיי האָבען געוואָלט אַפּעלירען פונ׳ם איינג־
שראַנקענעם און איבערגעהיטרעוועטען פּויפּסט — צום פאָלק, אָדער צו
דער געזעלשאַפטליכער מיינונג.

אין דער צייט, וואָס קלענערע און גרעסערע קרייזען, העכערע און
נידעריגערע גלחים, פירשטען און געבילדעטע בירגער האָבען געהאַלטען
אין איין וואַרטען אויף ידיעות פון רוים וועגען דעם גאַנג פונ׳ם פּראָצעס,
האָט איינער פון די יונגע הומאַניסטען געדיכטעט א סעריע בריעף,
וועלכע האָט נאָך נישט געהאַט איהר גלייכען אין דער ליטעראַטור און
וויץ, טעמפּעראַמענט און בייסענדער סאַטירע. דאָס זענען געווען „די בריעף
פון די פינסטערע לייט״ (Epistolae obscurorum virorum)
וועלכע האָבען גערעדט אין דער ניפּטיג־זיסער שפּראַך פון די מאָנאַכען.
אין די בריעף שפּיגעלט זיך אָב זייער נידריגער חאַראַקטער און בעגריפען
זייער געמיינע גאוה און עם־הארצות, זייער מאָראַלישע העסליכקייט און
אונציכטיגקייט, זייער עלענדע לאַטיינישע און פּוסטע פּלוידעריי; די
שלעכטסקייט און גראָבקייט פון די דאָמיניקאַנער איז אין די בריעף
ארויסגעשטעלט געוואָרען אזוי בולט, אַז אפילו דעם האַלב־געבילדעטען
לעזער ווערען קלאָר און אונערטרעגליך אַלע פיינד פון רייכלין, אָנהויבענ־
דיג פון האָכסטראַטען און ענדיגענדיג מיט׳ן משומד פּעפּערקאָרן און דער
פּאַריזער טעאָלאָגישער פאַקולטעט, ווערען דאָרט געשמיסען מיט פייערדי־
גע ריטער אזוי, אַז קיין איינציגער געזונדער אָרט איז אין זיי נישט געבלי־
בען. די ווירקונג פון דער דאָזיגער קינסטלערישער סאַטירע איז בעזונדערס
גרויס געווען צוליעב דעם, וואָס די דאָמיניקאַנער זענען דאָרט ערשינען
אין זייער אייגענער פּערזאָן און האָבען זיך געשטעלט צום שאַנד־סלופּ, אין

א געוויסער מאָס, אַליין. עס האָט אָבער געמוזט קומען דערצו, אַז אָבשפּאַרענדיג פון די דאָמיניקאַנער זאָל מען מוזען אַריינגנעהמען אויך די גאַנצע הירארכיע פון דער פּויפּסטליכער ממשלה און איהר טיראַניע, דען אין גרונד גענומען זענען דאָך די דאָמיניקאַנער געווען אַליין אויך בלויז א פּרוכט, וואָס איז אויסגעוואַקסען אויפ'ן באָדען פון דער קאַטוילישער אָרדנונג און אינסטיטוציע; זייער אונוויסענהייט און שלעכטסקייט, געמיינהייט און פערדאָרבענהייט איז געווען אַן'איינגעזאַפּט פון דער גאַנצער קאַטוילישער גלחישער וועלט. די בריעף האָבען דעריבער געווירקט, ווי א שאַרפע זויערקייט אויף דעם פערפוילטען קערפּער פון דער רוימיש-קאַטוילישער קירכע.

די אידען און דער תלמיד זענען געווען די ערשטע סבה, וועלכע האָבען אַרויסגעבראַכט דעם שעדליכען קאַמף געגען דעם דייטשען געלעהרטע, געגען רייכלין; אין די בריעף פערנעהמען זיי דעריבער אַן'אַנגעזעהענעם אָרט, און אַזוי אַרום זענען די אַלגעמיין פעראַכטעטע געשטעלט געוואָרען אויף דער טאָגעס-אָרדנונג. אין איין בריעף, וואָס איז געשריבען כלומר'שט דורכ'ן מאַגיסטער יאָהאַן פּעליע צום כלומר'שט'ן בעל-דעה אין ענינים פון געוויסענספראַגען, לעגט דער ערשטער פאַר א וויכטיגע שאלה דעם צווייטען. ער איז, נעמליך, מיט א פּאָר טעג פאַר דעם געגאַנגען מיט א יונגען טעאָלאָג אויפ'ן מאַרק בשעת'ן פראַנקפורטער יריד; אין דער־עהען צוויי אָנשטענדיגע מענשען, געקליידעט אין לאַנגע שוואַרצע רעק מיט קאַפּוצען, ווי מאָנאַכען; אַננעמענדיג זיי פאַר גלחים, האָט דער מאַגיסטער דעם הוט אַראָבגענומען און בעגריסט זיי. דער יונגער טעאָלאָג האָט איהם אָבער צו זיין גרויסען שרעק אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס זענען נישט געווען קיין גלחים, נור אידען. דערביי האָט דער טעאָלאָג איהם ערקלערט, אַז ער האָט בעגאַנגען א טויט־זינד, ווייל ער האָט פערעהרט די געצענדינעריי און עובר געווען אויפ'ן ערשטען געבאָט פון די עשׂרת הדברות, וואָרום אויב א קריסט דערוויזט א סימן פון כבוד פאַר א אידען, בעגעהט ער דערמיט א זינד געגען דעם קריסטענטום און ווערט לפנים כמעט אַליין א איד; די אידען קאָנען זיך דאַדורך בעריהמען, אַז זיי זענען מעהר מיוחסים פאַר די קריסטען; זיי ווערען דאַדורך געשטאַרקט אין זייער אונגלויבען און ווילען זיך נישט לאָזען אָבשמד'ן (דאָס, נעמליך, איז געווען די בעשולדיגונג, וואָס די דאָמיניקאַנער האָבען אַרויסגעשטעלט געגען רייכלין). דערביי האָט דער יונגער טעאָלאָג דערצעהלט א געשיכטע, ווי ער איז איינמאָל געשטאַנען אין דער קירכע פאַר'ן בילד פון א אידען מיט א האַמער אין דער האַנד; מיינענדיג, אַז דאָס איז דער אַפּאָסטעל פעטער, האָט ער זיך געבוקט פאַר איהם. ווען ער האָט אָבער דאָס בילד גענויער בעטראַכט, האָט ער טיעף חרטה בעקומען אויף זיין בוקען זיך: דאָס איז געווען א בילד פון א געוועהנליכען אידען! ער איז באַלד געקומען מתודה זיין זיך צו א דאָמיניקאַנער, וועלכער האָט איהם ערקלערט,

אַז ער האָט בשוגג (נישט ווישענדיג) בעגאַנגען אַ טויט־זינד; צום גליק אָבער האָט ער, דער דאָמיניקאַנער צופעליג די ערלויבניש פון בישאָף מוחל צו זיין אויך אַזאַ טויט־זינד. ווען די זאַך וואָלט אָבער געשעהען במזיד (ווישענדיג), וואָלט ער איהם נישט געקאָנט געבען קיין מחילה־וסליחה, און דער טעאָלאָג וואָלט נעביך געמוזט זיך שלעפען איבער די אַלפּען־בערג מיט דער שווערער עבירה אויף די פּלייצעס, כדי צו קומען צום פּויפּסט אין רוים און בעטען ביי איהם אַ מחילה וסליחה. דער יונגער טעאָלאָג האָט דעריבער געגעבען אַנ׳עצה דעם מאַגיסטער פעליע, אַז ער זאָל באַלד געהען צו די דאָמיניקאַנער און ערקלערען זיי, אַז זיין עבירה איז געשעהען בשוגג, דען ער האָט אַ קורצע ראיה און האָט נישט בעמערקט באַלד די געלע שאַנד־לאַטע ביי די אנשטענדיגע אידען אויף זייערע גלחישע קליידער.— איצט פרעגט פעליע אַנ׳עצה אין זיין בריעף ביי׳ם בעל־דעה אין ענינים פון געוויסענספראַגען, וואָס ער האָט צו טהון. ער שטעלט איהם אויך די וויכטיגע פראַגע: צי האָט ער באמת בעגאַנגען אַ טויט־זינד, בעגריסענדיג די אידען, אָדער דאָס איז בלויז אַ געוועהנליכע עבירה? צי קאָן אויך אַ דאָמיניקאַנער גלח איהם מוחל זיין, אָדער עס איז דורכאויס נויטיג, אַז ער זאָל אריבערשטייגען די אַלפּען און געהען צום פּויפּסט קיין רוים? אויסער דעם פערלאַנגט ער, אַז דער בעל־דעה אין געוויסענס־ענינים זאָל איהם שרייבען, צי טהוען בכלל די פראַנקפורטער בירגער נישט קיין עבירה דערמיט, וואָס זיי לאָזען אַרומגעהען די אידען אין קאַפּאָטעס מיט קאַפּוצעס, ווי די דאָקטוירים פון דער הייליגער טעאָלאָגיע. דער קייזער האָט נישט געטאָרט דערלאָזען, אַז אַ איד, וועלכער איז דאָך נישט מעהר, ווי אַ הונט, אַ פיינד פון קריסטוס (אַזוי אייגענטליך פלעגען זיך שטענדיג אויסדריקען די דאָמיניקאַנער), זאָל זיך קליידען ווי אַ טעאָלאָג.— בעסער שמייסען די טעאָלאָגען מיט די דאָמיניקאַנער, ווי מיט אָט דעם בריעף האָט מען אין יענער צייט געוויס נישט געקאָנט.

אַ הילכיגער געלעכטער האָט פערקלונגען גאַנץ מערב־אייראָפּאַ ביים לעזען די דאָזיגע בריעף. אַלע, וואָס האָבען אין דייטשלאַנד, איטאַליען, פראַנקרייך און ענגלאַנד פערשטאַנען לאַטיין, האָבען געלאַכט האַלטענדיג זיך ביי די זייטען, לייענענדיג די בריעף וועגען די סכאָלאַסטיקער און די דאָמיניקאַנער. זייערע גראָבע געמיינהייטען, זייער שענדליכע און טעמפּע אונוויסענהייט, זייער טפּשות׳דיג גדלות, זייער אונציכטיגקייט אין רעדען און ווירקען — דאָס אַלץ איז געשטאַנען אין אַ צו־שאַרפען קאָנטראַסט מיט זייער כלומר׳שטער געלעהרטקייט, וועלכע זיי האָבען געטראָגען אַלס אַ מאַסקע, מיט זייער געמאַכטער ערנסטקייט, מיט וועלכער זיי האָבען זיך בעצויגען צו זייער אָרדען. עס האָבען געמוזט לאַכען אפילו אויך די העכסט ערנסטע מענשען. מען האָט זיך דערצעהלט, אַז ערא זם, וועלכער האָט דאַמאָלס געליטען אויף אַ האַלז־געשוויר, האָט זיך אַזוי שטאַרק צולאַכט לעזענדיג די בריעף, אַז די געשוויר האָט געפּלאַצט. די לוסטיגע „קאָמעדיע

איבער די פּראָסטאַקעס" האָט געוואונען אַלע לאַכער אויף רייכלינ'ס צד; די דאָמיניקאַנער זענען שוין געווען פערמשפּט אין דער עפענטליכער מיינונג, וואָס פאַר אַ פּסק־דין עס האָט נישט געזאָלט אַרויסגעבען דער פּויפּסט. מען האָט אָנגעהויבען טרעפען, ווער עס איז דער מחבר פון די בריעף. אַ טייל האָבען געמיינט, אַז דאָס איז געווען ר י י כ ל י ן אַליין, אַנדערע האָבען אָנגעוויזען אויף ע ר אַ ז ם, אויף א ו ל ר י ך פ ו ן ה ו ט ע ן, אָדער אויף עמיצען פונ'ם קרייז פון די הומאַניסטען. הוטען האָט געגעבען דעם ריכטיגען ענטפער אויף דער פראַגע: „גאָט אַליין האָט דאָס בוך בעשאַפען!" — האָט ער ערקלערט. עס האָט זיך באמת אַרויסגעוויזען, אַז דער קאַמף וועגען פערברענען דעם תלמוד, וועלכער האָט תחילת געהאַט אַ בעדייטונג נור פאַר די אידען, איז איצט געוואָרען אַ וויכטיגער קאַמף אין דער וועלט־געשיכטע, און דער ווילען פונ'ם יחיד איז שוין דאָ גאָר פערשוואונדען געוואָרען, ווייל מען האָט דאָ געקעמפט פאַר'ן טובת־הכלל, פאַר דער גאַנצער מענשהייט. אין רוים און אין קעלן האָבען די טיעפער זעהענדע רייכליניסטען אָנערקענט אינ'ם געגענווערטיגען קאַמף אַ וויכטיגע היסטאָרישע געשעהעניש, וואָס דאַרף בעניין אייראָפּאַ, און זיי האָבען דערין געזעהען די האַנד פון גאָט'ס השגחה פּרטית.

נישט געלאַכט האָט זיך נור די אידען אין דייטשלאַנד. די דאָמיניקאַנער האָבען דערווייל געאַרבייט אויף אַנ'אַנדער דרך, כדי צו דערגרייכען זייער הויפּט־ציעל, אָדער, לפּחות, צו נעהמען נקמה פון די אידען. וואָס האָבען געהאַט דערפון די אידען, וואָס איינינע געבילדעטע קריסטען זענען אויפמערקזאָם געוואָרען אויפ'ן יודענטום און איהם בעזונדערס ליעב בעקומען, ערקלערענדיג דאָס עפענטליך אין זייערע שריפטען? די קריסטליכע געזעלשאַפט בכלל איז דאָך געווען שלעכט געשטימט פאַר די אידען און זייער תורה. מיט רעכט האָט דאַמאָלס ע ר אַ ז ם ערקלערט: „אויב עס איז אַ פליכט פאַר'ן קריסט דעם אידען פיינד צו האָבען, זענען מיר אַלע כשר'ע קריסטען!" די אידישע פיינד איז דעריבער לייכט געוואָרען, שאָדען צו ברענגען די אידען. פערפערקאָרן האָט אָפט אָנגעוויזען, אַז אין דייטשלאַנד זענען פאַרהאַן נור נאָך דריי גרויסע אידישע קהלות: ר ע ג ע נ ס ב ו ר ג, פ ר אַ נ ק פ ו ר ט א ו ן ו ו י ר מ י י ז אָ, און אויב מען זאָל אָט די קהלות פערטיליגען, וועט עס נעהמען אַ סוף מיט די אידען אין דייטשלאַנד.

כדי צו ברענגען דערצו, אַז מען זאָל אַרויסטרייבען די אידען פון פראַנקפורט און ווירמייזאָ (וואָרמס), האָבען די אידישע פיינד ערפונדען אַ צוועקמעסיגען מיטעל. דער יונגער מאַרקגראַף א ל ב ע ר ט פ ו ן ב ר אַ נ ד ע נ ב ו ר ג, ביז דאַמאָלס בישאָף פון מאַגדעבורג, וועלכער האָט נעדאַרפט שפּיעלען אַזאַ טרויעריגע בעריהמטקייט שפּעטער אין דער רעפאָרמאַציאָנס־געשיכטע, איז אויסגעקליבען געוואָרען פאַר אַנ'ערצבישאָף פון מאַינץ. די אידישע שונאים האָבען, משמעות, לויט דער דערוועקונג פון

קעלן, בעוואוינגען דעם ערצבישאָף אַלבערט, אַז ער זאָל איינלאַדען די הויכע גלחים און די שׂרים, ווי אויך די פאָרשטעהער פון די שטעדט פראַנקפורט און ווירמייזאַ, אַז זיי זאָלען צונויפקומען קיין פראַנקפורט אויף אַ בעראַטונג וועגען אַ אידישען גירוש פון פראַנקפורט און ווירמייזאַ אויף אייביגע צייטען. אויף דער איינלאַדונג זענען געקומען (7 יאַנואַר 1516) קיין פראַנקפורט פיעל דעלעגאַטען. דאָס פראָגראַם פון דער בעראַטונג איז געווען: אַלע קריסטען, צו-וואָס פאַר אַ קלאַס זיי זאָלען נישט געהערען דאַרפען אין אחדות ערקלערען, אַז זיי זאָגען זיך אָב פון יעדען נוצען, וואָס זיי קאָנען האָבען פון אידען און וועלען די אידען אַרויסטרייבען פון לאַנד אויף אייביג, נישט אַריינלאָזענדיג זיי צוריק אפילו אויף אַ קורצע צייט. דעם דאָזיגען בעשלוס האָט מען געדאַרפט פאָרשטעלען דעם קייזער און בעטען ביי איהם, אַז ער זאָל איהם בעשטעטיגען. קיין איינציגע שטימע פון מענשליכקייט האָט זיך נישט געפונען דאַמאָלס, וואָס זאָל דערמאָהנען, אַז מען געהט דאָ ברענגען אַן'אונגליק איבער טויזענדער מענשען, אַזוי אונמענשליך און ווילד האָט די דאַמאָלסדיגע קירכע געמאַכט דאָס הערץ פון איהרע מאמינים. אויף דער בעראַטונג אין פראַנקפורט האָט מען דאַמאָלס אָבער בעשלאָסען, אַז מען זאָל זיך צוזאַמענקומען נאָך אַ מאָל, ווי דאָס איז געווען דער מנהג דאַמאָלס אויף די דייטשע אסיפות. ערשט אויף דער צווייטער פערזאַמלונג האָט מען געדאַרפט אָננעהמען דעם ענדליכען בעשלוס (8 מערץ).

די אידען פון דער דאָזיגער געגענד האָבען געזעהען אַ זיכערע געפאַהר שוועבען איבער זייער קאָפּ, ווייל אויב צווישען די דייטשע פירשטען איז קיין אחדות נישט געווען און זיי האָבען זיך וועניג געאיילט ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ וויכטיגע זאַך, זענען זיי דאָך געווען ריהרעוודיג און אחדות'ניקעס אין זייערע רדיפות אויף די אידען. די אידען האָבען דעריבער געהאַט בלויז איין מיטעל: צו שיקען אַ דעפּוטאַציע צום קייזער מאַקסימיליאַן און בעטען ביי איהם, אַז ער זאָל זיי העלפען געגען די אידישע שונאים. דער קייזער האָט זיך צום גליק דערמאָנט, אַז אויב די אידען זענען אפילו אויף אונטערטאָנען ביי גרויסע אָדער קלענערע הערען, זענען זיי דאָך אין גרונד אַלע די קאַמערקנעכט פון דער מלוכה און דאָס וועלען זיי פערטרייבען אָהן דער הסכמה פון קייזער, הייסט אַנריהרען זיינע רעכטע. מאַקסימיליאַן האָט דעריבער זיך געאיילט צו שרייבען אַ שטרענגען בעפעהל צום קורפירשט און ערצבישאָף אַלבערט פון מאַינץ, וועלכען ער האָט אויך געדאַרפט איבערגעבען אַלע גלחישע און וועלטליכע הערשאַפטען, ווי אויך די שטעדט, אַז זיי זאָלען זיך נישט דערוועגען צו קומען אויף דער בעראַטונג צום בעשטימטען טאָג, ווייל דער קייזער איז העכסט אונצופרידען מיט זייער בעשלוס. פאַר'ן מאָמענט זענען די אידען אַלזאָ ניצול געוואָרען פון'ם שרעקליכען אונגליק, אָבער די אידישע שונאים האָבען נאָך אַלץ געהאָפט צו קאָנען פועל זיין ביים קייזער, אַז מען זאָל

די אידען אַרויסטרייבען. ביים קייזער איז די זאַך זיי נישט געלונגען, אָבער באַלד נאָכ'ן קייזער'ס טויט, ווען עס איז אין רעגענסבורג אויסגעבראָכען אַ בונט מצד די בעלי מלאכות ווי אויך צוליעב דער אַגיטאַציע פונ'ם גלח באַלטאַזאַר הובמאַיער, האָבען די רעגענסבורגער בירגער אַרויסגעטריבען די אידען פון שטאָדט אויף אייביג (פעברואר 1519).

דערוויל האָט דער רייכלינישער פּראָצעס, וואָס זיין מיטעל-פּונקט איז געווען די פראַגע וועגען דעם תלמוד פאַרט געמאַכט איינינע פאָרשריט, האָטש זיין גאַנג האָט זיך געמוזט אַבשטעלען צוליעב די מינעס און קאָנטרעמינעס, וואָס מען האָט געמאַכט מצדביידע צדדים. האָכסטראַטען האָט איינגעזעהען, אַז די קאָמיסיע איז נוטה לטובת רייכלין, און דעריבער האָט ער אָנגעהויבען דורכאויס צו פאָדערן, אַז די זאַך זאָל בעטראַכט ווערען אויף אַ גלהישען קאָנסיליום, וויל דאָ האַנדעלט זיך נישט וועגען אַ יודישע פראַגע, נור וועגען אַ פראַגע מכח דער אמונה. דער פּויפּסט לעאָ, וועלכער האָט מיט אַלעמען געוואָלט לעבען בשלום, האָט געגען זיינע אייגענע בעפעהלען געמוזט איינשטימען טיילווייז אויף דער פאָדערונג. אויף איין זייט, נעמליך, האָבען דער קייזער מאַקסימיליאַן און פיעל דייטשע פירשטען געפאָדערט, אַז מען זאָל רייכלינ'ען פריישפּרעכען און די דאָמיניקאַנער פערשטאָפּען דאָס מויל; אויף דער אַנדער זייט דאַגעגען האָבען געפאָדערט דער פראַנצויזישער קעניג און דער יונגער קאַרל, הערצאָג פון בורגונד, וועלכער איז דערנאָך געוואָרען קייזער פון דייטשלאַנד, ווי אויך דער קעניג פון שפּאַניען און הערשער פון אַמעריקאַ, אַז מען זאָל די זאַך פיהרען מיט מעהר ערנסט און דאָס אידענפריינדליכע בוך זאָל ענדליך פעראורטיילט ווערען. דער פּויפּסט האָט דעריבער איינגעזעהען, אַז די זאַך ווערט צו-ערנסט און בעשלאָסען צו בעפרייען זיך פון איהר אינגאַנצען. ער האָט, נעמליך, איבערגעגעבען די זאַך אין דער קאָמיסיע פון לאַטעראַנער קאָנסיליום, וועלכער האָט דאַמאָלס אָבגעהאַלטען זיינע זיצונגען. די פראַגע וועגען דעם תלמוד איז אַזוי אַרום געוואָרען אַ וויכטיגער ענין אויף אַנ'עקומענישען סינאָד, אין אַ געוויסער מאָס, אַנ'אייראָפּעאישע פראַגע.

ווען די קאָמיסיע האָט זיך ענדליך אַרויסגעזאָגט לטובת רייכלין, האָט האָכסטראַטען מיט זיינע פריינד געפּועל'ט ביים פּויפּסט, אַז ער זאָל ערקלערען, דאָס דער פּראָצעס איז דערוויל אָבגעשטעלט געוואָרען. דאָ האָט זיך אַרויסגעזאָגט דער האַראַקטער פון פּויפּסט לעאָ און זיין בעציהונג צו ביידע ליידענשאַפטליך אויפגערעגטע פּאַרטייען. ער האָט געליעבט די רוהינקייט און נישט געוואָלט איינרייסען נישט מיט די הומאַניסטען, נישט מיט די פינסטערע דאָמיניקאַנער, נישט מיט'ן דייטשען קייזער, נישט מיט'ן פראַנצויזישען קעניג, אָדער גאָר מיט'ן שפּאַנישען קעניג. דער פּראָצעס איז דעריבער געבליבען הענגען אין דער לופטען און די דאָמיניקאַנער האָבען נעקאָנט איהם אָנהויבען צוריק אין יעדען מאָמענט. האָכסטראַטען

האט אפילו געמוזט פערלאזען רוים מיט גרויס בזיונות, אבער ער האט זיך נישט אבגעזאגט פון זיין האפענונג, צו דערגרייכען נאך א מאל זיין ציעל. דאס איז געוועזן א מענש מיט א שטארקען כאראקטער, וועלכער לאזט זיך נישט בויגען דורך ערנידערונגען; ער איז אויך געוועזן אזוי אהן א ברעקעל יושר אין הארצען, אז דער שקר און די שווינדלערייען זענען פאר איהם געוועזן א גאנץ לייכטע זאך.

אויב דער פויפסט לעא האט געמיינט, אז מיט זיין נאמען אליין וועט איהם געלינגען צו מאכען א סוף צום דאזיגען קאמף, האט ער צו-הויך געשעצט זיין אנזעהען און נישט פערשטאנען דעם כח פון די פארטייען, וועלכע האבען געטראגען אין זיך דעם קערן פון דער נאהענטער שפאלטונג אין דער קאטוילישער קירכע. די געמיטער זענען צו ערהיצט געוועזן, אז זיי האבען זיך געזאלט לאזען בויגען לייכט דורך א ווארט, וואס איז ארויסגעזאגט געווארען פון פויפסטליכען שטוהל. נישט קיין שלום האבען געוואלט די פארטייען, נור א קאמף אויף טויט און לעבען. ווען האכסטראטען איז געקומען צוריק פון רוים, איז ער נישט זיכער געוועזן מיט זיין לעבען, אויפגערעגטע רייכליניסטען האבען אפט געמאכט אויף איהם אנ'אטענטאט. אולריך פון הוטען האט אינ'ם משך פון רייכלינ'ס פראצעס געהאט געגוג געלעגענהייט צו בעקענען זיך מיט די אינטריגעס, וואס ווערען געפיהרט אין רוים און דעריבער האט ער זיך בעשלאסען צו קעמפען מיט אלע כחות, ביז ער וועט זיך דערשלאגען, אז די גלחישע הערשאפט אין דייטשלאנד זאל האבען א פאלקאמע מפלה.

מען האט דעם סוד מעהר נישט געקאנט בעהאלטען: פון די דעכער ארונטער האט מען עפענטליך מודיע געווען, אז אין דער קאטוילישער קירכע איז פארגעקומען א טיעפע שפאלטונג. נישט די גענגער און שונאים פון די דאמיניקאנער, נאר זייער ארדענס - גענעראל, עבערהארד פון קלעווע, ווי אויך זייער גאנצע כגופיא האבען אין אנ'אפיציעלען בריעף צום פויפסט זיך מודה געווען, אז דער פראצעס האט זיי מיטגעבראכט שנאה און פעראכטונג מצד דעם פאלק, אז זיי זענען געווארען צו-שפאט און צו-שאנד און פאר א משל אין אלע מיילער און אז זיי — זיי האבען עס כשר פערדינט!— זענען אנערקענט געווארען פאר פיינד פון ברודערליכער ליעבע, פון שלום און אחדות; צו זייערע דרשות בעציהט מען זיך מיט פעראכטונג, זייער ודוי-שטוהלען מיידעט מען אויס, אלע זייערע אונטערנעהמונגען ווערען אויסגעלאכט און ערקלערט אלס גאוה און פוסטע גדלות.

דער קאמף צווישען רייכלינ'ען און די דאמיניקאנער, אדער האכסטראטען, האט זיך אבער געפיהרט ווייטער, בעריהרענדיג דאס יודענטום אין אנ'אנדער שטעלע. דער פאן פון דער דאזיגער בעוועגונג איז אייגענטליך געוועזן די קבלה. צוליעב גרויסער התלהבות פאר דער קבלה, וועלכע האט איהם, לויט זיין מיינונג, געדארפט געבען דעם שליסעל צו פער-

שטעהען די פילאָזאָפיע און דאָס קריסטענטום, האָט רייכלין אויך גע־וואָלט, אַז דער תלמוד זאָל נישט אָנגעריהרט ווערען, ווייל אין איהם געפינען זיך, ווי רייכלין האָט געגלויבט, מיסטישע עלעמענטען. די יונגע קבלה איז אַלזאָ געוואָרען די בעשיצערין פון טויזענד־יעהריגען אַלטען תלמוד. רייכלין האָט אָבער נאָך וועניג וואָס פערשטאַנען אין דער קבלה. זיין חשק אַלץ צו וויסען און זיין התמדה האָבען איהם נישט געגעבען קיין רוה, טרייבענדיג איהם צו בעקענען זיך מיט דער וואונדערליכער וויסענשאַפט. צוליעב די אָנפאַלען, וואָס זיינע געגנער האָבען געמאַכט אויף איהם, חושד זייענדיג איהם אין אפיקורסות, עהרליכקייט און ריכטיגען קאָנען העברעאיש, איז עס פאַר איהם געוואָרען אַנ'עהרען־זאַך, צו בעקענען זיך מיט דער קבלה, כדי צו קאָנען גרינדליך דערוויזען, אַז זי שטימט איין מיט'ן קריסטענטום. ער האָט אָבער געהאַט דאָס אונגליק אַנצושטויסען זיך מיט זיינע העברעאישע שטודיען נישט אויף די רעכטע מענשען, וואָס זאָלען איהם קאָנען אַלץ גרינדליך ערקלערען. נאָך אַ לאַנגען זוכען האָט ער זיך בעקענט מיט די ספרים פונ'ם בעל מקובל רבי יוסף ניקאַטילאַ פון קאַסטיליען, וועלכע דער משומד פּאַול ריציאָ האָט איבערזעצט אין לאַטיין. נאָכדעם ווי רייכלין האָט זיך גוט בעקענט מיט די ספרים פון קאַסטיליאַנישען בעל מקובל און איינגעפונען, אַז די קבלה בעשטעטיגט די פּרינציפּען פון קריסטענטום, האָט ער מחבר געווען אַ ספר וועגען דער קאַבאַליסטישער וויסענשאַפט און געווידמעט עס דעם פּויפּסט לעאָ X, כדי צו דערווייזען איהם, אַז אַנשטאָט צו פערברענען די העברעאישע ספרים, דאַרף מען זיי זעהען בעסער אויפמערקזאַם צו לערנען. רייבלין האָט, משמעות, געהאָפט, אַז דער פּויפּסט וועט העכסט צופרידען זיין מיט זיין אויפטהו, ווייל ער האָט געשטאַרקט די קריסטליכע אמונה און איצט, ווען זי איז זעהר אָבגעשוואַכט געוואָרען, און געטהון האָט ער דאָס אויפ'ן סמך פון גאָר אַ נישט ערוואַרטעטער זייט. רייכלין האָט אויך געהאָפט, אַז דער פּויפּסט וועט פאַר זיין דאַזיגען פערדינסט מאַכען איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף צום קאַמף צווישען איהם מיט די דאָמיניקאַנער; די קריסטליך בעפאַרבטע קבלה האָט געדאַרפט ווערען אַנ'אַדוואָקאַט פאַר'ן אַלטען דייטשען געלעהרטען ביי'ם פּויפּסט. אין דער ווירקליכקייט איז רייכלין דאַמאָלס נישט געווען קיין יחיד מיט זיין ליעבע פאַר דער קבלה. נישט בלויז קאַרדינאַלען, נור אפילו אויך דער פּויפּסט אַליין, האָבען געגלויבט, אַז די קבלה וועט פיעל שטיצען דעם קריסטענטום.

ווען דאָס אינטערעס צום רייכלינישען קאַמף איז געוואָרען אָביסעל שוואַכער, האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'אַנדער בעוועגונג אין דייטשלאַנד, וועלכע האָט ווייטער געפיהרט די אָנגעפאַנגענע אַרבייט צו ענדיגען — אונטערצוגראָבען די פּעסטע פּלויפּס(?), אויף וועלכע עס האָט זיך געשטיצט די קאַטוילישע קירכע און צו פאַרבערייטען אייראָפּאַ צו אַ נייעם לעבען.

די רעפאָרמאַציאָן, וועלכע האָט אזוי שארף געענדערט דאָס לעבען פון די קריסטליכע פעלקער אין אייראָפּאַ, האָט זיך געקאָנט אָנהויבען ערשט אַ דאַנק דעם קאַמף וועגען דעם תלמוד, אין וועלכען די גאַנצע קאַטוילישע קירכע האָט פערלוירען איהר פעסטקייט און זיכערקייט אין די אויגען פון פאָלק. ווען נישט אָט דער קאַמף וועגען דעם תלמוד, וואָלט די רעפאָרמאַציאָן זיך נישט געקאָנט דערהויבען, נישט וואַקסען, ווייל דער אויטאָריטעט פון רוים וואָלט נאָך געהאַט געשטאַנען צו פעסט. די רעפאָרמאַציאָן האָט זיך אָבער געגויטיגט אין אַ קרעפטיגער פערזענליכקייט, וועלכע זאָל איהר קאָנען געבען די נויטיגע מאַכט. אזא פערזענליכקייט איז געווען מאַרטין לוטהער. דער ענערגישער און פעסטער מאַן איז דורך די סתירות ביסלעכווייז געפיהרט געוואָרען צו דער איבערצייגונג, אז שולדיג אינ'ם קאַטוילישען פערדערבען איז נישט דער אָדער יענער פויפּסט, נאָר דאָס פויפּסטום בכלל, וועלכע קאָן אויך האָבען אַ טעות, ווי יעדער בשר ודם; דער הויפּט־פּרינציפּ פון דער קריסט־ליכער אמונה ליעגט נישט אינ'ם פויפּסט, נאָר אין די גרונד־ביכער פון דער רעליגיאָן — אין תנ"ך און אין עוואַנגעליום.

דער טויט פונ'ם אלטען קייזער מאַקסימיליאַן (1519), וואָס די טע־אָלאָגישע מחלוקת, וועלכע ער האָט אליין דערוועקט, זענען געוואָרען פיעל שטאַרקער און וויכטיגער, ווי ער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלען, ווי אויך די וואַהלען פונ'ם נייעם קייזער, וועלכע האָבען זיך געצויגען אַ האַלב יאָהר לאַנג, האָבען אריינגעצויגען אין קאַמף אויך די פּאָליטיק, און עס איז געוואָרען אַן אמת'ע מהומה, ווען פריינד און פיינד, פריידענ־קער און פינסטערע מענשען האָבען זיך מעהר נישט געקאָנט אונטער־שיידען איינע די אנדערע. אולריך פון הוטען און די הומאַניסטען זענען געשטאַנען אויפ'ן צד פון קאַרל V, וואָס אין זיין הויפּט־לאַנד שפּאַניען האָבען די דאָמיניקאַנער געהאַט די איבערהאַנד און די קאַסטערס מיט די מענשליכע פייער־אָפּפער פון דער אינקוויזיציע זענען נישט פערלאָשען געוואָרען; דער פויפּסט דאַגעגען, דער פויפּסט מיט זיינע קאַרדינאַלען און בישאָפען זענען געגען אָט דעם פרומען קייזער. די רייכלינישע און די לוטהערישע זאַך, אין אַ געוויסער מאָס, די פראַגע וועגען דעם תלמוד און דער רעפאָרמאַציאָן, זענען אַלץ מעהר צוזאַמענגעפּאָרט געוואָרען און גע־שטעלט נעבען איינאַנדער. עס איז געקומען אזוי ווייט, אז ווען די קור־פירשטען זענען זיך צונויפגעקומען, כדי אויסצוקלייבען אַ דייטשען קיי־זער, האָבען זיי זיך אויך אַרויסגעזאָגט וועגען דעם קאַמף לטובת רייכלין געגען די דאָמיניקאַנער. אַנשטאָט צו פעראורטיילען דעם תלמוד, האָט דער פויפּסט לעאָ גאָר דערוועקט איינינע אונטערנעהמער צו דרוקען איהם פון דאָס ניי. אזוי ארום איז פאָרגעקומען עפּעס וואָס גאָר אונער־וואַרטעטעס: רייכלינ'ען האָט מען פריינעשפּראָכען, דעם תלמוד איבער־געלאָזען אונבעריהרט און דער פויפּסט אליין האָט גאָר בעפויהלען איהם

צו דרוקען. אין דער ווירקליכקייט האט א רייכער, איידעלער קריסט-ליכער דרוקער, דניאל באמבערג פון אנטווערפען, אין דעם זעל-ביגען יאהר (1520) ארויסגעגעבען דעם תלמוד-בבלי אין צוועלף גרויסע בענדער מיט די מפרשים—אנ'אויסגאבע, וועלכע איז גע-ווארען א מוסטער פאר אלע שפעטערדיגע אויסגאבען.— דער פויפסט לעא האט געגעבען די נייע אויסגאבע פערשידענע שוץ-פריווילעגיעס. מיט א יאהר צוואנציג פאר דעם האט באמבערג אויך אבגעדרוקט דעם תלמוד ירושלמי. דאדורך האבען די דאמיניקאנער געהאט די מפלה אויף דער גאנצער ליניע. האכסטראטען האט געמוזט בעצאהלען רייכלינען הונדערט מיטעלע גאלד-גילדען.

אין יענער צייט איז ערשינען די גייסטפולע „שטומע קאמעד-יע“, וועלכע איז תחלת געשריבען געוועזן אין פראנצויזיש אדער לאטייניש און איבערזעצט געווארען אין דייטש; די „קאמעדיע“ שטעלט פאר אנ-שויליך, ווער עס איז געוועזן דער אמת'ער אויפטהוער פון דער נייער רע-פארמאטארישער בעוועגונג. צוערשט ערשיינט אין איהר א דאקטאר, מיט'ן נאמען קאפניאן (רייכלין) אויפגעשריבען אויפ'ן רוקען. דער דאקטאר טראגט א בינטעל קרומע און גלייכע צווייגען, וועלכע ער ברענגט ארויף אויף דער ביהנע פון טעאטער און לעגט זיי דארט אנידער. באלד נאך איהם ערשיינט א צווייטע פיגור (עראזם), וועלכער פראבירט צוזא-מענצובינדען די צווייגען, אבער דאס געלינגט איהם נישט; ער שאקעלט מיט'ן קאפ, ציהט מיט די אקסלען, ווי איינער וואלט זאגען: „וואס איז דא צו מאכען מיט אזא מישמאש!“—און פערשווינדעט באלד נאך רייכ-לינען. אויך אולריך פון הוטען ערשיינט, נישט קענענדיג עטוואס אויפטהון מיט'ן בינטעל פערקרימטע און פערלאמטע צווייגען. לסוף ערשיינט לוט-הער אין די קליידער פון א מאנאך און צינדט אונטער די קרומע צוויי-גען. באלד ערשיינט א נייע פיגור אין די קליידער פון דייטשען קייזער און שלאגט מיט'ן שווערד אויף די ברענענדע צווייגען; דאדורך אבער צו-פלאקערט זיך דאס פייער נישט שטארקער. ענדליך ערשיינט דער פויפסט: ער וויל פערלעשען די קרומע און לאהמע צווייגען, כדי אבצוראטעווען זיי, און חאפט זיך אין גרוים היץ פאר אנ'עמער פליסיגקייט, וועלכע ער גיסט ארויף אויפ'ן פייער. ער האט אבער געהאט א ביטערען טעות; אנשטאט וואסער, האט ער אויסגעגאסען אנ'עמער בוימאייל—דאס פייער צופלא-קערט זיך נאכמעהר און דער פויפסט בלייבט שטעהן, ווי פערשטיינערט, מיט פערבראכענע הענד איבער'ן קאפ. דאס פייער איז שוין מעהר נישט צו לעשען.— אין דער דאזיגער קאמעדיע האבען אבער נישט געדארפט פעהלען אויך פעפערקארן און דער תלמוד, ווייל זיי האבען די ערשטע געגעבען דאס פייער אונטערצוצינדען „די לאהמע צווייגען“.

שוין לאנג זענען די אומשטענדען געוועזן אזעלכע, אז יעדעס פריש ווינטעל האט נאר געקאנט פונאנדערבלאזען דאס פייער, וואס האט גע-

גליט אין דער שטיל. אויפ'ן רייכסטאג אין וואָרמס האָט לוטהער ארויסגעוויזען פיעל שטאנדהאפטיגקייט און מוט און דורך א וואָרט, ארויסגעזאָגט מיט פעסטקייט, געבראָכען אינגאנצען מיט'ן פויפסטום. חאָטש דער קייזער קאַרל V דורך זיין אייגענעם פאנאַטיזם און דורך דער פאָדערונג פון די אַנהענגער פון דער פינסטערניש איז נוטה געווען צו לאָזען פערברענען לוטהער'ן, האָט ער דאָך פונדעסטוועגען דאָס נישט געטהון, כדי צו האָבען דאדורך דעם פויפסט אין זיין רשות. ער האָט לוטהער'ן געלאָזט רוהיג אבפאָהרען אהיים; באלד האָבען גוטע פריינד געבראכט לוטהער'ן אין וואַרטבורג, וואו ער איז געווען פערבאָרגען אין זיכערהייט. דאָרט האָט ער זיך אין דער שטיל געאָרבייט איבער דער איבערזעצונג פונ'ם תנ"ך אין דייטש; דערווייל האָבען די אַנהענגער פון דער רעפאָרמאציאָן ענערגיש געארבייט אין ווירטענבערג; די גאנצע קאַטוילישע אָרדנונג אין דער קירכע האָט מען מבטל געמאַכט, דעם גאָטעס-דיענסט אומגעענדערט, אבגעשאפט די שבועה פון די מאָנאכען, די בעציערונג פון די גלחים און ענדליך ערלויבט זיי חתונה צו האָבען, דאָס הייסט: זייערע פריהערדיגע געהיימע קעבס-ווייבער האָבען די גלחים איצט אנערקענט עפענטליך אלס זייערע פרויען. די געמיטער זענען שוין געווען פאָלקאָם פאָרבערייטעט פאַר דער רעפאָרמאציאָן, און זי האָט זיך דעריבער געשווינד פערשפרייט אין צפון-דייטשלאַנד, דענעמאַרק און שוועדען, וואו זי האָט זיך באלד איינגעוואָרצעלט; זי איז אריינגעדרונגען אין פרייסען, פוילען און פון דער אַנדערער זייט—אין פראנקרייך און אפילו אויך אין דעם פינסטערען שפאניען, וואו עס האָט געהערשט דער טעמפער קירכליכער גייסט און די בלוטדורשטיגע אינקוויזיציע. צווינגלי, דער רעפאָרמאַטאָר פון דער שווייץ, האָט זיך נאָך א לאַנגען וואקלען אויך אָבגעזאָגט פונ'ם פויפסט, און ווייל די פרייהייט האָט אין דער שווייץ מעהר מעגליכקייט צו ענטוויקלען זיך, האָבען די גלחים דאָרט באלד אלץ איבערגעבויט פון דאָס ניי: מען האָט איינגעפיהרט א נייען גאָטעס-דינסט, ערלויבט די גלחים חתונה צו האָבען, צובראָכען אלע בילדער און צלמים און מבטל געמאַכט די קלויסטערס. עס האָט זיך אָנגעהויבען א נייע אָרדנונג; רוים האָט פערלוירען איהר מאַכט און געשטאנען אבאָענדיג און אבגע'חלש'ט, זעהענדיג, ווי מען ברעכט אלע איהרע פעסטונגען און נישט וויסענדיג, ווי אזוי צו העלפען. עס האָט זיך אָנגעהויבען די בעוועגונג פון אנאַבאַפטיסטען, פון די וועלכע האָבען אָנגענומען פון דאָס ניי די קריסטליכע טבילה, און אלע אלטע לעבענס-בעדינגונגען אין דער קאַטוילישער וועלט זענען בטל געוואָרען.

פאַר די אידען האָט לוטהערס רעפאָרמאציאָן געהאַט תחילת א קליינע בעדייטונג. אין דער צייט, וואָס די קאַטאָליקען און די רעפאָרמירטע פירשטען האָבען געפיהרט איינע מיט די אנדערע א פערביסענעם קאמף, האָבען זיי קיין צייט נישט געהאַט צו רודפ'ן די אידען. אין אידישען לע-

בען איז דאַריבער פאָרגעקומען אַ קליינע פּויזע. לוטהער אַליין, וואָס זיין שטימע איז שוין איצט געוועזען שטאַרקער פאַר דער שטימע פון די פּיר־שטען האָט זיך תחילת אָנגענומען פאַר די אידען און ערקלערט פיעל בע־שולדיגונגען געגען זיי אלס פאלשע. אין זיין איינפאכער קלאָרער שפּראַך האָט ער זיך גלייך אין אָנפאַנג פון זיין טעטיגקייט אַרויסגעזאָגט וועגען דעם אויף'ן פאָלגענדען אופן: „די דאָזיגע פערביסענע שנאה (געגען אידען) בערט־יידיגען נאָך איניגע געשמאַקלאָזע טעאָלאָגען, ערקלערענדיג מיט נאַרישער גדלות, אז די אידען זענען קנעכט ביי די קריסטען און ביי דעם קייזער. איך בעט אייך דעריבער, זאָגט מיר: ווער וועט וועלען אָנ־נעהמען אונזער רעליגיאָן, וועז דאָס זאָל אפילו אויך זיין אַ געדולדיגער און מילדער מענש, אויב ער זעהט דאָס די קריסטען בעגעהען זיך מיט איהם מיט שנאה און לא די, וואָס זיי פערגעסען. אָן דער קריסטליכער רעליגיע בעהאַנדלען זיי (די אידען) פּשוט ווי בהמות און חיות".

אין א ספר, וואָס זיין נאָמען אליין האָט שוין געקאָנט אריינברענגען היץ און אין קעלט די פערביסענע אידישע שונאים, נעמליך: „קריס־טוס איז געוועזען א געבאָרענער איד" (1523)—האָט זיך לוטהער אויסגעזאָגט געגען דער שנאה צו די אידען אין פאָלגענדע ווערטער: „אונזערע נאַראָנים, די פּאַפּיסטען, בישאָפען, סאָפיסטען און מאָנאַכען, האָבען ביז איצט זיך בעגאַנגען מיט די אידען אזוי, אז א גוטער קריסט האָט געמענט וועלען ווערען אַ איד. און ווען איך וואָלט א איד געוועזען, וואָלט איך בעסער וועלען א חזיר ווערען, איידער א קאַטאָליק, ווען איך וואָלט נאָר געזעהען, ווי אזעלכע טעמפּע מוחות רעגירען איבער דעם קריס־טענטום. דען זיי האָבען זיך מיט די אידען בעגאַנגען, אזוי ווי דאָס וואָל־טען געוועזען קיין מענשען נאָר הינט; זיי האָבען מעהר נישט פער־שטאַנען צו טהון פאַר די אידען ווי צו שילטען זיי. די אידען זענען בלוט־פערוואַנדטע, שוועסטער-קינדער און ברידער פון קריסטוס און דעריבער, אויב מען קאָן זיך בערימען מיט קרובותשאַפט, זענען די אידען פיעל נעהנטער צו קריסטוס איידער מיר קריסטען. איך בעט דעריבער מיינע ליבע פּאַפּיסטען, אויב זיי זענען מיעד געוואָרען מיך צורופען אפּיקורוס, זאָלען זיי מיך אָנהויבען צו רופען איד... מיין עצה איז—שרייבט לוטהער ווייטער—אז מען זאָל מיט די אידען זיך בעגעהן ציכטיג און מילד. מיר אָבער טהוען אנדערש: מיר בעהאַנדלען זיי מיט געוואַלדטעטיגקייטען, מיר טראַכטען אוים וועגען זיי אלערליי שקרים, מיר בעשולדיגען זיי, אז זיי מוזען קריסטליך בלוט האָבען, אז זיי שטינקען נישט און ווער ווייסט נאָך אין וועלכע טפשות, וואָס נאַראָנים קאָנען נאָר אויספלוידערען; מיר פערבאָטען זיי צו אַרבייטען ביי אונז, צו האַנדלען, צו שטעהן מיט אונז אין נאָהנטע בעציהונגען און טרייבען זיי דאדורך צו בעשעפטיגען זיך מיט פּראָצענט—ווי אזוי אלזא זאָלען זיי זיך דערנעהנטערען צו אונז? אויב מען וויל זיי העלפען, דאַרף מען אָן זיי אָנווענדען די געזעצען פון ליעבע און

נישט די פון פויפּסט, מען דארף זיי אויפנעמען פריינדליך, לאָזען זיי אַרבייטען און לערנען, כדי זיי זאָלען ביי אונז האָבען א היים, אונז ליעב בעקומען און צו אונז קומען"— דאָס זענען געווען ווערטער, וועלכע אידען האָבען נישט געהערט פון די קריסטען שוין העכער טויזענד יאָהר. מען מוז דערין דערקענען רייכלינס מילדע אָננעהמען זיך פאַר די אידען

איינינע הייסבלוטיגע אידען האָבען געזעהען אין אַרויסטרעטען פון לוטהער געגען דעם פויפּסט דעם סוף פון קריסטענטום; דריי געלעהרטע אידען זענען אפילו אויך געקומען צו לוטהערען און איבעררעדען איהם, אז ער זאָל איבערגעהען צום יודענטום. התלהבות'דיגע אידען האָבען אפילו אויך געזעהען אין דער נייער בעוועגונג געגען דער געטליכער פערעהרונג פון די בילדער און הייליגע רעליקוויען דעם אָנפאַנג פון רוימס אונטערגאַנג און די התחלה פון משיח'ס צייטען, ווען אַלע פעלקער וועלען זיך ווענדען צום איינציגען גאָט. — אָבער מעהר אַלס דאָס אידישע פאָלק האָט געהאַט נוצען פון דער רעפאָרמאַציאָן די אידישע תורה, וועלכע מען האָט ביז יענער צייט ווייניג געלערנט און כמעט נישט געוואוסט וועגען איהר אין דער צייט פון דער רעפאָרמאַציע איז די תורה אַריין אין דער מאָדע. רייכלין האָט געהאַט אַרויסגעזאָגט א וואונש, דאָס מען זאָל אין די דייטשע אוניווערזיטעטען איינאָרדנען א קאַפעדרע פאַר העברעאיש. איצט, ווען מען האָט זיך גוט געוואָלט בעקענען מיט'ן תנ"ך, איז מען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אָהן דער העברעאישער שפּראַך איז דאָס אונמעגליך; פיעל דייטשע פירשטען האָבען דעריבער אָנגעהויבען זוכען העברעאישע לעהרער פאַר די דייטשע אוניווערזיטעטען; אפילו אויך אין איטאַליען, פראַנקרייך און פוילען האָט זיך אַזאַ בעוועגונג אָנגעהויבען פאַר העברעאיש. די לייכטע, לאַכענדע קלאַסישע ליטעראַטור, וועלכע האָט אָבגעצויגען די הערצער פון די שווערע קירכליכע פאָרמען, איז איצט פערנאַכלעסיגט געוואָרען, אָבטרעטענדיג דעם אָרט פאַר דער ערנסטער העברעאישער מאַטראָנע. יונגע לייט און עלטערע האָבען זיך אָנגעהויבען מתקרב זיין צו די אידען, ביי וועלכע זיי האָבען געקאָנט אויסלערנען די העברעאישע שפּראַך. צווישען די אידישע לעהרער און די קריסטליכע תלמידים האָט זיך דעריבער אָנגעהויבען א געמיטליכע בעציהונג — פערשטעהט זיך צום גרויסען פערדרוס פון די איבער־פרומע אויף ביידע צדדים, ביי די אידען, ווי ביי די קריסטען. דער הויפּט־לעהרער פון די קריסטען איז געווען ר ב י א ל י ה ו ב ר ב י א ש ר ה ל ו י ב ח ו ר, אָדער ווי ער האָט געהייסען ביי די קריסטען ע ל י אַ ס ל ע ו ו י ט אַ (געבוירען אין ניי־שטאָדט, נעבען נירנבערג, 1468, געשט. 1549 אין ווענעדיג). דער דאָזיגער אָרימער מענש, וועלכער האָט געדאַרפט אַרבייטען פאַר'ן טעגליכען שטיקעל ברויט, האָט ביי די קריסטען געלעגט דעם פונדאַמענט צו דער קענטעניש פון דער העברעאישער שפּראַך. די בערויבונג פון פּאַדואַ האָט איהם געטריבען איבער ווענעדיג קיין רוים, וואו דער שוין דערמאָנטער קאַרדינאַל ד ע ו י ט ע ר ב אָ

האָט איהם אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, כדי צו לערנען ביי איהם העב־רעאיש און קבלה. העכער צעהן יאָהר האָט דער קאַרדינאַל אויסגעהאַלטען רבי אליהו בחור מיט זיין פאַמיליע. אויך אַנדערע הויכגעשטעלטע קריסטען פלעגען קומען צו איהם תורה לערנען, ווי למשל: זשאָרזש דע סעלוו, בישאָף פון לאַוואור, פראַנצויזישער געזאַנדטער, וועלכער איז געוועז אַ הויך געלערנט אי פּאָליטיש־קלוג. די איבער־פרומע רבנים האָבען געמאַכט אַ פאָרוואורף רבי אליהו בחור, פאַרוואָס ער לערנט תורה מיט גוים; רבי אליהו בחור האָט אָבער דערויף געענטפערט, אַז זיינע קריסטליכע תלמידים זענען אַלע אידען־פריינד און דורכ'ן בעקענען זיך מיט דער אידישער תורה וועט זייער פריינדשאַפט זיך נאָך מעהר פערשטאַרקען, וועלען זיי טהון מיט די אידען טובות. — רבי אליהו בחור האָט ערקלערט, אַז די העברעאישע נקודות שטאַמען נישט פון אַ גאַנץ אַלטער צייט, און די חכמי־התלמוד האָבען וועגען זיי נישט געוואוסט. די דאָזיגע ערקלערונג האָט אַרויסגערופען אַן'אמת'ן שטורם צווישען די פרומע אידען, וועלכע האָבען געגלויבט, אַז די נקודות זענען געגעבען געוואָרען צו משה'ן אויפ'ן באַרג סיני. רבי אליהו בחור איז דעריבער געווען וועניג בעליעבט ביי די פרומע אידען; אין זיין ערקלערונג וועגען די נקודות האָבען זיי געזעהען אַן'אָבליקעניש פון גאַנ־צען יודענטום. רבי אליהו בחור איז דעריבער געצוואונגען געווען צו האַל־טען זיך נאָהענטער מיט די קריסטליכע געלעהרטע קרייזען, און דאָס האָט געהאַט זעהר טרויעריגע רעזולטאַטען אויף פאַר זיינע קינדער — איבריגענס, איז ער נישט געווען דער איינציגער איד, וואָס האָט געלערנט די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור מיט די קריסטען. ווי פאַר איהם האָט רבי עובדיה ספורנו געלערנט העברעאיש מיט רייכלין, אזוי האָט איצט אין איין צייט מיט רבי אליהו בחור אויך רבי יעקב מאַנטין און רבי אברהם דע באַלמעש געלערנט תורה מיט קריסטען. די דרוקער פון העברעאישע ספרים האָבען אין יענער צייט אַזוי געהאַפּט אויף אַ גוטען פדיון, אַז אין פיעל שטעדט אין איטאַליען און אין דייטשלאַנד האָט מען אָבגעדרוקט עלטערע און יונגערע אידישע גראַמאַ־טישע ביכער אפילו דאָרט, וואו עס האָבען קיין אידען גאָר נישט געוואוינט!

אַלע האָבען געוואָלט לערנען העברעאיש, ביי אַלעמען האָט זיך דער־וועקט אַ חשק צו דער העברעאישער ליטעראַטור. נאָך מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם האָט דאָס קענען העברעאיש פאַר די העכערע גלחים געהייסען בלויז אַ לוקסוס־זאַך, אָדער גאָר אַ פערדערבליכע זאַך, וועלכע מוז פיהרען צו אפיקורסות; דורך דער רעפאָרמאַציאָן דאַגעגען איז העברעאיש געוואָ־רען איינע פון די נויטווענדיגסטע ידיעות פאַר אַ רעליגיעז געלעהרטען מאַן. לוטהער אַליין האָט אויך געלערנט העברעאיש, כדי צו קאָנען בעסער אַריינדרינגען אין דעם תוך פונ'ם תנ"ך.

וואונדערליכער פאַר אַלץ איז אָבער געווען די פלוצלונגע ענדערונג אין דער קריסטליכער בעציהונג צום העברעאישען תנ"ך און דער רבנישער

ליטעראַטור אין פראַנקרייך. די טאַנגעבערישע פּאַריזער אוניווערזיטעט האָט מיט אַ גרויסער מעהרהייט פעראורטיילט רייכלינ'ס ווערק לטובת דעם תלמוד, דעם „אויגענשפּיגעל", ווי אויך דעם תלמוד גופא און דאָס שטודיום פון העברעאיש בכלל. און אָט סך הכל זעקס יאָהר שפּעטער האָט מען אין דער פּאַריזער אוניווערזיטעט איינגעאָרדענט אַ קאַפעדרע צו לערנען העברעאיש, געגרינדעט אַ דרוקעריי צו דרוקען העברעאישע ספרים און דוקא דער ודוי־גלח פונ'ם קעניג לודוויג, דער שוין דערמאָנטער גילאָם האַקינע פּטי, וועלכער האָט אַליין אַגיטירט פאַר'ן פעראורטיילען רייכלינ'ען און דער העברעאישער ליטעראַטור — דוקא אָט דער דאָמיניקאַנער גלח איז איצט אַרויסגעטראָטען, אַלס פאָדערער צו ווידמען זיך דעם שטודיום פון דער העברעאישער ליטעראַטור! לויט זיין פאָרשלאַג, האָט דער קעניג פראַנץ I אַראָבגעבראַכט קיין פּאַריז דעם קארסיקאַנישען בישאָף, וועלכער איז גוט געווען בעהאַוונט אין דער העברעאישער ליטעראַטור, אויגוסטין יוסטיניאַני, כדי ער זאָל דאָרט ווערען לעהרער. דער יונגער פראַנצויזישער קעניג האָט געהאַט, אָדער בלויז אַרויסגעוויזען עס לפנים אַ בעזונדערען אינטערעס פאַר העברעאיש און זיין שטודיום. ער האָט אויך איינגעלאַדען רבי אליהו בחור, צו קומען קיין פראַנקרייך און פערנעהמען דאָרט אַ קאַפעדרע פון דער העברעאישער ליטעראַטור, ווי עס שיינט האָט ער דאָס געטהון, לויט'ן פאָרשלאַג פון בחורס פערעהרער, בישאָף דע סעלווע. מען דאַרף גוט פערשטעהן, וואָס אַזאַ שריט האָט דאַמאָלס בעדייטעט: אין פראַנקרייך האָט שוין העכער הונדערט יאָהר אַ אידענס פוס נישט געטראָטען, און פּלוצלונג האָט דער קעניג אַליין איינגעלאַדען אַ אידען צו קומען אַהין נישט בלויז אויף צו וואָהנען דאָרט, נור אויך אויף צו פערנעהמען אַ הויכע שטעלע, אַלס פּראָפעסאָר פון קריסטען. רב אליהו בחור האָט זיך אָבער אָבגעזאָגט אָנצונעהמען די איינלאַדונג, דען צו לעבען דאָרט אַלס דער איינציגער איד איז געווען כמעט אונמעגליך; אויסווירקען אָבער, אז מען זאָל ביי אַזאַ געלעגענהייט ערלויבען מעהר אידען אריינצוקומען אין לאַנד, דער רויף איז עד נישט געווען פעהיג. דער בישאָף יוסטיניאַני האָט דעריבער איבערגענומען אַליין די אויפגאַבע, צו פערשפּרייטען די קענטניש פון העברעאיש אין פראַנקרייך. אין דער אוניווערזיטעט פון רהיימס האָבען די סטודענטען אָנגעהויבען מאַטערן דעם העברעאישען „דקדוק". ווייל עס האָבען אָבער דעם בישאָף געפעהלט ספרים, האָט ער געלאָזט אָבדרוקען די שלעכטע העברעאישע גראַמאַטיק פון רבי משה קמחי. אָבער וואָס נאָך מערקווירדיגער איז; מיט דריי הונדערט יאָהר פאַר דעם האָבען די אידישע פרומאַקעס אין פּאַריז מיט דער הילף פון די דאָמיניקאַנער געלאָזט פערברענען עפענטליך דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים" און איצט האָט דער דאָמיניקאַנער בישאָף יוסטיניאַני אַליין געלאָזט אָבדרוקען די לאַטיינישע איבערזעצונג פונ'ם „מורה נבוכים" (1520).

עס פערשטעהט זיך, אַז די קריסטליכע לעהרער פון העברעאיש זענען גע-בליבען אָבהענגיג פון די אידישע לעהרער, אָהן וועלכע זיי האָבען קיין שריט אליין נישט געקאָנט מאכען. ווען פּ אָ ו ל פּ אַ ג י ו ם, דער רע-פאָרמאַטאָרישער גלח און תלמיד פון רייכלין, האָט געוואָלט איינאָרדנען אַ העברעאישע דרוקעריי אין א י ס נ י, האָט ער איינגעלאַדען ר ב י א ל י ה ו בחור, וועלכער האָט די דאָזיגע איינלאַדונג אָנגענומען, צוליעב נויט און וויל ער האָט נישט געקאָנט געפונען קיין פערלעגער פאַר זיין כאלדייאי-שען און תלמודישען ווערטער-בוך. פאַר פּ אָ ו ל פּ אַ ג י ו ס זענען דוקא אַזעלכע ספרים געווען אַן'אמת'ע מציאה, וויל זיי האָבען איהם געגעבען דעם שליסעל צו דער קבלה, וועלכע די קריסטען האָבען אַזוי שטאַרק נעגאַרט צו לערנען.

דורך דער רייכלינישער און לוטהערישער בעוועגונג האָט מען, אין אַ געוויסער מאָס, זיך גענומען שטודירען דעם תנ"ך — אַ שטודיום, וועל-כען מען האָט אַזוי לאַנג פערנאַכלעסיגט. יודענטום און קריסטענטום האָ-בען זיך געהאַלטען אויפ'ן אידישען תנ"ך, און פונדעסטוועגען האָבען ביי-דע רעליגיאָנען זיך אָבגעפרעמדעט פון איהם. דער הערליכער מאָנומענט „פון גאָטעס גנאַד" אין דער אידשער געשיכטע איז איינגעהילט געווען אין אַ נעבעל פון פירושים און פשט'לעך, וועלכע האָבען אינגאַנצען פערדעקט זיין גרויסקייט און חן. צוליעב וואָס מען האָט אַלעס געזוכט אין תנ"ך און געגלויבט, אַז מען קאָן עס אין איהם געפינען, האָט מען אָן זיין ריכ-טיגען מענשליכען זין גאָר פערגעסען, נישט געזוכט און נישט געפונען איהם. פאַר'ן קריסטליכען המון איז דער תנ"ך געווען אַ פערשלאָסען בוך, וויל די פּויפסטען האָבען פערבאָטען איבערצוזעצען איהם אין דער פאָלקס-שפּראַך, פיהלענדיג אינסטינקטיוו, אַז ער קאָן ווערען געפעהרליך פאַר זייער ממשלה; דעם תנ"ך אויף לאַטייניש האָבען אָבער פערשטאַנען זעהר ווע-ניג מענשען. אַ געוועהנליכער קריסט האָט דעריבער געוואוסט פון תנ"ך בלויז געצעהלטע מאמרים, אי דאָס אין אַ שלעכטער איבערזעצונג און מיט אַ נאָך־ערגערן פירוש, וואָס די גלחים האָבען געמאַכט, אַזוי ווי עס האָט זיי געפּאַסט, צו פערהערליכען דאָס קריסטענטום און, דער עיקר, די גדלות פון פּויפּסט און זיין ממשלה. אפילו די גלחים האָבען נישט פיעל פערשטאַנען אין תנ"ך, וויל זיי האָבען איהם געלערנט נור אין לאַטייניש און דערצו נאָך אין דער וואולגאַטאַ, וועלכע האָט דעם גרונד-געדאַנק פון העברעאישען טעקסט, צוליעב עס-הארצות און אויך אָפט מיט אַ שלעכ-טער כונה, אַזוי פערענדערט און איבערגעמאַכט, אַז עס איז פון דער הער-ליכקייט פון דער אַלטער אידישער פּאָעזיע און דעם הויכען אידישען גייסט אין איהם קיין זכר נישט געבליבען. עס איז דעריבער געווען זעהר אַ וויכ-טיגע טהאַט, ווען לוטהער האָט זיך אין זיין איינזאַמקייט אין וואַרטבורג גענומען איבערזעצען דעם תנ"ך אויף דייטש. ווי שוין דערמאָנט, האָט לוטהער געמוזט דערצו עטוואָס לערנען העברעאיש און אָנקומען צו דער

הילף פון אידישע געלעהרטע. פאַר די דאַמאָלסדיגע מענשען איז עס געווען אַ נייעס, אַ שטייגער, ווי דאָס אַלטע אידישע געטליך בוך וואָלט ערשט ענטפּלעקט געוואָרען, דען די ריינע אידישע שטימע, לויט ווי מען הערט זי אין תנ"ך, האָט מען נאָך ביז דאַמאָלס אין דייטשלאַנד נישט געהערט. אַ פריש ווינטעל האָט אָנגעהויבען בלאָזען. דער מענשהייט אין פּנים, נאָכדעם ווי מען האָט דערווייטערט די הויכע ווענד, וועלכע האָבען געהאַט פערשטעלט יעדען פרייען וועג פאַר'ן מענשליכען גייסט און זיין גלוסט צום לעבען.

דאָס קלאַסישע אַלטערטום (די רוימישע און גריכישע ליטעראַטור) האָט פערפיינערט דעם געשמאַק פון נור אַ קליינעם קרייז אין אייראָפּאַ, פון דער הויך געבילדעטער קלאַס; דאָס העברעאישע אַלטערטום דאַגעגען האָט די גאַנצע מענשהייט אין אייראָפּאַ יונג געמאַכט, געגעבען איהר ווידער זין און פערשטאַנד פאַר'ן איינפאַכען לעבען און אונגעקינסטעלטע לעבענס-בעציהונגען. באַלד האָט מען דעם תנ"ך איבערזעצט אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען און אפילו די קאַטוילען גופא זענען געווען געצוואונגען צו פערגעסען דעם פערבאָט פון די פּויפּסטען און לערנען מיט'ן פאָלק דעם תנ"ך אין זיין מוטערשפּראַך, אָנשטאָט דעם טויטען לאַטייניש. אויך די אידען האָבען דערשפּירט אַ בעדערפעניש צו האָבען דעם תנ"ך אין זייער טעגליכער שפּראַך, און אין דער הינזיכט איז זיי געקומען צו הילף דער נישט-מיעדער רבי אליהו בחור, וועלכער האָט אויפ'ן וועג פון איסני קיין ווענעדיג פערפערטיגט אין קאָנסטאַנץ אַן איבערזעצונג פון איניגע ספרים פון תנ"ך אין „עברי-טייטש". אַ שפּאַנישע איבערזעצונג האָט געמאַכט איינער פון די פּאָרטוגיעזישע אנוסים דואַרטע דע פּינעל אין פערארַא, וועלכער האָט געהייסען מיט'ן אידישען נאָמען רבי אברהם אושקי, ווען ער איז עפענטליך צוריק אַ איד געוואָרען. — די פאָדערונג אויף העברעאישע תנ"ך'ן איז אַזוי שטאַרק געוואָרען, אַז דער שוין דערמאָנטער דרוקער, דער קריסט דניאל באמבערג האָט אונטערגענומען אַ גרויסאַרטיג געשעפט אַרויסצוגעבען דעם תנ"ך מיט אַלע פּירושים: רש"י, אבן-עזרא, רד"ק און רלב"ג, ווי אויך מיט דער גרויסער „מסורה", און האָט זיין אויסגאַבע אַ נאָמען געגעבען „מקראות גדולות". די נייע אויסגאַבע איז געשווינד פערקויפט געוואָרען און מען האָט געמוזט מאַכען פון איהר אַלץ מעהר נייע אויפלאַגען.

פערלאג „יהודיה"

אידישע פאלקס-געשיכטע

פון

פראפעסאר צבי גרעץ.

עלפטער באנד.

אינהאלטס־פערצייכנים פון עלפטען באנד.

די הומאַניסטישע און רעפאָרמאַציאָנס־צייט־עפּאָכע.

צווייטער קאַפּיטעל.

די רייהרעוודיגקייט פון די אַניסים און די קבלה־ | זייטען:
משיח'שע טרוימערײַ. (פון 1530—1548) — — — — — 3—46

דריטער קאַפּיטעל.

די אַנוסים און די פּויפּסטען.
(פון 1548—1568) — — — — — — — 47—105

פערטער קאַפּיטעל.

די אידען אין טערקיי און דאָן יוסף פון נאַקסאָס.
(פון 1566—1590) — — — — — — — 106—136

Drukarnia Uniwersalna, Warszawa, ul. Długa 26. Tel. 260-19.

די הומאניסטישע און רעפארמאציאנס-צייט-עפאכע.

צווייטער קאפיטעל.

די ריהרעוודיגקייט פון די אנוסים און די קבלה-משיח׳שע טרוימעריי.

(1548 — 1530)

מען קאן זיך פשוט נישט געננג אנוואונדערן זעהענדיג ווי אזוי די גרויסע רעפארמאטארישע בעוועגונג פון לוטהער מיט זיינע חברים, דער קראמפף, וועלכער האט אנגענומען די קריסטליכע וועלט אין ערשטען פערטעל פון זעכצעהנטען יאהרהונדערט, אז עס האבען א ציטער געטהון אלע איהרע פונדאמענטען, — ווי אזוי אט די בעוועגונג האט כמעט גאר נישט בעריהרט דאס אינערליכע אידישע לעבען. וועהרענד אין דער קריסט-ליכער וועלט איז פארגעקומען א גרינדליכע פערענדערונג אין דענקען, מנהגים און מדות, אפילו אויך אין דער שפראך, דאס אלטע האט מען אראבגעווארפען פון זיך און דאס נייע האט אנגעהויבען שפראצען, אדער מען האט לפחות דאס אלטע איבערגעניטשעוועט און אויסגעפוצט אזוי אז עס זאל פון אבגעבלאקעוועטקייט אויסזעהען, לפחות, ווי שפאגעל ניי מיט איין ווארט: וועהרענד עס אט זיך אין איירא֗פא אנגעהויבען א נייע היסטארישע עפאכע, איז ביי די אידען געבליבען אלץ ביים אלטען. דאס איז געקומען דערפון, וואס די אידען האבען איינענטליך קיין מיטעלאלטער נישט געהאט און זיי האבען דעריבער אויך נישט געברויכט דורכצוברע-כען א נייע עפאכע. זיי האבען נישט געברויכט געבארען צו ווערען פון דאס-ניי, נישט אראבצווארפען פון זיך דאס פערדארבענע לעבען, נישט אויסצושניידען דעם העסליכען קרעבס, ווייל ער האט זיך גאר אין זייער פאלקס-ארגאניזם נישט איינגעפרעסען: די אידישע גייסטליכע, די רבנים

און כלי-קודש האָבען וועניג וואָס געוואוסט פון גדלות און קיין רוי-בער אָדער שוחד-נעהמער, ווי די רוימישע גלחים זענען זיי אודאי נישט געווען. די אידען האָבען דעריבער נישט געהאַט אַזוי פיעל אומפּלייט אָב-צורייניגען ביי זיך. דאָס הייסט אָבער כלל נישט, אַז ביי אידען האָט אַלץ געשיינט און שעמערירט, אַז אַלץ איז געווען אין דער בעסטער אָרדנונג. דאָס ריינע יודענטום, זיין ערהאַבענער און דערהויבענער זיטליכער גע-דאַנק האָט זיך נאָך נישט געהאַט דורכגעבראָכען אַ פּרייען וועג אין אי-דישען לעבען; אויך דאָ האָט געפעהלט דעם פאָלק די אינערליכקייט, דער ריינער תוך פון דער רעליגיאָן, און די מנהגים זענען נאָך גאַנץ ווייט גע-ווען צו האָבען אַ קלאָרען גייסט. מעשים אָהן אינערליכען דענקען, אַ גייסט פון פּלפּול און פערקרימטקייט, פון פּשט'לעך און פערדרעהטקייט זענען געווען די פאָלקאָמע בעלי בתים אין אידישען לעבען. אין דער תפלה-בצבור האָט געפעהלט דער געהויבענער גייסט, אין געשעפט — די ריינע עהר-ליקייט, וועלכע איז דער יסוד פון יודענטום. די מנהגים פון די שוהלען זע-נען געווען פערעלטערט און פערהייליגט מיט'ן גאַנצען באַלאַסט פון אלט-גראָהע צייטען, און איבערלאָדען מיט גרויסע אָבטיילונגען, וועלכע דאָס פאָלק האָט זעהר וועניג פערשטאַנען און וועלכע זענען דערצו כלל נישט געווען שען און עסטעטיש. קיין דרשות האָט מען אין די אידישע קהלות נישט אין דייטשלאַנד, נישט אין די אָרומיגע לענדער, וואוהין די אידען זענען אריינגעקומען פון דייטשלאַנד, כמעט ווי נישט געהערט, העכסטענס זענען עס געווען אַ „הלוק", אָדער אַ פּלפּול וועגען אַ טיעפען ענין אין תלמוד, וואָס דער המון האָט כלל נישט פערשטאַנען; בפרט נאָך זענען אין דער היגזיכט געווען פערנאַכלעסיגט די פרויען. דאָס געמיט איז דע-ריבער בכלל געבליבען קאַלט. אין די ספרדישע קהלות האָבען די דרשנים אפילו גערעדט אין דער שענער שפּאַנישער שפּראַך, אָבער דער אינהאַלט פון די דרשות איז געווען ווידער די סכאָלאַסטיק, וועלכע איז געווען אונ-פערשטענדליך פאַר'ן פאָלק.

אַ גרויסע צרה איז אויך געווען מיט'ן פּירוד פון די קהלות. צוליעב די גרויסע רדיפות, זענען אריינגעקומען פיעל אידען פון שפּאַניען און דייטשלאַנד אין די גרויסע קהלות פון איטאַליען און טערקיי. אָבער אַנ-שטאָט צו פערייניגען זיך דאָרט מיט די אָרטיגע קהלות, האָבען זיי זיך געהאַלטען בעזונדער. עס זענען דעריבער געווען אין פיעל קהלות נישט בלויז איטאַליענישע, גריכישע, שפּאַנישע פּאָרטוגיעזישע, דייטשע און אָפט אויך מאַגהרעבישע (אַפריקאַנישע) קבוצים, נור יעדער קבוץ איז זיך נאָך אויך צופאַלען אויף אַזוי פיעל גרופּעס, ווי פיעל גרויסע שטעדט עס זע-נען געווען אין דעם פריהערדיגען מוטערלאַנד, פון וואַנען זיי האָבען גע-שטאַמט. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סאַלאָניקי, אַדריאַנאָפּאָל און אין פיעל אַנדערע שטעדט איז דעריבער געווען אַ פאַרבען-רייכע מפּה פון קהלות, אָדער קבוצים, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט זיינע פאָרשטעהער, זיינע

מנהגים אין שוהל און אינדערהיים, זיינע רבנים, זיינע ישיבות און בתי־מדרש, זיינע צדקה־חברות, זיינע אייגענע פאַנאַטיקער און פריי־דענקער. ביי אַזעלכע אומשטענדען האָט מען זיך נישט געקאָנט פעראייניגען און בעשאַפען עפּעס גרויסעס און אַלגעמיינעס. די רוחניות'דיגע מנהגים פון פאָלק, די רבנים, זענען בכלל אפילו געווען אַלע זעהר פרומע און גוטע לייט, אָבער נישט זעלטען האָבען זיי זיך געבויגען פאַר די עשירים פון דער קהלה. זיי פלעגען אויך מוזען זעהען די גאוה און גדלות פון די רייכע מענשען און נישט קאָנען מוטיג אַרויסטרעטען געגען זיי.

ערגער נאָך פאַר'ן דאָזיגען פירוד און די קבוצים איז געווען די צובראָכענע אידישע קראַפט, דער קליינליכער גייסט, די שפלות און קריגערייִ, וועלכע האָט געהערשט נישט בלויז צווישען די אידען פון דייטשלאַנד, נור אפילו אויך ביי די ספרדישע אידען. אין איין זאַך נור האָבען זיך אַלע אַרויסגעוויזען גלייך גרויס: דאָרט ווען מען האָט זיך געדאַרפט מוסר נפש זיין און שטאַרבען על קדוש השם, דאָרט האָבען אַלע גלייך אַרויסגעוויזען אַ העלדישען גייסט; אויסער אַט דעם פונקט האָבען אפילו די גדולים זיך אויך עוסק געווען תמיד נור אין קלייניגקייטען. קיין נייע וועגען אין לעבען האָט מען נישט דורכגעבראָכען, חאָטש מען האָט געזעהען, ווי עס קומען פאַר טעגליך עהנליכע שטורמס אין דער אַרומיגער קריסטליכער וועלט. אפילו יענע, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען אין דער הויך פון דער וויסענשאַפט, זענען אויך על פי רוב געגאַנגען נור אין די אַלטע אויסגעטראָטענע וועגען, וועלכע זיי האָבען נור געמאַכט ברייטער. די הערשענדע ריכטונג אין דער גייסטיגער טעטיגקייט איז געווען נור דאָס אַלטע און די אַלטע צו ערקלערען, צו שרייבען פירושים, אָדער אויך פירושים צו פירושים. די תלמודיסטען האָבען מפורש געווען דעם תלמוד, די פילאָזאָפיש אויפגעקלערטע אידען — דעם „מורה נבוכים“. קיין שטימע פון ריינע פּאָעזיע האָט מען שוין מעהר נישט געהערט, חאָטש דאָס אידישע פאָלק איז דאָך אויף דער פּאָעזיע אויסגעוואַקסען; אַפילו קיין „קינות“, קיין עכטע האַרצרייסענדע קלאָגלידער אויף אידישע צרות האָט מען מעהר נישט געהערט, חאָטש דאָס, האָט, דוכט זיך, געקאָנט ערלייכטערן דאָס שווערע געמיט. די איינציגע ערשיינונג, אין וועלכער מען קאָן דערקענען, אַז די צייט און די לאַגע האָט זיך געענדערט, איז דער אינטערעס צו דער אַלטער אידישער געשיכטע, וועלכע מען בעמערקט, נאַטירליך, נור צווישען די שפּאַנישע און פּאָרטוגיעזישע אידען. פון די אונמענשליכע יסורים, וועלכע זיי האָבען איבערגעליטען אָהן אַ שיעור און אָהן אַ ברעג, האָבען זיי געוואָלט איבערלאָזען אַן אָנדענקען, לפחות, פאַר די קומענדיגע דורות. אָבער צוליעב די נייע צרות און ענוים, האָבען זיי זיך אויך דערמאָנט אָן די גאַנץ אַלטע צייטען און זיי האָבען ערשט איינגעזעהען, אַז די גאַנצע אידישע געשיכטע איז אַ קייט פון שרעקליכע ענוים פון מערטירערייִ. אויסער דעם אָבער ערשיינט ביי אידען קיין שום נייע זאַך נישט אין דער דאָזיגער

צייט. די אידישע לעהרער פאַר די קריסטליכע קרייזען, רבי אברהם פריצול, רבי יעקב מאַנטין, רבי אברהם דע באַלמעש זענען אפילו געווען הויך געעהרט ביי די קריסטען, אָבער אין די אידישע קרייזען האָבען זיי קיין בעדייטונג נישט געהאַט, פונקט אַזוי ווי דער פיעל העכערער דענקער רבי אליהו דעלמעדיגא האָט קיין איינפלוס נישט געהאַט. די וויסענשאַפטליכע ריכטונג איז ביי אידען נישט געווען בעליעבט

דאָן יצחק אברבנאל, דער איבערגעבער פון דעם אַלטען אידישען גייסט אין שפּאַניען, האָט געפונען אינ'ם רמב"ם'ס ספרים ענינים וועלכע זענען אַ סתירה צום יודענטום, און דעריבער זענען זיי אפיקורסות; ער האָט דעריבער פעראורטיילט דאָס פרייע פאָרשען. איינער פון די אידישע אַנטלאָפענע פון פּאָרטוגאַל, רבי יוסף יעבץ, האָט מחבר געווען אַ ספר „אור החיים" אין וועלכען ער ווייזט אויף, אַז אין די אַלע יסורים און צרות, וואָס זענען געקומען אויף די אידען אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, איז שולדיג געווען נור די פילאָזאָפיע; זי איז עס געווען די גרויסע זינדערין, וועלכע האָט פערפיהרט די אידען, דעריבער האָט גאָט אויסגעגאָסען אויף ישראל זיין גאַנצען צאָרן דאָס זעלבע האָט אויך געשריבען אַ שפּאַנישער איד רבי אברהם בן שלמה פון טרואיילאָ.

אַ פריש ווינטעל בלאָזט נור פון די פילאָזאָפישע שריפטען פון דאָן יהודה אברבנאל, לעאָן מעדיגא, דאָן יצחק'ס עלטערער זוהן, און שוין דער נאָמען פון זיין ספר „געשפּרעך וועגען דער ליעבע" (Dialoghi d'amore): דערווייזט אונז, אַז מיר האָבען דאָ צו טהון נישט מיט אַן'אַלטאָגס-פילאָזאָף, וועלכער צייכענט זיך אויס נור מיט זיין געשמאַקלאָזיגקייט. דער דאָזיגער אידישער פילאָזאָף פון דער אַלטער אידישער יחוס-משפחה דערווייזט אָמבעסטען, ווי דער אידישער גייסט איז פעהיג אויפצונעהמען אַלע נייע שטרעמונגען אין גייסטיגען לעבען. זייענדיג אַרויסגעריסען פון אַ בעקוועמען, גוט איינגעאָרדענטען לעבען אין זיין אַלטען פאָטערלאַנד, פערוואָרפען אין אַ פרעמד לאַנד, וואו ער ווערט געיאָגט און געטריבען פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער, טראָגענדיג דערביי טיעף אין הארצען די יסורים וועגען זיין קינד, און בכור, וואָס מען האָט ביי איהם מיט געוואַלד צוגענומען, כדי צו ערציהען איהם אין קריסטענטום, האָט לעאָן מעדיגאָ נאָך געהאַט אין זיך אַזוי פיעל גייסט-קראַפט צו פערטיעפען זיך אין דער איטאַליענישער שפּראַך און ליטעראַטור, לויט ווי דאָס האָבען געפאָדערט זיינע נייע לעבענס-בעדינגונגען, און צו זאַמלען זיינע צווייטע און צערשפּרייטע פילאָזאָפישע געדאַנקען, כדי צו קאָנצענטרירען זיי אין אַ בולט'ן בילד. סך הכל אין אַ יאָהר נאָך זיין אַנטלויפען פון שפּאַניען האָט ער שוין געקאָנט שמ'ן פאַר אַ גרויסען איטאַליענישען געלעהרטען, קאָנקורירען מיט די העכסטע געבילדעטע איטאַליענער פון דער מעדיציניש ער צייט-עפּאָכע אין געשמאַק און פיינעם געפיהל, און האָט נאָך געקאָנט אפילו אָריבער-

שטייגען זיי מיט זיין פיעלזייטיגען וויסען. מיט דער זעלבער פעדער, מיט וועלכער ער האט א העברעאישען בריעף געשריבען צו זיי זוהן, דעם אנוסי, אין פארטוגאל, אין וועלכען ער בעט ביי איהם מיט א הארצרייסענדען טאן „צו בלייבען געטריי דעם יודענטום, צו לערנען די העברעאישע שפראך און ליטעראטור און געדענקען אן די שרעקליכע יסורים פון זיין מוטער און דעם טיעפען טרויער פון זיין פאטער" — מיט דער זעלביגער פעדער האט ער געשריבען זיין „דיאלאג וועגען דער ליעבע", וועלכער האט זיך אויסגעגאסען צווישען די היים געליעבטע פהילא און סאפיא אין דעם דאזיגען ספר. וואס איז עהנליך צו א ראמאן, זאגט אברבנאל ארויס צו־ערשט זיינע געדאנקען וועגען דעם מהות פון דער ליעבע, אדער זיין פילאזאפיש סיסטעם. דאס ווערק איז מעהר עהנליך צו א אידיליע, איידער צו א שטרענגען סיסטעם; אין איהר הערשט מעהר פאנטאזיע, איידער געדאנקען און זיינע בעמערקונגען זענען מעהר גייסטרייך, איידער וואהר. מעגליך, אז לעאן מעדינא האט זיינע טיעפערע געדאנקען ארויסגעזאגט אין אנ'אנדער ווערק „די הארמאניע פון הימעל", וועלכע איז אבער פערשוואונדען געווארען. פון יודענטום איז זיין ליעבע־דיאלאג זעהר וויים, און דעריבער האבען די קריסטען זיין ווערק פיעל מעהר געלעזען אלס די אידען. די איטאליענער זענען שטאלץ געווען צו זעהען, ווי מען דריקט אויס פילאזאפישע געדאנקען אין זייער הייסגעליעבטער איטאליענישער שפראך צום ערשטען מאל, און די „ליעבע־דיאלאגען" פון לעאן אברבנאל זענען געווארען דאס געליעבטעסטע בוך ביי די לעזער. דאס בוך האט מען אויך איבערזעצט אין לאטיין און שפאניש; די לעצטע האט געמאכט דער איד גדליה אבן יחייא און האט זי געווידמעט דעם אידענמערדערישען קעניג פיליפ דעם צווייטען פון שפאניען. פיליפ האט די ווידמונג אנגענומען, מאכענדיג אנ'אויסנאהמע פאר לעאן אברבנאל, צו וועלכען ער האט זיך בעצויגען מיט גרויסער אכטונג.

אין דער צייט פון פינסטערניש, ווען די וויסענשאפט און פילאזאפיע האבען פערלארען ביי די אידען זייער חן און דער פאנאטיזם, ווי אויך די פעסימיסטישע וועלט־אנשויאונג האבען בעהערשט די מוחות פון די פיעל געפרובטע און גערודפ'טע אידען, האט די קבלה געפונען פאר זיך א פרייען ארט צו ענטוויקלען זיך. אין זעכצעהנטען יאהרהונדערט האט זי ערשט רעכט בעהערשט אלע מחות און געמיטער. איהרע געגנער זענען „אויסגעשטארבען, אדער זיי האבען נישט געהאט גענוג מוט צו פיהרען געגען איהר דעם קאמפף ווייטער אין א צייט, וועלכע איז בכלל זעהר נוטה געווען צו גלויבען אין אלע איבערנאטירליכע זאכען. די ספרדישע ענטלאפענע אידען: רבי יהודה חייט, רבי ברוך פון בענעווענט, רבי אברהם הלוי, רבי מאיר בן גבאי און רבי דוד אבן־אבו־זמרה (רדב"ז) האבען געבראכט די קבלה קיין איטאליען און טערקיי, דערוועקענדיג א שטארקע ריהרעוודיגקייט ביי זייערע אנ־

הענגער. אויך די גרויסע התפעלות מצד די קריסטליכע געלעהרטע פאַר דער קבלה — דע וויטערבא, רייכלין, גאַלאַטיני און אפילו אויך אַ פויפּסט — האָט דערהויבען שטאַרק די קבלה אין די אידישע אויגען. מען האָט זיך געזאָגט: „אין דער דאָזיגער „געהיימער תורה", אין דער קבלה, מוז דאָך געוויס זיין פערבאָרגען אַ טיעפער אמת, אויב אפילו די קריסטען זייען פון איהר אַזוי שטאַרק נתפעל!" — עס האָבען זיך בעוויזען בעלי מקובלים, וועלכע פלעגען זייערע „סודות התורה" עפענטליך ערקלערען אויף דער בימה פאַר זייערע צוהערער — אַ זאַך, וואָס איז פריהער געווען שטרענג פערבאָטען; זיי האָבען ערקלערט, אַז נור זיי אַליין בעזיצען דעם ריינעם אמת און די ריכטיגע תורה פון באַרג סיני און אַז דער תלמוד און די רבנים מיט זייער תורה מוזען זיך בויגען פאַר זיי. אַזוי אַרום האָבען זיך די סודות התורה פערשפּרייט אַלגעמיין צווישען די אידען, וועהרענד זיי זענען פריהער געווען נור אין רשות פון געצעהלטע מענשען, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פאַר „יחידי-סגולה", פאַר אויסערוועהלטע צדדים, וועמען גאָט האָט מזכה געווען מיט זיין ריכטיגען אמת. געגען דעם אַריינרייסען זיך פון די בעלי מקובלים אין רעליגיעזען לעבען און אין די מנהגים פון די בתי-הכנסת האָבען די רבנים זיך נור שוואַך ענטקעגענגעשטעלט, ווייל זיי זענען אויך על פי רוב געווען פעסט איבערצייגט פון דער ריכטיגקייט פון דער קבלה.

אַזוי האָט עס אויך געמוזט קומען, אַז צווישען די בעלי מקובלים זאָלען זיך בעווייזען טרוימער און פאַנטאַזיאָרען; פונקט ווי ביי די פאַרצייטיגע עהייער, אַזוי איז אויך ביי די מיסטיקער פון „זוהר" די האָפנונג אויף אַ משיח געווען דער צענטראַלער פונקט פון זייער גאַנצער תורה. דער היפט-צוועק פון דער ממשות'דיגער קבלה, אַזוי צו זאָגען, פון דער פּראַקטישער אָדער עמפּירישער זייט, איז געווען אַראָבצוברענגען משיח'ן, אָדער דאָס מלכות פון הימעל, די מלוכה פון אייביגער זיטליכער אָרדנונג, אין דערגרייכען האָט מען אָט דאָס אַלץ געדאַרפט דורך דעם צוזאַמענשטעלען פערשידענע אותיות אין דער תורה, אָדער אין שם המפורש, דורכ'ן בערעכענען גמטריאות, ראשי תיבות, צרופים אד"ג. דאָן יצחק אַברבנאל איז אפילו קיין בעל מקובל כלל נישט געווען, אָבער צוליעב פרומקייט און זעהענדיג דעם שרעקליכען יאוש, וואָס האָט אַרומגענומען די אידישע וועלט צוליעב די גרויסע פורעניות און צרות, האָט ער אויך זיך בעמיהט אויפצוהאַלטען פעסט די אמונה אין משיח'ן און אויסגערעכענט דעם „קץ", דאָס הייסט: דעם לעצטען טערמין, ווען משיח דאַרף קומען, צום יאָהר 1531—2. די גרויסע יסורים האָבען איבערגעלאָזען זעהר אַ טרויעריגע ירושה אין אידישען כאַראַקטער: זיי האָבען געבראָכען דעם אידישען מוט און צוגענומען ביי איהם די לעבענס-לוסטיגקייט און דעם ליכטיגען בליק אויפ'ן לעבען.

די בעשטימטקייט, מיט וועלכער דאָן יצחק אַברבנאל האָט

פאַראויסגעזאָגט משיח'ס קומען, האָט, ווי עס שיינט, דערוועקט א בעל מקובל פאַראויסצוזאָגען די נאָהענטקייט פון משיח'ס ערשיינען. דאָס איז געווען א איד פון דייטשלאַנד אשר לעמליין, וועלכער איז אויפגע-טרעטען אין איסטריען, נעבען ווענעדיג, אַלס א פאַראויסזאָגער פון משיח'ס קומען (1502). ער האָט גערופען די אידען צו טהון תשובה, צו פאַסטען תעניתים, צו צוריסען זייער לייב און טהון פיעל צדדקה, דען משיח מוז בעשטימט קומען נישט שפּעטער, ווי אין א האלב יאָהר ארום. די געמיטער זענען דאַמאָלס געווען העכסט נידערגעשלאָגען, די פערצווייפלונג — אָהן א ברעג, אין דער קבלה האָבען שוין אַלע געגלויבט, און דעריבער האָט אשר לעמליין באַלד געהאַט אַרום זיך א קרייז אַנהענגער, וועלכע האָבען פערשפּרייט ביי אידען זיינע בשורות וועגען משיח'ן. אין איטאַליען און אין דייטשלאַנד האָט מען אין זיי געגלויבט. מען האָט פיעל געגעבען צדקה, פיעל תפלה געטהון, פיעל תעניתים אָבגעהיט. מען האָט די צייט אָנגערופען: דאָס „תשובה-יאָהר". מען האָט געהאַלטען פאר א געווי-סע זאַך, אַז משיח וועט קומען און וועט פיהרען די אידען צוריק קיין ירושלים, אזוי אז מען האָט אפילו דערוויל אויך אָנגעהויבען צו ברעכען און פערניכטען פיעל זאכען אינ'ם יודענטום. די מיושב'דיגערע מענשען האָבען זיך נישט דערוואויגען ארויסצוטרעטען געגען דער דאָזיגער מיס-טישער און התלהבות'דיגער שטימונג. אפילו קריסטען זאָלען האָבען גע-גלויבט אין אשר לעמליינ'ס נביאות וועגען משיח'ן. אָבער דער נביא איז פּלוצלונג געשטאָרבען, אדער מען האָט איהם דער'הרג'עט און דערמיט האָט זיך געענדיגט דער גאַנצער שווינדעל. פיעל אידען האָבען פון פער-צווייפלונג, וואָס די נבואה איז נישט מקוים געוואָרען, זיך אָבגע'שמד'ט. ווי עס שיינט, האָט אויך דאָן יצחק אברבנאל חרטה בעקומען אויף זיין השבונ'ען דעם „קץ" און פאַראויסזאָגען משיח'ס קומען.

אָבער צוליעב דעם, וואָס עס האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזען פונ'ם „תשובה-יאָהר" און די בשורות וועגען משיח'ן, איז דאָך די האָפנונג אויף משיח'ן נישט אָבגעשטאָרבען ביי אידען. זי איז פאר זיי געווען נויט-ווענדיג, אַלס א טרייסט אין דעם ביטערען עלענד. די בעלי-מקובלים האָ-בען דאריבער נישט אויפגעהערט צו דערוועקען ביי אידען די האָפנונג ווי-דער, מבטיח זייענדיג זיי, אז עס וועלען פאָרקומען גרויסע מופתים און נסים ונפלאות. א יאָהר דרייסיג נאָכדעם האָט זיך דאריבער אָנגעהויבען א פיעל ערנסטערע משיח'שע בעוועגונג, וועלכע האָט דורך איהר גרויסען אומפאַנג און פערשפּרייטונג, ווי אויך צוליעב די וויכטיגע פערזענליכקיי-טען, וואָס האָבען אין איהר אַנטייל גענומען, געהאַט זעהר א אינטערעסאַנ-טען גאַנג. די אנוסים אין שפּאַניען און אין פּאָרטוגאל האָבען דערביי גע-שפּיעלט די הויפּט-ראָליע.

נאָך מיט א געוויסער צייט פריהער האָט זיך בעוויזען צווישען די אנוסים אין שפּאַניען א פופצעהן-יעהריג מיידעל א נביאה אין דער פּראָ-

ווינז הערר עאַ. דאָס מיידעל האָט געהאַט אַ נערוועז־קראַנקהייט און זי
פלעגט אָפט אַריינפאַלען אין אַ צושטאַנד פון התלהבות און עקסטאַז. אינ'ם
דאָזיגען צושטאַנד פלעגט זי זעהען חלומות אויפ'ן וואָהר, און אָט האָט זי
דערצעהלט, אז זי האָט געזעהען דעם „מלך המשיח", וועלכער האָט איהר
אַרויפגעבראַכט אין הימעל, וואו זי האָט געזעהען די דער'הרג'עטע על קדוש
השם, זיצענדיג אויף גאָלדענע שטוהלען. דאָס מיידעל האָט זעהר פער־
שטאַרקט די אמונה אין משיח'ס קומען, דען לויט ווי זי האָט דערצעהלט,
וועט עס אָבפיהרען אַלע אידען קיין ארץ ישראל. פיעל צוהערער האָבען
אין איהר געגלויבט, און צווישען איהרע מאמינים זענען אויך געוועזען
אַנוסים, אויף וועלכע די אינקוויזיציע האָט שוין געהאַט געוואָרפען אַנ־
אויג. איצט האָט די אינקוויזיציע פער'משפט נייצינ מענשען פון זיי צום
טויט און זיי געלאָזט פערברענען. דערמיט האָט זיך די זאַך געענדיגט.
אָבער די משיחישע בעוועגונג, וואָס האָט זיך שפּעטער אָנגעהויבען, איז
שוין געווען פיעל ערנסטער.

די אנוסים, די דאָזיגע אונגליקליכסטע צווישען די אונגליקליכע,—
מענשען, וועלכע האָבען זיך פון זייער אַלטער אמונה געמוזט אָבזאָגען און,
אין אַ געוויסער מאָס, פרעמד געוואָרען זיך אליין,— האָבען געמוזט אָב־
היטען אַלע מנהגים פון דער קאַטוילישער קירכע נאָך שטרענגער ווי די
אַלט־קריסטען, האָטש זיי האָבען זיי אין טיפען האַרצען געהאַסט, ווייל זיי
זענען גאַנץ פרעמד געווען זייער גייסט און כאַראַקטער; ביי אַלעם דעם
האָט זיי אָבער די אינקוויזיציע שטענדיג געהאַלטען אין חשד, און די קריס־
טען האָבען געשפּירט צו זיי אַנ'אייביגע שנאָה צוליעב זייער אידישער אָב־
שטאַמונג. ביי אַזעלכע בעדינגונגען האָבען די אַנוסים געפיהרט, ריידענדיג
אָהן מליצות, אַנ'אמת העלישען לעבען. אין טיפען האַרצען האָט זיי גע־
פלאַגט און גענאַגט די חרטה פאַר'ן פאַלש ווערען דער רעליגיאָן פון די
עלטערען און אָבזאָגען זיך פונ'ם אייגענעם ליבען פאָלק; אויסערליך אָבער
האָבען זיי פראָסט קיין איינציגע מינוט נישט געקאָנט זיין רוהיג מיט זייער
לעבען און די ברענענדיגע פלאַמען פייער פון די קאָסטרעס פון דער אינק־
וויזיציע זענען פאַר זיי תמיד געשטאַנען, ווי אַ שרעקליך בילד פון זייער
מעגליכען רוף. דער גרויסער רוב פון די אנוסים האָט בשום אופן נישט
געקאָנט פועל'ן ביי זיך צוצווענדען זיך צום קריסטענטום מיט'ן גאַנצען
האַרצען, דען ווי אַזוי האָבען זיי געקאָנט אָנהויבען ליעבען אַ רעליגיאָן,
וואָס איהרע מאמינים האָבען טעגליך געפאָדערט מענשליכע פייער־אָפּפער
און געזוכט זיי אונטער אַלערליי נישטיגע תירוצים נאָר צווישען זיי? אונ־
טער דעם צווייטען שפּאַנישען גרויס־אינקוויזיטאָר, ד ע ז אַ, האָט די אונ־
מענשליכע אכזריות דערגרייכט צו אַ נאָך העכערער מדרגה, ווי אין די
צייטען פון טאָרקוועמאַדאַ. ער און זיינע לייט, בעזונדערס ד י ע ג אָ ר אָ ד־
ר י ג ע ז ל ו צ ע ר אַ, אַ פרומער תליון אין קאָרדאָווא, האָבען בעגאַנגען
אַזוי פיעל שענדליכקייטען, אז איין פרומער מאָנאַך, פּ ע ד ר אָ מ אַ ר ט י ר,

האט געשילדערט די אינקוויזיציע, דרייסיג יאהר נאך איהר גרינדונג, מיט די שרעקליכסטע פארבען: „דער ערצבישאף פון סעווילא (דעזא), לוצערי און יואן דעלא פוענטע—שרייבט דער מאנאך—האבען בעדעקט מיט שאנד אלע דאזיגע פראווינצען. זייערע לייט אנערקענען נישט גאט, נישט די גערעכטיגקייט; זיי מארדען, זיי רויבען, זיי שענדען פרויען, פערהייראטעטע און מיידלעך, צו דער גרויסער חרפה פון קריסטענטום. די שאדענס און דאס אונגליק, וואס די שלעכטע דינער פון דער אינקוויזיציע האבען געבראכט מיין פאטערלאנד, זענען אזוי גרויס און אזוי פערשיעדען, אז יעדער מענש מוז עס בעדויערען". לוצערא (דער לייכטענדער), וועלכען די מענשען פון זיין צייט האבען, צוליעב זיינע שענדליכע מעשים, א נאמען געגעבען טענעברא (דער חושך), האט די מענשליכע פייער-אפפער אריינגעבראכט אין די טויזענדער; ער איז געווען בוכשטעבליך דורשטיג נאך אידיש בלוט. „גיט מיר א אידען צום פערברענען!"—פלעגט ער תמיד אויסרופען. זיין פאנאטיזם איז פערוואנדעלט געווארען אין א העסליכע מענשען-פרעסעריי, וועלכע איז ביי איהם געווארען א מין שגעון. די דינער פון דער אינקוויזיציע האבען ביי איהם געהאט פולע הענד מיט ארבייט. דאדורך האט זיך אבער אנגעהויבען א רעוואלוציאנערע בעוועגונג אין קארדאווא. די אנגעזעהענסטע פערזאנען האבען זיך בעקלאגט געגען זיינע שרעקליכע מעשים און געפאדערט ביי'ם גרויס-אינקוויזיטאר, אז ער זאל איהם דערוויטערן פון זיין שטעלע. דעזא איז אבער געווען א מענש פון גלייכען חאראקטער, ווי לוצערא, און אויך אזא אכזר ווי ער; ער האט דאריבער געלאזט אנקלאגען אין אינקוויזיציאנס-געריכט אלע אונצופרידענע ריטער, פארנעהמע דאמען, גלחים און מאנאכינעס—אט די אלע אלט-קריסטען האט ער אנגעקלאגט אלס אנהענגער פון דער „אידישער אפיקורסות" און געמשפט זיי.

דער דריטער גרויס-אינקוויזיטאר, קסימענעס דע ציסנעראס, האט שוין מעהר געשוינט די אלט-קריסטען, אויף וועלכע די אינקוויזיציע האט א חשד געווארפען; ער האט אבער געלאזט פערברענען נישט ווייניגער ווי די ערשטע צוויי אינקוויזיטארען אנוסים פון אידען און פון מחמד'אנער; ער האט זיך דאך דערוואויגען ארויסצוטרעטען מיט סטראשונקעס געגען דעם שפאנישען קעניג און דייטשען קייזער קארל V, ווען יענער האט געוואלט פאר אכט הונדערט טויזענד גאלד-קראן ערלויבען די שפאנישע אנוסים אנצונעהמען צוריק דאס יודענטום. דער קייזער איז דאמאלס געווען אין פלאנדריען, און דארט האבען זיך פאר איהם פארגעשטעלט די שליחים פון די אנוסים און געבעטען ביי איהם, אז ער זאל אויף זיי רחמנות האבען און העלפען זיי אין זייער אונערטרעגליכער לאגע. אויך די לאנדרישע שרים האבען זייער ביטע געשטיצט. אבער קסימענעס, וועלכער איז פריהער געווען קארל'ס א לעהרער, האט איהם שטרענג פערבאטען צו ליידען די אידען אין שפאניען, פונקט ווי טארקוועמאדא האט עס

פריהער געהאַט פערבאָטען זיינע אור־עלטערן. די אינקוויזיטאָרען וואָס נאָך קסימענעס זענען אויך געווען אזעלכע פרומאַקעס, דאָס הייסט אויך אזוי אונמענשליך, ווי ער איז געווען. צוזאמען מיט די אידישע אנוסים האָט מען אונטער זיי פערברענט, אָדער פער'משפט צו אייביגער תפיסה אויך אלט־קריסטען. די רעפאָרמאַטאָרישע בעוועגונג אין דייטשלאַנד האָט אויך געפונען א ווידער־קלאַנג אין שפּאַניען. די לעהרע פון לוטהער און קאלווין וועגען דער פערדערבליכקייט פון פּויפּסטום, וועגען די גלחי־שע מנהגים מיט זייערע צערעמאָניעס, איז אויך אָריינגעדרונגען אין שפּאַנ־יען, א דאַנק דעם וואָס שפּאַניען האָט זיך איצט געפונען אונטער דער הער־שאַפט פון דער זעלבער פּערזאָן, ווי דייטשלאנד. דער דייטשער קייזער קאַרל V, וועלכער האָט געהאַט פיעל קאָפּ־דרעהעניש און עגמת־נפש מיט דער רעפאָרמאַציע אין דייטשלאַנד, האָט בעפויהלען דער אינקוויזיציע אין שפּאַניען, וואו ער איז געווען קעניג, צו בעגעהן זיך מיט דער נייער רע־פאָרם־אפיקורסות העכסט שטרענג. פאַר דער בלוטדורשטיגער אינקוויזי־ציע איז אזאַ בעפעהל געווען, ווי געוואונשען; פון דאַמאַלס אָן איז עס גע־וואָרען אַנ'אייגענאַרטיגע „גלייכבערעכטיגונג" צווישען די אידישע אנוסים, די מחמד'אַנישע „מאַריסקאָס" און די קריסטליכע לוטעראַנער; אלע האָ־בען גלייך געקאָנט גענומען ווערען פאַר א פייער־אָפּפער צום קאַטוילישען גאָט פון ליעבע. אין יעדער קאַסטרע, אָדער אויטאָ־דא־פע (אַקט פון גלוי־בען!) האָבען זיך געפונען גלייכע פאָרשטעהער פון אַלע דריי קלאַסען.

די לאַגע פון די אנוסים אין פּאָרטוגאַל איז געווען עפּעס אַנ'אַנדערע, ווי אין שפּאַניען. דער קעניג עמאַנועל, וועלכער האָט כמעט געלאָזט שלע־פּען פאַר די האָהר צום שמד די אידען, וועלכע זענען שוין געווען גרייט אַרויסצוגעהן פון פּאָרטוגאַל, האָט זיי געגעבען זיין וואָרט, אז אין א משך פון צוואנציג יאָהר זאָל די אינקוויזיציע נישט האָבען אויף זיי קיין שליטה און נישט קאָנען זיי אָנקלאָגען אין געהערען בשתיקה צום יודענטום. אפילו העברעאישע ספרים איז זיי ערלויבט געווען צו האָבען. בויענדיג אויף דער דאָזיגער הבטחה, האָבען די פּאָרטוגעזישע אנוסים אבגעהיט דעם אידישען גלויבען בשתיקה, אַבער ניט האלטענדיג די זאַך אזוי בסוד, ווי דאָס האָבען געמוזט טהון די אנוסים אין שפּאַניען. אין ליסאַבאָן, וואו דאָס רוב אנוסים האָבען געוואוהנט, האָבען זיי געהאַט א שוהל, וואו זיי פלעגען זיך פערזאמלען צו תפילה בצבור, זייענדיג פער־פליכטעט אויך צו קומען אין קירכע, און דאריבער פלעגען זיי אין שוהל זיך מתודה זיין און גאָט בעטען, אז ער זאָל זיי מוחל זיין פאַר זייער גע־צוואונגענעם אָבפאַל פון זייער פאָלק און דאָס מוזען דינען א פרעמדען גאָט. די דערוואקסענע אידען פלעגען לערנען מיט דער יוגענד תנ"ך און תלמוד, בעמיהענדיג זיך בעזונדערס איינצופלאַנצען אין זיי די געטרייהייט צום יו־דענטום, כדי צו פערהיטען, אז זיי זאָלען באמת נישט ווערען קיין קריס־טען. די פּאָרטוגעזישע אנוסים האָבען אויך געהאַט מעהר פרייהייט וויס-

צוואַנדערען פון פאָרטוגאַל; פיעל פון זיי האָבען דעריבער ביסלעכווייז פערקויפט זייער פערמעגען אין גיטער און הייזער און אַרויסגעצויגען זיך איינציגווייז, אָדער אין גאַנצע גרופּעס קיין צפון־אפריקאַ אָדער איטאַליען און טערקיי. דער קעניג מאַנועל, וועלכער האָט דורכאויס געוואָלט אונ־מעגליך מאַכען אַזעלכע אויסוואַנדערונגען, כדי זיין לאַנד זאָל נישט פער־אָרעמט ווערען, האָט אפילו געהאַט שטרענג פערבאָטען די קריסטען צו קויפען גיטער אָדער געשעפטען ביי די אנוסים, סטראַשענדיג מיט קאָנ־פיסקאַציע פונ'ם פערמעגען; ער האָט בעפויהלען, אַז קיינער פון די אנוסים טאָר נישט אַרויספאָהרען פון לאַנד מיט פרוי און קינדער אָהן זיין ספּעציעלער ערלויבניש. אָבער די אנוסים האָבען שטענדיג געפונען מיטלען אומצוגעהען אַזעלכע געזעצען.

די שפּאַנישע אנוסים האָבען דעריבער זיך בעמיהט אַרויסצוגעהן פון שפּאַניען און בעזעצען אין פּאָרטוגאַל, וואו זיי זענען לפּחות, נישט גע־שטאַנען אַזוי אין דער געפאַהר פערברענט צו ווערען לעבעדיגערהייד. אָבער די שפּאַנישע רעגירונג האָט באַלד דערקענט דעם „אידישען שווינדעל" און געפועל'ט ביי'ם פּאָרטוגעזישען קעניג, אַז ער זאָל אַרויסגעבען א בע־פעהל, דאָס יעדער שפּאַניער, וואָס וויל זיך בעזעצען אין פּאָרטוגאַל, מוז פאָרשטעלען א צייגניש פון דער אינקוויזיציע, דאָס אויף איהם ליעגט נישט קיין חשד אין אידישער אפיקורסות.

אָבער אויך די פּאָרטוגיעזישע אנוסים האָבען געהאַט אויף זיך א שווערע צרה: די שנאה פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג. מען האָט זיי געהאַסט נישט אַזוי שטאַרק צוליב דעם יודענטום, ווי צוליעב זייער ריהרעוודיגקייט, פעהיגקייט און בכלל צוליעב דעם, וואָס זיי זענען אין יעדע הינזיכט געשטאַנען העכער פאַר די קריסטען. די שנאה פון די אַלט־קריסטען צו די אנוסים האָט זיך בעזונדערס פערשטאַרקט נאָך צוליעב דעם, וואָס די אנוסים האָבען בעקומען אַנ'ערלויבניש צו פערנעהמען זיך מיט אַלערליי בעשעפטיגונגען: אַנצונעהמען אין אַרענדע דעם מעשר, וואָס די קירכע פלעגט בעקומען פון די פעלדער, צו פערטרעטען מלוכה־שטע־לעס און אפילו אויך צו זיין גלחים אָדער מאָנאַכען. צוערשט האָט די שנאה זיך אויסגעדריקט דערין, וואָס מען פלעגט די אנוסים רופען: „איד, פער־שאָלטענער נייקריסט!" (Judeo, Marrauo converso) דער קעניג מאַנועל האָט געמוזט אַזעלכע אויסרופען פערבאָטען דורכ'ן געזעץ. פלעגען פאָרקומען נישט־געררעטעניששען אויף די פעלדער און אינ'ם קליינעם לאַנד פלעגט אויסברעכען א הונגער, וועלכער פלעגט, געוועהנליך, מיטשלעפּען אויך א מגפה, פלעגט מען באַלד ווידער האָבען נייע תביעות צו די אנוסים, וועלכע מען פלעגט בעשולדיגען, אַז זיי נעהמען פּראָצענט מיט תבואה, אַז זיי מאַכען אויף א קינסטליכען אופן א יקרות, אַרויספיהרענדיג די תבואות קיין אויסלאַנד. אַמשטאַרקסטען האָט מען אָבער פיינד דעם רייכען מאַראַנער יואַן ראָדריגאָ מאַסקאַרענהאַס, וועלכער

איז געווען דער אויבער-אַרענדאַטאָר איבער אַלע שטייערן (אַ-אָהלונגען); צוליעב איהם האָט מען אָבער אויך געהאַסט אַלע איבריגע אנוסים.

די דאָזיגע פיינדליכע שטימונג געגען די אנוסים האָבען אויסגענוצט די דאָמיניקאַנער, כדי זיי צו פערטיליגען, חאָטש זיי זענען געווען גרויסע חשובים ביים קעניג. זיי האָבען אָנגעהויבען דרש'ענען נישט בלויז געגען דער נישט-פרומקייט פון די אנוסים און זייער פאַלשקייט געגען דער קריסטליכער רעליגיאָן, נור אויך איינגעאָרדענט אַ מופת, כדי צו פאַנ-טאַזירען דאָס פאָלק געגען זיי. פלעגט זיך טרעפען, אַנ'אומגערעטעניש, אָדער אַ מגפה, פלעגען די דאָמיניקאַנער דרש'ענען, אַז שולדיג זענען דע-רין נור די אנוסים, דען גאָט האָט דאָס לאַנד בעשטראָפט צוליעב זיי. פלוצלונג האָט אַ דאָמיניקאַנער פערשפּרייט אַ קלאַנג וועגען אַ מופת: אין אַ שפּיגעל, וואָס מען האָט אין קירכע צוגעשטעלט צום צלם, האָט מען פלוצלונג דערזעהען די מוטער-גאָטעס און אַ פייער-שטיין, דערביי זענען פאָרגעקומען נאָך פיעל אַנדערע מופתים. ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט האָט איין דאָמיניקאַנער מאָנאַך געהאַלטען אַ גיפטיגע דרשה פאַר'ן המון, אויפרעגענדיג געגען די פערשאָלטענע ניי-קריסטען (אנוסים); צוויי אַנדע-רע מאָנאַכען יואַן מאָכאָ און פראַטרע בערנאַנדאָ זענען געגאַנגען מיט צלמים אין די גאַסען, אויסרופענדיג: „אפּיקורסות! „אפּיקורסות!“ דער גאַנצער געמיינער המון פון דער גרויסער שטאָדט איז אויפגערודערט געוואָרען; מיט'ן המון האָבען זיך פעראייניגט די דייטשע, נידערלענדישע און פראַנצויזישע מאַטראָזען פון פאָרט. כדי צו בערויבען די רייכע אנוסים ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט. לערך צעהן טויזענדער מערדער האָבען זיך געלאָזט געהען אין די גאַסען, אויסהרג'ענענ-דיג די אנוסים, מענער, פרויען און קינדער, וואו נור זיי האָבען זיי אָנ-געטראָפען — אין די גאַסען, אין די הייזער און ערגעץ וואו בעהאַלטען. צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָט די שחיטה געדויערט. אַ דייטש, וואָס האָט זיך דאַמאָלס געטראָפען אין ליסאַבאָן דערצעהלט פאָלגענדעס: „מאָנטאַג האָב איך געהאָט צו זעהען שרעקליכע אכזריות, וועלכע איז כמעט אונגלויבליך, ווען מען זעהט זי נישט אַליין: מענשען זענען געוואָרען ווילדע רויב-חיות“, שוואַנגערע פרויען האָט מען דורך די פענסטער געשליידערט, און פון דרויסען אויפגעכאַפּט אויף שפּיזען; די מפל-קינדער האָט מען אָפט גאַנץ ווייט געשליידערט. די פויערן האָבען נאָכגעטהון די שטאָדטישע ווילדע חיות, מען האָט געשענדעט עלטערע פרויען און יונגע מיידלעך. די צאָ-ל פון די הרוגים צווישען די אנוסים האָט מען געשעצט אויף 2000—4000 פערזאָן.

דורך דער דאָזיגער שחיטה איז פאָרגעקומען אַ שנוי אין דער לאַגע פון די פּאָרטוגיעזישע אנוסים. צוליעב דעם וואָס דער קעניג האָט זיך גע-שטעלט אויפ'ן צד פון די אנוסים, איז דאָס פאָלק געוואָרען זעהר ערבי-טערט געגען זיי און געוואָלט זיי אינגאַנצען פערטיליגען. זייער לעבען איז

אַלזאָ געווען אינגאַנצען אָבהענגיג פונ'ם חסד פון קעניג צו זיי. אומזיסט
אָבער האָט דער קעניג זיך בעמיהט זיי צו בעשיצען. ער האָט אַרויסגע-
געבען אַ דעקרעט (מערץ 1507), אַז די ניי-קריסטען (אנוסים) זענען אין
יעדער הינזיכט גלייך מיט די אַלט-קריסטען און אַז זיי מעגען אויך אויס־
וואַנדערן, אויב זיי ווילען; אין אַ צווייטען דעקרעט האָט ער ערקלערט,
אַז נאָך אין אַ משך פון זעכצעהן יאָהר דאַרף מען זיי נישט שטעלען פאַר'ן
געריכט פון דער אינקוויזיציע. די אַלט-קריסטען זענען אָבער געבליבען
ערביטערט און פיינדליך געגען די אנוסים. די קללה פאַר זיין אכזריות'-
דיגער טהאַט געגען די אידען, ווען ער האָט מיט געוואַלד זיי געצוואונגען
צום שמד, האָט איצט פערפאָלגט דעם קעניג, ער האָט אַליין נישט געקאָנט
העלפען געגען דעם שלעכטס, וואָס ער האָט בעשאַפען.

גאָר אַנ'אַנדערע איז אָבער געוואָרען די לאַגע פון די פאָרטוגיעזישע
אנוסים, ווען עס איז אַרויפגעשטיגען אויפ'ן טראָהן מאַנועל'ס זוהן, יואַן III
(1557—1522) — אַ מלך טפש, וועלכער האָט רואינירט זיין אייגענע
מלוכה. ווען ער איז נאָך געווען קרוינפּרינץ, האָט מען שוין געוואוסט, אַז
ער איז אַ פערביטערטער פיינד פון די אנוסים. תחילת האָט ער אפילו
נאָך אָבגעהיט די בעשטימונג פון זיין פאָטער, אַז מען זאָל די אנוסים גלייכ־
שטעלען מיט די אַלט-קריסטען. אָבער די דאָזיגע גינסטיגע שטימונג האָ-
בען די אנוסים געהאַט צו פערדאַנקען נור די אַלטע שרים, וועלכע האָ-
בען נאָך געדענקט די אכזריות, מיט וועלכער מען האָט די אנוסים אָבגע־
שמד'ט, און אויסער דעם האָבען זיי געוואוסט, ווי נויטווענדיג עס זענען
די אנוסים פאַר דער קליינער מלוכה. די אנוסים זענען געווען די נוצליכ-
סטע מענשען אין פאָרטוגאַל, צוליעב זייערע גרויסע מסחרים, זייערע
באַנק-געשעפטען, זייער קענטניש אין יעדער קונסט און מלאכה; אפילו אַלס
וואָפּענשמידען און קאַנאָנענגיסער זענען די אנוסים געווען די ערשטע
מייסטערס. אין נאַטורוויסענשאַפטען האָבען זיי געהאַט פערנומען די
ערשטע שטעלע, און קיין מעדיקער זענען, אויסער זיי, אין פאָרטוגאַל
גאָר נישט געווען. — ביסלעכווייז אָבער האָט דער יונגער קעניג זיך גע־
פונען אונטער אַנ'אַנדער איינפלוס, וועלכער האָט איהם געטריבען צו ווע-
רען אַ פערביטערטער רודף פון די אנוסים. די קעניגין קאַטאַרינאַ, אַ
שפּאַנישע פּרינצעסין, וועלכע איז געווען פול בעוואונדערונג פאַר דער
אינקוויזיציע, וואָס איהר פאָטער האָט געגרינדעט, און די פאָרטוגיעזישע
דאָמיניקאַנער, וועלכע האָבען שטאַרק מקנא געווען די גרויסע מאַכט,
וואָס עס האָבען זייערע חברים אין שפּאַניען, אַ דאַנק דעם אינקוויזיציאָנס-
געריכט. אָט דיביידע פינסטערע כחות, די שפּאַנישע טאָכטער און די דאָ-
מיניקאַנער האָבען נישט געלאָזט דעם קעניג צו-רוה, פאָדערנדיג, אַז ער
זאָל מאַכען אַ סוף מיט דער אידישער אפיקורסות פון די אנוסים, איינפיה-
רענדיג די אינקוויזיציע. יואַן III האָט דעריבער בעפוילען זיינעם אַ
בעאַמטען יאָרג טהעמודאָ, צו ווערען אַ משגיח אויפ'ן לעבענס-

שטייגער פון די אנוסים אין ליסאַבאָן און געבען וועגען דעם אַ בעריכט
אין קעניגליכען הויף. דער רעזולטאַט פון דער השגחה איז געווען, ווי מען
קאָן זיך פאָרשטעלען, נור אַזאַ ווי ער האָט געקאָנט און געדאַרפט זיין:
די אנוסים האָבען זיך געפיהרט גאַנץ אידישלעך.
טהעמידאַ האָט אין זיין בעריכט (1524) ערקלערט דעם קעניג, אַז די
אנוסים היטען אָב שבת און פסח, און די קריסטליכע מנהגים און צערע־
מאָניעס היטען זיי אָב, וואָס ווייניגער: נישט זיי געהען אין די קירכען,
נישט זיי זענען זיך מתודה ביי אַ גלח, נישט זיי פערלאַנגען אַ גלח אפילו
פאַר'ן טויט; זייערע מתים זענען זיי מקבר אויפ'ן אידישען בית-החיים,
אַריינלעגענדיג זיי אין קבר אויף דער הוילער ערד, און זאָגען נאָך זיי
קדיש. קיין קריסטליכע אַזכרות מאַכען זיי נישט א. ז. וו.

דער קעניג יואַן איז מיט'ן דאָזיגען בעריכט אָבער נאָך ווייניג צו-
פרידען געווען, און האָט איינגעאָרדענט אַ רעגעלמעסיגען שפּיאָנאַזש אַרום
די אַנוסים, לויט'ן שפּאַנישען נוסח. געברויכט האָט ער דערצו אַ אנוס,
וואָס איז געקומען פון שפּאַניען, מיט'ן נאָמען הענריקו נונעז,
וועלכער האָט שפּעטער דערגרייכט צו אַ הויכען טיטול אין דער קירכע:
„פירמע-פע" און אין דער בלוטיגער שול פונ'ם מערדערישען אינקווי־
זיטאָר לוצעראָ איז ער געוואָרען אַ ברענענדיגער שונא און פערפאָל-
גער פון די אנוסים; זיין הייסער פערלאַנג איז געווען צו גרינדען אַ אינקווי-
זיציע אויך אין פאָרטוגאַל. דער קעניג האָט איהם, נאַטירליך אין שטרענ־
גער געהיימנים, בעפוילען צו חבר'ן זיך מיט די אנוסים, צו לעבען מיט זיי,
ווי אַ גוטער ברודער, אַריינקומענדיג אין זייערע הייזער, אויף זייערע פאַ-
מיליען-פערזאַמלונגען און פייער-טעג, אַלס מענש, וואָס ליידעט צוזאַמען
מיט זיי יסורים און רדיפות פון די קריסטען, און אַזוי אַרום אַרויסבעקר־
מען אַלע סודות פון זייער היימישען לעבען. פערבלענדעט דורכ'ן פאַנאַ-
טיזם און שנאה געגען זיינע אייגענע ברידער, האָט נונעז גאָר נישט בע-
מערקט, וואָס פאַר אַ שענדליכע ראָלע מען האָט איהם אָנפערטרויט צו
שפּיעלען, אַלס געמיינסטער שפּיאָן. ער האָט איבערגענומען דעם אויפ-
טראַג מיט'ן בעסטען חשק און דערגאַנגען אַלע סודות פון די אנוסים אין
ליסאַבאָן און אין אנדערע שטעדט, מודיע זייענדיג אַלץ, וואָס ער האָט גע־
זעהען און געהערט, דעם קעניג אין זיינע פריוואַט-בריעף. ער האָט דער-
גאַנגען, אַז די אנוסים האָבען כלל נישט קיין קאַטוילישע געבעט-ביכער,
קיין הייליגע בילדער נישט אין שטוב, נישט אויף זייערע כלים, און גע־
מאַכט פאָרשלאַגען מכח די אנוסים, וועלכע האָבען זיי געדאַרפט איינגאַנ-
צען פערניכטען.

צוליעב די דאָזיגע ענטדעקונגען, האָט יואַן III בעשלאָסען איינ-
צופיהרען די אינקוויזיציע אין פאָרטוגאַל אויפ'ן שפּאַנישען טוסטער און
געשיקט דעם זעלביגען נונעז בשתיקה צום קייזער קאַרל V, כדי צו
בעקומען זיין הסכמה דערויף און אויך דורך איהם אויסצוהויבען די זאַך

ביים פויפסט. די אנוסים האבען זיך אבער דערוואוסט דערפון. צוויי פון זיי האבען זיך געלאזען פאהרען נאכ'ן שפיאן, כדי צו בעשטראפען זיין פעררעט מיט'ן טויט. דאס זענען געווען צוויי פראנצישקאנער מאנאכען, וועלכע זענען אבער ארייגעטראטען אין ארדען נור לפנים, ווייל זיי זע-נען געווען געטרייע אידען און האבען געוואלט וויסען וועגען אלע גזרות, וואס מען גרייט צו געגען די אונגליקליכע אנוסים. זיי האבען אנגעיאגט דעם שרעקליכען פעררעטער נישט וויים פון דער שפאנישער גרעניץ, אין באדאיאז, דארט האבען זיי איהם דערהרג'עט, געפינענדיג ביי איהם בריעף וועגען דער השתדלות צו עפענען די אינקוויזיציע אין פארטוגאל. מען האט אבער ביידע ענטדעקט, געפייניגט, כדי צו דערגעהען ביי זיי ווער עס האט זיי מיטגעהאלפען אין דעם נקמה נעהמען אן דעם פעררעטער און לסוף האט מען זיי פערארורטיילט צו הענגען. דער פעררעטער נונעז איז אנער-קענט געווארען פאר א קדוש און געקריגט געווארען מיט'ן נאמען „פירמע-פע" (פעסט אין גלויבען).

מען האט אלזא געקאנט ערווארטען, אז נאכ'ן דאזיגען פארפאל וועט דער קעניג זיך ענערגישער אנהויבען משתדל זיין, דאס מען זאל גרינדען די אינקוויזיציע אין פארטוגאל, כדי צו משפט'ן די אנוסים, וואס נונעז האט פערצייכענט זייערע נעמען. דער קעניג האט אין דער ווירקליכקייט געלאזט מאכען שטרענגע אויספארשונגען, אבער אויף אנ'אונערווארטעטען אופן האט זיך די זאך לאנג פערצויגען, און קיין שטרענגע מיטלען געגען די אנוסים האט מען נישט אנגענומען. דער קעניג האט זיך פלוצלונג אב-געזאגט פון דעם געדאנק, צו גרינדען די אינקוויזיציע אין זיין לאנד. וואס פאר אנ'אומשטאנד האט דא אזוי גליקליך געווירקט לטובת די אנוסים? דאס איז געווען א צופאל, די בריות'שאפט פון אנ'אוואנטוריסט, וועלכער האט גליקליך בעוויזען צו האבען א ווירקונג אויפ'ן לייכטזיניגען קעניג און ער האט עס, משמעות, אבגעהאלטען דעם קעניג פון זיין בעשלוס צו גרינ-דען די אינקוויזיציע.

פון א גאנצען וויימען, אונבעוואוסטען לאנד, פון ווייטען מזרח, איז דאמאלס ערשינען א מענש, וואס עס איז שווער וועגען איהם צו זאגען אויב ער איז געווען א בעטריגער, אדער א פאנטאזיאר, וועלכער האט זיך דער-וואויגען אונטערצונעהמען גרויסע מעשים; מען ווייס אויך נישט, אויב ער האט געהאט בדעה צו שפיעלען די ראלע פון א משיח, אדער א פאליטישע, צי גאר אנ'אוואנטוריסטישע ראלע; מען ווייס נור, אז ער האט ארויסגע-רופען א טיעפע בעוועגונג צווישען די אידען, א בעוועגונג, פון וועלכע עס זענען אויך בעריהרט געווארען די אנוסים אין ווייטען מערב. דוד, לויט זיין אבשטאמונג פון מזרח-לאנד, וועלכער האט א לאנגע צייט זיך אויפ-געהאלטען אין אראביען און נוביען, איז פלוצלונג ארויסגעטראטען מיט אנ'אייגענטליכער ראלע, דערוועקענדיג אונערפילטע האפנונגען דורך וואהרהייט און דיכטונג. ער האט נעמליך ערקלערט, דאס ער שטאמט

פונ'ם שבט ראובן און איז אַ קעניגליכער פּרינץ, דען זיין ברודער איז דער קעניג איבער'ן אידישען שבט. ער האָט זיך דעריבער גערופען דוד ראובני. אַ לאַנגע צייט האָט ער אַרומגעוואַנדערט אין אַראַביען, נוביען, מצרים און לסוף איז ער געקומען קיין איטאַליען. לויט ווי ער האָט ערקלערט, האָט זיין ברודער איהם געשיקט מיט אַ וויכטיגע שליחות צום פּויפּסט. זיין ברודער האָט נעמליך דריי הונדערט טויזענד אויסגעוועהלטע קעמפּפער, און אָט האָט ער צוזאַמען מיט די זיבציג עלטסטע לייט פון לאַנד כּאיבאַר געשיקט איהם, דוד ראובני, צום פּויפּסט, צו בעטען ביי איהם, אַז ער זאָל געבען זיי ביקסען און האַרמאַטען, כּדי זיי זאָלען קאָנען אונטערנעהמען אַ מלחמה מיט די טערקען און אַרויסטרייבען זיי פון ארץ ישראל.

דוד ראובני'ס פּערזאָן און זיין פיהרונג האָבען מיטגעווירקט, אַז מזאָל איהם גלויבען. ער האָט געהאַט אין זיך עטוואָס וואונדערליכעס, גע-היימניספולעס, עקסצענטרישעס. דאָס פּנים כּמעט שוואַרץ, דאָס געוויקס קליין און זעהר מאָגער; צוליעב די פיעל תעניתים איז ער כּמעט עהנ-ליך געווען צו אַ שקעלעט און זיין לייב איז שיעור נישט געווען דורכזיכ-טיג. גערעדט האָט ער נור העברעאיש, אָבער אַזאַ משונה'דיגען זשאַר-גאָן, אַז נישט די אידען פון מזרח, נישט די פון מערב־לענדער האָבען איהם געקאָנט פערשטעהען. געקומען אין רוים (1524), איז ער געריטען דורך די גאַסען אויף אַ ווייסען, שלאַנקען פערד אין דער בעגלייטונג פון אַ בעדיענטען, וועלכער איז ביי איהם אויך אַ טאָלמאַטש אין פּויפּסטלי-כען הויף, און ער האָט באַלד פערלאַנגט אַנ'אודיענץ ביים קאַרדינאַל דזשוליאַ אין דער געגענוואַרט פון פיעל אַנדערע קאַרדינאַלען. אויך דער פּויפּסט האָט איהם אויף אַנ'אודיענץ אויפגענומען, און דוד ראובני האָט דערלאַנגט דעם פּויפּסט זיינע רעקאָמענדאַציאָנס-בריעף.

קלעמענס VII (1523—1534) איז געווען איינער פון די איי-דעלסטע פּויפּסטען פונ'ם פלאָרענטינישען מעדיצישען הויז, אין וועלכען ער איז געבאָרען געוואָרען אָהן חופּה וקדושין; ער איז געווען קלוג און מילד און דורכגעדרונגען פונ'ם פערלאַנג, צו בעפרייען איטאַליען פון די באַרבאַרען, דאָס הייסט, פון דער דייטשער הערשאַפט, און מאַכען איהר גאַנץ אונאַבהענגיג. זיין רעגירונג איז אָבער אויסגעקומען אין אַ שווע-רער צייט. פון איין זייט די לוטהערישע רעפאָרמאַציאָן, וועלכע האָט גע-מאַכט גרויסע פאָרטשריטען, אונטערגראָבענדיג דאָס פּויפּסטום, און פון דער אַנדערער זייט — די שווערע מאַכט פון קייזער קאַרל V, וועלכער האָט געקעניגט אי איבער דייטשלאַנד, אי איבער שפּאַניען, אי איבער אַמעריקאַ, ווי אויך נאָך איבער פיעל אַנדערע פּראָווינצען אין אייראָפּאַ. פאַר'ן קייזער קאַרל האָט דער פּויפּסט געציטערט, ווייל ער האָט געקאָנט פערלייכטערען דער רעפאָרמאַציע איהר אויפגאַבע און בעגרענעצען די מאַכט פון פּויפּסט. דאַגעגען מאַכען מיט איהם שלום האָט דער פּויפּסט

אויך נישט געוואלט, ווייל דאדורך וואלט ער פערקנעכטעט איטאליען ביי דייטשלאנד און זי וואלט לגמרי פערלוירען איהר פרייהייט. און דעריבער איז דער פויפסט מיט זיין פעסטען חאראקטער געווען תמיד אין ספקות, נישט וויסענדיג, ווי אזוי זיך צו בענעהען; ער האט געזוכט אנ'ענטפער אויף די שווערע פאליטישע פראגען אין דער אסטראלאגיע: דאס וואס די מענשליכע חכמה האט איהם נישט דערוויזען, האבען איהם געדארפט ערקלערען די שטערען און הימעל

און אט דעם פויפסט האט דוד ראובני, ווי עס שיינט, איבערגעגעבען זיינע רעקאמענדאציאנס-בריעף פון די פארטוגיעזישע קאפיטאנען אדער געזאנדטע, וועלכע ער האט, משמעות, בעגעגענט אין אראביען, אדער אין נוביען. די בריעף האט דער פויפסט איבערגעשיקט קיין פארטוגאל צום קעניג און, ווען מען האט זיי דארט אנערקענט פאר ריכטיגע, האט דער פויפסט ארויסגעוויזען דוד ראובני א כבוד ווי פאר א געזאנדטען פון א שטארקער און גרויסער מלוכה. דוד ראובני איז געריטען אויף א מוילעזעל אין די גאסען פון רוים אין דער בעגלייטונג פון צעהן אידען און העכער צוויי הונדערט קריסטען. משמעות, עס איז דעם פויפסט געפעלען געווארען דער פלאן אונטערצונעהמען מיט דער הילף פון א שטארקער אידישער מלוכה א קרייצצוג געגען טערקיי, בפרט אז אלע זיינע אנדערע פלענער זענען, צוליעב די שלעכטע פאליטישע בעדינגונגען, תמיד דורכגעפאלען. — דוד ראובני'ס כבוד אין פויפסטליכען הויף האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף די אידען; אפילו יענע מיושב'דיגע אידען, וועלכע זענען נישט נוטה געווען צו גלויבען אין נסים, זענען איבערראשט געווארען, ווען זיי האבען דערזעהען, מיט וואס פאר אנ'ערנסט דער פויפסט בעציהט זיך צום אידענ'ס פארשלאגען און ווי אזוי ער גיט איהם אב כבוד. מען האט דעריבער אנגעהויבען גלויבען, אז ווענינגסטענס עטוואס אמת ליגט געווים אין דוד ראובני'ס שליחות. פיעל רוימישע און פרעמדע אידען האבען פון דאמאלס אן אנגעהויבען זוכען זיין פריינדשאפט, ווייל זיי האבען אין איהם געזעהען גרויסע האפנונגען פאר דער צוקונפט. די בעריהמטע אידישע מאטראנע, בענווענידע אברבנאלא, די פרוי פון דאן שמואל אברבנאל, האט איהם געשיקט פון נעאפאל בעדייטענדע סומעס געלד און א טייערע זיידענע פאהן, אויף וועלכער עס זענען געווען אויסגעשטריקט די עשרת הדברות, אויסער דעם נאך פיעל אנדערע רייכע מתנות. דוד ראובני האט זיך אבער געהאלטען פון דערווייטענס פון די אידען, מורא האבענדיג, משמעות, נישט צו קאמפראמיטירען זיך דאדורך.

ענדליך האט דוד ראובני ערהאלטען א פארמעלע איינלאדונג פון פארטוגיעזישען קעניג צו קומען קיין פארטוגאל; ער האט דעריבער באלד פערלאזען רוים און איז אבגעפאהרען קיין פארטוגאל מיט א שיף, וועלכע ער האט בעפוצט מיט בענווענידע'ס שען געשטיקטער אידישער

פאָהן. אין אלמיירין, דער רעזידענץ פון פּאָרטוגעזישען קעניג, וואו דוד ראובני איז געקומען (נאָוועמבער 1525) מיט פיעל בעדינטע און רייכע געלד־מיטלען, ווי אַנ׳עכטער פירשט, איז ער אויפגענומען געוואָרען דורכ׳ן קעניג מיט גרויס כבוד. דערביי האָט דער פּאָרטוגיזישער קעניג מיט איהם צוזאַמענגעשטעלט אַ פּלאַן, ווי אַזוי ער זאָל פאַר דער אידישער מלוכה אין אַראַביען און נוביען שיקען ביקסען און הארמאַטען פון פּאָרטוגאַל.

דוד ראובני׳ס ערשיינען אין פּאָרטוגאַל האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויפ׳ן קעניג און זיין בעציהונג צו די אַנוסים: לפחות, לעת עתה האָט ער זיך אָבגעזאָגט פון זיין בעשלוס אָנצוהויבען רודפ׳ן זיי, גרינדענדיג דאָס אינקוויזיציאָנס־געריכט, דען כדי צו קאָנען פערווירקליכען אַזאַ גרויסע אונטערנעהמונג, ווי פיהרען מלחמה מיט טערקיי מיט דער הילף פון אַ ווייטער אידישער מלוכה, האָט ער געמוזט האָבען די קאַפּיטאַלען און די עצות פון די רייכע און קלוגע אנוסים. האַלטענדיג ביים שליסען אויסער דעם אַ בונד מיט אַ אידישער מלוכה, האָט ער אויך נישט געקאָנט רודפ׳ן אין דער זעלביגער צייט די האַלבע אידען אין זיין לאַנד. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען די פערוואונדערונג און די שמחה פון די אַנוסים אין פּאָרטוגאַל, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, דאָס מען האָט אַ אידען נישט בלויז געלאָזען אַריינקומען אין פּאָרטוגאַל, נאר אויך אויפגענומען אין קעניגליכען הויף און אָנגעהויבען פיהרען מיט איהם אונטערהאַנדלונגען! עס הייסט אַלזאָ, אַז ענדליך איז פאַרט געקומען די צייט פון דער גרויסער אידישער גאולה, יענע צייט, נאָך וועלכער עס האָט אַזוי שטאַרק געלעכצט דאָס געפּלאָגטע אידישע האַרץ! גאַר אונערוואַרט איז זיי ערשינען הילף, בעפרייאונג און אַ ישועה אין זייער גרויסען אונגליק! זיי האָבען צום ערשטען מאָל נאָך לאַנגע יאָהרען פון פיין, זיך לייכט אָבגעאָטעמט, אַלץ איינם אויב דוד ראובני איז טאַקי דער אמת׳ער שליח פון משיח׳ן, אָדער נישט, פאַר די אנוסים איז ער ערשינען, אלס אַזעלכער און זיי האָבען שוין אָנגעהויבען צעהלען די טעג, שיעור נישט די שעה׳ן, ווען ער וועט זיי שוין פיהרען קיין ירושלים אין הערליכער פרעכטינקייט. זיי האָבען אָנגעהויבען צו קומען צו איהם בוקען זיך פאַר איהם און געקושט זיינע הענד, אַ שטייגער ווי ער וואָלט זייער קעניג געווען. פון פּאָרטוגאַל איז דער קלאַנג וועגען דער אידישער געגלויבטער ישועה באַלד אָנגעקומען קיין שפּאַניען, און די דאָרטיגע, נאָך פיעל אונגליקליכערע אַנוסים זענען שיעור פון זינען נישט אַראָב פאַר שמחה און התפעלות. דאָס געמיטה פון די דאָרטיגע עלענדע אַנוסים איז שוין אָהן דעם אויך געווען אַ שטענדיג אויפגערעגטע, עקסצענטרישע, נערוועזע, פיעל נעהנטער צו שגעון, איידער צו אַ נאָרמאַלען לעבען. צו זיין געצוואונגען טעגליך און שטונדליך צו ליידען אַ ביטערע חרטה פאַר אַ שרעקליכער טהאַט — פאַר׳ן אָבפאַל פון אייגענעם פאָלק, און דערצו נאָך מוזען ערפילען רעליגיעזע מנהגים,

אין וועלכען מען גלויבט נישט און איבערחזר'ן אָהן אויפהער אַנ'„אני מאמין", וואָס איז צו ווידער דעם אייגענעם פאָלקס-כאַראַקטער און דעם אַלט-ערצויגענעם פאָלקס-גייסט, האַלטענדיג ביי אַלעם דעם אין איין צי-מערן, אַז עס זאָלען פלוצלונג נישט אָנפאַלען די מלאכי חבלה פון דער אינקוויזיציע און אַוועקשלעפען זיי אין די תפיסות אונטער ערד, כדי אָנ-צוטהון זיי דאָרט די אונמענשליכסטע יסורים און פיהרען זיי ענדליך מיט אַ צובראָכענעם לייב און אַ נאָך מעהר צובראָכענער נשמה צום פערברע-נען לעבעדיגער'הייד, ווי די עלענדע שעפסען, אַ קרבן פאַר'ן טייוועל, — עס איז קיין וואונדער נישט, אַז מען איז געוועזן האַלב משוגע! אין אַזאַ צושטאַנד איז דער פאַל מיט'ן מיידעל, וואָס האָט אָנגעהויבען זעהען אויפ'ן וואהר מלאכים אין הימעל און משיח'ן (זעה זייט 9) געוועזן אַ גאַנץ נאַטירליכער.

די האָפנונגען אויף משיח'ן, דאָס הייסט, אויף אַ גאולה, וואָס גאָט אַליין זאָל זיי צושיקען פון הימעל, איז געוועזן די איינציגע אַטמאָספערע, אין וועלכער די אנוסים האָבען נאָך געפונען זייער לעצטען טרייסט. ווען אַלזאָ זיי האָבען דערהערט די בשורה, אַז עס איז געקומען אין קעניגליכען הויף פון פאָרטוגאַל אַ שליח מיוחד פון אַ גרויסער מלוכה, זענען פיעל אנוסים באַלד ענטלאָפען פון שפּאַניען קיין פאָרטוגאַל, כדי צו געפינען זיך, לפּחות, נעהנטער צום שליח פון דער אידישער גאולה. דוד ראובני, וועלכער האָט אין פאָרטוגאַל געלעבט אין פאָלקאָמער פרייהייט, איז אָבער, ווי עס שיינט, געוועזן זעהר פאָרזיכטיג: ער האָט די אנוסים קיין שום האָפנונג נישט געגעבען אויף אַ נאָהנטער גאולה און נישט צוגעגעבען זיין קיין חשק צו ווערען עפענטליך אידען. ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט, דאָס ער אַליין שוועבט איבער אַנ'אָבגרונד, און איין וואָרט זיינס מיט די אנוסים, אָבצווריידען זיי פון קריסטענטום, האָט איהם געקאָנט קאָסטען דאָס לעבען. די אנוסים אָבער האָבען געקוקט אויף איהם, ווי די בעצוי-בערטע: זיי האָבען אין גרויסער אויפרעגונג געהאַלטען אין איין וואַרטען, אַז עס זאָלען אָנהויבען פאָרקומען נסים ונפלאות, ווי דאָס מוז זיין, ווען עס וועט קומען די אמת'ע בשורה וועגען משיח'ן.

דעם שטאַרקסטען איינדרוק האָט געמאַכט דוד ראובני'ס קומען אין פאָרטוגאַל אויף אַ בעגאַבטען, שענעם יונגען מאַן פון אַ גרויסער יחוס-משפּחה. דיעגאָ פּירעס (געבוירען 1501, געשטאָרבען על קדוש השם 1532), זעהר אַ בעגאַבטער יונגער מאַן, וועלכער האָט ביי אַנדערע אומ-שטענדען געקאָנט ווערען אַ גרויסער דיכטער, איז דורך דוד ראובני'ס ער-שיינען אין פאָרטוגאַל אַרויסגעריסען געוואָרען פון זיין לעבענס-קאַריע און געוואָרען איינע פון די וואונדערליכסטע ערשיינונגען אין דאַמאַלסדי-גען אידישען לעבען. געבוירען אין אַ משפּחה פון רייכע און געבילדעטע אנוסים, האָט דיעגאָ פּירעס ערהאַלטען אַ הויכע בילדונג; ער האָט גוט גע-רעדט דאַמאַלסדיגע וועלט-שפּראַך — לאַטייניש און זיך דערדינט צו דער

הויכער שטעלע פון א קעניגליכען נאָטאַריוס אין א הויכען געריכט, זיין זעהר בעליעבט אין קעניגליכען הויף. משמעות אָבער, אַז איינער פון די געלעהרטע פון די אָנוסים האָט מיט איהם אויך געלערנט פון קינדווייז אָן העברעאיש און תלמוד, אויך מיט דער קבלה האָט מען איהם שוין אין זיין פריהער יוגענד בעקאַנט געמאַכט. ווען דוד ראובני איז געקומען מיט זיינע גרויסע פלענער קיין פאָרטוגאַל, האָט דאָס געמאַכט אַזאַ געוואַלדי-גען איינדרוק אויף דיעגאָ פירעס, אַז ער האָט אָנגעהויבען זעהען חלומות אויפ'ן וואהר וועגען משיח'ן. ער איז דעריבער אויך געקומען צו דוד ראובני, כדי איבערצוצייגען זיך, אויף ווי וויט זיינע חלומות שטימען איין מיט דוד ראובני'ס גרויסער שליחות. דוד ראובני האָט אָבער, משמעות, איהם אויפגענומען זעהר קאַלט, בעמערקענדיג, אַז זיין שליחות איז בלויז א מיליטערישע און האָט קיין שום שייכות נישט מיט משיח'ן. דיעגאָ פירעס האָט אָבער געמיינט, אַז דערפאַר האָט דוד ראובני אויפגענומען אַזוי קאַלט, וואָס ער — פירעס — איז נאָך נישט געוועזן געמלה'ט. ער האָט דעריבער אַליין זיך געמאַכט די אָפּעראַציע פון מילה; דערביי האָט ער בעקומען א בלוט-שטורץ און איז שטאַרק קראַנק געוואָרען. ווען דוד ראובני האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער זעהר בייז געוואָרען אויפ'ן יונגען מאַן, ווייל ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אין וואָס פאַר א סכנה דיעגאָ פירעס האָט איהם געשטעלט, אויב דער קעניג זאָל זיך דערוויסען, דאָס אַנ'אָנוסי האָט זיך מל'ה געוועזן, דען ער וואָלט דערין באַלד חושד געוועזן איהם, דוד ראובני, אַז ער האָט איהם דערצו צוגערעדט. נאָך דעם מל'ה זיין זיך האָט דיעגאָ פירעס אָנגענומען דעם נאָמען שלמה מולכו און, משמעות, צוליעב שוואַכער געזונדהייט, האָט ער אָנגעהויבען זעהען נאָך וואונדערליכערע חלומות אויפ'ן וואָהר, וועלכע האָבען זיך אַלע בעצויגען אויפ'ן לעבען פון די אָנוסים און אויף זייער גאולה דורך משיח'ן. ער האָט אויך דערצעהלט, אַז עס איז איהם ערשינען א מלאך פון הימעל — א מגיד — וועלכער האָט איהם בעפוילען, צו פערלאָזען פאָר-טוגאַל און אויסוואַנדערן קיין טערקיי, כדי דאָרט עפענטליך א איד צו זיין. אויך דוד ראובני האָט איהם צוגערעדט צו טהון דאָס, ווייל ער האָט געוואָלט, אַז דער פאַר איהם געפעהרליכער יונגער מאַן, זאָל וואָס גיכער פערשווינדען פון פאָרטוגאַל. משמעות, אין יענער צייט איז פאַר די אָנוסים נישט שווער געווען אויסצוואַנדערן פון פאָרטוגאַל. דיעגאָ פירעס, אָדער, ווי ער האָט שוין געהייסען איצט, רבי שלמה מולכו, איז געקומען קיין טערקיי, בעשלאָסען צו ברענגען משיח'ן, אָדער, לפחות, צו שטאַרבען על קדוש השם.

אין דער טערקיי מאַכט זעהר א שטאַרקען איינדרוק דער יונגער שע-נער און טרוימערישער בעל מקובל, וועלכער האָט זיך מיט אַזאַ מסירת נפש צוריקגעקעהרט צום יודענטום. תחילת האָט ער ערקלערט, אַז ער איז א שליח פון דוד ראובני, וועגען וועלכען מען האָט שוין אויך אין טערקיי

זיך אָנגעהערט פיעל וואונדערליכע מעשיות. אין סאַלאָניקי האָט דער קרייז פון די בעלי מקובלים אַרום רבי יוסף טאַיטשאַק אַריינגענומען שלמה מולכו, שטאַרק נתפעל ווערענדיג פאַר זיינע חלומות און זעהונ־גען. אין אַדריאַנאָפּאָל בעגעגענט זיך שלמה מולכו מיט רבנו יוסף קארו, דעם „בית־יוסף“, וועלכע איז נאָך אַלס קינד אַרויסגעפיהרט גע־וואָרען פון שפּאַניען, און האָט פערבראַכט זיין גאַנצע צייט אין לערנען תורה, תלמוד און די רבנישע ליטעראַטור. אונטער מולכו'ס איינפלוס ווערט דער „בית־יוסף“ אַ בעל מקובל און זעהט אויך, ווי מולכו, חלומות אויפ'ן וואָהר; לסוף בעקומט ער אויך אַ מגיד, אַ מלאך פון הימעל ערשיינט איהם און ערקלערט איהם סודות התורה, אָדער ער זאָגט איהם פאָראויס די צוקונפט. ער ווערט אַזוי שטאַרק עהנליך צו שלמה מולכו, אַז אויך ער לעבט אין זיכערער ערוואַרטונג, דאָס ער וועט זוכה זיין פערברענט צו ווע־רען על קדוש השם, ווי שלמה מולכו איז דערין זיכער וועגען זיך. מולכו'ס אַנציהענדע פערזענליכקייט, זיין וואונדערליכע פערגאַנגענהייט, זיינע אי־בערראַשענדע גרויסע ידיעות אין דער קבלה, האָטש ער איז אַלס קריסט געבוירען — אַלץ האָט אין איהם דערוועקט די אַרומיגע מענשען צו בע־וואונדערן איהם, צוצוהערען זיך צו זיינע מיסטישע רייד און אויפצונעה־מען זיי מיט טיעפען גלויבען און איבערצייגונג. ער פלעגט אָפט האַלטען דרשות, און די רייד פלעגען זיך גיסען ווי אַ קריסטאַלענער קוואַל — זיס, ליעבליך און פול, אָהן אויפהער. גרייז־גראָהע זקנים פלעגען זיך ווענדען צו איהם מיט שאלות וועגען דער תורה אָדער וועגען דער צוקונפט, האָטש ער אַליין איז נאָך גאָר יונג געוועזן. אויפ'ן פערלאַנג פון זיינע פריינד האָט ער פערעפענטליכט אַ קיצור פון זיינע קבלה־דרשות; דער הויפּט־אינהאַלט פון זיי איז: משיח'ס צייט איז נאָהענט, מיט'ן ענדע יאָהר 5300 (1540) וועט זי זיך אָנהויבען. די בערויבונג און פערוויסטונג פון רוים, וואָס איז פאָרגעקומען אין יענער צייט (5־טער מאַי 1427) האָט פערשטאַרקט ביי די בעלי מקובלים זייערע האָפנונגען וועגען משיח'ן. די גרויסע שטאָדט רוים, וועלכע איז פול מיט אָנגערויבטע עשירות פון דער גאַנצער וועלט, די זינדיגע קאַטוילישע בבל, איז איינגענומען געוואָרען דורך דייטשע, מייסטענס לוטעראַנישע סאָלדאַטען אין שטורם, וועלכע האָבען זיך בעגאַנ־גען מיט איהר, ווי מיט אַ פיינדליכער שטאָדט, לויט'ן בעפעהל פון קאַטוי־לישען קייזער, קאַרל V. לויט דער מיסטיק פון די בעלי מקובלים, האָט דער חורבן פון רוים בעוויזען, אַז משיח'ס צייט איז שוין גאָר נאָהענט. מיט משיחישע האָפנונגען זענען דעריבער פול געוואָרען די הערצער פון די גערודפ'טע אידען אין אַזיען, טערקיי, אונגאַרן, פוילען און דייטשלאַנד, און די דאָזיגע האָפנונגען זענען געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט שלמה מולכו'ס נאָמען, דען מען האָט ערוואַרטעט, אַז ער זאָל זיי פערווירקליכען.

אין שפּאַניען און אין פּאָרטוגאַל האָבען די אנוסים נאָך מעהר פעסט־געהאַלטען זיך ביי דער האָפנונג, אַז דוד ראובני וועט זיי אַראָבברענגען

משיח'ן און וועט זיי אויסלייזען. צי איז עס געווען מיט זיין ווילען, אָדער אָהן דעם, קורץ: זיי האָבען דוד ראובני געהאַלטען פאַר משיח'ס אַ שליח, און די דאָזיגע אמונה האָט זיי געמאַכט אַזוי זיכער, אַז זיי האָבען זיך דערוואויגען צו מאַכען אונטערנעהמונגען, וועלכע האָבען זיי דורכאויס געמוזט ברענגען דעם טויט. פיעל שפּאַנישע אַנוסים, וועלכע זענען שוין געווען פערמשפּט צום פערברענען זענען אויף אַ וואונדערליכען אופן ענטלאָפען געוואָרען קיין פּאָרטוגאַל און אויפגעהאַלטען זיך דאָרט אין קאַמפּאָ-מאַיאָר, וואו די פּאָרטוגיעזישע רעגירונג האָט זיי געלאָזט צו רוה. אַ חברה יונגעלייט פון צווישען זיי איז פון דאָרט אָבגעגאַנגען בעוואָפענטערהייד קיין באַיאַדאָז, פון וואַנען זיי זענען ענטלאָפען געוואָרען, כדי צו בעפרייען פיעל פרויען פון די אַנוסים, וועלכע זענען געווען פערשפּרייט אין דער פּייניגונגס-תּפיסה פון דער אינקוויזיציע. אַריינקומענדיג בעוואָפענטערהייד אין שטאָדט, האָבען די יונגעלייט געוואָרפען אַזאַ אימה אויף די איינוואוינער, אַז עס איז זיי געלונגען צו בעפרייען די עלענדע פרויען, וועלכע עס האָט אַ ליאַדע טאָג ערוואַרטעט דער טויט אין די פלאַמען פייער. דער דאָזיגער פּאָרפאַל אין צוזאַמענהאַנג מיט אַנ'אָנקלאַגע, אַז מען האָט געשענדעט אַ מאַריענבילד, האָט דערוועקט אין דעם קעניג ווידער דעם געדאַנק, אַז עס איז נויטווענדיג צו גרינדען אין פּאָרטוגאַל די אינקוויזיציע.

דוד ראובני'ס חן ביים קעניג אין די אויגען האָט אויך געדויערט נישט לאַנג. תחילת איז ער אין קעניגליכען הויף אויפגענומען געווען מיט גרויסער פריינדליכקייט און זעהר אָפט פלעגט ער אויפגענומען ווערען אויף אַנ'אודיענץ, דערביי פלעגען זיך געפונען צוויי דאָלמאַטשען: אַנ'אַראַבישער און אַ פּאָרטוגיעזישער. דוד ראובני האָט געהאַט בעקומען די הבטחה פון קעניג, אַז מען וועט איהם געבען אַכט שיפען מיט פיער טויזענד פייערגעוועהר, כדי צו געבען זיין ברודער, דעם כלומרשט'ן אידישען קעניג אין אַראַביען, די מעגליכקייט צו פיהרען מלחמה מיט טערקיי. ביסלעכווייז אָבער האָט דער קעניג אָנגעהויבען קוקען קלאָרער אויף דער זאַך. מיגואל דע סילוואַ, וועלכער איז געווען פּאָרטוגיעזישער געזאַנדטער אין רוים, בשעת דוד ראובני איז אויפגענומען געוואָרען דורכ'ן פּויפּסט, האָט נאָך דאַמאָלס דערוועקט אַ חשד געגען דוד ראובני, אַז ער איז אַנ'אַוואַנטוריסט; איצט איז מיגואל צוריק אַרויסגעפאָדערט געוואָרען קיין ליסאַבאָן, און ער האָט אָנגעווענדעט אַלע זיינע כחות צו ווירקען אויפ'ן קעניג געגען דוד ראובני, ווי אויך געגען יענע שרים, וועלכע זענען נתפעל געוואָרען פון דוד'ס ערשיינען און זענען געשטאַנען אויף זיין צד, גלייבענדיג אין זיין שליחות. אויך די גרויסע הכנה און כבוד, וואָס די אַנוסים האָבען אַרויסגעוויזען פאַר דוד ראובני, האָבען איהם געבראַכט פיעל שאָדען אינ'ם קעניג'ס אויגען, דערוועקענדיג געגען איהם פערשידענע חשדים. מיגואל דע סילוואַ, וואָס זיין שליחות אין רוים איז געווען פועל'ן, דאָס מען זאָל מיט דער ערלויבניש פון פּויפּסט איינפיהרען די אינקוויזיציע אין פּאָרטו-

גאל, האט איצט געקאנט אנווייזען, אז דאדורך, וואס דער קעניג ווייזט ארוים אזוי פיעל פריינדשאפט א פרעמדען אידען, פערשטארקט ער די אנוסים אין זייער געטרייהייט דעם יודענטום און נישט-גלויבען אין קריסטענטום. אויך דער פאל מיט'ן קעניגליכען שרייבער, דיעגא פירעס, אדער שלמה מולכו, וועלכער האט זיך אליין מל'ה געווען און איז ענטלאפען קיין טערקיי, האט ארויסגערופען א שטארקע אויפרעגונג אין קעניגליכען הויף, און דעם קעניג האט מען גע'מסר'ט, אז שולדיג איז אינ'ם פארפאל דוד ראובני.

צוליב דעם אלעם, האט דוד ראובני פלוצלונג בעקומען א בעפעהל צו פערלאזען פארטוגאל, נאכדעם ווי ער איז דארט אבגעוועזען כמעט א יאהר און מען האט זיך צו איהם בעצויגען מיט גרויס כבוד, נור צוויי חדשים צייט האט מען איהם געגעבען צו מאכען זיינע הכנות ארויסצופאהרען פון לאנד. דאס שיף, אויף וועלכער ער איז אבגעפאהרען מיט זיינע בעגלייטער, האט א שטורם-ווינד צוגעטריבען צו די ברעגעס פון שפאניען, וואו ער איז אריינגעבראכט געווארען אין תפיסה און האט געזאלט געשטעלט ווערען פאר א אינקוויזיציאנס-געריכט. דער קייזער קארל האט איהם אבער די פרייהייט צוריקגעגעבען, און ער האט געקאנט אבפאהרען קיין אוויניאן, אין דעם פויפסטליכען לאנד. — ווי נור דער פארטוגעזישער קעניג יואן האט איבערגעריסען זיינע בעציהונגען צו דוד ראובני, האט ער שוין ווידער זיך בעשלאסען באלד צו נעהמען פאר די אנוסים, דען אלץ שארפער און שטארקער האבען די קעניגין, די שרים און די דאמיניקאנער געפאדערט ביים קעניג, אז ער זאל עפענען דאס אינקוויזיציאנס-געריכט. דעם לעצטען קלאפ האט געמאכט דער בישאף פון צעאוטא הענריקו, א געוועזענער פראנציסקאנער מאנאך און א פאנאטישער גלח. אין זיין עפארכיע אליווענסא איז געפאלען א חשד אויף פינף אנוסים, אז זיי זענען געהיימע אידען, און ער האט קיין גרויסע שהיות מיט זיי נישט געמאכט. נישט פיעל זיך קימערנדיג אויב עס איז שוין פארהאן אנ'אינקוויזיציאנס-געריכט, אויב דער פויפסט האט שוין דאס ערלויבט און דער קעניג האט עס בעשטעטיגט, אדער נישט, האט ער געלאזט די אנוסים עפענטליך פערברענען, אפילו אהן א געהעריגער אויספארשונג (1530). דאס פאלק האט די זאך אויפגענומען מיט גרויסער התלהבות און שמחה און מען האט לכבוד דעם דאזיגען מארד איינגעארדענט אנ'אקסען-קאמף. דער בישאף הענריקו האט אויך כלל נישט געטראכט צו מאכען קיין סוד פון זיין שוידערהאפטער טהאט; ער האט זיך נאך בעריהמט דערמיט און געפאדערט פון קעניג, אז ער זאל זיך ענדליך ערנסט נעהמען משפט'ן און בעשטראפען די אידישע אפיקורסות. דאן האט זיך יואן ענדליך בעשלאסען צו בעטען ביים פויפסט, אז ער זאל ארויסגעבען א בעפעהל וועגען גרינדען דאס אינקוויזיציאנס-געריכט אין פארטוגאל.

עס זענען אָבער אויך געווען אַ טייל גלחים פון דער אַלטער צייט,
וועלכע האָבען דערהויבען זייער שטימע געגען דער דאָזיגער מערדעריי
געגען די אנוסים. דאָס זענען געווען בעזונדערס פ ע ר נ אַ נ ד אָ ק ו ט י נ ה אָ.
דער בישאָף פון אַלגאַרביען און ד י ע ג אָ פ י נ ה י י ר אָ, דער בישאָף פון
פינחאַל. זיי האָבען נאָך געדענקט, אונטער וועלכער אונמענשליכער
אכזריות מען האָט די אנוסים געצוואונגען צום שמד און זיי האָבען דערי-
בער בשום אופן נישט געקאָנט אַנערקענען די אנוסים פאַר אמת'ע קריס-
טען, אָדער זיי בעשטראָפען איצט, ווי אפיקורסים; זיי האָבען אויך נישט
געקאָנט ליידען, וואָס מען לאָזט אָט די אנוסים ווערען גלחים. קוטינהאָ
האָט דעם קעניג דערמאָהנט, אַז דער פויפּסט אַליין האָט געהאַט ערלויבט
עטליכע אנוסים אומצוקעהרען זיך צוריק צום יודענטום. איבערצייגט, אַז
מען האָט געגען די אנוסים בעגאַנגען אַנ'אונגערעכטיגקייט, האָט דער
פויפּסט ק ל ע מ ע נ ס VII מיט דער צושטימונג פון די קאַרדינאַלען גע-
געבען אפילו אויך די אנוסים אַנ'אָרט אין אַנקאָנאַ, וואו זיי האָבען זיך
געקאָנט לעבען רוהיג, אַלס אידען. אויך אין פלאָרענץ און אין ווענעדיג
האָבען זיי זיך געקאָנט רוהיג לעבען. דאָס פויפּסטליכע קאָנסיסטאָריום
אַליין האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז די פּאָרטוגעזישע אנוסים דאַרפען בע-
טראַכט ווערען, ווי אידען. — און אָט האָט דער בישאָף קוטהינאָ ער-
קלערט דעם קעניג, אַז אַנשטאָט אָנצוקלאָגען די אנוסים, דאָס זיי האָבען
געשענדעט הייליגע זאַכען פון דער קריסטליכער קירכע, האָט מען בעסער
בעדאַרפט בעשטראָפען די עדות, וואָס קלאָגען זיי אָן, אין פאַלש עדות-
זאָגען. נור דורך מילדקייט וואָלט מען אפשר געקאָנט ווירקען אויף די
אנוסים, אַז זיי זאָלען פערגעסען, דאָס זיי שטאַמען פון אידען. — דער
קעניג יואַן האָט זיך בעשלאָסען, פאָרצולעגען דעם ענין דעם פויפּסט. דער
פּאָרטוגעזישער געזאַנדטער ב ר אַ ס נ ע ט א האָט זיך געדאַרפט משתדל
זיין ביים פויפּסט וועגען אַ בולה, צו עפענען די אינקוויזיציע; אָבער אויב
פאַר שפּאַניען האָט דער פויפּסט געמאַכט וועניג שהיות מיט זיין ערלויב-
ניש, האָט ער פאַר פּאָרטוגאַל זיך זעהר לאַנג געקווענקעלט, און עס האָט
געקאָסט דעם קעניג גענוג מיה, איידער ער האָט זיך דערשלאָגען צו אַ
ערלויבניש פון פויפּסט, אַנצוהויבען מקריב זיין לעבעדיגע מענשען-קרבנות.

אַ גרויסע שטערונג, צו בעקומען אַנ'ערלויבניש אויף דער אינקווי-
זיציע, איז געווען שלמה מולכו. פון טערקיי איז ער קיין איטאַליען גע-
קומען (1529), כדי דאָרט אָנצוזאָגען די בשורה וועגען משיח'ס קומען.
ער האָט געוואָלט אין דער קריסטליכער וועלט-שטאָדט, אין רוים, רעדען
עפענטליך פאַר די פירשטען וועגען דער באַלדיגער גאולה. זיין התלהבות
איז געווען כמעט שגעון, אָבער מיט זיין שעהן געשטאַלט און ליעבליכע
רייד, מיט זיינע שגעונות גופא האָט ער צוגעצויגען צו זיך אַלעמענס
הערצער און דערוועקט אין זיי התלהבות און אמונה. אין אַנקאָנאַ האָט
מולכו געפונען שוין אַ גאַנצע קהלה פון אנוסים, וואָס זענען צוריק גע-

וואָרען אידען, און מיט זיינע קבלה־דרשות, אין וועלכע ער האָט גערעדט מיט פייער וועגען דער גרויסער בעדייטונג פון שטאַרבען על קידוש השם, האָט ער גאָר בעצויבערט זיינע צוהערער. ער האָט אָבער אויך דאָ געפונען געגנער, וועלכע האָבען מורא געהאַט, אַז פון זיין פרייער שפּראַך וועלען זיך אָנהויבען נייע יסורים פאַר די אנוסים, אָדער פאַר די אידען. מולכו'ס ערשיינען און זיין אַגיטאַציע האָט אַרויסגערופען די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. דער הערצאָג פון אורבינאָ, פראַנצעסקאָ דעלאַ ראָווערע I, האָט געפּועלט ביי איהם, אַז ער זאָל זיך בעזעצען אין פּעזעראָ, כדי עס זאָלען זיך אַרום איהם פערזאַמלען וואָס מעהר רייכע אנוסים, און די שטאָדט זאָל דאַדורך דערהויבען ווערען. לאַנג האָט אָבער מולכו נישט געקאָנט איינזיצען אין פעזעראָ: עס האָט איהם געצויגען קיין רוים, וואו עס האָט זיך געדאַרפט אָנהויבען זיין משיחישע טעטיגקייט. וואונדערליך געננג איז עס, וואָס מולכו האָט נושא־חן געוועזען ביים קאַרדינאַל לאָרענצאָ פּוצצי, וועלכער איז געוועזען דער ממונה אויף די „בעלי־תשובה“, ווי אויך ביים פּויפּסט קלעמענס VII, וועלכער האָט געשפּירט פאַר איהם כמעט אַ מיסטישע סימפּאַטיע. דער דאָזיגער פּויפּסט האָט געהאַט איבערגעליטען פיעל פּאָליטישע מפּלות. איינע נאָך דער אַנדערער: ער האָט געמוזט אָנערקענען פאַר אַ קייזער און קרוינען איהם אין רוים זיין טויט־פיינד קאַרל V (1530), און עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס ער איז נוטה געוועזען צו מיסטיק און מעשה נסים, וועלענדיג הערען, לפּחות, וועגען אַ בעסערער צוקונפט פאַר זיך. ער האָט דעריבער געגעבען שלמה מולכוכ'ן אַ שוץ־בריף, ווען יענער איז שוין כמעט געוועזען אין רשות פון דער אינקוויזיציע, און אַזוי אַרום אַרויסגעראַטעוועט איהם פון געפאַהר, פערברענט צו ווערען באַלד לעבעדיגערהייט. געטהון האָט ער דאָס דערפאַר, וואָס מולכו האָט נביאות געזאָגט, אַז אין רוים וועט פאָרקומען אַ גרויסע פערפלייצונג און אין פּאָרטוגאַל אַ גרויסע ערד־ציטערניש.ביידע נביאות זענען פּונקטליך מקוים געוואָרען. די נבואה וועגען פּאָרטוגאַל האָט מולכו אַרויסגעזאָגט דעם פּאָרטוגעזישען געזאַנדטען בראַס נעטאָ, וועלכער האָט געדאַרפט פּועל'ן ביים פּויפּסט, דאָס ער זאָל געבען די ערלויבניש, צו גרינדען די אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל. ווען די נבואה איז מקוים געוואָרען, איז בראַס נעטאָ אַריין אין אַזאַ התפּעלות, אַז ער האָט ערקלערט מולכון, דאָס ווען דער פּאָרטוגעזישער קעניג וואָלט געוואוסט, וואָס פאַר זעלטענע כחות און טאַלענטען מולכו בעזיצט, וואָלט ער איהם געלאָזען ערפילען די געבאָטען, פון וועלכער רעליגע ער וואָלט געוואָלט, נור אַבי ער זאָל בלייבען וואוינען אין פּאָרטוגאַל. אונטער דעם איינפלוס פון מולכו האָבען דער פּויפּסט און דער קאַרדינאַל לאָרענצאָ פּוצצי זיך אַרויסגעזאָגט געגען איינפיהרען די אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל. פּוצצי האָט פריי ערקלערט דעם פּאָרטוגעזישען געזאַנדטען: „דער קעניג פון פּאָרטוגאַל טראַכט, ווי דער

קעניג פון שפּאַניען, וועניג וואָס וועגען דער ריינקייט פון קריסטליכען גלויבען; ער וויל נור בעקומען די מעגליכקייט, צו קאָנפיסקירען דאָס פערמעגען פון די אנוסים. זאָל ער זיי בעסער ערלויבען, צו לעבען פריי לויט די געזעצען, און בעשטראָפען בלויז יענע, וועלכע האָבען פרייוויליג אָנגענומען דעם קריסטענטום און דערנאָך צוריק איבערגעגאַנגען צום יודענטום, אָבער נישט די אנוסים". בראָס נעטאָ האָט דעריבער לעת עתה גאָרנישט געקאָנט אויפטהון אין רוים.

דערוויל האָבען אָבער אָנגעהויבען רודפ'ן שלמה מולכו די אידען גופא, בעזונדערס דער פיעל געלעהרטער דאָקטאָר און שפּראַך-קענער יעקב מאַנטין, וועלכער האָט פאַרנעהאַלטען דעם פּאָרטוגיעזישען געזאַנדטען, פאַרוואָס ער לאָזט ארומגעהען פראַנק און פריי אין רוים אַ מענשען, וועלכער איז פריהער געווען קאַטאָליק און איז אַ געבוירענער פון פּאָרטוגאַל, וועהרענד איצט האָט ער אָנגענומען דעם אידישען גלויבען. ווען מאַנטין האָט דערזעהען, אַז ער קאָן ביים געזאַנדטען נישט אויפטהון, האָט ער זיך געווענדעט מיט זיין מסירה צו דער אינקוויזיציע און געבראַכט עדות פון פּאָרטוגאַל, וועלכע האָבען געקאָנט שלמה מולכו נאָך דאָן, ווען ער איז קריסט געווען. אַזוי האָט ער געפועלט, דאָס מען זאָל שלמה מולכו שטעלען פאַר'ן געריכט פון דער אינקוויזיציע. מולכו האָט אָבער פאָרגעשטעלט דער אינקוויזיציע דעם שוץ-בריעף, וואָס ער האָט דערהאַלטען פון פּויפּסט, האָפענדיג, אַז דאַדורך וועט ער שוין ניצול ווערען פון די אינקוויזיציאָנס-ריכטער, וועלכע וועלען אויף דעם קיין שליטה נישט האָבען; אָבער די ריכטער האָבען ביי איהם צוגענומען דעם שוץ-בריעף און אוועקגעגאַנגען צום פּויפּסט, ערקלערענדיג, אַז מולכו לעסטערט די קריסטליכע רעליגיע. דער פּויפּסט האָט דערויף געענטפערט, אַז ער ברויכט מולכו'ן צו געוויסע געהיימע ענינים, און ער פערלאַנגט דעריבער, דאָס מען זאָל איהם לאָזען צו-רוה ביז אַ צייט. אָבער ווען די אינקוויזיציע האָט שוין געוואָלט פריי-לאָזען מולכו'ן, איז מאַנטין אַרויסגעטראָטען מיט אַ נייער בעשולדיגונג נעגען איהם, און די אינקוויזיציע האָט איהם לסוף פערמשפּט צום טויט. מען האָט אין רוים אָנגעצונדען אַ קאָסטרע, וועלכע האָט צוגעצויגען זעהר אַ גרויסען המון. דעם פערמשפּט'ן האָט מען געבראַכט געקליידעט אין אַ העמד פון אַ בעל תשובה און פערברענט. איינער פון די ריכטער האָט מודיע געווען דעם פּויפּסט, אַז מען האָט שוין דעם זינדיגער פערברענט. ווי גרויס איז אָבער געווען דאָס ערשטוינען פון דעם ריכטער און פון די עדות, וואָס זענען געווען ביים פערברענען, ווען זיי האָבען שפּעטער אָנגעטראָ-פען שלמה מולכו לעבעדיג אין די צימערן פון פּויפּסט! קלעמענס דער ז-בעטער האָט נעמליך דורכאויס געוואָלט אָבראַטעווען פון טויט זיין בע-ליעבטען מולכו, און ער האָט געלאָזט אונטערשטעלען אַנ'אַנדער פער-ברעכער אָנשטאָט מולכו'ן, וועלכען ער האָט געהאַלטען פערבאָרגען ביי זיך אין הויף. דער פּויפּסט זאָל אפילו אויך האָבען געהאַט געגעבען אַ

ידיעה מכח דעם די ריכטער, געפוילענדיג זיי, אז זיי זאלען שווייגען. שלמה מולכו איז נעראטעוועט געווארען, אבער אין רוים האט ער נישט געטארט זיין לענגער.

נאכדעם ווי ער איז פון דארט אבגעפאהרען און בעזונדערס נאכ'ן טויט פון קארדינאל לארענצא פוצי (אויגוסט 1531), וועלכער איז געווען א גוטער שתדלן פאר די אנוסים, האט זיך די שטימונג פאר זיי געביטען. א פארטוגיעזישער אונטערהאנדלער האט מיט דער הילף פון קייזער קארל V און פונ'ם נייעם קארדינאל דעם ממינה אויף די „בעלי-תשובה“, אנטאני פוצי, וועלכער האט פערנומען די שטעלע פון זיין פערשטארבענעם פעטער, אבער נישט זיין גוט הארץ — מיט דער הילף פון אזעלכע שתדלנים איז עם ענדליך געלונגען צו פועל'ן ביים פויפסט, אז ער זאל ארויסגעבען די בולה וועגען דער אינקוויזיציע אין פארטוגאל (17 דעצעמבער 1531), חאטש קארדינאל וויטערבא, רבי אליהו בחור'ס תלמיד, איז שארף ארויסגעטרעטען געגען דעם. משמעות, דער מילדער פויפסט האט זיך געשעמט ארויסצוגעבען אזא בולה ספעציעל וועגען אידען, דעריבער האט ע רערקלערט, אז די אינקוויזיציע דארף משפט'ן „די לוטהעראנער און די אנוסים“. דער פויפסט האט אבער נישט בעשטימט פאר א ריכטער א דאמיניקאנער מאנאך, וועלכע זענען איהם בעוואוסט געווען מיט זייערע אכזריות, נור א פראנציסקאנער גלח, דער מילדער ודוי-פאטער פונ'ם קעניג, דיאגא דע סילווא, איז בעשטימט געווארען פאר א גענעראל אינקוויזיטאר אין פארטוגאל. באלד האט מען געעפענט דריי בלוטיגע טריבונאלען אין פארטוגאל: אין ליסאבאן, עבארא און אין קאימבראא, און די דאזיגע געריכטען האבען זיך גענומען פאר א מוסטער טארקוועמאדא'ס געריכט, נור לויט א פערבעסערטען סיסטעם, דאס הייסט, מיט נאך מעהר אכזריות. די לאגע פון די פארטוגיעזישע אנוסים איז געווען נאך אנ'ערגערע, ווי די פון די שפאנישע, ווייל דאס פאלק האט זיי שרעקליך געהאסט, און גאנצ אנשטענדיגע קריסטען פלעגען צוליעב פאנאטיזם אליין קומען מסר'ן אויף זיי, וועהרענד אין שפאניען האט מען געדארפט אויסהאלטען שפיאנען, כדי צו ענטדעקען די „אידישע אפיקורסות“.

ווען די אינקוויזיציע האט אנגעהויבען מאכען הכנות צוצוטרעטען צו איהר שרעקליכער ארבייט, האבען די אנוסים אנגעהויבען טראכטען וועגען אויסוואנדערן. איצט איז אבער דאס זעהר שווער געווען צו פערווירקליכען. הינטער זיי איז געשטאנען דער פיינד; פאר זיי — דער ים, וועלכער איז אין יענע צייטען געווען זעהר געפעהרליך פאר אנוסים-מאסען-רייזענדער. דער קעניג האט מזהיר געווען די שיפסקאפיטאנען אונטער א בעשטראפונג מיט'ן טויט, אז זיי זאלען זיך נישט דערוועגען צו פיהרען קיין אנוסים פון פארטוגאל אין פרעמדע לענדער; די קריסטען ווידער האט מען פערבאטען צו קויפען ביי די אנוסים נחלאות. און ווען

זיי פלעגען זיך בייגאַכט מכין זיין בשתיקה צום אויסוואַנדערן, „ענטלויפענדיג פונ'ם לאַנד, וועלכע עס האָט בעריהרט די גיפטיגע שלאַנג (די אינקוויזיציע)“, פלעגט מען זיי מיט'ן פריהמאָרגען נעהמען פעסט מיט פרוי און קינד און שלעפּען אין תפיסה, כדי געשלעפּט צו ווערען אַ קורצע צייט נאָכדעם צום טויט דורך די פייער-פלאַמען. די אַנוסים האָבען פונדעסטוועגען נישט אויפגעהערט צו מאַכען פּראָבעס צו ענטלויפען, נור זיי פלעגען דערביי זיין פיעל מעהר פאָרזיכטיג. קיין אַנדער מיטעל איז זיי אויך נישט געבליבען: זייער ווענדען זיך צו די מענשליכע געפיהלען, צו דער גערעכטיגקייט און צו זייערע געשריבענע פּריווילעגיעס האָבען נישט געבראַכט קיין שום נוצען; מען האָט זיי גאָר נישט געוואָלט אויסהערען אין קעניגליכען הויף.

די אַנוסים, וועלכע האָבען בעוויזען צו ענטלויפען פון פּאָרטוגאַל קיין רוים, האָבען זיך בעקלאָגט ביים פּויפּסט קלעמענס VII איבער דער שרעקליכער אכזריות פון דער אינקוויזיציע, אַנווייזענדיג, אַז די בולה איז דורכ'ן קעניג ביים פּויפּסט אויסגענאַרט געוואָרען, ווייל מען האָט דעם פּויפּסטליכען קאָנסיסטאָריום נישט ריכטיג געשילדערט די אמת'ע לאַגע אין פּאָרטוגאַל. בעזונדערס האָבען זיי זיך בעקלאָגט דערויף, דאָס נאָכדעם ווי מען האָט אויסגעגלייכט זייער רעכטע מיט די רעכטע פון די אַלט-קריסטען, פאַרוואָס האָט מען ביי זיי צוגענומען דאָס רעכט אויסצוואַנדערן. דער פּויפּסט, וועלכער האָט אָהן דעם אויך חרטה געהאַט אויף זיין ערלויבען צו גרינדען די אינקוויזיציע, האָט די אָנקלאַגען אָנגענומען. ער האָט געשפּירט גאַנץ גוט, ווי די קירכע שענדעט זיך דאַדורך, וואָס זי משפּט אַזעלכע מענשען, וועלכע געהערען כלל נישט און ווילען איהר נישט געהערען, און ער האָט געוואוסט, אַז אַזעלכע מעשים וועלען נור געבען מאַטעריאַל די לוטהעראַנער אָנצופאַלען אַלץ מעהר אויפ'ן פּויפּסטום און שילדערן איהם אַלס אַנ'אכזריות'דיגע אונמענשליכע אינסטיטוציע, וועלכע פערדינט דורך איהר בלוטדורשטיגקייט נור פערשטונג. אויסער דעם איז איהם די פּאָרטוגיעזישע אינקוויזיציע בעזונדערס אונסימפּאַטיש געוועזען, וואָס עס האָט זיך ווענגען איהר שטאַרק משתדל געווען זיין בלוטפיינד, קאַרל V. דער פּויפּסט האָט דעריבער געהאַלטען ביי אַ ישוב הדעת, ווי אַזוי גאָר מבטל צו מאַכען זיין בולה ווענגען דער פּאָרטוגיעזישער אינקוויזיציע. — אין דער דאָזיגער צייט האָבען שלמה מולכו און דוד ראובני ווידער זיך גענומען צו זייער מיסטישער טעטיגקייט און בעשלאָסען זיך דורכצופיהרען אַנ'אַוואַנטורעלען פּלאַן, פאָרצושטעלען זיך דעם דייטשען קייזער אין רעגענסבורג, וואו עס איז דאַמאָלס פאָרגעקומען אַ רייכסטאַג.

מיט אַ פלאַטערנדער פאָהן, אויף וועלכער עס זענען געווען אויסגעשטיקט די אותיות „מכבי“ („מי כמכה באלים י״י“) זענען זיי געפאָהרען פון באָלאָניאַ איבער פערראַראַ און מאַנטואַ קיין רעגענסבורג. זיי האָבען זיך דערשלאָגען צו אַנ'אוידיענץ ביים קייזער. ווי די לעגענדע דער-

צעהלם, האבען זיי געוואלט נישט וועניגער און נישט מעהרער, ווי מגייר זיין דעם דייטשען קייזער; דוד הראובני האט אבער אויף זיכער אזא פאנטאזיאר נישט געקאנט זיין; מעגליך איז אבער, אז שלמה מולכו האט אזא פלאן יא געהאט. זיי האבען אבער געפועל'ט ביים קייזער, אז די אנוסים זאלען זיך מעגען בעוואפענען און געהען, פעראייניגט מיט די אידישע שבטים אין אראביען, פיהרען מלחמה מיט טערקיי. אומזיסט האט זיי מזהיר געווען דער קלוגער און פארזיכטיגער אידישער שתדלן אין דייטשלאנד, רבי יאסעל ראזהיים, אז זיי זאלען זיך נישט אויפהאלטען אין דער סביבה פונ'ם קירכליך-פאנאטישען קייזער, זיי האבען זיך ווי בכיון געווארפען אין פייער. דער סוף דערפון איז געווען, אז מען האט ביידען געשמידעט אין קייטען (יוני—סעפטעמבער 1532) און געלאזט זיי פיהרען מיט'ן קייזער אויף זיין רייזע קיין מאנטוא. דארט האט דער קייזער צוזאמענגערופען א אינקוויזיציאנס-געריכט, וועלכעס האט פערמשפט צום טויט דורכ'ן פייער שלמה מולכו, אלס א געוועזענעם קאטאליק, וואס איז פון זיין אמונה אבגעפאלען און וועהרענד דער קייזער האט זיך אין מאנטוא אבגעגעבען מיט יאגד, פייערליכקייטען, קאמעדיען-שפילען און אלערליי פערגעניגענס, האט מען דארט פערברענט אויף די קאסטרעס דעם ענטוזיאסט שלמה מולכו. מיט א פערשטאפטען מויל האט מען איהם צום פייער-טויט געפיהרט, ווייל זיין רעדנערישע קראפט איז אזוי גרוים געווען, אז דער קייזער און די אינקוויזיציאנס-ריכטער האבען זיך געשראקען, דאס ער וועט ווירקען אויפ'ן המון, ווען ער וועט אנהויבען צו ריידען. אבער ווען די תליונים זענען שוין געווען גרייט איהם אין פייער אריינצוווארפען, איז געקומען א שליח-מיוחד פון קייזער, וועלכער האט בעפוילען איהם דאס מויל צו בעפרייען און געפרעגט ביי איהם: פיליייכט האט ער חרטה אויף זיין פערברעכען און וויל צוריק ווערען א קריסט; אויף אזא אופן וועט מען איהם מוחל זיין. שלמה מולכו האט דערויף געענטפערט, ווי מען האט געקאנט ערווארטען, אז ער האט געגארט נאך א טויט אין די פלאמען-פייער על קדוש השם, „כדי צו זיין אנ'עולה תמימה אויפ'ן מזבח פאר גאט“. ער האט נור חרטה געהאט אויף איין זאך: פארוואס ער איז אין דער יוגענד א קריסט געווען. מען מעג מיט איהם זיך בעגעהן, ווי מען האט בעשלאסען דען ער האפט, אז זיין נשמה וועט דערהויבען ווערען ביז גאט. באלד נאכדעם האט מען איהם אין פייער אריינגעווארפען און ער איז געשטארבען, ווי א צדיק, מיט א שטארקען געמיט (נאוועמבער—דעצעמבער 1532).

שלמה מולכו איז געפאלען א קרבן פון זיין פאנטאסטעריי און איבערגעטריבענע חלומות, וועלכע האבען זיך כלל נישט צוגעפאסט צו דער ווירקליכקייט. די רייכע בעגאבונג, מיט וועלכער די נאטור האט איהם בעשאנקען: זיין שעהנהייט, זיין פייערדיגע פאנטאזיע, זיין זעלטענע תפיסה, זיין פעהיגקייט צו התלהבות — אט דאס אלץ האט א וועניגער פאנטאסטישע פערזענליכקייט געקאנט פיהרען צום גליק און בעריהמטקייט, איהם

אָבער האָט עס געפיהרט צום פערדערבען, ווייל ער האָט זיך צו פיעל אריינגעלאָזען אין תהום פון דער קבלה, כדי צו ברענגען די גאולה פאַר די אידען. דוד ראובני דאַגעגען האָט זיך אַפילו נישט דערשלאָגען צו דער גרויסער זכיה צו שטאַרבען על קדוש השם. קאַרל האָט איהם מיטגע-פיהרט קיין שפּאַניען, וואו ער האָט איהם געלאָזט אריינוואַרפען אין תפיסה פון דער אינקוויזיציע, און, ווי מען זאָגט, איז ער לסוף געשטאָרבען דורך סם. צו משפט'ן איהם האָט די אינקוויזיציע נישט געהאַט קיין רעכט, ווייל ער איז געוועזען אַ איד. אָבער די אַנוסים אין שפּאַניען, וועלכע האָבען גע-האָט בעציהונגען מיט איהם און ער האָט, מעגליך, ענטדעקט זייערע נע-מען, ווען מען האָט איהם דערצו געצוואונגען דורך גרויסע ענוים, — די אַנוסים האָט מען פערברענט. — די אמונה און התלהבות, וואָס מען האָט געהאַט ביי אידען פאַר שלמה מולכו איז אָבער געוועזען אַזוי שטאַרק, אַז אַרום זיין פערזאָן האָט זיך אויסגעוועבט אַ גאַנצער קראַנץ פון וואונדער-ליכע מעשיות. אין איטאַליען און אין טערקיי האָבען פיעל אידען גע-גלויבט, אַז ער איז אויך פונ'ם דאָזיגען פייער-טויט ניצול געוואָרען, ווי ער איז ניצול געוואָרען דעם ערשטען מאָל אין רוים. אייניגע האָבען דערצעהלט, אַז זיי האָבען איהם געזעהען אַרומגעהענדיג אַכט טעג נאָכ'ן אויטאָדאַ-פע (נאָכ'ן פערברענען); אַנדערע האָבען געזאָגט, דאָס ער איז געקומען מיט אַ וויזיט צו זיין כלה אין צפת — מיט'ן לאָזען פערברענען שלמה מולכו האָט דער קייזער קאַרל V געוואָלט נאָך אַנ'איבריגען מאָל אָנטהון יסורים זיין פיינד, דעם פויפּסט, וועלכער איז געוועזען שטאַרק צוגעבונדען צום יונ-גען בעל-מקובל. דער פויפּסט האָט איהם געוואָלט דערפאַר אָבצאָהלען אויף אַנ'אַנדער אופן: ער האָט געוואָלט אָדער לגמרי מבטל מאַכען די אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל, אָדער, לפחות, אָבשוואַכען איהר ווירקונג. די אַנוסים איז די זאַך געוועזען בעוואוסט, און זיי האָבען דעריבער זיך בע-מיהט צו ווירקען אין פּויפּסטליכען הויף אינ'ם דאָזיגען זין. זיי האָבען נעמליך געשיקט פאַר אַ שתדלן דעם אַנוסי, דוארטע דאַ פּאַז, וועלכער איז געוועזען אין אַלץ דער היפוך פון שלמה מולכו: אַ קאַלרער, רוהיגער קאָפּ, ווייט פון אַלערליי חלומות, חיטרע, אויסגערעכענט, בערע-דעוודיג און דרייסט, גוט בעקענט מיט אַלע דאַמאָלסדיגע דיפּלאָמאַטישע שטיקלעך, און אַ טיעפער מענשען-קענער, וועלכער האָט גוט פערשטאַ-נען אויסצונוצען די מענשליכע שוואַכקייטען. דוארט דאַ פּאַז, וועלכער האָט פערטראָטען די אינטערעסען פון די אַנוסים אין רוים כמעט אין אַ משך פון אַכט יאָהר, איז געוועזען אַליין זעהר אָנגעזעהען אין פּאָר-טוגיעזישען הויף פאַר זיינע וויכטיגע מעשים, וואָס ער האָט אויפגעטהון אין אַפריקאַ לטובת זיין פאָטערלאַנד, פּאָרטוגאַל. ביים קעניג יואַן III איז ער געוועזען אַ גרויסער חשוב, און אַט האָט איהם דער קעניג אויסערוועהלט פאַר אַ וויכטיגער געהיימער שליחות און אַ טאָג פאַר זיין אָברייזען האָט ער איהם בעשטימט צום ריכטער פון קריסטוס-אָרדען, מיט'ן טיטול קאָ-

סענדאָדאָרע. אָבער דואַרטע איז אָבגעפאָהרען נישט אַהין, וואוהין
דער קעניג האָט איהם געשיקט, נור קיין רוים, כדי דאָרט משתדל צו זיין
זיך פאַר די אַנוסים. דואַרטע דאַ פּאַז האָט אָבער זיין פּאָליטישע
אינטריגע אַזוי וואונדערליך פערדרעהט, אַז מ'וויים נים, צי האָט ער דעם
קעניג אָבגענאַרט, אָדער די אַנוסים. די לעצטע האָבען איהם געגעבען זעהר
פיעל געלד, כדי אונטערצוקויפען אַלעמען אין פּויפּסטליכען הויף. דער
פּויפּסט גופא איז איבערציינט געווען, וואָס פאַר אַ הימעלשרייענדען אונ-
רעכט מען האָט בעגאַנגען געגען די אַנוסים אין פּאָרטוגאַל, פאָדערנדיג
פון זיי ערגעבענהייט פאַר'ן קריסטענטום און אמונה, נאָכדעם, ווי מען
האָט זיי פאַר די האָר געשלעפּט צום שמד. ער האָט דעריבער אַרויסגעגע-
בען (17-טען אָקטאָבער 1532) אַ בעפעהל, דורך וועלכען ער האָט אָבגע-
שטעלט אַלע ווייטערדיגע מעשים פון דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל.
דואַרטע דאַ פּאַז האָט געאַרביים נאָך ווייטער, כדי אויפצוהויבען אַנ'-
אַלגעמיינע אַמנעסטיע פאַר אַלע אַנוסים, וועלכע מען האָט שוין געהאַט
אַנגעקלאַגט און אַריינגעוואָרפען אין תפיסות פון דער אינקוויזיציע.

ווי עס שיינט האָבען אין קעניגליכען הויף פון יואַן III גופא זיך
אָנגעהויבען צו פיהרען אינטריגעס לטובת די אַנוסים. די פּאַרטיי, וועלכע
האָט געהאַלטען פאַר דער אינקוויזיציע איז, געמליך, אויך געווען אַ פּאָ-
ליטישע, דען צוליעב דעם, וואָס דער קעניג האָט נישט געהאַט קיין
קינדער, האָט די פּאַרטיי געטראַכט וועגען דעם, אַז מען דאַרף נאָך זיין
טויט פעראייניגען פּאָרטוגאַל מיט שפּאַניען. דאַגעגען די נאַציאָנאַלע
פּאַרטיי, די, וועלכע האָט געוואָלט, דאָס פּאָרטוגאַל זאָל בלייבען זעלבסט-
שטענדיג, איז געווען געשטימט געגען דער אינקוויזיציע. און אָט אויף
דעם באָדען האָבען אין אַ משך פון פיעל יאָהרען זיך געפיהרט די אינטרי-
געס פאַר און געגען דער אינקוויזיציע. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז
דואַרטע דאַ פּאַז האָט אויסבעקומען פון פּויפּסט אַ נייעם
בעפעהל (ברעווע), אין וועלכען דער פּויפּסט אַנערקענט די טענות
פון די אַנוסים, וועלכע ווייזען אַז די מאָטיווע, פאַרוואָס זיי זענען
אַזעלכע שוואַכע אַנהענגער פון קריסטענטום. „זייענדיג געשלעפּט געוואָרען
מיט גוואַלד צום שמד, קאָנען זיי נישט בעטראַכט ווערען אַלס מיטגלי-
דער פון דער קירכע און בעשטראָפען זיי פאַר אַפּיקורסות, הייסט אָנריה-
רען די פּרינציפּען פון גערעכטיגקייט און יושר", אַנדערש איז עס שוין
געווען מיט די קינדער פון די אַנוסים, וועלכע זענען ביי זיי געבוירען גע-
וואָרען נאָכ'ן שמד: זיי האָבען שוין געהערט דער קירכע, אַלס געשמדטע
מיט'ן גוטען ווילען. אָבער צוליעב דעם, וואָס זייערע עלטערן האָבען זיי ער-
צויגען אין יודענטום און זיי האָבען שוין געהאַט אידישע געוואוינהייטען,
וואָלט עס געווען אַנ'אַכזריות, אויב מען וואָלט זיי געמשפּט און בע-
שטראָפט פאַר'ן געהערען צום יודענטום, לויט די שטרענגע גלחישע גע-
זעצען. מען דאַרף זיך בעסער משתדל זיין דורך מילדקייט צו מאַכען זיי

פאַר געטרייע קריסטען. מיט זיין דאָזיגען „ברעווע" האָט קלעמענס VII מבטל געמאַכט די אינקוויזיציאָנס - געריכטען אין פּאָרטוגאַל, ווי אויך אַלע אָנקלאַגען געגען די אנוסים, וועלכע האָבען פון איצט אָן געדאַרפט בעטראַכט ווערען אין זיין אייגענעם געריכט; דערמיט האָט ער אויך אַמניסטירט אַלע אַנוסים אין פּאָרטוגאַל, וועלכע זענען אָבגעפאַלען פון קריסטענטום. די אַנוסים, וועלכע זענען געפיניגט געוואָרען אין די תפסות פון דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל האָבען גע-דאַרפט בעפרייט ווערען, די אַרויסגעטריבענע האָבען זיך געקאָנט אומקעה-רען צוריק אַהיים און די, ביי וועלכע מען האָט זייערע גיטער קאָנפיס-קירט, האָבען געדאַרפט די גיטער צוריק בעקומען. מען מוז דעם אמת זאָגען: דער פּויפּסט קלעמענס VII האָט מיט פעסטקייט פערטרע-טען דעם שטאַנדפּונקט פון יושר און מענשליכקייט פאַר די אונגליקליכע פּאָרטוגיעזישע אַנוסים אין יענער צייט, פערטיידיגענדיג זיי געגען דעם דאַמאַלסדיגען בלוטדורשטיגען גייסט, האָטש טייל ווילען אפילו אָנווייזען, אַז דערביי האָט ער געהאַט נישט נאָר הייליגע כונות, נור מעהר פּאָלי-טיק. עס איז בלי ספק שווער געווען איבערצולאָזען די אונגליקליכע אנוסים אָהן קיין שום קאָנטראָלע אין דער געוואַלד פון די אונמענשליכע אינקווי-זיטאָרען אין פּאָרטוגאַל. און האָטש די פראַגע איז פיעל מאָל בעטראַכט געוואָרען, האָט דער פּויפּסט ווידער בעשטימט אַ קאָמיסיע פון צוויי אונ-פּאַרטייאישע קאַרדינאַלען: דע צעזיס און קאַמפּעדזשיאָ. נאַ-טירליך האָט אין דער קאָמיסיע אויך געדאַרפט אַנטייל נעהמען דער קאַרדינאַל, וואָס איז געווען ממונה אויף די „בעלי-תשובה" (גרויס-פּעני-טענטיער), וועלכער איז איצט געווען אַנטאָניאָ פּוצצי, אַ פּאַרטיי-מאַן פון פּאָרטוגיעזישען קעניגליכען הויף. די קאָמיסיע האָט אָבער גע-מוזט אָנערקענען די אימה'דיגע אכזריות און די בלוטדורשטיגע אונמענש-ליכקייט פון דער פּאָרטוגיעזישער אינקוויזיציע פאַר אַן'אונגערעכטע זאַך. אַ דאַנק דעם בעריכט פון דער קאָמיסיע, האָט דער פּויפּסט, שוין פאַר זיין טויט (26-טען יולי 1534), ווען ער האָט שוין געשפּירט, אַז די כחות געהען איהם אויס אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו זיין נונציוס אין פּאָרטוגיעזישען הויף, אַז ער זאָל ענערגיש דורכפיהרען די בעפרייאונג און פריישפּרעכען די אַנוסים, וועלכע געפינען זיך אין די תפיסות פון דער פּאָרטוגיעזישער אינקוויזיציע. אַזעלכע אונגליקליכע זענען געווען לערך צוועלף הונדערט פּערזאָן. צי איז זיי טאַקי דורכ'ן דאָזיגען בעפעהל געקומען די ישועה, איז אונבעוואוסט. ווי עס שיינט, האָט דער טויט פון פּויפּסט (25-טען סעפּ-טעמבער 1534) געמאַכט אַ סוף צו זייערע גוטע האָפנונגען און דעם פּויפּסט'ס ווילען איז נישט פערווירקליכט געוואָרען.

אונטער דעם פאָלגענדען פּויפּסט, פּאָול III פאַרנעזע, (1534—1549) האָבען זיך ווידער צושפּיעלט די אינטריגעס וועגען דער פּאָרטוגיעזישער אינקוויזיציע און דאָס מאָל דוקא נישט לטובת די אַנוסים.

דער דאָזיגער פויפסט האָט אפילו געהערט צו דער אַלטער שול פון די דיפּלאָמאַטישע, מעהר וועלטליכע ווי קירכליך געשטימטע פויפּסטען. דאָס איז געוועזן אַ פיין-אויסגערעכענטער קאָפּ, וועלכער האָט פיעל מעהר געהאַלטען פון די ענינים פון עולם-הזה, איידער פון עולם-הבא. פאַר די אידען איז פּאַול פאַרנעזע געוועזן בעזונדערס פריינדליך געשטימט אויב אפילו נור אַ טייל זאָל זיין אמת פון זיין אידענפריינדליכקייט, לויט ווי עס שילדערט איהר אַ געוויסער פאַנאַטישער בישאָף, האָט ער שוין אויך גע-מוזט זיין אַ גרויסער אידען-פריינד: „קריסטען זענען נאָך קיינמאָל נישט בעשאַנקען געוואָרען מיט אַזוי פיעל הסדים, פּריווילעגיעס און זכיות, ווי די אידען אין דער ממשלה פון פויפּסט פּאַול III; ער גיט זיי אפילו אויך אַזעלכע זכיות, וועלכע גיבען זיי די מעגליכקייט צו קעמפּפען געגען די קריסטען". לייב-דאָקטאָר איז געוועזן ביי פּאַול III **יעקב מאַנטין**, וועלכער האָט איהם געווידמעט איינינע פון זיינע ספרים.

ווי נור פּאַול איז אַרויפגעשטיגען אויפ'ן פויפּסטליכען שטוהל, האָט דער פּאָרטוגיעזישער קעניג זיך אָנגעהויבען משתדל זיין ביי איהם, אַז ער זאָל מבטל מאַכען די לעצטע בעפעהלען פון פויפּסט קלעמענס VII מכח דער פּאָרטוגיעזישער אינקוויזיציע און לטובת די אנוסים. דאַגעגען דער שתדלן פאַר די אנוסים דוּאַרטע דאַפּאַז מיט זיין געהילף **דיעגאָ ראָדריגעז פינטאָ** האָבען געשאַטען מיט געלד צווישען די הוי-בע גלחים אין פויפּסטליכען הויף, כדי צו ווירקען געגען דער השתדלות פון פּאָרטוגיעזישען קעניג. דוּאַרטע דאַפּאַז האָט אפילו אין דערזעלביגער צייט אויך געפיהרט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט'ן פּאָרטוגיעזישען קעניג, וועל-כער האָט איהם געהאַלטען פאַר זיין געטרייען דיענער; אָבער בשתיקה האָט דוּאַרטע פאַרגלעגט דעם קאַרדינאַל סאַנטינקוואַרטאַ, וועלכער איז געשטאַנען מצד פּאָרטוגאַל, אַ יעהרליכע פּענסיע פון אַכט הונדערט קרו-זאַדאָס, כדי ער זאָל נעהמען די אנוסים אונטער זיין שוץ. דער פויפּסט האָט צוערשט בעשלאָסען דיפּלאָמאַטיש (3-טען נאָוועמבער 1534), אַז קלעמענס לעצטער בעפעהל זאָל נישט פּערעפענטליכט ווערען. ווען ער האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז דער דאָזיגער בעפעהל האָט שוין געהאַט אָנגעהויבען צו ווירקען, האָט ער דעם ענין ווידער געלאָזט בעטראַכטען, בעשטימענדיג דערצו צוויי קאַרדינאַלען **גהינוצי און סימאָ-נעטאָ**, וואָס דער ערשטער פון זיי איז געוועזן אַנ'אויסגעשפּראָכענער פריינד פון די אנוסים און האָט פּערעפענטליכט אַ פּערטיידיגונגס-שריפט פאַר זיי.

צוליעב דעם, האָט דער פויפּסט פּאַול III געשיקט אַ פאָדערונג צום פּאָרטוגיעזישען הויף, אַז מען זאָל דורכאויס ערפילען די לעצטע בעפעה-לען פון פויפּסט קלעמענס VII און פּערוווירקליכען די אַמנעסטיע, וואָס ער האָט געגעבען די אָנגעקלאָגטע און פּערמשפּטע אנוסים. בעזונדערס שאַרף האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט געגען דעם איינמויערן די אנוסים אין

די תפיסות און דער קאָנפיסקאַציע פון זייערע נחלאות. אָבער ווי אַלע דאַמאָלסדיגע קאַטוילישע מלכים פלעגען געהאָרכען דעם פויפסט, נור כל זמן דאָס האָט געפּאַסט פאַר זייערע אינטערעסען, האָט זיך אויך דער פּאָרטוגיעזישער קעניג יואַן III ווייניג וואָס געקימערט וועגען די בעפעהלען פונ'ם פויפסט פאָול פאַרנעזע. זיין געזאַנדטער האָט איהם אפילו אַנ'עצה געגעבען, אַז כדי איבערצולאָזען אויך אויף ווייטער די אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל, זאָל דער קעניג נאָכטהון דעם ביישפּיעל פון ענגלישען קעניג און זיך נאָר אָבזאָגען פון רוים. דערווייל האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'אמת'ע אינטריגע צווישען רוים און ליסאַבאָן. פון איין צד זענען געשטאַנען די מנהיגים פון די אַנוסים טהאָמאַש סאַראַאָ און עמנואל מענדעס מיט'ן לעגאַט פון פויפּסט אין ליסאַבאָן און די שתדלנים פון די אַנוסים אין רוים; פון דער אַנדער זייט איז געשטאַנען דער קאַרדינאַל סאַנטיקוואַרטא און דער קעניג אַליין.

ענדליך איז דעם פויפסט איבערדריסיג געוואָרען די אינטריגע און ער האָט אַרויסגעגעבען א בולה (2-טען אָקטאָבער 1535), דורך וועלכער ער האָט די פּאָרטוגיעזישע אַנוסים געגעבען אַ פאָלקאָמע סליחה-מחילה, פריישפּרעכענדיג זיי פון אַלע קירכליכע און וועלטליכע בעשטראָפונגען פאַר אפיקורסות אָדער אָבפאַלען פון קריסטליכען גלויבען, אויב זיי וועלען נור אין דער צוקונפט אַזעלכעס פערברעכען מעהר נישט בעגעהען. אַזוי צרום איז דאַמאָלס בטל געוואָרען די אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל, וועלכע האָט לפחות לפנים געברויכט צו האָבען די בעשטעטיגונג פון פויפּסט. דער פויפּסטליכער געזאַנדטער (נונציום) אין פּאָרטוגאַל האָט אויך זיך בעגאַנגען ענערגיש, מאַכענדיג באַלד בעקענט די פויסטליכע בולה אין אַלע קירכען און ברענגענדיג דערצו, אַז דעם קעניגס ברודער, דאָן אַלפאָנזאָ, וועלכע איז בעוואוסט געוועזען מיט זיין שנאה צו די אַנוסים, האָט אַליין געעפענט די תפיסות פון דער אינקוויזיציע, בעפרייענדיג יענע אַנוסים, פאַר וועלכע עס איז געוועזען אַ ספּעציעלער בעפעהל פון רוים. בסך הכל האָט מען דאַמאָלס בעפרייט טויזענד מיט אַכט הונדערט אַנוסים (דעצעמבער 1535).

תחילת איז דער פּאָרטוגיעזישער קעניגליכער הויף געבליבען געלעהמט און בעטויבט, ווי פון אַ דונערשלאַג; שפּעטער אָבער האָט ער ווידער אָנגענומען גרויסע מיטלען, ווי אַזוי צו בעקומען ווידער די אונבעגרענעצטע ממשלה איבער די אַנוסים און זייער פערמעגען. מען האָט זיך אפילו נישט געשראָקען פאַר'ן בעגעהן אַ געהיימען מאָרד, אבי נור דערגרייכען דעם ציעל. דער גרעסטער געגנער פון דער אינקוויזיציע איז געוועזן דער שתדלן פון די אַנוסים דוארטע דאַפאַז, און אַט איז מען אויף איהם בעפאַלען אין רעכטען מיטען טאָג אויף דער גאַס און אַזעלכע געפעהרליכע וואונדען איהם געמאַכט, אַז ער איז געבליבען ליגען, ווי טויט אויפ'ן אָרט (1536 אין יאַנואַר). אין רוים זענען אַלע געוועזן איבערצייגט,

אז די מערדער זענען געווען געדונגען דורכ'ן פארטוגיעזישען הויף. דער פויפסט איז העכסט אויפגערעגט געווארען דורך דעם דאזיגען מארד און האט געשיקט זיינע בעסטע דאקטוירים אויסצוקורירען דעם פערוואונדעטען, וועלכער איז טאקי אויך צוריק געזונד געווארען.

ענדליך האט דער פארטוגיעזישער הויף זיך געלאזט געהן אויפ'ן איינציגען זיכערען וועג, אויף וועלכען ער האט געקאנט זיין פערלאנג דערגרייכען: ער האט זיך געווענדט דרינגענד מיט א ביטע צום קעניג און קייזער קארל 5, אז ער זאל ווירקען אויפ'ן פויפסט לטובת דער אינקוויזיציע אין פארטוגאל. דער קייזער האט דעמאלט, נעמליך, געפיהרט א שווערע מלחמה געגען דעם מחמדאנער בארבאראסא, וועלכער האט מיט דער הילף פון טערקיי געמאכט ציטערען גאנץ אייראפא, און ווען ער האט ענדליך דעם פיינד מנצח געווען און איז מיט טריאומף געגאנגען צוריק דורך איטאליען, אבשטעלענדיג זיך אין רוים (אפריל 1536), האט ער פערלאנגט פונ'ם פויפסט, אלס דאנק פאר'ן קריסטליכען נצחון איבער די מחמדאנער, אז ער זאל איינשטימען צוריק צו עפענען די אינקוויזיציע אין פארטוגאל. דער פויפסט פאול פארנעזע האט נאך אלץ נישט געוואלט איינשטימען אויף אזא זאך, טענה'נדיג, אז די פארטוגיעזישע אנוסים זענען כלל נישט קיין אמת'ע קריסטען, ווייל מען האט מיט געוואלד זיי אבגע'שמד'ט און דעריבער קאן מען זיי נישט משפט'ן אלס קריסטען.

אבער צום ואגליק פאר די אנוסים האבען זיי שוין מעהר נישט געהאט קיין געלד אויף צו געבען שוחד אין פויפסטליכען הויף. זייער שתדלן דוארטע דאפאץ האט געהאט אויסגעגעבען געוואלדיג גרויסע סומעס געלד, כמען זאל מבטל מאכען די אינקוויזיציע, און זעהר גרויסע סומעס האט ער אויך געהאט צוגענומען פאר זיך אליין, כדי רייך צו ווערען פון דער אלגעמיינער צרה. די קארדינאלען זענען דעריבער איצט קאלט געבליבען אין דער זאך, און עס איז נישט געווען, ווער עס זאל זאגען א גוטווארט פאר די אנוסים. און ווען דער קייזער קארל 5 האט אלץ דרינגענדער אנגעהויבען פאדערען ביים פויפסט צו בעשטעטיגען די אינקוויזיציע, האט ער געמוזט נאכגעבען און (דעם 23-טען מאי 1536) ארויסגעגעבען ווידער א בולה וועגען עפענען די אינקוויזיציע-געריכטען אין פארטוגאל. דער פויפסט פאול פארנעזע איז בכלל געווען זעהר פריינדליך פאר די אידען, און נור מיט א שווערען הארצען האט ער די בולה אונטערגעשריבען, דעריבער האט ער די פארטוגיעזישע אינקוויזיציע ארומגעשטעלט מיט פערשידענע בעגרעניצונגען: אין די ערשטע דריי יאהר פון איהר עקזיסטענץ האט זי געמוזט אין איהרע פראצעסען אבהיטען די געוועהנליכע פארמאליטעטען, וואס ווערען אבגעהיט אין אלע וועלטליכע געריכטען, דאס הייסט: די עדות געגען די אנגעקלאגטע האבען געמוזט ארויסטרעטען עפענטליך מיט זייער בעשולדיגונג אין די קאנ-

פּיסקאַציע פון די נחלאות פון די אַנוסים און פון זייער פערמעגען האָט מען געקאָנט אַנהויבען צו מאַכען נישט פריהער, ווי ערשט אין צעהן יאָהר אַרום. מינדליך האָט דער פּויפּסט נאָך בעפוילען, אַז מען זאָל זיך בכלל נוהג זיין מיט חסד געגען די אַנוסים. דאָס איז אָבער אַלץ געווען נור לפנים אַזוי צו זאָגען, כדי צו פערלייכטערן „דאָס איידעלע געוויסען" פונ'ם פּויפּסט. אין דער ווירקליכקייט אָבער האָט מען אין דער פּאָרטוגיעזישער אינקוויזיציע זיך געדאַרפט בענעהמען מיט דערזעלבינער אכזריות'דיגער מערדעריי, ווי אין שפּאַניען. די אזהרה, וואָס מען האָט אין פּאָרטוגאַל באַלד אַרויסגעגעבען צו אַלע קריסטען, אַז זיי זענען מחויב צו קומען מסר'ן די אַנוסים און דערצעהלען אַלץ, וואָס עס איז זיי בעוואוסט וועגען דער אידישער אפיקורסות, סטראַשענדיג מיט אַ חרם יעדען קריסט, וועלכער וועט דעם בעפעל נישט ערפילען — אָט די אזהרה איז אין פּאָרטוגאַל געווען אַנ'אמת'ע קאָפּיע פון טאָרקוועמאַדאַ'ס אזהרה אין שפּאַניען. אין נאָ-וועמבער פונ'ם זעלבינען יאָהר האָבען די בלוטיגע געריכטען אָנגעהויבען זייער שוידערהאַפטע טעטיגקייט, נאָכדעם ווי זיי האָבען געגעבען דרייסיג טעג „חסד-צייט" פאַר די אַנוסים. יואַן III האָט אפילו אויך בעפוילען די אַנוסים צו טראָגען אַ בעזונדערן צייכען אויף זייערע קליידער, כדי מען זאָל זיי לייכט קאָנען אונטערשיידען פון די אַלט-קריסטען און בעסער בעאָבאַכטען זיי.

די אַנוסים האָבען אָבער נישט אַזוי לייכט נאָכגעגעבען; זיי האָבען זיך אָנגעהויבען משתדל צו זיין, אַז מען זאָל די בולה וועגען דער אינקוויזיציע צוריק מבטל מאַכען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען פון דאָס ניי די פיינסטע אינטריגעס אין פּויפּסטליכען הויף. דוּאַרטע דאַפּאַז האָט ענטוויקעלט אַלע זיינע חיטרע קונץ-שטיק אין דער דיפּלאָמאַטיע. די אַנוסים האָבען אָנגעגעבען אָנקלאַגען געגען דער אכזריות פון דער אינקוויזיציע, דערצעהלענדיג אימה'דיגע זאַכען וועגען די ענוים, וואָס מען טהוט אָן די אָנגעקלאָגטע אַנוסים אין די אינקוויזיציאָנס-געריכטען; די אַנוסים האָבען זיך אויך געקלאָגט, אַז די בלוט-ריכטער ערפילען נישט די בעדינגונגען, וועלכע דער פּויפּסט האָט זיי געשטעלט. און אַז מען לאָזט זיי נישט פערקויפען זייערע נחלאות און אויסוואַנדערן פון פּאָרטוגאַל. אין איין מעמאָראַנדום צום פּויפּסט זענען די אַנוסים אַרויסגעטראָטען מיט אַזאַ אָפענער שפּראַך: „אויב אייער היילינקייט פעראַכטעט די תחנונים און די בלוטיגע טרעהרען פון אידישען פאָלק, און איהר זאָגט זיך אָב צו העלפען די אונגליקליכע — אַ זאַך, וואָס אונז גלויבט זיך גאָר נישט, דען איהר זענט דאָך דער פערטרעטער פון קריסטוס — פּראָטעסטירען מיר פאַר גאָט און מיט אונזערע קלאָגען און זיפצען, וועלכע הערען זיך שוין אין הימעל, וועלען מיר פּראָטעסטירען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז מיר, זייענדיג געראָבט אין לעבען, אין אונזער כבוד און אין אונזערע קינדער, וועלכע זענען אונזער פליייש און בלוט, האָבען זיך אָבגעזאָגט פון יודענ-

טום און בעמיהט זיך צו זיין געטרייע קריסטען; אויב אָבער די מער־
דעריי געגען אונז ווערט נישט אויפהערען, וועלען מיר טהון דאָס, וואָס
מיר האָבען ביז איצט גאָר נישט געטראַכט צו טהון: מיר וועלען עפענט־
ליך צוריקקעהרען זיך צו משה'ס תורה און צום יודענטום און אָבלייקע־
נען אין קריסטענטום, וועלכע מען צווינגט אונז אָנצונעהמען מיט געוואַלד.
מיר ערקלערען פייערליך, אַז מיר זענען אַ קרבן פון מערדעריי, ביי דעם
רעכט, וואָס אונזער היילינע זאַך גיט אונז, ביים רעבי'ז, וואָס אייער
פויפסטליכע הייליגקייט אַליין האָט אונז אָנערקענט. עלאָזענדיג אונ־
זער פאָטערלאַנד, וועלען מיר זוכען אַ בעשיצונג צווישען פעלקער, וועל־
כע זענען ווענינער אכזרים, ווי די קאַטוילען, וואָס די ביזט זייער פאָטער
און פריסטער!"

דער דאָזיגער בריעף האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק אויפ'ן
פויפסט און די שטימונג אין פויסטליכען הויף האָט זיך ווידער געביטען:
מען האָט בעקומען חרטה אויפ'ן געמאַכטען ?ריט. די בולה, דורך וועל־
כער דער פויפסט האָט בעשטעטיגט די אינקוויזיציע, האָט מען פון דאָס
ניי איבערגעגעבען אַ קאָמיסיע צום בעטראַכטען, אויב זי איז אפשר
אַרויסגעגעבען געוואָרען אומגעזעצליך; אין דער קאָמיסיע איז אויך גע־
ווען אַ מיטגליד דער קאַרדינאַל גהינוצי, וועלכער איז געווען פריינד־
ליך געשטימט פאַר די אַנוסים, ווי אויך איינער יאַקאָבאַציאַ, וואָס
האָט געהאַלטען מיט איהם. די דאָזיגע צוויי קאַרדינאַלען האָבען געווירקט
אויף זייער דריטען חבר, דעם שוואַכקעפיגען, אָבער עהרליכען קאַרדינאַל
סימאָנעטא, און געפועלט, אַז ער זאָל בעטען ביים פויפסט, דאָס ער
זאָל פון דאָס ניי מבטל זיין די פאָרטוגיעזישע אינקוויזיציע. דער פויפסט
האָט געשיקט קיין פאָרטוגאַל אַ נייעם נונציום (געזאַנדטען), וועלכער
האָט, אין אַ געוויסער מאָס, געהאַט אַ בעפולמעכטיגונג, מבטל צו מאַכען
די מעשים פון דער אינקוויזיציע געגען די אַנוסים, צו בעשיצען זיי און,
נעמליך, צו ערלייכטערן זיי די אויסוואַנדערונג פון פאָרטוגאַל. אַ קורצע
צייט נאָכדעם (אויגוסט 1537) האָט דער פויפסט צוגעשיקט דעם נייעם
נונציום אַ בעפעהל מיט אַ בעפולמעכטיגונג און דערוועקונג, אַז ער זאָל
בעשיצען און פערטיידיגען די אָנגעקלאָגטע אַנוסים און דערוועקען אַלע
קריסטען אויך איי צו טהון — דאָס הייסט, אַז ער זאָל טהון אַ זאַך:
וואָס די פאָרטוגיעזישע אינקוויזיציע האָט בעטראַכט פאַר אַנ'אפיקורסות
און שטרענג בעשטראָפט פאַר איהר. דעם קעניג איז די זאַך פאַרנעקו־
מען זעהר וואונדערליך: ער האָט געהאַט בעקומען נאָך לאַנגע השתדלות
אַ בולה צו גרינדען די אינקוויזיציע, צו בעשטימען אַ גרויס־אינקוויזיטאָר
מיט זיינע קאַלעגען און מיט'ן גאַנצען אַפּאַראַט פון דער מענשען־שלאַכ־
טעריי גאַט צו עהרען, און מיט אַמאָל שיקט איהם דער פויפסט אַ שליח
מיט אַזעלכע בעפולמעכטיגונגען, אַז ער, דער קעניג, מוז איינזעהען, דאָס
ער האָט אייגענטליך אַזוי פיעל, ווי גאָר נישט!

דער צופאַל האָט אָבער דערווייל ווידער אַ קעהר געטהון די זאַך לטובת דער אינקוויזיציע, דעם קעניג מיט די פאַנאַטיקער. אין אַ געוויסען טאָג (פעברואַר 1539) האָט מען געפונען אין ליסאַבאָן אויף דער טהיר פון אַ גרויסער קירכע, ווי אויך אין פיעל אַנדערע קירכען צוגעקלעפּט אַ צעטעל מיט פאָלגענדען אינהאַלט: „משיח איז נאָך נישט געקומען, דאָס קריס-טענטום איז נישט קיין אמת'ער גלויבען א. א. וו." עס פערשטעהט זיך, אַז גאַנץ פּאָרטוגאַל איז שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען פון אַזאַ לעסטע-רונג, און מען האָט איינגעאָרדענט אַ שטרענגע אונטערזוכונג, כדי צו ענטדעקען, ווער עס האָט אַזאַ צעטעל אָנגעשריבען. דער קעניג האָט ער-קלערט, אַז ער גיט צעהן טויזענד דוקאַטען דעם, וואָס וועט די זאַך ענט-דעקען. אָבער אויך דער פּויפּסטליכער נונציוס האָט בעשטימט פינף טוי-זענד דוקאַטען דעם ענטדעקער, ווייל די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אַז אין דער זאַך שטעקט אַ פּראָוואָקאַציע, און נור די שונאים פון די אנוסים האָבען דעם צעטעל אויסגעהאַנגען, כדי צו קאָנען געפינען אַ נייעם תירוץ פאַר זייער אכזריות געגען די אונגליקליכע און שטעלען דעם נונציוס אין אַ שווערער לאַגע. כדי אָבצוווענדען פון זיך יעדען חשד, האָבען די אנוסים געלאָזט אויפהענגען אויפ'ן זעלביגען אָרט אַ צעטעל מיט אַזאַ אינהאַלט: „איך, וועלכער בין נישט קיין שפּאַניער, נישט קיין פּאָרטוגיעזער, נור אַן ענגלענדער, בין דער מחבר פונ'ם צעטעל, און, אויב אפילו איהר וועט געבען צוואַנציג טויזענד דוקאַטען, וועט איהר דאָך מיין נאָמען נישט ענטדעקען" מען האָט דאָך אָבער יאָ געפונען דעם מחבר אין דער פּערזאָן פונ'ם אנוסי עמנואל דע קאַסטאַ. מען האָט איהם געשטעלט פאַר'ן געריכט פון דער אינקוויזיציע און ער האָט זיך מודה געווען; מען האָט איהם אויך געלעגט אויף דער מערדערישער ענוים-באַנק און אונ-מענשליך געפּייניגט, כדי ער זאָל ענטדעקען, ווער עס זענען זיינע מיטשול-דיגע, און, נאָכדעם, ווי מען האָט איהם ביידע הענד אָבגעהאַקט, האָט מען איהם פערברענט לעבעדיגער'הייד. די אנוסים האָבען איינגעזעהען, אַז עס הויבען זיך אָן פאַר זיי שרעקליכע צייטען און פיעל פון זיי האָבען זיך נעאיילט אַרויסצוראַטעווען זיך דורכ'ן ענטלויפען. דער קעניג האָט אין דער ווירקליכקייט אויסגענוצט די געלעגענהייט, כדי צו לאָזען ווירקען די אינקוויזיציע שטרענגער, אונמענשליכער און בלוטיגער און דעם נונציוס אינמעגליך צו מאַכען זיין אריינמישען זיך. מען האָט באַלד בעשטימט פאַר אינקוויזיטאָרען די פערביסענסטע פאַנאַטיקער, צום גרויסען פערדרוס פונ'ם נונציוס און דעם פּויפּסט. צווישען די נייע אינקוויזיטאָרען איז אויך געווען דער מאָנאַך יואַן סאָארעס, וועגען וועלכען דער פּויפּסט האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט אַזוי: „דאָס איז אַ מאָנאַך, וואָס האָט וועניג געלערנט, אָבער וועלכער צייכענט זיך אויס דורך זיין גרויסער הוצפה און זיין תאוה צו כבוד. זיינע מיינונגען זענען די ערגסטע און ער איז אַנ'עפענטליכער פיינד פונ'ם פּויפּסטליכען שטוהל, האָבענדיג נאָך

דערצו אַ חוצפּה צו בעריהמען זיך דערמיט". אַט דער אונוויסענדער, אָבער אכזריות'דיגער מאָנאַך איז עס געוואָרען איצט אַנ'אונבעגרענצטער בעל-הבית איבער'ן לעבען און פערמעגען פון די אַנוסים; צוזאַמען מיט איהם איז אויך בעשטימט געוואָרען פאַר אַ ריכטער אין דער אינקוויזיציע דער דאָקטאָר מ ע ל אַ — אַ פערביסענער שונא-ישראל. די פלאַמען פייער מיט די פייער-אָפּפער זענען שוין איצט געוואָרען אַנ'אָפטע ערשיינונג אין פּאָרטוגאַל; מען פלעגט פערברענען פון צעהן ביז צו פערציג אַנוסים מיט איינמאָל, און אויף זייער אָפּעלאַציע צום פּויפּסט פלעגט מען גאָר נישט אכטונג געבען. די תּפיסות פון די אינקוויזיציעס זענען פול געוואָרען מיט אַנגעקלאָגטע אַנוסים, אָדער אַזעלכע, אויף וועלכע מען האָט בלויז אַ חשד געהאַט. די ענוים, וואָס מען פלעגט דאָרט די אונגליקליכע אָנטהון זענען געוואָרען אַ העסליך-שוידערהאַפטע...

אימה'דיג איז די שילדערונג, וואָס עס גיט דער דאָמאָלסדיגער דיכטער ש ל מ ה א ו ש ק י פון די שוידערהאַפטע ענוים, וועלכע מען האָט אָנגעטהון די אַנוסים אין דער פּאָרטוגיעזישער אינקוויזיציע. שלמה אושקי האָט די שרעקליכע פּייניגונגען אליין איבערגעלעבט זייענדיג נאָך אַ אינגעל:

„דערזעהענדיג די בלוט-דורשטיגע רויב-חיה — שרייבט שלמה אושקי — האָבען אונזערע ברידער אַ ציטער געטהון און זייער לעבען איז פול געוואָרען מיט אַ ביטערען וועהטאָג. די אינקוויזיציע האָט זיי אַרויסגעריסען פון זייער רוהיג לעבען און אריינגעבראַכט אין די תּפיסות, וואו זיי האָבען געליטען און ביטער געזיפצט. דאָרט האָט מען זיי אונמענשליך געפּייניגט און לסוף געשלעפּט צום פייער-טויט. דאָרט האָבען זיי געמוזט צוזעהען, ווי מען האָט זייערע זיהן דער'הרג'עט, זייערע פרויען פערברענט, זייערע ברידער געשלעפּט צום טויט. זיהן זענען געוואָרען יתומים, אלמנות — וויסט און עלענד, עשירים זענען געוואָרען אביונים, מעכטיגע זענען שוואַך געוואָרען, איידעלע מיוחסים זענען געוואָרען גאַסען-רויבער, פרויען צנועות האָט מען צו שאַנד געשלעפּט און אין געמיינע הייזער אַריינגעבראַכט, שטויסענדיג זיי אין אָרימקייט און ביטערען עלענד. די אינקוויזיציע האָט פיעל מענשען לעבעדיגער'הייד פערברענט, נישט איינציגוייז, צו דרייסיג אָדער צו פופציג מיט אַ מאָל. און נישט גענוג נאָך, וואָס זי האָט זיי פערברענט, פיהרט זי נאָך צו די קאָסטרעס די קריסטען און בעריהמט זיך פאַר זיי און פרעהט זיך זעהענדיג, ווי זי וואַרפט יעקב'ס קינדער אין פייער און דערוועקט די קריסטען צו ברענגען האָלץ און אָנצינדענדיג עס, צו וואַרפען אין פייער. די אידען, וועלכע מען האָט מיט געוואַלד אָבגעשמד'ט, געהען אַרום פול מיט שרעק פאַר דער דאָזיגער ווילדער חיה (פאַר דער אינקוויזיציע), וואַרפענדיג אַרום זיך אויף די זייטען דערשראָקענע בליקען, צי האַפּט מען זיי נישט. מיט אַנ'אונזיכערען הארצען בלאָנדזשען זיי אַרום, ציטערנדיג, ווי אַ בלאַט אויף ...

בויב. מיט אימה נעהמען זיי אריין דעם ביסען ברויט אין מויל, און די שעה, וועלכע ברענגט בערוהיגונג פאר אלע בעשעפענישען (די נאכט), בעאונרוהיגט און שרעקט זיי נאך מעהר. די שמחות און די פייערונגען פון קינדם־חתונות אדער געבורטען ווערען פאר זיי נאך גרעסערע טרויער־טעג און אונרוהיגקייטען. יעדער אויגענבליק גיט זיי צו פערזוכען דעם טעם פון טויזענדער מיתות משונות".

אין דער דאזיגער שילדערונג איז כלל נישטא קיין גוזמאות; די פאנטאזיע פונ'ם דיכטער האט די יסורים פון די אנוסים נישט פערגרעסערט; א קאלעגיום פון קארדינאלען, וועלכע האט געדארפט אויספארשען די פראגע וועגען די מעשים פון דער פארטוגיעזישער אינקוויזיציע געגען די אנוסים און געבען אנ'אפיציעלען בעריכט, בעשטעטיגט די דערמאהנטע שילדערונג ווארט ביי ווארט. „ווען מען קלאגט אן אנ'אנוסי — ריכטעט דאס קאלעגיום — טיילמאל אפילו אויף דורך פאלשע עדות, שלעפט איהם די אינקוויזיציע אין איין פינסטער לאך, וואו עס ווערט איהם נישט ערלויבט צו זעהען הימעל און ערד און בפרט נישט צו ריידען מיט זיינע קרובים, כדי זיי זאלען איהם נישט קאנען קומען צו הילף, מען בעשולדיגט איהם, לויט א פינסטערער מסירה און מען ווייזט איהם אפילו נישט אן נישט די צייט, נישט דעם ארט, וואו ער האט זיין פערברעכען בעגאנגען, אדער וואס פאר א פערברעכען דאס איז געווען. שפעטער גיבען זיי איהם כלומר'שט אנ'אדוואקאט, אבער אנשטאט צו פערטיידיגען איהם, העלפט ער זיי פיהרען דעם קרבן צום פייער־טויט. אויב דער אונגליקליכער איז זיך מודה, אז ער איז א געטרייער קריסט, נור ער לייקענט אב ענערגיש די בעשולדיגונג, וועלכע ווערט געגען איהם ארויסגעשטעלט, פערמשפט'ן זיי איהם צום פייער־טויט און קאנפיסקירען זיין פערמעגען. אויב ער איז זיך מתודה, אז ער האט דאס אדער יענעם געטהון, נור אהן א שלעכטער כונה, פערמשפט'ן זיי איהם ווידער אויף אזא אופן, געפינענדיג א תירוץ, אז ע איז אנ'עקשן און וויל נישט אויסזאגען זיין כונה. אויב אבער ער איז זיך מודה אין אלץ, וואס מען פערלאנגט פון איהם, פערמשפט מען איהם צו אייביגער פינסטערער תפיסה — און דאס הייסט ביי זיי: בעגעהן זיך מיט קריסטליכער מילדקייט און רחמנות! אפילו דער, וועמען עס געלינגט, צו דערווייזען קלאר ווי די זון זיין אונשולד, ווערט פערמשפט, צו בעצאהלען א גרויסע סומע געלד, כדי מען זאל נישט זאגען, אז די אינקוויזיציע האט אומזיסט געלאזט ארעסטירען א מענשען. פיעל פון די ארעסטירטע געהען אויס פון יסורים און עלענד אין די תפיסות, און די, וואס ווערען שוין יא בעפרייט, ווערען בעפלעקט מיט זייער גאנצער משפחה מיט אנ'אייביגען שאנד־פלעק".

וואס מעהר אכזריות און אונמענשליכקייט די פארטוגיעזישע אינקוויזיציע האט ארויסגעוויזען, אלץ פעסטער האבען די אנוסים זיך געהאלטען ביי זייער לעצטער האפנונג, אז דער פויפסט און די שתדלנים וועלען זיי העלפען. זיי האבען געפונען א נייעם שתדלן, וועלכער איז געווען עהרלי־

כער פאר דוארטע דאפאז און האט ענערגישער געארבייט פאר זיי. דער קאמף צווישען דעם פארטוגיעזישען הויף און דעם פויפסטליכען שטוהל האט זיך אנגעצונדען פון דאס־ניי. דאס איז געווען א קאמף אויף טויט און אויף לעבען. דא זענען ארויסגעטרעטען אונגליקליכע, וועלכע האבען ביי אלע אנשטרענגונגען דאך נישט געקאנט פועל'ן ביי זיך צו פעראייניגען זיך מיט'ן קריסטענטום, אבער זיי האבען אויך נישט געהאט גענוג מוט און קראפט צו ברענגען גרויסע קרבנות פאר'ן יודענטום נישט מיט זייער פערמעגען, נישט מיט זייער שטעלע און לעבען. כדי צו דערוועקען דעם פויפסט נעגען די אנוסים, האט דער גרויס־אינקוויזיטאר, הענריקו, געלאזט צוזאמענשטעלען א רשימה פון די זינד פון די אנוסים און ארייגעשיקט איהם אין רוים (פעברואר 1542).

אויך די אנוסים האבען נישט געשוויגען. כדי צוצונעהמען ביי זייערע נעגנער אין רוים און ביים פארטוגיעזישען קעניגליכען הויף דאס געוועהר נעגען זיי, און ענטפערן גרונדליך אויף אלע טענות נעגען זיי, האבען זיי אויסגעארבייט א גענויען מעמאראנדום (1544), אין וועלכען זיי דערצעהלען זייערע יסורים און רדיפות אין דער רעגירונג פון מאנועל און יואן III, ווי אזוי מען האט זיי דורך אלערליי מיטלען געבראכט צום קריסטענטום, בעשטעטיגענדיג זייער ערצעהלונג מיט דאקומענטען ביז אויף דער לעצטער צייט. זייער מעמאראנדום איז אנ'אייביגער שאנד־מאנומענט פאר די פארטוגיעזען פון יענער צייט.

אבער די אנקלאגען פון ביידע צדדים האבען צום ציעל נים געפיהרט. דער פויפסט פאול פארנעזע איז געווען, ווי געלעהמט. ווי שטארק עס האט איהם נישט געשוידערט הערנדיג די שרעקליכע מעשים פון דער אינקוויזיציע, ווי נויטיג ער האט נישט געברויכט דאס געלד, וואס די אנוסים האבען איהם גענעבען, כדי ער זאל קאנען פיהרען מיט ערפאלג זיין קאמף מיט דער רעפארמאציע אין דייטשלאנד, האט ער דאך אבער אויך נישט געקאנט איינרייסען מיט דעם קעניג פון פארטוגאל. דער פויפסט איז אליין געווען איינגעפענטעט אין די קייטען ביי די קאטוילישע פאנאטיקער, כדי צו קאנען קעמפען מיט ערפאלג נעגען די פראטעסטאנטען און דערהויבען ווידער דעם כבוד פונ'ם פויפסטום, האט ער בעשטעטיגט דעם ארדען פון די יעזואיטען (1540), וועלכער האט אויפגעשריבען אויף זיין פאהן די פאראלע: „די קעמפענדע קאטוילישע קירכע". ער האט בעשטעטיגט דעם פארשלאג פונ'ם פאנאטישען פיעטרא קאראפא, אז מען זאל גרינדען די אינקוויזיציע אין רוים גופא, כדי צו קעמפען נעגען דער אפיקורסות פון דער רעפארמאציע (1542). איגנאז לאיאלא (דער גרינדער פון יעזואיטען־ארדען) און קאראפא זענען געווארען די פאלקאמע בעלי בתים פון רוים און דער פויפסט איז געווען נור א אינסטרומענט אין זייערע הענד. דערצו האט מען נאך געברויכט דאמאלם צוזאמענצורופען דאס טרידענטישע קאנסיליום, כדי צוזאמענצושטעלען א

נייעם קאַטוילישען „אני-מאמין“, דורך וועלכען מען זאָל קאָנען פּאַראַליזי-רען די פּראָטעסטאַנטען. דערצו האָט דער פּויפּסט פּאָול III געברויכט צו האָבען פאַנאַטישע מיטאַרבייטער, כדי צו קאָנען דריקען אויף די שוואַכע מאמינים. אַזעלכע פאַנאַטישע מיטאַרבייטער האָט ער אָבער געקאָנט בעקו-מען נור אין שפּאַניען, אָדער אין פּאָרטוגאַל. אין פּאָרטוגאַל זענען די יעזו-איטען אויפגענומען געוואָרען זעהר פריינדליך. דער פּויפּסט איז דעריבער געווען געצוואונגען צו מאַכען חנ'דלעך מיט'ן פּאָרטוגיעזישען קעניגליכען הויף און בענייגען זיך מיט די ביטעס, דאָרט וואו ער האָט געקאָנט אַרויס-טרעטען מיט בעפעהלען.

צום קאָנסיליום פון טריענט האָט פּאָרטוגאַל געשיקט אַ פאָרשטעהער, וועלכער האָט גאַנץ גוט געפּאַסט פאַר'ן פּאָרטוגיעזישען פאַנאַטישען קעניג, דעם בישאָף באַלטאַזאַר לימפּאַ, וועלכער האָט זיך ערלויבט אַרויס-צוטרעטען געגען דעם פּויפּסט מיט אַזאַ שאַרפער שפּראַך, וואָס האָט איהם געקאָנט דערוויזען גאַנץ קלאָר, אַז ער איז מעהר נישט קיין בעל-הבית אין זיין אייגענעם הויז. ער האָט געפאָדערט, אַז דער פּויפּסט זאָל ענדליך מסכים זיין אויף אַ"ע מעשים פון דער אינקוויזיציע געגען די אַנוסים, און האָט שטאַרק געשטראָפט דעם פּויפּסט פאַר זיין פּאַרטייאישקייט לטובת די אַנוסים, ער האָט בעמערקט גאַנץ ריכטיג: „ווי קריסטען און אונטער קריסט-ליכען נאָמען פערלאָזען זיי פּאָרטוגאַל און נעהמען מיט זיך זייערע קינדער, וועלכע זיי האָבען אַליין געלאָזט אָבשמד'ן ביי זייער געבורט און ווען זיי קומען קיין איטאַליען גיבען זיי זיך אויס פאַר אידען, לעבען לויט'ן אידישען דין און זענען מלה זייערע גע'שמד'טע קינדער. און דאָס קומט פאַר אין די אויגען פונ'ם פּויפּסט מיט זיין הויף, אין די מויערן פון רוים און באָלאָניאַ. דאָס קומט פאַר דערפאַר, ווייל דער פּויפּסט האָט די אַנוסים (די אפּיקורסים) געגעבען אַ פּריווילעגיום, אַז קיינער טאָר זיי נישט אָנקלאָגען אין אָנקאָנאַ פאַר זייער גלויבען. ביי אַזעלכע אומשטענדען איז אונמעגליך, אַז דער קע-ניג זאָל זיי לאָזען פריי אַרויסגעהן פונ'ם לאַנד. אָדער צי פערלאַנגט דען דער פּויפּסט, אַז די אַנוסים זאָלען זיך קאָנען בעזעצען פריי, אַלס אידען, אין זיין לאַנד, כדי ער זאָל פון זיי קאָנען האָבען נוצען?... אַנשטאָט אין פּאָרטוגאַל, האָט ער בעסער געדאַרפט שוין לאַנג איינאָרדנען די אינקוויזיציע אין זיין לאַנד גופא!“ אויף אַזאַ רעדע האָט דער פּויפּסט געקאָנט געבען אַ ריכטיגען ענטפער נור דאַן, ווען ער וואָלט געהאַט אַנ'אמת ריינעם געוויסען און ער וואָלט איבעראַל געלערנט דאָס קריסטענטום נור אַלס רעליגיאָן פון ליעבע און חסד, פון מילדטהעטיגקייט און מענשליכקייט. אין אַזאַ פאָרם האָט ער אָבער דאָס קריסטענטום אַליין נישט פּראָפּאַגאַנדירט; פאַר זיין ממשלה האָט ער דורכאויס געברויכט צו האָבען דעם פאַנאַטיזם, דורך וועלכען ער האָט אויך געוואָלט קעמפען געגען די פּראָטעסטאַנטען; ביים אָנפאַנג פונ'ם קריעג געגען די פּראָטעסטאַנטען האָט ער אַליין געהאַט אַרויסגעגעבען די מערדע-רישע בולה, אין וועלכער ער רופט אויס צו די קאַטאָליקען: „שלאָגט די

פראָטעסטאַנטען טויט!“ ביי אַזאַ בעציהונג צו דער קריסטליכער מאָראַל האָט דער פויפּסט, נאַטירליך, נישט געקאָנט ענטפערן אויף לימפּאָ'ס רעדע. ער האָט זיך אַליין פערפּלאָנטערט אין זיין נעץ. איין זאַך האָט אָבער פּאָול III נאָך געוואָלט ראַטעווען: די פרייע אויסוואַנדערונג פון די אַנוסים פון פּאָרטוגאַל. אונטער דער דאָזיגער בעדינגונג האָט ער איינגעשטימט מסכים צו זיין אויף אַלע אכזריות פון דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל, לויט ווי עס האָט דאָס פערלאַנגט דער פּאָרטוגיעזישער הויף. די אנוסים, וועלכע האָבען געוואָלט אויסוואַנדערן פון פּאָרטוגאַל האָבען נור געזאָלט ערוב זיין פאַר איין זאַך: אַז זיי וועלען זיך נישט אַריבערציהען אין אַ מחמדאַניש לאַנד — קיין אפריקאַ, אָדער קיין טערקיי. אָבער אויך דערויף האָט לימפּאָ געגעבען אַ שלאָגענדען ענטפער: „צי איז דען אַנ'אונטערשיד, אויב זיי וועלען זיך געפינען אינ'ם לאַנד פון די אונגלויביגע אָדער אין איטאַליען? אין אַנקאָנאַ, פערראַראַ, אָדער ווענעדיג וועלען זיי זיך מל'ה זיין און פון דאָרט אַרויסציהען זיך קיין טערקיי. זיי האָבען דאָך די פויפּסטליכע פּריווילעגיעס און קיינער טאָר זיי דאָך נישט פרעגען, צי זענען זיי ניט אמאָל אידען!... קיין צייכען אויף די קליידער טראָגען זיי דאָך אויך נישט, זיי קאָנען זיך אַלזאָ פראַנק און פריי געהען, וואוהין זיי ווילען, אָבהיטען שבתים און יום־טובים, געהען אין שוהל אַריין און נוהג זיין זיך אין יעדער הינזיכט, ווי אידען! אָה, וויפיעל מענשען, וועלכע זענען אין זייער יוגענד אָבגעשמד'ט געוואָרען אין פּאָרטוגאַל, אָדער זענען שוין געווען פערמשפּט צום פייער־טויט, בעזוכען איצט אין איטאַליען גאַנץ רוהיג די אידישע שוהלען! ערלויבט מען זיי, אַז זיי זאָלען פריי אויסוואַנדערן פון לאַנד, דאַרפען זיי נור אַרויפּ־טרעטען אויפ'ן מחמדאַנישען באָדען און — זיי זענען שוין עפענטליך אידען! קיינמאָל וועט אונזער קעניג אַזעלכעס נישט ליידען און קיין טעאָלאָג — וואָס רייד איך, — קיין איינפאַכער קריסט וועט אַזעלכעס נישט ראַטען צו דערלאָזען. אָנשטאָט דעם, וואָס דער פויפּסט בעמיהט זיך אַריינצוברענגען די אַנוסים אין אַ זיכערען לאַנד, זאָל ער בעסער עפענען וואָס מעהר אינקווי־זיציאָנס־געריכטען אין זיין לאַנד און משפּט'ן נישט בלויז די לוטהערישע אַפּיקורסים, נור אויך די אידישע אַפּיקורסות בעשטראָפען,—אַנ'אַפּיקורסות, וועלכע האָט געמאַכט זיך אין איטאַליען איהרע ערי־מקלט“.

פּאָול III איז געווען געצוואונגען נאָכצוגעבען פּאָרטוגאַל נאָך אויך צוליעב אַנ'אַנדער אומשטאַנד. דורך זיין נצחון איבער די פּראָטעסטאַנטען האָט קאַרל V געוואָלט ווערען אַ בעל־הבית איבער דאָס פויפּסטום און איינפיהרען אַ נייע אָרדנונג, אויף וועלכער עס זאָלען אויך קאָנען איינשטי־מען די פּראָטעסטאַנטען. דאָס איז געווען אייגענטליך אַ קריעגס־ערקלערונג דעם פויפּסט. דער פויפּסט האָט דאַריבער געמוזט ברעכען מיט'ן קייזער און, כדי נישט צו שטעהען גאָר אליין אין אַזאַ שווערען קאַמף האָט ער געמוזט האָבען אויף זיין צד פּאָרטוגאַל, ווי אויך נאָך פיעל אַנדערע מיטעלמעסיגע קאַטוילישע מלוכות אין אייראָפּאַ. און אָט דעריבער האָט ער געשיקט קיין

פּאָרטוגאַל אַ געזאַנדטען מיט בולה'ס און בעפעהלען, לויט'ן פערלאַנג פון יואַן III; פּאָרטוגאַל ווידער האָט געפונען אַ מיטעל צו געווינען אויף איהר צד די קאַרדינאַלען, וועלכע זענען געשטאַנען אויפ'ן צד פון די אנוסים. דאָך האָבען די פאַרשטעהער מצד דעם פויפּסט פאַרט אַרויסגעוויזען עפּעס חסד פאַר די אַנוסים; זיי האָבען נעמליך געפאָדערט, אַז מען זאָל די אַנגעקלאַגטע אַנוסים נישט פערמשפּט'ן באַלד, נור ערשט שפּעטער משפּט'ן זיי, אויב עס וועט זיין געגען זיי אַנ'אַנקלאַגע. אויך דאַן זאָל מען אין די ערשטע צעהן יאָהר נישט קאָנפיסקירען זייערע נחלאות, נור איבערלאָזען זיי זייערע יורשים אין קריסטענטום. אויף דער פאָדערונג פון פּאָרטוגאַל צו בעגרעניצען דאָס רעכט פון די אַנוסים אויסצוואַנדערן פון פּאָרטוגאַל — אַ פּונקט, וועלכער איז זעהר וויכטיג געווען פאַר יואַן III — האָט דער פויפּסט נאָכגעגעבען.

דער סוף פון דער אונטערהאַנדלונג איז געווען, דאָס צוליעב דער מחילה סליחה, וואָס דער פויפּסט האָט געגעבען די אַנגעקלאַגטע, האָט מען געעפענט די תפיסות פאַר אַכטצעהן הונדערט אַנוסים און אַרויסגעלאָזט זיי פריי (יולי 1548). באַלד נאָכדעם האָט מען צוזאַמענגערופען אַלע אַנוסים און בעפוילען זיי אָבצוזאָגען זיך פייערליך פון יודענטום. ערשט פון דעם מאָמענט אָן האָט מען זיי אָנגעהויבען בעטראַכטען אַלס אמת'ע קריסטען און, אויב מען וועט זיי אין דער צוקונפט אַנקלאַגען אין אַ זינד געגען דעם קריסטענטום, וועט מען זיי משפּט'ן, ווי געוועהנליכע אַפּיקורסים.

דער פויפּסט האָט אָבער אין אַ בעפעהל געפאָדערט פון קעניג יואַן, אַז אויך שפּעטער זאָל מען זיי משפּט'ן מיט חסד, ווייל זיי היטען אָב פיעל אידישע מנהגים, נור צוליעב געוואוינהייט. אַזוי אַרום האָט דער פויפּסט פּאָול III ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבען בעשיצט די אַנוסים. אָבער אומזיסט האָט מען זיך בעמיהט צו מאַכען זיי פאַר גוטע קריסטען. דער פּאָרטוגיעזישער הויף האָט נישט געקאָנט קלייבען אַזוי פיעל נחת פון דער אינקוויזיציע, ווי דער שפּאַנישער. אין פּאָרטוגאַל זענען די אַנוסים, נישט אַכטענדיג אויף זייער נייעם עפענטליכען אָבזאָגען זיך פון יודענטום, דאָך אַלץ נאָך נישט בעטראַכט געוואָרען, אַלס אמת'ע קריסטען, אויף וועלכע מען קאָן אָנווענדען די בעשטראָפונג, לויט די געזעצען פון דער קירכע, ווי אויף קריסטליכע אַפּיקורסים. נאָכ'ן טויט פונ'ם פויפּסט פּאָול III (נאָוועמבער 1549) האָבען די אַנוסים זיך ווידער משתדל געווען ביים נייעם פויפּסט יוליוס III, אַז ער זאָל זיי געבען מחילה-סליחה. אפילו אויך די שפּעטערדיגע פויפּסטען וועלכע זענען בכלל געווען זעהר רעאַקציאָנער און געשטיצט די רדיפות געגען אַלץ, וואָס איז נישט אינגאַנצען איינשטימיג מיט'ן קאַטוילישען גלויבען, האָבען זיך אויך בעצויגען צו דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל בלויז ווי צו אַנ'עקזיסטירענדען פאַקט, אָבער נישט ווי צו אַ געזעצליכער זאַך. נאָך פופציג יאָהר שפּעטער איז דער פויפּסט קלעמענס VIII זעהר שטאַרק נישט צופרידען געווען מיט דער יוסטיץ-מערדעריי פון דער פּאָרטוגיעזישער אינקוויזיציע און האָט ווידער געגעבען אַנ'אַלגעמיינע מחילה-סליחה פאַר די פערורטיילטע אַנוסים אין פּאָרטוגאַל.

דריטעס קאַפּיטעל.

די אנוסים און די פּויפּסטען.

(1566 — 1548)

יעדעס מאָל, ווען אין שפאַניען אָדער אין פּאָרטוגאַל פלעגען אויפשטייגען צום הימעל די בלוטיגע פלאַמען, אין וועלכע עס פלעגען פערברענט ווערען די מענשליכע פייער־אָפּפער, פלעגען איינצעלנע, אָדער גאַנצע גרופּעס אַנוסים ענטלויפען פון די מערדערישע לענדער אין ווייטען מזרח, אין טרקיי, דאָרט, וואו זיי זענען נישט געווען אין דער ממשלה פון אַ קריסטליכער מלוכה; דען אויך אין איטאַליען האָבען די אידען זיך שוין נישט געשפירט מעהר זיכער, זינט די בעסערע פּויפּסטען האָבען געגען זייערע בעסערע איבערצייגונגען געמוזט איינשטימען צו גרינדען דאָרט אינקוויזיציאָנס־געריכטען. די טערקיי איז דעריבער געוואָרען אַ אידישע וועלט אין אַ קליינעם מאַסשטאַב, וואו די אידען האָבען זיך געלעבט אַזוי רוהיג און זעלבסטשטענדיג, אַז אפילו די דעספּאָטישע טערקישע סולטאַנען האָבען זיך נישט ערלויבט אַריינצומישען זיך אין זייערע אינערליכע כלל'ישע ענינים, האָטש דער יחיד האָט אָפט געהאַט צו ליידען פון דער ווילקירליכקייט פון די בעאַמטע. אין טערקיי, ווי אויך אין ארץ־ישראל, וואו זיי האָבען זיך געשפירט אין אַ געהויבענער שטימונג, צוליעב זייער גרויסער צאָהל און דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד, האָבען די אידען דעריבער נישט אויפגעהערט צו חלומ'ן וועגען גרינדען אַ אידישע פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט און ענטוויקלען די האָפנונגען וועגען משיח'ן. דאָס אויפטרעטען פון שלמה מולכו, וועלכער איז פערברענט געוואָרען על קידוש השם אין מאַנטואַ, איז נעמליך נישט געבליבען גאָר אָהן אַ שפּור; פיעל־מעהר איז נאָך איהם געבליבען אַ לעבעדיגער ווידערקלאַנג אין אידישען לעבען אין דער טערקיי. אין צפת, דער גרעסטער אידישער קהלה אין ארץ־ישראל, וואו שלמה מולכו האָט פערבראַכט אַ לענגערע צייט, וואו ער האָט געהאַט פיעל פריינד און חברים און דערוועקט משיחישע האָפנונגען, האָט מען נאָך זיין טויט אויך פעסט געגלויבט אַז זיינע נביאות וועלען אויף זיכער מקוים ווערען. דאָס יאָהר 5300 זינט די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען (1540) איז, לויט אַלע משיחישע חשבונות, געווען אַ משיח־יאָהר. אָבער ווען דאָס יאָהר איז אַרי־

בער און משיח איז נישט געקומען האָט מען זיך דערמאָנט, אַז משיח קאָן גאָר נישט קומען פלוצלונג, און די אידען מוזען גאָר מאַכען געוויסע הכנות אליין דערצו. דער רמב"ם האָט געהאַט ערקלערט, אַז „משיח בן דוד וועט קומען, איידער די אידען וועלען נישט גרינדען אַ גרויסען בית-דין, אָדער אַ סנהדרין אין ארץ - ישראל. און אָט האָט מען דעריבער איצט אָנגעהויבען טראַכטען וועגען סומך זיין אַזעלכע דיינים, וואָס זאָלען קאָנען אַנטייל נעהמען אין אַזאַ סנהדרין, ווי ער איז געשטאַנען אין דער צייט פון בית המקדש און נאָך איהם, אין דער צייט פון תלמוד. דערצו האָט מען אָבער געדאַרפט איינפיהרען די „סמיכה", וועלכע איז העכער טויזענד יאהר פריהער, אין דער צייט פון תלמוד אַרויסגעגעבען געווען דורך די גרעסטע לייט פון זייער צייט. מצד דער טערקיי איז קיין מניעה דערצו נישט געווען. די רבנים האָבען סיי ווי סיי געהאַט דאָס רעכט אין דער טערקיי צו משפט'ן אי דיני ממונות, אי דיני נפשות. אָבער די רבנים, וועלכע די קהלות האָבען געהאַט אויפגענומען, האָבען נישט געהאַט קיין תלמודיש-געזעצליכע „סמיכה". מען האָט די רבנים געפאָלגט, אָבער טיילמאָל פלעגט מען אויך אַרויסטרעטען געגען זיי. זייער אויטאָריטעט האָט זיך געשטיצט אויפ'ן מנהג, אויף דער רגילות, אבער ער איז נישט געווען באַזירט אויפ'ן תלמודישען יודענטום. קיין אחדות אין דער געזעצגעבונג און אין דעם ערקלערען דאָס געזעץ איז נישט מעגליך געווען, כל זמן יעדער רב איז זיך געווען פאָלקאָמער מארי-דאתרא (בעל-הבית) אין זיין קהלה און צו קיין העכערער אויטאָריטעט איז ער נישט געווען מחויב צו געהאָרכען. די צייט האָט אַלזאָ געפאָדערט, אַז מען זאָל גרינדען אַ הויכען-ראַט. וואו-זשע אַנדערש קאָן מען דאָס גרינדען, אויב נישט אין ארץ-ישראל? נור די הייליגע זכרונות פונ'ם דאָזיגען לאַנד האָבען געקאָנט געבען דעם נייעם בית-דין יענעם אויטאָריטעט, וואָס עס האָט ביי אידען געהאַט די סנהדרין נור „פון ציון האָט געדאַרפט אַרויסגעהן תורה און דאָס וואָרט פון גאָט—פון ירושלים"—אַזוי האָבען אַלע געטענה'ט.

אבער אויב פיעל האָבען בלויז גערעדט וועגען דעם, אַז עס איז נויטיג איינצופיהרען צוריק די תלמודישע אָרדנונג פון געבען „סמיכות" אויף דיינות-רבנות און דער דאָזיגער „סמיכות" געבען די נויטיגע אויטאָריטעט און הערשאַפט אין יודענטום, האָט זיך געפונען בלויז איינער, וועלכער האָט געשפירט אין זיך די געהעריגע קראַפט דאָס צו פערווירקליכען. דאָס איז געווען דער חריף רבי יעקב בירב, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פעסטען כאַראַקטער און דעה. נאָך פיעל וואַנדערונגען אין פערשידענע שטעדט און לענדער—מצרים, ירושלים און דמשק,— האָט ער לסוף בעזעצט זיך אין צפת. ער איז געווען אַ רייכער מאַן, און דורך זיין עשירות און גייסטרייכקייט האָט ער געהאַט אַ בעזונדערס הויכען אָנזעהען ביי'ם פאָלק. ער האָט אויפגעטהון דעם פלאַן, צו געבען די משיחישע האָפנונגען

א פעסטען בארדען. זיין כונה איז געווים געווען א גוטע, אבער דערביי האט ער אויך געהאט א פערזענליכען ציעל: ער האט געשטרעבט צו ווערען דער עלטסטער און אנגעזעהענסטער אין יודענטום, דער נשיא פון סנהדרין, דא-דורך אבער אויך אנערקענט צו ווערען אלס נשיא פון אלע אידען אין די מזרח-לענדער (און פארוואס אויך נישט אין דער גאנצער אידישער וועלט?)

דער ערשטער שריט איז אבער געווען א שווערער, דען נאר דער וואס האט אליין געהאט א געזעצליכע „סמיכה“, האט געקאנט געבען אזעלכע אויך אנ'אנדערען; אבער די „סמיכה“ איז, ווי געזאגט, שוין איבערגעריסען גע-ווען ביי אידען אין א משך פון העכער טויזענד יאהר. ארויסגעהאלפען פון דער קלעם האט ווידער א דין אין רמב"ם, נעמליך: אויב אלע חכמים (רבנים) פון ארץ-ישראל האבען מסכים געווען עמיצען פון זיי צו בעשטי-מען אויף דיינות-רבנות, איז ער שוין ממילא א „מוסמך“ צו משפט'ן דיני נפשות און ער האט אויך דאס רעכט צו געבען סמיכות אנדערע. די רבנים פון צפת האבען אלזא געקאנט בענייען די „סמיכות“ ביי אידען, דען צפת איז דאמאלס געווען די גרעסטע קהילה אין ארץ-ישראל, האבענדיג העכער טויזענד אידישע משפחות, די רבנים פון צפת, מייסטענס תלמידי חכמים, וואס זענען נאך ווייניג בעוואוסט געווען אין דער אידישער וועלט, האבען געהאט א צו גרויסען אבשיי פאר רבי יעקב בירב'ס עשירות און לומדות, אז זיי האבען זיך געזאלט שטעלען איהם ענטגעגען און שטערען זיינע כונות. ער האט נאר געדארפט א וואונק טהון, און פינף און צוואנציג רבנים זענען ארויסגעטראטען, צו געבען איהם סמיכות אויף דיינות-רבנות. דאדורך איז אלזא געטהון געווארען דער ערשטער שריט און געלעגט גע-ווארען דער פונדאמענט צו א נייער סנהדרין ביי אידען (1538). איצט איז די זאך געווען פאלקאם אין רשות פון רבי יעקב בירב, וועלכער האט געקאנט סומך זיין חברים, וויפיעל ער האט נאר געפינען פאר נויטיג. אין זיין „אגרת הסמיכה“ האט ער אנגעוויזען אויפ'ן סמך פון תלמוד, ווי געזעצליך זיין סמיכה איז און ווי נישט ריכטיג עס זענען אלע אנווענדונגען, וועלכע מען וואלט געמאכט געגען איהר. די תלמידי חכמים פון די איבע-ריגע קהילות אין ארץ-ישראל האבען אויך איינער נאכ'ן אנדערען געגעבען זייער הסכמה אויף דער ערשטער „סמיכות“. רבי יעקב בירב און זיינע אנהענגער האבען אלזא געגלויבט, אז דאדורך האבען זיי געמאכט דעם ער-שטען שריט אראבצוברענגען משיח'ן, אדער, לפחות, מעגליך צו מאכען זיין קומען. אין דער ווירקליכקייט האט די דאזיגע ערשטע סמיכות געקאנט האבען זעהר א וויכטיגע בעדייטונג, אויב נישט אראבצוברענגען משיח'ן, טא לפחות צו גרינדען און בעפעסטיגען די אחדות ביי אידען. א בענייטע סנהדרין אין ארץ-ישראל האט געקאנט האבען א גרויסען אויטאריטעט שוין דורכ'ן נאמען אליין אויף אין חוץ לארץ, אין אייראפא אדער אין אפרי-קא, און וואלט אויך צוגעצויגען נייע איינוואנדערער אין ארץ-ישראל, פער-גרעסערענדיג דארט דאדורך דעם ישוב און פערשטארקענדיג איהם. די

גרויסע רדיפות פון די אידען אין איטאליען און אין דייטשלאנד, דער פערטיילונגס־קריעג געגען די אנוסים אין שפאניען און פארטוגאל, און בכלל די אלגעמיינע דאמאלדיגע נטיה צו איבערנאטירליכקייטען, צו דער תשוקה צו משיח'ן און דעסגלייכען, אט דאס אלץ וואלט, בלי ספק, פערשטארקט די אויסוואנדערונג פון אלע לענדער פון רייכע אידען, וועלכע וואלטען געשטרעבט צו קומען בעזעצען זיך אין ארץ־ישראל. מיט דער הילף פון די אריינגעבראכטע קאפיטאלען אין לאנד און אויף'ן סמך פונ'ם אויטאריטעט פון סנהדרין, וואלט זיך געקאנט דארט ארגאניזירען א אידישער קבוץ מיט א זעלבסטשטענדיגען פאליטישען כאראקטער. רבי יעקב בירב איז גראד געווען דער רעכטער מענש, דורכצופיהרען און פערווירקליכען אזא גרויסארטיגען פלאן מיט אויסגעהאלטענקייט און מיט עקשנות.

עס האבען זיך אבער באלד ארויסגעוויזען גרויסע שוועריגקייטען. מען האט געקאנט פאראויסזעהען, אז די קהלה פון ירושלים און איהרע פערטרעטער וועלען דערזעהען א בעליידיגונג דערין, וואס מען איז אין אזא וויכטיגען ענין פערביינגעגאנגען די אלטע היילינע שטאדט, וועלכע האט דאך געדארפט האבען די ערשטע שטימע אין אזא וויכטיגען ענין, וואס איז נוגע דער צוקונפט פונ'ם היילינען לאנד און פון גאנצען יודענטום. רבי יעקב בירב האט די זאך גאנץ גוט איינגעזעהען און האט זיך דעריבער געאיילט צו געבען די ערשטע סמיכה דעם „ראש" פונ'ם דאמאלדיגען בית־דין אין ירושלים, רבי לוי בן יעקב חביב (רלב"ח) פון סאמורא אין שפאניען, וועלכער איז כמעט געווען אין איין עלטער מיט איהם. בשעת דער שמד־גזירה פון פארטוגעזישען קעניג מאנועל, איז רבי לוי מיט געוואלד אבגעשמד'ט געווארען נאך אלס יונגער איינגעל און, האבענדיג א קריסטליכען נאמען, האט ער מיט יסורים אין הארצען געמוזט ערפילען די קאטוילישע צערעמאניעס, וועלכע זענען איהם געווען צווידער. פול פערצווייפלונג און מיט יסורים פון גיהנום אין דער נשמה, האט ער זיך קוים דערווארט ביז דער ערשטער געלעגענהייט, צו אנטלויפען פון פארטוגאל און ארבצעווארפען פון זיך די פרעמדע מאסקע, וואס מען האט איהם מיט געוואלד אנגעטהון. צוזאמען מיט זיין פאטער רבי יעקב בן חביב (דעם בעל „עין יעקב") איז ער געקומען ענדליך קיין סאלאניקי, וואו ער האט תורה געלערנט. שפעטער איז ער אבגעפאהרען פון דארט קיין ירושלים, וואו ער איז, אלס גרויסער בקי (בעהאוועגט) אין דער גאנצער רבנישער ליטעראטור, בעשטימט געווארען פאר א רב אב־בית־דין. דא איז ער זעהר בעליעבט געווארען, בעזונדערס דערפאר, וואס ער האט פערשטארקט די אחדות אין דער היילינער שטאדט, וועלכע האט געהאלטען ביי'ם צושטערט ווערען דורך די פיעל פערשידענע קבוצים פון שפאניען און פארטוגאל, וועלכע האבען זיך דארט בעזעצט. רבי לוי בן חביב האט אויך געהאט איינינע ידיעות אין מאטעמאטיק, אסטראנאמיע און „סוד העיבור" (די וויסענשאפט ווי אזוי צוזאמענצושטעלען אידישע לוחות). צווישען איהם און רבי יעקב

...-ער האָט מיט איהם צוזאמען געלעבט אַ געוויסע צייט אין ירושלים, איז אָבער קיין אחדות נישט געווען.

און אַט האָט רבי לוי בן חביב אלס הויפּט־רב פון ירושלים, ער־האַלטען די איינלאַדונג פון רבי יעקב בירב אנצוערקענען זיינע „סמיכות" און מסכים צו זיין אויפ׳ן גרינדען די סנהדרין אין צפת. דאדורך איז אַלזאָ ירושלים געשטעלט געוואָרען נידעריגער פאַר צפת און רבי לוי בן חביב — פאַר רבי יעקב בירב. די בעליידיגונג איז אַלזאָ געווען אַ דאָפּעלטע בפרט נאָך אַז בירב האָט אפילו נישט געהאַלטען פאַר נויטיג פריהער אַנצופרעגען ביי׳ם ירושלי׳מער בית־דין אויב ער איז בכלל מסכים אויף דעם בענייען די „סמיכה" נאָר ער האָט ערקלערט מיט פעסטקייט אַז „אַ דאַנק דער מאַכט וואָס ער האָט ערהאַלטען איז ער סומך רבי לוי בן חביב פאַר אַ דיין־רב. דערביי גיט ער אויך אַנ׳אַנצוהערעניש, אַז אויב רבי לוי בן חביב וועט כלל נישט מסכים זיין אויפ׳ן גאַנצען ענין וועט ער זיך אויך ווייניג קימערען ווע־גען דעם, ווייל דער ירושלי׳מער בית־דין איז אין דער מינדערהייט געגען דער מעהרהייט פון צפת. דער מאָמענט איז געווען זעהר אַ וויכטיגער, דען מען האָט דאַמאַלס נאָכ׳ן פערשטאַרקען די אחדות באמת געקאָנט אויפטהון זעהר אַ וויכטיגע זאַך ביי אידען. צום אונגליק אָבער האָט רבי לוי בן חביב נישט אַרויסגעוויזען קיין געהעריגע גרויסקייט אין דער זאַך. די פּערזענליכע בעליידיגונג האָט זיך ביי איהם געשטאַרקט איבער דער טובת־הכלל; ער האָט אפילו אויך צוליעב דעם פערגעסען אַז ער אליין האָט פריהער אַרויס־געזאָגט דעם וואונש אַז מען זאָל בענייען די פאַרצייטיגע סמיכה פון רבנים־דיינים ביי אידען.

קיין טעמים געגען בענייען די סמיכות און גרינדען אַ סנהדרין האָט מען אין דער תלמודישער און רבנישער ליטעראַטור נישט געברויכט לאַנג צו זוכען. אין דער הינזיכט איז די מיינונגס־פערשידענהייט געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז גאַנץ לייכט געווען צו געפינען טעמים, וויפיעל מען האָט געוואָלט, פאַר און געגען דער זאַך, ווי דאָס איז אויך געווען דער פאַל מיט פיעל אַנדערע ענינים. בירב אליין מיט זיינע וועהלער האָבען אָבער געגע־בען די מעגליכקייט, צו פּראָטעסטירען געגען זיי, און בן־חביב האָט זיך דאריבער צוגעאיילט און אַרויסגעטראָטען מיט אַנ׳עפענטליך ווערק, אין וועלכען ער איז אינגאַנצען מבטל בירב׳ס אויפטהועכץ, געבענדיג אַנ׳אַנצו־הערעניש, אַז לויט׳ן דין האָבען די צפת׳ער רבנים געדאַרפט ביי איהם, בן חביב, אַנפרעגען, איידער זיי זענען געגאַנגען טהון אַזא וויכטיגען שריט. די טעמים, וועלכע בירב האָט אַרויסגעשטעלט זענען פאַר איהם נישט געווען כלל אַזוי וויכטיג, ווי מען האָט געקאָנט מיינען. דאָס רבנישע יו־דענטום איז בכלל צו פּראַקטיש, אַז מען זאָל קאָנען אויף איהם ווירקען מיט ראָמאַנטישע מאָטיווען און חלומות, אָדער אפילו אויך הייליגע גע־פיהלען. די רבנים פון צפת האָבען אפילו נישט געקאָנט אַרויסשטעלען זייער הויפּט־מאָטיוו צו בענייען די סנהדרין, ווייל זיי ווילען דאדורך מעג־

ליך מאַכען דעם אָנפאַנג פון משיח'ס קומען. ווי טייער עס איז ביי די רבנים געווען די האָפנונג אויף משיח'ן, ווי פול זייער האַרץ איז געווען מיט דער דאָזיגער האָפנונג, וואָלט דאָך אַזאַ מאָטיוו קלינגען לעבערליך אין זייערע אויערען, ווען זיי וואָלטען איהם נאָר בעטראַכט מיט'ן קאַלטען פּראַקטישען פערשטאַנד; אַנדערש אָבער וואָלטען זיי דאָך, ווי געזאָגט, נישט געטהון. די איבעריגע מאָטיווען זענען פאַר'ן קאַלטען פערשטאַנד אויך געווען ווייניג וויכטיג. אַזוי, למשל, דער מאָטיוו, אַז מען ברויכט צו האָבען אַ סנהדרין, כדי צוריק איינצופיהרען דעם „קדוש-החודש", דאָס הייסט, כדי צו בעשטימען, ווען עס ברויכט צו זיין ביי אידען חודש און יום-טוב — אָט דער מאָטיוו איז באמת געווען נישט קיין וויכטיגער; ווייל אין אַ משך פון העכער טויזענד יאָהר האָט מען גערעכענט די „לוחות" און אָבגעהיט חודש און יום-טוב, לויט די דאָזיגע חשבונות. אַנריהרען אַזאַ זאַך האָט מען געווים נישט געברויכט. אַנדערע פאַלען, פאַר וועלכע דער תלמוד האָט געפאָדערט צו האָבען דוקא רבנים-דיינים מיט אַ געזעצליכער סמיכה, ווי, למשל, דער פאַל, ווען מען האָט געברויכט צו משפּט'ן אַ שענדער פון אַ אידישער טאָכטער — אַזעלכע פאַלען זענען דאַמאָלס פאָרגעקומען זעהר זעלטען, אַז מען האָט אויף דעם סמך געזאָלט דוקא מוזען בעניייען די סמיכה מיט'ן סנהדרין. די רבנים פון צפת האָבען דעריבער אַרויסגעשטעלט אַנ'אַנדער מאָטיוו, וועלכער איז אין זייערע אויגען געווען העכסט וויכטיג, נעמליך: אין יענער צייט פלעגען אָפט קומען פיעל אנוסים פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, וועלכע האָבען, אין דער צייט, וואָס זיי זענען געווען געצוואונגען צו זיין קריסטען, בעגאַנגען אַזעלכע עבירות געגען יודענטום, וועלכע הייסען, לויט'ן תלמוד, טויט-זינד. די אָנוסים האָבען מיט אַ צובראָכען האַרץ חרטה געהאַט דערויף און האָבען תשובה געטהון, אָראָבוואַרפענדיג די מאַסקע פון קאַטוילישען גלויבען און ווערענדיג צוריק אידען. אָבער דאָס אַליין האָט זיי נישט צופרידענגעשטעלט: די אנוסים זענען אַ צו לאַנגע צייט געווען קאַטוילען און דאָס פּרינציפּ פון אָפיציעלער מחילה-סליחה האָט זיך שוין איינגעגעסען אין זייער כאַראַקטער, און אָט האָט רבי יעקב בירב אַרויסגעשטעלט זיין וויכטיגסטען מאָטיוו פאַר דער נויטווענדיגקייט פון אַ סנהדרין; כדי צו בערוהיגען דאָס געוויסען פון די אָנוסים, האָט מען זיי געדאַרפט בעשטראָפען מיט מלקות (39 שמיץ), וואָס וואָלט געווען פאַר זיי אַנ'אמת'ער סימבאָל פון תשובה און זיי פעראייניגט צוריק מיט'ן יודענטום. אַזאַ בעשטראָפונג האָט אָבער געקאָנט אַרויסגעבען נור אַ סנהדרין, וואָס בעשטעהט פון געזעצליך בעשטימטע מיטגליעדער, דאָס הייסט פון אַזעלכע, וואָס האָבען סמיכה. די סמיכה איז אַלזאָ געווען אַ נויטווענדיגע זאַך, לויט בירב'ס מיינונג. פאַר בן-חביב איז אָבער כלל נישט שווער געווען אָבצוּוואַרפען אויך דעם מאָטיוו, און טאַקי אויפ'ן סמך פון תלמוד. ער אָבער האָט זיך נאָך דערמיט אַליין נישט בענוגענט און האָט אַרויסגעשטעלט אין זיין דערמאָנטען ווערק געגען דער בענייטער „סמיכה"

זעהר פיעל טעמים, וועלכע ער האָט צוזאַמענגעשטעלט מיט גרויסע בקיאות און פלפול. אַזאַ שאַרפע התנגדות און מוט מצד בן-חביב האָט בירב בשום אופן נישט ערוואַרט, און דאָס האָט איהם דעריבער זעהר אויפ-געךעגט. די זאַך איז איהם בעזונדערס פאַרגעקומען זעהר פערדריסליך, צו-ליעב דעם וואָס ער האָט איינגעזעהען, אַז די התנגדות פון ירושלים'ער אב-בית-דין קאָן ווערען געפעהרליך פאַר דער גאַנצער אויפטהועכץ. דען ווי אַזוי האָט מען געקאָנט פועל'ן ביי אַלע ווייטע אידישע קהלות אין איירא-פאַ, אַזיען און אַפריקאַ, אַז זיי זאָלען אַנערקענען די נייע סנהדרין אין צפת און אונטערגעבען זיך איהר, ווען די הויפּט-קהלה פון ארץ-ישראל, ווען די היילינע שטאָדט ירושלים וויל איהר נישט אַנערקענען? דערצו איז נאָך געקומען דער טרויעריגער אומשטאַנד, וואָס בירב'ס לעבען און זיכערקייט אין צפת איז געשטעלט געוואָרען אין סכנה, ווי עס שיינט, דורך אַ מסירה דער טערקישער רעגירונג, וועלכע האָט געוואָלט אויסנוצען די געלעגענ-הייט, כדי צו קאָנען קאָנפיסקירען זיין גרויסען פערמעגען. רבי יעקב בירב איז געוועזען געצוואונגען גאַר צו פערלאָזען ארץ-ישראל אויף אַ געוויסע צייט. כדי אַלזאָ נישט צו לאָזען איינפאַלען דעם ענין פון דער סמיכות" באַלד ביי'ם אָנפאַנג, האָט ער סומך געוועזען פיער תלמידי חכמים, אַ שטייגער, ווי דאָס האָט געטהון רבי יהודה בן בבא אין דער צייט פון אדרינוס-קיסר. די ערשטע פיער מוסמכים זענען געוועזען. ר ב נ ו י ו ס ף ק א ר ו, ר ב י מ ש ה ד ע ט ר אַ נ י, און די מקובלים: רבי מ ש ה ק ו ר ד י ב י ר ו און ר ב י י ו ס ף. דאָס זענען אפילו אַלע געוועזען גרויסע, טיילוויז שוין בע-וואוסטע תלמידי-חכמים, אָבער נאָך זעהר יונגע, און דעריבער האָט זיי-ער סמיכה נאָכמעהר אויפגערעגט דעם בית-דין פון ירושלים. עס האָט זיך אַ פּאָלעמיק און „שאלות ותשובות" אָנגעהויבען, וועלכע זענען גע-שריבען דוקא פאַר'ן פּובליקום און האָט זיך געפיהרט מיט גרויסער ער-ביטערונג און ליידענשאַפטליכקייט, וועלכע געהט איבער אָפט אויך אין זלזולים און זידלערייען. געגען דער בעמערקונג פון רבי לוי בן חביב, אַז אַ תלמיד-חכם, וועלכער בעקומט „סמיכות", מוז זיין נישט בלויז אַ למדן, נאָר אויך אַ קדוש וטהור", ס.הייסט: אַ הייליגער מענש, האָט בירב געענט-פערט מיט אַ ביטערער בעליידיגונג פאַר בן חביב: „איך האָב מיין נאָמען קיינמאָל נישט חלילה, נישט געביטען און אין דער גרעסטער נויט און פערצווייפלונג בין איך גאָטס וועג געגאַנגען" — דערמיט האָט ער גע-געבען אַנ'אָנצוהערעניש דערויף, וואָס בן-חביב איז אין דער יוגענד געוועזען אַנ'אנוסי, און אַלזאָ אַ קריסט, נישט קיין איד. ער האָט אַפילו אויך גע-מאַכט אַ פאָרוואורף רבי לוי בן חביב, אַ אין איהם קלעבט נאָך אַלץ עפּעס וואָס פון קאַטוילישען גלויבען. דאָס האָט געטראָפען רבי לוי בן חביב אין טיעפען האַרצען. ער האָט עפענטליך ערקלערט, אַז די זאַך איז טאַקי אמת און אין דער צייט פון גזרת-השמד אין פאָרטוגאַל האָט מען איהם מיט געוואַלד אָבגע'שמדט און ער האָט אַ קריסטליכען נאָמען בעקומען. אָבער

ער איז נאך דאמאלס געווען גאר יונג און דאריבער האט ער נישט געקאנט מקיים זיין די מצוה פון קידוש-השם, צו שטארבען אלס געטרייער איד פאר'ן יודענטום. איין יאהר נאר איז ער קריסט געווען, און ער האפט, אז די טרערען, וועלכע ער האט דאריבער ביז איצט פערגאסען און פערגיסט נאך אויך איצט, וועלען אבוואשען פון איהם דעם פלעק פאר גאט און אויסלעשען זיין זינד. נאך דער דאזיגער עפענטליכער חרטה און זעלבסטבעשולדיגונג איז בן חביב ארויסגעטראטען געגען בירב מיט א געוואלדיגען צארן און אימפעט; די גרעסטע בעליידיגונגען האט ער איהם אין פנים געווארפען און ערקלערט, אז ער וויל איהם מעהר אין פנים קיינמאל נישט אנקוקען. דורך דער דאזיגער העפטיגקייט פונ'ם ירושלים'ער הויפט-רב, ווי אויך דאדורך וואס רבי יעקב בירב איז באלד נאכדעם געשטארבען (יאנואר 1541), איז דער ענין פון סמיכות בטל געווארען. נור רבנו יוסף קארו האט זיך פון איהר נישט אבגעזאגט און האט אליין שפעטער געגעבען „סמיכה".

רבנו יוסף קארו איז געווען א גרויסע פערזענליכקייט, וועלכע האט געדארפט האבען שפעטער א גאנץ טיפע ווירקונג אויפ'ן לעבען און דער געשיכטע פון אידישען פאלק. אלס קינד נאך (געבוירען 1488, געשטארבען 1575), איז ער צוזאמען מיט זיינע עלטערען ארויסגעטריבען געווארען פון שפאניען און האט זיך גאנץ פריה בעקענט מיט די שווערע ענוים פון אידישען לעבען. נאך לאנגע ארומוואנדערונג איז ער אנגעקומען אין ניקאפאלים, וואס אין דער אייראפעאישער טערקיי. דארט האט ער געלערנט תלמוד ביי זיין פאטער, וועלכער איז געווען א גרויסער למדן, און האט זיך בעזונדערס פיעל פערטיעפט אין לערנען „משניות", וועלכע ער איז קלאר געווארען אויסווייניג. פון ניקאפאלים האט ער נאך אלס יונגערמאן אויסגעוואנדערט קיין אדריאנאפאל, וואו ער איז, צוליעב זיין וואונדערליכער בקיאות אין תלמוד געווארען באלד זעהר אנגעזעהען, און פיעל תלמידים האבען זיך ארום איהם פערזאמעלט. אלס יונגער מאן אין די דרייסיגער יאהרען, האט ער זיך גענומען פאר א גרויסער ארבייט, — צו שרייבען א פירוש אויף די פיער טורים פון רבי יעקב בן אשר, כדי צו ערקלערען און אנווייזען די קוועלען, פון וואנען דער „בעל-הטורים" האט יעדע הלכה גענומען. אויף זיין דאזיגען גרויסען און העכסט וויכטיגען ספר האט רבנו יוסף קארו געארבייט צוואנציג יאהר לאנג. (1522—1542) און אויף דורכצוקוקען דעם ספר נאכאמאל האט ער ווידער פערבראכט צוועלף יאהר (1542—1554). די דאזיגע בעשעפטיגונג איז געווען זעהר א טרוקענע, א הלכה'שע, און זיין פאנטאזיע איז דערביי געבליבען גאנץ רוהיג. אבער אין יענער צייט האט ער זיך בעקענט מיט שלמה מולכו, און אט די בעקאנטשאפט מיט'ן יונגען פאנטאזיען-רייכען בעל-מקובל האט ארויסגערופען א טיפע פערענדערונג אין זיין גאנצען לעבען. דער געוועזענער פארטוגיעזישער אנוסי האט געמאכט אזא שטארקען איינדרוק אויפ'ן

תלמודיסט, אז ער האָט אָנגעהויבען פון איהם צו לערנען קבלה און האָט צוזאַמען מיט איהם אָנגעהויבען חלומ'ן וועגען משיח'ס צייטען. די גאַנצע צייט, וואָס שלמה מולכו איז געווען אין ארץ-ישראל, האָט קאָרו געפיהרט מיט איהם אַ קאָרעספּאָנדענץ און לסוף האָט ער אויך געמאַכט אַ פּלאַן אויסצוואַנדערן קיין ארץ-ישראל. פּונקט ווי שלמה מולכו, האָט ער זיך אויך מכין געווען צו שטאַרבען על-קידוש-השם, „כדי פערברענט צו ווערען אַלס אַ הייליגע עולה-תמימה, אויף גאָט'ס מזבח“. ער האָט אויך בעקומען, ווי שלמה מולכו „חלומות און זעהונגען“, וועלכע זענען צו איהם געקומען, ווי ער האָט געגלויבט דורך אַ העכערער בעשעפעניש — אַ מגיד, וועלכער איז אָבער נישט געווען קיין מלאך, אָדער אַ פאַנטאַסטישע שטימע, נור די „משנה“ אין פּערזאָן, ווי רבי יוסף קארו האָט בתמימות געגלויבט. די משנה פלעגט צו איהם ערשיינען נאַכט און נאַכט אין אַ משך פון פערציג יאָהר און פלעגט איהם שטראָפען, פאַרוואָס ער איז צו שטאַרק איבערגעגעבען דעם עולם-הזה מיט זיינע אינטערעסען, בעפוילענדיג איהם, אַז ער זאָל אָבריכטען תעניתים, אָבטויטען זיין גוף, נישט עסען און טרינקען פון זיין הנאה וועגען, נישט עסען קיין פלייש מעהר ווי איין מאָל — צוויי אַ וואָך, אום שבת און יום-טוב און נישט צו טרינקען אפילו קיין וואסער צו-פיעל. אויב רבי יוסף קארו פלעגט בעגעהן, ווי ער האָט געגלויבט, עפּעס אַ זינד, פלעגט די „משנה“ ערשיינען איהם ביינאַכט אין אַ „זעהונג“ און שטראָפען איהם, זיינע „זינד“ זענען געווען, דאָס ער פלעגט אַמאָל צו-לאַנג פערגינען זיך צו שלאָפען, צו-שפּעט שטעלען זיך דאַוונען, אָדער צו-וועניג זיך בעשעפטיגט מיט'ן לערנען די „משנה“. פאַר אַלע אַזעלכע „פערברעכען“ פלעגט די „משנה“ איהם שטראָפען מיט ליבליכע רייד: „זוהנינקע — פלעגט זי צו איהם טענה'ן — פאָלג נור מיר, וואָס איך זאָג דיר אָן. איך, די משנה“ רייד עס מיט דיר, איך בין די מוטער, וואָס שטראָפט איהר זוהן; צו מיר זאָלסטו זיך בעהעפטען, פון מיין „משניות“ זאָל דיין געדאַנק זיך נישט אָבשיידען אפילו קיין איינציגען אויגענבליק“. עס איז צו בעוואונדערן, דאָס פון די פיעל פאָראויסזאָגונגען פון דער „משנה“ זענען כמעט אַלע מקוים געוואָרען פריהער. אַזוי, למשל, נאָכדעם ווי עס זענען ביי רבי יוסף קארו געשטאָרבען צוויי זיהן און אַ דריטער איז שטום געוואָרען, האָט איהם די „משנה“, אָדער זיין „מגיד“ פאָראויסגעזאָגט, אַז זיין פרוי וועט איהם געבוירען אַ זוהן, וועלכער וועט זיין אַ גרויסער צדיק, דערנאָך וועט זיין פרוי שטאַרבען און ער וועט חתונה האָבען ווידער צוויי מאָל, איינע נאָך די אַנדערע. די לעצטע פרוי וועט איהם אריינברענגען אַ גרויסען פערמעגען. די דאָזיגע נבואה איז שפּעטער פּינקטליך מקוים געוואָרען. וואָס מערקווירדיגער פאַר אַלץ איז, וואָס אין די דאָזיגע וויזיאָנען און נבואות איז נישט געווען אפילו קיין שאָטען פון בעטריגערישען שווינדעל, נור דאָס איז געווען אַנ'ערשיינונג פון אַנ'אויפגערעגטער הייסער פאַנטאַזיע אין אַ זעהר אויפגערעגטער צייט-עפּאָכע — אַנ'ערשיינונג, וועלכע

איז כלל נישט זעלטען אין די מזרח-לענדער און איז כמעט אונמעגליך אין די קאַלטע אייראָפּעאישע צפון-לענדער, וואו דער קאַלטער פערשטאַנד בע- הערשט די פאַנטאַזיע.

רבי יוסף קאָרו איז אַזוי פיעל איינגענומען געוועזען מיט'ן געדאַנק, אַז איהם איז בעשערט צו שפּיעלען אַ גרויסע ראָליע אין ארץ-ישראל און צו- ליעב דעם צו שטאַרבען שפּעטער אַלס מערטירער על קדוש-השם, אַז ער איז אַרויסגעפאָהרען פון אַדריאַנאָפּאָל און זיך אַוועקגעלאָזען קיין ארץ- ישראל. דאָרט האָט ער אין צפת אָנגעטראָפען זעהר פיעל מקובלים, נאָכ- דעם ווי ער איז אַהין אָריינגעקומען צוזאַמען מיט'ן בעל מקובל רבי שלמה אלקבץ, וועלכער איז בעריהמט דורך זיין שיר לכה-דודי", וואָס איז אָנגע- נומען געוואָרען איבעראַל ביי אידען, צו זינגען בשעת קבלת שבת. רבי יוסף איז העכסט גליקליך געוועזען מיט דער סמיכות, וואָס ער האָט בעקומען פון בירב, דען ער האָט דערין געזעהען די התחלה פון דער פערווירקליכונג פון שלמה מולכו'ס נבואה וועגען משיח'ס צייטען, דאַדורך וואָס ער האָט בע- קומען דאָס רעכט צו זיין אַ מיטגליעד אין סנהדרין. נאָך בירב'ס טויט האָט זיך זיין פאַנטאַזיע צושפּיעלט, ווי מען קאָן דאָס זעהען פון די ווערטער, וואָס זיין מגיד זאָגט איהם: „איך וועל דיך דערהויבען פאַר אַ שר און אַ נגיד איבער דעם גאַנצען אידישען גלות פון טערקיי; דו וועסט זוכה זיין, אַז עס זאָלען דיר סמיכה געבען אַלע אידישע חכמים אין ארץ-ישראל און אין חוץ לארץ און דורך דיר וועט ווידער דערהויבען ווערען די סמיכה ביי אידען. איך וועל דיר מזכה זיין, אַז דו זאָלסט ענדיגען דיין חבור „בית- יוסף" און אַלע קלוגע און פערשטענדיגע זאָלען שעפּען פון איהר חכמה און דערנאָך וועסטו פערברענט ווערען איבער דער הייליגקייט פון מיין נאָמען און וועסט זוכה זיין צו תחית-המתים".

צו אַזאַ גרויסער מדרגה האָט ער געהאָפט צו דערגרייכען דורך אַ ספר, וועלכעס וועט אין זיך גופא טראָגען די אידישע אחדות, ווייל דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וועט זיך אַרום איהם פעראייניגען, ווען ער וועט נור איינגאַנ- צען ענדיגען זיין פירוש צו די „ארבעה טורים" און דער ספר וועט פער- שפּרייט ווערען ביי אידען דורכ'ן דרום און דאַן וועט ער אַליין אַרויסגעבען זיין געזעצבוך, דעם שולחן-ערוך" וועט ער ווערען דער ערשטער אין ישראל, און אַלע וועלען איהם מוזען אָנערקענען אַלס אַזעלכען. זיין מגיד האָט איהם דערויף געזאָגט פאָלגענדעס: „און די עולמות העליונים וועלען אַלע זאָגען: אָט איז דער מאַן, וועלכער האָט נושא-חן געוועזען אין די אויגען פונ'ם מלך מלכי המלכים (פון גאָט), און ער וועט איהם מאַכען פאַר'ן ערשטען אין ארץ-ישראל, פאַר'ן גרויסען שריפטשטעלער פונ'ם הייליגען לאַנד". אַזוי אַרום האָבען אמת'ע פרומקייט, פאַנטאַסטעריי און אויך אַבי- סעל ליעבע צו כבוד געשטימט דעם גרויסען אידישען למדן צוזאַמענצו- שטעלען דעם לעצטען רעליגיעזען קאָדעקס פאַר'ן כלל ישראל, — אַ קאָדקס אָדער אַ „שולחן-ערוך", וואָס האָט געדאַרפט מאַכען אַ סוף מיט אַלע

מחלוקת, ספקות און סתירות אין רעליגיעזע פראגען. אויב רבי יוסף קאָרו האָט נישט געקאָנט פערווירקליכען שלמה מולכו'ס נבואה צו פעראייניגען די אידען אונטער משיח'ן, האָט ער דאָס ווענינגסטענס געקאָנט, אַ דאַנק בירב'ס סמיכות אויפ'ן רעליגיעזען באָדען. אבער אויך דאָ האָט די פעראייניגונג נישט געדאַרפט ווערען קיין פאָלקאָמע: אַ יונגער רב אין קראַקוי, רבי משה איסרלש, דער רמ"א, האָט געמאַכט השגות צום „שולחן ערוך" און ארויסגעגעבען „פסקים", וועלכע שטימען נישט איין מיט קאָרו'ס פסקים.

אין דער צייט וואָס די אידען אין טערקיי האָבען געלעבט אין גרויס רוהע און זעלבסטשטענדיג און האָבען אויך געטרוימט וועגען פעראייניגען אלע אידען אונטער דעם מלך המשיח, האָבען די אידען אין די מערב־לענדער געליטען אלץ מעהר רדיפות און די גזירות פלעגען זיך ביי זיי בענייען טאָג־טעגליך. אויב אין דער ערשטער צייט פון דער רעפאָרמאַציע זענען פערשטומט געוואָרען די אלטע טענות געגען די אידען, אז זיי זענען שעדליך פאַר די אלגעמיינע פאָלקס־אינטערעסען, אז זיי געברויכען קריסטליך בלוט און שענדען די האָסטיע, האָבען איצט, נאָך די ערשטע געבורטס־וועהען פון דער רעפאָרמאַציע, די דאָזיגע טענות זיך אָנגעהויבען פון דאָס ניי. דער קאַטוילישער פאַנאַטיזם, וועלכער האָט זיך פערשטאַרקט אינ'ם קאַמף מיט דער רעפאָרמאַציע, האָט ווידער געבראַכט נייע יסורים און רדיפות פאַר די אידען כמעט אין אלע קאַטוילישע לענדער. צו די אלטע אָנקלאַגען געגען די אידען איז נאָך צוגעקומען די נייע, וואָס עס האָט אויך אויפגעהויבען געגען זיי די לוטעראַנער. מען האָט אין די אידען דערזעהען דעם קוואַל פון אפיקורסות אין קריסטענטום. די לוטערישע און קאַלווינישע רעפאָרמאַציאָן, וועלכע האָט דערגרייכט אַזש ביז ענגלאַנד און פוילען, האָט פיעל קריסטען געעפענט די אויגען איבער דער רעליגיאָן בכלל און קריסטענטום בפרט. דער תנ"ך, וועלכען מען האָט איבערזעצט אין פיעל שפּראַכען, האָט אונטערגעגראָבען דעם אויטאָריטעט פון די דאָגמען־שמידע אין רוים און וויטענבערג און גענף. דער איבערגאַנג פון תנ"ך צום עוואַנגעליום איז פאַר פיעל קריסטליכע דענקער עפּעס אויך פאַרגעקומען קשה'דיג און דאָס האָט זיי געבראַכט צום אָבלייקענען אין די הויפּט־פּרינציפּען פון קריסטענטום און צום גרינדען פיעל נייע סעקטעס פון האַלב־אידען, שבת־היטער און דערגלייכען. איינער פון די דאָזיגע סעקטאַנטען, מיכאַל סערוועט, מעגליך פון די אַנוסים, האָט אָנגעשריבען אַ ספר, וועלכער האָט געמאַכט אַ גרויסען רעש צווישען די קריסטען, און קאַלווין אַליין האָט (1531) בעפוילען איהם צו פערברענען אין גענף, צוליעב דער אונערהערטער אפיקורסות, וואָס ער האָט אין זיין ספר געפונען. פונדעסטוועגען האָבען זיך געפונען פיעל אָנהענגער פון מיכאַל'ס לעהרע, וועלכע האָבען זיך אַ נאָמען געגעבען אוניטאַריער, דאָס הייסט, די, וואָס גלויבען אין גאָטסאייניגקייט. אין ענגלאַנד, וואו

האָט דעם קאַטוילישען גלויבען געבראָכען נאָר צוליעב דעם קאַפּריז פונ'ם טיראַן היינריך VIII, האָט זיך אָנגעהויבען איינצואָרדנען א נייע רעליגיעז-פּאָליטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט געוואָלט צופּאַסען און פּערווירקליכען די קאָנסטיטוציע פון דער תורה און די אידעאַלען פון די נביאים אויפ'ן ענג-לישען באָדען. פיעל האָבען אָנגעהויבען בּשתיקה אָבּהיטען שבת, מתקרב זיין זיך צו די אידען, זעהענדיג אין זיי דעם רעשט פון די גרויסע אבות און די קרובים פון די נביאים, וועלכע פּערדינען שוין דערפאַר אליין דעם גרעסטען כבוד און ליעבע. עס האָבען זיך בעוויזען דאַמאָלס פיעל פלוג-בלעטער, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען איינע, אין וועלכע די פּרינ-ציפּען פון יודענטום זענען געשטעלט געוואָרען פיעל העכער פאַר די פון קריסטענטום. אָזעלכע ערשיינונגען האָבען נור פּערשטאַרקט די שנאה צו די אידען אויך צווישען די רעפאָרמירטע קריסטען. די אָנהענגער פון דער נייער רעפאָרמירטער ק'רכע האָבען אפילו אויך בכיון זיך פּערש-טעלט פאַר אידען-פרייַנד, כדי אָראָבצוואַרפען פון זיך דעם חשד, אַז זיי שטרעבען דאָס קריסטענטום אונטערצוגראָבען און שטעלען אויף זיין אָרט דאָס יודענטום.

עס איז אויך געווען אַ פּאָליטישער אומשטאַנד, וועלכער אין דער ער-שטער צייט פון דער רעפאָרמאַציע ענטוויקעלט שטאַרק אין די פּראָטעס-טאַנישע קרייזען, בעזונדערס ביים רעפאָרמירטען אדעל, די שנאה צו די אידען. דאָס שטודיום פון תנ"ך האָט אַריינגעטראָגען אין פּראָסטען פאָלק אַ שטראָם פון פרייהייט-ליעבע און פּערשטאַנד פאַר פּאָליטישע פרייהיי-טען. וועהרענד פריהער האָט מען ערצויגען דאָס פאָלק אין בלינדען גלוי-בען, אין לייב-אייגענשאַפט, אין קנעכטשאַפט און געלערנט איהם אָנצו-ערקענען אין זיינע פירשטען און פּריצים די הערען, וועלכע גאָט אַליין האָט איבער'ן פאָלק געשטעלט, צוזאָגענדיג דערפאַר אַ גרויסע בעשענקונג און עולם-הבא, האָט דאָס פאָלק איצט, לייענענדיג דעם תנ"ך דערזעהען, ווי די אידישע נביאים שטראָפען די פירשטען, וועלכע שטעהען איבער'ן פּאָלק און ווילען איבער איהם געוועלטיגען מיט אַ שווערער האַנד. צוזאַ-מען מיט דער פרייהייט און גלויבען האָט זיך דעריבער אָנגעהויבען אַ שטרע-בונג אויך צו פּאָליטישער פרייהייט, און די שולדיגען דערין זענען ווידער געווען די אידען מיט זייער אַלטען תנ"ך. די אידען האָבען אַלזאָ בעקומען נייע פיינד, און זיי האָבען זיך געמוזט אָבזאָגען פון דער האָפנונג, אַז מיט'ן איינפאַלען פון קאַטוילישען גלויבען וועט זייער לאַגע בעסער ווערען, דען די נייע רעליגיאָן וועט מיט זיי סימפּאַטיזירען. ווען די פּויערן זענען אויפ-געשטאַנען אין דרום-דייטשלאַנד, עלזאַס און פראַנקרייך געגען זייערע פּריצים, גלויבענדיג אין דער פרייהייט, וועלכע לוטהער האָט זיי מבטיח געווען, נעמליך, אַז זיי וועלען קאָנען אַראָבוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון אַלע זייערע בעצווינגענדע הערען, האָבען די אידען זיך פלוצלונג דערזע-העון צווישען צוויי פייערן: פון איין זייט האָבען די פּריצים און די רייכערע

קלאסען זיי בעשולדיגט, אז זיי האבען די פויערן אנגערעדט און אויפגע־רייצט און אפילו אויך געשטיצט זיי מיט געלד, כדי צו מאכען די אנפאלען, און פון דער אנדער זייט זענען אויף זיי אנגעפאלען די פויערן, בעשולדי־גענדיג זיי, אז זיי דריקען צוזאמען מיט די פריצים דאס ארימע פאלק. דער פאנאטישער גלח באלטאזאר הובמייער, וועלכער האט געפועל'ט, אז מען זאל פערטרייבען די אידען פון רעגענסבורג איז געווארען א בעל יועץ ביי די שווארצוואלדער פויערן און, וואהרשיינליך, איז ער אויך געוועזן דער מחבר פון די צוועלף שריפטליכע פאדערונגען, וואס די פויערן האבען ארויסגעשטעלט. דורך זיין אבפאל פון דער קאטוילישער קירכע איז הוב־מייער נישט געווארען מענשליכער און מילדער און, אלס אנהענגער פון די ווידער־טובל'ער, איז ער נאך פאנאטישער געווארען. אין רהייגגאוי האט דאס פאלק אונטער אנדערע אויך ארויסגעשטעלט די פאדערונג, אז מען זאל פון לאנד ארויסטרייבען די אידען און מעהר קיין איינציגען אהין נישט ארייגלאזען.

אין דער געגענד, וואו עס איז פארגעקומען דער פויערישער קריעג, האבען די אידען נישט געהאט צו ווענדען זיך: נישט פון קייזער, נישט פון די פריצים אדער פון די בירגער האבען זיי געקאנט ערווארטען הילף. אבער איין איד איז מיט גרויסען מוט און קלוגשאפט, ווי אויך פול מיט מסירת־נפש צו ראטעווען זיינע ברידער פון אונגליק, האט אבגעווענ־דעט די סכנה, וואס האט געשוועבט איבער די אידען אין עלזאס, פועל'נדיג ביי די דארטיגע מנהיגים, אז מען זאל שוינען די אידען. דאס איז געוועזן דער שוין דערמאנטער בעריהמטער אידישער שתדלן, רבי יוסילמאן לואנס פון ראסהיים (געבוירען 1478, געשט. 1555), א ברודער'ס א זוהן פונ'ם לייב־דאקטאר ביי די קיסרים פרידריך און מאקסימיליאן, פון וועלכען רייכלין האט געלערנט די העברעאישע שפראך. דער לייב־דאקטאר האט אינ'ם יונגען זוהן פון זיין ברודער געפונען, משמעות, אזוי פיעל טא־לענטען, אז ער האט איהם בעזונדערס רעקאמענדירט דעם קייזער אלס שתדלן פאר די דייטשע אידען, און דער קייזער האט איהם אלס זאלכען אנערקענט, כדי ער זאל אין יעדער צייט האבען דאס רעכט צו ערשיינען פאר איהם און פערטיידיגען די קנאפע פריווילעגיעס, וואס עס זענען נאך די אידען איבערגעבליבען. רבי יוסילמאן, אדער יאסעלין ראסהיים, ווי מען פלעגט איהם געוועהנליך רופען, האט געמוזט שווערען דעם קייזער, אז ער וועט דינען געטריי דעם קייזער, און איז אויך אנערקענט געווארען דערביי דורך די אידישע קהלות אלס רב־הכולל איבער אלע אידען אין דייטשלאנד און ער האט זיך גערופען: „דער רעגירער אדער מושל פון די אידען". אויך קארל V האט איהם אנערקענט אלס פערטרעטער פון די אידען, און יאסעלין האט אויך ביי איהם געפועלט, אז ער זאל בעשטעטיגען די אידישע פריווילעגיעס. און ווי נור איבער א וועלכער עס איז אידישער קהלה האט געשוועבט א געפאהר, איז יאסעלין שוין געלאפען צום קייזער אין לאגער,

אָדער צו זיינע גרויסע שרים און אָבוועגדען די סכנה. יאָסעלין האָט נישט געוואוסט פון קיין מידיגקייט, דאָרט וואו עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ כלל'ישען אידישען ענין. וועהרענד דער פויערן־מלחמה האָט יאָסעלין גע־האַט דעם מוט צו געהן אינ'ם לאַגער פון די צוועלף, אָדער פופצעהן טוי־זענד צובושעוועטע פויערן, וועלכע האָבען געאָטעמט מיט שנאה צו די אידען און די פריצים און געפועלט ביי זיי, אַז זיי זאָלען איהם מבטיח זיין נישט צו טהון קיין שלעכטס די אידען.

ווי יעדע ניי־געבוירענע קראַפט אין דער געשיכטע, האָט די רעפאָר־מאַציאָן, געבראַכט אויך פיעל אונגליק פאַר פערשידענע קלאַסען און אַמערגסטען האָבען געהאַט צו ליידען די אידען. מען האָט פון יענער צייט געקאָנט צוזאַמענשטעלען אַ גאַנצע מגלה פון גירושים, רדיפות, יסורים און ענוים, וואָס די אידען האָבען אַריבערגעטראָגען. אַזאַ מגלה פון אידישע צרות, אָדער אַ „ספר הזכרונות“ האָט צוזאַמענגעשטעלט רבי יוסילמאַן פון ראָסהיים, וואו ער דערצעהלט, וואָס די אידען האָבען דאַמאָלס איבערגעליטען יאָהר פאַר יאָהר אין גאַנץ דייטשלאַנד. די דאָזיגע טרויערי־גע מגלה פון די אידישע ענוים האָט מען נאָך געקאָנט פערגרעסערען מיט די געשעהענישען פון די אַרומיגע לענדער אויסער דייטשלאַנד. אָבער בכלל מוז מען אָנערקענען, אַז איצט איז שוין די אַלגעמיינע אידישע לאַגע אויף אַזוי פיעל בעסער געוואָרען, אַז קיין מאַסענמאָרדען, ווי פריהער, זענען שוין נישט פאָרגעקומען; עס זענען נור געווען גירושים און גירושים אָהן אַ שיעור און אָהן אַ גרעניץ; מען האָט די אידען געטריבען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון לאַנד צו לאַנד, יאָגענדיג זיי אין עלענד אַריין אין די ווייטע וועלט. איין זאַך נור האָט די נייע צייט גע'ירש'נט ביי דער אַלטער: די עלילת־דם.

אין דער קליינער קהלה אין מעהרען, בעטינג, (נישט ווייט פון פרעס־בורג) האָט מען געמאַכט אויף די אידען אַנ'עלילת־דם און זעקס און דריי־סיג אידען אַלטע און יונגע, מאַנסביל און פרויען, האָט מען דערביי פער־ברענט; כמעט אַלע אידען אין מעהרען האָט מען דאַמאָלס אין די תפיסות אוועקגעשלעפט (1529). יאָסעלין פון ראָסהיים איז אָבער געלונגען אַרויס־צובעקומען דאָקומענטען פון די פריהערדיגע קיסרים און פון די פויפסטען, אַז מען דאַרף אין אַזעלכע בלבולים נישט גלויבען, ווייל זיי ווערען געמאַכט בכיוון, נור כדי צו קאָנען אידען בעריובען. אַזוי אַרום האָט ער געפועלט, אַז מען זאָל די מעהרישע אידען בעפרייען פון די תפיסות. דערנאָך האָט מען געמאַכט אַ בלבול אויף די אידען (1530), אַז זיי דיענען אין דייטש־לאַנד אַלס שפּיאָנען פאַר די טערקען, וועלכע האָבען געפיהרט מלחמה מיט דייטשלאַנד. צוליעב אָט דעם בלבול האָט מען געפאָדערט, אַז מען זאָל אַרויסטרייבען אַלע אידען פון דייטשלאַנד. יאָסעלין איז עס ווידער געלונ־גען צו דערווייזען דעם קייזער קאַרל V און דעם קעניג פערדינאַנד, אַז די אָנקלאַגע אויף די אידען איז אַ פאַלשע. פיעל אידען, וועלכע דער בעה־מישער קעניג פערדינאַנד האָט שוין געהאַט אַרויסגעטריבען פון זיין לאַנד,

האָבען בעקומען אַנ'ערלויבניש אומצוקעהרען זיך צוריק, נור וואָס זיי האָבען געמוזט פאַר'ן „חסד“ צאָהלען יעהרליך זעהר פיעל געלד. — עהנליכע בלבולים האָט מען געמאַכט אין אַ קהלה אין שלעזיען און צוויי פאַרשטעהער פון דער קהלה מיט נאָך צוויי אידען זענען פערברענט געוואָרען.

לוטהער גופא, וועלכער האָט אין דער ערשטער צייט זיך אַזוי וואַרים אָנגענומען פאַר די אידען, איז ביסלעכווייז געוואָרען זייערער אַנ'ערביטערטער פיינד. ער האָט נעמליך געהאַט אין אידען אַ שטיקעל טעות: ער האָט געהאַט געמיינט, אַז נאָכדעם ווי ער האָט די קריסטליכע קירכע רעפאָרמירט, וועלען די אידען זיך מאַסענווייז אָבשמד'ן און קומען זיך בעשיצען אונטער זיינע פליגלען. ווייל ער האָט אָבער דערזעהען, דאָס די אידען זענען גרויסע „עקשנים“, דאָס הייסט, זיי זענען געטריי דער רעליגיאָן פון זייערע אבות, האָט זיך אין איהם דערוועקט דער פערביסענער פאַנאַטישער מאָנאַך מיט זיין געוואַלדיגער שנאה צו די אידען. ווען דער הערצאָג יאָהאַן דער חכם פון זאַקסען האָט, צוליעב די שענדליכע מעשים פון עטליכע אידישע אויסוואורפען, געוואָלט אַרויסטרייבען די אידען פון זיין לאַנד און פערבאָטען זיי אויף אייביג אַהין אַריינצוקומען (1537), האָט יאָסעלין פון ראָסהיים זיך גענומען אַרבייטען מיט'ן גאַנצען ברען אָבצווענדען פון די זאַקסישע אידען דאָס דאָזיגע אונגליק. ער האָט בעקומען רעקאָמענדאַציאָנס־בריעף פונ'ם רעפאָרמירטען גלח וואָלף קאַפּיטאָ צו לוטהערן און פונ'ם שטראַסבורגער מאַגיסטראַט צום הערצאָג. וואָלף קאַפּיטאָ האָט וואַרים געבעטען לוטהערן, אַז ער זאָל זיך מיט דער קריסטליכער מילדקייט און דער ליעבע אפילו אויך צו אַ פיינד זיך אָננעהמען פאַר די אידען. אָבער לוטער האָט זיך אפילו אָבגעזאָגט אָנצונעהמען דעם אידישען שתדלן יאָסעלין, נור ער האָט איהם אָבגע'פטר'ט מיט אַ קורצען ענטפער: „חאָטש ער האָט זיך משתדל געווען פאַר די אידען ביי די שרים און פירשטען, האָבען זיי אַרויסגעוויזען אַזאַ „אונדאַנקבאַרקייט“, אַז זיי זענען נישט געקומען צו איהם שמד'ן זיך אפילו. דערפאַר וויל ער זיי נישט פערשטאַרקען אין דער צוקונפט און זייער פערבלענדעניש דורך זיין וואָוילטעטיגקייט“.

אין נעאַפּעל, וואו עס האָבען שוין איצט געוועלטיגט די שפּאַניער, האָט די קאַטוילישע פּאַרטיי שוין לאַנג געאַרבייט און זיך משתדל געווען, אַז מען זאָל דאָרט גרינדען די אינקוויזיציע, כדי צו משפט'ן די אנוסים, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען. ווען קאַרל V האָט זיך אומגעקעהרט צוריק קיין אידאָפּא פון זיינע נצחונות אין אַפריקאַ, האָבען די נעאַפּעלער קאַטוילען ביי איהם געבעטען, אַז ער זאָל אַרויסטרייבען פון דאָרט די אידען, ווייל די אנוסים קומען מיט די אידען אין נאָהענטער בעציהונג און דאדורך ווערען זיי געשטאַרקט אין זייער אָנהענגען צום יודענטום. אָבער די הויך געאַכטעטע פרוי בענווענידא אברבנאלא, רבי שמואל אברבנאל'ס ווייב, וועלכע אפילו די שפּאַניער האָבען שטאַרק פערעהרט,

האָט ביים קייזער אַזוי שטאַרק זיך משתדל געווען פאַר די אידען, מבטל צו מאַכען דעם בעפעהל וועגען דעם גירוש, און בענוועניד'אַס פריינדין, די טאָכטער פון נעאַפעל'ער וויצע-קעניג האָט איהר ביטע אַזוי שטאַרק געשטיצט, אַז דער קייזער האָט נישט געקאָנט אָבזאָגעןביידע פרויען. עס איז אויך מעגליך, אַז אַ גרויסע ראָליע האָט דאָ געשפּילט דאָס פיעל געלד, וואָס רבי שמואל אברבנאל האָט דערביי פערטהון. אַ פּאָר יאָהר שפּעטער אָבער (1533) האָט דער קייזער אַזוי שטאַרק בעגרענצט אין נעאַפעל די אידישע רעכט, אַז זיי האָבען אַליין אָנגעהויבען אויסוואַנדערן. די דאָזיגע פּריוויליגע אויסוואַנדערונג איז פערענדערט געוואָרען אין אַ גירוש און אַ איד, וועלכער איז לענגער פערבליבען אין נעאַפעל פלעגט בעשטראָפט ווערען מיט אַ גרויכער סומע געלד (1—1540). פיעל אידען האָבען פון נעאַפעל אויסגעוואַנדערט קיין טערקיי, אַ טייל פון זיי זענען אַריבער קיין אַנקאָנאַ אין דער ממשלה פונ'ם פּויפּסט, אָדער קיין פעררארא אונטער דער ממשלה פונ'ם הערצאָג ערקאָלאָ II, וועלכער האָט געשמ'ט פאַר אַ אידען-פריינד. אויך רבי שמואל אברבנאל, וואָס זיין הויז איז געווען אַנ'אָרט צו פערזאַמלען זיך פאַר אידישע תלמידי חכמים. און אויך קריסטליכע געלעהרטע, האָט זיך אַרויסגעצויגען פון נעאַפעל, חאָטש איהם האָט מען געהאַט ערלויבט צו בלייבען דאָרט וואוינען, אַלס אויסנאַהם. ער האָט זיך אָבער נישט געוואָלט שיידען פון די עלענדע ברידער. ער האָט זיך דעריבער בעזעצט אין פעררארא און געלעבט דאָרט נאָך אַ יאָהר צעהן. זיין אײדעלע פרוי, בענוועניד'א אַברבנאַלאַ, האָט איהר מאַן איבערגעלעבט און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1552.

איין יאָהר שפּעטער נאָכ'ן גירוש פון נעאַפעל, האָבען די אידען אין בעהמען געהאַט אויסצושטעהן צרות פון דער, אַזוי צו זאָגען, אַנשטענדיגע שנאה צו אידען. אין די בעהמישע שטעדט, בעזונדערס אין פּראָג, זענען פאָרגעקומען אָפטע שרפות. בעשולדיגט האָט מען די אידען און די פּאָסטוכער, אַז זיי האָבען געדונגען אונטערצינדער. די אידען האָבען צוליעב דעם געמוזט נעהמען זיך פאַר'ן וואַנדערשטעקען, דען מען האָט אויף זיי אַרויסגעגעבען אַ גזרה (חודש אָדר 1542), אַז זיי זאָלען דאָס לאַנד פערלאָזען. פון דער גרויסער אידישער קהלה אין פּראָג האָבען נור צעהן פערזאָן, אָדער משפחות בעקומען אַנ'ערלויבניש אין שטאָדט צו פערבלייבען. פיעל בעהמישע אידען האָבען אויסגעוואַנדערט קיין פּוילען, אָדער אין טערקיי — ביידע טאָלעראַנטעסטע לענדער פון יענער צייט. פיעל אידען אָבער, וועלכע מען האָט חושד געווען אין אונטערצינדען האָט מען אין די תפיסות געשלעפּט, וואו מען האָט זיי אונמענשליך געפּייניגט און געצוואונגען זיי מודה צו זיין זיך אין פערברעכענס, וועלכע זיי האָבען נישט בעגאַנגען, דערנאָך האָט מען זיי בעשטראָפט מיט'ן טויט. אָבער שוין באַלד אינ'ם זעלביגען יאָהר האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז מען האָט געטויטעט גאָר אונשולדיגע מענשען. די אידען זענען כלל נישט שולדיג געווען

אין דער אונטערצינדונג און דער גירוש איז געווען גאָר אַנ'אומזיסטער. איניגע שרים האָבען אָנגעהויבען דעריבער זיך משתדל זיין, אַז מען זאָל די אַרויסגעטריבענע אידען אַריינברענגען צוריק אין לאַנד, דען מען האָט דאָך זיי נויטיג געברויכט צו האָבען, וואָס דער גלחישער פאַנאַטיזם, אָדער די ראַסען־שנאה האָבען וועגען די אידען נישט געזאָלט ריידען. אַזוי אַרום האָבען יענע אידען, וואָס האָבען זיך נאָכ'ן גירוש געהאַט בעזעצט נישט ווייט פון בעהמען, געקאָנט איצט צוריק אַריינקומען אין לאַנד. זיי האָבען אָבער געמוזט צאָהלען דערפאַר יאָהר־יעהרליך דריי הונדערט שאָק גראָשען און פערפליכטעט צו טראָגען אויף די קליידער אַ געלע לאַטע, כדי מען זאָל זיי קאָנען דערקענען.

אין דער זעלבער צייט האָבען צוויי הויכשטעהענדע איינפלוסרייכע פערזענליכקייטען, איינע אויף דער קאַטוילישער זייט און די אַנדערע אויף דער פראָטעסטאַנטישער, אָנגעהויבען צו פיהרען אַזאַ געוואַלדיגע אויפרייצונגס־אַגיטאַציע געגען די אידען אין דייטשלאַנד, אַז מען קאָן עס בעטראַכטען פאַר אַ וואונדער, אויב מען האָט דאַמאָלס די אידען נישט פערמילינט אינגאַנצען ביז'ן לעצטען מענשען. אָנגעהויבען האָט זיך עס, ווי געוועהנליך, פון אַנ'עלילת־דם: אין הערצאָגטום נייבורג איז אַרום פסח־צייט פערשוואונדען געוואָרען ביי אַ פויער אַ פיער־יעהריג קינד און מען האָט באַלד אָנגעהויבען ריידען, אַז די אידען האָבען עס דער'הרג'עט, כדי זיין בלוט צו פערנוצען אויף פסח. נאָך זייער פסחאַ האָט אַ הונט ענטדעקט דאָס דער'הרג'עטע קינד בעהאַלטען אונטער'ן מיסט. די אידישע פיינד האָבען באַלד דערצעהלט, אַז ביים קינד אויפ'ן לייב זענען געווען סימנים אַז מען האָט עס געפייניגט און זיין בלוט אַרויסגענומען. דער בישאָף פון אייכשטעט האָט געלאָזט פעסטנעהמען עטליכע אידען און שלעפען זיי אין זיין רעזידענץ, כדי צו מאַכען זיי דאָרט אַ פּראָצעס; אויסער דעם האָט ער פאַרגעלעגט אַלע פירשטען אין די אַרומיגע קאַנטען צו שלעפען אין די תפיסות די דאָרטיגע אידען. די געפאַנגענע אידען האָט מען געפייניגט, אָבער זיי האָבען זיך נישט מודה געווען אין אַ פערברעכען, וואָס זיי האָבען נישט בעגאַנגען. ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט האָט דער הערצאָג אָטאָ היינריך פון נייבורג זיך ערנסט אָנגענומען פאַר די אידען און געווירקט געגען דעם בישאָף פון אייכשטאַט. דער לעצטער האָט איינגעלעגט די וועלט, אַז מען זאָל, לפחות, אַרויסטרייבען די אידען פון לאַנד. אויך דער עוואַנגעלישער פרעדיגער (דרשן) בוצנער, אַ פריינד פון קאַפיטאָ, אָבער אויך פון לוטהער, האָט אויך אויסגענוצט די געלעגענהייט, כדי צו קעהרען הימעל און ערד געגען די אידען. משמעות, לויט'ן פאָרשלאַג פון אידענפריינדליכען הערצאָג אָטאָ היינריך האָט אַ מויגער קריסטליכער שריפטשטעלער זיך גענומען פערטיידיגען די אידען און מחבר געווען דערצו אַ ביכעל „דאָס אידענביכליין“—דער מחבר איז, ווי עס שיינט, געווען אַ לוטהערישער גלח — אין וועלכען ער

האט צום ערשטען מאל בעלויכטען דעם גאנצען שקר און די שלעכטקייט, וואס עס שטעקט אינ'ם שענדליכען בלוט-בלבול בכלל געגען די אידען. דער מחבר ערקלערט, אז ער האט פיעל פערבראכט מיט די אידען און ער קאן גרינדליך זייער שפראך, געזעץ און זיטען; ער רופט אויס מיט א מעכטיגער שטימע, אז מען בעגעהט געגען די אידען א הימעל-שרייענד אונרעכט, בעשולדיגענדיג זיי אין ערמארדען די קריסטליכע קינדער. די קריסטען טהוען דאס נור, כדי צו קאנען פערחאפען די אידישע עשירות און אגב ווילען זיי נקמה נעהמען אן די אידען פאר זייער ריינער אמונה און גאט. אעלכע בלבולים פלעגען אויפטהון פון איין זייט די אכזריות'דיגע פירשטען, וואס האבען געדורשט נאך מענשען-בלוט און רויב, אדער פעראַרימטע פריצים און בירגער, כדי פטור צו ווערען פון די חובות, וואס זיי זענען די אידען שולדיג געווען; פון דער אנדער זייט האבען פער-שפרייט אזעלכע בלבולים מאנאכען, אדער וועלטליכע גלחים, כדי צו מא-כען נייע קדושים און גרינדען נייע ערטער, וואוהין זייערע מאמינים זאלען פאהרען דערנאך בוקען זיך און מתפלל זיין, איבערלאזענדיג דארט גרויסע מתנות און פערשטארקענדיג זייער פאנאטיזם. אין די פיעל יאהרהונדער-טע, וואס די אידען האבען געלעבט צושפרייט צווישען די קריסטליכע פעלקער, האט מען ביז א יאהר דריי הונדערט פאר דער געגענווערטיגער צייט פון אזעלכע בלבולים גאר נישט געהערט. ערשט אין די לעצטע דריי הונדערט יאהר, זינט די קאטוילישע מאנאכען און גלחים האבען אנגע-הויבען פיהרען זייער שווינדלערישע טעטיגקייט מיט די מאמינים, וועל-כע זיי פלעגען בעווייזען מופתים מיט וואונדערליכע קוראציעס, אדער רופענדיג זיי צו קומען מתפלל זיין אויף די קברים פון נייע קדושים, — ערשט דאן האבען זיך בעוויזען די בלוט-בלבולים געגען די אידען. ווארום פאר קיינעם האבען די גלחים אזוי שטארק נישט געציטערט, ווי דוקא פאר אט די שוואכע אידען, ווייל די אידען גלויבען נישט אין זייערע אויסגעטראכטע בבא-מעשיות און אויך דערפאר וואס זיי פערשטעהען דעם תנ"ך בעסער פאר די גלחים; און אט האבען זיי זיך גענומען מערדעריש רודפ'ן די אידען, מבזה זיין זיי און אויפבלאזען געגען זיי די שנאה. מען קאן דעריבער מיט רעכט אננעהמען, אז אויך דעם מארד פונ'ם קריסט-ליכען קינד אין נייבורג האבען זיי פשוט אויסגעטראכט. דער מחבר ווייזט אויך אן, אז די קריסטען אליין זענען ביז אין דריטען יאהרהונדערט בע-שולדיגט געווען דורך די געצענדינערישע פעלקער, אז זיי זענען קינדער-מערדער און בלוט-צאפער. דאס, וואס די אידען אליין זענען זיך טיילמאל מודה אין אזא פערברעכען, דערפון האלט דער גערעכטער מחבר גארנישט, ווייל דאס קומט פאר אונטער געוואלדיגע ענוים און קאן דעריבער נישט דינען פאר א בעוויז.

די פאנאטישע קאטוילישע גלחים, בפרט דער בישאף פון אייכשטעט איז שטארק אונצופרידען געווען מיט אזא פערטיידיגונג מצד א קריס[טען]

נאָר די אידען. אָנשטאָט, וואָס זיי האָבען געוואָלט, אַז מען זאָל די אידען
פערהאַסען, פעראַכטען און רודפ'ן, האָט אַ קריסט גאָר דערהויבען זיי, אַלס
אומזיסטע יסורים־ליידער. און דעריבער האָבען די פאַנאַטיקער זיך בע־
איילט אָבצושוואַכען דעם רושם, וואָס דאָס ביכעל האָט געמאַכט. דאָקטאָר
יאָהאַן עק, וועלכער האָט זיך געמאַכט אַ שענדליכען נאָמען אין דער
רעפאָרמאַציאָנס־געשיכטע, און האָט זיך געפונען אונטער דער פּראָטעק־
ציע פון בישאָף פון אייכשטעט, האָט פון איהם ערהאַלטען אַ בעפעהל,
מחבר צו זיין אַ ביכעל געגען דעם „אידענביכליין", „דערוויזען" דאָרט די
ריכטיגקייט פון די בלוט־בלבולים און בעוואַשען די אידען מיט אַלערליי
זלזולים און חרפות. דער דאָזיגער יורידישער טעאָלאָג, מיט די ברייטע
פלייצעס פון אַ קצבישען יונג, מיט אַ שטימע פון אַ בונטאָוושטשיק און
דער תאוה צו דיספוטירען פון אַ פערדרעהטען סאָפיסט, וועלכער האָט
דורך זיין ליעבע צו כבוד און שכרות נור געשענדעט די קאַטוילישע קיר־
כע, וועלכע ער איז אַרויסגעטראָטען פערטיידיגען געגען די לוטהעראַנער,
מיט איין וואָרט: דער דאָזיגער שטרייט־האָהן אָהן געוויסען און עהרליכ־
קייט, האָט זיך גענומען פאַר דער אַרבייט, צו זעצען אין די אידען מיט
זיינע גראָבע פיס. ער האָט מחבר געווען (1541) אַ אידענפיינדליכען בי־
כעל געגען דעם „אידענביכליין", ערקלערענדיג, אַז ער געהט דרעווייזען,
„וואָס פאַר גרויסע אונגליקען די אידען האָבען געבראַכט מיט זייערע
שווינדעל און פערברעכענס אין אַלע דייטשע לענדער, ווי אויך אין אַנדער
קעניגרייך". ער האָט אין זיין ביכעל פון דאָס־ניי אויפגעוואַרימט אַלע בע־
שולדיגונגען, וואָס עס האָבען אַמאָל אַרויסגעשטעלט געגען די אידען פער־
שידענע משומדים, ווי אויך אַלץ, וואָס עס האָבען ערקלערט אידען, ווען
מען האָט זיי דורך אונמענשליכע ענוים געצוואונגען מודה צו זיין זיך אין
פערברעכענס, וועלכע זיי האָבען נישט בעגאַנגען, נעמליך, די אויסגע־
טראַכטע בלבולים פון טריענט און רעגענסבורג — אַלץ האָט ער אַריינגע־
פּאַקט אין זיין מיסט־ביכעל.

עס האַפּט אָבער אָריבער די מאָס, ווען אַ גרויסע פערזענליכקייט
שעצט נישט געגוג דעם אייגענעם נאָמען, ווען אַזאַ מענש ווי לוטהער טרעט
אויך אַרויס מיט שנאה געגען די אידען און מאַכט אין דער הינזיכט יד־
אחת מיט אַזאַ געמיינעם מענשען, ווי דאָקטאָר עק איז געווען. פון אַ לוט־
הער, אַ קעמפּפער געגען דער אויסגעלאַסענקייט אין דער קאַטוילישער
קירכע האָט מען געקאָנט ערוואַרטען עפּעס בעסערס. „פאַרוואָס, פרעגט
לוטהער — קלאָגען זיך אַזוי שטאַרק די אידען איבער זייער גלות ביי
אונז? מיר, קריסטען, ווערען כמעט דריי הונדערט יאָהר לאַנג דורך זיי
(דורך די אידען!) געפייניגט און גערודפט און מיר אַליין האָבען זיך גע־
מעגט קלאָגען, אַז זיי האָבען אונז געפייניגט און געטויטעט! דערצו ווייסען
מיר נאָך עד היום נישט, וועלכער טייוועל עס האָט זיי אין אונזער לאַנד
געבראַכט!? (אַ שטייגער, ווי די אידען וואָלטען גאָר נישט געוואוינט נאָך

פריהער פאר די גערמאנען אין איינינע קאנטען, וואס געהערען איצט צו דייטשלאנד!) „מיר — טענה'ט ווייטער לוטהער — האבען זיי פון ירושלים אהער נישט געבראכט און דערצו האלט זיי אויך קיינער דא נישט געבונדען. אלע וועגען ליגען פאר זיי אפען, זאלען זיי זיך געהען צוריק אהיים, מיר וועלען זיי גערן מתנות מיטגעבען, אויב מיר זאלען נור קאנען פטור ווערען פון זיי; דען זיי זענען פאר אונזער לאנד א שווערע משא, אנ'אנשיקעניש, א מגפה און אנ'אמת'ער אונגליק". ווי פעפערקארן און עק, אזוי איז אויך לוטהער איצט העכסט גליקליך געווען, יוען ער האט געהערט אפט, אז עס קומען פאר גירושים נעגען אידען און מען פערטריבט זיי מיט געוואלד פון א לאנד. „פון פראנק־רייך — שרייבט לוטהער פול שמחה — און דא נישט לאנג האט אונזער ליעבער קייזער קארל זיי אויך פערטריבען פון שפאניען (א ביסעל צו־מישט די יוצרות), היי־יאהר האט מען זיי ארויסגעטריבען פון גאנץ בעה־מישען לאנד, וועהרענד זיי האבען דאך אין פראג געהאט זייערע בעסטע נעסטען, און אויך פון רעגענסבורג, מאגדעבורג און פיעל אנדערע ערטער האט מען זיי ארויסגעטריבען, זינט איך געדענק".

נישט האבענדיג קיין פערשטאנד פאר דער גרויסקייט פון אידישען פאלק, וואס ליידעט אונמענשליכע יסורים, זייענדיג ארומגערינגעלט פון פערביסענע פיינד, נישט וויסענדיג נישט די אידישע, נישט די אלגעמיינע געשיכטע, חזר'ט איבער לוטהער נור די ליגנערישע בעשולדיגונגען פונ'ם שענדליכען פערפערקארן, וואס די הומאניסטען האבען שוין פריהער אזוי קלאר דערוויזען, ווי פאלש און פערברעכעריש ער איז געווען. נאכ'ן דא־זיגען געמיינעם אידענפיינד שרייבט נאך לוטהער, אז דער תלמוד און די רבנים לערנען, אז מען דארף די גוים, דאס הייסט, די קריסטען טויטען; אז מען מעג עובר זיין אויף א שבועה, וואס מען האט זיי געגעבען; אז בע'־גנב'ענען און בערויבען זיי איז נישט קיין זינד און אז די אידען טראכ־טען נור וועגען דעם, ווי אזוי אבצושוואכען די קריסטליכע רעליגיאן. עס איז גאנץ אונפערשטענדליך, ווי אזוי לוטהער, וועלכער האט אין דער ער־שטער עפאכע פון זיין רעפארמאטארישער טעטיגקייט זיך אזוי קרעפטיג אנגענומען פאר די אידען, ווי אזוי האט ער איצט געקאנט איבערחזר'ן אלע שקרים וועגען די אידען. איינשטימענדיג אינגאנצען מיט זיין געגנער עק, ערקלערט ער, אז די אידען האבען צו־גוט אין דייטשלאנד און דערפון שטאמט זייער גרויס איבערנעהמען זיך.

וואס זשע — פרעגט לוטהער — זאל מען טהון מיט'ן דאזיגען דורך נאט פערשטויסענעם און אונווירדיגען פאלק" — און גיעט אליין דערויף אנ'ענטפער, וועלכער דערוויזט אויך אזוי פיעל אונקלוגשאפט, ווי פאל־קאמענעם פיהלען פון ליעבע צו מענשען. „דאס ערשטע — גיעט דערויף אנ'עצה דער וויטענבערגער רעפארמאטאר — דארף מען פערברענען די אידישע שוהלען, לכבוד גאט און דעם קריסטענטום. ווייטער זאלען די

קריסטען איינוואַרפען די אידישע הייזער און אַרויסטרייבען זיי דורכ'ן דאַך, אָדער דורך אַ שטאַל, ווי די ציגיינער. זייערע סידורים און מחזורים און אַנדערע געבעט-ספרים, זייערע שס'ין, אפילו אויך זייערע תנכ'ן דאַרף מען מיט געוואַלד ביי זיי צונעהמען (דאָס הייסט: לוטהער גיעט די זעלביגע עצה, ווי זיינע געגנער, די דאָמיניקאַנער); ווייטער דאַרף מען זיי פערבאָטען צו גאָט צו בעטען און אַרויסצוזאָגען גאָט'ס נאָמען, בעשטראָפענדיג דערפאַר מיט'ן טויט. זייערע רבנים דאַרף מען פערבאָטען מיט תלמידים צו לערנען. די רעגירענדע מאַכט דאַרף בכלל פערבאָטען די אידען צו רייזען און פערצוימען פאַר זיי אַלע וועגען, כדי זיי זאָלען מוזען נור אין שטוב זיצען". וועגען די אידען גיעט לוטהער אַנ'עצה ווייטער, אַז מען זאָל ביי זיי צונעהמען זייערע קאַפּיטאַלען, גרינדען אַ קאַסע און שטיצען דערמיט יענע אידען, וועלכע וועלען זיך אָבשמד'ן. די שטאַרקע אידען און אידענעס זאָל מען צווינגען צו שקלאַפען-אַרבייט, זיי זאָלען גראָבען די ערד, אַקערן, האַקען וואַלד, שפּינען, וועבען, כדי זיי זאָלען זייער ברויט פערדינען אין שוויים פון זייער פנים און נישט פערברענגען זייער צייט אין לעדיג געהן, פוילען זיך און פראַווען יום-טוב. דאָקטאָר עק איז געווען אונפערשעמט גענוג צו דערווייזען אויפ'ן סמך פון אידישען תנ"ך, אז די אידען זענען בלוטדורשטיג. מיט זיין צונג-דרעשעריי אין דער פאַלשער געלערנטקייט ערקלערט עק פעסט, אַז די אידען קאַלעטשען און הרג'ענען קריסטליכע קינדער, כדי מיט זייער בלוט צו זאלבען רבנים, אָדער לייכטער צו מאַכען פאר די אידישע קינפּעטאָרינס די געבורט און קורירען פערשידענע מחלות. מיט כעם רופט ער אויס: „מיר קריסטען מאַכען אַ גרויסען פעהלער דערמיט, וואָס מיר גיעבען די אידען פרייהייטען, וואָס מיר בעשיצען זיי און גיעבען זיי אַ זיכער לעבען". — דערמיט האָט דאָקטאָר עק אָנגעוויזען אויף דעם שוץ-בריעף וואָס די אידען האָבען בעקומען פון קייזער קאַרל V, משמעות, לויט יאָסעלינס השתדלות, וואו מען ברויך די אידען נישט צו בעשולדיגען אין בענוצען קריסטליך בלוט.

אַנ'אונערקלערליכער וואונדער איז עס אָבער ווי אַזוי לוטהער, דער גרינדער פון אַ נייעם גלויבען, דער קעמפּפער געגען אַלטע אבערגלויבענס — אַז אַט דער מענש האָט געקאָנט אין דער אידענפראַגע פאָלקאָמען איינשטימען מיט זיין טויט-פיינד, דאָקטאָר עק, וועלכער האָט געגען לוטהערן גופא אַרויסגעשטעלט בעשולדיגונגען און שקרים מיט דער זעלביגער אונפערשעמטקייט, ווי ער האָט עס געטהון אין בעציהונג צו די אידען! ביידע ליידענשאַפטליכע געגנער האָבען אין בעציהונג צו די אידען געהאַט איין האַרץ, איין נשמה און איין שנאה. לוטהער איז אויף דער עלטער זעהר פערביטערט. דורך זיין עקשנות און שטענדיגען האַלטען זיך פאַר גערעכט האָט ער אין זיין אייגענעם קרייז פיעל פערדאָרבען, צושטערנדיג די אחדות מיט זיינע חברים און בעשאַפענדיג אויף אַ לאַנגע צייט אַ טרויעריגע שפּאַלטונג אינ'ם אייגענעם לאַגער. זיין גראָבע נאַטור-

האָט ביי איהם שטענדיג מנצח געווען זיין מילדע פרומקייט און עניות. זיין מאָנאַכישער גייסט איז כלל נישט מסוגל געווען צו פערשטעהן דאָס יו־דענטום, וואָס זיין ציעל איז דערהויפּט נישט די אמונה, נור דאָס פער־איידעלן און פערפיינינגען די מדות פונ'ם מענשען דורך געוויסע געזעצען, און ער איז אַריין אין ווילדען כעס ווען זיינע חברים האָבען איהם דערויף אַנגעוויזען, ווי, למשל, אויפ'ן געזעץ פון יובל־יאָהר וועגען דער בעפרייאונג פון שקלאַפען. און אַט בעקומט ער גאָר פלוצלונג אַ ביכעל, וואו אין דער פאָרם פון אַ געשפּרעך דערהויבט מען גאָר דאָס יודענטום איבער דעם קריסטענטום, און דאָס ביכעל האָט צום אונגליק געשריבען דוקא אַ קריסט. דאָס איז שוין געווען צו־פיעל פאַר לוטהערן. דאָס יודענטום זאָל האָבען אַ חוצפה צו פערגלייכען זיך מיט'ן קריסטענטום פונ'ם מאָנאַך לוטהער! ער האַפּט זיך באַלד צו דער פעדער און שרייבט אַוועק: „וועגען די אידען און זייערע שקרים (1542) מיט אַזאַ ליידענשאַפטלי־כער גיפטיגקייט, אַז ער שטייגט אַריבער דערין אי פעפערקאָרן אי דאָקטאָר עק.

אין דער פאָררעדע צו זיין ווערק שרייבט לוטהער, אַז ער האָט זיך שוין געהאַט בעשלאָסען מעהר נישט צו שרייבען נישט וועגען די אידען. נאָר וויל ער האָט זיך דערוואוסט, אַז „די דאָזיגע עלענדע פערשאָלטענע לייט" האָבען געהאַט אַ העזה צו־ציהען צו זיך קריסטען, וויל ער, לוטהער, זיי מזהיר זיין, אַז זיי זאָלען זיך נישט לאָזען פערפיהרען. זיינע בעווייזען געגען די אידען זענען געהאַלטען געוואָרען אין עכ־טען מאָנאַכישען געשמאַק: ווייל די קאַטוילען האָבען אין אַ משך פון הע־כער טויזענד יאָהר געריבט ביי די אידען אַלע מענשליכע רעכטע, געטרע־טען זיי מיט די פיס, צוריסען זייער פלייש, אויסגעשחט'ן טויזענדער פון זיי, מיט איין וואָרט: ווייל די קאַטוילען האָבען זיי עלענד און אונגליקליך געמאַכט, דעריבער זענען די אידען פערשאָלטען און דאָס קריסטענטום איז די ריכטיגסטע אמונה. לוטהער דערמיט בלויז, אַז ער איז אַנ'עכט מיטעלאַלטערליכער מאָנאַך און יעדע אַנדערע לאָגיק איז איהם פרעמד. דעם קייזער און די פירשטען מוסר'ט לוטהער, אַז זיי זאָלען מיט די אידען קיין לאַנגע צערעמאָניעס נישט מאַכען און פראָסט פשוט אַרויסטרייבען זיי פון לאַנד. פאַראויסזעהענדיג אָבער, אַז אַזאַ שגעון וועט־לען די פירשטען נישט בעגנעהן, לערנט ער די גלחים און פאָלקס־לעהרער, אַז זיי זאָלען ערציהען דאָס פאָלק אין גייסט פון טיעפער שנאה צו די אידען. „אויב ער אַליין וואָלט נור די מאַכט געהאַט — ערקלערט לוטהער — וואָלט ער פערזאַמעלט די אידישע תלמידי־חכמים און מנהיגים און ערקלערט זיי, אַז ער וועט זיי די צונג טיעף אין האַלז אויסשניידען, אויב זיי וועלען נישט אַנערקענען דאָס די אידישע רעליגיע איז פאַלש און די קריסטליכע אמונה איז אמת". „ער האָט געהערט — שרייבט ער וויטער — אַז אַ רייכער איד פאָהרט אַרום אין דייטשלאַנד מיט צוועלף פערד.

אויב די פירשטען פערשטעלען נישט דעם וועג איהם און זיינע פאָלקס-ברידער, טאָ זאָלען די ריכטער אַרויסטרעטען געגען זיי, נאָכדעם ווי זיי האָבען פון מיין ביכעל אַרויסגעזעהען, ווי פערשאָלטען און העסליך דאָס אידישע פאָלק איז".

נאָך קורץ פאַר זיין טויט האָט ער אין אַ דרשה געמוסרט די קריסטען אַרויסצוטרייבען די אידען פון דייטשלאַנד. לוטהער איז זיכער, אַז ווען די אידען וואָלטען נור געקאָנט, וואָלטען זיי אַלע קריסטען אויסגעהרג'עט, און זיי טהוען דאָס טאַקי אויך, אַלס דאָקטוירים, געבענדיג די קריסטליכע חולאים סם אָנשטאָט רפואות, — סם, דורך וועלכען מען שטאַרבט נישט באַלד, נור ערשט אין צעהן-צוואַנציג יאָהר אַרום. „אויב די אידען — ענדיגט לוטהער — ווילען זיך נישט שמד'ן, טאָ וועלען מיר זיי ביי אונז נישט ליידען, מיר וועלען זיי אַרויסטרייבען פון אונזער לאַנד".

די אידען האָבען אַלזאָ געהאַט אינ'ם דייטשען רעפאָרמאַטאָר און בענייער (רעגענעראַטאָר) אַ שונא נאָך אַ ברענעדיגערן, ווי די דאָמיניקאַנער זענען געווען, אַלענפאַלס אַנ'ערגערן, ווי די פויפסטען ביז דער העלפט פון זעכצעהנטען יאָהרהונדערט. דאָס, וואָס עס האָבען אויסגעטראַכט און געשריבען וועגען די אידען אַזעלכע געמיינע יונגען, ווי פעפערקאָרן, האָכסטראַטען, דאָקטאָר עק און זייער גלייכען, האָט דאָך פאָרט געפונען נישט פיעל מאמינים צווישען די קריסטען, ווייל כמעט אַלע האָבען זיי געקאָנט פאַר שקרנים: דאָס אָבער, וואָס אַ לוטהער האָט אין זיין שנאה געשריבען דעריין, האָבען זיינע מאמינים געגלויבט, ווי אין אַ הייליגען אויסשפרוך פון אַנ'אָראַקעל און מען האָט עס שפעטער געטוי אָבגעהיט. ווי דער קירכענפאָטער העראָנימוס האָט אָנגעשטעקט די קאַטוילישע קירכע מיט שנאה צו די אידען, אַזוי האָט לוטהער פערגיפטעט מיט זיין אידענפיינדליכער צואה די פראָטעסטאַנטישע וועלט אויף אַ גאַנץ לאַנגע צייט פאַראויס. אין די פּראָטעסטאַנטישע קרייזען איז די שנאה צו די אידען געווען נאָך שטאַרקער, ווי אין די קאַטוילישע. די קאַטוילישע אָנפיהרער האָבען געפאָדערט פון די אידען, אַז זיי זאָלען אָבהיטען די געזעצען געגען זיי, וואָס עס האָבען אַרויסגעגעבען די גלחישע קאָנסיליען, און מיט דער דאָזיגער בעדינגונג האָבען זיי ערלויבט דאָך די אידען צו לעבען ווי עס איז אין די קאַטוילישע מדינות; לוטהער האָט אָבער געפאָדערט, אַז מען זאָל די אידען אינגאַנצען אַרויסטרייבען. די פויפסטען האָבען אָפט אַליין געמוסרט די קריסטען, אַז זיי זאָלען די אידישע שוהלען נישט אָנריהרען; דער גרינדער פון דער רעפאָרמאַציאָן דאַגעגען האָט בעפוילען, דאָס מען זאָל די שוהלען מטמא מאַכען און צושטערען. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשטעלט די אידען אויף איין ליניע מיט די ציגיינער. דאָס איז געקומען דערפון, וואָס די פויפסטען זענען געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה פון לעבען און געהאַט זייער רעזידענץ אין דער וועלט-

שטאָדט רוים, וואו עס האָבען זיך קאָנצענטרירט די אינטערעסען פון די דאַמאָליגע פיער וועלט־טיילען. זיי האָבען דעריבער נישט געקוקט אויף קליינליכקייטען און האָבען געלאָזט צו־רוה די אידען מייסטענס צוליעב זייער קליינער בעדייטונג אין דער פּאָליטישער וועלט. לוטהער דאַגעגען האָט געלעבט ערגעץ וואו אין אַ העק און געווען איינגעוועבט אין זיין קליינשטעדטעלשען לעבען און אַנשויאונגען; יעדע רכילות און פּוסטע קלאַנגען וועגען די אידען זענען געווען ביי איהם אמת־וצדק און געאורטיילט האָט ער וועגען די אידען לויט'ן קליינבירגערליכען מאַסשטאַב, צעהלענדיג זיי יעדען גראָשען, וואָס זיי האָבען פערדינט און יעדען ביסען, וואָס זיי האָבען אין מויל גענומען. ער איז דעריבער געווען דער אמת'ער שולדיגער דערין, וואָס די פּראָטעסטאַנטישע פירשטען האָ־ען די אידען באַלד אַרויסגעטריבען פון זייערע מדינות, וועהרענד אין די רוימיש־קאַטוילישע מדינות זענען נור די דאָמיניקאַנער געווען די אידישע הויפּט־שונאים.

ביז אין דער טערקיי האָט גערודפט די אידען די שנאה צו זיי מצד די קריסטען. זענען עס אין דער טערקיי געווען נישט די קאַטוילען, נישט די פּראָטעסטאַנטען, זענען עס דאָרט געווען די גריכיש־קאַטוילישע קריסטען (פּראַוואָסלאַווגע). אין קליין־אַזיען, ווי אויך אין די גריכישע שטעדט האָבען געוואוינט צוזאַמען די טערקען מיט די גריכען. די לעצטע האָבען זיך נישט געקאָנט אָבזאָגען פון זייער פאַרצייטיגער גאוה, נור געגען די טערקען האָבען זיי געמוזט זיך האַלטען רוהיג און שטיל, האָבען זיי אויסגעגאָסען זייער כעס אויף די אידען. איינמאָל האָבען זיי בכיון געלאָזט פערשווינדען פון שטעדטעל אמאַזיאַ אין קליין־אַזיען אַן'אָרימען גרעק, וועלכער פלעגט בעדינען די אידען און פון זיי אויסגעהאַלטען ווערען. באַלד נאָכדעם האָבען זיי אָנגעקלאָגט עטליכע אידען, אַז זיי האָבען דעם גרעק דערהרגעט. די טערקישע קאַדים (ריכטער) האָבען געלאָזט אַרעסטירען די אָנגעקלאָגטע און געפּייניגט זיי, ביז זיי האָבען זיך געמוזט מודה זיין, דאָס זיי האָבען דעם גרעק דערמאָרדעט. מען האָט די אונגליקליכע אויפגעהאָנגען און אַ אידישען דאָקטאָר יעקב אבי־איוב האָט מען דערביי פערברענט (1545). אַ פּאָר טעג נאָכדעם האָט אַ איד דערקענט דעם כלומר'שט דערהרג'עטען גרעק, דערגאַנגען ביי איהם, אויף וואָס פּאַר אַן'אופן ער איז פערשוואונדען געוואָרען און געבראַכט איהם צום קאַדי. דער לעצטער איז שטאַרק בייז געוואָרען אויף די פאַלשע גריכישע אָנקלאָגער און בעשטראָפט זיי מיט'ן טויט. — אויך אין טאָקאַט אין דערזעלביגער געגענד איז אין דער זעלביגער צייט פאָרגעקומען אַזאַ אָנקלאַגע געגען די אידען, און אויך דאָרט האָט מען דערוויזען די פאַלשקייט פון דער אָנקלאַגע. צוליעב די דאָזיגע געשעהענישען, האָט דער אידישער לייב־דאָקטאָר פון סולטאַן סולימאַן רבי משה המון געפּועלט ביים סולטאַן אַז ער זאָל אַרויסגעבען אַ דעקרעט, דאָס אַן'אָנקלאַגע געגען די אידען

אין טערקיי, דאָס זיי האָבען דער׳הרג׳עט אַ קריסט, ווי אויך אַנדערע עהנליכע בלבולים, דאַרפען נישט געמשפט ווערען דורך געוועהנליכע ריכטער, נור דורכ׳ן סולטאַן אַליין.

די שנאה צו אידען, וועלכע האָט זיך אַזוי אַרום אין דער טערקיי געמוזט פערהאַלטען רוהיג, האָט זיך אויסגעגאָסען מיט נאָך מעהר גיפטיגקייט אין די קריסטליכע לענדער. די רעפּובליק גענוא האָט אין אַ משך פון אַ לאַנגער צייט נישט געלאָזט פערבלייבען אין איהר מדינה קיין אידען לענגער ווי דריי טעג. ביסלעכווייז אָבער האָט זיך בעזעצט אינ׳ם שטעדטעל נאָווי נעבען גענוא אַנטלאָפענע אידען פון שפּאַניען און פראַוואַנס; די ניי געקומענע אידען פלעגען אויך אַריינקומען אָפט אין גענוא גופא און מען האָט געקוקט דערויף רוהיג. בשעת דעם פּאַרטיי-קאַמף צווישען די פּאַטריצישע משפחות האָט מען די אידען אויך אַריינגעשלעפּט אין קאַמף, און אַט האָט איין צד זיי גערודפט, דער אַנדערער — צוריק אַריינגעלאָזען. די דאָרטיגע אידען זענען געווען על פי רוב אינטעליגענטע לייט, סוחרים, בעלי מלאכות, דאָקטוירים און קאַפּיטאַליסטען. אָבער אויך דאָ זענען אַרויסגעטראָטען געגען זיי די דאָמיניקאַנער און אויפגערייצט די קריסטען געגען זיי; בעזונדערס שטאַרק האָבען אַגיטירט געגען די אידען די קריסטליכע דאָקטוירים, וועלכע האָבען געזעהן אין זיין געפעהרליכע קאָנקורענטען. געגען דעם ווילען פונ׳ם דאָזש א נ ד ר ע א ס ד אָ ר אַ האָט מען דעריבער די אידען פערטריבען פון גענוא (אַפּריל 1550) און געלאָזט מודיע זיין מיט טרומייטען, אַז אין דער צוקונפט וועט מען שוין נישט אַריינלאָזען קיין איינציגען אידען אין לאַנד. דער דאָזיגער גירוש האָט אַ געוויסע בעדייטונג דאַדורך, וואָס דערביי האָט געליטען אַ בעדייטענדער אידישער געשיכטע-שרייבער (היסטאָריקער), וואָס זיין לעבען שטעלט פאָר אין אַ קליינעם מאַסשטאַב די יסורים פון אידישען פאָלק אין גרויסען מאַסשטאַב.

די עפּאָכען פון געהויבענקייט און מפּלות אינ׳ם לעבען פון די פעלקער, ווי אויך די שטענדיגע אומוואַנדלונגען אין לעבען פון אידישען פאָלק האָבען געבראַכט איניגע שאַרף בעאָבאַכטענדע אידען אין דער שווידערהאַפטער עפּאָכע פון גירוש פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, ווי אויך די געשיכטע פון די העלדישע ענוים פון די פּאָרטוגעזישע אנוסים — צו דער איבערצייגונג, אַז אין דער געשיכטע הערשט נישט בלויז דער צופאַל, נור אַ העכערע האַנד — די געטליכע השגחה — רעגירט די וועלט און פיהרט די פעלקער דורך שטראָמען פון בלוט און טרערען צו אַ געוויסען ציעל. זינט די קרייצצוגען, איז קיין יאָהרהונדערט נישט געווען רייכער אין געשעהענישען, ווי דאָס זעכצעהנטע, אין וועלכען מען האָט נישט בלויז ענטדעקט נייע לענדער, נור דערוועקט אויך אַ נייעם גייסט צווישען די מענשען — אַ גייסט, וועלכער האָט געשטרעבט צו נייע שאַפונגען, זייענדיג געלעהמט אין זיין דאָזיגער שטרעבונג דורכ׳ן גלייכגעוויכט פון דער אַלטער

פאַרצייטיגער צייט, ווי אויך נאָך פון דער פוילער געגענווארט. די דאָ-זיגע עשירות פון פאַקטען האָבען איך געפיהרט אייניגע אידען, על פי רוב ספרדישע, צו דערזעהען די האַנד פון דער געטליכער השגחה אין דער אידישער געשיכטע, האָטש זי איז אין פלוג געגאַנגען גאָר אונרעגעלמעסיג און איז געווען אָבהענגיג בלויז פונ'ם גוטען, אָדער שלעכטען קאַפּריז פון דעם אָדער יענעם פירשט, אָדער העכערען גלח. די דאָזיגע דענקענדע אי-דען האָבען בעטראַכט די ערצעהלונגען פון דער געשיכטע אלס אַ טרייסט פאַר יענעם טייל פון דער מענשהייט, וועלכער האָט אַמערגסטען געליטען פון די ווילדע שטורעמס פון די געשעהענישען און איז דורך זיי אַהן רחמנות כמעט אינגאַנצען צוטראָגען געוואָרען. קיין פאָלק האָט אָבער מעהר זיך נישט גענויטיגט אין טרייסט, ווי דאָס אידישע, דאָס פאָלק פון קדושים (מערטירער), וואָס איז, ווי עס האָט זיך געקאָנט דוכטען, גע-בוירען געוואָרען נור אויף יסורים און צרות און האָט שטענדיג זיין ברויט געגעסען איינגעטונקט אין טרעהרען. — כמעט אין איין צייט האָבען דריי דענקענדע אידען גענומען זיך פאַר דער אויפגאַבע, צו פערטיעפען זיך אין דער אידישער געשיכטע און פערשרייבען די געשעהענישען פאַר די צו-קונפטיגע דורות. דאָס זענען געווען: דער דאָקטאָר רבי יוסף בן יהושע הכהן, רבי יוסף אבן-ווירגאַ און דער דיכ-טער רבי שמואל אושקי. אויף זיי האָט גערוהט דער גייסט פון די נביאים, וועלכער האָט אין די געשעהענישען פון דער געשיכטע געזע-העין דאָס בעסטע מיטעל צו לערנען דאָס פאָלק און דערהויבען זיין גייסט, און דאדורך האָבען זיי ריכטיג דערוויזען, אַז די אידען זענען אפילו אויך אין זייער ערגסטער שפלות נישט געווען, חלילה, גלייך צום ציגיינער-פאָלק, וועלכעס האָט כלל נישט קיין געשיכטע און קענט עס גאָר נישט, נור אַז אידען זענען אפילו אין געוויסע בעציהונגען געשטאַנען העכער, איידער יענע, וואָס האָבען די ממשלה און דאָס שווערד אין דער האַנד געהאַלטען, דאָס ראַד און די בייטש אָנגעווענדעט צו קנעכטען די מענשהייט און בע-דריקען איהר.

דער בעדייטענדסטער צווישען די דערמאָנטע דריי אידען-דענקער איז געווען, אלס געשיכטע-שרייבער רבי יוסף בן יהושע הכהן (געבוירען אין אביניאָן 1496, געשט. 1575). זיינע עלטערן האָבען גע-שטאַמט פון שפּאַניען. בשעת'ן גירוש איז זיין פאָטער יהושע געקומען קיין אביניאָן, נאָכדעם ווי ער האָט געלעבט אַ געוויסע צייט אין גענוא און איז אויך פון דאָרט פערטריבען געוואָרען. רבי יוסף הכהן האָט שטו-דירט די מעדיצין און בעשעפטיגט זיך מיט איהר פראַקטיש און טעאָרע-טיש. ווי עס שיינט, איז ער געווען לייב-דאָקטאָר ביים שוין דערמאָנטען ראָזש אנדרעאס דאָריאַ. זיין האַרץ האָט הייס געקלאַפט פאַר די אידישע צרות און ער האָט אָנגעווענדעט נישט ווייניג מיה און השתדלות לייכטער צו מאַכען זייער ביטערן גורל. בשעת'ן גירוש פון גענוא (1550),

האבען איהם געבעטען די איינוואוינער פון שטעדטעל וואלטאדזשיא, אז ער זאל זיך דארט בעזעצען, אלס דאקטאר, און ער האט די איינלאדונג אנגענומען און געלעבט דארט אכטצעהן יאהר. אבער מעהר, אלס מעדיצין, האט איהם אינטערעסירט די געשיכטע און ער האט אנגעהויבען שטודירען די כראניקען, כדי צו קאנען צוזאמענשטעלען א מין וועלט-געשיכטע. זיין געשיכטע האט ער אנגעהויבען פון דער עפאכע, ווען עס איז אונטערגעגאנגען די רוימישע מלוכה און אויף איהרע חורבות האבען זיך אנגעהויבען איינארדנען נייע מלוכות. די שפעטערדיגע וועלט-געשיכטע שילדערט ער אלס א קאמפף צווישען אזיען און איירא פא, צווישען דעם איסלאם און דעם עוואנגעליום. דער איסלאם ווערט פערטראטען דורך דער טערקישער מלוכה, דאס עוואנגעליום — דורך פראנקרייך, וועלכע האט געשאנקען דער קריסטליכער וועלט דעם ערשטען גרויסען וועלט-קייזער, קארל דעם גרויסען. אין דער געשיכטע פון זיין אייגענער צייט, וועלכע ער האט טיילווייז אליין איבערגעלעבט, טיילווייז צוזאמענגעשטעלט, לויט די ערצעהלונגען פון געלעהרטע אלטע לייט, וועלכע ער האט גענוי אויסגעפארשט וועגען דעם. — אין דער דאזיגער געשיכטע איז ער אונפארטייאיש און האלט זיך פעסט ביים אמת, דעריבער איז ער א זיכערע קוועלע פאר געשיכטע-שרייבער. זיין העברעאישע שפראך איז לעבעדיג און שען, כמעט קאפירט פון דער שפראך פונ'ם תנ"ך. די דראמאטישע פארם, וועלכע ער האט גענומען פון תנ"ך, גיעט צו זיין ווערק א בעזונדערן חן און דערהויבט עס איבער די דאמאלדיגע טרוקענע כראניקען. אין די בעטרעפענדע שטעלען פלעכט ער איין אין זיין וועלט-געשיכטע אויך די אידישע געשיכטע, בעזונדערס, די געשיכטע פון גרויסע אידישע רדיפות. זיין הויפט-אויפגאבע איז געווען, צו דערווייזען די גערעכטיגקייט פון דער געטליכער השגחה אין די וועלט-געשעהענישען, ווי געוואלדיגקייטען און שלעכטסקייטען זענען בעשטראפט געווארען און די מעכטיגע טיראנען זענען פון זייער הויך ארונטערגעשליידערט געווארען. ער אליין האט איבערגעלעבט די וועהענישען פון דער געשיכטע, דעריבער האט ער געשריבען נישט קאלט, נור אפט מיט ביטערקייט אהן א מאס.

גאר פון אנ'אנדער מין איז דאס היסטארישע ווערק פון דערזעלביגער צייט, איבער וועלכע עס האבען געארבייט דריי דורות: א פאטער, א זוהן און אנ'איינִיקעל. פון דער אנגעזעהענער משפחה אבן-ווירגא, וועלכע איז געווען פערוואנדט מיט דער משפחה אברבנאל, האט דער בעל-מקובל און אסטראנאם רבי יהודה אבן-ווירגא צוזאמענגעשטעלט א רשימה פון די גזרות אויף אידען אין פערשידענע לענדער, וועלכע ער האט בעא"בייט לויט פערשידענע קוועלען, בעזונדערס, לויט דער מגלה פון פראפיאט דוראן (אפודי). רבי יהודה'ס זוהן, רבי שלמה אבן-ווירגא, וועלכער האט איבערגעלעבט דעם גירוש פון שפאניען און פארטוגאל און איז געווען א געוויסע צייט לפנים א קריסט און, אלס אנוסי, איז ער שפע-

טער אַנטלאָפען קיין טערקיי, כדי עפענטליך אַ איד צו זיין, — דער דאָזי־גער רבי שלמה האָט צוגעלעגט צו דער רשימה פון זיין פאָטער אייגענע געשיכטליכע ערצעהלונגען. ענדליך זיין זוהן, רבי יוסף אבן־ווירגאַ, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון בית־דין אין אדריאַנאָפּאָל, האָט פיעל צוגעלעגט צו דער רשימה פון זיינע עלטערן סיי אין דער פער־גאַנגענער צייט, סיי אין זיין אייגענער צייט און פערעפענטליכט דעם ספר אונטער דעם נאָמען שבט־יהודה. צוליעב דעם וואָס איבער'ן ספר האָבען געאַרבייט דריי מחברים צייכענט ער זיך נישט אויס מיט אַ גלייכען חאַראַקטער; עס פעהלט אין איהם אי דער פּלאַן, אי די אָרדנונג.

דער בעדייטענדסטער און אָריגינעלסטער פון די דריי געשיכטע־שריי־בער איז געווען רבי שמואל אושקי, וועלכער איז בלי ספק, אלס אַנוסי, אַנטלאָפען פון פּאָרטוגאַל פאַר דער אימה פון דער אינקוויזיציע. צוזאַמען מיט זיינע קרובים האָט ער זיך בעזעצט אין פעררארא, מיט שלמה אושקי (מיט'ן שפּאַנישען נאָמען: דואַרטע גאָמעז) און מיט אברהם אושקי (מיט'ן קריסטליכען נאָמען: דואַרטע פּינעל). אברהם אושקי האָט אין פעררארא זיך געלאָזט מל'ה זיין און געגרינדעט אַ גרויסע דרוקעריי, כדי צו דרוקען ספרים פאַר די אַנוסים, וועלכע האָבען מיט דער צייט פערגעסען די העברעאישע שפּראַך, און מען האָט געמוזט פאַר זיי איבערזעצען אידישע תפלות אויף שפּאַניש, דרוקענדיג זיי אין אברהם אושקי'ס דרוקעריי. בכלל האָבען די אנוסים וועלכע זענען צוריק געוואָרען עפענטליך אידען, זיך אויסגעצייכענט מיט זייער גרויסער פרומקייט. די מסירת־נפש, מיט וועלכער זיי האָבען געליטען פאַר'ן יודענטום, האָט זיי ערשט רעכט בעוויזען, ווי טייער די רעליגיאָן פון די עלטערען איז, בפרט נאָך די אונמענשליכע יסורים, וואָס זיי האָבען זיך אַנגעליטען פון די קאַ־טוילישע גלחים. פיעל ספרים האָט מען דאַמאָלס ספּעציעל איבערגעזעצט פון העברעאיש אויף שפּאַניש און פּאָרטוגיעזיש, כדי די אַנוסים זאָלען אויף דער הייליגער שעה קאָנען ערפילען זייערע רעליגיעזע הצטרכות חאָטש אין אַ פרעמדער שפּראַך. מיט דער צייט האָט מען אין אברהם אושקי'ס דרוקעריי אָנגעהויבען דרוקען אויך אַלערליי העברעאישע ספרים.

דער אַנוסי שלמה אושקי האָט נאָכ'ן אַנטלויפען פון פּאָרטוגאַל גע־לעבט אַלס איד אַ געוויסע צייט אין ווענעדיג און אין אַנקאָנאַ. ער איז געווען דיכטער און האָט איבערזעצט אין שפּאַניש די ליעדער פון'ם בע־רימטען איטאַליענישען דיכטער פּעטראַרקאַ. ער האָט געדיכטעט אייגענע אָריגינעלע ווערק און בעשעפטיגט זיך אויך מיט מסחר.

דער וויכטיגסטער אין דער משפחה איז אָבער געווען רבי שמואל אושקי, וועלכער איז אויך געווען דיכטער, אָבער ער האָט קיינעם נישט נאָכגעמאַכט, אָדער איבערזעצט, נור געשאַפען אָריגינעלע ווערק. שטאַר־קער פאַר אַלץ האָט איהם אָבער געצויגען צו זיך די אידישע געשיכטע, סיי אין איהר גלענצענדער עפּאָכע, סיי אין איהרע טראַגישע מאָמענטען.

די אידישע געשיכטע איז אָבער נישט געלעגען איינגעגראָבען ביי איהם אין זכרון, ווי אַ טויטער וויסענשאַפטליכער מאַטעריאַל, נור זי האָט גע-לעבט אין זיין הארצען, ווי אַ פרישער קוואל, פון וועלכען ער האָט תמיד געשעפּט טרייסט און התלהבות. די תנ"כ'ישע געשיכטע מיט איהרע גבורים, מלכים און נביאים, די געשיכטע נאָכ'ן חורבן מיט איהרע דערהוי-בענדע מאָמענטען און טרויעריגע מפלות, די געשיכטע זינט דעם חורבן פון דער אידישער מלוכה דורך די רוימער — אַלץ האָט געלעבט אין האר-צען און זכרון פון רבי שמואל אושקי, און ער האָט בעלעבט אָט דעם גאנ-צען געשיכטליכען מאַטעריאַל מיט'ן גייסט פון דער פּאָעזיע, מאַכענדיג איהר ריהרענד און אַנציהענד, נישט אין שירים, נור אין פּראָזא, אַזוי אַז ער האָט בעצייבערט זיינע לעזער מיט דער לייכטער און שענער פאָרם, זיין ספר האָט די פאָרם פון אַ געשפּרעך צווישען דריי פּאַסטוכער: יעקב, נחום און זכריה, אָדער (Icabo, Numo u. Zicareo) דער ערשטער פון זיי בעקלאָגט מיט בלוטיגע טרעהרען דעם שרעקליכען גורל פון פאָלק ישראל פון זיין ערשטען אויפטריט אין דער געשיכטע ביז דער לעצטער צייט. די אַנדערע צוויי דאַגעגען טרייסטען איהם און היילען דאָס צוועה-טאָגטע הארץ פונ'ם פּאַסטוך מיט דער ערקלערונג, אַז אַלע יסורים, וואָס זענען געקומען אויפ'ן אידישען פאָלק, זענען געווען נויטווענדיג, כדי צו פיהרען דאָס פאָלק צו אַ הויכען ציעל. זיין דאָזיגעס געשפּרעך, געשריבען אין דער פּאָרטוגיעזישער שפּראַך, האָט רבי שמואל אושקי אַ נאָמען גע-געבען: „טרייסט פאַר די צרות פון פאָלק ישראל“ (1552). די כונה פונ'ם מחבר איז געווען צו טרייסטען די אנוסים, וועלכע זענען אַנטלאָפען פון פּאָרטוגאַל און צוריק געוואָרען אידען, און אָנווייזען זיי, אַז דעם אידישען פאָלק ערוואַרטעט נאָך אין דער צוקונפט עפּעס וואָס ערהא-בענעס. זיין דאָזיגען ציעל האָט ער געוואָלט דערגרייכען מיט זיין ווערק, וואָס ער האָט בכיון געשריבען אין פּאָרטוגיעזיש, וועלכע די אנוסים האָ-בען כמעט אַליין נור פערשטאַנען. די אידישע נאַציאָן שילדערט ער אַמאָל אַלס אַ טרויענדע אלמנה, וועלכע ברעכט די הענד און פערגיסט טאָג און נאַכט טרעהרען אויף די לאַנגע, לאַנגע רייהען יסורים און צרות, וואָס איהרע זיהן האָבען געליטען אין אַ משך פון טויזענדער יאָהרען; טיילמאָל שילדערט ער איהר אַלס אַ נביאה אין שטראַהלענדע קליידער; איהר געט-ליך שענע אויג דרינגט דורך די טיעפע פינסטערניש און זעהט אַ הערלי-כע צוקונפט פאַר'ן אידישען פאָלק און איהר צויבער-שפּראַך טרייסט מיט חכמה און פערלייכטערט די ברענעדיגע יסורים פון צוועהטאָגטען הארץ און אויב רבי שמואל אושקי איז אַלס געשיכטע-שרייבער דוקא נישט פּינקטליך געטריי די קוואַלען און די געשעהענישען, האָט דאָך אָבער נאָך קיינער ביז איצט נישט בעלויכטען אַזוי ריכטיג דעם אמת'ן כאַראַקטער פון דער אידישער געשיכטע און נישט פאָרגעשטעלט אַלץ אַזוי לעבעדיג, פון דער ערשטער צייט אָן ביז דער שרעקליכער געגענוואַרט, פון דעם

ערשטען געוואלד-שמד, וואס עס האט גוזר געווען דער וועסטגאטישער קעניג סיזאבוט איבער די שפאנישע אידען ביז'ן לעצטען גירוש פון שפאניען און פארטוגאל און ביז דער איינפיהרונג פון דער אינקוויזיציע אין פארטוגאל, וועלכע אושקי האט געזעהען מיט די אייגענע אויגען. דער הויפט-טרייסט זיינער בעשטעהט דעריין, אז אלע דאזיגע יסורים, וועלכע די אידען האבען איבערגעליטען, האבען די נביאים געזעהען און פאראויסגעזאגט: די יסורים דארפען דיענען, כדי צו דערהויבען דאס אידישע פאלק, און ווי די טרויעריגסטע נבואות זענען מקוים געווארען, אזוי מעג מען אויך זיכער האפען, אז עס וועלען מקוים ווערען אויך די נחמות מיט די ישועות. דאס „געשפרעך" ענדיגט זיך מיט די טרייסט-רייד פונ'ם נביא ישעיה. עס איז קיין ספק נישט, אז די געהויבענע שטימונג, וואס הערשט אין דער שילדערונג פון דער אידישער געשיכטע ביי אושקי, האט פיעל מיטגעווירקט צו דערהאלטען די אנוסים ביים יודענטום, צו וועלכען זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט, און זיי זענען געווען גרייט, אויסצולייד ען פאר איהם נייע נסיונות און יסורים.

רבי שמואל אושקי איז געווען אין דער מיינונג, אז די שווערע צייט אין דער אידישער געשיכטע האט זיך דאמאלס געהאלטען ביים ענדיגען, און דער לאנג ערווארטעטער שענער מארגען האלט ענדליך ביים אנקומען נאך א לאנגער פינסטערער נאכט. די קאטוילישע קירכע האט דערוויזען עפעס גאנץ אנדערש. ער האט נאך דערלעבט צו זעהען, ווי נאהענט נעבען איהם האבען זיך אנגעהויבען נייע רדיפות, א סיסטעם פון נייע רציחות געגען אידען. וועלכע דער אידישער היסטאריקער רבי יוסף הכהן האט נאך געקאנט פערצייכענען אין זיין רשימה פון די אידישע צרות. די נייע אידישע פורעניות האבען געהאט זייער גרונד אין דער רעאקציע, וועלכע די קאטוילישע קירכע האט געשטרעבט דורכצופיהרען אין דער בעציהונג פון דער רעפארמאציאן, וואס האט געהאלטען אין איין פערשטארקען זיך. צוויי מענשען האבען כמעט אין גלייכער צייט, אבער אומאבהענגיג איינער פונ'ם אנדערן, ווידער דערהויבען דעם פאלענדען קאטאליציזם און דאדורך געפענטעט דעם מענשליכען פראגרעס אין זיין רעכטען אנהויב. דאס זענען געווען: דער נעאפאליטאנער פיעטרא קאראפא און דער שפאניער איגנאץ לאיאלא, — ביידע מענער פון טעטיגער קראפט, האבען אנגעהויבען מיט'ן בעהערשען זיך אליין און געענדיגט מיט'ן קנעכטען די מענשהייט אי אין גייסט, אי אין לייב, דאס פערפוילט און פערווערימטע פויסטום, וועגען וועלכען מען האט שוין דאמאלס געגלויבט, אז עס וועט איינפאלען אונטער'ן געלעכטער און דער אבשפאטונג פון זיינע געגנער, דאס פויסטום, פאר וועלכע די אייגענע פריינד אפילו האבען שוין נישט געהאט צו זאגען א גוט-ווארט — אט דאס פויסטום האבען דערהויבען ווידער די דערמאנטע צוויי פערזאנען און געגעבען איהם אזא מאכט, וואס איז כמעט גרעסער געווען אפילו

פאַר דער מאַכט פון רוים אין דער צייט פון פויפסט אינאָצענץ III און די
פויפסטען, וואָס זענען געווען באַלד נאָך איהם; דען די איצטיגע מאַכט
פון פויפסט האָט זיך שוין נישט געהאַלטען אויפ'ן שוואַכען באָדען פון
שוואַך-נערוועאישער אמונה, נור אויפ'ן פעסטען גרונד פון דער ווילענס-
שטאַרקער איבערצייגונג און אויסגעהאַלטענקייט, וועלכע וויל נישט ווי-
סען פון קיין שום פשרות. קאַראַפאַ, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען
פּויפסט מיט'ן נאָמען פּ אָ ו ל IV און ל אָ י אָ ל אָ דער שעפער פונ'ם יעזו-
איטען-אָרדען, וועלכער איז נאָך עד היום גענוג מעכטיג, האָבען געמאַכט
אַ ביטערען ערנסט מיט דער הערשאַפט פונ'ם פויסט איבער די געמיטהער
פון זיינע מאמינים, מיט זיין מאַכט צו בינדען און פריי צו לאָזען אי אויף
דער וועלט, אי אויף יענער; זייער ערנסטקייט און שטרענגקייט האָט זיך
גענומען נישט פון געמאַכטער אמונה, נור פון פעסטער איבערצייגונג. קאַ-
ראַפאַ האָט צוריקגעשטעלט די שוואַך געוואָרענע דיסציפלין אין דער קאַ-
טוילישער קירכע און פערשאַרפט איהר נאָך מעהר, געבענדיג איהר איי-
זערנע ריטער אין די הענד, צו בעשטראָפען די ווענינ געהאָרזאַמע.

דאָס איינענע מיטעל, וואָס עס האָבען אָנגעווענדעט אין שפּאַניען די
גרויס-אינקוויזיטאָרען טאָרקוועמאַדאַ, דעזאַ און קסימענעס דע ציסמעראָס,
כדי צו צווינגען די אידען און די מוירען (מהמד'אַנער) צו ערגעבען זיך
דער קירכע, — נעמליך: די ברענעדיגע קאַסטרעס מיט די מענשליכע
פּיער-אָפּפער, דאָס איינענע מיטעל האָט קאַראַפאַ איינגעפירט פאַר דער
גרויסער קאַטוילישער וועלט. אַלע יענע קריסטען, וועלכע האָבען אַרויסגע-
וויזען אַ נטיה אָבצוווייכען חאָטש אויף אַ האָר ברייט פון די קאַטוילישע
גלויבענס-פּרינציפּען, האָבען געדאַרפט באַלד אָבזאָגען זיך פון אַזאַ
אַפּיקורסות, אָדער מען האָט זיי פערברענט לעבעדיגערהייט. געוואַלד-
טעטיגקייט, וואָס ווייס נישט פון קיין שום רחמנות, וועלכע דענקט כלל
נישט און דער'הרג'עט צום טויט אַלץ וואָס דענקט — אָט אַזאַ רעזשים
האָט געדאַרפט דער געשענדעטער קירכע ווידער פערשאַפען מאַכט און
קראַפט. כדי צוריק איינצופאַנגען די גייסטער, וועלכע האָבען זיך בע-
פרייט פון די קייטען און שטרעבען נאָך פרייהייט, און ווידער זיי צו
פערקנעכטען, האָט די אינקוויזיציע געהאַלטען פאַר העכסט דרינגענד צו
בעוואַכען די פּרעסע. די דרוקעריי-קונסט האָט אַריינגעבראַכט אַ שפּאַלטונג
און צוריסענהייט אין דער פויפסטליכער קירכע (אַזוי, נעמליך, האָבען גע-
גלויבט קאַראַפאַ און זיין חבר), די דרוקעריי מוז אַלזאָ די ערשטע איינ-
געשמידעט וועררען אין קייטען. געדרוקט און געלעזען ווערען זאָל נור דאָס,
וואָס דער פּויפּסט און זיינע אָנהענגער וועלען געפינען פאַר גוט די צענ-
זור איבער די ביכער איז אפילו איינגעפירט געוואָרען שוין דורך די פריה-
ערדיגע פויפסטען, אָבער וויל ביז דאַמאָלס האָט מען אין רוים אַלץ גע-
קאָנט קויפען פאַר געלד און שוחד, האָבען די פערלעגער זיך געקאָנט רוה-
היג דרוקען און פערשפרייטען אויפריים-ווערק געגען דעם פויפסטום צי

מיט'ן וויסען פון די צענזור-גלחים, אָדער אָהן דעם. די אויפרעגענדע קאַמפף-ביכלעך און מעשה-רייכלין, די „בריעף וועגען די פינסטערע לייט" אולריך פון הוטענס ראַקעטען געגען דעם פויפסטום, לוטהערס ערשטע ווערק „געגען דער רוימיש-בבלישער זונה", — מיט איין וואָרט: דער גאַנצער ברען-מאַטעריאַל, וואָס מען האָט אונטערגעוואָרפען אונטער'ן לייכטען געצעלט פון פויפסט, — אַלץ דאָס איז מעגליך געווען, נור אַ דאַנק דער אַבגעלאָזענקייט פון דער צענזור. דאָס האָט געמוזט איצט אַנדערש ווערען.

די נייע צענזור האָט מען אַנגעטרויט נור פאַנאַטישע און שטרענגע גלחים, וועלכע מען האָט אויך געמאַכט פעראַנטוואָרטליך פאַר יעדער נאַכלעסיגקייט. די גלחים האָבען אַלזאָ געטהון זייער זאַך שטרענג, צי צוליעב איבערצייגונג, אָדער ווייל זיי האָבען מורא געהאַט פאַר דער פעראַנטוואָרטליכקייט. די ערשטע האָבען דערשפירט די דאָזיגע רעאַקציע — די אידען, זיי, וועלכע האָבען נישט געהאַט, ווער עס זאָל זיי בעשיצען, און זיי האָבען זיך נור געהאַלטען, אַ דאַנק דער נישט-אויסגעהאַלטענקייט און שוואַכקייט אין דורכפיהרען אַלע גלחישע געזעצען, וועלכע מען האָט וועגען זיי אַרויסגעגעבען אויף פערשידענע קאָנסיליען. ווי באַלד אָבער די קירכע האָט זיך בעשלאָסען שטרענג דורכצופיהרען אַלע דאָזיגע געזעצען, איז דאָס גאַנצע אידישע דאַ-זיין, אָדער, לפחות, זייער רוהיגקייט געשטעלט געוואָרען אין סכנה. קודם כל האָט מען זיך גענומען צו דער פראַגע וועגען דעם תלמוד, אָבער נישט ווי מיט יענער שוואַכקייט, וואָס מען האָט דערביי אַרויסגעוויזען פערציג יאָהר פאַר דעם. דאַמאָלס האָבען די קעלנער דאָמיניקאַנער גאָר נישט געקאָנט האַפען, אַז דער פויפסט זאָל ערפילען זייער פערלאַנג דעם תלמוד צו פערברענען, און זיי האָבען געמוזט אַנווענדען צעלערליי קונץ-שטיק צו געווינען, לפחות, דעם קייזער אויף זייער צד. איצט האָט געהערשט אין רוים גאָר אַנ'אַנדער גייסט. די שעדליכקייט פונ'ם תלמוד האָט נור געזאָלט אַנגעוויזען ווערען דורך אַ וועלכען עס איז משומד'ל, און אַ גזרה וועגען פערברענען דעם תלמוד וואָלט באַלד אַרויסגעגעבען געוואָרען. און די נייע אַנקלאַגע געגען דעם תלמוד איז טאַקי אַרויסגעקומען פון אַזאַ משומד'ל.

ר ב י א ל י ה ו ב ח ו ר, דער העברעאישער מדקדק (גראַמאַטיקער), וועלכער האָט לאַנג געלעבט אין הויז פונ'ם קאַרדינאַל וויטערבאָ און געלערנט מיט איהם העברעאיש, מאַכענדיג איהם בעקענט אויבערפלעכליך אויך מיט דער קבלה — רבי אליהו בחור האָט געהאַט פון אַ מאַכטער צוויי איניקלעך, וועלכע האָבען פון קינדווייז אָן פערבראַכט נור מיט קריסטען. איינער פון זיי, ע ל י אַ נ אָ, האָט גרינדליך געקענט העברעאיש און איז געווען קאָרעקטאָר און אָבשרייבער אין פיעל איטאַליענישע שטעדט. זיין ברודער ש ל מ ה ר אָ מ אַ נ אָ האָט לאַנג אַרומגערייזט אין דייטשלאַנד, טערקיי, ארץ ישראל און מצרים און געקענט פיעל שפראַכען: העברעאיש, לאַטייניש, שפּאַניש, אַראַביש און טערקיש. עליאַנאָ

דער עלטערער, האָט זיך גע'שמד'ט און אָנגענומען דעם נאָמען וויטאָריאָ עליאַנאָ; ער איז געוואָרען גלח און שפּעטער אפילו אויך קאַנאָניקוס. דער דאָזיגער שמד האָט אַזוי שטאַרק אויפגערעגט זיין ברודער שלמה אַז ער האָט געאיילט קיין ווענעדיג, כדי איבערצורעדען זיין ברודער צוריק אַ איד צו ווערען. אָבער אָנשטאַט דעם ברודער איבערצורעדען, האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדען אַליין. אַ ווענעציאַנישער פּאַטריצער, אַנ'איבערצייגטער קאַטאָליק, האָט זיך מיט איהם בעפריינדעט, כדי אָנצורעדען איהם צום שמד, און דאָס, וואָס דער פּאַטריצער האָט אָנגעהויבען, האָט אַ יעזואיט געענדיגט. שלמה ראָמאַנאָ האָט זיך אויך גע'שמד'ט (1551), אָנגעהמענדיג דעם נאָמען יאָהאַן באַפּטיסטאָ, צום גרויסען ווערטאָג פון דער נאָך לעבענדער מוטער. ער איז אַריינגעטראָטען אין יעזואיטען-אָרדען און שפּעטער איז ער געוואָרען קירכליכער שריפטשטעלער. אָט די ביידע אייניקלעך פון רבי אליהו בחור מיט נאָך צוויי משומדים אַנגעל די פּאָלינאָ און יוסף מאָראָ זענען, ווי פריהער דער משומד ניקאָלאַי דאָנין און נאָך פיעל אַנדערע, אַרויסגעטראָטען פאַר'ן פּויפּסט אַלס אָנקלאָגער געגען דעם תלמוד, איבער'חזר'נדיג די פריהערדיגע בעשולדיגונגען, אַז אין תלמוד געפינען זיך לעסטערונגען געגען קריסטוס, געגען דער קירכע און דער גאַנצער קריסטליכער וועלט, און נור דער תלמוד שטערט דערין, אַז די אידען זאָלען זיך נישט אָבשמד'ן מאַסענווייז. דער פּויפּסט יוליום III איז אפילו בשום אופן נישט געווען אַ שטרענג קירכליכער פאַנאַטיקער און וועניגער פאַר אַלץ איז ער געווען אידענפיינדליך. אָבער די פראַגע וועגען דעם תלמוד איז שוין געווען נישט אין רשות פון פּויפּסט, נור פון דער אינקוויזיציע, דאָס הייסט: פון פאַנאַטישען קאַראַפאַ, און יוליום III האָט געמוזט אונטערשרייבען דעם דעקרעט, וואָס דער גרויס-אינקוויזיטאָר האָט איהם פאָרגעלעגט (12-טען אויגוסט 1553). אויך דערין האָט זיך אַרויסגעוויזען די אַזוי שטאַרק בעריהמטע אייגענשאַפט פון פּויפּסט, אַז ער קאָן קיין טעות נישט האָבען. דער פּויפּסט לעאָ X האָט אַליין מיטגעווירקט, אַז דער תלמוד זאָל געדרוקט ווערען, און דער דריטער פּויפּסט, וואָס איז געווען נאָך איהם, האָט בעפוילען, אַז מען זאָל דעם תלמוד פערניכטען. באַלד נאָכדעם זענען די משרתים פון דער אינקוויזיציע בעפאַלען אויף די הייזער פון די רוימישע אידען, קאָנפיסקירט דעם תלמוד מיט זיינע מפרשים, די מדרשים און אַלע עהנליכע אַלטע ספרים מיט זייערע מפרשים און האָבען עס פערברענט אין מיטען שטאָדט רוים אום דעם ערשטען טאָג ראש השנה (ה' אלפים שי"ד—1553), כדי בעזונדערס אָנצוטהון אידען יסורים און להכעיס. אָבער נישט בלויז אין רוים האָבען די משרתים פון דער אינקוויזיציע קאָנפיסקירט דעם תלמוד, נור אין גאַנץ ראָמאַניאַ (Romagna) און נאָך ווייטער אויך — אין פעררארא, מאַנטוא, ווענעדיג, פּאַדואַ, ווי אויך אויף דער אינזעל קאַדיאַ, וועלכע געהערט צו ווענעדיג, און איבעראַל האָט מען די ספרים פון תלמוד פערברענט צו הונ-

דערטער און טויזענדער. די משרתים פון דער אינקוויזיציע האָבען געטהון? זייער אַרבייט מיט אַזאַ ברען, אַז זיי האָבען קיין אונטערשיד נישט גע- מאַכט פון דעם תלמוד ביז אַנדערע ספרים און אַלץ, וואָס איז זיי נור אין די הענד אַריינגעקומען פון אידישע ספרים, האָבען זיי אויפ'ן גאַס אַרויסגעשלעפט און אין פייער געוואָרפען, אפילו אויך תנ"כ'ן. אין אַלע קאַטוילישע לענדער זענען די אידען געווען אין דער גרעסטער פערצווייפ- לונג, ווייל מען האָט ביי זיי קאָנפיסקירט אַלע זייערע ספרים, אויך אַזעלכע, וואו עס געפינען זיך אַלע נויטיגסטע דינים אין אידישען רעליגיעזען לעבען, וואו עס קומט אפילו גאָרנישט פאַר קיין איין איינציג וואָרט וועגען דעם קריסטענטום. די אידען האָבען זיך דעריבער געווענדעט צום פויפסט מיט אַ ביטע, אַז מען זאָל דעם דעקרעט מבטל מאַכען אָדער, לפחות, נישט צונעהמען ביי זיי די רבנישע ספרים. דאָס לעצטע האָט יוליוס III נאָכ- געגעבען און אַרויסגעגעבען א בולה (29-טען מאַי 1554), אַז די אידען זענען אפילו מחויב אבצוגעבען די ש"ס'ן און איינציגע מסכתות פון תלמוד דער אינקוויזיציע צום פערברענען און, אויב זיי וועלען נישט פאָלגען, וועט מען זיי בעשטראָפען מיט שמיץ, אָבער די משרתים פון דער אינקוויזיציע איז נישט ערלויבט אָבצונעהמען ביי די אידען אויך אַנ- דערע ספרים, אויסער דעם תלמוד, אָדער אָנטהון זיי יסורים. פון דער צייט אָן האָט זיך אָנגעהויבען א שטרענגע צענזור אויף אידישע ספרים פאַר'ן אַרויסלאָזען זיי פון דרוק, כדי איבערצוציינען זיך, אויב אין זיי גע- פינט זיך נישט אַ שאָטען פון אַ בעליידיגונג, אָדער סתם אַ מיינונג געגען דעם קריסטענטום און געגען רוים. די צענזאָרען זענען געווען על פי רוב משומדים און אַזוי אַרום האָבען זיי בעקומען די מעגליכקייט אָנצוטהון די אידען יסורים

נאָכ'ן טויט פונ'ם פויפסט יוליוס III איז די אידישע לאַגע געוואָ- רען נאָך פיעל ערגער. דאָס קאָלעגיום פון די קאַרדינאַלען, וואָס פלעגט ברויכען אויסקלייבען אַ פויפסט, האָט אָנגעהויבען גוט אַרומצוקוקען זיך ביים אויסקלייבען אַ פויפסט, אַ דער קאַנדידאַט זאָל זיין שטרענג קירכליך און, אויב מעגליך, נור אַ מאָנאַך. די געבילדעטע גלחים, די הומאַניסטישע, די, וועלכע האָבען געליעבט די קונסט און די וויסענשאַפט, — אויב עס זע- נען נאָך אַזעלכע געווען — אויף די האָט מען געוואָרפען אַנ'אומח'ן און אויפגעהערט זיי אויסצוקלייבען. אויסגעקליבען האָט מען פאַר אַ פויפסט נאָך יוליוס III — מאַרצעלוס II, וועלכער איז געווען דער ערשטער אין דער טרויעריגער רייהע פון רעאַקציאָנערע, פאַנאַטישע פויפסטען. אין זיין צייט האָט זיך געטראָפען אַ עלילת-דם, וועלכע האָט זיך שיער נישט גע- ענדיגט מיט אַ שרעקליכער קאַטאַסטראָפע פאַר די אידען אין רוים: אַ גע- וויסער אויסוואורף, אַ מחמ'דאַנער, וואָס האָט אָנגענומען דעם קאַטוילישען גלויבען, האָט דער'הרג'עט זיין אָפּיעקאַ, כדי צו פערכאַפען זיין ירושה דער רוצח מיט זיין געליעבטער, אַ געוויסע שפּאַניערין, האָבען

דעם דער'הרג'עטען אויפגעהאָנגען און אונטערגעוואָרפען אין קאַמפּאָ סאַנטאָ (אַ הייליג פעלד), אַ בית הקברות פאַר די רוימישע גרויסע לייט, דען דאָרט האָט מען געהאַט געבראַכט ארץ-ישראל-ערד פון די ערטער וואָס זיינען הייליג פאַר די קריסטען. ווען מען האָט דעם דער'הרג'עטען ענט-דעקט, האָבען די אידישע שונאים באַלד גע'מסרט דעם פויפּסט מאַרצעלוס, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ ריטועלער מאָרד, און דער פויפּסט האָט שוין געהאַט געוואָלט לאָזען אָנקלאָגען אַלע רוימישע אידען אין אינקוויזיציאָנס-געריכט. צום גליק האָט זיך פאַר די אידען אָנגענומען דער אידענפריינד-ליכער קאַרדינאַל אַלעקסאַנדער פאַרנעזע, וועלכער האָט בע-וויזען צו ענטדעקען די אמת'ע מערדער, וועלכע האָבען זיך אויך מודה געווען זייער פערברעכען (אַפּריל 1555). אַזוי אַרום זיינען די רוימישע אי-דען ניצול געוואָרען פון אַ זיכערען פייער-טויט.

מאַרצעלוס איז געווען פויפּסט קוים אַ חודש און נאָך איהם איז געוואָרען דער שוין פיעל מאָל דערמאָנטער פאַנאַטיקער קאַראַפאַ, אונטער'ן נאָמען פּאַול IV (מאַי 1555—אויגוסט 1559). שוין אַ גרייז-גראָהער זקן, האָט ער נאָך געהאַט דעם ליידענשאַפטליכען פאַנאַטיזם פון אַ יונגען מאַן און זיין פּאָליטיק האָט זיך געשניטען אויפ'ן דאָזיגען שטייגער. פּאָל האָט געגען די פּראָטעסטאַנטען און געגען די אידען, האָט ער אָבער טיעף פיינד געהאַט די שפּאַניער, האָטש זיי זיינען געווען דאָס בעסטע אינסטרומענט פון קאַטוילישען פאַנאַטיזם. די שפּאַניער און זייער קעניג פיליפּ דעם צווייטען האָט ער אַנדערש נישט גערופען, ווי „די פערדאָרבענע זאָמען פון די אידען און מוירען". באַלד נאָכ'ן אַרויפשטייגען אויפ'ן פויפּסטליכען שטוהל האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בולה, אַז יעדע שוהל אין דער מדינה פונ'ם פויפּסט מוז צאָהלען צעהן דוקאַטען, כדי אויסצוהאַלטען די ערצי-הונגס-אַנשטאַלט, וואו מען פלעגט ערציהען אידישע קינדער אין קריסט-ליכען גלויבען. נאָך ערגער איז געווען די צווייטע אידענפיינדליכע בולה (12 יולי 1555), וועלכע האָט בעפוילען דורכצופיהרען מיט דער גרעסטער שטרענגקייט די גלחישע געזעצען געגען די אידען: די אידען האָבען גע-מוזט אַלע וואוינען אָבגעשלאָסען אין דער געטאָ און האָבען נור איין שוהל; אַלע זייערע איבעריגע שוהלען און בתי-מדרשים האָט מען געדאַרפט פער-ניכטען. עס איז זיי פערבאָטען געוואָרען צו האַלטען קריסטליכע משרתים, צו חבר'ן זיך מיט קריסטען, און זיי האָבען געמוזט טראָגען אויף די קליי-דער די שאַנד-לאַטע: די מאַנזביל — אַ גרינעם הוט און די פרויען — אַ גרינע וואואלקע. די קריסטען איז פערבאָטען געוואָרען צו ווענדען זיך צו אַ אידען מיט'ן כבוד-צורוף: „הערר"; עס איז אידען פערבאָטען געוואָרען צו קויפען נחלאות און אַלע זייערע נחלאות, וואָס זיי האָבען געהאַט, האָ-בען זיי געמוזט אין משך פון איין יאָהר פערקויפען. די אידישע גיטער אין דער פויפּסטליכער מדינה האָבען דאַמאָלס בעטראָפען לערך אַ האַלבען מיל-יאָן גאָלד-קראָן, האָבען זיי עס געמוזט פערקויפען פאַר אַ פינפטעל חלק. דאָס

ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס עס איז די אידישע דאָקטוירים פערבאָטען געוואָרען צו קורירען קריסטען, האָטש די פּויפּסטען גופא האָבען פיעל מאָל געהאַט צו פערדאַנקען זייער לעבען און געזונדהייט נור די אידישע דאָקטוירים. פאַר'ן עובר זיין אויף די בעפעהלען פון דער בולה האָט דער פּויפּסט בעשטימט זעהר אַ שטרענגע בעשטראָפונג, און אויך דעם תלמוד האָט מען ווידער קאָנפיסקירט. פיעל אידען האָבען דאַמאָלס פערלאָזען רוים, כדי זיך צו בעזעצען אין אַ מעהר טאָלעראַנטען אָרט; אָבער אויפ'ן וועג זענען אויף זיי בעפאַלען די פאַנאַטישע קאַטוילען און אָנגעטהון זיי גרויסע ענוים. די אידען, וועלכע זענען געבליבען אין רוים, האָט דער טהעאַטינער פּויפּסט, ווי מען האָט גערופען פּאָול IV, שטאַרק גערודפט אויף אַ קליינליכען אופן. אַ מאָל האָט מען געמאַכט אויף זיי בלבולים, אַז זיי האָבען פערקויפט נחלאות נור לפנים, און אַריינגעוואָרפען זיי דערפאַר אין תפיסה; אַ מאָל ווידער האָט ער ערקלערט, אַז די אידען, וועלכע ארבייטען נישט לטובת הכלל, דאַרפען פערלאָזען רוים אין קורצען. ווען די דערשראָקענע אידען זענען געקומען צו איהם פרעגען: וואָס הייסט ארבייטען לטובת הכלל? האָט ער זיי געענטפערט: „מען וועט אייך שוין מודיע זיין!“ פּאָול IV האָט געצוואונגען די אידען צו אַרבייטען אַרום דעם פערפעסטיגען די שטאָדט-מויער פון רוים, וועלכע ער האָט געוואָלט פערזיכערען געגען שפּאַניען, נאָכדעם ווי ער האָט דורך זיינע מעשים אליין געמאַכט שפּאַניען פאַר אַ פיינד פון רוים. איינמאָל האָט דער דאָזיגער המן, ווי די אידען האָבען איהם גערופען, בעפוילען אין אַ'אָנפאַל פון שגעון, אַז מען זאָל אונטערצינדען אין מיטען נאַכט די אידישע הייזער. דעם בעפעהל האָט ער געגעבען זיין ברודערס זוהן, וועלכער האָט זיך געלאָזען געהן מיט דער גרעסטער אונצופרידענהייט, אויספיהרען אזא ווילדען בעפעהל. צום גליק האָט ער אָבער בעגעגענט דעם קאַרדינאַל אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר פ אַ ר נ ע ז ע, וועלכער האָט איהם ערקלערט, אַז ער ברויך זיך נישט צו איילען מיט'ן אויספיהרען דעם אונמענשליכען בעפעהל, כדי דער פּויפּסט זאָל האָבען צייט חרטה צו האָבען. אין דער ווירקליכקייט האָט דער פּויפּסט אויף צו-מאָרגענס זיין משוגענעם בעפעהל צוריקגענומען.

מען קאָן לייכט פערשטעהן, אַז אויב דער פאַנאַטישער פּאָול IV האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ רציחה'דיגע שנאה צו אידען, איז ער צו די אַנוסים געוואָרען נאָך פיעל ערגער. פיעל אידען, וועלכע מען האָט מיט געוואַלד געשלעפּט צום שמד אין פּאָרטוגאַל, זענען שפּעטער אַנטלאָפען קיין אַנקאָנאַ, וואו זיי האָבען מיט דער ערלויבניש פון פּויפּסט קלעמענס VII געקאָנט זיך לעבען אַלס אידען, געגען וועלכע די אינקוויזיציע האָט נישט געהאַט קיין שליטה. די צוויי פּויפּסטען, וואָס האָבען רעגירט נאָכדעם, פּאָול III און יוליוס III, האָבען די דאָזיגע פּריווילעגיע פון די אנוסים בעשטעטיגט, זייענדיג באמת איבערציינגט, אַז דער שמד דורך קולאַקעס האָט נישט קיין שום בעדייטונג. וואָס מעהר עס האָט געבושעוועט די

אינקוויזיציע אין פארטוגאל געגען די אנוסים, אלץ מעהר אנוסים זענען פון דארט ענטלאפען און געקומען קיין אנקאנא און פעררארא, כדי דארט זיך בעזעצען מיט זייער ארויסגעראטעוועטער עשירות, און פערלאזענדיג זיך אויף דער פריווילעגיע, וואס דער פויפסט האט זיי געגעבען. דער פויפסט פאול IV האט זיך אבער ווענינ וואס גערעכענט מיט דער פריווילעגיע פון די פריהערדיגע פויפסטען, וועלכע ער אליין האט שוין אפילו געהאט אנערקענט דורך זיין שטיל שווייגען א געוויסע צייט. און אט האט ער ארויסגעגעבען א געהיימען בעפעהל, צו שלעפען אין די תפיסות פון דער אינקוויזיציע אלע אנוסים פון אנקאנא — עטליכע הונדערט משפחות — און שטעלענדיג זיין פאר'ן געריכט וועגען זייער אבפאל פון קריסטענטום, זאל מען קאנפיסקירען זייער פערמעגען (אויגוסט 1555). דאס איז געווען א שרעקליכער קלאפ פאר די אנוסים, וועלכע האבען שוין דארט געלעבט לערך א יאר פופציג און געהאלטען זיך פאלקאמען זיכער פון אזעלכע רדיפות. אויך אזעלכע אנוסים, וועלכע זענען שוין געווען טערקישע אונטערטאנען און זענען אויף א קורצע צייט געקומען קיין אנקאנא געשעפטסהאלבער, האט מען אין די תפיסות געשלעפט און געשטעלט צום געריכט פאר'ן איבערגעהען צום יודענטום. זייערע סחורות האט מען אויך קאנפיסקירט. דער צובושעוועטער פויפסט האט דאדורך אליין פערקלענערט זיינע הכנסות דוקא אינ'ם אויגענבליק, ווען ער האט אזוי נויטיג געהאט געלד צו זיין מלחמה מיט שפאניען. דאס רודפ'ן די געקומענע סוחרים האט, נאטירליך, אינגאנצען צושטערט דעם מסחר פון אנקאנא, וועלכער פלעגט געבען פיעל הכנסות דעם פויפסט.

נישט פיעל פון די אנוסים איז עס נור געלונגען צו אנטלויפען פון די מלאכי-חבלה, וואס דער פויפסטליכער גענעראל-אינקוויזיטאר האט געגען זיי געשיקט. די ענטלאפענע האט אויפגענומען ביי זיך דער הערצאג גווידא אובאלדא פון אורבינא און בעזעצט זיי אין פעזארא, וועלכער איז דאמאלס געווען א געגנער פון פויפסט און האט געוואלט צונעהמען ביי איהם פון אנקאנא דעם מסחר מיט מזרח-לענדער, וועלכען עס האבען געפיהרט די אנוסים, וואס האבען זיך געהאט בעזעצט אין טערקיי. אויך דער הערצאג ערקאלא II פון פעררארא האט אריינגענומען אין זיין לאנד די ענטלאפענע שפאנישע און פארטוגיעזישע אנוסים און האט זיי פארמעל איינגעלאדען צו קומען צו איהם (אין דעצעמבער 1555). צווישען די אנוסים, וועלכע זענען דאמאל ענטלאפען קיין פעזארא, האט זיך געפונען דער בערימטער דאקטאר אמאטוס (חביב) לוזיטאנוס (געב. 1511, געשט. 1568); אלס קריסט האט ער נאך געהאט אנ'אנדער נאמען: יואן ראדריגא דע קאסטעל בראנקא. ווי עס שיינט, איז אויך ער ענטלאפען פון פארטוגאל, נאכדעם, ווי מען האט דארט איינגעפיהרט די אינקוויזיציע. א לענגער, אדער קורצערע צייט האט ער געלעבט אין אנטווערפען, דער דאמאלסדיגער הויפט-שטאדט פון

פלאַנדריען; שפּעטער איז ער געווען אַ געוויסע צייט אין פערראַראַ און אין רוים, לסוף האָט ער זיך אָבער בעזעצט אויף שטענדיג אין אַנקאָנאַ (1549), וואו ער האָט גאַנץ אָפען אָנגענומען זיין אידישען פאַמיליען-נאָמען חביב, אַנשטאָט זיין פריהערדיגען קריסטליכען נאָמען, און איבערזעצט דעם נאָמען חביב אויף לאַטייניש (אַמאַטוס). האָטש ער האָט זיך עפענטליך אָנערקענט פאַר אַ אידען, פלעגט פונדעסטוועגען דער פּויפּסט יוליוס III אָפט שיקען נאָך איהם און לאָזען זיך דורך איהם קורירען.

דאָקטאָר חביב איז געווען אַזוי בעריהמט, אַז מען פלעגט איבעראַל איהם רופען צו חולאים פון נאָהענט און פון ווייט. די חכמת-הרפואה איז געווען אַ הייליגע זאַך, כדי צו פערלענגערן דעם מענשענס לעבען. ער האָט דעריבער געהאַט דאָס פולע רעכט, ווען ער האָט געשוואוירען — ביי גאָט און זיינע הייליגע געבאָטען — אַז ער האָט שטענדיג געזאָרגט נור פאַר דער געזונדהייט פון זיינע חולאים און זיך קיינמאָל נישט געקימערט פאַר דער בעלוינונג, נישט אָנגעהמענדיג קיינמאָל קיין רייכע מתנות, קורירענדיג אָרימע לייט אומזיסט און נישט מאַכענדיג קיין אונטערשיד צווישען אידען, קריסטען און טערקען. ער האָט אין דער מעדיצין געהאַט פיעל תלמידים, וועלכע פלעגען זיין נאָמען פערגעטערען, און ער אַליין פלעגט זיי אַלעמען בעטראַכטען, ווי זיינע ליעבע קינדער נאָך אַלס יונגער מאַן, האָט ער שוין מחבר געווען ספרים אין דער מעדיצין, וועלכע מען האָט אַזוי שטאַרק געשעצט, דאָס מען האָט זיי נאָך ביי זיין לעבען פיעל מאָל איבערגעדרוקט. דער קעניג פון פוילען האָט איהם געהאַט איינגעלאַדען צו קומען קיין פוילען און ווערען זיין לייב-דאָקטאָר, אָבער חביב האָט די איינלאַדונג נישט אָנגענומען, וועלענדיג בעסער לעבען צוזאַמען מיט זיינע ברידער אין עלענד, די אַנוסים.

און אָט אַזאַ וואוילטהעטער פון דער מענשהייט, אַ ציערונג פון זיין צייט, האָט געמוזט ענטלויפען, ווי אַ געמייניער פערברעכער, פון אַנקאָנאַ קיין פּיזאַראָ, נור דערפאַר וואָס ער האָט נישט געוואָלט שווערען פאַלש פאַר דער בלוט-דורשטיגער אינקוויזיציע פון'ם פּויפּסט פּאָול IV, אָדער זיך לאָזען פערברענען דורך איהר לעבעדיגערהייד! העכער הונדערט פּאָרטוגיעזישע אַנוסים, וועלכע האָבען נישט בעוויזען צו ענטלויפען, האָבען געמוזט זיך וואַלגערן און ליידען אין די פינסטערע קעלער-תפיסות פון דער גענעראַל-אינקוויזיציע, ביז מען וועט זיי ערקלערען זייער שרעקליכען אורטייל. דאָס אורטייל געגען זיי, איז בעשטאַנען אין פאָלגענדעס: יענע אַנוסים, וועלכע האָבען מקבל תשובה געווען און חרטה בעקומען אויף זייער זינד געגען דעם קאַטוילישען גלויבען, ווערען פריי געשפּראָכען, אָבער, מען וועט זיי פערשיקען אויף דער אינזעל מאַלטאַ, פערלירענדיג דערביי אַלע זייערע רעכטע. זעכציג אַנוסים האָבען אַזוי אָרום אַרויסגעראַטעוועט זייער לעבען דורך אַן'אָבגעצוואונגענעם שענדליכען ליגענד; אָבער אין וועג צו דער אינזעל מאַלטאַ איז זיי געלונגען צו ענטלויפען קיין טער-

קיי וואו זיי זענען ווידער געוואָרען עפענטליך אידען. דאַגעגען פיער און צוואַנציג אַנוסים, צווישען זיי אויך די גרייז-גראָהע זקנה, דאָנאַ מאַיאָראַ, האָבען בעסער געוואָלט שטאַרבען על קידוש השם און, אויסרופענדיג הויך: „שמע ישראל“, זענען זיי אין פייער געגאַנגען און פערברענט געוואָרען לעבעדיגערהייד.

דעם טויט פון די דאָזיגע קדושים האָבען בעקלאָגט אין זייערע הארציגע קינות רבי יעקב די פאַנאָ, רבי שלמה חזן און רבי מרדכי די בלאָניש. די קינה פון אָט דעם לעצטען האָט מען איינגעפיהרט אַלס אַן'אייביגע תקנה צו זאָגען תשעה באב אין שוהל צו קינות אין פעזאַראָ אין דער ספרדישער שוהל. ווען אַ קאַרדינאַל, וואָס איז שפּעטער פויפּסט געוואָרען, האָט זיך דערוואוסט, אַז רבי יעקב די פאַנאָ האָט געשריבען אַ קינה נאָך די קדושים, איז ער אַריינגעפאַלען אין אַזאַ ווילדען צאָרן, אַז ער האָט בעפוילען דעם רבי יעקב צו שמייסען, ווייל „די אַנוסים האָט מען דאָך פערברענט על פי דין“.

אַנ'אימה און אַ ציטערניש האָט אַרומגענומען אַלע אידען, ווען מען האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם מערדערישען פערברענען די פיער און צוואַנציג אַנוסים אין אַנקאָנאַ, וואו דריי פויפּסטען האָבען געהאַט פערזיכערט די אַנוסים פריהער, אַז זיי מעגען זיך לעבען רוהיג און זיכער און לסוף האָט זיך אַ פויפּסט ערלויבט צו ברעכען זייערע הבטחות און בעגעהן אַ מערדעריי. בעזונדערס שטאַרק זענען אָבער פערציטערט געוואָרען פון צאָרען די פּאָרטוגיעזישע אנוסים, וועלכע האָבען בעשלאָסען זיך אַרויסצוראַטעווען דורכ'ן אַנטלויפען קיין טערקיי; זיי האָבען די ערשטע זאַך אָנגעהויבען טראַכטען, ווי אַזוי צו נעהמען נקמה אָן דעם משוגענעם, אכזריותדיגען פויפּסט. די אייגענטליכע לאַגע פון די אידען אין מזרח-לאַנד אין זעכצעהנטען יאָהרהונדערט האָט געגעבען די אידען די מעגליכקייט, צו פיהרען אַ קאַמף מיט'ן רוימישען פויפּסט. די אחדות צווישען די מזרח-אידען האָט זיי געגעבען די נויטיגע מיטלען דערצו.

עס האָט געלעבט דאַמאָלס אַנ'איידעלע אידישע פרוי, וועלכע איז דורך איהר ווייבליכען חן, גייסט, געמיט, כאַראַקטער און גרויסער נשמה געוועזען אַ ציערונג אי פאַר דער פרויען-וועלט אי פאַר איהר פאָלק, און האָט געהערט צו יענע אויסערוועהלטע ערשיינונגען, וועלכע ווערען, משמעות, פון צייט צו צייט אַראָבגעשיקט דורך גאָט בכיון אויף דער וועלט, כדי מען זאָל נישט פערגעסען, אַז דער מענש איז בעשאַפען געוואָרען, לויט אַ געטליכע געשטאַלט. דאָנאַ גראַציאַ מענדעסיאַ האָט געשמ'ט גאַנץ ווייט אין דער וועלט, אי ביי אידען, אי ביי קריסטען, און די אידען פון איהר צייט פלעגען דערמאָהנען איהר נאָמען מיט אַ געפיהל פון כבוד און ליעבשאַפט. זייענדיג געבענשט מיט גרויכער עשירות, וועלכע זי פלעגט אויסגעבען אויף צדקות פאַר אָרימע לייט און אויף צו שטיצען געלעהרטע, האָט זי געהאַט אַנ'איינפלוס פון אַנ'אמת'ער פירשטין, ווי זי

איז באמת געווען, לויט האראקטער, און האָט געהערשט איבער טוויזענדער הערצער, וועלכע זענען פאר איהר פול געווען מיט ליעבע און ערגעבענ-הייט. אָבער גרויסע קאמפפען האָט זי געמוזט דורכמאכען, איידער זי האָט געמענט עפענטליך טראָגען איהר נאָמען נישט אויף גויאיש, נור אויף אידיש, און רופען זיך נישט גראציא נור „חנה" (ביידע נעמען האָבען איין טייטש). דער גאנצער שמוץ פון דער געמיינהייט און שלעכטסקייט האָט זיך געגאָסען אויף איהר, אָבער איהר נשמה איז געבליבען ריין און שעהן.

געבוירען אין פארטוגאל (1510 געשט. 1568) אין דער משפחה פון אנוסים, בענוועניסטע (בנבנשתי), האָט זי שפעטער חתונה געהאט אלס געצוואונ-גענע קריסטין אונטער'ן נאָמען בעאטריצע פאר א רייכען אנוסי פון דער משפחה נשיא, וועלכער האָט אָבער געטראָגען דעם טויף-נאָמען פראנציישקא מענדעס. נשיא, אָדער מענדעס האָט געהאט א גרויס באנק-געשעפט, וואס האָט געהאט פערשפרייט זיינע אבטיילונגען, אזש ביז פראנקרייך און פלאנדערן. דער דיישטער קייזער קארל V, דער פראנצוי-זישער קעניג און נאָך פיעל פירשטען זענען געווען שולדיג געלד מענ-דעס'עס באנק-געשעפט. איין יונגער ברודער פונ'ם שעף, דיאָגא מענדעס, איז געשטאנען אין שפיץ פון דער פיליע אין אנטווערפען. ווען פראנציישקא —חנה'ס מאן איז געשטאָרבען איבערלאָזענדיג איהר איין טאכטער, ריינה, (פאר 1535), און די אָנפיהרונג פון דער אינקוויזיציע האָט געקאָנט ווערען געפעהרליך אי פאר'ן לעבען, אי פאר'ן גרויסען פערמעגען פון דער משפחה, איז בעאטריצע — חנה ארויסגעפאָהרען צו איהר שוואָגער דיאָגא מענדעס קיין אנטווערפען, נעהמענדיג מיט זיך איהרע א שוועסטער און נאָך פיעל קרובים. אויך פיעל אָרימע אנוסים האָט זי די מיטלען געגעבען צו קאָנען ענטלויפען פאר די קאסטרעס פון דער אינקוויזיציע. זי און איהר שוואָגער זענען אויך געווען די פערמיטלער, ווען מען האָט געדאַרפט אונטערקויפען דעם פויפסט מיט אלע זיינע לייט, שוחד-נעהמער, כדי צו פועל'ן, אז מען זאָל דאס בלוטיגע געריכט אין פארטוגאל נישט איינפיהרען. אין אנטווער-פען, וואו ס'זענען אויך געווען פיעל אנוסים, איז די משפחה מענדעס געווען שטארק געעהרט. דער זוהן פון דאָנא בעאטריצע — חנה'ס ברודער, דער יונגער יואן מיקועס, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט דורך זיין שעהנהייט און קלוגשאפט, איז געווען זעהר בעליעבט ביי דער שטאטהאלטערין פון ניעדערלאנד מאריא, די פריהערדיגע קעניגין פון אונגארן און שוועסטער פון קייזער קארל V.

בעאטריצא מענדעס'א האָט זיך אָבער געשפירט אין אנטווערפען זעהר נישט בעקועם. די ליעבע צום יודענטום, פון וועלכען זי האָט זיך געמוזט לפנים אָבזאָגען, ווי אויך דער אָבשוי, וואס זי האָט געשפירט פאר'ן קאטוילישען גלויבען, וואס זי איז געצוואונגען געווען צו געהערען צו איהם, דאס אלץ האָט געמאכט פאר איהר פלאנדערן אויך פאר אזא גיהנם, ווי פארטוגאל. עס האָט איהר געצויגען אויף צו וואנדערן אין אזא לאנד, וואו

זי האָט געקאָנט זיין עפענטליך א אידישע טאָכטער און פיהרען א אידיש לעבען. זי האָט דעריבער געהאלטען אין איין בעטען זיך ביי איהר מאַנ'ס ברודער, דיאָגאָ מענדעס, דעם פיהרער פון שותפות'דיגען געשעפט, אז די משפחה זאָל אויסוואַנדערן קיין טערקיי, כדי צו קאָנען עפענטליך זיין אידען. דיאָגאָ מענדעס האָט שוין געהאַט בעשטימט דערצו א צייט, אָבער פלוצלונג איז ער געשטאָרבען, איבערלאָזענדיג אַנ'אלמנה און א טאָכטער, גראַציאַ די אינגערע. איצט האָט זיך אָנגעהויבען די שווערסטע צייט פאַר דער איידעלער פרוי בעאַטריצע-חנה מענדעסיא, וועלכע איהר שוואָגער האָט אין זיין צוואה געמאַכט פאַר די הויפּט-פיהרערין פונ'ם גרויסען שותפות'דיגען באַנק-געשעפט, ווי אויך איבער'ן גאַנצען שותפות'דיגען פערמעגען. זי האָט אָבער נישט געקאָנט אַזוי גיך ליקווידירען אַלע איהרע עסקים, כדי צו קאָנען קומען באַלד קיין טערקיי, וואוהין דאָס האַרץ האָט איהר געצויגען, כדי עפענטליך א אידענע צו זיין. אויסערדעם האָט נאָך דער דייטשער קייזער קאַרל V געוואָרפען דאַמאָלס אַנ'אויג אויף דאָס גרויסע פערמעגען פונ'ם רייכען באַנק-געשעפט, וועלכען עס האָט זיך איהם געוואָלט קאָנפיסקירען פאַר זיך. א תירוץ איז דערצו געווען אַנ'איינפאַכער: געגען דעם פערשטאָרבענעם דיאָגאָ מענדעס האָט די קייזערליכע מאַכט דערוועקט אַנ'אָנקלאַגע, אז ער איז בשתיקה געווען א איד. מעגליך, אז מען האָט זיך אויך דערוואוסט, אז ער האָט געשטיצט די השתדלות וועלכע מען האָט געפיהרט אין רוים געגען דעם איינפיהרען די אינקוויזיציע אין פאָרטוגאַל. די קייזערליכע רעגירונג האָט דעריבער שוין געהאַט אַרויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאָל פער'חתמ'ענען די האַנדעלס-ביכער און די גיטער פון דער משפחה מענדעס, כדי צו קאָנפיסקירען זיי. אָבער דער אלמנה בעאַטריצע-חנה מענדעס איז עס געלונגען דורך פיעל שוחד און א גרויסער הלואה, וואָס זי האָט דעם קייזער געגעבען, אָבצולעגען דערווייל די קאָנפיסקאַציע. אָבער אין דער דאָזיגער לאַגע האָט זי נאָך וועניגער געקאָנט פערלאָזען אַנטווערפען, נישט דערוועקענדיג א חשד געגען זיך. עס איז איהר דעריבער אויסגעקומען צו ליידען ביטערע יסורים אין האַרצען, ביז זי האָט זיך דערוואַרט אין א משך פון צוויי יאָהר, אז דער קייזער זאָל איהר אויסצאָהלען די הלואה.

ענדליך האָט עס אויסגעוויזען, אז פאַר איהר האָט געשלאָגען די שעה פון פרייהייט: זי האָט געקאָנט שוין אויסוואַנדערן קיין ווענעדיג. מען דערצעהלט, אז איהר ברודערס זוהן, דער שוין דערמאָנטער שענער יונגערמאַן יואַן מיקוועס האָט זיך פערליעבט אין איהר טאָכטער ריינע און אַנטלאָפען מיט איהר בשתיקה פון דער מוטער קיין ווענעדיג. ווי עס שיינט אָבער, האָט די קלוגע פרוי בעאַטריצע-חנה אַליין פערשפּריט דעם קלאַנג און טאַקי אויך דעם שידוך איינגעאָרדענט, דען, ערשטענס, האָט זי איצט געהאַט אַנ'אויסרייד צו פאָהרען קיין ווענעדיג, כלומרשט, נאָכיאַגען זיך נאָך איהר פערפיהרטער טאָכטער; צווייטענס, אָבער — אין

דאָס איז געווען דער עיקר — צו דער שענער און רייכער ריינע האָבען זיך געשדכנט פיעל בעוואוסטע און רייכע קריסטען און די מוטער האָט גע־מוזט זיך צואיילען חתונה צו מאַכען די טאָכטער מיט אַ געהיימען אידען פון דער אייגענער משפחה. די דאָזיגע פאָרזיכטיגקייט האָט איהר אָבער וועניג וואָס געהאָלפען: באַלד, ווי זי איז נור אָבגעפאָהרען פון אַנטווערפּען, האָט קאַרל V בעפוילען, צו לעגען אַנ׳אַרעסט אויף אַלע איהרע גיטער און פערמעגען, וואָס זי האָט געהאַט אין זיינע מדינות, ווייל ביידע אלמנות זענען געווען אין געהיים אידינעס. בעאַטריצע־חנה מענדעסיאַ האָט ווידער געמוזט אָנווענדען בעדייטענדע סומעס געלד, כדי אָבצוהאַלטען די קאָנ־פיסקאַציע.

אין ווענעדיג האָבען זיך אָנגעהויבען פאַר דער משפחה נאָך פיעל אונגליקליכערע צייטען. די יסורים האָבען געשטאַמט פון דער שוועגערין, דער אלמנה פון דיאָגאָ מענדעס, וועלכע האָט אָנגעהויבען פאָדערן, אַז בעאַטריצע־חנה זאָל איהר אויסטיילען איהר חלק אין דער שותפות׳דיגער ירושה פאַר איהר און איהר טאָכטער גראַציאַ, די אינגערע, כדי זיי זאָלען קאָנען פיהרען אַ זעלבסטשטענדיג לעבען. דאָנאַ בעאַטריצע־חנה האָט אָבער דערויף נישט געקאָנט איינשטימען, ווייל איהר שוואָגער האָט איהר געמאַכט פאַר אַנ׳אַפטרופּסות אויפ׳ן פערמעגען, כל זמן זיין טאָכטער גראַציאַ וועט נאָך יונג זיין. די שוועגערין אָבער, דאָס הייסט, די מוטער פון דער יונגער גראַציאַ, איז מיט דער אפטרופּסות נישט צופרידען געווען און, וואַהרשיינליך, האָט זי אויך געהאַט בעלי־עצות, וועלכע האָבען נור געוואָלט איהר פערדערבען. און אָט האָט זי, לויט דער עצה פון איינינע „גוטע פריינד“, דערלאַנגט אַנ׳אָנקלאַגע דער ווענעציאַנישער רעפּובליק, אַז איהר עלטערע שוועגערין האָט בדעה אויסצוואַנדערן קיין טערקיי מיט איהר גרויסער עשירות, כדי דאָרט עפענטליך אַ אידענע צו זיין, ווערהרענד זי אַליין מיט איהר יונגערער טאָכטער גראַציאַ ווילען פערבלייבען אין קריסטענטום. זי האָט דעריבער געבעטען ביי דער ווענעציאַנישער רעגי־רונג, אַז מען זאָל איהר בייהילפיג זיין ביים אַרויסבעקומען איהר חלק אין פערמעגען, כדי צו קאָנען פערווענדען איהר עשירות, אַלס כשר׳ע קריס־טין, אין ווענעדיג אויף קריסטליכע ענינים, די ווענעציאַנישע רעגירונג, וועלכע האָט דערביי דערזעהען באַלד אַ גוט געשעפט פאַר זיך, האָט זיך צונעאיילט אָבצורופען זיך אויף דער אָנקלאַגע, און איינלאַדענדיג די אָנ־געקלאָגטע פאַר איהר געריכט און גענומען איהר אין אַרעסט, כדי זי זאָל נישט קאָנען אויסוואַנדערן פון לאַנד. איהר כאַראַקטערלאָזע שוועגערין, וועלכע האָט זיך געלאָזט פון עמיצען פערפיהרען מיט די געפעהרליכסטע עצות, האָט דערווייל אָבגעטהון נאָך אַ נאַרישען שריט: זי האָט נעמליך געשיקט אַ אידענפיינדליכען שליח קיין פראַנקרייך, כדי דאָרט צו לאָזען קאָנפיסקירען דאָס פערמעגען פונ׳ם באַנק־געשעפט פון „הויז מענדעס“. דער שליח האָט, משמעות, איינגעפינען, אַז די נאַרישע פרוי האָט איהם

נאָך ווייניג בעצאָהלט פאַר זיין שליחות, און האָט דעריבער גע'מסר'ט אויף איהר אויך, אַז זי איז בשתיקה אַ אידינע. דער פראַנצויזישער קעניגליכער הויף האָט דעריבער קאָנפיסקירט דאָס פערמעגען פון ביידע אלמנות צוזאַמען. דעם מלוכה=חוב, וואָס דער פראַנצויזישער קעניג היינריך II איז שולדיג געווען דעם הויז מענדעסיא, האָט פראַנקרייך שוין אויך געהאַלטען זיך פריי נישט אָבצוגעבען. די פרוי בעאַטריצע=חנה מענדעסיא האָט אָבער נישט אָבגעזאָגט זיך אַזוי לייכט פונ'ם משפחה-פערמעגען: זי האָט נישט אויפגעהערט צו אַרבייטען אָבצעווענדען פון זיך און דער משפחה אַלע פגעים רעים, אַנווענדענדיג דערצו גאָר גרויסאַרטיגע מיטלען. איהר ברודערס זוהן יואַן מיקוועס האָט דערוויל, נעמליך געשאָטען מיט געלד, כדי אָבצוהאַלטען מיט דער קאָנפיסקאַציע און בעפרייען בעאַטריצען פון אַרעסט. אויסערדעם האָט ער, אָדער טאַקי בעאַטריצע אַליין געפונען אַ וועג צום טערקישען סולטאַן סוליימאַן און געבעטען איהם, אַז ער זאָל זיך אַננעהמען פאַר דער גערודפטער. די אויסזיכט צו בעקומען פאַר אַנ'אונטערטאַנין אַזאַ גרויסע פרוי, וועלכע וועט אַריינפיהרען אין לאַנד אויך אַ גרויסע עשירות, איז דעם סולטאַן זעהר אָנגענעהם געווען, און ער האָט דעריבער זיך געווענדעט מיט אַ שטרענגען בעפעהל צו דער ווענעציאַנישער רעפובליק פריי צו לאָזען די פרוי מענדעסיא מיט איהר פערמעגען און לאָזען איהר געהן, וואוהין זי וויל. נישט ווייניג האָט זיך אין דער זאַך אויך משתדל געווען פאַר'ן סולטאַן זיין לייב-דאָקטאָר ר ב י מ ש ה ה מ ו ן, וועלכער האָט געהאַט אַנ'אויסזיכט צו בעקומען פאַר אַ שנור די שענע יורש'טע, ריינע מענדעסיא — די רעפובליק ווענעדיג האָט דאַמאָלס געהאַלטען אין איין ציטערן פאַר טערקיי, און דעריבער האָט זי באַלד ערפילט דעם בעפעהל, וואָס דעם סולטאַנס שליח-מיוחד האָט איהר איבערגעבראַכט וועגען דער משפחה מענדעס מיט איהר פערמעגען.

בינו לבינו איז עס דער פרוי בעאַטריצאַ-חנה געלונגען — מען ווייס נישט ווי אַזוי — אַריבערצוציהען זיך פון ווענעדיג קיין פערראַראַ, וואו עס האָט איהר גענומען אונטער זיין שוץ דער הערצאָג ע ר ק אָ ל אָ ד'עסטע, וואו זי האָט געלעבט פיער יאָהר (1549—1553) און איז געווען דאָרט אַ אמת'ע ברכה און אַ טרייסט פאַר די אנוסים. געלעבט האָט זי שוין מיט איהר אידישען נאָמען חנה גראַציאַ. דאָ ערשט האָט זי געקאָנט אַרויסווייזען די גאַנצע שענהייט פון איהר חאַראַקטער, איהר אמת'ע פרומקייט און גוטהאַרציגקייט. אויך איהר קלוגשאַפט און מיושב'דיגקייט איז זעהר צונוצען געקומען די אנוסים אין איטאַליען. דער דיכטער ר ב י ש מ ו א ל א ו ש ק י האָט איהר געווידמעט זיין שענעם ספר: „טרייסט פאַר די צרות פון פאָלק ישראל“. און ער רעדט וועגען איהר מיט'ן העכסטען געפיהל פון פערעהרונג און התלהבות. איינעם פון די דיספוטאַנטען אין זיין ספר, נ ו מ ע אָ (נ ח ו ם), וועלכער טרעט אַרויס אַלס טרייסטער אין די צרות פון אידישען פאָלק, לעגט דער מחבר אַריין אין מויל פאָלגענדע רייד,

וועלכע בעציהען זיך אויף דער פרוי מענדעסיא: „ווער האָט עס נישט גע-זעהען, ווי די געטליכע באַרימהערציגקייט האָט זיך ענטפּלעקט אין אַ מענשליך געשטאַלט? ווער האָט נישט געזעהען אין איהר מרים'ס רחמנות, ווען זי איז גרייט געווען איהר לעבען אָבצוגעבען, אבי צו ראַטעווען איהרע ברידער אין עלענד? ווער האָט נישט געזעהען, דבורה הנביאה'ס חכמה און אסתר'ס מסירת-נפש, בשעת זי איז געגאַנגען פערטיידיגען די גערודפ'טע אידען, אָדער די צניעות פון דער אלמנה יהודית, בשעת זי האָט געדאַרפט בעפרייען די בעלאַגערטע פון זייער טויט-שרעק? פון דער מתנה מלאכים האָט גאָט אויסגעוועהלט דאָס שענסטע און בעסטע און עס אַריינגעגעבען אין דער נשמה פון אַ פרוי, מיט וועלכער ער האָט בעשאַנקען דעם אנוס, נשיא (מענדעס), און אָט די פרוי האָט מעגליך געמאַכט פאַר דיינע בע-דריקטע (די אנוסים) צו אַנטלויפען פון פייער (פון דער אינקוויזיציע), געבענדיג זיי קראַפט און האָפענונג פאַר אַזאַ לאַנגען וועג. מיט אַ פרייער האַנד האָט זי געשטיצט יענע, וועלכע זענען שוין אין וועג געווען און אָבגעשוואַכט דורך אָרימקייט אין פלאַנדערן און אַנדערע געגענדען, גע-בויגען צו דער ערד דורך דער שווערער נסיעה מיט'ן ים און געווען שוין אין געפאַהר, נישט צו קאָנען געהן ווייטער און אַריינפאַלען אין די הענד פון די שונאים. זי האָט די אנוסים אָבגעפיהרט אין זיכערע לענדער און פערזאַמעלט זיי צו דינען דעם גאָט פון זייערע עלטערן און צו געהאָרכען זיינע געבאָטען... זי איז געווען די קראַפט אין דיין שוואַכקייט“.

אָבער נישט בלויז דער מליץ האָט וועגען דער צדקניות חנה-גראַציאַ מענדעס-נשיא אַזוי געשריבען; אפילו אויך די רוהיגע און מיושב'דיגע רבנים פון יענער צייט האָבען איהר גערופען: „די ערהאַ-בענע פירשטין, דער רוהם פון פאָלק ישראל, די אידישע חכמה, וואָס האָט איהר הויז געבויט אויף צדקות, היילינקייט און צניעות. מיט איהר האַנד שטיצט זי די אָרימע לייט, כדי צו געבען זיי די מעגליכקייט צו לעבען אויף דער וועלט און דערגרייכען אויך צום עולם-הבא. זי האָט פיעל אידען פון טויט געראַטעוועט און דערהויבען פון שפלות, די וואָס האָבען אין די תפיסות זיך געפיינינגט, ערוואַרטענדיג אַ שרעקליכען טויט“...

נאָכדעם ווי דאָנא גראַציאַ — חנה נשיא האָט שוין אויך שלום גע-מאַכט מיט איהר שוועגערין, וועלכע האָט איהר בעגאַנגענע נאַרישקייט אַנערקענט, און האָט געזאָרגט, ווי אַ געטרייע מוטער פאַר אַלע מיטגלי-דער פון איהר משפחה, האָט זי ענדליך פערווירקליכט איהר אַלטען חלום אַריבערצוציהען זיך קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין דער הויפּט-שטאָדט פון טערקיי, כדי דאָרט צו קאָנען דיענען דעם גאָט פון איהרע עלטערן עפענט-ליך און אָהן מורא און נישט דאַרפען האָבען מעהר קיין שייכות מיט די קריסטליכע מדינות. דער בעקאַנטער זוהן פון איהר ברודער יואַן מיק-וועס, וועלכער איז באמת געוואָרען חתן פון איהר טאָכטער ריינע, האָט דערוויל געמאַכט גרויסע נסיעות אין פיעל אייראָפּעאישע הויפּט-שטעדט.

בדי צו ברענגען אין אָרדנונג די גרויסע געשעפטען פונ׳ם באַנק־הויז מענ־דעס, און העלפען דערוויייל איהר איבערוואַנדערונג צו מאַכען. דורך זיין גרויסער פעהיגקייט איז איהם געלונגען איינצואָרדנען פאַר דער משפחה אַ גוטען קבלת־פנים אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. מיט חיטרער דיפּלאָמאַטיע, לויט ווי ער האָט עס געלערנט ביי די קריסטליכע פּאָליטיקער און מלוכה־לייט, האָט ער אַרויסבעקומען ביים געזאַנדטען פון פראַנצויזישען קעניג־ליכען הויף, וועלכער האָט געפיהרט אַ שטילען קאַמפף מיט׳ן הויז נשיא־מענדעס, רעקאָמענדאַציאָנס־בריעף צו אַלע שרים אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און, אַ דאַנק דעם האָט מען איהם דאָרט זעהר גוט אויפגענומען. ערשט קומענדיג קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט יואַן מיקוועס עפענטליך זיך ער־קלערט אַלס איד, אָנגעהמענדיג דעם נאָמען יוסף נשיא, און האָט חתונה געהאַט „כדת משה וישראל״ מיט זיין רייכער שוועסטער־קינד ריינע נשיא־מענדעסיא. ער איז אָבער נישט אַליין בלויז געקומען, נור מיט אַ גרויסער עדה פון פינף הונדערט פּאָרטוגיעזישע (אָדער שפּאַנישע) און איטאַליע־נישע אידען. ער האָט דאָרט באַלד אָנגעהויבען צו לעבען, ווי אַן׳עכטער פירשט און, אַ דאַנק זיין געשיקטקייט, זיין גוטער בעקאַנטשאַפט מיט די אייראָפּעאישע בעציהונגען, ווי אויך דורך זיין עשירות, איז יוסף נשיא גע־וואָרען באַלד אַ גרויסער חשוב אין סולטאַנ׳ס הויף, און דער סולטאַן סו־ליימאַן אַליין האָט איהם זעהר שטאַרק מקרב געווען צו זיך. זיין שוויגער בעאַטריצע, אָדער חנה נשיא־מענדעסיא, איז אָבער, נאָך ווי פריהער, גע־בליבען דער שעף פונ׳ם באַנק־געשעפט. באַלד האָבען די קאָנסטאַנטינאָ־פּאָלער אידען דערשפירט די גרויסע צדקות פון דער צדקניות חנה נשיא מיט איהר איידעם יוסף נשיא.

און אַט די אידישע פרוי האָט עס אונטערגענומען אַ מלחמה מיט׳ן פּויפּסט. ווי נור עס איז דערהאַלטען געוואָרען די ידיעה, אַז דער פּויפּסט פּאָול IV האָט געלאָזט שלעפּען אין די תפיסות פון דער אינקוויזיציע די אַנוסים אין אַנקאָנאַ, כדי פריהער, אָדער שפּעטער זיי צו לאָזען פערברע־נען, האָט די צדקניות דאָנאַ גראַציאַ — חנה דערשפירט אַ טיעפען וועה־טאָג אין הארצען, פּונקט ווי דאַ וואָלט מען געפּייניגט איהרע אייגענע קינ־דער. ווי זיהן און ברידער האָט זי צו זיי אין איהר הארצען די ליעבע גע־טראָגען, אָבער נישט אין בלויזען יאָמערן האָט זיך איהר שמערץ אויסגע־דריקט, נור אין מעשים, וועלכע זי האָט באַלד אונטערגענומען צוזאַמען מיט איהר איידעם, יוסף נשיא. קודם כל האָט זי זיך געווענדעט מיט אַ ביטע צום סולטאַן, אַז ער זאָל, ווענינגסטענס, פועל׳ן, דאָס מען זאָל בעפרייען פון אינקוויזיציאָנס־געריכט יענע טערקישע אידען, וועלכע זענען צופעליג, צוליעב געשעפט פערפאָהרען קיין אַנקאָנאַ און דאָרט גענומען געוואָרען געפאַנגען דורך דער אינקוויזיציע, נאָכדעם ווי מען האָט אויך זייערע סחורות קאָנפיסקירט. דער סולטאַן האָט איהר ביטע ערפילט און (דעם 9 מערץ 1556) האָט ער אַריינגעשיקט אַ בעפעהלענדען בריעף צום פּויפּסט,

אין וועלכען ער איז מרעיש עולם, פאַר וואָס מען האָט זיינע אידישע אונ־טערטאַנען, געגען דעם אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ, געשלעפּט אין תפיסה און דאדורך געבראַכט איהם שאָדען אין געלד. דער סולטאַן האָט אלזאָ געפאָדערט, אַז דער פּויפּסט זאָל תיכף ומיד בעפרייען פון אינקוויזיציאָנס־געריכט אין אַנקאָנאַ די אידישע אונטערטאַנען פון טערקיי, דערביי האָט ער געסטראַשעט, אַז אויב מ'וועט זיין פערלאַנג נישט ערפילען, וועט ער אַנ־נעהמען רעפּרעסיעס געגען די קאַטוילען אין טערקיי. פּאָול IV האָט גע־סקריפּעט מיט די צייהן פאַר כעס, ער האָט אָבער געמוזט ערפילען די פאָ־דערונג; די טערקישע אידען האָט מען בעפרייט פון די תפיסות פון דער אינקוויזיציע און געלאָזט אָבפאָהרען בשלום פון אַנקאָנאַ. די איבריגע אי־דען אָבער, פאַר וועלכע עס האָט זיך קיינער נישט געקאָנט אָננעהמען, האָט דער פּויפּסט, ווי שוין דערמאָהנט, טיילווייז געצוואונגען צו מקבל תשובה זיין און פיער און צוואַנציג פון זיי האָט ער געלאָזט פערברענען. און אָט האָבען די אידען אין טערקיי בעשלאָסען צו נעהמען נקמה פון פּויפּסט, און געהאָפט האָבען זיי, אַז די פרוי חנה נשיא מיט איהר איידעם יוסף נשיא וועלען זיי דערין בעהילפיג זיין.

דער הערצאָג גווידאָ אובאַלדאָ פון אורבינאָ האָט אריינגענו־מען אין פעזאַראָ די אַנטלאָפענע אַנוסים פון אַנקאָנאַ, נישט צוליעב מענ־שענפריידליכקייט, נור דערפאַר וואָס ער האָט געהאָפט, אַז די אידישע סוחרים פון די מזרח־לענדער וועלען דערפאַר אויפהערען אריינצוברענגען זייערע סחורות אין אַנקאָנאַ און קומען קיין פעזאַראָ, וועלכע וועט אַזוי אַרום דערהויבען ווערען צו אַ גרויסער האַפענשטאַדט. די אידישע קהלה אין פעזאַראָ האָט דעריבער געשיקט אַ צירקולאַר צו די אידישע קהלות אין טערקיי, וועלכע זענען געשטאַנען אין געשעפטס־פערבינדונג מיט אי־טאַליען, אַז פון איצט אָן זאָלען זיי שיקען זייערע סחורות נישט קיין אַנ־קאָנאַ, נור קיין פעזאַראָ. דער מסחר פון די טערקישע אידען איז געווען זעהר בעדייטענד; אַלץ איז געגאַנגען דורך זייערע הענד. זיי האָבען קאָנקו־רירט מיט די ווענעציאַנער און געשיקט אויפ'ן ים אייגענע שיפען און גאַ־לערעס. ביז דאַמאָלס פלעגען זיי אריינפיהרען זייערע שיפען אין האַפען פון אַנקאָנאַ, כדי צו קאָנקורירען מיט די וועוועציאַנישע סוחרים. אָבער אין דער גרויסער אויפרעגונג געגען דעם פּויפּסט'ס מערדערישער טהאַט מיט'ן פער־ברענען פיעל אידען אין אַנקאָנאַ, האָבען פיעל מזרח־אידען מיט דער קהלה סאַלאָניקי בראש אָנגענומען אַ בעשלוס, צו לעגען אַ חרם אויפ'ן מסחר פון אַנקאָנאַ (אויגוסט 1556). נישט מעהר, ווייל אַזאַ זאַך קאָן מען דורכפיה־רען נור מיט דער הסכמה פון אַלע קהלות, האָט מען דעריבער בעשלאָסען, דערווייל אויפצוהערען שיקען די שיפען קיין אַנקאָנאַ אין אַ משך פון אַכט מאָנאַטען, און אין דער צייט וועט מען ענדליך מברר זיין, אויב דער חרם איז באמת נויטווענדיג און אויב מען קאָן איהם פערווירקליכען. די איינ־וואוינער פון אַנקאָנאַ האָבען באַלד דערשפּירט, אַז די געשעפטען פאַלי־

און די ארימקייט פערשטארקט זיך. זיי האבען זיך בעקלאגט ביים פויפסט, אז זיין געטרייע שטאדט וועט איינגיכען פערלאזען ווערען פון איהרע איינוואוינער און גלייך זיין צו א נ'ארים דערפעל. דערביי האבען זיי געבעטען ביים פויפסט, אז ער זאל זיי העלפען. כדי מען זאל דעם פויפסט אבער נאך בעסער קאנען בעשטראפען, איז נויטווענדיג געווען, אז אלע מזרח־אידישע סוחרים זאלען פערווירקליכען דעם חרם אויפ'ן מסחר מיט'ן פויפסט'ס מדינות, און אין דעם זין האבען איצט געפיהרט אנ'אגיטאציע די אידען פון פעזארא.

אבער די אלט־געזעססענע אידען אין אנקאנא, וועלכע האבען צו די אנוסים נישט געהערט, האבען מורא געהאט, אז דורכ'ן חרם וועלען זייערע אינטערעסען אויך ליידען; ס'האט זיך דעריבער אנגעהויבען אויך א געגען־אגיטאציע לטובת אנקאנא. די אנקאנא'ער קהלה האט ארייגעשיקט א פראטעסט־בריעף צו די אידישע קהלות אין טערקיי, אין וועלכען זיי ערקלערען, אז די זאך קאן ווערען געפעהרליך פאר אלע אידען אין איטאליען, דען דער פויפסט וועט פון זיי נקמה נעהמען, טענהנדיג: „אייערע ברידער, די אידען לאכען זיך אויס פון מיר אין טערקיי, דערפאר וואס איך בין אנ'אדוק... געטריי מיין אמונה“. עס האבען זיך דעריבער אנגעהויבען מיינונגס־פערשידענהייטען, און אלע אידישע קהלות האבען אבגעווארט, וואס עס וועט זאגען די הויפט־קהלה אין טערקיי, די אידישע קהלה פון קאנסטאנטינאפאל. די האנדעלס־שטעדט סאלאניקי, אדריאנאפאל, ברוסא, אווילאנא, מארעא האבען דורך זייערע פערטרעטער געשיקט אהין בריעף, אין וועלכע זיי ווייזען אן, אז מען בדריך דעם ענין גוט צו בעטראכטען און האבען אין זינען אויך זייערע אינטערעסען. אין קאנסטאנטינאפאל האבען נאטירליך, געהאט די הויפט־שטימע דאנא חנה - גראציא און איהר איידעם יוסף נשיא, און זיי האבען ענערגיש פערטיידיגט די מיינונג, אז מען מוז דעם אונמענשליכען פויפסט בעשטראפען דורך א חרם אויף דעם מסחר אין זיין שטאדט אנקאנא. עס איז אבער אויך ארויסגעטראטען א קליינע אפאזיציע, וועלכע האט מורא געהאט, אז דורכ'ן אויסשליסליכען מסחר מיט פעזארא וועלען ליידען זייערע אינטערעסען. דאגעגען דאס געשעפטס־הויז מענדעס־נשיא האט באלד א בעפעהל געגעבען צו זייגע אגענטען, אז זיי זאלען זייערע עקספעדירען סחורות נור קיין פעזארא. דערוויל איז דער ענין געבליבען אבהענגיג פון קאנסטאנטינאפאלער בית־דין, וועלכער האט געדארפט ארויסגעבען דעם פסק־דין וועגען דעם מסחר אין דעם פויפסט'ס מדינה אויב די קאנסטאנטינאפאלער רבנים וועלען זיך ארויסזאגען, אז דאס לעבען פון די אנוסים אין פעזארא שטעהט אין סכנה, ווען מען וועט נישט בעשליסען אויסצומיידען דעם האפען פון אנקאנא, וועט מען געוויס דארפען לעגען דעם חרם. אבער צוויי רבנים זענען אבער געווען געגען דעם דאזיגען בעשלוס, דען זיי האבען געטענהט, אז מען מוז אויך נעהמען אין אכט די לאגע פון די אידען אין אנקאנא. ווייל אלזא דער

קאָנסטאַנטינאָפּאָלער בית־דין האָט זיך נישט געקאָנט צוזאַמענרעדען
אַרויפֿצולעגען דעם חרם איינשטימיג, זענען פֿיעל אידישע סוחרים אין
טערקיי געוועזן צופֿרידען, ווען עס וועט נישט אויסקומען צו ברעכען דעם
מסחר מיט אַנקאָנאַ, וועלכער איז פֿאַר זייערע אינטערעסען געוועזן גינסטי־
גער, ווי דער מסחר מיט פּעזאַראָ. דאָנאַ חנה־גראַציע, וועלכע האָט אָבער
מיט'ן הערצעג געליטען פֿאַר די אנוסים אין פּעזאַראָ, האָט נישט גערוהט.
זי האָט זיך געווענדעט מיט אַ ביטע צו די דאַמאָלסדיגע גרעסטע רבנים
אין טערקיי, אַז זיי זאָלען זיך אַרויסזאָגען וועגען דעם דאָזיגען ענין, נעמ־
ליך: צו די רבנים פֿון צפֿת — רבנו יוסף קאָרו און רבי
משה די טראַני, וועלכע האָבען זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מען דאַרף יאָ
לעגען דעם חרם אויפֿ'ן מסחר פֿון אַנקאָנאַ. אָבער דער קאָנסטאַנטינאָפּאָ־
לער בית־דין האָט דערויף נישט אַכטונג געגעבען, און דער חרם איז נישט
דורכגעפֿיהרט געוואָרען. אָבער וועהרענד די רבנים האָבען נאָך געהאַלטען
אין אַ לאַנגען ישוב־הדעת, איז פֿאָרגעקומען דאָס, פֿאַר וואָס עס האָט זיך
געשראָקען דאָנאַ חנה - גראַציאַ. דער הערצאָג גווידאָ אובאַלדאָ
האָט איינגעזעהען, אַז ער האָט אומזיסט געהאָפֿט, דאָס דער מסחר אין פּע־
זאַראָ וועט שטייגען, צוליעב דעם וואָס ער האָט אַריינגענומען די אנוסים,
און דעריבער האָט ער נאָכגעגעבען די פֿאָדערונגען פֿון פּויפּסט און אַרויס־
געטריבען די אנוסים פֿון זיין מדינה (מערץ 1558). מען מוז איהם אָבער די
גערעכטיגקייט געבען, אַז ער האָט די אנוסים נישט אַרויסגעגעבען צו די
מלאכי־חבלה פֿון דער אינקוויזיציע. די אַרויסגעטריבענע האָבען אויף גע־
דונגענע שיפֿען זיך געלאָזט פֿאָהרען מייסטענס צום מזרח. די פּויפּסטליכע
שיפֿס־פּאָליציי האָט זיי אָבגעוואַרט אויפֿ'ן ים, און נור מיט גרויס נויט
איז זיי געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיך פֿון איהרע [illegible]על. אַ טייל פֿון זיי
זענען אַריינגעפֿאַלען אין געפֿאַנגענשאַפֿט און פֿערקויפֿט געוואָרען פֿאַר
שקלאַפֿען. דער שוין דערמאָנטער בעריהמטער אידישער דאָקטאָר (חביב)
אַמאַטוס לוזיטאַנוס, וועלכער האָט אַ קורצע צייט געלעבט אין
פּעזאַראָ און דאַן געראַטעוועט אין ראַגוזאַ פֿיעל קריסטען דאָס לעבען און
אויסקורירט זיי פֿון פֿערשידענע מחלות — אויך ער האָט געמוזט די
קריסטליכע מדינות פֿערלאָזען און בעזעצען זיך אין סאַלאָניקי, וועלכע איז
געוועזן כמעט אַ אידישע שטאָדט (1558—1559). — אויך פֿאַר די אנוסים
אין פּעררערא איז דאָס דאָזיגע יאָהר געוועזן, ווי עס שיינט, אונגליקליך, און
דער דאָרטיגער הערצאָג האָט אויפֿגעהערט זיי צו בעשיצען. די דרוקעריי
פֿון אברהם אושקי האָט מען פֿערמאַכט, ווי עס שיינט דערפֿאַר,
וואָס ער האָט אָבגעדרוקט די אויבענדערמאָנטע קינות וועגען די פֿער־
ברענטע אנוסים. יוסף נשיא'ס ברודער, דאָן שמואל נשיא, איז
אַזוי שטאַרק גערודפֿט געוואָרען דורכ'ן הערצאָג, אַז ער האָט געמוזט אָנ־
קומען צו דער פֿערמיטלונג פֿון טערקישען סולטאַנס הויף, כדי צו קאָנען
אויסוואַנדערן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. איין שטרענג וואָרט פֿונ'ם דאַמאָלס

מעכטיגען מהמד'אַנישען סולטאַן האָט מעהר געווירקט אויפ'ן פויפסט און די קריסטליכע פירשטען, ווי די שטימע פון גערעכטיגקייט און מענשליכקייט.

וואָס מעהר דער פויפסט פאָול האָט זיך גענעהערט צום קבר, אַלץ ווילדער איז ער געוואָרען אין זיין שנאה צו די אידען. אויף זיין בעפעהל האָבען די משומדים סיקסטוס סענעזים און פיליפ אָדער יוסף מאָראָ געמאַכט אַ רייזע איבער דעם פויפסט'ם מדינה, בעזוכענדיג אַלע אידישע קהלות און פייניגענדיג זיי מיט זיינע העצע-דרשות. דער משומד יוסף מאָראָ איז אַריינגעקומען אום יום-כפור (1558) אין דער שוהל אין רעקאַנאַטאַ מיט אַ גרויסען צלם אין האַנד, וועלכען ער האָט מיט געוואַלד אַריינגעשטעלט אין ארון הקודש צווישען די ספרי-תורה. און ווען די אידען האָבען איהם פון שוהל אַרויסגעטריבען, האָט ער פערזאַמעלט דעם ווילדען המון אַרום שוהל, און צוויי אידען, וועלכע האָבען איהם אַרויסגעשטויסען, האָט מען, לויט'ן בעפעהל פון הויפטמאַן, געשמיעדעט אין קייטען און געשמיסען. אַמערגסטען איז אָבער דער דאָזיגער ליידענשאַפטליכער פויפסט געוועזן אויפגערייצט געגען די אַנוסים און דעם תלמוד. די אַנוסים האָט ער זיך בעמיהט צו ענטדעקען אין די ווייטעסטע ערטער, מורא האָבענדיג פאַר רדיפות און נישט קענענדיג ענטלויפען פון לאַנד, זענען פיעל פון זיי אַריינגעטרעטען אין די פערשידענסטע אָרדענס פון די מאָנאַכען אין דער האָפנונג, אַז, אַלס מיטגלידער פון די הייליגע חברות, וועלען זיי זיין, לפחות, זיכער מיט'ן לעבען. פאָול האָט זיי אָבער אויך דאָרט ענטדעקט און גערודפט רציחה'דיג און לסוף פערבאָטען, אַז מען זאָל זיי אין די אָרדענס אַרייננעהמען.

די רדיפות אויפ'ן תלמוד האָט ער געפיהרט מיט נאָך מעהר ערפאָלג: אינ'ם פויפסט'ם מדינה, ווי אויך אין אַ גרויסען טייל פון איטאַליען איז מעהר נישט געוועזן ביי אידען קיין איין איינציגע מסכת, ווייל די, ביי וועלכע מען וואָלט עס ענטדעקט, וואָלט מען שטרענג בעשטראָפט. די ישיבות זענען על פי רוב בטל געוואָרען. ווען אַזאַ צושטאַנד וואָלט געוועזן אַנ'אַלגעמיינער ביי אידען, וואָלטען די איטאַליענישע אידען געוואָרען אונוויסענד און פערגרעבט, ווי דער פויפסט האָט עס פערלאַנגט, און עס וואָלט איהם פיעל לייכטער געוועזן צו פיהרען זיי צום שמד. עס איז אָבער ענטשטאַנען אַ גרויסע ישיבה און אַ בעשיצונגס-אָרט פאַר'ן תלמוד אין אַ שטאָדט אין אויבער-איטאַליען, אין (קרימונה) קרעמאָנאַ, וועלכע האָט געהערט צו מאַילאַנד. רבי יוסף אָטאָלענגהי, וועלכער איז געקומען אַהין פון דייטשלאַנד, האָט דאָרט געעפענט אַ ישיבה, געלערנט מיט תלמידים תלמוד און געלאָזט דרוקען רבנישע ספרים. אַלע אידען, וואָס האָבען געהאַט ש"ס'ן, אָדער איינצעלנע מסכתות, האָבען זיי דעריבער אָבגעפיהרט בשתיקה אַהין, און אַזוי אַרום איז דאָרט אויסגעוואַקסען אַ רייכער לאַגער פון ספרים, פון וואַנען מען פלעגט זיי אַריבערפיהרען קיין

פוילען, טערקיי און דייטשלאנד. דעם דאזיגען שאטען פון רעליגיאנס-
פרייהייט האבען די אידען דארט געהאט אויך, ווען די געגענד האט זיך
געפונען אונטער דער ממשלה פון שפאניען, וועלכע איז געווען געצוואונ-
גען צו פיהרען מלחמה מיט'ן פויפסט פאול IV. נאכדעם ווי דער פויפסט
האט אבער געמוזט אונטערשרייבען א שענדליכען שלום, און קרעמאנא
איז ווידער ארונטערגעקומען אונטער זיין איינפלוס, האט ער די ערשטע
זאך א טראכט געטהון, ווי אזוי צו פערברענען דארט די אידישע ספרים.
די דאמיניקאנער, וועלכע זענען אין א געוויסער מאס געווען די פאליציי
פון פויפסטום, האבען אין זייך זין בעארבייט די בעפעלקערונג כדי צו קא-
נען האבען אנ'איינפלוס אויפ'ן שטאטהאלטער און צווינגען איהם צו ער-
פילען דעם פויפסט'ס פערלאנג. די דאמיניקאנער האבען פערשפרייט צווי-
שען דער קריסטליכער בעפעלקערונג העצע-בלעטער, רופענדיג דאס פאלק
אויסצוהרג'ענען אלע אידען (8 אפריל 1559). א פאר טעג נאכדעם האבען
צווי דאמיניקאנער, וואס איינער פון זיי איז געוועזן דער משומד סיק-
סטוס סענענזיס, פערלאנגט פון שטאטהאלטער אין קרעמאנא, אז
ער זאל לאזען פערברענען דעם תלמוד, ווייל אין איהם געפינען זיך נור
זלזולים געגען קריסטוס א. א. וו. ווייל אבער דער שטאטהאלטער האט אין
דער אנקלאגע נישט געוואלט גלויבען, זענען ארויסגעטראטען געגען דעם
תלמוד צווי עדות: דער משומד וויטאריא עליאנא, דער איייניקעל
פון רבי אליהו בחור און א נישטווירדיגער דייטשער איד יהושע דע
קאנטארי, וועלכער האט געוואלט אויף אזא אופן נקמה נעהמען פונ'ם
רבי יוסף אטאלענגהי, דורך די דאזיגע צווי עדות האט זיך דער שטאט-
האלטער געלאזט איבערצייגען, אז מען דארף דעם תלמוד באמת פערברע-
נען, און ער האט בעפוילען זיינע סאלדאטען אין קרעמאנא אריינצוררייסען
זיך אין די אידישע הייזער און אין די דרוקערייען, קאנפיסקירען אלע
שס'ן און פערברענען זיי. דאמאלס האט מען פערברענט
צעהן-צוועלף טויזענד ספרים פון תלמוד (אפ-
ריל אדער מאי 1559).

די זאך האט אבער שיער נישט געקאסט טייער אויך דעם משומד
וויטאריא עליאנא, וועלכער האט זיך אזוי שטארק משתדל געווען וועגען
דעם פערברענען דעם תלמוד. דען די שפאנישע סאלדאטען, וועלכע הא-
בען ערהאלטען דעם בעפעהל צו קאנפיסקירען און פערברענען דעם
תלמוד, האבען זיך ווייניג וואס געקימערט, אויב די ספרים זענען געווען
דווקא תלמוד, אדער אויך אנדערע. און אט האבען זיי שיער נישט פער-
ברענט אויך צוויי טויזענד ספרים „זוהר“, אין וועלכע דער משומד עליאנא
איז געווען שטארק פעראינטערעסירט. פון דער צייט אן, וואס דער יונגער
געלעהרטער פיקא דע מיראנדאלא, רייכלין און דעם קארדינאל וויטערבא
האבען זיך בעקענט אויבערפלעכליך מיט'ן אינהאלט פון זוהר און אריינ-
געטומען זיך אין מוח, אז דערין געפינען זיך ראיות צו פערשטארקען די

אמונה אין קריסטענטום, איז דער „זוהר“ געוואָרען אַ גאַנצער מיוחס ביי די פויפסטען, און דער בעפעהל געגען דעם תלמוד האָט זיך אויפ'ן „זוהר“ נישט בעצויגען. און דוקא אונטער דעם פויפסט פּאָול IV האָט מען גע־דרוקט דעם „זוהר“ אין מאַנטואַ מיט דער ערלויבניש פון דער אינקוויזיציע. די קבלה האָט זיך געזאָרפט אַבבויען אויפ'ן חורבן פון תלמוד. דער קריסטליכער פערלעגער פון מאַנטואַ האָט מיט'ן „זוהר“ געמאַכט „גאָלדענע געשעפטען“, דען די פאָדערונג אויף איהם איז געווען זעהר גרויס. און אַט האָט זיך מקנא געזוען דער קריסטליכער פערלעגער פון קרעמאָנאַ, ווינצענטי קאָנטי און איז אויך צוגעטראָטען צו דרוקען אַ „זוהר“, צו־ליב קאָנקורענץ. אין דער אויסגאַבע האָט אויך טיילגענומען דער משומד וויטאָריאָ עליאַנאָ, וועלכער האָט זיך אפילו אויך נישט געשעהמט אליין אָנצושרייבען אַ הקדמה צו דער אויסגאַבע, וואו ער רעקלאַמירט דעם ספר מעשה סוחר און שרייבט זיך אונטער: „און עס האָט זיך געענדיגט די הייליגע אַרבייט... דורכ'ן בחור וויטאָריא עליאַנאָ, דעם אייניקעל פונ'ם ערשט־קלאַסישען מדקדק רבי אליהו בחור“. און פון אַט דער אויפלאַגע האָבען די שפּאַנישע סאָלדאַטען געפּאַקט צוויי טויזענד ספרים און גע־שלעפּט זיי צום פייער. דער משומד האָט דערביי געקאָנט פערלירען זיין גאַנץ פערדינסט, ווען נישט דער צווייטער משומד סיקסטוס פון סיענאַ, וועלכער איז געשיקט געווען דורך דער פויפּסטליכער אינקוויזיציע אַכטונג צו געבען אויף דער שרפה פון תלמוד—אויב נישט ער וואָלט זיך אָנגענומען פאַר זיין חבר און אָבגעראַטעוועט איהם דעם „זוהר“ פון פערברענען. די גלחים האָבען דאַן געהאַלטען, אַז פערברענענדיג דעם תלמוד און איבערלאָזענדיג ביי די אידען דוקא דעם „זוהר“, ווירקען זיי מיט דערביי, אַז שפּעטער זאָלען צו זיי קומען פיעל אידען אליין שמד'ן זיך... דורך דער דרוקעריי איז דער „זוהר“ שטאַרק פער־שפּרייט און פערהייליגט געוואָרען ביי אידען, אָבער אויך די ליעבע פונ'ם פויפּסטום צו דער קבלה האָט געדויערט נישט לאַנג. איינינע יאָהר שפּע־טער האָבען די גלחים פערצייכענט אויך קבלה־ספרים אין די רשימה פון די אידישע ספרים, וועלכע מען דאַרף פערברענען.

פּאָול IV שנאה צו אידען און זייערע ספרים האָט געהאַט איהר ווירקונג נישט בלויז אין איטאַליען, נור אויך ווייט איבער איהרע גרע־ניצען, אַ דאַנק דעם גייסט פון פאַנאַטיזם, וועלכען ער האָט אונטערגעצונ־דען און געשפּייזט. די שליחים צו מאַכען די רדיפות זענען שטענדיג גע־ווען די משומדים. איינער אַזאַ משומד, אשר פון אודינאַ, האָט דערוועקט אַנ'אָנקלאַגע געגען די אידישע ספרים אין פּראַג, און די רע־גירונג האָט דאָרט געלאָזט קאָנפיסקירען אַלע אידישע ספרים, אפילו אויך געבעט־ביכער (סדורים, מחזורים, סליחות און אַנדערע), וועלכע זי האָט געלאָזט אָבשיקען קיין ווינען (1559). די אידען האָבען דאַמאָלס נישט געהאַט קיין איינציגען ספר־תפלה; די חזנים פלעגען זאָגען פאַראויס

אויסזוועניג און דער עולם פלעגט נאָכזאָגען וואָרט ביי וואָרט. אין דערזעלביגער צייט האָט אויסגעבראָכען אַ שרפה אין פראָג אין דער אידישער גאַס, און אַ גרויסער טייל פון די הייזער איז פערברענט געוואָרען. דעמאָלס האָט זיך ארויסגעוויזען די גאַנצע אָבשוליכקייט פון דער פאַנאַטישער שנאה צו די אידען: אנשטאָט צו העלפען די אונגליקליכע און ראַטעווען פאַר זיי, וואָס נור מעגליך איז, האָבען די קריסטען געוואָרפען אליין שוואַכע פרויען אין פייער און האָבען גערויבעוועט דאָס אידישע פערמעגען. און א שטייגער ווי די מאָס פון אידישען עלענד וואָלט נאָך נישט גענוג גרוים געווען, האָט דער נייער דייטשער קייזער פ ע ר ד י נ אַ נ ד ד ע ר ע ר ש ט ע ר גאַנץ ערנסט געוואָלט דורכפיהרען זיין צווייטע גזרה ארויסצוטרייבען די אידען פון בעהמען און פראָג. ווען פערדינאַנד'ס ברודער, דער קייזער קאַרל 5, האָט נאָך געלעבט האָט ער געהאָט געבעטען ביי איהם, אַז ער זאָל איהם ערלויבען ארויסצוטרייבען די אידען פון בעהמען אין דער האָפנונג, אַז דאָס פאָלק יעצט מסכים זיין אויף זיין גזרה. אַ האַלב יאָהר שפּעטער האָט פערדינאַנד ווידער געמאַכט זיין פאָרשלאַג וועגען דעם גירוש פון פראָג און געוואָלט מאַכען פון אלע אידישע שוהלען — קירכען. ער האָט זיך אויך משתדל געווען, צו געפינען בעלנים, וואָס זאָלען אָבקויפען די אידישע נחלאות און הייזער אין פראָג, כדי די רעגירונגס-קאַסע זאָל נישט בדלות ווערען נאָכ'ן אידישען גירוש (10 אָקטאָב. 16 נאָוועמבער 1557). פונדעסטוועגען אָבער האָט מען נאָך די אידען אַלץ נישט געהאַט ארויסגעטריבען און אָבגעלעגט דעם גירוש אויף נאָך אַ יאָהר, כדי זיי זאָלען זיך מכין זיין אין וועג. איצט אָבער האָט פערדינאַנד, שוין אלס קייזער, געוואָלט זיך נעהמען ענערגישער צום פערווירקליכען זיינע גזרות. בכלל איז פערדינאַנד געווען א גאַנץ מילדער מענש, און ער האָט ערנסט געאַרבייט צו מאַכען שלום צווישען די קאַטוילען און פראָטעסטאַנטען. אָבער געגען די אידען האָט ער געשפּירט א שרעקליכע שנאה. ער האָט עם דער ערשטער, ארויסגעגעבען די פעראָרדנונג וועגען דער „צ ע ט ע ל - מ ע ל ד ו נ ג" פאַר די עסטרייכישע אידען, נעמליך, אַז יעדער עסטרייכישער איד, ווען ער קומט קיין וויען געשעפּטס-האַלבער, איז מחויב זיך צו מעלדען ביים לאַנדמאַרשאַל און מודיע זיין, מיט וואָס ער בעשעפטיגט זיך און ווי לאַנג ער וועט אין וויען פערבלייבען. נאָך דער דאָזיגער בעגרענצונג האָט פערדינאַנד ארויסגעגעבען פיעל אַנדערע, ביז לסוף האָט ער ארויסגעגעבען אַ גזרה, אַז די אידען פון נידערעסטרייך און גערץ זאָלען ביז'ן נאָהענטען יאָהאַניסטאָג אַרויסגעהן פון לאַנד אַלע מיט ווייבער און קינדער, הויז-געזונד און האָב און גוטס". אויף דער השתדלנות מצד די אידען האָט ער זיי אפילו געגעבען אַ הנחה, צו פערבלייבען אין לאַנד נאָך צוויי יאָהר, לסוף אָבער האָבען זיי דאָך אַלע געמוזט נעהמען דעם וואַנדערשטעקען און געהן זוכען אין אַ פרעמד לאַנד אַ נייע היים.

אַזאַ אונגליק האָט פערדינאַנד געטראַכט צו ברענגען אויך אויף דער אַלטער אידישער קהלה אין פּראַג. די פּראַגער אידישע קהלה האָט דאָמאָלס געהאַט אַ שם ביי אַלע אַנדערע אידישע קהלות: מען האָט בעשולדיגט די פּראַגער אידען, אַז זיי זענען שפּלים, בעריידער, געלד-פרעסער, בעלי מחלוקת און זעהר אונזיטליך. עס זאָלען אפילו אויך האָבען געלעבט דאָרט פיעל אידען, וואָס פלעגען נישט מורא האָבען אויך פאַר אַ פאַלשער שבועה. ווען מען פלעגט דאַרפען אויסקלייבען אַ רב, אָדער אַ פרנס, פלעגען אויסברעכען אַזעלכע מחלוקת, אַז דער קייזער האָט זיך געפונען גענויטיגט, צו בעפעהלען די גרויסע רבנים אין איטאַליען און דייטשלאַנד, דאָס זיי זאָלען אויסאַרבייטען אַ ספּעציעל וואַהל-אָרדנונג פאַר דער פּראַגער קהלה. בשעת מען האָט, צוואַנציג יאָהר נאָך דעם ערשטען גירוש, איינגעלאַדען די אידען, צו בעזעצען זיך ווידער אין פּראַג, האָבען זיך דאָרט בעזעצט נישט די בעסערע אידען, נור דער פריהערדיגער פּראַגער ערב-רב, רעד געמיינער המון פון נידעריגסטען סאָרט מענשען, מיט וועלכען עס איז רייך יעדע גרעסערע קהלה. עס איז אויך גאַנץ מעגליך, אַז די קריסטען האָבען טאַקי שטאַרק געליטען פון אַט די נייע איינוואוינער, עס איז אָבער זעהר שווער צו גלויבען, אַז די זעלביגע קלאַס מענשען צווישען דער קריסטליכער בעפעלקערונג איז געווען בעסער פאַר דער אידישער. די אַלגעמיינע מיינונג איז אָבער געווען לטובת די קריסטען, ווייל די קריסטליכע בעפעלקערונג איז אין דער פראַגע נישט געווען אונפּאַרטייאיש: וועהרענד מען האָט געקוקט אויף די מעשים פון דער געמיינער קריסטליכער בעפעלקערונג מיט נאַכגעבינקייט, האָט מען שטרענג געאורטיילט וועגען די מעשים פון דער אידישער בעפעלקערונג. איבריגענס, וועגען דעם צווייטען אידישען גירוש פון פּראַג האָט מען בעשלאָסען נישט אַזוי געשווינד, אפילו די דאַמאָלסדיגע ערצהערצאָגען זענען געווען געגען דעם. אָבער דאָך איז דער גירוש פאָרגעקומען (1561), און די רויב-ריטער זענען אויף די וועגען אָנגעפאַלען אויף די עלענדע וואַנדערער, וואָס האָבען נור וואָס זייער אַלטע היים געמוזט פערלאָזען, און בעראַבעוועט זיי אויף אַ מערדערישען אופן. אָבער אויך נאָכ'ן צווייטען, ווי נאָכ'ן ערשטען גירוש האָט עס אויסגעוויזען, אַז די פּראַגער קריסטען, אָדער, וועניגסטענס, דער אַדעל, האָט זעהר פערדרום, וואָס מען מוז זיך שיידען מיט דער אידישער בעפעלקערונג. מען האָט ווידער אונטערגענומען פערשידענע שריט, צוריק איינצולאַדען די אידען צו קומען אין לאַנד; די ערצהערצאָגען האָבען געטהון, וואָס נור מעגליך איז, כדי די זאַך מעגליך צו מאַכען. דער קייזער פערדינאַנד האָט אָבער אָבגעוואָרפען אַלע ביטעס און השתדלות מיט דער איינפאַכער ערקלערונג, אַז ער האָט געשוואָרען אַרויסצוטרייבען די אידען פון פּראַג און וויל זיין שבועה נישט ברעכען. דאַן האָט איינער פון די אָנגעזעהענע פּראַגער אידען אונטערגענומען אַ רייזע קיין רוים צום נייעם פּויפּסט פּיוס IV, כדי צו בעפרייען דעם קייזער פון זיין שבועה.

דער דאָזיגער אָנגעזעהענער איד איז געווען רבי מרדכי צמח בן גרשון פון די בעריהמטע דרוקער שונצין, וואָס די מיטגלי־דער פון דער דאָזיגער משפחה האָבען געהאַט געגרינדעט אידישע דרוקע־רייען אין פיעל שטעדט אין לאָמבאַרדיע, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אין פּראַג, וועלכע זיי האָבען געפיהרט מיט גרויס ערפאָלג, האָטש רבי מרדכי האָט געהאַט געליטען גרויסע בעליידיגונגען און קרענקונגען פון דער קהלה, דען מען האָט אַרויסגעלאָזען אַ שם־רע גאָר אומזיסט אויף זיין אונשולדיגער פערהייראַטעטער טאָכטער, און די רבנים האָבען איהר פער־אורטיילט לויט'ן אָנווייזען פון פאַלשע עדות. פונדעסטוועגען האָט ער איצט אין אונגליק פערגעסען אויף דער בעליידיגונג און געלאָזען זיך אין דער רייזע צום פּויפּסט, האָטש די זאַך איז געווען פערבונדען מיט סכנת־נפשות. זיין מיה האָט אויך געהאַט ערפאָלג: דער פּויפּסט, וועלכער האָט געהאַט די מאַכט צו בעשווערען און אויך בעפרייען פון אַ שבועה, האָט בעפרייט דעם קייזער פון זיין שבועה געגען די פּראַגער אידען. זיין זוהן מאַקסימיליאַן, וועלכער איז שפּעטער קייזער געוואָרען, האָט בעזונ־דערס שטאַרק גענומען די פּראַגער' אידען אונטער זיין שוץ, און אַזוי אַרום האָט מען דעם גירוש מבטל געמאַכט. די אידען האָבען ווידער געקאָנט אַריינקומען און בעזעצען זיך אין פּראַג, ווי אויך אין גאַנץ בעהמען און אין עסטרייך. אָבער אפילו אויך אונטער די בעסטע קיסרים, ווי למשל, אונטער מאַקסימיליאַן II און רודאָלף האָבען די אידען געמוזט פיהרען אַנ'עלענד לעבען אונטער דער שווערער האַנד פון דער אָפּיציעלער קאַטוילישער קירכע.

דער ערשטער פערטרעטער פון דער פאַנאַטישער קאַטוילישער קיר־כע, וואָס אַלע זיינע מעשים זענען געווען אויסגעהאַלטען, לויט'ן רעאַקציאָ־נערען פערפאָלגונגס־סיסטעם, דער פּויפּסט פּאָול IV, איז געשטאָרבען (אויגוסט 1555), און די רוימער האָבען פערשאָלטען אי זיין סיסטעם, אי זיין אָנדענקען. ווי אין די אַלטע צייטען פון דער רוימישער רעפּובליק, האָט דאָס פאָלק זיך פערזאַמעלט אין קאַפּיטאָל און געלאָזען זיך גהען אין אַ פּראָצעסיע איבער'ן שטאָדט, פערניכטענדיג אַלע אויפגעהויבענע פּונ'ם פּויפּסט, אונטערצינדענדיג די אינקוויזיציאָנס־געביידעס שלאָגענדיג און וואַרפענדיג מיט שטיינער אויף איהרע מלאכי־חבלה און אויף די דאָ־מיניקאַנער, פערניכטענדיג די מאָנומענטען און פאָהנען פון פּויפּסט. איין איד האָט גענומען דאָס גרין היטעלע, וואָס דער פּויפּסט האָט בעפוילען די אידען צו טראָגען, אַלס שאַנד־צייכען, און אָנגעטהון דעם פּויפּסט'ס בילד אויפ'ן קאָפּ: די רוימער האָבען אַפּלאָדירט און געלאַכט. אָבער וואָס פאַר אַ ממשות'דיגען נוצען האָבען געקאָנט האָבען אַזעלכע קינדערייען געגען דעם פערשטאָרבענעם? דאָס סיסטעם, וואָס ער האָט געגרינדעט, האָט גע־לעבט און האָט געדאַרפט נאָך לעבען הונדערטער יאָהרען. די יעזואיטען און די שטרענגע פאַנאַטיקער האָבען שוין בעקומען די הויפּט־דעה אין

דער קאטוילישער קירכע, און יעדער נייער פויפסט האט זיי געמוזט פאלגען, צי מיט'ן גוטען ווילען, צי נישט. דווקא אין דער רעגירונג פון איי-נעם פון די בעסטע רוימישע פויפסטען, פון פיוס 4-טען, האט מען דער-הויבען די תקנות פון טרידענטישען קאנסיליום צו א געזעץ, און די קא-טוילען זענען דאדורך אינגאנצען פערקנעכטעט געווארען.

די רוימישע אידען האבען געשיקט א דעפוטאציע צום נייעם אויסגע-,,עהלטען פויפסט, צו בעגריסען איהם מיט זיין בעשטייגען אויפ'ן פויפסט-ליכען שטוהל, דערביי האבען זיי זיך שטארק בעקלאגט אויף די יסורים, וואס זיי האבען געהאט אויסצושטעהן פאר פאול 4, שילדערענדיג איהם זייער טרויעריגע לאגע אין ריהרענדע ווערטער. פיוס 4 האט מבטיח גע-ווען די אידען זייער לאגע, צו פערבעסערען, און האט ארויסגעגעבען (27 פעברואר 1562) א בולה פאר די אידען אין זיין קירכליכע מדינה, וועלכע איז געווען בכלל גינסטיג פאר די אידען. אבער פון אט די חסדים אליין קאן מען זעהן, אמבעסטען, ווי טרויעריג עס איז געווען די אידישע לאגע. די הקדמה צו דער בולה איז זעהר כאראקטעריסטיש, ווייל אין איהר שפי-געלט זיך אב די גאנצע פאלשקייט פונ'ם דעמאלסדיגען פויפסט: „מיר האבען געהערט — הויבט אן דער פויפסט — אז די תקנות, וועלכע עס האט ארויסגעגעבען, אין זיין גרויסער צדקות, אונזער פריהערדיגער פויפסט, זכרונו לברכה, לטובת דער רעליגיע און אין בעציהונג צו אייך (אידען), האבען אויסגענוצט מענשען, וועלכע גלוסטען נאך אייער פער-מעגען, און געמאכט אויף אייך פאלשע אנקלאגען און פאלשע פשטלעך אין די ווערטער פונ'ם פריהערדיגען פויפסט, כדי אייך צו רודפ'ן און פער-נעהמען אייער פערמעגען. דעריבער פעראָרדענען מיר, סומך זייענדיג זיך דערויף, וואס די הייליגע מוטער, די קירכע, טהוט די אידען גרויסע הנחות, כדי זיי זאלען נאך אמאל אויך אומקעהרען זיך צו איהר, און נאכטהוענ-דיג דעם גוטען ביישפיעל פון אונזערע גרויסע פריהערדיגע פויפסטען, — פעראָרדענען מיר"... וואס-זשע האט דער פויפסט אזוינס פעראָרדענט נאך אזא פיעל צוזאגענדיגער הקדמה? ערשטענס, אז די רוימישע אידען מעגען אויסטהון דאס גרינע שאנד-היטעלע, ווען זיי געהען ארויס פון רוים; צווייטענס, אז זיי מעגען קויפען נחלאות אויף א ווערט פון נישט העכער, ווי טויזענד פינף הונדערט דוקאטען; דריטענס, אז זיי מעגען מאכען אויך אנדערע געשעפטען, אויסער דעם מסחר מיט אלטע קליידער און, לסוף, מיט די קריסטען מעגען זיי יא האבען א מגע ומשא, נור קיין קריסטליכע דיענערשאפט האלטען טארען זיי נישט. — אט דאס זענען די חסדים, וואס עס האט געגעבען דעמאלס די אידען איינער פון די בעסטע פויפס-טען! עטוואס וויכטיגער זענען געווען פאר די רוימישע אידען דער בע-פעהל, וואס פיוס 4 האט ארויסגעגעבען מבטל צו מאכען די בעשטרא-פונגען, וואס מען האט ארויפגעלעגט אויף די רוימישע אידען פאר'ן עובר זיין די בעפעהלען און תקנות פון פויפסט פאול 4, ווי אויך פאר'ן נישט

אַרויסגעבען דע ראינקוויזיציע צום פערברענען דעם תלמוד. די איטאַל-יענישע אידען האָבען זיך אויך משתדל געווען, אַז מען זאָל מבטל מאַכען דעם חרם אויפ'ן תלמוד און אנדערע אידישע ספרים. די פראַגע וועגען דעם איז דעמאָלם געווען אין רשות פון די קאַרדינאַלען און בישאָפען, וועלכע זענען זיך צוזאַמענגעפאָהרען אויפ'ן קאָנסוליום אין טריענט. די אידישע קהלות אין איטאַליען האָבען דעריבער אויסגעקליבען צוויי דעפּוטירטע (אָקטאָבער 1563), וועלכע האָבען זיך געדאַרפט משתדל זיין פאַר'ן קאָנ-סוליום, אַז מען זאָל אראָבנעהמען דעם תלמוד אין די אידישע ספרים פון דער רשימה פון די אפיקורסות'ע ספרים, וועלכע דאַרפען פערברענט ווע-רען, אָדער מען זאָל, לפחות איבערגעבען די פראַגע דעם פויפּסט אליין. אויף דער צווייטער העלפט פון דער ביטע האָבען די אידישע שתדלנים בעקומען ביים קאָנסוליום אַ גינסטיגען ענטפער: די פראַגע וועגען די אי-דישע ספרים איז איבערגעגעבען געוואָרען פערזענליך דעם פויפּסט און ער האָט — פאַר פיעל געלד — ארויסגעגעבען אַ בולה, אַז דער תלמוד איז אפילו אַ פערשאָלטענער ספר, פונקט, ווי די גאַנצע הומאַניסטישע לי-טעראַמור, פונקט ווי רייכלינ'ס „אויגענשפּיעגעל און די קאַבאַליסטישע שריפטען" -- נישט מעהר, אויב מען זאָל נור ארונטערנעהמען דעם נאָ-מען ת ל מ ו ד און ארויסוואַרפען פון איהם אלע שטעלען, וואָס זענען בעליידיגענד פאַר'ן קריסטענטום (דאָס הייסט: ווען מען זאָל איהם שטרענג צענזורירען), מעג מען איהם יאָ דרוקען (24 מערץ 1564). די זאַך איז, נאַטירליך, פאַרגעקומען גענוג וואונדערליך: דעם ספר אליין האָט דער פויפּסט ערלויבט צו דרוקען, נור נישט דעם נאָמען! דער פויפּסט האָט אָבער דערין בעגאַנגען בלויז אַ געוועהנליכע קונץ-שטיקעל: ער האָט גע-וואָלט פערשוינען דעם אויטאָריטעט פון די פויפּסטען און פערהיטען, אַז מען זאָל נישט אָבשפּאַטען, ווי אַזוי דער פויפּסט האָט ערלויבט צו דרוקען אַ ספר, וועלכען דער פויפּסט וואָס פאַר איהם האָט געהאַט בעפוילען צו פערברענען. דערוויילע אָבער האָבען די אידען בעקומען, לפחות, די מעג-ליכקייט באַמיש אין אַ וועלכער עס איז פאָרמע צו בעקומען צוריק דעם תלמוד. אין דער ווירקליכקייט האָט מען דעם תלמוד געדרוקט אַ פּאָר יאָהר נאָכדעם אין באַזעל אונטער'ן נאָמען „ש"ס" אָדער „גמרא".

אָבער אויך די הנחות און כלומרשטע רוהיגקייט האָבען די אידען אינ'ם פויפּסט'ס מדינה באַלד פערלוירען, ווי נור פיוס 4 איז געשטאָרבען און אויפ'ן פויפּסטליכען שטוהל איז אַרויפגעשטיגען פיוס 5 — אַ פינ-סטערער מאָנאַך, וועלכער האָט דאָס מענשליכע לעבען געהאַלטען פאַר אַ קליינינקייט אין פערגלייך מיט די גלחישע תקנות. פיוס 5 (1566—1572) איז מיט זיין פאַנאַטיזם, אכזריות און רדיפות געגען די אידען נאָך ערי-בערגעשטיגען דעם פויפּסט פאָול 4. די אידען האָט דער דאָזיגער פויפּסט געהאַסט נישט ווייניגער, ווי די דייטשע פּראָטעסטאַנטען, ווי די שווייצאַ-רישע קאַלוויניסטען און די פראַנצויזישע הוגענאָטען, זיי האָבען באַלד דער-

שפירט די נייע שטרעמונג אין דער קאטוילישער קירכע. דריי חדשים נאך זיין בעשטייגען דעם פויפסטליכען שטוהל (19 אפריל 1566) האט ער בע-שטעטיגט אלע בעגרענצונגען פון פויפסט פאול 4 געגען די אידען, פער-שארפט זיי נאך מעהר און מבטל געמאכט לגמרי די חסדים פון דעם פאריגען פויפסט פיוס 4. די אידען זענען אלזא ווידער אמאל איינגאנ-צען אויסגעשלאסען געווארען פון יעדער בעציהונג מיט די קריסטען; זיי איז פון דאס ניי פערבאטען געווארען צו קויפען נחלאות און בעפוילען גע-ווארען צו טראגען דאס גרינע היטעלע, צו האנדלען נור מיט אלטע מלבושים און האבען נור א יי ן שוהל. די דאזיגע פעראָרדנונגען האט ער אבער געמאכט נישט בלויז פאר די אידען אין זיין מדינה, נור אין אלע קאטוילישע מדינות האט זיך געזאלט זיין פערפליכטענד. און אין יענער צייט פון דער פויפסטליכער רעאקציע געגען דעם פראטעסטאנטיזם האט דעם פויפסט'ס בעפעהל א גאנץ גרויסע בעדייטונג פאר אלע קאטוילישע לענדער, און מען האט איהם מיט'ן גוטען ווילען געפאלגט און פערווירק-ליכט זיין פערלאנג. עס האבען זיך דעריבער ווידער אנגעהויבען פינסטערע צייטען פאר די אידען אין די קאטוילישע מדינות.

נייע גזרות און נייע אידישע טרעהרען האט געהאט אויף דער עלטער אריינצונעהמען דער אידישער היסטאריקער רבי יוסף הכהן אין זיין „עמק הבכא”. דער ווילדער פויפסט פיוס 5 האט איהם אפט געגעבען די געלעגענהייט דערצו. אונטער'ן תירוץ, אז די אידען האבען עובר געווען אויף די גלהישע געזעצען, וועלכע ער האט בעפוילען שטרענג אבצוהיטען, האט ער געלאזט פיעל אידען שלעפען אין די תפיסות און זייערע ספרים אויפזוכען און פערברענען. בעזונדערס גערודפט האט ער אבער די רייכע אידישע קהלה אין באלאניא, ווייל ער האט געוואלט פערנעהמען איהר פערמעגען, כדי צו דערווייזען, אז ער האט כלומרשט געזעצליך רעכט דערצו, האט ער זיי געשטעלט פאר א געריכט פון דער אינקוויזיציע און געשטעלט זיי פערשיעדענע שאלות וועגען דעם קריסטענטום, א שטייגער, אויב די אידען האלטען די קאטוילען פאר געצענדינער, אויב זיי זאגען אין דאווענען די תפלה געגען די „מינים” („ולמלשינים”) און אויב די „מלכות הרשעה” בעציהט זיך אויף'ן פויפסטום, ווי נאך פערשיעדענע פראגען, אויף וועלכע עס איז לחלוטין אונמעגליך א פרומען אידען צו געבען אנ'ענטפער אין א גלחישען געריכט. די שאלות האט צוזאמענגעשטעלט דער משומד אלעסאנדרא, און די ערעסטירטע אידען האט מען געלאזט פייניגען מיט די טייוועלס-אינסטרומענטען פון דער אינקוויזיציע. איינינע אידען, די שוואכהאפטיגע, האבען נישט געקאנט אריבערטראגען די יסורים און מודה געווען אלץ, וואס דאס בלוט-געריכט האט פון זיי פערלאנגט. נור דער באלאניער רב, רבי ישמעאל חנינא, האט מיט אונמענש-ליכע כחות די יסורים געליטען און ערקלערט, אז אלע טענות און בלבולים געגען די אידען זענען שקר וכזב אוג, אויב ער וועט אין גרויסע יסורים

נישט קאָנען ביישטעהן אין נסיון און מודה זיין עטוואָס, מאַכט ער דער-
ווייל אַנ׳ערקלערונג, אַז אַלץ וואָס ער וועט דעמאָלט זאָגען איז בטל ומבוטל
ווייל ער וועט שוין דעמאָלט נישט זיין ביים זינען. ווייל אָבער אַ טייל
אידען האָבען יאָ מודה געווען דאָס, וואָס מען האָט פון זיי פערלאַנגט,
האָט די פויפּסטליכע קוריע שוין געהאַט אַ תירוץ אויף צו בערויבען די
אידען אויף אַ געזעצליכען אופן. די רייכע און פאַרנעהמע אידען האָט
מען פערבאָטען צו פערלאָזען די שטאָדט סטראַשענדיג מיט אַנ׳אכזריות-
דיגער בעשטראָפונג. אָבער דוקא אָט די אכזריות האָט אָנגעוויזען די
באַלאָניער אידען, אַז זיי מוזען וואָס געשווינדער זיך ארויסציהען פון
שטאָדט. דורך אונטערקויפען די שומרים פון די שטאָדט-טויערען
איז זיי געלונגען ארויסצוגעהן פון שטאָדט מיט ווייב און קינד און זיך
אַריבערציהען קיין פערראַרא. דער פויפּסט פיוס 5 איז דערפאַר אריינגע-
פאַלען אין אזא ווילדען צאָרן געגען אלע אידען, אַז ער האָט ערקלערט אין
קאָלעגיום פון די קאַרדינאַלען, אַז ער גיט ארויס אַ גזרה ארויסצוטרייבען
אלע אידען פון דער פויפּסטליכער מדינה. אומזיסט האָבען איניגע קאַר-
דינאַלען איהם אויפמערקזאָם געמאַכט, אַז די פויפּסטען פלעגען אלע מאָל
בעשיצען די אידען, און זיי האָבען דאָס אפילו בעטראַכט אלס זייער היי-
ליגע פליכט, כדי דער רעשט פון אידישען פאָלק זאָל נישט אונטערגעהן
און נאָך אַמאָל אומקעהרען זיך צום קריסטענטום. אומזיסט האָבען די
סוחרים פון אַנקאָנאַ מרעיש עולם געווען ארום פויפּסט, נישט צו טהון אזא
זאַך, ווייל דאָס הייסט צעשטערען מיט אייגענע הענד דעם מסחר אין
דער מדינה פון פויפּסט. די שנאה צו אידען האָט צוגענומען ביים פויפּסט
זיין ביסעל פערשטאַנד און דערשטיקט אין איהם אויך די שטימע פון גע-
רעכטיגקייט און נוצען. די בולה וועגען דעם גירוש איז ענדליך פערעפענט-
ליכט געוואָרען (26 פעברואר 1569): אלע אידען פון דער מדינה פון
פויפּסט, אויסער רוים און אַנקאָנאַ, האָבען גענדארפט פערלאָזען דאָס לאַנד
אין משך פון דריי חדשים. די, וועלכע וואָלטען ביז יענער צייט נישט
ארויסגעהן פון לאַנד, האָט דער פויפּסט געסטראַשעט צו לאָזען פערקויפען
פאַר שקלאַפען אָדער נאָך שטרענגער בעשטראָפען. נישט אַכטענדיג אויפ׳ן
גרויסען עלענד, וואָס עס שטעהט זיי פאָר ביים ארויסגהן פון לאַנד,
האָבען זיך כמעט אלע אידען בעשלאָסען אויסצעוואַנדערען, און נור גע-
צעהלטע אידען האָבען זיך ג׳שמד׳ט. די ארויסגעטריבענע אידען האָבען
נאָך אויך געמוזט אַבזאָגען זיך פון זייער פערמעגען, ווייל ביז׳ן קורצען
טערמין פון דריי חדשים האָבען זיי נישט געקאָנט פערקויפען זייערע
נחלאות, אָדער איינמאָהנען די חובות. דער כראָניקער רבי גדליה
אבן יחיאל, דער מחבר פון „שלשלת הקבלה״, האָט דעמאָלס פער-
לוירען אין חובות ביי קריסטען אין ראַוועננאַ העכער צעהן טויזענד דוקא-
טען, אויסער נחלאות. די ארויסגעטריבענע אידען האָבען זיך צעשפּרייט
אין פערשידענע לענדער. פאַר׳ן אויגענבליק האָבען זיי זיך בעזעצט אין

די אַרומיגע שטעדט פעזאַראָ, אורבינאָ, פעררארא, מאַנטוא און אין מאַ-לאַנד. די אידען פון אַבינאָן און וועניסען, די איינציגע אידען, וועלכע האַ-בען זיך נאָך געהאַלטען אין פראַנקרייך נאָכ'ן גירוש, וואָס איז פון דאָרט פאָרגעקומען מיט צוויי הונדערט יאָהר פריהער, זענען איצט אויך אַרוים-געטרייבען געוואָרען. אויף זיי האָבען די רעאַקציאָנערע העברעע גלחים שוין לאַנג געהאַט געוואָרפען אַן אויג ווייל די פריהערדיגע הומאַנישע פויפסטען, לעאָ X, קלעמענס VII און בעזונדערס פּאַול III האָבען זיי געהאַט מזכה געווען מיט בעזונדערס גינסטיגע זכיות. די פויפסטליכע קוריע האָט דאָרט געהאַט נור איין הכנסה — דעם אַבצאָהל פון מסחר. די אידען פון אַבינאָן, קאַרפענטראַס און אַנדערע שטעדט זענען געווען גרויסע עשירים און האָבען געהאַט הייזער, גערטנער און אויך פעלדער. איצט זענען זיי אַלע פעראָרימט געוואָרען, נישט געפינענדיג קיין קונים אויף זייערע נחלאות.

על פי רוב האָבען די אַרויסגעטריבענע אידען פון די מדינות פון פויפסט אין איטאַליען און פראַנקרייך אויסגעוואַנדערט קיין טערקיי, ווייל בכלל אַלע דאַמאַליגע אַרויסגעטריבענע אידען פון די קריסטליכע לענדער האָבען געשטרעבט צו קומען קיין טערקיי, געפינענדיג דאָרט די בעסטע אויפנאַהמע. נישט אַלע האָבען אָבער געקאָנט גליקליך דערגרייכען צו דער טערקישער גרעניץ. פיעל האָבען דערצו כלל קיין מעגליכקייט נישט געהאַט; אויף אַנדערע זענען די ריטער פון מאַלטעזישען אָרדען בעפאַלען אויפ'ן וועג און בערויבט זיי. אָדער אין ים אַריינגעוואָרפען. פאַר די אידען אין די קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע לענדער, אויסער פוילען, איז דאַמאָלס שוין מעהר נישט געווען קיין אָרט פאַר אַ אידישען ישוב, אַזוי האָט עס וועניגסטענס, אויסגעוויזען. איבעראַל שנאה, רדיפות און גירושים. אין די קאַטוילישע מדינות האָט געהערשט דער פאַנאַטיזם פון די פויפסטען; אין די לוטהעראַנישע — די ענגהערציגקייט פון לוט-הערישען גייסט, וועלכער איז פון זיין אידעאישען שטרעבען אַרונטערגע-פאַלען און געוואָרען אַ קליינליכער פעדאַנט. עס האָט אויסגעוויזען, אַז ביידע, אי דאָס פויפסטום, אי דאָס לוטהערטום שטרעבען צו פערווירקלי-כען דעם געדאַנק, וואָס עס האָט אַרויסגעזאָגט דער גרעסטער שונא-ישראל: פאַר אידען איז אין די מערב-לענדער פון איראָפּאַ נישטאָ קיין אָרט.

פיערטעס קאַפּיטעל.

די אידען אין טערקיי און דאָן יוסף פון נאַקסאָס.

(1590 — 1366)

ווי עס איז שוין פיעל מאָל פאָרגעקומען פריהער, זענען די פעדים פון דער וועלט-געשיכטע געווען איצט ווידער אַזוי פערדרעהט און פער־פלאָכטען, אז די סיסטעמאַטישע רדיפות געגען אידען אין דער קריסטליכער וועלט האָבען זיי נישט געקאָנט פערטיליגען אינגאַנצען. אויב די זון האָט זיך פערדעקט פאַר די אידען מיט וואָלקענס אין מערב-אייראָפּאַ, איז זי פאַר זיי אויפגעגאַנגען שטראַהלענד אין מזרח, כאָטש אויב אויך נור אויף אַ קורצע צייט. דורך גינסטיגע אומשטענדען האָט זיך פאַר זיי אָנגעהוי־בען דאָרט אַזאַ צייט, וועלכע די קורצזיכטיגע האָבען געקאָנט בעטראַכ־טען אַלס אַ גלענצענדע עפּאָכע. אַ איד, וועלכער וואָלט אין די קריסטליכע לענדער, אָהן לאַנגע טענות ומענות פערברענט געוואָרען אויף די קאָסט־רעס פון דער אינקוויזיציע, האָט אין דער מלוכה פון דער האַלבער לבנה פערנומען זעהר אַן'איינפלוסרייכע שטעלע, דערהויבען געוואָרען צום הערצאָג און געהערשט איבער פיעל קריסטען. צוזאַמען מיט איהם און דורך איהם זענען אויך דערהויבען געוואָרען מיליאָנען אידען אין דער גרויסער טערקישער מלוכה און פערנומען אַ פריי און אַ געאַכטעטע שטעלע, וועלכע עס האָבען געמעגט מקנא זיין זייערע אונגליקליכע ברידער אין מערב-אייראָפּאַ. אין גרוים צאָרן האָבען די אידען-פיינדליכע קריסטליכע מלכים און הויכע גלחים געמוזט צוזעהען, ווי דאָ און דאָרט מאַכט די אידישע האַנד אַלע זייערע פלענער צו נישט און זייערע אינער־ליכע פלאַטקעס ווערען דאַדורך נור נאָך מעהר פערדרעהט. זיי האָבען זיך געמוזט איבערצייגען, אַז דער וואָרים, וועלכען זיי האָבען מיט די פיס געטראָטען, האָט דאָך נאָך געקאָנט ווערען פאַר זיי אונאַנגענעהם. יוסף נשיא, אָדער יואַן מיקוועס, דער געדופּטער אַנוסי פון פּאָרטו־גאַל, האָט געבראַכט היבשע אונרוהיגע מינוטען איינגע קריסטליכע הער־שער און דיפּלאָמאַטען, און זיי האָבען געמוזט חנפענען אַ מענשען, וואָס זיי וואָלטען דער'הרג'עט, ווי אַ ווילדען הונט, אויב זיי וואָלטען איהם נור געקאָנט אַריינבעקומען אין זייער רשות. די רעפּובליק ווענעדיג, דאָס אַי־

בעכטיגע שפאניען, דאס אויפגעבלאזענע פראנקרייך, אפילו אויך דאס שמאלצע פויפסטום האבען זיך געזעהען געניוינגט צו חנפענען דעם אידען.
יואן מיקוועס, אדער דאן יוסף נשיא, וועלכער איז דורך די פראנצוי־זישע מלוכה־לייט גוט רעקאמענדירט געווארען דעם סולטאן ביי זיין אריינקומען אין קאנסטאנטינאפאל, האט זיך נאך מעהר בעליעבט און נוצליך געמאכט אליין דורך זיינע גרויסע פעהיגקייטען און קענטנישען, דורך זיינע ערפאהרונגען און בעקאנטשאפט מיט די אייראפעאישע לענ־דער און זייער פאליטישער לאגע. דער סולטאן סוליימאן, וועלכער איז גע־ווען א מבין אויף מענשען, האט איהם באלד ארויסגעוויזען זיינע חסדים. סוליימאן האט זיך ארומגעטראגען מיט גאנץ ווייטע פלענער; ער האט געהאט בדעה צו פיהרען מלחמה אויך מיט שפאניען, כדי צו שטיצען די מחמד'אנער אין צפון־אפריקא נעגען די קאסטערס־צינדער און מענשען־ברענער. א דאנק זיין עשירות און דער פריינדליכער בעציהונג צו איהם פון די אידען אין די קריסטליכע לענדער, האט יוסף נשיא געהאט די מעג־ליכקייט צו וויסען געגוי אליז. וואס עס פלעגט פארקומען אין די הויפען פון די מערב־אייראפעאישע קריסטליכע מלכים, און ער האט דעריבער געקאנט געבען דעם סולטאן ריכטיגע ידיעות וועגען דעם אמת'ן פאליטי־שען און מיליטערישען צושטאנד פון אלע פעלקער, בעסער איידער דאס האלטען געקאנט טהון פיעל שפיאנען, וואס דער סולטאן וואלט גע־ברויכט צו האלטען אין פערשידענע לענדער. דאן יוסף האט צוליעב דעם אויך געקאנט זיין א גוטער יועץ פאר'ן סולטאן. אזוי ארום איז יוסף נשיא געווארען אין א קורצער צייט זעהר א וויכטיגע פערזענליכקייט אין קאנ־סטאנטינאפאל, אלס פרענקישער ביי. זיין אנזעהען איז אבער דערהויבען געווארען נאך מעהר דורכ'ן פאלגענדען צופאל: צווישען די זיהן פון סולטאן סוליימאן האט געהערשט קנאה און שנאה, און ביים סולטאן איז מעהר חשוב געווען דער יונגערער, צוליעב זיין קריעגערישען גייסט. די הויפלייט האבען זיך דעריבער געהאלטען פון דער ווייטען פונ'ם עלטערן זוהן סעלים און האבען פאר איהם קיין גוט ווארט נישט געהאט ביים סולטאן. דאגעגען יוסף נשיא האט ווארים פערטרעטען סע־לים'ס אינטערעסען ביים סולטאן, און ווען דער סולטאן האט איינמאל געוואלט ארויסווייזען א חסד זיין עלטערן זוהן דורך א רייכע מתנה, האט ער אויסגעקליבען יוסף נשיא פאר א שליח אבצושיקען די מתנה זיין זוהן קיין קליין־אזיען, וואו יענער האט דאמאלס געוואוינט. שטארק דערפרעהט איבער דער מתנה און דעם חסד פון זיין פאטער, האט דער פרינץ סעלים אויפגענומען מיט גרוים כבוד אויך דעם שליח און האט איהם פערזיכערט אייביג צו בלייבען דאנקבאר פאר זיין ערגעבענהייט צו איהם. יוסף נשיא איז געווארען דער פריינד פון פרינץ און דערהויבען געווארען צום עדעלמאן פון דער לייבוואכע (מוטאפאריקא). די גע־זאנדטע פון די קריסטליכע מלכים האבען געזעהען מיט א פערביסענעם

צאַרן, ווי עס וואַקסט דער איינפלוס פונ'ם אידען ביים סולטאַן, און ביים קרוין־פּרינץ; בפרט נאָך איז יוסף פאַר זיי געווען געפעהרליך דערמיט, וואָס איהם זענען גוט בעקענט געווען אלע זייערע אינטריגעס. די געזאַנדטע האָבען זיך דעריבער גענומען פערשפּרייטען וועגען יוסף'ן אַלערליי שקרים. בעזונדערס פיינדליך האָבען זיך בעצויגען צו איהם די געזאַנדטע פון ווענעדיג און פון פראַנקרייך, ווייל יוסף האָט גוט געוואוסט זייערע מאוסע אינטריגעס אין סולטאַנ'ס הויף און געקאָנט זיי פערניכטען, ווי אויך דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיי פּריוואַטע סכסוכים. יוסף האָט נאָך נישט פערגעסען, ווי די ווענעציאַנישע רעפּובליק האָט פריהער געלאָזט אַרעסטירען זיין שוויגער חנה־גראַציע מענדעסיאַ און פערהאַפט איהר פערמעגען, בענעהענדיג זיך מיט איהם גופא אויך זעהר מערדעריש. דער פראַנצויזישער הויף ווידער איז געווען אַ בעל־חוב דעם באַנק־הויז בענדעס־נשיא אַ בעדייטענדע סומע פון הונדערט און פופציג טויזענד דו־קאַטען, וועלכע ער האָט נישט געטראַכט אָבצוגעבען. דער פראַנצויזי־שער קעניג היינריך II און זיין נאָכפאָלגער פראַנץ II האָבען אַרויסגע־שטעלט געגען זייער בעל חוב אַ טענה, וועלכע איז זעהר חאַראַקטערים־מיש פאַר יענער צייט. זיי האָבען נעמליך ערקלערט, אַז דאָס געזעץ און די רעליגיאָן פערבאָטען זיי אָבצוגעבען דעם חוב צוריק, ווייל אַ אידען איז בכלל נישט ערלויבט צו מאַכען געשעפטען אין פראַנקרייך, און אַלע אי־דישע גיטער דאַרפען גאָר קאָנפיסקירט ווערען דאָרט לטובת דעם קעניג. נאַטירליך, האָבען דער סולטאַן און זיין זוהן סעלים ניט אַנערקענט אזאַ מאָראַל און געפאָדערט דרינגענד און, סטראַשענדיג מיט רעפּרעסיעס, אָב־צוצהאָלען יוסף נשיא דעם חוב. די דאָזיגע פאָדערונג האָט מען געשיקט דורך דעם שוין דערמאָנטען אַנוסי, רבי שלמה אושקי, וועלכער איז איצט עפענטליך געווען אַ איד. כדי צו ראַטעווען איהם פון דער סכנה אַריינצופאַלען אין די קריסטליכע לענדער אין די הענד פון דער אינקוויזיציע, האָט דער סולטאַן איהם מיטגעגעבען אַ שוץ־בריעף. — דער סולטאַן סולימאַן איז געווען בכלל זעהר גוט פאַר יוסף נשיא; כדי אַרוים־צווייזען איהם אַ בעזונדערן חסד, האָט ער איהם געשאָנקען די שטאָדט טבריה אין ארץ ישראל מיט זיבען ישובים אַרום איהר; אויפ'ן כתב־מתנה האָבען זיך געחתמ'עט דער סולטאַן, זיין זוהן, דער קרוין־פּרינץ סעלים און סעלימ'ס עלטערער זוהן, דער פּרינץ מוראַד. יוסף האָט געהאַט דאָס רעכט צו לאָזען אָבבויען צוריק די שטאָדט מיט די ישובים און בעזעצען איהר בלויז מיט אידען. נאָך סולימאַנ'ס טויט (1556) האָט דער נייער סולטאַן, סעלים II, בעשאָנקען יוסף'ן מיט'ן טיטול הערצאָג פון נאַק־סאָס און פון צוועלף ציקלאַדישע אינזלען, און יוסף האָט געמעגט שריי־בען אין זיינע בעפעהלען: „מיר, הערצאָג פון עגעאישען ים, הערר פון נאַקסאָס“... געוואוינט האָט אָבער יוסף נישט אין זיין נייער הויפּט־שטאָדט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט געפינען זיך אין דער ווייטען פון

די גרויסע וועלט־געשעהענישען. ער איז פיעל מעהר געבליבען וואוינען אין זיין שענעם פאלאץ אין בעלוועדער ביי קאנסטאנטינאפאל, און זיינע אינזלען האט ער געלאזט פערוואלטען דורך א קריסטליכען איידעלמאן, קארפאנעל, וואס זיין פאטער איז געווען גובערנאטאר פון שעגאוויא (שפאניען) און ער האט געשטאמט פון אידען, נעמליך: פונ'ם שאצמייסטער אברהם סעניאר, וועלכער האט זיך געמוזט שמד'ן, האלב געצוואונגען, בשעת'ן גירוש פון שפאניען אין יאהר 1492 — ווי קרום עס האבען נישט געקוקט אין יענער צייט די קריסטליכע מלכים און שרים אויפ'ן אידישען הערצאג, וועלכער איז ארויסגעטראטען, אלס גלייכער, צווישען זיי, זענען דאך אבער די אייראפעאישע בעציהונגען צו טערקיי געווען אזעלכע, אז זיי זענען געווען געצוואונגען איהם צו חנפענען, און אויב זיי האבען געברויכט עטוואס צו פועל'ן אין טערקישען הויף, האבען זיי געמוזט אנקומען צו איהם. נאך די נייע נצחונות פון טערקיי און אונגארן האט דער קייזער פערדינאנד I געשיקט אנ'עסטרייכישע געזאנדשאפט קיין קאנסטאנטינאפאל, כדי אויסצובעטלען א שלום ביים סולטאן; דערביי האט די געזאנדשאפט געדארפט געבען גרויסע מתנות די טערקישע שרים, כדי זיי זאלען זיי אונטערשטיצען ביי'ם סולטאן, און אט האט פערדינאנד בעפוילען די געזאנדשאפט, אז זי זאל געווינען אויך די פריינדשאפט פון אידישען הערצאג, יוסף פון נאקסאס. שווער האט זיך אבער געלענט יוסף'ס גדולה פאר זיינע פערביטערטע שונאים, די ווענעציאנישע רעפובליק און פראנקרייך. אויך דער נייער פראנצויזישער קעניג, קארל IX, האט זיך נאך אלץ געהאט אבגעזאגט צו בעצאהלען דעם חוב דעם באנק־געשעפט „מענדעס־נשיא", וועלכער האט שוין אינגאנצען געהערט צו יוסף נשיא. יוסף האט אבער לייכט בעקומען א פירמאן (אנ'ערלויבניש) פון סולטאן איינצומאהנען זיין חוב אליין, פערנעהמענדיג פראנצויזישע שיפען. מיט דער דאזיגער ערלויבניש האט ער פערנומען פיעל שיפען, וועלכע זענען געקומען אונטער דער פראנצויזישער פאהן אין האפען פון אלעקסאנדריען (מצרים), און צוגענומען זייערע סחורות, כדי זיין חוב איינצומאהנען (1569). דער פראנצויזישער הויף האט געמאכט א ליארם און געבושעוועט, אבער ער האט ווייניג וואס געקאנט פועל זיין; דער סולטאן סעלים האט געשטיצט זיין פריינד דאן יוסף הערצאג פון נאקסאס. צווישען דער טערקיי און פראנקרייך איז צוליעב דעם די בעציהונג געווארען זעהר אנגעצויגען, אבער אונאנגענעהם איז די זאך געווען בלויז פאר פראנקרייך און נישט פאר טערקיי. פאר'ן פראנצויזישען געזאנדטען אין טערקיי איז דעריבער געווען העכסט נויטיג, אז יוסף פון נאקסאס זאל האבען א מפלה ביים סולטאן. אויסגענוצט האט ער דערצו א אידישען דאקטאר מיט'ן נאמען דוד אדער דאוד, לייב־דאקטאר אין סולטאנס הויף, ווי אויך אויף א שטעלע ביי יוסף פון נאקסאס. דער דאזיגער דאקטאר האט עס געהאט פערנומען, לויט יוסף'ס בעפעהל,

די פראַנצויזישע שיפען, און איצט האָט ער זיך אָנגענומען צו דערוויזען געגען יוסף'ן, אז ער איז א פעררעטער, אז ער האָט נעמליך געפיהרט א קאָררעספאָנדענץ מיט'ן סולטאַנס שונאים, אז ער פלעגט טעגליך שרייבען בריעף צום פויפסט, צום קעניג פון שפאַניען, צום הערצאָג פון פלאָרענץ, צו דער גענועזישער רעפובליק,— קורץ צו אלע שונאים פון טערקיי. דער פראַנצויזישער געזאַנדטער האָט שוין געמיינט, אז ער האָט א געוואונענע שפיעל געגען יוסף'ן, וועלכער איז געשטאַנען אין גרויס סכנה. דער ענין האָט אויך געקאָנט ווערען געפעהרליך פאַר אלע אידען אין טערקיי.

דער פראַנצויזישער געזאַנדטער מיט זיין קאָלעגא, דעם פעררעטער דאוד, האָבען די זאַך געפיהרט, נאַטירליך, בסוד סודות. אָבער יוסף האָט זיך דערפון דערוואוסט בעציימענס, און איהם איז געלונגען איבערצוצייגען דעם סולטאַן, אז ער איז איהם געטרייער פאַר אלע זיינע שרים. ער האָט אויך אַרויסבעקומען א דעקרעט פון סולטאַן, אַרויסצוטרייבען דעם דאָקטאָר דאוד אויף'ן גאַנצען לעבען פון טערקיי. די רבנים פון דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער קהלה האָבען דעם פעררעטער אריינגעלעגט אין חרם. דער פראַנצויזישער געזאַנדטער איז אַזוי אַרום מאוס דורכגעפאַלען מיט זיינע אינטריגעס. דאָן יוסף איז דאַדורך געוואָרען א פערביטערטער שונא פון פראַנקרייך, און ער האָט נאָך מעהר זיך בעמיהט צו ווירקען געגען אלע איהרע פלענער.

נאָך מעהר האָט אָבער יוסף בעמיהט זיך צו ברענגען שאַדען דער ווענעציאַנישער רעפובליק, צוליעב איהרע פריהערדיגע רדיפות געגען איהם און זיין שוויגער. דאָן יוסף איז געלונגען אָנצורעדען דעם סולטאַן צו ערקלערען ווענעדיג א מלחמה, כדי אָבצורייסען פון איהר די אינזעל ציפערען. יוסף'ס בעציהונגען מיט אייראָפּאַ האָט פעררייכטערט אויסצופיהרען די דאָזיגע אויפגאַבע. דער גרויס-וויזיר איז אפילו געווען געגען דעם, אָבער פלוצלונג האָט יוסף בעקומען א ידיעה פון ווענעדיג, אז דאָרט האָט אויפגעריסען און אַרויסגעפלויגען אין דערלופטען דער גאַנצער פולווער-מאַגאַזין און פיעל געוועהר פון דער רעפובליק איז פערניכטעט געוואָרען. איצט האָט שוין יוסף באַלד געפועלט ביים סולטאַן, אז ער זאָל שיקען זיין פלאָט אָנצופאַלען אויף דער רעפובליק. גלייך אין ערשטען שטורם האָבען די טערקען איינגענומען די הויפט-שטאָדט ניקאזיא אויף דער אינזעל ציפערן; און דערנאָך האָבען זיי בעלאַגערט אויך די שטאָדט פאַמאַגוסטא.

ווי דאָס איז שטענדיג פאָרגעקומען אין דער אידישער געשיכטע האָט מען אויך איצט געמאַכט פעראַנטוואָרטליך דעם כלל-ישראל פאַר די מעשים פון איין אידען. באַלד ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכען, האָט די ווענעציאַנער רעגירונג קאָנפיסקירט אלע סחורות פון די מזרח-אידען, וועלכע זענען געקומען אין ווענעדיג און די אידישע סוחרים האָט זי געלאָזט

שלעפּען אין די טורמעס. אזא באַרבאַריש בענעהן זיך מיט גאַר אונשולדיגע מענשען איז געווען לויט'ן האַראַקטער פון יענער ווילדער צייט. דער ווענעציאַנישער סענאַט איז אָבער געגאַנגען נאָך ווייטער: האָט אָנגענומען א בעשלוס (1571) אַרויסצוטרייבען אלע אידען פון דער ווענעציאַנישער רעפּובליק בעשולדיגענדיג זיי, אַז זיי זענען פעררעטער און מיטשולדיגע פון יוסף נשיא. עס איז קיין ספק נישט, אז די דאָזיגע גזרה האָט געשטאַמט פון די קאַטוילישע גלחים, וועלכע האָבען אויסגענוצט דעם מאָמענט, צו ברענגען שאָדען די אידען. צו א גירוש איז עס אָבער נישט געקומען, ווייל מען האָט געמוזט אָנקומען ווידער צו א אידען. דער פאַנאַטישער פּויפּסט פּיוס V האָט נעמליך זיך בעמיהט צו גרינדען א ליגא פון קריסטליכע מלוכות געגען דער טערקיי, — א ליגא, וואָס זאָל אָננעהמען א נייעם קרייצצוג געגען די מחמד'נאַער, אָדער די אונגלויביגע, ווי די קריסטען פלעגען ריפען אַלע פעלקער, וואָס האָבען אין קריסטענטום נישט געגלויבט, האָבענדיג זייער אייגענע אמונה. אָבער איידער דער פּויפּסט האָט נאָך בעוויזען עטוואָס אויפצוטהון, איז געפאַלען די שטאָדט פאַמאַגוסטא און האָט זיך געמוזט אונטערגעבען דעם טערקישען מיליטער. די גאַנצע אינזעל ציפּערן איז אַזוי אַרום איינגענומען געוואָרען דורך טערקיי. איצט האָט ווענעדיג געמוזט געהען בעטלען א שלום ביי טערקיי און אָנגעוועגדעט האָט מען דערצו אַנ'איינפלוסרייכען אידען, וועלכער האָט אַליין געקאָנט די זאַך דורכפיהרען.

דער אידישער איינפלוס אין טערקישען הויף איז געווען אַזוי גרויס, אַז די קריסטליכע מלוכות האָבען זיך איצט געווענדעט צו זיי, בעטענדיג הילף, נאָכדעם ווי די אידען האָבען הונדערטער יאָהרען ביי זיי געבעטען רחמים אומזיסט. ניעדערלאַנד האָט געמאַכט אַנ'ערנסטען אויפשטאַנד געגען שפּאַניען און איהר פינסטערען קעניג פיליפּ II, ווייל ער האָט דאָרט געוואָלט איינפיהרען די אינקוויזיציאָנס־געריכטען, צו משפט'ן די פּראָטעסטאַנטען, וואָס זענען אָבגעפאַלען פון דער קאַטוילישער קירכע, דורך די תליות האָט מען דאָרט געוואָלט אונטערשטיצען דעם פּויפּסט'ס ממשלה, וועלכע האָט אָנגעהויבען איינפאַלען. דער בלוטיגער אלבא איז געקומען אין לאַנד, כדי צו דערשטיקען דעם בונד און פערשטאַרקען די אמונה אין פּויפּסט דורך מענשליכע פייער־אָפּפער. אין שפּיץ פון אויפשטאַנד איז געשטאַנען ווילהעלם, דער פּרינץ פון אָראַניען, וועלכער איז געווען זעהר בעפריינדעט מיט דאָן יוסף פון נאַקסאָס האָט געשיקט צו איהם א שליח מיט א ביטע, צו דערוועגען דעם סולטאַן, אז ער זאָל ערקלערען מלחמה דעם שפּאַנישען קעניג, כדי ער זאָל זיין געצוואונגען אַרויסצופיהרען זיין מיליטער פון ניעדערלאַנד. אויך דער פּוילישער קעניג, זיגיסמונד אויגוסט, וועלכער האָט ערוואַרטעט וויכטיגע טובות פון סולטאַן, האָט זיך געווענדעט מיט א ביטע צו דאָן יוסף, אָנרופענדיג איהם „דורכלויכטיגסטער פירשט" און — דער עיקר — ער האָט איהם מבטיח געווען פאַר זיין

דיענסט, צו געבען פריווילעגיעס די אידען אין פוילען, אבי נור דאָן יוסף זאָל איהם שטיצען אין טערקיי.

צו דער מלחמה מיט שפּאַניען איז יוסף'ן נישט געלונגען אָנצורעדען דעם סולטאַן, ווייל געגען דעם איז געווען דער גרויס־וויזיר מחמד סאָקאָלי בכלל קאָן מען זאָגען, זענען אין מלוכה־ראַט פונ'ם סולטאַן סעלים II געווען צוויי פּאַרטייען: אַ געהיים־קריסטליכע מיט'ן גרויס־וויזיר סאָקאָלי בראש, און אַ אידישע מיט'ן הערצאָג יוסף נאַקסאָס בראש. אַרום יוסף נאַקסאָס האָבען זיך גרופּירט פיעל אידען, וועלכע האָבען ביי איהם געהאַט שטעלעס, אָדער פערנומען הויכע שטעלעס אין דער טערקישער מלוכה און געפינען זיך אונטער זיין איינפלוס. אַ היבש ביסעל אידישע פרויען זע־נען אויך געווען שטאַרק בעפריינדעט מיט די פרויען פון סולטאַן און דא־דורך האָבען זיי געהאַט אַ גרויסען איינפלוס, מיט וועלכע זיי האָבען גע־שטיצט די אידישע פּאַרטיי. די פריינדשאַפט פון סעלים II איז אַזוי גע־ווען גרויס פאַר די אידען, אַז עס איז אפילו אויך ענטשטאַנען אַ בבאַ־מעשה'לע וועגען זיין געבורט: מען האָט נעמליך דערצעהלט, אַז ער איז נאָר אַ אידיש קינד, דען עמיצער האָט איהם אונטערגעוואָרפען אין האַ־רעם, אָנשטאָט אַ געבוירענעם פרינץ. אפילו דער גרויס־וויזיר סאָקאָלי, ווי שטאַרק ער איז געווען געגנער פון יוסף און פון די אידען, האָט גע־מוזט אָנווענדען אַ אידישען אונטערהענדלער אין אַ וויכטיגען דיפּלאָמאַ־טישען ענין. דער ווענעציאַנישער געזאַנדטער, וועלכער האָט אייגענטליך געדאַרפט אַרבייטען געגען דער אידישער פּאַרטיי ביים סולטאַן, האָט אַליין מיטגעווירקט צו פערשטאַרקען דעם אידישען איינפלוס.

שלמה בן נתן אשכנזי איז אין דער צייט פון יוסף'ס גדולה אין טערקישען מלוכה־ראַט געווען גאָר אַ'אונבעקאַנטע פּערזענליכקייט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער האָט אין דער יוגענד געמאַכט רייזען, האָט בע־זוכט פוילען, וואו ער איז נתעלה געוואָרען צום קעניגליכען לייב־דאָקטאָר. אַלס אונטערטהאַן פון דער ווענעציאַנישער רעפּובליק, האָט ער זיך גע־שטעלט אונטער'ן שוץ פון ווענעציאַנישען דיפּלאָמאַטישען אַגענט, ווען ער האָט זיך בעזעצט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. שלמה אשכנזי איז אפילו געווען אַ גרויסער תלמודיסט, און מען האָט איהם גערופען „רבי“, אָבער ער האָט מעהר פערשטאַנד און ליעבע געהאַט פאַר דיפּלאָמאַטישע ענינים, פאַר פיהרען אונטערהאַנדלונגען, מאַכען פשרות און אויסגלייכונגען, איי־דער זוכען תירוצים אויף אַ קשיא אין תלמוד. אַלס אַזעלכער איז ער געווען זעהר בעליעבט און חשוב ביי פיעל ווענעציאַנישע דיפּלאָמאַטישע אַגענ־טען. דער ערשטער מיניסטער פון טערקישען הויף, סאָקאָלי, האָט באַלד דערקענט זיינע פעהיגקייט, האָט איהם מקרב געווען צו זיך און פער־טרויט איהם ביז'ן טויט אַזעלכע געהיימע ענינים, וואו מען האָט גע־דאַרפט דורך קלוגשאַפט און פיינקייט דערגרייכען צום ציעל. בשעת די טערקיי האָט נאָך געהאַלטען אין פיהרען מלחמה געגען ווענעדיג, האָט

שלמה שוין געמיזט צוגרייטען די קאַנווע, אויף אויפצונעהמען אויף איהר שפּעטער די שלום-אונטערהאַנדלונגען.

די קריסטליכע קאַבינעטען האָבען גאָר אין חלום נישט געהאַט, אַז דער גאַנג פון די געשעהענישען, וועלכער האָט זיי געצוואונגען אַנצונעהמען אַזאַ פּאָליטיק, אָדער אַנ'אַנדערע, איז אַבהענגיג געווען פון אידישע הענד. אַזאַ פאַל איז בעזונדערס פאָרגעקומען, בשעת מען איז געגאַנגען אויסקלייבען אַ מלך אין פּוילען אין דער איצטיגער צייט. נאָכ'ן טויט פון לעצטען יאַגעלאָנישען מלך אין פּוילען, זיגיסמונד אויגוסט (יולי 1572), וועלכער האָט נישט איבערגעלאָזען קיין יורש און די פאָלקס-פאָרשטעהער, אָדער די מאַגנאַטען האָבען געהאַט דאָס רעכט אויסצוקלייבען אַ מלך פאַר פּוילען, האָבען די אייראָפּעאישע קאַבינעטען און דיפּלאָמאַטישע קרייזען זיך שטאַרק פעראינטערעסירט מיט'ן רעזולטאַט פון די נייע וואַהלען. דער דייטשער קייזער מאַקסימיליאַן II און דער רוסישער צאַר איוואַן דער אכזר, אַלס די שכנים פון פּוילען, האָבען פערלאַנגט, יעדער פון זיין זייט, אַז מען זאָל אויסקלייבען אַ מלך פאַר פּוילען פון זיין הויז. דער ערשטער האָט געוואָלט אַרויפזעצען אויפ'ן פּוילישען טראָהן זיין זוהן, דער צווייטער — זיין זוהן, אָדער גאָר זיך אַליין. דער פּויפּסט ווידער האָט זיך משתדל געווען, אַז אויפ'ן פּוילישען טראָהן זאָל אַרויפשטייגען נור אַ קאַטוילישער פירשט, ווייל אויב דער נייער פּוילישער קעניג וועט נוטה זיין צו דער רעפאָרמאַציע, האָט דער פּויפּסט מורא געהאַט, אַז ער וועט גאָר פערלירען פּוילען, דען דער פּוילישער אַדעל האָט שוין אָהן דעם אויך שטאַרק נוטה געווען צו דער רעפאָרמאַציע און אויך די מיעשטשאַנעס אין פּוילען און ליטא האָבען זיך געלאָזט פערפיהרען פון דער נייער אפּיקורסות גענען דעם פּויפּסט. דאַגעגען אָבער האָט מען אין די פּראָטעסטאַנטישע לענדער פון דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד פערלאַנגט, אַז דער נייער פּוילישער קעניג זאָל דוקא זיין אַ פּראָטעסטאַנט, און אין ערגסטען פאַל, לפּחות, נישט קיין קאַטוילישער אָדוק (פאַנאַטיקער); מיט דער דאָזיגער מיינונג האָבען אויך איינגעשטימט פיעל סעקטעס פון דער נייער רעפאָרמירטער קירכע אין פּוילען און אַ טייל מאַגנאַטען. אינ'ם דאָזיגען פּלאָנטער האָט זיך נאָך אויך אַריינגעמישט די פּערזענליכע תאוה צו כבוד פון דער פראַנצויזישער קעניגין, קאַטהאַרינאַ פון מעדיצי, וועלכער אַ שטערן-זעהער (אַסטראָלאָג) האָט נביאות געזאָגט, דאָס אַלע איהרע זיהן וועלען קרוינען אויף זייערע קעפּ טראָגען, און אַט האָט זי געוואָלט פערשאַפען איהר זוהן, היינריך הערצאָג פון אנזשו, אַ פרעמדע קרוין, כדי די נבואה זאָל נישט מוזען מקוים ווערען דורכ'ן טויט פון איהר זוהן, דעם קעניג קאַרל דעם ניינטען. קאַטהאַרינאַ און איהר זוהן, דער פראַנצויזישער קעניג, האָבען דעריבער אַנגעווענדעט אַלע מעגליכע און אונמעגליכע מיטלען, אַז מען זאָל אויסקלייבען דעם קעניג'ס ברודער פאַר אַ מלך אין פּוילען. אָבער אויך די טערקיי האָט דאָ געהאַט

וויכטיגע אינטעריעסען און אַ גרויסע דעה ביים אויסקלייבען דעם קעניג פון פוילען. עס האָט זיך דעריבער פערוויקעלט אַן'אמת'ער פּלאָנטער פון אינטריגעס אַרום דער וואהל פון'ם נייען קעניג. יעדער קאַנדידאַט האָט זיך משתדל געווען צו בעקומען וואָס מעהר אַנהענגער צווישען די פוילישע מאַגנאַטען און דער שלאַכטאַ. היינריך פון אַנזשו האָט תחלת געהאַט גוטע אויסזיכטען אויסגעקליבען צו ווערען, אָבער די שרעקליכע געשע־הענישע פון דער באַרטהאָלאָמייאוס־נאַכט אין פראַנקרייך, אין וועלכער מען האָט אויפ'ן וואונק פון קעניג אויסגעמאָרדעט הונדערט טויזענדער הוגע־נאָטען (24־ער אויגוסט 1572) — אַט די אכזריות געגען די רעפאָרמירטע קריסטען האָט געמאַכט זעהר אַ שלעכטען איינדרוק אין פוילען. אַזאַ אוממענשליכקייט פון אַ קעניג געגען זיינע אונטערטאַנען איז געווען אַ אונערהערטע זאַך אין דער אייראָפּעאישער געשיכטע, זינט די מערדע־רייען, וועלכע מען האָט געמאַכט אין דרייצעהנטען יאָהרהונדערט געגען די אַלביגענזען, לויט'ן בעפעהל פון פויפּסט. די אַנהענגער פון דער רעפאָר־מאַציע אין אַלע לענדער זענען בעטויבט געוואָרען פון דער דאָזיגער רציחה, די קאַנדידאַטען אויפ'ן פוילישען טראָהן האָבען דעריבער אויס־גענוצט דעם פאַל, כדי פּטור צו ווערען פון דעם פראַנצויזישען קאָנקורענט. דערפאַר האָבען די פראַנצויזישע קעניגין־מוטער, דער קעניג און זיין ברודער אָנגעהויבען זיך משתדל זיין ביים סולטאַן, אַז ער זאָל שטיצען זייער קאַנדידאַטור. צוליב דעם האָט פראַנקרייך געשיקט קיין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל אַ ספּעציעלען געזאַנדטען, צו פיהרען דאָרט די אונטערהאַנד־לונגען מיט'ן סולטאַן. אָבער דער הויפּט בעל־דעה אין דער פראַגע, וועמען מען זאָל אויסקלייבען פאַר אַ מלך אין פוילען, איז געווען — אַ איד, וועל־כער האָט זיך געהאַלטען הינטער דער עפענטליכער דיפּלאָמאַטישער סצע־נע. דאָס איז געווען שלמה אשכנזי, וועלכער האָט איינגאַנצען בע־הערשט דעם גרויס־וויזיר סאָקאָלי און דער לעצטער האָט געווירקט אויפ'ן סולטאַן, אַז ער זאָל טהון נאָר אַזוי, ווי דער איד האָט אָנגעוויזען. שלמה אשכנזי האָט געהאַט פיעל בעקאַנטשאַפט צווישען די פוילישע מאַגנאַטען, און אַט האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מען דאַרף אויסקלייבען פאַר אַ קע־ניג אין פוילען דעם פראַנצויזישען פרינץ היינריך פון אַנזשו און וויען מען האָט איהם כמעט איינשטימיג אויסגעקליבען פאַר אַ קעניג אין פוילען (מאַי 1573) און דער פראַנצויזישער געזאַנדטער האָט זיך בע־ריהמט, אַז דאָס איז זיין אויפטהועכץ, האָט שלמה אשכנזי געשריבען צום נייען פוילישען קעניג, וועלכער איז שפּעטער געווען קעניג פון פראַנקרייך אונטער'ן נאָמען היינריך III, פאָלגענדעס: „אייער מאַיעסטעט איז גאַנץ גוט בעוואוסט, אַז נור דורך מיין בעמיהונג זענט איהר געוואָרען קע־ניג אין פוילען. אלץ, וואָס עס איז געטהון געוואָרען דאָ ביי'ם סולטאַן פון אייערטוועגען, האָב איך און נישט קיין אַנדערער געטהון".

אַן'אמת'ע פערוואונדערונג האָט עס אָבער אַרויסגערופען אין דער

קריסטליכער אייראָפּאַ, ווען מען האָט דערזעהען, אַז דער סולטאַן האָט גע־שיקט אַלס זיין געזאַנדטען דעם אידישען דאָקטאָר און דיפּלאָמאַט שלמה אשכנזי קיין ווענעדיג, כדי צו שליסען דעם שלום נאָך דער מלחמה. די ווענעציאַנישע רעפּובליק האָט אפילו נישט אַזוי לייכט איינגעשטימט אויפצונעהמען ביי זיך דעם אידען, אַלס אָפיציעלע פּערזענליכקייט און פיהרען מיט איהם די אונטערהאַנדלונגען. ווענעדיג האָט אָבער געמוזט נאָכגעבען, ווייל דער סולטאַן מיט זיין גרויס־וויזיר האָבען זיך נור געקאָנט פערלאָזען אויף אַזא פעהיגען דיפּלאָמאַט, ווי דער איד אשכנזי איז געווען, אין דער שווערער פראַגע פון שליסען שלום מיט ווענעדיג. רבי שלמה אשכנזי איז סוף כל סוף געקומען אַלס אָפיציעלער שליח מצד טערקיי, און דער פּרעזידענט פון דער ווענעציאַנער רעפּובליק (דער דאָזש) מיט די סענאַטאָרען האָבען פון ערשטען אויגענבליק אָן, זינט אשכנזי איז ער־שינען אין ווענעדיג, אַרויסגעוויזען איהם דעם גרעסטען כבוד, ווייל דער טערקישער הויף האָט זעהר מקפיד געווען אויף אַזעלכע ענינים און דאָס צו־קנאַפּע כבוד אָבגעבען איהרען אַ געזאַנדטען, וואָלט זי בעטראַכט אַלס אַ בעליידיגונג פאַר זיך. רבי שלמה אשכנזי איז דעריבער אויפגענומען גע־וואָרען פייערליך אויף דער אוידיענץ אין'ם פּאַלאַץ פון דאָזש, און דאָרט האָט ער, דער איד אשכנזי, אונטערגעשריבען אין טערקיי'ס נאָמען דעם שלום־אָבמאַך צווישען דער טערקיי מיט דער ווענעציאַנער רעפּובליק. די גאַנצע צייט, וואָס אשכנזי איז געווען אין ווענעדיג, האָט איהם די רעגי־רונג פון דער רעפּובליק (Signorja) אַרויסגעוויזען די העכסטע עהרע, וואָס מען האָט פאַר אַ געזאַנדטען פון אַ גרויסער מלוכה, און אויך די איב־ריגע אייראָפּעאישע געזאַנדטע האָבען זיך בעצויגען צו איהם מיט גרוי־סער אַכטונג און געזוכט זיין פריינדשאַפט.

פאַר די אידען אין ווענעדיג איז רבי שלמה אשכנזי ערשינען, ווי אַ מלאך־מושיע. זייער שמחה, צוליעב דעם כבוד, וואָס מען האָט אָבגע־געבען אַ אידען, איז געמליך געווען געמישט מיט טרויער, צוליעב דעם גירוש, וואָס איז זיי פאַרגעשטאַנען פון ווענעדיג. דער דאָזש מאַצעני־גאָ האָט זיך פעסט געהאַלטען ביים פריהערדיגען בעשלוס און געפאָדערט אַז די גזרה וועגען דעם גירוש זאָל באַלד פערווירקליכט ווערען. רבי שלמה אשכנזי האָט אָבער, נאָך זייענדיג אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, געפיהרט שוין אונטערהאַנדלונגען מיט'ן ווענעציאַנישען אַגענט, דזשאַקאָפּאָ סאָ־ראַנצאָ, אַז ער זאָל זיך אָננעהמען פאַר די אונגליקליכע ווענעציאַנישע אידען. ווען דער אַגענט איז איצט געקומען צוריק פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין ווענעדיג, האָט רבי שלמה איהם קלאָר געמאַכט, וואָס פאַר אַ שאָדען די רעפּובליק וועט האָבען דערפון, וואָס מען וועט די אידען אַרויסטרייבען פון ווענעדיג: ער האָט איהם אויך אָנגעוויזען, אַז דאָס מאַכען זיך די אי־דען פאַר פיינד קאָן ווערען גאַנץ געפעהרליך פאַר דער רעפּובליק, ווייל די אידען זענען געוואָרען אַ גרויסע קראַפט אין דער טערקיי, און די

פריינדשאַפט מיט דער טערקיי איז פאַר דער רעפובליק די בעסטע שטיצע,
דען נישט אויפ'ן פויפסט, נישט אויף שפּאַניען קאָן זי זיך פערלאָזען, דאָס
זיי וועלען איהר העלפען אין אַ קריטישער לאַגע. רבי שלמה'ס בעמיהונגען
האָבען געהאַט אַ גוטען ערפאָלג. „דער ראַט פון די צעהן“ — די הויפּט-
רעגירונג פון ווענעדיג, האָט געביטען די מיינונג וועגען די אידען, און
דער גירוש איז בטל געוואָרען (19-טער יולי 1573). רבי שלמה האָט נאָך
אויסער דעם אויסגעווירקט ביי דער רעפובליקאַנישער רעגירונג, אז מען
זאָל בכלל מעהר קיינמאָל נישט סטראַשען אידען מיט אַ גירוש. די שמחה
איז דעריבער געווען זעהר גרויס ביי די ווענעציאַנישע אידען, און רבי
שלמה'ן האָבען זיי שיעור אויף די הענד נישט געטראָגען. בעדעקט מיט
כבוד און אַכטונג. איז רבי שלמה צוריקגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל,
וואו זיין לאַגע און חשיבות ביים סולטאַן האָט זיך נאָך מעהר פער-
שטאַרקט. זיין זוהן, וועלכער האָט זיך ערצויגען אין ווענעדיג, איז גע-
וואָרען אַנ'אָפּטער איינגעהער ביים דאָזש אין פּאַלאַץ און מען האָט זיך
דאָרט בעצויגען צו איהם זעהר פריינדליך.

צוליעב דעם גרויסען איינפלוס, וואָס עס האָבען געהאַט אין סטאַמ-
בול אויפ'ן סולטאַן דאָן יוסף פון נאַקסאָס און אויפ'ן גרויס-וויזיר רבי
שלמה אשכנזי, האָבען די קריסטליכע הויפען בעזונדערס שטאַרק אָנגעהוי-
בען זוכען די פריינדשאַפט פון די טערקישע אידען. ווען עמיצער האָט גע-
וואָלט עטוואָס פועל זיין אין טערקישען הויף, פלעגט מען זיך געוועהנליך
ווענדען וועגען דעם צו אַ אידישען פערמיטלער. אפילו דער פינסטערער
פאַנאַטיקער, פיליפּ דער צווייטער פון שפּאַניען, דער איינגע-
פרעסענער פיינד פון אידען און אפּיקורסים, האָט זיך געמוזט ווענדען צו
אַ אידישען פערמיטלער, ווען ער האָט געוואָלט אויסהויבען ביים סולטאַן,
אַז עס זאָל צווישען טערקיי און שפּאַניען געשלאָסען ווערען אַ שטענדי-
גער שלום. די אידישע לאַגע אין טערקיי, בעזונדערס אין דער הויפּט-
שטאָדט איז דעריבער געווען דאַמאָלס זעהר אַ גינסטיגע. זיי האָבען בע-
קומען אַ גרויסע עשירות און צוליעב דעם איז זייער מאַכט נאָך העכער
געשטיגען. דער וועלט-מסחר און די אַרענדע פון די אָבצאָהלונגען זענען
געווען מייסטענס אין זייערע הענד. אויך מיט דער שיפעריי האָבען זיי
זיך פיעל אָבגעגעבען און קאָנקורירט מיט ערפאָלג מיט די ווענעציאַנער.
אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבען די אידען געהאַט די שענסטע פּאַלאַצען מיט
לוכט-גערטנער און קיאָסקען, וועלכע זענען מיט זייער פּראַכט געשטאַנען
נישט נידעריגער פאַר די פּאַלאַצען פון די מיניסטאָרען, אָדער אפילו פון
גרויס-וויזיר.

אפילו די העברעאישע פּאָעזיע האָט אין יענער צייט אין טערקיי
נאָך געלאָזט וואַקסען איינינע הערבסט-בלומען, וועלכע טראָגען שוין
אמת, די שפורען פון אַ קאַלטער זון און אַ פייכטען נעבעל, אָבער דאָך זע-
נען זיי דאָך נאָך אַ טרייסט פאַר'ן אויג, ווען מען קוקט זיך ארום אין

אַנדערע לענ־ער און זעהט, וואָס פאַר אַ קאַלטער ווינטער מיט זיין גאַנ־צער וויסטקייט עס האָט זיך אָנגעהויבען אין אידישען לעבען. אָבער נאָך מעהר, ה׳י די פּאָעזיע גופא, זענען פאַר אונז וויכטיג איהרע פריינד און שטיצער. דער ערשטער וועקער צו פּאָעזיע און לעבען איז געווען איינער פון דער משפחה אבן יחייא. דער עלטסטער פון דער דאָזיגער משפחה, וועלכע איז געקומען פון פּאָרטוגאַל קיין טערקיי, איז געווען רבי יעקב תם אבן יחייא, זיין זוהן האָט געהייסען רבי גדליה, זיין אייניקעל — רבי משה און זיין אוראייניקעל — רבי גדליה אבן יחייא דער צווייטער. די דאָזיגע שענע משפחה איז בעשטאַנען פון גרויסע לומדים און אויך ליעבהאָבער פון דער וויסענ־שאַפט. רבי גדליה אבן יחייא האָט אפילו אויך געגרינדעט אַ ספּעציעלע שולע, אָדער אַ מין קלוב פאַר ליטעראַטור און פּאָעזיע. דאָרט פלעגען זיך פערזאַמלען די ליטעראַטען און פּאָרלעזען פאַר׳ן פּובליקום זייערע ווערק, אָדער זיי פלעגען אַהין צושיקען זייערע ווערק צו לעזען. צ[illegible]ן די דאָ־זיגע דיכטער האָבען זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט רבי יהודה זארקו און רבי ישראל נג׳ארה פון דמשק; דער לעצטער האָט אויך געדיכטעט פערשידענע תפלות, לויט דער פאָרם און מאָס פון ראָ־מאַנטישע ליעדער.

צוליעב זייער רוהיגער לאַגע און פאָלקסמער זיכערקייט, האָבען די טערקישע אידען זיך אויך אָבגעגעבען מיט דער לאַטיינישער ליטעראַטור און געדיכטעט לאַטיינישע ליעדער. עס פערשטעהט זיך, אַז געטהון האָ־בען די איינגעוואַנדערטע אָנוסים, וועלכע האָבען אין דער גרויסער תפיסה, שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, אויך אויסגעלערנט די שפּראַך פון זייערע בע־צווינגער. ווען דער גרויסער אידישער ראַקטאַר אַמאַטוס (חביב) לוזיטאַנוס, דער אמת׳ער מענשענפריינד, וועלכער פלעגט גלייך העלפען אָרימע לייט, ווי עשירים. האָט זיך עוסק זייענדיג אין קורירען זיינע חולים, אָנגעשטעקט זיך אין סאַלאָניקי פון דער מגפה און איז גע־שטאָרבען, האָט זיין פריינד, דער אָנוסי פלאביא יאַקאָבאַ דע עבאָראַ איהם בעקלאָגט אין אַ שענעם לאַטיינישען ליעד, אין וועלכען ער טרויערט: „ער, וועלכער האָט אַזוי אָפט דאָס אַרויספליהענדע לעבען צוריק אַריינגעבראַכט אינ׳ם שוואַכען גוף און איז געווען דערום בעליעבט ביי מלכים און פעלקער, דאַרף איצט ליגען בעהאַלטען אין מאַקעדאָנישען ערד, ווייט פון זיין געבורטס־לאַנד!“

די צופרידענהייט פון די אידען אין טערקיי מיט זייער געגענוואַרט האָט דערוועקט אין זיי דעם געדאַנק וועגען אַ פאָלקסמער אידישער זעלבסטשטענדיגקייט. וועהרענד אין די קריסטליכע מדינות האָבען די אי־דען וועגען דעם גאָר זיך נישט דערוואַגט צו טראַכטען און האָבען זיך געלעבט, ווי אמת׳ע קנעכט מיט אַ געבויגענעם רוקען און אַ פנים פון

שפלות, האָבען די אידען אין טערקיי, ביי בעסערע אומשטענדען, אָנגעהויבען חלום'ן וועגען אַ אידישער מלוכה.

אַ ממשות'דיגען אויסדרוק האָט אָבער געפונען דער דאָזיגער חלום אינ'ם קאָפּ פון דאָן יוסף פון נאַקסאָס. זיין איינפלוס ביים סולטאַן האָט איהם געזאָלט געבען די פּאָליטישע מעגליכקייט צו פערווירקליכען זיין פּלאַן, און זיין שווינגערס עשירות — די מאַטעריעלע. דעם דאָזיגען פּלאַן האָט ער פריהער געוואָלט פערווירקליכען אין אַ קליינעם מאַסשטאַב נאָך זייענדיג אַ קריסט לפנים. דאַמאָלס האָט ער פאָרגעשלאָגען דער ווענעציאַנישער רעפּובליק, אַז זי זאָל איהם פערקויפען איינע פון איהרע פיעל אינזעלען, כדי צו בעזעצען איהר בלויז מיט אידען. די רעפּובליק האָט זיין פאָרשלאַג אָבגעוואָרפען, ערשטענס, צוליעב קריסטליכער פרומקייט און, צווייטענס, צוליעב מורא פאַר קאָנקורענץ. ווען דאָן יוסף איז שפּעטער געוואָרען אַ גרויסער חשוב ביים טערקישען סולטאַן סולימאַן, האָט ער ביי איהם בעקומען אַ מתנה — טבריה מיט זיבען ישובים אַרום איהר, כדי דאָרט צו גרינדען אַ ישוב בלויז פון אידען, וואָס מיט דער צייט זאָלען דאָרט אידען קאָנען אָנהויבען פיהרען אַ זעלבסטשטענדיג לעבען אָהן קיין שום איינפלוס פון אַ פרעמדער סביבה. ער האָט באַלד געשיקט קיין טבריה איינעם פון זיינע אָגענטען, אָנצוהויבען אָבצובויען די שטאָדט טבריה. דער דאַמאָלס נאָך קרוינפּרינץ, סעלים, האָט געגעבען אַ בעפעהל צום סירישען פּאַשאַ. מיטצווווירקען דעם אויפבויען פון דער שטאָדט מיט אַלע נויטיגע מיטלען; די אַרומיגע אַראַבער האָט מען דאַמאָלס געצוואונגען צו אַרבייטען ביים בויען. אין איין יאָהר איז די שטאָדט געוואָרען אָבגעבויט מיט שענע בנינים און גרויסע גאַסען. יוסף האָט געוואָלט דאָרט אויך ענטוויקלען אַ גרויסע פאַבריקאַציע, וועלכע האָט געדאַרפט קאָנקורירען מיט די ווענעציאַנער: ער האָט דאָרט געלאָזט פערפלאַנצען מוילבער בוימער, כדי צו ענטוויקלען אַ פאַבריקאַציע פון זיידענס, און פיינע וואָל האָט ער געלאָזט איינקויפען אין שפּאַניען, כדי צו פאַבריצירען דאָרט וואָלשטאָפען.

ווי עס שיינט, איז אָבער יוסף אָבגעקיהלט געוואָרען מיט דער צייט צו זיין דאָזיגער טעטיגקייט; איהם האָט זיך געוואָלט עפּעס וואָס גרעסערס. דאָס איז פאָרגעקומען דאַן, ווען דער סולטאַן סעלים האָט איהם געשאָנקען די ציקלאַדישע אינזלען און געמאַכט איהם צום הערצאָג פון נאַקסאָס. דאַמאָלס איז ביי איהם געבוירען געוואָרען דער פּלאַן, צו לאָזען דעם סולטאַן איינעהמען די שענע אינזעל ציפּערן, כדי שפּעטער איהר אַרויסצובעקומען ביי איהם און גרינדען דאָרט די הויפּט־שטאָדט פון אַ אידישער מלוכה, וועלכע זאָל בעשטעהן פון די אינזלען אין עגעאישען ים און זיין בעוואוינט בלויז דורך אידען. דער דאָזיגער פּלאַן איז אָבער נישט פערווירקליכט געוואָרען, וויל דער גרויס־וויזיר סאָקאָלי, דאָן יוסף'ס געגנער, האָט געאַרבייט געגען דעם. אַזוי אַרום זענען צורונגען געוואָרען אַלע

יוסף'ס חלומות וועגען אַ אידישער מלוכה. דאָן יוסף פון נאַקסאָס האָט בכלל נישט בעוויזען אויפצוטהון עפּעס וויכטיגעס און אייביגעס פאַר'ן אידישען פאָלק. ער האָט שטענדיג אויפגעטהון גרויסע פּלענער, אָבער נישט געהאַט די געדולד און דעם פעסטען ווילען אויסצופיהרען זיי.

די גינסטיגע לאַגע פון די אידען אין טערקיי, וועלכע האָט געדויערט אַ משך פון אַ יאָהר אַכציג, האָט נישט געהאַט קיין שטאַרקען איינפלוס אויף דער לאַגע פון גאַנצען אידישען פאָלק און אויפ'ן יודענטום, און איהר קליינע ווירקונג איז אויך באַלד פערשוואונדען געוואָרען. דאָס יודענטום אין טערקיי האָט נישט אַרויסגעגעבען קיין איינציגען גרויסען גייסט, וואָס וואָלט געקאָנט עפענען נייע דרכים און בעשאַפען גרויסע געדאַנקען פאַר די שפּעטערדיגע דורות. קיין איינציגער פון די דאַמאָלסדיגע אידישע מנהיגים האָט זיך ניט דערהויבען איבער דער מיטעלמעסיגקייט. די רבנים און דרשנים זענען געווען גוטע לומדים אין זייער פאַך, אָבער זיי זענען געגאַנגען אין די אַלטע אויסגעטראָטענע דרכים, נישט אויפבויענדיג, אָדער, לפחות, פערפלאַנצענדיג עפּעס וואָס נייעס. איין איינציגער נור האָט דאַמאָלס געשריבען אַ ספר פאַר די שפּעטערדיגע דורות, אַ ספר, וועלכער האָט נאָך היינט אויך א גרויסע בעדייטונג ביי אידען. רבנו יוסף קאַרו, דער ערשטער און גרעסטער צווישען די רבנים אין צפת, האָט אין יאָהר 1567 פערענדיגט זיין גרויסען ספר—„שולחן ערוך“. א געפיהל פון טיפער פרומקייט, אַ גרויסע התלהבות פאַר דער חכמת הקבלה און דער געדאַנק דערהויבען צו ווערען ביי אידען אויף אייביגע צייטען האָבען געשטאַרקט דעם מחבר אין זייז גרויסער אַרבייט. א גאַנצען מענשען-לעבען האָט ער דערויף פערבראַכט; ער האָט געזאַמעלט די פערשידענסטע מיינונגען וועגען יעדען ענין, אָבוועגענדיג יעדע בעזונדער זעהר ערנסט און מיט גרויסען ישוב הדעת, ביז ער האָט ענדליך געאָרדענט און צוזאַמענגעשטעלט דאָס גרויסע געזעץ-ווערק פאַר אידען.

אויב דער רמב"ם האָט זיין „יד-החזקה“ געשריבען, כדי צו בעפרייען דעם פרומען אידען, וואָס וויל וויסען אַ דין, פון דער נויטווענדיגקייט צו זוכען איהם אין תלמוד, וואו עס איז נישט לייכט איהם צו געפינען, האָט רבי יוסף קאָרו געהאַט נאָך פיעל מעהר גרונד זיין „שולחן-ערוך“ צוזאַמענצושטעלען, ווייל אין זיין צייט איז שוין אויסער דעם תלמוד אויך געווען זעהר אַ רייכע ליטעראַטור פון פוסקים און וועגען יעדער פראַגע זענען דאָרט די מיינונגען געווען זעהר פערשידען. גאַנץ זעלטען פלעגט דעריבער פאָרקומען, אַז צוויי רבנים זאָלען אַרויסגעבען דעם זעלבען פסק-דין וועגען איינער און דערזעלביגער פראַגע, און יעדער רב, אָדער למדן האָט גאַנץ לייכט געקאָנט ברענגען ראיות „פאַר און געגען“ יעדער רעליגיעזער אָדער געזעצליכער פראַגע. רבנו יוסף קאָרו האָט דעריבער געוואָלט מיט זיין „שולחן-ערוך“ מאַכען אַ סוף צו אַזאַ פערשטאַנד און, נישט וועלענדיג כלל בעפרייען עמיצען פון דער נויטווענדיגקייט, אָדער פון דער פליכט, צו

וויסען דעם ענין פון תלמוד גופא, האָט ער בלויז געוואָלט אָנווייזען, ווי אַזוי מען מוז געבען סוף כל סוף אַן'ענטפער אויף יעדער פראַגע. זייענדיג אַליין אַ ספר'דישער איד, האָט ער, נאַטירליך, מעהר געהאַלטען פון די ספרדישע פוסקים און זייערע מנהגים, איידער פון די אשכנזישע אין אַלע וויכטיגע פראַגען; דאַגעגען אין ענינים, וואָס האָבען נישט קיין פּרינציפּיעלע בעדייטונג און בפרט נאָך, ווען ער האָט נישט געפונען וועגען זיי קיין אָנווייזונג ביי די עלטערע ספרדישע פוסקים, פלעגט ער זיך בעציהען אויך אויף די אשכנזישע פוסקים און אויטאָריטעטען. אויך פון די קבלה-ספרים האָט ער אַריינגענומען אַ טייל ענינים אין זיין „שולחן-ערוך", חאָטש אין דער הינזיכט איז ער שוין געווען אין אַ געוויסער מאָס פאָרזיכטיג און האָט נישט אַזוי שטאַרק אָנגעטרויט די ספרדישע חכמים. מיט'ן רמב"ם'ס „יד-החזקה" איז דער „שולחן-ערוך" גלייך דערמיט, וואָס אין ביידען זענען נישט אָנגעוויזען די קוועלען, פון וואַנען יעדער דין שטאַמט; דאַגעגען אָבער געפינט מען אין „שולחן-ערוך" פיעל ווענינגער „טעמים" פאַר די הויפּט-מצוות און פיעל מעהר „פּראַקטישע" דינים, איידער ביים רמב"ם. און אָט אַלס פּראַקטישער רעליגיעזער פיהרער („אורח-חיים", „יורה דעה" א. א. וו.) איז דער „שולחן-ערוך" באַלד אָנגענומען געוואָרען כמעט אין אַלע אידישע קהלות אין אַזיען און אייראָפּאַ, חאָטש אין איראָפּאַ, אייגענטליך, אין פוילען, האָט זיך באַלד געפונען אַ גרויסער גאון (דער רמ"א—רבי משה איסרלס), וועלכער האָט אין פיעל ערטער נישט איינגעשטימט מיט איהם, בעזונדערס אין מנהגים, וועלכע זענען ביי די אשכנזישע אידען אַנדערע, ווי ביי די ספרדישע, ווי אויך אין טייל דינים, וועלכע די אשכנזישע פוסקים פסקענען אַנדערש, ווי די ספרדישע.

אין דערזעלביגער צייט איז אויך אַרויסגעטראָטען אין איטאַליען אַ אידישער חכם, וועלכער וואָלט געקאָנט שוין אין זעכצעהנטען יאָהרהונדערט שוין בעניי'ען דאָס יודענטום, ווי מענדעלסאָן אין אַכטצעהנטען, ווען נור די צייט וואָלט דאַמאָלס געווען גינסטיג דערצו. די דאָזיגע וויכטיגע פּערזענליכקייט איז געווען ר ב י ע ז ר י ה ב ן מ ש ה ד ע י ר א ס ס י (מ ן ה א ד ו מ י ם), וועלכער האָט געשטאַמט פון אַן'אַלטע אידישע יחוס-משפחה אין איטאַליען (געבוירען אין מאַנטוא 1514, געשט. 1578). ער איז געווען פון דער יוגענד אָן אַזאַ מתמיד אין לערנען, אַז דאָס האָט זיך שלעכט אָבגערופען אויף זיין געזונדהייט. שוואַך, געל, אויסגעטרוקענט, שטענדיג פיבערנדיג, איז ער געווען מעהר עהנליך צו אַ חולה, וואָס האַלט ביים שטאַרבען, איידער צו אַ יונגען מאַן, וואָס הויבט ערשט אָן צו לעבען. אָבער אינ'ם דאָזיגען קראַנקען גוף האָט געלעבט און געווירקט אַ שטאַרקע און געזונדע נשמה, וועלכע איז שטענדיג געווען ריהרעוודיג און מוטיג. רבי עזריה איז שוין אַלס גאַנץ יונגער מענש געווען גוט בעהאַוועגט אין דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור, ער האָט אָבער דערצו נאָך

זיך גוט געקענט די לאטיינישע און איטאליענישע ליטעראטורען און אויך מיט דער מעדיצין זיך בעשעפטיגט. דערביי האט ער נאך אויך גע-מוזט פיהרען א וואנדער-לעבען. פון פערראראַ איז ער אריבערגעגאנגען וואוינען אין באלאניא און, ווען דער פויפסט פיוס V האט די אידען פון דארט פערטריבען, האט ער זיך געמוזט צוריק אומקעהרען קיין פערראראַ. רבי עזריה איז געווען גוט בעפריינדעט מיט די בעסטע מענשען פון זיין צייט, סיי פון אידען, סיי פון אנוסים און קריסטען, און אלע האבען איהם בעוואונדערט פאר זיין גרויסער לומדות און בעלעזענהייט אבער מעהר נאך, ווי זיין בקיאות, האבען אלע בעוואונדערט די אנווענדונג, וועלכע ער האט דערמיט געמאכט. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט בעוויזען די נאהענטע שייכות צווישען צוויי ליטערארישע געביטען — צווישען דעם תלמוד מיט די מדרשים אין דער אידיש-גריכישער ליטעראַ-טור, ווי פילאָ פון אלעקסאנדריען, יוסף בן מתתיהו און דער אלטער קירכליכער ליטעראטור. אויפ'ן סמך פון די דאזיגע קוועלען האט ער זיך בעמיהט, צו דערגעהען פון געוויסע היסטארישע ענינים און געשעהעני-שען. רבי עזריה האט זיך ניט בעגנוגט דערמיט וואס די טראדיציע האט אונז איבערגעגעבען; ער האט וועגען יעדען ענין געוואלט אליין ערשט אויספארשען און דערגעהען, וואו עס ענדיגט זיך אין איהם די לעגענדע און עס הויבט זיך אן די היסטארישע וואהרהייט.

א צופאל האט מיטגעווירקט, אז דער גייסטיגער אוצר פון רבי עזריה זאל נישט פערלוירען געהען פאר דער וועלט. אין פערראראַ איז פארגעקומען א שרעקליכע ערד-ציטערניש (18-טער נאָוועמבער 1570), און די איינוואהנער זענען געווען געצוואונגען צו זוכען פאר זיך ארוהי-גען ארט היגטערן שטאדט. און אין דארף האט רבי עזריה זיך בעגעגענט מיט א געלעהרטען קריסט, וועלכער האט זיך געוואלט צושטרייען פונ'ם שרעקליכען איינדרוק, וואס די ערד-ציטערניש האט געמאכט אויף איהם, לעזענדיג א גריכיש בוך פון דער אלטער אידישער געשיכטע, נעמליך: די „אגרת אריסטיאה“ וועגען דער איבערזעצונג פון דער תורה אויף גריכיש. ווען דער קריסט האט זיך דערוואוסט, אז דאס דאזיגע ווערק איז אויף העברעאיש נאך נישט איבערזעצט, האט ער זיך זעהר פערוואונדערט אויף אזא נאכלעסיגקייט מצד די אידען. רבי עזריה'ן איז קלאר געווארען, ווי מען האט באמת פערנאכלעסיגט די אלטע אידישע עפאכע; מען בעשעפטיגט זיך בלויז מיט'ן תלמוד, אדער מיט די פער-עלטערטע פילאזאפישע ספרים, און מיט דער אייגענער גלענצענדער לי-טעראטור פון דער עפאכע פון צווייטען בית-המקדש איז מען ביי אידען כמעט גארנישט בעקענט, וועהרענד קריסטען בעשעפטיגען זיך מיט איהר מיט פערגנעניגען און זוכען אין איהר אפילו צושטרייאונג אין אונגליק. ער האט דאריבער בעשלאסען דעם „אריסטאס-בריף“— א געשפרעך צווישען גריכישען קעניג פטאלעמייאוס מיט די זקנים, וואס האבען אי-

בערגעזעצט די תורה — איבערצוזעצען אויף העברעאיש און האָט די אַרבייט אויסגעפיהרט אין צוואַנציג טעג.

באלד איז רבי עזריה צוגעטראָטען צו זיין הויפּט-ווערק, דעם „מאור-עינים“ — א מין קריטיק איבער געוויסע מאָמענטען און דאַטען אין דער אידישער געשיכטע, לויט ווי מיר געפינען זיי אין תלמוד און אין דער נישט-אידישער ליטעראַטור. דערביי איז רבי עזריה געקומען צום איבערראַשענדען רעזולטאַט, וועלכען ער האָט נישט פערשוויגען, נעמליך: געוויסע ענינים, וועלכע אידען האַלטען, לויט'ן למוד, פאַר זיכער ריכטיגע, זענען אין דער ווירקליכקייט ווייט פון אמת. אזוי, למשל, האָט ער דערוויזען, ווי נישט ריכטיג עס איז, אז דער צווייטער בית-המקדש איז געשטאַנען בלויז פיער הונדערט מיט צוואַנציג יאהר, וועהרענד ער איז אין דער ווירקליכקייט געשטאַנען פינף הונדערט זעקס און אכציג יאהר. דערביי האָט רבי עזריה ערקלערט, אז „אין ענינים, וואָס ריהרען נישט אָן נישט דעם חומש נישט די הלכות, זענען מ״ר כלל נישט מחויב דוקא סומך צו זיין זיך אויפ'ן תלמוד, נאָר מיר מעגען אויך אָננעהמען ידיעות פון אַנדערע קוועלען, אויב זיי זענען נאָר ריכטיגע.— ס'פערשטעהט זיך. אז פאַר די פרומע רבנים איז אזא זאך געוועזען אנ'אמת'ע אפיקורסות. ווען דער „מאור עינים“ איז ערהאַלטען געוואָרען אין צפת, האָט רבי יוסף קארו בעפוירהלען א מיטגליעד פון זיין בית-דין רבי אלישע גאליקו צוזאַמענצושטעלען א חרם געגען דעם ספר און פונאַנדערשיקען איהם צו אלע אידישע קהילות מיט א בעפעהל, אז מען זאָל דעם „מאור עינים“ פערברענען. רבי יוסף קארו איז אָבער געשטאָרבען, איידער ער האָט זיך אונטערגעשריבען אויפ'ן חרם (אפּריל 1575), און דעם חרם האָט מען פערעפענטליכט נאָך זיין טויט שוין אָהן זיין אונטערשריפט. די איטאַליענישע רבנים דאַגעגען האָבען זיך גאָר אַנדערש בעצויגען צום מחבר. זיי האָבען געקענט רבי עזריה'ן פאַר זעהר א פרומען אידען, און האָבען דאַריבער זיך נאָר בעגנוגענט מיט דעם פריהערדיגען ביישפּיעל פון רבי שלמה בן אדרת (רשב״א) און בעפוירהלען, אז ווער עס איז נאָך נישט אַלט פינף און צוואַנציג יאהר, זאָל דעם ספר „מאור עינים“ נישט לעזען. צוליעב די חרמות, האָט דער ספר „מאור עינים“ נישט געהאַט ביי אידען קיין גרויסען איינפלוס ביז'ן לעצטען יאהרהונדערט. ווען מען האָט זיך גענומען קריטיש בעארבייטען די אידישע געשיכטע. דאַגעגען אין קריסטליכע קרייזען האָט מען רבי עזריה'ס ווערק אויפגענומען מיט האָכאַכטונג און מען האָט איהם איבערזעצט אויף לאַטייניש. אין דער ווירקליכקייט איז אזא ספר, ווי דער „מאור עינים“, ערשינען ביי אידען צו פריה. אין זעכצעהנטען יאָהרהונדערט איז די קבלה געשטאַנען ביי אידען אין העכסטען אָנזעהען, און דאָס גלויבען אין דער טראַדיציע אָהן קיין שום נאָכדענקען האָט מען געהאַלטען פאַר די העכסטע ציעונג פאַר א אידען. דער „מגיד“ פון א שלמה מולכו און

פון רבי יוסף קאַרו איז שוין אין יענער צייט געווען א קנאַפער מופת. דען מען האָט מיט דער הילף פון דער „פּראַקטישער קבלה“ געפּרובט בעוויזען נאָך פיעל גרעסערע מופתים, — ווי אזוי זשע האָט מען זיך געזאָלט בעציהען צו א קריטישער בעלייכטונג פון היסטאָרישע פאַקטען, בפרט נאָך, ווען איהרע רעזולטאַטען זענען נישט גאַנץ איינשטימיג מיט דער טראַדיציע? — ווען די לעצטע דרייסיג יאָהר פון זעכצעהנטען יאָהרהונדערט האָט די קבלה דערגרייכט די אליינהערשונג איבער אלע מוחות אין ארץ־ישראל; מען פלעגט מאַכען השבעות אויף שדים און מלאכים, אַרויסרופען נשמות פון מתים א. אַ. וו. פון ארץ־ישראל האָט זיך די דאָזיגע שטרעמונג פערשפּרייט אין גאַנץ טערקיי, פּוילען, דייטשלאַנד, און איטאַליען, אַריינברענגענדיג אַן אמת'ען מישמאַש אין די מוחות און פעראורטיילענדיג יעדען געזונדען געדאַנק אלס אפּיקורסות. די פּאַרציי־טען, אין דער צייט פון די עסייער, איז דער גליל, נעמליך די אומגעגענד פון צפת, געוואָרען דער מיטעלפּונקט פון שדים און רוחות, וועלכע האָבען געוואָרט, דאָס מען זאָל זיי אַרויסטרייבען דורך השבעות און מעשה־נסים, און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אז נישט בלויז די וויסענשאַפטען, אפילו אויך דאָס לערנען תלמוד האָט מען פערנאַכלעסיגט, האַלטענדיג דאָס ערשטע פאַר א טריפה זאַך און דאָס צווייטע — פאַר צו קליין אין פערגלייך מיט דער קבלה. פאַר'ן יודענטום האָט זיך דאַמאָלס ערשט אָנגעהויבען דאָס מיטעלאַלטער, ווערהענד אין דער אייראָפּעאישער וועלט האָט עס שוין געהאַלטען ביי'ם פערשווינדען. די נייע קבלה־בעוועגונג האָבען מיטגעבראַכט צוויי גרויסע פּערזענליכקייטען: רבי יצחק בר שלמה לוריא און רבי חיים וויטאַל קאַלאַברעזע, וועלכע האָבען געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף אַלע מעהר גרעסערע קרייזען.

רבי יצחק הלוי לוריא (געבוירען אין ירושלים 1534 געשטאָרבען 1572) האָט געשטאַמט פון א משפּחה, וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישראל פון דייטשלאַנד. נאָכדעם, ווי ער האָט נאָך אלס יונגער אינגעל, פערלוירען זיין פאָטער, איז ער געקומען קיין מצרים וואו זיין פעטער האָט איהם אַריינגענומען צו זיך אין שטוב אויף צו ערציהען. זיין פעטער רבי מרדכי פראַנסיס איז געווען אַרענדאַר פון די מלוכה־אָבצאָהלונגען און זעהר רייך; ער האָט איהם געווידמעט צום לערנען תלמוד און פּוסקים, אָבער אויך קבלה. אין דער יוגענד איז ער געווען פון די בעסטע תלמידים פון רבי דוד בן זמרה (רדב"ז), שפּעטער איז ער געוואָרען חבר מיט רבי בצלאל אשכנזי, דעם מחבר פון „שיטה מקובצת“ אויף פערשיעדענע מסכתות פון תלמוד. דאָס טרוקענע לערנען דעם תלמוד האָט אָנגעפילט ביי'ם יונגען לוריא דעם מוח, אָבער די קבלה האָט אַרומגענומען זיין האַרץ און געפיהל אַלץ מעהר און מעהר, ביז לסוף האָט ער פערלאָזען דעם בית־המדרש מיט זיין רוישענד לערנען דעם תלמוד אין

זיך בעזעצט אין אַנ'איינזאַם הויז אויפ'ן ברעג נילוס, וואו ער האָט זיך פערטיעפט אין לערנען קבלה אין תפילות און תחנונים צו גאָט, אז ער זאָל איהם ענטפלעקען זיינע גרויסע סודות. אין יענער צייט איז דער „זוהר" דורך דער דרוקעריי שוין געווען זעהר פערשפרייט, און רבי יצחק לוריא האָט זיך מיט אַלע זיינע כוחות פערטיעפט אינ'ם דאָזיגען ספר. וואָס מעהר ער האָט זיך בעקאַנט געמאַכט מיט די סודות פון דער קבלה און זיך פערטיעפט אין די עולמות העליונים, וועלכע ער האָט אָנגעהויבען זעהען איבער זיך, אַלץ מעהר האָט ער זיך דערווייטערט פון מענשען און זייער געזעלשאַפט. אפילו אויך זיין יונגע פרוי האָט ער כמעט פערגעסען, קומענדיג אהיים נאָר אויף שבת און כמעט נישט ריי־דענדיג מיט קיינעם. טאָמער פלעגט ער מוזען עטוואָס זאָגען עמיצען, פלעגט ער עס טהון נאָר אויף העברעאיש. אזא לעבען אין איינזאַמקייט האָט ער געפיהרט זעהר לאַנג (א יאהר צוואנציג); אין דער איינזאַמקייט האָט זיך די פאַנטאַזיע געשטאַרקט און צושפּיעלט; דעם „זוהר" האָט ער פערגעטערט און געזוכט אין איהם די העכערע און טיעפערע געטליכע חכמה. ענדליך האָט ער זיך געבראַכט צו אזא צושטאַנד, אז ער האָט אָנגעהויבען זעהען הימלישע ערשיינונגען און אליהו הנביא'ן—פנים אל פנים.

וואָס האָט איהם ענטדעקט אליהו הנביא אָדער דער „זוהר", אָדער פיעל מעהר זיין אייגענע פאַנטאַזיע? קודם־כל האָט ער זיך בעמיהט אריינצוברענגען א סיסטעם אין דער תורה פונ'ם „זוהר", געפינען אין איהם אחדות פון געדאַנק און א געוויסע אויסגעהאַלטענקייט. דער מתבודד (איינזאַמער דענקער, איינזיעדלער) פון מצרים, האָט זיך בעמיהט צו ענטדעקען, ווי אזוי גאָט האָט בעשאַפען און איינגעאָרדענט די וועלט דורך די צעהן ספירות, אָדער ווי אזוי די גאָטהייט האָט זיך ענטפלעקט אין די פערשידענע פאָרמען פון דער עקזיסטירענדער וועלט, אָדער ווי אזוי די גאָטהייט האָט זיך אליין אין זיך קאָנצענטרירט (צמצום), כדי צו בעשאַפען פון איהר אונענדליכקייט (אין—סוף) די ענדליכע וועלט. די דאָזיגע געדאַנקען האָבען איהם געפיהרט צו דערזעהען פאַר זיך אַנ'אונ־ענדליכע נעץ און געוועב פון כוחות און געגען־כוחות, ווירקונגען און געגען־ווירקונגען, פערוויקעלטע פאָרמען און פערשידענע מדרגות. ווי אזוי האָט זיך אָבער גאָט ענטפלעקט אין אלעם דעם, וועהרענד ער אליין, כביכול, האָט דאָך קיין שום ממשות'דיגע פאָרם נישט? דערויף האָט רבי יצחק לוריא זיך געענטפערט אזוי: איידער גאָט האָט די וועלט בעשאַפען, איז זיין ליכטיגקייט פול געווען אין דער גרויסער אונענדליכקייט; דער־נאָך האָט גאָט זיין ליכטיגקייט קאָנצענטרירט (צמצום) און ערשט דאַן האָבען זיך ענטדעקט זיינע כוחות אין די פיער ספערען־אַבזונדערונג, בעשעפונג, אויסבילדונג און איבערמאַכונג (אצילות, בריאה, יצירה ועשיה). די דאָזיגע ספערען בעקומען זייער השפעה פון גאָט.

און זיין אונענדליכער קאָנצענטראַציע דורך פערשידענע מדרגות.— כדי צו געפינען דעם ריכטיגען אויסדרוק פאר זיינע געדאנקען, האָט רבי יצחק לוריא געבראכט פערשידענע טערמינען, וועלכע ער האָט געפונען אין „זוהר", ווי למשל „אדם קדמאה" (דער ערשטער מענש), „אורות וניצוצית" (ליכטיגקייטען און פונקען), „דוכרא ונוקבא" (זכר און נקבה) א. ד. גל. אזעלכע טערמינען און פיעל נעבעלדיגערע זענען אבער געוועזן גאנץ אונפערשטענדליך פאר זיינע תלמידים, און רבי יצחק לוריא האָט דעריבער מיט רעכט זיך בעקלאָגט, אז קיינער קאָן נישט פערשטעהען ווי געהעריג איז זיין סיסטעם (שיטה) אין קבלה. אבער די דאָזיגע טעאָריע פון דער וועלט-שעפּונג איז פאר'ן מצרים'ער בעל-מקובל געווען נאָר א הקדמה צום פיעל וויכטיגערען טייל פון דער קבלה, צום פראַקטישען. די פראַקטישע קבלה (קבלה מעשיות) פון רבי יצחק לוריא איז געגרינדעט אויף א וואונדערליכער לעהרע וועגען דער נשמה,— א לעהרע, וועלכע שטאַמט אויך אין גרונד פונ'ם „זוהר".

אין די נשמות שפּיגלען זיך אָב די אונענדליכקייט און די ענדליכקייט. אלע נשמות, וועלכע האָבען געזאָלט אריינקומען אין די מענשען, וואָס האָבען געזאָלט בעזעצען די וועלט אין משך פון טויזענדער יאָהרען, זענען אריינגעגעבען געוואָרען אין אדם הראשון (אדם קדמאה), אבער יעדע נשמה איז, לויט איהר העכערער אָדער נידעריגערער מדרגה, געוועזן אריינגעגעבען אין פערשידענע טיילען פון אדמ'ס גוף, אין זיינע מעהר וויכטיגע אָדער ווייניגער וויכטיגע אברים און חלקים. עס זענען דאריבער פאַראַן נשמות פון מוח (בחינות דמוחין), פון די אויגען, אויערען, הענד און פיס. יעדע פון די דאָזיגע נשמות איז אנ'אויספלוס, אָדער א פונק (ניצוץ) פון אדם הראשון. דורך דער ערשטער זינד פון אדם הראשון איז געוואָרען א מיש-מאַש צווישען די העכערע און נידעריגערע נשמות, צווישען גוטס און שלעכטס. אפילו אויך די ריינסטע נשמות האָבען דאדורך בעקומען א ביי-מישונג פון שלעכטס, וועלכע האָט זיך אָן זיי אנגעקלעפּט, ווי א שמוץ-שאָלעכטס (קליפה). די אויסבעסערונג פון דער וועלט קאָן אבער פריהער נישט פּאָרקומען, ביז עס וועלען זיך אויסלייטערען די נשמות, עס וועט אָבגעמעקט ווערען אדם הראשונ'ס זינד און דאָס גוטס וועט אָבגעזונדערט ווערען פונ'ם שלעכטס. פונ'ם שלעכטען טייל פון די נשמות, וואָס זענען געווען אין אדם הראשון שטאַמען די געצענדינערישע פעלקער, פונ'ם בעסערען טייל—די אידען. אבער אויך אין די ערגערע נשמות געפינען זיך גוטע, הייליגע פונקען, ווי אויך אין די בעסערע נשמות געפינען זיך אונריינע חלקים; (קליפות אָדער טייוועלשקייט—דעמאָנען). און אָט דערין ליגט די סיבה פונ'ם שטענדיגען זינדיגען פונ'ם מענשען; די אונריינע חלקים פון דער נשמה (די קליפות) שטערען דעם מענשען אָבצוהיטען די תורה און איהרע געבאָטען. אין משיח'ס צייטען וועט דער דאָזיגער צושטאַנד בטל ווערען; די אונאָרדנונג, וואָס איז

אריינגעקומען אין דער וועלט פון די נשמות צוליעב אדמ'ס זינד, וועט אויסגעבעסערט ווערען, אין דער וועלט וועט זיך אָנהויבען א נייע אָר-דנונג, וואו עס וועט קיין שלעכטס גאָרנישט זיין, די גאנצע מענשליכ-קייט וועט זיין לויטער גוט און פרום—די וועלט וועט פערגעטליכט ווע-רען. דעריבער מוז פריהער פאָרקומען אַנ'אָבזונדערונג צווישען גוטס און שלעכטס. און דאָס קאָנען אויפטהוען נאָר די אידען, ווען אלע אידען ווע-לען, נעמליך, פון זיך אָראָבוואָרפען דאָס שלעכטע און אומריינע און זיי וועלען אלע ווערען ריין און גוט. אין קבלה-לשון הייסט עס: די היילינע פונקען וועלען אָבגעזונדערט ווערען פון דער פרעמדאַרטיגער אומריינקייט (העלאת הניצוצות הקדושות מן הקלפות). כדי דאָס זאָל קאָנען פאָרקו-מען מוזען די נשמות (קודם כל די אידישע) דורכמאַכען גרויסע וואַנדע-רונגען פון איין גוף אין אַנ'אַנדערען (גלגולים) פון מענשען אין חיות, פון חיות אין עופות, אפילו אויך אין טייכען, העלצער און שטיינער. די לעהרע וועגען גלגולים איז דער מיטעלפונקט פון לוריא'ס קבלה-סיסטעם. ער האָט זי אָבער נאָך ווייטער ענטוויקעלט. לויט זיין טעאָריע, מוזען אויך די נשמות פון די צדיקים דורכמאַכען געוויסע גלגולים, ווייל אויך צו זיי-ערע נשמות האָט זיך דאָך האָטש עטוואָס אומריינעס צוגעקלעבט (קליפות), און „קיין אמת'ער צדיק אויף דער וועלט איז גאָר נישטאָ", דאָס הייסט: אזעלכער, וואָס זיין נשמה זאָל ריין זיין פון אָט די קליפות. דערמיט האָט רבי יצחק לוריא געוואָלט פערענטפערען די גרויסע קשיות פון די עלטערע בעלי-מקובלים, וועלכע האָבען זיך געוואונדערט, ווי אזוי האָט עס געקאָנט מגולגל ווערען די נשמה פון שת, אדמ'ס זוהן, אין משה רבינו.

די אָבזונדערונג פון די גוטע און שלעכטע עלעמענטען אין די נשמות, די אבוואַשונג פון דער ערשטער זינד פון אדם הראשון און דאדורך דאָס אויפשטעלען א נייע בעסערע אָרדנונג אויף דער וועלט, וואָלט געפאָדערט אַנ'אונענדליכע צייט פון טויזענדער, טויזענדער יאָהרען, ווייל דער מענש ווערט דאָך דורך זיין נאַטור שטענדיג געדרייצט צום זינדיגען. עס זענען אָבער פאַרהאַן מיטלען, ווי אזוי צו פערקירצען דעם דאָזיגען גרויסען פּראָצעס, און דאָס איז שוין אַנ'אייגענע ערפינדונג פון רבי יצחק לוריא. אויסער די גלגולים פון די זינדיגע, אָדער מיט קליפות פעראיינינגטע נשמות, איז פאַרהאַן נאָך אַנ'אַנדער מין „תיקון" פאר די נשמות דורך א ד ב ו ק מיט לעבעדיגע מענשען. אויב, למשל, די נשמה פון א צדיק האָט נישט בעוויזען ביי'ם לעבען אויפצוטהון א געוויסע מצוה, אָדער זי האָט נישט געהאַט קיין געלעגענהייט דערצו, מוז זי זיך צוריק אַרונטערלאָזען אויף ד ע ר—וועלט און פ ע ר א י י נ י ג ע ן זיך מיט דער נשמה פון א לע-בעדיגען מענשען, כדי צו קאָנען איצט ערפילען די נישט אויפגעטוענע מעשים טובים, לעבעדיג צוזאמען מיט דער צווייטער נשמה אין איין ניי-עם גוף. אזא מין גלגול מאַכען דורך אויך די נשמות פון אפילו גאָר גרוי-

סע צדיקים, וועלכע האָבען אָפט דאָס ציעל מתקן צו זיין נישט זיך, נאָר אַנ'אנדער נשמה. אויב, למשל, א ריינע נשמה איז צו שוואך צו האַלטען זיך געגען די גרויסע תאוות פונ'ם גוף, אָדער זי האָט צו ווייניג ענערגיע צו דערוועקען איהם צו גוטס, קומט איהר אַראָב צו הילף א נשמה פון א גרויסען צדיק, וואָס פעראייניגט זיך מיט איהר און שטיצט איהר ביט איהר קראַפט און ענערגיע, כדי צו פיהרען איהר צו מעשים טובים. די דאָזיגע ריינע, קלאָרע נשמות וואקסען זיך צוזאַמען מיט די נשמות, וואָס קעמפפען מיט זייער אייגענער שוואכקייט, און ווערען מיט זיי אין גאנצען איין נפש; אזא פאַל איז מעגליך נאָר דאַן, ווען ביידע נשמות האָבען נאָך אין אָנפאַנג געהאַט צווישען זיך א קרובות'שאַפט, דאָס הייסט: אויב זיי שטאַמען פון איין אבר, פון איין מקור אין אדם הראשונס גוף, ווייל בכלל עקזיסטירט עס צווישען נשמות פון איין מקור (האָמאָגענע) אַנ'אַנציהונגס-קראַפט, וועהרענד צווישען די נשמות פון פערשידענע קוועלען (העטעראָגענע אָדער די וואָס שטאַמען פון פערשיעדענע אברים אין אדם הראשון) הערשט עס אַנ'אָבשטויסונגס-קראַפט. לויט דער דאָזיגער טהעאָריע האָט דער גלות פון פאָלק ישראל א הויכען ציעל: דאַדורך ווערען אויסגעלייזט און בעגייעט די אומריינע נשמות. די געלייטערטע נשמות פון די פרומע אידען דאַרפען זיך אין גלות צווישען די פעלקער פעראייניגען מיט די נשמות פון די אומות העולם, צוציהען זיי צו זיך, כדי צו בעפרייען זיי פון די קליפות און דערהויבען זיי, כדי מתקן צו זיין די וועלט פון איהר אומריינקייט און איהר אונאָרדנונג, וועלכע שטאַמט נאָך פונ'ם ערשטען חטא פון אדם הראשון. און אָט דערפאַר זאָגט די גמרא, אז גאָט האָט א וואוילטאַט געטהון מיט'ן פאָלק ישראל, וואָס ער האָט איהם פערשפּרייט צווישען די אומות (צדקה עשה הקדוש ברוך הוא וכו'), ווייל ער האָט זיי דאַדורך בעשטימט צו א הויכען ציעל, מתקן צו זיין די וועלט.

רבי יצחק לוריא, אָדער ווי מען רופט איהם געוועהנליך: דער אריז"ל, האָט צוזאַמענגעשטעלט א גאַנצען סיסטעם פון גלגולים און נשמות-פעראייניגונגען. וויכטיג איז פאַר איהם אויך געווען דער מין (דאָס געשלעכט) פון די נשמות צו קענען, ווייל עס זענען פאַרהאַן הייבליכע נשמות אין מאַנסבילישע גופים און פערקעהרט, מאַנסבילשע נשמות אין פרויען. בעזונדערס איז דאָס וויכטיג צו וויסען בשעת'ן שליסען שידוכים, די נשמות פון חתן-כלה שטאַמען פון איין מקור און זענען פון איין מדרגה, אָדער נישט; אין ערשטען פאַל וועלען זיי האַרמאָנירען, און די קינדער, וואָס זיי וועלען געבוירען, וועלען זיין צדיקים און גאַנצע מענשען; אין צווייטען פאַל דאַגעגען וועט צווישען זיי הערשען תמיד מחלוקת, און זייערע קינדער וועלען שוין קיין צדיקים נישט קאָנען זיין, דען זיי וועלען האָבען צובראָכענע נשמות. זייענדיג גוט בעקענט מיט די דאָזיגע סודות, האָט דער אריז"ל ערקלערט, אז ער קאָן מתקן זיין די גאַנצע וועלט, דען ער קאָן דורך השבעות (בע-

שווערונגען) צווינגען די הויכע נשמות, אז זיי זאָלען אַרונטערקומען אויף דער וועלט און פעראייניגען זיך מיט די אומריינע נשמות, כדי זיי מתקן צו זיין און בעפרייען זיי פון זייערע אומריינע קליפות; ער קאָן זיי אויך צווינגען, אז זיי זאָלען איהם ענטדעקען הויכע סודות פון די הימלישע וועלטען (פון די עולמות העליונים) דערמיט האָט ער געגלויבט צו האָבען אין זיין רשות דעם שליסעל צו משיח'ס מלכות אויף דער וועלט און צו קאָנען ברענגען אויף דער וועלט א נייע, העכערע און שענערע אָרדנונג. וועגען זיך אליין האָט ער געגלויבט, אז אין איהם לעבט די נשמה פון משיח בן יוסף און ער האָט דאריבער א משיחיש ציעל אויף דער וועלט. ער האָט ערקלערט, אז ער קאָן ביי איטליכען מענשען אויפ'ן פנים ערקענען, פון וואַנען עס שטאַמט זיין נשמה (פון וואָס פאר א שורש זי איז) און וויפיעל גלגולים זי האָט שוין דורכגעמאַכט און מוז נאָך דורכ-מאַכען, ווי אויך אויב עס זענען אין מענשען פאַרהאַן צוויי, אָדער אפילו דריי נשמות. איבעראל האָט דער אריז"ל געגלויבט צו זעהען נשמות און ער האָט געהערט זייער געשפּרעך אינ'ם רוישען פונ'ם וואסער אין די טייכען, אין דער בעוועגונג פון די בוימער און גראָזען, אינ'ם געזאַנג, אָדער קרעכצען פון די פויגלען, ווי אויך אינ'ם שעפּטשען, אָדער בושע-ווען פון די פלאַמען-פייער. ער האָט געזעהען, ווי די נשמות פליהען ארויס פון גוף באלד נאָך דער גסיסה, ווי זיי הויבען זיך אויף אין די לופטען, אָדער ווי זיי שטייגען ארויף פון די קברים פון די מתים. בעזונדערס אָפט פלעגט ער קומען אין נאָהנטע בעציהונגען מיט די גרויסע נשמות פון די אבות, פון די נביאים און מלכים, ווי אויך פון די תנאים און אמוראים, אָדער אַנדערע צדיקים און גאונים, בפרט אָבער מיט דער נשמה פון רבי שמעון בן יוחאי, וועלכער פלעגט איהם ערקלערען דעם „זוהר"; מיט איין וואָרט: דער אריז"ל איז געווען א זעהער פון נשמות און איז גע-שטאַנען אין פערבינדונג מיט די עולמות העליונים, א שטייגער, ווי פרי-הער רבי אברהם אבולאפיא און שפּעטער, רבי שלמה מולכו, און ער האָט געשטרעבט צו דערוועקען די האָפנונגען אין משיח'ן, אדער אליין איהם אראָבצוברענגען. ביי אלעם דעם האָט ער אָבער געהאַט א קלאָרען קאָפּ און נישט פערלאָזען אויך די תלמודישע פּלפּול-מעטאָדע, וועלכע ער האָט אריינגעבראַכט אין דער קבלה.

כדי צו קאָנען בעסער דורכפיהרען די גאולה און אראָבברענגען משיח'ן, איז ער אריבערגעפאָהרען מיט ווייב און קינד קיין צפת, וואו די קבלה איז געשטאַנען דאמאָלס אין איהר העכסטער ענטוויקלונג און וואו מען פלעגט זי דאמאָלס אויך אזוי פערגעטערן, ווי משה רבינום תורה כמעט דער גאנצער בית-דין און לומדים זענען אין צפת געווען בעלי-מקובלים, און די איינוואוינער זענען אין צפת אויך געווען בלויז אידען. דאָס הייליגע לאַנד און די ריין-אידישע סביבה איז אלזאָ געווען זעהר גינסטיג פאר די בעלי-מקובלים, בעזונדערס, פאר דער בעשעפטיגונג מיט „פראַקטישער קבלה"

(קבלה מעשית). אונטער דער בעשיצונג פונ'ם אידישען הערצאָג דאָן יוסף פון נאקסאָס האָבען זיי זיך געשפירט, ווי אין א פרייער. זעלבסטשטענדיגער אידישער מלוכה, וואו זיי זענען געווען די פאָלקאָמע בעלי־בתים, געזעצגעבער און הערשער.

ווען דער אריז"ל איז געקומען קיין צפת האָט ער דאָרט געפונען, ווי געזאָגט, זעהר פיעל מקובלים. די וויכטיגסטע צווישען זיי זענען געווען רבי יוסף קארו, רבי שלמה אלקבץ, רבי משה קורדובירו (געבוירען 1522 געשט. 1570), רבי משה אלשיך רבי אליהו די ווידאַש (דער מחבר פון ספר „ראשית הכמה"), רבי אלישע גאליקו, רבי משה באַסולה און נאָך פיעל אינגערע. די דאָזיגע עלטערע מקובלים האָבען אין דער ערשטער צייט נאָך דעם אראָבקומען פון אריז"ל קיין צפת איהם כמעט גאָרנישט בעמערקט, דען ער איז געווען נאָך גאָר יונג און פלעגט אויך ווייכען פון מענשען, ארומוואנדערנדיג מייסטענס אין פעלד אָדער צווישען קברים. ערשט ווען ער האָט זיך בעקענט און בעפריינדעט מיט א צווייטען, העכסט התלהבות'דיגער און פאנטאסטישער נייער פערזענליכקייט, איז ער געוואָרען א גרויסער מפורסם. די דאָזיגע פערזענליכקייט, וועלכע איז געוואָרען הבר און תלמיד פון אריז"ל, איז געווען רבי חיים וויטאל קאַלאַבריזע (געבוירען 1543 געשט. 1620), וואָס זיין פאָטער, רבי יוסף, איז אריבערגעוואנדערט פון איטאליען קיין ארץ־ישראל. רבי חיים וויטאל האָט נישט געהערט צו די גרויסע לומדים אין תלמוד; אין קבלה זענען זיינע רביים געווען רבי משה אלשיך און רבי משה קורדובירו; דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט זעהר א רייכע פאַנטאַזיע און א נטיה אויפצוטהון וואונדערליכע מעשים, וואָס זאָלען מרעיש עולם זיין. דריטהאַלבען יאָהר האָט ער זיך געהאַט בעשעפטיגט מיט דער אלכימיע און זיך בעמיהט צו מאַכען גאָלד; פון אָט דער וועלטליכער געהיימער וויסענשאפט האָט ער זיך צוגעווענדעט צו דער געהיימער וויסענשאפט פון די עולמות עליונים, ווי עס האָט זי געלערנט דער אריז"ל

דער אריז"ל האָט זיך בעגעגענט צום ערשטען מאָל מיט רבי חיים וויטאל ביי'ם ברעג ים כנרת, וואו זיי האָבען זיך צוזאַמען געלאָזט פאהרען שפאַצירען אין א שיפעל פארביי אנ'אַלטער שוהל. דאָרט האָט דער אריז"ל איבערגעגעבען זיין נייעם חבר און תלמיד די געהיימסטע סודות פון דער הכמת הקבלה, און פון דאמאָלס אָן האָט זיך די ליעבשאפט צווישען ביידע זעהר פערשטארקט. צוזאמען פלעגען זיי ארומגעהן אין מדבריות אָדער צווישען די קברים, וועלכע זענען געווען דער בעליעבסטער אָרט פון אריז"ל, ווייל דאָרט פלעגט ער זיך פעראייניגען מיט דער נשמה פון רבי שמעון בן יוחאי און הערען פון איהם די „סודות פון דער תורה". אפט פלעגט דער אריז"ל שיקען זיינע תלמידים צו מאַכען „השבעות", ד. ה. בעשווערען „רוחות", אָדער „דבוקים" און פערטרייבען זיי פון די מענשען, דערביי פלעגט ער זיי געבען הייליגע שמות, וועלכע ער פלעגט צו־

זאמענשטעלען אויף פערשידענע אופנים פון שם-המפורש.

רבי חיים וויטאל האט באלד פערשפרייט אין דער וועלט דעם קלאנג וועגען דער גדלות פונ'ם אריז"ל און זיין הייליגער געטליכקייט. פון זיין פעראיינזאמקייט און אבגעשלאסענקייט פון דער וועלט האט דער אריז"ל זיך פלוצלונג דערוועהען ארומגערינגעלט מיט זעהר פיעל תלמידים און פערעהרער. פאר די דאזיגע תלמידים האט דער אריז"ל מגלה געווען זיין געהיימע תורה, דערביי האט ער אויך איטליכען פון זיי ענטדעקט פון וואס פאר א טייל פון אדם הראשון עס שטאמט זיין נשמה, ווי אויך וועל-כע גלגולים זיי האבען שוין דורכגעמאכט און וואס פאר א אויפגאבען זיי האבען נאך אין זייער לעבען, אדער וואס זיי ברויכען מתקן צו זיין. פון זיינע נייע תלמידים האט דער אריז"ל געמאכט צוויי כתות: די שוין גע-לערנטע, און די וואס ברויכען ערשט צו לערנען. מיט די דאזיגע תלמידים פלעגט ער פיהרען געשפרעכען וועגען קבלה, מאכען השבעות, ארויסרו-פען רוחות און נשמות א. א. וו.

עס האט אויסגעוויזען, אז דער אריז"ל האלט ביי'ם גרינדען א נייע סעקטע ביי אידען. זיינע תלמידים האבען זיך געוואוינט אבגעזונדערט אין א חצר, וואו עס זענען געווען בעזונדערע וואוינונגען פאר די פרויען און קינדער. אום שבת פלעגט ער זיך אנטהון אין ווייסען, — די פארב פון ריינע, קלארע נשמות — און דערביי פלעגט ער טראגען פיער פאר קליידער, לויט דער צאהל פון די אותיות, וואס געפינען זיך אין שם-המפורש. היג-טער אלע זיינע מעשים און ענטפלעקונגען איז געשטאנען דער געדאנק, אז ער איז משיח בן-יוסף, וועלכער דארף, לויט דער אלטער הגדה, ערשיינען פאר משיח בן-דוד. פאר זיינע תלמידים האט ער דאס אבער נישט ארויסגעזאגט קלאר, נאר אין פערשידענע אנצוהערענישען (רמזים). ער האט נעמליך געגלויבט, אז משיח'ס צייט הויבט זיך אן מיט דער צווייטער העלפט פון צווייטען גאנץ טאג (גאנץ א טאג רעכענט זיך, לויט א פסוק פון תהלים, טויזענד יאהר), זינט דער בית-המקדש איז חרוב גע-ווארען (1568). אזוי, למשל, דערצעהלט מען, אז איינמאל איז דער אריז"ל, ווי זיין שטייגער איז געווען, ארויסגעגאנגען מיט זיינע תלמידים אויפ'ן פעלד הינטער צפת ערב שבת פארנאכט, כדי מקבל שבת צו זיין. דער אריז"ל איז געווען געקליידעט אין ווייסען, און די תלמידים אלע ארום איהם אין זעהר א געהויבענער שבת-שטימונג. מען האט אנגעהויבען צו זינגען די מזמורים פון תהלים אויף קבלת-שבת. פלוצלונג האט דער אריז"ל אויסגערופען: „איהר ווילט געהן באלד מיט מיר קיין ירושלים ענדיגען מקבל-שבת זיין און האלטען דארט שבת?" די תלמידים זענען נשתומם גע-ווארען, ווייל פון צפת קיין ירושלים איז ווייט א ווארסט פינף און צוואנ-ציג. דאס רוב תלמידים האבען אבער געגלויבט, אז דער אר"י האט די מעגליכקייט, צו מאכען מיט זיי די רייזע על פי נס, און געענטפערט: „מיר ווילען!" א טייל פון זיי האבען אבער געזאגט: „מיר ווילען פריהער געהען

און געבען צוויסען אונזערע ווייבער און קינדער", ווי נאר דער אר"י האט דערהערט אט דעם לעצטען ענטפער, איז ער פערציטערט געווארען און אויסגערופען פערברעכענדיג די הענד: „אה, וועה איז צו אונז! מיר זענען נישט זוכה געווען צו דער באלדיגער גאולה! אויב איהר וואלט אלע געענטפערט איינשטימיג: „מיר ווילען, פיהר אונז!"—וואלטען אלע אידען באלד אויסגעלייזט געווארען פון גלות, דען בשעת מיין גשמה האט זיך אין קבלת שבת דערהויבען צום הימעל, האב איך געזעהען, ווי משיח איז גרייט אריינצוקומען באלד אין ירושלים, נור צוליעב דעם, וואס ביי אייך האט פערפעהלט בטחון, האבען מיר פערלוירען אונזער האפנונג".— אין א צווייטער מעשה, וואס מען דערצעהלט פון איהם, זעהט מען ארויס נאך בולט'ער זיין אנצוהערעניש, אז ער איז משיח בן־יוסף: „איינמאל— דערצעהלט מען — איז ער געגאנגען מיט זיינע תלמידים תפילה טהון אויף די קברים פון די ערשטע תנאים שמעיה און אבטליון. בשעת דער תפילה האט ער געזאגט צו זיינע תלמידים: „די תנאים, וועלכע זענען דא בעהאלטען, האבען מיר ענטדעקט, אז איך זאל אייך אנזאגען, דאס איהר זאלט תפילה טהון, אז משיח בן־יוסף זאל נים שטארבען".— די תלמידים האבען נישט פערשטאנען תיכף, וואס ער מיינט דערמיט צו זאגען. א פאר טעג נאכדעם איז דער אריז"ל געשטארבען, און ערשט דאן האבען זיי פערשטאנען, אז ער האט עס גערעדט מיט זיי וועגען זיך אליין".

רבי יצחק לוריא איז געשטארבען נאך גאר אלס יונגערמאן, אין אכט און דרייסיגסטען יאהר פון זיין לעבען, און דאס אויך גאר אונערווארטעט, בשעת עס האט אויסגעבראכען א מגפה אין צפת (ה' מנחם אב ה' של"ב 1572). זיין טויט האט אבער איהם פערהייליגט נאך מעהר אין די אויגען פון זיינע תלמידים, ווי דאס קומט פאר בכלל תמיד מיט'ן טויט פון אזעלכע מיסטישע פערזענליכקייטען. מיט עכטע אריענטאליסטישע גוזמאות האבען זיינע תלמידים ערשט אנגעהויבען דערצעהלען וועגען איהם נסים ונפלאות און גערופען איהם „דעם הייליגען און געטליכען". די תלמידים האבען פערזיכערט, אז אויב ער וואלט געקאנט לעבען נאר נאך פינף יאהר, וואלט ער די וועלט אזוי מתקן געווען און אויסגעבעסערט, אז משיח'ס צייט וואלט זיך זיכער אנגעהויבען.

נאכ'ן אריזל'ס טויט איז ערשט ארויסגעטראטען, אלס הויפט־מנהיג פון זיין מקובלים־שול רבי חיים וויטאל. ער האט זיך באלד ערקלערט פאר א רבי פון אלע זיינע חברים, דערצעהלענדיג, אז דער אריז"ל האט איהם דערצו בעשטימט אין די לעצטע מינוטען פאר זיין טויט. ווי מען זאגט, האט ער דערביי אויך צוגענומען ביי זיינע חברים, לויט דער צואה פון אריז"ל, די געשריבענע תורות, וואס זיי האבען פון איהם געהאט. אויך רבי חיים וויטאל האט געגעבען וועגען זיך א גאנץ קלארע אנצוהערעניש, אז ער איז משיח בן יוסף. איניגע תלמידים אבער האבען דערפון נישט געהאלטען און אליין אנגעהויבען פערשפרייטען די תורה, וואס

זיי האבען געהערט פון אריז"ל, אין פערשידענע לענדער. איינער פון די דאזיגע תלמידים איז געווען רבי ישראל סרוק וועלכער איז געקומען פון ארץ ישראל קיין איטאליען און אמסטערדאם, צו פערשפרייטען דעם אריז"ל'ס קבלה.

זעהר גרוים איז געווען דער שאדען, וואס דעם אריז"ל'ס קבלה האט געבראכט דעם יודענטום, דען זי האט איהם בעצוינגען מיט אזא נעבעל, פון וועלכען ער האט זיך נאך עד היום נישט בעפרייט אינגאנצען. דורך איהם איז ענטשטאנען נעבען דעם תלמודיש־רבנישען יודענטום נאך א זוהר־קבלי'סטישער; דען ערשט דורכ'ן אריז"ל איז דער זוהר פערהייליגט געווארען און געשטעלט געווארען אויף איין חשיבות מיט'ן תנ"ך און דעם תלמוד, און א טייל בעלי־מקובלים האבען איהם נאך געשטעלט העכער און הייליגער פאר זיי. דורך זיין קבלה זענען פערהייליגט געווארען פיעל ענינים, וועלכע האבען, לויט'ן תלמוד, גארנישט קיין וויכטיגע בעדייטונג. א גרויסער טייל פון יודענטום האט בעקומען דעם כאראקטער פון רעליגיעזע מנהגים, און די צאהל פון די דינים איז אימה'דיג גרוים אויסגעוואקסען. די ערהאבענע אידעאלען פון דער תורה דאגעגען זענען געווארען בלויז א שפיל פון צוזאמענשטעלען אותיות און מאכען חשבונות פון די צאהלען, וואס די אותיות בעטרעפען (גמטריאות).

דעם אריז"ל'ס קבלה האט אפילו זעהר דערהויבען א וויכטיגען עיין — די תפלה מיט די כונה און טיפער פרומקייט, וועלכע איז אויף א געניג וואונדערליכען אופן פערנאכלעסיגט געווארען ביי אידען אין די לעצטע עטליכע הונדערט יאהר. אבער אויך אט די כונה איז, לויט זיין קבלה, נישט קיין ריין מענשליך פיהלען מיט'ן הארצען דעם איינפאכען זין פון דער תפלה, נור עטוואס גאר אנדערש: אונטער יעדען ווארט און יעדען אות פון דער תפלה דארף דער מתפלל האבען אין זינען אדער די „ספירות", אדער די צוזאמענשטעלונג פון די אותיות פון שם־המפורש אויף א געוויסען נייען אופן, ווי אויך טראכטען דערביי וועגען די הויכע, הימלישע וועלטען. — די קבלה פון אריז"ל האט אפילו אויך געלערנט, אז מען דארף זיך דערווייטערן פון עצבות, ס'הייסט, פון א טרויעריגער שטימונג, ווי אויך פון כעס און אונצופרידענהייט, נור מען דארף דינען גאט מיט שמחה. אבער אויך אט די שמחה האט וועניג שייכות צו דער נאטור, צו דער גאנצער געטליכער שאפונג, ווי מען בעמערקט עס, למשל, אין דער געהויבענער שטימונג אין פיעל מזמורים פון תהלים; דאס איז פיעל מעהר עטוואס אוננאטירליכעס, התפעלות און דבקות אין וועלטען, א ילוד אישה האט קיינמאל נישט געזעהען און וועט זיי קיינמאל נישט זעהען ביי א קלארען זינען. דער מיטעל־פונקט פונ'ם אריז"ל'ס קבלה איז דער שבת־קודש און די זמירות און תפלות פאר יעדער שבת'דיגער סעודה, וועלכע האבען א גרויסע ווירקונג אין די עולמות עליונים. דער שבת הויבט זיך אן מיט א געזאנג לכבוד דער מיסטישע שבת־כלה (שבת־מלכתא), און

דער אריז"ל האט אויף דער טעמא און צום דאזיגען צוועק געדיכטעט א היבש ביכעל ליעדער אין דער אראמישער שפראך, — ליעדער, וואס זענען כיל נעבעלהאפטיגע אויסדרוקען און פארמעלן. די קבלה פון אריז"ל האט אפילו איינגעפיהרט ביי אידען א צווייטען יום־כפור — הושענה רבה; דער זיבעטער טאג פון סכות א"ז, לויט'ן תלמוד, געווען אין בית־המקדש א גרויסער פרעהליכער יום־טוב, ווען מען פלעגט מאכען הקפות ארום מזבה, און מיט די ערבות (הושענות) פלעגט מען, לויט א מנהג פון די נביאים, קלאפען אויפ'ן וואסער אלס א סימן, אז מען בעט ביי גאט, דאס עס זאל זיין א יאהר, רייך אין רעגענס, וועלכע זענען אין ארץ ישראל העכסט נויטיג פאר די פעלדער, דען וואסער איז דארט פארהאן זעהר וועניג. רבנו יוסף קארו האט אפילו אין זיין שולחן ערוך אויך נישט דערמאהנט, אז דער זיבעטער טאג סכות, אדער „הושענה רבה" זאל זיין א יום־הדין, ווי מיר געפינען דאס בכלל נישט אין די פריהערדיגע ספרים.

דער אריז"ל אבער האט געמאכט אט דעם טאג פאר א יום־הדין און בעפוילען די גאנצע נאכט פאר דעם צו האלטען א מיסטישע וואך; אין די הקפות מיט דער „אגידה" (דער לולב מיט'ן אתרוג און די הדסים מיט די ערבות) ארום די ספרי־תורה האט ער צוגעגעבען א בעזונדערע מיסטישע היבע בעדייטונג. — אויך אין זיטליכער בעציהונג האט דעם אריז"ל'ס סיסטעם געווירקט אין די ערשטע צייטען פערדערבליך. זיין ערקלערונג, אז אין שידוכים קומט פאר א פעראייניגונג פון נשמות, וועלכע מוזען שטאמען פון איין מקור, ווייל אנדערש קאנען נישט געבוירען ווערען קיין צדיקים און כשר'ע נשמות, האט געבראכט דערצו, אז פיעל אנהענגער פון דער דאזיגער קבלה פלעגען ביים ערשטען סכסוך מיט דער פרוי זיך לאזען אב'גט'ן פון איהר, זעהענדיג אינ'ם סכסוך, לויט'ן אריז"ל, א סימן, אז די נשמות שטאמען נישט פון איין מקור. די צאהל פון די גטין זענען דאמאלס זעהר גרויס געווען. נישט זעלטען פלעגען בעלי־מקובלים פערלאזען זייער פרוי און קינדער אין די לענדער פון מערב־איירופא און אריבערציהען זיך אין די מזרח־לענדער, וואו זיי פלעגען א צווייטען מאל חתונה האבען, און די קינדער פון איין פאטער פון די פערשידענע חתונות האבען גאנץ אפט גאר נישט געוואוסט איינע פון די אנדערע.

אזוי ארום איז דער גרויסער גלאנץ, וואס עס האבען פערשפרייט אויפ'ן מזרח־יודענטום דער אידישער הערצאג דאן יוסף פון נאקסאס און אנדערע איינפלוסרייכע אידען, — אט דער גלאנץ איז, גענוי בעטראכט, געווען מעהר ענהליך צו די בלאנדזשענדע פייערלעך, וואס מען זעהט טיילמאל אויף א זומפ ערשיינען אין א פינסטערע נאכט. אין דער ווירקליכקייט איז די ליכטיגקייט פון דעם ריינעם יודענטום דאמאלס זעהר פערנעבעלט געווארען; דאס יודענטום האט געהאט געמאכט אנ'ערנסטען טריט צוריק און, וואס נאך ערגער איז, עס איז דאמאלס נישט געווען קיין איינציגער גרויסער איד, וואס זאל ווארנען כאטש מיט א שוואכער שטימע

פאר'ן אונגליקליכען נעבעליגען וועג, אויף וועלכען מען האט זיך געלאזט געהען, אנשטאט דעם פריהעריגען קלארען און ליכטיגען ווייטען האריזאנט. עס איז שווער צו זאגען, אז דאס זאל האבען געשטאמט פון דער רוהיגער און זיכערער לאגע, — אין וועלכער די אידען זענען דאמאלס געווען אין טערקיי אונטער דער מעכטיגער בעשיצונג פון זייערע אייגענע שרים, ווייל די נייע נעבעליגע און פאנטאסטישע שטימונג האט נישט אויפגעהערט אויך שפעטער, ווען די אידישע בעשיצער זענען ביסלעכוויז פערשוואונדען געווארען. — דער איינפלוס פון דאן יוסף פון נאקסאס האט נעמליך אויפגעהערט מיט'ן טויט פון סולטאן סעלים II (1574). דער סולטאן מוראד III, וואס האט געקעניגט נאך איהם (1574—1595) האט אפילו, לויט זיין פאטערס צוואה, איבערגעלאזען דעם אידישען הערצאג אויף זיין פריהערדיגער שטעלע; אבער קיין אונמיטעלבארען איינפלוס אויפ'ן טערקישען מלוכה-ראט (דיוואן) האט יוסף פון נאקסאס שוין מעהר נישט געהאט. ער איז פערשטויסען געווארען פון זיין גדולה דורך זיין געגנער, דעם גרויסוויזיר סאקאלי, און זיין קאנקורענט, רבי שלמה אשכנזי. אייב דאן יוסף האט נאך געקאנט עטוואס פועל זיין ביי דער טערקישער רעגירונג, איז עס געווען נישט אנדערש, ווי דורך אינטריגעס, אדער דורכ'ן סולטאנ'ס הארעם. זיין גדולה האט יוסף פון נאקסאס אויך נישט לאנג איבערגעלעבט (געשטארבען 2-טען אויגוסט 1579). זיין גרויסע עשירות איז צורונען געווארען, ווי זיינע גרויסארטיגע פלענער. דער קארגער סולטאן מוראד, וועלכער האט געשלאפען אויף אוצרות גאלד, מורא האבענדיג, אז מען זאל ביי איהם נישט צונעהמען, האט, לויט סאקאלי'ס עצה, קאנפיסקירט אויך יוסף'ס גרויסען פערמעגען, כדי, כלומרשט, צו קאנען דעקען זיינע גרויסע חובות. יוסף'ס אלמנה, די הערצאגין ריינה נשיא, האט בעקומען פון זיין גרויסער ירושה נישט מעהר, ווי איהר נדן, ניינציג טויזענד דוקאטען, ווי אויך זיין פאלאץ בעלוועדער. די דאזיגע ערהאבענע פרוי, וועלכע האט געירש'ענט פון איהר מוטער דאנא גראציא-חנה איהר שען אידיש הארץ, האט פערווענדעט פיעל געלד פון איהר פערמעגען פאר'ן פערשפרייטען די ידיעת-התורה ביי אידען. אין איהר גרויסען פאלאץ האט זי געגרינדעט א העברעאישע דרוקעריי, כדי צו פערגרעסערן די צאהל פון די אידישע ספרים. די פערוואלטונג פון דער דרוקעריי האט זיך אבער געפונען אין די שלעכטע הענד פון איינעם יוסף אשקלוני, וועלכער האט געדרוקט בלויז נישט וויכטיגע ספרים, אזעלכע, וואס עס וואלט גלייכער געווען, ווען מען וואלט זיי בעסער גאר נישט געהאט געדרוקט. צוליב די פיעל שס'ן, וואס מען האט אין יענער צייט געהאט פערברענט אין מערב-אייראפא, האבען פערפעהלט שס'ן ביי אידען, און די דרוקעריי פון ריינה נשיא האט זיך שוין געוואלט נעהמען צו אט דער ארבייט, אבער אויך דערפון איז גארנישט געווארען, און די דרוקעריי האט יונ'ם משך פון איהר עקזיסטענץ (1579—1598) נישט אויפגעטהון.

נאָכדעם ווי דער הערצאָג יוסף האָט אויפגעהערט צו שפּילען אַ וויכטיגע ראָלע אין עפענטליכען טערקישען מלוכה־לעבען, האָט אָנגעהויבען שטייגען די בעדייטונג פון אידישען מלוכה־מאַן און פּאָליטיקער שלמה אשכנזי, וועלכער האָט זיך אַזוי שטאַרק אויסגעצייכענט מיט׳ן שליסען שלום צווישען דער טערקיי און דער ווענעציאַנישער רעפּובליק. אָבער ווי שטאַרק עס איז געווען זיין בעדייטונג אַלס דיפּלאָמאַט און קינסטלערישער פערמיטלער, איז ער דאָך נישט געשטאַנען אויפ׳ן ערשטען פּלאַץ אינ׳ם מלוכה־לעבען ווי יוסף פון נאַקסאָס, נור זיין גאַנצע ווירקונג איז געווען הינטער די קוליסען. ער האָט געפיהרט זעהר געלונגען די אונ־טערהאַנדלונג צווישען שפּאַניען און טערקיי: ביידע צדדים האָבען געוואָלט אויפהאַלטען דעם שלום, אָבער ביידע זענען געווען צו שטאָלץ נאָכצוגע־בען איינער דעם אַנדערן; די אונטערהאַנדלונגען פלעגען זיך דעריבער אָפּט אָנהויבען, אָבער באַלד ווידער איבעררייסען. שלמה אשכנזי האָט אָבער דעם שלום טיילוויז פעסטגעשטעלט צווישען טערקיי און שפּאַניען. פאַר׳ן שלום מיט ווענעדיג האָט שלמה אשכנזי בעזונדערס אויפמערקזאַם גע־זאָרגט, און דערפאַר האָט איהם דער דאָזש פון ווענעדיג בעלוינט דערמיט וואָס ער האָט געלאָזט ערציהען רבי שלמה׳ס זוהן אויפ׳ן חשבון פון דער רעפּובליק.

אויך קלוגע אידישע פרויען מיט געוויסער קענטעניש אין דער מע־דיצין האָבען אונטער די סולטאַנען מוראד III, מחמד IV און אַחמעד I דערגרייכט צו אַ גרויסען איינפלוס דורכ׳ן האַרעם. אונטער די דאָזיגע פרויען האָט זיך אויסגעצייכענט בעזונדערס די פרוי אסתר קיערא, די אַלמנה פונ׳ם דאָקטאָר רבי אליה חענדאַלי. די דאָזיגע פרוי איז געווען בעזונדערס בעליעבט ביי דער געליעבטער פרוי פון סולטאַן מוראד, די סולטאַנין באַפּאַ, וועלכע האָט געפיהרט די פּאָליטיק אונטער איהר מאַן און שפּעטער אונטער איהר זוהן, דעם נייען סולטאַן, ווען אַ קריסטליכע מלוכה האָט געוואָלט עפּעס וואָס פועל זיין אין טערקיי, האָט זי געמוזט אָנקומען צו דער אידישער פערמיטלערין אסתר קיערא. בעזונדערס האָבען דאָס אויסגענוצט די ווענעציאַנער. אסתר קיערא האָט אויך געהאַט אַ גרויסע דעה צו זאָגען ביים אויסטיילען וויכטיגע מלוכה־שטעלעס. אַלע, וואָס האָבען נור געוואָלט בעקומען אַ הויכע שטעלע אין דער מלוכה האָ־בען דעריבער גע׳חנפ׳עט איהר. נאַטירליך, איז זי דאָדורך געוואָרען זעהר רייך, ווי דאָס פלעגט זיך בכלל פיהרען אין טערקיי מיט אַלע מענשען, וואָס האָבען נור זוכה געווען צו האָבען אַנ׳אַריינגאַנג אין די הויף־קרייזען. דערביי איז זי אָבער זעהר בעריהמט געוואָרען מיט איהרע גרויסע צדקות ביי אידען: זי פלעגט שטיצען אָרימע לייט און קראַנקע, געבען שפּייז פאַר הונגעריגע און טרייסטען טרויעריגע. אויך פאַר דער אידישער וויסענ־שאַפט האָט זי פיעל גוטס געטהון: אויף איהרע הוצאות האָט מען אָבגע־דרוקט רבי אברהם זכות׳א׳ס ספר „יוחסין“. נאַטירליך, האָט איהר

לאַגע דערוועקט גרויס קנאה און, ווען איינמאָל האָט זיך אסתר קיערא אַריינגעמישט אין אַ הויכען מלוכה-ענין, נעמליך, ווען מען האָט בעדאַרפט בעשטימען פאַר אַ פעלדהערן איינעם פון די גרויסע שרים און דורך איהר ווירקונג האָט מען די שטעלע פערגעבען נישט דעם, וועלכער איז פריהער געווען אויף איהר קאַנדידאַט, האָבען זיך דערהויבען די טערקישע ריטער (ספאהים) און אויסגע'הרג'ט איהר מיט אַלע איהרע הויזגעזינד אין רעכ-טען מיטען טאָג. אויסער איין קליינעם זוהן איהרען, וועלכען מען האָט אַריינגעבראַכט אין דער מחמדאַנישער רעליגיע.

אונטער דעם סולטאַן אחמעד I האָט דערגרייכט צו אַ הויכער שטעלע אין טערקיי די אלמנה פון שלמה אשכנזי. זי האָט געהאַט דאָס גליק אויסצוקורירען דעם יונגען סולטאַן פון דער פאָקען-קראַנקהייט, אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלען באַלד נאָך זיין אַרויפשטייגען אויפ'ן טראָהן, און די טערקישע דאָקטוירים האָבען קיין מיטעל נישט געוואוסט פאַר זיין מחלה. אוים דאַנק דערפאַר, האָט דער סולטאַן געגעבען גוטע רעקאָמענדאַציעס איהר זוהן, רבי נתן אשכנזי, צום דאָזש פון דער ווענעציאַנישער רעפובליק, און ער איז דאָרט אויפגענומען געוואָרען מיט דעם זעלבינגען כבוד, ווי פריהער זיין פאָטער, שלמה אשכנזי. אָבער די חסידים מצד דעם סולטאַן פאַר די אידען אין טערקיי זענען געוואָרען אַלץ זעלטענער און זעלטענער, און לסוף האָבען זיי גאָר אויפגעהערט, ווען די מלוכה איז אָבגעשוואַכט געוואָרען און די סולטאַנען האָבען זיך אַריינגע-לאָזען אין וועלטליכע פערגעניגען, איבערגעבענדיג די מלוכה-ענינים צו די הויכע שרים אין די הענד אריין. ווי אַ פלוצלונג אויפלייכטענדער שטערען איז געווען די אידישע לאַגע אין טערקיי. נאָך דער גרויסער גדולה האָט זיך אָנגעהויבען די נאָך גרעסערע שפלות. אָפטע אָנפאַלען, רויבערייען מצד די טערקישע קריגס-לייט, פערשידענע גוואַלד-טעטיגקייטען מצד די פאשאַ'ס אין די פראָווינצען, גרויסע אָבצאָהלונגען און שוחד, וועל-כע די שרים האָבען אָהן אויפהער פאַר זיך געפאָדערט — דאָס אַלץ איז געוואָרען אַ טעגליכע ערשיינונג, זינט די אידען האָבען מעהר נישט גע-האָט קיין אייגענע אידישע שרים אין סולטאַנ'ס הויף.

דער צענטער פון אידישען לעבען האָט זיך דאַמאָלס אַריבערגע-טראָגען אין אַנ'אַנדער מדינה, וואו עס האָט זיך ענטוויקעלט דער למוד-התורה, די גרויסע ישיבות, וואו מען האָט זיך פערטיפט אין לערנען תלמוד און פוסקים און וואו שפעטער האָט זיך ענטוויקעלט אויך די השכלה. דאָס איז געווען — פוילען. קאַפּיטראַנאַ'ס פערדערבליכע אויפ-טהועכצען געגען די אידען האָבען דאָרט נישט איבערגעלאָזען קיין טיפע שפורען, אין די אידישע געשיכטע האָט זיך דאָרט ענטוויקעלט אויף אַנ'אייגענאַרטיגען שטייגער.